בעזהשי"ת

ברסלב

גליון

# היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך

מוסדות "היכל הקודש" ברסלב וויליאמסבורג

שנת תשע"ג לפ"ק

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

ראש השנה, שנת תשע"ג לפ"ק — שנה 2, גליון 1 (49)


**זמנים לעירה"ק אומן**

הדלקת הנרות.................6:48
שקיעה..............................7:08
מוצש"ק..............................8:20

**שיעורים כסדרן**

בבלי...........................ברכות מ"ז
ירושלמי.......................כתובות כ"ב
תוספתא.......................סוטה פרק י'

## הַנְהָגוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ב'): "עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט וֶוען מֶען וַוארְפְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַרוֹיף אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיף אִים, אוּן דֶערְפַאר יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי גְלַייךְ וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִיז זֵייעֶר גוּט אַז מֶען זָאל אִיבֶּערְגֶעבְּן דֶעם טָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ גֶעבּ דִיר אִיבֶּער דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג פַאר דִיר, אַלֶעס וָואס אִיךְ אוּן מַיינֶע קִינְדֶער אוּן אַלֶע וָואס זֶענֶען תָּלוּי אִין מִיר, אַז אַלֶעס זָאל זַיין אַזוֹי וִוי דוּ ווִילְסְט"**, אוּן אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ שׁוֹין גָארְנִישְׁט זָארְגְן אוֹיבּ עֶס פִירְט זִיךְ יָא גוּט אָדֶער נִישְׁט, וַוייל אִיךְ הָאבּ עֶס דָאךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל מִיר פִירְן דֶעם טָאג אַנְדֶערְשׁ, ווִיל אִיךְ אוֹיךְ נָאר אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז פַאר עֶס קוּמְט אַ שַׁבָּת אָדֶער יוֹם טוֹב, גֶעבְּט מֶען עֶס אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ מֶער גָארְנִישְׁט זָארְגְן, צוּ אִיךְ הָאבּ יָא יוֹצֵא גֶעוֶוען וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אָדֶער נִישְׁט, וַוייל אִיךְ הָאבּ עֶס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ בִּין מַסְכִּים אַז עֶר זָאל עֶס פִירְן וִוי אַזוֹי עֶר ווִיל.

דֶערְפַאר יֶעצְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען מֶען הַאלְט בַּיים אָנְהוֹיבּ יָאר, קֶען מֶען אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי גַאנְצֶע יָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, **"בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ גֶעבּ דִיר אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע יָאר אַלֶע מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת, מַעֲשִׂים אוּן דִיבּוּרִים פוּן דֶעם גַאנְצְן יָאר זָאל זַיין נָאר אַזוֹי וִוי דוּ ווִילְסְט, אוּן הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נָאר טוּהן דַיין ווִילְן דֶעם גַאנְצְן יָאר, אוּן אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט טוּהן קַיין שׁוּם עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם"** אוּן אַזוֹי קֶען זִיךְ יֶעדֶער אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע רְצוֹנוֹת אוּן כִּיסוּפִים וָואס עֶר הָאט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקַייט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אַרוֹיס זַיינֶע רְצוֹנוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אַזוֹי וואוֹיל, עֶר פִירְט זִיךְ נָאכְנִישְׁט אוֹיף אִינְגַאנְצְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זָאגְט עֶר אָבֶּער כָאטְשׁ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר וָואלְט בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט זַיין, וָואס עֶר וָואלְט בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט טוּהן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סי' לא וסי' סו).

אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אַזוֹי טוּהן וֶועסְטוּ זִיכֶער זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"אשׁ

### ~ תְּקִיעַת שׁוֹפָר ~

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן וָואס עֶס אִיז דָא אִין הִימְל בִּשְׁעַת מֶען בְּלָאזְט שׁוֹפָר, וָואס דֶעמָאלְט'ס זֶענֶען אָפְן אַלֶע טוֹיעֶרְן פוּן הִימְל, אוּן מֶען קֶען דֶעמָאלְט'ס אוֹיס'פּוֹעֶל'ן אַלֶעס גוּט'ס בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶעהְן אוֹיסְצוּנִיצְן דִי עֶטְלִיכֶע מִינוּטְן, אוּן גֶעדֶענְקְן אַז אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת וָואס גֵייעֶן קוּמֶען אַ גַאנְץ יָאר וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי יֶעצְטִיגֶע מִינוּטְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, אוּן דֶעמָאלְט'ס וֶועט מֶען הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

***

אוֹיךְ אִיז דֶעמָאלְט'ס דִי צַייט זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּ זַיין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען הָאט שְׁלֶעכְט'ס גֶעטוּהן אַ גַאנְץ יָאר, רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל שְׁרַייבְּט אַז זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ"י הַקָ' פְלֶעגְט זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין צְוִוישְׁן דִי תְּקִיעוֹת, וַוייל דֶעמָאלְט'ס אִיז דֶער שָׂטָן צוּמִישְׁט אוּן עֶר קֶען נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין.

אַוַודַאי קֶענֶען מִיר זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואסֶערֶע עֲבֵירוֹת דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ הָאט זִיךְ גֶעדַארְפְט מִתְוַדֶּה זַיין, אָבֶּער פַאר אוּנְז דַארְף דָאס לֶערְנֶען אַז מִיר זָאלְן זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין אוֹיף אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת צְוִוישְׁן דִי תְּקִיעוֹת, אוּן דֶעמָאלְט'ס וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז זִיכֶער מוֹחֵל זַיין אוֹיף וָואס מִיר הָאבְּן שְׁלֶעכְט'ס גֶעטוּהן אוּן מִיר וֶועלְן הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

***

אוֹיסֶער דֶעם הָאט דֶער שׁוֹפָר בְּלָאזְן אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע זַאךְ אַז עֶס אִיז אַ עִנְיָן וָואס מֶען שְׁרַייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין וֶוערְטֶער, וָואס דָאס הָאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע כֹּחַ צוּ צוּבְּרֶעכְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ה') אַז נָאכְדֶעם וָואס עֶס אִיז שׁוֹין אַרוֹיס גֶעקוּמֶען דִי גְזַר דִין, קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט מִתְפַּלֵּל זַיין

המשך בדף ב

# הַנְהָגוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה

און אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

(הַנְהָגוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַף ט')

***

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"א): "אִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען הָאבְּן דֶעם קָאפּ אוֹיפְ'ן פְלַאץ צוּ טְרַאכְטְן נָאר גוּט'ס, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז זִיכֶער נָאר גוּט'ס טוּהן מִיט אוּנְז, און אָנְשְׁרַייבְּן אַ גוּטֶע יָאר".

דָאס אִיז וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"א) אַז אַלֶעם וֶוענְדְט זִיךְ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט, וִוי דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט דָארְט אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, דֶערְפַאר וואויל אִיז דֶער וָואס הָאט שֵׂכֶל און **עֶר טְרַאכְט נָאר גוּט'ס אַ גַאנְץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "עֶס וֶועט זִיכֶער קוּמֶען דִי יָאר אַ גוּטֶע פֵיינֶע יָאר" "דָאס יָאר וֶועל אִיךְ מִיר פִירְן עֶרְלִיךְ" "דָאס יָאר וֶועל אִיךְ הָאבְּן גֶעלְט" "דָאס יָאר וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה" "דָאס יָאר וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן מַיינֶע קִינְדֶער" א.א.וו.** אַז אַ מֶענְטְשׁ וֶועט אַזוֹי טוּהן וֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

(הַנְהָגוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַף י"ב)

***

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"א): "אִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען זֶעהן צוּ רֶעדְן וִוי ווייניגער", דֶערְפַאר פִירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ נִישְׁט צוּ רֶעדְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אִיבְּרִיגֶע זַאכְן.

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ק"ג) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ פְּסַקְ'נְט אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְ'ס אַלֶע גְזֵירוֹת, **מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַ צְווייטְן: "וָואס הָאלְטְסְטוּ קוּמְט זִיךְ פַאר יֶענֶעם וָואס הָאט גֶעטוּהן דָאס און דָאס?" און דֶער מֶענְטְשׁ עֶנְטְפֶערְט: "פַאר אַזַא זַאךְ קוּמְט אִים אַ גְרוֹיסֶע עוֹנֶשׁ!" און עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז יֶעצְט הָאט עֶר גֶע'פְּסַקְ'נְט אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְ'ס.**

דֶערְפַאר סְפֶּעצִיעֶל אִין דֶעם טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס דֶעמָאלְט'ס זֶענֶען אָפְן דִי סִפְרֵי חַיִּים וְסִפְרֵי מֵתִים, מֶען אִיז דַן יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס עֶס וֶועט פַּאסִירְן מִיט אִים דֶעם גַאנְצְן יָאר, דַארְף מֶען זִיכֶער זַיין גֶעוָואֶרֶענְט, נִישְׁט צוּ רֶעדְן צוּ אַסַאךְ, וַוייל מֶען קֶען חַס וְשָׁלוֹם פְּסַקְ'נֶען פַאר זִיךְ אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזַר דִין.

וואויל אִיז דֶעם וָואס הִיט זַיין מוֹיל רֹאשׁ הַשָּׁנָה און רֶעדְט נִישְׁט וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט, וֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ און גֶעשְׁמַאקֶע יָאר.

(הַנְהָגוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַף י"ד)

***

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"א): "אִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, און אוֹיךְ דַארְף מֶען וויינֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה".

בֶּאֱמֶת גֵייט דִי בֵּיידֶע זַאכְן אִינְאֵיינֶעם, פוּן אֵיין זַייט בִּין אִיךְ זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קֶענֶען קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן וָואס אִיז מִיר מְחַזֵּק און שְׁטַארְקְט מִיר צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דָאס מַאכְט מִיר וויינֶען און חֲרָטָה הָאבְּן פַארְוָואס בִּיז יֶעצְט בִּין אִיךְ נִישְׁט גֶעוֶוען וואויל.

וואויל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, און וויינֶען פַאר שִׂמְחָה אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, וֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן אַ פֵיינֶע גוּטֶע יָאר.

(הַנְהָגוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַף ט"ו)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

גֶעהֶערִיג, נָאר מֶען דַארְף פַארְשְׁטֶעלְן דִי תְּפִלָּה אַזוֹי וִוי מֶען דֶערְצֵיילְט נָאר אַ מַעֲשֶׂה, אַז דִי מְקַטְרִיגִים זָאלְן עֶס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, און נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין.

און דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן "שׁוֹפָר-בְּלָאזְן", וָואס דָאס אִיז אַ תְּפִלָּה אָן ווערְטֶער, מֶען שְׁרַייט נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אוֹיף דֶעם קֶען דֶער שָׂטָן נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין, ווייל עֶר פַארְשְׁטֵייט עֶס בִּכְלַל נִישְׁט, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי פּוֹסְקִים (טוּר או"ח סִימָן תקפ"ה) "אֵין שָׂ'טָן וְ'אֵין פֶּ'גַע רָ'ע" אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "שׁוֹפָ"ר", וֶוען מֶען בְּלָאזְט שׁוֹפָר, קֶען דֶער שָׂטָן גָארְנִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין, ווייל נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְשְׁטֵייט דִי קוֹל פוּן דִי תְּקִיעוֹת, און עֶר טוּט מִיט דֶעם וָואס עֶר טוּט.

דֶערְפַאר אִיז יֶעצְט בַּיי דִי תְּקִיעוֹת דִי בֶּעסְטֶע צַייט, זִיךְ צוּ מִיטְכַאפְּן מִיט דִי קוֹלוֹת פוּנֶעם שׁוֹפָר, און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, און דִי תְּפִלּוֹת וֶועלְן אַרוֹיף גֵיין אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי קוֹלוֹת פוּן דִי שׁוֹפָר, און אוֹיס'פוֹעֶלְן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ תְּקִיעוֹת שׁוֹפָר)

### דַאנְקֶען גָאט אַז נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה קוּמְט יוֹם כִּיפּוּר...

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט גֶעזָאגְט, דַאנְקֶען גָאט אַז נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה קוּמְט יוֹם כִּיפּוּר, וָוארוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה זֶענֶען אַלֶע גֶעפָארְן אוֹיף אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און עֶס אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ פְּרוֹיעֶן וָואס זֶענֶען בְּרוֹגֶז גֶעוָוארְן אוֹיף זֵייעֶרֶע מֶענֶער פַארְוָואס זֵיי זֶענֶען אַוֶועגְגֶעפָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אָן זֵייעֶר רְשׁוּת וְכוּ', און זֵיי הָאבְּן גֶעבְּלָאזְן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט דִי מֶענֶער כְּדַרְכָּם וִוי זֵייעֶר שְׁטֵייגֶער אִיז וְכוּ', אָבֶּער אַז עֶס קוּמְט עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר בֶּעט זִיךְ יֶעדֶער אֵיינֶער אִיבֶּער וְכוּ', וָוארוּם עֶס קוּמְט אַזַא הֵיילִיגְן טָאג וָואס מִיר בֶּעטְן מְחִילָה סְלִיחָה כַּפָּרָה פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פַארְשְׁטֵייט דִי גֶעטְרֵייעֶ ווייבּ אַז מֶען דַארְף אוֹיכֶעט מוֹחֵל זַיין פַארְן מַאן, עֶר הָאט דָאס נִישְׁט גֶעטוּהְן צוּ לְהַכְעִיס, עֶר הָאט עֶס גֶעטוּהְן נָאר אוֹיף אוֹיסְצוּפוֹעֶל'ן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר מֶען זָאל אָפְּגֶעהִיטְן וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס מֶען זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֵיוַוח און גֶעזוּנְט מִיט נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ', אִיךְ הָאף אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס צוּ טוּהְן.

(אֲשֶׁר בְּנַחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ג' מִכְתָּב ש"ו)

## זמני התפלות

### שב"ק פרשת נצבים

מנחה וערבית ערש"ק.........................6:52
שחרית...........................................8:00
מנחה...............................................7:00

### ערב ראש השנה

סליחות ליל זכור ברית........................12:30
שחרית ערב ראש השנה.......................8:00
**פדיון נפש לאחר תפילת שחרית**

### ראש השנה

מנחה ערב ר"ה...................................6:48
שחרית ב' ימי ר"ה...............................8:00
מנחה ב' ימי ר"ה.................................6:00
**מעריב מוצאי יו"ט לאחר הדרשה**

## זמני הדרשות
## של כ"ק מוהרא"ש שליט"א

**טיש ליל שב"ק..........................10:30**
**יום א' דראש השנה**..............לאחר תשליך
**יום ב' דראש השנה**..............לאחר מנחה

## דִּינָא קַשְׁיָא – וְדִינָא רַפְיָא...

עֶס שְׁטֵייט אִין כִּתְבֵי הָאֲרִיז"ל אַז דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז "דִּינָא קַשְׁיָא" - שְׁטְרֶענְגֶע דִינִים, אוּן דִי צְוֵייטֶע טָאג אִיז שׁוֹין "דִּינָא רַפְיָא" - גְרִינְגֶערֶע דִינִים.

אַוַדַאי לִיגְט אִין דֶעם גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת, אָבֶער מֶען קֶען עֶס אוֹיךְ מַסְבִּיר זַיין בְּפַשְׁטוּת, אוּן אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם אַ חִיזּוּק פַאר אוּנְז, וּבִפְרַט פַאר אוּנְז וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'נְס צִיּוּן.

דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען נָאךְ צוּמִישְׁט פוּן דִי נְסִיעָה וָואס מֶען אִיז גֶעפָארְן אוּן פוּן דִי אַלֶע מְנִיעוֹת וָואס מֶען אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ קֶענֶען אָנְקוּמֶען אוֹיף אוּמַן, אוּן דֶערְפַאר אִיז אַסַאךְ מָאל נָאךְ שְׁוֶוער זִיךְ צוּזַאם צוּ נֶעמֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג, צוּ קֶענֶען גֶעהֶערִיג דַאוֶוענֶען, אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים צִיּוּן, אוּן דֶערְפַאר אִיז דָאס "דִּינָא קַשְׁיָא".

אָבֶער דִי צְוֵייטֶע טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה, קוּמְט מֶען שׁוֹין אַבִּיסֶל צוּ זִיךְ, אוּן מֶען קֶען זִיךְ שׁוֹין אַבִּיסְל אִיבֶּערְטְרַאכְטְן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע זְכִי' וָואס מֶען הָאט אַז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּקוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם רֶבִּי'ן,

אוּן דֶערְפַאר אִיז שׁוֹין דֶעמָאלְט'ס "דִּינָא רַפְיָא", מֶען אִיז שׁוֹין רוּהִיגֶער אוּן מֶען קֶען זִיךְ שׁוֹין צוּזַאם נֶעמֶען אוּן אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיים דַאוֶוענֶען אוּן בַּיים צִיּוּן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אַ שָׁנָה טוֹבָה וּמְתוּקָה.

(תּוֹךְ הַנַּחַל, רֹאשׁ הַשָּׁנָה תשע"א)

# אַשֶׁר בַּנַּחַל

~~~

## יֶעדֶער זָאל דַאוֶוענֶען וואו עֶס גְלִיסְט אִים...

וִויסְן זָאלְסְטוּ וִויסְן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה פָּארְט מֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וִוי עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אִין אוּמַאן, אָבֶער מֶען טָאר נִישְׁט מַאכְן קַיין עִיקָּר פוּן דֶעם אָדֶער פוּן יֶענֶעם וְכוּ', עֶס אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם דָא אַסַאךְ עֶרְלֵיי מִנְיָנִים, יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל גֵיין דַאוֶוענֶען וואו עֶס גְלִיסְט אִים, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט זָאגְן אַז זַיין מִנְיָן אִיז הֶעכֶער וִוי דֶער צְוֵוייטֶער וְכוּ', סְ'אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וְכוּ', מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן מֶען דַארְף אוֹיסְנִיצְן דָארְטְן דִי הֵיילִיגֶע צַייט, אוּן זִיצְן אַסַאךְ בַּיים צִיּוּן, אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר וְכוּ', אוּן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן, נִישְׁט מַאכְן קַיין עִיקָּר פוּן דֶעם גְרוּפֶּע וְכוּ' אָדֶער פוּן יֶענֶע גְרוּפֶּע וְכוּ', וָואס דָאס אַלֶעס נֶעמְט זִיךְ פוּן מוֹחִין דְקַטְנוּת, אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ מֹחַ וִוי אַ קְלֵיין נִיסֶעלֶע וְכוּ' דֶער רֶעדְט אַזוֹי, בַּיי אוּנְז אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ וְכוּ', מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן מֶען דַארְף זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען, אוּן נִישְׁט בַּייסְן זִיךְ אוּן קְרִיגְן זִיךְ אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן.

אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען מַאכְן אַ גֶעוַואלְדִיגֶער הִתְעוֹרְרוּת אַז אַ יֶעדֶער זָאל קֶענֶען פָּארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, נִישְׁט קַיין חִילּוּק וָואסֶערֶע חָסִיד עֶר אִיז, אוּן פוּן וואו עֶר בַּאלַאנְגְט וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַ נְשָׁמָה כְּלָלִיּוֹת, אוּן עֶר אִיז שַׁיָּיךְ פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) דָאס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ שֵׂכֶל פְּרָטִי, אוּן דֶער צַדִּיק הָאֱמֶת אִיז אַ שֵׂכֶל כְּלָלִי, אוּן אַלֶע שִׂכְלִיּוֹת פְּרָטִיִּים דַארְפְן זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם שֵׂכֶל הַכּוֹלֵל, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, בְּסוֹד (מִשְׁלֵי י"ג) "אוֹר צַדִּיקִים יִשְׂמַח", וֶוען אַלֶע נְפָשׁוֹת קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם בַּיים צַדִּיק, דֶעמָאלְט וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, אַז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קֶען מְזַכֶּה זַיין נָאךְ אִידְן זָאלְן קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס מִיט דֶעם אַיילְט עֶר צוּ דִי גְאוּלָּה.

(אַשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ג' מִכְתָּב שכ"ט)

\*\*\*

## אַזוֹי וִוי מֶען קוּמְט אִין אַ שְׁפִּיטָאל...

מֶען דַארְף וִויסְן אֵיין זַאךְ, רֹאשׁ הַשָּׁנָה קוּמֶען צוּזַאם צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְטֶער אִידְן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, פוּן גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פוּן גַאנְץ יוּרָאפּ פוּן גַאנְץ אַמֶערִיקֶע, פוּן גַאנְץ זִיד אַמֶערִיקֶע, פוּן סַאוּט אַפְרִיקֶע, פוּן אוֹיסְטְרַאלְיֶע, פוּן דֶעם גַאנְצְן כַּדּוּר הָעוֹלָם קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אִידְן, יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיין אַנְדֶערְן לְבוּשׁ, מִיט זַיין אַנְדֶערְן קוּלְטוּר, מִיט זַיין אַנְדֶערֶע אוֹיסְזֶעהְן, אוּן מֶען דַארְף וִויסְן אַז אַלֶע קוּמֶען דָא זוֹכְן אַ תִּיקּוּן.

אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען נִישְׁט שְׁפֶּעטְן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, אוֹיכֶעט דַארְף מֶען וִויסְן אַז מֶען קוּמְט נָאר צוּם רֶבִּי'ן, סְ'אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז מֶען זָאל גֵיין דַאוֶוענֶען אִין אַ בַּאשְׁטִימְטְן פְּלַאץ, מֶען קוּמְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, סְ'אִיז דָא מִנְיָנִים פוּן אַלֶע חֲסִידוּתֶ'ער פוּן אַלֶע עֵדָה'ס דָאס הָאט נִישְׁט צוּטוּהְן מִיטְן תִּיקּוּן, דֶער תִּיקּוּן אִיז צוּ זַיין אִין אוּמַאן אִין דִי ד' אַמּוֹת בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן דָארְטְן בֶּעטְן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ וָואס מֶען דַארְף, אַז בִּזְכוּת דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער סְ'וֶועט קוּמֶען צוּ אִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶועט עֶר אִים מְתַקֵּן זַיין מִיט אַזַא תִּיקּוּן וָואס סְ'אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען, אִיךְ מֵיין אַז וֶוער עֶס הֶערְט דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִיז שׁוֹין בַּיי אִים נִישְׁט קַיין שׁוּם נִסָּיוֹן, זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין שׁוּם מוֹנֵעַ אוּן מְעַכֵּב, אוּן זָאלְסְט אוֹיךְ בְּרֶענְגְן מִיט דִיר חֲבֵרִים, אוּן זָאלְסְט מְפַרְסֵם זַיין דֶעם עִנְיָן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ נְקוּדָה, אַזוֹי וִוי עֶס קוּמֶען אַלֶע עֶרְלֵיי מֶענְטְשְׁן דַארְף מֶען וִויסְן אַז אַ יֶעדֶער קוּמְט אוֹיף זַיין תִּיקּוּן, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן אַן אַנְדֶערְן, אַזוֹי וִוי מֶען קוּמְט אִין אַ שְׁפִּיטָאל, אַ מֶענְטְשׁ הָאט צוּטוּהְן מִיט דִי נִירְן, אָפְּגֶעהִיטְן זָאל מֶען וֶוערְן, אוּן דֶער דָאקְטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט דוּ זָאלְסְט זַיין אִין שְׁפִּיטָאל אוּן אִיךְ וֶועל דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי שְׁטֵיינֶער פוּן דִי נִירְן, עֶר קוּמְט אִין שְׁפִּיטָאל, זֶעהְט עֶר, דֶער אִיז בַּאנְדֶעזְשִׁירְט דִי קָאפּ דֶער אִיז בַּאנְדֶערְזְשִׁירְט דִי אוֹיגְן, דֶער אִיז בַּאנְדֶערְזְשִׁירְט דִי הַאנְט, דֶער אִיז דִי פִּיס, דֶער הָאט אִינְטֶערְוִוינֶעס אִין דִי הַאנְט, דֶעם גֶעבְּט מֶען בְּלוּט טְרֶענְסְפְּיָאזְשֶׁען, טְרַאכְט עֶר וָואס הָאבּ אִיךְ דָא צוּ זוּכְן? אִיךְ הָאבּ דָא נִישְׁט וָואס אַרַיינְצוּקוּמֶען, גֶעבּ אַ קוּק וָואס דָא זֶעהְט זִיךְ אוֹיס, חַס וְשָׁלוֹם אַ

המשך בדף ד
~~~

# ~ נייעס אינעראלב מוסדותינו הק׳ ~

~~~

## די נייע הערליכע פראפעסיאנאלע סידי "פון יעצט" וועט זיין צו באקומען אין אומן




**עס וועט אי"ה זיין צו באקומען אין אומן נעבן די הכנסת אורחים פון שיינער.**

נאך די ערשטע דריי סידי״ס וואס זענען ארויס געגעבן געווארן דורך די תלמידי הישיבה מיט אידישע ניגונים צו זינגן צום אייבערשטן, וואס האט געהאט א געוואלדיגע אפקלאנג איבער דער גארער וועלט, אידן פון אלע שיכטן און קרייזן האבן עס אויפגענומען מיט אפענע ארעמעס, און געזאגט אז נאר דאס עפנט זייער הארץ צום אייבערשטן.

אזוי ווי דער רבי זאגט אז די גרעסטע און בעסטע זאך וואס א איד קען טוהן איז צו רעדן צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך, אבער אזוי ווי עס איז די גרעסטע זאך איז עס אויך די שווערסטע זאך, און דערפאר זאגט דער רבי אז מען קען זיך פארבענקן צום אייבערשטן מיט א ניגון, וואס דאס עפנט די הארץ פון א מענטש.

און נאכדערצו די אידישע ניגונים וואס דאס איז דאך אונזער מאמע לשון, און ווען מען זינגט עס, רעדט מען שוין מיט דעם צום אייבערשטן.

אבער אזוי ווי די ביז יעצטיגע סידי״ס זענען נישט געווען געמאכט אויף א פראפעסיאנאלען וועג, האט דער עולם פארלאנגט אז מען דארף דאס איבערמאכן שענער און בעסער אז דאס זאל קענען אויפטוהן די ריכטיגע פעולה.

דערפאר האט מען זיך ארייגעווארפן אין די הייליגע ארבעט אהער צו שטעלן א הערליכן פראפעסיאנאלע סידי, לאנגע וואכן און חדשים זענען אריינגעלייגט געווארן מיט פיל כח און מח צו צושטעלן דעם סידי, קודם מיטן אויסוועלן די ניגונים, די ריכטיגע מנגנים ומשוררים אינאיינעם מיטן ראש הישיבה שליט"א, די הערליכע מוזיק בענד פון די וועלט בארימטע "פריילך בענד", א.א.וו.

הזורעים בדמעה ברנה יקצורו, מיטן אייבערשטנ׳ס הילף איז פארענדיגט געווארן די אזוי לאנג ערווארטעטע סידי, און עס איז שוין דא צו באקומען אין די געשעפטן.

**באשעפער איך הייב אן פון יעצט!**

\*\*\*

### קול תורה הילכט ווייטער אפ אין שטאט בין כותלי הישיבה

מיטן אייבערשטנ׳ס הילף האט מען צוריק אנגעהויבן די סדרי הישיבה אין שטאט נאכן זיך צוריק קערן פון קעמפ בשעה טובה ומצלחת.

די קול תורה גייט ווייטער אן ביתר שאת וביתר עז, די בחורים זיצן און לערנען פלייסיג, באגלייט מיט די געוואלדיגע שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א.

ווי באקאנט האט זיך די ישיבה געעפנט בפקודת מוהרא"ש שליט"א דורכ׳ן ראש הישיבה, די ישיבה איז געשטעלט צו ארייינברענגען אין די בחורים די אלע עצות און וועגן פון הייליגן רבי׳ן, ובפרט די הויפט עצה אז א יעדער מענטש דארף זיך צוגעוואוינען צו רעדן צום אייבערשטן אויף זיין אייגענע שפראך, און דאס איז דער וועג וואס ברענגט דעם מענטש צו אלע מדריגות.

און אזוי אויך די "סדר דרך הלימוד" וואס דער רבי האט אונז געלערנט אז מען קען זאגן תורה אפילו מען פארשטייט נישט, און מען זעהט טאקע ווי די בחורים ענדיגן פאר זיך אין די אייגענע צייטן גאר אסאך, צענדליגע מאל ששה סדרי משנה, ש"ס, ד׳ חלקי שלחן ערוך, און נאך, יעדער איינער לויט זיין מדריגה.

און מיטן אייבערשטנ׳ס הילף האט זיך די ישיבה איינגעקויפט א גוטע נאמען לשם ולתפארת ווי עס זאגן עדות יעדער וואס זעהט די בחורים אז הכרת פניהם ענתה בם אז זיי לערנען אין ישיבה, ווי אזוי זיי פירן זיך אויף מיט גרויס דרך ארץ, און ניצן אויס די צייט בתורה ועבודה.

**כי הם חיינו ואורך ימינו!**

\*\*\*

### תלמוד תורה "היכל הקודש" און די מיידל שולע "בית פיגא" אנגעהויבן די נייע שנת הלימודים

מיטן אייבערשטנ׳ס הילף האט זיך שוין אנגעהויבן די נייע שנת הלימודים אין די תלמוד תורה און אין די מיידל שולע.

אזוי ווי עס זענען דאס יאר אריינגעקומען א גרעסערע צאל פרישע קינדער, האט מען אויפגענומען פרישע איבערגעגעבענע מלמדים און טיטשער׳ס וואס וועלן זיך אפגעבן מיט די קינדער, און אריינברענגען אין זיי תורה ויראת שמים און מדות טובות אזוי ווי דער רבי האט אונז געלערנט.

די עלטערן זענען ברוך ה׳ זייער צופרידן פון די מוסדות, וויסענדיג אז מען לייגט אריין די מאקסימאלסטע כוחות אין יעדע קינד באזונדער אז ער זאל אויסשטייגן די שענסטע און בעסטע וואס איז שייך.

**אייערע קינדער זאלט איר מודיע זיין וואס דא האט זיך געטוהן!**

# אַשֶׁר בַּנַּחַל

המשך

מְשׁוּגָעְן הויז, גֵייט עֶר אַוֶועק, אִיז דֶען דָא נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע שׁוֹטֶה וִוי עֶר? דוּ דַארְפְסְט זִיךְ דָאךְ קוּמֶען הֵיילְן דַיינֶע נִירְן, אֵיי דִי זֶעהסְט דָארְטְן פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי קְרַאנְקֶע, דָאס הָאט נִישְׁט מִיט דִיר צוּטוּהְן, יֶעדֶער אֵיינֶער קוּמְט זִיךְ הֵיילְן זַיין מַחֲלָה.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן, אַוַודַאי זֶעהְט מֶען דָארְטְן אַלֶע סָארְטְן מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער דָאס דַארְף דִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין, דוּ דַארְפְסְט קוּקְן נָאר אוֹיף דַיין נְשָׁמָה, אִיךְ דַארְף הָאבְּן אַ תִּיקוּן, וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט אַן אַנְדֶערְן, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט דָאס אִיז זִיךְ אַרַיין אִיז עֶר זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, אַוַודַאי אִיז דָארְטְן דָא אַלֶע סָארְטְן עֶרְלֵיי מֶענְטְשְׁן, אוּמְגֶעוואוּנְטְשֶׁענֶע גֶעסְט, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט אוּנְזֶער זַאךְ, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס זַאךְ, וֶוער סְ׳קוּמְט הָאט אַ תִּיקוּן, אוּן מְמֵילָא דַארְף אִיךְ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם, אִיךְ דַארְף קוּקְן נָאר אוֹיף מִיר, אוֹיף מַיין וַוייבּ, אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער, מֶען הֶערְט נֶעבֶּעךְ אַזוֹיפִיל אוּמְגְלִיקְן יֶעדְן טָאג, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דַן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, אִיבֶּערְדֶעם וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר קוּמְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר וֶועט אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי פּוֹעֶלְן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אֲרִיכוּת יָמִים וּשְׁנַיִם, פַּרְנָסָה בְּנֵיקַל, קִינְדֶער, שִׁידוּכִים, וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן.

(אַשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ג׳ מִכְתָּב של"ט)

\*\*\*

## יֶעדֶער וָואס קוּמְט הָאט אַ חֵלֶק צוּ דִי גְאוּלָה...

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט גֶעזָאגְט, יֶעדֶער אִיד וָואס עֶר קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן הָאט אַ חֵלֶק צוּ דִי גְאוּלָה. מִיר קוּקְען אַזוֹי אַרוֹיס יֶעצְט שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֵייזְט צוּ וֶוערְן, דַארְף מֶען זֶעהְן צוּ בְּרֶענְגְן וָואס מֶער אִידְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

וִויסְן דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז דֶעם רֶבִּינְ׳ס זַאךְ שְׁטֵייט נִישְׁט אַיין בַּיי קֵיינֶעם נִישְׁט וְכוּ׳, דֶער צִיוּן בַּאלַאנְגְט צוּ קֵיינֶעם נִישְׁט וְכוּ׳, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה לה.) נֹשֵׂא אָרוֹן אֶת נוֹשְׂאָיו; דִי אַלֶע וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטְרָאגְן דֶעם אָרוֹן הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז זֵיי טְרָאגְן עֶס, דֶערְוַוייל הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעוִויסְט אַז דֶער אָרוֹן הָאט זֵיי גֶעטְרָאגְן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז, דִי אַלֶע וָואס זֵיי בַּעַל בַּאטֶעוֶועְן זִיךְ אִיבֶּערְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן, וֵוייסְן נִישְׁט אַז דֶער רֶבִּי אַלֵיין אִיז בַּעַל הַבַּיִת, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין מַיינֶע אוֹיגְן אוֹיסְגֶעקוּקְט אוֹיף אִיטְלִיכְן בַּאזוּנְדֶער", דָאס הֵייסְט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קוּמְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה בְּרֶענְגְט דֶער רֶבִּי אַלֵיין, אַז וואוֹיל אִיז דֶעם אִיד וָואס עֶר בֶּעט אַסַאךְ דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין בַּיי דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, וֶועט עֶר אַוַודַאי הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

(אַשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ג׳ מִכְתָּב שנ"א)

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש


וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת וילך, שבת שובה, ו' תשרי, שנת תשע"ג לפ"ק
שנה 2, גליון 2 (50)


**זמנים**

הדלקת הנרות.....................6:36
מוצש"ק...............................8:05
סוף זמן ק"ש.........................9:10

**שיעורים כסדרן**

בבלי...........................ברכות נ"ב
ירושלמי.....................כתובות כ"ז
תוספתא..............סוטה פרק ט"ו

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר אֶת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל**, מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ז') אַז דֶער עִיקָר גְרוֹיסְקַייט פוּן אַ צַדִיק אִיז וֶוען עֶר הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן עֶר לֶערְנְט זֵיי אוֹיס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט זֵיי, אוּן אַז מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט דָאס, הָאט עֶר שׁוֹין אַ גוּט לֶעבְּן, וַוייל אִין יֶעדְן מַצָב וָואס עֶר אִיז, הָאט עֶר זִיךְ צוּ וֶועם צוּ ווֶענְדְן.

אוּן אֲפִילוּ וֶוען דֶער צַדִיק גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, לָאזְט עֶר אִיבֶּער סְפָרִים אוּן תַּלְמִידִים וָואס זָאלְן דָאס וַוייטֶער לֶערְנֶען פַאר אִידְן, אַזוֹי אַז דִי דַעַת פוּנֶעם צַדִיק בְּלַייבְּט אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן מֶען קֶען זִיךְ מִיט דֶעם שְׁטַארְקְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה**, אֲפִילוּ וֶוען דֶער צַדִיק גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, **וַיְדַבֵּר אֶת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל**, רֶעדְט עֶר נָאךְ אַלְץ צוּ דִי אִידְן, וַוייל זַיין תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט אַרָאפּ גֶעבְּרֶענְגְט פַאר דִי אִידְן אִיז נָאךְ אַלְץ דָא אוּן מֶען לֶערְנְט עֶס.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן צַדִיק, אֲפִילוּ וֶוען עֶר לֶעבְּט שׁוֹין נִישְׁט, לָאזְט עֶר אִיבֶּער סְפָרִים אוּן תַּלְמִידִים וָואס מִיט דֶעם קֶען מֶען זִיךְ אוֹיךְ הַיינְט מְחַיֶ' זַיין.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּנֶעם צַדִיק וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיֵּלֶךְ א')

***

**חִזְקוּ וְאִמְצוּ אַל תִּירְאוּ וְאַל תַּעַרְצוּ מִפְּנֵיהֶם כִּי ה' אֱלֹקֶיךָ הוּא הַהֹלֵךְ עִמָּךְ לֹא יַרְפְּךָ וְלֹא יַעַזְבֶךָּ**, מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעם פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּטְן, הָאט עֶר דֶעם גַן עֵדֶן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, וַוייל אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אַ צָרָה, וֵוייסְט עֶר אַז דָאס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זַיין


המשך בדף ב


## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ תְּשׁוּבָה ~

דִי גְמָרָא זָאגְט (יוֹמָא פה:), וָואס מֵיינְט אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה? הָאט רַב יְהוּדָה גֶעזָאגְט: "וֶוען עֶס קוּמְט אִים אוּנְטֶער צוּ טוּהן אַן עֲבֵירָה אֵיין צְוֵויי מָאל, אוּן עֶר טוּט עֶס נִישְׁט", הָאט רַב יְהוּדָה גֶעוִויזְן: "דִי זֶעלְבֶּע פְרוֹי, דִי זֶעלְבֶּע צַייט, אוּן דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ"

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, אַז דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע חִיזוּק פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס וִויל תְּשׁוּבָה טוּהן, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אָפּ אַז עֶס אִיז שׁוֹין גֶענוּג גֶעוֶוען מִיט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אוּן עֶר וִויל זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דֶעמָאלְט'ס דֶער עִיקָר פְּרָאבְּלֶעם אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶס צוּ טוּהן, אוּן אוֹיבּ טוּט מֶען עֶס נִישְׁט אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, וֶועט עֶס נָאר אָנְהַאלְטְן פַאר אַ קוּרְצֶע צַייט אוּן עֶר וֶועט נָאכְדֶעם צוּרִיק פַאלְן.

רוֹב מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז כְּדֵי צוּ תְּשׁוּבָה טוּהן דַארְף מֶען טוֹישְׁן דֶעם גַאנְצְן סֵדֶר, מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי אַרְבֶּעט, אַוֶועק גֵיין פוּן זַיין סֵדֶר הַיּוֹם, אוּן טוֹישְׁן זַיין גַאנְצֶע סֵדֶר אִין לֶעבְּן וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט בִּיז יֶעצְט, אוּן זִיךְ אַרַיין זֶעצְן אִין שׁוּהל נָאר לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

אָבֶּער דָאס אִיז זֵייעֶר אַ אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע זַאךְ, וַוייל עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, אוּן עֶס קֶען צוּפַאלְן נָאךְ אַ קוּרְצֶע צַייט, דֶערְפַאר הָאט רַב יְהוּדָה גֶעוִויזְן: "דִי זֶעלְבֶּע פְרוֹי, דִי זֶעלְבֶּע צַייט, אוּן דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ", דָאס מֵיינְט דוּ קֶענְסְט וַוייטֶער לֶעבְּן מִיט דַיין וַוייבּ אוּן מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה, דוּ קֶענְסְט וַוייטֶער לֶעבְּן אוֹיף דַיין פְּלַאץ, דוּ קֶענְסְט וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דַיין צַייט , מִיט דִי זֶעלְבֶּע סֵדֶר הַיּוֹם, אוּן אַזוֹי קֶענְסְטוּ אוֹיךְ תְּשׁוּבָה טוּהן.

וָואס דַארְף מֶען יָא טוּהן? אֵיין זַאךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ טוּהן צוּ תְּשׁוּבָה טוּהן, קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה' (הוֹשֵׁעַ יד, ג) מֶען דַארְף עֶפֶענֶען דֶעם מוֹיל אוּן אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַזוֹי טוּט מֶען תְּשׁוּבָה,


המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

טוֹבָה, און עֶר בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **חִזְקוּ וְאִמְצוּ אַל תִּירְאוּ וְאַל תַּעַרְצוּ מִפְּנֵיהֶם**, שְׁטַארְק דִיךְ און הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן גָארְנִישְׁט, **כִּי ה' אֱלֹקֶיךָ הוּא הַהֹלֵךְ עִמָּךְ לֹא יַרְפְּךָ וְלֹא יַעַזְבֶךָּ**, וַוייל דוּ וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט שְׁטֶענְדִיג מִיט דִיר און עֶר וֶועט דִיר נִישְׁט פַארְלָאזְן.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוער עֶר הָאבְּן דֶעם גַן עֵדֶן נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיֵּלֶךְ ב')

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

"בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל אָפְּלָאזְן אַלֶע מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים און צוּרִיק קוּמֶען צוּ דִיר", "בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל פוּן הַיינְט טוּהן נָאר מִצְוֹת און נִישְׁט טוּהן קַיין עֲבֵירוֹת", "בַּאשֶׁעפֶער זֵיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטוּהן גוּט בִּיז יֶעצְט, הֶעלְף מִיר אַז פוּן יֶעצְט זָאל אִיךְ שׁוֹין זַיין וואוּיל און עֶרְלִיךְ" און אַזוֹי וַוייטֶער קֶען יֶעדֶער זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע גֶעפִילְן, אוֹיבּ אַ אִיד וֶועט דָאס טוּהן וֶועט עֶר זִיכֶער תְּשׁוּבָה טוּהן און וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

אַוַודַאי פוּן אָנְהוֹיבּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּמְט דָאס אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, עֶר פִּילְט וִוי עֶר רֶעדְט צוּ דִי וַואנְט, עֶר פִּילְט וִוי קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, און עֶר זֶעהְט נִישְׁט אַז עֶס זָאל זִיךְ עֶפֶּעס רוּקְן, דַארְף מֶען אָבֶּער גֶעדֶענְקְן אַז מֶען פִּילְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אֵיין טָאג, וֶוען מֶען טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן וֶוערְט דִי מֹחַ און דִי הַארְץ פַארְשְׁטָאפְּט און מֶען פִּילְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ און עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דֶעם, און עֶר רֶעדְט יֶעדְן טָאג עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זִיכֶער וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, און עֶר וֶועט פִּילְן אִין דֶעם אַלֶע טַעֲמִים, אָבֶּער עֶס גֵייט נִישְׁט אִיבֶּערְנַאכְט, עֶס נֶעמְט צַייט, אָבֶּער דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים לד, ט) טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה', פְּרוּבִּירְט עֶס אוֹיס וֶועט אִיר זֶעהְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט, און עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס הָאט רַב יְהוּדָה גֶעזָאגְט: "מִיט דִי זֶעלְבֶּע וַוייבּ" דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דַיין וַוייבּ און דַיין מִשְׁפָּחָה צוּ קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּהן, נִישְׁט דַיין וַוייבּ שְׁטֶערְט דִיךְ פוּן צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְקֶערְט דַיין וַוייבּ וֶועט דִיר נָאךְ הֶעלְפְן צוּ זַיין עֶרְלִיךְ וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (יְבָמוֹת סג.) זָכָה - נַעֲשֵׂית לוֹ עֵזֶר, לֹא זָכָה - כְּנֶגְדּוֹ, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה שְׁטֵייט אִים דִי וַוייבּ צוּ הִילְף, און אוֹיבּ עֶר אִיז נִישְׁט זוֹכֶה, אִיז זַיין וַוייבּ אַקֶעגְן אִים און זִי שְׁטֶערְט אִים, זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דֶעם מַאן, אוֹיבּ עֶר אִיז וואוּיל וֶועט אִים זַיין וַוייבּ נִישְׁט שְׁטֶערְן, און אוֹיבּ עֶר זֶעהְט אַז זַיין וַוייבּ אִיז נָאךְ קֶעגְן אִים, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר דַארְף נָאךְ מֶער תְּשׁוּבָה טוּהן און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דֶעמָאלְט'ס וֶועט שׁוֹין זַיין וַוייבּ זַיין מִיט אִים.

מֶען זֶעהְט בַּיי אָדָם הָרִאשׁוֹן, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "הָאסְטוּ גֶעגֶעסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַעַת?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "דִי וַוייבּ וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן זִי הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַעַת" זָאגְט אוֹיף דֶעם רַשִׁ"י: "דָא זֶעהְט מֶען אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ כְּפוּי טוֹבָה", אוֹיבּ דוּ הָאסְט דִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטַארְקְן אוֹיף דַיין יֵצֶר הָרַע, און דוּ הָאסְט גֶעגֶעסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַעַת, פַארְוָואס וַוארְפְסְטוּ אַרוֹיף דִי שׁוּלְד אוֹיף דַיין וַוייבּ? וֶוען דוּ וָואלְסְט מַסְבִּיר גֶעוֶוען פַאר דַיין וַוייבּ אַז מֶען טָאר נִישְׁט טוּהן אַנְדֶערְשׁ וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, וָואלְט זִי מַסְכִּים גֶעוֶוען און דִיךְ נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט, זֶעהְט מֶען אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וִויל אַלֵיין זַיין וואוּיל, וֶועט זַיין וַוייבּ אִים גָארְנִישְׁט שְׁטֶערְן.

און אַזוֹי אוֹיךְ "דִי זֶעלְבֶּע צַייט" - אִין יֶעדֶע צַייט קֶען מֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַוַודַאי אִיז עֶס אֵייבִּיג אַנְדֶערְשׁ, אַמָאל קֶען מֶען לֶערְנֶען און דַאוֶונֶען, אַמָאל קֶען מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אַמָאל דִינְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיטְן זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן פוּן טוּהן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, דֶער עִיקָר אִיז אַז מֶען זָאל נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגְן דִי צַייט.

און "דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל, אוֹיף יֶעדֶע פְּלַאץ, און דֶערְפַאר כְּדֵי צוּ תְּשׁוּבָה טוּהן קֶען מֶען וַוייטֶער בְּלַייבְּן אוֹיפְ'ן זֶעלְבְּן פְּלַאץ און אוֹיפְ'ן זֶעלְבְּן מַצָב, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען נָאר עֶפֶּענֶען דָאס מוֹיל און אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, און דָאס אִיז דִי וֶועג וָואס פִירְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אָבֶּער מֶען דַארְף אוֹיךְ גֶעדֶענְקְן אֵיינְס פוּן דִי וִויכְטִיגְסְטֶע יְסוֹדוֹת פוּן תְּשׁוּבָה, אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס רַחֲמָנוּת אִיז אָן קַיין גְרֶענִיץ, און דֶערְפַאר וָואסֶערֶע עֲבֵירוֹת אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר אָפְּגֶעטוּהן, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּהן דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאךְ אַלְץ רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים און עֶר קֶען נָאךְ אַלְץ תְּשׁוּבָה טוּהן.

דֶער רֶעבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"א) אוֹיף דֶעם וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָדוֹשׁ אַז אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן, הָאט דֶער רֶעבִּי גֶעזָאגְט אַז קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם פְּשַׁט אִין זֹהַר נָאר עֶר, און עֶר זָאגְט אַז עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה אוֹיף דֶעם, אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט.

און רֶעבִּי נָתָן אִיז עֶס מַסְבִּיר (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת תְּפִלִּין, ה"ד, אוֹת ד') אַז דָאס אִיז דֶער נִסָיוֹן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַז עֶר דַארְף הֶערְן אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל זֶעהְן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט יֶעצְט טוּהן, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, און אַזוֹי וִוי עֶר הֶערְט אַז הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה גֶעבְּט עֶר אַלֶעס אוֹיף, דֶעמָאלְט'ס וֶוערְט עֶר טַאקֶע פַארְפַאלְן פוּן בֵּיידֶע וֶועלְטְן, אוֹיבּ אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז קְלוּג און עֶר וֵוייסְט אַז דָאס אִיז זַיין נִסָיוֹן, און עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קַיין שׁוּם זַאךְ נָאר עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ צוּרִיק צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער אָנְנֶעמֶען זַיין תְּשׁוּבָה און עֶר וֶועט אַלֶעס פַארֶעכְטְן און הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

און דֶערְפַאר אוֹיבּ מֶען הֶערְט פוּן אֵיינֶעם, נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן וֶועם, אַז עֶס אִיז דָא אֵמָאל וֶוען עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, "אוֹיבּ דוּ הָאסְט גֶעטוּהן דָאס און דָאס, קֶענְסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּהן", דַארְף מֶען וִויסְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נָאר אַ שָׁלִיחַ פוּנֶעם סַמְךְ-מֶם צוּ דֶערְוַוייטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און מֶען טָאר זִיךְ צוּהֶערְן צוּ אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעשְׁטֶעלְט קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיפְ'ן גַן עֵדֶן און גֵיהִנֹם, דֶערְפַאר קֶען קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ נִישְׁט זָאגְן וֶוער עֶס קֶען יָא תְּשׁוּבָה טוּהן אָדֶער נִישְׁט, דָאס וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס רַחֲמָנוּת אִיז אָן אַ שִׁיעוּר, און עֶר נֶעמְט אָן יֶעדְן וָואס טוּט תְּשׁוּבָה.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און תְּשׁוּבָה טוּהן בֶּאֱמֶת.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש עֶרֶךְ תְּשׁוּבָה חֵלֶק ח', י', י"ב)

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳ ~

המשך

נאכן רבי'נס פטירה איז ארויסגעוואקסן א בוים אויף דעם פלאץ ווי דער רבי איז נפטר געווארן, און אנשי שלומינו ברסלב'ע חסידים פלעגן דארט גיין זאגן תהלים און מתפלל זיין, און עד היום ווען מען פארט צום רבי'ן אויף ראש השנה גייען אסאך אידן ארויף אויך צום רבי'נס הויז ווי דער רבי איז דארט נפטר געווארן צו מתפלל זיין דארט.

דאס יאר איז געלונגען מיטן אייבערשטנ'ס הילף אפצוקויפן דעם הויז מיטן גאנצן הויף ארום, און מען פלאנט אי"ה דארט אויפצובויען א ריזיגע קלויז צו דאווענען דארט אום ראש השנה מיטן קיבוץ הקדוש.

די הויז געפינט זיך אנטקעגן דעם ציון, אבער עס איז אפגעטיילט פון ציון מיט א טיפע טָאל, און מען פלאנט אי"ה צו בויען א בריק פונעם ציון ביזן הויז אז מען זאל גרינג צוקומען אהין.

**לפני ה׳ ישפוך שיחו!**

***

## בחורי הישיבה אינאיינעם ראש השנה אין אומן

א הערליכע יום טוב האבן די בחורים אפגעראכטן אינאיינעם אין אומן, די סעודות האט מען געגעסן אינאיינעם ווען מען האט געזינגען ניגוני התעוררות, לכבוד דעם הייליגן טאג.

מען האט געקענט זעהן בחוש וואס דער רבי האט געזאגט: "ווען קעניגן זאלן וויסן וואסערע דרך ארץ איך לערן אויס פאר מיינע מענטשן וואלטן זיי געשיקט זייערע קינדער לערנען ביי מיר" ווי עס זאגן עדות ווער עס האט עס מיטגעהאלטן, די דרך ארץ וואס די בחורים האבן זיך אויפגעפירט צום באוואונדערן.

מיטוואך פאר ראש השנה, זענען די בחורים געפארן מיטן ראש הישיבה אויף א נסיעה אויף קברי צדיקים אין די אומגעגענט, די ערשטע איז מען געפארן צו די שטאט ברסלב ווי רבי נתן ליגט, ווי מען האט דארט מתפלל געווען א לאנגע צייט און זיך אויסגעבעטן אלעס גוט'ס.

פון דארט איז מען געפארן צו מעזעביזש צום בעל שם טוב מיט זיינע תלמידים, ווי מען האט שופך שיח געווען ביים די הייליגע קברים און אויסגעבעטן אלע ישועות, דערנאך איז מען געגאנגען באזוכן די הויז פון בעל שם טוב, ווי דער ראש הישיבה האט דארט געגעבן א דרשה פאר די בחורים.

דער ראש הישיבה האט דערציילט די מעשה ווי אזוי דער בעל שם טוב איז געווארן א צדיק, ווען זיין טאטע רבי אליעזר איז אוועק פון דער וועלט ווען דער בעל שם טוב איז נאך געווען פינף יאר אלט, און ער האט געזאגט פאר זיין קליינעם ישראל'יק: "דו גייסט יעצט בלייבן אליינ'ס, אבער דו זאלסט שטענדיג געדענקן אז דו ביזט קיינמאל נישט אליינ'ס, דער אייבערשטער איז מיט דיר שטענדיג, און וואס דו דארפסט זאלסטו בעטן פונעם אייבערשטן", און דאס האט אים באגלייט זיין גאנץ לעבן, ער האט אסאך גערעדט צום אייבערשטן, און אזוי איז ער געווארן א גרויסער צדיק וואס האט באלאכטן די וועלט.

ווי באקאנט איז דער הייליגער רבי געבוירן געבוירן אין דעם הויז פון בעל שם טוב, זיין מאמע די צדיקת פיגא ע"ה וואס איז געווען אן אייניקל פון בעל שם טוב האט געוואוינט אין דעם הויז און זי האט דארט געבוירן דעם רבי'ן, און ווען דער רבי איז געווען א אינגל פלעגן די תלמידי הבעל שם טוב קומען צו זיין קבר, און פלעגן זיך אפשטעלן ביים הויז פון בעל שם טוב, און איבערשמועסן די תורות פון בעל שם טוב.

איינמאל האבן זיי דארט דערציילט די אויבנדערמאנטע מעשה ווי אזוי דער בעל שם טוב איז געווארן א צדיק, און דער רבי וואס איז געווען דעמאלט'ס א קליין אינגל האט דאס געהערט, און דאס האט אויפגעוועקט זיין הארץ דאס נאכצומאכן און אזוי איז ער אויך געווארן א גרויסער צדיק וואס באשיינט די וועלט.

האט דער ראש הישיבה אויסגעפירט: יעצט ווען מיר געפינען זיך אין דעם הויז, לאמיר אויך אנהייבן דאס נאכצומאכן, לאמיר אויך אנהייבן צו רעדן צום אייבערשטן, וועלן מיר אויך ווערן גרויסע צדיקים.

דערנאך האט מען דארט געדאווענט מעריב און זיך ארויס געלאזט אין א רקידה.

אזוי ווי עס איז שוין געווארן שפעט איז מען פון דארט גלייך צוריק געפארן אויף אומן ווי מען איז שוין אנגעקומען אין די פארטאג'ס שעה'ן.

**אשרינו מה טוב חלקינו!**

***

## נייע סידי "פון יעצט" מאכט א מהפכה אין אומן

די נייע סידי "פון יעצט" וואס איז ארויס געקומען יעצט פאר ראש השנה מיט אידישע ניגונים וואס מען זינגט צום אייבערשטן האט געמאכט אן איבערקערעניש אין אומן.

אזוי ווי די ביז יעצטיגע סידיס זענען שוין צושפרייט געווארן אויף דער וועלט, האט מען שוין געווארט אז מען זאל עס שוין ארויס געבן אויף א פראפעסיאנאלן וועג, און דערפאר יעצט ווען עס איז ארויסגעקומען די נייע סידי איז עס צוכאפט געווארן מיט אפענע הענט.

די טויזנטער סידיס וואס מען האט געברענגט אויף אומן צו פארקויפן, זענען נישט נאכגעקומען דעם גרויסן פארלאנג, ווען יעדער האט נאר געזוכט ווי קען מען נאך באקומען די סידי.

צענדליגע אידן האט זיך אויסגעדרוקט פאר די פארקויפער'ס פון די סידי, אז די ניגונים עפנט זייער הארץ, און נאר די ניגונים האט זיי געמאכט אז זיי זאלן אנהייבן רעדן צום אייבערשטן.

**טאטע איך זינג צו דיר!**

# אַשֶׁר בַּנַּחַל

## מִיט אֱמוּנָה וֶועט עֶר הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.

מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ה׳) אַז דֶער עִיקָר אִיז אֱמוּנָה, אוּן סְ'אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי לַיידְן כָּל מִינֵי מַחֲלוֹת וְחַלָאִים רָעִים פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי קְרֶענְק רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן דִי אַלֶע קְרֶענְק נֶעמְט זִיךְ פוּן חִסָרוֹן אֱמוּנָה, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד הָאט פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס עֶר פִילְט אַז אַלְסְדִינְג אִיז בְּלוֹיז אֱלֹקוּת, הָאט עֶר אַ רְפוּאָה, בִּפְרַט אֵיינֶער וָואס עֶר לַיידְט אוֹיף דִי נֶערְוְון, אוּן עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג מוֹרָא אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ דִי קְרֶענְק וְכוּ׳ אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ דִי קְרֶענְק וְכוּ׳, וָואס דָאס אִיז אַ נֶערְוְון קְרַאנְקְהֵייט וְכוּ׳, מִיט אֱמוּנָה וֶועט עֶר הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.

אֱמוּנָה זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ס"א) דַארְף מֶען הָאבְּן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז עֶר פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִיוּת, עֶס טוּט זִיךְ גָארְנִישְׁט אַלֵיין, אַלֶעס פִירְט זִיךְ פוּן אוֹיבְן, וְוִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (חוּלִין ז:) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעְלָה; [אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט קַיין קְלַאפּ אִין קְלֵיין פִינְגֶערְ'ל אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קוֹדֶם אוֹיסְגֶערוּפְן אִין הִימְל] אַלֶעס אִיז פוּן אוֹיבְן גָארְנִישְׁט טוּט זִיךְ אַלֵיין, אוּן דִי חַזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא לח.) בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יְשִׁיבוּךָ, אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בְּמַה שֶּׁמּוּכָן לַחֲבֵירוֹ, וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בְּמַלְכוּת חַבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלוֹא נִימָא; [דָאס קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּן דֶעם צְוֵוייטְן גָארְנִישְׁט, אַלֶעס אִיז פַארְשְׁרִיבְּן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ, וָואס עֶס בַּאלַאנְגְט צוּ אִים], אוּן אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְן דִי חַזַ"ל (בְּרָכוֹת נח.) אֲפִילוּ רֵישׁ גַּרְגִּיתָא מִן שְׁמַיָּא מַנוּ לֵי; [דָאס אֲפִילוּ אַ קְלֵיינֶע פָּשׁוּטֶע פַּרְנָסָה וְוִי צוּ זַיין מְמוּנֶה אוֹיף דִי מִיסְט אוּן אוֹיף דִי בּוֹרוֹת אִיז אוֹיכֶעט פוּן הִימְל]. אוּן אַז מֶען נֶעמְט דָאס אַרַיין בַּיי זִיךְ אִין קָאפּ אוּן אִין הַארְץ, דָאס הֵייסְט אֱמֶתְ'ע אֱמוּנָה, בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

אָבֶער זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֶען דַארְף הָאבְּן אֱמוּנָה אִין זִיךְ, אַז אַזוֹי וְוִי מֶען דַארְף הָאבְּן אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר פִירְט דִי וֶועלְט אַזוֹי דַארְף מֶען הָאבְּן אֱמוּנָה אִין זִיךְ, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חָכְמָה אוּן קַיין שֵׂכֶל אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּבְּרֶעכְן וְכוּ׳, אוּן לֶעבְּן אִין אַ שְׁטֶענְדִיגֶע שְׁרֶעק וְכוּ׳, טָאמֶער הָאבּ אִיךְ דֶיע מַחְלָה וְכוּ׳, טָאמֶער הָאבּ אִיךְ יֶענֶע מַחְלָה וְכוּ׳, דָאס אִיז אַ אַיינְרֶעדֶענִישׁ וְכוּ׳, וָואס דָאס קוּמְט פוּן דִי נֶערְוְון, [וְוִי דִי וֶועלְט זָאגְט אַז אַיינְרֶעדֶענִישׁ אִיז מֶער וְוִי אַ קְרֶענְק], אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דַארְף מֶען נִישְׁט זַיין נֶערְוֶועז אוּן זִיךְ שְׁרֶעקְן פוּן יֶעדֶע זַאךְ, מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ וְכוּ׳, אוּן מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, אוּן מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע וְכוּ׳, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן כ"ד) אַז דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן אוֹיכֶעט אַז שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע מַחֲלוֹת, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט שִׂמְחָה אוּן דָאס אַלֵיין הֵיילְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת עַצְבוּת סִימָן ח׳) עַל יְדֵי עַצְבוּת אָדָם נֶחְלָשׁ; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז טְרוֹיעֶרִיג וֶוערְט עֶר שְׁוַואךְ, ווִידֶערְאוּם זָאגְט עֶר (שָׁם סִימָן כ"ד) עַל יְדֵי יָגוֹן בָּא כְּאֵב לֵב; אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען טוּהְן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם נָאר זַיין פְּרֵיילִיךְ, אוּן דָאס אַלֵיין שְׁטַארְקְט דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק אוּן עֶר זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן אַלֶע

המשך בדף ד

## אַשְׁר בַּנַּחַל

עֶרְלֵיי מַחֲלוֹת אוּן קְרֶענְק וְכוּ׳.

אַוַודַאי אוֹיבּ סְ׳טוּט וֵויי עֶפֶּעס וְכוּ׳ דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ גְרוֹיסֶען דָאקְטֶער אוּן זִיךְ אוּנְטֶערְזוּכְן זִיךְ וְכוּ׳, [אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער מֵיינְט וָואס עֶר הָאט אַסַאךְ עֶרְפַארוּנְג, עֶר אִיז שׁוֹין לַאנְגֶע יָארְן אַ דָאקְטֶער]. אוּן אַזוֹי אִיז דָא אַ דִיבּוּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אַז מֶען גֵייט שׁוֹין יָא צוּ אַ דָאקְטֶער זָאל מֶען גֵיין צוּ גָאר אַ גְרוֹיסְן דָאקְטֶער, אִיבֶּערְדֶעם אוֹיבּ סְ׳טוּט עֶפֶּעס וֵויי גֵייט מֶען צוּ אַ דָאקְטֶער, אוּן אוֹיבּ עֶר זָאגְט אַז סְ׳אִיז גָארְנִישְׁט דַארְף מֶען וִויסְן אַז דָאס אִיז אַ אַיינְגֶערֶעדְטֶע קְרֶענְק וָואס דָאס אִיז נָאךְ אַרְגֶער פוּן אַ קְרֶענְק, אוּן דָאס קוּמְט פוּן נֶערְוְון.

דֶער ״אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל״ זי״ע הָאט גֶעזָאגְט, אַז מֶען זוּכְט גֶעפוּנְט מֶען, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען נִישְׁט זוּכְן וֶועט מֶען נִישְׁט גֶעפוּנֶען, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אַז סְ׳טוּט עֶפֶּעס וֵויי בֶּעט מֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל צוּשִׁיקְן אַ גְרוֹיסְן דָאקְטֶער עֶר זָאל זַיין דֶער שָׁלִיחַ עֶר זָאל צוּטְרֶעפְן אַ רְפוּאָה, וִוי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ס.) אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת כ״א) ״וְרַפֵּא יְרַפֵּא״ מִכַּאן שֶׁנִיתְּנָה רְשׁוּת לְרוֹפֵא לְרַפְּאוֹת; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ג׳) אַז אוֹיבּ מֶען דַארְף גֵיין צוּ אַ דָאקְטֶער, זָאל מֶען גֶעבְּן קוֹדֶם פַאר אַ צַדִיק אַ פִּדְיוֹן אוּן נָאכְדֶעם קֶען מֶען גֵיין זִיךְ הֵיילְן, אוּן מֶען וֶועט הָאבְּן אַ רְפוּאָה, אוּן עֶר אִיז מְגַלֶה אַ סוֹד, דָאס וְרַפֵּא יְרַפֵּא (מִיט דִי צְוֵויי וֶוערְטֶער) בַּאטְרֶעפְט פוּנְקְט וִוי פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ וָוארוּם דֶער עִיקֶר רְפוּאָה אִיז נָאר דוּרְךְ אַז מֶען גֶעבְּט אַ פִּדְיוֹן פַאר אַ צַדִיק, אוּן דֶעמָאלְט וֶוערְט נִמְתָּק אַלֶע דִינִים.

אוּנְזֶערֶע לַייט פִירְן זִיךְ אוֹיבּ מֶען דַארְף גֵיין צוּ אַ דָאקְטֶער לֶערְנְט מֶען קוֹדֶם דֶעם מַאֲמַר אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ג׳, אוּן מֶען זָאגְט אוֹיף דֶעם דִי תְּפִלָּה אִין לִקוּטֵי תְּפִילוֹת חֵלֶק ב׳ תְּפִלָּה ג׳, אוּן מֶען גֶעבְּט אוֹיךְ אַ פִּדְיוֹן, אוּן דֶעמָאלְט גֵייט מֶען צוּ אַ דָאקְטֶער, אוּן מֶען בֶּעט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מֶען זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ גֵיין סְתַּם צוּ אַ דָאקְטֶער אַ לֶערְן יוּנְג וָואס עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פוּן יְמִינוֹ וּשְׂמֹאלוֹ, אוּן אוֹיף אַזַא דָאקְטֶער הָאט דֶער רֶבִּי מַזְהִיר גֶעוֶועזְן (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן נ׳) אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דָאקְטוֹרִים.

(אַשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ג׳ מִכְתָּב ש״ז)




## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳ ~

~~~

## טויזענטער אידן האלטן מיט די תפלות און דרשות מיט מוהרא״ש שליט״א אין קלויז אין אומן

א הערליכע יום טוב האבן טויזנטער אידן מיטגעהאלטן דעם ראש השנה אין אומן.

אנגעהויבן האט זיך עס שוין די שבת פאר ראש השנה ווען רוב אידן זענען שוין געקומען אויף אומן נאך פאר שבת, די קלויז איז געווען אנגעפילט מיט טויזנטער אידן וואס האבן געדאווענט אינאיינעם מיט מוהרא״ש, און אויסגעניצט דעם לעצטן שבת פון יאר אין אומן נעבן דעם ציון הקדוש צו אויס׳פועל׳ן אלעס גוט׳ס.

צוליב חולשת גופו פון מוהרא״ש איז נישט פארגעקומען קיין דרשות אום שבת.

מוצאי שבת בערך א האלבע שעה נאך חצות איז מוהרא״ש ארויף געגאנגען צום ציון אינאיינעם מיט הונדערטער תלמידים, מוהרא״ש האט געזאגט תיקון הכללי און מתפלל געווען ביים ציון פאר א לענגערע צייט, דערנאך איז מוהרא״ש צוריק אראפגעגאנגען צום קלויז ווי מען האט געזאגט סליחות ״זכור ברית״ אינאיינעם מיט מוהרא״ש, די תפלות האבן געשפאלטן הימלען, ווען אלע אידן האבן זיך אויסגעבעטן א גוט געבענטשט יאר, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט ״אנדערע וואלטן זיך געוואונטשן אזא ראש השנה ווי ביי אונז ערב ראש השנה״, די סליחות האט זיך געענדיגט אין די פארטאג׳ס שעה׳ן.

צומארגנ׳ס אינדערפרי ערב ראש השנה האט מען געדאווענט שחרית אין קלויז און גלייך נאך שחרית איז געווען ״פדיון נפש״ אזוי ווי דער רבי זאגט אז ערב ראש השנה איז גוט צו געבן א פדיון, טויזנטער אידן האבן באלאגערט דעם קלויז צו קענען צוקומען צו מוהרא״ש צו געבן א פדיון, עס האט זיך געשלענגלט לאנגע שורות, וואס האט זיך געצויגן פאר לאנגע שעות, ווען מוהרא״ש האט אנגעוואונטשן פאר יעדן איינעם א גוט געבענטשט יאר, א שנה טובה ומתוקה מיט אלע ישועות.

אלע תפלות פון ראש השנה זענען פארגעקומען אין קלויז מיט מוהרא״ש, די קלויז איז געווען איבערפילט פון עק צו עק מיט טויזענטער מענטשן, א קאפעליע פון בחורי ישיבתינו הקדושה זענען געשטאנען ארום דעם בעל תפלה אין געזונגען אינאיינעם וואס האט אפגעהילכט ווייט ארום דעם קלויז.

שחרית איז געווען דער בעל תפלה דער ראש הישיבה, וואס האט מיט זיין שיינע הארציגע קול מעורר געווען דעם עולם, ווי אסאך האבן זיך אויסגעדרוקט אז אזא שיינע הארציגע דאווענען האבן זיי נאך קיינמאל נישט געהערט, דערנאך האט מוהרא״ש געבלאזן שופר, מוסף האט געדאווענט דער בעל תפלה מו״ה דניאל בוים נ״י מחשובי אנשי שלומינו, ווען די משוררים די בחורים האבן געהאלפן זינגען אינאיינעם.

מיטן אייבערשטנ׳ס הילף האט מוהרא״ש שוין געגעבן ראש השנה א דרשה, נאך מנחה האט מוהרא״ש גערעדט א לערגערע דרשה ארויסברענגדיג אונזער שמחה אז מיר האבן זוכה געווען צו זיין ביים רבי׳ן אויף ראש השנה, וואס דער רבי האט צוגעזאגט אז ווער עס וועט קומען צו אים אויף ראש השנה וועט ער אים העלפן, און אפילו מענטשן וועם ער קען נישט העלפן א גאנץ יאר קען ער אבער העלפן ראש השנה, אויך האט מוהרא״ש מעורר געווען דעם עולם צו אויסניצן די עטליכע טעג וואס מען איז אין אומן צו זיין ביים ציון און זיך אויסבעטן אלעס גוט׳ס פאר א גאנץ יאר, און דער עיקר אז מען זאל ניצן די אלע עצות פון רבי׳ן, זיך צוצוגיוואוינען צו רעדן צום אייבערשטן, וואס דאס איז די טיר פארן מענטש צו אנקומען צו אלעס גוט׳ס.

דעם צווייטן טאג איז ווייטער געווען זייער שיין אלע תפלות ביי מוהרא״ש אין קלויז, אזוי ווי די ערשטע טאג.

די צווייטע טאג נאך מנחה איז ווייטער געווען א דרשה, ווי מוהרא״ש האט גערעדט וואס מען דארף מיטנעמען פון ראש השנה אויף א גאנץ יאר, אלע לימודים וואס דער רבי האט אונז געלערנט צו רעדן צום אייבערשטן אויף אידיש, צו לערנען תורה אויפ׳ן דרך הלימוד פון רבי׳ן וואס דער רבי האט אונז געלערנט אז אפילו ווען מען פארשטייט נישט קען מען זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה, און אז מען זאל זיין פרייליך מיט א יעדע גוטע זאך וואס מען טוט, און אויב וועט מען דאס טוהן וועט מען זיכער האבן א גוט געבענטשט יאר.

דערנאך האט מוהרא״ש געזאגט אז ער וואונטש יעדן פערזענדליך א גוט געבענטשט יאר, ווייל צוליב חולשת גופו קען ער נישט אויפנעמען יעדן באזונדער, און ער האט זיך באדאנקט פאר אלע וואס האבן מתפלל געווען פאר זיין געזונט און געבעטן אז מען זאל ווייטער איינרייסן לרפואתו השלמה והמהירה.

נאך יום טוב איז דער עולם אהיים געפארן פרייליך וויסענדיג אז מען האט אויסגע׳פועל׳ט א גוט געבענטשט יאר.

**ראש השנה ביי מיר איז גרעסער פון אלעס!**

\*\*\*

## א נייע הערליכע קלויז ווערט געבויעט אין אומן פאר קהלות היכל הקודש

גרויס פרייד הערשט ביי אנשי שלומינו אז מען האט דאס יאר אפגעקויפט דאס הויז ווי דער רבי האט געוואוינט אין אומן זיינע לעצטע יארן.

ווי באקאנט האט דער הייליגער רבי געוואוינט אין אומן די לעצטע יארן פון זיין לעבן, ווי ער האט דארט אויסגעהויכט זיין נשמה ושם חלקת מחוקק ספון.

המשך בדף ג

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**
הדלקת הנרות.................7:50
מוצש"ק............................7:48
סוף זמן ק"ש......................9:13

**שיעורים כסדרן**
בבלי.........................ברכות ס"א
ירושלמי..................כתובות ל"ה
תוספתא........בבא קמא פרק ט'


חג הסוכות, ט"ו תשרי, שנת תשע"ג לפ"ק — שנה 2, גליון 3 (51)


## ~ עַל נְטִילַת לוּלָב ~

## דִּידָן נָצַח

עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תִּיקּוּנֵי זֹהַר דַּף כט.) דֶער עִנְיָן פוּן שָׁאקְלֶען לוּלָב, וַוייל אַזוֹי וִוי דִי אִידְן זֶענֶען דָאךְ גֶעוֶוען אִין אַ קְרִיג מִיטְן יֵצֶר הָרַע אוּם יוֹם כִּיפּוּר, מְמֵילָא וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וִויסְן וֶוער עֶס הָאט גֶעווִינֶען? נָאר אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט בַּיי אַ מִלְחָמָה אוֹיף דֶער וֶועלְט, וִוי אַזוֹי וֵוייסְט מֶען וֶוער עֶס הָאט גֶעווִינֶען? מֶען זֶעהט דֶער וָואס הַאלְט דִי גֶעוֶוער אִין דִי הֶענְט דֶער הָאט גֶעווִינֶען, דִי זֶעלְבֶּע דָא וֶוען עֶס קוּמְט סוּכּוֹת אוּן דִי אִידְן הַאלְטְן דִי ד' מִינִים וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר גֶעוֶוער, זֶעהט מֶען אַז **"דִּידָן נָצַח" - מִיר הָאבְּן גֶעווִינֶען.**

דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, קוֹדֶם בַּיי אַ גֶעוֶוענְטְלִיכֶע מִלְחָמָה, וָואס אִיז דִי פְּרַאגֶע וֶוער עֶס הָאט גֶעווִינֶען? מֶען קֶען דָאךְ זֶעהן וֶוער עֶס הָאט בַּאזִיגְט וֶועם, וֵוייסְט מֶען דָאךְ וֶוער עֶס הָאט גֶעווִינֶען?

אוּן צְוֵוייטְנְ'ס דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, דֶער וָואס הָאט גֶעווִינֶען דִי מִלְחָמָה קֶען דָאךְ שׁוֹין אַרָאפּ לֵייגְן דָאס גֶעוֶוער, פַארְוָואס זָאגְסְטוּ אַז וֶוער עֶס הַאלְט דִי גֶעוֶוער אִין דִי הֶענְט, דֶער הָאט גֶעווִינֶען? פַארְקֶערְט אוֹיבּ הַאלְט עֶר נָאךְ דִי גֶעוֶוער אִין דִי הֶענְט מֵיינְט אַז עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעווִינֶען, עֶר הַאלְט נָאךְ אִינְמִיטְן דִי מִלְחָמָה.

זָאגְט רֶבִּי נָתָן אַז בַּיי דִי מִלְחָמָה מִיטְן יֵצֶר הָרַע גֵייט עֶס גָאר אַנְדֶערְשׁ וִוי בַּיי אַ גֶעוֶוענְטְלִיכֶע מִלְחָמָה, דִי מִלְחָמָה אִיז אַ לַאנְג פַארְצוֹיגֶענֶע מִלְחָמָה, **אוּן אֲפִילוּ וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט בַּאזִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר הָאט אִים מַכְשִׁיל גֶעוֶוען מִיט בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט גֶעווִינֶען, וַוייל וִוי לַאנְג דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן עֶר גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף דִי מִלְחָמָה, עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן, עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּכַאפְּן מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים אִיז עֶר דֶער גֶעווִינֶער.**

דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז נָאר דֶער גֶעווִינֶער וֶוען עֶר קֶען בַּאוַוייזְן צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ'ס מוּט, אַז עֶר זָאל אוֹיפְגֶעבְּן אוּן נִישְׁט וֶועלְן מֶער אָנְהֵייבְּן פוּן נַיי, אָבֶּער וִוי לַאנְג דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק, אִיז עֶר דֶער


המשך בדף ב


## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

### ~ סוּכָּה ~

### מִיט דִי שְׁמוּצִיגֶע שִׁיךְ...

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה אִיז גָאר אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מִצְוָה אַנְדֶערְשׁ פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע מִצְוֹת, וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אִינְגַאנְצְן אַרַיין אִין דִי סוּכָּה, אוּן עֶר טוּט אַלֶע גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע זַאכְן אִין דִי סוּכָּה, עֶר עֶסְט, עֶר טְרִינְקְט אוּן עֶר שְׁלָאפְט אִין דִי סוּכָּה, אוּן דִי אַלֶע זַאכְן הָאבְּן דִי קְדוּשָּׁה פוּן דִי סוּכָּה, וַוייל דָאס אִיז דָאךְ דִי מִצְוָה צוּ זַיין אִין דִי סוּכָּה.

אוּן דֶערְפַאר פִילְט יֶעדֶער אִיד אַ גֶעשְׁמַאק וֶוען מֶען זִיצְט אִין דִי סוּכָּה וַוייל דִי שְׁכִינָה אִיז דָארְט אוּן מֶען פִילְט מֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי סוּכָּה.

אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶעמָאלְט'ס דִי בֶּעסְטֶע צַייט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי סוּכָּה, וַוייל דָארְט וֶוערְן דִי תְּפִלּוֹת שְׁנֶעלֶער אָנְגֶענוּמֶען אוּן מֶען קֶען גְרִינְגֶער פּוֹעֵל'ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען וִויל.

עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אר"ח סי' תרל"ט ס"ד) וֶועגְן דַאוֶוענֶען אִין דִי סוּכָּה, אַז אוֹיבּ מֶען וִויל דַאוֶוענְט מֶען אִין דִי סוּכָּה אוּן אוֹיבּ נִישְׁט נִישְׁט, זָאגְן דִי פּוֹסְקִים דָארְט (מָגֵן אַבְרָהָם שָׁם ס"ק י"ד) אַז אוֹיבּ אִיז דָא אִין שְׁטָאט אַ שׁוּהל זָאל מֶען גֵיין עֶנְדֶערְשְׁט דַאוֶוענֶען אִין שׁוּהל, דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, אִין וֶועלְכֶע שְׁטָאט אִיז דֶען נִישְׁט דָא קַיין שׁוּהל אַז דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ זָאגְט אוּנְז אַז דֶעמָאלְט'ס זָאל מֶען דַאוֶוענֶען אִין דִי סוּכָּה?

נָאר בֵּיידֶע זֶענֶען אֱמֶת, דִי תְּפִלּוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב דַארְף מֶען זִיכֶער גֵיין אִין שׁוּהל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אָבֶּער דִי אַנְדֶערֶע תְּפִלּוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אוּן מֶען זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט דוּרְךְ אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטְן פְרַיינְד, דָאס אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ טוּהן אִין דִי סוּכָּה, וַוייל


המשך בדף ב

## דִּידָן נָצַח

גֶעווינֶער, אֲפִילוּ יֶעצְט אִיז עֶר נָאךְ וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר אָבֶּער מִיט דִּי צַייט וֶוערְן אַן אֱמֶת׳עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין דֶעם זֹהַר, וִוי לַאנְג דִּי אִידְן הַאלְטְן דִּי ד׳ מִינִים דִּי גֶעוֶוער אִין דִּי הַאנְט, **זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן דֶעם קַאמְף, מֵיינְט דָאס אַז זֵיי הָאבְּן גֶעווינֶען**, כָּאטְש פוּן אִינְדְרוֹיסְן קֶען מֶען בֶּאֱמֶת נִישְׁט זֶעהְן וֶוער עֶס הָאט גֶעווינֶען, עֶס זֶעהט אוֹיס אַזוֹי וִוי דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט גֶעווינֶען וַוייל עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ מַכְשִׁיל זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נָאכְנִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אִיז עֶר בֶּאֱמֶת דֶער גֶעווינֶער, "דִּידָן נָצַח".

דֶערְפַאר וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס וֵוייסְט אַז דֶער עִיקָר צִיהל פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע אִיז נָאר אִים צוּ צוּבְּרֶעכְן אַז עֶר זָאל אוֹיפְגֶעבְּן דִּי הָאפֶענוּנְג, אוּן עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט פוּן אִים, אֲפִילוּ וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע וַוארְפְט אִים אַרָאפּ, גֶעבְּט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיף, וֶועט עֶר זִיכֶער צוּם סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַלֶעם גוּט׳ס אוֹיף דִּי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הֲלָכוֹת שַׁבָּת ה"ז אוֹת נ"ד)

## הָאסְט אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיט דִּי אוֹיגְן?

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ צוּ קוּקְן אַסַאךְ אוֹיפְ׳ן אֶתְרוֹג, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת רְפוּאָה, ב, ד) "קוּקְן אוֹיפְן אֶתְרוֹג אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אוֹיגְן וֵוייטָאג", אוּן דָאס מֵיינְט סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת אֵיינֶער וָואס הָאט אַ מֵיחוּשׁ אוֹיף דִּי אוֹיגְן זָאל קוּקְן אוֹיף דִּי אֶתְרוֹג אוּן דָאס וֶועט אִים אוֹיסְהֵיילְן.

אוּן סֵיי בְּרוּחֲנִיוּת אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִּי אוֹיגְן, עֶר מוּז קוּקְן אוֹיף פְלֶעצֶער וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, זָאל עֶר קוּקְן אוֹיפְן אֶתְרוֹג, אוּן דָאס וֶועט זַיין צוּ אִים פַאר אַ רְפוּאָה.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ אַרְבָּעָה מִינִים)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

דִּי שְׁכִינָה רוּהט דָארְט אוּן מֶען קֶען פִילְן וִוי מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּנִים אֶל פָּנִים, אוּן מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, אוּן מֶען וֶועט הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

***

### בַּאקוּמְסְט דַיין שִׁידוּךְ...

אוֹיךְ אִיז דִּי סוּכָּה אַ גוּטֶע פְּלַאץ פַאר אַ בָּחוּר צוּ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ שִׁידוּךְ, אַזוֹי וִוי דִּי גְמָרָא זָאגְט (עֲרָכִין ג:) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק "בַּסוּכּוֹת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים", תֵּשְׁבוּ כְּעֵין תָּדוּרוּ - מַה דִּירָה אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ אַף סוּכָּה אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ.

דֶערְפַאר וֶוען עֶר אַ בָּחוּר זֶעצְט זִיךְ אַרַיין אִין דִּי סוּכָּה, קֶען עֶר הָאבְּן אַ גוּטֶע טַעֲנָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט ׳מַה דִּירָה אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ אַף סוּכָּה אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ׳ אִיךְ בִּין דָא אִין דִּי סוּכָּה אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהן מַיין חֵלֶק, יֶעצְט דַארְפְסְטוּ מִיר צוּשְׁטֶעלְן אַ וַוייבּ, אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִּי מִצְוָה בִּשְׁלֵימוּת.

אוּן נָאךְ מֶער זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן מ"ח) אַז דִּי מִצְוָה פוּן סוּכָּה אִיז מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער, קוּמְט אוֹיס אַז פַאר אַ בָּחוּר דַארְף דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ אוּן קֶענֶען הָאבְּן קִינְדֶערְלֶעךְ, דֶערְפַאר אִיז אִין דִּי סוּכָּה דִּי בֶּעסְטֶע פְּלַאץ פַאר אַ בָּחוּר צוּ אוֹיסְבֶּעטְן אַ שִׁידוּךְ.

***

### כַאפְּן אַ שְׁפַּאצִיר אִין דִּי סוּכָּה...

אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ וֶוערְט גֶע׳פְּסַק׳נְט (או"ח סי׳ תרל"ט ס"א) "וָואס אִיז דִּי מִצְוָה פוּן סוּכָּה? דִּי גַאנְצֶע זִיבְּן טֶעג זָאל אַ מֶענְטְשׁ עֶסְן, טְרִינְקְן, שְׁלָאפְן, אוּן ׳שְׁפַּאצִירְן׳ אִין דִּי סוּכָּה".

וָואס אִיז דִּי שְׁפַּאצִירְן אִין דִּי סוּכָּה? וֶוער הָאט דֶען אַזַא גְרוֹיסֶע סוּכָּה צוּ קֶענֶען דָארְט אַרוּם שְׁפַּאצִירְן?

נָאר עֶס קֶען זַיין דֶער פְּשַׁט אַזוֹי וִוי מֶען הָאט פְרִיעֶר גֶעזָאגְט אַז אִין דִּי סוּכָּה קֶען מֶען זִיךְ גוּט אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ שְׁפַּאצִירְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִּי סוּכָּה.

אָבֶּער עֶס קֶען זַיין נָאךְ אַ פְּשַׁט, אַז אִין דִּי סוּכָּה קֶען מֶען אַרוּם שְׁפַּאצִירְן אִין דִּי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה דִּי "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד" (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין אַלֶע חֲלָקִים אִין דִּי תּוֹרָה אִין מִקְרָא, אִין מִשְׁנָיוֹת, אִין גְמָרָא, אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ א.א.וו. אוּן עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן זָאגְן דִּי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט אוּן אֲפִילוּ עֶר גֶעדֶענְקְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט דָאס טוּהן וֶועט זִיךְ אִים מִיט דִּי צַייט עֶפֶענֶען דִּי מֹחַ אוּן עֶר וֶועט פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, אוּן אֲפִילוּ וָואס עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען אוֹיף דִּי וֶועלְט וֶועט מֶען אִים אָבֶּער אַלֶעס אוֹיסְלֶערְנֶען אוּן דֶערְמַאנֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אוּן דִּי גְמָרָא זָאגְט (סוּכָּה כח:) אַז לֶערְנֶען בְּעִיּוּן זָאל מֶען אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִּי סוּכָּה, אָבֶּער זָאגְן תּוֹרָה בְּגִירְסָא דָאס זָאל מֶען טוּהן אִין דִּי סוּכָּה, זֶעהט מֶען אַז אִין דִּי סוּכָּה אִיז דִּי רִיכְטִיגֶע פְּלַאץ אוֹיסְצוּנִיצְן דִּי צַייט אוּן לֶערְנֶען אַלֶע שִׁיעוּרִים אוֹיפְ׳ן דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי׳ן, מֶען נֶעמְט זִיךְ אַרַיין אַ הוֹיפְן סְפָרִים אִין דִּי סוּכָּה אוּן מֶען שְׁפַּאצִירְט דוּרְךְ אַבִּיסְל פוּן יֶעדֶע שִׁיעוּר, אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת, אַבִּיסְל תְּהִלִּים, אַבִּיסְל גְמָרָא א.א.וו. אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען צוּגֵיין צוּם שִׂמְחַת תּוֹרָה מִיט גָאר אַן אַנְדֶער גֶעשְׁמַאק וִויסֶענְדִיג אַז מֶען הָאט אוֹיסְגֶענִיצְט דִּי צַייט מִיט לֶערְנֶען דִּי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ קְדוּשַּׁת מִצְוַת סוּכָּה)

## ~ דִי כַּוָונוֹת פוּן שָׁאקְלֶען לוּלָב ~

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז אִין דִי נַעֲנוּעִים וָואס מֶען שָׁאקְלְט מִיטְן לוּלָב, לִיגְט אִין דֶעם גְרוֹיסֶע זַאכְן, דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ בְּרֶענְגְט אוֹיף דֶעם גְרוֹיסֶע כַּוָונוֹת (פְּרִי עֵץ חַיִים שַׁעַר הַלוּלָב פ"ג).

אָבֶער מֶען קֶען זָאגְן אוֹיךְ בְּפַּשְׁטוּת דִי כַּוָונוֹת וָואס מֶען זָאל אִינְזִין הָאבְּן בַּיים שָׁאקְלֶען דִי נַעֲנוּעִים, וָואס פוּן דֶעם קֶען מֶען נֶעמֶען גְרוֹיס חִיזוּק אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן.

### מִזְרָח-מַעֲרִיב

מֶען שָׁאקְלְט אוֹיף פָארְנְט אוּן אוֹיף אוּנְטְן, דָאס וַוייזְט אוֹיף צְוֵויי מִינֵי מַצָּבִים אִין וָואס אַ מֶענְטְשׁ גֶעפִינְט זִיךְ, אַמָאל גֵייט אִים אַלֶעס גוּט, עֶר פִּילְט אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן, אַ גֶעשְׁמַאק אִין דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אַמָאל גֵייט אַלֶעס פַארְקֶערְט, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין גָארְנִישְׁט, אַלֶעס גֵייט פַארְקֶערְט וִוי מֶען וִויל.

דֶערְפַאר שָׁאקְלְט מֶען פוּן פָארְנְט אוּן פוּן אוּנְטְן, סַיי וֶוען עֶס גֵייט מִיר גוּט אוּן סַיי וֶוען עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט גוּט וֵויים אִיךְ אַז אַלֶעס אִיז נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר צוּ אִים גֵיי אִיךְ, אוּן נָאר עֶר וֶועט מִיר הֶעלְפְן.

### דָרוֹם-צָפוֹן

מֶען שָׁאקְלְט רֶעכְטְ'ס אוּן לִינְקְס, דָאס מֵיינְט רוּחְנִיוּת אוּן גַשְׁמִיוּת, דָאס הֵייסְט אַז אִיךְ וִויל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן סַיי מִיט רוּחְנִיוּת צוּ דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן טוּהן מִצְוֹת, אוּן סַיי מִיט גַשְׁמִיוּת צוּ עֶסְן אוּן טְרִינְקְן אוּן טוּהן אַלֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן, אוֹיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן.

וַוייל עֶס גֵייט נִישְׁט אֵיינְס אָן דֶעם אַנְדֶערְן, אוֹיבּ וִויל מֶען נָאר רוּחְנִיוּת אָן גַשְׁמִיוּת וֶועט עֶס צוּפַאלְן אוּן עֶס וֶועט זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן, אוּן דִי זֶעלְבֶּע פַארְקֶערְט, מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן גַשְׁמִיוּת אָן רוּחְנִיוּת, דֶער בֶּעסְטֶער וֶועג אִיז וֶועט מֶען שְׁטֶעלְט בֵּיידֶע צוּזַאם, מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ מִיט דִי גַשְׁמִיוּת.

### מַעֲלָה-מַטָּה

אִיךְ שָׁאקְל אוֹיף אַרוֹיף אוּן אוֹיף אַרָאפּ, סַיי וֶוען אִיךְ בִּין אוֹיבְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֵויים אִיךְ אַז אִיךְ קֶען גֵיין נָאךְ הֶעכֶער, אוּן סַיי וֶוען אִיךְ בִּין אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהן עֲבֵירוֹת וֵויים אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאךְ אַלְץ מִיט מִיר, אוּן אִיךְ קֶען שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו').

דָאס הָאבּ אִיךְ אִינְזִין וֶוען אִיךְ שָׁאקְל דֶעם לוּלָב פוּן אַלֶע זַייטְן, וִוי אַזוֹי דוּ וֶועסְט מִיר דְרֵייעֶן, וֵויים אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט מִיר, אוּן דֶערְפַאר וֶוען מֶען הַאלְט דִי ד' מִינִים אִין דִי הֶענְט אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט וָואס מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, אוּן מֶען קֶען דֶערְמָאלְטְ'ס גְרִינְג פּוֹעֵל'ן אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ אַרְבָּעָה מִינִים)

## שְׁוֶוער צוּ נַארְן אִידְן...

אִין יָאר תק"ע פַאר דֶעם יוֹם טוֹב סוּכּוֹת אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ בַּאקוּמֶען קַיין אֶתְרוֹגִים, דֶער עוֹלָם הָאט גֶעמֵיינְט אַז דָאס יָאר וֶועט שׁוֹין בִּכְלַל נִישְׁט זַיין קַיין אֶתְרוֹגִים אוֹיף יוֹם טוֹב וַוייל עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֶתְרוֹג אִינֶעם גַאנְצְן לַאנְד.

בִּיז מַמָשׁ עֶרֶב סוּכּוֹת הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן בְּדֶרֶךְ נֵס אַז עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען גֶעצֵיילְטֶע אֶתְרוֹגִים צוּ עֶטְלִיכֶע שְׁטֶעט, אוּן מֶען הָאט פַאר דֶעם גֶעצָאלְט גָאר אַסַאךְ גֶעלְט.

אוֹיךְ אוֹיף בְּרֶסְלַב אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַן אֶתְרוֹג, גָאר אַ שֵׁיינֶער אֶתְרוֹג, צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ פוּן דֶעם אֶתְרוֹג, עֶר הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל בְּרֶענְגְן מוּזִיק אוּן שְׁפִּילְן, פַאר גְרוֹיס פְרֵייד אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען אַן אֶתְרוֹג.

דְרֵיי טֶעג אִין אַ צִי הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהַאט גָאר גְרוֹיס חִיוּת פוּן דֶעם, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט דִי טֶעג גָארְנִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט דִי שְׁוֶוערֶע קְרֶענְק וָואס עֶר הָאט דֶעמָאלְטְ'ס גֶעהַאט פוּן דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה פוּנֶעם אֶתְרוֹג.

אוֹיךְ נָאךְ סוּכּוֹת הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט אַסַאךְ פוּן דֶעם אֶתְרוֹג, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן אֶתְרוֹג, אָבֶער אַזוֹיפִיל קֶען מֶען זֶעהן אַז אִידְן לָאזְן זִיךְ קָאסְטְן גְרוֹיסֶע גֶעלְטֶער צוּ קוֹיפְן אַן אֶתְרוֹג, מֶער וִויפִיל מֶען צָאלְט פַאר אַנְדֶערֶע מִצְוֹת, אוּן אִידְן זֶענֶען דָאךְ אַ קְלוּג פָאלְק, עֶס אִיז שְׁוֶוער זֵיי צוּ פַארְנַארְן, אוּן דֶערְפַאר אוֹיבּ זֶעהט מֶען אַז זֵיי צָאלְן אַזוֹיפִיל גֶעלְט פַאר דִי מִצְוָה אִיז אַ סִימָן אַז דָאס אִיז גָאר אַ טֵייעֶרֶע מִצְוָה וָואס מֶען קֶען גָארְנִישְׁט אָפְּשַׁאצְן.

(שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קכ"ה)

## בית המדרש היכל הקודש ברסלב

בנשיאות כ"ק מוהרא"ש שליט"א

27 Skillman St.

## זמנים לחג הסוכות

ברכות 10:00 הודו 10:15

מנחה בשעה 7:00

### הושענא רבא

משנה תורה בשעה 11:00

שחרית בשעה 10:30

### שמיני עצרת

ברכות 10:00 הודו 10:15

מנחה 7:00

### שמחת תורה

ברכות 9:00 הודו 9:15

מנחה 6:30

ואחר כך נעילת החג

# אַשֶׁר בַּנַּחַל

## מֶען שְׁלָאגְט נִישְׁט קַיין קִינְד !

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְד.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט אַריינְנֶעמֶען יֶעדְן שַׁבָּת אַפָּאר אוֹרְחִים, אוּן גֶעוֶוענְלִיךְ זֶענֶען אִידְן שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען בַּעֲלֵי מַכְנִיסֵי אוֹרְחִים, וֶוען מֶען הָאט גֶעזֶעהְן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס נֵייעֶ פְּנִימֶ'ר וְכוּ', הָאט מֶען פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז אוֹרְחִים וְכוּ', הָאט יֶעדֶער אֵיינֶער אַרֵיינְגֶענוּמֶען אַן אוֹרֵחַ צוּ זִיךְ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעוַוארְט דֶער לֶעצְטֶער, אוּן עֶר הָאט אַרֵיינְגֶענוּמֶען וֶועמֶען קֵיינֶער הָאט נִישְׁט אַרֵיינְגֶענוּמֶען, אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר זִיךְ פִירְן, אֵיינְמָאל הָאט עֶר אַרֵיינְגֶענוּמֶען אַן אוֹרֵחַ וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעוֶוען קְרִיעָה בְּלִיעָה וְכוּ', שְׁמוּצִיג וְכוּ', סְ'אִיז אַרוֹיס פוּן אִים אַ שְׁלֶעכְטְן גְרוּיךְ וְכוּ', אַזַא אוֹרֵחַ הָאט קֵיינֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרֵיינְנֶעמֶען, אוּן וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אִים אַהֵיימְגֶעבְּרֶענְגְט הָאט זַיין זוּהְן רֶבִּי יִצְחָק זַ"ל נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיצְן בַּיים טִישׁ, עֶר הָאט זִיךְ גִיעֶקֶלְט פוּן אִים, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעגֶעבְּן צְוֵויי פֶּעטְשׁ אוּן עֶר הָאט אִים גֶעהֵייסְן אַז עֶר מוּז זִיצְן בַּיים טִישׁ וְכוּ', אוּן נָאךְ שַׁבָּת וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט וִויאַזוֹי סְ'אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען שַׁבָּת, אוּן אַז עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן צְוֵויי פֶּעטְשׁ פַאר זַיין זוּהְן, הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן, אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען? אוּן וִוידֶער אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען טַאקֶע אַ גוּטְן אוֹרֵחַ מִיט וֶועמֶען דוּ זָאלְסְט קֶענֶען רֶעדְן דִבְרֵי תּוֹרָה. זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער.

סְ'אִיז דָא אַ דִיבּוּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז מִיט גוּטְן פּוֹעֶלְ'ט מֶען בֶּעסֶער, אוּן אַמָאל אַז מֶען זֶעהְט אַז מֶען הָאט גֶעפּוֹעֶלְ'ט מִיט פֶּעטְשׁ, דַארְף מֶען ווִיסְן אוֹיבּ מֶען וָואלְט זִיךְ אַיינְגֶעהַאלְטְן אוּן מֶען וָואלְט גֶעהַאט גֶעדוּלְד וָואלְט מֶען שֶׁענֶער גֶעפּוֹעֶלְ'ט. זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם, דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְ'ס וֶועג אִין דִי עֶרְצִיעֶן קִינְדֶער, מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער, אוּן מֶען טָאר נִישְׁט שְׁפֶּעטְן פוּן זֵיי, אוּן אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי טָאר מֶען זֵיי נִישְׁט אַרָאפְּקְלַאפְּן.

דַארְפְסְט פַארְשְׁטֵיין סוֹף כָּל סוֹף דָאס אִיז דַיינֶע קִינְדֶער, אוּן דוּ ווִילְסְט הָאבְּן פוּן זֵיי נַחַת, אוּן זֵיי וֶועלְן אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם גְרוֹיס זַיין אוּן חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן פוּן זֵיי אַסַאךְ נַחַת, שְׁטֶעל זִיךְ פָאר אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זֵיי אַרָאפְּקְלַאפְּן אוּן שְׁלָאגְן יֶעצְט קְלֵיינֶערְהֵייט, אוּן צוּבְּרֶעכְן, אוּן זֵיי נִישְׁט גֶעבְּן קַיין גֶעלֶעגְנְהַייט אוֹיפְצִיוַואקְסְן, וָואס ווִילְסְטוּ אַז שְׁפֶּעטֶער וֶועלְן זֵיי זַיין בַּעֲלֵי מוּמִים רַחֲמָנָא לִיצְּלָן וְכוּ' אָבֶער דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט, אִיבֶּערְדֶעם הָאבּ שֵׂכֶל יֶעצְט, קְלַאפּ נִישְׁט אַרָאפּ דַיינֶע קִינְדֶער, וּמִכָּל שֶׁכֵּן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט שְׁלָאגְן, רֶעד מִיט זֵיי אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט מִיט דֶערְוַואקְסֶענֶע, אוּן אַז זֵיי פְרֶעגְן עֶפֶּעס זָאלְסְטוּ זֵיי עֶנְטְפֶערְן אַזוֹי ווִי מֶען עֶנְטְפֶערְט אַ דֶערְוַואקְסֶענֶעם, מֶען זֶעהְט וֶוען אַ דֶערְוַואקְסֶענֶער פְרֶעגְט דִיךְ עֶפֶּעס אַ נַארִישְׁקֵייט הָאסְטוּ גֶעדוּלְד אוּן דוּ עֶנְטְפֶערְסְט אִים, אָבֶער וֶוען דַיין קִינְד פְרֶעגְט דִיךְ אַ נַארִישְׁקֵייט וְכוּ', וָואס עֶר אִיז נָאךְ דֶערְוַוייל אַ קִינְד מִיט אַ קְלֵיינֶעם שֵׂכֶל וְכוּ', שְׁטִיפְּסְטוּ אִים אַוֶועק וְכוּ', קְלַאפְּסְט אִים אַרָאפּ וְכוּ', שְׁפֶּעטְסְט פוּן אִים וְכוּ', אִיז וָואס ווִילְסְטוּ פוּן אִים הָאבְּן וֶוען עֶר וֶועט זַיין גְרוֹיס? ווִי ווִילְסְטוּ עֶר זָאל אוֹיפְוַואקְסְן? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אִין (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים סִימָן ק"ז) הַבָּנִים שׁוֹטִים כְּשֶׁאֲבִיהֶם כַּעֲסָן; קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹטִים וֶוען דֶער טַאטֶע אִיז אַ כַּעַסְ'ן, אוּן עֶס אִיז צוּ פַארְשְׁטֵיין פָּשׁוּט, אַ קִינְד פְרֶעגְט אַ טַאטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר זֶעהְט, סוֹף כָּל סוֹף אִיז דָאס זַיין טַאטֶע, וֶוען דֶער טַאטֶע עֶנְטְפֶערְט אִים אוּן עֶר אִיז אִים מַסְבִּיר יֶעדֶע זַאךְ, וַואקְסְט עֶר אוֹיף אַ קְלוּג קִינְד, אָבֶער וֶוען דֶער טַאטֶע אִיז אַ אוֹיפְגֶערֶעגְטֶער אוּן עֶר קְלַאפְּט אַרָאפּ דֶעם קִינְד, אוּן וָואס עֶר פְרֶעגְט אִים עֶנְטְפֶערְט עֶר אִים נִישְׁט, בְּלַייבְּט עֶר אַ שׁוֹטֶה. אִיבֶּערְדֶעם גֶעבּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג פוּן הַיינְט אָן זָאלְסְט נִישְׁט אָנְשְׁרַייעֶן דַיינֶע קִינְדֶער, אוּן זָאלְסְט זֵיי נִישְׁט שְׁפֶּעטְן, אוּן זָאלְסְט נִישְׁט חוֹזֶק מַאכְן פוּן זֵיי, אַזוֹי וֶועסְטוּ זַיין זִיכֶער וֶועסְטוּ הָאבְּן גֶערָאטֶענֶע קִינְדֶער. אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן וֶועסְטוּ הָאבְּן נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער.

(אַשֵׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ג' מִכְתַּב ת"ח)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

~~~

### שיינע תפלות ביי מוהרא"ש יום כיפור

אזוי ווי די פארגאנגענע יאר האט מוהרא"ש דאס יאר נאכאמאל אריבער גערופן דעם ראש השיבה ער זאל קומען מיט די בחורים דאווענען יום כיפור בבית מדרשו אין בארא פארק.

די בחורים זענען טאקע אריבער אויף יום כיפור צו מוהרא"ש, דער ראש הישיבה האט געדאווענט שחרית פארן עמוד, ווען די בחורים העלפן צו, מיט אלע ניגונים.

עס איז געווען א שיינער יום טוב, און מען האט זיכער גע'פועל'ט א גמר חתימה טובה, א גוט געבענטשט יאר פאר גאנץ כלל ישראל.

וביום צום כיפור יחתמון!

בעזהשי"ת
בית המדרש היכל הקודש ברסלב
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א
27 Skillman Street Brooklyn NY 11205

תאו ואתכנשו!
הננו מודיעים לכל אנשי שלומינו
שיתקיים אי"ה
סעודת הילולא רבתי
של רבינו ז"ל
ביום ה', ב' דחול המועד
אשפיזא דמשה רעיא מהימנא
בסוכת כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א
בבית מדרשינו בבארא פארק
1129 42nd street
בשעה 5:00
חג כשר ושמח הגבאים




צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון
פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**
הדלקת הנרות.................6:02
מוצש"ק.......................7:31
סוף זמן ק"ש...................9:17

**שיעורים כסדרן**
בבלי.............................שבת י'
ירושלמי...................כתובות מ"ז
תוספתא........בבא מציעא פרק י'


פרשת בראשית, כ"ז תשרי, מברכים חודש חשון, שנת תשע"ג לפ"ק — שנה 2, גליון 4 (52)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ**, זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה א', ט"ו) דִי בֵּית שַׁמַּאי זָאגְן אַז דִי הִימְל אִיז קוֹדֶם בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אוּן דֶערְנָאךְ דִי עֶרְד, אוּן דִי בֵּית הִלֵּל זָאגְן אַז דִי עֶרְד אִיז קוֹדֶם בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אוּן דֶערְנָאךְ דִי הִימְל, קוּמְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי אוּן עֶר זָאגְט: אִיךְ וואוּנְדֶער מִיךְ וִוי אַזוֹי דִי בֵּית שַׁמַּאי אוּן בֵּית הִלֵּל קְרִיגְן זִיךְ וָואס עֶס אִיז קוֹדֶם בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, וַוייל אִיךְ זָאג אַז בֵּיידֶע זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אִינְאֵיינֶעם, אַזוֹי וִוי אַ טָאפּ מִיטְן דֶעקְל.

מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן סֵיי מִיט רוּחְנִיוּת אוּן סֵיי מִיט גַשְׁמִיוּת, וֶוען אַ אִיד וִויל זַיין עֶרְלִיךְ דַארְף עֶר נִישְׁט אַוֶועק וַוארְפְן זַיין גַאנְצֶע גַשְׁמִיוּת, נָאר פַארְקֶערְט, מֶען קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ מִיט דִי גַשְׁמִיוּת, וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה אִיז, אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין מֶדְרָשׁ, דִי בֵּית שַׁמַּאי זֶענֶען דָאךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעגַאנְגֶען מִיט הַארְבְּקַייט מִיט שְׁטְרֶענְגְקַייט, דֶערְפַאר הָאבְן זֵיי גֶעהַאלְטְן אַז מֶען קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר מִיט רוּחְנִיוּת, מֶען דַארְף זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט, דֶערְפַאר זָאגְן זֵיי אַז דִי הִימְל אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פְרִיעֶר, אַז מֶען דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר מִיט הִימְל זַאכְן.

וִוי דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (שַׁבָּת לא.) אַז עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען גֵרִים צוּ שַׁמַּאי זִיךְ צוּ מְגַייֵר זַיין הָאט עֶר זֵיי אַוֶועק גֶעשְׁטוּפְּט, אָבֶּער הִלֵּל הָאט זֵיי יָא מְקָרֵב גֶעוֶוען, וַוייל זַיין שִׁיטָה אִיז גֶעוֶוען צוּ מְקָרֵב זַיין אֲפִילוּ דִי וָואס לִיגְן נָאךְ אִין גַשְׁמִיוּת, דֶערְפַאר זָאגְט עֶר אַז דִי עֶרְד אִיז פְרִיעֶר בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, אַז מֶען קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ מִי עֶרְד זַאכְן, מִיט גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע זַאכְן.

קוּמְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי אוּן זָאגְט: **אִיךְ פַארְשְׁטֵיי בִּכְלַל נִישְׁט דִי גַאנְצֶע מַחְלוֹקֶת, עֶס אִיז אַלֶעם אֵיינְ'ס, גַשְׁמִיוּת מִיט רוּחְנִיוּת, מֶען קֶען מִיט אַלֶעם דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען מֶען לֶעבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיךְ, וִוי לַאנְג מֶען גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, מֶען פִירְט זִיךְ וִוי דִי הֲלָכָה הֵייסְט.**

דֶערְפַאר זָאגְט עֶר דִי הִימְל אוּן עֶרְד זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אִינְאֵיינֶעם וִוי אַ טָאפּ מִיטְן דֶעקְל, וַוייל עֶס אִיז אַלֶעם אֵיינְ'ס.


המשך בדף ב


## שִׂיחוֹת מוֹהַרְאַ"שׁ

### ~ שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית ~

דֶעם שַׁבָּת רוּפְט מֶען "שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית", דָאס אִיז נִישְׁט נָאר וַוייל מֶען לֵיינְט דִי וָואךְ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, נָאר אוֹיךְ וַוייל דֶער שַׁבָּת אִיז "רֵאשִׁית" - דֶער עֶרְשְׁטֶער שַׁבָּת פוּנֶעם יָאר, אוּן מִיט דֶעם הֵייבְּט מֶען אָן דִי יָאר, עֶס אִיז דֶער קָאפּ פוּנֶעם יָאר, אוּן וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף דֶעם שַׁבָּת אַזוֹי וֶועט מֶען זִיךְ פִירְן אַ גַאנְץ יָאר, וַוייל דֶער גוּף גֵייט נָאכְן קָאפּ.

דֶערְפַאר אִיז גוּט דֶעם שַׁבָּת אַרַיינְצוּטְרַאכְטְן אוּן זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אוּן אַ פְּלַאן וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּנִיצְן דִי יָאר וָואס קוּמְט מִיט גוּטֶע זַאכְן, מִיט רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים אִין דִי תּוֹרָה, אַזוֹי וֶוערְט אוֹיךְ גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן "דִבְרֵי חַיִּים" זי"ע אַז שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית הָאט עֶר זִיךְ מְסַדֵּר גֶעוֶוען זַיינֶע שִׁיעוּרִים אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר.

אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט אוֹיסְנִיצְן דֶעם שַׁבָּת וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מִיט גוּטֶע רְצוֹנוֹת, וָואס מֶען וִויל דָאס יָאר טוּהן, וֶועט נָאכְדֶעם קוּמֶען אַ גוּטֶע יָאר, פִיל מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

לָאמִיר אִיבֶּערְגֵיין עֶטְלִיכֶע גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס מֶען קֶען זִיךְ פָארְנֶעמֶען יֶעצְט שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר.

### דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף זִיךְ אַ אִיד פָארְנֶעמֶען צוּ דַאוֶונֶען יֶעדְן טָאג מִיט מִנְיָן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, וּבִפְרַט אִין שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, לְמַעֲשֶׂה זֶעהט מֶען אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין דֶעם, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ו:) אַז דַאוֶונֶען אִיז גָאר אַ הוֹיכֶע גְרוֹיסֶע זַאךְ אָבֶּער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין דֶעם, מֶען אִיז זִיךְ מוֹרֶה הֶיתֵּר צוּ דַאוֶונֶען אִינְדֶערְהֵיים בְּיְחִידוּת, אוּן דוּרְךְ דֶעם פַארְלִירְט מֶען דִי מִצְוָה פוּן תְּפִלָּה בְּצִיבּוּר, עֶנְטְפֶערְן אָמֵן, קְדוּשָׁה, בָּרְכוּ, אוּן קְרִיאַת הַתּוֹרָה, אוּן בֶּאֱמֶת אִיז שׁוֹין הַיינְט נִישְׁטָא קַיין תֵּירוּץ פַארְוָואס נִישְׁט צוּ דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן, וַוייל הַיינְט אִיז שׁוֹין דָא כִּמְעַט אוֹיף יֶעדֶע גַאס אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אוּן עֶס אִיז דָא מִנְיָנִים פוּן גָאר


המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

וואויל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל אִין יֶעדֶע מַצָב, און מִיט אַלֶעם קֶען מֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית בְּרֵאשִׁית תשס"ח לפ"ק)

***

**וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר יוֹם אֶחָד**, מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן ד) אַז וֶוען אַ יוּד וֵוייסְט אַז אַלֶעם וָואס עֶס גֶעשֶׁעהט צוּ אִים, אֲפִילוּ עֶס זֶעהט אוֹיס וִוי שְׁלֶעכְט, הָאט עֶס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בֶּאֱמֶת גֶעטוּהן נָאר פַאר זַיין גוּט'ס, דָאס אִיז מַמָּשׁ מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא.

וַוייל אַ יוּד דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶן אַז אַלֶעם אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, סַיי וֶוען עֶס גֶעשֶׁעהט אַ גוּטֶע זַאךְ דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶן אַז דָאס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעטוּהן, און סַיי עֶס גֶעשֶׁעהט אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ אִיז עֶס אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֵיינְט זִיכֶער נָאר גוּט'ס.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק **"וַיְהִי עֶרֶב"** - סַיי וֶוען עֶס אִיז טוּנְקֶל פַאר אַ מֶענְטְשׁ, דָאס מֵיינְט אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, **"וַיְהִי בֹקֶר"** - סַיי וֶוען עֶס אִיז לִיכְטִיג פַאר אַ מֶענְטְשׁ, דָאס מֵיינְט אַז עֶס גֵייט אִים יָא גוּט, זָאל עֶר גֶעדֶענְקֶן אַז **"יוֹם אֶחָד"** - אַלֶעם קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵיין אֵיינְצִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

(זֹאת הַתּוֹרָה בְּרֵאשִׁית ז)

***

**וַיִּקְרָא ה' אֱלֹקִים אֶל הָאָדָם וַיֹּאמֶר לוֹ אַיֶּכָּה**, מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ד) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זִיךְ מְצַמְצֵם צוּ שִׁיקְן רְמָזִים פַאר אַ מֶענְטְשׁ אִים צוּ דֶערְמַאנֶען צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַמָאל מִיט גוּטֶע זַאכְן און אַמָאל פַארְקֶערְט, אַמָאל שִׁיקְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גוּט'ס פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל כַאפְּן אַז דָאס הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעשִׁיקְט, און עֶר זָאל זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן און דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אַמָאל שִׁיקְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁלֶעכְט'ס חַס וְשָׁלוֹם, אוֹיךְ נָאר צוּ דֶערְמַאנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק **וַיִּקְרָא ה' אֱלֹקִים אֶל הָאָדָם**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּפְט דֶעם מֶענְטְשׁ, אַמָאל מִיט מִדַּת הָרַחֲמִים און אַמָאל מִיט מִדַּת הַדִין, אָבֶּער דָאס אַלֶעם אִיז נָאר, **וַיֹּאמֶר לוֹ אַיֶּכָּה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל מִיט דֶעם אוֹיפְוֶועקְן דֶעם מֶענְטְשׁ "וואוּ בִּיזְטוּ אוֹיף דֶער וֶועלְט?" וֶועק דִיךְ אוֹיף פוּן דַיין שְׁלָאף, און דֶערְמַאן דִיךְ אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, און הֵייבּ אָן צוּ רֶעדְן צוּ אִים.**

וואויל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הֶערְט זִיךְ צוּ צוּ דִי רְמָזִים וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער שִׁיקְט אִים, און עֶר גֵייט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הֵייבְּט אָן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין מַאמֶע-לָשׁוֹן, וֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן אַלֶעם גוּט'ס.

(זֹאת הַתּוֹרָה בְּרֵאשִׁית י"א)



## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

פְּרִי בִּיז גָאר שְׁפֶּעט, און מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג טְרֶעפְן אַ מִנְיָן צוּ דַאוֶוענֶען.

אָבֶּער דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט לִיבּ צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, "וָואס הָאסְטוּ צוּ גֵיין דַאוֶוענֶען? דוּ וֵוייסְט דָאךְ יָא וִוי אַזוֹי דוּ זֶעהסְט אוֹיס, דוּ בִּיזְט דָאךְ זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ בִּיזְט פִּיל מִיט עֲבֵירוֹת, און דָא קוּמְסְטוּ דַאוֶוענֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף נִישְׁט אַזַא דַאוֶוענֶען", אָבֶּער דָאס אִיז נָאר דֶער שְׁלֶעכְטֶער יֵצֶר הָרַע וָואס פַארְגִינְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ, וַוייל דֶער אֱמֶת אִיז פוּנְקְט פַארְקֶערְט, אוֹיבּ בִּין אִיךְ טַאקֶע אַזוֹי שְׁלֶעכְט, וֶועל אִיךְ כָּאטְשׁ טוּהן וָואס אִיךְ קֶען יָא, אִיךְ וֶועל כָּאטְשׁ דַאוֶוענֶען אִין שׁוּהל און דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת טז.) אַז דִי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים זֶענֶען וִוי אַ מִקְוֶה וָואס רֵיינִיגְט און הֵיילִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער בֵּית הַמִּדְרָשׁ הֵיילִיגְט און רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת, און דֶערְפַאר אוֹיבּ בִּין אִיךְ פִּיל מִיט עֲבֵירוֹת, וֶועל אִיךְ הֶערְשְׁט גֵיין אִין שׁוּהל דַאוֶוענֶען און דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן מֵיין שְׁלֶעכְטְ'ס.

## מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין

אוֹיךְ אִיז יֶעצְט אַ גוּטֶע צַייט זִיךְ פָארְצוּנֶעמֶען צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ, מֶענְטְשְׁן זוּכְן אַלֶע מִינֵי סְגוּלוֹת פַאר אֲרִיכוּת יָמִים, און דָא אִיז דָא אַ סְגוּלָה פוּן חַזַ"ל, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ח.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר שֶׁכָּל הַמַשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר מַשְׁלִימִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו, זֶעהט מֶען אַ קְלָארֶע צוּזָאג פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אַז וֶוער עֶס וֶועט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, וֶועט לֶעבְּן לַאנְג.

און דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין שׁוֹין פוּן זוּנְטָאג, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע'פְּסַק'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סי' רפ"ה סְעִיף ג') אַז מֶען קֶען שׁוֹין פוּן זוּנְטָאג אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, און דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט (שָׁם) אַז דֶער הֵיילִיגֶער גְרָ"א פְלֶעגְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן, דָאס מֵיינְט אַז זוּנְטָאג אִיז מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה פוּן אָנְהֵייבּ סֶדְרָה בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג פוּן שֵׁנִי בִּיז שְׁלִישִׁי, און אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז פְרַייטָאג עֶנְדִיגְט מֶען דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה.

כָאטְשׁ דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אַז עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה פְרַייטָאג, דַארְף מֶען אָבֶּער קוּקְן אוֹיף דִי מְצִיאוּת, פַּאקְטִישׁ זֶעהט מֶען בַּיי רוֹב מֶענְטְשְׁן אַז מֶען קֶען נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פְרַייטָאג, און סְפֶּעצִיעֶל אִין דִי קוּרְצֶע ווִינְטֶער פְרַייטָאג'ס אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, און אַזוֹי גֵייט דוּרְךְ אַ וָואךְ נָאךְ אַ וָואךְ און מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה, וַוייל מֶען ווִיל עֶס נָאר טוּהן פְרַייטָאג.

דֶערְפַאר קֶען מֶען זִיךְ בַּיי דֶעם פַארְלָאזְן אוֹיף דִי פָּשׁוּט'עֶ הֲלָכָה אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אַז מֶען קֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן זוּנְטָאג, און אַזוֹי וֶועט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי אַלֶע גוּטֶע סְגוּלוֹת וָואס דָאס בְּרֶענְגְט מִיט זִיךְ.

## זָאגְן מִשְׁנַיּוֹת

אוֹיךְ קֶען מֶען יֶעצְט אִין "שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית" אָנְהֵייבְּן אַ שִׁיעוּר אִין זָאגְן מִשְׁנַיּוֹת, אַ יֶעדְן טָאג אַ פֶּרֶק אָדֶער צְוֵוי, יֶעדֶער אֵיינֶער וִויפִיל עֶר קֶען, אָנְהֵייבְּן פוּן אָנְהוֹיבּ מַסֶכֶת בְּרָכוֹת און אַזוֹי צוּבִּיסְלֶעךְ דוּרְכְגֵיין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה בִּיז מַסֶכֶת עוּקְצִין, און אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל.

מִשְׁנַיּוֹת הָאט אַ כֹּחַ אַז עֶס הֵיילִיגְט און רֵיינִיגְט דֶעם

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

מֶענְטְשׁ, אוּן דְרֵייט אִים אִיבֶּער צוּ וֶוערְן גוּט, מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיוֹת נְשָׁמָה, עֶס רֵיינִיגְט דִי נְשָׁמָה, מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיוֹת מְשַׁנֶה, עֶס טוּישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם גוּטְן, דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (מוּבָא בַּמִּדְרָשׁ תַּלְפִּיּוֹת) אַז אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט בַּיים טִיר פוּן גֵהִינוֹם, אוּן וֶוער עֶס הָאט גֶעזָאגְט מִשְׁנַיוֹת לָאזְט עֶר נִישְׁט אַרַיין דָארְט, נָאר עֶר פִּירְט אִים צוּ זִיךְ אִין גַן עֵדֶן, אוּן אַזוֹי זֶעהט מֶען אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים ל') הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי, אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִשְׁנָה, מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר גוּט זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת.

## גְמָרָא

אוֹיךְ דַארְף מֶען זִיךְ יֶעצְט פָּארְנֶעמֶען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל גְמָרָא חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט גְמָרָא וֶוערְט עֶר אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט דִי פִּיר גְרוֹיס מַלְאָכִים וָואס הִיטְן אִים פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְ'ס, וִוי עֶס גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר הַחַיִּים (לְאָחִיו שֶׁל הַמַּהֲרַ"ל מִפְּרַאג זַ"ל) אַז גְמָרָא אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת גַ'בְרִיאֵל מִ'יכָאֵל רְ'פָאֵל אוּ'רִיאֵל.

וּבִפְרַט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג, דָאס גֶעבְּט אִים אַ צוּרָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ, וִוי דֶער צַדִיק רֶבִּי שְׁלֹמֹה'קֶע זְוִוילֶער זי"ע פְלֶעגְט זָאגְן אַז וֶוער עֶס לֶערְנְט נִישְׁט אַ דַף גְמָרָא אַ טָאג הָאט אַ צוּרָה פוּן אַ בְּהֵמָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דֶערְפַאר לֶערְנְט מֶען דֶעם שַׁבָּת אַ בְּלַאט גְמָרָא, אוּן דָאס וֶועט הֶעלְפְן אַז מֶען זָאל שׁוֹין אַ גַאנְץ יָאר לֶערְנֶען גְמָרָא.

## מֶדְרָשׁ

אוֹיךְ אִיז גוּט זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מֶדְרָשׁ יֶעדְן טָאג, מֶדְרָשׁ רַבָּה אוּן מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, דִי מִדְרָשִׁים זֶענֶען דִי בֶּעסְטֶע מוּסָר סֵפֶר, אוּן עֶס אִין דֶעם בַּאהַאלְטְן גָאר אַסַאךְ סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, אַזוֹי וִוי דֶער צַדִיק רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער הָאט גֶעזָאגְט, אַז מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט זָאגְן פְּשַׁט אִין מֶדְרָשׁ, וַוייל דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ הָאט מַסְבִּיר גֶעוֶוען דֶעם זֹהַר, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן מַסְבִּיר גֶעוֶוען דֶעם אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ, אָבֶער אוֹיף מֶדְרָשׁ וֶועט מָשִׁיחַ זָאגְן פְּשַׁט, דֶערְפַאר אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מֶדְרָשׁ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ שְׁטִיקְל בִּיז בְּמֶשֶׁךְ דִי צַייט עֶנְדִיגְט מֶען דֶעם גַאנְצְן מֶדְרָשׁ.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט דִי פִּיר שִׁיעוּרִים אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ, הָאט עֶר אַ גֶעשְׁמַאקֶע סְעוּדָה פַאר זַיין נְשָׁמָה, אוּן עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכוֹת וָואס יִצְחָק הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט יַעֲקֹב, וְיִתֶּן לְךָ הָאֱלֹקִים מִטַּל הַשָּׁמַיִם וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ וְרֹב דָּגָן וְתִירֹשׁ, וָואס דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט אוֹיף דֶעם (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ס"ו, ג) מִטַּל הַשָּׁמַיִם דָאס אִיז מִקְרָא, וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ דָאס אִיז מִשְׁנָה, וְרֹב דָּגָן דָאס אִיז גְמָרָא, וְתִירֹשׁ דָאס אִיז מֶדְרָשׁ.

וֶוען אַ אִיד נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער דִי לִימוּדִים אִין דֶעם שַׁבָּת וֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים שִׁיקְן אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת אוֹיף אֵייבִּיג אָמֵן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל שב"ק בַּבּוֹקֶר פ' בְּרֵאשִׁית תשס"ט לפ"ק)

# ~ נייעס אינעראלב מוסדותינו הק' ~

המשך פון דף ד

עטליכע מיידלעך, כאטש עס איז זייער שווער אבער ווען מען טוט פארן אייבערשטן מיט מסירת נפש וועט דער אייבערשטער זיכער העלפן (בייגעלייגט דעם "מכתב קודש").

גלייך האבן זיך די הנהלה אריינגעווארפן און דעם גרויסן אונטערנעמונג און געעפנט די מיידל שולע, און ווי עס איז שוין באקאנט פאר יעדן האט די סקול גאר שטארק מצליח געווען, אסאך מער ווי געראכטן, עס האט באקומען גאר א גוטע נאמען אז דא איז די פלאץ ווי מען איז מחנך די קינדער מיט גרויס איבערגעגעבנקייט, און מען לייגט אריין אין זיי אמונה, צניעות, מדות טובות און יראת שמים, דאס וואס יעדע עלטערן ווילן זעהן ביי זייערע קינדער.

יעצט צום אנהויב פון די נייע לערן יאר נאך זומער, האבן זיך איינגעשריבן גאר א גרויסע צאל קינדער, וואס מען האט דערפאר געדארפט אויפנעמען א גרעסערע צאל איינגעשטעלטע זיך אפצוגעבן מיט די טייערע קינדער.

און מען זעהט טאקע בחוש דאס וואס מוהרא"ש האט געשריבן פאריאר **"אזוי ווי עטץ האט'ס געהאט ניסים ונפלאות א גאנץ יאר, האלט איך זיכער וועט איר מיט די מיידל שולע אויך האבן ניסים ונפלאות"** עס איז ממש געווען ניסים ונפלאות ווי אין אזא קורצע תקופה האט זיך די סקול ערהארבן אזא גוטן נאמען און גאר אסאך עלטערן ווילן נאר דא שיקן די קינדער.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן ווייטער מצליח זיין און אריין ברענגען אין אונזערע קינדער די אלע הייליגע עצות פונעם רבי'ן און אזוי אנטקעגן גיין משיח צדקינו ב.ב.א.

### מכתב קודש פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א איבער די עפענונג פון די נייע מיידל שולע "בית פיגא - היכל הקודש ברסלב"

בעזה"י יום ב' לסדר נח כ"ו תשרי ה'תשע"ב

שלום וברכה אל האברך היקר לי מאד ... נ"י

אזוי ווי עס איז געקומען צו מיר היינט צוויי עלטערן וואס זיי האבן טעכטער און קיינער וויל זיי נישט אריינעמען לערנען אין זייער סקול, ווייל זיי זאגן זייערע יונגלעך לערנען אין אונזער תלמוד תורה, זעה איך א רמז פון הימל אז מען דארף אויפמאכן א מיידל שולע, הן אמת ס'איז זייער שווער צו האלטן א תלמוד תורה מיט א גאנצע סטעף מלמדים, אבער אזוי ווי עטץ האט'ס געהאט ניסים ונפלאות א גאנץ יאר, האלט איך זיכער וועט איר מיט די מיידל שולע אויך האבן ניסים ונפלאות, מען דארף ביים אנפאנג נישט נעמען קיין מנהלת וכו', נאר איין אדער צוויי פרויען וואס זיי זאלן זיין די לערערענס, מען באצאלט זיי ארום דריי הונדערט פופציג דאלער א וואך, און זיי וועלן לערנען מיט די פאר מיידלעך הלכות, און שרייבן, און רעכענען, און שפראך, וכו' וכו', און אזוי וועט זיך אנהייבן די מיידל שולע.

עס איז באוויסט אז דער הייליגער סאטמאר רב זי"ע בעל "דברי יואל" האט אנגעהויבן זיין מיידל שולע "בית רחל" מיט צוויי תלמידות, און עס איז צעוואקסן געווארן א גאנצע אימפעריע, קרוב צו צען טויזנט מיידלעך כן ירבו, דאס איז מקובל פון צדיקים אז יעדע זאך וואס מען טוט מיט מסירת נפש און מיט אמת, האט הצלחה, אויב איינער האט אינזינען זיך וכו', ישות וכו', פרסום וכו', איז צום סוף פאלט דאס אוועק און ס'ווערט בטל ומבוטל כעפרא דארעא, איבער דעם ווייל קיין שום מוסד וויל נישט אריין נעמען אונזערע טעכטער, ווייל זייערע זוהן לערנען אין אונזער תלמוד תורה, זעה איך נישט קיין אנדערע עצה, נאר אויפמאכן א מיידל שולע, מען דארף אנהייבן מיט קליינעם נישט מיט קיין גרויסן סטעף, וועט מען האבן גרויס הצלחה.

...אזוי ווי איך פאר אוועק דעם דינסטאג אויף ארץ ישראל, און איך וועל נישט דא זיין לכל הפחות דריי שבתים וכו', און אפשר מער וכו', זאלסטו מיר בלייבן געזונט, און דו זאלסט זיין זייער פריילין, און עס זאל נתרבה ווערן גבולך בתלמידים.

המאחל לך ברכה והצלחה מן השמים

**כי מעט אשר היה לך לפני ויפרוץ לרוב!**

# סימן טוב ומזל טוב יהא לנו!

**מיט גרויס פרייד וואונטשן מיר א הארציגן**

**"ברכת מזל טוב" פאר ידידינו היקר**

## מו"ה יואל (בר"ד) ראזענבערג נ"י

**צו די געבורט פון זיין אינגל למזל טוב**

**און ווי אויך צו די אפשערן פון זיין אינגל שלמה'לע נ"י**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז די זכות פונעם רבי'ן זאל אים ביישטיין אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים, מיט אסאך סייעתא דשמיא, געזונט פרנסה נחת ביז משיח'ס טאג בקרוב אמן.

# שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים

## ~ דָאס מֵיינְט גוּט? ~

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: וֶוען עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ שְׁוֶועריַקֵייטְן, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן עֶר קוּקְט אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אִים, אוּן עֶר דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "יְיַשֵּׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, פַאר דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר", זָאגְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "דָאס הֵייסְט גוּטֶע זַאכְן? אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזְן וָואס עֶס מֵיינְט גוּט" אוּן דֶעמָאלְט׳ס בַּאקוּמְט עֶר טַאקֶע אַלֶעס גוּט׳ס.

אוֹיבּ אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט, עֶר רֶעדְט זִיךְ נָאר אָפּ: "אַלֶעס גֵייט מִיר שְׁלֶעכְט, וִוי אִיךְ לֵייג נָאר אַרַיין אַ פִינְגֶער גֵייט אַלֶעס קַאפּוֹיעֶר", זָאגְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "דָאס מֵיינְט שְׁלֶעכְט? אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזְן וָואס עֶס מֵיינְט שְׁלֶעכְט" אוּן עֶר בַּאקוּמְט נָאךְ מֶער גֶעבְּרָאטֶענֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים.

דֶערְפַאר וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס קוּקְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט אוּן עֶר דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, וֶועט אַרוּם זִיכֶער גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל שב"ק בַּבּוֹקֶר פ׳ בְּרֵאשִׁית תשנ"ט לפ"ק)

***

## ~ אִיךְ בְּלַייבּ שׁוֹין לִיגְן... ~

מֶען זֶעהט בְּגַשְׁמִיוּת לָאזְט זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט נַארְן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אוֹיפְ׳ן גַאס אוּן עֶר גְלִיטְשְׁט זִיךְ אוֹיס אוּן עֶר פַאלְט אַרָאפּ, וֶועט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט בְּלַייבְּן לִיגְן דָארְט, עֶר וֶועט טוּהן וָואס עֶר קֶען נָאר זִיךְ אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אוּן גֵיין וַוייטֶער, אוּן אֲפִילוּ עֶר הָאט זִיךְ צוּבְּרָאכְן דִי בֵּיינֶער חַס וְשָׁלוֹם אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֶעלְן וֶועט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט בְּלַייבְּן לִיגְן, עֶר וֶועט שְׁרַייעֶן פַאר הִילְף, אַז מֶען זָאל אִים קוּמֶען הֶעלְפְן אוּן טְרָאגְן אִין שְׁפִּיטָאל צוּם דָאקְטֶער אִים אוֹיסְצוּהֵיילְן.

דִי זֶעלְבֶּע דַארְף מֶען טוּהן בְּרוּחֲנִיוּת, אוֹיבּ מֶען פַאלְט דוּרְךְ מִיט אַן עֲבֵירָה, בְּלַייבְּט מֶען נִישְׁט לִיגְן, מֶען הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף אוּן מֶען גֵייט אָן וַוייטֶער, מֶען כַאפְּט אַרַיין תּוֹרָה וּמִצְוֹת וָואס מֶען קֶען, אוּן אוֹיבּ מֶען פִילְט אַז מֶען אִיז שׁוֹין גָאר שְׁטַארְק גֶעפַאלְן אַז מֶען קֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אַלֵיין הֶעלְפְן, שְׁרַייט מֶען פַאר הִילְף, אוּן מֶען גֵייט צוּ אַ רוּחְנִיוּת׳דִיגֶע דָאקְטֶער וָואס דָאס אִיז דֶער צַדִּיק וָואס וֶועט אִים גֶעבְּן גוּטֶע עֵצוֹת צוּ קֶענֶען זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן וַוייטֶער אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל שב"ק בַּבּוֹקֶר פ׳ בְּרֵאשִׁית תשס"ט לפ"ק)


## סימן טוב ומזל טוב!

מיר וואונטשן א הארציגן מזל טוב פאר

**החתן מו"ה הערשי גאלדבערגער נ"י**

מתלמידי ישיבתינו הק׳

**צו זיין חתונה למזל טוב בשעה טובה ומוצלחת**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא
און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים ביז משיח׳ס טאג ב.ב.א.





# ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳ ~

~~~

## נייע ספר תורה נתחדש געווארן אין בית מדרשינו אין וויליאמסבורג

גרויס פרייד הערשט ביי אנשי שלומינו ווען פאר יום טוב האט מען געקויפט א נייע ספר תורה פאר אונזער בית המדרש אין וויליאמסבורג וואס מען האט שוין געליינט דערין דעם יום יום טוב אין צוגאב צו די ספר תורה וואס מיר האבן שוין געהאט ביז יעצט.

ערב יום טוב איז פארגעקומען די כתיבת האותיות ביי מוהרא"ש אינדערהיים, ווי מוהרא"ש האט אריינגעשריבן עטליכע אותיות, דערנאך איז געווען כתיבת אותיות אין וויליאמסבורג ווי אנשי שלומינו האבן געהאט די געלעגנהייט אריינצושרייבן אותיות.

ווי שוין ערווענט האט מען יום טוב שוין געליינט דערין צו די פרייד פון אנ"ש.

**תנו כבוד לתורה!**

\*\*\*

## מנין תהלים הושענה רבה ביינאכט לרפואת מוהרא"ש שליט"א

דעם הושענה רבה ביינאכט נאכן ליינען משנה תורה איז פארגעקומען א מנין תהלים בבית מדרשינו אין וויליאמסבורג לרפואת כ"ק מוהרא"ש שליט"א.

ווי באקאנט איז מוהרא"ש אריבער גאר שווערע הארץ אטאקע׳ס דעם פארגאנגענעם יום טוב פסח, און דער אייבערשטער האט געהאלפן מיט גרויסע ניסים אז מוהרא"ש האט זיך ערהוילט דערפון, און ער קומט ברוך ה׳ צו די כוחות מער און מער.

אבער מוהרא"ש איז נאך אלץ זייער שוואך, און ער איז שטענדיג מעורר אנשי שלומינו אזוי ווי זיי האבן אויסגע׳פועל׳ט מיט זייערע תפלות אים צוריק צו געבן דאס לעבן, זאלן זיי ווייטער איינרייסן אז ער זאל פולשטענדיג קומען צו די כוחות.

דערפאר האט מען יעצט אינאיינעם אויסגעזאגט גאנץ תהלים, און דער אייבערשטער השומע תפלות כל פה וועט זיכער אנעמען אונזערע תפלות.

**הן קל כביר ולא ימאס!**

\*\*\*

## הערליכע הקפות אין וויליאמסבורג מיטגעהאלטן דורך טויזנטער אידן

די הקפות דאס יאר אין אונזער בית המדרש אין וויליאמסבורג איז אפגעהאלטן געווארן מיטן אייבערשטנ׳ס הילף מיט גרויס פרייד ווען דער עולם האט געטאנצן און זיך געפריידט מיט די הייליגע תורה.

און ספעציעל די הקפות שמחה תורה בייאנכט איז געווען מיט גרויסע שמחה און התלהבות פאר לאנגע שעה׳ן, מען האט קלאר געקענט זעהן אז די אידן האבן געלערנט אסאך תורה דאס יאר, און זיי האבן זיך מיט וואס צו פרייען, ווען דער אייבערשטער האט געהאלפן אז מיר ווייסן פונעם סדר דרך הלימוד פון רבי׳ן וואס מיט דעם האט יעדער פון אנשי שלומינו זוכה געווען צו לערנען דאס יאר גאר אסאך תורה.

טויזענטער אידן, בחורים, אינגעלייט, און עלטערע אידן, זענען אריינגעקומען צו מיטהאלטן די הקפות אפילו נאר פאר עטליכע מינוט, און ווי אסאך האבן זיך אויסגעדרוקט האבן זיי נאך אין זייער לעבן נישט געזעהן אזא פרייליכע הקפות, וואס דאס קומט זיכער נאר פון לערנען גאר אסאך און פלייסיג די גאנצע יאר.

**שישו ושמחו בשמחת התורה!**

\*\*\*

## אפגעצייכנט א יאר צו די עפענונג פון די מיידל שולע "בית פיגא - ברסלב"

די וואך ווערט אפגעצייכנט א פולע יאר פון ווען די מיידל שולע האט זיך געעפנט.

די פארגאנגענע יאר האט מוהרא"ש שליט"א געשריבן א בריוו פאר הנהלת מוסדותינו אז עס איז שוין צייט צו עפענען אן אייגענע מיידל סקול, אפילו נאר מיט

המשך בדף ג

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**

הדלקת הנרות.................5:51
מוצש"ק...............................7:20
סוף זמן ק"ש......................9:20

**שיעורים כסדרן**

בבלי.........................שבת י"ז
ירושלמי..................כתובות נ"ד
תוספתא.........בבא בתרא פרק ו'

פרשת נח, ד' חשון, שנת תשע"ג לפ"ק

שנה 2, גליון 5 (53)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְהִנֵּה עֲלֵה זַיִת טָרָף בְּפִיהָ**, דִי טוֹיבֶּעלֶע אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען מִיט אַ בְּלֶעטְל פוּן אֵיילְבִּירְטְן אִין מוֹיל. זָאגְט רַשִׁ"י: דִי טוֹיבֶּעלֶע הָאט גֶעוָואלְט זָאגְן: "עֶנְדֶערְשׁ זָאל מַיין עֶסְן זַיין בִּיטֶער וִוי אֵיילְבִּירְטְן אָבֶּער עֶס זָאל קוּמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְ'ס, אוּן נִישְׁט זִיסֶע עֶסְן וָואס אִיךְ דַארְף צוּקוּמֶען צוּ אַ מֶענְטְשׁ.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן א') אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ רְפוּאָה, דַארְף עֶר נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קַיין שׁוּם דָאקְטוֹרִים, וַוייל אַלֶע מֶעדִיצִינֶען מַאכְט מֶען דָאךְ פוּן גְרָאזְן, אוּן פוּן וִוי הָאבְּן דִי גְרָאזְן אַ כֹּחַ? זָאגְן חַזַ"ל (בְּרֵאשִׁית רַבָּה י, ו) אַז יֶעדֶע גְרָאז הָאט אַ שְׁטֶערְן וָואס מַאכְט עֶס וַואקְסְן, אוּן דִי שְׁטֶערְנְס בַּאקוּמֶען כֹּחַ פוּן הֶעכֶערֶע מַלְאָכִים, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער בִּיז עֶס קוּמְט דִי גַאנְצֶע כֹּחַ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, אוּן דֶערְפַאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט גְלַייךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ רְפוּאָה דַארְף עֶר שׁוֹין נִישְׁט נֶעמֶען קַיין מֶעדֶעצִינֶען, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס לֵייגְט אַרַיין דִי כֹּחַ אִין דִי מֶעדֶעצִין אִים אוֹיסְצוּהֵיילְן, וֶועט אַרַיין לֵייגְן דִי זֶעלְבֶּע כֹּחַ אִין דִי בְּרוֹיט אוּן וַואסֶער וָואס עֶר עֶסְט, אוּן מִיט דֶעם וֶועט עֶר וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט.

נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"ח) אַז דִי סִיבָּה פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט קְרַאנְק אִיז וַוייל דִי נְשָׁמָה ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען דִי נְשָׁמָה זֶעהט אַז דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט נִישְׁט בַּיים דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִיל דִי נְשָׁמָה אַרוֹיסְגֵיין פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן פוּן דֶעם וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ קְרַאנְק, אָבֶּער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן צוּ נֶעמֶען בִּיטֶערֶע מֶעדֶעצִינֶען, זֶעהט דִי נְשָׁמָה אַז דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט יָא בַּיים בֵּייגְן זַיינֶע תַּאֲווֹת פַאר עֶפֶּעס אַ תַּכְלִית, וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ אִיז דָאךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ עֶסְן גֶעשְׁמַאקֶע עֶסְן, אוּן פְּלוּצְלִינְג הֵייבְּט עֶר אָן נֶעמֶען בִּיטֶערֶע זַאכְן וֶועגְן אַ תַּכְלִית אַז עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן, קוּמְט דִי נְשָׁמָה צוּרִיק, וַוייל זִי הָאפְט אַז עֶר וֶועט אוֹיךְ אַוֶועק גֶעבְּן זַיינֶע תַּאֲווֹת פַאר דִי רִיכְטִיגֶע תַּכְלִית צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיט דֶעם קֶען מֶען טַייטְשְׁן וָואס דִי טוֹיבּ הָאט גֶעזָאגְט, "עֶנְדֶערְשׁ זָאל מַיין עֶסְן זַיין וִוי דִי בִּיטֶערֶע אֵיילְבִּירְטְן", דָאס מֵיינְט אַז מֶען זָאל נִיצְן מַיין עֶסְן, מַיין בְּרוֹיט אוּן וַואסֶער, אַז דוּרְךְ דֶעם זָאל קוּמֶען מַיין רְפוּאָה, אַזוֹי וִוי עֶס וָואלְט


המשך בדף ב


## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ אַ נָאנְטֶער קָרוֹב ~

דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים קמ"ה) "קָרוֹב" ה' לְכָל קֹרְאָיו לְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָאוּהוּ בֶאֱמֶת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאנְט צוּ יֶעדְן וָואס רוּפְט צוּ אִים בֶּאֱמֶת.

דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער חִיזוּק פַאר אַ יֶעדְן אִיד, אַז יֶעדֶער הָאט אַ גָאר נָאנְטֶער קָרוֹב וָואס וֶועט אִים שְׁטֵיין צוּ הִילְף וֶוען עֶס וֶועט אוֹיסְפֶעלְן, מֶען זֶעהט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ קָרוֹב אַ פַארְמֶעגְלִיכֶער אִיד, אִיז עֶר מֶער רוּהִיג, וַוייל עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אַז אִין אַ צַייט פוּן נוֹיט וֶועט עֶר זִיךְ וֶוענְדְן צוּ זַיין קָרוֹב אוּן עֶר וֶועט אִים שׁוֹין אַרוֹיס הֶעלְפְן מִיט אַ נְדָבָה אָדֶער אַ הַלְוָאָה, אָבֶּער מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז יֶעדֶער אִיד הָאט גָאר אַ נָאנְטֶער קָרוֹב וָואס אִיז אִים שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַ גוּטֶער אוּן עֶר ווִיל נָאר גֶעבְּן גוּט'ס פַאר אִידְן שְׁטֶענְדִיג, עֶר וַוארְט נָאר אַז דֶער אִיד זָאל זִיךְ עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל אוּן אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּ אִים, אוּן גְלַייךְ וֶוען מֶען בֶּעהְט אִים אִיז עֶר גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן.

### מֶען טְרֶעפְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיבֶּעראַל

דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים ל) כִּי קָרוֹב אֵלֶיךָ הַדָּבָר מְאֹד בְּפִיךָ וּבִלְבָבְךָ לַעֲשֹׂתוֹ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר נָאנְט צוּ יֶעדְן מֶענְטְשׁ, נִישְׁט וִוי מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען נָאר טְרֶעפְן אוּן בֶּעטְן אִין גֶעוִויסֶע צַייטְן אָדֶער גֶעוִויסֶע מַצָּבִים לְמָשָׁל נָאר אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ וֶוען דֶער עוֹלָם דַאוֶוענְט א.ד.ג., אַז נָאר דֶעמָאלְט'ס קֶען מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת, וַוייל דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט שְׁטֶענְדִיג נֶעבְּן יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אוּן וִוי נָאר דֶער מֶענְטְשׁ עֶפֶּענְט דִי מוֹיל אִיז עֶר שׁוֹין בַּיים


המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

גֶעקוּמֶען פוּן בִּיטֶערֶע מֶעדֶעצִינֶען, "אַזוֹי וֶועל אִיךְ נִישְׁט דַארְפְֿן צוּקוּמֶען צוּ קַיין מֶענְטְשְׁן, צוּ דָאקְטוֹרִים", וַוייל אִיךְ וֶועל גֵיין גְלַייךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר עֶר וֶועט מִיר הֶעלְפְֿן.

(זֹאת הַתּוֹרָה נֹחַ ד)

***

**וַיְהִי כָל הָאָרֶץ שָׂפָה אֶחָת וּדְבָרִים אֲחָדִים**, דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה לח, ו) פַארְוָואס זֶענֶען דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דוֹר הַמַּבּוּל גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעמֶעקְט וֶועגְן זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת, אוּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דוֹר הַפְּלָגָה זֶענֶען נִישְׁט גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעמֶעקְט כָאטְשׁ זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען עֶרְגֶער, זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אַקֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין? זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ וַוייל דִי דוֹר הַמַּבּוּל הָאבְּן זִיךְ גֶעקְרִיגְט אוּן גֶע'גַנָב'ט דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי אוֹיסְגֶעמֶעקְט גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן, אָבֶּער דִי דוֹר הַפְּלָגָה הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן בְּאַחְדוּת, אוּן דָאס הָאט זֵיי גֶערַאטֶעוֶועט.

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, אוֹיבּ זֵיי הָאבְּן טַאקֶע גֶעהַאט אַזַא שְׁטַארְקֶע אַחְדוּת, פַארְוָואס הָאט דָאס נִישְׁט גֶעהָאלְפְֿן אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ח) אַז וֶוען מֶענְטְשְׁן הַאלְטְן זִיךְ בְּאַחְדוּת הֶעלְפְּט זֵיי דָאס צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ד) **אַז יֶעדֶער אִיד הָאט אַ נְקוּדָה וָואס אַ צְוֵייטֶער אִיד הָאט נִישְׁט, דָאס מֵיינְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט שַׁייךְ צוּ מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵייטְן וָואס אִיז מֶער מַצְלִיחַ פוּן דִיר, וַוייל דוּ הָאסְט אַנְדֶערֶע נְקוּדוֹת וָואס דוּ קֶענְסְט מֶער מַצְלִיחַ זַיין פוּן יֶענֶעם, אֵיינֶער אִיז מֶער מַצְלִיחַ אִין תּוֹרָה, אֵיינֶער מֶער אִין תְּפִלָּה, אֵיינֶער אִין חֶסֶד א.א.וו. אוּן דֶערְפַאר אַנְשְׁטָאט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם, וָואס דוּ וֶועסְט קַיינְמָאל סַיי וִוי נִישְׁט קֶענֶען נָאכְמַאכְן, לֵייג דִיךְ עֶנְדֶערְשׁ אַרַיין אִין דַיין נְקוּדָה, וֶועסְטוּ מֶער מַצְלִיחַ זַיין.**

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דִי דוֹר הַפְּלָגָה זֶענֶען טַאקֶע גֶעוֶוען בְּאַחְדוּת, אָבֶּער שׁוֹין צוּ שְׁטַארְק, וַוייל אֲפִילוּ וֶוען מֶען הַאלְט זִיךְ בְּאַחְדוּת, טָאר מֶען אָבֶּער נִישְׁט נָאכְמַאכְן יֶענֶעם, נָאר יֶעדֶער דַארְף זֶעהְן אַלֵיין וָואס עֶר קֶען טוּהְן, אוּן נִישְׁט מְקַנֵא זַיין דֶעם צְוֵייטְן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן יָא גֶעקוּקְט אֵיינֶער אוֹיף צְוֵייטְן, אוּן דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר עוֹנֶשׁ טַאקֶע גֶעוֶוען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי צוּשְׁפְּרֵייט, מִיט אַסַאךְ שְׁפְּרַאכְן, אַזוֹי אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵייטְן, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמוּזְט אָנְהֵייבְּן קוּקְן נָאר אוֹיף זִיךְ.

ווארוּל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵייטְן, עֶר קוּקְט נָאר וָואס עֶר קֶען אַלֵיין מַצְלִיחַ זַיין, וֶועט אִים שְׁטֶענְדִיג גוּט זַיין.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית פַּרְשַׁת נֹחַ תשע"א לפ"ק)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים אוֹיס אוּן עֶר הֶעלְפְּט אִים מִיט וָואס עֶר דַארְף.

### וִוי וַוייט אִיז פוּן מוֹיל בִּיזְן הַאַרְץ?

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען וואוֹינֶען אִין דִי שְׁטָאט בְּרֶסְלַב, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דָארְט אֵיינֶעם אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אִין שְׁטָאט אַ גוּטֶע פְּלַאץ וִוי מֶען קֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט אִים יֶענֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶס אִיז דָא אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט אַ גוּטֶע פְּלַאץ, אַ הֵייל, וִוי מֶען קֶען דָארְט רֶעדְן רוּהִיגֶערְהֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דִי פְּלַאץ אִיז אַבִּיסְל וַוייט פוּן שְׁטָאט.

הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "וַוייט? וִוי וַוייט אִיז פוּן מוֹיל בִּיזְן הַאַרְץ?" דָאס מֵיינְט אַז וֶוען אַ אִיד גְלֵייבְּט בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעְרָאל אוֹיף יֶעדְן פְּלַאץ, קֶען עֶר שׁוֹין גְלַייךְ אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע טְרִיט וָואס עֶר גֵייט אַרוֹיס פוּן דֶערְהֵיים, אוּן עֶר דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז עֶר קוּמְט אָן אַהִין.

אוּן דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זִיךְ טַאקֶע דָארְט גֵיין מִתְבּוֹדֵד זַיין אִין דֶעם הֵייל, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן עֶס רוּפְן "דֶעם רֶבִּינְ'ס הֵייל", אוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן אוֹיךְ גֵיין זִיךְ דָארְט מִתְבּוֹדֵד זַיין.

זֶעהְט מֶען אַז וִוי אַ מֶענְטְשׁ גֶעפִינְט זִיךְ קֶען עֶר דָארְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן.

### אַ אִיד אִיז פְרֶעמְד?!

דֶער מֶדְרָשׁ (דְבָרִים רַבָּה ב, י) דֶערְצֵיילְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה, וָואס מֶען זֶעהְט פוּן דֶעם וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאנְט צוּ אַ אִיד אִין יֶעדֶע מַצָב וִוי עֶר אִיז.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעשְׁוְוּימֶען אַ שִׁיף אוֹיפְ'ן וַואסֶער פִיל מִיט גוֹיִם, אוּן עֶס הָאט זִיךְ גֶעפִינֶען אוֹיפְ'ן שִׁיף נָאר אֵיין אִיד, וֶוען דִי שִׁיף הָאט גֶעאַנְקֶערְט אֵיינְמָאל בַּיי אַן אִינְזְל, זֶענֶען אַלֶע גוֹיִם צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם אִיד מִיט גֶעלְט אוּן אִים גֶעבֶּעטְן: "מִיר זֶענֶען דָא פְרֶעמְדֶע אוֹיף דֶעם אִינְזְל, אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ אַרַיינְגֵיין אוּנְז קוֹיפְן עֶפֶּעס צוּ עֶסְן?", הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט: "בִּין אִיךְ דֶען נִישְׁט אַזַא פְרֶעמְדֶער דָא פוּנְקְט וִוי עֶנְק? אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי צוּ גֵיין דָא", הָאבְּן דִי גוֹיִם אִים אָנְגֶעשְׁרִיגְן: "אַ אִיד אִיז פְרֶעמְד?! אַ אִיד אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט פְרֶעמְד, וִוי עֶר גֵייט, אִיז זַיין בַּאשֶׁעפֶער שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים".

זֶעהְט מֶען אַז אַ אִיד אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיינְ'ס, וִוי עֶר גֵייט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט אִים, עֶר אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט פְרֶעמְד אִין קַיין שׁוּם פְּלַאץ,

וֶוען אַ אִיד נֶעמְט זִיךְ דָאס גוּט אַרַיין אִין קָאפּ, וֶועט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט פִילְן אַז עֶר אִיז אַלֵיינְ'ס, עֶר וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן צוּ זַיין אַלֵיינְ'ס, אוּן אֲפִילוּ עֶר וֶועט זִיךְ טְרֶעפְן אִין עֶפֶּעס אַ פַארְוָוארְפֶענֶע פְּלַאץ, אָדֶער אִין עֶפֶּעס אַ טוּנְקֶעלֶע גַאס, וֶועט עֶר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן צוּ זַיין אַלֵיינְ'ס, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, אוּן עֶר וֶועט אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן טַייטְשְׁן דֶעם פָּסוּק, גַּם כִּי אֵלֵךְ בְּגֵיא צַלְמָוֶת לֹא אִירָא רָע כִּי אַתָּ"ה עִמָּדִי, אוֹיךְ וֶוען אִיךְ טְרֶעף מִיר בְּגֵיא צַלְמָוֶת, אִין דִי שְׁרֶעקֶעדִיגְ'סְטֶע מַצָּבִים וֵוייס אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, דִי וָוארְט אַתָּ"ה, גֵייט אַרוֹיף אוֹיף "רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן",

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

וָואס דָאס טוּט מֶען מִיט דִי אוֹתִיוֹת פוּן א' בִּיז ת', אוּן מִיט דִי ה' מוֹצָאוֹת הַפֶּה, דָאס מֵיינְט אַז וֶוען אַ אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר נִישְׁט מוֹרָא פוּן גָארְנִישְׁט.

## אַ קָרוֹב צָאלְט מִיר אַלֶעס אוֹיס...

אֵיינְמָאל הָאט אַ אִיד גֶעפְרֶעגְט פוּן מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א: "פוּן וִוי נֶעמְט אִיר אַזוֹיפִיל גֶעלְט צוּ קֶענֶען דֶעקְן דִי גְרוֹיסֶע הוֹצָאוֹת וָואס אִיר הָאט, פוּן דְרוּקְן אַזוֹיפִיל סְפָרִים, אוֹיפְהַאלְטְן אַ יְשִׁיבָה, אוֹיפְשְׁטֶעלְן דִי שְׁטָאט יַבְנְאֵל, אוּן נָאךְ אַסַאךְ?", הָאט אִים מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן דֶעם אֱמֶת, אִיךְ הָאבּ אַ קָרוֹב, וָואס צָאלְט מִיר אַלֶעס אוֹיס..." הָאט דֶער אִיד גֶעפְרֶעגְט: "אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ הָאבְּן אַן אַפּוֹינְטְמֶענְט בַּיי דֶעם קָרוֹב, וַוייל אִיךְ בִּין זֵייעֶר גֶעדְרוּקְט יֶעצְט, אוּן אִיךְ דַארְף וִויכְטִיג אַן הַלְוָאָה", הָאט אִים מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט: "אַוַודַאי קֶענְסְטוּ צוּקוּמֶען צוּ דֶעם קָרוֹב, דֶער קָרוֹב דָאס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט, קָרוֹב ה' לְכָל קוֹרְאָיו, בֶּעהְט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס דוּ ווִילְסְט, אוּן עֶר וֶועט דִיר זִיכֶער הֶעלְפְן.

ווָאוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס קְרִיצְט דָאס גוּט אֵיין אִין זַיין הַארְץ, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זַיין נָאנְטְסְטֶער קָרוֹב, וֶועט עֶר אִים זִיכֶער הֶעלְפְן שְׁטֶענְדִיג מִיט וָואס עֶר דַארְף.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ט' עֶרֶךְ קָרוֹב)

# אַשְׁר בַּנַחַל

## וָואס דַארְף מֶען זוּכְן בַּיי אַ שִׁידוּךְ?

דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף זוּכְן בַּיי אַ שִׁידוּךְ אִיז, אַז דֶער בָּחוּר זָאל הָאבְּן גוּטֶע מִדוֹת, וָוארוּם אַז מֶען הָאט מִדוֹת טוֹבוֹת הָאט מֶען אַלֶעס, אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מִדוֹת טוֹבוֹת הָאט מֶען גָארְנִישְׁט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ז') אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אִיז אַזוֹי וִוי אַ חַיָה אִין גֶעשְׁטַאלְט פוּן אַ מֶענְטְשׁ וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען דֶער עִיקֶר הָאבְּן מִדוֹת טוֹבוֹת, וָואס דָאס שְׁטַאמְט פוּן אֱמוּנָה, אַ בָּחוּר וָואס עֶר הָאט אֱמוּנָה וֶועט הָאבְּן מִדוֹת טוֹבוֹת, לֶערְנֶען קֶען מֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּלֶערְנֶען, אָבֶּער בַּיי מִדוֹת הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ מִלִיזֶענְסְק זי"ע גֶעזָאגְט בִּיז אַכְצְן יָאר קֶען מֶען מְשַׁנֶה זַיין דִי מִדוֹת, נָאכְדֶעם אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער. אִיבֶּערְדֶעם דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז זָאלְסְטוּ זוּכְן אַ בָּחוּר פַאר דַיין טָאכְטֶער אַ בַּעַל מִדוֹת טוֹבוֹת.

דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף זוּכְן בַּיי אַ בָּחוּר אִיז יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן דָאס קֶען מֶען דֶערְקֶענֶען ווִיאַזוֹי עֶר דַאוֶוענְט, מֶען זֶעהְט וִוי אַ בָּחוּר דַאוֶוענְט קֶען מֶען ווִיסְן אוֹיבּ עֶר אִיז אַ יִרְאַת שָׁמַיִם אָדֶער נִישְׁט, אוֹיבּ עֶר דַאוֶוענְט אִין סִידוּר עֶר דַאוֶוענְט עֶרְלִיךְ דָאס וַוייזְט אַז עֶר אִיז אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם וֶועט עֶר הָאבְּן אַלֶעס.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט צוּטְרֶעפְן אַ גוּטְן בָּחוּר פַאר דַיין טָאכְטֶער, אוּן בְּסִימָן טוֹב וּבְמַזָל טוֹב זָאלְסְטוּ שְׁלִיסְן דֶעם שִׁידוּךְ.

(אשר בנחל באידיש חלק ג' מכתב ת"ג)

# שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים

## ~ עֶר הָאט אַ טַעֲנָה צוּ דִי לְבָנָה... ~

דִי סְפָרִים בְּרֶענְגְן אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה, וָואס מֶען קֶען פוּן דֶעם אָפְּלֶערְנֶען אַ שְׁטַארְקֶע מוּסָר הַשְׂכֵּל.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם רָב פוּן שְׁטָאט אַז עֶר הָאט אַ טַעֲנָה צוּ דִי לְבָנָה... אוּן עֶר ווִיל רוּפְן דִי לְבָנָה צוּ אַ דִין תּוֹרָה, "וָואס אִיז דִי טַעֲנוֹת?", הָאט דֶער רָב גֶעפְרֶעגְט, הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט אַז דִי לְבָנָה לוֹיפְט אִים שְׁטֶענְדִיג נָאךְ ווִי עֶר גֵייט, אוֹיבּ ווִיל עֶר גֵיין רֶעכְט'ס גֵייט דִי לְבָנָה אוֹיךְ רֶעכְט'ס, אוֹיבּ גֵייט עֶר לִינְקְס גֵייט דִי לְבָנָה אוֹיךְ לִינְקְס, וֶוען עֶר גֵייט אוֹיף מִזְרָח צוּ אוֹיף מַעֲרִיב, לוֹיפְט אִים דִי לְבָנָה נָאךְ, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן פוּן אִים, אוּן דֶערְפַאר ווִיל עֶר רוּפְן דִי לְבָנָה צוּ דִין תּוֹרָה.

הָאט אִים דֶער רָב גֶעזָאגְט: "דִי הֲלָכָה אִיז אַז מֶען טָאר נִישְׁט פַּסְק'נֶען אַ דִין תּוֹרָה נָאר אוֹיבּ מֶען הֶערְט אוֹיס בֵּיידֶע זַייטְן, אוּן דֶערְפַאר גֵיי יֶעצְט אַהֵיים, אוּן אִינְצְווִישְׁן וֶועל אִיךְ הֶערְן וָואס דִי לְבָנָה הָאט צוּ זָאגְן, אוּן קוּם צוּרִיק מָארְגְן וֶועל אִיךְ דִיר פַּסְק'ענֶען דִי דִין תּוֹרָה.

צוּמָארְגְנ'ס וֶוען דֶער אִיד אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען הָאט אִים דֶער רָב גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ דִי לְבָנָה, אוּן דִי לְבָנָה טַעֲנָה'ט אַז דוּ קוּקְסְט אוֹיךְ אֵייבִּיג אוֹיף אִיר, אוּן דֶערְפַאר לוֹיפְט זִי דִיךְ דַוְקָא נָאךְ, דֶערְפַאר פַּסְקְ'ן אִיךְ אַז פוּן יֶעצְט מוּזְטוּ אוֹיפְהֶערְן צוּ קוּקְן אוֹיף דִי לְבָנָה, אוּן דֶעמָאלְט'ס וֶועט דִי לְבָנָה אוֹיפְהֶערְן דִיךְ נָאכְצוּלוֹיפְן..."

מֶען זֶעהט מֶענְטְשְׁן זֶענֶען בְּרוֹגֶז אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, זֵיי זֶענֶען מְקַנֵא אַ צְוֵוייטְן, אוּן דָאס נֶעמְט זִיךְ גֶעוֶוענְטְלִיךְ פוּן דֶעם וָואס מֶען זֶעהט ווִי אַזוֹי יֶענֶער אִיז מֶער מַצְלִיחַ, אוּן דִי קִנְאָה בְּרֶענְגְט דֶערְנָאךְ שִׂנְאָה, מֶען רֶעדְט זִיךְ אֵיין אַז יֶענֶער ווִיל מִיר שְׁטֶערְן, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן יֶענֶעם פַיינְט צוּ הָאבְּן, אוּן מֶען זוּכְט יֶענֶעם אוּנְטֶער צוּ בְּרֶענְגְן.

אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן יֶעדְן מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט מִיט אַ צְוֵוייטֶע צִיהל, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ וָואס עֶר קֶען אוֹיפְטוּהְן אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט נָאכְצוּלוֹיפְן אַ צְוֵוייטֶען אוּן צוּ מְקַנֵא זַיין יֶענֶעם, וַוייל דוּ קֶענְסְט סַיי ווִי נִישְׁט טוּהְן וָואס יֶענֶער טוּט, אוּן יֶענֶער קֶען נִישְׁט טוּהְן וָואס דוּ קֶענְסְט טוּהְן, אוּן דִי בֶּעסְטֶע וֶועג אִיז וֶוען יֶעדֶער פְּרוּבִּירְט צוּ אוֹיסְנִיצְן זַיינֶע אֵייגֶענֶע כּוֹחוֹת וָואס עֶר קֶען אוֹיפְטוּהְן.

דָאס לֶערְנֶען מִיר פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אוֹיבּ דוּ זֶעהְסְט אַז אֵיינֶער לוֹיפְט דִיר נָאךְ אוּן ווִיל דִיר טְשֶׁעפֶּענֶען, אִיז דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה אַז דוּ זָאלְסְט אוֹיפְהֶערְן צוּ קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם, זָאלְסְט אוֹיפְהֶערְן צוּ מְקַנֵא זַיין יֶענֶעם'ס הַצְלָחָה, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז יֶענֶער קוּקְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיף דַיין זַייט, עֶר אִיז פַארְנוּמֶען מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן עֶר הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין צַייט צוּ קוּקְן אוֹיף דִיר.

ווָאוֹיל אִיז דֶער וָואס קוּקְט שְׁטֶענְדִיג נָאר אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע נְקוּדָה וָואס עֶר קֶען אוֹיפְטוּהְן, וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן צוּ טוּהְן מִיט קֵיינֶעם, אוּן עֶס וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית פַּרְשַׁת נֹחַ תשע"א לפ"ק)

***

## ~ מַאךְ אִים חֲתוּנָה אוּן אַלֶעס וֶועט וֶוערְן מְסוּדָר ~

אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּ רֶבִּי נָתָן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶר לַיידְט זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן זַיין בָּחוּר, עֶר אִיז זֵייעֶר צִיוִוילְדֶעוֶועט,

המשך בדף ד

# שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים

עֶר דְרֵייט זִיךְ אוֹיף דִי גַאסְן אוּן מַאכְט צָרוֹת פַאר יֶעדְן, עֶר בְּרֶעכְט פֶּענְסְטֶער׳ס, אוּן נָאךְ, אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן מִיט אִים.

הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל אִים זֶעהְן חֲתוּנָה צוּ מַאכְן וִוי פְּרִיעֶר, אוּן אַלֶעס וֶועט וֶוערְן מְסוּדָר, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּהְן, עֶר הָאט אִים גֶעטְרָאפְן אַ שִׁידוּךְ אוּן חֲתוּנָה גֶעמַאכְט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ בַּארוּהִיגְט אוּן גֶעוָוארְן אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן, וַוייל וִוי נָאר עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ עוֹל פוּן אַ וַוייבּ פוּן בְּרֶענְגְן פַּרְנָסָה, הָאט אִים דָאס שׁוֹין אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט.

דֶערְפַאר וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל, מַאכְט חֲתוּנָה זַיינֶע קִינְדֶער וִוי פְּרִיעֶר, אוּן סְפֶּעצִיעֶל הַיינְטִיגֶע צַייטְן, וָואס דֶער דוֹר אִיז אַזוֹי נִידְרִיג, אוּן וִוי לַאנְג מֶען הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה, אִיז מֶען יֶעדְן טָאג אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה נִישְׁט אַרַיין צוּ פַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אוּן אִינְגַאנְצְן אַוֶועק גֵיין פוּן אִידִישְׁקַייט, וִוי מֶען הֶערְט לַיידֶער רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

אֵיי פוּן וִוי וֶועלְן זֵיי הָאבְּן פַּרְנָסָה? דִי זֶעלְבֶּע פְּרָאבְּלֶעם וֶועט זַיין בַּיי דִי צְוָואנְצִיג, אוּן צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג אוֹיךְ, פַּרְנָסָה וֶועט מֶען סֵיי וִוי דַארְפְן בְּרֶענְגְן, מְמֵילָא פַארְוָואס זָאל מֶען אָפְּשְׁטוּפְּן דָאס חֲתוּנָה מַאכְן אוֹיף נָאךְ עֶטְלִיכֶע יָאר, אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ דִי חֲתוּנָה מִיט אַ זַאק פוּן עֲבֵירוֹת? עֶנְדֶערְשְׁט זָאל מֶען חֲתוּנָה הָאבְּן וִוי פְּרִיעֶר, אוּן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְט׳ס.

(תּוֹךְ הַנַּחַל בּוֹקֵר שב״ק פַּרְשַׁת נֹחַ תשנ״ט לפ״ק)

## סימן טוב ומזל טוב!

מיר וואונטשן א הארציגן מזל טוב פאר

**מו״ה יצחק אהרן וויינבערג נ״י**

מתלמידי ישיבתינו הק׳

**צו די געבורט פון זיין אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך נחת פון דעם קינד, דורות ישרים ומבורכים ביז משיח׳ס טאג ב.ב.א.

## ברכת מזל טוב!

מיר וואונטשן א הארציגן מזל טוב פאר

**החתן שאול יצחק גאנץ נ״י**

מתלמידי ישיבתינו הק׳

**צו די שמחה פון זיין באווארפן למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קיימא, דורות ישרים ומבורכים ביז משיח׳ס טאג ב.ב.א.

---

**די באווארפן און קידוש וועט פארקומען אין קראסנא זאל 35 Williamsburg St.**

**די חתונה וועט זיין בעז״ה**

**דעם דינסטאג פ׳ לך**

**אין זאל פון בית רחל פאראדייס אין קרית יואל**

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳ ~

*ברוך שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה:*

### בית המדרש "היכל הקודש" ברסלב, מאנסי נ.י.

### עפענט די טויערן די וואך שבת קודש

גרויס פרייד הערשט ביי אנשי שלומינו אין מאנסי ניו יארק, צו די עפענונג פונעם נייעם פראכטפולן בית המדרש "היכל הקודש" וואס וועט זיין אפען די וואך שבת קודש צום ערשטן מאל.

די בית המדרש ווערט אנגעפירט דורך הרה״ג ר׳ משה שיק שליט״א א זוהן פון כ״ק מוהרא״ש שליט״א.

די בית המדרש אנטשפרעכט צו זיין א צענטער פאר אנשי שלומינו אין מאנסי ווי מען וועט זיך צוזאמקומען בדיבוק חברים און זיך מחזק זיין מיט די הייליגע לימודים פונעם רבי׳ן אזוי ווי מוהרא״ש לערנט אונז.

די בית המדרש געפינט זיך אויף 79 Decetur Ave. די זמנים פאר די וואך שבת זענען ווי פאלגענד: מנחה עש״ק 6:09, שחרית 9:00, מנחה ושלש סעודות 6:09.

עס ווערט ערווארטעט א גרעסערע צאל אידן וואס וועלן קומען מיטהאלטן דעם ערשטן שבת בבית מדרשינו.

**זה היום עשה ה׳ נגילה ונשמחה בו!**

***

### זמן החורף אנגעהויבן אין ישיבה

מיטן אייבערשטנ׳ס הילף האט מען אנגעהויבן די וואך די פרישע זמן, און מען האפט עס אנצופילן מיט אסאך תורה ותפלה ומעשים טובים.

עס גלייבט זיך נישט ווען מען זעהט אז מען האלט שוין ביים פינפטן יאר זינט די ישיבה האט זיך געעפנט, נאך אזויפיל שוועריקייטן און מניעות וואס מען איז דורך די גאנצע צייט, און די ישיבה שטייט נאך מיטן פולן פראכט און עס קומען נאך צו מער און מער בחורים וואס ווילן אויך שעפן פון דעם ריינעם קוואל, זיך לערנען א וועג אין לעבן אזוי ווי דער רבי לערנט אונז.

דער ראש ישיבה לערנט פאר יעדן טאג פארמיטאג א שיעור גמרא רש״י תוספות בעיון ביז להלכה למעשה אין שלחן ערוך, און נאכמיטאג קומט פאר א שיעור התחזקות, ווי אזוי זיך צו דערהאלטן אויף די וועלט מיט די לימודים פון רבי׳ן.

אין די פתיחה דרשה האט דער ראש ישיבה ארום גערעדט איבער די גרינד פרונציפן אויף וואס די ישיבה איז געשטעלט, בעיקר אויף די הויפט צוויי עצות פונעם רבי׳ן, די ערשטע צו רעדן צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך, ווען א איד ווייסט אז דער אייבערשטער איז איבעראל, וועט ער עפענען די מויל און אנהייבן רעדן צו אים, און אים דערציילן אלעס וואס עס ליגט אים אויפ׳ן הארץ, און מען זעהט טאקע בחוש אז די אלע וואס געוואוינען זיך איין צו רעדן צום אייבערשטן, האבן גאר אן אנדער סארט לעבן, מען איז רוהיג און פרייליך, וויסענדיג אז דער אייבערשטער איז ביי מיין זייט און ער וועט מיר שטענדיג העלפן.

און די צווייטע זאך וואס דער רבי האט אונז געגעבן, די "סדר דרך הלימוד" וואס אויף דעם וועג קען יעדער איד זוכה זיין צו לערנען תורה, אז מען קען בלויז זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה אפילו ווען מען פארשטייט נישט, און ווער עס וועט זאגן אסאך תורה וועט מיט די צייט זיין קאפ זיך עפענען און ער וועט אלעס פארשטיין.

און דערפאר איז נישטא קיין תירוץ "איך פארשטיי נישט קיין לערנען", "איך האב נישט קיין געדולד צו לערנען", ווייל מיט דעם וועג קען יעדער לערנען די הייליגע תורה.

און מען זעהט ווי די בחורים ניצן אויס די צייט, ווען יעדער לערנט זיך זיינע שיעורים אין די אייגענע צייטן, איינער אין משניות איינער אין גמרא, א.א.וו. יעדער לויט זיין דרגא, און במשך די יארן וואס ישיבה שטייט האט מען עס געקענט זעהן ווי די בחורים וואס האבן געפאלגט און געלערנט אויף דעם וועג, האבן גאר שטארק מצליח געווען, און זענען בקי אין אסאך חלקי התורה.

**כי הם חיינו!**

***

### מוהרא״ש שליט״א געפארן צו ארץ ישראל

גרויס פרייד הערשט ביי אנשי שלומינו אין ארץ ישראל ביים אויפנעמען מוהרא״ש שליט״א וואס איז געקומען אויף ארץ ישראל פאר צוויי וואכן צו מחזק זיין די ארטיגע אידן.

א גרויסע קבלת פנים איז פארגעקומען אין יבנאל בהיכל הבית המדרש, ווי די אידן האבן זיך געפרייט צו זעהן מוהרא״ש אין ארץ ישראל, צום צווייטן מאל זינט די שווערע הארץ אטאקע וואס מוהרא״ש איז אריבער ל״ע.

די וועכנטליכע ליל שישי שיעור איז נישט געווען די וואך, און עס וועט אויך נישט זיין קומענדע וואך.

מען קען הערן רעקארדירטע שיעורים פון מוהרא״ש אויפ׳ן "קול אמונה" טעלעפאן ליין אויפ׳ן נומער 212-444-9191.

**הוא הודה הוא זיווה הוא הדרה!**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת לך, י"א חשון, שנת תשע"ג לפ"ק — שנה 2, גליון 6 (54)


**זמנים**

הדלקת הנרות.................... 5:41
מוצש"ק........................... 7:11
סוף זמן ק"ש...................... 9:24

**שיעורים כסדרן**

בבלי............................. שבת כ"ד
ירושלמי.......................... כתובות ס"א
תוספתא.......................... סנהדרין פרק ב'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיֹּאמֶר ה' לְאַבְרָם לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ וּמִבֵּית אָבִיךָ אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ**, מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"ב, הַקְדָּמָה) אוֹיפְן פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל לג) **אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם** - אַבְרָהָם אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיין, זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט דֶעם אַז עֶר הָאט גֶעוְוִיסְט אַז עֶר אִיז אֵיינֶער אַלֵיינְס אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט צִיטוּהן גֶעמַאכְט פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אִים גֶעשְׁטֶערְט, פוּן זַיין טַאטֶע תֶּרַח, אוּן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אִים גֶעשְׁטֶערְט, נָאר עֶר הָאט זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט אַזוֹי וִוי עֶר אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט.

זָאגְט דֶער רֶבִּי, אַז אַזוֹי דַארְף טוּהן יֶעדֶער אִיד וָואס וִויל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם וָואס שְׁטֶערְט אִים, וִוי לְמָשָׁל זַיין טַאטֶע, מַאמֶע, שְׁוֶוער, וַוייבּ, קִינְדֶער, אָדֶער אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, נָאר עֶר זָאל זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן וִוי עֶר אִיז אַלֵיינְס אוֹיף דֶער וֶועלְט.

זָאגְט מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א: דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר אַבְרָהָם **לֶךְ לְךָ** - גֵיי צוּ דִיר, זָאלְסְט טְרַאכְטְן נָאר פוּן דִיר, אוּן קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם וָואס וִויל דִיר שְׁטֶערְן פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סַיי **מֵאַרְצְךָ** - פוּן מֶענְטְשְׁן פוּן דַיין סְבִיבָה, סַיי **וּמִמּוֹלַדְתְּךָ** - פוּן דַיינֶע קְרוֹבִים אוּן מִשְׁפָּחָה, סַיי **וּמִבֵּית אָבִיךָ**, זָאלְסְט נָאר אַנְטְלוֹיפְן **אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ** - אֶרֶץ גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אֱמוּנָה, אַנְטְלוֹיף נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, טְרַאכְט נָאר וִויאַזוֹי דוּ קֶענְסְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זאת הַתּוֹרָה לֶךְ ב)

***

**וְאַנְשֵׁי סְדוֹם רָעִים וְחַטָּאִים לַה' מְאֹד** - מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"ב ז) אַז דֶער עִיקָּר פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז דֶער דַעַת, דָאס מֵיינְט צוּ וִויסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי עֶס

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ צוּ כַּפָּרוֹת עֲווֹנוֹת ~

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוְואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג וֶוען עֶר בַּאקוּמְט עֶפֶּעס אַ צַעַר, לְמָשָׁל עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן זִיךְ צוּקְלַאפְּט א.ד.ג. זָאל עֶר גְלַייךְ זָאגְן "עֶס זָאל זַיין צוּ כַּפָּרוֹת עֲווֹנוֹת" "רְאֵה עָנְיִי וַעֲמָלִי וְשָׂא לְכָל חַטֹּאותָי", גְלַייךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל מִיט דִי יִסּוּרִים אָפְּקוּמֶען אַלֶע עֲבֵירוֹת, אוּן אַז עֶר זָאל פוּן יֶעצְט מֶער נִישְׁט טוּהן קַיין עֲבֵירוֹת.

צְוֵויי זַאכְן טוּט מֶען אוֹיף מִיטְן זָאגְן אַז עֶס זָאל צוּ "כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת", עֶרְשְׁטְנ'ס קוּמְט עֶר טַאקֶע אָפּ זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט דַארְפְן הָאבְּן דִי בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע יִסּוּרִין אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אִין גֵיהִנּוֹם, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ה.) "יִסּוּרִין מְמַרְקִין עֲווֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם" - יִסּוּרִים נֶעמֶען אַוֶועק דִי עֲבֵירוֹת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס אִיז נִישְׁט דַוְקָא נָאר וֶוען עֶס אִיז עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶל שְׁטַארְקֶע יִסּוּרִים, נָאר אֲפִילוּ מִיט קְלֵיינֶע יִסּוּרִים וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט, אַז עֶס גֵייט נִישְׁט אִינְגַאנְצְן אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, הֵייסְט דָאס אוֹיךְ יִסּוּרִים.

אַזוֹי זָאגְן דִי חֲזַ"ל (עֲרָכִין טז.) אַז וֶוען אֵיינֶער וִויל אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ מַטְבֵּעַ פוּן טַאשׁ אוּן עֶס אִיז בְּטָעוּת אַרוֹיס גֶעקוּמֶען אַ צְוֵוייטֶע מַטְבֵּעַ, אוּן עֶר מוּז נָאכְאַמָאל אַרַיין לֵייגְן דִי הֶענְט אִין טַאשׁ צוּ נֶעמֶען אַ צְוֵוייטֶע מַטְבֵּעַ, הֵייסְט דָאס שׁוֹין יִסּוּרִים, זֶעהְט מֶען אַז סַיי וֶועלְכֶע קְלֵיינִיקַייט וָואס עֶס גֵייט נִישְׁט גוּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ הֵייסְט עֶס שׁוֹין יִסּוּרִים, אוּן מֶען קוּמְט מִיט דֶעם אָפּ דִי עֲבֵירוֹת, דֶערְפַאר וֶוען מֶען הָאט עֶפֶּעס אַ זַאךְ וָואס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי גוּט, אֲפִילוּ נָאר אַ קְלֵיינִיקַייט, זָאל מֶען גְלַייךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל צוּ "כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת".

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְּבָרִים ד) **אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת כִּי ה' הוּא הָאֱלֹקִים**, אוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין מֶענְטְשׁ נָאר אַ חַי' וָואס זֶעהט אוֹיס וִוי אַ מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ פוּן אַזַא מֶענְטְשׁ זֵייעֶר הִיטְן, וַוייל עֶר קֶען שֶׁעדִיגְן.

אוּן דָאס זֶעהט מֶען בְּחוּשׁ, אַז עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס טוּעֶן רִשְׁעוּת לְשֵׁם רִשְׁעוּת, אָן קֵיין שׁוּם טַעַם, אוּן דִי גְרֶעסְטֶע צָרָה אִיז, אַז זֵיי זָאגְן אַז זֵיי טוּעֶן עֶס לְשֵׁם שָׁמַיִם, נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן'ס וֶועגְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א, א) אַז דֶער יֵצֶר הָרַע מַאכְט עֲבֵירוֹת פַאר מִצְוֹת, עֶר רֶעדְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ צוּ טוּהן אַן עֲבֵירָה, אוּן עֶר רֶעדְט אִים נָאךְ אַיין אַז עֶס אִיז אַ מִצְוָה.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק: **וְאַנְשֵׁי סְדוֹם רָעִים וַחֲטָאִים** - זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹסֶע רְשָׁעִים, אָבֶּער **לַה' מְאֹד** - נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן'ס וֶועגְן, נָאר לְשֵׁם שָׁמַיִם, אוּן פוּן זֵיי דַארְף מֶען זִיךְ דִי מֶערְסְטֶע הִיטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה לֶךְ ח)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### נְשָׁמוֹת וַוארְטְן אוֹיף אַ תִּיקוּן

אָבֶּער אוֹיסֶער דִי כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת וָואס דָאס בְּרֶענְגְט, טוּט דָאס אוֹיף נָאךְ אַ זַאךְ, וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ אַז עֶס זֶענֶען דָא נְשָׁמוֹת וָואס וֶוערְן מְגוּלְגָל אִין שְׁטֵיינֶער אִין הֶעלְצֶער אָדֶער אִין אַנְדֶערֶע דוֹמְמִים, אוּן זֵיי וַוארְטְן אוֹיף אַ תִּיקוּן אַז זֵיי זָאלְן קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּ דִי פְּלַאץ וִוי זֵיי דַארְפְן אָנְקוּמֶען, זֵיי קֶענֶען דָארְט אָפְּלִיגְן טֶעג אוּן יָארְן אָן קַיין תִּיקוּן, אוּן עֶס אִיז אַ גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אוֹיף זֵיי, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט אַ מֶענְטְשׁ אוּן עֶר דְרֵייט זִיךְ אִיבֶּער אוֹיף דֶעם שְׁטֵיין אָדֶער הָאלְץ, אוּן דָאס אִיז אִים מְעוֹרֵר צוּ תְּשׁוּבָה, אוּן עֶר זָאגְט אַז עֶס זָאל זַיין צוּ כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת, אִיז אוֹיסֶער וָואס דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט אָפּ זַיינֶע עֲבֵירוֹת, הָאט עֶר מִיט דֶעם אוֹיךְ גֶעגֶעבְן אַ תִּיקוּן פַאר דֶעם שְׁטֵיין אָדֶער הָאלְץ אוֹיף וָואס עֶר הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, וַוייל דוּרְךְ דֶעם הָאלְץ אִיז דֶער מֶענְטְשׁ נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן צוּ תְּשׁוּבָה.

אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט דוּרְכְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָחָה פְּרָטִית, אוּן אוֹיב דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ צוּקְלַאפְּט דַוְקָא פוּן דִי זַאךְ, אִיז דָאס גֶעוֶוען אַזוֹי אוֹיסְגֶערֶעכְנֶט אַז אַזוֹי פּוּנְקְטְלִיךְ הָאט עֶס גֶעדַארְפְט זַיין, פַארְן תִּיקוּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אוּן פַאר דִי נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען דָארְט מְגוּלְגָל.

### וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעוֶוען אַלֵיין אִינְדֶערְהֵיים?

מֶען זֶעהט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַלֵיינְ'ס אִינְדֶערְהֵיים, אוּן עֶר הָאט בְּטָעוּת אַרָאפּ גֶעלָאזְט אַ גְלָאז אָדֶער טֶעלֶער אוּן עֶס הָאט זִיךְ צוּבְרָאכְן אוֹיף דֶער עֶרְד, וֶועט עֶר עֶס גְלַייךְ צוּזַאם נֶעמֶען אוּן אַוֶועקְוַוארְפְן, אוּן עֶר וֶועט בַּאהַאלְטְן דִי גַאנְצֶע זַאךְ כְּאִילוּ לֹא הָיָה, קֵיינֶער הָאט דָא גָארְנִישְׁט צוּבְרָאכְן, אָבֶּער וֶוען דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ מַמָּשׁ וֶועט גֶעשֶׁעהן דוּרְךְ זַיין וַוייב אָדֶער אַ קִינְד, וֶועט עֶר אִינְגַאנְצְן אַרוֹיס גֵיין פוּן דִי כֵּלִים אוּן שְׁרַייעֶן מִיט אוּמְבַּאנוּמֶענֶע קוֹלוֹת: "פַארְוָואס הָאסְטוּ דָאס גֶעטוּהן?!" "פַארְוָואס קֶענְסְטוּ נִישְׁט וַואטְשְׁן וָואס דוּ טוּסְט, אַז עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט צוּבְרֶעכְן?!".

לָאמִיר אַרַיינְטְרַאכְטְן אַ מִינוּט, וָואס גֵייט דָא פָאר? פַארְוָואס וֶוען דוּ אַלֵיינְ'ס הָאסְט גֶעטוּהן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, אִיז אַלֶעס גוּט, אוּן וֶוען יֶענֶער טוּט עֶס, קוּמְט זִיךְ אִים קוֹלוֹת? נָאר דִי פַּאקְט אִיז אַז בַּיי זִיךְ זֶעהט מֶען נִישְׁט קַיין חִסְרוֹנוֹת אוּן בַּיי יֶענֶעם יָא.

### מַזָל טוֹב! מַזָל טוֹב!

אָבֶּער דָאס אִיז אַוַודַאי נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, עֶס פַּאסִירְט אַמָאל אַז אַ קִינְד צוּבְּרֶעכְט אַ גְלָאז א.ד.ג. אוּן אַנְשְׁטָאט מַאכְן יֶעצְט אַ אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע מַצָּב אִין הוֹיז, שְׁרַייעֶן אוּן פַארְפִירְן, אוּן דִי גַאנְצֶע הוֹיז זָאל וֶוערְן נֶערְוֶועז, מַאךְ עֶס עֶנְדֶערְשְׁט אוֹיף אַ פְרֵיילִיכֶע וֶועג, דִי גְלָאז אִיז שׁוֹין סַיי וִוי צוּבְרָאכְן, שְׁרַיי אוֹיס: "מַזָל טוֹב! מַזָל טוֹב!" אוּן זָאג אַז עֶס זָאל זַיין צוּ כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת, אוּן אַזוֹי וֶועט זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע שְׁטִימוּנְג אִינְדֶערְהֵיים שְׁטֶענְדִיג, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט דִי גְרֶעסְטֶע הַצְלָחָה.

### זִיכֶער נִישְׁט בַּיי מַיין הוֹיז

מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (בְּרָכוֹת ס.) אַז הִלֵּל הַזָּקֵן אִיז גֶעקוּמֶען פוּן וֶועג אוּן עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַ קוֹל וִוי אֵיינֶער שְׁרַייט קוֹלוֹת אִין שְׁטָאט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דָאס קוּמְט נִישְׁט פוּן מַיין הוֹיז", דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, פוּן וִוי הָאט עֶר גֶעקֶענְט זָאגְן אַזוֹי זִיכֶער אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁעהן אִין זַיין הוֹיז? נָאר וָואס דֶען, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז עֶר הָאט אַזוֹי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אִין זַיין הוֹיז אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֶעשֶׁעהט עֶפֶּעס, זָאל מֶען אוֹיךְ נִישְׁט וֶוערְן אוֹיס מֶענְטְשׁ, נִישְׁט וֶוערְן צִיוִוילְדֶעוֶועט אוּן נִישְׁט שְׁרַייעֶן קַיין קוֹלוֹת, נָאר אָנְנֶעמֶען אַלֶע בְּאַהֲבָה פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת, אוּן דֶערְפַאר וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט שְׁרַייעֶן קוֹלוֹת, הָאט עֶר גֶעקֶענְט זָאגְן מִיט אַ זִיכֶערְקַייט אַז דָאס קוּמְט נִישְׁט פוּן זַיין הוֹיז.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אַרַיין צוּ בְּרֶענְגְן אִין זַיין שְׁטוּב אַ גֶעשְׁמַאקֶע הֵיילִיגֶע אַטְמָאסְפֶער, וִוי מֶען לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען וֶוערְט נִישְׁט אוֹיס מֶענְטְשׁ וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט וִוי מֶען וִויל, נָאר מֶען וֵוייסְט אַז דָאס קוּמְט זִיכֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּם גוּטְן אוּן צוּ כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ו' עֶרֶךְ כַּפָּרָה)

# אַשֶׁר בַּנַחַל

## גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין גֶעלְט!

דוּ דַארְפְסְט זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיין גֶעלְט וְכוּ׳, עֶס אִיז בַּאוִויסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶועז זַייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף אַ אִיד וָואס עֶר פַארְנַאכְטְלֶעסִיגְט זַיין גֶעלְט, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, וְוִיפִּיל תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ אָן כְּדֵי עֶר זָאל פַארְדִינֶען דִי גֶעלְט, אוּן נָאכְדֶעם עֶר הָאט שׁוֹין דִי גֶעלְט אִיז מִיט אַ גְרִינְגֶע סִיבָּה פַארְלִירְט עֶר עֶס אִינְגַאנְצְן.

אַז אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּ דִיר אוּן עֶר בֶּעט דִיךְ דוּ זָאלְסְט אִינוֶועסְטִירְן בַּיי אִים, אוּן עֶר גֶעבְּט דִיךְ נָאךְ צֶען פְּרָאצֶענְט, זָאלְסְטוּ שׁוֹין וִויסְן אַז דָאס אִיז גְנֵיבָה וְכוּ׳, דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט דִיךְ אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכְן, דֶער קֶרֶן אִיז נִישְׁט זִיכֶער, וָוארוּם דֶער בַּאנְק גֶעבְּט אֵיין פְּרָאצֶענְט, אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אוּן עֶר גֶעבְּט דִיךְ צֶען פְּרָאצֶענְט זֶעהְסְטוּ גְלַייךְ אַז דָא טוֹיג נִישְׁט עֶפֶּעס, אוּן דָאס אִיז פָּשׁוּט, אִיבֶּערְדֶעם פָאלְג מִיר, דוּ זָאלְסְט זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, טוּה נִישְׁט גָארְנִישְׁט אָן קַיין לוֹיעֶר, וַוייל מֶען קֶען דִיךְ צוּנֶעמֶען דִי גַאנְצֶע גֶעלְט, אִין אֵיין נַאכְט הָאסְטוּ פַארְלָארְן אַלְסְדִינְג.

אִיךְ מוּז דִיר וָוארֶענֶען, וָוארוּם רַבִּים חֲלָלִים הִפִּילָה וְכוּ׳, אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אוּמְגְלִיקְלִיךְ גֶעוָוארְן אִין אֵיין נַאכְט מִיט אַזֶעלְכֶע חָכְמוֹת.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, מֶען זָאל הֶערְן גוּטֶע בְּשׂוֹרוֹת.

(אשר בנחל באידיש חלק ג׳ מכתב שצ״ב)

***

## שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶעְר׳ס...

אוּן יֶעדֶער פָּארְפָאלְק דַארְף וִויסְן אוֹיבּ סְ׳מַאכְט זִיךְ צְוִוישְׁן זֵיי אַ מִיסְפַארְשְׁטֶענְדֶענִישׁ אָדֶער אַ וִויכּוּחַ אָדֶער מֶען גְלַייכְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס וְכוּ׳ וְכוּ׳, זָאל מֶען גְלַייךְ גֵיין צוּ אַן עֶרְלִיכְן אִיד אוּן נִישְׁט שֶׁעמֶען זִיךְ, אוּן אוֹיסְדֶערְצֵיילְן פַאר אִים דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, מֶען דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ גֵיין צוּ אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע ״שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶעְר׳ס״ אוּמְוִויסֶנְדִיגֶע דָאמֶע אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי נֶעמֶען גֶעלְט פַאר דֶעם, נִישְׁט נָאר זֵיי וֶועלְן נִישְׁט מַאכְן שָׁלוֹם בַּיִת, נָאר זֵיי וֶועלְן דָאס נָאךְ אַרְגֶער מַאכְן בִּיז חָלִילָה זֵיי וֶועלְן בְּרֶענְגֶען אַ גֶט, עֶס אִיז אַ פְּשׁוּטֶע סְבָרָא, אַז אֵיינֶער נֶעמְט גֶעלְט פַאר מַאכְן שָׁלוֹם בַּיִת אוּן בַּיי יֶעדֶער וִויזִיט נֶעמְט עֶר אֲפִילוּ הוּנְדֶערְט דָאלְלֶער (וָואס עַל פִּי רוֹב נֶעמְט מֶען מֶער אוֹיף יֶעדֶע וִויזִיט), פַארְוָואס זָאל עֶר זַיין אִינְטֶרֶעסִירְט שׁוֹין דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל מַאכְן שָׁלוֹם בַּיִת? עֶר הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט אַ קִיעֶלֶע וָואס עֶר קֶען מֶעלְקְן, צִיעֶט עֶר עֶס אוֹיס וְוִילַאנְג עֶר קֶען נָאךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי פָּארְפָאלְק גֶעלְט, לֵיידֶער אִיז הַיינְט דָא אַזֶעלְכֶע גְרָאבְּיַאנֶעס פִּיסְטֶע יוּנְגֶעלַייט וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען אַ פַּאךְ אִין דִי הַאנְט, אוּן זֵיי רוּפְן זִיךְ ״שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶעְר׳ס״ אַז אָךְ אוּן וֵויי אַזֶעלְכֶע פִירֶעְר׳ס, וָואס זֵיי זֶענֶען פַארְפִירֶעְר׳ס, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ס״א) סְ׳אִיז דָא וָואס זֵיי רוּפְן זִיךְ מַנְהִיגִים, זֵיי קֶענֶען זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן, אוּן זֵיי קֶענֶען זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט פִירְן, וְוִי אַזוֹי קֶענֶען זֵיי פִירְן אוּן אַן עֵצָה גֶעבְּן אַנְדֶערֶע?

אַן אֱמֶתְ׳ר עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס עֶר אִיז דָבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דֶער דַארְף נִישְׁט קַיין גֶעלְט פוּן אַ יוּנְג פָּארְפָאלְק וָואס זֵיי קוּמֶען צוּ אִים אוֹיסְגִיסְן זִיךְ דָאס הַארְץ אַז מֶען פַארְטְרָאגְט זִיךְ נִישְׁט וְכוּ׳, מֶען פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נִישְׁט וְכוּ׳, אוּן וִוילְן אַ הַדְרָכָה עֶר זָאל מַאכְן בַּיי זֵיי שָׁלוֹם בַּיִת, דֶער אֱמֶתְ׳ר עֶרְלִיכֶער אִיד וֶועט זֵיי שׁוֹין נִישְׁט אַרוֹיסְלָאזְן פוּן זַיין צוּמֶער בִּיז זֵיי וֶועלְן שָׁלוֹם מַאכְן, עֶר וֶועט זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵיי מִיטְן גְרֶעסְטְן מָאס מְסִירוּת נֶפֶשׁ, עֶר וֶועט פַארְמַאכְן דִי גְמָרָא זַיינֶע, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ זֵיי, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵיי, אוּן זֵיי מַאכְן פַארְשְׁטֵיין וְוִיאַזוֹי דֶער לֶעבְּן גֵייט וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן עֶר וֶועט זֵיי נִישְׁט אָפְּלָאזְן בִּיז עֶר וֶועט זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען וְוִיאַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ צוּזַאמֶען וְכוּ׳, אוּן דָאס לֶעבְּן צוּזַאמֶען וְכוּ׳, אוּן זֵיי וֶועלְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן אִים פְרֵיילִיךְ אוּן גְלִיקְלֶעךְ, וָוארוּם אַן אֱמֶתְ׳ר עֶרְלִיכֶער אִיד וִויל נִישְׁט נֶעמֶען קַיין גֶעלְט פַאר שָׁלוֹם מַאכְן צְוִוישְׁן אַ יוּנְג פָּארְפָאלְק, עֶר טוּט דָאס מִיט אַן אֱמֶתְ׳ן רֵיינֶעם הַארְץ.

(אשר בנחל באידיש חלק ג׳ מכתב שפ״ג)

# שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים

## ~ דִי שְׂכַר פַארְן מְקַבֵּל זַיין בִּזְיוֹנוֹת בְּאַהֲבָה ~

אִין דֶער צַייט פוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי״ע, אִיז גֶעוֶועזְן אַ בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִּיק וָואס עֶר הָאט גֶעהֵייסְן ר׳ יַעֲקֹב, עֶר אִיז גֶעוֶועזְן פוּן דִי צַדִּיקִים נִסְתָּרִים וָואס נָאר דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי״ע הָאט גֶעוִויסְט פוּן אִים, זַיין וַוייבּ הָאט גֶעהֵייסְן פֶּערְל, אוּן בֵּיידֶע הָאבְּן גֶעדִינְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן קֵיינֶער הָאט פוּן זֵיי נִישְׁט גֶעוִויסְט נָאר דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי״ע.

קַיין קִינְדֶער הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעהַאט, זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען בֶּעטְן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי״ע עֶר זָאל זֵיי אָנְוִוינְטְשְׁן מִיט קִינְדֶער, הָאט זִיךְ דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי״ע פַארְטְרַאכְט, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט ״אַהֲרֹן״ אִיז דִי אוֹתִיּוֹת ״נִרְאָה״ אַזוֹי וְוִי אִיךְ זֶעה אוֹיף דִיר ר׳ יַעֲקֹב בִּיסְטוּ אַ רוֹאֶה אֱלֹקוּת בְּמוּחָשׁ, דוּ זֶעהְסְט מִיט דַיין פְלֵיישִׁיגֶע אוֹיגְן נָאר אֱלֹקוּת, זָארְג נִישְׁט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן, אוּן זֵיי זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען.

ר׳ יַעֲקֹב מִיט זַיין וַוייבּ פֶּערְל הָאבְּן גֶעוואוֹינְט אִין דִי שְׁטָאט פִּינְסְק, דָאס אִיז גֶעוֶועזְן אַ מִתְנַגְדִישֶׁע שְׁטָאט, ר׳ יַעֲקֹב אִיז גֶעוֶועזְן דֶער שַׁמָּשׁ פוּן דִי גְרוֹיסֶע שׁוּהְל, דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶועזְן דֶער מִנְהָג דָאס דֶער שַׁמָּשׁ הָאט גֶעדַאוֶוענְט פַארְן עָמוּד, עֶס אִיז גֶעקוּמֶען יוֹם כִּיפּוּר בַּיינַאכְט, וְוִי דֶער שְׁטֵייגֶער בַּיי אִידְן יוֹם כִּיפּוּר בַּיינַאכְט אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע הִתְעוֹרְרוּת אוּן אַ גְרוֹיסֶער פַּחַד, אוּן ר׳ יַעֲקֹב דֶער שַׁמָּשׁ וָואס בֶּאֱמֶת אִיז עֶר גֶעוֶועזְן אַ בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִּיק הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוֶוענֶען כָּל נִדְרֵי מִיט מַעֲרִיב, בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה הָאט עֶר זַייעֶר מַאֲרִיךְ גֶעוֶועזְן פוּן רוֹב דְבֵיקוּת, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ פַארְגֶעסְן אִינְגַאנְצְן וואוּ עֶר אִיז.

דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט וַוארְטְן אוֹיפְן חַזָן, אוּן דֶערְוַוייל הָאט דֶער חַזָן מַאֲרִיךְ גֶעוֶועזְן אִין שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, אוּן דֶער עוֹלָם אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן נֶערְוֶועז, וֶוען עֶר אִיז אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אִים דֶער גְבִיר פוּן שְׁטָאט אוּן הָאט אִים דֶערְלַאנְגְט צְוֵויי פְּרֶעסְק בָּרַבִּים, אוּן אִים אָנְגֶעשְׂרִיגְן, דוּ שַׁמָּשׁ אֵיינֶער, צוּלִיבּ דִיר מוּז דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם וַוארְטְן? אוּן אַוַודַאי הָאט דֶער שַׁמָּשׁ גָארְנִישְׁט צוּרִיק גֶעעֶנְטְפֶערְט, נָאר עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ גֶעשְׁטֶעלְט זִינְגֶען דֶעם פִּיוּט יַעֲלֶה, אַזוֹי וְוִי עֶס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁעהְן, אוּן עֶר הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶועזְן דִי אַלֶע פְּיוּטִים, אוּן גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם דַאוֶוענֶען.

דֶערְוַוייל אִיז אִין שׁוּהְל גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער רַעַשׁ אוּן אַ טוּמְל, וְוִי קוּמְט דָאס יוֹם הַקָּדוֹשׁ בַּיינַאכְט זָאל מֶען גֶעבְּן דֶעם חַזָן צְוֵויי פֶּעטְשׁ אוּן מְבַזֶה זַיין בָּרַבִּים, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט וִויסְנְדִיג גֶעמַאכְט, נָאךְ יוֹם הַקָּדוֹשׁ קוּמְט צִי צוּ אִים אַן אַנְדֶערֶע עוֹשֶׁר אוּן עֶר זָאגְט אִים, אִיךְ גֶעבּ דִיר וְוִיפִּיל גֶעלְט דוּ ווִילְסְט דוּ זָאלְסְט מִיר פַארְקוֹיפְן דֶעם בִּזָיוֹן וָואס דוּ הָאסְט גֶעכַאפְּט יוֹם כִּיפּוּר בַּיינַאכְט, הָאט ר׳ יַעֲקֹב גֶעטַעֲנֶה׳ט אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעכַאפְּט קַיין בִּזָיוֹן, אִיךְ וֵויס נִישְׁט וָואס אִיר ווִילְט, מִיךְ הָאט קֵיינֶער נִישְׁט מְבַזֶה גֶעוֶועזְן,

המשך בדף ד

## שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים

אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין גֶעלְט וְכוּ' וְכוּ'.

אִיז אִין הִימְל גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער רַעַשׁ, וִוי קֶען אַ מֶענְטְשׁ פַארְשְׁוַוייגְן אַזַא בִּזָיוֹן וָואס מֶען הָאט אִים מְבַזֶה גֶעוֶוען בָּרַבִּים, אוּן וֶוען? יוֹם כִּיפּוּר בַּיינַאכְט? אוּן פַארְוָואס? וַוייל עֶר הָאט מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען אִין שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה? הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה אַז עֶס אִיז גֶעבָּארְן גֶעוָוארְן בַּיי אִים אַ זוּהְן, אוּן עֶר הָאט אִים אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן אַהֲרֹן.

אוֹיף דֶעם אַרוֹיף וָואס דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי"ע הָאט אִים גֶעזָאגְט אַזוֹי וִוי דוּ בִּיסְט אַ "נִרְאָה" דוּ זֶעהְסְט אֱלֹקוּת בְּמוּחָשׁ, "נִרְאָה" אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "אַהֲרֹן", וֶועגְן דֶעם הָאט עֶר אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן דֶעם זוּהְן "אַהֲרֹן", אוּן דֶער אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן ר' אַהֲרֹן הַגָּדוֹל פוּן קַארְלִין זי"ע, וָואס עֶר אִיז נָאכְדֶעם גֶעוֶוען פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי"ע.

נָאכְדֶעם הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט נָאךְ דְרֵיי קִינְדֶער, בַּאהַאלְטֶענֶע צַדִיקִים, רֶבִּי קַלְמָן זי"ע, רַבִּי מֹשֶׁה זי"ע, אוּן רַבִּי יִצְחָק זי"ע, וָואס אַלֶע זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם, אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר שְׁוַוייגְט אָפּ אוֹיף זַיין בִּזָיוֹן, צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען, צוּ אַזַא זוּהְן וָואס הָאט פַארְלָאכְטְן נָאכְדֶעם דִי וֶועלְט, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶעהְן אוֹיכֶעט אָפְּשְׁוַוייגְן, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן.

(אשר בנחל באידיש חלק ג' מכתב שצ"ו)

## סימן טוב ומזל טוב!

מיר וואונטשן א הארציגן מזל טוב פאר

**מו"ה מענדל קאהן נ"י**

**צו די חתונה פון זיין טאכטער למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קיימא, דורות ישרים ומבורכים אמן

## ברכת מזל טוב!

מיר וואונטשן א הארציגן מזל טוב פאר

**מו"ה שאול יצחק גאנץ נ"י**

מתלמידי ישיבתינו הק'

**צו די שמחה פון זיין חתונה למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קיימא, דורות ישרים ומבורכים אמן

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

~~~

### טויזענטער אידן האבן מיטגעהאלטן
### א געהויבענעם שבת מיט מוהרא"ש שליט"א אין יבנאל

א הערליכע שבת איז געווען דעם שבת פרשת נח אין יבנאל מיט מוהרא"ש, פון גאנץ ארץ ישראל איז מען געקומען צו פארן מיטצוהאלטן דעם שבת במחיצתו של צדיק.

פרייטאג צו נאכט'ס האט מוהרא"ש געפירט טיש אינעם גרויסן בית המדרש, ווי ער האט ארום גערעדט וואס מיר דארפן ארויסלערנען פון די וואכעדיגע סדרה, ווי דער הייליגער בעל שם טוב האט געזאגט אז די תורה איז א ניצחית, און די אלע מעשיות וואס עס שטייט אין די תורה גייען אן ווייטער אין יעדן דור, ממילא דארף מען פארשטיין ווי איז היינט דא אזא זאך ווי א מבול? נאר די היינטיגע מבול איז ביי יעדן מענטש אין זיין מח, דער מענטש איז אינגאנצן מבולבל, ער האט נישט קיין ישוב הדעת, ער ווייסט נישט וואס צו טוהן, און ער קען זיך נישט קיין עצה געבן.

און די עצה איז אריין צו גיין אין די תיבה וואס דאס איז די "תיבות התפלה" צו עוסק זיין בתפלה ותחנונים, מען זאל זיך צוגעוואוינען צו רעדן צום אייבערשטן, דערציילן פארן אייבערשטן דעם אמת וואסערע בילבולים מען האט, פונעם אייבערשטן קען מען סיי ווי גארנישט באהאלטן און ווען דער מענטש זאג דאס אבער ארויס מיט זיין מויל פארן איייבערשטן, וועט אים דער אייבערשטער העלפן אז ער וועט ארויסגיין פון אלע זיינע פראבלעמען און ער וועט האבן א גליקליך לעבן.

ביי שלש סעודות האט מוהרא"ש ווידער גערעדט דברי התחזקות והתעוררות, וואס זענען געשליגען געווארן מיט דארשט, דורך די אידן הצמאים לדבר ה'.

מוצאי שבת האט מוהרא"ש געמאכט קידוש לבנה ברוב עם אין הויף בית המדרש, מוהרא"ש האט נישט אויפגענומען קיין מענטשן מוצאי שבת צוליב חולשת גופו.

די אידן זענען אהיים געגאנגען נאך שבת, אנגעפילט מיט חיזוק אויף ווייטער, צו דינען דעם אייבערשטן מיט שטארקייט און נישט ווערן צובראכן פון קיין שום זאך.

**השבת נועם הנשמות!**

\*\*\*

### ערשטע שבת אין בית המדרש "היכל הקודש" מאנסי
### געווען מיט געוואלדיגע הצלחה

ווי געמאלדן איז די וואך שבת געעפנט געווארן די טויערן פון אונזער בית המדרש "היכל הקודש" אין מאנסי נ.י. און עס איז געווען ברוך ה' מיט א געוואלדיגע הצלחה.

א גרויסע צאל מתפללים האבן זיך משתתף געווען ביי אלע תפלות, און האבן גאר שטארק הנאה געהאט פונעם בית המדרש.

אינדערפרי נאכן דאווענען האט מען צוגעשטעלט א קידוש צו די די עפענונג פונעם בית המדרש, ווי הרה"ג ר' משה שיק שליט"א האט פארגעלערנט "סיפורי מעשיות" געפלאכן מיט שיינע דברי חיזוק.

ביי שלש סעודות איז זיך צוזאם געקומען א גרויסער עולם ווי מען האט געזונגען איינאיינעם און געהערט דברי תורה וואס מיר דארפן זיך לערנען פון די פרשת השבוע, אויפן וועג ווי דער רבי לערנט אונז.

ווי עס געבן איבער די אלע משתתפים איז עס געווען גאר א שיינער שבת, און דער בית המדרש וועט זיין א צענטער-פונקט פאר אנשי שלומינו אין מאנסי זיך צו האלטן אינאיינעם בדיבוק חברים לחזק ולהתחזק.

**והבית בהבנותו!**

## ~ וואונדערליכע ישועות ~

מוהרא"ש שליט"א זאגט צו, אז ווער עס וועט מנדב זיין צו דרוקן דעם ספר "אשר בנחל", וועט זיכער זעהן גרויסע ישועות.

**הונדערטער אידן זענען שוין געהאלפן געווארן, זייט אויך פון די געהאלפענע. רופט שוין אריין מיט אייער ברייטהארציגע נדבה.**

**845-481-3321**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת וירא, י"ח חשון, שנת תשע"ג לפ"ק

שנה 2, גליון 7 (55)


**זמנים**

הדלקת הנרות......5:33
מוצש"ק......7:02
סוף זמן ק"ש......9:28

**שיעורים כסדרן**

בבלי......שבת ל"א
ירושלמי......כתובות ס"ח
תוספתא......סנהדרין פרק ט'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**יִקַּח נָא מְעַט מַיִם וְרַחֲצוּ רַגְלֵיכֶם וְהִשָּׁעֲנוּ תַּחַת הָעֵץ**, מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן י"ט) אַז אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זֶענֶען שׁוֹין צוּגֶעווּאוֹינְט צוּ טוּהן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוֹיבּ אָבֶּער זֵיי וֶועלְן זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין תּוֹרָה, יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל תּוֹרָה חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר, וֶועט דִי כֹּחַ פוּן דִי תּוֹרָה זֵיי הֶעלְפְן אַז זֵיי וֶועלְן אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת אוּן וֶוערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן: "אוּן וָואס טוּט זִיךְ וֶוען עֶר אִיז מַמָּשׁ אַ בַּעַל עֲבֵירָה, עֶר זִינְקְט אִין דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, וֶועט דָאס אִים אוֹיךְ הֶעלְפְן?" הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ וֵוייסְט דֶען דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן תּוֹרָה? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעם, אוּן סֵיי וִוי אַ מֶענְטְשׁ אִיז גֶעזוּנְקֶען אוּן עֶר אֲפִילוּ עֶר טוּט נָאךְ אַלֶץ דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ וֶועט עֶר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, וֶועט עֶר מִיט דִי צַייט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד!"

עֶס אִיז מְקוּבָּל בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז בְּעִיקָר גֵייט דָאס אַרוֹיף אוֹיף לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת, אַז וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ זֶעהט נָאר אוֹיס, אֲפִילוּ עֶר זִינְקְט אִין דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ עֶר וֶועט הָאבְּן אַ שִׁיעוּר יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל מִשְׁנַיּוֹת, וֶועט עֶס אִים אַרוֹיס שְׁלֶעפְּן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְ'ס.

אוּן דָאס אִיז אֲפִילוּ וֶוען מֶען לֶערְנְט נָאר אַבִּיסְל, וַוייל **"אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט", מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס וִויל אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוּנְטֶער נֶעמֶען מֶער וִויפִיל עֶר קֶען, אוּן נָאכְדֶעם וֶוען עֶס וֶועט נִישְׁט גֵיין, וֶועט עֶר אַלֶעם אוֹיפְגֶעבְן, נָאר מֶען זָאל זִיךְ אוּנְטֶער נֶעמֶען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כָאטְשׁ אֵיין מִשְׁנָה אָדֶער אֵיין פֶּרֶק, אוּן דִי כֹּחַ הַתּוֹרָה וֶועט אִים אַרוֹיס שְׁלֶעפְּן פוּן שְׁלֶעכְטְ'ס.**

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, וֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעוָואלְט מְקָרֵב זַיין דִי דְרֵיי מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט **יֻקַּח נָא "מְעַט"** מַיִם, "אֵין מַיִם אֶלָּא תּוֹרָה", נֶעם אֲפִילוּ נָאר "אַבִּיסְל תּוֹרָה" יֶעדְן טָאג, **וְרַחֲצוּ רַגְלֵיכֶם**, אוּן מִיט דֶעם וֶועט עֶטְץ אָפְּוַואשְׁן אַלֶע עֶנְקֶערֶע "רְגִילוֹת", אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס עֶנְק זֶענֶען צוּגֶעווּאוֹינְט, **וְהִשָּׁעֲנוּ תַּחַת הָעֵץ**, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶטְץ זִיךְ אָנְלַאנֶען אוּנְטֶערְן עֵץ הַחַיִּים אוּנְטֶערְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶטְץ וֶועטְ'ס פִילְן דִי גֶעשְׁמַאק אוּן דִי זִיסְקַייט פוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיּוֹת, אֲפִילוּ נָאר אַבִּיסְל, וֶועט עֶר זִיכֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק וַיֵּרָא תשס"ב לפ"ק)

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

### ~ אַ שְׁמָאלֶע בְּרִיק ~

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח') אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף אוֹיף דִי וֶועלְט דוּרְךְ גֵיין אוֹיף גָאר אַ שְׁמָאלֶע בְּרִיק, אָבֶּער דֶער עִיקָר אִיז אַז מֶען זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן צוּ גֵיין.

דָאס מֵיינְט אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז יֶעדֶע מִינוּט אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אוֹיף אַ שְׁמָאלְן בְּרִיק וִוי מֶען קֶען יֶעדֶע מִינוּט אַרָאפְּפַאלְן חַס וְשָׁלוֹם, אָבֶּער דֶער עִיקָר אִיז אַז מֶען דַארְף אָנְגֵיין אִין לֶעבְן מִיט אַ שְׁטַארְקַייט אוּן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן.

שְׁטֶעלְט זִיךְ אָבֶּער אַ פְרַאגֶע, אַז עֶס אִיז יָא אַזַא גְרוֹיסֶע סַכָּנָה פוּן אַרָאפְּפַאלְן יֶעדֶע מִינוּט, וִוי אַזוֹי קֶענְסְטוּ זָאגְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן? נָאר וֶוען מֶען בּוֹיעֶט אַ פֶעסְטֶע צוּים בַּיי דִי צְוֵויי זַייטְן פוּנֶעם בְּרִיק, דֶעמָאלְט'ס קֶען מֶען גֵיין דֶערוֹיף מִיט אַ זִיכֶערְקַייט אוּן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן.

וָואס זֶענֶען דִי צְוֵויי צוֹימֶען? שִׂמְחָה אוּן תְּפִלָּה, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט דִי צְוֵויי זַאכְן עֶר הַאלְט זִיךְ פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶר קוּקְט נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הֶערְט עֶר נִישְׁט אוֹיף צוּ בֶּעטְן אוּן מוּטְשֶׁען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וָואס עֶר דַארְף, דֶעמָאלְט'ס דַארְף עֶר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, וַוייל אַלֶעס וֶועט וֶוערְן גוּט.

### וֶוען דַארְף מֶען זַיין אַן עַקְשָׁן?

אוּן דֶערְפַאר אוֹיף דִי צְוֵויי זַאכְן אוֹיף שִׂמְחָה אוּן אוֹיף תְּפִלָּה דַארְף מֶען זַיין גָאר אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן, וַוייל לוֹיט וִויפִיל מֶענְטְשְׁן לַיידְן צוּזַאם דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זִיךְ זַיינֶע זַאכְן וָואס גֵייעֶן נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר וִויל, אוּן פוּן דֶעם וֶוערְט מֶען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג, אוּן דִי טֶבַע פוּנֶעם מֶענְטְשׁ צִיעט אִים מֶער צוּ טְרוֹיעֶר, וִוי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיַּעֲקֹד אֶת יִצְחָק בְּנוֹ וַיָּשֶׂם אֹתוֹ עַל הַמִּזְבֵּחַ**, מִיר גֶעפִינֶען אַז דִי נִסָּיוֹן פוּן דִי עֲקֵדָה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "**עֲקֵדַת יִצְחָק**", וִוי מִיר זָאגְן בַּיים דַאוֶוענֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה "**וַעֲקֵדַת יִצְחָק הַיּוֹם לְזַרְעוֹ תִּזְכּוֹר**", דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס וֶוערְט עֶס אָנְגֶערוּפְן אוֹיף יִצְחָק'ס נָאמֶען, לִכְאוֹרָה אִיז דָאס דָאךְ גֶעוֶוען אַ גְרֶעסֶערֶע נִסָּיוֹן פַאר אַבְרָהָם צוּ שֶׁחְטְ'ן זַיין קִינְד וָואס אִיז אִים גֶעבּוֹירְן בַּיי דִי הוּנְדֶערְט יָאר, אוּן עֶס וֶוערְט גֶערֶעכְנְט דִי גְרֶעסְטֶע אוּן שְׁוֶוערְסְטֶע נִסָּיוֹן פוּן דִי צֶען נִסְיוֹנוֹת פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, אַז בַּיי יִצְחָק אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען נָאךְ אַ חֵלֶק אִינֶעם נִסָּיוֹן, דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ נִסָּיוֹן פוּן "כִּיבּוּד אָב וָאֵם", וַוייל יִצְחָק הָאט דָאךְ נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין אַז מֶען דַארְף אִים שֶׁחְטְ'ן, עֶר הָאט עֶס נָאר גֶעהֶערְט פוּן זַיין טַאטֶע אַבְרָהָם, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען דֶעמָאלְט'ס זִיבְּן אוּן דְרַייסִיג יָאר, אוּן עֶר וָואלְט גֶעהַאט גֶענוּג וֶועגְן זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן דֶעם, אָבֶּער פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט עֶר אַנְשְׁטָאט אַנְטְלוֹיפְן, נָאךְ גֶעבֶּעטְן זַיין טַאטֶע אַז עֶר זָאל אִים גוּט צוּבִּינְדֶען.

דֶערְפַאר וֶוערְט עֶס גֶערוּפְן אוֹיף זַיין נָאמֶען "**עֲקֵדַת יִצְחָק**" וַוייל עֶר אִיז בַּייגֶעשְׁטַאנֶען אִין נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע נִסָּיוֹן סֵיי זִיךְ צוּ לָאזְן שֶׁחְטְ'ן אוּן סֵיי נִישְׁט עוֹבֵר צוּ זַיין אוֹיף זַיין טַאטֶע'ס רָצוֹן, עֶר הָאט מְקַיֵּים גֶעוֶוען "כִּיבּוּד אָב וָאֵם" בִּשְׁלֵימוּת.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה מְקַיֵּים צוּ זַיין דִי מִצְוָה פוּן "כִּיבּוּד אָב וָאֵם" וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וֶועט אוֹיף אִים קוּמֶען אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק וַיֵּרָא תש"ע לפ"ק)

***

**וַיִּשָּׂא עֵינָיו וַיַּרְא וְהִנֵּה שְׁלֹשָׁה אֲנָשִׁים נִצָּבִים עָלָיו**, זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ (בראשית רבה פמ"ח ס"ט) אֵיינֶער הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהְן וִוי אַ בֶּעקֶער, אֵיינֶער הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהְן וִוי אַ שִׁיפְס קַאפִּיטַאן, אוּן אֵיינֶער הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהְן וִוי אַן אַרַאבֶּער,

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אבות פרק א') אוֹיף דְרֵיי זַאכְן שְׁטֵייט דִי וֶועלְט, אוֹיף תּוֹרָה, אוֹיף עֲבוֹדָה, אוּן אוֹיף גְמִילַת חֲסָדִים, אוּן דָאס וַוייזְט אוֹיף דִי דְרַיי אָבוֹת אַבְרָהָם, יִצְחָק, אוּן יַעֲקֹב, אַבְרָהָם'ס מִדָּה אִיז גֶעוֶוען גְמִילַת חֲסָדִים, יִצְחָק אִיז גֶעוֶוען תְּפִלָּה, אוּן יַעֲקֹב אִיז גֶעוֶוען תּוֹרָה.

דָאס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעוִויזְן פַאר אַבְרָהָם, יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט גֶעפָאלְגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס הָאט דִיךְ גֶעהֵייסְן זִיךְ מַלְ'ן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאוַוייזְט זִיךְ צוּ דִיר, וִוי עֶס שְׁטֵייט **וַיֵּרָא אֵלָיו ה'**, יֶעצְט וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי דְרֵיי זַיילְן פוּן דִי וֶועלְט, תּוֹרָה, עֲבוֹדָה, אוּן גְמִילַת חֲסָדִים.

דֶער בֶּעקֶער אִיז קֶעגְן חֶסֶד, וַוייל עֶר גֶעבְּט צוּ עֶסְן פַאר מֶענְטְשְׁן, דֶער שִׁיפְ'ס קַאפִּיטַאן פִירְט מֶענְטְשְׁן אוֹיפְן יַם, וָואס אִיז קֶעגְן דִי יַם הַתַּלְמוּד, וָואס דָאס אִיז תּוֹרָה, אוּן דֶער אַרַאבֶּער וָואס וֶוערְט גֶערוּפְן "יִשְׁמָעֵאל" אִיז קֶעגְן תְּפִלָּה, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בראשית טז, א) עֶר הָאט אִים גֶערוּפְן יִשְׁמָעֵאל "**כִּי שָׁמַע ה' אֶל עָנְיֵךְ**" וָואס דָאס אִיז תְּפִלָּה, אוּן אוֹיף דִי דְרַיי זַאכְן שְׁטֵייט דִי וֶועלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיֵּרָא ה)

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן אוֹיף דֶעם, "אֲפִילוּ אִיךְ וָואלְט נִישְׁט גֶעדַארְפְט זַיין פְרֵיילִיךְ יֶעצְט צוּלִיבּ דָאס אוּן דָאס, וֶועל אִיךְ זִיךְ אָבֶּער עַקְשְׁ'נֶען צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ".

אוֹיךְ דַארְף מֶען הָאבְּן גְרוֹיס עַקְשָׁנוּת אוֹיף תְּפִלָּה, וַוייל פַּאקְטִישׁ זֶעהט מֶען אַז מֶענְטְשְׁן וֶוערְן אָפְּגֶעקִילְט פוּן תְּפִלָּה, וַוייל אַסַאךְ מָאל זֶעהט מֶען אַז מֶען בֶּעהְט אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן מֶען וֶוערְט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, בִּיז מֶען פִילְט מַמָּשׁ וִוי מֶען רֶעדְט צוּ דִי וַואנְט, אוּן דֶערְפַאר הֶערְט מֶען אוֹיף צוּ בֶּעטְן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע עַקְשָׁנוּת אוֹיף תְּפִלָּה, וַוייל וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט נִישְׁט אָפְּלָאזְן תְּפִלָּה, עֶר וֶועט בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן אָן אוֹיפְהֶער, וֶועט עֶר זִיכֶער בַּאקוּמֶען וָואס עֶר ווִיל.

דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת י) "אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶר זֶעהט אַז עֶס לִיגְט שׁוֹין אַ שְׁוֶוערְד אוֹיף זַיין הַאלְז, זָאל עֶר וַוייטֶער בֶּעטְן" דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ עֶס זֶעהט שׁוֹין אוֹיס וִוי דִי מַצָּב אִיז פַארְלוֹירְן, עֶס אִיז מֶער נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּהן, קֶען מֶען נָאךְ אַלְץ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן.

### פַארְוָואס וֶוער אִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן?

דֶער צַדִּיק הרה"ק רֶבִּי נָחוּם טְשֶׁערְנָאבְּלֶער הָאט גֶעזָאגְט, פַארְוָואס זֶעהט מֶען אַמָאל אַז מֶען בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען וֶוערְט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן? הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּמְט שְׁטֶענְדִיג גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת פַארְן מֶענְטְשׁ, וַוייל בַּיים כִּסֵּא הַכָּבוֹד בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְ'ס אִיז נָאר חֲסָדִים אָן קַיין שׁוּם דִינִים, אָבֶּער בִּיז דִי הַשְׁפָּעוֹת קוּמֶען אָן צוּם מֶענְטְשׁ דַארְף עֶס דוּרְךְ גֵיין אַסַאךְ הֵיכָלוֹת אוּן וֶועלְטְן, אוּן וֶוען דִי הַשְׁפָּעָה גֵייט אַרוֹיס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּם עֶרְשְׁטְן הֵיכָל, אִיז דָארְט דָא מְקַטְרִיגִים וָואס טַעֲנָה'ן אַז עֶס קוּמְט זִיךְ נִישְׁט פַארְן מֶענְטְשׁ דִי זַאכְן, דֶעמָאלְט'ס דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ נָאכְאַמָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיט דֶעם אִיז עֶר מְעוֹרֵר רַחֲמִים אַז דִי הַשְׁפָּעוֹת זָאלְן גֵיין וַוייטֶער צוּ דִי צְוֵוייטֶע הֵיכָל, אוּן דָארְט בְּלַייבְּט עֶס שְׁטֶעקְן בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ בֶּעהְט נָאכְאַמָאל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער.

אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, וֶועט עֶס דוּרְךְ גֵיין אַלֶע וֶועלְטְן אוּן עֶס וֶועט אָנְקוּמֶען אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת צוּם מֶענְטְשׁ.

אָבֶּער דִי פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז מֶען בֶּעהְט אֵיין מָאל אוּן אַ צְוֵוייטֶע מָאל אוּן אַ דְרִיטֶע מָאל, אוּן וֶוען מֶען זֶעהט נִישְׁט דִי יְשׁוּעָה, הֶערְט מֶען אוֹיף צוּ בֶּעטְן, אוּן דֶערְוַוייל אִיז דַיין יְשׁוּעָה גֶעבְּלִיבְּן עֶרְגֶעץ שְׁטֶעקְן אוֹיפְ'ן וֶועג, אוּן עֶס וַוארְט אַז דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער בֶּעטְן נָאךְ עֶטְלִיכֶע מָאל אוּן דֶעמָאלְט'ס וֶועט עֶס אָנְקוּמֶען.

וואוֹיל אִיז דֶער וָואס שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט גְרוֹיס עַקְשָׁנוּת מִיט בֵּיידֶע זַאכְן, סֵיי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ שְׁטֶענְדִיג, אוּן סֵיי צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט עַקְשָׁנוּת, נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, דֶעמָאלְט'ס וֶועט מֶען הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ אוּן גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן בְּרוּחֲנִיּוֹת וְגַשְׁמִיּוֹת, אָמֵן.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ חֵלֶק ו' עֶרֶךְ עַקְשָׁנוּת)

# אַשְׁר בְּנַחַל

## ~ צְווֵיי זַאכְן זָאל זַיין בַּיי דִיר שְׁטַארְק ~

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֶעהְן צוּ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי דִיךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן י"ט) אֲפִילוּ דִי נְשָׁמוֹת וָואס זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, אוּן דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז זִיךְ אוֹיף זֵיי מִתְגַבֵּר וִוי אַזוֹי עֶר אִיז זִיךְ מִתְגַבֵּר, אוּן עֶר אִיז זֵיי מְטַמֵא מִיט וָואס עֶר אִיז זֵיי מְטַמֵא וְכוּ' וְכוּ', אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּךְ וְכַךְ וֶועט דֶער כֹּחַ הַתּוֹרָה זֵיי אַרוֹיסְרַייסְן פוּן דִי זוֹהֲמָא אוּן דִי טוּמְאָה וָואס זֵיי זֶענֶען דָארְטְן אַרַיינְגֶעפַאלְן, אוּן עֶס אִיז מְקוּבָּל בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט, דָאס כַּךְ וְכַךְ גֵייט אַרוֹיף אוֹיף חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן פַאר אַסַאךְ פוּן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זֵיי זָאלְן זָאגְן יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קפ"ה) אִיבֶּערְדֶעם מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, דַארְפְסְט נִישְׁט מַאכְן מִיט קֵיינֶעם קַיין חֶשְׁבּוֹן נִישְׁט, דוּ דַארְפְסְט קוּקְן אוֹיף דִיר אַליין, דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַזַא גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע וְכוּ' וְכוּ', דוּ זִינְדִיגְסְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן וְכוּ' וְכוּ', זֶעה הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף דַיין נְשָׁמָה, זָאלְסְט זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דָאס וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן בְּלָאטֶע.

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶערְצֵייל אִים אוֹיס יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּהְן, אוּן בֶּעט רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין, וָוארוּם דֶער עִיקַר תְּשׁוּבָה זָאגְט דֶער רַמְבַּ"ם (פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה הֲלָכָה א') אִיז ווִידוּי דְבָרִים, וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדְאוֹת הֲרֵי זֶה מְשׁוּבָּח; וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לְשֵׁיזְבַן וֶוערְט אַרַיינְגֶעקְרִיצְט דִי עֲווֹנוֹת אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אוּן זֵיי זֶענֶען זִיךְ נוֹקֵם אִין אִים, מֶען זֶעהְט אַז אֵיינֶער הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִיז עֶר אִינְגַאנְצְן מְבוּלְבָּל וְכוּ', אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פוּן ווַאנֶעט דָאס קוּמְט, אָבֶּער דֶער אֱמֶתְ'ן אַרַיין אִיז דִי עֲווֹנוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט וֶוערְט אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער אוּן זֵיי זֶענֶען זִיךְ נוֹקֵם אִין אִים, זֵיי מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ג') אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנָס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת; אוּן וֶועלְדִיג ווִיפִיל אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט אַזוֹי פִיל רוּחַ שְׁטוּת גֵייט אַרַיין אִין אִים, אִיבֶּערְדֶעם אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לְשֵׁיזְבַן וֶוערְט עֶר פָּשׁוּט מְשׁוּגָע, אוּן עֶר אִיז מְבוּהָל וּמְבוּלְבָּל צֶעטוּמְלְט וְכוּ' וְכוּ', אוּן טְרֶעפְט זִיךְ נִישְׁט דָאס אָרְט וְכוּ', אוּן עֶר אִיז דֶערְבִּיטֶערְט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם וְכוּ', אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַז דִי עֲווֹנוֹת אַליין זֶענֶען זִיךְ נוֹקֵם אִין אִים וְכוּ', הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה פַאר אִים גֵייעְן אַרוֹיס דִי עֲווֹנוֹת פוּן דִי בֵּיינֶער בִּיז עֶר שְׁפִּירְט אֱלֹקוּת, ווִיפִיל אַ מֶענְטְשׁ אִיז מִתְפַּלֵל פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה אוּן עֶר זָאגְט צוּ אַז עֶר וֶועט שׁוֹין מֶער נִישְׁט טוּהְן דִי נַארִישְׁקֵייטְן, אַזוֹי גֵייט אַרוֹיס פוּן אִים דִי עֲווֹנוֹת, אוּן עֶס הֵייבְּט אִים אָן צוּ לַייכְטְן דִי אֱמוּנָה, בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה נִכְלָל צוּ וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אִין עֶצֶם עַצְמִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ.

אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קי"ב) אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן; דָאס וָואס דוּ בִּיסְט צוּבְּרָאכְן אוּן דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דוּ הָאסְט גֶעזִינְדִיגְט וְכוּ', דָאס אִיז אַ סִימָן אַז דוּ הָאסְט נָאךְ אֱמוּנָה וְכוּ', וָוארוּם וֶוען דוּ וָואלְסְט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֱמוּנָה וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי צוּבְּרָאכְן אוֹיף דַיינֶע חֲטָאִים, אַז דוּ בִּיסְט צוּבְּרָאכְן אִיז אַ סִימָן אַז דוּ הָאסְט אֱמוּנָה אוּן דוּ וֵוייסְט אַז דוּ הָאסְט גֶעטוּהְן נִישְׁט גוּט וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ גְלֵייבְּן אַז מֶען קֶען אַלֶעס פַארְעֶכְטְן, כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט קֶען עֶר אַלֶעס פַארְעֶכְטְן, וָוארוּם תְּשׁוּבָה אִיז בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זֵייעֶר חָשׁוּב, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ל"ד) בְּמָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִים שָׁם אֵין צַדִּיקִים גְּמוּרִים יְכוֹלִים לַעֲמוֹד; וָוארוּם אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּרִיק צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס אִיז מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב בַּיי אִים, אִיבֶּערְדֶעם נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

נָאר דִי צְווֵיי זַאכְן זָאל זַיין בַּיי דִיר שְׁטַארְק, זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

זֶעה צוּ גֵיין מִיט כָּשֵׁר'ע צִיצִית, אוּן דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיין טַלִּית קָטָן אַז עֶס זָאל זַיין שְׁטֶענְדִיג רֵיין, אוּן דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף דִי צִיצִית, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ז') אַז צִיצִית אִיז מַצִּיל דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן תַּאֲווֹת נִיאוּף וְכוּ', צִיצִית בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דֶעם מֶענְטְשׁ אַ אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וְכוּ', דוּרְךְ מִצְוַות צִיצִית אִיז מֶען זוֹכֶה מְקַבֵּל צוּ זַיין דִי עֵצוֹת פוּן אֱמֶתְ'ן צַדִּיק וְכוּ'.

(אשר בנחל באידיש חלק ג' מכתב שי"ח)

# שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים

## ~ וִוי אַזוֹי דַארְף מֶען אוֹיפְנֶעמֶען גֶעסְט? ~

אֵיינְמָאל הָאט אַ תַּלְמִיד פוּנֶעם רֶבִּי'ן גֶעבֶּעטְן פוּן רֶבִּי'ן אַז עֶר ווִיל זֶעהְן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, נָאךְ אַסַאךְ בֶּעטְן הָאט דֶער רֶבִּי אִים צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין אֵיינְמָאל צוּ זֶעהְן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא.

דֶער תַּלְמִיד הָאט גֶעהַאט אַ מִנְהָג אַז עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג נֶעמֶען אוֹרְחִים אוֹיף שַׁבָּת צוּ עֶסְן בַּיי אִים, אָבֶּער עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אוֹיסְנֶעמֶען מִיט דִי גֶעסְט אַז זֵיי זָאלְן אִים נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן זַיינֶע שִׁיעוּרִים, ווַייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מַתְמִיד, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט בַּאשְׁטִימְטֶע שִׁיעוּרִים צוּ לֶערְנֶען שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדָה, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל אִים שְׁטֶערְן.

אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוֹיף שַׁבָּת אַן אוֹרַח, דֶער אוֹרַח הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהְן וִוי אַ חָשׁוּב'עֶר אִיד, אוּן עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דִי אֵיין מָאל וֶועט עֶר טוּישְׁן זַיין מִנְהָג אוּן עֶר וֶועט יָא רֶעדְן מִיט דֶעם אוֹרַח, אָבֶּער פוּן גְרוֹיס חֵשֶׁק צוּ עֶנְדִיגְן זַיינֶע שִׁיעוּרִים, הָאט עֶר עֶס אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט אַז עֶר וֶועט שׁוֹין רֶעדְן מִיט אִים אִינְדֶערְפְרִי, אָבֶּער בַּיי דִי בַּייטָאג סְעוּדָה הָאט עֶר ווַייטֶער גֶעוָואלְט עֶנְדִיגְן זַיינֶע שִׁיעוּרִים, הָאט עֶר עֶס אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט אוֹיף שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאט עֶר ווַייטֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט פַארְלִירְן זַיינֶע שִׁיעוּרִים, הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט מִיט אַ שְׁטַארְקַייט אַז בַּיי מְלַוֶה מַלְכָּה וֶועט עֶר אַלֶעס אָפְּלָאזְן, אוּן עֶר וֶועט נָאר רֶעדְן מִיט דֶעם אוֹרַח, אָבֶּער גְלַייךְ נָאךְ שַׁבָּת אִיז דֶער אוֹרַח פַארְשְׁווִינְדְן גֶעוָוארְן אוּן ווִיפִיל עֶר הָאט אִים גֶעזוּכְט הָאט עֶר אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן.

וֶוען דֶער תַּלְמִיד אִיז שְׁפֶּעטֶער גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְן רֶבִּי'ן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶערֶעדְט מִיט אַלֶע דַיינֶע גֶעסְט, וָואלְסְטוּ גֶעהַאט דִי זְכִיָּ' צוּ רֶעדְן אוֹיךְ מִיט דֶעם אוֹרַח..."

הָאט דֶער תַּלְמִיד פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, אוּן ווַייל עֶר פְלֶעגְט נִישְׁט רֶעדְן מִיט זַיינֶע גֶעסְט, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט דִי זְכִיָּ' צוּ רֶעדְן מִיט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, נָאר אִים זֶעהְן.

זֶעהְט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז וֶוען מֶען נֶעמְט גֶעסְט, דַארְף מֶען זֶעהְן צוּ רֶעדְן מִיט זֵיי דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי גֶעבְּט מֶען פַאר דִי גֶעסְט צוּ עֶסְן סֵיי פַאר דִי גוּף אוּן סֵיי פַאר דִי נְשָׁמָה, אַזוֹי וִוי אַבְרָהָם אָבִינוּ וָואס הָאט אַרַיינְגֶענוּמֶען גֶעסְט אוּן זֵיי גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן, אָבֶּער עֶר הָאט זֵיי אוֹיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק וַיֵּרָא תשס"א לפ"ק)

***

## אוּן פַאר דִיר דַארְף מֶען יָא גֶעבְּן?

אִין דִי צַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי רֶבִּי זוּשָׁא זִי"עַ, אִיז גֶעוֶוען אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד וָואס פְלֶעגְט שְׁטִיצְן דֶעם רֶבִּי רֶבִּי זוּשָׁא מִיט גֶעלְט, עֶר פְלֶעגְט אִים אַלְץ בְּרֶענְגְן גֶעלְט פוּן צַייט צוּ צַייט,

המשך בדף ד

## שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים

און עֶר הָאט גֶעזֶעהן אַז וֶוען עֶר גֶעבְּט גֶעלְט פַּארְן רֶבִּי״ן הָאט עֶר נָאכְדֶעם גְרוֹיס הַצְלָחָה.

אֵיינְמָאל וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי זוּשָׁא זי״עַ, אִיז דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעוֶוען אִינְדֶערְהֵיים, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דִי רֶעבִּיצִין: ״וְוִי אִיז דֶער רֶבִּי?״ הָאט זִי גֶעזָאגְט: ״עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּ זַיין רֶבִּי״ן צוּם הֵיילִיגְן מַגִּיד״, הָאט דֶער אִיד גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: ״אַזוֹי? דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ אַ רֶבִּי? אוֹיבּ אַזוֹי אַנְשְׁטָאט גֶעבְּן גֶעלְט פַּאר רֶבִּי זוּשָׁא וֶועל אִיךְ עֶנְדֶערְשְׁט גֶעבְּן גֶעלְט פַּאר זַיין רֶבִּי״ן פַּארְן מַגִּיד, אוֹיבּ וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן גֶעלְט פַּאר רֶבִּי זוּשָׁא הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַזַא הַצְלָחָה, וֶוען אִיךְ וֶועל גֶעבְּן פַּארְן מַגִּיד, וֶועל אִיךְ זִיכֶער הָאבְּן אַ גְרֶעסֶערֶע הַצְלָחָה״.

עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּהן, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ גֶעבְּן גֶעלְט פַּאר רֶבִּי זוּשָׁא, עֶר הָאט פוּן דֶעמָאלְט׳ס אָנְגֶעהוֹיבְּן גֶעבְּן גֶעלְט נָאר פַּארְן מַגִּיד.

אָבֶּער אַנְשְׁטָאט צוּ זֶעהן אַ גְרֶעסֶערֶע הַצְלָחָה, אִיז גֶעוֶוען גָאר פַּארְקֶערְט, עֶס הָאט זִיךְ אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דָאס רֶעדְל אוֹיף אַרָאפּ, און עֶר הָאט פַּארְלוֹירְן מֶער און מֶער גֶעלְט, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ בְּלוּטִיגֶער אָרִימַאן.

דֶער אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי זוּשָׁא און גֶעוֵויינְט: ״וָואס גֵייט דָא פָּאר? וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן פַּאר אַייךְ גֶעלְט, הָאבּ אִיךְ אַזוֹי שֵׁיין מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, און יֶעצְט וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן גֶעבְּן גֶעלְט פַּארְן מַגִּיד, הָאבּ אִיךְ נָאר פַּארְלוֹירְן מֶער און מֶער״.

הָאט אִים רֶבִּי זוּשָׁא גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״עֶס אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט, וְוילַאנְג דוּ הָאסְט נִישְׁט אַזוֹי מַקְפִּיד גֶעוֶוען פַאר וֶועם דוּ גֶעבְּסְט גֶעלְט, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ נִישְׁט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף דִיר, און עֶר הָאט דִיר אוֹיךְ גֶעגֶעבְּן גֶעלְט, אָבֶּער אֵיינְמָאל דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קוּקְן פַאר וֶועם דוּ גֶעבְּסְט, ׳פַאר אִים גֶעבּ אִיךְ נִישְׁט, און פַאר דֶעם גֶעבּ אִיךְ יָא׳, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קוּקְן, און עֶר גֶעבְּט אוֹיךְ נִישְׁט פַאר יֶעדְן, און דֶערְפַאר הָאסְטוּ אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְלִירְן גֶעלְט״.

זֶעהט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען טָאר נִישְׁט צוּפִיל מְדַקְדֵק זַיין וֶוען אֵיינֶער קוּמְט בֶּעטְן צְדָקָה, נָאר מֶען גֶעבְּט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אֲפִילוּ נָאר אַבִּיסְל, אָבֶּער דֶער עִיקָר אַז עֶס זָאל זַיין בְּסֵדֶר פָּנִים יָפוֹת, און נִישְׁט אוֹיסְפְרֶעגְן יֶענֶעם פּוּנְקְטְלִיךְ וֶוער עֶר אִיז, און אַוודַאי נִישְׁט בֶּעטְן אַ כְּתַב הַמְלָצָה א.ד.ג. יֶענֶער הָאט שׁוֹין גֶענוּג גֶעלִיטְן בִּיז עֶר הָאט גֶעבְּרָאכְן זַיין בּוּשָׁה און גֶעגַאנְגֶען צוּזַאמְעֶנֶעמֶען נְדָבוֹת, און מֶען דַארְף אִים נִישְׁט צוּגִיסְן קַיין זַאלְץ אוֹיף זַיינֶע וואוּנְדֶען.

וַוייל אוֹיבּ אִיז מֶען מְדַקְדֵק אוֹיף יֶעדְן, אוֹיבּ מֶען דַארְף טַאקֶע גֶעבְּן גֶעלְט פַאר יֶענֶעם, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מְדַקְדֵק זַיין אוֹיף דִיר אוֹיךְ אוֹיבּ עֶר דַארְף דִיר טַאקֶע גֶעבְּן גֶעלְט, אָבֶּער וֶוען מֶען גֶעבְּט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם וִויפִיל מֶען קֶען, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר אוֹיךְ גֶעבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע וִויפִיל דוּ דַארְפְסְט.

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק כ״ה מִכְתָּב ג׳ תתק״מ)

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳ ~

~~~

### האריקעין באטראפן די היימישע געגענטער

מוהרא״ש שליט״א וואס געפינט זיך יעצט אין ארץ ישראל האט געשריבן א בריוו פאר אנשי שלומינו איבער דעם האריקעין, בייגעלייגט אן איבערזעצונג אויף אידיש פונעם מכתב קודש.

מוהרא״ש וועט אי״ה צוריק קומען קומענדע וואך, עס איז ערווארטעט אז דעם קומענדיגן ליל שישי וועט שוין ווייטער פארקומען די וועכנטליכע שיעור.

מען קען הערן רעקארדירטע שיעורים פון מוהרא״ש אויפ׳ן "קול אמונה" טעלעפאן ליין אויפ׳ן נומער 212-444-9191.

**המביט לארץ ותרעד!**

בעזה״י יוֹם ג׳ לְסֵדֶר וַיֵּרָא י״ד חֶשְׁוָן ה׳תשע״ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר וְיִזְרַח

זָאלְסְט זֶעהן זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט דִי פָּשׁוּט׳ע אֱמוּנָה, מֶען זֶעהט יֶעצְט וִוי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צִיטֶערְט פוּן דֶעם הָארִיקֶעין אִין אַמֶערִיקֶע, אַזַא הָארִיקֶעין וָואס עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען, מֶען זֶעהט מַמָּשׁ וִוי עֶס וֶוערְט מְקוּיָם דֶער פָּסוּק (תְּהִלִּים קד, לב) ״הַמַּבִּיט לָאָרֶץ וַתִּרְעָד יִגַּע בֶּהָרִים וְיֶעֱשָׁנוּ״ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט גֶע׳חָלוֹם׳ט אַז דָאס קֶען פַאסִירְן אוֹיךְ אִין דִי הֵיימִישֶׁע אִידִישׁ גֶעגֶענְטֶער.

אָבֶּער דָאס אַלֶעס אִיז נָאר, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אוּנְז אוֹיפְוֶועקְן פוּן דֶעם טִיפְן שְׁלָאפְן אִין וָואס מִיר זֶענֶען פַארְזִינְקֶען, אוּנְז זָאלְן זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן און וִויסְן אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס פִירְט דִי וֶועלְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט גְרוֹיסֶע חֲסָדִים, נָאר אוּנְז צוּ דֶערְמַאנֶען פוּן אִים, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ וֶוענְדְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע תַּכְלִית פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט.

גֶעווֹאוִין דִיר צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אַן אֵייבִּיגֶע הַצְלָחָה פַארְן מֶענְטְשׁ, און וֶוען אַ אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט בַּיי אִים אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט דִי אֱמוּנָה, און דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן ל״ג) ״עַל יְדֵי אֱמוּנָה יִסְלַח לְךָ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל כָּל עֲוֹנוֹתֶיךָ״ - וֶוען אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

און דֶערְפַאר, וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי אֱמוּנָה, עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ זִיסֶערֶע און גֶעשְׁמַאקֶערֶע זַאךְ פוּן וֶוען אַ אִיד לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וואוּיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

## ~ וואונדערליכע ישועות ~

*מוהרא״ש שליט״א זאגט צו:*

"ווער עס וועט מנדב זיין צו דרוקן דעם ספר "אשר בנחל", וועט זיכער זעהן גרויסע ישועות"

**הונדערטער אידן זענען שוין געהאלפן געווארן, זייט אויך פון די געהאלפענע. רופט שוין אריין מיט אייער ברייטהארציגע נדבה.**

**845-481-3321**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות.................4:25
מוצש"ק.............................5:55
סוף זמן ק"ש......................8:32

**שיעורים כסדרן**
בבלי..........................שבת ל"ח
ירושלמי.......................סוטה ג'
תוספתא............מכות פרק ב'

פרשת חיי שרה, כ"ה חשון, מברכים חודש כסלו, שנת תשע"ג לפ"ק
שנה 2, גליון 8 (56)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיִּהְיוּ חַיֵּי שָׂרָה מֵאָה שָׁנָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה וְשֶׁבַע שָׁנִים שְׁנֵי חַיֵּי שָׂרָה**, דֶער מֶדְרָשׁ דֶערְצֵיילְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה נ"ח, ג) אַז רֶבִּי עֲקִיבָא אִיז גֶעזִיצְן אוּן גֶע'דַרְשְׁ'נְט, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן וִוי דֶער עוֹלָם שְׁלָאפְט אֵיין, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "פַאַרְוָואס הָאט אֶסְתֵּר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קֶענִיגְן אוֹיף 127 לֶענְדֶער? וַוייל זִי אִיז גֶעוֶוען אַן אֵיינִיקְל פוּן שָׂרָה וָואס הָאט גֶעלֶעבְּט 127 יָאר".

דֶער מֶדְרָשׁ אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, קוֹדֶם פַאַרְוָואס דַארְף אֶסְתֵּר קֶענִיגְן אוֹיף 127 לֶענְדֶער וַוייל שָׂרָה הָאט גֶעלֶעבְּט 127 יָאר? אוּן פַאַרְוָואס הָאט רֶבִּי עֲקִיבָא זֵיי אוֹיפְגֶעוֶועקְט מִיטְן זָאגְן דָאס?

מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"א) **אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט פוּן זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת זָאל עֶר וִויסְן אַז דָאס קוּמְט פוּן הִימְל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס סְפֶּעצִיעֶל אַזוֹי גֶעמַאכְט, כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיפְפְרִישְׁן, עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל פוּן נֵיי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל מֶען דַארְף יֶעדְן טָאג אָנְהֵייבְּן פוּן דָאסְנַיי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס רַשִׁ"י זָאגְט **בַּת ק' כְּבַת כ' וּבַת כ' כְּבַת ז', כּוּלָן שָׁוִין לְטוֹבָה**, דָאס מֵיינְט אַז בַּיי דִי הוּנְדֶערְט יָאר הָאט זִיךְ שָׂרָה וַוייטֶער בַּאנַייעֶט אַזוֹי וִוי זִי וָואלְט נָאךְ גֶעוֶוען צְוָואנְצִיג יָאר, דָאס אִיז גֶעוֶוען אִיר גְרוֹיסְקַייט אַז זִי הָאט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנַייט.

אוּן דֶערְפַאר וֶוען רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעזֶעהְן אַז דֶער עוֹלָם שְׁלָאפְט אֵיין, דָאס מֵיינְט אַז זֵיי וֶוערְן פַארְשְׁלָאפְן, זֵיי דִינֶען שׁוֹין נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי זֶעלְבֶּע פְרִישְׁקַייט, הָאט עֶר זֵיי דָאס גֶעזָאגְט, "פַאַרְוָואס הָאט אֶסְתֵּר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קֶענִיגְן אוֹיף 127 לֶענְדֶער? וַוייל זִי אִיז גֶעוֶוען אַן אֵיינִיקְל פוּן שָׂרָה וָואס הָאט גֶעלֶעבְּט 127 יָאר" דָאס מֵיינְט אַז וַוייל שָׂרָה הָאט גֶעלֶעבְּט מִיט אַזַא פְרִישְׁקַייט, זִי אִיז נִישְׁט גֶעוָוארְן פַארְשְׁלָאפְן, דֶערְפַאר הָאט אִיר אֵיינִיקְל אֶסְתֵּר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קֶענִיגְן אוֹיף 127 לֶענְדֶער, אוּן דֶערְפַאר - זָאגְט רֶבִּי עֲקִיבָא פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים - זָאלְט אִיר אוֹיךְ נִישְׁט זַיין פַארְשְׁלָאפְן, נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט פְרִישְׁקַייט, וֶועט אִיר אוֹיךְ זוֹכֶה צוּ אַיינְקוֹיפְן לֶענְדֶער אוּן וֶועלְטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה תשס"ז לפ"ק)

***

**וּמִשְׁמָע וְדוּמָה וּמַשָּׂא**, דֶער חִידָ"א טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק **וּמִשְׁמָע** - מֶען דַארְף הֶערְן, **וְדוּמָה** - אוּן שְׁוַוייגְן, **וּמַשָּׂא** - אוּן לַיידְן.

מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') אַז דִי עִיקַר תְּשׁוּבָה אִיז צוּ הֶערְן בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁוַוייגְן, אָבֶּער צוּ

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָאַ"שׁ

### ~ וָואס זָאגְט יֶענֶער? ~

מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע שְׁלִיסְל צוּ דִי הַצְלָחָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז אַז מֶען זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט קוּקְן וָואס אַ צְוֵויטֶער וֶועט זָאגְן, נִישְׁט זַיין דֶערְשְׁרָאקְן, "וָואס וֶועט זַיין אוֹיבּ אִיךְ וֶועל מַאכְן אַ טָעוּת אוּן יֶענֶער וֶועט מִיר אוֹיסְלַאכְן?", נָאר מֶען דַארְף צוּ טוּהן וָואס מֶען הָאט צוּ טוּהן, אוּן אוֹיבּ מֶען מַאכְט אַ טָעוּת, קוּק מֶען נִישְׁט צוּרִיק אוֹיבּ אֵיינֶער לַאכְט, נָאר מֶען גֵייט וַוייטֶער אָן מִיט אַ שְׁטַארְקַייט.

פַארְקֶערְט, דִי אַלֶע טָעוּתִים וָואס מֶען מַאכְט אִין אָנְהוֹיבּ, דָאס הֶעלְפְט צוּ דִי הַצְלָחָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת ק"כ.- גִיטִין מ"ג.) אַז דִי עִיקָר הַצְלָחָה קוּמְט וֶוען מֶען מַאכְט טָעוּתִים, וַוייל אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ פַארֶערְכְטְן, אוּן מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיפְ'ן גוּטְן וֶועג.

מֶען זֶעהְט דָאס בַּיי גַשְׁמִיּוּת זֵייעֶר שְׁטַארְק, אַ קַארְפֶּענְטֶער, אַ סְטָאלֶער, בִּיז עֶר לֶערְנְט זִיךְ אוֹיס אַרַיין צוּ הַאקְן דֶעם נָאגְל אִין דִי הָאלְץ, צוּקְלַאפְּט עֶר זִיךְ אַסַאךְ מָאל דִי פִינְגֶער מִיטְן הַאמֶער, אַן עֶלֶעקְטֶערִישָׁאן, בִּיז עֶר לֶערְנְט זִיךְ גוּט צוּ דִי פַאךְ, וֶועט עֶר כַאפְּן אִינְצְוִוישְׁן אַסַאךְ שַׁאק'ס, אָבֶּער זֵייעֶר עִיקָר הַצְלָחָה אִיז וֶוען זֵיי קוּקְן נִישְׁט אוֹיף דִי דוּרְכְפֶּעלֶער, זֵיי קוּקְן נִישְׁט אוֹיבּ מֶען לַאכְט פוּן זֵיי, נָאר זֵיי פְּרוּבִּירְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, בִּיז זֵיי לֶערְנֶען זִיךְ גוּט צוּ דִי פַאךְ, אוּן דֶערְנָאךְ וֶוערְן זֵיי גְרוֹיסֶע מוּמְחִים יֶעדֶער אִין זַיין פַאךְ.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי אִידִישְׁקַייט, מֶען פְּרוּבִּירְט צוּ טוּהן גוּטֶע זַאכְן, מֶען שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן אַ דוּרְכְפַאל, אוֹיבּ מַאכְט מֶען אַ טָעוּת, קוּקְט מֶען נִישְׁט צוּרִיק נָאר מֶען גֵייט וַוייטֶער, מֶען זֶעהְט וָואס מֶען קֶען וַוייטֶער

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

צוּקוּמֶען צוּ דֶעם, דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִיק וָואס עֶר שַׁיינְט אַרַיין אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִין דֶעם מֶענְטְשׁ, אַז אַלֶעם פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּטְן, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶוען מֶען כַאפְּט אַרַיין אַ גוּטֶע בִּזָיוֹן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק **וּמִשְׁמָע** - וֶוען מֶען הֶערְט זִיךְ צוּ צוּם צַדִיק, מֶען הָאט אֱמוּנַת חֲכָמִים, דֶעמָאלְט'ס קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ **וְדוּמָה** - צוּ קֶענֶען שְׁוַוייגְן, **וּמַשָּׂא** - אוּן לַיידְן, אוּן אַזוֹי אַרִיבֶּער גֵיין דִי לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט בְּשָׁלוֹם.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה תשס"ד לפ"ק)

***

**וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל**, מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דִי הֶמְשֵׁךְ פוּן אָנְהֵייבּ פָּסוּק: **וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים**, צוּם סוֹף פָּסוּק: **וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל**, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א רע"ב) אוֹיפְן פָּסוּק **הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ**, אַז דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער כְּלַל אִין עֲבוֹדַת ה', אַז **מֶען זָאל נָאר קוּקְן אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג, מֶען זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, אוּן נִישְׁט וָואס גֵייט זַיין מָארְגְן**, וַוייל גֶעוֶוענְטְלִיךְ וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ צוּבְּרָאכְן וֶוען עֶר טְרַאכְט וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, אוּן עֶר זָארְגְט זִיךְ וָואס וֶועט זַיין מָארְגְן, אָבֶער וֶוען מֶען טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, וָואס קֶען אִיךְ הַיינְט מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲלָה פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, **בָּא בַּיָּמִים** - עֶר הָאט נָאר גֶעקוּקְט אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג, וָואס קֶען אִיךְ יֶעצְט טוּהן אַ גוּטֶע זַאךְ? אוּן דֶערְפַאר, **וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל** - הָאט עֶר אַזוֹי גוּט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַלֶעם גוּטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה חַיֵּי שָׂרָה ו)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

טוּהן, אוּן אַוַודַאי קוּקְט מֶען נִישְׁט וָואס אַ צְוֵוייטֶער זָאגְט.

## עֶס פִירְט אִין בְּלָאטֶע אַרַיין

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט) אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען צְוֵויי חֲבֵרִים אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען אַ חָכָם אוּן אֵיינֶער אַ תָּם, דֶער חָכָם אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער חָכָם, עֶר הָאט גֶעקֶענְט אַסַאךְ חָכְמוֹת, אָבֶער עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען טְרוֹיעֶרִיג וַוייל עֶר הָאט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעזָארְגְט וָואס אַ צְוֵוייטֶער וֶועט זָאגְן אוֹיף זַיינֶע זַאכְן, אֶפְשָׁר אֵיינֶער וֶועט אִים אוֹיסְלַאכְן, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען טִיפֶער אוּן טִיפֶער בִּיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ גֶעדִיכְטֶע בְּלָאטֶע.

ווִידֶער דֶער תָּם אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי קְלוּג, עֶר הָאט נָאר גֶעקֶענְט מַאכְן שִׁיךְ, אוּן דִי שִׁיךְ וָואס עֶר הָאט שׁוֹין גֶעמַאכְט, אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוֶוען דִי בֶּעסְטֶע שִׁיךְ, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שִׁיךְ מִיט דְרַיי עֶקְן... אָבֶער דֶער תַּם הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקוּקְט וָואס מֶען לַאכְט פוּן אִים, עֶר אִיז זִיךְ גֶעגַאנְגֶען זַיין וֶועג, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן "וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט יֶענֶעם? דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז יֶענֶעם'ס מַעֲשֶׂה" אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, בִּיז צוּם סוֹף אִיז עֶר גֶעוָוארְן דֶער גְרֶעסְטֶער מִינִיסְטֶער, אַ מִינִיסְטֶער אִיבֶּער אַלֶע מִינִיסְטָארְן.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז דִי גְרֶעסְטֶע הַצְלָחָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען הָאבְּן אִיז נָאר, וֶוען עֶר גֵייט זִיךְ זַיין וֶועג מִיט אַ שְׁטַארְקַייט, אוּן עֶר וֶוערְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוען אַ צְוֵוייטֶער לַאכְט פוּן אִים, אוּן וֶוערְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְ'ס פוּן זַיינֶע אֵייגֶענֶע טָעוּתִים, אוּן אַזוֹי לֶערְנְט מֶען זִיךְ פוּן דִי טָעוּתִים, אוּן מֶען אִיז זֵייעֶר מַצְלִיחַ.

## פָּשׁוּטֶע דִמְיוֹנוֹת

אָבֶער דֶער אֱמֶת אִיז אַז רוֹב מָאל וֶוען מֶען מֵיינְט אַז יֶענֶער לַאכְט אִיז עֶס פָּשׁוּט אַ דִמְיוֹן, יֶענֶער טְרַאכְט בִּכְלַל נִישְׁט פוּן דִיר, עֶר הָאט זִיךְ זַיינֶע אֵייגֶענֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען מִיט וָואס עֶר אִיז פַארְנוּמֶען, אוּן עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין צַייט צוּ טְרַאכְטְן פוּן דִיר.

רוֹב מַחְלוֹקוֹת הֵייבְּט זִיךְ אָן אַזוֹי, וֶוען מֶען רֶעדְט זִיךְ אֵיין אַז דֶער צְוֵוייטֶער וִויל עֶפֶּעס שְׁלֶעכְט'ס טוּהן, אִין דִי צַייט וָואס יֶענֶער וִויל בִּכְלַל גָארְנִישְׁט, עֶס אִיז פָּשׁוּט אַ דִמְיוֹן, אוּן אֵיין דִמְיוֹן בְּרֶענְגְט דִי צְוֵוייטֶע, בִּיז מֶען מֵיינְט שׁוֹין אֱמֶת'דִיג אַז יֶענֶער הָאט עֶפֶּעס קֶעגְן דִיר.

## אִיךְ דַארְף נִישְׁט דַיין הַאמֶער...

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט אַ מָשָׁל אוֹיף דֶעם, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעדַארְפְט אַ הַאמֶער, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט גֵיין צוּ זַיין שָׁכֵן אוּן בָּארְגְן בַּיי אִים אַ הַאמֶער, אִינְצְוִוישְׁן הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן: "מִן הַסְתָם וֶועט דֶער שָׁכֵן מִיר נִישְׁט וֶועלְן בָּארְגְן אַ הַאמֶער, עֶר וֶועט זִיךְ זִיכֶער אַרוֹיסְדְרֵייעֶן מִיט אַלֶע מִינֵי תִירוּצִים...", אוּן דֶער דִמְיוֹן פָארְט וַוייטֶער: "הַיִתָּכֵן אַז עֶר דְרֵייט זִיךְ אַרוֹיס פוּן מִיר בָּארְגְן דֶעם הַאמֶער?! אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין גֶענוּג מָאל גֶעבָּארְגְט זַאכְן, אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין גֶעטוּהן גֶענוּג טוֹבוֹת, מְמֵילָא פַארְוָואס דְרֵייט עֶר זִיךְ יֶעצְט אַרוֹיס, אוּן עֶר וִויל מִיר נִישְׁט בָּארְגְן?!". אוּן עֶס לוֹיפְט אִים וַוייטֶער דִי מַחְשָׁבוֹת: "אִיךְ וֶועל שׁוֹין נְקָמָה נֶעמֶען פוּן אִים, וַוייל עֶר וִויל מִיר גָארְנִישְׁט בָּארְגְן", בִּיז עֶר מַאכְט אָפּ: "אִיךְ וֶועל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּן אִים! אִיךְ וֶועל אִים אַרַיינְגֶעבְּן אַלֶע מִינֵי קְלָלוֹת, אוּן אוֹיבּ עֶס פֶּעלְט אוֹיס וֶועל אִיךְ אִים נָאךְ גֶעבְּן אוֹיךְ אַ מַתְּנַת יַד, אִיךְ וֶועל אִים גוּט בַּאקְלַאפְּן דִי בֵּיינֶער".

אַזוֹי טְרַאכְטְנְדִיג גֵייט עֶר צוּ זַיין שָׁכֵנְ'ס הוֹיז, אוּן אִינְצְוִוישְׁן קוּמְט אִים אַרַיין אַ פַארְקֶערְטֶע מַחְשָׁבָה: "וֶוער זָאגְט אַז עֶר וֶועט מִיר נִישְׁט וֶועלְן בָּארְגְן? פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַזוֹי גֶערֶעגְט אוֹיף אִים? פַארְוָואס זָאל אִיךְ זִיךְ קְרִיגְן מִיט אִים?" אָבֶער עֶר וַוארְפְט דָאס גְלַייךְ אָפּ: "נֵיין, עֶר וֶועט מִיר זִיכֶער נִישְׁט וֶועלְן גֶעבְּן, אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר עֶר וֶועט מִיר נָאךְ אָנְשְׁרַייעֶן: 'גֵיי דִיר פוּן דָא, אִיךְ גֶעבּ דִיר נִישְׁט קַיין הַאמֶער'".

בִּיז עֶר קוּמְט שׁוֹין אָן צוּם שָׁכֵנְ'ס טִיר, עֶר אִיז שׁוֹין אִינְגַאנְצְן גֶערֶעגְט, עֶר קְלַאפְּט אוֹיפְ'ן טִיר מִיט גְרוֹיס כַּעַס אוּן רְצִיחָה, דֶער שָׁכֵן וֵוייסְט נִישְׁט בִּכְלַל פוּן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אוּן עֶר עֶפְנְט דִי טִיר בִּתְמִימוּת, אוּן פְּלוּצְלִינְג בַּאפַאלְט אִים יֶענֶער מִיט גְרוֹיסֶע קוֹלוֹת: "דוּ רָשָׁע מְרוּשָׁע! אִיךְ דַארְף נִישְׁט דַיינֶע טוֹבוֹת! אִיךְ דַארְף נִישְׁט דַיין הַאמֶער! הַאלְט דִיר מִיט דַיין הַאמֶער, אוּן הַאק דִיךְ אָפּ דַיין קָאפּ דֶערְמִיט!" אוּן עֶר לוֹיפְט גְלַייךְ אַוֶועק.

דֶער שָׁכֵן בְּלַייבְּט שְׁטֵיין פַארְוואוּנְדֶערְט, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס הָאט אִים גֶעטְרָאפְן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פַארְוָואס זַיין שָׁכֵן אִיז

המשך בדף ג

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ

גֶעקוּמֶען, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פַארְוָואס עֶס קוּמְט אִים דִי קְלָלוֹת, "וָואס הָאבּ אִיךְ מִיךְ דָא פַארְזִינְדִיגְט?".

עֶס גֵייט נִישְׁט דוּרְךְ קַיין לַאנְגֶע צַייט, אוּן עֶר הֶערְט שׁוֹין וִוי דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט שְׁמוּעֶסְט שׁוֹין אַז עֶר אִיז אַ רָשָׁע מְרוּשָׁע, עֶר הָאט נִישְׁט אַבִּיסְל גֶעפִיל צוּ בָּארְגְן אַ הַאמֶער פַאר אַ צְוֵוייטְן, דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט קָאכְט שׁוֹין, אוּן עֶס הַאלְט שׁוֹין אִינְמִיטְן אַ גְרוֹיסֶע מַחֲלוֹקֶה...

אַזוֹי הֵייבְּט זִיךְ אָן רוֹב מַחְלוֹקוֹת, מֶען הֵייבְּט אָן צוּ דִמְיוֹנְ'עֶן כְּאִילוּ אֵיינֶער וִויל עֶפֶּעס שְׁלֶעכְט'ס טוּהן, אִין דִי צַייט וָואס קֵיינֶער וִויל גָארְנִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְט'ס, אוּן אַזוֹי וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקוֹת, וָואס שְׁטַאמְט נָאר פוּן דִמְיוֹנוֹת.

אוּן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן אַלֶע דִמְיוֹנוֹת אִיז נָאר צוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל הָאבְּן אַ רֵיינֶעם שֵׂכֶל, מֶען זָאל נָאר טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן וִוי מֶען טְרַאכְט דָארְט גֶעפִינְט זִיךְ דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, וֶוען מֶען טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז מֶען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ יִשּׁוּב הַדַעַת.

וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר אַרִיבֶּער גֵיין דִי וֶועלְט בְּשָׁלוֹם.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ חֵלֶק ד׳ עֶרֶךְ כִּשָּׁלוֹן וְחֵלֶק ה׳ עֶרֶךְ דִמְיוֹנוֹת)

## שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים

### ~ וֶועלְן, אוּן נָאכְאַמָאל וֶועלְן ~

עֶס אִיז בַּאוְוּיסְט וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שִׁבְחֵי הָאַרִ״י, דָאס דֶער אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי חַיִים וִויטַאל זַ״ל, "הַיינְטִיגֶע צַייטְן מִיט מִיעוּט פְּעוּלוֹת קֶען מֶען קוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה פוּן רֶבִּי עֲקִיבָא", אִיז מְקוּבָּל אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ״ל הָאט גֶעזָאגְט "מִיט מִיעוּט פְּעוּלוֹת אָבֶּער מִיט אַסַאךְ רְצוֹנוֹת", דָאס הֵייסְט אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט רְצוֹנוֹת קֶען עֶר קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אִין דֶער וֶועלְט, וָוארוּם דֶער עִיקֶר אִיז דֶער רָצוֹן, מֶען טָאר נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם רָצוֹן אֲפִילוּ אֵיין מִינוּט, אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט רְצוֹנוֹת, וֶועלְן, אוּן נָאכְאַמָאל וֶועלְן, וָוארוּם בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקֶר דֶער רָצוֹן, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ שְׁטַארְקְן רָצוֹן, וֶועט עֶר מוֹצִיא זַיין מִכֹּחַ אֶל הַפּוֹעַל וָואס עֶר וִויל.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט צְוֵויי הֵיילִיגֶע מְחוּתָּנִים, אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען דֶער צַדִיק פוּן כְּמֶעלְנִיק זי״ע אוּן אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען דֶער צַדִיק פוּן וָואלְטְשִׁיסְק זי״ע, הָאט מֶען דֶערְצֵיילְט אַמָאל פַארְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז דֶער צַדִיק פוּן וָואלְטְשִׁיסְק זי״ע הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט פֶערְצִיג יָאר רְצוֹנוֹת אוּן כִּיסוּפִים צוּ פָארְן אוֹיף דֶער עֶלְטֶער זִיךְ בַּאזֶעצְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וִוי דֶער צַדִיק פוּן כְּמֶעלְנִיק זי״ע הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעלַאכְט, "וָואס הֵייסְט רְצוֹנוֹת פוּן פֶערְצִיג יָאר? מֶען נֶעמְט גֶעלְט אוּן מֶען פָארְט אוֹיבּ מֶען וִויל...", וֶוען מֶען הָאט דָאס אִיבֶּערְדֶערְצֵיילְט

המשך בדף ד

# מוסדות היכל הקודש ברסלב

בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

בעזהשי"ת

# סימן טוב ומזל טוב

מיר ווילן אויסדרוקן א הארציגן מזל טוב פאר

## מו"ה מאיר דוד פארקאש נ"י

מחשובי הנהלת מוסדותינו הקדושים

צו די שידוך שליסן פון זיין טאכטער עב"ג

## הבחור החתן ברוך מרדכי פעקעטע נ"י

מתלמידי ישיבתינו הק'

## בן הרב חיים אלטר פעקעטע שליט"א

די פאפיר איז צו קליין צו קענען אראפשרייבן די געוואלדיגע איבערגעגעבנקייט וואס דו האסט צו די מוסדות מיום הווסדה ועד עתה, שטענדיג ביזטו גרייט ארויס צו העלפן די מוסדות מיט וואס מען דארף, זאל דער אייבערשטער העלפן אז די זכותים זאלן דיר באגלייטן, אז דער שידוך זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דו זאלסט זעהן דורות ישרים ומבורכים, אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך, בני חיי ומזוני רויחא מיט סייעתא דשמיא, אמן.

***

און א באזונדערע "ברכת מזל טוב"
וואונטשן מיר פארן חשוב'ן זיידע און באבע

## מו"ה אברהם חיים פארקאש שליט"א

**וזוגתו תחי'**

ר' אברהם חיים וזוגתו שיחיו זענען ברייט באקאנט פאר זייער איבערגעגעבנקייט לכל דבר שבקדושה, ובפרט פאר אונזערע מוסדות, ווי באקאנט האבן זיי אויפגעשטעלט דעם הערליכן בית המדרש "היכל הקודש" אין קרית יואל וואס איז שוין היינט א הערליכע ווינקל אין שטאט, א צענטער-פונקט פאר אידן וואס קומען זיך מחזק זיין מיט די דיבורים פון רבי'ן, דער אייבערשטער זאל העלפן אז זיי זאלן האבן אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך און איר אייניקלעך, דורות ישרים ומבורכים, אמן.

**וואונטשט:**

מוסדות "היכל הקודש" וויליאמסבורג

| | | | |
|---|---|---|---|
| בית המדרש "היכל הקודש" | ישיבה "תפארת התורה" | תלמוד תורה "היכל הקודש" | בית חינוך לבנות "בית פינא" |

## שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים

פַארְן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן הָאט עֶר גֶעזָאגְט, ״וֶועט אִיר זֶעהְן, דָאס דֶער צַדִּיק פוּן וָואלְטְשִׁיסְק זי״ע וֶועט פָארְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ דָארְטְן בַּאזֶעצְן, אוּן דֶער צַדִּיק פוּן כִימֶעלְנִיק זי״ע וֶועט נִישְׁט פָארְן!״, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַז דֶער צַדִּיק פוּן וָואלְטְשִׁיסְק זי״ע אִיז סוֹף יָמָיו גֶעפָארְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן מָקוֹם מְנוּחָתוֹ אִיז אִין צְפַת אִין אַלְטְן בֵּית הַחַיִּים אִין אַ מְעָרָה, דָארְטְן לִיגְט זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן דֶעם רֶבִּינְ׳ס טָאכְטֶער מִרְיָם ע״ה. זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רְצוֹנוֹת וְכִיסוּפִים וָואס אַ אִיד שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט בֶּענְקֶענִישׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אֲפִילוּ מֶען לִיגְט אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו טָאר מֶען נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן דֶעם רָצוֹן. מֶען דַארְף זַיין שְׁטַארְק אִין רְצוֹנוֹת אוּן כִּיסוּפִים, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק מִיט רְצוֹנוֹת אוּן כִּיסוּפִים קֶען עֶר קוּמֶען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת שֶׁבָּעוֹלָם, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ס״ו) אַז דֶער עִיקָר אִיז דֶער רָצוֹן, אוּן אַרוֹיסְרֶעדְן פוּן מוֹיל דִי רְצוֹנוֹת; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ״ל אִיז מַאֲרִיךְ אִין דֶעם עִנְיָן (לִקוּטֵי הֲלָכוֹת הִלְכוֹת אוּמְנִין הֲלָכָה ד׳) דָאס גְרוֹיסְקֵייט וָואס אַ אִיד זָאגְט אַרוֹיס זַיינֶע רְצוֹנוֹת אוּן זַיינֶע כִּיסוּפִין צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ מוֹרָא׳דִיג שְׁטַארְקְן מִיט דִי רְצוֹנוֹת וְכִיסוּפִין.

(אשר בנחל באידיש חלק ג׳ מכתב של״ד)

***

### ~ הָדֵק הֵיטֵב הֵיטֵב הָדֵק ~

מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג בַּיי דִי סֵדֶר הַקְּטֹרֶת ״הָדֵק הֵיטֵב הֵיטֵב הָדֵק מִפְּנֵי שֶׁהַקּוֹל יָפֶה לַבְּשָׂמִים״ טַייטְשְׁן צַדִּיקִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּדְרִיקְט אַמָאל אַ מֶענְטְשׁ ״הָדֵק הֵיטֵב הֵיטֵב הָדֵק״, פַארְוָואס? ״מִפְּנֵי שֶׁהַקּוֹל יָפֶה לַבְּשָׂמִים״ נָאר וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל הֶערְן דַיין קוֹל, ״בְּשָׂמִים״ אִיז דִי אוֹתִיוֹת ״בַּשָׁמַיִם״, וֶוען מֶען צוּדְרִיקְט אַ מֶענְטְשׁ עֶר הָאט אַ צָרָה, הֵייבְּט עֶר אוֹיף זַיינֶע אוֹיגְן צוּם הִימְל, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק פ״א מִכְתָּב י״ז תתע״א)

## ברכת מזל טוב!

מיר וואונטשן א הארציגן מזל טוב פאר

**מו״ה ישראל זילביגער נ״י**

**צו די געבורט פון זיין אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים, אמן.

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳ ~

~~~

### מוהרא״ש שליט״א צוריקגעקומען פון ארץ ישראל

גרויס פרייד הערשט ביי אנשי שלומינו צו ענטפאנגן מוהרא״ש שליט״א וואס האט זיך צוריקגעקערט פון ארץ ישראל, נאכן ווילן דארט פאר בערך דריי וואכן צו מחזק זיין די ארטיגע אידן.

די שיעורי ליל שישי גייען ווייטער אן ווי געווענטליך, יעדן דאנערשטאג נאכט ביי מוהרא״ש אין בית המדרש 1129 42th St. אום ניין אזייגער.

מען קען מיטהאלטן דעם שיעור יעדע וואך דורך א לייוו הוק-אפ, אויפ׳ן קול אמונה טעלעפאן ליין 212-444-9191.

**בזמן שהצדיק בעיר הוא הודה הוא זיוה הוא הדרה!**

\*\*\*

### בית הדפוס ״קרן הדפסה היכל הקודש״ איבערגעפרישט

ווי באקאנט גייט שוין אן פאר א לענגערע צייט די אקטיוויטעטן אין די נייע דרוק ״קרן הדפסה היכל הקודש״ וואס איז אויפגעשטעלט געווארן מיט דעם איינעם ציהל צו דרוקן דעם רבינ׳ס ספרים און עס צושפרייטן אויף די וועלט.

זייט די בית הדפוס איז געעפנט געווארן האט מען שוין געדרוקט הונדערטער טויזנטער ספרים, וואס זענען צוכאפט געווארן דורך אידן בכל מקומות מושבותיהם, וואס זענען זיך מחי׳ מיט די דברי חיזוק מיט די אלע הייליגע עצות פון רבי׳ן.

פארשטייט זיך אז נאכן דרוקן אזויפיל ספרים ווערן די מאשינען אפגענוצט, און עס פונקציאנירט נישט געהעריג ווי עס דארף צו זיין, דערפאר האט מען יעצט אראפ גערופן א גרופע פראפעסיאנאלע טעכניקער, פאר יעדע מאשין באזונדער, צו טוישן אלע חלקים וואס ווערן אויסגעניצט, כדי עס זאל ווייטער ארבעטן געהעריג, מען זאל ווייטער קענען זיין מוסיף והולך, צו דרוקן נאך טויזנטער ספרים.

מיטן אייבערשטנ׳ס הילף האט זיך עס זייער גוט אויסגעארבעט, אלע מאשינען ארבעטן אויפ׳ן בעסטן פארנעם, און מען דרוקט שוין נאך ספרים אין די טויזנטער.

גלייכצייטיג איז דא די פלאץ מעורר צו זיין די אלע וואס האבן חיות פון די הייליגע ספרים, זאלן אויך מזכה זיין אז נאך אידן זאלן קענען הנאה האבן דערפון, דורכ׳ן מנדב זיין צו קענען דרוקן נאך ספרים, צו מחי׳ זיין נאך אידן.

פאר א מינימאלע אפצאל קען מען באקומען די זכות פון דרוקן דעם ספר ״אשר בנחל״ וואס מוהרא״ש זאגט צו אז ווער עס וועט עס דרוקן וועט זיכער זעהן אפענע ישועות, און ווי עס זאגן עדות די אלע וואס האבן עס פרובירט, האבן זיי טאקע געזעהן געוואלדיגע ישועות.

צו מנדב זיין ספרים קען מען רופן אויפ׳ן נומער 845-481-3321

**על ידי הפצת ספרי רבינו, נביא את משיח צדקינו!**









**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת תולדות, ג' כסלו, שנת תשע"ג לפ"ק | שנה 2, גליון 7 (57)


**זמנים**

הדלקת הנרות.........4:19
מוצש"ק.........5:49
סוף זמן ק"ש.........8:37

**שיעורים כסדרן**

בבלי.........שבת מ"ה
ירושלמי.........סוטה י'
תוספתא.........שבועות פרק ה'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְאֵלֶּה תּוֹלְדוֹת יִצְחָק בֶּן אַבְרָהָם אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק,** מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לקוטי מוהר"ן ח"א ד') וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז וָואס עֶס גֶעשֶׁעהט צוּ אִים סַיי גוּט'ס און סַיי שְׁלֶעכְט'ס, אִיז נָאר פַאר זַיין טוֹבָה, אֲפִילוּ וֶוען עֶר גֵייט דוּרְךְ אַ שְׁוֶוערֶע צַייט, הָאט עֶס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאר גֶעטוּהן פַאר זַיין גוּט'ס, דָאס אִיז עוֹלָם הַבָּא - דֶער גַן עֵדֶן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תהילים נו) **בַּה' אֲהַלֵּל דָּבָר, בֵּאלֹקִים אֲהַלֵּל דָּבָר,** סַיי וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט, און סַיי וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, דַארְף אַ מֶענְטְשׁ ווִיסְן אַז אַלֶעס אִיז פַאר זַיין טוֹבָה, און עֶר זָאל דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (ברכות ס.) **לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם רָגִיל לוֹמַר כָּל מַה דְּעָבִיד רַחְמָנָא לְטַב עָבִיד** - אַ מֶענְטְשׁ זָאל אֵייבִּיג זָאגְן **"וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט".**

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז אַבְרָהָם'ס מִדָּה אִיז גֶעוֶוען **חֶסֶד**, עֶס גֵייט גוּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, און יִצְחָק'ס מִדָּה אִיז גֶעוֶוען **דִין**, עֶס גֵייט נִישְׁט גוּט פַארְן מֶענְטְשׁ.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק: **אֵלֶּה תּוֹלְדוֹת יִצְחָק** - וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן יִצְחָק - מִדַּת הַדִין, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט צָרוֹת, **בֶּן אַבְרָהָם** - עֶס אִיז בֶּאֱמֶת אַ זוּן פוּן אַבְרָהָם - מִדַּת הַחֶסֶד, עֶס אִיז אַלֶעס חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ דִי דִינִים - זַאכְן וָואס זֶעעֶן אוֹיס שְׁלֶעכְט, קוּמֶען אוֹיךְ נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וַוייל **אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק,** דִי שְׁלֶעכְט'ס אִיז אוֹיךְ אַ חֶסֶד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

(זאת הַתּוֹרָה תּוֹלְדוֹת ג)

***

**וְיִתֶּן לְךָ הָאֱלֹקִים מִטַּל הַשָּׁמַיִם וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ וְרֹב דָּגָן וְתִירֹשׁ,** מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה אַז יַעֲקֹב הָאט אוֹיסְגֶעכַאפְּט דִי בְּרָכוֹת פוּן עֵשָׂו, דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, פַארְוָואס הָאט דִי בְּרָכוֹת גֶעמוּזְט צוּגֵיין מִיט אַ פָּאפֶּערַיי, פַארְוָואס הָאט יַעֲקֹב גֶעקֶענְט בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכוֹת נָאר אוֹיף אַ גֶע'גַנְבְ'טֶע וֶועג?

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ד) אוֹיף דֶעם וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת לא.) אַז מֶען מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבְן אִין הִימְל "קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה?" זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז "קָבַעְתָּ אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן גְזֵילָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי כב, כג) וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ, דָאס מֵיינְט אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ: "הָאסְטוּ גֶע'גַנְבְ'ט צַייט צוּ לֶערְנֶען?" וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי פַארְיָאגְט און פַארְפְּלָאגְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין צַייט צוּ לֶערְנֶען, און דֶערְפַאר פְרֶעגְט מֶען אִים צוּ עֶר הָאט כָאטְשׁ אַרָאפּ גֶע'גַנְבְ'ט אַבִּיסְל פוּן זַיין צַייט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ גֶעבּ אַ שְׁמֵייכְל ~

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ג) אַז אַ אִיד דַארְף הָאבְּן אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים, און דֶעמָאלְט'ס וֵוייסְט עֶר אַז עֶר אִיז בַּיי דִי קְדוּשָׁה.

דָאס מֵיינְט אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אַרוּם צוּ גֵיין שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוֹיפְ'ן פָּנִים, און מִיט דֶעם מַאכְט עֶר פְרֵיילִיךְ יֶעדְן וָואס קוּקְט אוֹיף אִים, וֶוען דוּ גֶעבְּסְט אַ שְׁמֵייכְל פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, הָאסְטוּ אִים שׁוֹין אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן מִיט זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, וַוייל אֲפִילוּ וֶוען דוּ קֶענְסְט אִים נִישְׁט הֶעלְפְן מִיט וָואס עֶר דַארְף, אָבֶּער וֶוען דוּ גֶעבְּסְט אִים אַ שְׁמֵייכְל, מַאכְסְטוּ אִים שׁוֹין גְרִינְגֶער אוֹיפְ'ן הַארְץ.

דִי גְמָרָא זָאגְט (כְּתוּבּוֹת קי"א:) "טוֹב הַמַּלְבִּין שִׁנַּיִם לַחֲבֵירוֹ יוֹתֵר מִמַּשְׁקֵהוּ חָלָב" – "עֶס אִיז בֶּעסֶער וֶוען דוּ וַוייזְט דַיינֶע וַוייסֶע צֵיינֶער פַאר דַיין חַבֶר, מֶער פוּן וֶוען דוּ גֶעבְּסְט אִים צוּ טְרִינְקֶן מִילְךְ", דָאס מֵיינְט אַז אַסַאךְ מָאל אִיז דַיין חַבֶר אַזוֹי שְׁטַארְק צוּבְּרָאכְן אַז דוּ קֶענְסְט אִים אֲפִילוּ נִישְׁט הֶעלְפְן מִיט גֶעלְט, און אֲפִילוּ דִבְרֵי תּוֹרָה אָדֶער חִיזוּק וֶוערְטֶער קֶען עֶר אוֹיךְ נִישְׁט הֶערְן יֶעצְט, עֶר אִיז אִינְגַאנְצְן מְיוּאָשׁ און צוּקְלַאפְּט, און עֶר קֶען גָארְנִישְׁט פַארְנֶעמֶען, אָבֶּער וֶוען דוּ וַוייזְט אִים דַיינֶע וַוייסֶע צֵיין, דָאס מֵיינְט אַז דוּ גֶעבְּסְט אִים אַ שְׁמֵייכְל, מִיט דֶעם קֶענְסְטוּ אִים מַמָּשׁ מְחַיֶּ' זַיין און עֶר וֶוערְט אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ, און דָאס אִיז אַסַאךְ בֶּעסֶער וִוי וֶוען דוּ גֶעבְּסְט אִים מִילְךְ, סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת און סַיי בְּרוּחֲנִיּוּת, סַיי פוּן וֶוען דוּ גֶעבְּסְט אִים גֶעלְט און סַיי פוּן וֶוען דוּ גֶעבְּסְט אִים תּוֹרָה.

מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן גְרוֹיסְן גָאוֹן וְצַדִיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זִי"עַ אַז עֶר הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ זוֹיעֶר פָּנִים, מִיט דֶעם לָשׁוֹן: "אַ פָּנִים

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סו, ג) אוֹיף דִי בְּרָכָה וָואס יִצְחָק הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט יַעֲקֹב אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף לֶערְנֶען תּוֹרָה, **וְיִתֶּן לְךָ הָאֱלֹקִים מִטַּל הַשָּׁמַיִם - זוּ מִקְרָא, וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ - זוּ מִשְׁנָה, וְרֹב דָּגָן - זוּ גְמָרָא, וְתִירֹשׁ - זֶה אַגָּדָה**, אַז יִצְחָק הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט יַעֲקֹב אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ אוּן מִשְׁנָיוֹת אוּן גְּמָרָא אוּן מִדְרָשׁ.

דֶערְפַאר ווייל יַעֲקֹב הָאט גֶעוואוּסְט אַז עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען אַ בְּרָכָה צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, דֶערְפַאר הָאט עֶס גֶעמוּזְט גֵיין מִיט אַ גְע'גַנְב'עטֶע וֶועג, ווייל **נָאר אַזוֹי אִיז דִי וֶועג וָואס מֶען קֶען מַצְלִיחַ זַיין אִין לִימּוּד הַתּוֹרָה, ווייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז פַארְנוּמֶען מִיט זַיינֶע זַאכְן, אוּן עֶר קוּמְט נִישְׁט אָן צוּ לֶערְנֶען, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג אִיז נָאר צוּ גַנְב'עֶן צַייט, אַרָאפּ'גַנְב'נֶען עֶטְלִיכֶע מִינוּט דָא אוּן עֶטְלִיכֶע מִינוּט דָארְט, אוּן אַזוֹי אִיז מֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ.**

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק פ' תּוֹלְדוֹת תש"ע לפ"ק)

***

**וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה' לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ**, מוֹהַרַא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק, לוֹיט ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לקוטי מוהר"ן ח"א ה) אַז וֶוען מֶען פַּסְקְ'נְט אָפּ אִין הִימֶל אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזַר דִין אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען ווִיל עֶס מְבַטֵּל זַיין, דַארְף מֶען פַארְשְׁטֶעלְן דִי תְּפִלָּה, אַז דִי מַלְאָכִים זָאלְן נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

דָאס מֵיינְט, אַז וֶוען דוּ שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ מֶענְטְשׁ, דוּ דֶערְצֵיילְ'סְט אִים דַיין פְּרַאבְּלֶעם, **יֶענֶער מֵיינְט אַז דוּ רֶעדְ'סְט צוּ אִים, אָבֶּער דוּ הָאסְט אִינְזִין אַז דוּ רֶעדְ'סְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ ווִילְסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶערְן דִי וֶוערְטֶער**, אוּן אַזוֹי קֶען מֶען פּוֹעֵל'ן גְרִינְגֶער, ווייל דִי מַלְאָכִים וָואס ווִילְן מְקַטְרֵג זַיין, זֵיי ווייסְן נִישְׁט אַז דוּ בֶּעהְט'ס יֶעצְט עֶפֶּעס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי מֵיינֶען אַז דוּ שְׁמוּעֶסְט סְתָם אַזוֹי.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה'** - יִצְחָק הָאט גֶעוָואלְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל הָאבְּן קִינְדֶער, אָבֶּער ווייל עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען נָאכְן גְזַר דִין, ווייל זֵיי הָאבְּן בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע נִישְׁט גֶעקֶענְט הָאבְּן קַיין קִינְדֶער, דֶערְפַאר, **לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ** - הָאט עֶר עֶס פַארְשְׁטֶעלְט מִיט אַ שְׁמוּעֶס מִיט זַיין ווייבּ, עֶר הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט שְׁטֶענְדִיג מִיט זַיין ווייבּ אִיבֶּער זֵייעֶר פְּרַאבְּלֶעם: "וָואס וֶועט זַיין מִיט אוּנְז? מִיר הָאבְּן נָאכְנִישְׁט קַיין קִינְדֶער" אָבֶּער עֶר הָאט אוּנְזִין גֶעהַאט **"לַה'"** - אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶערְן דִי וֶוערְטֶער אוּן אָנְנֶעמֶען דִי תְּפִלָּה, כְּדֵי דִי מַלְאָכִים זָאלְן נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

(זֹאת הַתּוֹרָה תּוֹלְדוֹת ד)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַ רְשׁוּת הָרַבִּים, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען קוּקְן אִין דַיין פָּנִים, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט לֵייגְן קַיין דָבָר הַמַּזִּיק בִּרְשׁוּת הָרַבִּים, דָאס הֵייסְט מִיט דֶעם וָואס דוּ גֵייסְט אַרוּם מִיט אַ זוֹיעֶר פָּנִים, מִיט אַ מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיגְן אוֹיסְזֶען, ווארְפְסְטוּ אַרוֹיף עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה אוֹיף יֶענֶעם",

אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ פְּשַׁט אִין וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ב') "אַל תְּהִי רָשָׁע 'בִּפְנֵי' עַצְמְךָ" דָאס מֵיינְט, זֵיי נִישְׁט קַיין רָשָׁע מִיט דַיין 'פָּנִים', ווייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דְרֵייט זִיךְ אַרוּם מִיט אַ זוֹיעֶרֶע אַרָאפְּגֶעלָאזְטֶע פָּנִים, אִיז עֶר אַ רָשָׁע מִיט זַיין פָּנִים, ווייל אֲפִילוּ עֶר רֶעדְט נִישְׁט אוּן עֶר זָאגְט גָארְנִישְׁט, אָבֶּער נָאר פוּן קוּקְן אוֹיף זַיין פָּנִים וֶוערְן מֶענְטְשְׁן טְרוֹיעֶרִיג, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַרוּם דְרֵייעֶן נָאר מִיט אַ שְׁמֵייכְל אַז וֶוער עֶס קוּקְט נָאר אוֹיף זַיין פָּנִים זָאל וֶוערְן פְרֵיילִיךְ, אוּן וֶוען מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע אִידְן, וֶוערְט מֶען אַלֵיינְ'ס אוֹיךְ פְרֵיילִיךְ.

## מִיט וָואס זָאל אִיךְ זִיךְ פְרֵייעֶן?

דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס, אַז מֶען קֶען זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם אַלֵיין אַז מֶען אִיז אַ אִיד, מֶען אִיז נִישְׁט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אַלְץ גוֹי, ווִי אַזוֹי אִיךְ זֶעה נָאר אוֹיס, אָבֶּער פָּארְט בִּין אִיךְ אַ אִיד, אוּן פָּארְט כַּאפּ אִיךְ אַרַיין מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ סַאסוֹבֶּער זִ"עַ פְלֶעגְט זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן טַאנְצְן יֶעדְן טָאג, וֶוען זַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר אִיז אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר טַאנְצְט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "גְלֵייךְ אִינְדֶערְפְרִי וֶוען אִיךְ מַאךְ דִי בְּרָכָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי" וֶוער אִיךְ שׁוֹין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, אַז אִיךְ קֶען שׁוֹין טַאנְצְן אַ גַאנְצְן טָאג נָאר מִיט דֶעם אַלֵיינְ'ס אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גוֹי.

ווייל דֶער צַדִּיק פְלֶעגְט דָאךְ שְׁטֶענְדִיג אַרוּם גֵיין אוּן עוֹסֵק זַיין אִין דִי מִצְוָה פוּן פִּדְיוֹן שְׁבוּיִם, אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען אִידְן פוּן תְּפִיסוֹת, פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע פְּרִיצִים, וָואס הָאבְּן זֵיי גֶעפַּייְנִיגְט, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעזֶעהְן מִיט דִי אוֹיגְן דִי שְׁלֶעכְטִיקֵייט פוּן דִי גוֹיִם, מִיט וָואסֶערֶע רִשְׁעוּת אוּן אַכְזָרִיוּת זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר גוּט גֶעוואוּסְט דִי חִילוּק פוּן אַ אִיד בִּיז אַ גוֹי, אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט מִיט דִי בְּרָכָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי".

אוּן דֶערְפַאר מַאכְט מֶען דִי בְּרָכָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי" – "אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גוֹי", לִכְאוֹרָה וָואלְט מֶען גֶעדַארְפְט מַאכְן אַ בְּרָכָה "שֶׁעָשַׂנִי יְהוּדִי" – "אַז דוּ הָאסְט מִיר בַּאשַׁאפְן אַלְץ אִיד", נָאר וֶוען מֶען וָואלְט גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד, וָואלְט דֶער סמ"ךְ מֶ"ם גֶעקוּמֶען אוּן וָואלְט אִים צֶעבְּרַאכְן, אוּן וָואלְט אִים גֶעזָאגְט, "אַזוֹי זֶעט אוֹיס אַ אִיד? דוּ הָאסְט דָאךְ דָאס שְׁלֶעכְטְס גֶעטוֹן וְכוּ', אוּן דוּ הָאסְט דָאךְ דָאס שְׁלֶעכְטְס גֶעטוֹן וְכוּ'", אוּן דֶערְפַאר זָאגְט מֶען "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי", ווִי אַזוֹי אִיךְ זֶעה נָאר אוֹיס, אָבֶּער אַ גוֹי בִּין אִיךְ אָבֶּער נִישְׁט, אוּן מִיט דֶעם קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

מֶען קֶען נִישְׁט וֶוערְן אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ נָאר מִיט תְּפִלָּה, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין טְרוֹיעֶרִיג", ווייל שִׂמְחָה אִיז אַזַא גְרוֹיסֶע זַאךְ, אַז מֶען קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען דֶערְצוּ נָאר דוּרְךְ אַסַאךְ תְּפִלָּה.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס בֶּעהְט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, וֶועט אִים שְׁטֶענְדִיג גוּט זַיין.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ו' עֶרֶךְ פָּנִים וְחֵלֶק ה' עֶרֶךְ עַצְבוּת, אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִידִישׁ ח"א, ל"ז, וח"ג ר"ג)

# אַשְׁר בְּנַחַל

## בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

זֶעה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי דִיךְ, זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קֵיין חַלִּישׁוּת הַדַעַת, זָאלְסְט וִויסְן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פִירְט דִי וֶועלְט בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִיוּת, דוּ דַארְפְסְט זִיךְ נָאר צוּגֶעוואוֹינֶען גֵיין מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶועג, וָואס עֶר הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אוֹיב אַ אִיד דַארְף עֶפֶּעס הָאבְּן זָאל עֶר גֵיין אִין אַ בַּאזִינְדֶער פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַאר אִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן זָאל עֶר נָאר בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן תְּפִלָּה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ו׳) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים יב, ט), "כְּרֻם זֻלֻּת לִבְנֵי אָדָם", אֵלּוּ דְּבָרִים הָעוֹמְדִים בְּרוּמוֹ שֶׁל עוֹלָם וּבְנֵי אָדָם מְזַלְזְלִין בָּהֶם, וּמַאי נִיהוּ תְּפִלָּה, תְּפִלָּה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ אוּן מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין דֶעם, וָוארוּם קֵיינֶער שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט פָאר דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּפִלָּה, אַז מִיט דֶעם וָואס מֶען בֶּעט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים קֶען מֶען בַּאקְרִיגְן אַלֶעס, אַוַודַאי נֶעמְט עֶס צַייט, וָוארוּם אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ מֶסֶךְ הַמַבְדִיל וְכוּ׳, אַ חוֹמָה שֶׁל בַּרְזֶל צְווִישְׁן אִים אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק אוּן עֶר בֶּעט טָאג אַיין אוּן טָאג אוֹיס, שָׁעָה אַיין שָׁעָה אוֹיס וְכוּ׳ וְכוּ׳, בַּיים דֶעם סוֹף צוּבְּרֶעכְט עֶר דֶעם מֶסֶךְ הַמַבְדִיל, דֶער וַואנְט וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט דוּרְךְ זַיינֶע זִינְד וְכוּ׳, אוּן סְ'וֶוערְט אַלֶעס בָּטוּל אוּן מְבוּטָל, אוּן עֶר זֶעהְט אַ יְשׁוּעָה, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ נִישְׁט זַיין קֵיין בַּטְלָן, הַאלְט אִין אֵיין בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן, זָאלְסְט גִיסְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַאר אִים, אוּן וֶוען מֶען קֶען עֶס נָאךְ בַּאוַואשְׁן דִי תְּפִילוֹת מִיט טְרֶערְן אִיז נָאךְ בֶּעסֶער.

(אַשְׁר בְּנַחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ג׳ מִכְתָּב רצ"ב)

***

## שְׁלָאף גֶעהֶערִיג, אוּן זַיי אַ מֶענְטְשׁ.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן אֵיינְמָאל אַ בְּרִיוו, אִיךְ וֶועל דִיר שְׁרַייבְּן נָאכְאַמָאל דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט מְסַגֵף זַיין מִיטְן שְׁלָאף, אַז אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט זִיךְ מִיד זָאל עֶר זִיךְ גֵיין צוּלֵייגְן אוֹיף אַ שָׁעָה צְוֵויי, וָוארוּם וֶוען מֶען לֵייגְט זִיךְ צוּ אוֹיף אַ שָׁעָה צְוֵויי רוּהְט מֶען זִיךְ אוֹיס דִי נֶערְוְון קֶען מֶען נָאכְדֶעם אַסַאךְ תּוֹרָה לֶערְנֶען, אוּן אוֹיכֶעט קֶען מֶען מִתְפַּלֵל זַיין מִיט לוֹיטֶערֶע מוֹחִין, אִיבֶּערְדֶעם טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט מְסַגֵף זַיין מִיטְן שְׁלָאפְן, אַ פֶערְד שְׁלָאפְט אוֹיכֶעט זֵייעֶר וִוינְצִיג, אָבֶּער עֶר בְּלַייבְּט אַ פֶערְד וְכוּ׳, מַה שֶׁאֵין כֵּן אַ אִיד וָואס עֶר אִיז אַ חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַעַל דַארְף וִויסְן אוֹיבּ סְ'פַאלְט אוֹיף אִים אַרוֹיף אַ שְׁלָאף זָאל עֶר זִיךְ גֵיין צוּלֵייגְן אוֹיף אַ שָׁעָה צְוֵויי שְׁטֵייט עֶר אוֹיף נָאכְדֶעם אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר קֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט רוּאִיגֶע נֶערְוְון.

(אַשְׁר בְּנַחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ג׳ מִכְתָּב רצ"ט)

***

## גֶעלְט אִיז צַייט...

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיין גֶעלְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי פַארְלִירְן גֶעלְט וְכוּ׳, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט "אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְבַטֵל אַזוֹיפִיל פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה בִּיז עֶר פַארְדִינְט דִי גֶעלְט, אוּן נָאכְדֶעם קוּמְט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם מִיט אַ קְלֵיינִיקֵייט נֶעמְט עֶר עֶס צוּ, הָאט עֶר אִים צוּגֶענוּמֶען זַיינֶע טֶעג זַיינֶע וָואכְן זַיינֶע חֳדָשִׁים וְכוּ׳ וְכוּ׳ וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט זִיךְ פְּלָאגְן פַארְדִינֶען דִי גֶעלְט, הָאט עֶר עֶס נָאכְדֶעם צוּגֶענוּמֶען", אִיבֶּערְדֶעם אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין מְבַטֵל גֶעוֶוען פוּן אַזוֹיפִיל תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין דִי גֶעלְט, דַארְף עֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי גֶעלְט.

עֶס פְּלֶעגְט זִיךְ מַאכְן אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אֵיינֶע פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט בַּיי אִים בַּאקְלָאגְן אַז עֶר הָאט פַארְלָארְן זַיין גֶעלְט, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִים זֵייעֶר גֶעמוּסֶרְט, אַנְשְׁטָאט מְחַזֵק זַיין הָאט עֶר אִים אוֹיסְגֶעמוּסֶרְט, וִוי קֶען אַ מֶענְטְשׁ זַיין אַזַא בַּטְלָן? וִוי קֶען אַ מֶענְטְשׁ פַארְלִירְן גֶעלְט? אִיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט וֶוען אִיךְ גֵיי אוֹיפְן וֶועג גֶעבּ אִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג אוּן קוּק אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ מִיט מִיר דִי גֶעלְט וְכוּ׳, אוּן דָאס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִים מְרַמֵז גֶעוֶוען, אַז דָאס וָואס דִי חַזַ"ל זָאגְן אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ חָזַר עַל פַּכִּים קְטַנִּים וְכוּ׳, הָאט דֶען יַעֲקֹב אָבִינוּ גֶעדַארְפְט הָאבְּן דִי פַּכִּים קְטַנִּים אַז עֶס זָאל אִים אַזוֹי אָנְגֵיין וְכוּ׳ וְכוּ׳? נָאר צַדִיקִים גֶעבְּן זֵייעֶר אַכְטוּנְג נִישְׁט אָנְצוּבְּרֶענְגְן דִי צַייט, אוּן אוֹיבּ סְ'הָאט זִיךְ גֶעפִירְט אַז מֶען הָאט גֶעמוּזְט אָנְבְּרֶענְגְן דִי צַייט כְּדֵי עֶס זָאל קוּמֶען דִי שֶׁפַע גֶעבְּן זֵיי אַכְטוּנְג אוֹיף דִי שֶׁפַע עֶס זָאל נִישְׁט גֵיין לְאִיבּוּד.

(אַשְׁר בְּנַחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ג׳ מִכְתָּב רצ"ט)


בעזהשי"ת

נעלה את ירושלים על ראש שמחתנו

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון וקול שמחה ••• ל ••• קול חתן וקול כלה

בשבח והודאה להשי"ת שהחיינו והגיענו לזמן הזה

מתכבדים אנו להזמין את קרובינו וידידינו

לבוא להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים

הבחור החתן המופלג בתוי"ש

יואל מאיר נ"י

עב"ג

הכלה הבתולה המהוללה

שיינדל רחל תחי׳

שתתקיים בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

ביום ה׳ לסדר "ונברכו בך כל משפחת האדמה" (ויצא)

ח׳ לחודש כסלו שנת תשע"ג לפ"ק הבעל"ט ולמספ׳ (Nov. 22)

קבלת פנים בשעה 6:00 החופה בשעה 7:00

שמחת חתן וכלה בשעה 9:30

באולם תורה ויראה

5411 Fort Hamilton Pkwy, Brooklyn, New York

ואי"ה בשמחתכם נשיב לכם כגמולכם הטוב בל"נ

| הורי החתן | הורי הכלה |
|---|---|
| אברהם שמחה הלוי לעווי | דוד לייב הלוי איצקאוויטש |
| ורעיתו | ורעיתו |

כרטיסי הזרה אין אנו שולחים ולהופעתכם אנו מחכים

העלי׳ לתורה תתקיים אי"ה
בשבת קודש פרשת תולדות
באולם Golden Terrace
1371 46th Street
Brooklyn, New York
זמן תפילת שחרית בשעה 9:30
קידושא רבא אחר התפילה

שבת שבע ברכות תתקיים אי"ה
בשבת קודש פרשת ויצא
באולם (Pupa) Chateau Manor
1250 51st Street
Brooklyn, New York



# מוסדות היכל הקודש ברסלב

בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

בעזהשי"ת

ענבי הגפן בענבי הגפן דבר נאה ומתקבל

מיט דעם ווילן מיר וואונטשן א הארציגן
"ברכת מזל טוב" פאר אונזער חשוב'ן
חבר ההנהלה

מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו

צו די שידוך שליסן פון זיין טאכטער עב"ג

החתן מנחם שטיינבערג נ"י

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער שידוך
זאל עולה יפה זיין, עם זאל זיין א קשר של
קימא א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים
מיט אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער, אמן

מוסדות היכל הקודש וויליאמסבורג

| בית המדרש | ישיבה | תלמוד תורה | בית חינוך לבנות |
|---|---|---|---|
| "היכל הקודש" | "תפארת התורה" | "היכל הקודש" | "בית פינא" |

# אַשֶׁר בַּנַּחַל

## דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דוּ דַארְפְסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, וָוארוּם בָּזֶה הָעוֹלָם מוּז מֶען הָאבְּן הִתְחַזְּקוּת, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט "הָעִיקָר שֶׁקוֹרִין דֶערְהַאלְטְן זִיךְ" עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְשׁ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים בִּיטֶערְנִישׁ מִיט וֵוייטָאגְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, זֶה בְּכֹּה וְזֶה בְּכֹה, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אֵיין מֶענְטְשׁ וָואס זָאל אִים גֵיין גְרִינְג דֶער לֶעבְּן, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן קי"ט) אַז עֶס זֶעהְט אוֹיס אַז דָא אִיז גָאר דֶער גֵיהִנוֹם, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין עוֹלָם הַזֶּה וְכוּ׳, אָדֶער גַן עֵדֶן אָדֶער גֵיהִנוֹם, אַז אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר הָאט רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס עֶר אִיז מְחַיֶּה אוּן מְהַוֶּוה אוּן מְקַיֵּים דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה, אוּן אַלְסְדִינְג אִיז אֱלֹקוּת, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ וֶוערְט נִישְׁט גֶעטוּהְן אַלֵיין נָאר בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִיוּת וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (חוּלִין ז:) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעְלָה; [אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט קַיין קְלַאפּ אִין קְלֵיין פִינְגֶער אֵיידֶער מֶען רוּפְט אוֹיס קוֹדֶם אִין הִימְל] ווידֶער זָאגְן דִי חֲזַ"ל (יוֹמָא לח.) בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יְשִׁיבוּךָ, אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בְּמַה שֶּׁמּוּכָן לַחֲבֵירוֹ, וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בְּמַלְכוּת חֲבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלוֹא נִימָא; [אֵיין מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט טְשֶׁעפֶּענֶען דֶעם צְוֵוייטְן אוּן אֵיין קֶענִיגְרַייךְ קֶען נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם צְוֵוייטְן אֲפִילוּ וִוי אַ פָּאדִים] וָוארוּם יֶעדֶע זַאךְ אִיז מוּשְׁגָּח בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִיוּת, מֶען קֶען זִיךְ עֶס אֲפִילוּ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וִוי וַוייט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי וַוייט דָאס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נח.) אֲפִילוּ רֵישׁ גַּרְגִּיתָא מִן שְׁמַיָּא מַנוּ לֵיהּ; [אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז מְמוּנֶּה אוֹיף דִי בּוֹרוֹת אוּן דִי מִיסְט אִיז אוֹיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען פוּן הִימְל], עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין זַאךְ וָואס אִיז אַלֵיין, אַלֶעס אִיז פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

(אַשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ג׳ מִכְתָּב ש"ד)


## פרייליכע נייעס

מיר נעמען אן צו מאכן גרעסערע צאל

קאַפּיס פאר גאָר ביליגע פרייזן

רופט 347–559–5554


## ברכת מזל טוב!

מיר וואונטשן א הארציגן מזל טוב פאר

**מו"ה יצחק אהרן וויינבערג נ"י**

**צו די שמחת "פדיון הבן" פון זיין אינגל הבכור למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת
פון זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים, אמן.

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳ ~

~~~

## מוהרא"ש שליט"א פירט סעודת ראש חדש אין ישיבה

דעם מיטוואך נאכט האבן מיר געהאט די זכי׳ אז מוהרא"ש שליט"א איז געקומען אין ישיבה צו א סעודת ראש חדש.

במשך די סעודה האט מען געזינגען אינאיינעם הארציגע ניגונים לכבוד ראש חדש, דערנאך האבן מיר געהאט די זכי׳ צו הערן דברי אלקים חיים פון מוהרא"ש.

מוהרא"ש האט אנגעהויבן די דרשה אז ער פילט א זכי׳ און א שמחה צו זיין אין אזא הייליגע ישיבה, ווי די בחורים זענעם עוסק בתורה אזוי פלייסיג, ווען מען מאכט א חשבון אז איין בחור האט שוין געענדיגט 70 מאל ששה סדרי משנה, א צווייטער 60 מאל, א דריטער 50 מאל, א.א.וו. רוב בחורים האבן מסיים געווען 101 מאל מסכת תענית, און יעצט לערנט מען 101 מאל מסכת ברכות, און אזוי האט יעדער זיינע שיעורים, קומט אויס אז פון דעם בית המדרש גייט ארויס גוזמאות פון תורה, וואס מען טרעפט נישט ערגעץ אנדערש, און דערפאר איז מיר א זכי׳ צו זיין דא אין ישיבה.

מוהרא"ש האט דערנאך ארומגערעדט פון די גרויסקייט פון רעדן צום אייבערשטן אויף אידיש וואס דאס ברענגט דעם מענטש צו די גרעסטע מדריגות, און אויך פון די גרויסקייט פון שמחה.

דערנאך האט מוהרא"ש געוואונטשן א מזל טוב פאר די צוויי פרישע חתנים אין ישיבה, פאר הבחור החתן מנחם שטיינבערג נ"י וואס איז א חתן געווארן צו די טאכטער פון ר׳ אהרן וועבערמאן הי"ו, און פאר הבחור החתן ברוך מרדכי פעקעטע נ"י וואס איז א חתן געווארן צו די טאכטער פון ר׳ מאיר דוד פארקאש הי"ו.

נאך די סעודה האט מוהרא"ש באזוכט די בית הדפוס, צו צוקוקן פון דער נאנט די הייליגע ארבעט, ווי מען דרוקט טעגליך הונדערטער ספרים פון רבי'ן און עס ווערט צושפרייט איבער די גאנצע וועלט.

קומענדיגע וואך וועט די וועכענטליכע שיעור זיין מיטוואך אנשטאט דאנערשטאג.

**אשרינו שזכינו!**

## ~ וואונדערליכע ישועות ~

*מוהרא"ש שליט"א זאגט צו:*

"ווער עס וועט מנדב זיין צו דרוקן דעם ספר "אשר בנחל", וועט זיכער זעהן גרויסע ישועות"

**הונדערטער אידן זענען שוין געהאלפן געווארן, זייט אויך פון די געהאלפענע.**

**רופט שוין אריין מיט אייער ברייטהארציגע נדבה.**

**845-481-3321**









**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות.................4:14
מוצש"ק.........................5:44
סוף זמן ק"ש.................8:42

**שיעורים כסדרן**
בבלי..........................שבת נ"ב
ירושלמי.......................סוטה י"ז
תוספתא.........עבודה זרה פרק ג'

פרשת ויצא, י' כסלו, שנת תשע"ג לפ"ק

שנה 2, גליון 8 (58)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיֵּצֵא יַעֲקֹב מִבְּאֵר שָׁבַע וַיֵּלֶךְ חָרָנָה**, מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א איז מַסְבִּיר דעם פָּסוּק לויט ווי דער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן קנ"ה) אַז ווען אַ מֶענְטְש איז שְׁטַארְק מיט אֱמוּנָה, ער גְלֵייבְּט אינעם אייבערשטן, ער ווייסט אַז וואס עס גֶעשֶׁעהט קוּמְט נָאר פונעם אייבערשטן, דעמאלט ווערט ער נִישט דערשראקן פון קיין שום זאך, און ער ווערט נישט נערוועז פון קיין שום זאך, ווייל ער ווייסט אַז אַלעם פִירט נאר דער אייבערשטער, אָבער גְלַייך ווען ער הערט אויף צו טראכטן פונעם אייבערשטן, ער פארגעסט אַז אַלעם מאכט נאר דער אייבערשטער, ווערט ער שוין נערוועז און גערעגט פון יעדע זאך וואס עס איז נישט ווי אַזוי ער וויל.

עס ווערט געברענגט פון די מְקוּבָּלִים (עי' שַׁעֲרֵי אוֹרָה, הַשַּׁעַר הַשְּׁמִינִי, הַסְּפִירָה הַשְּׁלִישִׁית) **אַז "בְּאֵר שֶׁבַע"** גייט ארויף אויף די זיבעטע מִדָּה וואס דאס איז **מַלְכוּת** - די הייליגע **אֱמוּנָה**.

דאס איז פְּשַׁט אין פָּסוּק, **וַיֵּצֵא יַעֲקֹב** - ווען אַ איד גייט ארויס, **מִבְּאֵר שֶׁבַע** - פון די הייליגע אֱמוּנָה, ער פארגעסט אַז דער אייבערשטער פירט די וועלט, **וַיֵּלֶךְ חָרָנָה** - גייט ער צו חֲרוֹן אַף, ער ווערט גערעגט און נערוועז פון אַ יעדע זאך.

(זאת התורה ויצא ג)

***

**וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם וַיָּלֶן שָׁם כִּי בָא הַשֶּׁמֶשׁ וַיִּקַּח מֵאַבְנֵי הַמָּקוֹם וַיָּשֶׂם מְרַאֲשֹׁתָיו**, מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א איז מַסְבִּיר דעם פָּסוּק לויט ווי דער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א') אַז די ליכטיגקייט, די געשמאק פונעם אייבערשטן ווערט אָנגערופן ווי די זון, אַזוי ווי די זון שיינט אויף די וועלט אַזוי שיינט דער אייבערשטער אויפ'ן מענטש.

און דער רֶבִּי ברענגט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן י"ח) פון סֵפֶר יְצִירָה, אַז "אֲבָנִים" זענען די ווערטער פון דאווענען, פון בעטן דעם אייבערשטן.

דאס איז פְּשַׁט אין פָּסוּק **וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם וַיָּלֶן שָׁם כִּי בָא הַשֶּׁמֶשׁ**, ווען אַ איד קומט אָן אויף אַ פלאץ, און ער שלאפט איין ברוחניות, ווייל זיין זון איז אונטערגעגאנגען, ער פילט נישט די ליכטיגקייט פונעם אייבערשטן, זאל ער נישט ווערן צובראכן **נאר וַיִּקַּח מֵאַבְנֵי הַמָּקוֹם וַיָּשֶׂם מְרַאֲשֹׁתָיו, נעם די אוֹתִיּוֹת הַתְּפִלָּה, הייב אָן צו רעדן צום אייבערשטן, פון ווי דו ביזט, אין וואסערע מצב דו ביזט, מאך אויף דיין מויל און רעדט צום אייבערשטן, וועט דער אייבערשטער דיר העלפן אַז דו וועסט ארויס גיין פון אַלע פראבלעמען און דו וועסט פילן די געשמאק און די ליכטיגקייט פונעם אייבערשטן.**

(זאת התורה ויצא ה)

***

**וַיִּקַּח מֵאַבְנֵי הַמָּקוֹם וַיָּשֶׂם מְרַאֲשֹׁתָיו**, זָאגְט רַשִׁ"י ער האט געלייגט די שטיינער אַזוי ווי אַ רינג ארום זיין קאפ, ווייל ער האט מוֹרָא געהאט פון שלעכטע חַיּוֹת, דארף מען פארשטיין פארוואס האט ער געלייגט די שטיינער נאר ארום זיין קאפ? די חיות קענען דאך אים בייסן אויף אַנדערע חֲלָקִים פון זיין גוּף?

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

### ~ אַ מִצְוָה מִיט גֶעשְׁמַאק ~

דער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רע"ה) אַז מיט יעדע מִצְוָה וואס אַ מענטש טוט, ווערט פון דעם אַ לעכט, ווי דער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי ו, כג) "כִּי נֵר מִצְוָה", און ווען דער מענטש גייט אַוועק פון די וועלט קען ער מיט די לעכט זוכן אַלע גוטע זאכן אין די אוֹצְרוֹת פון עוֹלָם הַבָּא, און ווי מער ליכט דער מענטש האט פון זיינע מִצְוֹת, קען ער מער זוכן אוֹצְרוֹת, און דאס איז די עִיקָּר תַּעֲנוּג פון עוֹלָם הַבָּא.

דערפאר דארף זיך אַ איד זייער מְחַיֶּה זיין און זיך זייער פרייען מיט יעדע מִצְוָה וואס ער טוט אויף דער וועלט, ווייל ווי מער מִצְוֹת ער וועט האבן, וועט ער זיך מער מְחַיֶּה זיין אויף יענע וועלט אין עוֹלָם הַבָּא.

און דער עִיקָּר חֲשִׁיבוּת פון אַ מִצְוָה, איז ווען מען טוט עס פרייליכערהייט, מען פרייט זיך אַז מען האט געקענט טוהן אַ מִצְוָה, און דעמאלט'ס באקומט ער די לעכט וואס שיינט און לייכט פאר אים, אָבער ווען מען טוט די מִצְוֹת אָן געשמאק, האט עס נישט די זעלבע כֹּחַ אַז עס זאל אים לייכטן און שיינען, דערפאר דארף מען בעטן דעם אייבערשטן אַז מען זאל זוֹכֶה זיין זיך צו פרייען מיט די מִצְוֹת וואס מען טוט.

### דער בַּעַל עֲגָלָה שיינט אין אַלע וועלטן

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א האט דערציילט אַ מַעֲשֶׂה וואס פון דעם זעהט מען די גרויסקייט פון זיך פרייען מיט אַ מִצְוָה.

עס איז אַמאל געפארן אַ וואגן מיט חֲסִידִים צו זייער רֶבִּי'ן דער הייליגער חוֹזֶה פון לובלין זי"ע, ווי פארשטייט זיך האבן זיי די גאנצע וועג גערעדט פון די גרויסקייט און הייליגקייט פון זייער רֶבִּי'ן, און דער בַּעַל עֲגָלָה וואס האט זיך צוגעהערט צו זייערע שמועסן,

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהַרַ"ן ח"א סִימָן רל"ג) אַז וֶוען עֶס קוּמְט אַרַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת אִין אַ מֶענְטְשׁ'ס קָאפּ, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְגַבֵּר אוּן עֶר שְׁטוּפְּט אַוֶועק דִי שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, עֶר טְרַאכְט נָאר גוּטֶע זַאכְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְרוֹיס פַּארְגֶענִיגְן פוּן דֶעם, דָאס אִיז אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט אַסַאךְ מָאל בַּיי קֶענִיגְן, אַז מֶען בְּרֶענְגְט פַאר זֵיי חַיוֹת אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ קְרִיגְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן, אוּן דִי קֶענִיגְן הָאבְּן גְרוֹיס פַּארְגֶענִיגְן פוּן דֶעם, דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּיי דִי מַחְשָׁבוֹת פוּן אַ מֶענְטְשׁ, דִי גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת זֶענֶען טָהוֹר'עֶ חַיוֹת, אוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת זֶענֶען דִי טָמֵא'נֶע חַיוֹת, אוּן זֵיי שְׁלָאגְן זִיךְ אַרוּם אִין דֶעם מֶענְטְשׁ'ס קָאפּ, **אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט דִי גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל גְרוֹיס פַּארְגֶענוּגֶען פוּן דֶעם.**

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט (לִקּוּטֵי מוֹהַרַ"ן ח"א סִימָן י"ח) פוּן סֵפֶר יְצִירָה, אַז אוֹתִיוֹת וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן שְׁטֵיינֶער.

דָאס קוּמְט אוּנְז דֶער פָּסוּק מְרַמֵז זַיין, יַעֲקֹב הָאט גֶענוּמֶען דִי שְׁטֵיינֶער דִי אוֹתִיוֹת פוּן תּוֹרָה, דִי אוֹתִיוֹת פוּן תְּפִלָּה, עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט עֶס גֶעלֵייגְט אַרוּם זַיין קָאפּ, אַז עֶס זָאל אִים שִׁיצְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע חַיוֹת, פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת.

**וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט דִי אוֹתִיוֹת, עֶר לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, עֶר נֶעמְט תְּפִלָּה, עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט'ס וֶוערְט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, דִי שְׁלֶעכְטֶע חַיוֹת.**

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיֵּצֵא ד)

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

הָאט גֶעטְרַאכְט "וָואס קֶען אִיךְ שׁוֹין פַּארְלִירְן?", אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַ קְוִויטְל מִיט זַיין נָאמֶען אַז זֵיי זָאלְן עֶס גֶעבְּן פַארְן חוֹזֶה פוּן זַיינֶעט וֶועגְן, אַז עֶר זָאל אוֹיךְ בַּאקוּמֶען אַ בְּרָכָה פוּנֶעם רֶבִּי'ן.

זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען קַיין לוּבְּלִין, דִי חֲסִידִים זֶענֶען גְלַייךְ צוּגֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן, אוּן דֶער בַּעַל עֲגָלָה אִיז גֶעגַאנְגֶען זִיךְ אָפְּרוּעֶן אוּן עֶפֶּעס עֶסְן אִין אַ קְרֶעטְשְׁמֶע אִין שְׁטָאט.

וֶוען דִי חֲסִידִים הָאבְּן גֶעגֶעבְּן דֶעם קְוִויטְל פוּנֶעם בַּעַל עֲגָלָה פַארְן רֶבִּי'ן, אִיז דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה זֵייעֶר נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּן דֶעם קְוִויטְל, "דֶער נָאמֶען פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ שַׁיינְט אוּן לַייכְט זֵייעֶר שְׁטַארְק", הָאט דֶער חוֹזֶה גֶעזָאגְט.

דִי חֲסִידִים הָאבְּן גֶעזָאגְט פַארְן חוֹזֶה אַז דֶער אִיד אִיז זֵייעֶר אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ, אַ גַאנְצֶע וֶועג הָאט עֶר נָאר גֶערֶעדְט שְׁטוּתִים אוּן נַארִישְׁקַייטְן אַזוֹי וִוי דִי סֵדֶר פוּן בַּעֲלֵי עֲגָלוֹת, אָבֶּער דֶער חוֹזֶה הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן בַּיי זַיינְ'ס אַז דֶער קְוִויטְל פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ שַׁיינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק.

דִי חֲסִידִים זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוֹיפְזוּכְן דֶעם בַּעַל עֲגָלָה אוּן זֶעהן וָואס עֶר טוּט, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעטְרָאפְן בַּיי אַ חֲתוּנָה וִוי עֶר אִיז גֶעטַאנְצְן אוּן גֶעשְׁפְּרִינְגֶען אוּן מְשַׂמֵחַ גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק, וֶוען דִי חֲסִידִים הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶר טוּט בַּיי דִי חֲתוּנָה, וִוי אַזוֹי עֶר אִיז דָארְט אָנְגֶעקוּמֶען, הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט אַז פְרִיעֶר הָאט עֶר גֶעוָואלְט גֵיין אִין קְרֶעטְשְׁמֶע זִיךְ אָפְּרוּעֶן אוּן עֶסְן עֶפֶּעס, אָבֶּער אִינְמִיטְן וֶועג הָאט עֶר גֶעזֶעהן דִי חֲתוּנָה, וִוי מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּ גֵיין צוּ דִי חוּפָּה, אָבֶּער עֶר הָאט גֶעזֶעהן אַז עֶס קוּמְט פָאר שְׁטַארְקֶע קְרִיגֶערַייעֶן, קוֹלוֹת אוּן יְלָלוֹת, עֶר הָאט גֶעזֶעהן אַז עֶפֶּעס עֶרְנְסְט גֵייט דָא פָאר, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶס גֵייט פָאר, הָאט מֶען אִים דֶערְצֵיילְט אַז אַזוֹי וִוי דִי כַּלָה אִיז אַן אָרִימֶע יְתוֹמָה, הָאט זִי נִישְׁט גֶעקֶענְט אֵיינְהַאלְטְן וָואס זִי הָאט צוּגֶעזָאגְט אַרַיין צוּ בְּרֶענְגְן גֶעלְט פַאר דִי חֲתוּנָה, אוּן אוֹיף אַלֶעס הָאבְּן דִי מְחוּתָּנִים מְוַותֵּר גֶעוֶוען, אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּם טַלִית, אַז זִי הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעקֶענְט קוֹיפְן אַ טַלִית פַארְן חָתָן אַזוֹי וִוי דֶער מִנְהָג אִיז אַז דִי כַּלָה קוֹיפְט דֶעם טַלִית פַארְן חָתָן, אוֹיף דֶעם הָאבְּן זֵיי שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט מְוַותֵּר זַיין, אוּן עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהן וִוי דִי גַאנְצֶע שִׁידוּךְ גֵייט יֶעצְט בָּטֵל וֶוערְן צוּלִיב דֶעם.

וֶוען דֶער בַּעַל עֲגָלָה הָאט גֶעהֶערְט וָואס דָא גֵייט פָאר, הָאט עֶר גֶענוּמֶען זַיין בִּיסְל גֶעלְט וָואס עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפָּארְט פוּן זַיין אַרְבֶּעט, אוּן עֶר הָאט עֶס אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פַאר דִי כַּלָה צוּ קוֹיפְן אַ טַלִית פַארְן חָתָן, וֶוען דִי מְחוּתָּנִים הָאבְּן דָאס גֶעהֶערְט, הָאט זִיךְ גְלַייךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט אַלֶע קְרִיגֶערַייעֶן, אוּן מֶען אִיז וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי חוּפָּה.

דֶער בַּעַל עֲגָלָה הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה אַז דוּרְךְ אִים אִיז דִי אָרִימֶע כַּלָה גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן בִּזְיוֹנוֹת, אוּן פוּן גְרוֹיס פְרֵייד אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן דָארְט אוֹיף דִי חֲתוּנָה טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע זְכוּת, אוּן עֶר הָאט זִיךְ מַמָּשׁ גֶעשְׁפִּירְט וִוי דֶער גְרֶעסְטֶער מְחוּתָּן אוֹיף דִי חֲתוּנָה.

אוּן דָאס אַלֶעס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה גֶעזֶעהן בַּיים לֵיינֶען זַיין קְוִויטְל, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז זַיין נָאמֶען שַׁיינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין אַלֶע וֶועלְטְן, זֶעהט מֶען פוּן דֶעם דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אַ אִיד וָואס פְרֵיידְט זִיךְ מִיט אַ מִצְוָה, אוּן אֲפִילוּ אַ גָאר פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיט אַ מִצְוָה צִינְד עֶר מִיט דֶעם אָן אַ לִיכְט פַאר זַיין נְשָׁמָה וָואס שַׁיינְט אִין אַלֶע וֶועלְטְן.

### זַיינֶע בְּרָכוֹת וֶוערְן מְקוּיָם

אוּן סְפֶּעצִיעֶל וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ טוּהן אַ מִצְוָה מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט אִים אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, דֶעמָאלְט'ס אִיז דָאס גָאר שְׁטַארְק חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר בַּאקוּמְט דוּרְךְ דֶעם אַ דֵעָה אִין הִימְל, מֶען רֶעכְנְט זִיךְ אִין הִימְל מִיט זַיין מֵיינוּנְג, אוּן עֶר בַּאקוּמְט דִי בְּחִינָה פוּן "צַדִּיק גּוֹזֵר וְהַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא מְקַיֵּים", וָואס עֶר זָאגְט וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען גְלַייךְ, אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן פוּן דִי פָאלְגֶענְדֶע מַעֲשֶׂה.

אֵיינְמָאל הָאט דֶער "שְׂפַת אֱמֶת" זַ"ל גֶעשִׁיקְט אֵיינֶע פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז עֶר זָאל נֶעמֶען זַיינֶע קִינְדֶער אוּן גֵיין מִיט זֵיי צוּ אַ גֶעוִויסְן אִיד וָואס וואוֹינְט אִין וַוארְשָׁא, אַז דֶער אִיד זָאל זֵיי בֶּענְטְשְׁן, בַּיי דֶעם תַּלְמִיד אִיז דָאס גֶעוֶוען אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, אָבֶּער אַז דֶער רֶבִּי בֶּעהְט פְרֶעגְט מֶען נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, אוּן עֶר אִיז גֶעפָארְן קַיין וַוארְשָׁא מִיט דִי קִינְדֶער.

עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אוֹיף וַוארְשָׁא, אוּן עֶר הָאט זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוֹיף אַ אִיד מִיט דֶעם נָאמֶען וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, אָבֶּער קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַזַא מֶענְטְשׁ, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט נָאכְגֶעלָאזְט נָאר עֶר אִיז אַרוּם גֶעגַאנְגֶען אִין שְׁטָאט אוּן גֶעזוּכְט אוּן זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט בִּיז מִיט גְרוֹיס שְׁוֶועריקַייטְן הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן דֶעם אִיד, אָבֶּער צוּ זַיין וואוּנְדֶער הָאט עֶר אוֹיסְגֶעזֶעהן צוּ זַיין גָאר אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ.

המשך בדף ג

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דִי קִינְדֶער צוּ דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל זֵיי בֶּענְטְשְׁן, דֶער אִיד הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס עֶר וִויל פוּן אִים, "אִיךְ בִּין אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ, אִיךְ קֶען נִישְׁט בֶּענְטְשְׁן, אוּן אִיךְ וֵויס נִישְׁט פַארְוָואס דוּ בִּיזְט גֶעקוּמֶען צוּ מִיר?" דֶער תַּלְמִיד הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן דֶעם אִיד אַז עֶר אִיז טַאקֶע אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין בַּר הָכִי צוּ וואוּנְטְשְׁן אוּן בֶּענְטְשְׁן, אָבֶּער אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אִים דָאךְ גֶעשִׁיקְט, הָאט עֶר זִיךְ גֶע'עַקְשְׁ'נְט "אֲפִילוּ דוּ וֵוייסְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, טוּ אָבֶּער צוּלִיבּ פַאר דִי טַאטֶע פוּן דִי קִינְדֶער דֶער "שְׂפַת אֱמֶת", אוּן בֶּענְטְשׁ דִי קִינְדֶער" דֶער אִיד הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן עֶר הָאט אַרוֹיף גֶעלֵייגְט דִי הֶענְט אוֹיף דִי קִינְדֶער אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַסַאךְ בְּרָכוֹת.

וֶוען דֶער תַּלְמִיד אִיז אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז מִסְתָּמֶא אִיז דֶער אִיד אַ בַּאהַאלְטֶענֶער ל"ו צַדִיק, אוּן עֶר זֶעהט נָאר אוֹיס וִוי אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ. וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם "שְׂפַת אֱמֶת" אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַז יֶענֶער אִיד אִיז זֵייעֶר אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פַארְוָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעשִׁיקְט צוּ אִים.

הָאט אִים דֶער "שְׂפַת אֱמֶת" גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז אֱמֶת אַז דֶער אִיד אִיז טַאקֶע אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ, נָאר אֵיינְמָאל וֶוען עֶס אִיז בַּיי אִים גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ אִינְגְל, אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ בְּרִית, הָאט עֶר מַמָשׁ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פְּרוּטָה צוּ מַאכְן אַ סְעוּדַת בְּרִית, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר פַארְקוֹיפְט דִי מֶעבְּל פוּן זַיין הוֹיז כְּדֵי צוּ קֶענֶען מִיט גֶעלְט מַאכְן דִי סְעוּדָה פַאר דִי בְּרִית, אוּן עֶר אִיז דֶערְנָאךְ גֶעבְּלִיבְן מַמָשׁ בְּעֵירוֹם וּבְחוֹסֶר כֹּל, אוּן דָאס הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע רַעַשׁ אִין הִימְל, עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁט קַיין קְלֵיינִיקַייט אַז אַ אִיד זָאל זִיךְ אַזוֹי מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ מַאכְן אַ סְעוּדַת בְּרִית, אוּן דֶערְפַאר הָאט מֶען אִים גֶעגֶעבְּן אַ שְׂכַר שׂוֹין אוֹיף דִי וֶועלְט אַז וָואס עֶר וֶועט אָנְוואוּנְטְשְׁן אַ בְּרָכָה וֶועט עֶס מְקוּיָם וֶוערְן, אוּן דֶער אִיד אַלֵיינְ'ס וֵוייסְט אֲפִילוּ נִישְׁט פוּן דֶעם כֹּחַ וָואס עֶר הָאט".

זֶעהט מֶען פוּן דֶעם דִי גְרוֹיסְקַייט וֶוען אַ אִיד טוּט אַ מִצְוָה מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, בַּאקוּמְט עֶר אַזַא כֹּחַ צוּ קֶענֶען וואוּנְטְשְׁן בְּרָכוֹת אוּן עֶס וֶוערְט מְקוּיָם.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה מְקַיֵים צוּ זַיין וִוי מֶער מִצְוֹת פְּרֵיילִיכֶערְהֵייט אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט אָן שְׁוֶוער, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּט'ס אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ה' עֶרֶךְ מִצְוָה
וְחֵלֶק י' עֶרֶךְ מְסִירַת נֶפֶשׁ)

## סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

### ~ פָארְוָוארְט ~

דֶער סֵפֶר "סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת" אִיז דְרַייצְן מַעֲשִׂיּוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, וָואס זֵיי וֶועקְן אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת הֶעלְפְט צוּ אַיינְשְׁלָאפְן, אָבֶער אִיךְ זָאג אַז דִי מַעֲשִׂיּוֹת וֶועקְן אוֹיף פוּן שְׁלָאף (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן כ"ה), וַוייל דִי סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט הָאבְּן אִין זִיךְ אַ כֹּחַ צוּ אוֹיפְוֶועקְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין טִיפְן שְׁלָאף, אוּן אִים בְּרֶענְגְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט אִין דִי הַקְדָמָה אוֹיף אִידִישׁ צוּ סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, אַז מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען אַז דָאס זֶענֶען פָּשׁוּטֶע מַעֲשִׂיּוֹת, נָאר עֶס לִיגְט אִין זֵיי בַּאהַאלְטְן גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה אוּסֶער דִי פָּשׁוּטֶע מוּסָר הַשֵּׂכֶל וָואס מֶען קֶען אַרוֹיסְלֶערְנֶען פוּן דִי מַעֲשִׂיּוֹת.

יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען פַאר זִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען מוּסָר פוּן דִי מַעֲשִׂיּוֹת לוֹיט וִוי עֶר פַארְשְׁטֵייט, מִיר וֶועלְן פְּרוּבִּירְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף, צוּ שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל רְמָזִים וָואס מִיר קֶענֶען אַרָאפְּלֶערְנֶען פוּן דִי מַעֲשִׂיּוֹת, גֶענוּמֶען פוּנֶעם סֵפֶר "נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן" פוּן מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א, אוּן פוּן אַנְדֶערֶע סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א.

***

### מַעֲשֶׂה א' מֵאֲבֵידַת בַּת הַמֶלֶךְ

אִין וֶועג הָאבּ אִיךְ דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה. וָואס וֶוער עֶס הָאט זִי גֶעהֶערְט הָאט גֶעהַאט אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה אוּן דָאס אִיז דִי מַעֲשֶׂה.

אַ מָאל אִיז גֶעוֶועזְן אַ מֶלֶךְ, דֶער מֶלֶךְ הָאט גֶעהַאט זֶעקְס זִין אוּן אֵיין טָאכְטֶער. דִי טָאכְטֶער אִיז בַּיי אִים זֵייעֶר חָשׁוּב גֶעוֶועזְן, אוּן עֶר הָאט זִי זֵייעֶר מְחַבֵּב גֶעוֶוען (כְּלוֹמַר גֶעלִיבְּט) אוּן הָאט זִיךְ מִיט אִיר זֵייעֶר מְשַׁעֲשֵׁעַ גֶעוֶוען.

אַמָאל אִיז עֶר מִיט אִיר גֶעוֶוען אִין אֵיינֶעם אִין עֶפֶּעס אַ טָאג, אוּן אִיז אוֹיף אִיר בְּרוֹגֶז גֶעוָוארְן. הָאט זִיךְ אִים אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט אַ וָוארְט "דֶער נִישְׁט גוּטֶער זָאל דִיךְ אַוֶועקְנֶעמֶען". בַּיי נַאכְט אִיז זִי גֶעגַאנְגֶען אִין אִיר חֶדֶר אַרַיין. אִינְדֶערְפְרִי הָאט מֶען נִישְׁט גֶעוואוּסְט וִוי זִי אִיז.

הָאט זִיךְ דֶער פָּאטֶער (דְהַיְינוּ דֶער מֶלֶךְ) זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶוען אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען זִי זוּכְן אַהִין אוּן אַהֶער.

אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת. מַחֲמַת עֶר הָאט גֶעזֶען. דֶער מֶלֶךְ הָאט גְרוֹיס צַעַר. אוּן הָאט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל אִים גֶעבְּן אַ מְשָׁרֵת מִיט אַ פֶערְד. אוּן גֶעלְט אוֹיף הוֹצָאוֹת. אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען זִי זוּכְן. הָאט עֶר זִי זֵייעֶר גֶעזוּכְט. זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט, בִּיז עֶר הָאט זִי גֶעפוּנֶען.

(הַיינְט דֶערְצֵיילְט עֶר וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זִי גֶעזוּכְט בִּיז עֶר הָאט זִי גֶעפוּנֶען) אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אַ לַאנְגֶע צַייט. אוּן אִין מִדְבָּרִיּוֹת אוּן אִין פֶעלְדֶער אוּן אִין וֶועלְדֶער אוּן הָאט זִי גֶעזוּכְט זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט. אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אִין מִדְבָּר אוּן הָאט גֶעזֶען אַ וֶועג פוּן דֶער זַייט. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען בַּאֲשֶׁר אִיךְ גֵיי אַזוֹי אַ לַאנְגֶע צַייט אִין דֶער מִדְבָּר אוּן קָאן זִי נִיט גֶעפִינֶען. לָאם אִיךְ גֵייעֶן אוֹיף דֶעם וֶועג. טָאמֶער וֶועל אִיךְ קוּמֶען צוּ אֵיין יִשׁוּב.

---

### נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן

דֶער קֶענִיג דָאס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס הָאט אַ טָאכְטֶער וָואס דָאס זֶענֶען דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּאלִיבְּט בַּיי אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן אִיד אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זִיךְ מְשַׁעֲשֵׁעַ, עֶר אִיז זִיךְ מְחַי' מִיט יֶעדֶע וָוארְט וָואס אַ אִיד רֶעדְט צוּ אִים.

אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיךְ בַּאשַׁאפְן דִי "נִישְׁט גוּטֶע" דָאס זֶענֶען דִי קְלִיפּוֹת אוּן סִטְרָא אַחְרָא, דֶער יֵצֶר הָרַע וָואס וִויל אַוֶועק נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן לַיידֶער אִיז דֶער אִיד פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן בַּיי זֵיי, זֵיי הָאבְּן אִים אַוֶועק גֶענוּמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען דֶער "שֵׁנִי לַמַּלְכוּת", דָאס אִיז דֶער צַדִיק, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גְרוֹיס צַעַר פוּן דִי אִידְן וָואס זֶענֶען וַוייט פוּן אִים, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען זֵיי זוּכְן, צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגְן דִי אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן אַזוֹי יֶעדֶער אִיד דַארְף אוֹיפְשְׁטֵיין, אוּן אוֹיפְזוּכְן זַיין נְשָׁמָה וָואס אִיז פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן בַּיים יֵצֶר הָרַע, זַיין נְשָׁמָה אִיז וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר דַארְף עֶס צוּרִיק בְּרֶענְגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיז דֶער אִיד גֶעגַאנְגֶען זוּכְן זַיין נְשָׁמָה אַ לַאנְגֶע צַייט בִּיז עֶר הָאט אִיר גֶעטְרָאפְן, וֶוען אַ אִיד וֶועט נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן עֶר וֶועט זוּכְן אוּן זוּכְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר קֶען צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן צוּם סוֹף, אוּן עֶר וֶועט טְרֶעפְן זַיין נְשָׁמָה, אוּן עֶס צוּרִיק בְּרֶענְגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וַוייל עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, מֶען וֶוערְט נִישְׁט אַ עֶרְלִיכֶער אִיד אִין אֵיין מִינוּט, צוּבִּיסְלֶעךְ צוּבִּיסְלֶעךְ פְּרוּבִּירְט מֶען נָאךְ אַבִּיסְל אוּן נָאךְ אַבִּיסְל, אֲפִילוּ פוּן אֵיין זַייט אִיז מֶען נָאךְ וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פְּרוּבִּירְט מֶען אַרַיינְצוּכַאפְּן, וָואס מֶען קֶען אַבִּיסְל תּוֹרָה אוּן אַבִּיסְל מִצְוֹת, אוּן אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, נָאר מֶען טוּט כָאטְשׁ וָואס מֶען קֶען, הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם סוֹף אוּן מֶען וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

הָאט עֶר גֶעזֶעהן אַ זַייטִיגֶע וֶועג, פַאר מֶענְטְשְׁן זֶעהט דָאס אוֹיס וִוי אַ זַייטִיגֶע וֶועג, "אָדֶער וִוילְסְטוּ יָא זַיין עֶרְלִיךְ, אָדֶער נִישְׁט, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין גֶעהֶערִיגֶע וֶועג", אָבֶּער דֶער אִיד קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, עֶר גֵייט אוֹיף דֶעם זַייטִיגְן וֶועג, אֲפִילוּ אִיךְ בִּין נָאכְנִישְׁט עֶרְלִיךְ אִינְגַאנְצְן, פְּרוּבִּיר אִיךְ אָבֶּער וָואס אִיךְ קֶען יָא, אוּן צוּם סוֹף וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר הֶעלְפְן אוּן אִיךְ וֶועל זַיין פוּלְשְׁטֶענְדִיג אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה)

(פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה)

# שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים

## ~ נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן פוּן דִי נִידְרִיגְסְטֶע מַדְרֵיגָה ~

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט "מֶען דַארְף זִיךְ צִיעֶן צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה אוּן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן פוּן דִי נִידְרִיגְסְטֶע מַדְרֵיגָה".

דָאס מֵיינְט אַז אַ אִיד אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז "הוֹלֵךְ", עֶר דַארְף גֵיין אוּן גֵיין, דָאס מֵיינְט אַז אַ אִיד דַארְף גֵיין מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מְקַיֵּים זַיין דִי תּוֹרָה אוֹיפְ'ן בֶּעסְטְן אוֹפֶן, אוּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וִויסְן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן שְׁטְרֶעבְן צוּ גֵיין מֶער אוּן מֶער אִין דִי אֱמוּנָה, אוּן לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה.

אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, אוֹיבּ מֶען פַאלְט אַרָאפּ, מֶען וֶוערְט אָפְּגֶעקִילְט, אוּן כָּל שֶׁכֵּן וֶוען מֶען וֶוערְט נִכְשָׁל אִין עֲבֵירוֹת, טָאר מֶען נִישְׁט וֶועגְן דֶעם אוֹיפְגֶעבְן, נָאר מֶען דַארְף זִיךְ וַוייטֶער שְׁטַארְקְן צוּ טוּהן וָואס מֶען קֶען טוּהן, וַוייטֶער דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען קֶען, אוּן דָאס אַז דִי וֶועג צוּ צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(לוּחַ בְּרֶסְלַב פ' וַיֵּצֵא תשע"ג לפ"ק)

~ ~ ~

## ~ יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער! ~

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אִין זַיינֶע אִינְגֶע יָארְן, וֶוען עֶר פְלֶעגְט עֶסְן אַ סְעוּדָה, פְלֶעגְט עֶר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִיש אוֹיף יֶעדֶע חֵלֶק פוּן דִי סְעוּדָה, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט בַּאגֶענוּגֶענְט מִיטְן בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, נָאר אוֹיסֶער דֶעם הָאט עֶר גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאזוּנְדֶער אוֹיף אִידִיש אוֹיף יֶעדֶע חֵלֶק פוּן סְעוּדָה.

לְמָשָׁל אוֹיבּ הָאט עֶר גֶעהַאט פַארְן עֶסְן אַבִּיסְל בְּרָאנְפְּן אוּן לֶעקִיךְ, הָאט עֶר גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי לֶעקִיךְ אוּן בְּרָאנְפְּן", דֶערְנָאךְ הָאט מֶען גֶעגֶעבְן פַאר דִי סְעוּדָה רֶעטִיךְ, הָאט עֶר גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן "יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי רֶעטִיךְ", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט עֶר גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר יֶעדֶע זַאךְ בַּאזוּנְדֶער.

(חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רל"ז)

# ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

*גייענדיג צום דרוק*

## שיינע חתונה ביי תלמוד ישיבתינו הק'

דעם דאנערשטאג, גייענדיג צום דרוק, קומט פאר די חתונה פון החתן יואל לעווי נ"י א זוהן פון מו"ה שמחה לעווי הי"ו, אין די זאל פון תורה ויראה אין בארא פארק.

עס איז ערווארטעט אז מוהרא"ש שליט"א וועט זיך באטייליגן ביי די שמחה, און די בחורים וועלן קומען משמח זיין דעם חתן.

אי"ה קומענדיגע וואך וועלן מיר איבערגעבן מער דעטאלן איבער די חתונה.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

***

## נייע אפציעס צוגעלייגט צום קול אמונה טעלעפאן ליין

עס איז באקאנט פאר יעדן די קול אמונה טעלעפאן ליין ווי מען קען הערן שיעורים פון מוהרא"ש שליט"א פון די פארגאנגענע יארן.

די סיסטעם איז אויסגעשטעלט אויף א מייסטערהאפטיע וועג, אויסגעשטעלט לויט די פרשות השבוע, ווי מען קען הערן לויט די פרשות, אלע שיעורים וואס זענען געזאגט געווארן אין די פרשה פון אלע יארן, ווי אויך איז דא באזונדערע קעסטלעך פאר ימים טובים און פאר ענינים.

עס ווערט כסדר צוגעלייגט פרישע שיעורים וואס מיר באקומען פון די פארגאנגענע יארן.

יעצט האט מען צוגעלייגט א פרישע אפציע צום סיסטעם, וואס וועט פארגרינגערן פאר די וואס הערן שיעורים.

דאס איז ווען מען הערט א לענגערע שיעור, און מען דארף אראפלייגן, און מען וויל צוריק רופן שפעטער און ווייטער הערן ווי מען האט געהאלטן, קען מען דרוקן דעם קנעפל 0 ווי מען האלט, און דער סיסטעם זאגט אז עס איז געווארן א "בוקמארק", און מען לייגט אראפ דעם טעלעפאן, און ווען מען רופט צוריק דרוקט מען דעם קנעפל # ביים מעין מעניו און עס פירט גלייך צו הערן ווייטער ווי מען האט געהאלטן אינמיטן הערן.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט דאס זיין צו הילף, פאר די אלע וואס ווילן הערן די שיעורים און מען קען נישט אייביג, הערן צו לאנג אויף איין מאל.

**שמעו ותחי נפשכם!**


בס"ד

מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

black & white and color copies

פאר גאר ביליגע פרייזן.

Black & white 5¢ ea. (Min Qty 400)

Color 35¢ ea. (Min Qty 100)

פאר א גרעסערע צאל קאפיס רופט אריין פאר די פרייזן

Email us: tiferesprinting@gmail.com

Call us: 347-559-5554




## ~ וואונדערליכע ישועות ~

*מוהרא"ש שליט"א זאגט צו:*

"ווער עס וועט מנדב זיין צו דרוקן דעם ספר "אשר בנחל", וועט זיכער זעהן גרויסע ישועות"

**הונדערטער אידן זענען שוין געהאלפן געווארן, זייט אויך פון די געהאלפענע. רופט שוין אריין מיט אייער ברייטהארציגע נדבה.**

**845-481-3321**

## ברכת מזל טוב!

מיר וואונטשן א הארציגן מזל טוב פאר

**מו"ה נחמן נייששטיין נ"י**

מלמד מומחה במוסדותינו הק'

**צו די געבורט פון זיין מיידעלע למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים, אמן.









**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת וישלח, י"ז כסלו, שנת תשע"ג לפ"ק
שנה 2, גליון 9 (59)


**זמנים**

הדלקת הנרות.................4:12
מוצש"ק..........................5:42
סוף זמן ק"ש....................8:46

**שיעורים כסדרן**

בבלי............................שבת נ"ט
ירושלמי........................סוטה כ"ד
תוספתא.............הוריות פרק א'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַ'יִּשְׁלַח יַ'עֲקֹב מַ'לְאָכִים לְפָנָיו** - רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "יוֹם" - מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶּעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן רע"ב) אוֹיפְן פָּסוּק **הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ**, אַז אַ אִיד דַארְף אֵייבִּיג קוּקְן נָאר אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג, וַוייל וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען גֶעכְטְן, וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ צוּבְּרָאכְן, וַוייל עֶר טְרַאכְט: "אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ נֶעכְטְן נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, וֶועל אִיךְ הַיינְט אוֹיךְ נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין", אוּן דִי זֶעלְבֶּע טָאר מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף מָארְגְן וַוייל מֶען טְרַאכְט: "עֶס וֶועט מִיר זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טוּהן פוּן הַיינְט אֵייבִּיג נָאר גוּטְס", **אָבֶּער וֶוען מֶען קוּקְט נָאר אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג, אוֹיף דִי יֶעצְטִיגֶע מִינוּט, אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ, וַוייל אוֹיף אֵיין טָאג קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ פָארְנֶעמֶען צוּ טוּהן אֲפִילוּ דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאכְן.**

דָאס קוּמְט אוּנְז דִי פָּסוּק מְרַמֵּז זַיין, וֶוען עֵשָׂו וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְן יֵצֶר הָרַע, קוּמְט טְשׁעפֶּענֶען יַעֲקֹב דֶעם אִיד, אִיז דִי עֵצָה **וַ'יִּשְׁלַח יַ'עֲקֹב מַ'לְאָכִים**, רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "יוֹם" - מֶען זָאל נָאר קוּקְן אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף מַצְלִיחַ זַיין,

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית וַיִּשְׁלַח תש"ע לפ"ק)

***

**כֹּה אָמַר עַבְדְּךָ יַעֲקֹב עִם לָבָן גַּרְתִּי**, זָאגְט רַשִׁ"י גַּרְתִּי אִיז בְּגִמַטְרִיָּא תַּרְיַ"ג, אַז יַעֲקֹב הָאט גֶעזָאגְט אִיךְ הָאבּ טַאקֶע גֶעווָאוֹינְט מִיט לָבָן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעהִיטְן דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א ס"א) אַז אַמָאל אִיז זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע מִתְלַבֵּשׁ מִיט מִצְוֹת, דָאס מֵיינְט אַז דֶער יֵצֶר הָרַע נֶעמְט עֲבֵירוֹת, אוּן עֶר מַאכְט דָאס אוֹיסְזֶעהן וִוי עֶס אִיז מִצְוֹת, אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "**לָבָן**" - דֶער יֵצֶר הָרַע וָואס טוּט זִיךְ אָן "**וַוייס**", עֶר מַאכְט זִיךְ וִוי עֶר וִויל נָאר מִצְוֹת.

אֵיינֶם פוּן דִי וֶועגְן וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע נִיצְט, אִיז צוּ צוּלֵייגְן מֶער מִצְוֹת, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעהֵייסְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ פָּאלְגְט אִים אוּן עֶר טוּט מֶער וִויפִיל עֶר דַארְף, טוּט עֶר נָאכְדֶעם

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ טוּה כָּאטְשׁ וָואס דוּ קֶענְסְט ~

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, ז, נב) אוֹיף דֶעם וָואס עֶס שְׁטֵייט דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה אַז יַעֲקֹב הָאט צוּטֵיילְט זַיינֶע קִינְדֶער אוֹיף צְוֵויי חֲלָקִים, אַז אוֹיבּ עֵשָׂו וֶועט כַאפְּן אֵיין חֵלֶק אוּן זֵיי הַרְגְ'נֶען, זָאל כָאטְשׁ אִיבֶּערְבְּלַייבְּן דִי צְוֵוייטֶע טֵייל לִפְלֵיטָה.

זָאגְט רֶבִּי נָתָן אוֹיף דֶעם אַז דָאס אַ לִימּוּד פַאר אוּנְז פַאר אַ יֶעדְן אִיד, אַז עֶר זָאל צוּטֵיילְן זַיין לֶעבְּן אִין צְוֵויי חֲלָקִים, דָאס מֵיינְט אַז יֶעדֶער אִיד וִויל דָאךְ זִיכֶער זַיין עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל, אוּן עֶר וָואלְט גֶעקֶענְט בַּאשְׁטֵיין צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶּוענֶען אוּן טוּהן מִצְוֹת אוּן זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אָבֶּער נִישְׁט אֵייבִּיג גֵייט עֶס אַזוֹי גְרִינְג, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אֵייבִּיג מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיפְ'ן יֵצֶר הָרַע, דַארְף מֶען אָבֶּער זֶעהן, זִיךְ צוּ צוּטֵיילְן אוֹיף צְוֵויי, אוֹיבּ הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד יֶעצְט צוּ לֶערְנֶען, וֶועל אִיךְ כָאטְשׁ זָאגְן תְּהִלִּים, אַז דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז זִיךְ שׁוֹין אַזוֹי מִתְגַּבֵּר אוֹיף מִיר אַז אִיךְ קֶען דָאס אוֹיךְ נִישְׁט טוּהן, וֶועל אִיךְ כָאטְשׁ רֶעדְן עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז אִיךְ קֶען דָאס אוֹיךְ נִישְׁט וֶועל אִיךְ כָאטְשׁ בֶּענְקְן אוּן הָאפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וֶועל כָאטְשׁ זָאגְן "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר!".

וַוייל דוּ קֶענְסְט דִיךְ נִישְׁט מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיפְ'ן יֵצֶר הָרַע בַּיי אֵיין זַאךְ, מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז דוּ דַארְפְסְט אַלֶעס אוֹיפְגֶעבְּן, אַז דוּ קֶענְסְט דִיךְ נִישְׁט מִתְגַּבֵּר זַיין בַּיי דִי זַאךְ, דֶער עֵשָׂו הָאט דִיר גֶע'הַרְגְ'ט בַּיי אֵיין חֵלֶק, זֶעה כָאטְשׁ אַז דִי צְוֵוייטֶע חֵלֶק זָאל בְּלַייבְּן, פְּרוּבִיר כָאטְשׁ צוּ טוּהן סַיי וָואס דוּ קֶענְסְט יָא טוּהן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי עֵצָה פוּן יַעֲקֹב, וָואס עֶר לֶערְנְט פַאר אַ יֶעדְן אִיד: "צוּטַייל דַיין לֶעבְּן אִין צְוֵויי, זֶעה צוּ רַאטֶעוֶוען דָאס מֶערְסְטֶע וָואס דוּ קֶענְסְט רַאטֶעוֶוען, זֶעה צוּ טוּהן

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

גָארנִישְׁט, וִוי דִי תּוֹרָה הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן **לֹא תוֹסִיף עָלָיו** - זָאלְסְט נִישְׁט צוּלֵייגְן צוּ דִי תּוֹרָה, כְּדֵי **וְלֹא תִגְרַע מִמֶּנּוּ** - כְּדֵי דוּ זָאלְסְט נִישְׁט קוּמֶען נָאכְדֶעם אַרָאפְּנֶעמֶען.

דָאס הָאט יַעֲקֹב גֶעשִׁיקְט זָאגְן פַאר עֵשָׂו, פַאר דֶעם יֵצֶר הָרַע, **עִם לָבָן גַּרְתִּי,** אִיךְ הָאבּ מִיךְ אֲפִילוּ גֶעקֶענְט פַארְמֶעסְטְן מִיט דִי יֵצֶר הָרַע וָואס הֵייסְט לָבָן, **"וְתַרְיַ"ג מִצְוֹת שָׁמַרְתִּי"** אוּן אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעהִיטְן "נָאר" דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת אִיךְ הָאבּ מִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט פַארְפִירְן פוּן זַיינֶע צוּגֶעלֵייגְטֶע מִצְוֹת.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּשְׁלַח ב)

***

**וַיִּוָּתֵר יַעֲקֹב לְבַדּוֹ וַיֵּאָבֵק אִישׁ עִמּוֹ עַד עֲלוֹת הַשָּׁחַר,** מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א סִימָן ט"ו) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף צוּקוּמֶען צוּ אַ מַדְרֵיגָה, אַז עֶר זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ, נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, דֶעמָאלְט'ס הָאט מֶען מֶער נִישְׁט מוֹרָא פַאר קֵיינֶעם נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער מֶדְרָשׁ בְּרֶענְגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה ע"ז סִימָן א') **וַיִּוָּתֵר יַעֲקֹב לְבַדּוֹ** - יַעֲקֹב אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"וְנִשְׂגַּב ה' לְבַדּוֹ"** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אֵיינֶער אַלֵיין, דָאס מֵיינְט אַז וֶוען יַעֲקֹב הָאט גֶעפִילְט אַז עֶר אִיז אַלֵיין, קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט הֶעלְפְן, אִיז עֶר גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז נָאר אֵיינֶער אַלֵיין, אוּן אִים גֶעבֶּעטְן הִילְף.

**וַיִּוָּתֵר יַעֲקֹב לְבַדּוֹ** - יַעֲקֹב אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין אוּן עֶר אִיז גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר **וַיַּרְא כִּי לֹא יוּכַל לוֹ** - דֶער מַלְאָךְ הָאט אִים גָארנִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁלֶעכְטְ'ס טוּהן, ווייל יַעֲקֹב הָאט זִיךְ גֶעוָואנְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן אִיד, אוֹיבּ וֶוענְדְט עֶר זִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען אִים קֵיינֶער נִישְׁט קֵיין שְׁלֶעכְטְ'ס טוּהן.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּשְׁלַח ד)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

כַאטְשׁ וָואס דוּ קֶענְסְט, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיךְ הֶעלְפְן אַז סוֹף כָּל סוֹף וֶועסְטוּ אִינְגַאנְצְן אַרוֹיסְגֵיין פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע'ס הֶענְט, אוּן זַיין אַן אֱמֶת'ער עֶרְלִיכֶער אִיד.

## אַ פַארְקֶערְטֶע וֶועלְט

דִי גְּמָרָא דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה (פְּסָחִים נ.) אַז רַבִּי יוֹסֵף דֶער זוּהן פוּן רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי אִיז זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן, אוּן זַיין נְשָׁמָה אִיז אִים אַרוֹיס גֶעפְלוֹיגְן, שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז עֶר אִיז צוּרִיק גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן, הָאט אִים זַיין טַאטֶע גֶעפְרֶעגְט: "וָואס הָאסְטוּ גֶעזֶעהְן אוֹיבְּן אִין הִימְל וֶוען דַיין נְשָׁמָה אִיז דָארְט גֶעוֶוען?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהְן דָארְט אַ פַארְקֶערְטֶע וֶועלְט דִי וָואס זִיצְן דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיבְּן אָן, זִיצְן דָארְט פוּן אוּנְטְן, אוּן דִי וָואס זִיצְן דָא פוּן אוּנְטְן, זֶענֶען דָארְט אוֹיבְּן אָן", הָאט אִים רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי גֶעזָאגְט: "קִינְד מַיינְ'ס, דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעזֶעהְן אַ פַארְקֶערְטֶע וֶועלְט, דוּ הָאסְט גֶעזֶעהְן דִי רִיכְטִיגֶע קְלָארֶע וֶועלְט".

אוּן רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי הָאט אִים וַוייטֶער גֶעפְרֶעגְט: "אוּן וִוי זִיצְן מִיר תַּלְמִידֵי חֲכָמִים דָארְט אוֹיבְּן?", הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז אַזוֹי וִוי מִיר זֶענֶען דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, דִי זֶעלְבֶּע זֶענֶען מִיר אוֹיךְ אוֹיבְּן, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז מֶען זָאגְט דָארְט "אַשְׁרֵי מִי שֶׁבָּא לְכַאן וְתַלְמוּדוֹ בְּיָדוֹ" ווֹאוִיל אִיז דֶער וָואס קוּמְט דָא מִיט זַיין תּוֹרָה אִין דִי הַאנְט.

וָואס מִיר לֶערְנֶען בְּפַּשְׁטוּת אָפּ פוּן דִי גְּמָרָא אִיז, אַז אוֹיף דִי וֶועלְט קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר נַארְן, מֶען קֶען נִישְׁט וִויסְן פוּן אִינְדְרוֹיסְן וֶוער עֶס אִיז אַ עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן וֶוער נִישְׁט, עֶס קֶען זַיין אֵיינֶער וָואס אוֹיף דִי וֶועלְט מַאכְט מֶען אַ גַאנְצֶע רַעַשׁ פוּן אִים, אָבֶּער אוֹיבְּן וַוייסְט מֶען בִּכְלַל נִישְׁט פוּן אִים צוּ זָאגְן, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט נַארְן, נָאר מֶען זָאל זַיין מְקוֹרָב נָאר צוּ אֱמֶת'עֶ עֶרְלִיכֶע אִידְן.

אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֶעהְט מֶען אוֹיךְ אַ גֶעוָואלְדִיגֶע הִתְחַזְּקוּת פוּן דִי גְמָרָא.

מֶען זֶעהְט אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז בַּיי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אִיז אַנְדֶערְשׁ, זֵיי זֶענֶען יָא אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט פוּנְקְט וִוי אוֹיף דִי וֶועלְט, ווייל תּוֹרָה הָאט אַ גֶעוָואלְדִיגֶע כֹּחַ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה דָא אוֹיף דִי וֶועלְט וֶועט דָאס אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיךְ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אַ יֶעדֶע דַף גְמָרָא וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, דִי זֶעלְבֶּע בְּלַאט גְמָרָא וֶועט עֶר הָאבְּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אוּן דָארְט וֶועט עֶר זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּה' זַיין דֶערְמִיט.

## אַ סְטֶענְדֶער, אַ גְמָרָא, אוּן אַ גְלֶעזְל טֵיי

מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן אַ לִיטְוִוישְׁן גָּדוֹל, אַז מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וָואסֶערֶע עוֹלָם הַבָּא עֶר וִויל בַּאקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר דַארְף נָאר דִי זֶעלְבֶּע סְפָרִים שְׁטוּב וָואס עֶר הָאט אוֹיף דִי וֶועלְט, מֶען זָאל אִים נָאר צוּשְׁטֶעלְן אַ סְטֶענְדֶער מִיט אַ גְמָרָא אוּן אַ גְלֶעזְל טֵיי אוּן דָאס אִיז זַיין בֶּעסְטֶע עוֹלָם הַבָּא וָואס עֶר דַארְף.

אוּן דֶערְפַאר הָאט רֶבִּי יוֹסֵף גֶעזָאגְט פַאר זַיין טַאטֶע אַז תַּלְמִידֵי חֲכָמִים זֶענֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט פוּנְקְט וִוי אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן עֶר הָאט גֶעהֶערְט וִוי מֶען רוּפְט אוֹיס "ווֹאוִיל אִיז דֶער וָואס קוּמְט דָא מִיט זַיין תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט", ווייל דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוֹיף דִי וֶועלְט דָאס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיךְ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן עֶס וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען צוּ אַלֶעס גוּט'ס.

אוּן דֶערְפַאר ווֹאוִיל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן כַאפְּט אַרַיין תּוֹרָה וּמִצְוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט, וָואס נָאר דָאס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוּן הֶעלְפְן שְׁטֶענְדִיג.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י' עֶרֶךְ טָעוּת, לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, ז, נב)

# אַשֶׁר בַּנַּחַל

## ~ קוּק נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעם ~

דוּ דַארְפְסְט נָאר קוּקְן אוֹיף דִיר, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, אוּן וֶועסט נִישְׁט פַארְגַאפְט אוּן צוּנַארְט פוּן קַיין מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען אוֹיפְן פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל ל"ג) "אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם", אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעדִינְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים נָאר בִּבְחִינַת 'אֶחָד', עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קֵיינֶעם אִין דֶער וֶועלְט. שְׁטֶעל זִיךְ פָאר: אִין זַיין דוֹר אִיז גֶעוֶוען נָאר גֶעצְן-דִינֶער עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט מַכִּיר גֶעוֶוען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיין מֶענְטְשׁ אַלֵיין קֶעגְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, עֶר אִיז גֶעוֶוען שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, אוּן דָאס הָאט אִים דֶערְהַאלְטְן. הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אַזוֹי דַארְף יֶעדֶער אִיד בַּיי זִיךְ טְרַאכְטְן אַז נָאר עֶר גֶעפִינְט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, נָאר קוּקֶען אוֹיף זִיךְ; אִיבֶּערְדֶעם, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן, זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, דוּ הָאסְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דָארְטְן זָאלְסְטוּ אַרַיינְלֵייגְן דַיין גַאנְצְן מֹחַ דַיין גַאנְצְן קָאפּ, וֶועסְטוּ הָאבְּן הִתְחַזְּקוּת,

דֶער עִיקֶר הַצְלָחָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז, וֶוען עֶר קוּקְט נָאר אוֹיף זִיךְ, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעם, וָוארוּם יֶענֶער וֶועט דִיךְ צוּבְּרֶעכְן, יֶענֶער וֶועט דִיךְ אַרָאפְּוַוארְפְן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן פ' אוּן סִימָן פ"א) אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז נָאךְ אַרְגֶער ווִי דֶער יֵצֶר הָרַע, וָוארוּם דֶעם יֵצֶר הָרַע הָאט מֶען גֶעגֶעבְּן כּוֹחוֹת נָאר ווִיפִיל דֶער מֶענְטְשׁ קֶען אִיבֶּערְטְרָאגְן, אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ קֶען אַרָאפְּוַוארְפְן יֶענֶעם אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מֶענְטְשְׁן, וַוייל זֵיי זֶענֶען מוֹרָא'דִיגֶע מוֹנְעִים, זֵיי זֶענֶען מוֹנֵעַ מְקוֹרָב צוּ וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זי"ע, אִיבֶּערְדֶעם הֶער אוֹיף צוּ אַרַיינְגֵיין מִיט ווִיכּוּחִים מִיט אַנְדֶערֶע, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ אַוַודַאי הֶעלְפְן דוּ וֶועסְט הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה, דוּ וֶועסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד,

(אַשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ג' מִכְתָּב רצ"ו)

## סימן טוב ומזל טוב יהא לנו!

מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה שלמה זלמן קאלמאן הי"ו**

**צו די חתונה פון זיין זוהן ישעי' שלום נ"י עב"ג**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך נחת דקדושה פון אלע קינדער, בני חיי ומזוני רוויחי וסייעתא דשמיא אמן

# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

## מַעֲשֶׂה א' מֵאֲבֵידַת בַּת הַמֶּלֶךְ

### פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אַ לַאנְגֶע צַייט, דֶער נָאךְ הָאט עֶר גֶעזֶען אַ שְׁלָאס אוּן אַסַאךְ חֲיָילוֹת שְׁטֵייעֶן אַרוּם. אוּן דֶער שְׁלָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין, אוּן דִי חַיָילוֹת זֶענֶען אַרוּמְגֶעשְׁטַאנֶען כְּסֵדֶר זֵייעֶר פַיין. הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט פַאר דִי חֲיָילוֹת. טָאמֶער וֶועלְן זֵיי אִים נִישְׁט לָאזְן אַרַיינְגֵיין. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען אִיךְ וֶועל מִיךְ פְּרוּוֶון. אוּן הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דָאס פֶערְד, אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם שְׁלָאס. הָאט מֶען אִים גֶעלָאזְט. אוּן מֶען הָאט אִים גָאר נִישְׁט מְעַכֵּב גֶעוֶוען.

אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען פוּן אֵיין חֶדֶר צוּם אַנְדֶערְן אוּן מֶען הָאט אִים נִישְׁט גֶעוֶוערְט (גֶעשְׁטֶערְט). אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ אַ פַּאלַאץ. הָאט עֶר גֶעזֶען, דֶער מֶלֶךְ זִיצְט דָארְט אִין אַ קְרוֹין. אוּן אַסַאךְ חַיָילוֹת שְׁטֵייעֶן אַרוּם אִים. אוּן אַ סַאךְ שְׁפִּילְן אוֹיף כֵּלִים פַאר אִים אוּן עֶס אִיז דָארְט זֵייעֶר שֵׁיין אוּן פַיין גֶעוֶוען. אוּן דֶער מֶלֶךְ אוּן קֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט אִים גָאר נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט.

אוּן עֶר הָאט דָארְט גֶעזֶען גוּטֶע מַאֲכָלִים. אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט גֶעגֶעסְן. אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט זִיךְ גֶעלֵייגְט אִין אַ ווִינְקֶעלֶע עֶר זָאל זֶען וָואס דָארְטְן וֶועט זִיךְ טוּן, הָאט עֶר גֶעזֶען דֶער מֶלֶךְ הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען דִי מַלְכָּה. אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען זִי בְּרֶענְגֶען. אִיז דָארְטְן גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער רַעַשׁ אוּן אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אוּן דִי קַאפֶּעלְיֶעס הָאבְּן זֵייעֶר גֶעשְׁפִּילְט אוּן גֶעזוּנְגֶען. וַוייל מֶען הָאט גֶעבְּרַאכְט דִי מַלְכָּה. אוּן מֶען הָאט אִיר גֶעשְׁטֶעלְט אַ שְׁטוּל, אוּן מֶען הָאט זִי גֶעזֶעצְט לֶעבִּין אִים. אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי בַּת מֶלֶךְ. אוּן עֶר הָאט זִי גֶעזֶען אוּן הָאט זִי דֶערְקֶענְט.

---

## נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן

דֶער שְׁלָאס (פַּאלַאץ) דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי פְּלַאץ פוּן דִי "נִישְׁט גוּטֶע", (ווִי עֶס שְׁטֵייט וַוייטֶער), אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט פִיל סָאלְדַאטְן, דֶער יֵצֶר הָרַע נֶעמְט אַרוּם דִי נְשָׁמָה זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן ווִיל נִישְׁט אַרוֹיס לָאזְן דִי נְשָׁמָה פוּן אוּנְטֶער דִי הַאנְט, אוּן דִי נְשָׁמָה אִיז מַמָשׁ גֶעפַאנְגֶען דָארְט, אוּן קֶען נִישְׁט אַרוֹיס קְרִיכְן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס בְּלוֹיז אַ דִמְיוֹן, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ ווִיל טַאקֶע, קֶען עֶר דוּרְךְ בְּרֶעכְן זֵייעֶר גְרִינְג אַלֶע מוֹיעֶרְן אוּן אַרוֹיס גֵיין פוּן אוּנְטֶער דִי הֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶערְפַאר גְלַייךְ וֶוען דֶער אִיד הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר גֵייט פְּרוּבִּירְן אַרַיינְצוּגֵיין, עֶר גֵייט פְּרוּבִּירְן אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען זַיין נְשָׁמָה פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע'ס הֶענְט, הָאט אִים קֵיינֶער נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט, דֶער עִיקָר וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע טוּט מִיטְן מֶענְטְשׁ אִיז עֶר דֶערְשְׁרֶעקְט אִים "דוּ בִּיזְט שׁוֹין דֶערְנָאךְ, פוּן דִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְן", "פְּרוּבִּיר אֲפִילוּ נִישְׁט אָנְצוּהֵייבְּן זַיין עֶרְלִיךְ, וַוייל דוּ וֶועסְט סַיי ווִי נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין", "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיר שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן" א.ד.ג. אָבֶּער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט פוּן אִים, אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט יָא, קֶען אִים קֵיינֶער גָארְנִישְׁט שְׁטֶערְן, אוּן עֶר וֶועט סוֹף כָּל סוֹף מַצְלִיחַ זַיין, אוּן וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דֶעם פֶערְד אִינְדְרוֹיסְן, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן גוּף, עֶר הָאט אָפְּגֶעלָאזְט דֶעם גוּף יֶעצְט, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן וֶועגְן זַיין נְשָׁמָה עֶס צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ פַּאלַאץ אוּן עֶר הָאט דָארְט גֶעזֶעהן ווִי אַ קֶענִיג זִיצְט אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט סָאלְדַאטְן דָאס זֶענֶען דִי כּוֹחוֹת הַטוּמְאָה, אוּן קֵיינֶער הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעפְרֶעגְט, וַוייל אֵיינְמָאל דוּ בִּיזְט בַּיי זֵיי אִין דִי הֶענְט פְרֶעגְן זֵיי גָארְנִישְׁט, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעקֶענְט אַרַיינְכַאפְּן נָאךְ אַ אִיד אִין זַאק אַרַיין.

אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהן דָארְטְן גוּטֶע מַאֲכָלִים אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט גֶעגֶעסְן, דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לִימוּד וָואס מֶען זֶעהט דָא, דִי מַאֲכָלִים מֵיינֶען תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה וָואס דָאס זֶענֶען דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע מַאֲכָלִים פַאר דִי נְשָׁמָה, אוּן אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין דִי פְּלַאץ פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא, הָאט עֶר דָארְט אוֹיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט תּוֹרָה וּתְפִלָּה וָואס עֶר הָאט גֶעקֶענְט.

דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ זֶעהט אַז עֶר אִיז טִיף פַארְפַאלְן בַּיי דִי סִטְרָא אַחְרָא, עֶר פַאלְט דוּרְךְ מִיט עֲבֵירוֹת, אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל עֶר אָבֶּער וֶועגְן דֶעם נָאכְנִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אַלֶעס, נָאר עֶר זָאל נָאךְ אַלְץ פְּרוּבִּירְן צוּ טוּהן כָּאטְשׁ עֶפֶּעס וָואס עֶר קֶען יָא, אַז עֶר קֶען כָּאטְשׁ עֶפֶּעס לֶערְנֶען, אָדֶער רֶעדְן אַ וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל עֶר דָאס כָּאטְשׁ טוּהן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים הֶעלְפְן צוּם סוֹף אַז עֶר וֶועט אַרוֹיס נֶעמֶען זַיין נְשָׁמָה פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא, אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אוּן דֶערְפַאר וֶוען עֶר הָאט גֶעהַאט שֵׂכֶל, אוּן אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעלִיגְן אִים דִי הֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע הָאט עֶר נָאךְ אַלְץ אַרַיין גֶעכַאפְּט פוּן דִי גוּטֶע מַאֲכָלִים, עֶר הָאט אַרַיין גֶעכַאפְּט תּוֹרָה וּתְפִלָּה ווִיפִיל עֶר הָאט גֶעקֶענְט, הָאט עֶר גֶעזֶעהן ווִי מֶען בְּרֶענְגְט דִי מַלְכָּה, וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי בַּת מֶלֶךְ, דָאס אִיז דִי נְשָׁמָה, אוּן עֶר הָאט אִיר דֶערְקֶענְט, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ אֵיכָה, פְּתִיחְתָּא, ב) "הַמָּאוֹר שֶׁבָּהּ מַחֲזִירָן לְמוּטָב", ווִי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ זֶעהט נָאר אוֹיס, אוֹיבּ כַאפְּט עֶר אַרַיין כָּאטְשׁ אַבִּיסְל תּוֹרָה, וֶועט דָאס אִים מַחֲזִיר זַיין לְמוּטָב.

(פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה)

# שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים

## ~ טְרַייבּ דוּ צַייט צוּ מִיר"... ~

עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט, דָאס דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפָר זי"ע וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען מְפוּרְסָם מִיט זַיין גְרוֹיסְקֵייט, וַיְהִי הַיּוֹם הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּקוּמֶען צוּ אִים אַ אִיד וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין דִי זֶעלְבֶּע עֶלְטֶער, אוּן עֶר הָאט מִיט אִים צוּזַאמֶען אַלְץ אִינְגֶל גֶעלֶערְנְט אִין חֵדֶר, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אִיז עֶר אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אַן עַם הָאָרֶץ, וִוי גֶעוֶוענְדְלִיךְ אִיז אַן עַם הָאָרֶץ הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט דִי צַייט, זוּכְט עֶר מִיט וֶועמֶען אָנְצוּבְּרֶענְגֶען דִי צַייט, הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען עֶר וֶועט אַרַיינְקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפָר אַבִּיסְל רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן וְכוּ' וְכוּ'. נוּ דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל וָואס עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפָר אַנְטְקֶעגְנְגֶעגַאנְגֶען מִיט שִׂמְחָה אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְמַאנְט וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, אוּן נָאכְדֶעם הָאט זִיךְ מִיט אִים דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפָר מִיט אִים גֶעזֶעגֶענְט, אוּן צוּ מָארְגֶענְס אִיז דֶער אִיד וַוייטֶער דָא, הָאט עֶר וַוייטֶער מִיט אִים אַבִּיסְל גֶערֶעדְט, אוּן הָאט אִים אַוֶועק גֶעשִׁיקְט. וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם דְרִיטְן טָאג, פְרֶעגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפָר, "וָואס וִוילְן זִי?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט "אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען פַארְטְרַייבְּן דִי צַייט", הָאט אִים אוֹיף דֶעם גֶעזָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפָר "אִיךְ הָאבּ קַיין צַייט נִישְׁט, אוּן אִיךְ זֶע דוּ הָאסְט צַייט; טְרַייבּ דוּ צַייט צוּ מִיר"...

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ב' מִכְתָּב ר"ד)

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

### שיינע שבע ברכות פארגעקומען פאר תלמוד ישיבתינו הק'

דעם פארגאנגענעם מוצאי שבת איז פארגעקומען אין היכל הישיבה א שיינע שבע ברכות פאר החתן יואל לעווי נ"י ב"ר שמחה הי"ו בהשתתפות כ"ק מוהרא"ש שליט"א.

עס זענען זיך צוזאמגעקומען א שיינער עולם פון אנשי שלומינו, בחורי הישיבה, און קרובי המשפחה, און זיך געפריידט אינאיינעם לכבוד די שמחה.

מוהרא"ש האט גערעדט דברות קודש באריכות, צוזאמשטעלנדיג די גרויסקייט פון מאכן די סעודת מלוה מלכה, סעודתא דדוד מלכא משיחא, וואסערע שייכות האט מלוה מלכה מיט דוד המלך? ווייל דוד המלך איז געווען די סימבאל פון ליידן, ער האט געליטן א גאנץ לעבן, פון אלץ קינד ביז זיין הסתלקות איז געווען איין לאנגע קייט פון ליידן, אבער ער איז נישט געווארן צובראכן פון דעם, ער האט זיך געשטארקט און גערעדט צום אייבערשטן, ער האט אויסגעזינגען זיין הארץ צום אייבערשטן, וואס פון דעם איז געווארן דאס תהלים'ל.

און דערפאר יעצט מוצאי שבת ווען מען גייט ארויס פון די מנוחה פון שבת און מען גייט אריין אין א נייע וואך, זעקס טעג וואס מען קען אין די טעג אויך אסאך ליידן, מאכט מען א סעודת מלוה מלכה צו ממשיך זיין די מנוחה פון שבת אויף די גאנצע וואך, און גיין אין די פיס-טריט פון דוד המלך, וואס האט אויך געליטן און זיך געשטארקט מיט רעדן צום אייבערשטן.

און דאס האט אויך שייכות מיט די שבע ברכות, ווען די חתן כלה גרייטן זיך אנצוהייבן זייער נייע לעבן, וואס קען אויך זיין אויסגעמישט מיט ליידן, דארפן זיי זיך שטארקן מיטן אייבערשטן, און וויסן אז דער אייבערשטער איז שטענדיג מיט זיי, און אז זיי וועלן ארייננעמען דעם אייבערשטן און שטוב, וועלן זיי האבן א גליקליך לעבן.

נאך ברכת המזון, האט מען געטאנצן מיטן חתן און אים משמח געווען.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

***

### א קבוצה פון ישיבה געפארן אויף טאהש<br>זיך משתתף זיין ביי חתונה פון א זוהן פון חבר ההנהלה

די וואך מיטוואך האט חתונה געמאכט אונזער חשובער חבר ההנהלה ר' שלמה זלמן קאלמאן הי"ו וואס האט חתונה געמאכט זיין זוהן אין קרית טאהש.

ר' שלמה זלמן איז שטענדיג דא צו ארויסהעלפן אונזערע מוסדות, ובפרט פון אנפאנג איז ער געווען דער בריח התיכון צו עפענען די הייליגע מוסדות טראץ די אלע שוועריקייטן וואס זענען געליגן אויפ'ן וועג.

עס האבן זיך ארויסגעלאזט א שיינע קבוצה פון בחורים ואברכים, מיטצוהאלטן און זיך מיטפרייען מיט די שמחה.

און ב"ה עס איז געווען א שיינע חתונה ווי מען האט זייער שיין משמח געווען דעם חתן און מחותנים.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז מען זאל זיך פרייען שטענדיג נאר אויף שמחות.

**סימן טוב ומזל טוב!**


בס"ד

**מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען**

black & white and color copies

**פאר גאר ביליגע פרייזן.**

Black & white 5¢ ea. (Min Qty 400)

Color 35¢ ea. (Min Qty 100)

**פאר א גרעסערע צאל קאפיס**
**רופט אריין פאר די פרייזן**

Email us: tiferesprinting@gmail.com

Call us: 347-559-5554










**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות..................4:11
מוצש"ק..........................5:41
סוף זמן ק"ש......................8:51
**שיעורים כסדרן**
בבלי..........................שבת ס"ו
ירושלמי......................סוטה ל"א
תוספתא.....................חולין פרק ו'

פרשת וישב, כ"ד כסלו, מברכים חודש טבת, שנת תשע"ג לפ"ק — שנה 2, גליון 10 (60)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְהִנֵּה אֲנַחְנוּ מְאַלְּמִים אֲלֻמִּים בְּתוֹךְ הַשָּׂדֶה וְהִנֵּה קָמָה אֲלֻמָּתִי וְגַם נִצָּבָה וְהִנֵּה תְסֻבֶּינָה אֲלֻמֹּתֵיכֶם וַתִּשְׁתַּחֲוֶיןָ לַאֲלֻמָּתִי,** ר' נָתָן אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק (לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת הַשְׁכָּמַת הַבֹּקֶר הֲלָכָה ג'), אַז אַ בִּינְטְל אִיז מְרַמֵּז אוֹיף חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, וָואס אִיז אַזוֹי וִוי אַ בִּינְטְל, צַאמְגֶעבִּינְדְן אַסַאךְ תּוֹרוֹת פוּן אַסַאךְ פְּלֶעצֶער.

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ מִינֵי חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אוֹיף אַסַאךְ וֶועגְן, פְּשַׁט, רֶמֶז, דְרוּשׁ, סוֹד, אָבֶּער דִי בֶּעסְטֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה זֶענֶען, וֶוען דָאס אִיז מְחַזֵּק אַ מֶענְטְשׁ, עֶס הֵייבְּט אִים אוֹיף, אַז עֶר זָאל מֶער דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

דָאס הָאט יוֹסֵף הַצַּדִּיק גֶעזָאגְט: אַלֶע שְׁבָטִים זֶענֶען מְחַדֵּשׁ חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, **אָבֶּער מַיין בִּינְטְל הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, דָאס מֵיינְט אַז מַיינֶע חִידוּשִׁים זֶענֶען גֶעמַאכְט אוֹיפְצוּהֵייבְּן יוּדִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי מְחַזֵּק צוּ זַיין, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּן גָארְנִישְׁט, נָאר זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר הָאבְּן זִיךְ אַלֶע בִּינְטְלֶעךְ גֶעבִּיקְט צוּ מַיין בִּינְטְל,** וַוייל דָאס אִיז דֶער עִיקָּר פוּן חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אַז עֶס זָאל זַיין לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְּן אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן.

אוּן אַוַדַאי טָאר מֶען נִישְׁט זָאגְן אַזֶעלְכֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, וָואס וַוארְפְן אַרָאפּ אַ מֶענְטְשׁ, אוּן מַאכְן אִים פִילְן אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְט, אַז עֶר קֶען שׁוֹין מֶער נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, וַוייל דֶער אֱמֶת אִיז אַ מֶענְטְשׁ קֶען אֵייבִּיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָּמָה בְּרֵאשִׁית ה.) אַז וֶוען מֶען אִיז מְחַדֵּשׁ אֱמֶת'עֶ חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, בַּאשַׁאפְט מֶען דוּרְךְ דֶעם נַייעֶ הִימְלֶען, אוּן וֶוען מֶען אִיז מְחַדֵּשׁ פַאלְשֶׁע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, בַּאשַׁאפְט מֶען דוּרְךְ דֶעם פַאלְשֶׁע הִימְלֶען.

לִכְאוֹרָה אִיז שְׁוֶוער וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז מֶען בַּאשַׁאפְט פַאלְשֶׁע הִימְלֶען? אוֹיבּ אִיז עֶס פַאלְשׁ, אִיז עֶס דָאךְ נִישְׁט קַיין הִימְל? נָאר דֶער פְּשַׁט אִיז, אַז אוֹיבּ דִי חִידוּשֵׁי תּוֹרָה זָאגְן, אַז פוּן הִימְל דַארְף מֶען דִיר מֶער נִישְׁט הָאבְּן, מֶען קוּקְט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף דִיר פוּן הִימְל, דָאס אִיז דִי פַאלְשֶׁע הִימְלֶען, וַוייל בֶּאֱמֶת קוּקְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֶענְדִיג אוֹיף יֶעדְן אִיד, אוּן עֶר דַארְף הָאבְּן יֶעדְן אִיד.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זָאגְן נָאר אַזֶעלְכֶע חִידוּשִׁים, וָואס הֵייבְּן אוּן שְׁטַארְקְן אַ אִיד, וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּן גָארְנִישְׁט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית וַיֵּשֶׁב תשנ"ט לפ"ק)

***

**וַיְהִי ה' אֶת יוֹסֵף וַיְהִי אִישׁ מַצְלִיחַ וַיְהִי בְּבֵית אֲדוֹנָיו הַמִּצְרִי,** מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י"ב) אַז אֲפִילוּ וֶוען אִיד פַאלְט דוּרְךְ מִיט עֲבֵירוֹת, עֶר אִיז וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **אוֹיבּ אָבֶּער עֶר גִיבְּט נִישְׁט אוֹיף, עֶר בֶּעהְט דֶעם**

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ חֲנוּכָּה ~

### דִי קוּשְׁיָא פוּן בֵּית יוֹסֵף

עֶס אִיז בַּאקַאנְט דִי קַשְׁיָא פוּן בֵּית יוֹסֵף וָואס פְרֶעגְט, אוֹיבּ דֶער נֵס אִיז גֶעוֶוען אַז אוֹיל וָואס קֶען בְּרֶענֶען נָאר אֵיין טָאג הָאט גֶעבְּרֶענְט אַכְט טֶעג. אִיז דָאךְ דֶער נֵס גֶעוֶוען נָאר זִיבְּן טֶעג, וַוייל אֵיין טָאג הָאט עֶס דָאךְ גֶעקֶענְט בְּרֶענֶען?

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט, אַז דִי מִלְחָמָה פוּן דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים מִיט דִי יְוָנִים אִיז גֶעוֶוען, אַז דִי יְוָנִים הָאבְּן אַיינְגֶערֶעדְט פַאר דִי מֶענְטְשְׁן אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, אָבֶּער דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן מִלְחָמָה גֶעהַאלְטְן מִיט זֵיי, אוּן אוֹיסְגֶערוּפְן מִיט אַ שְׁטַארְקַייט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, עֶס גֶעשֶׁעהְט גָארְנִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין.

אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (תענית כה.) אוֹיף רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא, אַז וֶוען זַיין טָאכְטֶער הָאט בְּטָעוּת אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי שַׁבָּת לִיכְט עֶסִיג אַנְשְׁטָאט אוֹיל, הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט; "דֶער זֶעלְבֶּער בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט גֶעמַאכְט אַז אוֹיל זָאל בְּרֶענֶען, וֶועט מַאכְן אַז עֶסִיג זָאל בְּרֶענֶען", אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען דִי עֶסִיג הָאט גֶעבְּרֶענְט אַ גַאנְץ שַׁבָּת, דָאס אִיז גֶעוֶוען וַוייל רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא הָאט גֶעוואוּסְט דֶעם אֱמֶת, אַז דָאס וָואס אוֹיל בְּרֶענְט, אִיז אוֹיךְ נִישְׁט קַיין דֶרֶךְ הַטֶּבַע, עֶס אִיז אוֹיךְ אַ נֵס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר קֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ מַאכְן אַז עֶסִיג בְּרֶענֶען.

אוּן דֶערְפַאר הָאבְּן דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים גֶעמַאכְט דֶעם יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה אַכְט טֶעג, אֲפִילוּ דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג הָאט עֶס דָאךְ גֶעקֶענְט בְּרֶענֶען, וַוייל זֵיי הָאבְּן אוּנְז

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר, וַוייז מִיר דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג" וֶועט עֶר זִיכֶער צוּם סוֹף זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.**

דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא וַיֵּשֶׁב) אוֹיפְן פָּסוּק **וַיַּרְא אֲדוֹנָיו כִּי ה' אִתּוֹ**, פּוֹטִיפַר הָאט גֶעזֶעהְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט יוֹסֵף, פְרֶעגְט דֶער מֶדְרָשׁ: "וִוי אַזוֹי הָאט דֶער טָמֵא'נֶער גוֹי פּוֹטִיפַר גֶעוואוּסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט יוֹסֵף? זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ אַז יוֹסֵף הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען עֶר אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען בַּאדִינֶען זַיין הֶער, הָאט עֶר שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"בַּאשֶׁעפֶּער, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל גֶעפִינֶען חֵן אִין דִי אוֹיגְן פוּן מַיין הֶער, עֶר זָאל זַיין צוּפְרִידְן מִיט מִיר"**, אוּן פּוֹטִיפַר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס זָאגְסְטוּ דָארְט שְׁטִילֶערְהֵייט? דוּ מַאכְסְט מִיר כִּישׁוּף?" הָאט יוֹסֵף גֶעעֶנְטְפֶערְט: "נֵיין, אִיךְ רֶעד נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ בֶּעהְט אִים אַז אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין" אוּן פוּן דֶעם הָאט פּוֹטִיפַר גֶעזֶעהְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט יוֹסֵף.

**אוּן דֶערְפַאר הָאט זִיךְ יוֹסֵף גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אִין זַיין שְׁוֶוערֶע מַצָּב וֶוען עֶר אִיז פַארְוָוארְפְן גֶעוָוארְן קַיין מִצְרַיִם, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין.**

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיְהִי ה' אֶת יוֹסֵף וַיְהִי אִישׁ מַצְלִיחַ וַיְהִי בְּבֵית אֲדוֹנָיו הַמִּצְרִי**, יוֹסֵף הָאט זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין דִי מִצְרִי'שֶׁע הוֹיז, וַוייל עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאט עֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, אוּן אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיֵּשֶׁב ט)

***

**וַיֵּשֶׁב יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מְגוּרֵי אָבִיו**, רַשִׁ"י זָאגְט, נָאכְדֶעם וָואס דִי תּוֹרָה הָאט שְׁנֶעל דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן עֵשָׂו מִיט זֵייעֶרֶע מִלְחָמוֹת, הֵייבְּט עֶר אָן צוּ דֶערְצֵיילְן בַּאֲרִיכוּת דִי מַעֲשֶׂה פוּן יַעֲקֹב, אוֹיף אַ לַאנְגֶע וֶועג, אַלֶעם וָואס עֶס אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען אוֹיף זֵיי.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, אַז דִי עִיקָר גְרוֹיסְקַייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ רֶעכְנְט זִיךְ, לוֹיט וִויפִיל עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקַייטְן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דֶערְהַאלְט זִיךְ, אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים שְׁוֶוער, אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס רַשִׁ"י זָאגְט, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִי מַעֲשֶׂה פוּן עֵשָׂו אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ מַאֲרִיךְ זַיין מִיט זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂיוֹת, וַוייל דִי רְשָׁעִים דֶערְהַאלְטְן זִיךְ נִישְׁט וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף זֵיי אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקַייטְן.

אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ יַעֲקֹב, לוֹינְט זִיךְ יָא צוּ מַאֲרִיךְ זַיין אִין זַיינֶע מַעֲשִׂיוֹת, וַוייל מֶען זֶעהְט וִוי עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז אוֹיף אִים דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען שְׁוֶועריקַייטְן אוּן יִסוּרִים.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שַׁבָּת וַיֵּשֶׁב תשע"א לפ"ק)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

גֶעוָואלְט וַוייזְן, אַז פוּנְקְט וִוי יֶעדֶער וֵוייסְט אַז זִיבְּן טֶעג אִיז גֶעוֶוען אַ נֵס, דִי זֶעלְבֶּע נֵס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג, וַוייל שְׁטֶענְדִיג וֶוען אוֹיל בְּרֶענְט אִיז עֶס אַ נֵס, וַוייל עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָא קַיין דֶרֶךְ הַטֶבַע, אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין,

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ד' עֶרֶךְ טֶבַע)

* * *

## יֶעדֶער אִיד אִיז וִוי אַ כֹּהֵן גָדוֹל

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז בַּיים צִינְדְן דִי חֲנוּכָּה לִיכְט וֶוערְט יֶעדֶער אִיד אַזוֹי וִוי דֶער כֹּהֵן גָדוֹל וָואס הָאט גֶעצוּנְדְן דִי מְנוֹרָה אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ.

אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ן הַקָדוֹשׁ זָאגְט (רֵישׁ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ), אוֹיף דֶעם מֶדְרָשׁ (בַּמִדְבָּר רַבָּה פַּרְשָׁה ט"ו סִי' ו') וָואס זָאגְט, אַז וֶוען אַהֲרֹן הָאט גֶעזֶעהְן אַז זַיין שֵׁבֶט, שֵׁבֶט לֵוִי, הָאט נִישְׁט מַקְרִיב גֶעוֶוען צוּזַאמֶען מִיט דִי אַנְדֶערֶע נְשִׂיאִים בַּיים חֲנוּכַּת הַמִשְׁכָּן, הָאט עֶר גֶעהַאט חַלִישַׁת הַדַעַת, פַארְוָואס זַיין שֵׁבֶט אִיז אַרוֹיסְגֶעפַאלְן, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארוּהִיגְט אוּן גֶעזָאגְט: דַיין זַאךְ אִיז נָאךְ גְרֶעסֶער פוּן זֵייעֶר זַאךְ, וַוייל דִי קָרְבָּנוֹת אִיז נָאר דָא, וֶוען דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ שְׁטֵייט, אָבֶּער דוּ וֶועסְט אָנְצִינְדְן דִי מְנוֹרָה, וָואס דָאס וֶועט זַיין אוֹיף אֵייבִּיג, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט אֶל מוּל פְּנֵי הַמְנוֹרָה יָאִירוּ.

פְרֶעגְט אוֹיף דֶעם דֶער רַמְבַּ"ן, דִי מְנוֹרָה וָואס אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הָאט גֶעצוּנְדְן אִיז דָאךְ אוֹיךְ נָאר גֶעוֶוען וֶוען דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ שְׁטֵייט? פַארְוָואס הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט אַז דִי מְנוֹרָה וֶועט זַיין אוֹיף אֵייבִּיג? נָאר וָואס דֶען דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה לִיכְט וָואס בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג אֲפִילוּ אִין גָלוּת.

זֶעהט מֶען פוּן דֶעם, אַז יֶעדֶער אִיד וֶוען עֶר צִינְד דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, אִיז עֶר אַזוֹי וִוי דֶער כֹּהֵן גָדוֹל אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶעמָאלְט'ס דִי בֶּעסְטֶע צַייט אַז יֶעדֶער טַאטֶע זָאל צוּזַאם נֶעמֶען זַיינֶע קִינְדֶער בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט אוּן זִינְגֶען מִיט זֵיי דִי זְמִירוֹת אוּן אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי קִינְדֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אוּנְז, אוּן וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן, אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה, צוּ דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער נָאמֶען "חֲנוּכָּה", אִיז אוֹיךְ מְרַמֵז אוֹיף "חִינוּךְ", אַז חֲנוּכָּה אִיז אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע צַייט צוּ מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער, צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אוּנְז.

אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט בַּיים פְּלַאץ פוּן בֵּית הַמִקְדָשׁ "מַה נוֹרָא הַמָקוֹם הַזֶה, אֵין זֶה כִּי אִם בֵּית אֱלֹקִים וְזֶה "שַׁעַר הַשָּׁמַיִם", דִי זֶעלְבֶּע בַּיי יֶעדְן אִיד אִינְדֶערְהֵיים, וָואס צִינְד דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, אִיז אַזוֹי וִוי עֶר אִיז יֶעצְט אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ, אִין וָואס מֶען בֶּעהְט בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, גֵייט גְלַייךְ אַרוֹיף צוּם שַׁעַר הַשָּׁמַיִם אוּן וֶוערְט שְׁנֶעל אָנְגֶענוּמֶען לְרַחֲמִים וּלְרָצוֹן.

דֶערְפַאר זֶענֶען דִי טֶעג פוּן חֲנֻכָּה סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָל צוּ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען וִויל, אֲפִילוּ אַ גַאנְץ יָאר קֶען מֶען אוֹיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער חֲנֻכָּה קֶען מֶען גְרִינְגֶער אוּן שְׁנֶעלֶער פּוֹעֵל'ן אַלֶע מִינֵי יְשׁוּעוֹת, אוּן נָאךְ מֶער בְּשַׁעַת מֶען זִיצְט בַּיי דִי חֲנֻכָּה לִיכְט, מֶען קוּקְט אוֹיף דִי לִיכְט, קֶען מֶען גָאר אַסַאךְ פּוֹעֵל'ן, וואוּיל אִיז דֶעם וָואס נִיצְט אוֹיס דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, אוּן זִיצְט בַּיי דִי הֵיילִיגֶע חֲנֻכָּה לִיכְט אוּן בֶּעהְט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן בְּרוּחֲנִיוּת אוּן בְּגַשְׁמִיוּת, וֶועט עֶר זִיכֶער אוֹיס'פּוֹעֵל'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ה' וְחֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ חֲנֻכָּה)

# אַשֶׁר בַּנַּחַל

## ~ יֶעדֶער אִיד שְׁפִּירְט ~

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ דָאס מִיר זֶענֶען יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן חֲנוּכָּה, וָואס עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין הֵיילִיגְן סֵפֶר "בְּנֵי יִשָּׂשכָר" דָאס בִּשְׁעַת דִי לֶעכְטֶעלֶעךְ פוּן חֲנוּכָּה בְּרֶענֶען דֶעמָאלְטְס לַייכְט דֶער אוֹר הַגָּנוּז וָואס הָאט גֶעלַאכְטְן פַאר אָדָם הָרִאשׁוֹן קוֹדֶם הַחֵטְא. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן פד), דָאס דֶער גְרוֹיסֶער לֶעכְט דֶער אוֹר הַגָּנוּז לַייכְט לְעוֹלָם יֶעדְן טָאג פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, נָאר ווַייל לֵיידֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט לֹא עָלֵינוּ, דֶעמָאלְטְס קוּמְט אִים אַרַיין אִין מֹחַ מַחְשָׁבָה שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען וָואס זֵיי טְרַייבְּן אִים אַרוֹיס פוּן שְׁפִּירְן דֶעם גְרוֹיסְן לֶעכְט דֶער אוֹר הַגָּנוּז, דָאס לֶעכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אָבֶּער מִיט מִדַּת אַהֲבָה לִיבְּשַׁאפְט אֵיין אִיד צוּם אַנְדֶערְן, קֶען מֶען פַארְטְרַייבְּן דָאס פִינְסְטֶערְנִישׁ, בִּיז עֶר זָאל אוֹיךְ זֶען דֶעם גְרוֹיסְן לֶעכְט דֶער אוֹר הַגָּנוּז, עַיֵּן שָׁם.

אָבֶּער חֲנוּכָּה בְּעֵת מֶען צִינְדְט אָן דִי לֶעכְטֶעלֶעךְ דֶעמָאלְטְס קֶען יֶעדֶער אִיד שְׁפִּירְן דָאס לֶעכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, - אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן וְכוּ', וֶועגְן דֶעם צִינְדְט מֶען לְמַטָּה מֵעֲשָׂרָה טְפָחִים וְכוּ'. אִיבֶּער דֶעם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ב') אַז דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה זֶענֶען טֶעג פוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף דִי חֲסָדִים וְרַחֲמִים גְמוּרִים וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעטוּהן. יֶעדֶער אִיד קֶען זֶען אוּן שְׁפִּירְן בַּאשֵׁיינְפֶּערְלִיךְ דִי חֲסָדִים וְרַחֲמִים גְמוּרִים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט מִיט אוּנְז יֶעדֶער טָאג אוּן יֶעדֶע שָׁעָה אוּן יֶעדֶע רֶגַע, אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן דְרַיי מָאל אַ טָאג בַּיים דַאוֶוענֶען "נוֹדֶה לְּךָ וּנְסַפֵּר תְּהִלָּתֶךָ, עַל חַיֵּינוּ הַמְּסוּרִים בְּיָדֶךָ, וְעַל נִשְׁמוֹתֵינוּ הַפְּקוּדוֹת לָךְ, וְעַל נִסֶּיךָ וְעַל נִפְלְאוֹתֶיךָ שֶׁבְּכָל עֵת עֶרֶב וָבוֹקֶר וְצָהֳרָיִם, הַטּוֹב כִּי לֹא כָלוּ רַחֲמֶיךָ וְהַמְרַחֵם כִּי לֹא תַמּוּ חֲסָדֶיךָ".

ווִי זִיס אִיז דִי תְּפִלָּה אוּן הוֹדָאָה וָואס מִיר לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אוֹיף דִי אַלֶע גוּטְס וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז, דָאס דַארְף אוּנְז אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה. וָוארוּם אַז דֶער מֶענְטְשׁ בַּאטְרַאכְט גוּט גוּט דִי גְרוֹיס רַחְמָנוּת וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אוֹיף אוּנְז, אוּן עֶר הִיט אוּנְז אָפּ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן פוּן אַלֶע קְרֶענְק, אוּן פוּן אַלֶע צָרוֹת וִיסוּרִים, דָאס דַארְף אוּנְז אַרַיינְבְּרֶענְגֶען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, ווַייל סְ'אִיז נָאכְנִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא שִׂמְחָה וָואס דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אוֹיף זִיךְ דָאס רַחְמָנוּת פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים: עֶר אִיז גֶעזוּנְט, זַיין ווַייבּ אִיז גֶעזוּנְט, אוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעזוּנְט, מִיט דֶעם אַלֵיין קֶען מֶען שׁוֹין פְרֵיילִיךְ זַיין. וָוארוּם לֵיידֶער וִויפִיל קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פַארְהַאנֶען מִיט אַלֶע סָארְטְן מַחֲלוֹת וַחֲלָאִים רָעִים וְכוּ' וְכוּ'? דֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זָאל שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה פַאר אַלֶע קְרַאנְקֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער. - אוּן אַז עֶר אִיז גֶעזוּנְט, מִיט דֶעם אַלֵיין דַארְף עֶר זִיךְ פְרֵייעֶן.

(אַשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ב' מִכְתָּב ב')

# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

## מַעֲשֶׂה א' מֵאֲבֵידַת בַּת הַמֶּלֶךְ

### פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר

נָאךְ דֶעם הָאט דִי מַלְכָּה אַ קוּק גֶעטָאן אוּן הָאט גֶעזֶען אֵיינֶער לִיגְט אִין אַ ווִינְקֶעלֶע הָאט זִי אִים דֶערְקֶענְט, אִיז זִי אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פוּן דֶער שְׁטוּל אוּן אִיז צוּ אִים גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט אִים אָנְגֶערִירְט, אוּן הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט קָאנְסְטוּ מִיךְ? הָאט עֶר אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט יָא. אִיךְ קֶען דִיךְ דוּ בִּיסְט דִי בַּת מֶלֶךְ וָואס אִיז פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן. הָאט עֶר זִי גֶעפְרֶעגְט וִוי קוּמְסְטוּ אַהֶער. הָאט זִי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט ווַייל דֶעם טַאטְן הָאט זִיךְ אִים אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט דָאס וָוארְט (הַיְינוּ אַז דֶער נִישְׁט גוּטֶער זָאל דִיךְ נֶעמֶען) אוּן דָא אִיז דָאס אָרְט וָואס אִיז נִישְׁט גוּט. הָאט עֶר אִיר דֶערְצֵיילְט אַז אִיר פָּאטֶער אִיז זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר. אוּן עֶר זוּכְט זִי כַּמָּה וְכַמָּה שָׁנִים.

אוּן הָאט זִי גֶעפְרֶעגְט. ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען. הָאט זִי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט. דוּ קָאנְסְט מִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען. סַיידְן אַז דוּ זָאלְסְט דִיר אוֹיסְקְלוֹיבְּן אַן אָרְט אוּן זָאלְסְט דָארְט זִיצְן אֵיין יָאר. אוּן אַ גַאנְץ יָאר זָאלְסְטוּ בֶּענְקֶען נָאךְ מִיר זָאלְסְט מִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען, אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט הָאבְּן צַייט זָאלְסְטוּ רַק בֶּענְקֶען אוּן וֶועלְן אוּן הָאפְן מִיךְ אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען. אוּן זָאלְסְט פַאסְטְן. אוּן אִין דֶעם אוּנְטֶערְשְׁטְן טָאג פוּן דֶעם יָאר זָאלְסְטוּ פַאסְטְן אוּן זָאלְסְט נִיט שְׁלָאפְן דֶעם גַאנְצְן מֵעֵת לְעֵת. אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט אַזוֹי גֶעטָאן.

---

# נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן

וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה, אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז נָאךְ אִין דִי פְּלַאץ פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא, אֲפִילוּ עֶר אִיז נָאךְ זֵייעֶר ווַייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט אוּן עֶר כַאפְּט אַרַיין וִויפִיל תּוֹרָה עֶר קֶען, דֶעמָאלְט'ס בַּאווַייזְט זִיךְ צוּ אִים זַיין נְשָׁמָה, זַיין נְשָׁמָה וֶועקְט זִיךְ אוֹיף, אוּן הֵייבְּט אִים אָן פְרֶעגְן ווִי עֶר גֶעפִינְט זִיךְ אוֹיף דֶער ווֶעלְט, אוּן עֶר וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אוּן הֵייבְּט אָן צוּ תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן זִי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט "ווִי אַזוֹי קוּמְסְטוּ אַהֶער?", ווַייל וֶוען אַ אִיד ווִיל תְּשׁוּבָה טוּהן, מוּז עֶר זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַארְף אַרוֹיס זָאגְן פוּן מוֹיל וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן שְׁלֶעכְט'ס, אוּן דֶעמָאלְט'ס גֵייעֶן דִי עֲבֵירוֹת אַרוֹיס פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער, אוּן דֶערְפַאר הָאט דִי נְשָׁמָה אַזוֹי אַרוּם גֶעדְרֵייט מִיט אִים אַז עֶר זָאל אַלֵיינְ'ס אוֹיסְדֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן בִּיז עֶר אִיז אַנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי פְּלַאץ פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא.

אוּן עֶר הָאט אִיר דֶערְצֵיילְט אַז אִיר פָּאטֶער אִיז זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר, אוּן עֶר זוּכְט זִי שׁוֹין אַסַאךְ יָארְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר וֶוען אַ אִיד וֶוערְט פַארְפַאלְן בַּיים יֵצֶר הָרָע, אוּן עֶר וַוארְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דֶער אִיד זָאל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ אִים וִוי שְׁנֶעלֶער.

אוּן זִי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דִי עֵצָה ווִי אַזוֹי עֶר אַרוֹיסְנֶעמֶען זַיין נְשָׁמָה פוּן שְׁלֶעכְטְ'ס, אַז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז נָאר אַז עֶר זָאל טְרֶעפְן אַ פְּלַאץ אוּן אַ גַאנְץ יָאר נָאר הָאפְן אוּן בֶּענְקֶן אוּן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אוֹיבּ אַ אִיד ווִיל דָאס טוּהן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט טַאקֶע זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אוּן דִי לֶעצְטֶע טָאג זָאל עֶר פַאסְטְן, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי לֶעצְטֶע טָאג פוּן יָאר, עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַז מֶען פִּירְט זִיךְ דֶעמָאלְט'ס צוּ פַאסְטְן.

אוּן זָאלְסְט נִישְׁט שְׁלָאפְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין רַמַ"א אַז מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאפְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דֶער עִיקָר אִיז נָאר צוּ הָאפְן אוּן בֶּענְקְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל שׁוֹין אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְ'ס אִין וָואס מֶען אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן.

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט אַזוֹי גֶעטָאן. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער עִיקָר עֵצָה אִיז נָאר וֶוען מֶען פָאלְגְט טַאקֶע, אוּן מֶען טוּט דִי אַלֶע עֵצוֹת וָואס דֶער צַדִּיק לֶערְנְט אוּנְז, דֶעמָאלְט'ס וֶועלְן מִיר זִיכֶער זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

(פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע ווָאךְ אִי"ה)

# ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳ ~

## מעמד קביעת מזוזה אין בית המדרש אין מאנסי

די פארגאנגענע וואך זונטאג איז פארגעקומען דער מעמד קביעת מזוזות דורך מוהרא"ש שליט"א אין אונזער בית המדרש אין מאנסי.

אין מאנסי איז דער נייער בית המדרש שוין ברייט באקאנט אלץ א געשמאקע שוהל ווי אידן קומען זיך צוזאם זיך מחזק זיין מיטן רבי'נס לימודים.

יעצט לכבוד די קביעת מזוזות איז פארגעקומען א מסיבת לחיים אין בית המדרש, ווי עס זענען זיך צוזאמגעקומען די מתפללים און תושבי העיר, מוהרא"ש האט גערעדט דברות קודש ווי ער האט אנגעוואונטשן אז דער בית המדרש זאל האבן גרויס הצלחה, און אויפטוהן די ריכטיגע פעולות.

**גדול יהיה כבוד הבית!**

***

## מוהרא"ש שרייבט מכתב קודש פאר בחורי הישיבה

לכבוד דעם בעפארשטייענדן יום טוב חנוכה, האט מוהרא"ש שליט"א געשריבן א לענגערע בריוו פאר די תלמידי הישיבה.

מוהרא"ש שרייבט פאר די בחורים אז יעצט אין די טעג פון חנוכה איז די ריכטיגע צייט זיך צו פריש באנייען ובפרט אין לימוד התורה זיך צו שטארקן זייער צו לערנען אסאך תורה, און ספעציעל אין לימוד משניות צו לערנען גאר אסאך משניות, וואס דאס רייניגט און הייליגט דעם מענטש, און ברענגט אים אלעס גוט'ס.

אויך איז מוהרא"ש מעורר די בחורים צו נעמען איין מסכת גמרא און עס איבער'חזר'ן הונדערט און איין מאל, און דערנאך נעמען אזוי נאך א מסכת, און נאך א מסכת ביז ווען מען וועט זוכה זיין צו ענדיגן גאנץ ש"ס הונדערט און איין מאל, כאטש עס זעהט אויס ווי ממש אוממעגליך עס צו קענען אויספירן, אבער איינער וואס פאלגט דעם רבי'ן און ער לערנט אויפ'ן סדר דרך הלימוד פון רבי'ן קען דאס באווייזן.

און דערפאר דארפן די בחורים זיין זייער פרייליך אז זיי האבן זוכה געווען צו לערנען אין אזא ישיבה ווי מען לערנט אויפ'ן סדר דרך הלימוד פון רבי'ן.

אויך איז מוהרא"ש מעורר צו זיין פרייליך שטענדיג, וואס דאס ברענגט דעם מענטש נאנט צום אייבערשטן.

און מוהרא"ש פירט אויס דעם בריוו: "זעה זיך צו שטארקן, און זאלסט זיך האלטן אין די ראמען פון די ישיבה, וועט דיך גוט זיין אויף די וועלט און אויף יענער וועלט, און דו וועסט זיין דער גליקליכסטער מענטש אויף די וועלט, גארנישט וועט דיך קענען אראפקלאפן און אראפנידערן".

**קבעו שיר ורננים!**

# אַשֶׁר בַּנַּחַל

## ~ סְ'אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁפֶּעט ~

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט בַּיי זִיךְ אַז יֶעצְט הֵייבְּט עֶר אָן פוּן נֵיי, יֶעצְט הֵייבְּט עֶר אָן דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל צוּ דַאוֶוענֶען, יֶעצְט הֵייבְּט עֶר אָן דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל צוּ לֶערְנֶען, יֶעצְט הֵייבְּט עֶר אָן דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל מְקַיֵּים צוּ זַיין דִי מִצְווֹת, דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה. אַזוֹי וִוי דֶער מַאֲמַר הַחָכָם "אֵין חוֹזֶק חֲסִידוּת כִּתְחִילָּתָהּ", סְ'אִיז נָאכְנִישְׁט דָא אַזַא שְׁטַארְקַייט בַּיים מֶענְטְשׁ וִוי דָאס אָנְהֵייבּ. דֶערְפַאר לֶערְנְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב פוּן חֲנוּכָּה אַ נֵייעֶ לִימוּד - "הִתְחַדְּשׁוּת", בַּאנֵייעֶן זִיךְ - "חֲנוּכָּה" מֵיינְט זִיךְ מְחַנֵּךְ זַיין.

נִישְׁט וִוי דִי יְוָנִים הָאבְּן אוּנְז גֶעוָואלְט אַריינְוַוארְפְן אִין אַ יִאוּשׁ, דָאס מִיר זֶענֶען שׁוֹין פַארְפַאלְן, מִיר זִינְקֶען שׁוֹין אִין אַ גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע, וִוי סְ'שְׁטֵייט (תְּהִלִּים סט, ג) "טָבַעְתִּי בִּיוֵן מְצוּלָה וְאֵין מָעֳמָד", דָאס אִיךְ זִינְק אִין אַ גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע, אוּן אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֵיין. דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי קְלִיפָּה פוּן יָוָן, אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אַ מֶענְטְשׁ אַ יִאוּשׁ אַז דוּ זִינְקְסְט שׁוֹין אִין אַ גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע וָואס דוּ וֶועסְט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען שְׁטֵיין בְּלַייבְּן. אָבֶער דִי צַדִּיקִים אִין יֶענֶע צַייט הָאבְּן אוּנְז אַרַיינְגֶעשַׁיינְט אַ לֶעכְטִיגְקֵייט פוּן אֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה, גְלֵייבְּן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז סְ'אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁפֶּעט, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְפַאלְן.

(אַשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ב׳ מִכְתָּב ב׳)


# זמני הדלקת נר חנוכה
# אצל כ"ק מוהרא"ש שליט"א

בכל לילה תיכף אחר תפלת מעריב

בזמן מוצאי שבת.

בביתו נאוה קודש

למעלה 1129 42th St.

בס"ד

**מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען**

black & white and color copies

**פאר גאר ביליגע פרייזן.**

Black & white 5¢ ea. (Min Qty 400)

Color 35¢ ea. (Min Qty 100)

**פאר א גרעסערע צאל קאפיס**

**רופט אריין פאר די פרייזן**

**Email us: tiferesprinting@gmail.com**

**Call us: 347-559-5554**









**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**

הדלקת הנרות.......................**4:12**
מוצש"ק.......................**5:42**
סוף זמן ק"ש.......................**8:56**

**שיעורים כסדרן**

בבלי.......................שבת ע"ג
ירושלמי.......................סוטה ל"ח
תוספתא.......................מנחות פרק ג'


*פרשת מקץ, שבת חנוכה, ב' טבת, שנת תשע"ג לפ"ק* — *שנה 2, גליון 11 (61)*


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְהָיָה הָאֹכֶל לְפִקָּדוֹן לָאָרֶץ לְשֶׁבַע שְׁנֵי הָרָעָב אֲשֶׁר תִּהְיֶיןָ בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם וְלֹא תִכָּרֵת הָאָרֶץ בָּרָעָב.** יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט גֶעזָאגְט פַאר פַּרְעֹה אַז מֶען זָאל אַוֶועקְלֵייגְן דִי עֶסְן פוּן דִי זַאטֶע יָארְן פַאר דִי הוּנְגֶער יָארְן, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען נִישְׁט שְׁטַארְבְּן פַאר הוּנְגֶער.

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵז זַיין, דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רכ"ב) אַז אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט אַז אַ בְּלִינְדֶער מֶענְטְשׁ ל"ע וֶוערְט גֶעפִירְט דוּרְךְ אַ זֶעהֶענְדִיגֶער מֶענְטְשׁ, אָדֶער דֶער בְּלִינְדֶער גֵייט מִיט אַ שְׁטֶעקְן וָואס וַוייזְט אִים דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג, אוּן דֶער בְּלִינְדֶער פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְן אַנְדֶערְן מֶענְטְשׁ אָדֶער אוֹיפְן שְׁטֶעקְן, אַז זֵיי וֶועלְן אִים פִירְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, עֶס זֶענֶען דָא צַייטְן וָואס עֶר אִיז אַזוֹי וִוי בְּלִינְד, עֶר פִילְט גָארְנִישְׁט קַיין גֶעשְׁמַאק אִין דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר טְרַאכְט אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְט, עֶר טְרַאכְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן, אִין אַזַא צַייט אִיז דִי עֵצָה, זִיךְ צוּ דֶערְמַאנֶען אִין דִי גוּטֶע צַייטְן, וֶוען מֶען הָאט יָא גֶעפִילְט אַ גֶעשְׁמַאק אִין עֲבוֹדַת ה', אוּן דָאס גִיבְּט דִי כּוֹחוֹת וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין, אֲפִילוּ יֶעצְט אוֹיף דִי מִינוּט פִילְט מֶען עֶס נִישְׁט.

דָאס קוּמְט אוּנְז דֶער פָּסוּק מְרַמֵז זַיין, **וְהָיָה הָאֹכֶל לְפִקָּדוֹן לָאָרֶץ לְשֶׁבַע שְׁנֵי הָרָעָב**, דִי עֶסְן וָואס מֶען הָאט אִין דִי זַאטֶע יָארְן, דָאס מֵיינְט דִי גֶעשְׁמַאק וָואס מֶען פִילְט פוּן צַייט צוּ צַייט אִין עֲבוֹדַת ה', דָאס דַארְף מֶען אַוֶועקְלֵייגְן אוּן גֶעדֶענְקְן אִין דִי צַייט וָואס מֶען פִילְט עֶס נִישְׁט.

(זֹאת הַתּוֹרָה מִקֵּץ א)

***

**עֶס קוּמְט אֵייבִּיג אוֹיס דֶער יוֹם טוֹב חֲנֻכָּה, אִין פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב אוּן מִקֵּץ.**

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דָאס אִיז דֶערְפַאר, וַוייל אִין דִי פַּרְשׁוֹת זֶעעֶן מִיר אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַז יוֹסֵף הַצַּדִּיק אִיז גֶעזִיצְן אִין תְּפִיסָה, אוּן דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט אוּנְז אַז נָאכְדֶעם וָואס יוֹסֵף הָאט פּוֹתֵר חָלוֹם גֶעוֶוען פַאר דֶעם שַׂר הַמַּשְׁקִים, הָאט עֶר אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל אִים דֶערְמַאנֶען פַאר פַּרְעֹה.

אָבֶּער דִי תּוֹרָה זָאגְט "**וְלֹא זָכַר שַׂר הַמַּשְׁקִים אֶת יוֹסֵף וַיִּשְׁכָּחֵהוּ**" - דֶער שַׂר הַמַּשְׁקִים הָאט נִישְׁט גֶעדֶענְקְט צוּ דֶערְמַאנֶען יוֹסֵף פַאר פַּרְעֹה, זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ: וַוייל יוֹסֵף הָאט זִיךְ פַארְלָאזְט אוֹיפְן שַׂר הַמַּשְׁקִים, אַז עֶר וֶועט אִים דֶערְמַאנֶען פַאר פַּרְעֹה, דֶערְפַאר הָאט עֶר צוּבַּאקוּמֶען נָאךְ צְוֵויי יָאר אִין תְּפִיסָה, וַוייל מֶען דַארְף זִיךְ פַארְלָאזְן נָאר אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.


המשך בדף ב


## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן לֶעצְטֶע אַדְרֶעס ~

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער אוּן דֶער לֶעצְטֶער אַדְרֶעס וִוי אַ אִיד דַארְף אוּן קֶען זִיךְ ווענְדְן.

עֶס מַאכְט זִיךְ בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין לֶעבְּן, עֶס גֵייט נִישְׁט שְׁטֶענְדִיג אַזוֹי וִוי מֶען ווִיל, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מֶען פְּרוּבִּירְט זִיךְ אַלֵיינְ'ס אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן, דַארְף מֶען אָבֶּער סוֹף כָּל סוֹף סֵיי וִוי צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל צוּם סוֹף זֶעהט מֶען אַז מֶען קֶען נִישְׁט אַלֵיין, מֶען מוּז צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מְמֵילָא פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט גְלַייךְ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְלָאזְן אוֹיף אִים, מֶען בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף, אוּן מֶען וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס נָאר צוּם גוּטְן, אוּן מֶען דַארְף גָארְנִישְׁט דַאֲגָה'נֶען.

### לֵייגְט'ס אַרָאפּ דֶעם פֶּעקְל...

דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים ז"ל הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מָשָׁל, עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ אִיד אַן אָרִימַאן, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג שְׁלֶעפֶּענְדִיג אַ שְׁוֶוער פֶּעקְל אוֹיף זַיינֶע פְּלֵייצֶעס, אַזוֹי גֵייעֶנְדִיג פָארְט דוּרְךְ אַ וָואגְן מִיט אַ אִיד אַן עוֹשֶׁר, אוּן עֶר זֶעהט וִוי דֶער אָרִימַאן שְׁלֶעפְּט זִיךְ אַזוֹי שְׁוֶוער מִיטְן זַאק, הָאט עֶר רַחֲמָנוּת בַּאקוּמֶען אוֹיף אִים, אוּן עֶר הָאט גֶעהֵייסְן דֶעם בַּעַל עֲגָלָה אָפְּשְׁטֶעלְן דֶעם וָואגְן, אוּן עֶר שְׁרַייט אַרוֹיס צוּם אָרִימַאן: "רֶבִּי אִיד, קוּמְט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן וָואגְן, אוּן אִיךְ וֶועל אַייךְ צוּפִירְן צוּ וִוי אִיר דַארְפְּט גֵיין", דֶער אָרִימַאן הָאט זִיךְ בַּאדַאנְקְט אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיף גֶעזֶעצְט אוֹיפְ'ן וָואגְן, מֶען פָארְט וַוייטֶער, אוּן דֶער עוֹשֶׁר בַּאמֶערְקְט וִוי דֶער אָרִימַאן


המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

און דָאס אִיז מַמָּשׁ דִי זֶעלְבֶּע וִוי דֶער יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה, דִי יְוָנִים הָאבְּן אַייִנְגֶערֶעדְט פַאר דִי מֶענְטְשְׁן אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, אָבֶּער דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן מִלְחָמָה גֶעהַאלְטְן מִיט זֵיי, און אוֹיסְגֶערוּפְן מִיט אַ שְׁטַארְקַייט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, עֶס גֶעשֶׁעהט גָארְנִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין.

דֶערְפַאר אִין דִי טֶעג וָואס מִיר לֶערְנֶען אִין דִי פַּרְשָׁה, אַז מֶען דַארְף זִיךְ פַארְלָאזְן נָאר אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דִי פַּאסִיגְסְטֶע צַייט פַאר דֶעם יוֹם טוֹב חֲנֻכָּה, **וֶוען דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר יֶעדְן צוּ וִויסְן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט און נָאר אוֹיף אִים דַארְף מֶען זִיךְ פַארְלָאזְן.**

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיֵּשֶׁב יא)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

זִיצְט אוֹיפְ'ן וָואגְן מִיטְן זַאק אוֹיף דִי פְּלֵייצֶעס, און עֶר גֶעבְּט אַ פְרֶעג פוּנֶעם אָרִימַאן: "פַארְוָואס שְׁלֶעפְּט אִיר נָאךְ וַוייטֶער דֶעם זַאק? לֵייגְט'ס עֶס אַרָאפּ אוֹיפְ'ן וָואגְן, עֶנְטְפֶערְט אִים דֶער אָרִימַאן: "גֶענוּג וָואס אִיר הָאט מִיר גֶעטוּהן אַ חֶסֶד און אַרוֹיף גֶענוּמֶען אוֹיפְ'ן וָואגְן, אָבֶּער כָאטְשׁ דֶעם זַאק וֶועל אִיךְ אַלֵיינְ'ס שְׁלֶעפְּן, אִיךְ וִויל נִישְׁט שְׁוֶוער מַאכְן פַארְן וָואגְן צוּ פָארְן..." הָאט אִים דֶער עוֹשֶׁר גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע נַארִישְׁקַייט, דֶער וָואגְן שְׁלֶעפְּט סַיי וִוי אַייךְ אִינְאֵיינֶעם מִיטְן פֶּעקְל, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט אוֹיסְמַאכְן וֶוען אִיר וֶועט אַרָאפּ לֵייגְן דֶעם פֶּעקְל, מַאכְט אַייךְ בַּאקְוֶועם און לֵייגְט'ס אַרָאפּ דֶעם פֶּעקְל..."

דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּיי יֶעדְן אִיד מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טְרָאגְט דֶעם גַאנְצְן מֶענְטְשׁ, מִיט אַלֶע זַיינֶע פֶּעקְלֶעךְ, מִיט אַלֶע זַיינֶע דַאֲגוֹת, און דֶערְפַאר אִיז דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַרוֹיף צוּ וַוארְפְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און זִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְלָאזְן אוֹיף אִים, "הַשְׁלֵךְ עַל ה' יְהָבְךָ וְהוּא יְכַלְכְּלֶךָ", וַוארְף דִיךְ אִינְגַאנְצְן אַרוֹיף אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט דַיין גַאנְצֶע בִּיזְנֶעס, מִיט אַלֶע דַיינֶע שְׁוֶוערִיקַייטְן, און עֶר וֶועט דִיר הֶעלְפְן, עֶר וֶועט דִיר גֶעבְן אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט.

### הִשְׁתַּדְלוּת?

דִי קַשְׁיָא וָואס יֶעדֶער פְרֶעגְט אִיז: "מֶען דַארְף דָאךְ אָבֶּער אוֹיךְ טוּהן הִשְׁתַּדְלוּת?", דִי שְׁאֵלָה הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע נֶעשְׁכִיזֶער זַ"ל, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף דֶעם, לוֹיט וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (סַנְהֶדְרִין סה.) "עֲקִימַת שְׂפָתַיִם הַוֵי מַעֲשֶׂה", וֶוען מֶען שָׁאקְלְט מִיט דִי לִיפְּן, הֵייסְט עֶס אוֹיךְ גֶעטוּהן הִשְׁתַּדְלוּת, און דֶערְפַאר וֶוען מֶען בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דִי עִיקַר הִשְׁתַּדְלוּת, און דֶעמָאלְט'ס הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

און בֶּאֱמֶת בַּיי דֶעם עִנְיָן פוּן הִשְׁתַּדְלוּת זֶענֶען מֶענְטְשְׁן זֵייעֶר צוּמִישְׁט: "וִויפִיל הִשְׁתַּדְלוּת דַארְף אִיךְ טוּהן פַאר פַּרְנָסָה? וֶוען הָאבּ אִיךְ שׁוֹין יוֹצֵא גֶעוֶוען דִי חִיּוּב פוּן הִשְׁתַּדְלוּת?" אָבֶּער וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז דִי עִיקַר הִשְׁתַּדְלוּת אִיז צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס הָאט נִישְׁט קַיין שִׁיעוּר, מֶען בֶּעהְט נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט, און וִוי מֶער מֶען בֶּעהְט אַלְץ מֶער הַשְׁפָּעוֹת בְּרֶענְגְט עֶס.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: "וֶועגְן פַּרְנָסָה, נָאר בְּטָחוֹן", דָאס מֵיינְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה נָאר זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן און אִים בֶּעטְן, און וֶוען אַ אִיד פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן, און עֶר דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, און עֶר דַארְף זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן פַאר קַיין שׁוּם זַאךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זִ"עַ אִיז אֵיינְמָאל גֶעפָארְן אִין זַיינֶע אִינְגֶע יָארְן צוּ זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זִ"עַ אוֹיף שַׁבָּת, נָאךְ שַׁבָּת וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט אַהֵיים פָארְן אִיז עֶר זִיךְ אַרַיין קוֹדֶם גֶעזֶעגֶענֶען פוּן זַיין רֶבִּי'ן, און גְלַייכְצַייטִיג הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אַז עֶר זָאל טְרֶעפְן אַ וָואגְן וָואס זָאל אִים אַהֵיים טְרָאגְן.

### וַוארְף עֶס אַרוֹיף אוֹיפְ'ן קֶעמְל

הָאט אִים דֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ גֶעזָאגְט: אַז דוּ בֶּעהְטְ'ס אַזַא זַאךְ, מֵיין אִיךְ אַז דוּ דַארְפְסְט נָאךְ אַבִּיסְל דָא בְּלַייבְּן לֶערְנֶען, וַוייל דִי שְׁלֵימוּת פוּן בְּטָחוֹן אִיז, זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן און גָארְנִישְׁט בֶּעטְן קַיין טוֹבוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן, און דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (רֹאשׁ הַשָּׁנָה כו:) אַז דִי חֲכָמִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט פְּשַׁט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים נה, כג) "הַשְׁלֵךְ עַל ה' יְהָבְךָ וְהוּא יְכַלְכְּלֶךָ", בִּיז רַבָּה בַּר בַּר חָנָה הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן גַאס שְׁלֶעפֶּענְדִיג אַ פֶּעקְל, און עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ סוֹחֵר וָואס הָאט גֶערִיטְן אוֹיף אַ קֶעמְל, און דֶער סוֹחֵר הָאט אִים גֶעזָאגְט: "נֶעם דַיין פֶּעקְל און וַוארְף עֶס אַרוֹיף אוֹיפְ'ן קֶעמְל".

דֶער פְּשַׁט אִיז אַז דִי חֲכָמִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וִוי וַוייט מֶען דַארְף זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען זִיךְ טַאקֶע אִינְגַאנְצְן פַארְלָאזְן נָאר אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער מֶען דַארְף אַלֵיין אוֹיךְ עֶפֶּעס טוּהן? בִּיז זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה אַז רַבָּה בַּר בַּר חָנָה הָאט גָארְנִישְׁט גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם סוֹחֵר, עֶר הָאט זִיךְ נָאר פַארְלָאזְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן, און דֶער סוֹחֵר הָאט זִיךְ אַלֵיינְ'ס אָנְגֶעטְרָאגְן אִים צוּ הֶעלְפְן, זֶעהט מֶען אַז מֶען דַארְף זִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְלָאזְן נָאר אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ גֶערֶעדְט מִיטְן חוֹזֶה.

גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט רֶעדְן, אִיז אַדוּרְךְ גֶעפָארְן אַ וָואגְן, און דֶער בַּעַל עֲגָלָה שְׁרַייט אַרוֹיס צוּם חוֹזֶה: "אִינְגֶערְמַאן, דוּ ווִילְסְט אֶפְשָׁר אַהֵיים פָארְן? אִיךְ פָאר יֶעצְט קַיין לוּבְּלִין"...

דֶעמָאלְט'ס הָאט דֶער חוֹזֶה שׁוֹין גוּט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס זַיין רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט אַלֵיינְ'ס גֶעזֶעהן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְ'ס הָאט אִים גֶעהָאלְפְן, אָן טוּהן קַיין שׁוּם פְּעוּלָה.

ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים זִיכֶער גָארְנִישְׁט פֶעלְן!

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ו' וְחֵלֶק י' עֶרֶךְ בִּטָּחוֹן)

# אַשֶׁר בַּנַּחַל

### ~ הָאבּ גֶעדוּלְד! ~

אוֹיף דִי וֶועלְט דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זַיין אַ סַבְלָן, הָאבְּן גֶעדוּלְד, וָוארוּם וֶוער עֶס הָאט מֶער גֶעדוּלְד דֶער אִיז מַצְלִיחַ אִין לֶעבְּן, אָבֶּער כְּדֵי צוּ הָאבְּן גֶעדוּלְד מוּז מֶען זַיין אַ וַותְּרָן, מְוַותֵּר זַיין אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אַוַודַאי קוּמְט עֶס נִישְׁט אָן גְרִינְג, וָוארוּם דֶער טֶבַע פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז, עֶר דַארְף מְנַצֵחַ זַיין, עֶר דַארְף אוֹיסְפִירְן זַיינְס וְכוּ׳, דָאס אִיז דֶער טֶבַע פוּן יֶעדְן מֶענְטְשׁ, קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט אַז מֶען זָאל אִים בֵּייקוּמֶען, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת אִיז צוּ זַיין אַ וַותְּרָן, מְוַותֵּר צוּ זַיין, נָאכְגֶעבְּן, אוּן שְׁוַוייגְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קֶען דָאס בַּאַווייזְן אָפְּשְׁוַוייגְן אוּן נִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן, דֶער אִיז דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ, אֱמֶת קֶען זַיין בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה טוּט אִים זֵייעֶר וֵויי, אוּן עֶר הָאט צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ אוֹיף דִי בִּזְיוֹנוֹת וָואס עֶר כַאפְּט אַרַיין וְכוּ׳ וְכוּ׳, אָבֶּער נָאכְדֶעם שְׁפִּירְט עֶר זִיךְ דֶער גְלִיקְלֶעכְסְטֶער מֶענְטְשׁ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה סִימָן ל״ה) מִי שֶׁהוּא עָצוּר בְּמִלִּין, לֹא יוּכַל אוֹתוֹ שׁוּם אָדָם; אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הַאלְט זִיךְ אַיין פוּן רֶעדְן, קֶען אִים קֵיינֶער נִישְׁט בֵּייקוּמֶען. בִּכְלָל אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ הִיטְן אוֹיף דִיבּוּר, אַזוֹי וִוי דֶער חָכָם מִכָּל אָדָם זָאגְט (מִשְׁלֵי כ״א) ״שֹׁמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ שֹׁמֵר מִצָּרוֹת נַפְשׁוֹ״ אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט, הָאט מֶען נִישְׁט חֲרָטָה.

(אַשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ד׳ מִכְתָּב תכ״ב)

## וּמְנוֹתָר קַנְקַנִּים נַעֲשֶׂה נֵס לַשּׁוֹשַׁנִּים

רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט אִיבֶּער׳חַזֶר׳ן דִי וֶוערְטֶער ״וּמְנוֹתָר קַנְקַנִּים נַעֲשֶׂה נֵס לַשּׁוֹשַׁנִּים״ גָאר אַסַאךְ מָאל, עֶר פְלֶעגְט עֶס זִינְגֶען מִיטְן נִיגוּן וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַ בַּעַל עֲגָלָה מִיטְן נָאמֶען ר׳ יַעֲקֹב.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַז רֶבִּי נָתָן אִיז אַמָאל גֶעפָארְן מִיט אַ וָואגְן מִיט אַ בַּעַל עֲגָלָה ר׳ יַעֲקֹב, אוּן דֶער בַּעַל עֲגָלָה הָאט גֶעהַאט אוֹיפְ׳ן וָואגְן אַסַאךְ זֶעק מִיט מֶעהל, אוּן פְלוּצְלוּנְג הָאט זִיךְ אַרָאפּ גֶעלָאזְט אַ שְׁוֶוערֶע גָאס רֶעגְן, אוּן דִי מֶעהל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן נַאס וֶוערְן, אוּן וִויפִיל עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט צוּ פָארְן שְׁנֶעלֶער צוּ קֶענֶען אָנְקוּמֶען אִין אַ אַכְסַנְיָה, אִיז עֶס נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פָארְן אִין דִי רֶעגְן, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען פַאר אִים אַ גְרוֹיסֶע שָׁאדְן.

הָאט זִיךְ דֶער בַּעַל עֲגָלָה אוּנְטֶער גֶעזוּנְגֶען אַ וַוארִימֶען נִיגוּן ״יַעֲנְקֶל שְׁטַארְק זִיךְ, יַעֲנְקֶל שְׁטַארְק זִיךְ, עֶס וֶועט נָאךְ אַמָאל גוּט זַיין״ אוּן מִיט דֶעם הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט.

וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט עֶס גֶעהֶערְט אִיז עֶר זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן וִוי אַזוֹי אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין יֶעדְן מַצָב, אוּן עֶר הָאט צוּגֶעפַּאסְט דֶעם נִיגוּן צוּ דִי וֶוערְטֶער ״וּמְנוֹתָר קַנְקַנִּים נַעֲשֶׂה נֵס לַשּׁוֹשַׁנִּים״ אוּן עֶר פְלֶעגְט זִינְגֶען אוּן זִיךְ מִיט דֶעם שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי אַלֶע מַחְלוֹקֶת, צָרוֹת, אוּן יִסוּרִין, וָואס עֶר אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען פוּן אַלֶע זַייטְן, אַז אֲפִילוּ עֶס זֶעהט אוֹיס זֵייעֶר שְׁלֶעכְט, אִיז עֶס אָבֶּער אַלֶעס נָאר צוּם גוּטְן, עֶס וֶועט נָאר אַרוֹיס קוּמֶען טוֹבוֹת דֶערְפוּן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב״ק פַּרְשַׁת מִקֵּץ תשע״א לפ״ק)

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳ ~

המשך פון דף ד

מוהרא״ש שוין דעמאלט׳ס פאראויס געזאגט אז דעם בית המדרש איז שוין צו קליין, און ער זעהט שוין אז מען וועט עס דארפן פארברייטערן.

און יעצט שטייענדיג צוויי יאר שפעטער, זעהט מען עס טאקע, ווען דער בית המדרש איז אנגעפילט על כל גדותיו מיט מתפללים, אסאך אידן קומען אריין אין בית המדרש, און זענען זיך מחי׳ מיט די געשמאקע דיבורים, דברי התחזקות ווי אזוי יעדער איד קען זיך מחזק זיין אין יעדן מצב מיט די עצות פון רבי׳ן.

יעדע וואך קומען צו נאך און נאך אידן, און מען זעהט בחוש ווי דעם רבי׳ן לימודים גייען אריין אין די וועלט, און אידן זענען זייער מחי׳ מיט דעם.

**ורוח הקודש אומרת כן יפרוץ!**

***

### חתונה פון אן אייניקל פון מוהרא״ש שליט״א דעם קומענדען דינסטאג

דעם קומענדן דינסטאג גייט פארקומען א חתונה פון אן אייניקל פון מוהרא״ש שליט״א, א טאכטער פון הרה״ח מו״ה ברוך שטערן שליט״א בן הרה״צ ר׳ מאיר שטערן אבדק״ק מירון יע״א, חדב״ן כ״ק מוהרא״ש שליט״א.

די חתונה וועט זיין דינסטאג נאכט אין די זאל פון אור החיים וויזניץ אין מאנסי.

אזוי ווי געוועגטליך קומען זיך צוזאם אנשי שלומינו צום טאנצן, זיך מיט צו פרייען מיט די שמחה פון מוהרא״ש שליט״א.

יעצט וועט מען זיך אויך צוזאם קומען אום 9:30 און זיך פרייען מיט די שמחה.

עס וועט זיין טראנספארטעישאן פון וויליאמסבורג צו די חתונה, ביים בנין הישיבה 27 סקילמאן סטריט.

**קול רנה וישועה באהלי צדיקים!**


## מוסדות היכל הקודש ברסלב

בנשיאות כ״ק מרן מוהרא״ש שליט״א

בעזהשי״ת

# וצדיקים ישמחו ויעלצו לפני אלקים

מיט דעם ווילן מיר וואונטשן א הארציגן

״ברכת מזל טוב״ פאר

# כ״ק מרן מוהרא״ש שליט״א

צו די חתונה פון אן אייניקל, א טאכטער פון

## מו״ה ברוך שטערן שליט״א, חדב״ן

# עוד ינובון בשיבה דשינים ורעננים יהיו

וואונטשט מוסדות היכל הקודש וויליאמסבורג

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| בית המדרש<br>״היכל הקודש״ | בית המדרש<br>״התאחדות התלמידים״ | ישיבה<br>״תפארת התורה״ | תלמוד תורה<br>״היכל הקודש״ | בית חינוך לבנות<br>״בית פיגא״ |

# ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳ ~

## נייע בית המדרש ״התאחדות התלמידים היכל הקודש״ געעפנט די טויערן דעם שבת

**דברי פתיחה דורך הרה״ח מו״ה יצחק גרשון שטערן שליט״א ר״י תורת חסד**

אזוי ווי עס ברוך ה׳ נתרבה געווארן תלמידי היכל הקודש אין וויליאמסבורג און עס איז שווער פאר יעדן אנצוקומען אין יעצטיגן בית המדרש וואס געפינט זיך אין ניי-וויליאמסבורג, האבן זיך צוזאמגענומען א גרופע חשובע אינגעלייט עובדי ה׳ און מען האט געעפנט נאך א בית המדרש, מיטן נאמען ״בית המדרש התאחדות התלמידים היכל הקודש״, ווי מען וועט זיך בעזר ה׳ צוזאמקומען דאווענען יעדן שבת קודש, ווי אויך יעדע נאכט וועט די בית המדרש זיין אפען לתורה ותפלה.

דער בית המדרש געפינט זיך אויף 287 העווארד סטריט, און עס איז ערווארטעט צו זיין א מגדול אור פאר די גאנצע געגענט ארום ווי יעדער וועט קענען אריינקומען און זיך מחזק זיין מיט די עצות פון רבי׳ן.

דעם פארגאנגענעם שב״ק פ׳ וישב האט זיך געעפנט די טויערן פונעם בית המדרש, עס זענען זיך צוזאמגעקומען א שיינער עולם חשובע אינגעלייט עובדי ה׳ ובני עלי׳, צו מיטהאלטן די געהויבענע תפלות ושיעורים.

פרייטאג צונאכט׳ס האט מען געהערט דברי פתיחה דורך הרה״ח מו״ה יצחק גרשון שטערן שליט״א ר״י תורת חסד, מחשובי אנ״ש, וואס האט ארויס געברענגט די שמחה פונעם עפענען דעם נייעם בית המדרש, צו לערנען און חזר׳ן אינאיינעם די הייליגע לימודים פון רבי׳ן, וואס דאס וועט זיין דער יסוד פונעם בית המדרש זיך צו האלטן אינאיינעם, און פאלגן די עצות פון רבי׳ן, און אזוי וועט מקוים ווערן וואס דער רבי האט געזאגט ״די וועלט וועט זיך וואונדערן אויף די אהבה וואס איז דא צווישן אייך״.

אזוי איז דער שב״ק אריבער מיט גרויס געהויבנקייט, אינדערפרי נאכן דאווענען איז פארגעקומען א גרויסער קידוש לכבוד די פתיחת שערים, ביי שלש סעודות זענען זיך אויך צוזאם געקומען א שיינער ציבור עובדי ה׳, ווען מען האט פארגעלערנט די דיבורים פון רבי׳ן ווי אזוי זיך צו דערהאלטן אין יעדן מצב.

**פתחו שערים ויבא גוי צדיק שומר אמונים!**

***

## הדלקת נר חנוכה ביי מוהרא״ש שליט״א

דעם יום טוב חנוכה זענען זיך צוזאם געקומען הונדערטער תלמידים פון מוהרא״ש שליט״א מיט צו האלטן דעם צינדן חנוכה לעכט.

א יעדע נאכט זענען זיך צוזאם געקומען א גרעסערע צאל אידן, און נאכן צינדן וואונטש מוהרא״ש אן פאר יעדן פערזענדליך ברכות וישועות.

**קבעו שיר ורננים!**

***

## צוויי יאר צו די באנייאונג פונעם בנין מתיבתא היכל הקודש אין וויליאמסבורג

דעם שבת חנוכה ווערט פונקט צוויי יאר פון ווען מען איז אריין געגאנגען אינעם דעם בנין אויף סקילמאן סטריט.

דער יום טוב חנוכה האט א ספעציעלן באדייט פאר ״היכל הקודש״ ווען יעצט ווערט ניין און פערציג יאר פון ווען מוהרא״ש האט אנגעהויבן אום ערב חנוכה צו שרייבן די בריוו וואס זענען געדרוקט היינט אין ספר ״אשר בנחל״, און דעמאלט׳ס האט זיך אנגעהויבן די לאנגע קייט פון הפצה, צו אריין ברענגן אין די גאנצע וועלט די אלע עצות פון רבי׳ן, און דאס ציעט זיך אזוי ווייטער ביז היינטיגן טאג, ווען מען האט שוין געדרוקט איבער הונדערט חלקים אשר בנחל, האלטענדיג יעצט שוין ביי אשר בנחל חלק ק״ג.

און מיט צוויי יאר צוריק אויך אין דעם יום טוב חנוכה איז צוקומען נאך א רינגעלע צום קייט, ווען מען האט זיך אריינגעצויגן אין דעם פראכטפולן בנין, ווי עס איז פלאצירט די בית המדרש ״היכל הקודש״, די ישיבה, די תלמוד תורה, און די בית הדפוס ״קרן הדפסה היכל הקודש״.

עס דערמאנט זיך אן עפיזאד, ווען מען האט נאך געהאלטן אינמיטן בויען דעם בנין, איז מוהרא״ש אריבער געקומען צוקוקן פון דער נאנט די הייליגע ארבעט, האט

המשך בדף ג


**מוסדות היכל הקודש ברסלב**

בנשיאות כ״ק מרן מוהרא״ש שליט״א

בעזהשי״ת

**מזלא טבא וגדיא יאה**

מיר ווילן אויסדרוקן א הארציגן מזל טוב פאר

**מו״ה אלימלך פארגעס נ״י**

אדמיניסטראטאר דמוסדות סאטמאר

צו די חתונה פון זיין זוהן נ״י

עס איז נישטא די ווערטער צו באשרייבן די געוואלדיגע איבערגעגעבנקייט מיט וואס איר העלפט ארוים מוסדותינו הקדושים, בכל עת ועונה, מיט סיי וואס עס פעלט נאר אוים, דער אייבערשטער זאל אייך באצאלן בכפל כפלים איר זאלט זעהן אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער, בני חיי ומזוני רויחי, מיט אסאך סייעתא דשמיא ביז משיח צדקינו וועט אונז בקרוב אויסלייזן במהרה בימינו אמן.

וואונטשט:
מוסדות היכל הקודש וויליאמסבורג

בית המדרש ״היכל הקודש״ | בית המדרש ״התאחדות התלמידים״ | ישיבה ״תפארת התורה״ | תלמוד תורה ״היכל הקודש״ | בית חינוך לבנות ״בית פינא״





BIG APPEL WOODWORKING

Moulding & Door Instalation - Custom Closet Shelving & Paneling

Isaac Appel
718.636.9667
646.302.8957



בס״ד

מיר נעמען אן צו פרינטן און קאפיען

black & white and color copies

פאר גאר ביליגע פרייזן.

Black & white 5¢ ea. (Min Qty 400)
Color 35¢ ea. (Min Qty 100)

פאר א גרעסערע צאל קאפיס רופט אריין פאר די פרייזן



Email us: tiferesprinting@gmail.com
Call us: 347-559-5554



The Art of Fine

For all Ocassions
Friendly Rates

PHOTO&VIDEO

Avremel Baum Office:718-436-6044 Cell: 347-526-7142

Enhance Your Simcha with Unnoticeable Video
Good Professional Quality Shooting


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת ויגש, ט' טבת, שנת תשע"ג לפ"ק
שנה 2, גליון 12 (62)


**זמנים**

הדלקת הנרות....................4:14
מוצש"ק................................5:45
סוף זמן ק"ש........................8:59

**שיעורים כסדרן**

בבלי.............................שבת פ'
ירושלמי........................סוטה מ"ה
תוספתא..............מנחות פרק י'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְעַתָּה אַל תֵּעָצְבוּ וְאַל יִחַר בְּעֵינֵיכֶם כִּי מְכַרְתֶּם אוֹתִי הֵנָּה**, דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה כא, ו) **"אֵין וְעַתָּה אֶלָּא לָשׁוֹן תְּשׁוּבָה"**, דֶער וָוארְט **"וְעַתָּה"** מֵיינְט תְּשׁוּבָה, דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס הָאט דֶער וָוארְט **"וְעַתָּה"** מִיט תְּשׁוּבָה?

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אַסַאךְ מָאל, אַז דִי עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז, אַז מֶען זָאל פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן בִּיז יֶעצְט, אוּן אָנְהֵייבְּן שְׁטֶענְדִיג פוּן נֵיי, אַזוֹי וִוי מֶען וָואלְט יֶעצְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, מֶען הֵייבְּט יֶעצְט אָן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיבּ מֶען גֶעדֶענְקְט אָבֶּער אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער וָואס מֶען הָאט גֶעהַאט, וֶוערְט מֶען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג, מֶען וֶוערְט אִין כַּעַס, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּהן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג פַארְגֶעסְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, אוּן אַזוֹי קֶען מֶען זַיין פְּרֵיילִיךְ, אוּן אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל מִיט אַ פְרִישְׁקַייט צוּ דִינֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶעמָאלְט'ס זֶעהט מֶען אַז אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער וָואס מֶען הָאט גֶעהַאט, אִיז גָאר גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע טוֹבוֹת, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיכֶער גֶעפִירְט אַזוֹי צוּם גוּטְן.

אוּן דֶערְפַאר זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ **"אֵין וְעַתָּה אֶלָּא לָשׁוֹן תְּשׁוּבָה"**, וְעַתָּה - אוּן יֶעצְט, אוֹיבּ אִיךְ הֵייבּ אָן **"פוּן יֶעצְט"** אִיךְ פַארְגֶעס אַלֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, דֶעמָאלְט'ס אִיז דָאס אַ לָשׁוֹן תְּשׁוּבָה, דָאס אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה.

דָאס אִיז פְּשַט אִין פָּסוּק, **וְעַתָּה**, אוּן יֶעצְט, וֶוען דוּ הֵייבְּסְט אָן "פוּן יֶעצְט", דֶעמָאלְט'ס, **אַל תֵּעָצְבוּ** - וֶועסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן טְרוֹיעֶרִיג, **וְאַל יִחַר בְּעֵינֵיכֶם** - אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט וֶוערְן גֶערֶעגְט, נָאר פַארְקֶערְט, **כִּי לְמִחְיָ' שְׁלָחַנִי אֱלֹקִים לִפְנֵיכֶם** - דוּ וֶועסְט זֶעהן אַז אַלֶעס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִירְט צוּם גוּטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעפִירְט אַז מֶען זָאל פַארְקוֹיפְן יוֹסֵף, כְּדֵי עֶר זָאל נָאכְדֶעם קֶענֶען שְׁפֵּייזְן דִי אִידְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּגַּשׁ ג)

***

**וַיֵּשֶׁב יִשְׂרָאֵל בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן וַיֵּאָחֲזוּ בָהּ וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד**, זָאגְט רַשִׁ"י, **וְהֵיכָן? בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן שֶׁהִיא מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם.**

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קס"ט) אַז וֶוען אַ אִיד אִיז פְּרֵיילִיךְ, הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, אַז עֶר זָאל נִישְׁט דוּרְכְפַאלְן אִין דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, וַוייל דִי עֲבֵירָה קוּמְט נָאר וֶוען מֶען אִיז טְרוֹיעֶרִיג.

דִי הֵיילִיגֶע חַזַ"ל זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה פֶּרֶק ז'): "עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא פָאלְק, וָואס אִיז אַזוֹי פִיל מִיט עֲבֵירוֹת, מִיט כִּישׁוּף, אוּן מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים פוּן רֶבִּי נָתָן זצוק"ל
### צוּ דִי יָארְצַייט עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת

### נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן

אֵיינְמָאל הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ שְׂרֵיפָה אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלַב, אַ גַאנְצֶע הוֹיז הָאט אָפְּגֶעבְּרֶענְט, רֶבִּי נָתָן מִיט נָאךְ עֶטְלִיכֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען קוּקְן דִי פְּלַאץ פוּן דִי שְׂרֵיפָה, הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהן וִוי דֶער בַּעַל הַבַּיִת פוּנֶעם הוֹיז וֵויינְט זֵייעֶר, אוּן עֶר זוּכְט צְוִוישְׁן דִי אִיבֶּערבְּלַייבֶּענִישְׁן אוֹיבּ עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן אַ גַאנְץ שְׁטִיקְל הָאלְץ אָדֶער אַייזְן, וָואס עֶר וֶועט קֶענֶען אִיבֶּער נִיצְן וֶוען עֶר וֶועט צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם הוֹיז.

הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן: "קוּקְט'ס וִוי דֶער מֶענְטְשׁ גִיבְּט נִישְׁט אוֹיף, אֲפִילוּ זַיין הוֹיז הָאט אָפְּגֶעבְּרֶענְט, זוּכְט עֶר נָאךְ אַלְץ וָואס עֶס אִיז אִיבֶּער גֶעבְּלִיבְּן, אוּן עֶר וֶועט צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן זַיין הוֹיז, דִי זֶעלְבֶּע דַארְף אַ יֶעדֶער אִיד טוּהן, אֲפִילוּ דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט אִים גֶעכַאפְּט, אוּן אִים אִינְגַאנְצְן פַארְבְּרֶענְט, טָאר עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר אוֹיפְזוּכְן בַּיי זִיךְ דִי בִּיסְל גוּט'ס וָואס עֶר הָאט נָאךְ בַּיי זִיךְ, אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(מְקוֹר הַשִּׂמְחָה, שִׂיחוֹת, אוֹת ל"ב)

### דֶערְהַאלְט זִיךְ

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד מִיטְן נָאמֶען רֶבִּי שָׁאוּל טֶעפְּלִיקֶער, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פְלֶעגְט אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט גְרוֹיס מְסִירַת נֶפֶשׁ.

הָאט אִים רֶבִּי נָתָן אַמָאל גֶעזָאגְט: "שָׁאוּל, אִיךְ הָאבּ נָאךְ נִישְׁט קַיין הֲנָאָה פוּן דִיר, נָאר וֶוען אִיךְ וֶועל זֶעהן אַז דוּ וֶועסְט אַרָאפְּפַאלְן, אוּן דוּ וֶועסְט דִיךְ וַוייטֶער דֶערְהַאלְטְן, אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט'ס וֶועל אִיךְ הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דִיר".

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

זַאכְן, ווִי דִי מִצְרִיִּים", דֶערְפַאר וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעמוּזְט גֵיין קַיין מִצְרַיִם, הָאט זֵיי יוֹסֵף אַרַיינְגֶעשְׁטֶעלְט אִין גֹּשֶׁן, דִי וָוארְט "גֹּשֶׁן" אִיז בְּגִימַטְרִיָּא "שִׂמְחָה", אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵיי וֶועלְן זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶועלְן זֵיי נִישְׁט וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט, חַס וְשָׁלוֹם, נָאךְ דִי טוּמְאָה פוּן דִי מִצְרִיִּים.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס רַשִׁ"י זָאגְט, **וְהֵיכָן? בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן שֶׁהִיא מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם**, אַז אֲפִילוּ דִי אִידְן זֶענֶען אִין דֶעם טָמֵא'נֶעם לַאנְד מִצְרַיִם, זָאלְן זֵיי זַיין אִין "**גֹּשֶׁן**" וָואס אִיז בְּגִימַטְרִיָּא "**שִׂמְחָה**", וַוייל אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶועט דִי טוּמְאָה פוּן דִי מִצְרִיִּים נִישְׁט הָאבְּן אוֹיף זֵיי קַיין שְׁלִיטָה.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּגַּשׁ ח)

## שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים

וַוייל דֶער עִיקָר חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אִיד מֶעסְט זִיךְ, וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקַייטְן, בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, אוּן עֶר קוּמְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(מְקוֹר הַשִּׂמְחָה, שִׂיחוֹת, אוֹת מ"ב)

## נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן

פוּן אָנְפַאנְג וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן, הָאט עֶר זִיךְ אֵיינְמָאל אָפְּגֶערֶעדְט פַארְן רֶבִּי'ן אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעדַאוְונְט אַזוֹי גוּט יוֹם כִּיפּוּר, עֶר הָאט נִישְׁט אִינְזִין גֶעהַאט דָאס דַאוֶונֶען גֶעהֶערִיג וִוי מֶען דַארְף.

הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אַז מֶען דַאוֶונְט נִישְׁט יוֹם כִּיפּוּר, דַאוֶונְט מֶען צוּ מָארְגְנְ'ס בַּיי גָאט'ס נָאמֶען" (אַ טָאג נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר רוּפְט מֶען "גָאט'ס נָאמֶען").

דָאס מֵיינְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוֹיבּ הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעדַאוְונְט גוּט הַיינְט, וֶועסְטוּ מָארְגְן דַאוֶונֶען בֶּעסֶער, מֶען טָאר אָבֶּער נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן וֶועגְן דֶעם.

(אִילָן הַחַיִּים אוֹת קי"ג)

## אַ פְלֶעשְׁל בְּרָאנְפְּן

אֵיינְמָאל הָאט מֶען דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן, אַז עֶס זֶענֶען דָא חֲסִידִים וָואס הַאלְטְן שְׁטֶענְדִיג אַ פְלֶעשְׁל בְּרָאנְפְּן אוּנְטֶערְן קִישְׁן, אוּן גְלַייךְ וֶוען זֵיי וֶועקְן זִיךְ אוֹיף, אוּן זֶעעֶן אַז מָשִׁיחַ אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען, טְרִינְקְן זֵיי זִיךְ אָן אוּן לֵייגְן זִיךְ צוּרִיק שְׁלָאפְן, וַוייל זֵיי זָאגְן אַז וִוי לַאנְג מָשִׁיחַ אִיז נָאכְנִישְׁט דָא, דַארְף מֶען אַיינְשְׁלֶעפְן דֶעם יֵצֶר הָרַע, וַוייל וֶוען מֶען שְׁלָאפְט קֶען מֶען נִישְׁט טוּהן קַיין עֲבֵירוֹת.

הָאט רֶבִּי נָתָן אוֹיף דֶעם גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה, נָאר מֶען דַארְף לֵייגְן אַ תְּהִלִּים אוּנְטֶערְן קִישְׁן, אוּן גְלַייךְ וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף, אוּן מֶען זֶעהט אַז מָשִׁיחַ אִיז נָאכְנִישְׁט דָא, זָאל מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם תְּהִלִּים'ל, אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אוּנְז רַאטֶעוֶוען פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע".

(מְקוֹר הַשִּׂמְחָה, שִׂיחוֹת, אוֹת מ"ח)

## אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן

רֶבִּי נָתָן אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אִין דִי סְלִיחוֹת טֶעג פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז בַּיים רֶבִּי'ן אִיז דֶער עִיקָר צוּ קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען דֶעמָאלְט'ס דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין דָארְט גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף גַאנְץ עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה.

אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג אִיז עֶר אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן, אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט זַיין גַאנְצֶע הַארְץ, אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַדוּרְךְ, דֶער רֶבִּי הָאט אִים מְחַזֵּק גֶעוֶוען, אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט גֶעוִויסֶע הַנְהָגוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, דֶערְנָאךְ הָאט אִים דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אוֹיפְ'ן גָאס פַאר אַ שְׁפַּאצִיר, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען.

אִינְצְוִוישְׁן הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיף גֶעלֵייגְט זַיין הֵיילִיג הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָנ'ס אַקְסֶל, אוּן אִים גֶעזָאגְט: "אוּן וַוייטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַן אֶמֶת'ן גוּטְן פְרַיינְד!"

הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט, אַז דֶעמָאלְט'ס הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶועט שׁוֹין זִיכֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וַוייל וָואס עֶס וֶועט נָאר אוֹיף אִים אַדוּרְךְ גֵיין, וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע וֶועט אִים וֶועלְן צוּבְּרֶעכְן, וָואסֶערֶע שְׁטֶערוּנְגֶען עֶר וֶועט נָאר הָאבְּן, וֶועט עֶר אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן.

(כּוֹכְבֵי אוֹר, אַנְשֵׁי מוֹהֲרַ"ן ד' – פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק תכ"ג)

## אַ בֵּיין אִין הַאלְז

אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען אוּנטֶערְוֶועגְנְ'ס, אוּן עֶר הָאט גֶעגֶעסְן נַאכְטְמָאל אִין אַ גַאסְט הוֹיז, אִינְמִיטְן עֶסְן הָאט זִיךְ אִים גֶעשְׁטֶעלְט אַ בֵּיין אִין הַאלְז, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטִיקְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן, זַיין בַּאגְלֵייטֶער הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט אַרָאפְּגֶעשְׁלוּנְגֶען דֶעם בֵּיין אוּן עֶר אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן.

הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט פַאר זַיין בַּאגְלֵייטֶער: "הָאסְטוּ גֶעזֶעהְן אַז וֶוען אִיךְ הָאבּ מִיר גֶעשְׁטִיקְט הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן מַיין קָאפּ אוֹיף אַרוֹיף? וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעפִילְט אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שׁוּם עֵצָה, אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעקֶענְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאבּ אִיךְ כָאטְשׁ גֶעקוּקְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן".

וַוייל אֲפִילוּ וֶוען מֶען פִילְט אַז מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען כָאטְשׁ קוּקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף טוּהן כָאטְשׁ וָואס מֶען קֶען.

(כּוֹכְבֵי אוֹר, אַנְשֵׁי מוֹהֲרַ"ן, ח')

## אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט אוֹיךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז עֶר אוֹיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי מְעָרַת אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין דִי מְעָרָה פוּן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיסְגֶעמָאלְט וִוי אֵלִיָּהוּ אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעהַאט פוּן דִי וֶוערְטֶער אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת, אַז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ, אַ בָּשָׂר וָדָם אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת, בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיף אִין הִימְל לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק') אַז אַלֶע צַדִּיקִים זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת, נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶערְפַאר קֶען יֶעדֶער אִיד אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס וָואס עֶר ווִיל, אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(כּוֹכְבֵי אוֹר, אַנְשֵׁי מוֹהֲרַ"ן כ"ג – פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק, רמ"א)

# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

## מַעֲשֶׂה א׳ מֵאֲבֵידַת בַּת הַמֶּלֶךְ

### פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר

אוּן צוּם סוֹף יָאר דֶער אוּנְטֶערְשְׁטְן טָאג. הָאט עֶר גֶעפַאסְט. אוּן הָאט נִיט גֶעשְׁלָאפְן. אוּן הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן. אוּן אִיז אַהִין גֶעגַאנְגֶען (הַיְינוּ צוּ דֶער בַּת מֶלֶךְ זִי אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען) הָאט עֶר דֶערְזֶען אַ בּוֹים אוֹף דֶעם בּוֹים הָאבְּן גֶעוָואקְסְן זֵייעֶר שֵׁיינֶע עֶפְּל, הָאט זִיךְ אִים זֵייעֶר גֶעגְלוּסְט אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען. אוּן הָאט גֶעגֶעסֶען פוּן זֵיי. תֵּיכֶּף וִוי עֶר הָאט גֶעגֶעסֶן דֶעם עֶפְּל. אִיז עֶר אַנִידֶערְגֶעפַאלְן אוּן עֶס הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט אַ שְׁלָאף. אוּן הָאט גֶעשְׁלָאפְן זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט.

הָאט דֶער מְשָׁרֵת אִים גֶעוֶועקְט, אוּן עֶר הָאט אִים נִיט גֶעקָאנְט דֶערְוֶועקְן, דֶער נָאךְ הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט פוּן דֶעם שְׁלָאף. פְרֶעגְט עֶר דֶעם מְשָׁרֵת. וִוי בִּין אִיךְ אִין דֶער וֶועלְט. הָאט עֶר אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. דוּ שְׁלָאפְסְט שׁוֹין זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט. עֶס אִיז שׁוֹין כַּמָּה שָׁנִים. אַז דוּ שְׁלָאפְסְט. אוּן אִיךְ הָאבּ מִיךְ מְפַרְנֵס גֶעוֶועזְן פוּן דִי פֵּרוֹת הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶועזְן. אוּן אִיז אַהִין גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט זִי גֶעפוּנֶען דָארְט (הַיְינוּ דִי בַּת מֶלֶךְ).

## נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן

דֶעם לֶעצְטְן טָאג הָאט עֶר זֵייעֶר גֶעגְלוּסְט דִי עֶפְּל אוּן עֶר הָאט גֶעגֶעסְן פוּן זֵיי, דֶער יֵצֶר הָרַע פְּרוּבִּירְט אוֹיף אַלֶע וֶועגְן צוּ מַכְשִׁיל זַיין יֶעדְן מֶענְטְשׁ מִיט עֲבֵירוֹת, אָבֶּער וֶוען אַ אִיד וִויל זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, עֶר וִויל אָנְהֵייבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקַייט צוּ תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט'ס אִיז זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע נָאךְ אַסַאךְ מֶער מִתְגַבֵּר, דֶערְפַאר אִיז דִי עִיקָר עֵצָה צוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן.

הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט אַ שְׁלָאף. אוּן הָאט גֶעשְׁלָאפְן זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט, אַ מֶענְטְשׁ קֶען אָפְּשְׁלָאפְן אוֹיף דִי וֶועלְט זַיינֶע גַאנְצֶע זִיבֶּעצִיג יָאר אוֹיף דֶער וֶועלְט, אֲפִילוּ עֶר אִיז אוֹיף, עֶר גֵייט אוּן קוּמְט, אוּן עֶר גֵייט אָן אִין לֶעבְּן, אָבֶּער זַיין מֹחַ שְׁלָאפְט, וַוייל וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר לֶעבְּט נִישְׁט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵייסְט אַז עֶר שְׁלָאפְט.

אוּן אִיךְ הָאבּ מִיךְ מְפַרְנֵס גֶעוֶועזְן פוּן דִי פֵּרוֹת, דֶער מְשָׁרֵת אִיז דֶער גוּף וָואס בַּאדִינְט דִי נְשָׁמָה, הָאט דֶער גוּף גֶעזָאגְט צוּ דִי נְשָׁמָה, דוּ בִּיזְט טַאקֶע גֶעשְׁלָאפְן, דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פוּן תַּכְלִית, אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט הָאט זִיךְ דֶער גוּף נִישְׁט גֶעלָאזְט נַארְן, מֶען זֶעהט אַז בַּיים גוּף לָאזְט מֶען זִיךְ נִישְׁט נַארְן, מֶען זֶעהט אַז מֶען זָאל נִישְׁט בְּלַייבְּן הוּנְגֶערִיג, מְמֵילָא פַארְוָואס זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּלֶערְנֶען צוּ טוּהן דִי זֶעלְבֶּע אוֹיךְ בַּיי דִי נְשָׁמָה, אַרַיינְצוּכַאפְּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(פָּארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה)

(תוך הנחל יתרו תשנ"א)


מוסדות היכל הקודש ברסלב

בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

בעזהשי"ת

סימן טוב ומזל טוב

מיר ווילן אויסדרוקן א הארציגן מזל טוב פאר

מו"ה אברהם חיים פארקאש שליט"א

וזוגתו תחי'

צו די שידוך שליסן פון אן איניקל

ר' אברהם חיים וזוגתו שיחיו זענען ברייט באקאנט פאר זייער איבערגעגעבנקייט לכל דבר שבקדושה, ובפרט פאר אונזערע מוסדות, ווי באקאנט האבן זיי אויפגעשטעלט דעם הערליכן בית המדרש "היכל הקודש" אין קרית יואל וואס איז שוין היינט א הערליכע ווינקל אין שטאט, א צענטער-פונקט פאר אידן וואס קומען זיך מחזק זיין מיט די דיבורים פון רבי'ן, דער אייבערשטער זאל העלפן אז זיי זאלן האבן אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער און איניקלעך און איר איניקלעך, דורות ישרים ומבורכים, אמן.

וואונטשט:

מוסדות "היכל הקודש" וויליאמסבורג

בית המדרש "היכל הקודש" | בית המדרש "התאחדות התלמידים"

ישיבה "תפארת התורה" | תלמוד תורה "היכל הקודש" | בית חינוך לבנות "בית פינא"


## שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים

### קוֹדֶם בֶּעט אוֹיף פַּרְנָסָה

אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זַ"ל אוּן הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִים גֶעבְּן צְוֵויי עֵצוֹת, אֵיינְס אוֹיף רוּחְנִיוּת וִויאַזוֹי מֶען קֶען זַיין אַן עֶרְלִיכְן אִיד, אוּן אֵיינְס אוֹיף גַשְׁמִיוּת וִוי מֶען קֶען הָאבְּן פַּרְנָסָה. הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ בֶּעט נָאר אוֹיף פַּרְנָסָה, וַוייל דָאס שְׁפִּירְסְטוּ מִיט אַן אֶמֶת אַז עֶס פֶעלְט דִיר, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ט׳) אַז אַ אִיד בֶּעט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט אַן אֶמֶת עֶפְנֶט זִיךְ אִים אוֹיף דִי טוֹיעֶרְן פוּן הִימְל, אוּן עֶר קְרִיגְט וָואס עֶר דַארְף. אוּן אַזוֹי וִוי עֶס פֶעלְט דִיר פַּרְנָסָה דָאס שְׁפִּירְסְטוּ זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן דוּ מֵיינְסְט עֶס מִיט אַן אֶמֶת, אַז דוּ וֶועסְט בֶּעטְן אוֹיף דֶעם מִיט אַן אֶמֶת אוּן מִיט אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ וָואס דוּ הָאסְט, וַוייל עֶס פֶעלְט דִיר פַּרְנָסָה, אוּן דוּ קֶענְסְט נִישְׁט מְפַרְנֵס זַיין דַיין וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער, דֶעמָאלְטְס וֶועסְטוּ שׁוֹין קֶענֶען בֶּעטְן אוֹיף רוּחְנִיוּת אוֹיכֶעט". זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן עֶר זָאל בֶּעטְן וָואס עֶס טוּט אִים בְּאֶמֶת וֵויי, אוּן אַזוֹי וִוי דִיר טוּט זֵייעֶר וֵויי אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה אוּן דוּ מֵיינְסְט עֶס מִיט אַן אֶמֶת, אִיבֶּערְדֶעם אִיז דִי עֵצָה נָאר בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים,

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק א׳ מִכְתָּב מ"ב)

### וִויכְטִיגֶער וִוי אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת

רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן זֵייעֶר פָּשׁוּט, וִוי אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד, עֶר פְלֶעגְט זִיצְן מִיט זַיין וַוייבּ אִין קִינְדֶער בַּיים טִישׁ, עֶר הָאט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אַז זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ וַואשְׁן אוּן מַאכְן בְּרָכוֹת אוּן נָאךְ-בְּרָכָה'ס וִוי מֶען דַארְף.

עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: "זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער אִיז מִיר וִויכְטִיגֶער וִוי אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת".

וַוייל ווִינְטֶער וֶוען זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען אַהֵיים גֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט פוּן חֵדֶר, הָאט עֶר גֶעוַוארְט אוֹיף זֵיי, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן נָאר עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער אוּן גֶעזֶעהן אַז זֵיי זָאלְן דַאוֶונֶען אוּן זִיךְ וַואשְׁן צוּם עֶסְן, אוּן בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, כָאטְשׁ עֶר הָאט בְּאֶמֶת גֶעוָואלְט גֵיין שְׁלָאפְן צוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין צוּ חֲצוֹת, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אוּן זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט זַיינֶע קִינְדֶער.

(אִילָן הַחַיִּים אוֹת צא)

### בַּיי דִיר אִיז אוֹיךְ דָא גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז דָא בַּאהַאלְטְן גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת, וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט צוּ אַ שִׁידוּךְ פַאר יֶעדְן.

אֵיינְמָאל הָאט זִיךְ אַ חָתָן אָפְּגֶערֶעדְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶס גֵייט אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ קוֹיפְן מַתָּנוֹת פַאר זַיין כַּלָּה א.א.וו. הָאט אִים רֶבִּי נָתָן זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט: "בַּיי יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז אוֹיךְ אַזוֹי גֶעוֶוען וֶוען עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן זַיין כַּלָּה, הָאט עֶר

המשך בדף ד

## שִׂיחוֹת וְסִיפּוּרִים

גָארְנִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט" הָאט דֶער בָּחוּר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וְוי אַזוֹי קֶענְט אִיר מִיר צוּגְלַייכְן צוּ יַעֲקֹב אָבִינוּ? דָארְט אִיז דָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין פָּשׁוּטֶע זַאכְן, עֶס לִיגְט אִין דִי מַעֲשִׂיוֹת בַּאהַאלְטְן גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה" הָאט רֶבִּי נָתָן אִים גֶעזָאגְט: "בַּיי דִיר אִיז אוֹיךְ בַּאהַאלְטְן גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה!"

וַוייל בַּיי אַ יֶעדְן אִיד, וָואס עֶס גֵייט נָאר אוֹיף אִים דוּרְךְ, לִיגְט אִין דֶעם בַּאהַאלְטְן סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶועֶרֶע צַייטְן, זָאל מֶען נָאר קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן.

(קונטרס מציאת הזיווג בסופו)

# מוסדות היכל הקודש ברסלב

בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

בעזהשי"ת

# תאו והתכנשו

בעזרת השם יתברך נתאסף כלנו לסעודת הילולא של מורינו הגאון הקדוש, אור נפלא, אשר כל רז לא אנים ליה

## מורינו רבי נתן מברסלב זצוק"ל

מוצאי שב"ק פרשת ויגש הבעלט
בבית מדרשינו בבארא פארק
**1129 42th st.**
בשעה 8:30 בערב

**כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א**

ישמיע דברות קודש דברי התחזקות והתעוררות המשיבים את הנפש בגדולת מוהרנ"ת זצוק"ל

## שמעו ותחי נפשכם

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגן מזל טוב פאר
הבחור החתן **ישראל קרויס** נ"י
וואס איז א חתן געווארן למזל טוב
דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא, און ער זאל האבן דורות ישרים ומבורכים מיט שמחה ונחת א גאנץ לעבן

## מזלא טבא וגדיא יאה

מיר וואונטשן א הארציגן מזל טוב פאר
מו"ה **יואל ווערצבערגער** הי"ו
צו די געבורט פון זיין מיידעלע למזל טוב בשטו"מ
דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט, אמן

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

### אנשי שלומינו פרייען זיך
### ביי די חתונה פון אן אייניקל ביי מוהרא"ש

די וואך דינסטאג נאכט איז פארגעקומען א שיינע חתונה פון אן אייניקל פון מוהרא"ש, די כלה איז א טאכטער פון הרה"ח ר' ברוך שטערן שליט"א חדב"ן.

עס זענען זיך צוזאם געקומען א גרויסער ציבור אנשי שלומינו, ווי מען האט געטאנצן און זיך געפריידט אז מיר האבן זוכה געווען צו מקורב ווערן צום הייליגן רבי'ן וואס לערנט אונז דער וועג ווי אזוי צו זיין נאנט צום אייבערשטן שטענדיג, און אז מיר זענען זוכה אז מוהרא"ש שליט"א איז מיט אונז, און לערנט אונז אויס אלע הייליגע לימודים פון רבי'ן.
**וצדיקים ישמחו יעלצו לפני אלקים!**

***

### הערליכע שב"ק אין נייעם
### בית המדרש "התאחדות התלמידים"

**שיעורים אין רבי'נס תורות במשך דעם שבת**

דעם שב"ק איז אדורך גאר שיין אינעם נייעם בית המדרש "התאחדות התלמידים", עס זענען זיך צוזאם געקומען א שיינער עולם חשובע אינגעלייט עובדי ה' צו מיטהאלטן די תפלות און שיעורים.

"אין בית המדרש בלא חידוש", א פרישע שיעור האט מען אנגעהויבן אין בית המדרש, פרייטאג צונאכט'ס נאכן דאווענען, ווי מען לערנט פאר דעם הייליגן ספר ליקוטי מוהר"ן בעיון רב, צו פארשטיין קלאר וואס דער רבי לערנט אונז.

אינדערפרי איז דא א קידוש יעדע וואך נאכן דאווענען, אזוי ווי עס איז איינגעפירט אין אלע ברסלב'ע בתי מדרשים, און מען לערנט פאר סיפורי מעשיות.

שלש סעודות לערנט מען ווייטער פאר דעם רבי'נס לימודים אויף די פרשת השבוע.

ווי עס האבן זיך אויסגעדרוקט די מתפללים איז דאס געווען א שיינער געהויבענער שבת, מען האט זיך מחזק געווען אינאיינעם מיטן רבי'נס לימודים, וואס דאס געבט כח און מוט אנצוגיין פאר די גאנצע וואך.
**ק-ה אכסוף נועם שבת!**

***

### שיינע שידוך געשלאסן פון תלמוד הישיבה

**נאך א חתן אין רעזולטאט פון מסכת תענית**

די וואך איז נאך א תלמוד הישיבה געווארן א חתן אין רעזולטאט פון מסכת תענית.

ווי באקאנט האט מוהרא"ש צוגעזאגט פאר די בחורים פארגאנגענעם יאר אז ווער עס וועט ענדיגן מסכת תענית פערציג מאל וועט א חתן ווערן, די בחורים האבן זיך זייער שטארק צוגעכאפט דערצו, און רוב בחורים האבן געענדיגט פערציג מאל תענית, און מיטן אייבערשטנ'ס הילף זענען שוין צענדליגע בחורים חתנים געווארן למזל טוב.

יעצט איז צוגעקומען נאך א חתן, הבחור החתן ישראל קרויס נ"י, א זוהן פון הרה"ח משה יעקב יוסף קרויס הי"ו פון מאנטשעסטער יע"א מחשובי אנ"ש, וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג א טאכטער פון מו"ה יעקב משה אינדארסקי הי"ו און אידעם פון הרה"ח אברהם חיים פארקאש שליט"א מחשובי אנשי שלומינו וואס פירט אן דעם בית המדרש היכל הקודש אין קרית יואל.

מיר וואונטשן אים אלע אז עס זאל זיין א קשר של קימא, און ער זאל האבן דורות ישרים ומבורכים מיט שמחה ונחת א גאנץ לעבן.
**דבר נאה ומתקבל!**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**
הדלקת הנרות.................4:19
מוצש"ק.........................5:50
סוף זמן ק"ש....................9:02

**שיעורים כסדרן**
בבלי..........................שבת פ"ז
ירושלמי......................נדרים ה'
תוספתא..........בכורות פרק ד'


פרשת ויחי, ט"ז טבת, שנת תשע"ג לפ"ק
שנה 2, גליון 13 (63)


## פַּרָשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיָּשֶׂם אֶת אֶפְרַיִם לִפְנֵי מְנַשֶּׁה,** יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעלֵייגְט זַיין רֶעכְטֶע הַאנְט צוּ בֶּענְטְשְׁן קוֹדֶם אֶפְרַיִם, אוּן וֶוען יוֹסֵף הָאט אִים אוֹיפְגֶעמֶערְקְט, אַז מְנַשֶּׁה אִיז דֶער עֶלְטֶערֶער, דֶער בְּכוֹר, הָאט אִים יַעֲקֹב אָבִינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֵויים אוֹיךְ פוּן דֶעם, אָבֶער פוּן דֶעסְט וֶועגְן וִויל אִיךְ קוֹדֶם בֶּענְטְשְׁן אֶפְרַיִם.

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי מֶען זֶעהט פוּן רֶבִּי'ן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן צ"ז) אַז עֶס אִיז דָא צְוֵויי זַאכְן בַּיים דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן אֵיין זַייט "סוּר מֵרָע" מֶען דַארְף אַוֶועקְגֵיין פוּן שְׁלֶעכְטְ'ס, נִישְׁט טוּהן קַיין עֲבֵירוֹת, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט "וַעֲשֵׂה טוֹב" מֶען דַארְף טוּהן גוּט'ס, מֶען דַארְף טוּהן אַסַאךְ מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

אוּן דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי נֶעמֶען פוּן יוֹסֵף'ס קִינְדֶער, "**מְנַשֶּׁה**" אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן "**פַארְגֶעסְן**" וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מא, נא) **כִּי נַשַּׁנִי אֱלֹהִים אֶת כָּל עֲמָלִי**, דָאס גֵייט אַרוֹיף אַז מֶען דַארְף פַארְגֶעסְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטְ'ס, מֶען דַארְף אוֹיפְהֶערְן צוּ טוּהן שְׁלֶעכְטְ'ס, אוּן "**אֶפְרַיִם**" אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן "**פַארְמֶערְן**", דָאס מֵיינְט אַז מֶען דַארְף פַארְמֶערְן צוּ טוּהן אַסַאךְ מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

בֵּיידֶע זַאכְן דַארְף מֶען הָאבְּן, אָבֶער עֶס אִיז גֶעוֶוען חִילּוּקֵי דֵעוֹת צְווִישְׁן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, וֶועלְכֶעס עֶס קוּמְט פְרִיעֶר, דִי בַּעֲלֵי מוּסָר הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז קוֹדֶם קוּמְט "**סוּר מֵרָע**", צוּם עֶרְשְׁט דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּשָׁאקְלֶען פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְ'ס, אוּן הֶערְשְׁט דֶערְנָאךְ קֶען מֶען זִיךְ נֶעמֶען צוּ טוּהן גוּט'ס.

ווִידֶער דִי תַּלְמִידֵי בַּעַל-שֵׁם-טוֹב הַקָּדוֹשׁ הָאבְּן גֶעהַאלְטְן פַארְקֶערְט, אוֹיבּ וֶועט מֶען קוֹדֶם זִיךְ נֶעמֶען נָאר צוּם סוּר מֵרָע, מֶען וֶועט נָאר אַרְבֶּעטְן זִיךְ אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן אִינְגַאנְצְן, וֶועט דָאס נֶעמֶען צוּ לַאנְג, אוּן מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּם "**עֲשֵׂה טוֹב**", **דֶערְפַאר דַארְף מֶען צוּם עֶרְשְׁט זֶעהן אַרַיינְצוּכַאפְּן וָואס מֶער גוּטֶע זַאכְן, נָאךְ אַ מִצְוָה, נָאךְ אַ גוּטֶע זַאךְ, אוּן דִי כֹּחַ פוּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת וֶועט שׁוֹין הֶעלְפְן, אַז מֶען זָאל אוֹיפְהֶערְן צוּ טוּהן שְׁלֶעכְטְ'ס.**

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, יוֹסֵף וָואס עֶר אִיז בַּייגֶעשְׁטַאנֶען דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אִין מִצְרַיִם, הָאט גֶעהַאלְטְן אַז מֶען זִיךְ קוֹדֶם אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי שְׁלֶעכְטְ'ס, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעלֵייגְט מְנַשֶּׁה אוֹיף דִי רֶעכְטֶע זַייט, ווִידֶער יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט דָאךְ אָבֶער גֶעווּאוּסְט אַז עֶס קוּמְט אַ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע גָלוּת, מִיט אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, הָאט עֶר גֶעלֵייגְט אֶפְרַיִם אוֹיף דִי רֶעכְטֶע זַייט, צוּ וַוייזְן אַז דִי בֶּעסְטֶע וֶועג אִיז, אַרַיינְצוּכַאפְּן וִוי מֶער גוּט'ס מֶען קֶען, אוּן דִי שְׁלֶעכְטְ'ס וֶועט שׁוֹין מְמֵילָא אַוֶועק פַאלְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שַׁבָּת קוֹדֶשׁ וַיְחִי תשס"ה)

***

**אָרוּר אַפָּם כִּי עָז, וְעֶבְרָתָם כִּי קָשָׁתָה,** יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעשָׁאלְטְן דִי מִדָּה פוּן כַּעַס פוּן שִׁמְעוֹן אוּן לֵוִי, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט **אֲחַלְּקֵם בְּיַעֲקֹב וַאֲפִיצֵם**

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ בָּרוּךְ הַשֵּׁם ~

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן מ"ד) אַז אֱמוּנָה בַּאקוּמְט מֶען דוּרְךְ דֶעם מוֹיל, וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה מֶען רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ דֶעם בַּאקוּמְט מֶען אֱמוּנָה, אוּן דָאס אִיז אַלֵיינְ'ס אֱמוּנָה.

דֶערְפַאר אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, שְׁטֶענְדִיג צוּ דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ, צוּם בַּיישְׁפִּיל: יֶעדֶע מָאל זָאגְן בָּרוּךְ ה', חַסְדֵי ה', אִם יִרְצֶה ה', א.ד.ג. ווַייל וֶוען מֶען דֶערְמַאנְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶענְדִיג, בַּאקוּמְט מֶען אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן קְלָאר אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט.

אוּן דָאס זֶעהן מִיר בַּיי יוֹסֵף הַצַּדִיק וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם בַּיי פּוֹטִיפַר, זָאגְט דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לט, ג) וַיַּרְא אֲדֹנָיו כִּי ה' אִתּוֹ וְכֹל אֲשֶׁר הוּא עֹשֶׂה ה' מַצְלִיחַ בְּיָדוֹ, דֶער גוֹי פּוֹטִיפַר הָאט גֶעזֶעהן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט יוֹסֵף, שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ פְרַאגֶע, וִוי אַזוֹי זֶעהט אַ גוֹי אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט יוֹסֵף? זָאגְט רַשִׁ"י "שֵׁם שָׁמַיִם שָׁגוּר בְּפִיו", עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג דֶערְמַאנְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען, בִּיז אֲפִילוּ דֶער גוֹי הָאט גֶעזֶעהן אַז יוֹסֵף לֶעבְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דָאס טוֹישְׁט דֶער גַאנְצֶער מַהוּת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט אַ פְרֵיילִיכֶער אוּן אַ צוּגֶעלָאזֶענֶער מֶענְטְשׁ, וֶועם יֶעדֶער הָאט לִיבּ, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע סִיַּעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אַז עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין מִיט וָואס עֶר טוּט, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שָׁם) וְכֹל אֲשֶׁר הוּא עֹשֶׂה ה' מַצְלִיחַ בְּיָדוֹ, טַאקֶע ווַייל עֶר הָאט גֶערֶעדְט שְׁטֶענְדִיג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט עֶר אַזוֹי שְׁטַארְק מַצְלִיחַ גֶעוֶוען.

### וָואס מַאכְסְטוּ? בָּרוּךְ ה'!

פַאר מֶענְטְשְׁן קוּקְט דָאס אוֹיס וִוי אַ פְּשׁוּט'עֶ זַאךְ, וָואס אִיז שׁוֹין אַז מֶען זָאגְט בָּרוּךְ ה' , אִם יִרְצֶה ה' א.ד.ג., אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶער יְסוֹד אִין אִידִישְׁקַייט, אוּן מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען אַ מֶענְטְשׁ וִוי עֶר הַאלְט אִין זַיין אֱמוּנָה דוּרְךְ דֶעם, וֶוען מֶען פְרֶעגְט אֵיינֶעם:

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**בְּיִשְׂרָאֵל**, אִיךְ וֶועל זֵיי צוּשְׁפְּרֵייטְן צְווִישְׁן דִי אִידְן. זָאגְט רַשִׁ"י, אוֹיף שִׁמְעוֹן הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז זֵיי וֶועלְן זַיין מְלַמְדִים, סוֹפְרִים אוּן אָרִימֶעלַייט, אוּן אַזוֹי וֶועלְן זֵיי אַרוּמְגֵיין צְווִישְׁן דִי אִידְן, אוּן שֵׁבֶט לֵוִי וֶועט מוּזְן אַרוּמְגֵיין צוּזַאמְנֶעמֶען תְּרוּמוֹת אוּן מַעַשְׂרוֹת פוּן דִי פֶעלְדֶער.

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ח) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט אִין כַּעַס, פַארְלִירְט עֶר דוּרְךְ דֶעם זַיין גֶעלְט, וַוייל בֵּיידֶע זַאכְן, סַיי כַּעַס אוּן סַיי גֶעלְט קוּמֶען פוּן דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, אוּן דֶערְפַאר וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע זֶעהט אַז עֶס דַארְף קוּמֶען אַ שֶׁפַע פוּן גֶעלְט פַארְן מֶענְטְשׁ, שְׁטֶעלְט עֶר אִים אוּנְטֶער אַ נִסָּיוֹן פוּן כַּעַס, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט דוּרְךְ, אוּן עֶר רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, פַארְלִירְט עֶר דוּרְךְ דֶעם דָאס גֶעלְט.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **אָרוּר אַפָּם כִּי עָז, וְעֶבְרָתָם כִּי קָשָׁתָה**, וַוייל זֵיי הָאבְן גֶעהַאט דִי מִדָּה פוּן כַּעַס, דֶערְפַאר, **אֲחַלְּקֵם בְּיַעֲקֹב וַאֲפִיצֵם בְּיִשְׂרָאֵל**, זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען אָרִימֶעלַייט.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיְחִי ח')

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

"וָואס מַאכְסְטוּ? וִוי אַזוֹי פִיהְלְסְטוּ?" אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ עֶנְטְפֶערְט סְתַּם: "אַלֶעס פֵיין, אַלֶעס גוּט" אָן דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נָאךְ וַוייט פוּן אֱמוּנָה, וַוייל אַ אִיד דַארְף עֶנְטְפֶערְן: "בָּרוּךְ ה', גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער", אוּן דֶערְפַאר וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ שְׁטֶענְדִיג צוּ דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר דוּרְךְ דֶעם בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### דְבָרִים בְּטֵלִים?

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"עַ פַאר עֶר אִיז נִתְגַלֶה גֶעוָוארְן, פְלֶעגְט עֶר אַרוּם גֵיין רֶעדְן מִיט פְּשׁוּטֶע אִידְן, מִיט דָארְפְסְלַייט, מִיטְן צִיהל אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין זֵיי צוּ רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פְלֶעגְט זֵיי פְרֶעגְן: "וָואס מַאכְט אִיר? וִוי אַזוֹי גֵייט עֶס?", אוּן זֵיי הָאבְן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "בָּרוּךְ ה' אַלֶעס גֵייט גוּט", "וָואס מַאכְט דִי מִשְׁפָּחָה?", גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי זֶענֶען אַלֶע גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק", אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוֹיף דִי פֶעלְד זַאכְן, "וִוי אַזוֹי זֶענֶען דִי בְּהֵמוֹת?" הָאבְן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "חַסְדֵי ה' דִי קִיה גֶעבְּט מִילְךְ אוּן עֶס אִיז דָא פַּרְנָסָה" אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב צוּבִּיסְלֶעךְ אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין מֶענְטְשְׁן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אֱמוּנָה אִין דִי וֶועלְט.

אֵיינְמָאל וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אַזוֹי אַרוּם גֶעגַאנְגֶען רֶעדְן צוּ דִי פּוֹיעֶרְן, עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי אַלֶע נַארִישְׁקַייטְן, וֶועגְן דִי פֶערְד וֶועגְן דִי פֶעלְדֶער א.ד.ג. דֶער עִיקָר הָאט עֶר גֶעוָואלְט אַרוֹיס בַּאקוּמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן זֵייעֶר מוֹיל, אַז אִינְמִיטְן דֶעם שְׁמוּעֶס זָאלְן זֵיי דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אֵיינְמָאל גֶעזִיצְן אִין דִי זַייט אַ חָשׁוּב'עֶר אִיד אַ לַמְדָן אוּן אַ אָפְּגֶעהִיטֶענֶער אִיד, וָואס יֶענֶער אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי מִתְנַגְדִים אוֹיפְ'ן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוּן עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעהֶערְט צוּ אַזַא שְׁמוּעֶס.

עֶר הָאט שׁוֹין לַאנְג גֶעוָואלְט זִיךְ טַעֲנָה'עֶן מִיטְן בַּעַל שֵׁם טוֹב וֶועגְן דֶעם דֶרֶךְ הַחֲסִידוּת, אַז עֶס אִיז נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, אָבֶּער עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלֶעגֶענְהֵייט אוֹיף וָואס זִיךְ אַרוֹיף צוּ כַאפְּן, אָבֶּער יֶעצְט הֶערְנְדִיג דֶעם שְׁמוּעֶס וִוי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִיצְט אוּן רֶעדְט דְבָרִים בְּטֵלִים מִיט אַ פְּשׁוּט'ן מֶענְטְשׁ, הָאט עֶר שׁוֹין גֶעהַאט וָואס צוּ זָאגְן, עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן אִים מוּסָר גֶעזָאגְט: "וָואס פַאר אַ מִין וֶועג אִיז דָאס? אִיר וֶועט דַארְפְן אָפְּגֶעבְּן אַ דִין וְחֶשְׁבּוֹן אוֹיף דִי בִּיטוּל תּוֹרָה וָואס אִיר מַאכְט דָא, קוּק מִיר אָן וִוי אִיךְ בִּין אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן דִי הַבְלֵי עוֹלָם הַזֶה אוּן גַשְׁמִיּוֹת אוּן אִיךְ זִיץ אַ גַאנְצְן טָאג אוּן לֶערְן פְלַייסִיג, אַזוֹי וָואלְט אִיר אוֹיךְ גֶעדַארְפְט טוּהן, אוּן נִישְׁט זִיצְן אוּן סְתַּם פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט מִיט דְבָרִים בְּטֵלִים!"

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט מִיט סַבְלָנוּת, אוּן דֶערְנָאךְ גֶענוּמֶען אַ סִידוּר אִין דִי הַאנְט אוּן גֶעזָאגְט צוּם לַמְדָן: "דוּ וֵוייסְט אַז דוּ הָאסְט יֶעצְט צוּגֶעכַאפְּט דִי פְּלַאץ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט וִוי צוּ זִיצְן יֶעצְט", דֶער לַמְדָן קוּקְט אָן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב, עֶר פַארְשְׁטֵייט בִּכְלָל נִישְׁט וָואס עֶר רֶעדְט, עֶס זֶעהט אִים אוֹיס וִוי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב רֶעדְט בִּכְלָל נִישְׁט צוּ דִי זַאךְ, זָאגְט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: "זָאג מִיר נָאכְאַמָאל אִיבֶּער וָואס דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט", דֶער לַמְדָן חַזֶר'ט עֶס אִיבֶּער אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב וָואלְט אוֹיךְ גֶעדַארְפְט זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן דִי וֶועלְט אַזוֹי וִוי עֶר אוּן נָאר זִיצְן אוּן לֶערְנֶען אוּן נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען דִי טֵייעֶרֶע צַייט מִיט דְבָרִים בְּטֵלִים.

הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִים גֶעזָאגְט: "דָאס הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעזָאגְט, דוּ הָאסְט צוּגֶעכַאפְּט דִי פְּלַאץ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פְּלַאץ וִוי צוּ זִיצְן" אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב מַאכְט אִים אוֹיף דִי סִידוּר וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אִין דִי הַאנְט אוּן עֶר וַוייזְט אִים "וְאַתָּה קָדוֹשׁ יוֹשֵׁב תְּהִלּוֹת יִשְׂרָאֵל" אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב טַייטְשׁ אִים אַזוֹי דֶער פָּסוּק "וְאַתָּה קָדוֹשׁ" - דוּ בִּיזְט טַאקֶע זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶער מֶענְטְשׁ, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער "יוֹשֵׁב תְּהִלּוֹת יִשְׂרָאֵל" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיצְט אוֹיף דֶעם וָואס דִי אִידְן לוֹיבְּן אִים, דִי וֶוערְטֶער וָואס אִידְן זָאגְן שְׁטֶענְדִיג - בָּרוּךְ ה', חַסְדֵי ה', אִם יִרְצֶה ה', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן, אוֹיף דִי וֶוערְטֶער זִיצְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן פוּן דֶעם הָאט עֶר הֲנָאָה, אוּן דוּ בִּיזְט דָאךְ בִּכְלָל נִישְׁט גוֹרֵס דִי זַאכְן, דוּ הַאלְט'ס אַז עֶס אִיבְּרִיגֶע זַאכְן אוּן מֶען דַארְף נָאר זִיצְן אוּן לֶערְנֶען, קוּמְט אוֹיס אַז דוּ לָאזְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִיצְן אוּן דוּ פַארְטְרַייבְּסְט דִי שְׁכִינָה פוּן דִי וֶועלְט... אַזוֹי הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב שְׁטִיל גֶעמַאכְט דֶעם לַמְדָן. זֶעהט מֶען פוּן דֶעם דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶענְדִיג, דָאס בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה פַארְן מֶענְטְשׁ.

### אִיךְ גְלֵייבּ יָא

אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אַזוֹי וִוי דִי אֱמוּנָה וֶוענְדְט זִיךְ דִי מוֹיל, דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זָאגְן חַס וְשָׁלוֹם קַיין שׁוּם זַאךְ קֶעגְן דִי אֱמוּנָה אֲפִילוּ וֶוען עֶר מֵיינְט עֶס נִישְׁט עֶרְנְסְט, אַזוֹי וַוייט אַז רֶבִּי נָתָן הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אֲפִילוּ אַז מֶען זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט זָאגְן דִי וֶוערְטֶער "אִיךְ גְלֵייבּ נִישְׁט" אָדֶער "אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט גְלֵייבְּן", אֲפִילוּ וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן, נִישְׁט קֶעגְן אֵייבֶּערְשְׁטְן חַס וְשָׁלוֹם, נָאר מֶען זָאל זָאגְן "דִי גֶעווִיסֶע זַאךְ קֶען אִיךְ נִישְׁט גְלֵייבְּן" "דִי גֶעווִיסֶע זַאךְ אִיז שְׁוֶוער צוּ גְלֵייבְּן" א.ד.ג אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְזָאגְן אוֹיף וָואסֶערֶע זַאךְ עֶר בַּאצִיהט זִיךְ, כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיס קוּמֶען פוּן זַיין מוֹיל אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען אֲפִילוּ אוֹיסְטַייטְשְׁן קֶעגְן דִי אֱמוּנָה חַס וְשָׁלוֹם.

אוּן וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען עֶר מִיט דֶעם מְחַי' זַיין אִידְן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען צוּבְּרָאכְן עֶס גֵייט אוֹיף זֵיי אִיבֶּער שְׁוֶוערִיקַייטְן, אוּן וֶוען עֶר הֶערְט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָחָה פְּרָטִית, אַלֶעס הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹן פַארְוָואס עֶס דַארְף אַזוֹי זַיין, בַּארוּהִיגְט עֶר זִיךְ ווִיסֶענְדִיג אַז עֶר אִיז אִין גוּטֶע הֶענְט אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וואוֹיל אִיז אִים אוּן וואוֹיל אִיז זַיין חֵלֶק.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ה' עֶרֶךְ אֱמוּנָה)

# מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (מֶדְרָשׁ תַּלְפִּיּוֹת) דָאס אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט עַל פִּתְחוֹ שֶׁל גֵיהִנּוֹם אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת לָאזְט עֶר אִים נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין גֵיהִנּוֹם, עֶר זָאגְט זֵיי 'דֶער מֶענְטְשׁ בַּאלַאנְגְט צוּ מִיר', אוּן דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ"א זַ"ל בְּרֶענְגְט (פְּנֵי דָוִד וַיְחִי) אַז דָאס אִיז מְרוּמָז אִין פָּסוּק "מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ" שְׁמֵנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת מִשְׁנֶ"ה, אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב אִיז מְמוּנֶה אוֹיף דֶער וָואס עֶר לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת.

אִיבֶּערְדֶעם אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט זִיךְ אַרוֹיסְרַייסְן פוּן דִי טוּמְאָה וָואס דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם, זָאלְסְטוּ זֶען צוּ זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן דַיְיקָא, אוּן זָאלְסְט עֶנְדִיגְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אַ מַסֶכֶת נָאךְ אַ מַסֶכֶת, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנֶה, דַאן זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, לֶערְנֶען אַסַאךְ אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מב.) **בְּמִי אַתָּה מוֹצֵא מִלְחַמְתָּהּ שֶׁל תּוֹרָה? בְּמִי שֶׁיֵּשׁ בְּיָדוֹ חֲבִילוֹת שֶׁל מִשְׁנָה**; דֶער וָואס לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת דֶער אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּגֵיין טִיף טִיף אִין דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה; ווִידֶערוּם זָאגְן דִי חֲזַ"ל (בָּבָא מְצִיעָא לג.) **וּלְעוֹלָם הֱוֵי רָץ לְמִשְׁנָה יוֹתֵר מִן גְּמָרָא**; זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג לוֹיפְן צוּ דִי מִשְׁנַיוֹת מֶער ווִי צוּ דִי גְמָרָא; וָוארוּם אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, עֶפְנְט זִיךְ אִים דֶער קָאפּ עֶר זָאל קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין נָאכְדֶעם דִי גְמָרָא.

אוּן אוֹיסֶערְדֶעם דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת אִיז מֶען מְקָרֵב דִי גְאוּלָה, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ז' סִימָן ג') **אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת**; אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אֲפִילוּ דֶעם זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אִיז מְטַהֵר אֶת הַנֶּפֶשׁ.

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק א' מִכְתָּב כ"א)

מוסדות היכל הקודש ברסלב

בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

בעזהשי"ת

וצדיקים ישמחו ויעלצו לפני אלקים

מיט דעם ווילן מיר וואונטשן א הארציגן
"ברכת מזל טוב" פאר

כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

צו די חתונה פון אן אייניקל
החתן **אליהו** נ"י
בן הרה"ח מו"ה **משה עסטרייכער** שליט"א, חדב"ן
דומ"ץ בבארא פארק
עב"ג בת הרה"ח מו"ה **מרדכי אלימלך הלוי וואזנער** שליט"א
אב"ד שבט הלוי בארא פארק
בן הגאון האדיר פוסק הדור **בעל שבט הלוי** שליט"א

עוד ינובון בשיבה דשינים ורעננים יהיו

וואונטשט מוסדות היכל הקודש וויליאמסבורג

בית המדרש "היכל הקודש" | ישיבה "תפארת התורה" | תלמוד תורה "היכל הקודש" | בית חינוך לבנות "בית פינא"

# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

## מַעֲשֶׂה א' מֵאֲבֵידַת בַּת הַמֶּלֶךְ

### פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר

אוּן אִיז אַהִין גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט זִי גֶעפוּנֶען דָארְט (הַיְינוּ דִי בַּת מֶלֶךְ).

הָאט זִי זִיךְ פַאר אִים זֵייעֶר גֶעקְלָאגְט אוּן זֵייעֶר זִיךְ מְצַעֵר גֶעוֶוען. פוּן אֵיין טָאג וֶועגְן הָאסְטוּ אָנְגֶעוָוארְן (פַארְלוֹירְן) (כְּלוֹמַר אִיבֶּער דֶעם וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ נִיט גֶעקָאנְט אַיינְהַאלְטְן אֵיין טָאג. אוּן הָאסְט גֶעגֶעסְן דֶעם עֶפְּל אִיבֶּער דֶעם הָאסְטוּ אָנְגֶעוָוארְן) וָוארְן דוּ זָאלְסְט גֶעוֶוען קוּמֶען אִין דֶעם טָאג וָואלְסְטוּ מִיךְ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען.

לוּשְׁמִיר (אָבֶּער) נִישְׁט צוּ עֶסְן אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶועֶרֶע זַאךְ. בִּפְרַט דֶעם אוּנְטֶערְשְׁטְן טָאג. דֶעמָאלְט אִיז זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע זֵייעֶר מִתְגַּבֵּר. עַל כֵּן זָאלְסְטוּ דִיר ווִידֶער אוֹיסְקְלוֹיבְּן אַן אָרְט. אוּן זָאלְסְט ווִידֶער זִיצְן דָארְט אֵיין יָאר. אוּן אִין דֶעם אוּנְטֶערְשְׁטְן טָאג זָאלְסְטוּ שׁוֹין מֶעגְן עֶסְן. נָאר זָאלְסְט נִישְׁט שְׁלָאפְן. אוּן זָאלְסְט קֵיין וַויין נִישְׁט טְרִינְקֶען כְּדֵי דוּ זָאלְסְט נִישְׁט שְׁלָאפֶן, וָוארְן (ווַייל) דֶער עִיקָר אִיז דֶער שְׁלָאף. אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט אַזוֹי גֶעטָאן.

---

## נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן

אוּן אִיז אַהִין גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט זִי גֶעפוּנֶען דָארְט, אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט דוּרְךְ אַסַאךְ יָארְן אוּן מֶען שְׁלָאפְט, מֶען פַארְגֶעסְט אִינְגַאנְצְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, טָאר מֶען אָבֶּער נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, מֶען הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף אוּן מֶען גֵייט וַוייטֶער זוּכְן דִי נְשָׁמָה, אוּן וֶוען מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, מֶען לָאזְט נִישְׁט אָפּ דֶעם רָצוֹן, "אֲפִילוּ אִיךְ זֶעה אוֹיס ווִי אַזוֹי אִיךְ זֶעה אוֹיס, ווַייל אִיךְ נָאךְ אַלְץ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אִיךְ גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף", דֶעמָאלְט'ס וֶועט מֶען צוּם סוֹף טְרֶעפְן דִי נְשָׁמָה אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

פוּן אֵיין טָאג וֶועגְן הָאסְטוּ אָנְגֶעוָוארְן (פַארְלוֹירְן), דֶער אֵיין טָאג דָאס אִיז יֶעדְן טָאג, ווִי דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רע"ב) אַז אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן נָאר אוֹיף דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, וַוייל יֶעדֶע טָאג אִיז אַ נֵייעֶ פְרִישֶׁע זַאךְ, אוּן מֶען קֶען יֶעדְן טָאג אָנְהֵייבְּן פוּן נַיי, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק ווִי אַזוֹי דוּ הָאסְט זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט נֶעכְטְן, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס דוּ וֶועסְט טוּהן מָארְגְן, דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג פְּרוּבִיר אוֹיסְצוּנִיצְן צוּם גוּטְן אוּן אַרַיינְכַאפְּן תּוֹרָה וּמִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן דֶערְפַאר זָאגְט דִי נְשָׁמָה צוּם מֶענְטְשׁ, אַז עֶס אִיז אַ שָׁאד וָואס דוּ הָאסְט דִיךְ נִישְׁט פְרִישׁ בַּאנַייט יֶעדְן טָאג.

לוּשְׁמִיר (אָבֶּער) נִישְׁט צוּ עֶסְן אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶועֶרֶע זַאךְ. דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נִישְׁט מַאכְן קַיין אֵייגֶענֶע תַּעֲנִיתִים, מֶען זָאל נִישְׁט פַאסְטְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר זָאל ווִיסְן אִין זַיינֶע אִינְגֶע יָארְן דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעפַאסְט, אוּן עֶר וָואלְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי מְסַגֵּף גֶעוֶוען דֶעם גוּף, עֶר וָואלְט נָאר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר זָאגְט דִי נְשָׁמָה צוּם מֶענְטְשׁ אַז עֶר דַארְף מֶער נִישְׁט פַאסְטְן.

בִּפְרַט דֶעם אוּנְטֶערְשְׁטְן טָאג. דֶעמָאלְט אִיז זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע זֵייעֶר מִתְגַּבֵּר, אַזוֹי אַרְבֶּעט דֶער יֵצֶר הָרַע וֶוען עֶר זֶעהט אַז דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט שׁוֹין נָאנְט צוּ זַיין שְׁלֵימוּת אִיז עֶר זִיךְ זֵייעֶר מִתְגַּבֵּר אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ.

נָאר זָאלְסְט נִישְׁט שְׁלָאפְן. אוּן זָאלְסְט קֵיין וַויין נִישְׁט טְרִינְקֶען כְּדֵי דוּ זָאלְסְט נִישְׁט שְׁלָאפֶן, וָוארְן (ווַייל) דֶער עִיקָר אִיז דֶער שְׁלָאף. דִי נְשָׁמָה זָאגְט פַארְן מֶענְטְשׁ אַז דֶער עִיקָר אִיז אַז דֶער מֹחַ זָאל נִישְׁט שְׁלָאפְן, אַז דֶער מֹחַ זָאל זַיין אוֹיף אוּן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט'ס וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען זַיין נְשָׁמָה פוּן גֶעפֶענְגֶענִישׁ, אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(פָּארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה)

(נהרי אפרסמון - תוך הנחל יתרו תשנ"א)

# דֶער זֶעלְבֶּער מֶענְטְשׁ,
# אִין אַ בֶּעסֶערֶע גִּיסְטֶע...

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"עַ הָאט אַמָאל אַרוֹיס גֶעשִׁיקְט זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן אוֹיפְזוּכְן דֶעם וַואסֶער טְרֶעגֶער פוּן שְׁטָאט אוּן אִים פְרֶעגְן וָואס עֶר מַאכְט.

זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעטוּהן, זֵיי הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט דֶעם וַואסֶער טְרֶעגֶער: "וָואס מַאכְסְטוּ? וִוי אַזוֹי גֵייט עֶס דִיר?" דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער הָאט זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיר זֶעהט דָאךְ אַלֵיין וָואס אִיךְ מַאךְ, אִיךְ בִּין אַ צוּבְּרָאכֶענֶער מֶענְטְשׁ, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר בִּיטֶער, אִיךְ דַארְף יֶעדְן טָאג שְׁלֶעפְּן אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע אַמְפֶּער'ס וַואסֶער, אוּן אִיךְ בִּין שׁוֹין אַן אַלְטֶער אִיד עֶס אִיז נִישְׁט פַאר מַיינֶע כּוֹחוֹת, אוּן פוּן אַזוֹיפִיל שְׁלֶעפְּן וַואסֶער אִיז שׁוֹין מַיין רוּקְן אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעדְרֵייט, אוּן נָאכְדֶערְצוּ וֶוען עֶס קוּמְט וִוינְטֶער דַארְף אִיךְ מִיךְ שְׁלֶעפְּן אִין דִי בִּיטֶערֶע קֶעלְט, אוּן אַרוֹיף שְׁלֶעפְּן דִי וַואסֶער דִי אַלֶע טְרֶעפּ פַאר יֶעדֶע הוֹיז, אוּן וָואס מַאךְ אִיךְ שׁוֹין פוּן דִי גַאנְצֶע זַאךְ? נִישְׁט מֶער וִוי עֶטְלִיכֶע פְּרוּטוֹת" עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְבִּיטֶערְט אוֹיף זַיין שְׁוֶוערֶע מַצָּב, דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן אִים מְחַזֵק גֶעוֶוען, אוּן זֶענֶען אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן אִים.

אַ טָאג שְׁפֶּעטֶער זָאגְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב נָאכְאַמָאל פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן נָאכְאַמָאל גֵיין צוּם זֶעלְבְּן וַואסֶער טְרֶעגֶער אוּן אִים פְרֶעגְן וָואס עֶר מַאכְט, דִי תַּלְמִידִים פְרֶעגְן נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת נָאר זֵיי גֵייעֶן נָאכְאַמָאל אַרִיבֶּער צוּם וַואסֶער טְרֶעגֶער אוּן פְרֶעגְן אִים: "וָואס מַאכְט אִיר? וִוי אַזוֹי גֵייט עֶס דִיר?" הַיינְט הָאט עֶר שׁוֹין גֶערֶעדְט גָאר אַנְדֶערְשׁ, עֶר זָאגְט זֵיי: "בָּרוּךְ ה' גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶס גֵייט מִיר זֵייעֶר גוּט, קוּקְט'ס נָאר אִיךְ בִּין שׁוֹין אַן אַלְטֶער אִיד אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאבּ אִיךְ נָאךְ כֹּחַ צוּ שְׁלֶעפְּן וַואסֶער, דָאס אִיז דָאךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חֶסֶד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פוּן אַזוֹיפִיל שְׁלֶעפְּן וַואסֶער הָאט זִיךְ שׁוֹין מַיין רוּקְן אַזוֹי שֵׁיין אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט מַמָּשׁ צוּ קֶענֶען הַאלְטְן דִי וַואסֶער, אוּן בָּרוּךְ ה' אִיךְ פַארְדִין נָאךְ עֶטְלִיכֶע פְּרוּטוֹת אִין דִי זַייט, וָואס קֶען אִיךְ שׁוֹין פַארְלִירְן?" אַזוֹי הָאט עֶר גֶערֶעדְט פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, פּוּנְקְט פַארְקֶערְט פוּן אַ טָאג פְרִיעֶר.

וֶוען דִי תַּלְמִידִים זֶענֶען צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "דָאס הָאבּ אִיךְ עֶנְק גֶעוָואלְט וַוייזְן, אַז דִי בְּחִירָה אִיז בַּיי דֶעם מֶענְטְשׁ אִין דִי הַאנְט וִוי אַזוֹי עֶר זָאל קוּקְן אוֹיף זַיין לֶעבְּן, עֶס קֶען זַיין דֶער זֶעלְבֶּער מֶענְטְשׁ מִיט דִי זֶעלְבֶּע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן אוֹיבּ עֶר וִויל קוּקְט עֶר אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים פוּן זַיין לֶעבְּן אוּן עֶר דְרֵייט זִיךְ אַרוּם טְרוֹיעֶרִיג, אוּן אוֹיבּ עֶר וִויל זוּכְט עֶר אוֹיף דִי חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ אִין זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן אַזוֹי הָאט עֶר אַ פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ תשנ"א לפ"ק)

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

### יארצייט סעודה פון רבי נתן זצוק"ל פארגעקומען מוצש"ק ביי מוהרא"ש שליט"א

דעם מוצאי שבת קודש זענען זיך אנשי שלומינו צוזאם געקומען צו די יארצייט סעודה פון רבי נתן זצוק"ל וואס איז פארגעקומען ביי מוהרא"ש אין בית המדרש.

מען האט געזונגען אינאיינעם די זמירות למוצאי שבת, און דערנאך האבן מיר זוכה געווען צו הערן דברות קודש פון מוהרא"ש איבער די גרויסקייט פון רבי נתן, וואס דער רבי האט געזאגט אויף רבי נתן אז ער איז דער איינציגסטער וואס פארשטייט אים, און דערפאר האבן מיר נאר די דיבורים פון רבי נתן וואס לערנט אונז וואס דער רבי האט געוואלט ולאורו נסע ונלך, און מען זעהט טאקע אז די עטליכע דיבורים וואס רבי נתן האט אפגעשריבן אין חיי מוהר"ן אז דער רבי האט געוואלט אז מען זאל קומען צו אים אויף ראש השנה אפילו לאחר פטירתו האט געמאכט אזא רושם אז היינט צו טאג'ס קומען שוין יעדע יאר צענדליגע טויזנטער אידן אויף ראש השנה אין אומן.

אויך האט מוהרא"ש ארום גערעדט אז רבי נתן איז געווען א גרויסער חידוש אין מלמד זכות זיין אויף אידן, און מוהרא"ש האט גערעדט אז מיר דארפן זיך אויך פון דעם אפלערנען נאר צו זוכן די גוטע חלק פון יעדן איד, און נישט זוכן יענעם'ס חסרונות, און דאס אלעס הייבט זיך אן ביים מענטש אליינ'ס, אויב קוקט ער נאר דאס גוט'ס ביי זיך אליינ'ס, ער זוכט נישט נאר זיך אראפצוקלאפן, ער איז צופרידן מיט זיך, דעמאלט'ס וועט ער יענעם אויך נישט אראפקלאפן, אבער איינער וואס איז נישט צופרידן מיט זיך אליינ'ס, ער איז ברוגז אויף זיך אליינ'ס, דעמאלט'ס וועט ער ביי יענעם אויך זעהן נאר שלעכט'ס.

דערפאר דארף מען זיך צוגעוואוינען צו קוקן נאר דאס גוט'ס סיי ביי זיך און סיי ביי יענעם, און אזוי וועט מען האבן א גליקליך לעבן.

דערנאך האט מען געבענטשט ברכת המזון, און דער עולם איז אהיים געגאנגען מיט פרישע קבלות זיך צו שטארקן אין די הייליגע לימודים פון רבי'ן אזוי ווי רבי נתן האט עס איבערגעגעבן.

**תורתו מגן לנו הוא מאירת עינינו!**

***

### אנשי שלומינו גרייטן זיך צו פרייען אויף נאך א חתונה פון אן אייניקל פון מוהרא"ש קומענדע וואך

**דער חתן א זוהן פון הרה"ח מו"ה משה עסטרייכער שליט"א חדב"ן**

נאך די געהויבענע חתונה ביי אן אייניקל פון מוהרא"ש שליט"א די פארלאפענע וואך, גרייט מען זיך שוין צו די קומעדיגע חתונה פון נאך אן אייניקל בשעה טובה ומצלחת.

דעם קומענדיגען מיטוואך פרשת שמות וועט גיין אונטער די חופה החתן אליהו נ"י בן הרה"ח מו"ה משה אסטרייכער שליט"א חדב"ן, עב"ג די כלה א טאכטער פון הרה"ח מו"ה מרדכי אלימלך הלוי וואזנער שליט"א א זוהן פון הגאון האדיר פוסק הדור בעל שבט הלוי שליט"א.

די חתונה וועט פארקומען אין די זאל פון עטרת גאלדא אין בארא פארק, אנשי שלומינו וועלן קומען מיט בגדי שבת צו די חתונה צו די שמחת חתן וכלה אום 9:30 און זיך מיטפרייען מיט די געהויבענע שמחה.

**קול רנה וישועה באהלי צדיקים!**

## מזלא טבא וגדיא יאה

מיר וואונטשן א הארציגן מזל טוב פאר

מו"ה **אשר יעקב בלום** הי"ו

צו די געבורט פון זיין מיידעלע למזל טוב בשטו"מ

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט, אמן

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגן מזל טוב פאר

החתן **ישראל קרויס** נ"י

צו זיין שמחת התנאים למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קיימא, און ער זאל האבן דורות ישרים ומבורכים מיט שמחה ונחת א גאנץ לעבן

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**
**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב ווילאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**

הדלקת הנרות.................4:24
מוצש"ק.................5:56
סוף זמן ק"ש.................9:04

**שיעורים כסדרן**

בבלי.................שבת צ"ד
ירושלמי.................נדרים י"ב
תוספתא.................ערכין פרק ד'


פרשת שמות, כ"ג טבת, מברכים חודש שבט, שנת תשע"ג לפ"ק

שנה 2, גליון 14 (64)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַבָּאִים מִצְרָיְמָה אֵת יַעֲקֹב אִישׁ וּבֵיתוֹ בָּאוּ**, דֶער פָּסוּק הֵייבְּט אָן מִיטְן נָאמֶען "**יִשְׂרָאֵל**", אוּן עֶר זָאגְט "**הַבָּאִים**" - "זֵיי קוּמֶען", אוּן דֶער פָּסוּק עֶנְדִיגְט מִיטְן נָאמֶען "**יַעֲקֹב**", אוּן עֶר זָאגְט "**בָּאוּ**" - "זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעקוּמֶען".

דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דֶער פָּסוּק הֵייבְּט אָן מִיט אֵיין לָשׁוֹן, אוּן עֶר עֶנְדִיגְט מִיט אַ צְוֵוייטֶע לָשׁוֹן?

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן רס"א) אַז וֶוען אַ אִיד פַאלְט אַרָאפּ פוּן זַיין עֲבוֹדַת ה', דַארְף עֶר וִויסְן אַז דָאס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס הָאט דָאס גֶעמַאכְט אַז דֶער אִיד זָאל זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן, אוּן אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל מִיט אַ פְרִישְׁקַייט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר טָאר מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן, נָאר וֶוען מֶען זֶעהט אַז מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, הֵייבְּט מֶען זִיךְ אוֹיף, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן "**פוּן יֶעצְט**" צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן כ"א) אַז דֶער נָאמֶען "**יִשְׂרָאֵל**" גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אַ הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה.

דֶערְפַאר הֵייבְּט דֶער פָּסוּק אָן, **וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי "יִשְׂרָאֵל" "הַבָּאִים" מִצְרָיְמָה**, דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הֵייסְן "**יִשְׂרָאֵל**", אַ הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה, וֵוייסְן אַז זֵיי הַאלְטְן אִין אֵיין קוּמֶען קַיין מִצְרַיִם, זֵיי פַאלְן אַרָאפּ, אוּן הֵייבְּן נָאכְאַמָאל אָן פוּן פְרִישׁ, אוּן פַאלְן נָאכְאַמָאל, אוּן הֵייבְּן זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיף, אוּן זֵיי וֶוערְן נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, וַוייל זֵיי וֵוייסְן אַז אַזוֹי מוּז עֶס גֵיין, אַז מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ.

ווידֶער זָאגְט דֶער פָּסוּק, **אֵת "יַעֲקֹב" אִישׁ וּבֵיתוֹ "בָּאוּ"**, דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הֵייסְן "**יַעֲקֹב**" אַ קְלֶענֶערֶע מַדְרֵיגָה, בַּיי זֵיי אִיז "**בָּאוּ**", זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעקוּמֶען אוֹיף מִצְרַיִם, וֶוען זֵיי פַאלְן אַרָאפּ, בְּלַייבְּן זֵיי שׁוֹין לִיגְן, אוּן הֵייבְּן זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף, וַוייל זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט אַז עֶס מוּז אַזוֹי זַיין, אַז מֶען פַאלְט, אוּן מֶען הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף.

דֶערְפַאר דַארְף אַ אִיד זִיךְ שְׁטֶענְדִיג שְׁטַארְקְן, אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן גָארְנִישְׁט, אוֹיבּ מֶען הָאט אַ דוּרְכְפַאל, הֵייבְּט מֶען זִיךְ אוֹיף, אוּן מֶען גֵייט וַוייטֶער אָן.

(זֹאת הַתּוֹרָה שְׁמוֹת א)

***

**וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**, דֶער בַּעַל הַטּוּרִים זָאגְט אַז דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען רָאשֵׁי **תֵּיבוֹת וְ'אָדָם אַ'שֶׁר לְ'וֹמֵד הַ'סֵּדֶר שְׁ'נַיִם מִ'קְרָא וְ'אֶחָד תַּ'רְגּוּם בְּ'קוֹל נָ'עִים יָ'שִׁיר יִ'חְיֶה שָׁ'נִים רַ'בּוֹת אַ'רוּכִים לְ'עוֹלָם**, אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (ברכות ח.) **לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד**

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

## ~ שׁוֹבָבִי"ם ~

מִיר גֵייעֶן יֶעצְט אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם, וָואס דִי זֶעקְס וָואכְן פוּן שׁוֹבָבִי"ם, שְׁ'מוֹת וָ'אֵרָא בּ'א בְּ'שַׁלַּח יִ'תְרוֹ מִ'שְׁפָּטִים זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָל צוּ פַארֶעכְטְן אַלֶע עֲבֵירוֹת, דִי וָואכְן אִיז גָאר גְרִינְג אַז אַ אִיד זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען אַ אִיד זָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהְן דָאס אוּן דָאס, אִיךְ הָאבּ מִיר נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי מֶען דַארְף, אוּן אִיךְ וִויל תְּשׁוּבָה טוּהְן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּ דִיר", אוֹיף דֶעם וֶועג קֶען מֶען זֵייעֶר גְרִינְג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס זֶענֶען גֶעוֶועןְ צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט צוּ פַאסְטְן תַּעֲנִיתִים אִין דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם, כְּדֵי צוּ פַארֶעכְטְן אַלֶע שְׁלֶעכְט'ס, אָבֶּער מִיר אִין דִי הַיינְטִיגֶע שְׁוַואכֶע דוֹרוֹת קֶענֶען נִישְׁט פַאסְטְן, דַארְפְן מִיר כָאטְשׁ טוּהְן וָואס מֶען קֶען יָא, צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### הַיינְט דַארְף מֶען נִישְׁט פַאסְטְן

אוּן בֶּאֱמֶת וֶוען מֶען קוּקְט אַרַיין אִין "שַׁעַר הַגִּלְגּוּלִים" פוּן אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ וָואס עֶר שְׁרַייבְּט דָארְט וִויפִיל תַּעֲנִיתִים אַ מֶענְטְשׁ דַארְף פַאסְטְן פַאר יֶעדֶע עֲבֵירָה וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן, זֶעהט מֶען אַז עֶס אִיז מַמָשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ עֶס אוֹיסְצוּפִירְן, וַוייל עֶס זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט דָא גֶענוּג טֶעג אִינֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, צוּ קֶענֶען פַאסְטְן אַזוֹיפִיל.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן דִי וֶוערְטֶער וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד' הֲלָכָה ח') "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילּוּ לֹא חֲטָאתֶם מִימֵיכֶם", וֶוען אַ אִיד אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ אַז עֶר גֵייט לֶערְנֶען תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּהְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן, רֶעכְנְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו,** אַ מֶענְטְשׁ זָאל יֶעדֶע וָואךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, וַוייל וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה, וֶועט לֶעבְּן לַאנְגֶע יָארְן.

דַארְף מֶען אָבֶּער פַאַרְשְׁטֵיין, וִוי קוּמְט עֶס אַרַיין אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, פַּארְוָואס הָאט דִי תּוֹרָה פּוּנְקְט דָא מְרַמֵז גֶעוֶוען, אַז מֶען דַארְף מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין?

זָאגְט מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן י"ט) אַז מִיטְן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, פַארֶעכְט מֶען דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן "פְּגַם הַבְּרִית", אוּן וִוי בַּאקַאנְט זֶענֶען דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם, סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָל צוּ אַלֶעם פַארֶעכְטְן, דֶערְפַאר וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, וָואס דֶעמָאלְט'ס הֵייבְּן זִיךְ אָן דִי שׁוֹבָבִי"ם טֶעג, אִיז דִי תּוֹרָה מְרַמֵז, אַז מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין, אוּן מִיט דֶעם וֶועט מֶען אַלֶעם פַארֶעכְטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה שְׁמוֹת ב)

***

**וְכַאֲשֶׁר יְעַנּוּ אֹתוֹ כֵּן יִרְבֶּה וְכֵן יִפְרֹץ,** מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן ק"ע) אַז וִוי גְרֶעסֶער אוּן חָשׁוּב'עֶר אַ מֶענְטְשׁ אִיז, אַלְץ מֶער לַיידְט עֶר יִסוּרִים, אוּן דִי יִסוּרִים בְּרֶענְגֶען אִים נָאנְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעם קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט'ס וֶוען מֶען הָאט צָרוֹת דֶערְצֵיילְט מֶען עֶס פַאֲרְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען וֶוערְט מִיט דֶעם נָאנְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְכַאֲשֶׁר יְעַנּוּ אֹתוֹ כֵּן יִרְבֶּה וְכֵן יִפְרֹץ,** וִוי מֶער מֶען הָאט גֶעפַּיינִיגְט דִי אִידְן אַלְץ גְרֶעסֶער אוּן חָשׁוּב'עֶר זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן, דָאס הָאט זֵיי נָאנְטֶער גֶעבְּרֶענְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט וַוייטֶער, **וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מִן הָעֲבֹדָה וַיִּזְעָקוּ וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל הָאֱלֹהִים מִן הָעֲבֹדָה,** אַז זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, תשנ"א)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

דֶערְפַאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי תּוֹרָה, וּבִפְרַט וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן, וָואס מִיט דֶעם וֶועג קֶען מֶען אַדוּרְךְ גֵיין אַלֶע חֲלָקִים פוּן דִי תּוֹרָה, דֶעמָאלְט'ס וֶועט דִי תּוֹרָה אִים אוֹיסְוַואשְׁן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְט'ס, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים בִּכְלַל נִישְׁט רֶעכֶענֶען אַז עֶר הָאט אַמָאל גֶעזִינְדִיגְט.

אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט מִיט רֶבִּי נָתָן אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה אַז עֶס וַואשְׁט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת, אוּן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְט'ס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "דָאס אִיז אוֹיךְ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן, וָואס דָאס אִיז גָאר אַ הַארְבֶּע עֲבֵירָה?" הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי גֶעבֵּייזֶערְט אוֹיף אִים אוּן אִים אָנְגֶעשְׁרִיגְן: "דוּ וֵוייסְט דֶען וָואס תּוֹרָה אִיז? 'בְּרִית בִּיסוֹד וְאוֹרֵייתָא בְּתִפְאֶרֶת'" דָאס מֵיינְט אַז תּוֹרָה אִיז נָאךְ גְרֶעסֶער אוּן עֶס הָאט דֶעם כֹּחַ אָפְּצִיוַואשְׁן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת.

דִי תּוֹרָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט טוּישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן, עֶר וֶוערְט אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ מִיט גָאר אַנְדֶערֶע רְצוֹנוֹת אוּן שְׁאִיפוֹת, עֶס שְׁלֶעפְּט אִים אַרוֹיס פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעוואוֹינְהַייטְן, אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אִים נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### אוּן דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט פוּן דֶעם?

וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א הָאט גֶערֶעדְט דֶעם אוֹיבְן דֶערְמַאנְטֶע שְׁמוּעֶס, הָאט אֵיינֶער גֶעפְרֶעגְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אַז לִכְאוֹרָה הָאט דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ אוֹיךְ גֶעווּאוּסְט פוּן דֶעם יְרוּשַׁלְמִי אַז וֶוען מֶען נֶעמְט אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל תּוֹרָה רֶעכְנְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כְּאִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט נָאךְ דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף פַאסְטְן אַזוֹי פִיל תַּעֲנִיתִים אוֹיף יֶעדֶע עֲבֵירָה?

הָאט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף דֶעם: "זֶעהְט אוֹיס אַז דֶעמָאלְט'ס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען דִי צַייט אַז דֶעם רֶבִּי'נְס לִימוּדִים זָאלְן שׁוֹין אַרַיינְגֵיין אִין דִי וֶועלְט" דָאס מֵיינְט דֶער וֶועג וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעטְרֶעטְן מִיטְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, וִוי מֶען קֶען אוֹיף אַ גְרִינְגֶע וֶועג אַדוּרְךְ לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דִי וֶועג פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת וִוי יֶעדֶער אִיד קֶען זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן פַאֲרְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דְרוּקְט אִים אוּן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן, אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אָבֶּער אַזוֹי וִוי דֶעמָאלְט'ס אִיז נָאכְנִישְׁט נִתְגַלֶה גֶעוָוארְן דֶעם רֶבִּי'נְס לִימוּדִים דֶערְפַאר הָאט דֶעמָאלְט'ס דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ גֶעדַארְפְט גֶעבְּן אַזֶעלְכֶע תִּקּוּנִים פוּן שְׁוֶוערֶע תַּעֲנִיתִים.

אָבֶּער יֶעצְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע לִימוּדִים, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ בֶּאֱמֶת אַרַיינְלֵייגְן אִין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, וֶועט דָאס אִים אַלֶעס פַארֶעכְטְן, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן אִין לֶעבְּן, זַאכְן וָואס עֶר זִיךְ הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט פָארְגֶעשְׁטֶעלְט.

### יָא דוּ קֶענְסְט אוֹיךְ!

מֶענְטְשְׁן קוּקְן עֶס אָן וִוי אַן אוּמְמֶעגְלִיכֶע זַאךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קֶענֶען דוּרְךְ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ, אָבֶּער מִיטְן רֶבִּי'נְס דֶרֶךְ הַלִּימוּד, קֶען יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם, דִי חֲזַ"ל זָאגְן אַז פַאר אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן לֶערְנְט מֶען מִיט אִים דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אוּן דֶערְנָאךְ קוּמְט אַ מַלְאָךְ אוּן גֶעבְּט אִים אַ שְׁנֶעלְקֶע אוּן עֶר פַארְגֶעסְט אַלֶעס, שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ פְרַאגֶע אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט סַיי וִוי אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, פַּארְוָואס הָאט מֶען בִּכְלַל גֶעדַארְפְט לֶערְנֶען מִיט אִים, נָאר דָאס וַוייזְט אוּנְז אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ דֶעם כֹּחַ אַדוּרְךְ צוּ לֶערְנֶען בְּמֶשֶׁךְ זַיין לֶעבְּן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט פַארְגֶעסְן, אוּן דָאס קֶען יֶעדֶער זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן.

דָאס קֶען זַיין מְרוּמָז אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן חֲזַ"ל (בָּבָא מְצִיעָא ק"ז.) בָּרוּךְ אַתָּה בְּבֹאֶךָ וּבָרוּךְ אַתָּה בְּצֵאתֶךָ, אַזוֹי וִוי דוּ בִּיזְט גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט אָן עֲבֵירוֹת אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוֹיךְ אַרוֹיס גֵיין פוּן דִי וֶועלְט אָן עֲבֵירוֹת, קֶען זַיין דֶער פְּשַׁט, אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נֶעמֶען דָאס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּהן בְּשַׁעַת דוּ בִּיזְט אַרָאפּ גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס דֶעמָאלְט'ס הָאסְטוּ דָאךְ גֶעלֶערְנְט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט

המשך בדף ג

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

דָאס אוֹיךְ טוּהן בְּמֶשֶׁךְ דַיין לֶעבְּן, דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, דֶעמָאלְט'ס וֶועסְטוּ טַאקֶע אוֹיךְ אַרוֹיס גֵיין פוּן דִי וֶועלְט אָן קַיין עֲבֵירוֹת, וַוייל דִי תּוֹרָה וֶועט דִיךְ אָפְּוַואשְׁן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְט'ס.

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זְכוּת אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דֶעם דֶרֶךְ הַלִימוּד, אַז מֶען מוּז נִישְׁט אֵייבִּיג לֶערְנֶען אַזוֹי בְּעִיוּן, מֶען קֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען אוֹיף אַ לַייכְטֶע וֶועג, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מֶען זָאגְט נָאר דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה אִיז עֶס אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב, וַוייל אַזוֹי קֶען מֶען אוֹיסְנִיצְן שְׁטֶענְדִיג דִי צַייט, אַמָאל לֶערְנְט מֶען גְּמָרָא, אַמָאל חוּמָשׁ רַשִׁ"י אַמָאל תַּנַ"ךְ אוּן אַמָאל זָאגְט מֶען תְּהִלִים, אָבֶער וֶוען מֶען וֵוייסְט נִישְׁט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַלִימוּד, מֵיינְט מֶען אַז נָאר אוֹיבּ מֶען קֶען זִיךְ אַוֶועק זֶעצְן לֶערְנֶען בְּעִיוּן מִיטְן גַאנְצְן קָאפּ אוּן מֹחַ, נָאר דֶעמָאלְט'ס הָאט מֶען עֶפֶּעס אוֹיפְגֶעטוּהן, אוּן דֶערְפַאר וֶוען עֶס קוּמְט אַ צַייט וֶוען מֶען קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען בְּעִיוּן פַארְבְּרֶענְגְט מֶען דִי צַייט מִיט נַארִישְׁקַייטְן, אָבֶער מִיטְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד אִיז מֶען שְׁטֶענְדִיג פַּארְנוּמֶען מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

### אָט הָאט אִיר אַ דוּגְמָה...

אֵיינְמָאל אִיז מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען אִין פָּארְנְט פוּן זַיין הוֹיז, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהן אוֹיפְ'ן גַאס זִיצְן אַ אִינְגֶערְמַאן מִיט עֶ"ר פָּאוּנְ"ס אִין אוֹיעֶר, הַאלְטְנְדִיג אִינְמִיטְן הֶערְן רֶעדִיאָ, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ זִיךְ אָנְגֶערוּפְן פַאר דִי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען: "אָט הָאט אִיר אַ דוּגְמָה וְוִי אַזוֹי עֶס זֶעהט אוֹיס אֵיינֶער וָואס וֵוייסְט נִישְׁט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַלִימוּד, קוּקְט וְוִי אַ אִינְגֶערְמַאן מִיט בָּארְד אוּן פֵּאוֹת הָאט נִישְׁט בֶּעסֶער'ס וָואס צוּ טוּהן מִיט דִי צַייט נָאר זִיצְן אוֹיפְ'ן גַאס אוּן הֶערְן אַלֶע נַארִישְׁקַייטְן, אוּן עֶס פַאלְט אִים נִישְׁט אֵיין אַז עֶר קֶען נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת אָדֶער אַן אַנְדֶער סֵפֶר אִין דִי הַאנְט אַרַיין" זֶעהט אִיר כָּאטְשׁ וְוִי גְלִיקְלִיךְ מִיר זֶענֶען אַז מִיר וֵוייסְן פוּנֶעם רֶבִּי'ן אוּן פוּן זַיין דֶרֶךְ הַלִימוּד אוּן אַזוֹי קֶענֶען מִיר אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט וְוִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

לָאמִיר זִיךְ טַאקֶע נִישְׁט לָאזְן נַארְן, נָאר זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ דִי הַבְטָחָה פוּן חֲזַ"ל "מַעֲלָה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִימֵיכֶם", מִיר וֶועלְן מִיט דֶעם אַלֶעס פַארֶעכְטְן, אָמֵן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י"ד עֶרֶךְ שׁוֹבָבִ"ים,
וְחֵלֶק ו' עֶרֶךְ לִימוּד)

## סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת

### מַעֲשֶׂה א' מֵאֲבֵידַת בַּת הַמֶּלֶךְ

#### פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר

דֶעם אוּנְטֶערְשְׁטְן (לֶעצְטְן) טָאג אִיז עֶר אַהִינְגֶעגַאנְגֶען. הָאט עֶר גֶעזֶען אַ קְוַואל גֵיין. אוּן דִי מַרְאֶה פוּן דֶעם קְוַואל אִיז גֶעוֶוען רוֹיט. אוּן דֶער רֵיחַ אִיז גֶעוֶוען פוּן וַויין. הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְשָׁרֵת הָאסְטוּ גֶעזֶען. דָאס אִיז אַ קְוַואל (קֶער צוּ זַיין אִין אִים וַואסֶער) אוּן דִי מַרְאֶה אִיז רוֹיט. אוּן דֶער רֵיחַ אִיז פוּן וַויין. אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט עֶפֶּעס פַארְזוּכְט פוּן דֶעם קְוַואל. אִיז עֶר תֵּיכֶּף אַנִידֶערְגֶעפַאלְן אוּן הָאט גֶעשְׁלָאפְן כַּמָּה שָׁנִים זִיבֶּעצִיק יָאר.

זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אַסַאךְ חַיָילוֹת מִיט דִי אוֹבַאזִין וָואס גֵייעֶן זֵיי נָאךְ. אוּן דֶער מְשָׁרֵת הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן פַאר דִי חַיָילוֹת. נָאךְ דֶעם אִיז גֶעגַאנְגֶען אַ קַארֶעטֶע אוּן דָארְט אִיז גֶעזֶעסְן דִי בַּת מֶלֶךְ. הָאט זִי זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט לֶעבְּן אִים. אוּן אִיז אַרָאפּ גֶעגַאנְגֶען. אוּן הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט לֶעבְּן אִים. אוּן הָאט אִים דֶערְקֶענְט. אוּן הָאט אִים זֵייעֶר גֶעוֶועקְט. עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער נִיט גֶעקֶענְט דֶערְוֶועקְן, הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קְלָאגְן אוֹיף אִים. בַּאֲשֶׁר אַזוֹי פִיל אוּן אַזוֹי פִיל יְגִיעוֹת אוּן טֶרְחוֹת. אַזוֹי פִיל יָארְן וָואס דוּ מוּטְשֶׁעסְט דִיךְ אוּן הָארֶעוֶועסְט אַזוֹי לַאנְג כְּדֵי אַז דוּ זָאלְסְט מִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען, אוּן פוּן אֵיין טָאג וֶועגְן וָואס דוּ הָאסְט גֶעקָאנְט מִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען. הָאסְטוּ גָאר אָנְגֶעוָוארְן. אוּן זִי הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט. זִי הָאט גֶעזָאגְט: עֶס אִיז אַ גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיר אוּן אוֹיף מִיר. אַזוֹי א לַאנְגֶע צַייט וָואס אִיךְ בִּין דָא. אוּן קָאן נִיט אַרוֹיס וְכוּ'.

## נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן

דֶעם אוּנְטֶערְשְׁטְן (לֶעצְטְן) טָאג אִיז עֶר אַהִינְגֶעגַאנְגֶען. הָאט עֶר גֶעזֶען אַ קְוַואל גֵיין. נָאךְ אַ גַאנְץ יָאר פוּן בֶּענְקְן אוּן הָאפְן צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע זֵייעֶר פַארְלֵייגְט אוֹיף אִים, אוּן אִים אוּנְטֶער גֶעשְׁטֶעלְט נִסְיוֹנוֹת אִים אַוֶועק צוּ נֶעמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הָאסְטוּ גֶעזֶען. דָאס אִיז אַ קְוַואל (קֶער צוּ זַיין אִין אִים וַואסֶער) אוּן דִי מַרְאֶה אִיז רוֹיט אוּן דֶער רֵיחַ אִיז פוּן וַויין. אַזוֹי טוּט דֶער יֵצֶר הָרַע, עֶר שְׁטֶעלְט אוּנְטֶער אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן, צוּ מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ נַייגֶערִיג, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט: "לָאמִיר נָאר גֶעבְּן אַ קוּק וָואס דָאס אִיז" אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז דָאס אִיז אַ נֶעץ וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט אִים אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אִים אַרַיין צוּ כַאפְּן אִין זַאק אַרַיין, אוּן אִים אַוֶועק נֶעמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט עֶפֶּעס פַארְזוּכְט פוּן דֶעם קְוַואל. אִיז עֶר תֵּיכֶּף אַנִידֶערְגֶעפַאלְן אוּן הָאט גֶעשְׁלָאפְן כַּמָּה שָׁנִים זִיבֶּעצִיק יָאר. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לָאזְט זִיךְ פַארְפִירְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, עֶר פַאלְט דוּרְךְ מִיט עֲבֵירוֹת, וֶוערְט זַיין מֹחַ פַארְשְׁלָאפְן, עֶר טְרַאכְט שׁוֹין נִישְׁט גְלַייךְ, עֶר טְרַאכְט שׁוֹין נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר קֶען אַזוֹי אָפְּשְׁלָאפְן דִי גַאנְצֶע זִיבֶּעצִיג יָאר, אֲפִילוּ אִין דִי צַייט לֶערְנְט עֶר אוּן עֶר דַאוֶוענְט, אָבֶער אַלֶעס אִיז פַארְשְׁלָאפֶענֶערְהֵייט, אָן קַיין גֶעשְׁמַאק, אָן קַיין חַיוּת, עֶר פִיהלְט נִישְׁט קַיין סִפּוּק אִין זַיין לֶעבְּן, עֶס אִיז אִים זֵייעֶר בִּיטֶער, וַוייל וֶוען מֶען טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער.

זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אַסַאךְ חַיָילוֹת מִיט דִי אוֹבַאזִין וָואס גֵייעֶן זֵיי נָאךְ. זֵיי הָאבְּן גֶעטְרָאגְן דִי נְשָׁמָה, דֶער ס-מ שְׁטֶעלְט צוּ אַסַאךְ סָאלְדַאטְן אַז זֵיי זָאלְן אָפְּהִיטְן דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם אִיד, אַז עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס גְלִיטְשְׁן פוּן זֵייעֶרֶע הֶענְט.

אוּן דֶער מְשָׁרֵת הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן פַאר דִי חַיָילוֹת. דֶער מְשָׁרֵת אִיז דֶער גוּף, אִינְצְוִוישְׁן וְוִי לַאנְג דִי נְשָׁמָה פוּן אַ אִיד שְׁלָאפְט, גֵייט אִיבֶּער אוֹיפְ'ן גוּף אַסַאךְ צָרוֹת יִסוּרִים, אָבֶער עֶר שְׁלָאפְט, עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אִים אִים אוֹיפְוֶועקְן, וַוייל זַיין מֹחַ שְׁלָאפְט אַ טִיפְן שְׁלָאף.

אוּן הָאט אִים זֵייעֶר גֶעוֶועקְט. עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער נִיט גֶעקֶענְט דֶערְוֶועקְן. דִי נְשָׁמָה וִויל נָאר צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר פְּרוּבִּירְט דִי נְשָׁמָה אוֹיפְצִיוֶועקְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶער דֶער מֶענְטְשׁ שְׁלָאפְט אַ טִיפְן שְׁלָאף, אוּן מֶען קֶען אִים נִישְׁט דֶערְוֶועקְן.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיר אוּן אוֹיף מִיר. עֶס אִיז בֶּאֱמֶת אַ גְרוֹיס רַחֲמָנוּת סֵיי אוֹיפְ'ן גוּף אוּן סֵיי אוֹיף דִי נְשָׁמָה, וֶוען מֶען דֶער מֹחַ שְׁלָאפְט אוּן טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(פָּארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה)

(נהרי אפרסמון - תוך הנחל יתרו תשנ"א)

## בית המדרש "היכל הקודש" מאנסי

בנשיאות כ"ק מוהרא"ש שליט"א

79 Decatur ave.

# שובו בנים שובבי"ם

מיר וועלן האבן די זכי' אז

## כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

וועט געבן א דרשה וועגן די גרויסקייט פון די שובבי"ם טעג, ווי אזוי מיר קענען אויסניצן די שובבי"ם טעג

**דעם מוצאי שב"ק פרשת שמות בבית מדרשינו**

**79 Decatur ave.**

**בשעה 9:30**

## שמעו ותחי נפשכם

## "דַאנְקֶען גָאט אַז אִיךְ גֵיי אַוֶועק מִזֶה הָעוֹלָם מִיט בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת"

עֶס אִיז גֶעוֶועןּ בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט אַ הֶעכֶערֶע סָארְט מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט גֶעהֵייסְן רַבִּי יִשְׂרָאֵל קוּרְדוּנֶער זַ"ל, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין גַאנְצֶע טֶעג אִין מִירוֹן בַּיים צִיוּן פוּן תַּנָא אֱלֹקִי רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי, עֶר פְלֶעגְט זִיצְן חוּץ לְיִשׁוּב אוּן אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה, אוֹיף דֶער עֶלְטֶער הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אַ בִּיטֶערֶע מַחְלָה וָואס אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַ מַגֵיפָה פוּן טִיפוּס לֹא עָלֵינוּ, אוּן מֶען הָאט נִישְׁט צוּגֶעלָאזְט צוּ אִים קֵיינֶעם נִישְׁט, עֶר אִיז גֶעלֶעגְן אִין אַ עֶקְסְטֶערֶע צִימֶער אִין שְׁפִּיטָאל, וָוארוּם דִי מַחְלָה לֹא עָלֵינוּ אִיז אַ אָנְקְלֶעבֶּעדִיגֶע מַחְלָה, אָבֶּער זַיין וַוייבּ אִיז אַלְץ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם פֶּענְסְטֶער אוּן גֶעפְרֶעגְט 'יִשְׂרָאֵל וָואס מַאכְסְטוּ'? הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה 'דַאנְקֶען גָאט אַז אִיךְ גֵיי אַוֶועק מִזֶה הָעוֹלָם מִיט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים אִיךְ הָאבּ אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת' מִיט דֶעם הָאט עֶר זִיךְ מְחַיֶה גֶעוֶועןּ, זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַ אִיד אִיז זִיךְ מְחַיֶה מִיט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, מִיט אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת.

הַיינְט לֵיידֶער אִיז דָאס אַ בִּיטֶערְן נִסָיוֹן, דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן זָאגְט אִין לִקוּטֵי הֲלָכוֹת (גִילוּחַ הֲלָכָה ג') דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד וִויל אַוֶועק גֵיין פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אַז עֶר שְׁנַיידְט זִיךְ אִינְטֶער דִי פֵּיאוֹת, אוּן שְׁטִיצְט זִיךְ דֶעם בָּארְד, אוּן אַזוֹי צֶעבִּיסְלֶעךְ נֶעמְט עֶר זִיךְ אַרָאפּ דֶעם בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, דָאס אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער פֶּתַח הַטוּמְאָה, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ גֵייסְט מִיט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶועןּ הַיינְט אָנְצוּטוּהְן תְּפִילִין אוּן דוּ גֵייסְט מִיט צִיצִית אוּן דוּ הָאסְט אַ מְזוּזָה אוֹיף דַיין טִיר, מִיט דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ מוֹרָא'דִיג פְרֵייעֶן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א') כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, זֶה סִימָן שֶׁלִבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו; מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט אַ רֵיין הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

(אשר בנחל באידיש חלק ד' מכתב תכ"ט)

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

*קול רנה וישועה באהלי צדיקים*

### אנשי שלומינו פרייען זיך
### ביי די חתונה ביי אן אייניקל פון מוהרא"ש

די וואך מיטוואך נאכט איז פארגעקומען א שיינע חתונה פון אן אייניקל פון מוהרא"ש, החתן אליהו נ"י בן הרה"ח מו"ה משה אסטרייכער שליט"א חדב"ן, עב"ג די כלה א טאכטער פון הרה"ח מו"ה מרדכי אלימלך הלוי וואזנער שליט"א א זוהן פון הגאון האדיר פוסק הדור בעל שבט הלוי שליט"א.

עס זענען זיך צוזאם געקומען א גרויסער ציבור אנשי שלומינו, ווי מען האט געטאנצן און זיך געפריידט אז מיר האבן זוכה געווען צו מקורב ווערן צום הייליגן רבי'ן וואס לערנט אונז דער וועג ווי אזוי צו זיין נאנט צום אייבערשטן שטענדיג, און אז מיר זענען זוכה אז מוהרא"ש שליט"א איז מיט אונז, און לערנט אונז אויס אלע הייליגע לימודים פון רבי'ן.

**וצדיקים ישמחו יעלצו לפני אלקים!**

***

*שובבי"ם בין כותלי הישיבה!*

### גרויס התעוררות אין ישיבה
### אריינגייענדיג אין די טעג פון שובבי"ם

די וואך זונטאג, אין אנהויב פון שובבי"ם, האט דער ראש ישיבה געהאלטן א פייערדיגע דרשה לכבוד די טעג פון שובבי"ם אין וואס מיר זענען יעצט אריין.

דער ראש ישיבה האט ארויס געברענגט אז די טעג זענען ספעציעל מסוגל צו ווערן נאנט צום אייבערשטן, כאטש א גאנץ יאר קען מען אויך צוריק קומען צום אייבערשטן, אבער יעצט אין די טעג פון שובבי"ם, איז עס פיל גרינגער, און דערפאר זאל יעדע בחור פארנעמען אויסצוניצן די הייליגע טעג ווי עס דארף צו זיין, סיי מיט תורה צו לערנען אלע שיעורים יעדן טאג בהתמדה, און סיי מיט תפלה אסאך רעדן צום אייבערשטן, אזוי ווי דער רבי האט אונז אויסגעלערנט אז דאס איז די וועג ווי אזוי צו ווערן אן ערליכער איד, און אלע צדיקים זענען נישט צוגעקומען צו זייערע מדריגות נאר דורכ'ן רעדן אסאך צום אייבערשטן.

עס איז אן ערהויבן בילד, אריינקומענדיג אין ישיבה, צו זעהן ווי די בחורים זענען איבערגעבויגן איבער די גמרות, און לערנען פלייסיג, עס איז נישט דא צו וועם צו רעדן, יעדער איז נאר פארנומען מיט די גמרא, מיט די משניות, און מיט די אנדערע שיעורים, אויסניצענדיג די צייט, ספעציעל אין די טעג פון שובבי"ם.

און מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועלן די בחורים ווייטער אזוי ממשיך זיין דעם גאנצן שובבי"ם, און אזוי וועלן זיי ארויסגיין פון די הייליגע שובבי"ם מיט עפעס אין די האנט, און דאס וועט זיי זיכער ווייטער באגלייטן א גאנץ לעבן.

**ובהם נהגה יומם ולילה!**

# סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגן ברכת מזל טוב פאר

מו"ה **דוד לייב רוטנער** הי"ו

**וואס איז גאר איבערגעגעבן פאר מוסדותינו הק' בכל עת ועונה, שטענדיג גרייט ארויסצוהעלפן די הייליגע מוסדות בלב ונפש חפיצה מיט וואס עס פעלט אויס.**

צו די שמחת בר מצוה פון זיין זוהן

הבחור החשוב **אברהם** נ"י

**דער אייבערשטער זאל העלפן אז די זכות פון העלפן מוסדותינו הק' זאל אים ביישטיין אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער געזונטערהייט, בני חיי אריכי ומזוני רוויחי מיט אסאך סייעתא דשמיא, אמן**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**

הדלקת הנרות........................4:31
מוצש"ק..............................6:03
סוף זמן ק"ש.........................9:05

**שיעורים כסדרן**

בבלי......................שבת ק"א
ירושלמי...................נדרים י"ט
תוספתא...............מעילה פרק ב'


פרשת וארא, ראש חודש שבט, שנת תשע"ג לפ"ק

שנה 2, גליון 15 (65)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיְדַבֵּר אֱלֹקִים אֶל משֶׁה וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֲנִי ה'**, דֶער פָּסוּק הֵייבְּט אָן מִיטְן נָאמֶען "אֱלֹקִים" וָואס דָאס וַוייזְט אוֹיף מִדַּת הַדִּין, אוּן עֶר עֶנְדִיגְט מִיטְן נָאמֶען "ה'" וָואס דָאס וַוייזְט אוֹיף מִדַּת הַחֶסֶד וְרַחֲמִים.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן נ"ב) אַז דָאס וָואס מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אֵייבִּיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן, מֶען הָאט קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז אַ שֵׁיינְקַייט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט פַארְשְׁטַאנֶען פּוּנְקְטְלִיךְ פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אַזוֹי, וָואלְט עֶס גֶעמֵיינְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט חַס וְשָׁלוֹם דִי זֶעלְבֶּע שֵׂכֶל וִוי דֶעם מֶענְטְשׁ, אָבֶּער אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ קְלוּגֶער פוּן אוּנְז, דֶערְפַאר פַארְשְׁטֵייט מֶען נִישְׁט זַיינֶע וֶועגְן.

דֶערְפַאר אֲפִילוּ עֶס זֶעהְט אַמָאל אוֹיס פַארְן מֶענְטְשׁ, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִים עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְ'ס, אִיז עֶס בֶּאֱמֶת נָאר גוּטְ'ס, נָאר נִישְׁט אֵייבִּיג פַארְשְׁטֵייט מֶען עֶס.

רַשִׁ"י זָאגְט **דִּבֶּר אִתּוֹ מִשְׁפָּט עַל שֶׁהִקְשָׁה לְדַבֵּר וְלוֹמַר לָמָה הֲרֵעוֹתָה**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶערֶעדְט צוּ אִים שְׁטְרֶענְג, וַוייל עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז מְרוּמָז אִין פָּסוּק, **וַיְדַבֵּר אֱלֹקִים אֶל משֶׁה**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶערֶעדְט שְׁטְרֶענְג צוּ משֶׁה, מִיט מִדַּת הַדִּין, אָבֶּער עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט, **וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֲנִי ה'**, דוּ זָאלְסְט אָבֶּער וִויסְן אַז אֲפִילוּ עֶס זֶעהְט אוֹיס שְׁלֶעכְט, אִיז עֶס בֶּאֱמֶת "אֲנִי ה'" עֶס אִיז גָאר מִדַּת הָרַחֲמִים.

דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ נִישְׁט פְרֶעגְן קֵיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אֲפִילוּ עֶס זֶעהְט אוֹיס וִוי עֶס אִיז שְׁלֶעכְט, אִיז אַלֶעס נָאר בְּרַחֲמִים וַחֲסָדִים, נָאר פַארְן טוֹבָה פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית וָאֵרָא תשס"ז)

***

**וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל משֶׁה מִקֹּצֶר רוּחַ וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה**, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב סִימָן פ"ו) אַז דָאס וָואס מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז מֶען קֶען נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שְׁוֶוערֶע זַאכְן, וִוי לְמָשָׁל פַאסְטְן אוּן דָאס גְלַייכְן, דָאס קוּמְט וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין קְלָארֶע רֵיינֶע אֱמוּנָה.

אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט יָא אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גְלֵייבְּסְטוּ אָבֶּער נִישְׁט אִין דִיר, דוּ גְלֵייבְּסְט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט הֲנָאָה פוּן דִיר, אוּן דֶערְפַאר זוּכְסְטוּ צוּ טוּהן דַוְקָא שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, צוּ פַאסְטְן אוּן זִיךְ מְסַגֵּף זַיין, וַוייל דוּ טְרַאכְסְט, אַז נָאר אַזוֹי וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דִיר.

אָבֶּער וֶוען דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גְלֵייבְּן אִין דִיר אַלֵיין: **"יָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיךְ פוּן מִיר הֲנָאָה"**, דֶעמָאלְטְ'ס וֶועסְטוּ קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט יֶעדֶע זַאךְ, וַוייל דוּ וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוַואלְדִיג הֲנָאָה, פוּן דַיין פָּשׁוּטֶע אִידִישְׁקַייט, פוּן דִי פָּשׁוּטֶע מִצְוֹת וָואס דוּ טוּסְט, דוּ וָואלְסְט דִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט דַיין אֱמוּנָה, מִיט דַיין צִיצִית, מִיט דַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, מִיט דַיין הִיטְן שַׁבָּת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.


המשך בדף ב


## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ מְזוּזָה ~

דִי מִצְוָה פוּן מְזוּזָה אִיז אַ גְרוֹיסֶע אוּן גֶעוַואלְדִיגֶע מִצְוָה, וָואס מֶען דַארְף זֵייעֶר נִזְהָר זַיין אִין דֶעם.

דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (דְּבָרִים דַּף ש') אוֹיפְ'ן פָּסוּק "וּכְתַבְתָּם עַל מְזוּזוֹת בֵּיתֶךָ" אַז דִי וָוארְט מְזוּזֹת אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "זָז מָוֶת" אַז בַּיי אַ טִיר וָואס עֶס אִיז דָא דָארְט אַ מְזוּזָה וֶועט נִישְׁט אַרַיינְקוּמֶען דֶער טוֹיט.

### עֶרְגֶער פוּן טוֹיט

טוֹיט מֵיינְט נִישְׁט נָאר מַמָּשׁ טוֹיט רַחֲמָנָא לִיצְלָן, נָאר דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אַלֶע מִינֵי צָרוֹת, יִסוּרִים, וֵוייטָאגְן, אוּן אָרִימְקַייט, וָואס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, דִי אַלֶע זַאכְן אִיז אוֹיךְ אַ בְּחִינָה פוּן טוֹיט, אוּן אַמָאל אִיז עֶס נָאךְ עֶרְגֶער פוּנֶעם טוֹיט, וַוייל שְׁטַארְבְּן קֶען מֶען נָאר אֵיינְמָאל, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, וּבִפְרַט וֶוען עֶס אִיז בַּיי אִים אִינְדֶערְהֵיים, עֶס זֶענֶען דָא קְרִיגֶערַייעֶן אִינְדֶערְהֵיים, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס גֵייט מִיט מִיטְן מֶענְטְשׁ טָאג אֵיין טָאג אוֹיס, אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרִיבֶּער צוּ טְרָאגְן.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר נִזְהָר זַיין צוּ הָאבְּן כָּשֵׁרְ'ע מְזוּזוֹת אוֹיף אַלֶע טִירְן, מֶען טָאר נִישְׁט שְׁפָּארְן קַיין גֶעלְט בַּיי דֶעם, וַוייל דָאס הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים.

### דִי מְזוּזָה הִיט אָפּ

דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (עֲבוֹדָה זָרָה יא.) אַז וֶוען אוּנְקְלוּס הָאט זִיךְ מְגַיֵּיר גֶעוֶוען הָאט זַיין פֶּעטֶער דֶער רוֹימִישֶׁער קֵיסָר גֶעשִׁיקְט אַסַאךְ גְרוּפֶּעס סָאלְדַאטְן אִים צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען, אָבֶּער עֶר הָאט זֵיי אַלֶע אִיבֶּערְגֶערֶעדְט זִיךְ מְגַיֵּיר צוּ זַיין בִּיז עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט דִי לֶעצְטֶע גְרוּפֶּע סָאלְדַאטְן אוּן עֶר הָאט זֵיי אָנְגֶעוָוארְנְט אַז זֵיי זָאלְן גָארְנִישְׁט רֶעדְן צוּ אוּנְקְלוּס.

זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן אִים גֶעכַאפְּט, אוֹיפְ'ן וֶועג אַרוֹיס הָאט אוּנְקְלוּס גֶעלֵייגְט זַיין הֶענְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "וָואס אִיז דָאס?" הָאבְּן זֵיי אִים צוּרִיק גֶעזָאגְט: "זָאג דוּ", הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט אַז אַ מֶלֶךְ בָּשָׂר וָדָם זִיצְט אִין זַיין פַּאלַאץ אוּן דִי שׁוֹמְרִים הִיטְן פוּן אִינְדְרוֹיסְן, אָבֶּער בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז פַארְקֶערְט, דֶער אִיד זִיצְט זִיךְ בַּיי אִינְדֶערְהֵיים אוּן דֶער


המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל מֹשֶׁה**, דִי אִידְן הָאבְּן נִשְׁט צוּגֶעהֶערְט צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, **מִקֹּצֶר רוּחַ**, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ שְׁוַואכֶע אֱמוּנָה, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט בַּיי עֲבוֹדָה זָרָה (תְּהִלִּים קל"ה) **אַף אֵין יֶשׁ רוּחַ בְּפִיהֶם**, בַּיי עֲבוֹדָה זָרָה אִיז בִּכְלַל נִישְׁטָא קַיין רוּחַ, אוּן וֶוען מֶען אִיז שְׁוַואךְ אִין אֱמוּנָה הֵייסְט דָאס מִקֹּצֶר רוּחַ, אוּן דֶערְפַאר, **וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה**, הָאבְּן זֵיי גֶעמֵיינְט אַז מֶען קֶען נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת.

(לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב סִימָן פ"ו - תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית וָאֵרָא תש"ע)

***

**וְשַׂמְתִּי פְדֻת בֵּין עַמִּי וּבֵין עַמֶּךָ לְמָחָר יִהְיֶה הָאֹת הַזֶּה**, דֶער בַּעַל הַטּוּרִים בְּרֶענְגְט אַ מְסוֹרָה, נָאךְ צְוֵויי פְּלֶעצֶער וִוי עֶס שְׁטֵייט דֶער וָוארְט "פְּדוּת", **פְּדוּת שָׁלַח לְעַמּוֹ** (תְּהִלִּים קי"ד), **וְהַרְבֵּה עִמּוֹ פְדוּת** (תְּהִלִּים ק"ל).

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ח) אַז עֶס אִיז דָא אַסַאךְ מִינֵי תּוֹרוֹת, עֶס אִיז דָא תּוֹרוֹת וָואס מֶען מֶעג שְׁרַייבְּן, אוּן עֶס אִיז דָא תּוֹרוֹת וָואס מֶען טָאר נִישְׁט שְׁרַייבְּן, אוּן וֶוער עֶס וֵוייסְט דִי חִילּוּק וֶועלְכֶע תּוֹרָה מֶען מֶעג שְׁרַייבְּן, עֶר קֶען דֶערְקֶענֶען אַ אִיד פוּן צְווִישְׁן גוֹיִם.

אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן: (מוּבָא בְּתוֹסְפוֹת גִּיטִּין ס: ד"ה אתמוה) "פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה אוֹיסֶעוֶוייניג, אַז דִי גוֹיִם זָאלְן עֶס נִישְׁט קֶענֶען נֶעמֶען פַאר זִיךְ", זֶעהט מֶען, אַז דוּרְךְ דִי תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, וָואס מֶען הָאט נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן, מִיט דֶעם אִיז דֶער אִיד הֶעכֶער פוּנֶעם גוֹי.

מוֹהַרָא"שׁ אִיז דָאס נָאךְ מֶער מַסְבִּיר, אַז דִי עִיקָּר חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אִיד וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, וַוייל פוּן דִי תּוֹרָה אַלֵיין קֶען מֶען גָארְנִישְׁט וִויסְן, וִוי לְמָשָׁל דִי מִצְוָה פוּן תְּפִילִין, קֶען מֶען פוּן דִי תּוֹרָה אַלֵיין נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי עֶס מְקַיֵּים צוּ זַיין, נָאר דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים וָואס הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן צְוֵוייטְן בִּיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וִוי אַזוֹי עֶס מְקַיֵּים צוּ זַיין, קוּמְט אוֹיס אַז דֶער עִיקָּר פוּן אַ אִיד אִיז דִי תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ אִיד זֵייעֶר בַּאפְלַייסְן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, וָואס דָאס אִיז דִי הֵיילִיגֶע מִשְׁנַיּוֹת, גְּמָרָא, פּוֹסְקִים אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ.

אוּן סְפֶּעצִיעֶל דַארְף אַ אִיד לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיּוֹת, וָואס דָאס הֵיילִיגְט אוּן רֵיינִיגְט דִי נְשָׁמָה, "**מִשְׁנָה**" אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "**נְשָׁמָה**", וִוי אוֹיךְ בְּרֶענְגְט עֶס גֶעלְט וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית מ"ג) "**כֶּסֶף מִשְׁנֶה**", דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פִּנְחָס'ל קָארִיצֶער זָאגְט אַז "**מִשְׁנָה**" אִיז בְּגִימַטְרִיָּא "**פַּרְנָסָה**", עֶס בְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה, דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ז' סִימָן ג') דִי אִידְן וֶועלְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת נָאר אִין זְכוּת פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְשַׂמְתִּי פְדֻת בֵּין עַמִּי וּבֵין עַמֶּךָ**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן אַן אָפְּשֵׁיידוּנְג צְווִישְׁן דִי אִידְן אוּן דִי גוֹיִם, וָואס דָאס וֶוערְט דוּרְךְ תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, אָבֶּער דֶער וָוארְט "**פְדֻת**" שְׁטֵייט דָא אָן דֶעם אוֹת ו', דֶער אוֹת ו' גֵייט אַרוֹיף אוֹיף מִשְׁנַיּוֹת, וָואס אִיז שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אָבֶּער הַיינְטִיגֶע צַייטְן פֶעלְט נָאךְ דֶער אוֹת ו', וַוייל הַיינְט קוּקְט מֶען נָאךְ אַרָאפּ אֵיינֶעם וָואס לֶערְנְט מִשְׁנַיּוֹת, אָבֶּער דֶער פָּסוּק זָאגְט, **לְמָחָר יִהְיֶה הָאֹת הַזֶּה**, בַּאלְד, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, וֶועט שׁוֹין זַיין דֶער אוֹת ו', וַוייל מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען אִין זְכוּת פוּן מִשְׁנַיּוֹת, אוּן דֶעמָאלְט'ס וֶועט מֶען אַרוֹיף קוּקְן אוּן מַחְשִׁיב זַיין דָאס לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת.

אוּן דֶעמָאלְט'ס וֶועט שׁוֹין זַיין דִי אַנְדֶערֶע צְוֵויי פְּסוּקִים, **פְּדוּת שָׁלַח לְעַמּוֹ, וְהַרְבֵּה עִמּוֹ פְדוּת**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוֹיסְלֵייזְן דִי אִידְן, וַוייל מֶען וֶועט לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיּוֹת, אוּן דֶערְפַאר שְׁטֵייט דָארְט "פְּדוּת" מִיט דֶעם אוֹת ו'.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית וָאֵרָא תשס"ט)

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אִים אָפּ בַּיי דִי טִיר מִיט דִי מְזוּזָה, וֶוען זֵיי הָאבְּן דָאס גֶעהֶערְט הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוֹיךְ מְגַיֵּיר גֶעוֶוען, אוּן מֶער הָאט דֶער קֵיסָר שׁוֹין נִישְׁט גֶעשִׁיקְט נָאךְ אִים.

### פוּנְקְט בַּיי דֶעם בִּיזְטוּ קַארְג?

אוּן מֶען זֶעהט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִילְט אַז עֶר אִיז אִין אַ סַכָּנָה וֶועט עֶר צָאלְן אַסַאךְ גֶעלְט צוּ דִינְגֶען שׁוֹמְרִים אַז זֵיי זָאלְן אִים אָפְּהִיטְן, אַז מֶען זָאל אִים נִישְׁט הַרְגְ'עֶנֶען אָדֶער צוּכַאפְּן זַיין גֶעלְט, מִמֵּילָא פַארְוָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ קַארְגְן אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן מְזוּזָה, מֶען קוֹיפְט עֶס נָאר אֵיינְמָאל אוּן דָאס הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף שְׁטֶענְדִיג.

חַזַ"ל זָאגְן (זֹהַר חָדָשׁ רוּת פד) אַ טִיר וָואס הָאט אַ מְזוּזָה קֶען קַיין שׁוּם מַזִּיק אוּן שָׂטָן אוּן קַיין שׁוּם פֶּגַע רַע צוּקוּמֶען דֶערְצוּ, אוּן אֲפִילוּ אִין אַ צַייט וָואס מֶען גֶעבְּט רְשׁוּת פַארְן מַלְאָךְ הַמַּשְׁחִית צוּ הַרְגְ'עֶנֶען, אָבֶּער וֶוען עֶר הֵייבְּט אוֹיף דִי אוֹיגְן אוּן עֶר זֶעהט דֶעם שֵׁם שַׁדַּ"י אוֹיפְ'ן טִיר, אַנְטְלוֹיפְט עֶר גְלַייךְ.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ג) אַז דִי מִצְוַת מְזוּזָה נֶעמְט אַוֶועק תַּאֲווֹת מָמוֹן, אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁמִירַת הַבְּרִית אוּן צוּ זַיין אַ שָׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ אוּן צוּ אֲרִיכַת יָמִים, זֶעהט מֶען וָואסֶערֶע גוּטֶע זַאכְן דִי מְזוּזָה בְּרֶענְגְט, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר נִזְהָר זַיין דֶערִין.

אוּן דִי עִיקָּר לִיבְשַׁאפְט צוּ דִי מִצְוָה פוּן מְזוּזָה דֶערְקֶענְט זִיךְ וֶוען מֶען קוּשְׁט דִי מְזוּזָה שְׁטֶענְדִיג וֶוען מֶען גֵייט אַרַיין אוּן אַרוֹיס, מִיטְן קוּשְׁן דִי מְזוּזָה וַוייזְט מֶען אַז מֶען הָאט לִיבּ דִי מִצְוָה, אוּן דִי מִצְוָה אִיז חָשׁוּב בַּיי אִים, אַז וִוי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ טֵייעֶרֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט לִיבּ קוּקְט עֶר שְׁטֶענְדִיג דֶערוֹיף אוּן עֶר הַאלְט עֶס שְׁטֶענְדִיג, דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי דִי מְזוּזָה וֶוען מֶען גֵייט דוּרְךְ דִי מְזוּזָה גֶעבְּט מֶען עֶס אַ קוּשׁ, אוּן מֶען וַוייזְט אַרוֹיס וִוי שְׁטַארְק מֶען הָאט עֶס לִיבּ.

### קוּשְׁן דִי מְזוּזָה – יִרְאַת שָׁמַיִם

אוּן דֶער שְׁלֵימוּת אִיז אַז וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיס אוֹיפְ'ן גַאס, זָאל מֶען קוּשְׁן דִי מְזוּזָה, אוּן זִיךְ דֶערְמַאנֶען וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי מְזוּזָה, אַז עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין בַּאשֶׁעפֶער וָואס פִירְט דִי וֶועלְט, וַוייל וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיס אוֹיפְ'ן גַאס אִיז גְרִינְגֶער צוּ פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער וֶוען מֶען גֶעבְּט אַ קוּשׁ דִי מְזוּזָה אוֹיפְ'ן וֶועג אַרוֹיס, דָאס דֶערְמַאנְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס בַּאגְלֵייט אִים אוֹיפְ'ן גַאס, אוּן אִין דֶעם וֶוענְדְט זִיךְ דִי יִרְאַת שָׁמַיִם פוּן אַ מֶענְטְשׁ, אוֹיבּ עֶר אִיז נִזְהָר צוּ קוּשְׁן דִי מְזוּזָה שְׁטֶענְדִיג.

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל אַ אִינְגֶערְמַאן צוּם הֵיילִיגְן חַתַ"ם סוֹפֵר זִי"עַ, זִיךְ צוּ פַארְהֶערְן דִי הוֹרָאָה, עֶר הָאט גֶעוָואלְט בַּאקוּמֶען פוּנֶעם חַתַ"ם סוֹפֵר אַ כְּתַב הֶיתֵּר הוֹרָאָה.

וֶוען דֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען הָאט דֶער חַתַ"ם סוֹפֵר בַּאמֶערְקְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּשְׁט דִי מְזוּזָה, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט מִן הַסְּתָם הָאט עֶר פַארְגֶעסְן אָדֶער עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶערְשְׁרָאקְן, דֶערְפַאר הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקוּשְׁט דִי מְזוּזָה, הָאט אִים דֶער חַתַ"ם סוֹפֵר גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען מָארְגְן, וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען הָאט עֶר וַוייטֶער נִישְׁט גֶעקוּשְׁט דִי מְזוּזָה, אוּן וֶוען דֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּמָארְגְנְ'ס צוּ בֶּעטְן דֶעם כְּתַב הוֹרָאָה הָאט עֶר וַוייטֶער נִישְׁט גֶעקוּשְׁט דִי מְזוּזָה, הָאט אִים דֶער חַתַ"ם סוֹפֵר גֶעזָאגְט: "אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט גֶעבְּן קַיין כְּתַב הוֹרָאָה", דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט דֶערְשְׁרָאקֶענֶערְהֵייט: "פַארְוָואס ווִיל דֶער רֶבִּי מִיר נִישְׁט גֶעבְּן קַיין כְּתַב הוֹרָאָה, זָאל מִיר דֶער רֶבִּי כָאטְשׁ פַארְהֶערְן צוּ זֶעהן אוֹיבּ אִיךְ קֶען", הָאט דֶער חַתַ"ם סוֹפֵר אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהן דְרֵיי מָאל וִוי דוּ גֵייסְט דוּרְךְ דִי טִיר אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעקוּשְׁט דִי מְזוּזָה, דְרֵיי מָאל אִיז שׁוֹין לוֹיט יֶעדְן אֵיינֶעם אַ חֲזָקָה, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהן פוּן דֶעם אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, דֶערְפַאר ווִיל אִיךְ דִיר נִישְׁט פַארְהֶערְן וַוייל אִיךְ וֶועל דִיר סַיי וִוי נִישְׁט גֶעבְּן קַיין כְּתַב הוֹרָאָה, וַוייל אוֹיבּ דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, דַארְפְסְטוּ קוֹדֶם אַרְבֶּעטְן אוֹיף דִי נְקֻדָּה צוּ הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם".

זֶעהט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז דָאס קוּשְׁן דִי מְזוּזָה וַוייזְט אוֹיף דִי יִרְאַת שָׁמַיִם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט, וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס קוּשְׁט שְׁטֶענְדִיג דִי מְזוּזָה אוּן פְרֵיידְט זִיךְ דֶערְמִיט, וֶועט אִים שְׁטֶענְדִיג גוּט זַיין.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ חֵלֶק ז' עֶרֶךְ מְזוּזָה)

## מזלא טבא וגדיא יאה

מיר וואונטשן אן הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה נחמן מענדל פריעד נ"י**

מתלמידי ישיבתינו הק'

**צו די געבורט פון זיין אינגעל למזל טוב**
**דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן**
**אסאך אידיש נחת אמן!**

---

איך וויל לאדענען אלע מיינע קרובים וידידים צו די שלום זכר
וואס וועט זיין אין בית המדרש היכל הקודש 6 Hayes ct.
און צום וואכנאכט מוצאי שב"ק ביי מיר אינדערהיים אויף
**4 Toltchav way #102**

די ברית וועט זיין בעזהשי"ת זונטאג אינדערפרי ביי מוהרא"ש
שליט"א אין בית המדרש 1129 42 st.
תפלת שחרית 7:30 בדיוק

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

בעזהשי"ת

## סימן טוב ומזל טוב

מיר ווילן אויסדרוקן א הארציגן מזל טוב פאר

**הרה"ג מו"ה צבי דוד פרייער שליט"א**
**וזוגתו תחי'**

צו די שמחת החתונה פון זייער זוהן

**הרב מאיר אלימלך שליט"א**

מיר זענען שולדיג א געוואלדיגע הכרת הטוב פאר מרת פרייער תחי', פאר די איבערמידליכע ארבעט וואס זי לייגט אריין שטענדיג ארוים צו העלפן אונזערע מוסדות בכל עת ובכל שעה, מיט א געוואלדיגע מסירת נפש שאין כדוגמתה.

יעצט בעת שמחה ווילן מיר אנוואונטשן אז דער זכות פון העלפן דעם הייליגן רבי'נס מוסדות, זאל אייך ביישטיין, אז איר זאלט האבן אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך, בני חיי אריכי ומזוני רויחי, איר זאלט ווייטער קענען אנגיין מיט די עבודת הקודש פון העלפן אנדערע אידן שטענדיג, אמן.

**וואונטשט:**

מוסדות "היכל הקודש" וויליאמסבורג

מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט פארקומען א סעודת שבע ברכות
מיטוואך פרשת בא בהיכל הישיבה
27 Skillman St.
אלע תלמידי הישיבה זענען געלאדענט אפצוגעבן
אן הכרת הטוב פאר מרת פרייער תחי'

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

המשך פון דף ד

צום קייט.

מיר וואונטשן אים אלע ער זאל זוכה זיין אויפצושטעלן א בית נאמן בישראל און האבן דורות ישרים ומבורכים, בני, חיי אריכי ומזוני רויחי אמן.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

***

### מוהרא"ש שליט"א
### פארט אויף ארץ ישראל

מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט מוהרא"ש פארן נאך שבת אויף ארץ ישראל, ווי ער וועט זיך אויפהאלטן פאר צוויי וואכן, מחזק צו זיין די ארטיגע אידן.

די קומענדע צוויי וואכן וועט נישט פארקומען די געווענדליכע ליל ששי שיעור פון מוהרא"ש.

**חזק ונתחזק!**

## סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

### מַעֲשֶׂה א' מֵאֲבֵידַת בַּת הַמֶּלֶךְ

**פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר**

דֶער נָאךְ הָאט זִי גֶענוּמֶען אַ פַּאטְשֵׁיילֶע (טִיכְל) פוּן דֶעם קָאפּ. אוּן הָאט אוֹיף אִיר אָנְגֶעשְׁרִיבְּן מִיט אִירֶע טְרֶערֶן אוּן הָאט אַנִידֶערְגֶעלֵייגְט לֶעבְּן אִים אוּן אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּן הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעזֶעצְט אִין דֶער קַארֶעטֶע, אוּן אִיז אַוֶועקְגֶעפָארְן.

דֶער נָאךְ הָאט עֶר זִיךְ אוֹיף גֶעכַאפְּט אוּן הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְשָׁרֵת. ווִי בִּין אִיךְ אִין דֶער וֶועלְט, הָאט עֶר אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. אוּן אַזוֹי אַסַאךְ חֲיָילוֹת (סָאלְדַאטְן) זֶענֶען דוֹרְךְ גֶעגַאנְגֶען. אוּן אַז עֶס אִיז דָא גֶעוֶוען דִי קַארֶעטֶע. אוּן אַז זִי הָאט גֶעוֵויינְט אִיבֶּער אִים. אוּן זִי הָאט גֶעשְׁרִיגְן עֶס אִיז אֵיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיר אוּן אוֹיף מִיר. וְכוּ' כַּנַ"ל.

דֶער וַוייל הָאט עֶר אֵיין בְּלִיק גֶעטָאן הָאט עֶר דֶער זֶען דִי פַּאטְשֵׁיילֶע לִיגְט לֶעבִּין אִים הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט פוּן וַואנֶען אִיז דָאס. הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְפֶערְט. זִי הָאט עֶס אִיבֶּער גֶעלָאזְט אוּן הָאט אוֹיף אִיר אָן גֶעשְׁרִיבְּן מִיט אִירֶע טְרֶערְן הָאט עֶר גֶענוּמֶען דִי פַּאטְשֵׁיילֶע אוּן הָאט זִי אוֹיפגֶעהוֹיבְּן אַקֶעגְן דֶער זוּן. הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זֶען דִי אוֹתִיּוֹת, הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעלֵיינְט וָואס דָארְט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִיר קְלָאגְן אוּן אִיר גֶעשְׁרֵיי כַּנַ"ל. אוּן (דָארְט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען גֶעשְׁרִיבֶּן) אַז הַיינְט אִיז זִי שׁוֹין נִישְׁט אִין דֶעם שְׁלָאס (וָואס אוֹיבְּן אִיז גֶעשְׁטַאנֶען) נָאר עֶר זָאל זוּכְן אַ גָאלְדֶענֶעם בַּארְג מִיט אַ פֶּערְלְנֶעם שְׁלָאס דָארְט וֶועסְטוּ מִיךְ גֶעפִינֶען.

---

### נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן

דֶער נָאךְ הָאט זִי גֶענוּמֶען אַ פַּאטְשֵׁיילֶע (טִיכְל) פוּן דֶעם קָאפּ. אוּן הָאט אוֹיף אִיר אָנְגֶעשְׁרִיבְּן מִיט אִירֶע טְרֶערֶן. דֶער צַדִיק שְׁרַייבְּט אַרָאפּ תּוֹרוֹת אוּן סְפָרִים צוּ מְחַזֵק זַיין אִידְן אוּן זֵיי צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס וֶוערְט גֶעשְׁרִיבְּן מִיט טְרֶערְן אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"ב) אַז דִי חִידוּשֵׁי תּוֹרָה פוּן צַדִיקִים וֶוערְן גֶעמַאכְט מִיט טְרֶערְן.

דֶער נָאךְ הָאט עֶר זִיךְ אוֹיף גֶעכַאפְּט אוּן הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְשָׁרֵת. וִוי בִּין אִיךְ אִין דֶער וֶועלְט. אַזוֹי דַארְף מֶען טוּהן יֶעדְן טָאג, גְלַייךְ וֶוען מֶען וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי, דַארְף מֶען זִיךְ גֶעבְן אַ פְרֶעג, "וִוי בִּין אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט?" וַוייל עֶס קֶען דוּרְךְ גֵיין טֶעג, וָואכְן, חֳדָשִׁים אוּן יָארְן, אוּן מֶען טְרַאכְט נִישְׁט וִוי מֶען הַאלְט אוֹיף דִי וֶועלְט, אָבֶער אֵיינְמָאל מֶען הָאט יִשּׁוּב הַדַעַת, מֶען טְרַאכְט אַרַיין וִוי מֶען הַאלְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיז עֶס שׁוֹין אַ הַאלְבֶּע יְשׁוּעָה.

הָאט עֶר גֶענוּמֶען דִי פַּאטְשֵׁיילֶע אוּן הָאט זִי אוֹיפגֶעהוֹיבְּן אַקֶעגְן דֶער זוּן. הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זֶען דִי אוֹתִיּוֹת. דִי זוּן גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי שֵׂכֶל, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט דִי סְפָרִים פוּנֶעם צַדִיק אוּן עֶר קוּקְט אַרַיין אִין דֶעם מִיט אַן אֱמֶת'דִיגֶע אוֹיג, עֶר וִויל בֶּאֱמֶת תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועלְן דִי סְפָרִים אִים אוֹיפְוֶועקְן פוּן זַיין טִיפְן שְׁלָאף, אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אוּן (דָארְט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען גֶעשְׁרִיבֶּן) אַז הַיינְט אִיז זִי שׁוֹין נִישְׁט אִין דֶעם שְׁלָאס (וָואס אוֹיבְּן אִיז גֶעשְׁטַאנֶען) נָאר עֶר זָאל זוּכְן אַ גָאלְדֶענֶעם בַּארְג מִיט אַ פֶּערְלְנֶעם שְׁלָאס דָארְט וֶועסְטוּ מִיךְ גֶעפִינֶען. דֶער גָאלְדֶענֶער בַּארְג גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן יֵצֶר הָרַע, וָואס זֶעהְט אוֹיס פַאר צַדִיקִים וִוי אַ בַּארְג, (סוּכָּה נב.) וַוייל יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מֶען וִויל טוּהן זֶעהְט אוֹיס וִוי אַ גְרוֹיסֶער בַּארְג, עֶס זֶעהְט אוֹיס וִוי אוּמְמֶעגְלִיךְ אוֹיסְצוּפִירְן, אָבֶער בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶס זֵייעֶר חָשׁוּב, אַזוֹי וִוי גָאלְד אוּן פֶּערְל.

אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען זֶעהְט אַז עֶס גֵייט זֵייעֶר שְׁוֶוער, עֶס זֶעהְט אוֹיס מַמָשׁ וִוי אַ בַּארְג, דַארְף מֶען אָבֶער וִויסְן אַז דָאס אִיז וֶוערְט אַסַאךְ, עֶס אִיז גָאלְד אוּן פֶּערְל, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט וָואס אַ אִיד טוּט פַאר אִים, אוּן סוֹף כָּל סוֹף וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְן פַאר דֶעם, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ נָאר דֶערְהַאלְטְן אוּן שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

(פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה)

(נהרי אפרסמון - תוך הנחל יתרו תשנ"א)

# הַכְנָסַת כַּלָּה

דִי מִצְוֹות הַכְנָסַת כַּלָּה אִיז אֵיינֶע פוּן דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוֹות, עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶער גְרוֹיסֶער גָאוֹן אוּן רָב פוּן אַנְטְוֶוערְפְּן זַ"ל הָאט עֶר לֹא עָלֵינוּ בַּאקוּמֶען דֶער בִּיטֶערֶע מַחְלָה וְכוּ׳ אִיז עֶר גֶעפָארְן צוּם סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן זי"ע אוֹיסְגִיסְן זִיךְ זַיין בִּיטֶער הַארְץ, אוּן פְרֶעגְן אַן עֵצָה וָואס מֶען טוּט? הָאט אִים דֶער גָאוֹן גֶעעֶנְטְפֶערְט מֶען זָאגְט יֶעדְן טָאג דִי בְּרַייתָא בִּיקוּר חוֹלִים, וְהַכְנָסַת כַּלָּה, אוּן וּלְוָיַת הַמֵּת, ווִי קוּמְט אַרַיין הַכְנָסַת כַּלָּה צְוִוישְׁן חוֹלִים אוּן צְוִוישְׁן מֵת? נָאר אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז נִזְהָר אִין מִצְוֹות הַכְנָסַת כַּלָּה אֲפִילוּ עֶר אִיז שׁוֹין חָלִילָה קְרַאנְק וְכוּ׳, וֶועט דָאס מַאכְן אַ צְוִוישֶׁנְשֵׁייד צְוִוישְׁן חוֹלֶה אוּן מֵת, דָאס הֵייסְט עֶר וֶועט הָאבְּן אֲרִיכוּת יָמִים, אִיבֶּערְדֶעם עֵצָה'ט עֶר אִים אַז עֶר זָאל שְׁטִילֶערְהֵייט עוֹסֵק זַיין אִין דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת כַּלָּה, אוּן דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר הָאבְּן אֲרִיכוּת יָמִים, וָוארוּם דִי מִצְוָה אִיז צְוִוישְׁן חוֹלֶה אוּן מֵת, אוּן עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּהְן, עֶר הָאט עוֹסֵק גֶעוֶוען שְׁטִילֶערְהֵייט אִין דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת כַּלָּה אַלֶע יָארְן בְּהַצְנֵעַ לֶכֶת, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוִויסְט אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אִים גֶעשָׁאנְקְן פוּנְף אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, (וָואס דִי דָאקְטוֹרִים הָאבְּן אִים גֶעגֶעבְּן אִינְגַאנְצְן אַפָּאר חֲדָשִׁים), זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִצְוֹות הַכְנָסַת כַּלָּה, אִיבֶּערְדֶעם הֶעלְף מִיר אוֹיכֶעט אַרוֹיס מִיט דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת כַּלָּה, אִיךְ זָאל קֶענֶען גְרִינְג חֲתוּנָה מַאכְן יוּנְגֶע פָּארְפָאלְק וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ אִינְטֶערְגֶענוּמֶען זֵיי חֲתוּנָה מַאכְן.

זֶעה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין דִי צְוֵויי מִצְוֹות, הַכְנָסַת כַּלָּה, אוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים, וֶועט דִיר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים נִישְׁט פַארְלָאזְן.

(אשר בנחל באידיש חלק ד׳ מכתב תצ"א)

***

# גוּטֶע קִינְדֶער

עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען קֵיינְמָאל אַזַא צַייט וָואס מֶען דַארְף אַזוֹיפִיל רַחֲמִים אוֹיף הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער אוּן דִי קִינְדֶער זָאלְן חָלִילָה וְחַס נִישְׁט קַאלְיֶע וֶוערְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, ווִי אוּן אוּנְזֶער דוֹר וָואס אִיז דָא אַזוֹיפִיל כְּלֵי מַשְׁחִית וָואס זֵיי פִירְן אַרָאפּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין אָפְּגְרוּנְד פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, דֶער הֵיילִיגֶער חָתָם סוֹפֵר זי"ע הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין גְרוֹיסְן תַּלְמִיד מַהֲרַ"ם אֶ"ש זי"ע וֶוען עֶר הָאט זִיךְ גֶעווּאוּנְדֶערְט ווִיאַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא גְרוֹיסְן זוּהְן ווִי דֶער כְּתַב סוֹפֵר זי"ע, הָאט אִים זַיין רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט וַויינֶענְדִיג אוֹיף זַיין קָאלְפִּיק, זֶעהְסְט דֶעם הִיט, אִיךְ הָאבּ עֶס אָנְגֶעפִילְט מִיט פִילֶע טְרֶערְן יֶעדְן טָאג, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא זוּהְן, זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם וִויפִיל טַייכְן טְרֶערְן מֶען דַארְף פַארְגִיסְן אוֹיף הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער.

(אשר בנחל באידיש חלק ד׳ מכתב ת"פ)

# ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳ ~

## שיינע מלוה מלכה אין בית המדרש "היכל הקודש" מאנסי מוהרא"ש שליט"א געבט א דרשה

א שיינער ציבור איז זיך צוזאמגעקומען דעם מוצש"ק אין אונזער בית המדרש אין מאנסי צו א סעודת מלוה מלכה, ווי מיר האבן געהאט די זכי׳ אז מוהרא"ש איז געקומען און געגעבן א דרשה.

א לענגערע צייט האט זיך דער עולם צוגעהערט צו די דברות קודש וואס מוהרא"ש האט ארומגערעדט פון דעם ענין פון הכרת הטוב, וואס דאס דארף זיין א יסוד ביי א איד, ווי דער מדרש זאגט אז קודם שטייט אשר לא ידע את יוסף, אז פרעה האט נישט געהאט קיין הכרת הטוב פאר יוסף וואס האט געראטעוועט די גאנצע לאנד מצרים, און דערנאך שטייט לא ידעתי את ה׳, ער האט שוין נישט געוואלט קענען דעם אייבערשטן.

און דערפאר הייבן מיר אן דעם טאג מיט הכרת הטוב, מען זאגט "מודה אני" מען דאנקט דעם אייבערשטן פארן צוריק געבן די נשמה און פאר אלעס וואס ער טוט מיט אים, און אזוי אויך דארף מען שטענדיג האבן הכרת הטוב פאר יעדן וואס מען האט פון אים באקומען א טובה.

און מוהרא"ש האט געזאגט אז דערפאר וויל ער זיך באדאנקען פאר האברך היקר **מו"ה שבתי מזרחי הי"ו** וואס האט אהערגעשטעלט דעם נייעם שיינעם בית המדרש אין מאנסי.

ר׳ שבתי איז דער רוקן-ביין פון מוסדותינו הק׳, ער האט מנדב געווען די בניני המוסדות אין וויליאמסבורג, די בית המדרש, ישיבה, תלמוד תורה, בית חינוך לבנות, דער בית הדפוס ווי עס ווערט געדרוקט טויזנטער קונטריסים און ספרים וועכנטליך וואס ווערט צושפרייט פאר אידישע קינדער, אויך האט ער מנדב געווען דעם קעמפ דעם זומער, ווי די בחורים האבן זיך משלים געווען בתורה ועבודה במשך דעם זומער.

דערנאך האט מען געבענטשט ברכת המזון און דער עולם איז זיך צוגאנגען מיט פרישע קבלות ווי אזוי אויסצוניצן די הייליגע טעג פון שובבי"ם ווי עס דארף צו זיין.

**חזק ונתחזק!**

***

## בחורים פרייען זיך מיט די שמחה פון נאך א חתן אין ישיבה

**נאך א חתן אין רעזולטאט פון מסכת תענית**

דעם פארגאנגענעם זונטאג איז געווען א גרויסע שמחה אין ישיבה ווען נאך א בחור איז א חתן געווארן למזל טוב.

החתן יעקב פיש נ"י בן מו"ה פנחס זעליג הי"ו וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת מו"ה בערל קאהן הי"ו פון בארא פארק.

דער חתן איז איינע פון די פילע בחורים וואס האבן זוכה געווען צו ענדיגן מסכת תענית פערציג מאל, וואס מוהרא"ש האט צוגעזאגט אז אלע בחורים וואס וועלן ענדיגן פערציג מאל מסכת תענית וועלן א חתן ווערן, און ברוך ה׳ צענדליגע בחורים זענען שוין חתנים געווארן דורך דעם, און אסאך האבן שוין חתונה געהאט און אויפגעשטעלט שיינע אידישע שטובער לתפארת בית ישראל, און יעצט איז צוגעקומען נאך א רינגעלע

המשך בדף ג






## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן אן הערצליכן מזל טוב פאר
**הבחור החתן יעקב פיש נ"י**
וואס איז א חתן געווארן למזל טוב
דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין
א קשר של קימא און א בנין עדי עד, אמן!

## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים
פון מוהרא"ש שליט"א
אויך קען מען מיטהאלטן דעם שיעור יעדע וואך
מיט א לייוו הוק-אפ בשעת'ן שיעור.
**212-444-9191**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**
**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת בא, ח' שבט, שנת תשע"ג לפ"ק

שנה 2, גליון 16 (66)


**זמנים**

הדלקת הנרות.....................4:39
מוצש"ק..............................6:11
סוף זמן ק"ש........................9:05

**שיעורים כסדרן**

בבלי..........................שבת ק"ח
ירושלמי......................נדרים כ"ו
תוספתא............קרבנות פרק ב'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה,** דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה וָואס דִי אִידְן הָאבְּן בַּאקוּמֶען אִיז גֶעוֶוען דִי מִצְוָה פוּן קִידוּשׁ הַחוֹדֶשׁ, אַז וֶוען דִי לְבָנָה בַּאנַייט זִיךְ, זָאל מֶען מַאכְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס אִיז דָאס דַוְקָא דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה?

רַשִׁ"י זָאגְט אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען דִי מִצְוָה, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעוִויזְן דִי לְבָנָה אוּן גֶעזָאגְט: **"כָּזֶה רְאֵה וְקַדֵּשׁ"** - וֶוען דִי לְבָנָה זֶעהט אַזוֹי אוֹיס, זָאלְסְטוּ מַאכְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס אִיז דִי מִצְוָה אַזוֹי שְׁוֶוער גֶעוֶוען צוּ פַארְשְׁטֵיין פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ?

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קפ"ח) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט פוּן זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת, עֶר פִיהלְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, זָאל עֶר זִיךְ דֶערְמַאנֶען פוּן זַיינֶע גוּטֶע טֶעג, עֶר הָאט דָאךְ גֶעהַאט גוּטֶע צַייטְן וֶוען עֶר הָאט יָא גֶעפִיהלְט אַ נָאנְטְקַייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט יָא גֶעפִיהלְט אַ גֶעשְׁמַאק אִין דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיט דֶעם זָאל עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן, וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן.

אוּן דָאס וַוייזְט אוּנְז דִי לְבָנָה, אַ הַאלְבְּן חוֹדֶשׁ וֶוערְט עֶר גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער, אוּן דִי צְוֵוייטֶע הַאלְבּ חוֹדֶשׁ וֶוערְט עֶר צוּרִיק קְלֶענֶער, בִּיז סוֹף חוֹדֶשׁ זֶעהט מֶען עֶס שׁוֹין אִינְגַאנְצְן נִישְׁט, אָבֶּער נָאכְדֶעם וֶוערְט עֶס וַוייטֶער גְרוֹיס.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן אִיד, עֶס אִיז דָא צַייטְן וָואס עֶר פִיהלְט אַ גֶעשְׁמַאק צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶס זֶענֶען דָא צַייטְן וָואס אַלֶעס אִיז בַּיי אִים אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, עֶר פִיהלְט גָארְנִישְׁט, אוּן דָאס צוּבְּרֶעכְט זֵייעֶר אַ מֶענְטְשׁ, אָבֶּער וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז אַזוֹי מוּז עֶס גֵיין, אֵיינְמָאל פִיהלְט מֶען יָא אוּן אֵיינְמָאל נִישְׁט, וֶוערְט מֶען נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, נָאר מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ אִין דִי גוּטֶע צַייטְן, אוּן פוּן דֶעם נֶעמְט מֶען חִיזוּק, אַז עֶס וֶועט נָאךְ זַיין גוּט, אוּן מֶען גִיבְּט נִישְׁט אוֹיף.

דֶערְפַאר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן פַאר דִי אִידְן דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה, דִי מִצְוָה פוּן קִידוּשׁ הַחוֹדֶשׁ, וַוייל דָאס אִיז דִי וִוּיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ, אוּן דָאס אִיז דִי הַקְדָּמָה צוּ אַלֶע מִצְוֹת, אַז מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג שְׁטַארְקְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעהט שׁוֹין אוֹיס אִינְגַאנְצְן פַארְלָאשְׁן, דַארְף מֶען וִויסְן אַז מֶען קֶען זִיךְ נָאךְ בַּאנַייעֶן אַזוֹי וִוי דִי לְבָנָה.

אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעוֶוען פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ צוּ פַארְשְׁטֵיין, דִי אִידְן זֶענֶען דָאךְ יֶעצְט אִין מִצְרַיִם, אִין זֵייעֶר אַ נִידֶערִיגֶע מַצָּב, וִוי אַזוֹי קֶענֶען זֵיי זִיךְ יֶעצְט מְחַזֵּק זַיין? הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעוִויזְן דִי לְבָנָה, אַז אֲפִילוּ מֶען זֶעהט נָאר אַ קְלֵיין בִּיסְל פוּן דִי לְבָנָה, קֶען מֶען שׁוֹין מַאכְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, אֲפִילוּ מֶען טְרֶעפְט נָאר אֵיין קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאךְ בַּיי אַ אִיד, קֶען מֶען זִיךְ שׁוֹין מְחַזֵּק זַיין מִיט דֶעם, אַז עֶס וֶועט נָאךְ זַיין גוּט, אוּן וֶוען זוּכְט מֶען טְרֶעפְט מֶען, מֶען קֶען בַּיי יֶעדְן אִיד טְרֶעפְן גוּטֶע נְקוּדוֹת.

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַּרְנָסָה ~

אַ אִיד דַארְף זִיךְ אַרַיינֶעמֶען אִין קָאפּ אַז זַיין פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ פַּרְנָסָה-שְׁטֶעלֶע, עֶר אַרְבֶּעט אוּן עֶר מַאכְט גֶעלְט, אִיז עֶס אוֹיךְ נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין דֶרֶךְ הַטֶבַע, וַוייל מֶען זֶעהט אַסַאךְ מָאל מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט אַסַאךְ יָארְן אוֹיף אֵיין פְּלַאץ, אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען זֵיי אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן אָן פַּרְנָסָה, זֶעהט מֶען אַז יֶעדְן טָאג וָואס מֶען הָאט יָא פַּרְנָסָה אִיז עֶס אַ בַּאזוּנְדֶערֶע נֵס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים זָאגְן אַז דֶערְפַאר זָאגְט מֶען יֶעדְן טָאג נָאכְאַמָאל דִי שִׁירַת הַיָּם, צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נֵס פוּן קְרִיעַת יַם סוּף, דָאס אִיז כְּדֵי צוּ דֶערְמַאנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַז זַיין פַּרְנָסָה וָואס אִיז אוֹיךְ אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי קְרִיעַת יַם סוּף (פְּסָחִים קיח.) אִיז אַ בַּאזוּנְדֶערֶע נֵס יֶעדְן טָאג, אוּן מֶען דַארְף יֶעדְן טָאג בַּאזוּנְדֶער דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט צוּגֶעוואוֹינְט אַז עֶס קוּמְט שׁוֹין אַזוֹי, עֶר הָאט אַ שְׁטֶעלֶע אוּן עֶר מַאכְט פַּרְנָסָה, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, נָאר יֶעדְן טָאג אִיז אַ בַּאזוּנְדֶערֶע נֵס, אוּן יֶעדֶע מָאל וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען נָאכְאַמָאל לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר גֶעבְּט פַּרְנָסָה.

אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט דֶעם, עֶר וֵוייסְט אַז זַיין פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הַאנְדְלֶען עֶרְלִיךְ, נִישְׁט בַּא'גַנָב'עֶנֶען אוּן נִישְׁט בַּא'עֲוַולְ'נֶען קַיין מֶענְטְשְׁן כְּדֵי צוּ מַאכְן מֶער גֶעלְט, וַוייל וִוי אַזוֹי אִיז שַׁיָּיךְ צוּ מַאכְן מֶער גֶעלְט? נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען גֶעבְּן מֶער גֶעלְט, אוּן פוּן נִישְׁט הַאנְדְלֶען עֶרְלִיךְ וֶועט מֶען נִישְׁט מַאכְן מֶער גֶעלְט, מֶען וֶועט נָאר פַארְלִירְן פוּן דֶעם, מֶען וֶועט דַארְפְן צָאלְן כֵּפֶל כִּפְלַיִם, אָבֶּער אַז מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ אִיד זַייעֶר שְׁטַארְקֶן, אֲפִילוּ וֶוען עֶר פִּיהלְט גָארְנִישְׁט, אַלֶעס אִיז בַּיי אִים אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, זָאל עֶר ווִיסְן אַז עֶס וֶועט נָאךְ קוּמֶען גוּטֶע צַייטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק בֹּא תשנ"ט לפ"ק)

***

**וַיֵּלְכוּ וַיַּעֲשׂוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר צִוָּה ה' אֶת מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן כֵּן עָשׂוּ**, דִי אִידְן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעטוּהן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן פַאר מֹשֶׁה אוּן אַהֲרֹן, צוּ מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, פְרֶעגְט רַשִׁ"י, וִוי אַזוֹי זָאגְסְטוּ אַז דִי אִידְן הָאבְּן שׁוֹין מַקְרִיב גֶעוֶוען דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, עֶס אִיז דָאךְ נָאךְ גֶעוֶוען רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, אוּן מֶען הָאט עֶרְשְׁט גֶעקוֹיפְט דִי בְּהֵמָה פַארְן קָרְבַּן דֶעם צֶענְטְן טָאג פוּן חֹדֶשׁ? נָאר וַוייל דִי אִידְן הָאבְּן זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען אַז זֵיי וֶועלְן עֶס טוּהן, הֵייסְט עֶס אַזוֹי וִוי זֵיי הָאבְּן עֶס שׁוֹין גֶעטוּהן.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ו) אַז פַאר אַ אִיד טוּט אַ מִצְוָה דַארְף עֶר קוֹדֶם הָאבְּן דִי חֵשֶׁק דָאס צוּ טוּהן, אוּן אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט בַּיי אַ קִינְד אַז מֶען וַוייזְט אִים אַ גוּטֶע זַאךְ אוּן נָאכְדֶעם בַּאהַאלְט מֶען עֶס, אוּן דָאס רֵייצְט אוֹיף דֶעם אַפֶּעטִיט פוּנֶעם קִינְד עֶס צוּ בַּאקוּמֶען, דִי זֶעלְבֶּע טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיטְן מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶר ווִיל מַאכְן פַארְן מֶענְטְשׁ חֵשֶׁק צוּ טוּהן אַ מִצְוָה, שְׁטֶעלְט עֶר אִים צוּ מְנִיעוֹת, אַז עֶר זָאל הָאבְּן שְׁוֶועריַקַייטְן דָאס מְקַיֵּים צוּ זַיין, אוּן דָאס אִיז גֶעמַאכְט צוּ פַארְשְׁטֶערְקֶערְן דִי חֵשֶׁק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל עֶס דַוְקָא יָא וֶועלְן טוּהן, אוּן אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ ווִיל אֶמֶת'דִיג טוּהן אַ מִצְוָה, קֶען אִים קַיין שׁוּם זַאךְ שְׁטֶערְן דֶערְפוּן, עֶר וֶועט עֶס זִיכֶער אוֹיסְפִירְן.

דֶערְפַאר זָאגְט דִי תּוֹרָה דָא, אַז יֶעצְט וֶוען דִי אִידְן הֵייבְּן אָן צוּ טוּהן דִי מִצְוֹת, זָאל מֶען ווִיסְן אַז דֶער עִיקָּר אִיז דִי רָצוֹן, אַ מֶענְטְשׁ זָאל "וֶועלְן" זַיין וואוּיל אוּן טוּהן מִצְוֹת, אוּן דֶעמָאלְט'ס וֶועט עֶר זִיכֶער זַיין וואוּיל אוּן עֶרְלִיךְ.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית בֹּא תש"ע לפ"ק)

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען הַאנְדְלְט עֶרְלִיךְ אוּן מֶען בַּא'גַנָב'ט נִישְׁט קֵיינֶעם, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז מֶען וֶועט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, אוּן עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

### גַנָב'נֶען וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס אִיז גֶעוֶוען זַייעֶר אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן, זַיין וַוייבּ פְלֶעגְט אִים אַלְץ מוּטְשֶׁען אַז עֶר זָאל עֶפֶּעס טוּהן פַאר פַּרְנָסָה, עֶר זָאל אַהֵיים בְּרֶענְגֶען עֶפֶּעס גֶעלְט, וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ זַייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט, אָבֶּער דֶער תַּלְמִיד הָאט נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט קַיין שׁוּם זַאךְ, עֶר הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פֶערְד צוּ קֶענֶען עֶפֶּעס אַרְבֶּעטְן דֶערְמִיט.

אֵיין טָאג וֶוען זַיין וַוייבּ הָאט שׁוֹין מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְהֵייבְּן דִי שְׁוֶוערֶע אָרִימְקַייט וָואס הָאט גֶעהֶערְשְׁט בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּבּ, הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דְרוּקְן אוֹיף אִיר מַאן אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל גֵיין צוּ דִי שְׁטַאל פוּן פֶערְד פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוּן נֶעמֶען פוּן דָארְט אֵיין פֶערְד עֶר זָאל כָאטְשׁ קֶענֶען אָנְהֵייבְּן צוּ טוּהן עֶפֶּעס פַאר פַּרְנָסָה, "דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶענוּג פֶערְד, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁעהן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אַרוֹיס נֶעמֶען אֵיין פֶערְד פוּן דָארְט".

דֶער מַאן הָאט וִוי פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט הֶערְן פוּן אַזַא זַאךְ, עֶס אִיז דָאךְ אַן אִיסוּר פוּן גְנֵיבָה וּגְזֵילָה, אָבֶּער זִי הָאט אִים נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ מוּטְשֶׁען אוּן בֶּעטְן, בִּיז עֶר הָאט גֶעמוּזְט מַסְכִּים זַיין, אוּן עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז בַּיינַאכְט וֶועט עֶר גֵיין אוּן אַרוֹיס נֶעמֶען אֵיין פֶערְד פוּן דִי שְׁטַאל פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב וָואס הָאט דָאס אַלֶעס גֶעזֶעהן מִיט רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ הָאט גֶעהֵייסְן פַארְן גוֹי וָואס הָאט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיפְ'ן שְׁטַאל, אַז עֶר זָאל לָאזְן דִי פֶערְד אוֹיף הֶפְקֵר בַּיינַאכְט, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער וֶועט קוּמֶען נֶעמֶען אַ פֶערְד זָאלְסְטוּ אִים לָאזְן אוּן אִים נִישְׁט שְׁטֶערְן, בַּיינַאכְט אִיז טַאקֶע דֶער תַּלְמִיד גֶעקוּמֶען אוּן עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ פֶערְד, אוּן עֶס אַהֵיים גֶעטְרָאגְן.

אָבֶּער אַזוֹי עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אַ עָנִי וְאֶבְיוֹן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט אֲפִילוּ פַאר זִיךְ אוּן פַאר זַיין וַוייבּ צוּ עֶסְן, הָאט עֶר דָאךְ זִיכֶער נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט צוּ קוֹיפְן עֶסְן פַאר דִי פֶערְד, אוּן אַז דֶער פֶערְד אִיז גֶעוֶוען זַייעֶר הוּנְגֶערִיג הָאט עֶר דָאךְ נִישְׁט גֶעהַאלְטְן בַּיים אַרְבֶּעטְן, הָאט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעהַאט פוּן דִי גַאנְצֶע זַאךְ.

נָאךְ דְרֵיי טֶעג, וֶוען דֶער תַּלְמִיד הָאט גֶעזֶעהן אַז עֶר הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּהן דָא מִיטְן פֶערְד, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אִים אַקֶעגְן גֶעקוּמֶען אוּן אִים גֶעזָאגְט: "וָואס וֶועסְטוּ שׁוֹין הָאבְּן אַז דֶער פֶערְד וֶועט שְׁטַארְבְּן, וֶועסְטוּ דָאךְ הָאבְּן נָאךְ גְרֶעסֶערֶע צָרוֹת וִוי אַזוֹי פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּנֶעם פֶערְד"...

דֶעמָאלְט'ס הָאט דֶער תַּלְמִיד פַארְשְׁטַאנֶען אַז זַיין רֶבִּי הָאט אַלֶעס מִיטְגֶעהַאלְטְן מִיט רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, אוּן עֶר הָאט זַייעֶר חֲרָטָה גֶעהַאט אוֹיף וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן, אוּן עֶר אִיז אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען אוּן דֶערְצֵיילְט פַאר זַיין וַוייבּ דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אוּן זֵיי הָאבְּן צוּרִיק גֶעגֶעבְּן דִי גֶע'גַנָב'טֶע פֶערְד.

זֶעהט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן פַאר פַּרְנָסָה וֶוען מֶען גַנְבְ'ט, וֶוען מֶען טוּט זַאכְן קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס וֶועט נָאר עֶרְגֶער מַאכְן, אוּן וֶוען דִי פַּרְנָסָה גֵייט זַייעֶר שְׁוֶוער אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן, וַוייל עֶס לִיגְט נָאר אִין זַיינֶע הֶענְט, פוּן גְנֵיבָה אוּן גְזֵילָה וֶוערְט מֶען נִישְׁט רַייךְ, פַארְקֶערְט מֶען וֶוערְט נָאר פַארְפְּלָאנְטֶערְט מִיט מֶער צָרוֹת, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז וֶוען עֶר וָואלְט גֶעבְּלִיבְּן מִיט דִי פֶערְד וָואלְט עֶס אָפְּגֶעשְׁטָארְבְּן אוּן עֶר וָואלְט גֶעלִיטְן גְרוֹיסֶע בִּזְיוֹנוֹת.

### אַ גַנָב קֶען אוֹיךְ תְּשׁוּבָה טוּהן

רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זָאגְן: "יֶעדְן קֶען אִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיסֶער אַ גַנָב, וַוייל וִוי לַאנְג אִיךְ וֶועל אִים מְקָרֵב זַיין, וֶועט עֶר מִיר בַּא'גַנָב'נֶען מַיין גַאנְצֶע הוֹיז"...

אָבֶּער דֶער אֶמֶת אִיז אַז אֲפִילוּ פַאר אַ גַנָב אִיז טַאקֶע שְׁוֶוער תְּשׁוּבָה צוּ טוּהן, דִי גְמָרָא זָאגְט (בָּבָא קַמָּא עט:) אַז אַ גַנָב צָאלְט כֶּפֶל וַוייל עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעהט וָואס עֶר טוּט, זֶעהט מֶען אַז זַיין מֹחַ אִיז זַייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער פוּן דֶעסְט וֶועגְן, אוֹיבּ הָאט דֶער גַנָב אַן אֶמֶת'ֶע הִרְהוּר תְּשׁוּבָה קֶען עֶר אוֹיךְ תְּשׁוּבָה טוּהן, אוּן פַארֶעכְטְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן.

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"אשׁ

רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְן עוֹלָם אַ שֵׁיינֶע הִתְחַזְּקוּת-שְׁמוּעֶס אַז מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּפַאלְן אוּן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שוּם זַאךְ, אֲפִילוּ מֶען הָאט גֶעטוּהן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן קֶען מֶען אֵייבִּיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִין דִי זַייט אִיז גֶעזִיצְן אַ אִיד וָואס הָאט זִיךְ צוּגֶעהֶערְט צוּם שְׁמוּעֶס, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ רֶבִּי נָתָן אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן זַיין הַארְץ פַאר אִים אַז הֶיוֹת מִיט יָארְן פְרִיעֶר הָאט עֶר גֶעווָאוֹינְט אִין דִי שְׁטָאט ווִילְנָא, אוּן דָארְט אִינֶעם גְרוֹיסְן בֵּית הַכְּנֶסֶת אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַסַאךְ סִפְרֵי תּוֹרָה וָואס זֶענֶען בַּאצִירְט מִיט גָאר טֵייעֶרֶע זִילְבֶּער אוּן גָאלְדֶענֶע צִירוּנְגֶען, אוּן עֶס פְלֶעגְט אֵייבִּיג זַיין אַ שְׁטַארְקֶע שְׁמִירָה צוּ אָפְּהִיטְן דֶעם בֵּית הַכְּנֶסֶת מִיט דִי סִפְרֵי תּוֹרָה.

יוֹם כִּיפּוּר בַּיינַאכְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא שְׁטַארְקֶע שְׁמִירָה, וַוייל מֶען הָאט גֶעטְרַאכְט אַז פוּן אֵימַת יוֹם הַדִין וֶועט זִיכֶער קֵיינֶער נִישְׁט גַנָב'נֶען גָארְנִישְׁט, אָבֶּער עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען דָארְט אַ בַּאנְדֶע גַנָבִים וָואס הָאבְּן דַוְקָא אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן דִי הֵיילִיגֶע נַאכְט אוֹיסְצוּפִירְן זֵייעֶרֶע גְנֵיבוֹת, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַרַיין גֶעכַאפְּט אִין בֵּית הַכְּנֶסֶת יוֹם כִּיפּוּר בַּיינַאכְט אוּן זֵיי הָאבְּן אַרוֹיס גֶע'גַנָב'ט אַלֶע גָאלְד אוּן זִילְבֶּער פוּן בֵּית הַכְּנֶסֶת, אִינְדֶערְפְרִי וֶוען דֶער עוֹלָם אִיז גֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַכְּנֶסֶת הָאט מֶען דֶערְשְׁרָאקֶענֶערְהֵייט גֶעזֶעהן אַז אַלֶע גָאלְד אוּן זִילְבֶּער פוּן שׁוּהל אִיז גֶע'גַנָב'ט גֶעוָוארְן "וֶוער הָאט גֶעהַאט אַזַא חוּצְפָּה אִין דִי הֵיילִיגְסְטֶע נַאכְט פוּן יָאר צוּ טוּהן אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ?"

דִי רַבָּנִים פוּן שְׁטָאט הָאבְּן זִיךְ צוּזַאם גֶעזֶעצְט צוּ דַן זַיין אִין דֶעם עִנְיָן, אוּן מֶען הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז מֶען גֵייט מַאכְן אַ חֵרֶם, אוֹיף וֶוער עֶס הָאט עֶס גֶע'גַנָב'ט, אוּן אוֹיךְ אוֹיף וֶוער עֶס וֵוייסְט וֶוער דִי גַנָבִים זֶענֶען אוּן זָאגְט נִישְׁט אוֹיס, אַז זֵיי זָאלְן זַיין מוּחְרָם פוּן בֵּיידֶע וֶועלְטְן.

הָאט דֶער אִיד אוֹיסְגֶעפִירְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען פוּן דִי גַנָבִים, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט וֶוער זֵיי זֶענֶען אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אוֹיסְגֶעזָאגְט, אוּן פוּן דֶעמָאלְט'ס בִּיז יֶעצְט וֵוייס אִיךְ שׁוֹין אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין דֶערְנָאךְ, אִיךְ בִּין שׁוֹין מוּחְרָם פוּן בֵּיידֶע וֶועלְטְן, אוּן אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּהן, אָבֶּער יֶעצְט וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דֶעם שְׁמוּעֶס וִוי אִיר זָאגְט אַז עֶס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט דֶערְנָאךְ, מֶען קֶען אֵייבִּיג תְּשׁוּבָה טוּהן, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהן אַז אִיךְ קֶען אוֹיךְ תְּשׁוּבָה טוּהן" אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן רֶבִּי נָתָן אַז עֶר זָאל אִים זָאגְן וִוי אַזוֹי עֶר קֶען תְּשׁוּבָה טוּהן, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט אִים מְחַזֵק גֶעוֶוען אוּן אִים גֶעגֶעבְּן אַ דֶרֶךְ תְּשׁוּבָה.

זֶעהט מֶען אַז אוֹיבּ אַ אִיד מֵיינְט עֶס אֱמֶת'דִיג קֶען עֶר אֵייבִּיג תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"אשׁ חֵלֶק ז' עֶרֶךְ פַּרְנָסָה וְעֶרֶךְ גַנָב)

# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

## מַעֲשֶׂה א' מֵאֲבֵידַת בַּת הַמֶּלֶךְ

### פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר

הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דֶעם מְשָׁרֵת אוּן אִיז שׁוֹין אַלֵיין גֶעגַאנְגֶען זִי זוּכְן. אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט זִי גֶעזוּכְט כַּמָה שָׁנִים. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען. אַז אִין יִשׁוּב גֶעפִינְט זִיךְ בְּוַודַאי נִישְׁט קֵיין גָאלְדֶענֶער בַּארְג אוּן אַ פֶּערְלֶענֶער שְׁלָאס. וָוארְן עֶר אִיז גֶעוֶוען גֶענִיט (בַּאקַאנְט) אִין דִי קְרָאנִיקֶיס (לַאנְדקַארְטֶע) (מַאפֶּע) עַל כֵּן וֶועל אִיךְ גֵיין אִין מִדְבָּרִיוֹת דָארְטְן זוּכְן. אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען זִי זוּכְן אִין מִדְבָּרִיוֹת כַּמָה וְכַמָה שָׁנִים. דֶער נָאךְ הָאט עֶר דֶערְזֶען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסְן מֶענְטְשׁ וָואס דִי גְרֵייס (גְרוֹיס) אִיז גֶעוֶוען נִישְׁט מֶענְטְשְׁלֶעךְ. אוּן הָאט גֶעטְרָאגְן אַ גְרוֹיסֶן בּוֹים. וָואס אִין יִשׁוּב גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי אַ גְרוֹיסֶער בּוֹים, אוּן דֶער מֶענְשׁ הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: וֶוער בִּיסְטוּ? הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְפֶערְט אִיךְ בִּין אַ מֶענְטְשׁ. הָאט זִיךְ דֶער גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ פַארוואוּנְדֶערְט, אוּן הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי אַ לַאנְגֶע צַייט אִין דֶער מִדְבָּר הָאבּ אִיךְ קֵיין מָאל דָא נִישְׁט גֶעזֶען קֵיין מֶענְטְשׁ.

# נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן

הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דֶעם מְשָׁרֵת אוּן אִיז שׁוֹין אַלֵיין גֶעגַאנְגֶען זִי זוּכְן. עֶס קוּמְט אַמָאל אַ צַייט וֶוען מֶען דַארְף אִיבֶּערְלָאזְן דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן אַרוּם זִיךְ וָואס שְׁטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אוֹיפְזוּכְן זַיין נְשָׁמָה, פוּן זוּכְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ אַלֵיינְ'ס נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן זֶעהן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט זִי גֶעזוּכְט כַּמָה שָׁנִים. מֶען דַארְף אָבֶּער גֶעדֶענְקֶן אַז דָאס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, מֶען דַארְף זוּכְן אוּן זוּכְן אוּן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז מֶען אִיז טַאקֶע זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען. אַז אִין יִשׁוּב גֶעפִינְט זִיךְ בְּוַודַאי נִישְׁט קֵיין גָאלְדֶענֶער בַּארְג אוּן אַ פֶּערְלֶענֶער שְׁלָאס. וָוארְן עֶר אִיז גֶעוֶוען גֶענִיט (בַּאקַאנְט) אִין דִי קְרָאנִיקֶיס (לַאנְדקַארְטֶע) (מַאפֶּע) עַל כֵּן וֶועל אִיךְ גֵיין אִין מִדְבָּרִיוֹת דָארְטְן זוּכְן. דֶער יִשׁוּב דָאס אִיז דִי וֶועלְט וָואס מִיר זֶעהן, וָואס עֶס זֶעהט אוֹיס וִוי אַלֶעס פִירְט זִיךְ פוּן זִיךְ אַלֵיינְ'ס בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע, וֶוען אַ אִיד וִויל אוֹיפְזוּכְן זַיין נְשָׁמָה, קֶען עֶר עֶס נִישְׁט טוּהן וִוי לַאנְג עֶר לֶעבְּט מִיט אַ דֶרֶךְ הַטֶבַע, וִוי לַאנְג עֶר גֶעדֶענְקְט נִישְׁט קְלָאר אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען קֶען גָארְנִישְׁט טוּהן אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם? מֶען גֵייט אִין מִדְבָּר זוּכְן, מִדְבָּר גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן דִיבּוּר, מֶען נֶעמְט דֶעם דִיבּוּר, מֶען הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ אַלֶעס צוּ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיךְ נֶעמְט מֶען דֶעם דִיבּוּר פוּן תּוֹרָה, מֶען הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, וֶוען מֶען טוּט דִי צְוֵויי זַאכְן, דָאס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זַיין נְשָׁמָה קוּמְט צוּרִיק צוּ אִים.

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען זִי זוּכְן אִין מִדְבָּרִיוֹת כַּמָה וְכַמָה שָׁנִים. עֶס קֶען טַאקֶע נֶעמֶען אַסַאךְ יָארְן, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, מֶען וֶוערְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שוּם זַאךְ, מֶען פְּרוּבִּירְט אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל אָן אוֹיפְהֶער, דֶעמָאלְט'ס אִיז מֶען צוּם סוֹף זוֹכֶה צוּ אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן.

דֶער נָאךְ הָאט עֶר דֶערְזֶען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסְן מֶענְטְשׁ וָואס דִי גְרֵייס (גְרוֹיס) אִיז גֶעוֶוען נִישְׁט מֶענְטְשְׁלֶעךְ. אוּן הָאט גֶעטְרָאגְן אַ גְרוֹיסֶן בּוֹים. וָואס אִין יִשׁוּב גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי אַ גְרוֹיסֶער בּוֹים. וֶוען אַ אִיד הֵייבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵייבְּט זִיךְ אִים אָן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דִי מְנִיעוֹת, פוּן אַלֶע זַייטְן קוּמֶען אָן מֶענְטְשְׁן אִים צוּ שְׁטֶערְן פוּן זַיין עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר דָא אָנְגֶעטְרָאפְן דֶעם גְרוֹיסְן מֶענְטְשׁ דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז מְפוּרְסָם אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן עֶר טְרָאגְט אַ גְרוֹיסְן בּוֹים, דָאס מֵיינְט אַז עֶר הָאט אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן אוּנְטֶער זִיךְ וָואס גֵייעֶן אִים נָאךְ, אַזוֹי וִוי אַ בּוֹים וָואס הָאט אִין זִיךְ אַסַאךְ צְוַוייגְן אוּן בְּלֶעטֶער, אָבֶּער עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שָׁלִיחַ פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע צוּ אָפְּרֶעדְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אַז עֶר אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, עֶר וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד נִישְׁט וֶוערְן.

(פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה)

(נהרי אפרסמון - תוך הנחל משפטים תשנ"א)

# דָא וואוֹינְט אַ אִיד!

דֶער צַדִּיק ר׳ מֹשֶׁה לֵייבּ סַאסוּבֶער זי״ע אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ גַאסְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זי״ע אוֹיף שַׁבָּת פַּרְשַׁת בֹּא.

בַּיים טִישׁ הָאט דֶער רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ זי״ע מְכַבֵּד גֶעוֶוען ר׳ מֹשֶׁה לֵייבּ זי״ע צוּ זָאגְן תּוֹרָה, אָבֶער עֶר הָאט קוֹדֶם נִישְׁט גֶעוָואלְט זָאגְן, אָבֶער וֶוען עֶר הָאט אִים שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן תּוֹרָה:

עֶס שְׁטֵייט אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, וְהָיָה הַדָּם לָכֶם לְאֹת עַל הַבָּתִּים אֲשֶׁר אַתֶּם שָׁם וְרָאִיתִי אֶת הַדָּם וּפָסַחְתִּי עֲלֵכֶם, דִי בְּלוּט פוּנֶעם קָרְבַּן פֶּסַח וָואס מֶען הָאט גֶעשְׁמִירְט אוֹיף דִי טִיר, וֶועט זַיין אַ סִימָן, אַז וֶוען אִיךְ וֶועל זֶעהן דִי בְּלוּט וֶועל אִיךְ אַרִיבֶּער טַאנְצְן דִי הַייזֶער, לִכְאוֹרָה וָואלְט דֶער פָּסוּק גֶעדַארְפְט זָאגְן "וּפָסַחְתִּי מֵעֲלֵכֶם" אִיךְ וֶועל טַאנְצְן "אִיבֶּער" דִי הַייזֶער, אוּן נִישְׁט "וּפָסַחְתִּי עֲלֵכֶם" אִיךְ וֶועל טַאנְצְן "אוֹיף" דִי הַייזֶער?

נָאר דֶער פְּשַׁט אִיז, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט זַיין גַאנְצֶע פַּמַלְיָא שֶׁל מַעְלָה זֶענֶען גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם פֶּסַח בַּיינַאכְט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזֶעהן וִוי דִי אִידְן רֶעכְטְן אָפּ דֶעם סֵדֶר מִיט גְרוֹיס פְרֵייד אוּן הִתְלַהֲבוּת, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעוָוארְן אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַלֵיין צוּ טַאנְצְן אוּן זִינְגֶען "דָא וואוֹינְט אַ אִיד! דָא וואוֹינְט אַ אִיד!"

אַזוֹי זָאגֶענְדִיג דִי תּוֹרָה אִיז רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ זי״ע אַלֵיינְ׳ס אַרַיין אִין אַ גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן הִתְלַהֲבוּת, אוּן עֶר אִיז אַרוֹיף גֶעטַאנְצְן אוֹיפְ׳ן טִישׁ אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן אוּן זִינְגֶען, טַייטְלֶנְדִיג אוֹיפְ׳ן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ זי״ע, "דָא וואוֹינְט אַ אִיד! דָא וואוֹינְט אַ אִיד!"...

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב״ק בֹּא תשס״ט לפ״ק)

# ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳ ~

## שיינע שבע ברכות פארקומען די וואך אין ישיבה

**א זוהן פון מרת פרייער תחי׳**

די וואך מיטוואך איז פארגעקומען אין ישיבה א שיינע שבע ברכות, צו די שמחה פון החתן מאיר אלימלך פרייער שליט״א בן הרב ר׳ צבי דוד שליט״א.

ווי באקאנט העלפט מרת פרייער תחי׳ גאר שטארק ארויס די ישיבה שטענדיג, און ספעציעל אין די שווערע צייטן ווען דער סמך-מם האט נאר געוואלט זעהן די ישיבה אפגעשפארט האט זי זיך ארויס געשטעלט און גאר שטארק ארויס געהאלפן די ישיבה אויפ׳ן לעגאלן פראנט, און מיטן אייבערשטנ׳ס הילף חפץ ה׳ בידינו הצליח, אז די אינשי דלא מעלי האבן נישט געקענט האבן קיין שליטה אויף די הייליגע ישיבה, ועוד ידה נטוי׳ זי שטייט ווייטער גרייט אויפ׳ן לעגאלן פראנט ארויס צוהעלפן די ישיבה מיט וואס עס פעלט אויס אין די לעגאלע היניזיכטן.

יעצט בעת שמחה ווען זי האט חתונה געמאכט איר זוהן בשעה טובה ומוצלחת האט די ישיבה געמאכט א גרויסע שבע ברכות אויסצודרוקן אן הכרת הטוב, פאר אלעס וואס זי טוט פאר די ישיבה.

עס זענען זיך צוזאמגעקומען א שיינער עולם תלמידי הישיבה פון אלע געגענטער מיט צו האלטן די שבע ברכות, עס איז געווען א שיינע שמחה, מען האט משמח געווען דעם חתן ביז די שפעטע שעה׳ן.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

***

## אסיפת הורים פארגעקומען די וואך אין סקול "בית פיגא"

די וואך איז פארגעקומען די אסיפת הורים אין סקול, ווי עס זענען זיך צוזאם געקומען די מאמע׳ס פון די תלמידות, איבערצושמועסן מיט די טיטשער׳ס, ווען די עלטערן ארבעטן אינאיינעם מיט די מחנכים איז דאס די גרעסטע טובה פאר די קינדער.

די חשובע מנהלת מרת לעסער תחי׳ האט גערעדט פאר די מאמע׳ס ווי זי האט ארויסגעברענגט די יסודות פון אונזער סקול, וואס רופט זיך "בית פיגא" אויפ׳ן נאמען פונעם רבי׳נס מאמע פיגא, ווי באקאנט האט דער רבי געוואלט אז מען זאל אים רופן אויף זיין מאמע׳ס נאמען רבינו נחמן בן פיגא, דאס איז געווען אלץ הכרת הטוב, ווייל ווען דער רבי איז געווען א קליין קינד פלעגט אים זיין מאמע נעמען צום ציון פון איר זיידע דער הייליגער בעל שם טוב, און זי פלעגט דארט אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז דער קינד זאל אויסוואקסן אן ערליכער איד, און דער רבי האט געהאלטן אז דאס האט אים געהאלפן צוצוקומען צו וואס ער איז צוגעקומען.

און דאס דארף מיר זיך אפלערנען פון די צדיקת פיגא, אז מיר זאלן אסאך בעטן דעם אייבערשטן אויף די הצלחה פון די קינדער, אלעס ווענדט זיך אין תפלה, ווי מער עלטערן בעטן דעם אייבערשטן אויף די הצלחה פון די קינדער, ווען זיי מער מצליח זיין.

און דאס לייגט מען אריין אויך אין די טייערע קינדער אז זיי זאלן לעבן מיטן אייבערשטן און רעדן צום אייבערשטן, און דאס וועט זיי באגלייטן א גאנץ לעבן.

די מאמע׳ס האבן זייער הנאה געהאט פון די אסיפה וואס איז געקרוינט געווארן מיט א זעלטענע סוקסעס, און מען זעהט אפען די סייעתא דשמיא ביי טריט און שריט, ווי די סקול האט זיך אזוי שיין אהער געשטעלט, צו די צופרידנהייט פון די עלטערן מיט די קינדער צוגלייך.

**חנוך לנער על פי דרכו!**

# ספרי ברסלב

## פרייליכע מעלדונג

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ׳ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע צרכי ברסלב

### ספרים

- כל ספרי רבינו
- כל ספרי רבי נתן
- כל ספרי מוהרא״ש
- לשה״ק / אידיש

### סידו״ס

- דרשות
- ניגונים
- נוסח
- זמירות

### פארשידענ׳ס

- קמיעות
- ציצית / תכלת

**דאס אלעס און מער קען מען באקומען בהיכל הישיבה**

**27 Skillman St.** – אדער רופט 347-977-7994

**פאר גאר ביליגע פרייזן**

# סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א ברכת מזל טוב פאר

**הבחור החתן יעקב פיש נ״י**

**צו זיין שמחת תנאים**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים, אמן

# קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים**

**פון כ״ק מוהרא״ש שליט״א**

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**

הדלקת הנרות......................4:48
מוצש"ק..............................6:19
סוף זמן ק"ש........................9:03

**שיעורים כסדרן**

בבלי..........................שבת קט"ו
ירושלמי......................נדרים ל"ג
תוספתא............קרבנות פרק ט'

פרשת בשלח, חמשה עשר שבט, שבת שירה, שנת תשע"ג לפ"ק          שנה 2, גליון 17 (67)

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיְהִי בְּשַׁלַּח פַּרְעֹה אֶת הָעָם וְלֹא נָחָם אֱלֹקִים דֶּרֶךְ אֶרֶץ פְּלִשְׁתִּים כִּי קָרוֹב הוּא כִּי אָמַר אֱלֹקִים פֶּן יִנָּחֵם הָעָם בִּרְאֹתָם מִלְחָמָה וְשָׁבוּ מִצְרָיְמָה.**

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, נָאכְדֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעלִיטְן אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע צָרוֹת אִין מִצְרַיִם, זֵיי הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט שְׁוֶוער, פַּרְעֹה הָאט גֶע'שָׁחְטְ'ן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן זִיךְ גֶעבָּאדְן אִין זֵייעֶר בְּלוּט, מֶען הָאט זֵיי דֶערְבִּיטֶערְט דָאס לֶעבְּן, אוּן נָאכְדֶעם הָאט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרוֹיס גֶענוּמֶען מִיט אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע נִיסִים פוּן מִצְרַיִם, זָאלְן דִי אִידְן נָאךְ וֶועלְן צוּרִיק גֵיין אַהִין?

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (עֲבוֹדָה זָרָה יט.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים א, א) וּבְמוֹשַׁב לֵצִים לֹא יָשָׁב, אַז דִי לֵצִים זֶענֶען דִי פְּלִשְׁתִּים וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע לֵצִים.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעפִירְט דִי אִידְן דוּרְךְ פְּלִשְׁתִּים וַוייל זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע לֵצִים, אוּן דֶער כֹּחַ פוּן לֵיצָנוּת אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז אֲפִילוּ נָאכְדֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן שׁוֹין גֶעזֶעהן דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט זֵיי גֶעטוּהן אִין מִצְרַיִם, אוֹיבּ אָבֶּער זֵיי וָואלְטְן דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען דִי פְּלִשְׁתִּים דִי לֵצִים, וָואלְטְן זֵיי מִיט זֵייעֶר לֵיצָנוּת אַלֶעם גֶעקֶענְט אַוֶועקְמַאכְן, אוּן דִי אִידְן וָואלְטְן צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען אוֹיף מִצְרַיִם.

זֶעהט מֶען פוּן דֶעם וִוי וַוייט מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן לֵצִים, מֶען טָאר נִישְׁט שְׁטֵיין גֶעבְּן אַ לֵיץ, וַוייל וִויפִיל מֶען הֶערְט גוּטֶע זַאכְן פוּן אַ צַדִּיק, קֶען עֶס דֶער לֵיץ אִינְגַאנְצְן אַוֶועק מַאכְן מִיט אַ מַאךְ מִיט דִי הַאנְט, אוּן נָאכְדֶעם לָאזְט מֶען אִינְגַאנְצְן אָפּ דֶעם צַדִּיק, וואוֹיל אִיז דֶער וָואס הִיט זִיךְ פוּן לֵצִים וִוי פוּן פֵּייעֶר.

(זֹאת הַתּוֹרָה בְּשַׁלַּח א)

***

**וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל הָעָם אַל תִּירָאוּ הִתְיַצְּבוּ וּרְאוּ אֶת יְשׁוּעַת ה' אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה לָכֶם "הַיּוֹם"**, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן: "שְׁטֵייט'ס אוּן זֶעהט'ס דִי יְשׁוּעָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט טוּהן מִיט עֶנְק "הַיינְט".

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ער"ב) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים צה, ז) **"הַיּוֹם" אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ**, אַז אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג נָאר קוּקְן אוֹיפְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג, נִישְׁט קוּקְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, אוּן נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס עֶס וֶועט זַיין מָארְגְן, אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ.

דָאס הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט: **"אַל תִּירָאוּ הִתְיַצְּבוּ וּרְאוּ אֶת יְשׁוּעַת ה'"**, אוֹיבּ ווִילְט עֶטְץ זֶעהן דִי יְשׁוּעָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה לָכֶם "הַיּוֹם"**. זָאלְט עֶטְץ קוּקְן נָאר אוֹיפְ'ן **"הַיינְטִיגְן טָאג"**, דֶעמָאלְט'ס וֶועט עֶטְץ אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת.

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט ~

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט וֶוען עֶס אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַאר דִי בֵּיימֶער, דֶער פָּסוּק זָאגְט כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה - אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי וִוי אַ בּוֹים, זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אַסַאךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן אַ בּוֹים וִוי אַזוֹי אָנְצוּגֵיין אִין זַיין לֶעבְּן.

### זִיךְ דֶערְהַאלְטְן

אוֹיף אַ בּוֹים גֵייט דוּרְךְ זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע צַייטְן, עֶס וֶוערְט וִוינְטֶער, עֶס קוּמֶען שְׁוֶוערֶע ווִינְטְן, הָאגְל, שְׁנֵיי, אַלֶע בְּלֶעטֶער פַאלְן אַרָאפּ, דֶער בּוֹים וֵוייסְט נִישְׁט אוֹיבּ עֶר וֶועט עֶס דוּרְךְ מַאכְן, אָבֶּער אוֹיבּ עֶר הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק, עֶר וֵוייסְט אַז בַּאלְד וֶועט קוּמֶען זוּמֶער אוּן דִי זוּן וֶועט אוֹיפְשַׁיינֶען אוּן עֶר וֶועט צוּרִיק אוֹיפְלֶעבְן, מַאכְט עֶר עֶס דוּרְךְ אוּן עֶס בְּלַייבְּט שְׁטֵיין אַ הֶערְלִיכֶע בּוֹים.

אוּן אֲפִילוּ זוּמֶער קוּמֶען אוֹיךְ דִי הִיצְן וָואס טְרִיקֶענֶען אוֹיס דֶעם בּוֹים, אוּן עֶס זֶעהט אוֹיס וִוי עֶר וֶועט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן פַּארְטְרִיקְנְט, אָבֶּער אוֹיבּ דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ, בְּלַייבְּט עֶר שְׁטֵיין, אוּן עֶס בְּלַייבְּט אַ הֶערְלִיכֶע בּוֹים.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַ מֶענְטְשׁ, עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אִים אַסַאךְ שְׁוֶועִרִיקַייטְן, אַסַאךְ מָאל זֶעהט אִים אוֹיס וִוי עֶר הַאלְט עֶס שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיס, עֶר קֶען עֶס מֶער נִישְׁט דוּרְךְ טְרָאגְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס הֵייבְּט שׁוֹין אָן צוּ גֵיין אַבִּיסְל בֶּעסֶער, קוּמֶען פְּרִישֶׁע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן עֶר ווִיל שׁוֹין אוֹיפְגֶעבְּן, אָבֶּער אוֹיבּ עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, וֶועט אִים צוּם סוֹף גוּט זַיין.

וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ וֶועט אִים צוּם סוֹף זַיין גוּט.

### זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן גָארְנִישְׁט

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ זֶעהט מֶען בַּיי דִי בֵּיימֶער, מֶענְטְשְׁן שְׁפַּייעֶן אוֹיף זֵיי, שְׁטוֹיסְן אוֹיף זֵיי, מֶען וַוארְפְט אוֹיף זֵיי שְׁמוּץ, מֶען

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

דֶערְפַאר דַארְף אַ אִיד וִויסְן אַז עֶר הָאט נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, הַיינְט בִּין אִיךְ גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, אוּן אִיךְ טְרַאכְט נִישְׁט אִיבֶּער וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, אוּן אִיךְ הָאבּ נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אִיךְ טְרַאכְט נִישְׁט וָואס עֶס וֶועט זַיין מָארְגְן, אוֹיף אֵיין טָאג קֶען מֶען אַלֶעס פַארְנֶעמֶען, אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג וֶועט מֶען זַייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

(זֹאת הַתּוֹרָה בְּשַׁלַּח ב)

***

**וַיָּבֹאוּ מָרָתָה וְלֹא יָכְלוּ לִשְׁתֹּת מַיִם מִמָּרָה כִּי מָרִים הֵם**, דִי אִידְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטָאט מָרָה אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרִינְקְן דִי וַואסֶער, וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיטֶער, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוִויזְן פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַ הָאלְץ, עֶר זָאל עֶס אַרַיינְוַוארְפְן אִין וַואסֶער, אוּן עֶס אִיז זִיס גֶעוָוארְן.

מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט עֲבֵירוֹת, וֶוערְט דָאס אַרַיין גֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְחֶזְקֵאל לב, כז) **וַתְּהִי עֲוֹנוֹתָם [חֲקוּקָה] עַל עַצְמֹתָם**, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ בִּיטֶערְנִישׁ, עֶר וֶוערְט אַ טְרוֹיעֶרִיגֶער מֶענְטְשׁ, אוּן דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז, עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן פַאר אַ צַדִיק, אוּן דֶעמָאלְט'ס גֵייט אַרוֹיס דִי עֲבֵירוֹת פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער, אוּן עֶר וֶוערְט אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְלֹא יָכְלוּ לִשְׁתֹּת מַיִם מִמָּרָה כִּי מָרִים "הֵם"**, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרִינְקְן דִי וַואסֶער וַוייל "זֵיי" זֶענֶען גֶעוֶוען בִּיטֶער, וָואס דָאס קוּמְט פוּן עֲבֵירוֹת, **וַיּוֹרֵהוּ ה' עֵץ וַיַּשְׁלֵךְ אֶל הַמַּיִם**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוִויזְן דֶעם **"עֵץ"** וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן צַדִיק (עי' תִּיקּוּנֵי זֹהַר כא.), מֶען זָאל גֵיין צוּם צַדִיק, אוּן דֶעמָאלְט'ס, **וַיִּמְתְּקוּ הַמָּיִם**, וֶועט אַלֶעס וֶוערְן זִיס, עֶס וֶועט אַוֶועקְגֵיין דִי גַאנְצֶע בִּיטֶערְנִישׁ.

(זֹאת הַתּוֹרָה בְּשַׁלַּח ד)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"שׁ

גִיסְט זֵיי אָן מִיט וַואסֶער, אָבֶּער דֶער בּוֹים דֶערְשְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט, עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן, אוּן אַנְשְׁטָאט צוּרִיק טוּהן שְׁלֶעכְט'ס, טוּט עֶר נָאךְ צוּרִיק גוּט'ס, עֶר גֶעבְּט אַרוֹיס פֵיינֶע גֶעשְׁמַאקֶע זִיסֶע פְּרוּכְט מִיט וָואס יֶעדֶער אִיז זִיךְ מְחַיֶּה.

אוּן דָאס דַארְף אַ מֶענְטְשׁ נָאכְמַאכְן, אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים, מֶען מַאכְט אִים צָרוֹת, מֶען דֶערְנִידֶערְט אִים, זָאל עֶר זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן נָאר וַוייטֶער טוּהן טוֹבוֹת אוּן גוּט'ס מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

מֶען זֶעהט אַז אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן גֶעהַאט דֶעם נִסָיוֹן, מֶען הָאט זֵיי פַארְשֶׁעמְט אוּן אַרָאפּ גֶעקוּקְט, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן נָאר זֵיי הָאבְּן וַוייטֶער צוּרִיק גֶעגֶעבְּן נָאר גוּט'ס, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט סְפָרִים מִיט וָואס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז זִיךְ מְחַיֶּה.

### נִישְׁט הַאלְטְן גְרוֹיס

נָאךְ אַ זַאךְ זֶעהט מֶען בַּיי דִי בֵּיימֶער, אַז דִי וָוארְצְלֶען פוּנֶעם בּוֹים גֵייעֶן אַרַיין טִיף אִין דֶער עֶרְד, אוּן וִוי טִיפֶער זֵיי זֶענֶען אִין דֶער עֶרְד, אַלְץ שְׁטֶערְקֶער אוּן בֶּעסֶער הַאלְט זִיךְ דֶער בּוֹים, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיבּ דִי וָוארְצְלֶען זֶענֶען נָאר פוּן אוֹיבְן אוֹיף, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג טִיף אִין דֶער עֶרְד, דֶעמָאלְט'ס אִיז דֶער בּוֹים זֵייעֶר שְׁוַואךְ, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע וִוינְט וֶועט עֶס אַוֶועק בְּלָאזְן דֶעם בּוֹים, אוּן עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן פוּן אִים.

פוּן דֶעם קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אָפְּלֶערְנֶען, אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן גְרוֹיס, עֶר וֶועט וַוייזְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם וִוי גוּט אוּן גֶעלוּנְגֶען עֶר אִיז, אוּן עֶר וֶועט אַרָאפּ קוּקְן אַ צְוֵוייטְן, דֶעמָאלְט'ס וֶועט עֶר צוּם סוֹף פַאלְן, וַוייל יֶעדֶער וֶועט אִים פַיינְט הָאבְּן, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט לִיבּ אֵיינֶער וָואס הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס אוּן קוּקְט אַרָאפּ אוֹיף יֶעדְן, אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ וָואס בַּאהַאלְט זַיינֶע גוּטֶע מַעֲלוֹת, עֶר אִיז צוּגֶעלָאזְן צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר קוּקְט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט יֶעדֶער לִיבּ, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן אוּן שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין.

### נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ טֶבַע אִין אַ בּוֹים אַז יֶעדֶע בּוֹים צִיהט זִיךְ אַלֵיין זַיין לֶעבְּן פוּן דֶער עֶרְד אוּן קֵיין אֵיין בּוֹים צִיהט נִישְׁט פוּן אַ צְוֵוייטְן בּוֹים, פוּן יֶעדֶע בּוֹים וַואקְסְט אַרוֹיס אַנְדֶערֶע מִינֵי פְּרוּכְט אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, קַיין אֵיין בּוֹים מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִין אַ צְוֵוייטְן.

פוּן דֶעם קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אָפְּלֶערְנֶען, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין אַ צְוֵוייטְן, נָאר עֶר זָאל צִיעֶן זַיין לֶעבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְ'ס, וָואס עֶר דַארְף זָאל עֶר נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, סַיי אוֹיבּ יֶענֶער אִיז בֶּעסֶער פוּן אִיהְם, סַיי אוֹיבּ יֶענֶער אִיז עֶרְגֶער פוּן אִיהְם, וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין גוּט.

וֶוען עֶר וֶועט קוּקְן אוֹיף אֵיינֶעם וָואס אִיז בֶּעסֶער פוּן אִיהְם, מֶער גֶעלוּנְגֶען פוּן אִיהְם, וֶועט עֶר טְרַאכְטְן אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְט, וַוייל עֶר זֶעט דָאךְ אַז יֶענֶער קֶען בֶּעסֶער, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען עֶפֶּעס אוֹיפְטוּהן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ צוּבְּרֶעכְן מִיטְן טְרַאכְטְן אַז יֶענֶער אִיז בֶּעסֶער, וֶועט עֶר נִישְׁט טוּהן אֲפִילוּ וָואס עֶר קֶען יָא טוּהן.

אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט טְרַאכְטְן אַז עֶר אִיז בֶּעסֶער פוּן יֶענֶעם, וֶועט אוֹיךְ נִישְׁט זַיין גוּט, וַוייל עֶר וֶועט אֵייבִּיג טְרַאכְטְן אַז מֶען דַארְף אִים גֶעבְּן מֶער כָּבוֹד פוּן יֶענֶעם, וַוייל עֶר אִיז מֶער חָשׁוּב פוּן יֶענֶעם, אוּן מֶען דַארְף מַאכְן מֶער אַ עֵסֶק פוּן אִים, אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט אִים עֶס נִישְׁט גֶעבְּן, וֶועט עֶר וֶוערְן אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן אוּן טְרוֹיעֶרִיג.

וֶועגְן דֶעם אִיז דִי עֵצָה, נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אוּן עֶס זָאל אִים נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס אַ צְוֵוייטֶער טוּט, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר נִישְׁט זַיין צוּבְּרָאכְן אוּן עֶר וֶועט אוֹיפְטוּהן אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶר קֶען יָא.

וואוֹיל אִיז פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֶעדֶענְקְט אַז עֶר אִיז אַזוֹי וִוי דֶער בּוֹים, אוּן עֶר מַאכְט נָאךְ דִי אַלֶע זַאכְן פוּנֶעם בּוֹים וָואס מִיר הָאבְּן אוֹיסְגֶערֶעכְנְט, וֶועט עֶר זִיכֶער אוֹיסְוַואקְסְן וִוי אַ שְׁטַארְקֶע שֵׁיינֶע בּוֹים, אוּן אַרוֹיס גֶעבְּן גוּטֶע זִיסֶע פְּרוּכְט פוּן וָואס יֶעדֶער וֶועט הֲנָאָה הָאבְּן, וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(קוּנְטְרֵס ט"ו בִּשְׁבָט)

# וָואס טוּט מֶען חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט?

## זִיךְ בַּאנַייעֶן

חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַאר דִי בֵּיימֶער, דֶעמָאלְט׳ס גֵייט אַרַיין אַ פַייכְטְקַייט אִין בֵּיימֶער אוּן זֵיי הֵייבְּן אָן פוּן פְרִישׁ אוֹיפְצוּלֶעבְּן (רַשִׁ״י רֹאשׁ הַשָּׁנָה יד:), אוּן אַזוֹי וִוי מֶענְטְשְׁן וֶוערְן אוֹיךְ אָנְגֶערוּפְן בֵּיימֶער, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה - אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי וִוי אַ בּוֹים, דֶערְפַאר קֶענֶען מִיר אוֹיךְ אוֹיסְנִיצְן דֶעם טָאג זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן פוּן פְרִישׁ, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף וָואס עֶס אִיז גֶעוֶועןְ בִּיז יֶעצְט, נָאר אָנְהֵייבְּן פוּן יֶעצְט צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל.

## פוּעֶל׳ט אַלֶעס גוּט׳ס

דֶער בְּנֵי יִשָּׂשכָר בְּרֶענְגְט (חָדְשֵׁי תַּמּוּז וְאָב מַאֲמַר ד׳) אַז לוֹיט דִי שִׁיטָה פוּן ר׳ יְהוֹשֻׁעַ אַז דִי וֶועלְט אִיז בַּאשַאפְן גֶעוָוארְן אִין נִיסָן, קוּמְט אוֹיס אַז חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט אִיז פֶערְצִיג טֶעג פַאר דִי וֶועלְט אִיז בַּאשַאפְן גֶעוָוארְן, אוּן דִי גְמָרָא זָאגְט (סוֹטָה ב.) אַז פֶערְצִיג טֶעג פַאר אַ קִינְד וֶוערְט גֶעבּוֹירְן רוּפְט מֶען שׁוֹין אוֹיס אִין הִימְל בַּת פְּלוֹנִי לִפְלוֹנִי, דֶערְפַאר אִיז דֶער טָאג טַאקֶע מְסוּגָל זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן אוּן גֶעבּוֹירְן וֶוערְן פוּן פְרִישׁ, אוּן אוֹיךְ קֶען מֶען אוֹיס׳פּוֹעֶל׳ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעם טָאג צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אוּן מִיט גוּטֶע קִינְדֶער זֶרַע שֶׁל קַיָּמָא אוּן מִיט פַּרְנָסָה בְּהַרְחָבָה, וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נִיצְט אוֹיס דֶעם טָאג מִיט אַסַאךְ תְּפִלּוֹת, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת טוֹבוֹת.

## אַ שֵׁיינֶע אֶתְרוֹג

נָאךְ בְּרֶענְגְט דֶער בְּנֵי יִשָּׂשכָר (חֹדֶשׁ שְׁבָט מַאֲמַר ב׳) אַז חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט אִיז דִי צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע אֶתְרוֹג אוֹיף סוּכּוֹת, וַוייל דֶעמָאלְט׳ס הֵייבְּן אָן דִי בֵּיימֶער צוּ בַּאקוּמֶען פַייכְטְקַייט צוּ וַואקְסְן, אוּן אוֹיךְ דֶער אֶתְרוֹג בּוֹים הֵייבְּט אָן צוּ וַואקְסְן, אוּן דֶערְפַאר אִיז יֶעצְט דִי צַייט צוּ בֶּעטְן אוֹיף אַ שֵׁיינֶע אֶתְרוֹג.

אוּן דָאס זֶענֶען דִי חֲזַ״ל מְרַמֵּז (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ב.) בְּאֶחָד בִּשְׁבַט רֹאשׁ הַשָּׁנָה ״לְאִילָן״, בֵּית הִלֵּל אוֹמְרִים בַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר בּוֹ, עֶס שְׁטֵייט ״לְאִילָן״ אַ לָשׁוֹן יָחִיד, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דֶעם בַּאקַאנְטְן אֶתְרוֹג בּוֹים פוּן וָואס מֶען נֶעמְט אַן אֶתְרוֹג צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה אִין יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, אוֹיף דֶעם אֶתְרוֹג אִיז יֶעצְט דִי רִיכְטִיגֶע צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אָבֶּער בֶּאֱמֶת לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן פ״ז) אַז לוֹיט וִוי אַזוֹי דִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּיפּוּר זֶעהֶן אוֹיס, לוֹיט דֶעם בַּאקוּמְט מֶען אַ שֵׁיינֶע אֶתְרוֹג אוֹיף סוּכּוֹת, קוּמְט אוֹיס אַז יֶעצְט חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט דַארְף מֶען שׁוֹין אוֹיךְ בֶּעטְן אַז מֶען זָאל הָאבְּן אַ גוּטֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין

המשך בדף ד

# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

## מַעֲשֶׂה א׳ מֵאַבֵידַת בַּת הַמֶּלֶךְ

### פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר

אוּן דֶער מֶענְשׁ הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: וֶוער בִּיסְטוּ? הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְפֶערְט אִיךְ בִּין אַ מֶענְטְשׁ. הָאט זִיךְ דֶער גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ פַארוואוּנְדֶערְט, אוּן הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי אַ לַאנְגֶע צַייט אִין דֶער מִדְבָּר הָאבּ אִיךְ קֵיין מָאל דָא נִישְׁט גֶעזֶען קֵיין מֶענְטְשׁ. הָאט עֶר אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה כַּנַּ״ל. אוּן אַז עֶר זוּכְט אַ גָאלְדֶענֶעם בַּארְג אוּן אַ פֶּערְלֶענֶעם שְׁלָאס. הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְפֶערְט עֶס אִיז בְּוַודַאי נִישְׁט פַארְהַאנְדֶן, אוּן הָאט אִים מַדְחֶה גֶעוֶוען אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט מֶען הָאט דִיר אַיינְגֶערֶעדְט אַ נַארִישְׁקֵייט וָוארְן עֶס גֶעפִינְט זִיךְ בְּוַודַאי נִישְׁט. הָאט עֶר זֵייעֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען (הַיְינוּ דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן הָאט גֶעזָאגְט) עֶס גֶעפִינְט זִיךְ בְּוַודַאי יָא, עֶס מוּז זִיךְ עֶרְגֶעץ גֶעפִינֶען. אוּן עֶר הָאט אִים מַדְחֶה גֶעוֶוען (הַיְינוּ דֶער ווִילְדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִים מַדְחֶה גֶעוֶוען אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט) מֶען הָאט דִיר אַ נַארִישְׁקֵייט אַיינְגֶערֶעדְט אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת) עֶס אִיז בְּוַודַאי פַארְהַאנְדְן עֶרְגֶעץ.

---

## נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן

הָאט עֶר אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה כַּנַּ״ל. אַז עֶר זוּכְט זַיין נְשָׁמָה שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט, אוּן עֶר ווִיל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְפֶערְט עֶס אִיז בְּוַודַאי נִישְׁט פַארְהַאנְדֶן, אוּן הָאט אִים מַדְחֶה גֶעוֶוען אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט מֶען הָאט דִיר אַיינְגֶערֶעדְט אַ נַארִישְׁקֵייט וָוארְן עֶס גֶעפִינְט זִיךְ בְּוַודַאי נִישְׁט. דָאס אִיז דִי וֶועג פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע צוּ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען חֲלִישַׁת הַדַּעַת אִין דֶעם מֶענְטְשׁ, ״פַארְוָואס זָאלְסְטוּ דִיךְ אוּמְזִיסְט פְּלָאגְן? עֶס אִיז נִישְׁט פַאר דִיר, דוּ וֶועסְט סֵיי וִוי נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, דוּ וֶועסְט שׁוֹין סֵיי וִוי נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הָאט עֶר זֵייעֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען (הַיְינוּ דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן הָאט גֶעזָאגְט) עֶס גֶעפִינְט זִיךְ בְּוַודַאי יָא, עֶס מוּז זִיךְ עֶרְגֶעץ גֶעפִינֶען. דָאס אִיז דִי עֵצָה וָואס מֶען דַארְף טוּהן, וֶוען מֶען זֶעהְט אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן, דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר בַּיי אִים בֶּעטְן אוּן זִיךְ עַקְשְׁ׳ענֶען אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אַזוֹי אִיז מֶען מַצְלִיחַ.

הַיְינוּ דֶער ווִילְדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִים מַדְחֶה גֶעוֶוען. בִּיז יֶעצְט הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶערוּפְן דֶער ״גְרוֹיסֶער״ מֶענְטְשׁ אָבֶּער יֶעצְט רוּפְט מֶען אִים שׁוֹין דֶער ״ווִילְדֶער״ מֶענְטְשׁ, וַוייל וִוי לַאנְג עֶר הַאלְט זִיךְ פַאר אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ קֶען מֶען אִים אַזוֹי רוּפְן, אָבֶּער אֵיינְמָאל עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ אָפְּרֶעדְן מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵייסְט עֶר שׁוֹין דֶער ״ווִילְדֶער״ מֶענְטְשׁ.

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן קי״ט) אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַז אֲפִילוּ עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד זָאל עֶר כָאטְשׁ פַארְגִינֶען פַאר אַ צְוֵוייטְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער פַארְקֶערְט, וֶוען מֶען זֶעהְט אַ צְוֵוייטֶער אִיד ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ אוּן מֶען גֵייט אִים אָפְּרֶעדְן אוּן מַחְלִישׁ דַעַת זַיין אוּן אִים זָאגְן: ״עֶס אִיז אַ שָׁאד דַיין אַרְבֶּעט וַוייל דוּ וֶועסְט סֵיי וִוי נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין״, דָאס אִיז שׁוֹין אַ גֶעוַואלְדִיגֶע רִשְׁעוּת, אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט אִים נִישְׁט הֶעלְפְן זָאג דֶעם אֱמֶת אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט הֶעלְפְן, אָבֶּער גֵיי נִישְׁט זָאגְן וֶועגְן דֶעם אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ אוּן מֶען קֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין.

אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת) עֶס אִיז בְּוַודַאי פַארְהַאנְדְן עֶרְגֶעץ. אַזוֹי דַארְף אַ אִיד טוּהן, מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר זִיךְ וַוייטֶער עַקְשְׁ׳ענֶען אַז מֶען וֶועט זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין, אוּן מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוּן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, נָאר מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן ״אִיךְ וֶועל זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין, אִיךְ וֶועל זִיכֶער וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוֹיבּ אִיךְ וֶועל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן״ אוּן אוֹיבּ מֶען עַקְשְׁ׳נְט זִיךְ וֶועט מֶען סוֹף כָּל סוֹף אַרִיבֶּער גֵיין אַלֶע שְׁוֶוערִיקַייטְן אוּן אָנְקוּמֶען צוּם תַּכְלִית.

אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוֹיבּ אָבֶּער עֶר ווִיל תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע עַקְשָׁנוּת, אַז עֶר וֶועט זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין, אֵין לְךָ דָבָר הָעוֹמֵד בִּפְנֵי הָרָצוֹן, אוֹיבּ מֶען ווִיל וֶועט מֶען אָנְקוּמֶען, מֶען דַארְף נָאר אָנְהַאלְטְן דִי עַקְשָׁנוּת בִּיזְן סוֹף.

(פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי״ה)

(נהרי אפרסמון - תוך הנחל משפטים תשנ״א)

## וָואס טוּט מֶען חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט?

המשך פון דף ג

צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס צִיוּן אִין אוּמַן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הֶערְן שׁוֹפָר בְּלָאזְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה פוּן אַן עֶרְלִיכְן בַּעַל תּוֹקֵעַ, אוּן מֶען זָאל הָאבְּן אַ גוּטֶע יוֹם כִּיפּוּר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען שׁוֹין מְמֵילָא הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע אֶתְרוֹג אוֹיף סוּכּוֹת.

### מֶעהל פַאר מַצוֹת אוֹיף פֶּסַח

חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט אִיז בִּכְלַל מְסוּגָל צוּ בֶּעטְן אוֹיף אַלֶע זַאכְן וָואס וַואקְסְן, אָבֶּער סְפֶּעצִיעֶל צוּ בֶּעטְן אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען נִיצְט פַאר אַ מִצְוָה.

דֶערְפַאר וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִּיקִים, אַז עֶס אִיז יֶעצְט אוֹיךְ דִי רִיכְטִיגֶע צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ הָאבְּן גוּטֶע מַצוֹת אוֹיף פֶּסַח, וָואס מֶען מַאכְט פוּן וֵוייץ וָואס וַואקְסְט, אוּן דִי תְּפִלּוֹת וָואס מֶען בֶּעהְט דֶעם טָאג, וֶוערְט זִיכֶער אָנְגֶענוּמֶען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן לְרַחֲמִים וּלְרָצוֹן צוּ פּוֹעֵל'ן אַלֶעס גוּט'ס.

### יוֹם הוּלֶדֶת פוּן רֶבִּי נָתָן זי"ע

אוֹיךְ דַארְף מֶען וִויסְן אַז חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט אִיז דֶער טָאג וָואס רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף רֶבִּי נָתָן: "וֶוען נִישְׁט אִים, וָואלְט נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פוּן מִיר קַיין בְּלֶעטְל שְׁמוֹת", דָאס מֵיינְט אַז אַלֶעס וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן אִיז נָאר אִין זְכוּת פוּן רֶבִּי נָתָן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְּרֵייעֶן אִין דֶעם טָאג, אוּן מַמְשִׁיךְ זַיין דִי גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת אוּן סְגוּלוֹת וָואס לִיגְן אִין דֶעם טָאג.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ רִמְזֵי ט"ו בִּשְׁבַט)

**מוסדות היכל הקודש ברסלב**

בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**בטוב צדיקים תעלוץ קריה**

מיר וואונטשן א הארציגן ברכת מזל טוב פאר

**כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א**

צו די שמחה פון די געבורט פון אן איר אייניקל

בן הבכור ביי מו"ה **נפתלי גלאנץ** שליט"א

אן אידעם ביי

הרב הגאון ר' **משה עסטרייכער** שליט"א, חדבן

דער אייבערשטער זאל העלפן אז די שמחה זאל משפיע זיין שמחות ביי אלע אידישע קינדער, בני ברוכי, חיי אריכי, ומזוני רויחי, וסייעתא דשמיא, אמן

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

### דעלעגאציע פון הנהלת הישיבה ווילט שבת קודש במחיצת מוהרא"ש שליט"א אין יבנאל

דעם פארגאנגענעם שבת קודש פרשת בא האט דער ראש ישבה מיט א גרופע פון הנהלת הישיבה מיט עטליכע בחורים געווילט ביי מוהרא"ש אין יבנאל.

מוהרא"ש האט זיך זייער געפריידט צו זיי און זיי פארבעטן צו איינשטיין ביי אים אינדערהיים צו שלאפן און עסן די סעודת שבת קודש.

במשך דעם שבת האט מוהרא"ש גאר שטארק מחזק ומעודד געווען דעם ראש ישיבה און די חברי ההנהלה צו אנגיין ווייטער מיט די עבודת הקודש, און אריין ברענגן דעם רבי'נס לימודים אין די וועלט.

מוהרא"ש האט געפרעגט די בחורים וויפיל מאל זיי האבן שוין געענדיגט ששה סדרי משנה, איין בחור האט געזאגט אז ער האלט שוין ביי הונדערט און פופצין מאל, מוהרא"ש האט דאס זייער שטארק באוואונדערט, אז א אינגע בחור זאל שוין האבן געענדיגט אזויפיל מאל משניות, און במשך דעם שבת ווען מוהרא"ש האט געזאגט תורה ביים טיש פרייטאג צו נאכט'ס און ביי שלש סעודות, האט מוהרא"ש עטליכע מאל ערוועגט אז דא זיצט א בחור וואס האט שוין געענדיגט אזויפיל מאל משניות וממנו ילמדו וכן יעשו.

מוהרא"ש האט זיך אויסגעדרוקט, עס זענען דא אסאך מענטשן וואס זענען משקיע געלט אין א ביזנעס, און דערנאך זעצט מען אן, און מען פארלירט די גאנצע געלט, אבער די השקעה פון לערנען משניות דאס זעצט קיינמאל נישט אן, עס בלייבט פארן מענטש לעולמי עד ולנצח נצחים

דער שבת איז פאריבער מיט גרויס געהויבענקייט, און די חברי ההנהלה האבן זיך צוריק געקערט אהיים מיט פרישע חיזוק און כוחות ווייטער אנצוגיין בעבודת הקודש.

**השבת נועם הנשמות!**

***

### מוהרא"ש שליט"א קערט זיך צוריק פון ארץ ישראל די קומענדע וואך

דעם קומענדיגן וואך וועט זיך מוהרא"ש צוריק קערן פון ארץ ישראל מיטן אייבערשטנ'ס הילף, נאכן ווילן דארט פאר צוויי וואכן צו מחזק זיין די ארטיגע אידן.

דעם קומענדיגן דאנערשטאג וועט שוין ווייטער פארקומען די וועכנטליכע ליל שישי שיעור ווי געווענטליך ביי מוהרא"ש אין בית המדרש.

מען קען אויך מיטהאלטן דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ בשעת דעם שיעור, אויפ'ן קול ברסלב טעלעפאן ליין 212-444-9191, ווי אויך קען מען הערן דארט פריעדיגע שיעורים פון מוהרא"ש.

**בזמן שהצדיק בעיר, הוא הודה, הוא זיוה, הוא הדרה!**


**ספרי ברסלב**

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע צרכי ברסלב

**27 Skillman St.**

אדער רופט 347-977-7994

**קול ברסלב**

**מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות....................4:56
מוצש"ק..............................6:28
סוף זמן ק"ש.........................9:01

**שיעורים כסדרן**
בבלי............................שבת קכ"ב
ירושלמי........................נדרים מ'
תוספתא..........כלים ב"ק פרק ג'

פרשת יתרו, כ"ב שבט, שנת תשע"ג לפ"ק — שנה 2, גליון 18 (68)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ**, זָאגְט רַשִׁ"י, **מַה שְּׁמוּעָה שָׁמַע וּבָא, קְרִיעַת יַם סוּף וּמִלְחֶמֶת עֲמָלֵק**, וָואס הָאט יִתְרוֹ גֶעהֶערְט אַז עֶס הָאט אִים גֶעמַאכְט קוּמֶען צוּ דִי אִידְן? קְרִיעַת יַם סוּף אוּן מִלְחֶמֶת עֲמָלֵק, דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס פּוּנְקְט דִי צְוֵויי זַאכְן הָאבְּן אִים גֶעמַאכְט קוּמֶען?

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ט'), אוֹיפְן פָּסוּק **תְּפִלָּה לְקֵל חַיָּי**, אַז דֶער עִיקָר פוּן אַ מֶענְטְשׁ'ס לֶעבְּן אִיז נָאר תְּפִלָּה, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אָ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז נָאר עֶס צוּ דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים בֶּעטְן צוּ הֶעלְפְן.

דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים קי"ח.) אַז צוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי קְרִיעַת יַם סוּף, אוּן אוֹיךְ (סוֹטָה ב.) צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי קְרִיעַת יַם סוּף, אוּן מֶען זֶעהט בְּחוּשׁ אַז דִי צְוֵויי זַאכְן צוּבְּרֶעכְן דִי מֶערְסְטֶע אַ מֶענְטְשׁ, פוּן אֵיין זַייט וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה אִיז מֶען זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן צוּ הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (שְׁמוֹת רַבָּה פל"א, סי"ב) אַז אָרִימְקַייט אִיז שְׁוֶוערֶער וִוי אַלֶע אַנְדֶערֶע יִסוּרִים, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֶוער עֶס הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן קַיין שִׁידוּךְ אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (יְבָמוֹת סב:) וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין וַוייבּ, הָאט נִישְׁט קַיין שִׂמְחָה.

אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה פַאר בֵּיידֶע זַאכְן, אִיז נָאר צוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן, אָבֶּער מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן פוּן דֶעם "עֲמָלֵק" וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין סְפֵיקוֹת אִין אָ מֶענְטְשׁ **"הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן?"**, - "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז יָא מִיט מִיר, אָדֶער נִישְׁט?" מֶען אִיז נִישְׁט זִיכֶער מִיט זִיךְ, דֶערְפַאר דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִיק, וָואס עֶר לֶערְנְט אוֹיס פַארְן מֶענְטְשׁ, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט דִיר, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט דִיךְ אוֹיסְצוּהֶערְן, אוּן דִיר צוּ הֶעלְפְן אִין יֶעדֶע מַצָב.

דָאס זָאגְט רַשִׁ"י, וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט יִתְרוֹ עֶר זָאל קוּמֶען צוּם צַדִיק, צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ? עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז עֶס אִיז דָא זַאכְן וָואס עֶס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי קְרִיעַת יַם סוּף, עֶס אִיז דָא שְׁוֶועריקַייטְן אִין פַּרְנָסָה, עֶס אִיז דָא שְׁוֶועריקַייטְן אִין שִׁידוּכִים, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז נָאר זִיךְ צוּ וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קוּמְט דִי מִלְחֶמֶת עֲמָלֵק וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין סְפֵיקוֹת, "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיר יָא, אָדֶער נִישְׁט?" אוּן דֶערְפַאר מוּז עֶר גֵיין צוּם צַדִיק, צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, עֶר זָאל אִים אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה יִתְרוֹ א)

***

**וַיֵּרֶד מֹשֶׁה מִן הָהָר אֶל הָעָם וַיְקַדֵּשׁ אֶת הָעָם וַיְכַבְּסוּ שִׂמְלֹתָם**, מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ וִוי אַזוֹי טוּט מֶען תְּשׁוּבָה? ~

מִיר הַאלְטְן יֶעצְט אִינְמִיטְן דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹבָבִ"ים טֶעג, יֶעדֶער וִויל תְּשׁוּבָה טוּהן, יֶעדֶער זוּכְט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### תְּהִלִּים

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ג) פַארְוָואס אִיז מֶען נִישְׁט זוֹכֶה צוּ תְּשׁוּבָה טוּהן? וַוייל אֵיינֶער הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין הִתְעוֹרְרוּת צוּ תְּשׁוּבָה טוּהן, אוּן אֲפִילוּ וֶוער עֶס הָאט יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת, וֵוייסְט אָבֶּער נִישְׁט דִי וֶועג אוּן דִי טִיר וִוי אַזוֹי עֶר קֶען תְּשׁוּבָה טוּהן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען אֵיינֶער וֵוייסְט שׁוֹין דִי טִיר, קֶען דִי טִיר זַיין פַארְשְׁפַּארְט.

אוֹיף דֶעם הֶעלְפְט דָאס זָאגְן תְּהִלִּים, וֶוען אַ אִיד זָאגְט תְּהִלִּים, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת צוּ תְּשׁוּבָה טוּהן, וֶועט דִי תְּהִלִּים אִים מַאכְן אַן הִתְעוֹרְרוּת, אוּן עֶס וֶועט אִים וַוייזְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, אוּן עֶס וֶועט אִים עֶפֶענֶען אַלֶע טִירְן אוּן טוֹיעֶרְן, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה צוּ טוּהן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן סְפֶּעצִיעֶל בִּימֵי תְּשׁוּבָה, דַארְף מֶען זָאגְן תְּהִלִּים וַוייל דָאס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ תְּשׁוּבָה.

אוּן דֶערְפַאר פְלֶעגְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן אַז עֶר הָאט יֶעדְן טָאג גֶעזָאגְט דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, אוּן דְרֵיי צַייטְן פוּן יָאר הָאט עֶר גֶעזָאגְט צְוֵויי מָאל יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, אִין שׁוֹבָבִ"ים, אִין דִי סְפִירָה טֶעג, אוּן חוֹדֶשׁ אֶלוּל, דָאס אִיז שְׁוֶוער נָאכְצוּמַאכְן אָבֶּער כָאטְשׁ אֵיינְמָאל זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זַאךְ.

### אַ קַאלְטֶע קַאפִּיטְל תְּהִלִּים

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף דַאנְקֶען הרה"ק רֶבִּי רְפָאֵל בֶּערְשִׁידֶער זַ"ל (אַ תַּלְמִיד פוּן הרה"ק רֶבִּי פִּנְחָס'ל קָארִיצֶער זִי"עַ) אַז עֶר הָאט אַיינְגֶעפִירְט בַּיי זַיינֶע חֲסִידִים צוּ

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

כ"ה) אַז מֶען דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען מֶען אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן, מִיט עֶסְן, טְרִינְקְן אוּן שְׁלָאפְן, וֶוען מֶען טוּט עֶס אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, אִיז דָאס אוֹיךְ "עֲבוֹדַת ה'".

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז דֶער גוּף וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן וִוי אַ קְלֵייד פַאר דִי נְשָׁמָה.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיֵּרֶד מֹשֶׁה מִן הָהָר אֶל הָעָם**, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען צוּ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, **וַיְקַדֵּשׁ אֶת הָעָם**, אוּן עֶר הָאט גֶעהֵיילִיגְט דָאס פָּאלְק, **וַיְכַבְּסוּ שִׂמְלֹתָם**, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט אוֹיסְגֶעוַואשְׁן אוֹיךְ זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, עֶר הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אוֹיךְ מִיטְן גוּף, וָואס אִיז וִוי אַ קְלֵייד פַאר דִי נְשָׁמָה, קֶען מֶען אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה יִתְרוֹ ה)

***

**אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים**, מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') **אַז אַ אִיד** דַארְף וִויסְן אַז אַלֶעם פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, סַיי וֶוען עֶס זֶעהְט אוֹיס גוּט, אוּן סַיי וֶוען עֶס זֶעהְט אוֹיס שְׁלֶעכְט, אוּן דָאס אִיז עוֹלָם הַבָּא, וַוייל וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט יֶעדֶער וִויסְן אַז אַלֶעם קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים נ.) אַז וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען אֲפִילוּ אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, מַאכְן דִי בְּרָכָה "הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב".

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, **אָנֹכִי** - אִיךְ בִּין דֶער זֶעלְבֶּער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, סַיי מִיטְן נָאמֶען - **ה'** וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף וֶוען עֶס גֵייט גוּט, אוּן סַיי מִיטְן נָאמֶען - **אֱלֹקֶיךָ**, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף וֶוען עֶס גֵייט שְׁוֶוער פַארְן מֶענְטְשׁ, שְׁטֶענְדִיג אִיז עֶס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס מֵיינְט נָאר דִי טוֹבָה פוּן מֶענְטְשׁ, אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים, אוּן דֶעמָאלְט'ס וֶועט עֶר הֶעלְפְן, **אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם**, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן דָארְט גֶעאַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער, בִּיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעשְׂרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר זֵיי אוֹיסְגֶעלֵייזְט מִיט גְרוֹיסֶע נִיסִים.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְן אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט שְׁוֶוער, קוּמְט עֶס נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר צוּ אִים דַארְף מֶען זִיךְ וֶוענְדְן, אוּן דֶעמָאלְט'ס וֶועט עֶר הֶעלְפְן אוּן מֶען וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת.

(זֹאת הַתּוֹרָה יִתְרוֹ ט)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

זָאגְן אַסַאךְ תְּהִלִּים, עֶר פְלֶעגְט זֵיי זָאגְן: "זָאגְט, זָאגְט תְּהִלִּים, אֲפִילוּ אַ קַאלְטֶע קַאפִּיטְל תְּהִלִּים, אַבִּי גֶעזָאגְט", אוּן זַיינֶע חֲסִידִים הָאבְּן טַאקֶע גֶעזָאגְט אַסַאךְ תְּהִלִּים, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דָאס מַפְלִיג גֶעוֶוען אַז דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ זָאגְן אַסַאךְ תְּהִלִּים.

בַּיי צַדִיקִים הָאט מֶען דָאס אוֹיךְ אֵייבִּיג גֶעזֶעהְן אַז וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט מַמְשִׁיךְ זַיין אַ יְשׁוּעָה הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט תְּהִלִּים.

אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט בַּיי הרה"ק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל'טֶשֶׁע וִויזְנִיצֶער זִי"עַ (בַּעַל אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל), וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט פַאר זַיין זוּהְן הרה"ק רֶבִּי חַיִּים מֵאִיר זִי"עַ (בַּעַל אִמְרֵי חַיִּים) זִיךְ צוּ שְׁטֶעלְן צוּ מִילִיטֶער, מֶען הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעזוּכְט נָאךְ אִים, עֶר הָאט זִיךְ גֶעמוּזְט פַארְשְׁטֶעלְן מִיט מָאדֶערְנֶע קְלֵיידֶער אוּן אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי שְׁטֶעטֶעלֶע רַאדָאוִויץ, אַז מֶען זָאל אִים נִישְׁט כַאפְּן אִין מִילִיטֶער.

בְּמֶשֶׁךְ דִי נְסִיעָה וָואס עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּ דֶעם שְׁטֶעטְל, הָאט דֶער טַאטֶע הרה"ק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל'טֶשֶׁע זִי"עַ אוֹיסְגֶעזָאגְט צְוֵויי מָאל גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים מִיט בְּכִיּוֹת עֲצוּמוֹת אוּן שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט כַאפְּן זַיין זוּהְן.

לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין יֶענֶעם שְׁטֶעטְל אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן דֶערְנָאךְ אִיז עֶר צוּרִיק גֶעקוּמֶען, אוּן דֶער טַאטֶע הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזָאגְט תְּהִלִּים מִיט אַזֶעלְכֶע בְּכִיּוֹת וִוי יֶעצְט, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בַּאזָארְגְט אַז מֶען הָאט גֶע'מַסֶרְ'ט זַיין זוּהְן אוּן מֶען זוּכְט אִים שְׁטַארְק אַרוּם, "אוּן אִיךְ זָאג דִיר אַז עֶס וֶועט דִיר צוּנִיץ קוּמֶען אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע טֶעג".

שְׁפֶּעטֶער אִינְמִיטְן הוֹשַׁעֲנָה רַבָּה הָאבְּן זִיךְ דִי פָּאלִיצֵיי אַרַיינְגֶעכַאפְּט אוּן גֶענוּמֶען רֶבִּי חַיִּים מֵאִיר זִי"עַ אָבֶּער נָאךְ אִינֶעם זֶעלְבְּן טָאג הָאט מֶען אִים בַּאפְרַייט אוֹיף צַייטְוֵויילִיג, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט מֶען אִים אִינְגַאנְצְן בַּאפְרַייט.

פְלֶעגְט רֶבִּי חַיִּים מֵאִיר זִי"עַ שְׁטֶענְדִיג זָאגְן אַז עֶר אִיז בַּאפְרַייט גֶעוָוארְן נָאר אִין זְכוּת פוּן דִי תְּהִלִּים וָואס זַיין טַאטֶע הָאט גֶעזָאגְט פַאר אִים.

זֶעהְט מֶען אַז אֲפִילוּ צַדִיקִים וָואס טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ זֵיי פַאר אַ בְּרָכָה אוּן אַ יְשׁוּעָה, אָבֶּער וֶוען זֵיי אַלֵיינְ'ס זֶענֶען גֶעוֶוען בְּעֵת צָרָה הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ אַרוֹיס גֶענוּמֶען דֶעם תְּהִלִּים'ל אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעוֵויינְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן, אוּן דָאס דַארְף יֶעדֶער אִיד נָאכְמַאכְן וֶוען עֶר הָאט אַ צָרָה זָאל עֶר נֶעמֶען אַ תְּהִלִּים'ל אוּן זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## דָוִד הַמֶּלֶךְ

וֶוער הָאט גֶעמַאכְט דֶער תְּהִלִּים'ל? דָוִד הַמֶּלֶךְ, וָואס עֶר הָאט גֶעלִיטְן אִין זַיין לֶעבְּן גָאר אַסַאךְ צָרוֹת, פוּן זַיינֶע בְּרִידֶער, פוּן זַיין שְׁוֶוער, פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, אָבֶּער אַנְשְׁטָאט צוּ וֶוערְן צוּבְּרָאכְן, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיס גֶעזוּנְגֶען זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן דֶער סֵפֶר תְּהִלִּים, אוּן פוּן דֶעם דַארְפְן מִיר זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען גֵייט דוּרְךְ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיסְזִינְגֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס זֶעהְט מֶען טַאקֶע אַז וֶוען אַ אִיד אִיז צוּבְּרָאכְן, כַאפְּט עֶר אַ תְּהִלִּים'ל אוּן עֶר וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן דֶער קֶענִיג פוּן דִי אִידְן, אוּן נִישְׁט נָאר זִיךְ הָאט עֶר גֶעשְׁטַארְקְט, נָאר עֶר אוֹיךְ הָאט גֶעשְׁטַארְקְט אַלֶע צוּבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוּאֵל כב, ב) "וַיִּתְקַבְּצוּ אֵלָיו כָּל אִישׁ מָצוֹק וְכָל אִישׁ אֲשֶׁר לוֹ נֹשֶׁא וְכָל אִישׁ מַר נֶפֶשׁ וַיְהִי עֲלֵיהֶם לְשָׂר", אַלֶע צוּבְּראכֶענֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ צוּזַאם גֶעקוּמֶען צוּ דָוִד הַמֶּלֶךְ, אוּן עֶר הָאט זֵיי מְחַזֵק גֶעוֶוען אוּן זֵיי גֶעשְׁטַארְקְט, אוּן דֶער כֹּחַ הָאט עֶר אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִינֶעם תְּהִלִּים, אַז בִּיז הַיינְט וֶוען אַ אִיד אִיז צוּבְּרָאכְן, נֶעמְט עֶר דֶעם תְּהִלִּים'ל אוּן וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"ג) "וואוּיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ עֶסְן יֶעדְן טָאג פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן טְרִינְקֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, אוּן טוּט זִיךְ אָן קְלֵיידֶער פוּן מִצְוֹת", קְלֵיידֶער פוּן מִצְוֹת הָאט דָאךְ יֶעדֶער אִיד, אִידְן זֶענֶען מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן, מֶען גֵייט מִיט צִיצִית, מֶען טוּט אָן תְּפִלִּין, מֶען הָאט אַ מְזוּזָה, מֶען גֵייט מִיט בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, מֶען הִיט שַׁבָּת, א.א.וו. יֶעדֶער אִיד הָאט גֶענוּג קְלֵיידֶער פוּן זַיינֶע מִצְוֹת, אָבֶּער דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ גֶעבְּן עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען פַאר דִי נְשָׁמָה, צוּ עֶסְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן צוּ טְרִינְקֶען אַסַאךְ קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, וֶועט עֶר מִיט דֶעם אָנְזֶעטִיגְן זַיין נְשָׁמָה.

וואוֹיל אִיז דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַ יוֹם תְּהִלִּים, וָואס אַזוֹי עֶנְדִיגְט מֶען יֶעדֶע וָואךְ גַאנְץ תְּהִלִּים, וֶועט דָאס אִים וַוייזְן דִי וֶועג אוּן עֶפֶענֶען אַלֶע טִירְן אוּן טוֹיעֶרְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען עֶר וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט, וֶועלְן דִי אַלֶע שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ אִים בַּאגְלֵייטְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ו' וְחֵלֶק ח' עֶרֶךְ תְּהִלִּים)

# באחד באדר
# משמיעין על השקלים

ווי באקאנט נעמט מוהרא"ש שליט"א צוזאם יעדע יאר "קמחא דפסחא" צו העלפן די משפחות אין יבניאל צו האבן אויף יום טוב פסח.

די שטעטל האט זיך שוין ברוך ה' זייער ציוואקסן, עס האלט שוין היינט ביי איבער 450 משפחות כן ירבו, און מיט דעם האט זיך אויך פארמערט די געברויך פון צושטעלן "קמחא דפסחא" אז די אידן זאלן האבן אויף צרכי יום טוב

## בבקשת כ"ק מוהרא"ש שליט"א

ווערן אלע אנשי שלומינו געבעטן אריינצוברעגן באטש $180 אז די אידן זאלן קענען האבן א שמחת יום טוב

**מען קען אריינברעגן די געלט אינעם צענטראלן אפיס**
**27 Skillman St.**
**אדער רופט**
**718–384–1652**

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

המשך פון דף ד

דעם דאנערשטאג איז ווייטער פארגעקומען די וועכנטליכע ליל שישי שיעור ווי געוועהנטליך.

**בזמן שהצדיק בעיר, הוא הודה,**
**הוא זיוה, הוא הדרה!**

***

## נייע ספר "דער קוואל פון אמונה" ארויס פון דרוק

ווי באקאנט האט מען אנגעהויבן ארויס צו געבן קונטריסים אויף אידיש פון מוהרא"ש שליט"א, די קונטריסים זענען אפגעשריבן די וועכנטליכע ליל שישי שיעורים אויף א פארמאט אז עס זאל זיין געשמאק צו לערנען.

די אידישע קונטריסים האבן געהאט א געוואלדיגע אפקלאנג, ווען גאר אסאך אידן זאגן אז זיי זענען זיך זייער מחי' דערמיט, עס געבט זיי אסאך חיזוק אנצוגיין אין לעבן, און מרבה זיין בתורה ומצות מיט מער חשק און געשמאק.

יעצט האט מען צוזאמגענומען א חלק פון די קונטריסים, און מען האט עס געדרוקט מיטן נאמען "דער קוואל פון אמונה", די יעצטיגע באנד איז פון אלע שיעורים וואס זענען געזאגט געווארן סדר דברים תשע"ב העעל"ט מיט פרישע הוספות פון אשר בנחל און תפלות, אויך האט עס א שיינע מפתח פון אלע ענינים וואס ווערן דערמאנט אינעם ספר, און בקרוב וועט ארויס קומען נאך חלקים.

**נחל נובע מקור חכמה!**

# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

## מַעֲשֶׂה א' מֵאֲבֵידַת בַּת הַמֶּלֶךְ

### פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר

הָאט עֶר אִים גְעזָאגְט (דֶער ווִילְדֶער מֶענְש צוּם שֵׁנִי לְמַלְכוּת) נָאךְ מַיין דֵיעָה נָאךְ אִיז דָאס אַ נַארִישְׁקֵייט נָאר וַוייל דוּ שְׁפַּארְסְט זִיךְ בְּכֵן אִיךְ בִּין אַ מְמוּנֶה אִיבֶּער אַלֶע חַיוֹת וֶועל אִיךְ דִיר צוּלִיבּ טָאן אוּן וֶועל צוּנוֹיפְרוּפְן רוּפֶן אַלֶע חַיוֹת זֵיי לוֹיפְן אוֹיס גָאר דִי וֶועלְט טָאמֶער וֶועט ווִיסְן אֵיינֶע פוּן זֵיי פוּן דֶעם בַּארְג מִיט דֶעם שְׁלָאס הַנַּ"ל. הָאט עֶר צוּנוֹיפְגֶערוּפְן אַלֶע חַיוֹת פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס אוּן הָאט זֵיי גֶעפְרֶעגְט. הָאבְּן זֵיי אַלֶע גֶעעֶנְפֶערְט זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעזֶען. הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט זֶעסְטוּ מֶען הָאט דִיר אַ נַארִישְׁקֵייט אַיינְגֶערֶעדְט, אַז דוּ ווִילְסְט מִיךְ פָּאלְגְן קֶער דִיךְ אוּם, וָוארְן דוּ וֶועסְט בְּוַודְאַי נִיט גֶעפִינֶען, וָוארְן עֶס אִיז נִיט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁפַּארְט אוּן הָאט גֶעזָאגְט עֶס מוּז בְּוַודְאַי יאָ זַיין.

הָאט עֶר אִים גְעזָאגְט (דֶער ווִילְדֶער מֶענְטְשׁ צוּם שֵׁנִי לְמַלְכוּת) אִיךְ הָאבּ אַ בְּרוּדֶער אִין דֶער מִדְבָּר אוּן עֶר אִיז אַ מְמוּנֶה אִיבֶּער אַלֶע עוֹפוֹת טָאמֶער ווֵייסְן זֵיי מַחֲמַת זֵיי פְלִיעֶן הוֹיךְ אִין דֶעם אַוִיר. טָאמֶער הָאבְּן זֵיי גֶעזֶען דֶעם בַּארְג מִיט דֶעם שְׁלָאס. זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ אִים אוּן זָאלְסְט אִים זָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶעשִׁיקְט צוּ אִים. אִיז עֶר גְעגַאנְגֶען כַּמָּה וְכַמָּה שָׁנִים אִים זוּכְן.

## נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן

הָאט עֶר אִים גְעזָאגְט (דֶער ווִילְדֶער מֶענְש צוּם שֵׁנִי לְמַלְכוּת) נָאךְ מַיין דֵיעָה נָאךְ אִיז דָאס אַ נַארִישְׁקֵייט. דֶער שָׁלִיחַ פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע הָאט אִים נָאר גֶעוָואלְט אַיינְרֶעדְן אַז עֶר וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט טְרֶעפְן זַיין נְשָׁמָה, עֶר וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הָאט עֶר צוּנוֹיפְגֶערוּפְן אַלֶע חַיוֹת פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס אוּן הָאט זֵיי גֶעפְרֶעגְט. הָאבְּן זֵיי אַלֶע גֶעעֶנְפֶערְט זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעזֶען. אֵיינֶער וָואס צוּבְּרֶעכְט אַ צְוֵוייטְן אוּן זָאגְט אִים "נֵיין, עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ, מֶען קֶען נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ בִּיזְט שׁוֹין פַארְפַאלְן" אַזַא אֵיינֶער אִיז נִישְׁט קַיין מֶענְטְשׁ נָאר אַ חַי' וָואס זֶעהְט אוֹיס ווִי אַ מֶענְטְשׁ.

הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט זֶעסְטוּ מֶען הָאט דִיר אַ נַארִישְׁקֵייט אַיינְגֶערֶעדְט, אַז דוּ ווִילְסְט מִיךְ פָּאלְגְן קֶער דִיךְ אוּם, וָוארְן דוּ וֶועסְט בְּוַודְאַי נִיט גֶעפִינֶען, וָוארְן עֶס אִיז נִיט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט. דָא זֶעהְט מֶען דִי נַארִישְׁקַייט פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס לָאזְן זִיךְ פַארְפִירְן פוּן אַנְדֶערֶע, אוּן מֶען בְּרֶענְגְט נָאךְ רְאַיוֹת פוּן דֶעם אוּן פוּן יֶענֶעם, דֶער הָאט אַזוֹי גֶעזָאגְט, אוּן יֶענֶער הָאט אַזוֹי גֶעזָאגְט, אוּן דָאס קִילְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ, כְּאִילוּ עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס אִיז אַזוֹי ווִי אֵיינֶער גֵייט אִין אַ טִיר-גָארְטְן (ZOO) וֶועט עֶר דֶען וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן דִי אַלֶע חַיוֹת אוּן בְּהֵמוֹת וָואס בְּרוּמֶען? דִי זֶעלְבֶּע וֶוען אַ אִיד ווִיל זַיין וואוֹיל, אוּן עֶר זוּכְט אַ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶס קוּמֶען אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אוּן רֶעדְן אִים אָפּ "דוּ וֶועסְט שׁוֹין קַיין עֶרְלִיכֶע אִיד נִישְׁט זַיין" וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַבִּיסְל שֵׂכֶל, קוּקְט עֶר זֵיי אַלֶע אָן ווִי חַיוֹת אוּן בְּהֵמוֹת וָואס בְּרוּמֶען, עֶר לַאכְט זִיךְ אוֹיס פוּן זֵיי, אוּן עֶר גְלֵייבְּט אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ וֶועג צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁפַּארְט אוּן הָאט גֶעזָאגְט עֶס מוּז בְּוַודְאַי יאָ זַיין. אַזוֹי דַארְף זִיךְ אַ אִיד עַקְשְׁ'עֶנֶען אַז עֶר וֶועט יָא זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין.

הָאט עֶר אִים גְעזָאגְט (דֶער ווִילְדֶער מֶענְטְשׁ צוּם שֵׁנִי לְמַלְכוּת) אִיךְ הָאבּ אַ בְּרוּדֶער אִין דֶער מִדְבָּר אוּן עֶר אִיז אַ מְמוּנֶה אִיבֶּער אַלֶע עוֹפוֹת טָאמֶער ווֵייסְן זֵיי מַחֲמַת זֵיי פְלִיעֶן הוֹיךְ אִין דֶעם אַוִיר. טָאמֶער הָאבְּן זֵיי גֶעזֶען דֶעם בַּארְג מִיט דֶעם שְׁלָאס. זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ אִים אוּן זָאלְסְט אִים זָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶעשִׁיקְט צוּ אִים. אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, דְרֵייט זִיךְ אִיבֶּער דִי מְנִיעוֹ"ת צוּ נְעִימוֹ"ת, אוּן אֲפִילוּ דִי וָואס ווִילְן שְׁטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ, מוּזְן אִים אוֹיךְ הֶעלְפְן.

אִיז עֶר גְעגַאנְגֶען כַּמָּה וְכַמָּה שָׁנִים אִים זוּכְן. דָאס אִיז גֶעוֶוען אַן עוֹנֶשׁ פַאר אִים וַוייל עֶר וָואלְט שׁוֹין גֶעדַארְפְט זֶעהן אוּן פַארְשְׁטֵיין אַז מֶענְטְשְׁן וֶועלְן אִים נִישְׁט הֶעלְפְן, מֶען וֶועט אִים נָאר אָפְּרֶעדְן, אוּן וֶוען עֶר וָואלְט גֶעגַאנְגֶען גְלַייךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואלְט עֶר שְׁנֶעל גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן, אָבֶּער אַזוֹי ווִי עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶערֶעדְט אַז אַ מֶענְטְשׁ וֶועט אִים הֶעלְפְן, הָאט עֶר גֶעדַארְפְט גֵיין אוּן זִיךְ מוּטְשֶׁען אַסַאךְ יָארְן צוּ זוּכְן.

וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין יִשׁוּב הַדַעַת, רֶעדְט מֶען זִיךְ אֵיין אַז מֶענְטְשְׁן קֶענֶען הֶעלְפְן אוּן מֶען דְרֵייט זִיךְ פוּן אֵיינֶעם צוּם צְוֵוייטְן אוּן מֶען זוּכְט הִילְף, אוּן וֶוען מֶען וֶוערְט אַנְטוֹישְׁט פוּן אֵיין מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֵייט מֶען צוּם צְוֵוייטְן, בִּיז מֶען זֶעהְט אֵיין אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט הֶעלְפְן, אוּן דֶעמָאלְט'ס גֵייט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען וֶוערְט גֶעהָאלְפְן.

(פָּארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה)

(נהרי אפרסמון - תוך הנחל תרומה תשנ"א)

# פְּרֵיי דִיךְ מִיט
# דַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת

עֶס אִיז אַזַא רַחְמָנוּת אוֹיף אַ מֶענְטְש וָואס עֶר פְרֵייט זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי מִצְוֹות, וַוייל עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מִצְוָה, וֶוען אַ אִיד זָאל וִויסְן וָואס הֵייסְט אַ מִצְוָה, עֶר גֵייט מִיט אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, וָואלְט עֶר דָאךְ גֶעקֶענְט מִיט דֶעם טַאנְצְן דֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן.

עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט אַ הֶעכֶערֶע סָארְט מֶענְטְש וָואס עֶר הָאט גֶעהֵייסְן רַבִּי יִשְׂרָאֵל קוֹרְדוּנֶער ז"ל, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין גַאנְצֶע טֶעג אִין מִירוֹן בַּיים צִיוּן פוּן תַּנָא אֱלֹקִי רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי, עֶר פְלֶעגְט זִיצְן חוּץ לְיִשׁוּב אוּן אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה, אוֹיף דֶער עֶלְטֶער הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אַ בִּיטֶערֶע מַחְלָה וָואס אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַ מַגֵיפָה פוּן טִיפּוּס לֹא עָלֵינוּ, אוּן מֶען הָאט נִישְׁט צוּגֶעלָאזְט צוּ אִים קֵיינֶעם נִישְׁט, עֶר אִיז גֶעלֶעגְן אִין אַ עֶקְסְטֶערֶע צִימֶער אִין שְׁפִּיטָאל, וָוארוּם דִי מַחְלָה לֹא עָלֵינוּ אִיז אַ אָנְקְלֶעבֶּעדִיגֶע מַחְלָה, אָבֶּער זַיין וַוייבּ אִיז אַלְץ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם פֶענְסְטֶער אוּן גֶעפְרֶעגְט 'יִשְׂרָאֵל וָואס מַאכְסְטוּ'? הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה 'דַאנְקֶען גָאט אַז אִיךְ גֵיי אַוֶועק מִזֶה הָעוֹלָם מִיט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים אִיךְ הָאבּ אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת' מִיט דֶעם הָאט עֶר זִיךְ מְחַיֶה גֶעוֶוען, זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַ אִיד אִיז זִיךְ מְחַיֶה מִיט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, מִיט אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת.

הַיינְט לֵיידֶער אִיז דָאס אַ בִּיטֶערְן נִסָיוֹן, דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן זָאגְט אִין לִקוּטֵי הֲלָכוֹת (גִילוּחַ הֲלָכָה ג') דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד וִויל אַוֶועק גֵיין פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אַז עֶר שְׁנַיידְט זִיךְ אִינְטֶער דִי פֵּיאוֹת, אוּן שְׁטִיצְט זִיךְ דֶעם בָּארְד, אוּן אַזוֹי צֶעבִּיסְלֶעךְ נֶעמְט עֶר זִיךְ אַרָאפּ דֶעם בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, דָאס אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער פֶּתַח הַטוּמְאָה, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ גֵייסְט מִיט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען הַיינְט אָנְצוּטוּהְן תְּפִילִין אוּן דוּ גֵייסְט מִיט צִיצִית אוּן דוּ הָאסְט אַ מְזוּזָה אוֹיף דַיין טִיר, מִיט דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ מוֹרָא'דִיג פְרֵייעֶן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א') כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו; מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹות, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט אַ רֵיין הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

הַיינְטִיגֶע צַייטְן דַארְף מֶען זִיךְ אַזוֹי פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹות, בִּשְׁעַת דִי גַאנְצֶע וֶועלְט לִיגְט אִין מָרָה שְׁחוֹרָה וָואס דָאס נֶעמְט זִיךְ פוּן כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד וָואלְט גֶעגְלֵייבְּט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא מִיט אִים וָואלְט עֶר גֶעוֶוען שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אִיז וָואס בִּיסְטוּ טְרוֹיעֶרִיג?! אִיבֶּערְדֶעם נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין וֶועסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן פְרֵיילִיכְקֵייט בְּרֶענְגְט צוּ דְבֵיקוּת אִין אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אִין (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) אַז אֲפִילוּ חַכְמֵי הָרוֹפְאִים, דָאס הֵייסְט דִי דָאקְטוֹרִים זֶענֶען מֵעִיד אַז אַלֶע מַחְלוֹת אוּן חֲלָאִים רָעִים קוּמְט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ נָאר מַחְמַת מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן עַצְבוּת, אִיבֶּערְדֶעם נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, פוּן הַיינְט אָן זָאלְסְטוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, אוּן זָאלְסְט רֶעדְן מִיט יֶעדְן אִיד נָאר פוּן שִׂמְחָה, אוּן לָאז זִיךְ נִישְׁט פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט.

(אשר בנחל באידיש חלק ד' מכתב תכ"ט)

# ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

*פתחו שערים ויבוא גוי צדיק*

## נייע בית המדרש "היכל הקודש" אין קרית יואל
## בשכונת עצי תמרים

גרויס פרייד הערשט ביי אנשי שלומינו צו די עפענונג פון די נייע בית המדרש "היכל הקודש" וואס עפענט זיך די וואך אין קרית יואל.

ווי באקאנט האט זיך קהלות "היכל הקודש" זייער פארברייטערט די לעצטע יארן, אידן דארפן חיזוק צו אנגיין בעבודת הקודש יעדער לפום דרגא דילי', און די ברסלב'ע ספרים זענען מחי' און מחזק אידישע קינדער, ובפרט די קונטריסים וואס ברענגן אראפ די אלע הייליגע עצות פון רבי'ן פאר די היינטיגע דור אז מיר זאלן עס אויך קענען ניצן אין אונזער לעבן, זיך מחזק צו זיין און קענען אנגיין מיט די געוואלדיגע עצות.

**אין מאנסי** האט מען לעצטנ'ס געעפענט נאך א בית המדרש "היכל הקודש", בנוסף צו די ערשטע בית המדרש, כדי יעדער זאל קענען קומען דאווענען און נישט דארפן גיין אזוי ווייט.

אויך **אין וויליאמסבורג** איז שוין דא צוויי בתי מדרשים "היכל הקודש", ווי אידן קומען זיך צוזאם זיך מחזק צו זיין מיט די עצות פון רבי'ן.

**אין קרית יואל** האט זיך געעפנט א בית המדרש היכל הקודש מיט בערך צען יאר צוריק, ווי תלמידי וחסידי רביה"ק מסאטמאר זצוק"ל וואס ווילן אויך נהנה זיין פון דעם גרויסן אור פונעם רבי'ן האבן זיך צוזאמגענומען און געעפנט א בית המדרש ווי מען קומט זיך צוזאם לחזק ולהתחזק.

מי לנו גדול פון **רבינו הק' מסאטמאר זצוק"ל** וואס שרייבט אין **ויואל משה** אז דער רבי איז געווען דער איינציגסטער וואס האט געזעהן פון פאראויס ווי אזוי אונזער דור וועט אויסקוקן, אז עס וועט אראפ קומען א מבול פון כפירות ואפיקורסות, און דערפאר האבן סאטמארע אידן אייביג געהאט א שטארקע געפיל צו דעם רבינ'ס ספרים, וואס זענען מחזק און מעודד נישט צו ווערן צובראכן און צופאלן פון די אלע פגעי ומקרי הזמן, נאר זיך שטארקן מיט א קלארע ריינע אמונה אינעם אייבערשטן.

און דאס האט זיך שטארק אנגעזעהן די לעצטיגע יארן אין קרית יואל, ווען גאר אסאך אידן קומען כסדר ארויף אין בית המדרש "היכל הקודש" צו הערן די הייליגע דיבורים פונעם רבי'ן וואס מאכן ליכטיג די אויגן אין אזא פינסטערע צייט.

אבער אזוי ווי די שטעטל האט זיך ברוך ה' ציוואקסן זייער גרויס, און נישט יעדער קען קומען צו גיין אזוי ווייט, האבן זיך צוזאם גענומען אנשי שלומינו פון די שכונת עצי תמרים, און געעפענט א נייע בית המדרש "היכל הקודש" פאר די אידן פון יענע געגנט זאלן זיך קענען צוזאמנעמען און דאווענען אינאיינעם און זיך מחזק זיין.

**ורוח הקודש אומרת כן ירבה וכן יפרוץ!**

***

*ברוכים הבאים בשם ה'*

## אנשי שלומינו ענטפאנגען כ"ק מוהרא"ש שליט"א
## וואס איז צוריק געקומען פון ארץ ישראל די וואך

נאכן ווילן די לעצטע צוויי וואכן אין ארץ ישראל צו מחזק זיין די אידן דארט, האט זיך מוהרא"ש שליט"א די וואך מיטוואך צוריק געקערט פון ארץ ישראל, ווי ער איז אויפגענומען געווארן מיט גרויס פרייד ביי אנשי שלומינו.

המשך בדף ג


# ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

**27 Skillman St.**

**אדער רופט 347-977-7994**

# קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים**
**פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א**
אויך קען מען מיטהאלטן
יעדע וואך דעם שיעור
מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**
**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת משפטים - שקלים, שבת מברכים אדר, כ"ט שבט, שנת תשע"ג לפ"ק

שנה 2, גליון 19 (69)


**זמנים**

הדלקת הנרות......................5:05
מוצש"ק..............................6:36
סוף זמן ק"ש.........................8:57

**שיעורים כסדרן**

בבלי..........................שבת קכ"ט
ירושלמי.........................נזיר ז'
תוספתא..........כלים ב"מ פרק ג'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**מְעַט מְעַט אֲגָרְשֶׁנּוּ מִפָּנֶיךָ עַד אֲשֶׁר תִּפְרֶה וְנָחַלְתָּ אֶת הָאָרֶץ**, מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵּז זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ו) אוֹיף דִי מִשְׁנָה (אָבוֹת ב, יג) **וּכְשֶׁאַתָּה מִתְפַּלֵּל, אַל תַּעַשׂ תְּפִלָּתְךָ קֶבַע, אֶלָּא רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים**, זָאגְט דֶער רֶבִּי אוֹיף דֶעם, אַז וֶוען אַ אִיד בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף עֶפֶּעס, טָאר עֶר זִיךְ עַקְשְׁ'עֶנֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דַוְקָא טוּהן וָואס עֶר בֶּעהְט, עֶר זָאל נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר וויל, פַּרְנָסָה, קִינְדֶער, אָדֶער עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אוּן נָאכְדֶעם זָאל עֶר וַוארְטְן בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן, אוּן זִיךְ לָאזְן פִירְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גֶעדֶענְקְן אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז נָאר צוּם גוּטְן.

דָאס קוּמְט אוּנְז דֶער פָּסוּק מְרַמֵּז זַיין, **מְעַט מְעַט אֲגָרְשֶׁנּוּ מִפָּנֶיךָ**, אַלֶעס וָואס מֶען וויל אוֹיספִירְן מוּז גֵיין צוּבִּיסְלֶעךְ מִיט אַסַאךְ גֶעדוּלְד אוּן סַבְלָנוּת, **עַד אֲשֶׁר תִּפְרֶה וְנָחַלְתָּ אֶת הָאָרֶץ**, דֶעמָאלְט'ס וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט.

(זאת התּוֹרָה מִשְׁפָּטִים ז)

***

**מַכֵּה אִישׁ וָמֵת מוֹת יוּמָת**, לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין דֶער לָשׁוֹן פוּן פָּסוּק: "אוֹיבּ אֵיינֶער שְׁלָאגְט אַ מֶענְטְשׁ אוּן יֶענֶער שְׁטַארְבְּט", עֶס וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין: "אוֹיבּ אֵיינֶער הַרְגְ'ט אַ מֶענְטְשׁ"?

נָאךְ אִיז שְׁוֶוער דֶער לָשׁוֹן **"מוֹת יוּמָת"**, פַארְוָואס שְׁרַייבְּט דִי תּוֹרָה אַ טָאפְּלְט לָשׁוֹן?

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קנ"ב) אַז וֶוען עֶס אִיז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אַ צַדִּיק וָואס קֶען מְקָרֵב זַיין אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אֵייבִּיג דָא קְלִיפּוֹת וָואס נֶעמֶען אִים אַרוּם, אוּן שְׁטֶערְן מֶענְטְשְׁן וָואס ווילְן קוּמֶען צוּם צַדִּיק, צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּ אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַמָאל אִיז דָא וָואס מֶען שְׁטֶעלְט בַּיים טִיר פוּן צַדִּיק אַ "יְרֵא שָׁמַיִם", וָואס דֶער יְרֵא שָׁמַיִם רֶעדְט אָפּ מֶענְטְשְׁן פוּן קוּמֶען צוּם צַדִּיק, אוּן אִין אַזַא מַצָּב דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן אַוֶועקְרַייסְן פוּנֶעם צַדִּיק, דוּרְךְ סַיי וֶועם עֶס זָאל נָאר זַיין.

מֶען זֶעהְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט מְקוּרָב צוּ אַ צַדִּיק, אוּן דֶער צַדִּיק אִיז אִים מְעוֹרֵר צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶועגֶען, אוּן עֶר הֵייבְּט טַאקֶע אָן מֶער צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶועגֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט'ס קוּמְט אָן אַ "יְרֵא שָׁמַיִם", וָואס פְּרוּבִּירְט אִים אָפְּצוּרֶעדְן פוּן גֵיין צוּם צַדִּיק, מִיט אַלֶע מִינֵי רְאָיוֹת פוּן דִי תּוֹרָה, דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן גֶעדֶענְקְן: "אוֹיבּ דֶער צַדִּיק בְּרֶענְגְט מִיר נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר מַאכְט מִיר מֶער לֶערְנֶען אוּן דַאוֶועגֶען, וֶועל אִיךְ

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ חוֹדֶשׁ אָדָר ~

וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אָדָר, הֵייבְּט מֶען שׁוֹין אָן צוּ שְׁפִּירְן דִי לִיכְטִיגְקַייט פוּן דֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים, אִין יְרוּשַׁלְמִי (רֵישׁ מַסֶּכֶת מְגִילָּה) וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט, אַז אִין גַאנְץ חוֹדֶשׁ אָדָר קֶען מֶען לֵיינֶען דִי מְגִילָּה, אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶע'פְּסַק'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹ"ח תרפ"ח, ז') אַז וֶוער עֶס פָּארְט אַרוֹיס אוֹיף אַ וַוייטֶע וֶועג אוּן עֶר קֶען נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז פּוּרִים, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט מִיטְנֶעמֶען אַ מְגִילָּה, קֶען עֶר שׁוֹין לֵיינֶען דִי מְגִילָּה פוּן אָנְהוֹיבּ חוֹדֶשׁ אָדָר, זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז גְלַייךְ אִין אָנְהוֹיבּ חוֹדֶשׁ אָדָר, אִיז שׁוֹין דָא דִי לִיכְטִיגְקַייט פוּן פּוּרִים.

דֶערְפַאר זָאגְן דִי חֲזַ"ל (תַּעֲנִית כ"ו:) "מִשֶּׁנִּכְנַס אָדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה", גְלַייךְ וֶוען מֶען טְרֶעט אַרַיין אִין חֹדֶשׁ אָדָר דַארְף מֶען פַארְמֶערְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן חֲזַ"ל זֶענֶען מְדַיֵּיק "מַרְבִּין" - מֶען דַארְף "פַארְמֶערְן" מִיט שִׂמְחָה, וַוייל בֶּאֱמֶת הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה "תָּמִיד", אַ גַאנְץ יָאר דַארְף מֶען אוֹיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ, נָאר חוֹדֶשׁ אָדָר דַארְף מֶען נָאךְ מֶער פַארְמֶערְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן טוּהן אַלֶעס וָואס מֶען קֶען צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

### מִשֶּׁנִּכְנַס אָדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה

אוּן דֶערְפַאר פִירְט מֶען זִיךְ אַז וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אָדָר, הֶענְגְט מֶען אוֹיף גְרוֹיסֶע טָאוְולֶען "מִשֶּׁנִּכְנַס אָדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה", צוּ דֶערְמַאנֶען פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז מֶען זָאל גֶעדֶענְקְן צוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן טוּהן אַלֶע פְּעוּלּוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ דֶעם חוֹדֶשׁ, אִיז מֶען מִיט דֶעם מַמְשִׁיךְ אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת וָואס קוּמְט אַרָאפּ אִין דִי טֶעג.

דִי גְמָרָא זָאגְט (בֵּיצָה ט"ו:) "הָרוֹצֶה שֶׁיִּתְקַיְּמוּ נְכָסָיו יִטַּע בָּהֶן אָדָר, שֶׁנֶּאֱמַר אַדִּיר בַּמָּרוֹם ה'", בִּפְשְׁטוּת מֵיינְט עֶס אַז וֶוער עֶס וויל אַז זַיינֶע פֶעלְדֶער זָאלְן גוּט וַואקְסְן, זָאל אַיינְפְלַאנְצְן אַ

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָׁבוּעַ

נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן אִים בְּשׁוּם אוֹפָן".

אוּן דֶער "יְרֵא שָׁמַיִם" וֶועט שׁוֹין בַּאקוּמֶען זַיין עוֹנֶש, אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, ווייל אוֹיב נֶעמְט עֶר אַוֶועק אַ מֶענְטְשׁ פוּן אַ פְּלַאץ, וָואס דֶערְגֶענְטֶערְט אִים צוּ זַיין שׁוֹרֶשׁ, וֶועט עֶר - מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה - אוֹיךְ וֶוערְן אוֹיסְגֶעריסְן פוּן זַיין שׁוֹרֶשׁ.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **מַכֵּה אִישׁ וָמֵת**, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט אָפּ מֶענְטְשְׁן פוּן צַדִּיק, עֶר הַרְגֶ'עט אִים נִישְׁט גְלַייךְ, אָבֶּער דָאס זֶענֶען אַזֶעלְכֶע קְלֶעפּ, וָואס וֶועלְן אִים צוּם סוֹף הַרְגֶ'ענֶען, עֶס וֶועט אִים אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן צַדִּיק, דֶערְפַאר אִיז זַיין עוֹנֶשׁ, **מוֹת יוּמָת**, עֶר וֶועט שְׁטַארְבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיךְ וֶוערְן אוֹיסְגֶעריסְן פוּן יֶענֶע וֶועלְט, מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, ווייל עֶר הָאט גֶעוָואלְט יֶענֶעם אַוֶועקְרַייסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית מִשְׁפָּטִים, תשס"ז לפ"ק)

***

**אִם חָבֹל תַּחְבֹּל שַׂלְמַת רֵעֶךָ עַד בֹּא הַשֶּׁמֶשׁ תְּשִׁיבֶנּוּ לוֹ**, מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט ווי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רע"ב) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף לֶעבְּן מִיטְן הַיינְטִיגְן טָאג, אוּן דֶערְפַאר בַּיינַאכְט פַאר מֶען גֵייט שְׁלָאפְן, דַארְף מֶען אִיבֶּערְגֵיין מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעם גַאנְצְן טָאג, אוּן אוֹיב עֶפֶּעס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען ווי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זָאל מֶען גְלַייךְ תְּשׁוּבָה טוּהְן נָאךְ אִין זֶעלְבְּן טָאג, נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף שְׁפֶּעטֶער.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **אִם חָבֹל תַּחְבֹּל שַׂלְמַת רֵעֶךָ**, אוֹיב דוּ הָאסְט הַיינְט גֶעטְשֶׁעפֶּעט דַיין נְשָׁמָה, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן, **עַד בֹּא הַשֶּׁמֶשׁ תְּשִׁיבֶנּוּ לוֹ**, נָאךְ פַאר דִי זוּהן גֵייט אוּנְטֶער זָאלְסְטוּ עֶס צוּרִיק גֶעבְּן, דָאס מֵיינְט, דוּ זָאלְסְט נָאךְ אִין יֶענֶעם טָאג תְּשׁוּבָה טוּהְן, **כִּי הוּא כְסוּתֹה לְבַדָּהּ הוּא שִׂמְלָתוֹ לְעֹרוֹ בַּמֶּה יִשְׁכָּב**, ווייל דוּ דַארְפְסְט גֶעדֶענְקֶען אַז נָאר דָאס וֶועט בְּלַייבְּן פוּן דִיר, נָאר דַיין תּוֹרָה, דַיין תְּפִלָּה, דַיין עֲבוֹדַת ה'.

אוּן אֲפִילוּ אוֹיב דוּ בִּיזְט נִישְׁט גֶעוֶוען וואויל הַיינְט, אֲפִילוּ דוּ בִּיזְט דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט עֲבֵירוֹת, אִיז נָאכְנִישְׁט צוּ שְׁפֶּעט, דוּ קֶענְסְט נָאךְ אַלְץ תְּשׁוּבָה טוּהְן, **וְהָיָה כִּי יִצְעַק אֵלַי וְשָׁמַעְתִּי כִּי חַנּוּן אָנִי**, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁרַייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט אַלֶע זַיינֶע דוּרְכְפֶעלֶער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים אוּן עֶר הֶערְט אוֹיס, אוּן עֶר אִיז אִים אַלֶעס מוֹחֵל.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית מִשְׁפָּטִים, תש"ע לפ"ק)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

גְעוִויסֶע גְרַאז וָואס הֵייסְט "אָדָר", אָבֶּער דָאס אִיז אוֹיךְ מְרַמֵּז דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, שִׂמְחָה, ח"ב, א) מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ, וֶוער עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ וֶועט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶעס, אוּן דֶערְפַאר זָאגְן דִי חֲזַ"ל "הָרוֹצֶה שֶׁיִּתְקַיְּמוּ נְכָסָיו", וֶוען אֵיינֶער ווִיל מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחְנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, "יִטַּע בָּהֶן אַדָּר", זָאל עֶר בַּיי זִיךְ אַיינְפְלַאנְצְן דִי מִדַּת הַשִּׂמְחָה פוּן חוֹדֶשׁ אֲדָר, אוּן דִי שִׂמְחָה וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוּן הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג מַצְלִיחַ זַיין.

### ווי אַזוֹי קֶען מֶען ווִיסְן אוֹיב מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ?

ווי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ ווִיסְן אוֹיב עֶר אִיז טַאקֶע פְרֵיילִיךְ? וֶוען דִי שִׂמְחָה גִיסְט זִיךְ אִיבֶּער, אוּן מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ אוֹיךְ אַנְדֶערֶע אִידְן, דֶעמָאלְט'ס ווֵייסְט מֶען אַז מֶען אִיז בֶּאֱמֶת פְרֵיילִיךְ.

אוּן דֶערְפַאר זֶעהְט מֶען אַז דִי מִצְוֹת פוּן חוֹדֶשׁ אֲדָר זֶענֶען פִיל מִיט צְדָקָה וָחֶסֶד, ווייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ וֶועט עֶר טוּהְן צְדָקָה וָחֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע, צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע אִידְן אוֹיךְ.

עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט שַׁבַּת שְׁקָלִים, וָואס מֶען רוּפְט שׁוֹין אוֹיס צוּ גֶעבְּן שְׁקָלִים, צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, אוּן דֶערְנָאךְ עֶרֶב פּוּרִים פִּירְט מֶען זִיךְ צוּ גֶעבְּן מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל פַאר צְדָקָה, אוּן דֶערְנָאךְ פּוּרִים אַלֵיין'ס אִיז דָאךְ פִיל נָאר מִיט צְדָקָה וָחֶסֶד, מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת, מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים, סְעוּדַת פּוּרִים מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אוּן פְרַיינְד, אוּן אוֹיךְ פוּן פּוּרִים וָואס אִיז דְרַייסִיג טֶעג פַאר דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח, הֵייבְּט מֶען שׁוֹין צוּזַאם נֶעמֶען קִמְחָא דְפִסְחָא פַאר אָרֶעמֶעלַייט אוֹיף פֶּסַח, קוּמְט אוֹיס אַז גַאנְץ חוֹדֶשׁ אֲדָר אִיז פַארְבּוּנְדֶען מִיט צְדָקָה וָחֶסֶד, ווייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ, ווִיל עֶר אוֹיךְ מַאכְן פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע מִיט צְדָקָה וָחֶסֶד.

### תְּשׁוּבָה מִיט שִׂמְחָה

אַזוֹי ווי חֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז אַ חוֹדֶשׁ וָואס מֶען טוּט תְּשׁוּבָה מִיִּרְאָה, מֶען הָאט מוֹרָא פוּנֶעם יוֹם הַדִּין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּ אַ גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ מִיט תְּשׁוּבָה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים צוּ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין בְּדִין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָנְשְׁרַייבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דֶער חוֹדֶשׁ אֲדָר אַ חוֹדֶשׁ וָואס מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, אָבֶּער יֶעצְט אִיז עֶס תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה אוּן מִיט שִׂמְחָה, אוּן מִיט דֶעם גְרֵייט מֶען זִיךְ צוּ צוּם חוֹדֶשׁ נִיסָן וָואס אִיז דֶער חוֹדֶשׁ הַגְּאֻלָּה, בְּנִיסָן עֲתִידִין לְהִגָּאֵל, אוּן מִיט דִי שִׂמְחָה פוּן דֶעם חוֹדֶשׁ קֶען מֶען פַארֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גֶענוּג פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (הַשְׁמָטוֹת לְחַיֵּי מוֹהֲרַ"ן) אַז אָדָר אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן רֹ'אשׁ דְּ'בָרְךָ אֱ'מֶת.

קֶען זַיין דֶער פְּשַׁט לוֹיט ווי דִי גְמָרָא זָאגְט (קִדּוּשִׁין ל"א.) אוֹיף דֶעם פָּסוּק רֹ'אשׁ דְּ'בָרְךָ אֱ'מֶת, פְרֶעגְט אוֹיף דֶעם דִי גְמָרָא "רֹאשׁ דְּבָרְךָ וְלֹא סוֹף דְּבָרְךָ?" - נָאר דִי אָנְפַאנְג ווֶערְטֶער זֶענֶען אֱמֶת, אוּן דִי סוֹף נִישְׁט? זָאגְט דִי גְמָרָא "אֶלָּא מִסּוֹף דְּבָרְךָ נִיכָּר שֶׁרֹאשׁ דְּבָרְךָ אֱמֶת", פוּנֶעם סוֹף זֶעהְט מֶען אַז דִי אָנְפַאנְג אִיז אוֹיךְ אֱמֶת.

דָאס קֶען זַיין אִיז דֶער רֶבִּי'ס מְרַמֵּז, אֲדָר אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת רֹ'אשׁ דְּ'בָרְךָ אֱ'מֶת, אַז חוֹדֶשׁ אֲדָר וָואס אִיז דֶער לֶעצְטֶער חוֹדֶשׁ פוּנֶעם סֵדֶר הַחֳדָשִׁים, וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אִין דֶעם חוֹדֶשׁ, אִיז מֶען מִיט דֶעם מְתַקֵּן דִי אַלֶע חֳדָשִׁים וָואס מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ, ווייל פוּן דֶעם לֶעצְטְן חוֹדֶשׁ, וֶוען מֶען אִיז דֶעמָאלְט'ס פְרֵיילִיךְ, ווייזְט מֶען מִיט דֶעם אַז מֶען הָאט בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט זַיין פְרֵיילִיךְ אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר, אוּן עֶס ווֶערְט גֶערֶעכְנְט ווי מֶען וָואלְט גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

אוּן וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה, זָאגְט דִי גְמָרָא (יוֹמָא פ"ו:) אַז דֶעמָאלְט'ס וֶוערְן אַלֶע עֲבֵירוֹת אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוֹיף מִצְוֹת, אוּן דֶערְפַאר וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֲדָר אוּן מֶען טוּט תְּשׁוּבָה בְּשִׂמְחָה ווֶערְט מְקוּיָּם רֹ'אשׁ דְּ'בָרְךָ אֱ'מֶת, אַזוֹי ווי דִי גְמָרָא זָאגְט, אַז פוּן סוֹף יָאר ווֶערְט דִי גַאנְצֶע יָאר אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּם גוּטְן, אַלֶע עֲבֵירוֹת וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ מִצְוֹת.

וואויל אִיז דֶעם וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ אִין חוֹדֶשׁ אֲדָר, וֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן אַלֶעס גוּט'ס.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ חֹדֶשׁ אֲדָר)

# שָׁלוֹם בַּיִת

המשך פון דף ד

גָארְנִישְׁט שָׁאטְן דֶעם מַאן אוֹיבּ עֶר וֶועט אַרוֹיסְהֶעלְפְן זַיין וַוייבּ, אַדְרַבָּה מִיט דֶעם וָואס עֶר הֶעלְפְט אִיר אַרוֹיס הֶעלְפְט עֶר זִיךְ אַרוֹיס, אַזוֹי וֶועט עֶר הָאבְּן אַ גֶעזוּנְטֶע וַוייבּ וְכוּ׳, אוּן מֶען דַארְף אוֹיף דֶעם זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, אַז דָאס וַוייבּ זָאל זַיין גֶעזוּנְט, אוּן אוֹיבּ נִישְׁט אִיז מֶען אַ פָּשׁוּטֶער אַכְזָר אוּן אַ מוּפְקָר וְכוּ׳.

דִי חֲזַ״ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.) לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בִּכְבוֹד אִשְׁתּוֹ, שֶׁאֵין בְּרָכָה מְצוּיָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם אֶלָא בִּשְׁבִיל אִשְׁתּוֹ, שֶׁנֶאֱמַר (בְּרֵאשִׁית י״ב) ״וּלְאַבְרָם הֵטִיב בַּעֲבוּרָהּ״ וְהַיְינוּ דְאָמַר לְהוּ רָבָא לִבְנֵי מְחוּזָא, אוֹקִירוּ לִנְשַׁייכוּ כִּי הֵיכִי דְתִתְעַתְּרוּ, (זַייט מְכַבֵּד אוּן הַאלְט טֵייעֶר דָאס וַוייבּ וֶועט עֶטְץ וֶוערְן רַייךְ) אוּן אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ס״ט) אַז דֶער עִיקָר עֲשִׁירוּת קוּמְט נָאר אִין זְכוּת פוּן דֶעם פְרוֹי, אַז וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר גֶעבְּט זַייעֶר אַכְטוּנְג אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת.

(אשר בנחל באידיש חלק ד׳ מכתב תפ״ו)


מוסדות היכל הקודש ברסלב

בנשיאות כ״ק מרן מוהרא״ש שליט״א

שמח תשמח רעים האהובים

מיר וואונטשן א הארציגן ברכת מזל טוב פאר

מו״ה אהרן וועבערמאן הי״ו

מחשובי הנהלת מוסדותינו הק׳

צו די שמחת החתונה פון זיין טאכטער עב״ג

החתן מנחם שטיינבערג הי״ו

ר׳ אהרן איז שטענדיג גרייט ארויס צו העלפן אונזערע מוסדות הקדושים מיט וואס מען דארף, דער אייבערשטער זאל העלפן אז די זכות זאל אים ביישטיין אז ער זאל זעהן שטענדיג אסאך אידיש נחת ביי אלע זיינע קינדער, בני ברוכי, חיי אריכי, ומזוני רויחי, וסייעתא דשמיא, אמן.

פערזענדליכע איינלאדענונג

אזוי ווי מיר האבן נישט געשיקט קיין חתונה בריוולעך, וויל איך מיט דעם איינלאדענען אלע מיינע קרובים וידידים און אנשי שלומינו צו קומען זיך מיטפרייען ביי די חתונה וואס וועט פארקומען בעזהשי״ת

זונטאג פרשת תרומה

אין זאל פון ראוז קעסל

אי״ה ביי אייך אויף שמחות

אהרן וועבערמאן


# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת

## מַעֲשֶׂה א׳ מֵאֲבֵידַת בַּת הַמֶּלֶךְ

### פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר

הָאט עֶר ווִידֶער גֶעפוּנֶען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסְן מֶענְטְשׁ כַּנַ״ל. אוּן הָאט אוֹיךְ גֶעטְרָאגְן אַ גְרוֹיסְן בּוֹים אוּן הָאט אִים אוֹיךְ אַזוֹי גֶעפְרֶעגְט ווִי דֶער עֶרְשְׁטֶער. הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְפֶערְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. אוּן אַז דֶער בְּרוּדֶער הָאט אִים גֶעשִׁיקְט צוּ אִים. אוּן עֶר הָאט אִים אוֹיךְ מַדְחֶה גֶעוֶועְן בַּאֲשֶׁר עֶס גֶעפִינְט זִיךְ בְּוַודַאי נִישְׁט. אוּן דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת הָאט אִים אוֹיךְ זֵייעֶר מַפְצִיר גֶעוֶועְן עֶס אִיז בְּוַודַאי יָא דָא. הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט אִיךְ בִּין אַ מְמוּנֶה אִיבֶּער אַלֶע עוֹפוֹת וֶועל אִיךְ זֵיי רוּפְן טָאמֶער ווֵייסְן זֵיי. הָאט עֶר צוּם אוֹיפְגֶערוּפְן אַלֶע עוֹפוֹת אוּן הָאט אַלֶע גֶעפְרֶעגְט פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס. הָאבְּן זֵיי אִים גֶעעֶנְפֶערְט זֵיי ווֵייסְן נִישְׁט פוּן דֶעם בַּארְג מִיט דֶעם שְׁלָאס. הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט זֶעסְטוּ עֶס אִיז בְּוַדַאי נִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אַז דוּ ווִילְסְט מִיךְ פָאלְגְן קֶער דִיר אוּם, וָוארְן עֶס אִיז בְּוַודְאַי נִישְׁט דָא. אוּן עֶר (דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת) הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁפַּארְט אוּן הָאט גֶעזָאגְט עֶס אִיז בְּוַודְאַי יָא דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט. הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: וַוייטֶער אִין דֶער מִדְבָּר גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט מַיין בְּרוּדֶער, עֶר אִיז אַ מְמוּנֶה אִיבֶּער אַלֶע ווִינְטְן אוּן זֵיי לוֹיפְן אוֹיס גָאר דִי וֶועלְט טָאמֶער ווֵייסְן זֵיי.

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען כַּמָּה וְכַמָּה שָׁנִים זוּכְן, הָאט עֶר ווִידֶער גֶעפוּנֶען אַ גְרוֹיסְן מֶענְטְשׁ כַּנַ״ל. אוּן הָאט אוֹיךְ גֶעטְרָאגְן אַ גְרוֹיסְן בּוֹים אוּן הָאט אִים אוֹיךְ גֶעפְרֶעגְט כַּנַ״ל. הָאט עֶר אִים אוֹיךְ גֶעעֶנְפֶערְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה כַּנַ״ל. הָאט אִים דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיךְ מַדְחֶה גֶעוֶועְן. אוּן דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת הָאט אִים זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן. הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט עֶר וֶועט אִים צוּלִיבּ טָאן אוּן וֶועט פוּן זַיינֶעט וֶועגְן צוּנוֹיפְרוּפְן אַלֶע ווִינְטְן אוּן וֶועט זֵיי פְרֶעגְן. הָאט עֶר זֵיי גֶערוּפְן. זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַלֶע ווִינְטְן הָאט עֶר אַלֶע גֶעפְרֶעגְט. הָאבְּן זֵיי קֵיינֶער נִיט גְעוואוּסְט פוּן דֶעם בַּארְג מִיט דֶעם שְׁלָאס. הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט (דֶער מֶענְטְשׁ צוּם שֵׁנִי לְמַלְכוּת) זֶעסְטוּ אַז מֶען הָאט דִיר אַ נַארִישְׁקֵייט דֶערְצֵיילְט. הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת זֵייעֶר צוּ וֵויינֶען אוּן הָאט גֶעזָאגְט אִיךְ ווֵייס עֶס אִיז בְּוַודְאַי יָא דָא.

---

# נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן

אוּן עֶר הָאט אִים אוֹיךְ מַדְחֶה גֶעוֶועְן בַּאֲשֶׁר עֶס גֶעפִינְט זִיךְ בְּוַודְאַי נִישְׁט. דָאס אִיז דִי סֵדֶר פוּן מֶענְטְשְׁן, אוֹיבּ עֶר הַאלְט נִישְׁט דֶערְבַּיי, וֶועט עֶר אוֹיךְ אָפְּרֶעדְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אַז זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, וַוייל אֲפִילוּ אֵיינֶער הָאט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶועְן דֶערְצוּ, מֵיינְט נָאךְ נִישְׁט אַז אַ צְוֵוייטֶער קֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין.

דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת הָאט אִים אוֹיךְ זֵייעֶר מַפְצִיר גֶעוֶועְן עֶס אִיז בְּוַודְאַי יָא דָא. אַזוֹי דַארְף זִיךְ אַ אִיד שְׁטֶענְדִיג עַקְשְׁ׳ענֶען, ״עֶס אִיז זִיכֶער יָא דָא אַ וֶועג פַאר מִיר צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן״.

הָאט עֶר צוּם אוֹיפְגֶערוּפְן אַלֶע עוֹפוֹת אוּן הָאט אַלֶע גֶעפְרֶעגְט פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס. הָאבְּן זֵיי אִים גֶעעֶנְפֶערְט זֵיי ווֵייסְן נִישְׁט פוּן דֶעם בַּארְג מִיט דֶעם שְׁלָאס. הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט זֶעסְטוּ עֶס אִיז בְּוַדְאַי נִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אַז דוּ ווִילְסְט מִיךְ פָאלְגְן קֶער דִיר אוּם, וָוארְן עֶס אִיז בְּוַודְאַי נִישְׁט דָא. וַוייטֶער הָאט עֶר גֶעבְּרֶענְגְט רְאָיוֹת פוּן פֵייגְלֶעך, אַז זֵיי הַאלְטְן אוֹיךְ אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ.

הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: וַוייטֶער אִין דֶער מִדְבָּר גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט מַיין בְּרוּדֶער, עֶר אִיז אַ מְמוּנֶה אִיבֶּער אַלֶע ווִינְטְן אוּן זֵיי לוֹיפְן אוֹיס גָאר דִי וֶועלְט טָאמֶער ווֵייסְן זֵיי. אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען כַּמָּה וְכַמָּה שָׁנִים זוּכְן. יֶעצְט הָאט עֶר נָאכְאַמָאל גֶעמַאכְט דֶעם זֶעלְבְּן טָעוּת, עֶר הָאט זִיךְ נָאךְ אַלֶץ נִישְׁט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אַ מֶענְטְשׁ וֶועט אִים נִישְׁט הֶעלְפְן, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז ווִינְט אִיז דָאךְ מֶער אַ רוּחְנִיוּת׳דִיגֶע זַאךְ, אוּן דֶערְפַאר וֶועלְן זֵיי יָא אִים קֶענֶען הֶעלְפְן אִין רוּחְנִיוּת.

אוּן דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת הָאט אִים זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן. הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט עֶר וֶועט אִים צוּלִיבּ טָאן אוּן וֶועט פוּן זַיינֶעט וֶועגְן צוּנוֹיפְרוּפְן אַלֶע ווִינְטְן אוּן וֶועט זֵיי פְרֶעגְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ עַקְשְׁ׳נְט זִיךְ אַז עֶר קֶען יָא מַצְלִיחַ זַיין, דֶעמָאלְט׳ס מוּז אִים יֶעדֶער הֶעלְפְן אָנְקוּמֶען צוּם צִיהל, אוּן אֲפִילוּ דִי וָואס ווִילְן אִים שְׁטֶערְן, מוּזְן אִים אוֹיךְ הֶעלְפְן צוּם סוֹף.

הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת זֵייעֶר צוּ וֵויינֶען אוּן הָאט גֶעזָאגְט אִיךְ ווֵייס עֶס אִיז בְּוַודְאַי יָא דָא. יֶעצְט, נָאךְ דְרֵיי מָאל וָואס עֶר הָאט גֶעזֶעהן אַ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן, הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין אָפְּגֶעלָאזְט פוּן מֶענְטְשְׁן, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר טַאקֶע גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן.

אוּן דָאס אִיז דִי עֵצָה פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶר זֶעהט אַז עֶר אִיז אִין אַ צָרָה אוּן עֶר זֶעהט נִישְׁט קַיין וֶועג אַרוֹיס, זָאל עֶר זִיךְ נָאר וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶעמָאלְט׳ס וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת.

(פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי״ה)

(נהרי אפרסמון - תוך הנחל תרומה תשנ״א)

# שָׁלוֹם בַּיִת

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶועןְ אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ג) אַז דֶער בַּעַל דָבָר פַּארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר צוּ צוּבְּרֶעכְן דִי שְׁטוּבֶּער פוּן אִינְגֶעלַייט, כְּדֵי זֵיי מַכְשִׁיל זַיין מִיט שְׁוֶוערֶע זִינְד רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אִיבֶּערְדֶעם אַ חָכָם עֵינָיו בְּרֹאשׁוֹ קוּקְט שׁוֹין פָּארְאוֹיס וָואס וֶועט זַיין שְׁפֶּעטֶער, אוּן עֶר גֶעבְּט זֵייעֶר אַכְטוּנְג אוֹיף זַיין שָׁלוֹם בַּיִת, וָוארוּם וֶוען עֶס צִינְדְט זִיךְ אָן אַ קְלֵיין פֵייעֶרְל קֶען מֶען דָאס נָאךְ גְרִינְג אוֹיסְלֶעשְׁן וְכוּ', אָבֶּער וֶוען דֶער פֵייעֶר צוּשְׁפְּרֵייט זִיךְ שׁוֹין זֵייעֶר גְרוֹיס אִין דִי לֶענְג אוּן אִין דִי בְּרֵייט אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס אוֹיסְצוּלֶעשְׁן וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְף אַ אִינְגֶערְמַאן זַיין קְלוּג, אוּן זַיין אַ וַותְּרָן אִין שְׁטוּבּ, אוּן נִישְׁט זוּכְן חֶסְרוֹנוֹת בַּיי זַיין וַוייבּ, נָאר אִיר דַן זַיין לְכַף זְכוּת, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ד) אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר מְכַבֵּד זַיין דָאס וַוייבּ, וָוארוּם זִי לַיידְט צַעַר עִיבּוּר צַעַר לֵידָה אוּן צַעַר גִידוּל וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְף דֶער מַאן הָאבְּן מִיטְלַייד מִיט זַיין וַוייבּ וִוי זִי מִיטְשֶׁעט זִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן עֶר מֶעג אַרוֹיסְהֶעלְפְן, סְ'וֶועט

המשך בדף ג

ישיבה
תפארת התורה
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

## זעלטענע געלעגנהייט!

**צוליב דעם גרויסן פארלאנג וואס מיר האבן געהאט די פארגאנגענע יארן אז די בחורים פון ישיבה זאלן ארויף קומען משמח זיין בעצם יום הפורים, דערפאר וועלן מיר דאס יאר נישט ארויף גיין צו קיינעם, נאר מיט א פאראויס באשטימטע אפוינטמענט.**

**אויב ווילט איר אז די בחורים זאלן ארויף קומען צו אייך, צו אפרעכטן א קומזיץ מיט אלע נייע אידישע ניגונים, וואס זענען שוין וועלט בארימט, ביטע ארייננרופן ווי פריער צו באשטימען א צייט.**

**רופט שוין 347-666-9372**

**צייט איז באגרעניצט, וכל הקודם זכה!**

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

## קינדער פון די תלמוד תורה פארהערן זיך ביי מוהרא"ש שליט"א

פארגאנגענע וואך האבן זיך די עלטסטע כתה פון תלמוד תורה "היכל הקודש" פארהערט ביי מוהרא"ש שליט"א.

צו די ערשטע פאזע פון חזרה, וואס די קינדער האבן יעצט איבערגע'חזר'ט די גמרא מסכת בבא קמא פרק המניח, האבן זיך די קינדער געשטעלט צום פארהער ביי מוהרא"ש.

מוהרא"ש שליט"א האט גרינטליך פארהערט די קינדער, און ער האט אויסגעדרוקט גרויס באגייסטערונג ווי אזוי די קינדער האבן געענטפערט אזוי געשמאק די גמרא בשיגרא דלישנא, מען האט קלאר געקענט זעהן אז זיי האבן די גמרא כמונח בקופסא.

מוהרא"ש האט זיך אויסגעדרוקט מיט וואונדער ווי אזוי אינגע קינדער קענען אזוי גרינטליך און געשמאק אראפלייגן א שטיקל גמרא.

**אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו!**

***

## שמחה ביי תלמידי הישיבה צו נאך א חתן אין ישיבה

**א פרישע חתן אין רעזולטאט פון מסכת תענית**

דעם פארגאנגענעם מוצאי שב"ק איז נאך א בחור א תלמיד הישיבה א חתן געווארן למזל טוב.

דאס מאל איז עס הבחור החתן ישראל מאיר גפן נ"י בן מו"ה יעקב יודא גפן הי"ו א זוהן פון הרה"ח ר' נח גפן שליט"א (שו"ב) פון קרית יואל, וואס איז א חתן געווארן עב"ג א טאכטער פון מו"ה משה וויינבערג הי"ו למזל טוב בשעה טובה ומוצלחת.

עס איז שוין ברייט באקאנט דאס וואס מוהרא"ש האט צוגעזאגט פאר די בחורים זומער אין קעמפ, אז יעדער בחור וואס וועט ענדיגן פערציג מאל גמרא מסכת תענית וועט א חתן ווערן, די בחורים האבן זיך שטארק צוגעכאפט דערצו, און צענדליגע בחורים זענען שוין חתנים געווארן דורך דעם.

דער יעצטיגער חתן האט אויך זוכה געווען צו לערנען מסכת תענית, און ער איז יעצט א חתן געווארן למזל טוב.

**סימן טוב ומזל טוב יהא לנו ולכל ישראל!**

## באחד באדר משמיעין על השקלים

ווי באקאנט נעמט מוהרא"ש שליט"א צוזאם יעדע יאר "קמחא דפסחא" צו העלפן די משפחות אין יבניאל צו האבן אויף יום טוב פסח.

די שטעטל האט זיך שוין ברוך ה' זייער ציוואקסן, עס האלט שוין היינט ביי איבער 450 משפחות כן ירבו, און מיט דעם האט זיך אויך פארמערט די געברויך פון צושטעלן "קמחא דפסחא" אז די אידן זאלן האבן אויף צרכי יום טוב

## על פי בקשת כ"ק מוהרא"ש שליט"א

ווערן אלע אנשי שלומינו געבעטן ארייינצוברענגן באטש $180 אז די אידן זאלן קענען האבן א שמחת יום טוב

**מען קען ארייינברענגן די געלט אינעם צענטראלן אפיס 27 Skillman St.**

**אדער רופט 718–384–1652**

## מזלא טבא וגדיא יאה

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה מנחם שטיינבערג נ"י**

צו זיין שמחת החתונה למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קיימא, דורות ישרים ומבורכים, אמן

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

הבחור החתן **ישראל מאיר גפן** נ"י

וואס איז א חתן געווארן עב"ג למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קיימא, דורות ישרים ומבורכים, אמן

## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

**27 Skillman St.**

**אדער רופט 347-977-7994**

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת תרומה, ו' אדר, שנת תשע"ג לפ"ק

שנה 2, גליון 20 (70)


**זמנים**

הדלקת הנרות....................5:13
מוצש"ק.................................6:45
סוף זמן ק"ש.........................8:53

**שיעורים כסדרן**

בבלי...........................שבת קל"ו
ירושלמי..........................נזיר י"ד
תוספתא..........כלים ב"מ פרק י'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה** - זֵיי זָאלְן נֶעמֶען פַאר מִיר אַ תְּרוּמָה, לִכְאוֹרָה וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין אִין פָּסוּק, **"וְיִתְּנוּ" לִי תְּרוּמָה** - דִי אִידְן זָאלְן **"גֶעבְּן"** תְּרוּמָה, פַארְוָואס שְׁטֵייט **"וְיִקְחוּ"**?

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קט"ז) אַז וֶוען אַ אִיד גֶעבְּט צְדָקָה וֶוערְט עֶר דוּרְךְ דֶעם נִיצוֹל פוּן עֲבֵירוֹת, וַוייל דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת קנ"א:) **כָּל הַמְרַחֵם עַל הַבְּרִיּוֹת מְרַחֲמִין עָלָיו מִן הַשָּׁמַיִם**, וֶוער עֶס הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן הָאט מֶען אוֹיף אִים רַחֲמָנוּת פוּן הִימְל, קוּמְט אוֹיס אַז דֶער וָואס גֶעבְּט צְדָקָה הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים, אוּן דֶעמָאלְט'ס מוּז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים גֶעבְּן שֵׂכֶל וַוייל דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת לג) אַז אוֹיף אַ שׁוֹטֶה טָאר מֶען נִישְׁט רַחֲמָנוּת הָאבְּן, אוּן דֶערְפַאר וֶוערְט מֶען נִיצַל פוּן עֲבֵירוֹת וַוייל אַן עֲבֵירָה טוּט מֶען נָאר וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל (סוֹטָה ג).

אוּן דֶערְפַאר יֶעצְט וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעגֶעבְּן צְדָקָה פַארְן מִשְׁכָּן, שְׁטֵייט **וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה** - זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען, וַוייל מִיט דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעבְּן צְדָקָה הָאבְּן זֵיי גֶענוּמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זֵיי, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועלְן זֵיי נִישְׁט טוּהן קַיין עֲבֵירוֹת.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק תְּרוּמָה תשס"ג לפ"ק)

***

**וְעָשִׂיתָ שְׁנַיִם כְּרוּבִים זָהָב**, זָאגְט אוֹיף דֶעם רַשִׁ"י: **כְּרוּבִים - דְּמוּת פַּרְצוּף תִּינוֹק לָהֶם**, דִי כְּרוּבִים אוֹיפְ'ן אָרוֹן הָאבְּן גֶעהַאט אַ פָּנִים פוּן אַ קִינְד, וִוידֶער גֶעפִינֶען מִיר אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ג, כד) **וַיַּשְׁכֵּן מִקֶּדֶם לְגַן עֵדֶן אֶת הַכְּרוּבִים**, זָאגְט אוֹיף דֶעם רַשִׁ"י: **אֶת הַכְּרוּבִים - מַלְאֲכֵי חַבָּלָה.**
לִכְאוֹרָה אִיז עֶס אַ סְתִירָה, דָא טַייטְשְׁט רַשִׁ"י אַז כְּרוּבִים מֵיינְט אַ קִינְד אוּן דָא טַייטְשְׁט רַשִׁ"י אַז כְּרוּבִים מֵיינְט מַלְאֲכֵי חַבָּלָה?

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ אַ גַאנְץ יָאר פְרֵיילִיךְ ~

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז עֶס נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דִי וֶועלְט בְּשָׁלוֹם נָאר מִיט דִי מִדַּת הַשִּׂמְחָה, וֶוען מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אוּן וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אַלְץ גְרִינְגֶער וֶוערְט זַיין לֶעבְּן.

אָבֶּער צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ קוּמְט אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, אַלֶע אַנְדֶערֶע עֲבוֹדוֹת זֶענֶען אַסַאךְ גְרִינְגֶער צוּ טוּהן וִוי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריַקֵייטְן, בִּיטֶערְנִישְׁן אוּן חֲלִישַׁת הַדַּעַת, אוּן דָאס צוּבְּרֶעכְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אַ מֶענְטְשׁ, מֶען פַארְלִירְט דִי מוּט, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ.

אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶער עִיקָר גְרוֹיסְקַייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן, אוּן אֲפִילוּ מִיט אַלֶע שְׁוֶועריַקֵייטְן וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ, זָאל עֶר נָאךְ אַלְץ זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶוען עֶס גֵייט פַאר אַ מֶענְטְשׁ גוּט אוּן דֶעמָאלְט'ס אִיז עֶר פְרֵיילִיךְ אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין קוּנְץ, נָאר פַארְקֶערְט וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אַזוֹי גוּט, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן שְׁטַארְקְט עֶר זִיךְ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, דֶעמָאלְט'ס דֶערְקֶענְט זִיךְ דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אַ אִיד.

### וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ?

שִׂמְחָה קוּמְט דוּרְךְ אֱמוּנָה, וֶוען אַ אִיד גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, עֶר הֶעלְפְט אִים, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֶעשֶׁעהט אִיז נִישְׁט פוּנְקְט גֶעשֶׁעהן

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

זָאגְט מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א: אַז עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין סְתִּירָה, בֵּיידֶע רֶעדְט מֶען פוּנֶעם זֶעלְבְּן קִינְד, נָאר אוֹיבּ דִי כְּרוּבִים לִיגְן אוֹיפְן כַּפֹּרֶת הֶעכֶער דֶעם אָרוֹן, וָואס דָאס אִיז דִי תּוֹרָה, דָאס מֵיינְט, אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיס פַאר קִינְד זִיךְ צוּ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דֶעמָאלְטְס הָאט עֶר אַ פָּנִים וִוי אַן אֵיידְל עֶרְלִיךְ קִינְד.

ווִידֶער דֶער זֶעלְבֶּער קִינְד אוֹיבּ לֶערְנְט עֶר נִישְׁט קֵיין תּוֹרָה, עֶר אִיז נִישְׁט אוֹיפְ'ן אָרוֹן, וֶוערְט עֶר אַ מַלְאַכֵי חַבָּלָה, עֶר ווִיל נָאר צוּבְּרֶעכְן אוּן שֶׁעדִיגְן זַאכְן.

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע, נָאר יֶעדֶע זַאךְ מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְ'ס מִיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת, וָואלְט עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

אוּן נָאכְדֶערְצוּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ תּוֹרָה מִיט מִצְוֹת וָואס מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ מְקַיֵּים זַיין, דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, ווִיפִיל יָאר לֶעבְּט שׁוֹין אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט? "יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה וְאִם בִּגְבוּרֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה", אוּן אַז מֶען כַאפְּט נָאךְ אַרוֹיס גוּטֶע זַאכְן אִין דִי עֶטְלִיכֶע יָאר, קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם.

פַארְוָואס הִיט מֶען שַׁבָּת? וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, פַארְוָואס עֶסְט מֶען כָּשֵׁר'ס? וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, פַארְוָואס הָאבְּן מִיר אַ מְזוּזָה אוֹיפְ'ן טִיר? פַארְוָואס קוּשְׁן מִיר דִי מְזוּזָה? וַוייל אִין דִי מְזוּזָה שְׁטֵייט קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם, אוּן מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט דֶעם, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶע מִצְוֹת וָואס יֶעדֶער אִיד טוּט, קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן דֶערְמִיט, אוּן דָאס וַוייזְט אַז מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, נְפִילַת אַפַּיִם, הֲלָכָה ד') אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי רִשְׁעוּת פוּן הָמָן וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַחַשְׁוֵרוֹשׁ, וְדָתֵיהֶם שׁוֹנוֹת מִכָּל עָם, הָמָן הָאט גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ יֶעדֶע פָאלְק אוּן לַאנְד הָאט אוֹיךְ גֶעזֶעצְן אָבֶער זֵיי זֶענֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ עֶס מְקַיֵּים צוּ זַיין, אָבֶער בַּיי דִי אִידְן, וֶוען זֵיי טוּהן מִצְוֹת זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן דָאס הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעקְרֶענְקְט פַאר הָמָן, דָאס הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן, וַוייל אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת, אִיז אַ סִימָן אַז עֶס לִיגְט אִין דֶעם אַ הֶעכֶערֶע כֹּחַ.

אוּן דָאס זֶעהְט מֶען טַאקֶע, אַז דִי גֶעזֶעצְן פוּנֶעם לַאנְד זוּכְט מֶען נָאר וִוי אַזוֹי אוֹיס צוּ שְׁפִּילְן, אוּן וֶוען קֵיינֶער זֶעהְט נִישְׁט, וֶועט מֶען זִיךְ אַרוֹיס דְרֵייעֶן, אָבֶער אִידִישֶׁע קִינְדֶער פָאלְגְן דִי תּוֹרָה וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס גֶעהֵייסְן אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ דֶערְמִיט.

רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם: "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועסְטוּ נִישְׁט זֶעהְן דֶעם גֵיהִנוֹם", אוּן יֶענֶער הָאט עֶס טַאקֶע מְקַיֵּים גֶעוֶוען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

## דֶער טָאג וֶועט סֵיי וִוי אַרִיבֶּער גֵיין

צוּ עֶס גֵייט גוּט אָדֶער שְׁלֶעכְט, וֶועט דֶער טָאג סֵיי וִוי אַרִיבֶּער גֵיין, מִמֵילָא פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ אִינֶעם טָאג? חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא, שְׁמִינִי) "אֵין הַשִּׂמְחָה מַמְתֶּנֶת לָאָדָם, לֹא כָּל מִי שֶׁשָּׂמֵחַ הַיּוֹם שָׂמֵחַ לְמָחָר", אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ צוּ גֶעדֶענְקֶען, וַוייל גֶעוֶוענְטְלִיךְ וֶוען עֶס קוּמְט אַ שְׁוֶוערֶע טָאג, זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען וִויל, אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן מֶען טְרַאכְט "מָארְגְן וֶועט זַיין אַ בֶּעסֶערֶע טָאג, מָארְגְן וֶועל אִיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ", דֶערְפַאר זָאגְן אוּנְז דִי חֲזַ"ל: וַוארְט נִישְׁט אוֹיף מָארְגְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל וִוי אַזוֹי וֵוייסְטוּ וָואס מָארְגְן וֶועט זַיין? פְּרוּבִּיר צוּ זַיין הַיינְט פְרֵיילִיךְ, נִישְׁט קֵיין חִילוּק וִוי אַזוֹי דִי מַצָּב אִיז, אוּן דָאס וֶועט מַאכְן אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַלֶעס, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז עֶר מַצְלִיחַ.

דִי בְּחִירָה לִיגְט אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וִוי אַזוֹי עֶר זָאל אָנְנֶעמֶען זַיין לֶעבְּן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט רְאֵה אָנֹכִי נוֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַארְן מֶענְטְשׁ אַ טָאג, אוּן עֶר קֶען מִיט דֶעם מַאכְן אַ בְּרָכָה אָדֶער אַ קְלָלָה, פְרֵיילִיךְ אָדֶער טְרוֹיעֶרִיג, מֶען קֶען אָנְנֶעמֶען דֶעם טָאג גוּט, קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים וָואס מֶען הָאט אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן מֶען קֶען אַלֶעס אָנְנֶעמֶען שְׁלֶעכְט, אוּן זַיין טְרוֹיעֶרִיג, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים", וֶועל עֶס דָאס לֶעבְּן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, דֶעמָאלְט'ס וֶועסְטוּ הָאבְּן אַלֶעס גוּט'ס.

עֶס אִיז נִישְׁט דָא מֶער אַ גְלִיקְלִיכֶערֶע מֶענְטְשׁ פוּן אֵיינֶעם וָואס גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט אַז עֶר אִיז אִין גוּטֶע הֶענְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים אוּן עֶר וֶועט אִים שְׁטֶענְדִיג הֶעלְפְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזאַ מֶענְטְשׁ הָאט דֶעם גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט.

## דֶער עִיקָר אִיז פְרֵיילִיךְ

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי עוֹזֵר, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד ה', מִיט פוּלְסְטְן בְּרֶען אוּן

המשך בדף ג

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

עֶרְנְסְטְקַייט, אוּן פוּן זַיין גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה הָאט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שְׁמֵייכְל אוֹיפְ'ן פָּנִים, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶועֶן צוּגֶעלֵייגְט, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט זָאגְן אוֹיף דִיר עוֹזֵר אַז דוּ בִּיזְט פְרוּם (עֶרְנְסְט), אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַזוֹי מְקַבֵּל גֶעוֶועְן פוּן רֶבִּי'ן, דֶער עִיקָר אִיז פְרֵיילִיךְ, אוּן פְרוּם אוֹיךְ".

דָאס מֵיינְט אַז דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף שִׂמְחָה, שְׁטֶענְדִיג זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ.

### אוֹיף וָואס זָאל אִיךְ דִי עֶרְשְׁטֶע בֶּעטְן?

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל פָּטוּר וֶוערְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, אוּן הָאבְּן נָאר גוּטֶע מִדוֹת, דַארְף עֶר קוֹדֶם בֶּעטְן אוֹיף אֵיין מִדָה אוּן אַרְבֶּעטְן נָאר אוֹיף דֶעם בִּיז עֶר וֶועט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי מִדָה, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר גֵיין צוּ דִי צְוֵוייטֶע אוּן צוּ דִי דְרִיטֶע אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

שְׁטֶעלְט זִיךְ אָבֶּער דִי שְׁאֵלָה, פוּן וִוי הֵייבְּט מֶען אָן? וֶוען מֶען אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, אוֹיף וֶועלְכֶע מִדָה זָאל מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע בֶּעטְן?

דִי עֶרְשְׁטֶע מִדָה אוֹיף וָואס מֶען דַארְף בֶּעטְן אִיז אוֹיף שִׂמְחָה, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין צוּגֶעלֵייגְט אוּן טְרוֹיעֶרִיג, וַוייל וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ פַאלְט שׁוֹין מְמֵילָא אַוֶועק אַלֶע אַנְדֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, וָואס קוּמֶען פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַלֶע גוּטֶע מִדוֹת.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן נָאךְ מֶער וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ז' ח' י' י"ג, עֶרֶךְ שִׂמְחָה)

## סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

### מַעֲשֶׂה א' מֵאַבֵידַת בַּת הַמֶלֶךְ

**פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר**

דֶערְוַוייל הָאט עֶר גְעזֶען אַז עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען נָאךְ אֵיין וִוינְט, הָאט זִיךְ דֶער מְמוּנֶה אוֹיף אִים גֶעבֵייזֶערְט, וָואס הָאסְטוּ זִיךְ אַזוֹי פַארְשְׁפֶּעטִיקְט צוּ קוּמֶען, אִיךְ הָאבּ דָאךְ גוֹזֵר גֶעוֶועְן אַז עֶס זָאלְן קוּמֶען אַלֶע וִוינְטְן, פַאר וָואס בִּיסְטוּ נִישְׁט גֶעקוּמֶען מִיט זֵיי? הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: אִיךְ הָאבּ מִיךְ פַארְזַאמְט, מַחֲמַת אִיךְ הָאבּ בַּאדַארְפְט אָפְּטְרָאגְן אַ בַּת מֶלֶךְ צוּ אַ גָאלְדֶענֶעם בַּארְג מִיט אַ פֶּערְלְנֶעם שְׁלָאס, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר דֶערְפְרֵייט (הַיְינוּ דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְפְרֵייט וָואס עֶר הָאט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ הֶערְן דָאס וָואס עֶר וִויל). הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶער מְמוּנֶה אִיבֶּער וִוינְטְן דֶעם וִוינְט: וָואס אִיז דָארְטְן טַייעֶר? הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: דָארְט אִיז אַלְצְדִינְג טַייעֶר.

---

## נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן

דֶערְוַוייל הָאט עֶר גְעזֶען אַז עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען נָאךְ אֵיין וִוינְט, הָאט זִיךְ דֶער מְמוּנֶה אוֹיף אִים גֶעבֵייזֶערְט, וָואס הָאסְטוּ זִיךְ אַזוֹי פַארְשְׁפֶּעטִיקְט צוּ קוּמֶען, אִיךְ הָאבּ דָאךְ גוֹזֵר גֶעוֶועְן אַז עֶס זָאלְן קוּמֶען אַלֶע וִוינְטְן, פַאר וָואס בִּיסְטוּ נִישְׁט גֶעקוּמֶען מִיט זֵיי? וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פַארְנוּמֶען מִיט אַ צְוֵוייטְן, עֶר זוּכְט נָאר יֶענֶעם אַוֶועק צוּ נֶעמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים אָפְּרֶעדְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וִוי צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט'ס מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל פְּלוּצְלִינְג וֶוערְן פַארְנוּמֶען מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן אַזוֹי הֶערְט עֶר אוֹיף צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען אַ צְוֵוייטְן.

אוּן דֶערְפַאר דֶער גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נָאר גֶעוָואלְט אָפְּרֶעדְן דֶעם שֵׁנִי לְמֶלֶךְ אַז עֶר וֶועט זִיכֶער נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין צוּ טְרֶעפְן זַיין נְשָׁמָה, אִיז עֶר שׁוֹין גֶעוָוארְן פַארְנוּמֶען מִיט זִיךְ, עֶר הָאט זִיךְ גֶערֶעגְט אוֹיף דִי וִוינְט פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען וֶוען עֶר הָאט אִים גֶערוּפְן.

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: אִיךְ הָאבּ מִיךְ פַארְזָאמְט, מַחֲמַת אִיךְ הָאבּ בַּאדַארְפְט אָפְּטְרָאגְן אַ בַּת מֶלֶךְ צוּ אַ גָאלְדֶענֶעם בַּארְג מִיט אַ פֶּערְלְנֶעם שְׁלָאס. אַזוֹי וִוי דֶער שֵׁנִי לְמֶלֶךְ הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, עֶר הָאט זִיךְ גֶע'עַקְשְׁ'נְט אוּן גֶעוֵויינְט אַז עֶס אִיז זִיכֶער יָא דָא פַאר אִים אַ וֶועג, וִוי אַזוֹי עֶר קֶען טְרֶעפְן זַיין נְשָׁמָה, אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאבְּן זִיךְ דִי מְנִיעוֹת אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ נְעִימוֹת, אוּן דִי וָואס הָאבְּן אִים גֶעשְׁטֶערְט, הָאבְּן אִים דֶערְנָאךְ אַלֵיינְ'ס גֶעהָאלְפְן, צוּ גֶעוואוֹיר וֶוערְן אַז עֶס אִיז יָא דָא אַזַא זַאךְ, אוּן מֶען קֶען יָא טְרֶעפְן דִי נְשָׁמָה, אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר דֶערְפְרֵייט (הַיְינוּ דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְפְרֵייט וָואס עֶר הָאט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ הֶערְן דָאס וָואס עֶר וִויל). אֲפִילוּ עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעהַאלְטְן דָארְט, עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעוואוּסְט דִי וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר וֶועט טְרֶעפְן זַיין נְשָׁמָה אוּן עֶס צוּרִיק בְּרֶענְגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער בְּלוֹיז פוּן הֶערְן אַז אִיז בִּכְלַל דָא אַזַא זַאךְ אִיז עֶר שׁוֹין גֶעוָוארְן פְרֵיילִיךְ, וַוייל עֶר וֵוייסְט שׁוֹין אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶער מְמוּנֶה אִיבֶּער וִוינְטְן דֶעם וִוינְט: וָואס אִיז דָארְטְן טַייעֶר? הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: דָארְט אִיז אַלְצְדִינְג טַייעֶר. עֶס אִיז מְקוּבָּל בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זָאגְן אוֹיף דֶעם שְׁטִיקְל, דָארְט - אוֹיבְן אִין הִימְל - אִיז אַלֶעס טֵייעֶר, יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט וָואס אַ אִיד טוּט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע בְּרָכָה וָואס מֶען מַאכְט, יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע וָוארְט תּוֹרָה וָואס מֶען לֶערְנְט, יֶעדֶע מִצְוָה, יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט, אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר אוֹיבְן אִין הִימְל, אוּן מֶען בַּאצָאלְט פַאר דֶעם אַ טֵייעֶרֶע שְׂכַר.

(פָּארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה)

(נהרי אפרסמון - תוד הנחל תרומה תשנ"א)

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

# שמח תשמח רעים האהובים

מיר ווילן לאדענען אלע אנשי שלומינו צו די שמחת השבע ברכות וואס מיר מאכן בעזר ה' פאר אונזער חשוב'ן חבר ההנהלה

## מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו

**צו די שמחת החתונה פון זיין טאכטער עב"ג**

## החתן מנחם שטיינבערג הי"ו

וואס וועט פארקומען דעם מוצאי שב"ק
פרשת תרומה בהיכל בית מדרשינו

**27 Skillman St**
**בשעה 9:00**

**בהשתתפות**
**כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א**

## סימן טוב ומזל טוב יהא לנו ולכל ישראל

ישיבה תפארת התורה
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

## זעלטענע געלעגנהייט!

**צוליב דעם גרויסן פארלאנג וואס מיר האבן געהאט די פארגאנגענע יארן אז די בחורים פון ישיבה זאלן ארויף קומען משמח זיין בעצם יום הפורים, דערפאר ועלן מיר דאס יאר נישט ארויף גיין צו קיינעם, נאר מיט א פאראויס באשטימטע אפוינטמענט.**

**אויב ווילט איר אז די בחורים זאלן ארויף קומען צו אייך, צו אפרעכטן א קומזיץ מיט אלע נייע אידישע ניגונים, וואס זענען שוין וועלט בארימט, ביטע ארייגרופן ווי פריער צו באשטימען א צייט.**

**רופט שוין 347-666-9372**

**צייט איז באגרעניצט, וכל הקודם זכה!**

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

### שיינע חתונה פארגעקומען פון תלמיד הישיבה

די וואך זונטאג איז פארגעקומען די חתונה פון החתן מנחם שטיינבערג נ"י עב"ג בת מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו מחשובי הנהלת מוסדותינו הק'.

די חתונה איז פארגעקומען אין די זאלן פון ראוז קעסטל אין וויליאמסבורג, אנשי שלומינו מיט די בחורי הישיבה האבן זיך משתתף געווען, און משמח געווען ביז אין די שפעטע נאכט שעות.

אויך האבן מיר געהאט די זכי' אז מוהרא"ש שליט"א האט זיך משתתף געווען ביי די חתונה, און ער האט געטאנצן מצוה טאנץ.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

***

### אנשי שלומינו רופן זיך אן ווארים צו די קמחא דפסחא קאמפיין

ווי שוין געמאלדן האט מוהרא"ש שליט"א געבעטן אנשי שלומינו, אז אזוי ווי די קהלה אין יבנאל האט זיך גאר שטארק פארברייטערט כן ירבו, און מען דארף צושטעלן פאר די אידן אויף פסח צו מאכן, האט מוהרא"ש געבעטן אז יעדער איינער זאל זיך משתתף זיין מיט לכה"פ **180$** דאלער, צעהן מאל ח"י, און מיט דעם האבן א חלק אין צושטעלן אויף צרכי יום טוב פאר די אידן אין יבנאל.

און מיטן אייבערשטנ'ס הילף האט זיך דער עולם זייער ווארים אנגערופן און עס איז שוין אריינגעקומען גרעסערע סכומים, פון אידן מיט א ווארים הארץ, וואס ווילן ארויס העלפן אחינו בני ישראל בארץ הקודש, צו קענען צושטעלן אויף יום טוב.

ווער עס האט זיך נאכנישט משתתף געווען קען אריינברענגן דאס געלט אין אפיס מען קען אריינברעגן די געלט אינעם צענטראלן אפיס 27 Skillman St. אדער קען מען רופן 718-384-1652 און מען וועט אפנעמען דאס געלט ביי אייך, און עס וועט ווערן איבערגעגעבן פאר מוהרא"ש שליט"א.

**באחד באדר משמיעין על השקלים!**

## סימן טוב ומזל טוב יהא לנו ולכל ישראל

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה מאיר דוד פארקאש הי"ו**

צו זיין שמחת החתונה פון זיין טאכטער למזל טוב
עב"ג

**החתן ברוך מרדכי פעקעטע נ"י**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קיימא, דורות ישרים ומבורכים, אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער, בני ברוכי, חיי ארוכי, ומזוני רויחי, אמן

## מזלא טבא וגדיא יאה

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
מו"ה **אפרים אהרן שטיין** נ"י
**צו די געבורט פון זיינע צווילינג יונגעלעך למזל טוב, בשעה טובה ומוצלחת**
דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן'אסאך אידיש נחת דורות ישרים ומבורכים. אמן

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
מו"ה **עזרא בוים** נ"י
צו די געבורט פון זיין מיידעלע למז"ט
דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן'אסאך אידיש נחת דורות ישרים ומבורכים, אמן

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
מו"ה **יואל וועבערמאן** נ"י
צו די געבורט פון זיין יונגעלע למז"ט
דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן'אסאך אידיש נחת דורות ישרים ומבורכים, אמן

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים**
**פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א**
אויך קען מען מיטהאלטן
יעדע וואך דעם שיעור
מיט א לייוו הוק-אפ
**212-444-9191**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון**
**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת תצוה, שבת זכור, י"ג אדר, שנת תשע"ג לפ"ק

שנה 2, גליון 21 (71)


**זמנים**

הדלקת הנרות.................5:22
מוצש"ק...........................6:53
סוף זמן ק"ש....................8:48

**שיעורים כסדרן**

בבלי........................שבת קמ"ג
ירושלמי....................נזיר כ"א
תוספתא..........כלים ב"ב פרק ו'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְנָשָׂא אַהֲרֹן אֶת שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל עַל לִבּוֹ**, אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל, זָאל טְרָאגְן דֶעם חוֹשֶׁן אוֹיפְ'ן הַארְץ שְׁטֶענְדִיג.

דֶער הֵיילִיגֶער **תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף** זי"ע בְּרֶענְגְט פוּן **בַּעַל שֵׁם טוֹב** זי"ע, אַז יֶעדֶע זַאךְ פוּן דִי תּוֹרָה, גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אִיד, אִין יֶעדְן דוֹר, לוֹיט זַיין מַצָּב.

דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען נִיצְן דִי מִצְוָה פוּנֶעם חֹשֶׁן?

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') אַז יֶעדֶער אִיד אִיז וִוי אַ דִימַאנְט שְׁטֵיין אִינֶעם קְרוֹין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס טוּט אוּנְז דֶער חֹשֶׁן וַוייזְן, יֶעדֶער שֵׁבֶט הָאט אַן אַנְדֶער שְׁטֵיין, מִיט אַן אַנְדֶער קָאלִיר, דָאס וַוייזְט אַז יֶעדֶער אִיד הָאט זִיךְ זַיינֶע נְקוּדוֹת וָואס עֶר קֶען טוּהְן, אוּן יֶעדֶער דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגְנַארְטִיגְן וֶועג, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אוּן דֶערְפַאר טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן, וֶוען מֶען זֶעהְט אַז אַ צְוֵוייטֶער קֶען טוּהְן זַאכְן וָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט טוּהְן, וַוייל אִיךְ קֶען טוּהְן אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס יֶענֶער קֶען נִישְׁט טוּהְן.

אָבֶּער דִי אַלֶע שְׁטֵיינֶער מוּזְן לִיגְן אוֹיפְ'ן הַארְץ פוּן צַדִיק דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל, יֶעדֶער אִיד מוּז גֵיין צוּ אַ צַדִיק, וָואס זָאל אִים וַוייזְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִין לֶעבְּן, וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז דֶער שְׁלֵימוּת פוּן אַ צַדִיק וֶוען עֶר טְרָאגְט דִי אִידְן אוֹיף זַיין הַארְץ, עֶר הָאט זֵיי אִינְזִין, עֶר זָארְגְט זִיךְ פַאר זֵיי, אוּן לֶערְנְט זֵיי אוֹיס דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִינֶעם חֹשֶׁן אִיז גֶעלִיגְן דִי **"אוּרִים וְתוּמִים"**, דֶער צַדִיק שַׁיינְט אַרַיין דֶעם **"אוֹר"** פוּן **"תְּמִימוּת"**, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַרַיינְצוּכַאפְּן וִוי מֶער מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים פָּשׁוּט'עֶרְהֵייט וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס גֶעהֵייסְן.

דֶער חֹשֶׁן הָאט אוֹיךְ גֶעהֵייסְן **"חֹשֶׁן הַמִּשְׁפָּט"**, דָאס אִיז פוּן דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאכְן וָואס דֶער צַדִיק לֶערְנְט אוֹיס, יֶעדֶער זָאל זִיךְ אַלֵיינְ'ס

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ פּוּרִים ~

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דִי גְרוֹיסְקַייט אוּן הֵיילִיגְקֵייט פוּנֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בַּאגְרֵייפְן, אַזוֹי וִוי דֶער אֲרִ"י הַקָ' זָאגְט (פְּרִי עֵץ חַיִּים, שַׁעַר הַפּוּרִים) אַז אִין יוֹם טוֹב פּוּרִים שַׁיינְט אַזַא לִיכְטִיגְקַייט וָואס שַׁיינְט נִישְׁט אֲפִילוּ שַׁבָּת אוּן אִין אַנְדֶערֶע יָמִים טוֹבִים.

דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים זָאגְן אוֹיף דֶעם וָואס דֶער זֹהַר הַקָ' זָאגְט (תִּיקוּנֵי זֹהַר, תִּיקוּן כ"א) אַז פּוּרִים הֵייסְט אַזוֹי וִוי יוֹם כִּפּוּרִים, אַז "יוֹם כִּפּוּרִים", יוֹם כִּיפּוּר אִיז נָאר אַזוֹי וִוי פּוּרִים "כְּ'פּוּרִים" – "אַזוֹי וִוי פּוּרִים", אָבֶּער פּוּרִים אִיז נָאךְ גְרֶעסֶער פוּן יוֹם כִּיפּוּר.

### פַארְוָואס אִיז פּוּרִים אַזוֹי גְרוֹיס?

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ד) אַז הַיינְט הֵייבְּן זִיךְ אָן אַלֶע הַתְחָלוֹת פוּן פּוּרִים, דָאס מֵיינְט אַז פּוּרִים אִיז אַ טָאג וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען אָנְהֵייבְּן פוּן דָאסְנַיי, צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן וואויל אוּן צוּ זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ אִיד קֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן בַּאנַייֶען, אָנְהֵייבְּן אַ נֵייעֶ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל נִיצְט אוֹיס דֶעם הֵיילִיגְן טָאג פּוּרִים זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, אוּן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, אוּן דֶעמָאלְט'ס קֶען מֶען פּוֹעֵל'ן אַלֶעס גוּט'ס, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי מְגִילָה א, ד) אַז אִין פּוּרִים "כָּל הַפּוֹשֵׁט יַד נוֹתְנִין לוֹ" - וֶוער עֶס שְׁטְרֶעקְט אוֹיס דִי הַאנְט גֶעבְּט מֶען אִים, זָאגְן אוֹיף דֶעם דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים אַז דָאס מֵיינְט אוֹיךְ אַז וָואס מֶען בֶּעהְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין פּוּרִים בַּאקוּמְט מֶען.

אוּן דֶערְפַאר פַארְלֵייגְט זִיךְ דִי שָׂטָן אוֹיף דֶעם טָאג, אַז מֶען זָאל פַארְבְּרֶענְגְן דִי צַייט מִיט לֵיצָנוּת אוּן הוֹלֵלוּת, אוּן וֶוען מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אִיז דֶער טָאג שׁוֹין פַארִיבֶּער, אָבֶּער וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל לָאזְט זִיךְ נִישְׁט

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

מִשְׁפָּט'ן, יֶעדְן טָאג זָאל מֶען אַרָאפּ'גַנְבְ'עֶנֶען אַ מִינוּט צְוֵויי, אוּן זִיךְ אַדוּרְךְ רֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**בַּאשֶׁעפֶער, וָואס טוּה אִיךְ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט? אִיךְ דַאנְק דִיר פַּאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר, הֶעלְף מִיר אוֹיף וַוייטֶער, הֶעלְף מִיר מִיט דָאס, הֶעלְף מִיר מִיט דָאס**" אַזוֹי רֶעדְט זִיךְ יֶעדֶער דוּרְךְ זַיין פְּרִיוַואטֶע לֶעבְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק תְּצַוֶּה תשע"א לפ"ק)

***

**וְעָשִׂיתָ צִּיץ זָהָב טָהוֹר וּפִתַּחְתָּ עָלָיו פִּתּוּחֵי חֹתָם קֹדֶשׁ לַה'.**

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דִי צִּיץ גֵייט אוֹיךְ אָן בַּיי יֶעדְן אִיד, אַזוֹי וִוי דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט נִישְׁט גֶעטָארְט מֵסִיחַ דַעַת זַיין פוּנֶעם צִּיץ, אַזוֹי דַארְף יֶעדֶער אִיז טְרַאכְטְן שְׁטֶענְדִיג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת זַיין פוּן אִים.

אַזוֹי וַוייט אַז, **וּפִתַּחְתָּ עָלָיו פִּתּוּחֵי חֹתָם קֹדֶשׁ לַה'**, אַז עֶס זָאל מַמָּשׁ זַיין אַרַיין גֶעקְרִיצְט אוֹיפְ'ן שְׁטֶערְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעבּוּנְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן פוּן דֶעם וֶועלְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען, אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן לֶעבְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק תְּצַוֶּה תשס"ח לפ"ק)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, נָאר עֶר גַּנָבְ'ט אַרָאפּ עֶטְלִיכֶע מִינוּט אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דִי גַאנְצֶע הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, אוּן דֶעמָאלְט'ס קֶען עֶר זַיין זִיכֶער אַז עֶר וֶועט פוֹעֵל'ן גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת פַּאר זִיךְ אוּן פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען וואוּנְטְשְׁן אוּן בֶּענְטְשְׁן אוֹיךְ אַנְדֶערֶע אִידְן מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת, וַוייל פוּרִים קֶען מֶען אַלֶעס פוֹעֵל'ן, אוּן אַלֶע בְּרָכוֹת וָואס אִידְן וואוּנְטְשְׁן זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט גֶעוֶוענְטְלִיךְ פַּאר פוּרִים, אַז אֲפִילוּ עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ טְרִינְקֶען אוּם פוּרִים, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (מְגִילָּה ז') "חַיָּיב אִינִישׁ לִבְסוּמֵי בְּפוּרְיָא", דַארְף עֶס אָבֶּער זַיין מִיט שֵׂכֶל, מֶען דַארְף גֶעדֶענְקְן אַז מֶען דַארְף נָאךְ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב, אוּן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, דֶערְפַאר אִיז גֶענוּג וֶוען מֶען טְרִינְקְט צְוֵויי דְרֵיי כּוֹסוֹת מֶער וִויפִיל מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט, בִּיז דִי קָאפּ הֵייבְּט זִיךְ אָן צוּ דְרֵייעֶן אוּן מִיט דֶעם הָאט מֶען יוֹצֵא גֶעוֶוען, נִישְׁט וִוי דִי וָואס טְרִינְקְן זִיךְ אָן אוּן וֶוערְן שִׁיכּוֹר וִוי לוֹט, אוּן זֵיי פַארְפַאסְן בֶּענְטְשְׁן, דַאוֶוענֶען, קְרִיאַת שְׁמַע, וָואס הָאבְּן זֵיי אוֹיפְגֶעטוּהן מִיט דֶעם?

### עֶר מַאכְט זִיךְ שִׁיכּוֹר?

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען פוּרִים אַ גְרוֹיסֶע חִילּוּק פוּן אֵיינֶעם וָואס אִיז בֶּאֱמֶת שִׁיכּוֹר צוּ עֶר מַאכְט זִיךְ נָאר שִׁיכּוֹר, עֶר אִיז פָּשׁוּט צִיוִוילְדֶעוֶועט.

אֵיינֶער וָואס אִיז בֶּאֱמֶת שִׁיכּוֹר פַאלְט פוּן דִי פִיס אוּן בְּרֶעכְט זִיךְ אוֹיס, עֶר זוּכְט נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען קֵיינֶעם, פַארְקֶערְט עֶר הָאט לִיבּ יֶעדְן אֵיינֶעם.

דֶערְפַאר וֶוען מֶען זֶעהט אַז אֵיינֶער אִיז צִיוִוילְדֶעוֶועט, עֶר שְׁלָאגְט אוּן זֶעצְט מֶענְטְשְׁן, עֶר צוּבְּרֶעכְט זַאכְן, אוּן מַאכְט שָׁאדְנ'ס, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שִׁיכּוֹר, עֶר אִיז פָּשׁוּט אַ פֶּרֶא אָדָם, עֶר וָואלְט אַ גַאנְץ יָאר אוֹיךְ גֶעוָואלְט שְׁלָאגְן אוּן מַאכְן חוּרְבָּנוֹת, נָאר אַ גַאנְץ יָאר שֶׁעמְט עֶר זִיךְ דָאס צוּ טוּהן, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט פוּרִים נִיצְט עֶר אוֹיס דִי גֶעלֶעגְנְהַייט, עֶר מַאכְט זִי אַזוֹי וִוי עֶר אִיז שִׁיכּוֹר אוּן עֶר גֶעבְּט אַרוֹיס זַיין גַאנְצֶע עַזּוּת, אָבֶּער עֶר אִיז בֶּאֱמֶת בִּכְלַל נִישְׁט שִׁיכּוֹר, וַוייל אֵיינֶער וָואס אִיז בֶּאֱמֶת שִׁיכּוֹר זוּכְט נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען קֵיינֶעם.

### אָרוּר הָמָן, בָּרוּךְ מָרְדְּכַי

דִי גְמָרָא זָאגְט (מְגִילָּה ז') חַיָּיב אִינִישׁ לִבְסוּמֵי בְּפוּרְיָא עַד דְּלָא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי, זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אַז דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז פוּרִים אִיז סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָל אַז אַ אִיד זָאל זִיךְ קֶענֶען גוּט אַרַיין נֶעמֶען אִין קָאפּ אַז אַלֶעס פִּירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּטְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעהט אוֹיס אַז עֶס אִיז שְׁלֶעכְט.

אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי מְגִילָּה אַז פוּן אָנְהוֹיב הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהן וִוי אַלֶעס גֵייט נָאר שְׁלֶעכְט, אַחַשְׁוֵרוֹשׁ נֶעמְט צוּ אֶסְתֵּר, נָאכְדֶעם שְׁטֵייט אוֹיף אַ הָמָן הָרָשָׁע וָואס וִויל אוּמְבְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידְן, אָבֶּער נָאכְדֶעם הָאט מֶען גֶעזֶעהן וִוי אַלֶעס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט צוּם גוּטְן, מֶען הָאט אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען הָמָן מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן פַאר דִי אִידְן אִיז גֶעוֶוען גוּט.

אוּן דָאס אִיז אַ לִימּוּד פַאר יֶעדְן אִיד, אִין יֶעדֶע מַצָּב וָואס עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעהט אוֹיס וִוי עֶס גֵייט נִישְׁט גוּט, עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן, דַארְף מֶען וִויסְן אַז אַלֶעס פִּירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּטְן, אוּן צוּם סוֹף וֶועט מֶען זֶעהן אַז אַלֶעס וֶועט זִיךְ אוֹיסְשְׁטֶעלְן צוּם גוּטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט "חַיָּיב אִינִישׁ לִבְסוּמֵי בְּפוּרְיָא עַד דְּלָא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי", דָאס מֵיינְט אַז סַיי וֶוען עֶס קוּמְט שְׁוֶוערֶע צַייטְן וָואס דָאס אִיז "אָרוּר הָמָן", אוּן סַיי וֶוען עֶס גֵייט גוּט וָואס דָאס אִיז "בָּרוּךְ מָרְדְּכַי", אִיז בֵּיידֶע גְלַייךְ, בֵּיידֶע קוּמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר לְטוֹבָה.

אוּן דָאס דַארְף דָאס טְרִינְקֶען אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן אִין יוֹם טוֹב פוּרִים בְּרֶענְגֶען פַארְן מֶענְטְשׁ, אַז עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, אוּן וָואס עֶס גֶעשֶׁעהט אִיז נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זַיין טוֹבָה.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ אַזַא יוֹם טוֹב פוּרִים!

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ח' וְחֵלֶק י"א עֶרֶךְ פוּרִים)

# דוּ זִינְקְסְט אִין חוֹבוֹת?

דוּ מוּזְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן טוּהן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן, הֵן אֱמֶת אִיךְ וֵוייס אַז דוּ זִינְקְסְט אִין חוֹבוֹת, אָבֶּער דוּ זֶעהְסְט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְט דִיךְ אוּן שִׁיקְט דִיךְ צוּ שְׁטֶענְדִיג אַרְבֶּעט וְכוּ', מֶען דַארְף נָאר בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן נִישְׁט אָפְּלָאזְן, אוּן בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן, וָוארוּם דָאס אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיי אִיהְם, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קכ"ד) שִׁיר מִזְמוֹר לַמְנַצֵּחַ, 'זַמְּרוּ לְמִי שֶׁמְּנַצְּחִין אוֹתוֹ וְשָׂמֵחַ' (פְּסָחִים קיט). כִּי כְּשֶׁמְּדַבֵּר לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וּמְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ בְּטַעֲנוֹת וּבַקָּשׁוֹת, רוֹצֶה לְנַצֵּחַ אֶת הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כִּבְיָכוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יֵשׁ לוֹ תַּעֲנוּג מִזֶּה. עַל כֵּן שׁוֹלֵחַ לוֹ דִבּוּרִים שֶׁיּוּכַל לְנַצֵּחַ אוֹתוֹ כִּבְיָכוֹל, כְּדֵי לְקַבֵּל הַתַּעֲנוּג. כִּי בְּלֹא זֶה בְּוַדַּאי לֹא הָיָה אֶפְשָׁר לְבָשָׂר וָדָם לְנַצֵּחַ אֶת הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אַךְ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַצְמוֹ שׁוֹלֵחַ וּמַזְמִין לוֹ דִבּוּרִים וְטַעֲנוֹת לְנַצֵּחַ אוֹתוֹ; דָאס הֵייסְט בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב וֶוען אַ אִיד פְּרוּבִּירְט אִיהְם כִּבְיָכוֹל מְנַצֵּחַ צוּ זַיין מִיט תְּפִילוֹת וְכוּ' וְכוּ', וֶוען אַ אִיד זָאל וִויסְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּפִלָּה וָואלְט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט מִתְפַּלֵּל צוּ זַיין, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ זֵייעֶר מִיט תְּפִלָּה בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג פְרֵייליךְ זַיין, וָואס דָאס אִיז אַלֵיין אַ סְגוּלָה פַאר גְרִינְג פַּרְנָסָה, וַוייל דֶער שֵׁם פוּן פַּרְנָסָה חַתָ"ךְ וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּנֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קמה) פּוֹתֵחַ' אֶת' יָדֶיךָ' קוּמְט אוֹיךְ אַרוֹיס פוּן פָּסוּק (דְּבָרִים טז) וְהָיִיתָ' אַךְ' שָׂמֵחַ', דָאס הֵייסְט אַז מֶען אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילֶעךְ עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף פַאר אִים דִי הַשְׁפָּעָה פוּן פַּרְנָסָה, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק דוּ זָאלְסְט מַאכְן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם נָאר צוּ זַיין פְרֵייליךְ, אוּן בֶּעהְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף שִׂמְחָה, וֶועסְטוּ זֶעהְן דוּ וֶועסְט הָאבְּן גְרוֹיס הַרְחָבָה.

אִיךְ בֶּעהְט פַאר דִיר יֶעדְן טָאג דוּ זָאלְסְט הָאבְּן שֶׁפַע, וָוארוּם דַאנְקְן גָאט בָּרוּךְ הוּא דוּ הָאסְט שֵׂכֶל דוּ וֵוייסְט וָואס צוּ טוּהְן מִיט דִי גֶעלְט, דוּ דְרִיקְסְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זְכוּת פוּן דֶעם.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, דוּ וֶועסְט בַּאלְד זֶעהְן גְרוֹיסֶע נִסִּים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט דִיר טוּהְן.

(אשר בנחל באידיש חלק ד' מכתב תקנ"ה)

## סימן טוב ומזל טוב יהא לנו ולכל ישראל

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
הרה"ג **יואל ראטה** שליט"א
ראש ישיבתינו הקדושה
צו די געבורט פון זיין אינגל למזל טוב
דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת
פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט, אמן

**איך וויל לאדענען אלע מיינע חברים וידידים און אנשי שלומינו זיך צו משתתף זיין אין די שמחת**
**שלום זכר**
**וואס וועט פארקומען דעם שבת קודש אין**
**בית המדרש היכל הקודש ברסלב**
**27 Skillman St.**
יואל ראטה

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

המשך פון דף ד

די לעצטע שטיק צייט גייט נישט דורך א וואך וואס עס זאל נישט זיין נאך א חתן אין ישיבה.

און ווי באקאנט איז דאס די ברכה און הבטחה וואס מוהרא"ש האט צוגעזאגט אז די בחורים וואס וועלן ענדיגן פערציג מאל מסכת תענית וועלן א חתן ווערן, און אזוי ווי די בחורים האבן זיך צוגעכאפט דערצו, ווערן ברוך ה' חתנים אין ישיבה מדי שבוע.

די וואך איז נאך א בחור א חתן געווארן למזל טוב דאס מאל איז דאס החתן נחום ברילל נ"י, חתן דידן האט זוכה געווען מסיים צו זיין 101 מאל מסכת תענית.

די נייעס האט שטארק אויפגערידערט די עולם הישיבות, אין אלע ישיבות איבער דער גארער וועלט זעהט זיך אן א שטארקע התעוררות צו לערנען מסכת תענית, הונדערטער בחורים האבן אנגעהויבן לערנען מסכת תענית מיטן ציהל צו ענדיגן פערציג מאל, און בזכות דעם טרעפן די ריכטיגע זיווג הקרוב ממש.

וואונטשן מיר אלע פארן נייעם חתן אז ער זאל זוכה זיין אויפצושטעלן א בית נאמן בישראל, דורות ישרים ומבורכים מיט אלעס גוט'ס, אמן.

**אינו דומה שונה פרקו מאה פעמים לשונה פרקו מאה ואחת!**

***

## אנשי שלומינו וועלן זיך צוזאם קומען ביי מוהרא"ש אום פורים

אזוי ווי אלע יארן וועט מען זיך דאס יאר אויך צוזאם קומען ביי מוהרא"ש שליט"א אין בית המדרש זיך צו פרייען לכבוד היום.

די סעודה וועט זיך אנהייבן בעזהש"י אום זעקס דרייסיג נאכמיטאג, נאכגעפאלגט מיט ריקודין בשירה וזמרה ביז אין די שפעטע נאכט שעה'ן.

**ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר!**

***

## אנשי שלומינו נעמען אהיים די פושקע פון מוסדותינו הק'

אין בעפארברייטונג צום יום טוב פורים האט מען יעצט געמאכט פרישע פושקעס פאר אונזערע מוסדות.

אזוי ווי עס איז איינגעפירט אין אלע דורות ביי אידישע קינדער צו האבן א פושקע אינדערהיים, און אריין ווארפן צדקה בכל עת מצוא, פארן ליכט בענטשן, און יעדע עת רצון.

דער רבי זאגט (ספר המדות, צדקה, כז) "יתן צדקה בשתי ידים, ויהיה תפלתו נשמעת" - מען געבט צדקה מיטביידע הענט, אז די תפלות זאלן ווערן אנגענומען, און דערפאר ווען מען וויל פועל'ן סיי וואס, ווארפט מען אריין אין פושקע עטליכע פרוטות און מען פועל'ט אלעס גוט'ס.

ווי איז נאך דא אזא צדקה ווי צו העלפן אונזערע מוסדות, וואס די מוסדות זענען געווארן אויפגעשטעלט נאר מיט איין איינציגע ציהל, אריינצוברענגען דעם אייבערשטנ'ס נאמען אויף די וועלט, אזוי ווי דער רבי לערנט אונז.

איז דאך זיכער אז ווער עס העלפט דעם אייבערשטנ'ס מוסדות, וועט אים דער אייבערשטער באצאלן מיט אלעס גוט'ס.

און דערפאר צוליב די גרויסע נאכפראגע אויף פושקעס, האט מען יעצט געלאזט מאכן א פרישע שיפמענט פון פושקע, צו קענען נאכקומען דעם פארלאנג.

צו באקומען א פושקע אדער צו אויסליידיגן א פושקע, רופט 347-932-4432.

**והלך לפניך צדקיך!**

# אַ לֶעכְטִיג פְרֵיילִיךְ פָּנִים!

אִיךְ בֶּעט דִיךְ זָאלְסְט זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, כָאטְשׁ דָאס קוּמְט דִיר אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, וָוארוּם דִי חַזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת סב:) אָמַר רֶבִּי תַּנְחוּם אָמַר רֶבִּי חֲנִילָאִי, כָּל אָדָם שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה שָׁרוּי בְּלֹא שִׂמְחָה, בְּלֹא בְּרָכָה, בְּלֹא טוֹבָה, וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אוֹיבּ אַ בָּחוּר שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט שִׂמְחָה דָאס אַלֵיין דֶערְנֶענְטֶערְט זַיין יְשׁוּעָה, אַ בָּחוּר וָואס אִיז אַ פְרֵיילִיכֶער וְכוּ', אוּן נֶעמְט יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיף מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אוּן עֶר אִיז אַ גֶעדוּלְדִיגֶער, עֶר הָאט אַן אַנְדֶערֶע סָארְט חֵן אוֹיף זִיךְ, אוּן מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִים לִיבּ, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ אֵיינֶער וָואס עֶר גֵייט אַרוּם מִיט אַ זוֹיעֶר פָּנִים וְכוּ', קֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר בַּאקְלָאגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג וְכוּ', קֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ אֵיינֶער וָואס עֶר הָאט נָאר טַעֲנוֹת אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וְכוּ'.

אִיבֶּערְדֶעם נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן זֶעה צוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ אוּן גֵיי אַרוּם מִיט אַ פְרֵיילִיכְן פָּנִים, מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אוּן נֶעם אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין לַאנְג דָאס דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַ חָתָן אוּן חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן. דִי חַזַ"ל דֶערְצֵיילְן אוּנְז (בְּרָכוֹת יז.) דָאס מֶען זָאגְט אוֹיף רַבָּן יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי שֶׁלֹּא הִקְדִימוֹ אָדָם שָׁלוֹם מֵעוֹלָם וַאֲפִילוּ נָכְרִי בְּשׁוּק; אַז וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס גֶעווּאוֹינְט זִיךְ צִי, צוּ גֵיין אִין דֶעם וֶועג שְׁטֶענְדִיג מַקְדִים זַיין שָׁלוֹם דֶעם צְוֵוייטְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל, דֶער אִיז זוֹכֶה צוּ זֶעהְן דֶעם גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט, וָוארוּם אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ קֶען מֶען זֶעהְן זַיין גַן עֵדֶן אוֹיף זַיין פָּנִים, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִיק חֵלֶק ב' סִימָן ה') כָּל אָדָם מְצוּיָּיר בְּזִיו פָּנָיו גַן עֵדֶן שֶׁלוֹ; אוּן דָאס אִיז וֶוען עֶר הָאט אַ פְרֵיילִיךְ פָּנִים שְׁטֶענְדִיג, וָוארוּם בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים שְׁטֵייט (דִבְרֵי הַיָמִים א' ט"ז) "עוֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ" אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קנ"ג) אַז אַ מֶענְטְשׁ גֵייט מִיט אַ פְרֵיילִיךְ פָּנִים קֶען מֶען זֶעהְן אִין זַיין פָּנִים דֶעם צַדִיק וָואס עֶר אִיז מְקוּרָב צוּ אִים, אַז וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר גֵייט שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ לֶעכְטִיג פְרֵיילִיךְ פָּנִים, נָאר מִיט קוּקְן אוֹיף אִים מַאכְט עֶר פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע.

(אשר בנחל באידיש חלק ד' מכתב תס"ז)

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

*והחוט המשולש לא במהרה ינתק*

## הכנסת ספר תורה, חנוכת הבית, מיט שבע ברכות פארגעקומען אינעם נייעם בית המדרש "היכל הקודש" אין וויליאמסבורג

דעם דינסטאג איז פארגעקומען א שיינער מעמד הכנסת ספר תורה אינעם נייעם בית המדרש היכל הקודש אין וויליאמסבורג אינאיינעם מיט די חנוכת הבית פארן בית המדרש וואס האט לעצטנ'ס געעפענט די טויערן.

ווי שוין געמאלדן האט זיך געעפנט די נייע בית הצדרש אויף די אנדערע זייט וויליאמסבורג ווי אידן זאלן זיך קענען צוזאמקומען און זיך מחזק זיין מיטן רבינ'ס לימודים.

אין א קורצע צייט האט זיך דער בית המדרש קונה שם געווען אלץ א טייער ווינקל ווי מען קען זיך שטארקן בעבודת ה' מיט די הייליגע עצות פון רבי'ן, און ברוך ה' אז עס ווערט נתרבה ספסלי הבית המדרש מיט פילע אידן וואס קומען מיטהאלטן די תפלות ושיעורים.

יעצט איז פארגעקומען די חנוכת הבית אינאיינעם מיט א הכנסת ספר תורה, און גלייכצייטיג א שבע ברכות פאר מו"ה מאיר דוד פארקאש הי"ו וואס האט חתונה געמאכט א טאכטער עב"ג בן הרה"ג אב"ד אשוואר מאנסי שליט"א.

מען האט אריינגעברענגט די ספר תורה און מען האט געטאנצן און זיך געפריידט לכבודה של תורה.

דערנאך איז פארגעקומען די סעודה, מוהרא"ש שליט"א האט זיך משתתף געווען און גערעדט דברות קודש.

**שישו ושמחו בשמחת התורה!**

***

## עולם הישיבות רידערט מיט די פרייליכע נייעסן

אין די עולם הישיבות איז לעצטנ'ס די געשפרעך פון טאג די פרייליכע נייעסן פון די חתנים בישיבתינו הקדושה.

המשך בדף ג

## באחד באדר משמיעין על השקלים

ווי באקאנט נעמט מוהרא"ש שליט"א צוזאם יעדע יאר "קמחא דפסחא" צו העלפן די משפחות אין יבניאל צו האבן אויף יום טוב פסח.

די שטעטל האט זיך שוין ברוך ה' זייער ציוואקסן, עס האלט שוין היינט ביי איבער 450 משפחות כן ירבו, און מיט דעם האט זיך אויך פארמערט די געברויך פון צושטעלן "קמחא דפסחא" אז די אידן זאלן האבן אויף צרכי יום טוב

### על פי בקשת כ"ק מוהרא"ש שליט"א

ווערן אלע אנשי שלומינו געבעטן אריינצוברענגן באטש $180 אז די אידן זאלן קענען האבן א שמחת יום טוב

**מען קען אריינברענגן די געלט אינעם צענטראלן אפיס 27 Skillman St.**

**אדער רופט 718–384–1652**

## מזלא טבא וגדיא יאה

מיר ווינטשן א הארציגע מזל טוב פאר
די מנהל פון די תלמוד תורה
מו"ה **מרדכי שאול יעקב אינדיג** הי"ו
צו די געבורט פון זיין צווילינג למזל טוב
א אינגל מיט א מיידל
דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן
אסאך נחת פון זיינע קינדער געזונטערהייט

## סימן טוב ומזל טוב

מיר ווינטשן א הארציגע מזל טוב פאר
הבחור החתן **נחום ברילל** נ"י
וואס איז א חתן געווארן עב"ג למזל טוב
דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל
זיין א קשר של קיימא, דורות ישרים
ומבורכים, אמן


## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן
אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף
איז דא צו באקומען ביי אונז
אלע ספרי ברסלב
**27 Skillman St.**
אדער רופט 347-977-7994

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים**
**פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א**
אויך קען מען מיטהאלטן
יעדע וואך דעם שיעור
מיט א לייוו הוק-אפ
**212-444-9191**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת תשא, פרשת פרה, כ' אדר, שנת תשע"ג לפ"ק | שנה 2, גליון 22 (72)

**זמנים**
הדלקת הנרות.....................5:30
מוצש"ק..................................7:01
סוף זמן ק"ש.........................8:42

**שיעורים כסדרן**
בבלי.............................שבת ק"נ
ירושלמי..........................נזיר כ"ח
תוספתא...............אהלות פרק ו'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ק"א) **ר'אשׁ בְּ'נֵי יִ'שְׂרָאֵל** אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "רֶבִּי"; אוּן פַארְקֶערְט, **רְ'שָׁעִים בְּ'חֹשֶׁךְ יִ'דָּמוּ** (שְׁמוּאֵל א' ב'), אִיז אוֹיךְ רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "רֶבִּי".

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט דָא פוּן קַיין רְשָׁעִים, בֵּיידֶע רֶבִּי'ס זֶענֶען צַדִּיקִים, דִי חִילוּק אִיז נָאר בַּיי דִי חֲסִידִים, אֵיין רֶבִּי אִיז בַּיי אִים "**כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**", עֶר הֵייבְּט אוֹיף דִי קֶעפּ פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר אִיז זֵיי מְחַזֵּק, אוּן בְּרֶענְגְט זֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר לֶערְנְט זֵיי אוֹיס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי לִיבּ, אוּן אַז יֶעדֶער אִיד קֶען צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי הֵייבְּט עֶר אוֹיף זֵייעֶרֶע קֶעפּ.

ווִידֶער אִיז דָא אַן אַנְדֶערֶע רֶבִּי, אֲפִילוּ עֶר אִיז אוֹיךְ אַ צַדִּיק, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט דִי כֹּחַ אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר זַיינֶע חֲסִידִים זֵיי זָאלְן אוֹיךְ זַיין צַדִּיקִים, אוּן דֶערְפַאר אִיז "**רְשָׁעִים בְּחֹשֶׁךְ יִדָּמוּ**", דִי חֲסִידִים בְּלַייבְּן מִיט זֵייעֶר רִשְׁעוּת, מִיט זֵייעֶר חוֹשֶׁךְ, אוּן מִיט זֵייעֶרֶע דִמְיוֹנוֹת.

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זוּכְן אַזַא צַדִּיק וָואס קֶען אִים אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם קָאפּ, אַז עֶר זָאל אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ צַדִּיק.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שַׁבַּת קוֹדֶשׁ תִּשָּׂא תש"ם לפ"ק)

***

**הֶעָשִׁיר לֹא יַרְבֶּה וְהַדַּל לֹא יַמְעִיט מִמַּחֲצִית הַשָּׁקֶל לָתֵת אֶת תְּרוּמַת ה' לְכַפֵּר עַל נַפְשֹׁתֵיכֶם**, מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט מְרַמֵּז זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אַלֵיינְס דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בַּאטְרַאכְט זִיךְ אוּן עֶר זֶעהְט אַז עֶר אִיז ווַייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר אוֹיפְזוּכְן עֶפֶּעס גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט, אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן דֶעמָאלְט'ס וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט טַאקֶע אָנְהֵייבְּן זַיין וואוּיל, אוּן אַלֶעס וֶועט זַיין גוּט.

ר' נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, תְּרוּמוֹת וּמַעַשְׂרוֹת, הֲלָכָה ג') אַז דֶער עִיקָר סִיבָּה פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז ווַייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז נָאר ווַייל עֶר וִויל גְלַייךְ שְׁלֵימוּת, עֶר וִויל גְלַייךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן אַז אֲפִילוּ אַ קְלֵיינִיגְקַייט אִיז אוֹיךְ חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט קְלֵיינֶע זַאכְן, גֶעבְּן אַפָּאר פְּרוּטוֹת פַאר צְדָקָה, זָאגְן אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, אַ דַף גְּמָרָא, אוּן דָאס גְלַייכְן, אוּן דִי קְלֵיינִיקַייטְן וֶועלְן אִים הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט צוּם סוֹף זַיין אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

דָאס קוּמְט אוּנְז דִי מִצְוָה פוּן מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל מְרַמֵּז זַיין, פוּן אֵיין זַייט, **הֶעָשִׁיר לֹא**

המשך בדף ב

## שִׁיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ אַרַיינְכַאפְּן נְקוּדוֹת טוֹבוֹת ~

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין זֵייעֶר קְלוּג אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן זֶעהְן אַרַיין צוּ כַאפְּן וִוי מֶער עֶר קֶען עֲבוֹדַת ה', וֶוען עֶר הָאט אַ מִינוּט צַייט, דַארְף עֶר אַרַיין כַאפְּן נָאךְ אַבִּיסְל לֶערְנֶען תּוֹרָה, נָאךְ אַבִּיסְל תְּפִלָּה, נָאךְ אַבִּיסְל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ אַבִּיסְל מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, ווַייל עֶס וֶועט אַמָאל קוּמֶען אַ צַייט וָואס מֶען וֶועט זֵייעֶר חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיף דִי טֵייעֶרֶע צַייט וָואס מֶען הָאט פַארְבְּרֶענְגְט אוֹיף דִי וֶועלְט.

אַסַאךְ מָאל כַאפְּט מֶען נִישְׁט וִוי דִי צַייט לוֹיפְט אַרִיבֶּער מִיט גָארְנִישְׁט, דָא רֶעדְט מֶען אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט נַארִישְׁקַייטְן, דָא חָלוֹמְ'ט מֶען סְתַּם אַזוֹי, אוּן דִי צַייט לוֹיפְט אַרִיבֶּער, אוּן מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז אִין דִי צַייט וָואלְט מֶען דָאךְ גֶעקֶענְט אַרַיין כַאפְּן אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן.

דִי צַייט לוֹיפְט אַרִיבֶּער אוּן עֶס קוּמְט קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק, אוּן מֶען דַארְף זֶעהְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַמָאל חֲרָטָה הָאבְּן פַארְן פַארְבְּרֶענְגֶן דִי צַייט.

### אַ וָואגְן מִיט חֵלֶב...

דֶער דוּבְּנֶער מַגִּיד זי"ע הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע מָשָׁל.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ אִיד אַן אָרִימַאן, עֶר הָאט מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט גֶעהַאט צוּ שְׁפֵּייזְן זַיין פַאמִילְיֶע, אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַז אוּנְטֶער דִי הָרֵי חוֹשֶׁךְ דָארְט קֶען מֶען טְרֶעפְן גָאר אַסַאךְ טֵייעֶרֶע דִימַאנְט שְׁטֵיינֶער אוּן בְּרִילְיַאנְטְן, עֶס וַוארְפְן זִיךְ דָארְט אַרוּם דִי שְׁטֵיינֶער וִוי דִי זַאמְד, אוּן מֶען קֶען אִין אַ קוּרְצֶע צַייט וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר.

וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר וֶועט זִיךְ אַרוֹיס לָאזְן אוֹיפְ'ן וֶועג אַהִין, עֶר וֶועט פְּרוּבִּירְן זַיין מַזָּל, אֶפְשָׁר דָארְט וֶועט עֶר מַצְלִיחַ זַיין, אוּן עֶר וֶועט קֶענֶען אַהֵיים בְּרֶענְגְן גֶעלְט צוּ שְׁפֵּייזְן זַיין פַאמִילְיֶע.

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

יַרְבֶּה, אֵיינֶער וָואס אִיז אַ עוֹשֶׁר בְּרוּחֲנִיּוּת, עֶר הָאט אַסַאךְ מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט גְרוֹיסְהַאלְטְן, נָאר עֶר זָאל וִויסְן אַז עֶר קֶען נָאךְ אַרַיינְכַאפְּן אַסַאךְ מֶער,

אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, **וְהַדַּל לֹא יַמְעִיט**, אֲפִילוּ אַ אָרִימַאן בְּרוּחֲנִיּוּת, זָאל זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן אַזוֹי קְלֵיין, נָאר עֶר זָאל וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אַ **"מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל"**, אֲפִילוּ נָאר אַ הַאלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ וָואס דוּ טוּסְט, וַוייל אֲפִילוּ עֶס אִיז נָאר אַ הַאלְבֶּע זַאךְ אִיז עֶס נָאךְ אַלְס חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶער פָּסוּק זָאגְט וַוייטֶער **"לְ'כַפֵּר' עַ'ל' נַ'פְשׁוֹתֵיכֶם"** דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אִיז **"נַעַל"**, אוּן דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת אִיז **"רַע"**, דָאס מֵיינְט **"נַעַל רַע"** - אַ שְׁלֶעכְטֶע שִׁיךְ, דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט׳) אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ תָּם אַ שׁוּסְטֶער, עֶר פְלֶעגְט מַאכְן שְׁוַואכֶע שִׁיךְ, שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן, אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט מִיט דֶעם, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען צוּ וֶוערְן אַ מִינִיסְטֶער אִיבֶּער אַלֶע מִינִיסְטָארְן.

דָאס אִיז דֶער פָּסוּק אוּנְז מְרַמֵּז, **"נַעַל רַע"**, אֲפִילוּ אוֹיבּ דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם זֶעט אוֹיס וִוי אַ שְׁלֶעכְטֶע שִׁיךְ, אַ שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן, עֶס הָאט נִישְׁט קַיין טַעַם, אוֹיבּ אָבֶער דוּ וֶועסְט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, וֶועסְטוּ צוּם סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

(זֹאת הַתּוֹרָה כִּי תִשָּׂא ג)

***

**וַהֲסִרֹתִי אֶת כַּפִּי וְרָאִיתָ אֶת אֲחֹרָי וּפָנַי לֹא יֵרָאוּ**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דוּ וֶועסְט מִיר זֶעהְן פוּן אוּנְטְן אוּן נִישְׁט פוּן פָארְנְט,

מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ר"נ) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, קֶען עֶר אַלֶעס פַארְנֶעמֶען, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶר גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע צַייטְן, וֵוייסְט עֶר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט זִיכֶער אַלֶעס צוּם גוּטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הַרְאֵנִי נָא אֶת כְּבֹדֶךָ"**, אִיךְ וִויל גְלַייךְ זֶעהְן אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּטְן, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: "דָאס קֶען נִישְׁט זַיין", וַוייל וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט, מוּז עֶר הָאבְּן אַ בְּחִירָה, עֶר זָאל קֶענֶען אַלֵיינְס אוֹיסְוֶועלְן צוּ גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

**וְרָאִיתָ אֶת אֲחֹרָי וּפָנַי לֹא יֵרָאוּ**, דוּ וֶועסְט נָאר זֶעהְן פוּן אוּנְטְן, דָאס מֵיינְט אַז נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ זֶעהְן אוֹיף צוּרִיק, אַז אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען גוּט, אָבֶער פוּן פָארְאוֹיס וֶועט עֶס אוֹיסְזֶעהְן אַסַאךְ מָאל שְׁלֶעכְט, אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ דַארְפְן שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט זִיכֶער אַלֶעס צוּם גוּטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה כִּי תִשָּׂא ח)

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

נָאךְ אַ שְׁוֶוערֶע נְסִיעָה פוּן וָואכְן לַאנְג אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין אוּנְטֶער דִי הָרֵי חוֹשֶׁךְ, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז עֶס אִיז טַאקֶע אֱמֶת וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט, טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער אוּן בְּרִילְיַאנְטְן וַואלְגֶערְן זִיךְ דָארְט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן קֵיינֶער קִימֶערְט אֲפִילוּ נִישְׁט זֵיי אוֹיף צוּ הֵייבְּן, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט חָשׁוּב בַּיי דִי מֶענְטְשְׁן דָארְט, דָארְט אִיז אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר חָשׁוּב, דָאס אִיז גֶעוֶוען חֵלֶב, וַוייל אַזוֹי וִוי דָארְט אִיז דָאךְ אֵייבִּיג טוּנְקְל, דַארְף מֶען דָאךְ הָאבְּן אַסַאךְ לִיכְט וָואס מֶען מַאכְט פוּן חֵלֶב, אוּן דֶערְפַאר אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב דָארְט, אוּן דִי עִיקָר עַשִׁירוּת אוּן חֲשִׁיבוּת דָארְט אִיז וֶוער עֶס הָאט מֶער חֵלֶב, פַאר דֶעם אָרִימַאן אִיז דָאס גֶעוֶוען זֵייעֶר אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, אוּן עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר וֶועט בְּלַייבְּן דָארְט אַבִּיסְל צוּצוּקוּקְן צוּ דִי מַהֲלָךְ פוּן דִי פְלַאץ דָארְט.

אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעזִיצְן דָארְט אַ שְׁטִיק צַייט, הָאט עֶר צוּבִּיסְלֶעךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ דִי מִנְהָגִים פוּן דִי מֶענְטְשְׁן דָארְט, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ הַאנְדְלֶען מִיט חֵלֶב אוּן לִיכְט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אִין דִי מִסְחָר, אוּן עֶר הָאט צוּזַאם גֶענוּמֶען גָאר אַסַאךְ לִיכְט, עֶר אִיז גֶעוָוארְן דָארְט אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, עֶר הָאט גֶעהַאט פִיל מִיט אוֹצְרוֹת פוּן חֵלֶב, אוֹיל, אוּן קְנוֹיטְן.

אִינְצְוִוישְׁן אִיז דוּרְכְגֶעלָאפְן אַסַאךְ יָארְן, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טְרַאכְטְן פוּן צוּרִיק פָארְן צוּ זַיין לַאנְד, עֶר הָאט דָאךְ דָארְט אַ וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וָואס וַוארְטְן אוֹיף אִים, יֶעצְט קֶען עֶר שׁוֹין אַהֵיים פָארְן אוּן זֵיי וַוייזְן זַיין גְרוֹיס עַשִׁירוּת וָואס עֶר הָאט דָא צוּזַאם גֶענוּמֶען, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן זַיינֶע קִינְדֶער מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד אוּן עַשִׁירוּת.

עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ רִיזִיגְן וָואגְן, אוּן עֶס אָנְגֶעפִילְט מִיט דִי אַלֶע אוֹצְרוֹת פוּן חֵלֶב וָואס עֶר הָאט דָארְט צוּזַאם גֶעקְלִיבְּן, זַיינֶע פְרַיינְד וָואס עֶר הָאט דָארְט אַיינְגֶעקוֹיפְט זַייעֶנְדִיג אַ עוֹשֶׁר אוּן מְכוּבָּד'יגֶער מֶענְטְשׁ, הָאבְּן אִים גֶעהָאלְפְן אָנְלָאדֶענֶען דִי וָואגְן צוּ קֶענֶען פָארְן, אָבֶער וֶוען עֶר הָאט גֶעהוֹיבְּן צוּ פָארְן הָאט מֶען גֶעזֶעהְן אַז דִי וָואגְן וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן פוּנֶעם גְרוֹיסְן לַאסְט, הָאבְּן זַיינֶע חֲבֵרִים צוּזַאם גֶענוּמֶען שְׁטֵיינְדְלֶעךְ פוּן דִי גַאס אוּן עֶס אוּנְטֶער גֶעלֵייגְט אוּנְטֶער דִי חֵלֶב אַז עֶס זָאל לִיגְן גְלַייךְ, אוּן עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט אִיבֶּער דְרֵייעֶן, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ אַרוֹיס גֶעלָאזְט אוֹיפְ'ן וֶועג צוּרִיק צוּ זַיין לַאנְד.

## וָואס הָאסְטוּ דָא גֶעבְּרֶענְגְט?

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים, אִיז דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אַרוֹיס גֶעקוּמֶען אִים מְקַבֵּל פָּנִים זַיין מִיט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, דִי שִׂמְחָה אִיז גֶעוֶוען גְרוֹיס נָאכְדֶעם וָואס מֶען הָאט אִים שׁוֹין נִישְׁט גֶעזֶעהְן פַאר אַזוֹיפִיל יָארְן, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט וִוי אַזוֹי עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט זֵיי דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן דָארְט אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, "יֶעצְט וֶועל אִיךְ אַייךְ שׁוֹין קֶענֶען שְׁפֵּייזְן בְּכָבוֹד וּבְרֶיוַח, אוּן אִיךְ וֶועל שׁוֹין קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער" א.א.וו.

זַיין מִשְׁפָּחָה הָאט שׁוֹין קוֹים גֶעוַוארְט צוּ זֶעהְן דִי גְרוֹיסֶע עַשִׁירוּת וָואס עֶר הָאט אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט, אוּן נָאךְ עֶטְלִיכֶע מִינוּט וָואס עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶערוּהְט פוּן דִי שְׁוֶוערֶע וֶועג, הָאט עֶר זֵיי אַרוֹיס גֶענוּמֶען צוּ וַוייזְן וָואס עֶר הָאט אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט, עֶר הָאט זֵיי גֶעפִירְט צוּ דִי וֶועגֶענֶער, עֶר הָאט אַרָאפּ גֶענוּמֶען דִי צוּדֶעק, אוּן זֵיי גֶעוִויזְן וָואס עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט.

זֵיי קוּקְן אוּן וואוּנְדֶערְן זִיךְ, וָואס וַוייזְט עֶר אוּנְז דָא? זֵיי זֶעהְן פִיל מִיט אַלְטֶע פַארְשְׁטוּנְקֶענֶע חֵלֶב, וִוי דִי טֶבַע פוּן חֵלֶב אִיז אַז נָאךְ אַ לֶענְגֶערֶע צַייט וֶוערְט עֶס פַארְדָארְבְּן אוּן עֶס בַּאקוּמְט אַ שְׁוֶוערֶע גְרוֹיךְ, זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט צוּהַאלְטְן דִי נָאז נִישְׁט צוּ שְׁפִּירְן דִי שְׁוֶוערֶע גְרוֹיךְ וָואס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּם אוֹיסְהַאלְטְן, אוּן עֶר אִיז נָאר פַארְנוּמֶען צוּ זָאגְן וָואס פַארַא עַשִׁירוּת עֶר הָאט אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט, אוּן זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט וָואס דָא גֵייט פָאר, אִיז עֶר מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן ל"ע?

הָאט עֶר זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן מַסְבִּיר צוּ זַיין, אַז עֶר קוּמְט יֶעצְט פוּן דִי הָרֵי חוֹשֶׁךְ אוּן דָארְט אִיז חֵלֶב זֵייעֶר טֵייעֶר, אוּן דִי גַאנְצֶע עַשִׁירוּת וֶוענְדְט זִיךְ וִויפִיל לִיכְט מֶען קֶען אָנְזַאמְלֶען, דָאס אִיז דִי טֵייעֶרְסְטֶע אוּן חָשׁוּבְסְטֶע אַרְטִיקְל דָארְט אוּנְטֶער דִי הָרֵי חוֹשֶׁךְ.

הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט: "דוּ נַאר וָואס דוּ בִּיזְט, דָא אִיז דָאס דָאךְ גָארְנִישְׁט וֶוערְט, פַארְקֶערְט עֶס שְׁטוּנְקְט אַוֶועק, מַמָּשׁ אַ שָׁאד אוֹיף דִי אַלֶע כּוֹחוֹת וָואס דוּ הָאסְט דִיךְ אָנְגֶעפְּלָאגְט דֶערוֹיף".

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"אַ"ש

זַיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זוּכְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דִי סְחוֹרָה, עֶס זָאל נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן אַ שְׁלֶעכְטֶע גְרוּיךְ אוֹיף דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט, אוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען צוּגֶעגַאנְגֶען אַרָאפּ צוּ נֶעמֶען דִי חֵלֶב פוּנֶעם וָואגְן, הָאבְּן זֵיי בַּאמֶערְקְט וִוי אוּנְטֶער דִי חֵלֶב לִיגְן פַארְוָוארְפְן טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינְדְלֶעךְ אוּן דִימַאנְטֶען, הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייעֶן קוּק וָואס דוּ הָאסְט דָא! דוּ הָאסְט דָאךְ דָא טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער וָואס זֶענֶען וֶוערְט דִי וֶועלְט'ס גֶעלְט, עֶר קוּקְט אוֹיף זֵיי אוּן זָאגְט: "דִי שְׁטֵיינֶער הָאבְּן זִיךְ דָאךְ דָארְט אַרוּם גֶעוָוארְפְן וִוי דִי מִיסְט, קֵיינֶער הָאט עֶס נִישְׁט גֶעדַארְפְט, אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט צוּזַאם נֶעמֶען פוּן דֶעם וִויפִיל אִיךְ וָואלְט גֶעוָואלְט, אוּן עֶס אִיז מִיר אֲפִילוּ נִישְׁט בֵּייגֶעפַאלְן צוּ נֶעמֶען דֶערְפוּן"...

הָאבְּן אִים זַיין פַאמִילְיֶע גֶעזָאגְט: "מַמָּשׁ אַ שָׁאד, דָאס אִיז דָאךְ וֶוערְט דָא גָאר אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן דוּ הָאסְט אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט דִי נַארִישֶׁע חֵלֶב, וָואס מֶען קֶען גָארְנִישְׁט טוּהן דֶערְמִיט".

המשך בדף ד

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

המשך פון דף ד

ווי שוין געמאלדן האט מוהרא"ש געבעטן אלע אנשי שלומינו זיך משתתף צו זיין מיט די סכום פון $180 צו קענען צושטעלן פאר די אידן פון יבנאל אויף פסח.

און מיטן אייבערשטנ'ס הילף האבן זיך אנשי שלומינו ווארים אנגערופן און עס איז אריין געקומען גרעסערע סכומים.

ווער עס האט זיך נאכנישט משתתף געווען, קען נאך אריינברענגען די געלט אין צענטעראלן אפיס אויף 27 Skillman St. אדער רופט 718-384-1652.

***

## קמחא דפסחא קאמפיין אויסצוצאלן די איינגעשטעלטע פאר פסח

ווי אין די פארגאנגענע יארן, האט מען דאס יאר שוין אויך אנגעהויבן דער קמחא דפסחא קאמפיין, א קאמפיין צו אויסצאלן אלע מלמדים און איינגעשטעלטע פון מוסדותינו הק׳ בעפאר דעם יום טוב פסח.

די פארגאנגענע יארן איז דער קאמפיין געקרוינט געווארן מיט א געוואלדיגע הצלחה, אלע איינגעשטעלטע זענען אינגאנצן באצאלט געווארן פאר יום טוב, און זיי האבן געקענט צוגיין צום יום טוב מיט רוהיגקייט און ישוב הדעת.

כי עתה הרחיב ה׳ לנו, מיטן אייבערשטנ'ס הילף האבן זיך די מוסדות שטארק פארברייטערט דאס יאר, און דערפאר האפן מיר אז דאס יאר וועט זיך דער עולם נאך שענער אנרופן מיט גרויסע סכומים צו קענען צאלן פאר די חשובע איינגעשטעלטע וואס געבן זיך א גאנץ יאר אפ מיט גרויס איבערגעגעבנקייט פאר די טייערע קינדערלעך.

דער קאמפיין ווערט אנגעפירט דורך מו"ה אייזיק אפפעל הי"ו, וואס נעמט צוזאם די נדבות פונעם חשוב'ן ציבור.

עס איז צום האפן אז דער עולם וועט זיך ווארים אנרופן, אז די חשובע איינגעשטעלטע זאלן קענען צוגיין צום יום טוב מיט א רוהיגן געמיט.

**והלך לפניך צדקיך!**

# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

## מַעֲשֶׂה א׳ מֵאֲבֵידַת בַּת הַמֶּלֶךְ

### פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר

הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן דֶער מְמוּנֶה אִיבֶּער ווִינְטְן אוּן הָאט גֶעזָאגְט צוּם שֵׁנִי לְמַלְכוּת: בַּאֲשֶׁר אַזוֹי אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס דוּ זוּכְסְט זִי אוּן וִוי פִיל יְגִיעוֹת דוּ הָאסְט גֶעהַאט, בְּכֵן טָאמֶער וֶועסְטוּ הַיינְט הָאבְּן אַ מְנִיעָה מַחֲמַת גֶעלְט עַל כֵּן וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן אַ כֵּלִי אַז וֶוען דוּ וֶועסְט אַרַיינְטָאן דִי הַאנְט וֶועסְטוּ פוּן דָארְט אַרוֹיסְנֶעמֶען גֶעלְט. אוּן הָאט גֶעהֵייסְן דֶעם ווִינְט אַז עֶר זָאל אִים טְרָאגְן אַהִין, אִיז גֶעקוּמֶען דֶער שְׁטָארֶעמְווִינְט אוּן הָאט אִים אַהִין גֶעטְרָאגְן. אוּן הָאט אִים גֶעבְּרַאכְט צוּם טוֹיעֶר. זֶענֶען דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען חַיָילוֹת אוּן הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט אִין שְׁטָאט אַרַיין. הָאט עֶר אַרַיינְגֶעטָאן דִי הַאנְט אִין דֶער כֵּלִי אוּן הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען גֶעלְט, אוּן הָאט זֵיי מְשַׁחֵד גֶעוֶוען. אוּן אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין שְׁטָאט אַרַיין. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע שְׁטָאט.

אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ גְבִיר אוּן הָאט זִיךְ אָנְגֶעדוּנְגֶען קֶעסְט. וָוארְן מֶען בַּאדַארְף זִיךְ דָארְטְן פַארְזָאמֶען. וָוארְן מֶען מוּז זֶען מִיט חָכְמָה אוּן שֵׂכֶל מֶען זָאל זִי אַרוֹיסְנֶעמֶען (אוּן וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זִי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען הָאט עֶר נִישְׁט דֶערְצֵיילְט). צוּם סוֹף הָאט עֶר זִי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אָמֵן סֶלָה.

---

## נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן

הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן דֶער מְמוּנֶה אִיבֶּער ווִינְטְן אוּן הָאט גֶעזָאגְט צוּם שֵׁנִי לְמַלְכוּת: בַּאֲשֶׁר אַזוֹי אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס דוּ זוּכְסְט זִי אוּן וִוי פִיל יְגִיעוֹת דוּ הָאסְט גֶעהַאט, בְּכֵן טָאמֶער וֶועסְטוּ הַיינְט הָאבְּן אַ מְנִיעָה מַחֲמַת גֶעלְט עַל כֵּן וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן אַ כֵּלִי אַז וֶוען דוּ וֶועסְט אַרַיינְטָאן דִי הַאנְט וֶועסְטוּ פוּן דָארְט אַרוֹיסְנֶעמֶען גֶעלְט. דִי כֵּלִי דָאס אִיז דִי מִדָּה פוּן בִּטָּחוֹן, וַוייל כָאטְשׁ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט שְׁטֶענְדִיג אַרָאפּ אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת פַארְן מֶענְטְשׁ, אָבֶּער עֶס קֶען נֶעמֶען צַייט בִּיז עֶס קוּמְט אָן צוּם מֶענְטְשׁ, אָבֶּער וֶוען אַ אִיד הָאט בִּטָּחוֹן, עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ נָאר אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וֶועט אִים הֶעלְפְן, דֶעמָאלְט'ס בַּאקוּמְט עֶר דִי הַשְׁפָּעוֹת אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט וֶוען עֶר דַארְף עֶס, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים קמה, טו) עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ - וֶוען דִי אוֹיגְן קוּקְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם "בְּעִתּוֹ" - דֶעמָאלְט'ס בַּאקוּמְט מֶען דִי פַּרְנָסָה אִין צַייט.

אִיז גֶעקוּמֶען דֶער שְׁטָארֶעמְווִינְט אוּן הָאט אִים אַהִין גֶעטְרָאגְן. אוּן הָאט אִים גֶעבְּרַאכְט צוּם טוֹיעֶר. זֶענֶען דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען חַיָילוֹת אוּן הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט אִין שְׁטָאט אַרַיין. אֲפִילוּ וֶוען מֶען שְׁטֵייט שׁוֹין בַּיים טוֹיעֶר אַרַיינְצוּגֵיין, זֶענֶען נָאךְ אַלְץ דָא מְנִיעוֹת, זַאכְן וָואס שְׁטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ אָנְצוּקוּמֶען צוּ זַיין נְשָׁמָה, אוּן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זִי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען הָאט עֶר נִישְׁט דֶערְצֵיילְט. וַוייל דָאס אִיז בַּיי יֶעדְן אַנְדֶערְשׁ, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַנְדֶערֶע סָארְט מְנִיעוֹת, אַנְדֶערֶע סָארְט דוּרְכְפֶעלֶער, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען נָאר נֶעמֶען דִי לִמּוּדִים וָואס דִי אֱמֶת'ֶע צַדִּיקִים לֶערְנֶען אוֹיס, אוּן אוֹיסְשְׁטֶעלְן דִי לֶעבְּן לוֹיט דֶעם, אוּן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען דִי נְשָׁמָה פוּן וִוי זִי אִיז פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן, אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

צוּם סוֹף הָאט עֶר זִי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אָמֵן סֶלָה. דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְחַזְּקוּת פַאר יֶעדְן אִיד, אַז אֲפִילוּ עֶס קֶען נֶעמֶען טֶעג, וָואכְן, חֳדָשִׁים, אוּן יָארְן, אוּן מֶען זֶעהט נִישְׁט דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בְּלָאנְדְזְשֶׁעט אַרוּם וִוי אִין אַ מִדְבָּר, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ הָאפְן אוּן בֶּעטְן, דֶעמָאלְט'ס אִיז מֶען צוּם סוֹף זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן דִי נְשָׁמָה אוּן מֶען קוּמְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט!

**תַּם וְנִשְׁלַם מַעֲשֶׂה א׳, שֶׁבַח לָקֵל בּוֹרֵא עוֹלָם**

(נהרי אפרסמון - תוד הנחל תרומה תשנ"א)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

המשך פון דף ג

### עֶס וַוארְפְן זִיךְ דִימַאנְטֶען אוֹיף דֶער עֶרְד

דֶער נִמְשָׁל פַּארְשְׁטֵייט יֶעדֶער אֵיינֶער, אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט צוּ הַאנְדְלֶען מִיט תּוֹרָה וּמִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, וָואס דָאס זֶענֶען טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער אוּן דִימַאנְטֶען, אָבֶּער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט אָן דָא, פַּארְגֶעסְט עֶר פַּארְוָואס עֶר אִיז דָא גֶעקוּמֶען, אוּן עֶר לֵייגְט אַרַיין גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת צוּ שַׁאפְן אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן וֶוען עֶר קוּמְט צוּרִיק אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן מֶען פְרֶעגְט אִים וָואס עֶר הָאט אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט, הֵייבְּט עֶר אָן צוּ וַוייזְן דִי אַלֶע גֶעלְט וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶעשַׁאפְט, אַלֶע בִּנְיָנִים וָואס עֶר הָאט גֶעקוֹיפְט א.א.וו.

אָבֶּער מֶען זָאגְט אִים דָארְט, דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען דָא גָארְנִישְׁט וֶוערְט, עֶס גֵייט אַ גְרוֹיךְ דֶערְפוּן, דָא אִיז נָאר חָשׁוּב תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, דִי טֵייעֶרֶע דִימַאנְט שְׁטֵיינֶער, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן דוּרְךְ צוּ קוּקְן זַיינֶע טֶעג אוּן זַיינֶע מַעֲשִׂים, אוּן מֶען טְרֶעפְט דִי גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן אִין זַיין לֶעבְן, דָא הָאט עֶר אַרַיינְגֶעכַאפְּט אַבִּיסְל תּוֹרָה, דָא הָאט עֶר גֶערֶעדְט עֶטְלִיכֶע דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָא הָאט עֶר מְקַיֵים גֶעוֶוען מִצְוֹת, אוּן מֶען וַוייזְט אִים, "זֶעהסְט דִי זַאכְן זֶענֶען דָא חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר", אוּן דֶעמָאלְט'ס כַאפְּט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ בַּיים קָאפּ, "דִי זַאכְן?! דָאס הָאב אִיךְ דָאךְ גֶעקֶענְט אַזוֹי גְרִינְג אַרַיין כַּאפְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, אִיךְ וָואלְט אֲפִילוּ גָארְנִישְׁט גֶעדַארְפְט אַיינְלֵייגְן, אִיךְ וָואלְט דָאךְ גֶעקֶענְט אַרַיין גֵיין אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן מְקַיֵים זַיין מִצְוֹת, אִיךְ הָאב גָארְנִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דִי זַאכְן זֶענֶען אַזוֹי חָשׁוּב".

אָבֶּער דֶעמָאלְט'ס אִיז שׁוֹין צוּ שְׁפֶּעט, אוֹיף דִי וֶועלְט דַארְף מֶען זֶעהן אַרַיין צוּ כַּאפְּן וִוי מֶער תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, נִישְׁט צוּ וֶוערְן פַּארְשֶׁעמְט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

### נִיץ אוֹיס דִי צַייט!

דֶער מָשָׁל שְׁפִּילְט זִיךְ אִיבֶּער בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וָואלְט אַרַיינְגֶעטְרַאכְט וָואס עֶס אִיז חָשׁוּב אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, וָואלְט עֶר אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַלֶע זַיינֶע כּוֹחוֹת אוֹיסְצוּנִיצְן דִי צַייט מִיט תּוֹרָה, תְּפִלָּה, אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, וַוייל דֶער לֶעבְן לוֹיפְט דוּרְךְ זֵייעֶר שְׁנֶעל, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט נָאר זַיין חָשׁוּב דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען אַרַיינְגֶעכַאפְּט אוֹיף דִי וֶועלְט.

אוּן סְפֶּעצִיעֶל אַ אִינְגֶער בָּחוּר דַארְף אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט אַרַיינְצוּכַאפְּן אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן וִוי לַאנְג עֶר הָאט נָאךְ אַסַאךְ צַייט, אוּן דֶערְנָאךְ וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי שְׁפֶּעטֶערֶע יָארְן אוֹיף דִי עֶלְטֶער וֶועט עֶר זִיךְ מְחַי' זַיין אַז עֶר הָאט אוֹיסְגֶענִיצְט זַיינֶע אִינְגֶע יָארְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן דָאס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נִיצְט אוֹיס דִי צַייט, אוּן כַאפְּט אַרַיין נָאר גוּטֶע זַאכְן שְׁטֶענְדִיג.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק י"א עֶרֶךְ נְקוּדוֹת טוֹבוֹת)

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

### שיינע פורים טיש ביי מוהרא"ש שליט"א

אנשי שלומינו זענען זיך צוזאם געקומען צו די סעודת פורים בי מוהרא"ש, נאך די סעודה איז מען ארויס אין א טאנץ בתופים ובמחולות, און געדאנקט דעם אייבערשטן אויף אלע זיינע חסדים, בימים ההם וואס מיר זענען ניצול געווארן פון המן הרשע, און מקבל געווען די תורה פון פריש, "קימו וקבלו היהודים".

ובזמן הזה, אז מיר האבן זוכה געווען צו וויסן פונעם הייליגן רבי'ן, וואס לערנט אונז שטענדיג אנצוהייבן פון פריש, זיך נישט לאזן פארפירן פונעם יצר הרע, נאר שטענדיג נאכאמאל צוריק קומען צום אייבערשטן, זיך אויסרעדן צום אייבערשטן, און אזוי וועלן מיר זיכער שטענדיג מצליח זיין.

**והימים האלה נזכרים ונעשים!**

***

### מוהרא"ש שליט"א פארט קומענדיגע וואך אויף ארץ ישראל

מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט מוהרא"ש פארן נאך שבת אויף ארץ ישראל, ווי ער וועט זיך אויפהאלטן פאר א וואך, צו מחזק זיין די ארטיגע אידן.

די קומענדיגע וואך וועט נישט פארקומען די וועכנטליכע ליל שישי שיעור.

**חזק ונתחזק!**

***

### בחורי ישיבתינו הק' זייער שיין אויפגענומען דורך נדיבי עם בעצם יום הפורים

דעם יום טוב פורים זענען די בחורים פון ישיבה ארום געגאנגען צו די נדיבים בעם, צוזאמנעמען באשטייערונגען פאר אונזערע מוסדות.

די בחורים זענען אויפגענומען געווארן מיט גרויס פרייד, וויסענדיג פון וועלכע ישיבה עס האנדעלט זיך, א ישיבה ווי די בחורים לעבן מיטן אייבערשטן, א ישיבה ווי יעדער בחור לערנט יעדן טאג התמדה רבה, בחורים וואס זענען אויסגעצייכנט מיט יראת שמים, מדות טובות, און איידלקייט, וואס מען טרעפט נישט.

עס זענען געווען דריי גרופעס, א גרופע אין וויליאמסבורג, א גרופע אין בארא פארק, און א גרופע אין קרית יואל, די בחורים זענען ארויף געגאנגען און געזונגען די אלע באקאנטע אידישע ניגונים צום אייבערשטן.

עס זענען צוריק געהערט געווארן גאר גוטע גריסן, ווי די חשובע נגידים האבן גאר שטארק הנאה געהאט, און זיך אנגערופן מיט ווארימע סכומים.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז עס אריבער מיט גאר גרויס הצלחה, דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער.

**ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר!**

***

### קמחא דפסחא פאר די אידן אין יבנאל

דעם יום טוב פורים איז אריינגעקומען גאר שיינע סכומים פאר די קמחא דפסחא קאמפיין וואס מוהרא"ש שליט"א נעמט צוזאם פאר די אידן אין יבנאל אז זיי זאלן האבן אויף פסח צו מאכן.

המשך בדף ג


### סימן טוב ומזל טוב יהא לנו ולכל ישראל

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

הרה"ג **יואל ראטה** שליט"א

ראש ישיבתינו הקדושה

צו די שמחת ברית פון זיין אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש

נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט, אמן

### ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז

מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא

צו באקומען ביי אונז אלע ספרי

ברסלב

27 Skillman St.

אדער רופט 347-977-7994

### קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים

פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א

אויך קען מען מיטהאלטן

יעדע וואך דעם שיעור

מיט א לייוו הוק-אפ

212-444-9191

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**
הדלקת הנרות.....................5:37
מוצש"ק.............................7:09
סוף זמן ק"ש.......................8:35

**שיעורים כסדרן**
בבלי.............................שבת קנ"ז
ירושלמי..........................נזיר ל"ה
תוספתא............אהלות פרק י"ג


פרשת ויקהל פקודי, פרשת החודש, מברכים חודש ניסן, כ"ז אדר, שנת תשע"ג לפ"ק — שנה 2, גליון 23 (73)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְעָשָׂה בְצַלְאֵל וְאָהֳלִיאָב וְכֹל אִישׁ חֲכַם לֵב,** בְּצַלְאֵל און אָהֳלִיאָב הָאבְּן צוּזַאמֶען גֶעמַאכְט דֶעם מִשְׁכָּן, זָאגְט רַשִׁ"י אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט סְפֶּעצִיעֶל גֶענוּמֶען פוּן דִי צְוֵויי שְׁבָטִים, בְּצַלְאֵל פוּן שֵׁבֶט יְהוּדָה וָואס אִיז דִי חָשׁוּב'סְטֶע שֵׁבֶט, און אָהֳלִיאָב פוּן שֵׁבֶט דָן וָואס דָאס אִיז אַ שְׁוַואכֶער שֵׁבֶט, כְּדֵי צוּ וַוייזְן אַז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז יֶעדֶער אֵיינִיג.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ס"ח) אַז דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת פוּן אַ צַדִּיק אִיז, וֶוען פוּן אֵיין זַייט אִיז עֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען עֶר זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּם שְׁוַואכְסְטְן אִיד און אִים אוֹיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, אִים וַוייזְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אוֹיךְ לִיבּ, און אַז עֶר קֶען אוֹיךְ צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ בּוֹיעֶן דֶעם מִשְׁכָּן וָואס בְּרֶענְגְט הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה, אַז יֶעדֶער זָאל וויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּהט צְווִישְׁן אוּנְז, עֶר אִיז בַּיי אוּנְז, גֶעבְּן אוּנְז, און מִיט אוּנְז, הָאט מֶען גֶעמוּזְט הָאבְּן דִי צְוֵויי זַאכְן, אַזֶעלְכֶע צַדִּיקִים וָואס זֶענֶען פוּן אֵיין זַייט זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי קֶענֶען וַוייזְן פַארְן גְרֶעסְטְן צַדִּיק, אַז עֶר קֶען נָאךְ זַיין גְרֶעסֶער, און פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען עֶר זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ דִי שְׁוַואכְסְטֶע שְׁבָטִים, צוּם שְׁוַואכְסְטְן אִיד, און אִים וַוייזְן אַז עֶר אִיז אוֹיךְ נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט צוּ הֶערְן זַיין קוֹל.

**דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זוּכְן אַזַא צַדִּיק וָואס קֶען אִין אִים אַרַיינְשַׁיינֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אוֹיךְ לִיבּ, און אַז עֶר קֶען אוֹיךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

(זאת הַתּוֹרָה וַיַּקְהֵל ג)

***

**וַיְכַס הֶעָנָן אֶת אֹהֶל מוֹעֵד וּכְבוֹד ה' מָלֵא אֶת הַמִּשְׁכָּן,** אַ וָואלְקְן הָאט בַּאדֶעקְט דֶעם אֹהֶל מוֹעֵד, און דִי מִשְׁכָּן אִיז פִיל גֶעוֶוען מִיטְן כָּבוֹד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קט"ו) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם


המשך בדף ב


## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ ~

### ~ חוֹדֶשׁ נִיסָן ~

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ נִיסָן, אִיז דֶעמָאלְט'ס דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן, צוּ אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, און פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט.

וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט אוֹיף חוֹדֶשׁ נִיסָן: "הַחוֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה", עֶס וֶוערְט דְרֵיי מָאל דֶערְמַאנְט דֶער וָוארְט "חָדָשׁ - נֵיי", דְרֵיי מָאל אִיז אַ חֲזָקָה, אַז יֶעצְט אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן אִינְגַאנְצְן.

כָאטְשׁ בֶּאֱמֶת קֶען זִיךְ אַ אִיד בַּאנַייעֶן יֶעדְן טָאג, מֶען מוּז נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז חוֹדֶשׁ נִיסָן, וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"א) אַז אַ אִיד דַארְף יֶעדְן טָאג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי, אָבֶער יֶעצְט פוּן חוֹדֶשׁ נִיסָן, פוּן שַׁבָּת הַחוֹדֶשׁ, קֶען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמֶען אַ פְרִישֶׁע הִתְחַדְשׁוּת, זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן טַאקֶע אִין דֶעם עִנְיָן, אַרַיינְצוּנֶעמֶען קְלָאר אִין קָאפּ אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶס וֶועט זַיין מָארְגְן, אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן צוּ קוּקְן אוֹיפְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג, און זֶעהן וָואס אִיךְ קֶען אוֹיפְטוּהן גוּטֶע זַאכְן.

און דֶערְפַאר וֶוען מֶען לֵיינְט דִי פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ, אִיז דִי צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי מִדָּה פוּן הִתְחַדְשׁוּת, אִיךְ זָאל יֶעדְן טָאג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי, נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, און נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן וָואס עֶס וֶועט


המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּמְט דִי מִידַת הַדִּין אוּן זָאגְט אַז מֶען דַארְף שְׁוֶוער מַאכְן פַארְן מֶענְטְשׁ, וַוייל וִוי אִיז עֶר גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט? פַארְוָואס הָאט עֶר נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז יֶעצְט? אוּן דֶערְפַאר מוּז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְטֶער שְׁטֶעלְן פַארְן מֶענְטְשׁ מְנִיעוֹת, שְׁטֶערוּנְגֶען, אַז עֶס זָאל אִים נִישְׁט גֵיין אַזוֹי גְרִינְג.

אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל דָאךְ יָא אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, אוּן דֶערְפַאר בַּאהַאלְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס אוּנְטֶער דִי שְׁטֶערוּנְגֶען, אַז אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס אֶמֶת'דִיג, קֶען עֶר צוּבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן זַיין אַ גְרוֹיסֶע צַדִּיק.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיְכַס הֶעָנָן אֶת אֹהֶל מוֹעֵד**, אַ וָואלְקְן הָאט בַּאדֶעקְט דֶעם מִשְׁכָּן, דִי מִשְׁכָּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּהְט דָארְט, וֶוען מֶען וִויל דָארְט אָנְקוּמֶען וֶוערְט עֶס בַּאדֶעקְט מִיט אַ וָואלְקְן, עֶס זֶעהְט אוֹיס שְׁוַוארְץ אוּן טוּנְקְל, אָבֶּער מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען, אַז **וּכְבוֹד ה' מָלֵא אֶת הַמִּשְׁכָּן**, אַז בֶּאֱמֶת אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס דָארְט.

דֶערְפַאר וֶוען דוּ זֶעהְסְט אַז עֶס אִיז דִיר שְׁוַוארְץ אוּן פַארְוָואלְקְנְט, דוּ זֶעהְסְט נִישְׁט קְלָאר דִי וֶועג, גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעד זִיךְ אוֹיס צוּ אִים וֶועסְטוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה פְּקוּדֵי ג')

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

זַיין וַוייטֶער, נָאר אִיךְ זָאל מִיר שְׁטֶענְדִיג קָאנְצֶעטְרִירְן אוֹיפְ'ן יֶעצְטִיגְן מִינוּט, וָואס אִיךְ קֶען יֶעצְט טוּהן גוּטֶע זַאכְן בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, אוּן אַזוֹי וֶועל אִיךְ זַייעֶר מַצְלִיחַ זַיין".

דָאס אִיז בֶּאֱמֶת דִי פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ, דִי מִצְוָה פוּן קִידוּשׁ הַחוֹדֶשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אַז דִי אִידְן זָאלְן צֵיילְן דִי חֳדָשִׁים לוֹיט דִי לְבָנָה צוּ וַוייזְן אַז אִידְן זֶענֶען אַזוֹי וִוי דִי לְבָנָה, סוֹף חוֹדֶשׁ וֶוערְט עֶס קְלֶענֶער אוּן קְלֶענֶער, אָבֶּער נָאכְדֶעם וֶוערְט עֶס בַּאנַייעֶט אוּן וֶוערְט צוּרִיק גְרוֹיס, אַזוֹי גֵייט דָאס לֶעבְּן פוּן אַ אִיד, מֶען פִילְט אַסַאךְ מָאל אַז מֶען פַאלְט אוּן פַאלְט, מֶען וֶוערְט קְלֶענֶער אוּן קְלֶענֶער, אָבֶּער נָאכְדֶעם בַּאנַייעֶט מֶען זִיךְ אוּן מֶען וֶוערְט צוּרִיק גְרוֹיס, אַזוֹי גֵייט עֶס אִיבֶּער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

### שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, וַוייל דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן פוּן רֶבִּי'ן, זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּ בַּאנַייעֶן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן סִימָן ו') אַז עֶר אַלֵיין פְּלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי.

אִין זַיינֶע אִינְגֶע יָארְן, וֶוען עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן בְּרוּחֲנִיוּת, הָאט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן נָאר עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל אָנְהֵייבְּן פוּן יֶעצְט, אַזוֹי וִוי אִיךְ וָואלְט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הֵייבּ יֶעצְט אָן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל" אַזוֹי פְּלֶעגְט עֶר טוּהן יֶעדֶע מָאל וָואס עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן.

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז דָאס פְּלֶעגְט זַיין בַּיי אִים יֶעדְן טָאג, אַפָּאר מָאל אַ טָאג, וָואס עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אוּן גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רמ"ז) "אַזַא חִידוּשׁ וִוי מִיר אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען" אֵיינֶע פוּן דִי פְּשָׁטִים וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אִיז, אַז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶער "חִידוּשׁ" טַאקֶע אִין דֶעם עִנְיָן פוּן "הִתְחַדְּשׁוּת", זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּ בַּאנַייעֶן, אוּן דָאס לֶערְנְט דֶער רֶבִּי אוֹיס אוֹיךְ פַאר אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנַייעֶן, אוּן דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר פַּאסִיג וָואס דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, וָואס דֶעמָאלְט'ס אִיז דִי צַייט שְׁטַארְק מְסוּגָל זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן.

אוּן דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ יֶעצְט בַּאנַייעֶן אִין דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן צ"ח) אַז אִין וִוינְטֶער שְׁטַארְבְּן אָפּ אַלֶע בֵּיימֶער אוּן גְרָאזְן, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט זוּמֶער לֶעבְּן זֵיי אַלֶע אוֹיף, אוּן דֶעמָאלְט'ס קֶען זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ מִיטְכַאפְּן מִיט דִי בֵּיימֶער, אוּן זִיךְ אוֹיךְ בַּאנַייעֶן אַזוֹי וִוי זֵיי, אוּן דֶעמָאלְט'ס אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן פֶעלְד צְוִוישְׁן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער, אוּן דֶער אֱמֶת אִיז, אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אֵיין גְרוֹיסֶע פֶעלְד, אוּן מֶען קֶען אִיבֶּערָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער הֶעלְפְן צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תל"ו) אַז יֶעדֶע מָאל וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל מֶען נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְּן מִיט אַ פְרִישְׁקַייט, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הֵייבּ פוּן יֶעצְט אָן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד" וַוייל מָמָה נַפְשָׁךְ, אוֹיבּ בִּיז יֶעצְט אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען גוּט, וֶועט פוּן יֶעצְט זַיין נָאךְ בֶּעסֶער, אוּן אוֹיבּ אִיז בִּיז יֶעצְט נִישְׁט גֶעוֶוען גוּט, דַארְף מֶען דָאךְ זִיכֶער אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, פוּן יֶעצְט צוּ זַיין גוּט.

אוּן מֶען הָאט גֶעזֶעהְן אִין אַלֶע צַייטְן, אַז דִי וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ שְׁטַארְק אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי מִדָּה פוּן "הִתְחַדְּשׁוּת", הָאבְּן גָאר שֶׁענֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, וַוייל וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן שְׁטֶענְדִיג פוּן נֵיי, טוּט מֶען אַלֶעס מִיט אַסַאךְ מֶער חֵשֶׁק אוּן גֶעשְׁמַאק.

### צְוֶועלְף טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ נִיסָן

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִּיקִים (עי' אַגְרָא דְכַלָּה, פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי) אַז דִי עֶרְשְׁטֶע צְוֶועלְף טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ נִיסָן אִיז מְסוּגָל צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת וָואס זָאלְן קוּמֶען אִין דִי צְוֶועלְף חֳדָשִׁים פוּן יָאר, לְמָשָׁל דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג פוּן נִיסָן, בֶּעהְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף חוֹדֶשׁ נִיסָן: "בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן כָּשֵׁר'ן

המשך בדף ד

## פַאְרֶעְנְטְפֶעְרְט דֶעם הַאְרְבְּן רַמְבַּ"ם...

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק ר׳ הֶערְשֶׁעלֶע לִיסְקֶער זי"ע פְלֶעגְט אַסַאךְ עוֹסֵק זַיין פַאר פֶּסַח צוּ זֶעהְן אַז יֶעדֶער אִיד זָאל הָאבְּן אוֹיף פֶּסַח צוּ מַאכְן, עֶר הָאט גֶעהָאלְפְן אָרִימֶעלַייט צוּ קֶענֶען צוּשְׁטֶעלְן אוֹיף יוֹם טוֹב.

אֵיין מָאל הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן: פַאר פֶּסַח גְרֵייט זִיךְ יֶעדֶער אָן מִיט שֵׁיינֶע פִּלְפּוּלִים אוֹ דְרָשׁוֹת לְכָבוֹד פֶּסַח, מֶען פַארֶענְטְפֶערְט שְׁוֶועְרֶע רַמְבַּ"ם׳ס מִיט שֵׁיינֶע פִּלְפּוּלִים, אָבֶּער אִיךְ פַארֶענְטְפֶער אֵיין שְׁוֶועְרֶע רַמְבַּ"ם מִיט מַיינֶע הֶענְט.

דֶער רַמְבַּ"ם פְּסַק׳נְט אַז יֶעדֶער אִיד מוּז עֶסְן מַצוֹת אִין פֶּסַח, אוּן אֲפִילוּ אַן אָרִימַאן מוּז זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען מוּז הָאבְּן מַצוֹת אוֹיף פֶּסַח, ווִידֶער פְּסַק׳נְט דֶער רַמְבַּ"ם אַז מֶען טָאר נִישְׁט גַנָב׳עֶנֶען, אִיז דָאס לִכְאוֹרָה אַ סְתִּירָה, אוֹיבּ טָאר מֶען נִישְׁט גַנָב׳עֶנֶען, ווִי אַזוֹי קֶען דֶער אָרִימַאן הָאבְּן מַצוֹת אוֹיף פֶּסַח?

דֶעם שְׁוֶועְרְן רַמְבַּ"ם פַארֶענְפֶער אִיךְ, וַוייל אִיךְ גֵיי אַרוּם שַׁאפְן גֶעלְט פַאר אָרִימֶעלַייט אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן גֶעלְט אוֹיף פֶּסַח בְּשֶׁפַע, מִמֵילָא אִיז שׁוֹין דֶער רַמְבַּ"ם פַארֶענְטְפֶערְט...

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דָאס אִיז אַ רִיכְטִיגֶע אֶמֶת׳עֶ דְרָשָׁה אוֹיף פֶּסַח, אוּן מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תכ"ט) "מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען דִי הֲלָכוֹת פוּן פֶּסַח דְרַייסִיג טֶעג פַאר פֶּסַח", זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער רְמָ"א "מֶען פִירְט זִיךְ צוּ קוֹיפְן וֵוייץ פַאר אָרִימֶעלַייט אוֹיף פֶּסַח", לִכְאוֹרָה וָואס הָאט אֵיינְ׳ס מִיטְן צְוֵוייטְן? וָואס קוּמְט דֶער רְמָ"א צוּלֵייגְן צוּם שֻׁלְחָן עָרוּךְ?

אָבֶּער מִיט דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע מַעֲשֶׂה פַארְשְׁטֵייט מֶען דָאס זֵייעֶר גוּט, דֶער רְמָ"א קוּמְט זָאגְן אַז דֶער עִיקָר דְרָשָׁה אוֹיף פֶּסַח אִיז צוּ שַׁאפְן גֶעלְט פַאר אָרִימֶעלַייט אוֹיף פֶּסַח.

ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אַרוּיס צוּ הֶעלְפְן אָרִימֶעלַייט אוֹיף פֶּסַח.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"ש חֵלֶק ט"ז, עֶרֶךְ חוֹדֶשׁ נִיסָן)

***

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז גֶעוֶועְן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ עוֹסֵק זַיין צוּ צוּזַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַאר אָרִימֶעלַייט אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן אוֹיף פֶּסַח צוּ מַאכְן.

אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ר"א) "צְדָקָה תַּצִּיל מִמָּוֶת רָאשֵׁי תֵּבוֹת מַצַּת, סְגֻלָּה לְחָלִי נוֹפֵל רַחֲמָנָא לִצְלָן, פִּזַּר נָתַן לָאֶבְיוֹנִים רָאשֵׁי תֵּבוֹת נְפֶ"ל" וָואס מֶען פַארְשְׁטֵייט פוּן דֶעם אַז וֶוען מֶען גֶעבְּט צְדָקָה פַאר אִידְן אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן מַצוֹת אוֹיף פֶּסַח, אִיז עֶס אַ סְגוּלָה נִישְׁט צוּ הָאבְּן דִי מַחְלָה פוּן חוֹלִי נוֹפֵל רַחֲמָנָא לִיצְלָן, סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן סַיי בְּרוּחֲנִיּוּת, נִישְׁט אַרָאפְּצוּפַאלְן בְּרוּחֲנִיּוּת.

(לוּחַ בְּרֶסְלֶב פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי תשע"ג לפ"ק)

***


**אויב ווילט איר זוכה זיין אין די געוואלדיגע מצוה פון געבן קמחא דפסחא, צו קענען אויסצאלן די אלע איינגעשטעלטע במוסדותינו הק׳ אויף יום טוב פסח רופט מו"ה אייזיק אפפעל הי"ו**

**646-302-8957**


# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

## מַעֲשֶׂה ח׳ מֵרַב וּבֵן יָחִיד

### אַרַיינְפִיר

**אִין דִי מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט דֶער רֶבִּי, ווִי שְׁטַארְק דֶער יֵצֶר הָרַע פַארְלֵייגְט זִיךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט גֵיין צוּ אַן אֱמֶת׳ן צַדִיק וָואס קֶען אִים אַרוֹיס הֶעלְפְן זַיין נְשָׁמָה, אוּן אֲפִילוּ אַ טַאטֶע וָואס אִיז גֶעוֶועְן אַ גְרוֹיסֶער רָב, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן ווִי זַיין זוּהן זוּכְט צוּ זַיין מֶער וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן דֶער צַדִיק קֶען אִים הֶעלְפְן, הָאט אִים דֶער טַאטֶע נָאךְ אַלְץ צוּרִיק גֶעהַאלְטְן פוּן גֵיין צוּם צַדִיק, וַוייל דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט זֵייעֶר מוֹרָא פוּנֶעם צַדִיק וָואס קֶען צוּרִיק בְּרֶענְגְן אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר פַארְלֵייגְט עֶר זִיךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, אַז אַ אִיד זָאל נִישְׁט גֵיין צוּם צַדִיק וָואס קֶען אִים הֶעלְפְן.**

***

מַעֲשֶׂה אַמָאל אִיז גֶעוֶועְן אַ רָב, דֶער רָב הָאט קֵיין קִינְדֶער נִישְׁט גֶעהַאט. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעהַאט אַ בֵּן יָחִיד, אוּן עֶר הָאט אִים מְגַדֵל גֶעוֶועְן, אוּן עֶר הָאט אִים חַתּוּנָה גֶעמַאכְט. דֶער בֵּן יָחִיד פְלֶעגְט צוּ זִיצְן אוֹיף אַן אִיבֶּערְשְׁטִיבְּל (אַ שְׁטִיבְּל אוֹיפְ׳ן בּוֹידֶעם) אוּן הָאט גֶעלֶערְנְט אַזוֹי ווִי דֶער סֵדֶר אִיז בַּיי גְבִירִים. אוּן פְלֶעגְט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען תָּמִיד.

נָאר עֶר הָאט בַּיי זִיךְ גֶעפִילְט אַז סֶע פֶעלְט אִים עֶפֶּעס אַ חִסָרוֹן. אוּן הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס. אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעפִילְט קֵיין טַעַם אִין דֶעם לֶערְנֶען אוּן אִין דֶעם דַאוֶונֶען. הָאט עֶר דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר צְוֵויי יוּנְגֶעלַייט. הָאבְּן זֵיי אִים אַן עֵצָה גֶעגֶעבְּן אַז עֶר זָאל פָארְן צוּ דֶעם אוּן דֶעם צַדִיק. אוּן דֶער בֵּן יָחִיד הָאט גֶעטָאן אַ מִצְוָה, וָואס דוּרְךְ דֶער מִצְוָה אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ דֶער בְּחִינָה מָאוֹר הַקָטָן.

\==============================================

## נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן

נָאר עֶר הָאט בַּיי זִיךְ גֶעפִילְט אַז סֶע פֶעלְט אִים עֶפֶּעס אַ חִסָרוֹן. אוּן הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס. אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעפִילְט קֵיין טַעַם אִין דֶעם לֶערְנֶען אוּן אִין דֶעם דַאוֶונֶען. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט מְקוּרָב צוּ אַ צַדִיק פִילְט עֶר נִישְׁט קַיין טַעַם אִין זַיין דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ס׳) אַז עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס פַארְשְׁלָאפְן זֵייעֶרֶע טֶעג אוּן יָארְן, אוּן אֲפִילוּ עֶס זֶעהט אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן ווִי זֵיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי זֵיי דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען, אִיז עֶס אָבֶּער אָן קַיין חִיוּת.

דֶער צַדִיק וֶועקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר גֶעבְּט אַרַיין שֵׂכֶל אוּן חִיוּת אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען אוֹיפְהֵייבְּן אוּן נִישְׁט פַארְשְׁלָאפְן זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן, עֶר זָאל שְׁפִּירְן אַ חִיוּת אוּן אַ גֶעשְׁמַאק אִין זַיין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

הָאט עֶר דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר צְוֵויי יוּנְגֶעלַייט. הָאבְּן זֵיי אִים אַן עֵצָה גֶעגֶעבְּן אַז עֶר זָאל פָארְן צוּ דֶעם אוּן דֶעם צַדִיק. אַ אִיד דַארְף הָאבְּן חֲבֵרִים מִיט וֶועם זִיךְ דוּרְכְצוּשְׁמוּעֶסְן, אַז זֵיי זָאלְן אִים קֶענֶען גֶעבְּן גוּטֶע עֵצוֹת אִין עֲבוֹדַת ה׳, דִי גְמָרָא זָאגְט (תַּעֲנִית ז.) "אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ זִיךְ גֶעלֶערְנְט פוּן מַיינֶע רֶבִּי׳ס, אָבֶּער נָאךְ מֶער הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט פוּן מַיינֶע חֲבֵרִים", וַוייל מִיט אַ חַבֵר אִיז זִיךְ גְרִינְגֶער אַדוּרְךְ צוּ שְׁמוּעֶסְן, אוּן פוּן אַ גוּטֶע חַבֵר קֶען מֶען הֶערְן גוּטֶע עֵצוֹת ווִי אַזוֹי אוּמְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן.

אוּן דֶער בֵּן יָחִיד הָאט גֶעטָאן אַ מִצְוָה, וָואס דוּרְךְ דֶער מִצְוָה אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ דֶער בְּחִינָה מָאוֹר הַקָטָן. עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַמָאל אַ מִצְוָה לְשֵׁם שָׁמַיִם, אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ אַ בְּחִינָה פוּן אַ מָאוֹר הַקָטָן, דָאס מֵיינְט אַז נְשָׁמָה וֶוערְט מְסוּגָל צוּ מְקַבֵּל זַיין פוּן אַ מָאוֹר הַגָדוֹל.

(נהרי אפרסמון)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

המשך פון דף ב

פֶּסַח, אִיךְ זָאל מְקַיֵּים זַיין אַלֶע מִצְוֹת פוּן פֶּסַח מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן חַס וְשָׁלוֹם קַיין בְּרֶעקֶעלֶע חָמֵץ אִין יוֹם טוֹב פֶּסַח, אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק דֶעם חוֹדֶשׁ, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף אִין דֶעם חוֹדֶשׁ" אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דִי צְוֵוייטֶע טָאג בֶּעהְט מֶען אוֹיף חוֹדֶשׁ אִיָיר "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן סְפִירָה בִּשְׁלֵימוּת, אִיךְ זָאל מִיר פְרֵייעֶן אִין לַ"ג בָּעוֹמֶר", דִי דְרִיטֶע טָאג בֶּעהְט מֶען אוֹיף חוֹדֶשׁ סִיוָן, "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מְקַבֵּל זַיין דֶעם יוֹם טוֹב שְׁבוּעוֹת וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אִיךְ זָאל פוּן פְרִישׁ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה מִיט פְרֵייד", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בֶּעהְט מֶען אוֹיף יֶעדְן חוֹדֶשׁ, לוֹיט יֶענֶעם חוֹדֶשׁ, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַ לִיכְטִיגֶע גֶעשְׁמַאקֶע יָאר.

מֶען פִּירְט זִיךְ צוּ לֵיינֶען דִי עֶרְשְׁטֶע צְוֶועלְף טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ נִיסָן דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי נְשִׂיאִים, יֶעדְן טָאג אַן אַנְדֶערֶע נָשִׂיא, מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דָאס לֵיינֶען דִי פַּרְשַׁת הַנְּשִׂיאִים אִיז מְסוּגָל פַאר אַלֶע מִינֵי יְשׁוּעוֹת, אוּן סְפֶּעצִיעֶל אִיז עֶס מְסוּגָל פַאר שִׁידוּכִים אוּן פַאר שָׁלוֹם בַּיִת.

לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת חָתָן חֵלֶק ב' סִימָן ו') אַז דִי פַּרְשָׁה פוּן נְשִׂיאִים אִיז מְסוּגָל פַאר אַ שִׁידוּךְ, אוּן דָאס מֵיינְט שׁוֹין אוֹיךְ פַאר שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן דֶערְפַאר קֶען מֶען יֶעצְט גָאר שְׁטַארְק אוֹיס'פּוֹעֵל'ן שִׁידוּכִים אוּן שָׁלוֹם בַּיִת.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נִיצְט אוֹיס דֶעם חוֹדֶשׁ וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן בֶּעהְט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז
עֶרֶךְ פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ - חוֹדֶשׁ נִיסָן)

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

### קמחא דפסחא קאמפיין אין פולן שוואונג

ווי געמאלדן די פארגאנגענע וואך, האט מען שוין אנגעהויבן די "קמחא דפסחא קאמפיין", אזוי ווי אלע יארן, אויסצוצאלן אלע איינגעשטעלטע פון די מוסדות פאר פסח, אז זיי זאלן קענען צוגיין צום יום טוב מיט הרחבת הדעת.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף האט זיך דער עולם זייער ווארים אנגערופן צום קאמפיין, עס איז אריינגעקומען באדייטענע סכומים.

אבער אין הקומץ משביע, מען קען ניצן נאך געלט, און דערפאר ווער עס וויל זיך נאך משתתף זיין, קען זיך מעלדן צום חשוב'ן עסקן העוסק במלאכת הקודש, מו"ה אייזיק אפפעל הי"ו, אויפ'ן נומער 646-302-8957.

והלך לפניך צדקיך!






### סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
החתן **עזריאל יודא פאפלאנאש** נ"י
מתלמידי ישבתינו הק'
וואס איז א חתן געווארן למזל טוב
דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד דורות ישרים ומבורכים, אמן

### סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
החתן **ישראל מאיר גפן** נ"י
מתלמידי ישבתינו הק'
צו די שמחת תנאים למזל טוב
דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד דורות ישרים ומבורכים, אמן


### ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב
**27 Skillman St.**
**347-977-7994** אדער רופט

### קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א**
אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ
**212-444-9191**


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת ויקרא, ה' ניסן, שנת תשע"ג לפ"ק
שנה 2, גליון 24 (74)


**זמנים**
הדלקת הנרות......................6:45
מוצש"ק..............................8:17
סוף זמן ק"ש.........................9:29

**שיעורים כסדרן**
בבלי...........................עירובין ח'
ירושלמי........................נזיר מ"ב
תוספתא..............נגעים פרק ב'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר ה' אֵלָיו מֵאֹהֶל מוֹעֵד לֵאמֹר**, רַשִׁ"י זָאגְט אַז דֶער קוֹל אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי אוֹיעֶרְן פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, נָאר עֶר הָאט עֶס גֶעהֶערְט, אוּן אַלֶע אִידְן הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעהֶערְט.

מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א') אַז אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקֶען אוֹיף דִי שֵׂכֶל פוּן יֶעדֶע זַאךְ. דָאס מֵיינְט, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט צוּלֵייגְן קָאפּ וֶועט עֶר בַּאמֶערְקְן, וִוי אַלֶע פַּאסִירוּנְגֶען וָואס פַּאסִירְן אַרוּם אִים, זֶענֶען רְמָזִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ אִים, וַוייל אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דָאךְ דִי וֶועלְט, מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֶענְדִיג רְמָזִים פַארְן מֶענְטְשׁ, אִים מְקָרֵב צוּ זַיין צוּ אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּפְט צוּם מֶענְטְשׁ; **"קוּם צוּ מִיר" "רֶעד צוּ מִיר"** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן אִיד אִין יֶעדְן מַצָּב, אוּן וִויל אִים נָאר מְקָרֵב זַיין צוּ זִיךְ, אוּן אִים הֶעלְפְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, "**וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה**", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּפְט שְׁטֶענְדִיג צוּ יֶעדְן אִיד, דוּרְךְ דִי רְמָזִים וָואס עֶר שִׁיקְט אִים, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ לֵייגְט צוּ קָאפּ דֶערְצוּ, דֶעמָאלְט'ס "**וַיְדַבֵּר ה' אֵלָיו**", וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוייטֶער רֶעדְן צוּ אִים, אוּן אִים מְקָרֵב זַיין.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּקְרָא א)

***

**וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה**, דָאס וָוארְט "וַיִּקְרָא" שְׁטֵייט מִיט אַ קְלֵיינֶע אַלֶף.

מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ר"נ) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעם פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הָאט עֶר נִישְׁט קַיין יִסוּרִים, סַיי גֵייסְטִישֶׁע יִסוּרִים הָאט עֶר זִיכֶער נִישְׁט, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעם פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּטְן, אוּן אֲפִילוּ פִיזִישֶׁע יִסוּרִים וָואס דָאס מוּז מֶען פִילְן, אִיז עֶס אָבֶּער אוֹיךְ אַסַאךְ גְרִינְגֶער, וַוייל לְמַעֲשֶׂה וֵוייסְט עֶר אַז עֶס קוּמְט אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זַיין טוֹבָה.

וִוידֶער אֵיינֶער וָואס טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ מְוַותֵּר זַיין ~

דִי מִדָּה פוּן וַתְּרָנוּת אִיז גָאר אַ טֵייעֶרֶע מִדָּה, וָואס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג אִין לֶעבְּן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ מְוַותֵּר זַיין שְׁטֶענְדִיג, שְׁפָּארְט עֶר זִיךְ אֵיין גָאר אַסַאךְ צָרוֹת אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ אִין זַיין לֶעבְּן.

אוּן סְפֶּעצִיעֶל פוּן מַחְלוֹקֶת, קֶען מֶען זִיךְ נָאר אַרוֹיס דְרֵייעֶן דוּרְךְ דִי מִדָּה פוּן וַתְּרָנוּת, אוּן צוּם סוֹף זִיגְט נָאר דֶער וָואס הָאט מְוַותֵּר גֶעוֶוען.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל נִישְׁט מְוַותֵּר זַיין פַאר אַ צְוֵוייטְן, עֶר הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק בַּיי זַיינְ'ס, וֶועט עֶר זִיךְ נָאר פַארְפְּלָאנְטֶערְן מִיט מֶער אוּן מֶער צָרוֹת, פוּן זִיךְ טַעֲנָה'נֶען גֵייט עֶס וַוייטֶער בִּיז עֶס וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת, אוּן צוּם סוֹף קֶען אוֹיךְ זַיין אַז דוּ וֶועסְט מוּזְן בַּעַל כָּרְחוֹ טוּהן וִוי אַזוֹי יֶענֶער הָאט גֶעוָואלְט.

אָבֶּער אֵיינֶער וָואס הָאט שֵׂכֶל, אוּן עֶר זוּכְט נִישְׁט אוֹיפְצִיוַוייזְן פַאר יֶענֶעם אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט, נָאר פַארְקֶערְט, אֲפִילוּ עֶר הַאלְט נִישְׁט אַזוֹי וִוי יֶענֶעם, גֶעבְּט עֶר אָבֶּער יֶענֶעם גֶערֶעכְט, שְׁפָּארְט עֶר זִיךְ אֵיין אַסַאךְ מַחְלוֹקֶת, אוּן אַסַאךְ מָאל וֶועט צוּם סוֹף יֶענֶער אוֹיךְ נָאכְגֶעבְּן, נָאכְדֶעם וָואס דוּ הָאסְט אִים גֶעגֶעבְּן גֶערֶעכְט.

דִי מִדָּה פוּן וַתְּרָנוּת קֶען מֶען נִיצְן אִין יֶעדֶע חֵלֶק פוּן לֶעבְּן, סַיי אִינְדֶערְהֵיים מִיט אַ וַוייבּ, וֶוען דֶער מַאן וִויל דַוְקָא אוֹיפְוַוייזְן אַז נָאר עֶר אִיז דֶער בַּעַל הַבַּיִת, אוּן עֶר וִויל נִישְׁט מְוַותֵּר זַיין פַאר זַיין וַוייבּ, אָדֶער פַארְקֶערְט, וֶוען דִי פְרוֹי וִויל נִישְׁט מְוַותֵּר זַיין פַארְן מַאן, וֶועלְן זֵיי בֵּיידֶע גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּהן מִיט דֶעם מֶער וִוי מַחְלוֹקֶת אוּן צָרוֹת אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ,

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

אִים יִסוּרִים, וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן, אוּן הָאט נִישְׁט מִיט וָואס זִיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, "וַיִקָר", אָן דִי אַלֶף, מֵיינְט "**עֶס הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן**", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז עֶס טְרֶעפְט זִיךְ זַאכְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר גְרוֹיסֶע צָרוֹת, אָבֶּער וֶוען מֶען לֵייגְט אַרַיין דֶעם קְלֵיינֶעם אַלֶף, דָאס מֵיינְט דֶעם "**אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם**" - **דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**, דֶעמָאלְט'ס אִיז עֶס "**וַיִקְרָא**" - "**עֶר הָאט גֶערוּפְן**", עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּפְט אִים, אוּן עֶר קוּמְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעהט אַז עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער צָרוֹת, הָאט עֶר נָאר אֵיין עֵצָה, צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּ אִים אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דֶעמָאלְט'ס וֶועט עֶר אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִקְרָא ב)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

דֶערְפַאר אִיז דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה שְׁטֶענְדִיג צוּ מְוַותֵּר זַיין, וַוייל נָאר אַזוֹי אִיז מֶען מַצְלִיחַ.

אוּן אֲפִילוּ בַּיי קִינְדֶער דַארְף מֶען אוֹיךְ נִיצְן דִי מִדָה פוּן וַתְּרָנוּת, אַוַדַאי דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי עֶס צוּ נִיצְן, וֶוען דֶער קִינְד שְׁפִּילְט מִיט פֵייעֶר אָדֶער טוּט אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט גוּט פַאר אִים, דֶעמָאלְט'ס קֶען מֶען נִישְׁט מְוַותֵּר זַיין, אָבֶּער מֶען טָאר אוֹיךְ נִישְׁט גֵיין מִיט אַ שְׁטַארְקֶע שְׁטְרֶענְגְקֵייט, עֶס זֶענֶען דָא לַיידֶער אַסַאךְ קִינְדֶער וָואס פַאלְן אַוֶועק צוּלִיב דֶעם, מֶען דַארְף גֵיין מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן וַתְּרָנוּת, אַזוֹי וֶועט הֶערְשְׁן אַ גֶעשְׁמַאקֶע אַטְמָאסְפֶער אִינְדֶערְהֵיים, אוּן דִי קִינְדֶער וֶועלְן לִיבּ הָאבְּן דָארְט צוּ זַיין.

אוּן אַזוֹי אוֹיךְ מִיט שְׁכֵנִים, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מַמָשׁ פַיינְט דִי שְׁכֵנִים בִּיז מֶען רֶעדְט נִישְׁט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, אוּן דָאס אַלֶעס אִיז צוּלִיבּ שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים, צוּלִיבּ אַ גַארְבִּידְזְשׁ בֶּעג וָואס מֶען הָאט אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוֹיף דִי נִישְׁט רִיכְטִיגֶע פְּלַאץ, שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כ"ז י') טוֹב שָׁכֵן קָרוֹב מֵאָח רָחוֹק, אַ בְּרוּדֶער וָואס וואוֹינְט אִין יֶענֶע עֶק וֶועלְט, וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט אִים? אָבֶּער אַ שָׁכֵן מִיט וֶועם מֶען וואוֹינְט טִיר בַּיי טִיר, קֶען מֶען הָאבְּן פוּן אִים אַסַאךְ מֶער נִיצְן, אוּן דֶערְפַאר לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט צוּ קְרִיגְן צוּלִיבּ קְלֵיינֶע נַארִישְׁקַייטְן, עֶנְדֶערְשׁ זֵיי מְוַותֵּר, אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט מֶענְטְשְׁן אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, אֵייבִּיג אִיז גוּט עֶנְדֶערְשׁ צוּ מְוַותֵּר זַיין, וַוייל אַזוֹי הָאט מֶען אַ בֶּעסֶערֶע לֶעבְּן.

אוּן דֶער אֱמֶת אִיז אַז מִיט זִיךְ אַלֵיינְ'ס דַארְף מֶען אוֹיךְ זַיין אַ וַתְּרָן, פַארְוָואס אִיז אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט פְרֵיילִיךְ? אַ אִיד וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ טוּהְן מִצְוֹת, עֶר גֵייט מִיט צִיצִית, עֶר הָאט אַ מְזוּזָה אוֹיפְ'ן טִיר, עֶר לֵייגְט תְּפִלִין, עֶר הָאט אַ בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, עֶר עֶסְט נָאר כָּשֵׁר'ס, עֶר הִיט שַׁבָּת, עֶר דַאוֶוענְט יֶעדְן טָאג, עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג, אַזַא מֶענְטְשׁ וָואלְט דָאךְ גֶעדַארְפְט זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ טוּהְן דֶעם רָצוֹן ה', פַארְוָואס זָאל עֶר זַיין טְרוֹיעֶרִיג?

נָאר דָאס קוּמְט פוּן דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּ שְׁטְרֶענְג צוּ זִיךְ אַלֵיינְ'ס, עֶר פַארְלַאנְגְט פוּן זִיךְ מֶער פוּן וִויפִיל עֶר קֶען אוּן עֶר דַארְף טוּהְן, אוּן דָאס מַאכְט אִים טְרוֹיעֶרִיג, אָבֶּער וֶוען מֶען וָואלְט מְוַותֵּר גֶעוֶוען פַאר זִיךְ אַלֵיין, מֶען וָואלְט נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען מִיט זִיךְ מִיט אַזַא שְׁטְרֶענְגְקֵייט, וָואלְט מֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

### דִי דְרִיטֶע מָאל רֶעגְט מֶען זִיךְ

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל אִים בַּאדִינֶען בְּחִנָם, אֲפִילוּ עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען גֶענוּג אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען גְרֵייט אִים צוּ בַּאדִינֶען, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהַאט אַ בַּאצָאלְטֶער שַׁמָשׁ וָואס הָאט אִים בַּאדִינְט.

אֵיינְמָאל אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ תַּלְמִיד צוּם רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן וִוי דִי גַאנְצֶע הוֹיז אִיז פִיל מִיט רוֹיךְ, עֶר אִיז גְלַייךְ גֶעלָאפְן צוּם שַׁמָשׁ אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים "וָואס גֵייט פָּאר מִיט דִיר? דֶער רֶבִּי לַיידְט אוֹיף דִי לוּנְגֶען, אוּן דִי לָאזְט דִי גַאנְצֶע הוֹיז זַיין פִיל מִיט רוֹיךְ?!" דֶער רוֹיךְ אִיז גֶעקוּמֶען פוּן עֶפֶּעס וָואס הָאט צוּגֶעבְּרֶענְט אוֹיפְ'ן אוֹיוְון, דֶער תַּלְמִיד הָאט עֶס גְלַייךְ אַרָאפְּגֶענוּמֶען, אוּן גֶעעֶפֶענְט דִי פֶענְסְטֶער'ס אַז דִי שְׁטוּבּ זָאל זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער תַּלְמִיד אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן וִוי דֶער רֶבִּי לִיגְט אוֹיפְ'ן בֶּעט רוּהִיגֶערְהֵייט, אַזוֹי וִוי עֶס וָואלְט גָארְנִישְׁט גֶעוֶוען, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "פַארְוָואס הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעזָאגְט פַארְן שַׁמָשׁ אַז עֶר זָאל קֶער נֶעמֶען פוּן דִי רוֹיךְ?" הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל בֶּעהְט מֶען, דִי צְוֵוייטֶע מָאל שְׁרַייט מֶען, אוּן דִי דְרִיטֶע מָאל רֶעגְט מֶען זִיךְ, אוּן אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט אָנְקוּמֶען צוּ דִי דְרִיטֶע מָאל, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי עֶרְשְׁטֶע"; דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶער יְסוֹד, עֶס לוֹינְט זִיךְ אֵייבִּיג צוּ מְוַותֵּר זַיין בַּיי דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל, אוּן מִיט דֶעם זִיךְ אַיינְשְׁפָּארְן אַסַאךְ מַחְלוֹקֶת אוּן צַעַר שְׁפֶּעטֶער.

אָבֶּער פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס אַלֶעס אִיז נָאר בַּיי גַשְׁמִיוּת'דִיג זַאכְן, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רוּחְנִיוּת, צוּ אִידִישְׁקַייט, דֶעמָאלְט'ס טָאר מֶען נִישְׁט מְוַותֵּר זַיין, מֶען דַארְף גֵיין מִיט שְׁטַארְקַייט בִּיזְן סוֹף, וַוייל אוֹיבּ מֶען הֵייבְּט אָן מְוַותֵּר צוּ זַיין, גֵייט עֶס וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער, אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶס קֶען צוּקוּמֶען צוּ מַחְלוֹקֶת, וָואס קֶען מֶען טוּהְן? מֶען טָאר נִישְׁט מְוַותֵּר זַיין אוֹיף אִידִישְׁקַייט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ז' וְחֵלֶק י"ב עֶרֶךְ וַתְּרָן)

# אַשֶׁר בַּנַחַל

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א') אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען קוּקְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ נָאר אוֹיפְן רוּחְנִיוּת פוּן דִי זַאךְ, אוּן דָאס וֶועט אִים שְׁטֶענְדִיג לַייכְטְן, אוּן דָאס אִיז דֶער וֶועג פוּן דִי צַדִיקִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ד') "וְאֹרַח צַדִיקִים כְּאוֹר נֹגַהּ הוֹלֵךְ וָאוֹר עַד נְכוֹן הַיּוֹם" דָאס דִי וֶועג פוּן דִי צַדִיקִים זֵיי לַייכְט שְׁטֶענְדִיג דָאס לֶעכְטִיגְקֵייט אַזוֹי וִוי אִינְמִיטְן טָאג, דָאס הֵייסְט פוּן יֶעדֶע זַאךְ זֶעהְן זֵיי אַרוֹיס גֶעטְלִיכְקֵייט, וֶוען אַ אִיד הַאלְט דֶערְבַּיי דֶעמָאלְט קֶען אִים קַיין שׁוּם זַאךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, אוּן וִויאַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם? דוּרְךְ קִיּוּם מִצְוֹת מַעֲשִׂיּוֹת, אַז אַ אִיד גֵייט מִיט צִיצִית אוּן לֵייגְט תְּפִילִין יֶעדְן טָאג, אוּן עֶר הָאט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים אַ בָּארְד מִיט פֵּיאוֹת וְכוּ', אוּן עֶר עֶסְט כָּשֵׁר וְכוּ', אוּן הִיט שַׁבָּת וְכוּ', דִי אַלֶע מִצְוֹת וֶוען עֶר טוּט דָאס מִיט אַ שִׂמְחָה, דוּרְכְדֶעם וֶוערְט דֶער גוּף נִזְדַכֵּךְ אוּן שְׁפִּירְט גֶעטְלִיכְקֵייט, אוּן עֶס וֶוערְט שָׁלוֹם צְוִוישְׁן גוּף אוּן דִי נְשָׁמָה, אוּן עֶר אִיז אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, אָבֶער אֵיינֶער וָואס עֶר פְרֵיידְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי מִצְוֹת וְכוּ', עֶס אִיז בַּיי אִים אַזוֹי וִוי מִצְוֹת אֲנָשִׁים מְלֻמָּדָה וְכוּ', אִיז עֶר נִישְׁט קַיין צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, שְׁטֶענְדִיג דְרֵייט עֶר זִיךְ אַרוּם מִיט קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וְכוּ', אוּן עֶר אִיז פַארְבִּיטֶערְט אוֹיף אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ',

המשך בדף ד

# נַחֲלֵי תוֹרָה

**הַלָּלוּ שׂוֹחֲקוֹת וְהַלָּלוּ עֲצֵבוֹת** (עֵירוּבִין ג' ע"ב)

דִי גְרֶעסֶערֶע טְפָחִים הֵייסְן שׂוֹחֲקוֹת אוּן דִי קְלֶענֶערֶע טְפָחִים הֵייסְן עֲצֵבוֹת. פַארְוָואס מֵיינְט שׂוֹחֲקוֹת בְּרֵייטֶער, אוּן עֲצֵבוֹת שְׁמָאלֶער?

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן אוֹיפְגֶעלֵייגְט, דֶעמָאלְט'ס אִיז זַיין מֹחַ מֶער בְּרֵייט אוּן עֶר נֶעמְט נִישְׁט אַלֶעס אַזוֹי שְׁטַארְק צוּם הַארְצְן, אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז טְרוֹיעֶרִיג אוּן בְּעַצְבוּת אִיז זַיין מֹחַ שְׁמָאל, עֶר נֶעמְט אַלֶעס זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּם הַארְצְן, אוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיגְקַייט רֶעגְט אִים אוֹיף.

***

**מִיעוּט וְאֵינוֹ מַקְפִּיד אֵינוֹ חוֹצֵץ** (עֵירוּבִין ד' ע"ב)

מִיטְן רֶבִּי'נְס הַקְדָמוֹת קֶען מֶען זָאגְן אַז דִי גְמָרָא אִיז מְרַמֵּז אַז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז צוּ זַיין נָאר אַ מִיעוּט וְאֵינוֹ מַקְפִּיד.

מִיעוּט: לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז "אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט", מֶען דַארְף זִיךְ מְחַיֵּ' זַיין מִיט יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט וָואס מֶען כַאפְּט אַרַיין צוּ טוּהְן אַ גוּטֶע זַאךְ.

וְאֵינוֹ מַקְפִּיד: אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַזוֹי מַקְפִּיד זַיין אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ.

דֶעמָאלְט'ס אִיז אֵינוֹ חוֹצֵץ וְטָהוֹר, וֶועט עֶר זַיין הֵיילִיג אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן נִישְׁט זַיין אָפְּגֶעטֵיילְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נ.פ.

***

מען קען ארײנשיקן חידושים והערות געבויעט על פי דעת רבינו אין אלע מקצועי התורה פאר דעם נייעם אפטיילונג "נחלי תורה", אויף אימעיל: breslevcenter@gmail.com

אדער קען מען לאזן א מעסידזש אויפ'ן קול אמונה טעלעפאן ליין 19# 212-444-9191

# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

## מַעֲשֶׂה ח' מֵרַב וּבֵן יָחִיד

### פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר

אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער בֵּן יָחִיד אוּן הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט זַיין פָאטֶער. בַּאֲשֶׁר עֶר פִילְט נִישְׁט קֵיין טַעַם אִין זַיין עֲבוֹדָה (כְּלוֹמֶר אִין דֶעם וָואס עֶר דִינְט גָאט דְהַיְינוּ דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן אַנְדֶערֶע מִצְוֹת) אוּן סֶע גֵייט אִים אָפּ (עֶס פֶעלְט אִים עֶפֶּעס) אוּן עֶר וֵייסְט נִישְׁט וָואס. בְּכֵן, וִויל עֶר פָארְן צוּ דֶעם צַדִיק (וָואס מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט כַּנַ"ל) הָאט אִים דֶער פָאטֶער גֶעעֶנְפֶערְט. וִוי קוּמְסְטוּ צוּ אִים צוּ פָארְן דוּ בִּיסְט זִיךְ מֶער לַמְדָן פוּן אִים, אוּן מֶער מְיוּחָס פוּן אִים. סֶע שְׁטֵייט דִיר נִישְׁט אָן (עֶס פַּאסְט נִישְׁט פַאר דִיר) צוּ אִים צוּ פָארְן. גֵיי אַוֶועק פוּן דֶעם וֶועג. בִּיז דֶער פָאטֶער הָאט אִים נִישְׁט דֶערְלָאזְט צוּ פָארְן צוּם צַדִיק.

==================================

# נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן

הָאט אִים דֶער פָאטֶער גֶעעֶנְפֶערְט. וִוי קוּמְסְטוּ צוּ אִים צוּ פָארְן דוּ בִּיסְט זִיךְ מֶער לַמְדָן פוּן אִים, אוּן מֶער מְיוּחָס פוּן אִים. סֶע שְׁטֵייט דִיר נִישְׁט אָן (עֶס פַּאסְט נִישְׁט פַאר דִיר) צוּ אִים צוּ פָארְן. גֵיי אַוֶועק פוּן דֶעם וֶועג. בִּיז דֶער פָאטֶער הָאט אִים נִישְׁט דֶערְלָאזְט צוּ פָארְן צוּם צַדִיק. דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע טָעוּת וָואס דֶער טַאטֶע הָאט דָא גֶעמַאכְט, אַז דֶער זוּהְן וִויל גֵיין צוּ אַ צַדִיק וָואס קֶען אִים הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל פִילְן אַ טַעַם אִין אִידִישְׁקַייט, אִין זַיין תוֹרָה וּמִצְוֹת, פַארְוָואס זָאל עֶר אִים צוּרִיק הַאלְטְן?

אוּן דָאס זֶעהְט מֶען לַיידֶער אַסַאךְ הַיינְטִיגֶע צַייטְן, פוּן אֵיין זַייט אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער חוּרְבָּן, דֶער סַמַךְ-מֶם שְׁלֶעפְּט אַוֶועק אַסַאךְ יוּנְגְוַוארְג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס פַאלְן אַוֶועק אַסַאךְ קִינְדֶער פוּנֶעם אִידִישְׁן וֶועג, אוּן וֶוען אַ קִינְד וִויל גֵיין צוּ אַ צַדִיק וָואס עֶר פִילְט אַז עֶר וֶועט דָארְט מַצְלִיחַ זַיין, הַאלְט אִים דֶער טַאטֶע אָפּ, בְּלוֹיז צוּלִיבּ דֶעם וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט פוּנֶעם זֶעלְבְּן קְרֵייז וִוי דֶער טַאטֶע אִיז אוֹיפְגֶעוַואקְסְן.

פַארְוָואס זָאל זִיךְ דֶער טַאטֶע נִישְׁט פְרֵייעֶן אַז זַיין זוּהְן אִיז עֶרְלִיךְ אוּן עֶר וִויל זַיין וואוֹיל אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וָואס מַאכְט אַ חִילוּק צוּ וֶועלְכֶע חֲסִידוּת עֶר וִויל גֵיין, אָדֶער אוֹיבּ עֶר וִויל גֵיין צוּ אַ לִיטְוִוישֶׁע רֹאשׁ יְשִׁיבָה? דִי גְמָרָא זָאגְט (עֲבוֹדָה זָרָה י"ט.) לְעוֹלָם יִלְמַד אָדָם בְּמָקוֹם שֶׁלִּבּוֹ חָפֵץ, אַ מֶענְטְשׁ זָאל אֵייבִּיג לֶערְנֶען בַּיי אַ פְּלַאץ וִוי עֶר וִויל, בַּיי אַ פְּלַאץ וִוי עֶר פִילְט אַז דָארְט וֶועט עֶר הָאבְּן אַ תַּכְלִית אִין דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶערְפַאר וֶוען אַ טַאטֶע זֶעהְט אַז זַיין זוּהְן צִיעְט צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ, וִוי לַאנְג דֶער זוּהְן הִיט תוֹרָה וּמִצְוֹת, אוּן עֶר וִויל זַיין וואוֹיל, זָאל עֶר אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן פוּן אַהִין גֵיין.

אָבֶער לְמַעֲשֶׂה זֶעהְט מֶען עֶלְטֶערְן, וָואס צוּלִיבּ אַבִּיסְל כָּבוֹד אוּן גַאֲוָה, אַז עֶס פַּאסְט נִישְׁט צוּ גֵיין דָארְט, הַאלְטְן זֵיי צוּרִיק דִי קִינְדֶער, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער טָעוּת פוּן דֶעם טַאטֶע אוֹיךְ, אַז עֶר הָאט צוּרִיק גֶעהַאלְטְן זַיין זוּהְן פוּן גֵיין צוּ יֶענֶעם צַדִיק מִיט דִי נַארִישֶׁע תֵּירוּץ אַז עֶס פַּאסְט נִישְׁט.

(פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה)

(נהרי אפרסמון)

## אַשֶׁר בַּנַּחַל

שְׁטֶענְדִיג אִיז עֶר טְרוֹיעֶרִיג אוּן בְּלָאזְט אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וְכוּ׳, אַזוֹי וִוי יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז אִים שׁוּלְדִיג וְכוּ׳, דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער צָרָה, דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַיין מְקוּרָב צוּ אַן אֱמֶתְ׳ן צַדִיק, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ט׳) אַז דֶער אֱמֶתֶ׳ר צַדִיק קֶען אַרָאפְּבְּלָאזְן פוּן מֶענְטְשׁ דֶעם מָרָה שְׁחוֹרָה וָואס עֶס פַאלְט אוֹיף אִים אַרוֹיף וְכוּ׳, אוּן גֶעט אַכְטוּנְג אוֹיף אִים עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט צוּפִיל צוּפֵייעֶרְן, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין בַּיי אִים קַיין פֶּן יֶהֶרְסוּ, נָאר עֶר זָאל זַיין אַ צוּפְרִידֶענֶער אוּן גֶעלַאסֶענֶער מֶענְטְשׁ, עַיֵּין שָׁם.

(אשר בנחל באידיש חלק ד׳ מכתב תע״ז)




## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳ ~

### גרויס פרייד הערשט אין ישיבה צו נאך א חתן

**א פרישע חתן אין רעזולטאט פון מסכת תענית**

גרויס פרייד הערשט ביי די בחורים אין ישיבה, צו דעם פרישן חתן אין רעזולטאט פון מסכת תענית.

דאס מאל איז עס הבחור החתן יואל לאנדא נ״י בן מו״ה נחמן יודא הי״ו וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב״ג בת מו״ה יודא לייב פישער הי״ו פון קרית יואל.

ווי מיר האבן שוין אסאך מאל געשריבן, האט מוהרא״ש צוגעזאגט פאר די בחורים אז ווער עס וועט ענדיגן פערציג מאל מסכת תענית וועט א חתן ווערן, און זייט דעמאלט׳ס זענען שוין צענדליגע בחורים חתנים געווארן אין דעם זכות. חתן דידן האט זוכה געווען צו ענדיגן איבער 150 מאל מסכת תענית, און יעצט איז ער א חתן געווארן למזל טוב.

וואונטשן מיר אים אלע אז ער זאל זוכה זיין אויפצושטעלן א בית נאמן בישראל, עס זאל זיין א בנין עדי עד מיט דורות ישרים ומבורכים, אמן.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

***

### מוהרא״ש שליט״א האט זיך צוריק געקערט פון ארץ ישראל

מיטן אייבערשטנ׳ס הילף האט זיך מוהרא״ש שליט״א צוריק געקערט פון ארץ ישראל די וואך, נאכן ווײלן דארט פאר א וואך צו מחזק זיין די ארטיגע אידן.

די וואך דאנערשטאג איז שוין פארגעקומען די וועכטנליכע ליל שישי שיעור ווי געווענטליך.

**בזמן שהצדיק בעיר הוא הודה הוא זיוה הוא הדרה!**

---

### סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו״ה בנציון יאקאבאוויטש הי״ו**

מלמד במוסדותינו הק׳

**און פאר מרת יאקאבאוויטש תחי׳**

טיטשטער אין ״בית פיגא״

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז זיי זאלן זעהן אסאך נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער, אמן

---

### סימן טוב ומזל טוב יהא לנו ולכל ישראל

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו״ה מאיר לעבאוויטש הי״ו**

צו די געבורט פון אן אייניקל למזל טוב

ר׳ מאיר איז גאר שטארק איבערגעגעבן פאר אונזערע מוסדות הק׳, ער ברענגט און טראגט די קינדער יעדן טאג מיט גרויס איבערגעגעבנקייט צו קענען לערנען די הייליגע תורה, זאל דער אייבערשטער העלפן אז די גרויסע זכות פון די תינוקת של בית רבן זאל אויף אים מגין זיין אז ער זאל האבן אסאך אידיש נחת פון דעם אייניקל און פון אלע קינדער און אייניקלעך, דורות ישרים ומבורכים, מיט אסאך געלט, און סייעתא דשמיא.

וואונטשט

**הנהלת מוסדות היכל הקודש וויליאמסבורג**

---

### סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**החתן עזריאל יודא פאפלאנאש נ״י**

מתלמידי ישבתינו הק׳

צו זיין שמחת תנאים למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד דורות ישרים ומבורכים, אמן

---

### סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**החתן יואל לאנדא נ״י**

מתלמידי ישבתינו הק׳

וואס איז א חתן געווארן למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד דורות ישרים ומבורכים, אמן

---

### מזלא טבא וגדיא יאה

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו״ה יוסף אלי׳ ג׳ברא נ״י**

צו די שמחת בר מצוה פון זיין זוהן

**הבחור יצחק דניאל נ״י**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער, אמן

---

### קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים פון כ״ק מוהרא״ש שליט״א**

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

---

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

ווערטעליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות..................6:52
מוצש"ק..........................8:24
סוף זמן ק"ש....................9:22

**שיעורים כסדרן**
בבלי.............עירובין ט"ו
ירושלמי..........גיטין ב'
תוספתא..........נגעים פרק ט'

פרשת צו, שבת הגדול, י"ב ניסן, שנת תשע"ג לפ"ק
שנה 2, גליון 25 (75)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**צַו אֶת אַהֲרֹן וְאֶת בָּנָיו לֵאמֹר, זָאגְט רַשִׁ"י אֵין צַו אֶלָּא לָשׁוֹן זֵירוּז, מִיַּד וּלְדוֹרוֹת, אָמַר ר' שִׁמְעוֹן: בְּיוֹתֵר צָרִיךְ הַכָּתוּב לְזָרֵז בְּמָקוֹם שֶׁיֵּשׁ בּוֹ חִסָּרוֹן כִּיס.**

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"א) אַז כְּדֵי אַ מֶענְטְשׁ זָאל קֶענֶען שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר קוֹדֶם הֵיילִיגְן זַיינֶע זִיבְּן לִיכְט אוֹיפְ'ן פָּנִים, וָואס דָאס זֶענֶען: דִי צְוֵויי אוֹיגְן, צְוֵויי אוֹיעֶרְן, צְוֵויי נָאז לֶעכֶער, אוּן דִי מוֹיל, עֶר זָאל זֵיי אַלֶע נִיצְן נָאר אוֹיף גוּטֶע זַאכְן, אוּן נִישְׁט אוֹיף וָואס מֶען טָאר נִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דֶערְפַאר צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַ דֶעקְל פַאר דִי אַלֶע זַאכְן, אַז מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען צוּרִיק הַאלְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, דִי אוֹיגְן הָאבְּן אַ דֶעקְל וָואס מֶען קֶען גְלַייךְ צוּמַאכְן וֶוען עֶס קוּמְט אוּנְטֶער עֶפֶּעס וָואס מֶען טָאר נִישְׁט זֶעהְן.

דִי אוֹיעֶרְן, זָאגְט דִי גְמָרָא (כְּתוּבּוֹת ה.): פַארְוָואס זֶענֶען דִי פִינְגֶערְס שְׁפִּיצִיג? אַז וֶוען מֶען הֶערְט עֶפֶּעס וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, זָאל מֶען גְלַייךְ אַרַיינְלֵייגְן דִי פִינְגֶער אִין דִי אוֹיעֶרְן, אוּן פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע חֵלֶק פוּן דִי אוֹיעֶרְן וֵוייךְ? צוּ קֶענֶען פַארְשְׁטָאפְּן דִי אוֹיעֶרְן וֶוען עֶס קוּמְט אוּנְטֶער אַ זַאךְ וָואס מֶען טָאר נִישְׁט הֶערְן.

דִי מוֹיל, זָאגְט דִי גְמָרָא (עֲרָכִין ט"ו) הָאט צְוֵויי מוֹיעֶרְן דִי צֵיין אוּן דִי לִיפְּן.

ווִידֶער דִי נָאז הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם מוֹיעֶר, דִי נָאז גֵייט אַרוֹיף אוֹיף כַּעַס, **"חֲרוֹן אַף"**, אוּן דָאס הָאט נִישְׁט קַיין דֶעקְל, דִי טֶבַע פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז, אַז עֶר רֶעגְט זִיךְ זַייעֶר שְׁנֶעל אוֹיף, וֶוען עֶפֶּעס גֵייט נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר ווִיל.

דָאס זָאגְט רַשִׁ"י, **בְּיוֹתֵר צָרִיךְ הַכָּתוּב לְזָרֵז בְּמָקוֹם שֶׁיֵּשׁ בּוֹ חִסָּרוֹן כִּיס**, בַּיי דִי נָאז וָואס הָאט נִישְׁט קַיין דֶעקְל, דַארְף דִי תּוֹרָה אַסַאךְ וָוארֶענֶען, אַז מֶען זָאל אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן אִין כַּעַס, נָאר גֶעדֶענְקֶען אַז וָואס עֶס גֶעשֶׁעהְט אִיז נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זַיין טוֹבָה.
(זֹאת הַתּוֹרָה צַו א)

***

**הוּא הָעֹלָה עַל מוֹקְדָה עַל הַמִּזְבֵּחַ כָּל הַלַּיְלָה**, מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵּז זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן מ"ט) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ קְלֵיינֶע וֶועלְט, אוּן אַלֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁעהְן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַאפְן דִי וֶועלְט, גֶעשֶׁעהְט אוֹיךְ בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אוּן דֶערְפַאר, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט, אַז פוּן אָנְהֵייבּ אִיז דִי וֶועלְט גֶעוֶוען טוּנְקְל אוּן פִינְסְטֶער, **"וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים יְהִי אוֹר וַיְהִי אוֹר"**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶס זָאל וֶוערְן לִיכְטִיג, אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן לִיכְטִיג, דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשְׁן, **יֶעדֶער מֶענְטְשׁ פִילְט אַסַאךְ מָאל**

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ שַׁבָּת הַגָּדוֹל ~

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט שְׁטֶענְדִיג נָאךְ אִין שַׁבָּת הַגָּדוֹל דָאס וָואס רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, נְטִילַת יָדַיִם שַׁחֲרִית, הֲלָכָה ב') אַז דֶער שַׁבָּת הֵייסְט "שַׁבָּת הַגָּדוֹל" וַוייל דֶעמָאלְט'ס אִיז גֶעשֶׁעהְן גְרוֹיסֶע נִיסִים דוּרְךְ תְּפִלָּה, דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְּבָרִים ד') כִּי מִי גוֹי "גָּדוֹל" אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו כַּה' אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו, וֶוער אִיז נָאךְ אַזַא "גְרוֹיס" פָאלְק וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי נָאנְט צוּ זֵיי וֶוען זֵיי רוּפְן צוּ אִים, זֶעהְט מֶען אַז מִיר הֵייסְן אַ גְרוֹיס פָאלְק וַוייל מִיר קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אוּנְז.

נָאךְ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מְלָכִים ב, ח) סַפְּרָה נָּא לִי אֵת כָּל "הַגְּדֹלוֹת" אֲשֶׁר עָשָׂה אֱלִישָׁע, דֶערְצֵייל מִיר דִי "גְרוֹיסֶע" זַאכְן וָואס אֱלִישָׁע הָאט גֶעטוּהן, אוּן דִי גְמָרָא זָאגְט (מְגִילָּה כ"ז) אַז אַלֶעס נִיסִים וָואס אֱלִישָׁע הָאט גֶעטוּהן אִיז גֶעוֶוען נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה, דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֶעהְט מֶען ווִידֶער אַז וֶוען מֶען מַאכְט נִיסִים דוּרְךְ תְּפִלָּה הֵייסְט דָאס "גָּדוֹל" - "גְרוֹיס".

אוּן דֶערְפַאר הֵייסְט דֶער שַׁבָּת "שַׁבָּת הַגָּדוֹל" וַוייל דֶעמָאלְט'ס אִיז גֶעשֶׁעהְן גְרוֹיסֶע נִיסִים דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הֵייסְט דָאס שַׁבָּת "הַגָּדוֹל" - דֶער "גְרוֹיסֶער" שַׁבָּת.

דֶער טוּר בְּרֶענְגְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן ת"ל) אַז אִין שַׁבָּת הַגָּדוֹל הָאבְּן דִי אִידְן גֶענוּמֶען אַ לֶעמֶעלֶע וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן דִי מִצְרִיִּים אוּן עֶס צוּגֶעבּוּנְדְן צוּם בֶּעט, כְּדֵי דָאס צוּ שֶׁחְטְ'ן פַאר אַ קָרְבַּן פֶּסַח, אוּן דִי מִצְרִיִּים הָאבְּן גֶעקְרִיצְט מִיט דִי צֵיין אָבֶּער זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט טוּהן, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵיין נֵס וָואס אִיז גֶעשֶׁעהְן נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**בַּיי זִיךְ אַז עֶס אִיז טוּנְקְל בַּיי אִים, עֶר פִּילְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט קַיין שׁוּם חַיוּת, עֶר פִּילְט אַז קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט, עֶר וֵוייסְט בִּכְלַל נִישְׁט פַּארְוָואס עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, מֶען דַארְף אָבֶער וִויסְן, אַז דַוְקָא דֶעמָאלְט'ס, וֶוען אַ מֶענְטְש פִּילְט אַזוֹי, אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט וָואס עֶר קֶען דֶעמָאלְט'ס זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין, וַוייל דָאס אִיז דִי עִיקָר מַעְלָה פוּן אַ מֶענְטְש אִיבֶּער אַ מַלְאָךְ, אַז עֶר קֶען אַרַיינְכַאפְּן צוּ טוּהן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז אִים טוּנְקְל אוּן שְׁוַוארְץ.**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶענוּג מַלְאָכִים וָואס בְּרֶענְגֶען פַאר אִים שְׁטֶענְדִיג אָן אוֹיפְהֶער, אָבֶער דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חִידוּשׁ, דֶער חִידוּשׁ אִיז אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט אוֹיף דוּרְךְ שְׁוֶועריַקייטְן, אוּן עֶר פִּילְט וִוי עֶס אִיז אִים שְׁוַוארְץ פַאר דִי אוֹיגְן, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן, כַאפְּט עֶר אַרַיין מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **צַו אֶת אַהֲרֹן וְאֶת בָּנָיו לֵאמֹר**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר אַהֲרֹן וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן צַדִיק, זָאגְט פַאר דִי אִידְן, **זֹאת תּוֹרַת הָעֹלָה**, דָאס אִיז דִי וֶועג אַרוֹיף צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **הִוא הָעֹלָה עַל מוֹקְדָה עַל הַמִּזְבֵּחַ כָּל הַלַּיְלָה**, דִי עִיקָר צַייט וֶוען דוּ קֶענְסְט בְּרֶענְגֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז בַּיינַאכְט וֶוען עֶס אִיז דִיר אִינְגַאנְצְן טוּנְקְל, דַוְקָא דֶעמָאלְט'ס, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, דֶעמָאלְט'ס בִּיזְטוּ זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶעמָאלְט'ס וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז, **וְאֵשׁ הַמִּזְבֵּחַ תּוּקַד בּוֹ**, אַז דֶער פַייעֶר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט בְּרֶענֶען אִין דִיר.

מֶען דַארְף אָבֶער וִויסְן אַז דִי וָוארְט "מוֹקְדָה", שְׁטֵייט מִיט אַ קְלֵיינֶע מֶ"ם, דָאס וַוייזְט אוּנְז אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען וִויל בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען אוֹיךְ וִויסְן וִוי אַזוֹי, אוּן נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין פוּן דִי גְרֶענִיצְן.

דָאס מֵיינְט אַז אַמָאל קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרַע מִיט אַן אַנְדֶער וֶועג צוּם מֶענְטְשׁ, עֶר מַאכְט אַז עֶר זָאל וֶועלְן גָאר שְׁטַארְק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל וֶועלְן טוּהן זַאכְן וָואס זֶענֶען אִיבֶּער זַיינֶע כּוֹחוֹת, אוּן אַזוֹי וִוי נָאכְדֶעם זֶעהט עֶר אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן, אוּן עֶר גֶעבְּט אַלֶעם אוֹיף, אוּן טוּט מֶער גָארְנִישְׁט.

דֶערְפַאר שְׁטֵייט "מוֹקְדָה", מִיט אַ קְלֵיינֶע מֶ"ם, אַז דָאס בְּרֶענֶען דַארְף זַיין מִיט אַ גְרֶענִיץ, דוּ דַארְפְסְט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי זַאכְן וָואס דוּ קֶענְסְט טוּהן, אוּן דוּ טוּהסְט עֶס, **פְרֵיי דִיר מִיט דַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, מִיט דַיין טַלִית וּתְפִלִּין, מִיט דַיין עֶסְן כָּשֵׁר'ס, מִיט דַיין הִיטְן שַׁבָּת, אוּן דָאס גְלַייכְן,** אוּן אַז דוּ וֶועסְט דִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גְרִינְגֶע זַאכְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאכְדֶעם הֶעלְפְן אַז אַלֶעם וֶועט שׁוֹין נָאכְקוּמֶען, אוּן דוּ וֶועסְט זַיין אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק צַו-שַׁבָּת הַגָּדוֹל תשמ"ט לפ"ק)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

נָאךְ אַ נֵס הָאט דֶעמָאלְט'ס פַּאסִירְט, וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין מֶדְרָשׁ (מֶדְרָשׁ תְּהִלִּים מִזְמוֹר קל"ו) אַז וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶעזָאגְט דִי מִצְרִיִים אַז דִי בְּכוֹרִים וֶועלְן שְׁטַארְבְּן, זֶענֶען אַלֶע בְּכוֹרִים גֶעגַאנְגֶען צוּ זֵייעֶרֶע טַאטֶע'ס אוּן גֶעזָאגְט: "בִּיז יֶעצְט אִיז גֶעשֶׁעהְן אַלֶעס וָואס מֹשֶׁה הָאט גֶעזָאגְט, וִוילְט אִיר נִישְׁט אַז מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן לֶעבְּן? לָאזְט אַרוֹיס דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, וַוייל אוֹיבּ נִישְׁט וֶועלְן מִיר שְׁטַארְבְּן!" הָאבְּן דִי טַאטֶע'ס גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אֲפִילוּ אַלֶע מִצְרִיִים וֶועלְן שְׁטַארְבְּן וֶועלְן מִיר נִישְׁט אַרוֹיס לָאזְן דִי אִידְן פוּן דָא!"

זֶענֶען דִי בְּכוֹרִים גֶעגַאנְגֶען צוּ פַּרְעֹה אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן: "לָאז אַרוֹיס דִי אִידְן פוּן דָא, מִיר הָאבְּן נָאר צָרוֹת פוּן זֵיי", הָאט פַּרְעֹה גֶעהֵייסְן זַיינֶע קְנֶעכְט אַז זֵיי זָאלְן פַארְטְרַייבְּן דִי בְּכוֹרִים.

וָואס הָאבְּן דִי בְּכוֹרִים גֶעטוּהן? יֶעדֶער הָאט גֶענוּמֶען אַ שְׁוֶוערְד אוּן גֶע'הַרְגֶ'ט זַיין טַאטֶע, "לְמַכֵּה מִצְרַיִם בִּבְכוֹרֵיהֶם", זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט מִצְרִיִים זֶענֶען דֶעמָאלְט'ס גֶע'הַרְגֶ'ט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי בְּכוֹרִים.

זֶעהט מֶען וָואסֶערֶע גְרוֹיסֶע נִיסִים עֶס אִיז דֶעמָאלְט'ס גֶעשֶׁעהְן, אוּן אַלֶעס דוּרְךְ תְּפִלָּה, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר דִי אִידְן אַז זֵיי קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי אִידְן הָאבְּן עֶס טַאקֶע גֶעטוּהן, אוּן אַזוֹי אִיז גֶעשֶׁעהְן דִי נִיסִים, אוּן דֶערְפַאר הֵייסְט דֶער שַׁבָּת "שַׁבָּת הַגָּדוֹל".

אוּן בֶּאֱמֶת אִיז דָאס גֶעוֶוען דֶער עִיקָר גָלוּת מִצְרַיִם, אַז דֶער שֵׂכֶל אִיז גֶעוֶוען אִין גָלוּת, דִי אִידְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן זֵייעֶר גְרוֹיסֶער כֹּחַ, אַז זֵיי קֶענֶען אַלֶעס אוֹיס'פּוֹעֵל'ן מִיט תְּפִלָּה, בִּיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן עֶר הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז זֵיי קֶענֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס הָאבְּן זֵיי טַאקֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טוּהן אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, אוּן מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח" - "פֶּה-סָח" אַז דֶער מוֹיל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶערְפַאר אִיז יֶעצְט אִין "שַׁבָּת הַגָּדוֹל" דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן אִין דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּנֶעם אֵייגֶענֶעם מִצְרַיִם, מֶען זָאל וִויסְן פוּן דִי אֵייגֶענֶע כּוֹחוֹת, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז זֵייעֶר לִיבּ, אוּן מֶען קֶען אַלֶעס אוֹיס'פּוֹעֵל'ן בַּיי אִים, מֶען דַארְף נָאר עֶפֶענֶען דֶעם מוֹיל אוּן אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען וִויל, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן.

דָאס אִיז דִי פְּשַׁט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן פ"ח): פַּארְוָואס מֶען דְרֵייט אִיבֶּער דֶעם טִישׁ אוּם שַׁבָּת הַגָּדוֹל, וַוייל דָאס אִיז מְרַמֵז אַז אַזוֹי וִוי דֶער טִישׁ וַוייזְט אוֹיפְ'ן דִיבּוּר - אוֹיף רֶעדְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְחֶזְקֵאל מא, כב) "וַיְדַבֵּר" אֵלַי זֶה "הַשֻּׁלְחָן" אֲשֶׁר לִפְנֵי ה', אִיז מֶען מְרַמֵז אַז פַאר מֶען אִיז אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אִיז דֶער דִיבּוּר נָאךְ גֶעוֶוען אִין גָלוּת, אוּן נָאכְדֶעם אִיז מֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן "פֶּסַח" - "פֶּה-סָח", מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן, אוּן פוּן דֶעם הָאט דֶער מֶענְטְשׁ פַּרְנָסָה, עיי"ש".

דָאס מֵיינְט, אַז וִוי בַּאקַאנְט אִיז אַיינְגֶעפִירְט בַּיי כִּמְעַט אַלֶע אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער, אַז אוּם שַׁבָּת הַגָּדוֹל עֶסְט מֶען נִישְׁט אוֹיף דֶעם גֶעוֶוענְטְלִיכְן פְּלַאץ וִוי מֶען עֶסְט גֶעוֶוענְטְלִיך שַׁבָּת, וַוייל דָארְט אִיז שׁוֹין גְרֵייט פַאר פֶּסַח, מֶען עֶסְט אוֹיף אַ צְוֵוייטֶע טִישׁ.

זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דָאס קוּמְט אוּנְז זָאגְן אַז פַאר פֶּסַח אִיז דֶער טִישׁ, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְנִישְׁט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע פְּלַאץ, בִּיז עֶס קוּמְט פֶּסַח, עֶסְט מֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵדֶר שׁוֹין אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן פְּלַאץ, וַוייל דֶעמָאלְט'ס גֵייט יֶעדֶער אִיד אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, אוּן עֶר הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אָבֶער מֶען דַארְף אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן, אַזוֹי וִוי מֶען עֶסְט טַאקֶע נִישְׁט שַׁבָּת הַגָּדוֹל אוֹיף דִי גֶעוֶוענְטְלִיכֶע טִישׁ, קֶען זֵייעֶר גְרִינְג אוֹיסְקוּמֶען אַז מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, וַוייל עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁט מְסוּדָר אַלֶעס וִוי נָארְמַאל, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ח) אַז דֶער עִיקָר פַּרְנָסָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ וֶוענְדְט זִיךְ צוּ עֶר רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף, וַוייל כַּעַס נֶעמְט אַוֶועק דִי פַּרְנָסָה, דֶערְפַאר אוֹיבּ וִויל מֶען טַאקֶע פַארֶעכְטְן דֶעם טִישׁ אוּן בַּאקוּמֶען גְרוֹיס שֶׁפַע אוֹיף פֶּסַח, דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן קֵיינְמָאל, אוּן פִירְן דֶעם שַׁבָּת הַגָּדוֹל מִיט רוּהִיגְקַייט אוּן פְרֵייד, אוּן דֶעמָאלְט'ס וֶועט גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ שַׁבָּת הַגָּדוֹל)

## מֶען גְרֵייט זִיךְ אוֹיף פֶּסַח

יֶעדֶער גְרֵייט זִיךְ אוֹיף פֶּסַח, מֶען רוֹימְט אוּן מֶען זוֹיבֶּערְט אוֹיס דִי הוֹיז אוֹיף פֶּסַח, אַז עֶס זָאל נִישְׁט בְּלַייבְּן קַיין בְּרֶעקְל חָמֵץ, אוּן מֶען קוֹיפְט אֵיין לְכָבוֹד יוֹם טוֹב, מַצוֹת, וַויין, פִישׁ אוּן פְלֵייש, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ וֶועשׁ אוּן שִׁיךְ פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, יֶעדֶער גְרֵייט זִיךְ צוּם יוֹם טוֹב.

אָבֶער אַזוֹי וִוי מֶען גְרֵייט אָן בְּגַשְׁמִיּוּת, דַארְף מֶען אוֹיךְ גֶעדֶענְקֶן זִיךְ אָנְצוּגְרֵייטְן אוֹיף יוֹם טוֹב בְּרוּחֲנִיּוּת, מֶען דַארְף לֶערְנֶען דִי הֲלָכוֹת פוּן פֶּסַח, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל הָאבְּן אַ כָּשֵׁר'ן אוּן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב, אוּן אַז מֶען זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַ מַשֶּׁהוּ חָמֵץ, אוּן אַז מֶען זָאל מְקַיֵּים זַיין אַלֶע מִצְוֹת פוּנֶעם יוֹם טוֹב וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין פְרֵיילִיכֶערְהֵייט.

אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען גָארְנִישְׁט טוּהן, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "דִי וֶועלְט זָאגְט - דוּ טוּה אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט שׁוֹין הֶעלְפְן, אוּן אִיךְ זָאג - אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן וֶועסְטוּ קֶענֶען עֶפֶּעס טוּהן", אָבֶער אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט דִי הֲלָכוֹת אוּן מֶען בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס בְּרֶענְגְט פַארְן מֶענְטְשׁ אַ סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא אַז אַלֶעס זָאל טַאקֶע זַיין וִוי אַזוֹי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

### דִי גֶעשְׁמַאקֶע טַעַם פוּנֶעם יוֹם טוֹב

אֵיינְמָאל הָאט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער גֶעהָאלְפְן פַאר רֶבִּי נָתָן אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן דִי סוּכָּה עֶרֶב סוּכּוֹת, עֶר הָאט שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט אַ גַאנְצְן טָאג אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן דִי סוּכָּה, אוּן בַּיינַאכְט בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, וֶוען מֶען אַרְבֶּעט שְׁוֶוער אַ גַאנְצְן טָאג אוּן מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ גוּט צוּ אוֹיפְשְׁטֶעלְן דִי סוּכָּה, דֶעמָאלְט'ס פִילְט מֶען גָאר אַן אַנְדֶערֶע טַעַם אִין דִי סוּכָּה.

הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: דָאס הָאסְטוּ נָאכְנִישְׁט פְּרוּבִּירְט, צוּ שְׁרַייעֶן אַ גַאנְצְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ מִיר צוּ שְׁפִּירְן דִי טַעַם פוּן דִי סוּכָּה", וָואסֶערֶע טַעַם מֶען שְׁפִּירְט דֶעמָאלְט'ס אִין דִי סוּכָּה.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי אַלֶע יָמִים טוֹבִים, אוֹיבּ מֶען בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוֹדֶם אַז מֶען זָאל פִילְן אַ גֶעשְׁמַאקֶע טַעַם אִין דֶעם יוֹם טוֹב, אוּן אִין דִי מִצְוֹת פוּנֶעם יוֹם טוֹב, דֶעמָאלְט'ס שְׁפִּירְט מֶען גָאר אַן אַנְדֶערֶע טַעַם, עֶס אִיז גָאר אַ גֶעשְׁמַאקֶע יוֹם טוֹב.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ הֲכָנוֹת לְחַג הַפֶּסַח)

## סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

### מַעֲשֶׂה ח' מֵרַב וּבֵן יָחִיד

#### פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר

הָאט זִיךְ דֶער בֶּן יָחִיד ווִידֶער גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען, הָאט עֶר ווִידֶער גֶעפִילְט דֶעם חִסָּרוֹן כַּנַּ"ל. הָאט עֶר ווִידֶער אַן עֵצָה גֶעהַאלְטְן מִיט דִי מֶענְטְשְׁן. הָאבְּן זֵיי אִים ווִידֶער דִי עֵצָה גֶעגֶעבְּן אַז עֶר זָאל פָּארְן צוּ דֶעם צַדִיק. אִיז עֶר ווִידֶער גֶעגַאנְגֶען צוּם פָּאטֶער, הָאט אִים דֶער פָּאטֶער ווִידֶער אָפְּגֶעשְׁלָאגְן אוּן הָאט אִים נִישְׁט דֶערְלָאזְט. אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען עֶטְלֶעכֶע מָאל. אוּן דֶער בֶּן יָחִיד הָאט אַלְץ גֶעפִילְט אַז סֶע גֵייט אִים עֶפֶּעס אָפּ (עֶס פֶעלְט אִים עֶפֶּעס). אוּן הָאט זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט עֶר זָאל מְמַלֵּא זַיין דֶעם חִסָּרוֹן (כְּלוֹמַר עֶר זָאל מִיט עֶפֶּעס פַארְרִיכְטְן אַז סֶע זָאל אִים נִישְׁט אָפְּגֵיין) אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס דֶער חִסָּרוֹן אִיז כַּנַּ"ל. אִיז עֶר נָאךְ אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם פָּאטֶער אוּן הָאט אִים זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן. בִּיז דֶער פָּאטֶער הָאט גֶעמוּזְט מִיט אִים פָּארְן. וָוארְן (ווַייל) דֶער פָּאטֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט אַלֵיין לָאזְן פָּארְן מַחְמַת עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אַ בֶּן יָחִיד.

============================================

### נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן

הָאט זִיךְ דֶער בֶּן יָחִיד ווִידֶער גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען. דָאס אִיז דִי עֵצָה וֶוען עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ שְׁוֶועריקַייטְן אוּן יִסוּרִים, דַארְף עֶר נָאר אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה, דָארְט אִיז דֶער שִׁיץ-פְלַאץ פַאר אַלֶע יִסוּרִים.

הָאט עֶר ווִידֶער גֶעפִילְט דֶעם חִסָּרוֹן כַּנַּ"ל. וַוייל וִוי לַאנְג מֶען קוּמְט נִישְׁט אָן צוּם צַדִיק, פִילְט מֶען נִישְׁט קַיין טַעַם אִין לֶערְנֶען אוּן אִין דַאוֶונֶען.

בִּיז דֶער פָּאטֶער הָאט גֶעמוּזְט מִיט אִים פָּארְן. וָוארְן (וַוייל) דֶער פָּאטֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט אַלֵיין לָאזְן פָּארְן מַחְמַת עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אַ בֶּן יָחִיד. דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזוּק, אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען זֶעהט אַז עֶס גֵייט נִישְׁט, מֶען הָאט שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַסַאךְ מָאל אוּן עֶס אַרְבֶּעט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס, טָאר מֶען נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר וַוייטֶער בֶּעטְן אוּן הָאפְן, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט דָא אַז אַזוֹי וִוי דֶער זוּהן הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, הָאבְּן זִיךְ גָאר דִי מְנִיעוֹת אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אִים צוּ הֶעלְפְן אוּן אִים צוּ טְרָאגְן צוּם צַדִיק, אָבֶער מֶען דַארְף נָאךְ אַלְץ רַחֲמֵי שָׁמַיִם, אַז אוֹיפְ'ן וֶועג זָאל מֶען אִים נִישְׁט אָפְּרֶעדְן פוּנֶעם צַדִיק, וִוי מֶען וֶועט וַוייטֶער זֶעהן אִין דִי מַעֲשֶׂה.

(פָּארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה)

(נהרי אפרסמון)

## נַחֲלֵי תּוֹרָה

**בְּנִי הֲוֵי זָהִיר בִּמְלַאכְתְּךָ שֶׁמְּלַאכְתְּךָ מְלֶאכֶת שָׁמַיִם הִיא שֶׁמָּא אַתָּה מְחַסֵּר אוֹת אַחַת אוֹ מְיַיתֵּר אוֹת אַחַת נִמְצֵאת מַחֲרִיב אֶת כָּל הָעוֹלָם כּוּלוֹ.** (עֵירוּבִין יג.)

דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיךְ אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען עוֹסֵק בִּמְלֶאכֶת שָׁמַיִם, צוּ מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער, אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי, אַז מֶען זָאל זֵיי נָאר אוֹיפְהֵייבְּן אוּן מְחַזֵק זַיין אוּן נִישְׁט אַרָאפְּקְלַאפְּן, וַוייל אוֹיבּ מֶען פַארְפֶעלְט אַן אוֹת, מֶען גֶעבְּט זֵיי נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקַייט וָואס זֵיי דַארְפְן, אָדֶער מֶען לֵייגְט צוּ אוֹתִיּוֹת, מֶען פַארְשֶׁעמְט זֵיי אוּן מֶען דֶערְנִידֶערְט זֵיי, נִמְצֵאת מַחֲרִיב אֶת כָּל הָעוֹלָם כּוּלוֹ, קֶען מֶען מִיט דֶעם חָרוּב מַאכְן אַ קִינְד וָואס אִיז אַן עוֹלָם מָלֵא.

ר.י.

***

**וְכָל הַדּוֹחֵק אֶת הַשָּׁעָה שָׁעָה דּוֹחַקְתּוֹ, וְכָל הַנִּדְחֶה מִפְּנֵי שָׁעָה שָׁעָה עוֹמֶדֶת לוֹ** (עֵירוּבִין יג:)

מֶען דַארְף זִיךְ לָאזְן פִירְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט זִיךְ שְׁטוּפְּן אַז עֶס מוּז זַיין דַוְקָא אַזוֹי וִוי מֶען וִויל, אוּן דֶעמָאלְט'ס וֶועט אַלֶעס זִיךְ אוֹיסְפִירְן צוּם גוּטְן.

ר.י.

~~~

מען קען ארײנשיקן חידושים והערות אויף אימעיל: breslevcenter@gmail.com
אדער קען מען לאזן א מעסידזש אויפ'ן קול אמונה טעלעפאן ליין 212-444-9191 #19
~~~

# וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח אִיז שׁוֹין דָא...

אֵיינְמָאל פַאר פֶּסַח אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן זַיין טָאכְטֶער חַנָה צִירְל אוּן זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט: "טַאטֶע עֶס אִיז שׁוֹין זֵייעֶר נָאנְט צוּ פֶּסַח, אוּן מִיר הָאבְּן נָאךְ גָארְנִישְׁט אוֹיף פֶּסַח, וָואס וֶועט דָא זַיין?"

דֶעמָאלְט'ס אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען גָאר שְׁוֶוערֶע צַייטְן אוֹיף רֶבִּי נָתָן, מֶען הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶע'רוֹדְפְ'ט, אַזוֹי וַוייט אַז מֶען הָאט מַמָּשׁ מוֹרָא גֶעהַאט צוּ רֶעדְן מִיט אִים, אוּן רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט'ס אִיז זֵייעֶר אַ גֶעדְרִיקְטֶע מַצָּב.

הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט צוּ זַיין טָאכְטֶער: "טָאכְטֶער'ל דַארְפְּסְט זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְּן, אוּן מִיר וֶועלְן הָאבְּן אוֹיף פֶּסַח".

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען נֶענְטֶער צוּ פֶּסַח, דֶער מִנְהָג אִיז גֶעוֶוען אָנְצוּשֶׁעפְּן וַואסֶער פוּן פַאר פֶּסַח, אוֹיף אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעהָאלְפְּן פַאר רֶבִּי נָתָן אָנְצוּשֶׁעפְּן עֶטְלִיכֶע פֶּעסֶער וַואסֶער אַז עֶס זַאךְ זַיין גֶענוּג אוֹיף אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב.

הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן אָנְגֶערוּפְן צוּ זַיין טָאכְטֶער: "בָּרוּךְ ה' אַז וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח אִיז שׁוֹין דָא", אָבֶּער דִי טָאכְטֶער הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט: "אָבֶּער טַאטֶע, אוֹיסֶער וַואסֶער הָאבְּן מִיר נָאךְ גָארְנִישְׁט אוֹיף פֶּסַח", רֶבִּי נָתָן הָאט אִיר וַוייטֶער מְחַזֵק גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז נִישְׁט פַארְלָאזְן, לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אַז דִי אִיבְּרִיגֶע זַאכְן וֶועט אוֹיךְ זַיין".

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען עֶרֶב פֶּסַח, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְּן אַז אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַן עוֹשֶׁר, אִיז נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן אוּן גֶעטְרַאכְט: "וֶוער וֵוייסְט אוֹיבּ רֶבִּי נָתָן הָאט אוֹיף פֶּסַח צוּ מַאכְן?", אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶענוּמֶען אַ וָואגְן, אוּן עֶס אָנְגֶעפִילְט מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, מַצוֹת, וֵויין, קַארְטָאפְל, אֵייעֶר, אוּן נָאךְ, עֶר הָאט אַלֶעס אַרִיבֶּער גֶעבְּרֶענְגְט צוּ רֶבִּי נָתָן אוּם עֶרֶב פֶּסַח, עֶס הָאט מַמָּשׁ אוֹיפְגֶעלֶעבְּט זַיין שְׁטוּבּ.

בַּיים סֵדֶר נַאכְט הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיינֶע גְרוֹיסֶע חֲסָדִים, אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אוֹיף פֶּסַח.

בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט פַאר זַיין טָאכְטֶער: "וֶוען אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן, הָאבּ אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ", דָאס מֵיינְט אַז עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן, עֶר הָאט פָּשׁוּט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָן קַיין שׁוּם חֶשְׁבּוֹנוֹת, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים הֶעלְפְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים טַאקֶע גֶעהָאלְפְן.

דֶערְפַאר, יֶעדֶער אִיד וָואס מוּטְשֶׁעט זִיךְ צוּ הָאבְּן אוֹיף פֶּסַח, אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן.

(לוּחַ בְּרֶסְלַב פַּרְשַׁת וַיִקְרָא שְׁנַת תשע"ג)

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגן ברכת מזל טוב פאר

**מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו**

מחשובי הנהלת מוסדותינו הק'

**צו די געבורט פון אן אייניקל למזל טוב**

ר' אהרן איז שטענדיג גרייט ארויס צו העלפן אונזערע מוסדות הקדושים מיט וואס מען דארף, דער אייבערשטער זאל העלפן אז די זכות זאל אים ביישטיין אז ער זאל זעהן שטענדיג אסאך אידיש נחת ביי אלע זיינע קינדער, בני ברוכי, חיי אריכי, ומזוני רויחי, וסייעתא דשמיא, אמן.

## ברכת מזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגן ברכת מזל טוב פאר

**מו"ה אברהם חיים פארקאש שליט"א**

**וזוגתו תחי'**

**צו די געבורט פון אן איר אייניקל למזל טוב**

ר' אברהם חיים וזוגתו זענען שטענדיג גרייט ארויס צו העלפן אונזערע מוסדות הקדושים מיט וואס מען דארף, דער אייבערשטער זאל העלפן אז די זכות זאל זיי ביישטיין אז זיי זאלן זעהן שטענדיג אסאך אידיש נחת ביי אלע זייערע קינדער און אייניקלעך, בני ברוכי, חיי אריכי, ומזוני רויחי, וסייעתא דשמיא, אמן.




## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **אשר בער אינדארסקי** הי"ו

מלמד במוסדותינו הק'

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער, אמן

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

החתן **יואל טייטלבוים** נ"י

מתלמידי ישבתינו הק'

וואס איז א חתן געווארן למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד דורות ישרים ומבורכים, אמן

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **אליעזר איידלשטיין** הי"ו

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער, אמן

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים**
**פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

אויך קען מען מיטהאלטן
יעדע וואך דעם שיעור
מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

חג הפסח, שנת תשע"ג לפ"ק

שנה 2, גליון 26 (76)


**זמנים**

הדלקת הנרות....................6:56
מוציו"ט.............................8:28
סוף זמן ק"ש......................9:19

**שיעורים כסדרן**

בבלי.........................עירובין י"ח
ירושלמי......................גיטין ה'
תוספתא..................פרה פרק ג'

## הַגָּדָה שֶׁל פֶּסַח

### סֵדֶר

דִי הַיינְטִיגֶע נַאכְט וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "סֵדֶר", פַארְוָואס וֶוערְט עֶס אַזוֹי אָנְגֶערוּפְן?
דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶעמָאלְט'ס גֵייט אִים אַלֶעס נִשְׁט אִין אַ סֵדֶר, זַאכְן גֵייעָן נִשְׁט וִוי אַזוֹי עֶר וִויל, אָבֶּער וֶוען אַ אִיד וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, גֵייט אִים אַלֶעס וִוי אַזוֹי עֶר וִויל, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז וִוי אַזוֹי עֶס פִירְט זִיךְ, הָאט עֶס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹים גֶעשְׁטֶעלְט מִיט אַ סֵדֶר.
דֶערְפַאר רוּפְט מֶען אָן דִי נַאכְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם דוּרְךְ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן יֶעדֶער הָאט קְלָאר גֶעזֶעהְן אַז אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, רוּפְט מֶען עֶס אָן מִיטְן נָאמֶען "סֵדֶר".

### קַדֵּשׁ – וּרְחַץ

דִי טַעַם פַארְוָואס מֶען הָאט גֶעמַאכְט דִי סִמָּנִים אִיז, וַוייל וֶוען אַ אִיד וִויל אָנְהֵייבְּן צוּ זַיין וואוּיל אוּן דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער דַארְף עֶר זִיךְ מַאכְן אַ לִיסְטֶע, אַ צֶעטְל וָואס עֶר וִויל אַלְס טוּהן, אוּן עֶר דַארְף שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי זַאכְן, דֶערְפַאר וֶוען מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּם סֵדֶר אוּן מֶען וִויל זִיךְ בַּאהֶעפְטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַאכְט מֶען קוֹדֶם אַ לִיסְטֶע פוּן וָואס מֶען וִויל טוּהן.

### וּרְחַץ – כַּרְפַּס

אִין דִי הַיינְטִיגֶע נַאכְט וֶוען מִיר וֶוערְן גֶעוֶואוִיר אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט וִוי מִיר זֶעהְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם מִיט גְרוֹיסֶע נִסִים, דֶערְפַאר וַואשְׁן מִיר זִיךְ דִי הֶענְט צוּ וַוייזְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן עֶס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט אוּנְזֶערֶע הֶענְט.
אוּן וֶועגְן דֶעם וַואשְׁן מִיר זִיךְ פַאר מֶען עֶסְט דִי כַּרְפַּס, אַ קְלֵיינֶע שְׁטִיקְל גְרִינְצֵייג, צוּ וַוייזְן אַז אֲפִילוּ צוּ אַזַא קְלֵיינֶע שְׁטִיקֶעלֶע גְרִינְצֵייג, דָאס מֵיינְט וֵוינִיג גֶעלְט, דַארְף מֶען אוֹיךְ צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אָן אִים אִיז גָארְנִישְׁט דָא.
אוּן אוֹיךְ צוּ וַוייזְן אַז מִיר גְלֵייבְּן אַז פּוּנְקְט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען גֶעבְּן אַ קְלֵיין שְׁטִיקְל "כַּרְפַּס", זָאל מֶען זִיךְ פַארְלָאזְן אַז עֶר קֶען אוֹיךְ גֶעבְּן דִי אַנְדֶערֶע "כַּרְפַּס" וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי מְגִילָה "חוּר כַּרְפַּס וּתְכֵלֶת" וָואס דָאס מֵיינְט טַייעֶרֶע קְלֵיידֶער, מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי קְלֵיינֶע שְׁטִיקְל "כַּרְפַּס" אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף וַוייטֶער פַאר דִי אַנְדֶערֶע "כַּרְפַּס" דִי טַייעֶרֶע קְלֵיידֶער.

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ דָא וואוֹינְט אַ אִיד ~

דֶער צַדִיק רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ סַאסוּבֶער זִי"עַ אִיז אֵיינְמָאל גֶעפָארְן צוּם צַדִיק דֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זִי"עַ.
שַׁבָּת בַּיים טִישׁ הָאט רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ סַאסוּבֶער צוּ זָאגְן תּוֹרָה.
עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן תּוֹרָה אוֹיפְן פָּסוּק וִוי עֶס שְׁטֵייט אַז פֶּסַח בַּיינַאכְט אִין מִצְרַיִם בַּיי מַכּוֹת בְּכוֹרוֹת הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶע'הַרְגֶ'ט אַלֶע בְּכוֹרִים פוּן דִי מִצְרִיִים אוּן בַּיי דִי אִידִישֶׁע הַייזֶער הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיבֶּערְגֶעטַאנְצְן, אוּן גֶעלָאזְט לֶעבְּן אַלֶע אִידִישֶׁע בְּכוֹרִים.
דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, וִויאַזוֹי טַאנְצְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיבֶּער אַ הוֹיז, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אִיבֶּערָאל?, עֶר אִיז אֵייבִּיג אִין דִי הוֹיז אוּן אִינְדְרוֹיסְן פוּנֶעם הוֹיז, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אִיבֶּערְגֶעטַאנְצְן?
נָאר וָואס דֶען, הָאט ר' מֹשֶׁה לֵייבּ זִי"עַ גֶעעֶנְטְפֶערְט, אַז וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען אַ אִידִישֶׁע הוֹיז אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן וִוי דִי אִידְן טוּעֶן וָואס עֶר הָאט זֵיי גֶעהֵייסְן, אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טַאנְצְן "דָא וואוֹינְט אַ אִיד" "דָא וואוֹינְט אַ אִיד".
וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי תּוֹרָה הָאט עֶר זִיךְ אַלֵיינְס אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טַאנְצְן "דָא וואוֹינְט אַ אִיד" "דָא וואוֹינְט אַ אִיד"!

המשך בדף ב

# הַגָּדָה שֶׁל פֶּסַח

## הָא לַחְמָא עַנְיָא

כָּל דִּכְפִין יֵיתֵי וְיֵיכוֹל - וֶוער עֶס אִיז הוּנְגֶערִיג זָאל קוּמֶען עֶסְן, אִין מִצְרַיִם זֶענֶען דִי אִידְן גֶעוֶוען אִין גָלוּת, אָבֶּער דֶער גָלוּת אִיז גֶעוֶוען בְּעִיקָר אַז דֶער שֵׂכֶל אִיז גֶעוֶוען אִין גָלוּת, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פוּנֶעם אייבֶּערְשְׁטְן, אַ מֶענְטְשׁ וָואס טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז גֶעוֶועןְטְלִיךְ אַ קַארְגֶער, עֶר ווִיל נִישְׁט אַוֶועק גֶעבְּן זַיינְס אַ זַאךְ פַאר אַ צְוֵייטְן, וַוייל עֶר וֶועט דָאךְ בְּלַייבְּן מִיט גָארְנִישְׁט, דֶערְפַאר דִי נַאכְט וֶוען מִיר בַּאקוּמֶען אַ בְּרֵייטֶע שֵׂכֶל, קֶען מֶען שׁוֹין גֶעבְּן אוֹיךְ פַאר אַ צְוֵייטְן, אוּן דֶערְפַאר זָאגְן מִיר "כָּל דִכְפִין יֵיתֵי וְיֵיכוֹל", מִיר טֵיילְן פַאר יֶעדְן מִיט אַ בְּרֵייטֶע הַארְץ.

## וְכַאן הַבֵּן שׁוֹאֵל

יֶעדֶער אִיד אִיז אַ בַּאלִיבְּט קִינְד בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן הַיינְט פֶּסַח בַּיינַאכְט קֶען עֶר זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיי זַיין טַאטֶע, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף, בַּיים סֵדֶר נַאכְט אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן אוּן מֶען קֶען דֶערְמָאלְט'ס אַלֶעס פוֹעֵל'ן, ווָאוִיל אִיז דֶעם וָואס כַאפְּט אַרוֹיס עֶטְלִיכֶע מִינוּט פוּן דֶעם נַאכְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זִיכֶער בַּאקוּמֶען אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף.

## עֲבָדִים הָיִינוּ

דִי תִירוּץ אוֹיף אַלֶע קַשְׁיוֹת אִיז "עֲבָדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרַיִם" מִיר הָאבְּן זִיךְ אַיינְגֶערֶעדְט אַז מִיר זֶענֶען קְנֶעכְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען אוּנְז עֶפֶּעס טוּהן אָן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פוּן דֶעם נֶעמְט זִיךְ אַלֶע צָרוֹת, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ לֶעבְּטִיגְקֵייט צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן מִיר זֶענֶען נִישְׁט קֵיין קְנֶעכְט פַאר קֵיינֶעם.

## כָּל יְמֵי חַיֶּיךָ הַלֵּילוֹת

וֶוען עֶס אִיז טוּנְקְל פַאר אַ אִיד, עֶר פִילְט אַז קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט, זָאל עֶר זִיךְ דֶערְמַאנֶען פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם, אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, וֶועט עֶר מִיךְ אוֹיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מַיינֶע צָרוֹת.

## מִתְּחִילָּה עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה

דָאס אִיז דִי מַעֲלָה פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ אַז עֶר שְׁטַאמְט פוּן תֶּרַח וָואס עֶר הָאט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, אוּן פוּן דֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר גֶעגְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדֶע אִיד, וֶוען עֶר פִילְט אַז עֶר הָאט נִסְיוֹנוֹת, אוּן עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאךְ שְׁטַארְקְט עֶר זִיךְ, אוּן עֶר כַאפְּט אַרַיין מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## "וְהִיא" שֶׁעָמְדָה

דָאס וָוארְט "הִיא" אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיּוֹת ווִי דָאס וָוארְט "אַיֵּה", דָאס

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

## ~ אוֹיסְגֶעבֶּעטֶענֶע מַצּוֹת ~

דֶער צַדִיק רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ סַאסוּבֶער זִי"עַ פְלֶעגְט צוּגְרֵייטְן זַיינֶע מַצּוֹת מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זְהִירוּת, מַמָּשׁ אוֹיסֶער גֶעוֶועןְטְלִיךְ, עֶר פְלֶעגְט אִין ווִינְטֶער אַלֵיינְ'ס אַיינְפְלַאנְצְן דִי ווֵייץ, אַלֵיינְ'ס גֶעגָאסְן דִי וַואסֶער, אַלֵיינְ'ס גֶעשְׁנִיטְן אוּן גֶעמָאלְן, אַלֵיינְ'ס גֶעקְנֶעטְן אוּן גֶעבַּאקְן, אַלֶעס מִיט אַן אוֹיסֶער גֶעוֶועןְטְלִיכֶע זְהִירוּת.

אֵיינְמָאל פַאר פֶּסַח נָאכְן בַּאקְן דִי מַצּוֹת, אִיז דֶער צַדִיק אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען מִיט דִי מַצּוֹת, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה, אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַזֶעלְכֶע מְהוּדָר'דִיגֶע מַצּוֹת אוֹיף פֶּסַח.

אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים בַּאגֶעגְנְט עֶר אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד וָואס גֵייט אוֹיךְ אַהֵיים מִיט זַיינֶע מַצּוֹת, אוּן דֶער אִיד גֵייט אַזוֹי טַאנְצֶעדִיגֶערְהֵייט, עֶר זִינְגְט זִיךְ אוּנְטֶער אַ פְרֵיילִיךְ לִיד, דֶער צַדִיק הָאט זִיךְ גֶעווּאוּנְדֶערְט, "דֶער אִיד אִיז נָאךְ מֶער פְרֵיילִיךְ פוּן מִיר מִיט מַיינֶע מַצּוֹת, וָואס מֵיינְט דָאס?" עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם אִיד אוּן אִים אָנְגֶעפְרֶעגְט דֶערוֹיף, הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דֶער רֶבִּי זָאל ווִיסְן, אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט מַאכְן אַזֶעלְכֶע מְהוּדָר'דִיגֶע מַצּוֹת ווִי דֶער רֶבִּי, אִיךְ הָאבּ דָאךְ אָבֶּער אוֹיךְ גֶעוָואלְט הָאבְּן גוּטֶע מַצּוֹת, בִּין אִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען נֶעכְטְן בַּיינַאכְט, אוּן אַסַאךְ גֶעווֵיינְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל אוֹיךְ הָאבְּן גוּטֶע מְהוּדָר'דִיגֶע מַצּוֹת אוֹיף יוֹם טוֹב, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן אַ גַאנְצֶע נַאכְט, אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית, אוּן בַּיים דַאוֶונֶען הָאבּ אִיךְ וַוייטֶער גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן גוּטֶע מַצּוֹת, אוּן יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט בַּאקְן מַיינֶע מַצּוֹת, אוּן אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן, אוּן דִי מַצּוֹת זֶענֶען זִיכֶער גוּטֶע מְהוּדָר'דִיגֶע מַצּוֹת, אוּן דֶערְפַאר בִּין אִיךְ אַזוֹי פְרֵיילִיךְ".

וֶוען דֶער צַדִיק הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם אִיד: "אִיךְ בֶּעט דִיר, אֶפְשָׁר לָאמִיר מַאכְן אַ טוֹישׁ, אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבְּן מַיינֶע מַצּוֹת אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעאַרְבֶּעט אַזוֹי שְׁוֶוער, אוּן דוּ זָאלְסְט מִיר גֶעבְּן דַיינֶע מַצּוֹת? וַוייל אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דוּ מִיט דַיינֶע תְּפִלּוֹת הָאסְטוּ אַסַאךְ מֶער אוֹיפְגֶעטוּהן, אוּן עֶס אִיז זִיכֶער חָשׁוּב'עֶר פוּן מַיינֶע מַצּוֹת".

זֶעהְט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אַז דֶער עִיקָר וֶוענְדְט זִיךְ אַלֶעס ווִיפִיל מֶען בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווָאוִיל אִיז דֶעם וָואס גְרֵייט זִיךְ צוּם יוֹם טוֹב מִיט אַסַאךְ תְּפִלּוֹת, אוּן בֶּעהְט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן כָּשֵׁר'ן יוֹם טוֹב.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ פֶּסַח)

## װֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט װִוי אַזוֹי מֶען װִויל...

דֶער הֵיילִיגֶער סֵדֶר נַאכְט אִיז אַ "סֵדֶר" פַאר דִי גַאנְצֶע יָאר, װִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף דִי נַאכְט אַזוֹי װֶועט מֶען זִיךְ אוֹיפְפִירְן אַ גַאנְץ יָאר, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן פוּן פָארְאוֹיס אַז מֶען גֵייט װֶוערְן אוֹיסְגֶעפְּרוּבְט דִי נַאכְט, צוּ זֶעהן אוֹיב עֶר װֶועט זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן רוּהִיג אוּן פְרֵיילִיךְ אֲפִילוּ װֶוען עֶס װֶועט זַיין זַאכְן װָואס עֶר װֶועט גֵיין פַארְקֶערְט װִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט.

אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶעהן צוּ זִיצְן בַּיים סֵדֶר מִיט שִׂמְחָה אוּן מִיט סַבְלָנוּת, אֲפִילוּ װֶוען דִי קִינְדֶער טַאנְצְן אַרוּם אַזוֹי װִוי זֵייעֶר שְׁטֵייגֶער, זֵיי װִוילְן פְרֶעגְן אַלֶע סָארְט קַשְׁיוֹת אוּן זֵיי װִוילְן גַנָב'עֶנֶען דֶעם אֲפִיקוֹמָן א.א.װ. טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיב אַלֶעס אִיז נִישְׁט גֶעוָוארְן צוּגֶעגְרֵייט װִוי גֶעהֶערִיג, זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט רֶעגְן אוֹיף דִי מִשְׁפָּחָה אָדֶער גֶעסְט אוֹיב עֶס גֵייט נִישְׁט אַלֶעס װִוי גֶעפְּלַאנְט, װַוייל דָאס אִיז דֶער נִסָּיוֹן פוּן דִי נַאכְט, צוּ זֶעהן אוֹיב מֶען װֶועט זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן, אָדֶער מֶען װֶועט װַוייטֶער בְּלַייבְּן רוּהִיג אוּן פְרֵיילִיךְ.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ח) אַז דִי שְׁלֵימוּת אִיז װֶוען מֶען שְׁטֶעלְט צוּזַאם דִי "שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר" מִיט דֶעם "כְּסֵדֶר", דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ עֶס זֶעהט אוֹיס אַז זַאכְן גֵייעֶן שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר, דַארְף מֶען אָבֶער װִויסְן אַז בֶּאֱמֶת הָאט עֶס אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע סֵדֶר, װִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט עֶס, אוּן װֶוען מֶען נֶעמְט דָאס אַרַיין אִין קָאפּ, װֶועט מֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אַזוֹי שְׁנֶעל װֶוען עֶפֶּעס גֵייט נִישְׁט װִוי דֶער סֵדֶר, אוּן דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אַז דִי גַאנְצֶע יָאר װָואס קוּמְט זָאל מֶען שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶב פֶּסַח)

***

## יֶעדֶער אִיד גֵייט אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם

דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים קט"ז:) בְּכָל דּוֹר וָדוֹר חַיָּיב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִילוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם, אוּן דָאס אִיז מַמָּשׁ בִּמְצִיאוּת בַּיי יֶעדְן אִיד, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זִיצְט אִין זַיין אֵייגֶענֶע מִצְרַיִם, אִין אַ מֵיצַר הַמּוֹחִין, זַיין מֹחַ אוּן הַארְץ זֶענֶען פַארְשְׁטָאפְּט, זַיין מוֹיל אִיז פַארְשְׁטָאפְּט, עֶר קֶען נִישְׁט גֶעהֶערִיג דַאוְוענֶען אוּן לֶערְנֶען, עֶר אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר-סֶדְרָה יֶעדֶע װָאךְ, עֶר קֶען נִישְׁט עֶפֶענֶען אַ מִשְׁנַיוֹת אָדֶער אַ גְמָרָא, עֶר דַאוְוענְט נִישְׁט דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת װִוי אַזוֹי מֶען דַארְף, אוּן אַוַדַאי רֶעדְט עֶר נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן װֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אוּן מֶען טְרֶעפְט אַ צַדִּיק װָואס עֶפֶענְט אוֹיף דִי הַארְץ אוּן מֹחַ, עֶר עֶפֶענְט אִים אוֹיף דִי מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, װֶוערְט בַּיי אִים פֶּה-סָח, זַיין מוֹיל הָאט זִיךְ גֶעעֶפֶנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז מַמָּשׁ יְצִיאַת מִצְרַיִם, עֶר גֵייט אַרוֹיס פוּן זַיין אֵייגֶענֶע מִצְרַיִם, אוּן עֶר קוּמְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח דִי רִיכְטִיגֶע צַייט װֶוען מֶען קֶען זִיךְ בַּאנַייעֶן, אַז דִי מוֹיל זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן גָלוּת, דִי מוֹיל זָאל זַיין פְרֵיי צוּ קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען, אֲפִילוּ פוּן אָנְפַאנְג פִיהלְט מֶען נָאכְנִישְׁט אַזַא גוּטְן טַעַם, אָבֶער װֶוען מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ הֵיילִיגְן דִי מוֹיל מִיט הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, װֶוערְט צוּבִּיסְלֶעךְ אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט דֶער מֹחַ, בִּיז מֶען הֵייבְּט אָן צוּ שְׁפִּירְן דֶעם זִיסְן אוּן גֶעשְׁמַאקְן טַעַם פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶב פֶּסַח)

## הַגָּדָה שֶׁל פֶּסַח

גֵייט אַרוֹיף אוֹיף "אַיֵּה" מְקוֹם כְּבוֹדוֹ, דָאס מֵיינְט, אַז אַ אִיד פְרֶעגְט "װִוי אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער", דָאס אִיז דִי עֵצָה פַאר אַ אִיד װָואס פִילְט אַז עֶר אִיז װַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער װִוי בִּיזְטוּ, אִיךְ װִויל דִיר זֶעהן, אִיךְ װִויל פִילְן אַז דוּ בִּיזְט מִיט מִיר, אוּן דוּ הֶערְסְט מִיר אוֹיס", אוּן אַזוֹי װֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן.

## וְאֶת לַחְצֵינוּ – זוֹ הַדְּחַק

דֶער עִיקָר סִיבָּה פוּן אַלֶע צָרוֹת אִיז "זוֹ הַדְּחַק", אַז דֶער מוֹחַ פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּדְרִיקְט, עֶר טְרַאכְט אַז עֶר קֶען עֶפֶּעס אַלֵיין טוּהן אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר װֶוען עֶר טוּט זַאכְן אוּן עֶס גֶעלוּנְגְט נִישְׁט, רֶעגְט עֶר זִיךְ אוֹיף, אָבֶער װֶוען אַ אִיד װֵייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הָאט עֶר נִישְׁט קֵיין טַעֲנוֹת אוֹיף קֵיינֶעם, עֶר װֵייסְט אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן אַזַא אִיד הָאט אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

## כַּמָּה מַעֲלוֹת טוֹבוֹת

מֶען רֶעכְנְט אוֹיס אַלֶע גוּטֶע זַאכְן װָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעטוּהן, דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִי" אַז אֲפִילוּ װֶוען אַ יוּד הָאט צָרוֹת, זָאל עֶר גוּט קוּקְן װֶועט עֶר זֶעהן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים אוֹיךְ אַסַאךְ גוּט'ס, אוּן עֶר זָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גוּט'ס, אוּן אַז עֶר װֶועט דָאס טוּהן װֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן.

## מָרוֹר זֶה

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דִי כְּזַיִת מָרוֹר אִיז אַ סְגוּלָה פַאר פַּרְנָסָה, מֶען קֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין לוֹיט װִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז װֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, פַארְלִירְט עֶר דוּרְךְ דֶעם זַיין פַּרְנָסָה.

דָאס אִיז פְּשַׁט, װֶוען אַ מֶענְטְשׁ קֶען אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען דִי כְּזַיִת בִּיטֶערֶע מָרוֹר, דָאס הֵייסְט אַז אֲפִילוּ װֶוען עֶס גֵייט אִים דוּרְךְ אַ בִּיטֶערְנִישׁ, גֶעדֶענְקְט עֶר אַז אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר זַיין טוֹבָה, אוּן עֶר רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף, װֶועט עֶר הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח.

## בְּכָל דּוֹר וָדוֹר

מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג דֶערְמַאנֶען יְצִיאַת מִצְרַיִם, װַוייל אַזוֹי װִוי מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם אוּן עֶס אִיז אוּנְז דָארְט גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער, בִּיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן עֶר הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי הָאט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן דָארְט.

דִי זֶעלְבֶּע הַיינְט, װֶוען אַ יוּד הָאט צָרוֹת אוּן עֶר זֶעהט נִישְׁט קֵיין װֶועג אַרוֹיס, דַארְף עֶר גֵיין צוּ אַ צַדִּיק װָואס װֶועט אִים אוֹיסְלֶערְנֶען אַז עֶר זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי װֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת.

## מְקִימִי מֵעָפָר דָּל – לְהוֹשִׁיבִי עִם נְדִיבִים

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אֵייבִּיג גֶעדֶענְקֶען װִוי אַזוֹי עֶר הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהן פַאר עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם צַדִּיק, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִים אוּן אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּם צַדִּיק, אוּן עֶר קְרִיגְט נִישְׁט אוֹיפְן צַדִּיק

המשך בדף ד

# הַגָּדָה שֶׁל פֶּסַח

און עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ גֵיין אִין זַיינֶע וֶועגְן.

## רָחְצָה

פַאר׳ן עֶסְן וַואשְׁט מֶען זִיךְ דִי הֶענְט, צוּ וַוייזְן אַז נִישְׁט מִיט אוּנְזֶערֶע הֶענְט הָאבְּן מִיר פַּרְנָסָה, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גִיבְּט אוּנְז אַלֶעם.

## בִּרְכַּת הַמָּזוֹן

מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט צוּ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן וָואס אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה דְאוֹרַיְיתָא, און וֶוער עֶס בֶּענְטְשְׁט וָוארְט בַּיי וָוארְט אִין אַ סִידוּר, וֶועט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע און אַסַאךְ גֶעלְט.

## הֶאֱמַנְתִּי כִּי אֲדַבֵּר

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז וֶוען אַ יוּד וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ "אֱמוּנָה", צוּ גְלֵייבְּן אֱמֶת׳דִיג אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל עֶר שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דוּרְךְ דֶעם וֶועט עֶר הָאבְּן אֱמוּנָה.

און אוֹיבּ קֶען עֶר נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל עֶר דָאס אַלֵיינ׳ס בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל קֶענֶען רֶעדְן צוּ אִים, און אַזוֹי וֶועט עֶר זַיין אַן עֶרְלִיכֶער יוּד.

## מִן הַמֵּיצַר קָרָאתִי יָ–ה

דִי גְמָרָא זָאגְט אַז אַזוֹי וִוי מֶען קֶען נִישְׁט אַרוֹיס נֶעמֶען דִי אוֹיל פוּן דִי אֵיילְבִּירְטְן נָאר אוֹיבּ מֶען צוּדְרִיקְט זֵיי, דִי זֶעלְבֶּע דִי אִידְן קוּמֶען נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר וֶוען מֶען צוּדְרִיקְט זֵיי, זֵיי הָאבְּן צָרוֹת, דֶערְפַאר "מִן הַמֵּיצַר" - וֶוען אַ אִיד אִיז גֶעדְרִיקְט, עֶר הָאט צָרוֹת, אִיז דִי עֵצָה "קָרָאתִי יָ-ה - עֶר זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אֶבֶן מָאֲסוּ הַבּוֹנִים הָיְתָה לְרֹאשׁ פִּנָּה

אֶבֶן מָאֲסוּ הַבּוֹנִים - יֶעדֶער הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף מִיר אַז אִיךְ בִּין אַ שְׁטֵיין וָואס אִיז נִישְׁט וֶוערְט צוּ גָארְנִישְׁט, הָיְתָה לְרֹאשׁ פִּנָּה - דִי צַדִּיקִים הָאבְּן מִיר אָבֶּער אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און נָאךְ גוּטֶע עֵצוֹת, וָואס מִיט דֶעם וֶועל אִיךְ צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

## זֶה "הַיּוֹם" עָשָׂה ה׳

אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְן "זֶה הַיּוֹם" אִיךְ הָאבּ נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהן נֶעכְטְן, און נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס עֶס גֵייט זַיין מָארְגְן, נָאר טְרַאכְטְן וָואס אִיךְ קֶען "יֶעצְט" אַריינְכַאפְּן אַ גוּטֶע זַאךְ.

## כַּאֲשֶׁר זָכִינוּ לְסַדֵּר אוֹתוֹ

אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן הַיינְט גֶעדֶענְקְט דִי נִיסִים פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם אַזוֹי זָאלְן מִיר גֶעדֶענְקְן אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר אַלֶע נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אוּנְז.

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳ ~

### סדר הלימודים אין ישיבה האלט ווייטער אן במשך בין הזמנים

אזוי ווי עס איז שוין איינגעפירט אין ישיבתינו הק׳ אין די פארגאנגענע יארן, איז נישטא קיין בין הזמנים אין ישיבה, די בחורים זיצן ווייטער און לערנען מיט התמדה א גאנץ חודש ניסן, עס קומען ווייטער פאר די שיעורים פונעם ראש ישיבה, אלעס גייט ווייטער אן ווי געהעריג.

ווי באקאנט האבן אלע צדיקים געבלוטיגט אויף דעם "בין הזמנים" ווען מען ברענגט אן די צייט מיט נארישקייטן, מוהרא"ש ברענגט אין קונטרס "בין הזמנים" אז עס איז נאר דא איין צייט וואס א מענטש האט "בין הזמנים", דאס איז בין מיתה לקבורה, נאכן שטארבן פארן באערדיגן, אבער א גאנץ לעבן דארף א איד שטענדיג אריינכאפן נאך תורה ומצוות, און נישט חס ושלום פארברענגען די צייט, וואס דאס ברענגט דאס ערגסטע ה"י

די בחורים האבן זיך שטארק צוגעכאפט דערצו, צו קענען ווייטער זיצן בין כותלי הישיבה, און לערנען די הייליגע תורה שיעורין כסדרן, ובנוסף צו קענען הערן די שיעורים פונעם ראש ישיבה וואס זענען מחי׳ נפשות, וואס געבט אריין חיות פאר די בחורים, און דערנענטערט זיי צום אייבערשטן.

**כי הם חיינו ואורך ימינו!**

***

### שיעורים פון מוהרא"ש שליט"א חול המועד

חול המועד פסח וועט אי"ה פארקומען דער שיעור פון מוהרא"ש שליט"א דאנערשטאג נאכט ווי געווענטליך אום 8:30 ביי מוהרא"ש אין בית המדרש.

אזוי ווי אייביג וועט מען אויך קענען מיטהאלטן די שיעור אויפ׳ן קול ברסלב טעלעפאן ליין מיט א לייוו הוק-אפ, אויך קען מען דארט הערן פריערדיגע שיעורים פון מוהרא"ש שליט"א, און אויך נייעס און באריכטן פון די מוסדות.

**שמעו ותחי נפשכם!**


## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ׳ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

**27 Skillman St.**

**אדער רופט 347-977-7994**

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות.................7:02
מוציו"ט.........................8:34
סוף זמן ק"ש...................9:13

**שיעורים כסדרן**
בבלי.............עירובין כ"ד
ירושלמי.........................גיטין י"א
תוספתא..............פרה פרק ט'

שביעי של פסח, שנת תשע"ג לפ"ק — שנה 2, גליון 27 (77)


# מָשִׁיחַ'ם סְעוּדָה

**דִי סְעוּדָה פוּן אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "מָשִׁיחַ'ס סְעוּדָה", אוּן אוֹיךְ "בַּעַל שֵׁם טוֹב'ס סְעוּדָה", דָאס אִיז צוּלִיבּ דֶער נֵס וָואס אִיז גֶעשֶׁעהְן צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אִין דֶעם טָאג, וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט פָארְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיטְן אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ, אוּן דוּרְךְ דֶעם בְּרֶענְגְן מָשִׁיחַ.**

**מֶען פִירְט זִיךְ צוּ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה בַּיי דִי סְעוּדָה אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח, מִיר וֶועלְן עֶס דָא אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען לוֹיט וִוי מוֹהֲרַא"שׁ שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט דָאס, לוֹיט וִוי עֶר הָאט מְקוּבָּל דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת.**

### מֶעזְשִׁיבּוֹזְ

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט זִיךְ בַּאזֶעצְט אִין דֶעם קְלֵיינֶעם שְׁטֶעטְל "מֶעזֶעבִּיזְשׁ", דָאס אִיז אַ טַאקֶע אַ קְלֵיינֶע שְׁטֶעטְל אִין אוּקְרַיינֶע אָבֶער פוּן דֶעם קְלֵיינֶעם שְׁטֶעטְל אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַזַא לֶעכְטִיגְקֵייט וָואס הָאט בַּאלָאכְטְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אֵיין זַאךְ, אַז אַלֶעס אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן וָואס מֶען דַארְף זָאל מֶען נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען הָאט אִיז נָאר וִוי לַאנְג מֶען רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז מֶען קֶען זִיךְ אַלֵיינְ'ס אַן עֵצָה גֶעבְּן אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אָבֶער וִוי נָאר אַ אִיד לֶערְנְט זִיךְ אוֹיס אוּן עֶר גֶעדֶענְקְט אַז אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶר אַ גְלִיקְלֶעךְ לֶעבְּן, וֵוייל עֶר אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיינְ'ס, וָואס עֶר דַארְף בֶּעט עֶר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס הָאבְּן גְלַייךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּ קוּמֶען אַסַאךְ אִידְן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב, יֶעדֶער וִויל הֶערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶס פְלֶעגְן קוּמֶען אַלֶע מִינֵי מֶענְטְשְׁן סֵיי פָּשׁוּט'ֶע אִידְן שׁוּסְטֶער'ס אוּן שְׁנַיידֶער'ס, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אוּן חָשׁוּב'ֶע אִידְן, יֶעדֶער אִיז זִיךְ גֶעקוּמֶען מִיט זַיין פֶּעקְל צָרוֹת צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט יֶעדְן אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין אַנְדֶערֶע עֵצָה נָאר צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דִי גַאנְצֶע הַארְץ מִיט אַלֶע צָרוֹת נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט יֶעדְן אוֹיס אוּן עֶר הֶעלְפְט.

דֶער עוֹלָם הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן, אוּן מֶען הָאט גֶעזֶעהְן אַסַאךְ מוֹפְתִים, אוּן אַזוֹי אִיז דֶער קְלֵיין שְׁטֶעטְל "מֶעזֶעבִּיזְשׁ" גֶעוָוארְן וִוי אַ מַאגְנֶעט וָואס הָאט גֶעצוֹיגְן צוּ זִיךְ אַסַאךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

### דִי מִתְנַגְּדִים

אָבֶער פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאט נִישְׁט גֶעפֶעלְט קֵיין מִתְנַגְּדִים וָואס הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיפְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אַזוֹי וִוי אֵייבִּיג וֶוען אַ צַדִּיק לֶערְנְט אוֹיס גוּטֶע זַאכְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז אֵייבִּיג דָא מֶענְטְשְׁן וָואס קְרִיגְן אוֹיף אִים, אַזוֹי וִוי מִיר טְרֶעפְן שׁוֹין בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס פִירְט דִי וֶועלְט, הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעהַאט מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיף אִים, וֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעגְרָאבְּן קְוֶועלֶער וַואסֶער זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי פְּלִשְׁתִּים אוּן עֶס פַארְשְׁטָאפְּט, וָואס דָאס מֵיינְט אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעמַאכְט קְוֶועלֶער פוּן אֱמוּנָה אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר יֶעדְן אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי פְּלִשְׁתִּים דִי לֵיצִים אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, אוּן זַייט דֶעמָאלְט'ס גֶעשֶׁעהט אַזוֹי בַּיי יֶעדְן צַדִּיק אַז עֶס אִיז אֵייבִּיג דָא מֶענְטְשְׁן וָואס קְרִיגְן אוֹיף זֵיי.

### דִי וֶועגְן פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע וֶוערְן פַארְשְׁפְּרֵייט אוֹיף דִי וֶועלְט

אָבֶער לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן דִי וֶועגְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּגֵיין אִין דִי וֶועלְט, אֲפִילוּ פוּן אָנְפַאנְג זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעוִויסֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן אוֹיךְ גֶעקְרִיגְט אוֹיפְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, וִוי לְמָשָׁל דֶער הֵיילִיגֶער גְרָ"א זי"ע אוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים, אָבֶער זֵייעֶר מַחֲלוֹקֶת אִיז גֶעוֶוען לְשֵׁם שָׁמַיִם, אוּן נִישְׁט וִוי סְתַּם מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקְרִיגְט סְתַּם צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען, דִי צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיפְן בַּעַל שֵׁם טוֹב וֵוייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז דָאס אִיז אַ נַייעֶ וֶועג, מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דִי מְסוֹרָה אוּן מֶען טְרֶעפְט זִיךְ אוֹיס נַייעֶ גְרִינְגֶע וֶועגְן, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַסַאךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב זִיךְ צוּ טַעֲנֶה'ן מִיט אִים, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט יֶעדְן גֶעזָאגְט אַז זַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע צִיל אִיז נָאר אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן אַז וָואס

מֶען דַארְף זָאל מֶען נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֵוייל נָאר עֶר קֶען הֶעלְפְן.

מֶען דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אַ גְרוֹיסֶער גָאוֹן, אוּן עֶר הָאט גֶע׳טַעֲנֶה׳ט צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב: "וֶוער הָאט אֵייךְ אוֹיסְגֶעזָאגְט דַיין נַייעֶם וֶועג, מִיר הָאבְּן אֵייבִּיג גֶעוואוּסְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט זוּכְן קֵיין נַייעֶ וֶועגְן מֶען דַארְף נָאכְגֵיין דִי מְסוֹרָה, וִוי אַזוֹי קֶענְט אִיר קוּמֶען מִיט נַייעֶ זַאכְן וָואס מִיר הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט?!"

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעטְרָאפְן קֵיין שׁוּם נַייעֶ זַאכְן, עֶר אִיז נָאר גֶעקוּמֶען צוּרִיק בְּרֶענְגְן דִי פָּשׁוּט׳עֶ אֱמוּנָה וָואס אִיז פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם שְׁוֶוערְן גָלוּת, "אִיךְ בִּין נָאר גֶעקוּמֶען דֶערְמַאנֶען פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַלֶעס וָואס טוּט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט צוּ דֶערְמַאנֶען אִידְן אַז זֵיי זָאלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, אוּן אֲפִילוּ וֶוען דוּ הֶערְסְט אַ טָמֵא׳נֶער גוֹי רֶעדְן אִיז דָאס אוֹיךְ עֶפֶּעס אַ שְׁלִיחוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט דֶעם גֶעוָואלְט עֶפֶּעס זָאגְן".

וֶוען דֶער גָאוֹן הָאט גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז עֶר אוֹיפְגֶעטַאנְצְן פוּן זַיין פְּלַאץ אוּן גֶעזָאגְט: "חַס וְשָׁלוֹם! חַס וְשָׁלוֹם!" וִוי אַזוֹי קֶענְט אִיר זָאגְן אַזַא זַאךְ, אַז אַ טָמֵא׳נֶער גוֹי אִיז אַ שָׁלִיחַ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?!

אִין יֶענֶע מִינוּט הָאט אַ גוֹי וָואס פַארֶעכְט קְלֵיינֶע צוּבְּרָאכֶענֶע זַאכְן אַרַיינְגֶעקְלַאפְּט אוֹיפְ׳ן טִיר פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן גֶעפְרֶעגְט: "אֶפְשָׁר אִיז דָא עֶפֶּעס צוּ פַארֶעכְטְן דָא?", דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל "קֶענְסְט גֵיין, בַּיי מִיר אִיז בָּרוּךְ ה׳ אַלֶעס פַארָאכְטְן, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא צוּ פַארֶעכְטְן דָא", אָבֶּער דֶער גוֹי אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן נָאר עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעפְרֶעגְט: "אֶפְשָׁר אִיז דֶער טִישׁ אַבִּיסְל צוּבְּרָאכְן אוּן אִיךְ קֶען עֶס פַארֶעכְטְן?", זָאגְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: "נֵיין, דֶער טִישׁ אִיז בָּרוּךְ ה׳ זֵייעֶר גוּט עֶס אִיז גָארְנִישְׁט צוּבְּרָאכְן", דֶער גוֹי פְרֶעגְט וַוייטֶער: "אֶפְשֶׁר אִיז דֶער בֶּעט אַבִּיסְל צוּבְּרָאכְן?", זָאגְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: "נֵיין, דֶער בֶּעט אִיז בָּרוּךְ ה׳ אוֹיךְ זֵייעֶר פַיין", דֶער גוֹי לָאזְט נִישְׁט אָפּ, עֶר פְרֶעגְט וַוייטֶער: "אָבֶּער דָאךְ, קוּק גוּט אִיבֶּער, אֶפְשָׁר אִיז דָא עֶפֶּעס וָואס מֶען דַארְף דָא פַארֶעכְטְן" דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב עֶנְטְפֶערְט אִים וַוייטֶער: "קֶענְסְט גֵיין, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעקוּקְט אוּן אַלֶעס אִיז בָּרוּךְ ה׳ פַארָאכְטְן אוֹיפְ׳ן בֶּעסְטְן אוֹפָן" דֶער גוֹי אִיז זִיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן דָארְט מִיט עַגְמַת נֶפֶשׁ.

רוּפְט זִיךְ דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אָן צוּ דֶעם גָאוֹן וָואס הָאט מִיטְגֶעהַאלְטְן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה: "אִיךְ דַאנְק אוּן אִיךְ לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט מִיר צוּגֶעשִׁיקְט דֶעם גוֹי, עֶר אִיז דָאךְ מַיין מוּסָר סֵפֶר, עֶר אִיז מִיר גֶעקוּמֶען דֶערְמַאנֶען אַז אִיךְ זָאל מִיר נָאכְאַמָאל גוּט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אוֹיבּ אִיךְ בִּין גוּט, אוֹיבּ אִיךְ פִיר מִיךְ אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אִיךְ הָאבּ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז בַּיי מִיר אִיז בָּרוּךְ ה׳ אַלֶעס פַארָאכְטְן, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט נָאר עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַז אִיךְ זָאל גוּט אִיבֶּערְקוּקְן אוֹיבּ אַלֶעס אִיז טַאקֶע וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אָבֶּער בָּרוּךְ ה׳ אִיךְ בִּין אִינְגַאנְצְן פַארָאכְטְן אוּן עֶס פֶעלְט מִיר גָארְנִישְׁט".

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן גֶעזָאגְט צוּם גָאוֹן: "יֶעצְט זֶעהט אִיר דָאךְ קְלָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען שִׁיקְן אַ גוֹי פַאר אַ שָׁלִיחַ מִיר צוּ דֶערְמַאנֶען תְּשׁוּבָה צוּ טוּהן!"

### דוּ קֶענְסְט נָאר דוּ ווִילְסְט נִישְׁט

וֶוען דֶער גָאוֹן הָאט גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן גֶעזָאגְט: "אַלֶעס קֶען אִיךְ נָאךְ אָנֶעמֶען פוּן אַייךְ, וָואס אִיר זָאגְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ גֶעשֶׁעהט נִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דָאס וָואס אִיר זָאגְט אַז אֲפִילוּ אַ טָמֵא׳נֶער גוֹי קֶען זַיין אַ שָׁלִיחַ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָאס קֶען אִיךְ נִישְׁט אָנֶעמֶען!"

עֶנְטְפֶערְט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: "קֶענֶען, קֶענְסְטוּ דָאס אָנְנֶעמֶען, נָאר דוּ ווִילְסְט נִישְׁט, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט ווִילְן וֶועסְטוּ קֶענֶען!".

אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים שְׁטֶעלְט אַ גוֹי אָפּ דֶעם וָואגְן פוּנֶעם גָאוֹן אוּן זָאגְט וֵויינֶענְדִיג: "אֶפְשֶׁר קֶענְט אִיר מִיר קוּמֶען הֶעלְפְן, מַיין וָואגְן מִיטְן פֶערְד הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, אַלֶע פְרוּכְט הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן, בִּיטֶע קוּמְט׳ס מִיר הֶעלְפְן צוּרִיק אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן דֶעם וָואגְן".

זָאגְט אִים דֶער גָאוֹן: "דוּ זֶעסְט נִישְׁט אַז אִיךְ בִּין אַן אַלְטֶער שְׁוַואכֶער מֶענְטְשׁ? אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן אוֹיפְהֵייבְּן אַ וָואגְן", דֶער גוֹי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן: "קֶענֶען, קֶענְסְטוּ מִיךְ הֶעלְפְן, נָאר דוּ ווִילְסְט נִישְׁט הֶעלְפְן!" וֶוען דֶער גָאוֹן הָאט גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: "דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער הָאבּ אִיךְ דָאךְ גֶעהֶערְט פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב אַפָּאר מִינוּט צוּרִיק, יֶעצְט הֶער אִיךְ דָאךְ מַמָּשׁ אַ שְׁלִיחוּת פוּן הִימְל דוּרְךְ אַ גוֹי", עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר גֵייט וַוארְטְן בִּיז עֶס קוּמְט נָאךְ אַ וָואגְן וָואס וֶועט הֶעלְפְן דֶעם גוֹי, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט עֶר גְלַייךְ צוּרִיק פָאְרן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב, וֵוייל יֶעצְט הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט דוּרְךְ דֶעם גוֹי אַז עֶר קֶען יָא נָאר עֶר ווִיל נִישְׁט, מְמֵילָא קֶען עֶר יָא גְלֵייבְּן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

עֶר אִיז גְלַייךְ צוּרִיקְגֶעפָארְן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט שׁוֹין גֶעוַוארְט אוֹיף אִים אִינְדְרוֹיסְן, אוּן אִים גֶעזָאגְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "בִּיזְט שׁוֹין מִן הַסְתָּם אוֹיךְ גֶעווָאוִיר גֶעוָוארְן וָואס אַסַאךְ אַנְדֶערֶע הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער גָאוֹן אִיז שׁוֹין דָארְט גֶעבְּלִיבְּן לֶערְנֶען בַּיים הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן פוּן זַיינֶע גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים, אוּן שְׁפֶּעטֶער אוֹיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

### דִי נְסִיעָה קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעזֶעהן דָארְט וִוי עֶר הָאט גֶעזֶעהן אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען דִי גְרוֹיסְקַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָדוֹשׁ, וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס, עֶר הָאט

גֶעהֶערְט יֶעדֶע נַאכְט תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, עֶס פְלֶעגְן קוּמֶען צוּ אִים אַסַאךְ נְשָׁמוֹת אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אַ קְלָארֶע רוּחַ הַקוֹדֶשׁ.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶערֶעדְט זֵייעֶר גְרוֹיס פוּן אִים, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז זַיין נְשָׁמָה אִיז פוּן דִי רוּחַ דְאַצִּילוּת פוּן דָוִד הַמֶלֶךְ אוּן עֶר דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אַלֵיינְס קוּמְט פוּן דִי נֶפֶשׁ דְאַצִּילוּת פוּן דָוִד הַמֶלֶךְ, דֶערְפַאר הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט אִים טְרֶעפְן, וַוייל אַזוֹי וֶועלְן זֵיי צוּזַאמֶען קֶענֶען אוֹיךְ אַרָאפּ בְּרֶענְגְן דִי נְשָׁמָה דְאַצִּילוּת פוּן דָוִד אוּן אוֹיךְ דִי חַיָה אוּן יְחִידָה דְאַצִּילוּת, אוּן אַזוֹי וֶועט מָשִׁיחַ קוּמֶען אוּן עֶס וֶועט זַיין דִי גְאוּלָה, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר מוּז פָארְן צוּ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִים צוּ טְרֶעפְן.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב פְלֶעגְט זָאגְן: ״וֶוען אִיךְ קוּם אָן עֶרְגֶעץ אוֹיבְן אִין הִימְל טְרֶעף אִיךְ שׁוֹין דָארְט דֶעם סְפַרְדִי״ מֵיינֶענְדִיג מִיט דֶעם, דֶעם הֵיילִיגְן אוֹר הַחַיִּים הַקָדוֹשׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעשִׁיקְט אַ בְּרִיוו צוּ זַיין שְׁוָואגֶער ר׳ גֶרְשׁוֹן קִיטֶעוֶוער זי״ע וָואס הָאט גֶעוואוֹינְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַז עֶר זָאל פְרֶעגְן דֶעם אוֹר הַחַיִּים הַקָדוֹשׁ אוֹיבּ עֶר זָאל פָארְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָדוֹשׁ הָאט צוּרִיקְגֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט אַז עֶר זָאל קוּמֶען, וַוייל עֶס קֶען זַיין אַ סַכָּנָה, אָבֶּער דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט וַוארְטְן בִּיז דֶער בְּרִיוו קוּמְט צוּרִיק, נָאר עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְן וֶועג אוּן וֶוען דֶער בְּרִיוו אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִיז שׁוֹין דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעוֶוען אִינְמִיטְן וֶועג.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר מוּז זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַאר יֶעדֶע פְּרַייז, עֶר הָאט מִיטְגֶענוּמֶען מִיט זִיךְ זַיין טָאכְטֶער אָדְל מִיט זַיין סוֹפֵר רֶבִּי צְבִי ז״ל אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פָארְן פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט פוּן דָארְף צוּ דָארְף בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטָאט אָדֶעס, וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען דֶער בָּארְטְן פוּנֶעם שְׁוַוארְצְן יָם, פוּן דָארְט הָאבְּן זֵיי גֶענוּמֶען אַ שִׁיף צוּ טֶערְקַיי אוּן זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטָאט אִינְסְטַאנְבּוּל מַמָשׁ פַאר פֶּסַח.

דָארְט אִין אִינְסְטַאנְבּוּל אִיז גֶעוֶוען אַן הַכְנָסַת אוֹרְחִים, אַ גְרוֹיסֶע הוֹיז מִיט צְוֵויי שְׁטָאקְן, דִי אִינְטֶערְשְׁטֶע שְׁטָאק אִיז גֶעוֶוען אוּמְזִיסְט פַאר אָרִימֶעלַייט אוּן אָרְחֵי פָּרְחֵי וָואס זֶענֶען דָארְט אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען, אוּן אִין דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע שְׁטָאק זֶענֶען אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען דִי חָשׁוּבֶע אִידְן מִיט עֲשִׁירִים.

## ~ שִׁידוּכִים, שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן פַּרְנָסָה ~

דִי גְמָרָא זָאגְט (סוֹטָה ב.) קָשֶׁה זִוּוּגוֹ שֶׁל אָדָם כִּקְרִיעַת יַם סוּף, אוּן אוֹיךְ (פְּסָחִים קיח.) קָשֶׁה פַּרְנָסָתוֹ שֶׁל אָדָם כִּקְרִיעַת יַם סוּף, אַ שִׁידוּךְ אוּן פַּרְנָסָה זֶענֶען אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי קְרִיעַת יַם סוּף.

אִין דֶעם טָאג שְׁבִיעִי שֶׁל פֶּסַח, הָאט דָאךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעשְׁפָּאלְטְן דֶעם יַם פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, קוּמְט אוֹיס אַז אִין דֶעם טָאג אִיז זֵייעֶר מְסוּגָל צוּ בֶּעטְן פַאר דִי זַאכְן וָואס זֶענֶען אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי קְרִיעַת יַם סוּף, וַוייל אִין דֶעם טָאג אִיז דָאס דָאךְ גֶעוָוארְן גְרִינְג.

דֶערְפַאר דַארְף אַ בָּחוּר אוֹיסְנִיצְן דֶעם טָאג צוּ מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אוּן וֶוער עֶס הָאט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן דַארְף מִתְפַּלֵל זַיין פַאר שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַאר פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח.

אוּן דִי תְּפִלּוֹת וָואס מֶען בֶּעהְט אִין דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק מְסוּגָל צוּ פוּעֶל׳ן אַלֶעם גוּט׳ס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ חֵלֶק ט״ז עֶרֶךְ שְׁבִיעִי שֶׁל פֶּסַח)

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז דָארְט אָנְגֶעקוּמֶען פְלוּצְלִינְג מִיט זַיין טָאכְטֶער אוּן מִיט זַיין תַּלְמִיד דֶער סוֹפֵר, קֵיינֶער הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט, אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין שׁוּם גֶעלְט מִיט זִיךְ, וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעיָאגְט אַרוֹיסְצוּפָארְן אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גָארְנִישְׁט מִיטְגֶענוּמֶען, זֵיי הָאבְּן זִיךְ פַארְלָאזְט אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵיי וֶועלְן שׁוֹין בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען זֵיי וֶועלְן עֶפֶּעס דַארְפְן, אוּן דֶערְפַאר הָאט מֶען זֵיי פְּלַאצִירְט אִין דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע שְׁטָאק מִיט דִי אָרִימֶעלַייט.

דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גָארְנִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל הָאבְּן אוֹיף פֶּסַח צוּ מַאכְן, אוּן עֶר הָאט גֶעגְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן, עֶר אִיז זִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אָבֶּער פַאר דִי טָאכְטֶער דִי צַדֵיקֶת אָדְל הָאט דָאס זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין אֵיין פְּרוּטָה צוּ קוֹיפְן זַאכְן פַאר פֶּסַח, אוּן אֲפִילוּ נִישְׁט קֵיין פְרִישֶׁע וֶועשׁ לְכָבוֹד יוֹם טוֹב.

עֶס אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען אַ טָאג פַאר פֶּסַח, דִי צַדֵיקֶת אָדְל הָאט גֶענוּמֶען דִי אֵיין הֶעמְד פוּן אִיר טַאטְן אוּן גֶעגַאנְגֶען צוּם יַם עֶס אוֹיסְצוּוַואשְׁן, אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאל כָאטְשׁ הָאבְּן אַ פְרִישֶׁע הֶעמְד אוֹיף יוֹם טוֹב, זִי אִיז גֶעזִיצְן בַּיים יַם אוּן גֶעוַואשְׁן דֶעם הֶעמְד, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן עֶפֶּעס אוֹיף פֶּסַח, אִינְצְוִוישְׁן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶע וִוינְט אוּן אַרוֹיסְגֶעבְּלָאזְן דִי הֶעמְד פוּן אִיר הֶענְט, אַזוֹי אַז אֲפִילוּ אַ הֶעמְד הָאט זִי שׁוֹין אוֹיךְ נִישְׁט גֶעהַאט פַאר אִיר טַאטְן, זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ וֵויינֶען אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״בַּאשֶׁעפֶער, מִיר זֶענֶען דָא אִין אַ פְרֶעמְדֶע לַאנְד, מָארְגְן אִיז שׁוֹין פֶּסַח אוּן מִיר הָאבְּן נָאכְנִישְׁט קֵיין מַצוֹת אוּן וַויין אוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן אוֹיף יוֹם טוֹב, אוּן יֶעצְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין פַארְלוֹירְן דִי לֶעצְטֶע הֶעמְד אוֹיךְ, בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר!״

אַזוֹי רֶעדְנְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַדוּרְךְ גֶעפָארְן אַ וָואגְן מִיט אַ פָּאר-פָאלְק, אַ מַאן אוּן אַ וַוייבּ, אוּן זֵיי זֶעהְן וִוי אַ פְרוֹי זִיצְט אוּן וֵויינְט, הָאבְּן זֵיי אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם וָואגְן אוּן אִיר גֶעפְרֶעגְט: ״וֶוער בִּיזְטוּ? אוּן פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ?״, הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז זִי אִיז אַ טָאכְטֶער פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוּן זֵיי קֶענֶען נִישְׁט קֵיינֶעם דָא אוּן זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט אוֹיף פֶּסַח, אוּן זִי זִיצְט דָא אוּן זִי בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זֵיי הֶעלְפְן.

די פּאַר-פּאָלק זענען געוואָרן זייער פריילעך ווען זיי האָבן געהערט אַז די איז אַ טאָכטער פון בעל שם טוב און זיי האָבן איר אַרויף גערופן אויפן וואַגן, די איז אַרויף געגאַנגען, און זיי האָבן איר געזאָגט אַז זי דאַרף זיך גאַרנישט זאָרגן "דער אייבערשטער האָט אויסגעהערט דיין תּפילה, מיר האָבן צוגעגרייט אַלע גוטע זאַכן פאַר יום טוב, עסן און טרינקען און נייע וועש און וואָס דו ווילסט, איר וועט האָבן אַ פריילעכן יום טוב, זיי האָבן איר אַרויף געבראַכט צו די אויבערשטע שטאָק פון די הכנסת אורחים, זיי האָבן איר געהאָלפן אַרויף שלעפּן אַלע זייערע זאַכן צו די אויבערשטע שטאָק צו זייער שטוב, און זיי האָבן צוגעגרייט אַ הערליכע סדר טיש ווי עס פּאַסט פאַר אַ קעניג.

## דער בעל שם טוב מאַכט מופתים

ווער זענען געווען די פּאַר-פּאָלק? אין די צייט ווען דער בעל שם טוב איז געווען אין די שטאָט מעזשביזש און ער האָט אויסגעלערנט פאַר יעדן צו רעדן צום אייבערשטן און צוביסלעך האָט עס אָנגעהויבן אַריינצוגיין אין די וועלט, מען האָט אָנגעהויבן צו שמועסן אַז דער בעל שם טוב רעדט נאָר פונעם אייבערשטן און אַ יעדע צרה וואָס מען קומט אים דערציילן זאָגט ער אַז מען זאָל נאָר בעטן דעם אייבערשטן און דער אייבערשטער העלפט, און מען זעהט גאָר גרויסע ישועות ביי אים, קראַנקע ווערן געזונט, אָרימעלייט באַקומען געלט, מענטשן וואָס האָבן נישט קיין קינדער ווערן געהאָלפן, און אַזוי ווייטער.

אין די שטאָט בערלין די הויפּט שטאָט פון דייטשלאַנד האָבן געוואוינט אַ פּאַר-פּאָלק אַ מאַן און ווייב וואָס זיי זענען געווען זייער גרויסע עשירים, זיי האָבן געהאַט גרויסע פּאַלאַצן און אַסאַך געלט, אָבער זיי האָבן נישט געהאַט קיין קינדער, זיי האָבן נישט געוואוסט אַז די איינציגסטע עצה איז נאָר צו בעטן דעם אייבערשטן, זיי זענען אַרומגעלאָפן צו אַלע גרויסע דאָקטוירים אָבער קיינער האָט זיי נישט געקענט העלפן, אַלע דאָקטוירים האָבן זיי געזאָגט אַז עס איז נישט מעגליך אַז זיי זאָלן האָבן קינדער, און זיי זאָלן פאַרגעסן דערפון, דאָס האָט זיי זייער געשטערט, זיי זענען געווען זייער טרויעריג.

איינמאָל האָט צו זיי אַריינגעקלאַפּט אַ איד נאָך צדקה, דער איד האָט געזעהן ווי די פּאַר-פּאָלק זענען זייער טרויעריג האָט ער זיי געפרעגט: "פאַרוואָס זענט איר אַזוי טרויעריג? וואָס פעלט אייך דען? איר האָט דאָך אַזויפיל געלט און אַזעלכע מעכטיגע פּאַלאַצן?" האָבן זיי געענטפערט: "וואָס האָבן מיר פון די גאַנצע געלט, אין די צייט וואָס מיר האָבן נישט זוכה געווען צו האָבן קינדער, און עס איז בכלל נישט מעגליך אַז מיר זאָלן האָבן קינדער", האָט זיי דער גבאי צדקה געזאָגט: **"איר זאָלט וויסן אַז אין דעם שטעטעלע מעזשביזש אין אוקריינע וואוינט אַ גרויסער צדיק וואָס עס איז נישט דאָ זיינ'ס גלייכן אין די וועלט, ער הייסט רבי ישראל בעל שם טוב און ער מאַכט געוואַלדיגע מופתים, אַסאַך אידן זענען שוין געהאָלפן געוואָרן מיט קינדער ביי אים, איך וואָלט אייך געראָטן אַז איר זאָלט אַריבערפאָרן צו אים און בעטן אַ ברכה, ער האָט זיי שטאַרק צוגערעדט אַז זיי זאָלן פאָרן, ער האָט זיי געזאָגט: "וואָס קענט איר דען פאַרלירן? כאַפּט אייך אַריבער און איר וועט געהאָלפן ווערן!".**

זיי האָבן אָנגענומען זיינע ווערטער און זיי האָבן אָפּגעמאַכט אַז זיי גייען פאָרן צום בעל שם טוב, אָבער אַזוי ווי עס איז שוין געווען נאָנט צו פּסח, האָבן זיי זיך איינגעפּאַקט צו עסן פאַר אַ גאַנצע פּסח מצות, וויין, פיש, און פלייש, און אַלעס גוט'ס, אַז אויב זיי בלייבן אינמיטן וועג אויף פּסח, זאָלן זיי נישט דאַרפן צוקומען צו קיין מענטשן, נאָר פאַרקערט זיי זאָלן נאָך קענען געבן פאַר אַנדערע, און אַזוי האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזט אויפן וועג צו מעזשביזש.

נאָך אַ לאַנגע שווערע רייזע זענען זיי אָנגעקומען צו מעזשביזש, זיי האָבן זיך גלייך נאָכגעפרעגט ווי דער בעל שם טוב וואוינט, אָבער מען האָט זיי געזאָגט אַז דער בעל שם טוב איז די וואָך אַוועקגעפאָרן פון מעזשביזש אויפן וועג צו ארץ ישראל, און מען האָט זיי געוויזן דער וועג ווי דער בעל שם טוב איז געפאָרן, זיי האָבן געטראַכט אַז זיי זענען שוין סיי ווי געפאָרן אַזאַ לאַנגע וועג ביז דאָ צו באַקומען אַ ברכה פונעם בעל שם טוב, וועלן זיי שוין ווייטער נאָכפאָרן דעם בעל שם טוב כדי אים צו כאַפּן און באַקומען פון אים אַ ברכה אויף קינדער.

זיי האָבן אָנגעהויבן צו פאָרן פון דאָרף צו דאָרף פון שטאָט צו שטאָט, אָבער ווי זיי זענען אָנגעקומען האָט מען זיי געזאָגט אַז דער בעל שם טוב איז יעצט דאָ געווען, און ער איז ממש יעצט אַוועקגעפאָרן, לויפט אים נאָך וועט איר אים אפשר נאָך כאַפּן, אַזוי זענען זיי נאָכגעפאָרן דעם בעל שם טוב אַ גאַנצן צייט ביז זיי זענען אָנגעקומען קיין אָדעס צום ים, און דאָרט האָט מען זיי געזאָגט אַז דער בעל שם טוב איז יעצט אַרויסגעפאָרן מיט אַ שיף קיין טערקיי, זענען זיי גלייך אויך אַרויפגעגאַנגען אויף אַ שיף מיט אַלע זייערע פּעקלעך אויף פּסח, און געפאָרן צו טערקיי, און זיי זענען אָנגעקומען אין אינסטאַנבול, זיי זענען גלייך צוגעפאָרן צו די הכנסת אורחים און זיי האָבן גענומען אַ שטוב אויף די אויבערשטע שטאָק ווי די עשירים שטייען איין און זיי האָבן זיך אויסגעפּאַקט אויף פּסח.

זיי האָבן זיך אָנגעהויבן נאָכצופרעגן ווי דער בעל שם טוב איז, אָבער קיינער האָט נישט געוואוסט ווער דאָס איז, זיי זענען געגאַנגען צווישן די אָרימעלייט און זיך נאָכגעפרעגט אויב איינער האָט געזעהן אַ אשכנזי'שער חכם פון אויסלאַנד אָבער קיינער האָט זיי נישט געקענט העלפן, ווען עס איז אָנגעקומען ערב פּסח, זיי זענען שוין גרייט צום יום טוב, האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ שפּאַציר אין שטאָט, אפשר דאָך וועלן זיי געוואויר ווערן ווי דער בעל שם טוב געפינט זיך, עס קען דאָך נישט זיין אַז קיינער ווייסט נישט ווי ער איז, און אַזוי זענען זיי אָנגעקומען צום באָרטן פון ים און דאָרט געטראָפן אַ פּרוי וויינען, און זי דערציילט אַז זי איז אַ טאָכטער פון בעל שם טוב דערפאַר זענען זיי געוואָרן זייער פריילעך און זיי האָבן איר איינגעלאַדענט אַז זי זאָל קומען צו זיי אויף פּסח.

## די סדר נאַכט אין אינסטאַנבול

**אָדל, די טאָכטער פונעם בעל שם טוב,**

אֲפִילוּ זִי הָאט גֶעוֵויינְט אַז זִי הָאט נִישְׁט אוֹיף פֶּסַח, אָבֶּער זִי הָאט גֶעגְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן זִי הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוואוּסְט וִוי אַזוֹי, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז זִי הָאט גֶעטְרָאפְן דִי פָּאר־פָאלְק וָואס הָאט זֵיי אַרַיין גֶענוּמֶען אוֹיף פֶּסַח.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז וַוייטֶער גֶעוֶוען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, עֶר הָאט זִיך בִּכְלַל נִישְׁט גֶעזָארְגְט, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט גֶעגְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן, עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ צוּ מִנְחָה אוּן דֶערְנָאך צוּ מַעֲרִיב.

נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאט שׁוֹין זַיין טָאכְטֶער אִים אָפְּגֶעוַוארְט אִינְדְרוֹיסְן, אוּן אִים גְלַייך גֶעפִירְט צוּ דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע שְׁטָאק אִין דִי הַכְנָסַת אוֹרְחִים וִוי עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען צוּגֶעגְרֵייט אַ הֶערְלִיכֶע סֵדֶר טִישׁ, אוּן אַלֶע הָאבְּן שׁוֹין גֶעוַוארְט אוֹיפְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גָארְנִישְׁט גֶעפְרֶעגְט נָאר עֶר הָאט זִיך גְלַייך גֶעזֶעצְט אוֹיבְן אָן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פִירְן דֶעם סֵדֶר מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, עֶר הָאט גֶעזָאגְט דִי הַגָּדָה, אוּן אוֹיך גֶעזָאגְט אַסַאך תּוֹרָה וָואס דָאס הָאט גֶענוּמֶען אַ לַאנְגֶע צַייט.

וֶוען מֶען אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אָנְגֶעהוֹיבְּן עֶסְן דִי סְעוּדָה מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, אוּן דֶעמָאלְט׳ס הָאט עֶר זִיך אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּ דִי פָּאר־פָאלְק אוּן זֵיי גֶעזָאגְט: ״אִיך וֵויס אַז אִיר זֶענְט גֶעקוּמֶען דָא וַוייל אִיר הָאט נִישְׁט קֵיין קִינְדֶער, דֶערְפַאר ווּאוּנְטְשׁ אִיך אַייך אָן אַז אִין דֶעם זְכוּת וָואס אִיר הָאט מִיר צוּגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף יוֹם טוֹב וֶועט אִיר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַ קִינְד!״

גְלַייך וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אַרוֹיסְגֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער אִיז עֶר גֶעוָוארְן וַוייס וִוי דִי וַואנְט אוּן עֶר הָאט אַרָאפְּגֶעלֵייגְט זַיין קָאפּ פַאר אַ שְׁטִיק צַייט בִּיז עֶר אִיז פְּלוּצְלִינְג אוֹיפְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען פוּן פְּלַאץ מִיט פְרֵייד אוּן אוֹיסְגֶערוּפְן: ״וֶועל אִיך דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן עוֹלָם הַבָּא!״, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טַאנְצְן מִיט גְרוֹיס פְרֵייד.

זַיין טָאכְטֶער אָדְל הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעזָאגְט דִי פְּשַׁט דֶערְפוּן, אַז אַזוֹי וִוי דִי פָּאר־פָאלְק הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט הָאבְּן קֵיין קִינְדֶער, אוּן וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט זֵיי אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן אַ קִינְד הָאט גֶעמוּזְט גֶעשֶׁעהְן אַ גְרוֹיסֶע נֵס אַרוֹיס פוּן דֶרֶךְ הַטֶּבַע, דֶערְפַאר הָאט מֶען אוֹיסְגֶערוּפְן אִין הִימְל אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט פַארְלוֹירְן זַיין עוֹלָם הַבָּא, וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, בִּיז עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר וֶועט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן עוֹלָם הַבָּא, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טַאנְצְן פַאר פְרֵייד אַז עֶר גֵייט שׁוֹין יֶעצְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן עוֹלָם הַבָּא, נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְ׳ס, אָבֶּער פַארְשְׁטֵייט זִיך אַז אִין דֶעם זְכוּת הָאט עֶר צוּרִיק בַּאקוּמֶען זַיין גַאנְצֶע עוֹלָם הַבָּא אוּן נָאך מֶער.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אוּן וַוייטֶער גֶעפִירְט דֶעם סֵדֶר בִּיז מֶען אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ הַלֵּל הַגָּדוֹל.

## לְעוֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדוֹלוֹת לְבַדוֹ

וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם פָּסוּק ״לְעוֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדוֹלוֹת לְבַדוֹ״ הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן אִיבֶּערְצוּ׳חַזֶר׳ן דֶעם פָּסוּק אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל מִיט אַ וֵויינֶעדִיגֶע קוֹל, עֶר אִיז אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען דֶעם פָּסוּק אָן אַ שִׁיעוּר מָאל מִיט אַ בֶּעטֶענְדִיגֶע וֵויינֶעדִיגֶע נִיגוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אָן אַ שִׁיעוּר, בִּיז צוּבִּיסְלֶעך אִיז דֶער עוֹשֶׁר אַיינְגֶעשְׁלָאפְן אוּן אוֹיך זַיין וַוייבּ, נָאכְדֶעם אִיז רֶבִּי צְבִי דֶער סוֹפֵר אוֹיך אַיינְגֶעשְׁלָאפְן אוּן נָאכְדֶעם דִי צַדֶיקֶת אָדְל, אָבֶּער דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גִיבְּט נִישְׁט אוֹיף עֶר זִינְגְט אִיבֶּער דֶעם פָּסוּק אָן אַ שִׁיעוּר מָאל.

## דֶער סוּלְטַאן פוּן טֶערְקַיי

דֶער סוּלְטַאן, דָאס מֵיינְט דֶער קֶענִיג, פוּן טֶערְקַיי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גוּטֶער קֶענִיג עֶר פְלֶעגְט זִיך פִירְן אַז פוּן צַייט צוּ צַייט אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן זַיין פַּאלַאץ פַארְשְׁטֶעלְט וִוי אַ פָּשׁוּט׳עֶר מֶענְטְשׁ אוּן עֶר הָאט זִיך אַרוּם גֶעדְרֵייט צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן אוּן גֶעזֶעהְן וָואס עֶס פֶעלְט פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, דֶערְנָאך אִיז עֶר אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען אוּן זֵיי אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן, פַאר אֵיינֶעם הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט גֶעלְט, פַאר אֵיינֶעם אַ דָאקְטֶער, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן וִוי עֶר וֵויסְט וָואס עֶס פֶעלְט פַאר יֶעדְן.

עֶר הָאט זִיך אַזוֹי גֶעפִירְט יָארְן לַאנְג, בִּיז אֵיינְמָאל וֶוען עֶר אִיז אַזוֹי אַרוּם גֶעגַאנְגֶען פַארְשְׁטֶעלְטֶערְהֵייט הָאבְּן אִים רוֹיבֶּער׳ס גֶעכַאפְּט, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז עֶר אִיז דֶער קֶענִיג, זֵיי הָאבְּן אִים סְתַּם אַזוֹי גֶעכַאפְּט אוּן צוּגֶענוּמֶען זַיין גֶעלְט, אוּן דֶערְנָאך הָאבְּן זֵיי אִים גֶעוָואלְט הַרְגֶ׳ענֶען.

דֶער קֶענִיג הָאט זִיך גֶעוָואנְדְן צוּ זֵיי אוּן גֶעזָאגְט: ״עֶס אִיז אַ שָׁאד אַז אִיר זָאלְט מִיר הַרְגֶ׳נֶען וַוייל אִיר קֶענְט מַאכְן פוּן מִיר אַסַאך גֶעלְט, אִיך בִּין אַ גְרוֹיסֶער מוּמְחֶה אִין מַאכְן טֶעפִּיכֶער (קַארְפֶּעטְ׳ס), אִיך קֶען מַאכְן זֵייעֶר שֵׁיינֶע טֶעפִּיכֶער, אוּן דִי טֶעפִּיכֶער קֶענְט אִיר פַארְקוֹיפְן אוּן פוּן דֶעם מַאכְן אַסַאך גֶעלְט״, דֶער פְּלַאן אִיז גֶעפָאלְן פַאר דִי רוֹיבֶּער׳ס אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעטְרָאגְן צוּ זֵייעֶר בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אוּן אִים גֶעבְּרֶענְגְט דִי זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט דֶערְפַאר, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מַאכְן טֶעפִּיכֶער.

אִינְצְוִוישְׁן אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע טוּמְל אִין שְׁטָאט אַז דֶער קֶענִיג אִיז פַארְלוֹירְן, מֶען הָאט אִים אַרוּם גֶעזוּכְט, אָבֶּער מֶען הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן, וִוי דֶער עֶרְד וָואלְט אִים אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען.

וֶוען דֶער קֶענִיג הָאט גֶעעֶנְדִיגְט מַאכְן דֶעם עֶרְשְׁטְן טֶעפִּיך, הָאט עֶר אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן אִין דֶער זַייט דִי עֶרְשְׁטֶע אוֹת פוּן זַיין נָאמֶען, עֶר הָאט גֶערוּפְן דִי רוֹיבֶּער׳ס אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: ״נֶעמְט׳ס דֶעם טֶעפִּיך אוּן גֵייט׳ס צוּ דֶעם אִידִישְׁן וַויין סוֹחֵר אוּן אִיר זָאלְט עֶס אִים פַארְקוֹיפְן נָאר פַאר גָאר טַייעֶר גֶעלְט, אִיר זָאלְט נִישְׁט מַסְכִּים זַיין עֶס צוּ פַארְקוֹיפְן פַאר אַ בִּילִיגֶערֶע פְּרַייז בְּשׁוּם אוֹפָן.

דֶער מֶענְטְשׁ צוּ וֶועם דֶער קֶענִיג הָאט גֶעשִׁיקְט אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס הָאט גֶעהַאנְדְלְט מִיט וַויין אוּן עֶר פְלֶעגְט צוּשְׁטֶעלְן דִי וַויין פַארְן קֶענִיג׳ס פַּאלַאץ, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גוּט מִיטְן קֶענִיג.

דִי רוֹיבֶּערְס זֶענֶען אַרוֹיס מִיט דֶעם טֶעפִּיך זֵיי הָאבְּן עֶס פְּרוּבִּירְט צוּ פַארְקוֹיפְן קוֹדֶם אוֹיף אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער אָבֶּער קֵיינֶער הָאט עֶס נִישְׁט גֶעוָואלְט אָפְּקוֹיפְן פַאר אַזַא טַייעֶרֶע פְּרַייז וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וֶוערְט אַזוֹיפִיל, בִּיז זַיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם וַויין סוֹחֵר אוּן הָאבְּן אִים

אַנְגעטְרַאגְן צוּ קוֹיפְן דעם טֶעפִּיךְ פַאר טַייעַר געלט, דער סוֹחֵר הָאט זִיךְ זֵייעַר גְעוואוּנְדֶערְט פַארְוָואס זֵיי בֶּעטְן אַזוֹי סַאךְ געלט עֶר הָאט בַּאטְרַאכְט דֶעם טֶעפִּיךְ אוּן בַּאמֶערְקְט ווִי אִין דִי זַייט אִיז אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן דִי עֶרְשְׁטֶע אוֹת פוּנֶעם קֶענִיג׳ס נָאמֶען עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאט גֶעהֶערְט אַז דֶער קֶענִיג אִיז פַארְלוֹירְן, אִיז אִים אַיינְגֶעפַאלְן אֶפְשַׁר הָאט דֶער טֶעפִּיךְ עֶפֶּעס צוּ טוּהן מִיט דֶעם, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי רוֹיבֶּער׳ס: ״אִיךְ זֶעה אַז דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע טֶעפִּיךְ אוּן אִיךְ בִּין גְרֵייט עֶס אָפְּצוּקוֹיפְן פַאר טַייעַר גֶעלט אוּן אִיךְ ווִיל אַז אִיר זָאלְט מִיר בְּרֶענְגֶען נָאךְ אַסַאךְ פוּן דִי סָארְט טֶעפִּיכֶער.

דִי רוֹיבֶּער׳ס זֶענֶען צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען צוּ זֵייעֶר גֶעפַאנְגֶענֶעם, דֶער קֶענִיג, אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַז זֵיי הָאבְּן מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, דֶער וַויין סוֹחֵר הָאט עֶס אָפְּגֶעקוֹיפְט פַאר טַייעַר גֶעלט אוּן עֶר דַארְף נָאךְ פוּן דִי סָארְט, דֶער קֶענִיג הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מַאכְן נָאךְ אַסַאךְ פוּן דִי טֶעפִּיכֶער אוּן יֶעדֶעס מָאל הָאט עֶר אַרַיין גֶעשְׁרִיבְּן נָאךְ אֵיין אוֹת פוּן זַיין נָאמֶען.

עֶס אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער אַ לַאנְגֶע צַייט אוּן דֶער וַויין סוֹחֵר הָאט גֶעכַאפְּט וָואס דָא גֵייט פָאר אַז דֶער קֶענִיג אִיז גֶעפַאנְגֶען בַּיי דִי מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען אִים פַארְקוֹיפְן דִי טֶעפִּיכֶער, עֶר הָאט עֶס שְׁנֶעל אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר דִי פָּאלִיס אוּן זֵיי זֶענֶען שְׁטִילֶערְהֵייט נָאכְגֶעגַאנְגֶען דִי רוֹיבֶּער׳ס בִּיז מֶען הָאט גֶעכַאפְּט זֵייעֶר בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אוּן דָארְט הָאבְּן זֵיי גֶעטְרָאפְן דֶעם קֶענִיג אוּן אִים בַּאפְרֵייט.

גְלַייךְ נָאכְדֶעם הָאט דֶער קֶענִיג גֶעלָאזְט רוּפְן דֶעם וַויין סוֹחֵר אוּן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּאדַאנְקְט פַאר אִים פַארְן רַאטֶעווֶען זַיין לֶעבְּן, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: ״זָאג מִיר וָואס אִיךְ קֶען דִיר בַּאצָאלְן פַאר דִי גְרוֹיסֶע טוֹבָה וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעטוּהן אַז דוּ הָאסְט גֶערַאטֶעוֶועט מַיין לֶעבְּן?״

דֶער וַויין סוֹחֵר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט פַארְן קֶענִיג: ״אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה׳ פוּן אַלֶעם גוּטְן, אֵיין טוֹבָה ווִיל אִיךְ נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם קֶענִיג אַז אִיךְ זָאל בַּאקוּמֶען אַ ״רְשׁוּת-צֶעטְל״ אַז וֶוען אִיךְ ווִיל קֶען אִיךְ אַרַיינְקוּמֶען אִינֶעם קֶענִיג׳ס פַּאלַאץ, אִיךְ וֶועל קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן זִיךְ אַיינְמֶעלְדְן פוּן פָארָאוֹיס.

דֶער קֶענִיג הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן אִים גֶעגֶעבְּן אַ צֶעטְל אַז עֶר אוּן זַיינֶע קִינְדֶער בִּיז אֵייבִּיג קֶענֶען שְׁטֶענְדִיג אַרַיינְקוּמֶען

---

## ~ אִיךְ ווִיל הֶערְן דַיין קוֹל ~

דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (שְׁמוֹת רַבָּה כא, ה) אַז וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט שְׁווֶער אִין מִצְרַיִם, דִי מִצְרִיִים הָאבְּן זֵיי גֶעפֵּיינִיגְט, הָאבְּן זֵיי אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי אוֹיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּ אִים, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן אוּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם מִיט זַיין שְׁטַארְקֶע הַאנְט, אָבֶּער נָאכְדֶעם וָואס זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס, הָאבְּן זֵיי שׁוֹין נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאךְ גֶעווָאלְט הֶערְן זֵייעֶר קוֹל נָאכְאַמָאל, וָואס הָאט עֶר גֶעטוּהן? עֶר הָאט אָנְגֶערֵייצְט פַּרְעֹה אַז עֶר זָאל זֵיי נָאכְלוֹיפְן, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי וַוייטֶער גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זֶעהט מֶען פוּן דֶעם אַ גֶעוואַלְדִיגֶע הִתְחַזְּקוּת פַאר יֶעדְן אִיד, אַז אַלֶע צָרוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט אִיז נָאר ווַייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל הֶערְן זַיין קוֹל, אוּן ווִי נָאר עֶר וֶועט עֶפֶּענֶען דִי מוֹיל אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט עֶר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן יִשּׁוּב הַדַּעַת, קֶען עֶר זִיךְ אַיינְשְׁפָּארְן אַסַאךְ צָרוֹת, עֶר הֵייבְּט שׁוֹין אָן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וַוארְט נִישְׁט בִּיז דִי צָרוֹת קוּמֶען, עֶר דַאנְקְט אוּן עֶר לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט, אוּן אַזוֹי דַארְף עֶר נִישְׁט בַּאקוּמֶען קֵיין צָרוֹת צוּ עֶפֶּענֶען זַיין מוֹיל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרַא״ש חֵלֶק ט״ז עֶרֶךְ שְׁבִיעִי שֶׁל פֶּסַח)

---

אִין פַּאלַאץ, אוּן אֲפִילוּ נָאכְדֶעם וָואס דֶער קֶענִיג וֶועט שְׁטַארְבְּן וֶועלְן זֵיי אֵייבִּיג קֶענֶען אַרַיינְקוּמֶען אִינֶעם קֶענִיג׳ס פַּאלַאץ וֶוען זֵיי ווִילְן בֵּייטָאג צוּ בַּיינַאכְט.

יָארְן זֶענֶען אַרִיבֶּער, דֶער קֶענִיג אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן זַיין זוּן הָאט אִים אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, דֶער וַויין סוֹחֵר אִיז אוֹיךְ גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן זַיין זוּהן הָאט אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דִי וַויין גֶעשֶׁעפְט אוּן אוֹיךְ דִי רְשׁוּת צֶעטְל פוּנֶעם קֶענִיג אַרַיינְצוּגֵיין וֶוען עֶר ווִיל אִין קֶענִיג׳ס פַּאלַאץ.

דֶער נַייעֶר קֶענִיג הָאט זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאלְטְן אַזוֹי נָאנְט מִיט דֶעם נַייעֶם וַויין סוֹחֵר אָבֶּער דִי מַאמֶע פוּנֶעם קֶענִיג הָאט זִיךְ יָא נָאנְט גֶעהַאלְטְן מִיט דִי מִשְׁפָּחָה פוּנֶעם וַויין סוֹחֵר וָואס הָאט גֶערַאטֶעוֶועט אִיר מַאן.

### פַארְטְרַייבְּן דִי אִידְן

דֶער נַייעֶר קֶענִיג הָאט גֶעהַאט אַן עֵצָה-גֶעבֶּער אַ גְרוֹיסֶער רָשָׁע וָואס הָאט זֵייעֶר פַיינְט גֶעהַאט אִידְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קְרִיסְט, אָבֶּער אַזוֹי ווִי יֶענֶע צַייט הָאבְּן אִין טֶערְקַיי גֶעוואוֹינְט נָאר מוּסְלִימֶענֶער אוּן דִי מוּסְלִימֶענֶער הָאבְּן פַיינְט דִי קְרִיסְטְן, דֶערְפַאר הָאט זִיךְ דֶער עֵצָה-גֶעבֶּער פַארְשְׁטֶעלְט ווִי אַ מוּסְלִימֶענֶער עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַ קְרִיסְט.

דֶער עֵצָה-גֶעבֶּער פְלֶעגְט אֵייבִּיג אָנְרֶעדְן דֶעם קֶענִיג קֶעגְן אִידְן, בִּיז זַיינֶע ווֶערְטֶער הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיין צוּ גֵיין אִינֶעם קֶענִיג׳ס קָאפּ, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פַיינְט צוּ הָאבְּן אִידְן, בִּיז זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעמַאכְט צְווִישְׁן זִיךְ אַז זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיסְטְרַייבְּן אַלֶע אִידְן פוּן אִינְסְטַאנְבּוּל, זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט אַז זֵיי גֵייעֶן דָאס טוּהן אִינֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג פֶּסַח אִינְדֶערְפְרִי, מֶען וֶועט פְלוּצְלִינְג אוֹיסְרוּפְן אַז אַלֶע אִידְן מוּזְן שׁוֹין פַארְלָאזְן אִינְסְטַאנְבּוּל אוּן אִיבֶּערְלָאזְן זֵייעֶר גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן, וֶוער עֶס וֶועט נִישְׁט פָאלְגְן וֶועט מֶען הַרְגֶ׳נֶען, דֶער עֵצָה-גֶעבֶּער מִיטְן קֶענִיג הָאבְּן זִיךְ דָאס שְׁטִילֶערְהֵייט אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט אוּן נָאר זֵיי בֵּיידֶע הָאבְּן גֶעווָאוּסְט פוּן דֶעם.

### דֶער חָלוֹם פֶּסַח בַּיינַאכְט

יֶענֶעם סֵדֶר נַאכְט, אַ נַאכְט פַאר מֶען הָאט גֶעדַארְפְט אוֹיסְפִירְן דִי בִּיטֶערֶע גְזֵירָה, דֶער זוּן פוּנֶעם וַויין סוֹחֵר גֵייט שְׁלָאפְן נָאכְן סֵדֶר, אוּן עֶר חָלוֹמ׳ט ווִי זַיין טַאטֶע קוּמְט צוּ אִים אוּן זָאגְט אִים: ״מַיין

קִינְד זָאלְסְט ווִיסְן אַז עֶס הֶענְגְט אַ בִּיטֶערֶע גְזֵירָה אוֹיף דִי שְׁטָאט, דֶער קֶענִיג ווִיל מָארְגְן אַרוֹיסְטְרַייבְּן אַלֶע אִידְן, גֵיי שְׁנֶעל נֶעם דֶעם רְשׁוּת צֶעטְל וָואס דוּ הָאסְט אַרַיינְצוּגֵיין אִין קֶענִיג׳ס פַּאלַאץ, לוֹיף שְׁנֶעל צוּם פַּאלַאץ, קוֹדֶם זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ דִי מַאמֶע פוּנֶעם קֶענִיג, אוּן דֶערְצֵייל אִיר דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אוּן צוּזַאמֶען זָאלְט אִיר גֵיין צוּם קֶענִיג אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אִים עֶר זָאל אָפְּרוּפְן דִי גְזֵירָה, זָאלְסְט זָאגְן פַארְן קֶענִיג אַז עֶר זָאל ווִיסְן אַז זַיין עֵצָה־גֶעבֶּער מֵיינְט גָארְנִישְׁט זַיין טוֹבָה וַוייל עֶר אִיז בֶּאֱמֶת אַ בַּאהַאלְטֶענֶער קְרִיסְט, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט שִׁיקְן סָאלְדַאטְן יֶעצְט אִינְמִיטְן דִי נַאכְט צוּ דֶעם עֵצָה־גֶעבֶּער וֶועט מֶען זֶעהן ווִי עֶר שְׁלָאפְט מִיט אַ גְרוֹיסְן צֶלֶם הֶעכֶער זַיין קָאפּ.

דֶער זוּן פוּנֶעם וַויין סוֹחֵר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ עֶס אִיז דָאךְ נָאר אַ חָלוֹם, אוּן עֶר אִיז זִיךְ וַוייטֶער גֶעשְׁלָאפְן, אָבֶּער וֶוען דֶער חָלוֹם הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶע׳חַזֶר׳ט אַסַאךְ מָאל הָאט עֶר זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן אוּן עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר גֵייט צוּם קֶענִיג.

גֶעזָאגְט אוּן גֶעטוּהן, עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רְשׁוּת צֶעטְל אוּן עֶר אִיז גֶעלָאפְן צוּם קֶענִיג אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, אוֹיפְן וֶועג צוּם פַּאלַאץ אִיז עֶר אַדוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען דִי הַכְנָסַת אוֹרְחִים אוּן עֶר הֶערְט אַרוֹיס פוּן פֶענְסְטֶער ווִי אֵיינֶער זִינְגְט מִיט אַ וֵויינֶעדִיגֶע קוֹל דֶעם פָּסוּק ״לְעוֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְדוֹלוֹת לְבַדּוֹ״ אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, דֶער סוֹחֵר טְרַאכְט צוּ זִיךְ: ״וֶוען דֶער אִיד זָאל ווִיסְן וָואסֶערֶע גְרוֹיסֶע נִיסִים מִיר דַארְפְן יֶעצְט, וָואלְט עֶר זִיךְ גָארְנִישְׁט אַזוֹי אוּנְטֶער גֶעזִינְגֶען״ אוּן עֶר אִיז זִיךְ וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען צוּם פַּאלַאץ.

דִי רְשׁוּת צֶעטְל וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט הָאט אִים גֶעעֶפֶענְט אַלֶע טִירְן אוּן טוֹיעֶרְן, קוֹדֶם אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי מַאמֶע פוּנֶעם קֶענִיג אַזוֹי ווִי זַיין טַאטֶע הָאט אִים גֶעהֵייסְן, עֶר הָאט אִיר אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן שְׁלָאף אוּן גֶעוֵויינְט פַאר אִיר זִי זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי אִידְן, עֶר הָאט אִיז דֶערְצֵיילְט אַלֶעס וָואס זַיין טַאטֶע הָאט אִים גֶעזָאגְט אִין חָלוֹם, זִי - דִי מַאמֶע - וָואס הָאט שְׁטַארְק מַכִּיר טוֹבָה גֶעוֶוען פַאר דֶעם וַויין סוֹחֵר, הָאט אִים צוּגֶעזָאגְט אַז זִי וֶועט גֵיין מִיט אִים צוּם קֶענִיג אוּן אִים בֶּעטְן מְבַטֵל צוּ זַיין דִי שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירָה.

צוּזַאמֶען זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען צוּם קֶענִיג אוּן אִים אוֹיפְגֶעוֶועקְט, דִי מַאמֶע הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי אִים אַז עֶר זָאל אָפְּרוּפְן דִי גְזֵירָה, דֶער אִיד דֶער וַויין סוֹחֵר הָאט נָאךְ צוּגֶעלֵייגְט אוּן גֶעזָאגְט צוּם קֶענִיג: ״דֶער עֵצָה־גֶעבֶּער וָואס הָאט דִיר אַיינְגֶערֶעדְט אַז דִי אִידְן זֶענֶען נִישְׁט גוּט אִיז גָאר נִישְׁט קֵיין מוּסְלִימֶענֶער עֶר אִיז אַ בַּאהַאלְטֶענֶער קְרִיסְט אוּן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט יֶעצְט שִׁיקְן מִילִיטֶער צוּ זַיין הוֹיז וֶועט מֶען זֶעהן ווִי עֶר שְׁלָאפְט מִיט אַ גְרוֹיסֶע צֶלֶם הֶעכֶער זִיךְ.

דָאס הָאט שׁוֹין זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט דֶעם קֶענִיג, ״דֶער עֵצָה־גֶעבֶּער אוֹיף וֶועם עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק פַארְלָאזְט אִיז גָאר אַ בַּאהַאלְטֶענֶער קְרִיסְט?!״ עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעשִׁיקְט סָאלְדַאטְן צוּ דֶעם עֵצָה־גֶעבֶּער׳ס הוֹיז צוּ זֶעהן אוֹיבּ עֶס אִיז אֱמֶת, אוּן וֶוען דִי סָאלְדַאטְן זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין הוֹיז הָאבְּן זֵיי טַאקֶע גֶעזֶעהן ווִי עֶר שְׁלָאפְט מִיט אַ צֶלֶם, דָאס הָאט זֵיי אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיפְגֶערֶעגְט, וַוייל דִי מוּסְלִימֶענֶער הָאבְּן זֵייעֶר פַיינְט דִי קְרִיסְטְן, אַז זֵיי הָאבְּן אִים גְלַייךְ אַרָאפְּגֶעהַאקְט דֶעם קָאפּ נָאךְ אִינְמִיטְן שְׁלָאף, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דִי גְזֵירָה אִיז גְלַייךְ בָּטֵל גֶעוָוארְן, אוּן דֶער וַויין סוֹחֵר אִיז צוּרִיק אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען פְרֵיילִיכֶערְהֵייט.

אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים אִיז עֶר נָאכְאַמָאל דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען דִי הַכְנָסַת אוֹרְחִים אוּן עֶר הֶערְט ווִי דֶער אִיד זִינְגְט נָאךְ אַלְץ דֶעם פָּסוּק ״לְעוֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְדוֹלוֹת לְבַדּוֹ״, אָבֶּער דָאס מָאל מִיט אַ פְרֵיילִיכֶער נִיגוּן, עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען אִינְטֶערֶעסַאנְט דִי גַאנְצֶע זַאךְ, עֶר הָאט זִיךְ וַוייטֶער אַהֵיים שְׁפַּאצִירְט.

פֶּסַח אִינְדֶערְפְרִי וֶוען מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּהל, אִיז דֶער וַויין סוֹחֵר אַרוֹיף אוֹיפְ׳ן בִּימָה אוּן גֶעבֶּעטְן רְשׁוּת צוּ זָאגְן עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער, עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט זֵיי גֶעטוּהן דִי נַאכְט, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ צוּגֶעלֵייגְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט ווִי אַ אִיד זִינְגְט קוֹדֶם דֶעם פָּסוּק ״לְעוֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְדוֹלוֹת לְבַדּוֹ״ מִיט אַ וֵויינֶעדִיגֶע נִיגוּן אוּן דֶערְנָאךְ מִיט אַ לֶעבֶּעדִיגֶע נִיגוּן.

וֶוען מֶען הָאט זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אִיז מֶען גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוּן אַזוֹי אִיז זַיין הֵיילִיגֶע נָאמֶען פַארְשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן בַּיי דִי אִידְן אִין אִינְסְטַאנְבּוּל.

## אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְד אוֹיפְן יַם

נָאךְ דִי עֶרְשְׁטֶע טֶעג יוֹם טוֹב הָאבְּן דִי פָּאר־פָּאלְק זִיךְ גֶעזֶעגְנְט פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט: ״מִיט וָואס קֶענֶען מִיר אַייךְ בַּאצָאלְן פַאר דִי בְּרָכָה וָואס אִיר הָאט אוּנְז אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן קִינְדֶער?״ דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז עֶר דַארְף גָארְנִישְׁט, נָאר אַז זֵיי זָאלְן אִים קוֹיפְן דְרֵיי דִיצְן אוֹיף אַ שִׁיף צוּ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט דָאס צוּ טוּהן אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעטְרָאפְן אַ שִׁיף וָואס פָארְט אִין חוֹל הַמּוֹעֵד צוּ דִי שְׁטָאט יַפוֹ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֵיי הָאבְּן גְלַייךְ גֶעדוּנְגֶען דְרֵיי פְּלֶעצֶער פַארְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, פַאר זַיין טָאכְטֶער אָדְל אוּן פַאר דֶעם סוֹפֵר רֶבִּי צְבִי.

חוֹל הַמּוֹעֵד זֶענֶען זֵיי דְרֵיי אַרוֹיף אוֹיפְ׳ן שִׁיף אִין אָנְגֶעהוֹיבְּן פָארְן אוֹיפְן וֶועג צוּ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִינְמִיטְן וֶועג הָאט דֶער יַם אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ צוּ וַוארְפְן אוּן שְׁטוּרִימֶען, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ גֶעפֶערְלִיכֶע שְׁטוּרֶעם ווִינְד אוּן עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהן אַז דִי שִׁיף וֶועט זִיךְ צוּבְּרֶעכְן אוּן אַלֶע וֶועלְן אַרַיינְפַאלְן אִין יַם, דֶער קַאפִּיטַאן הָאט גֶעהֵייסְן פַאר יֶעדְן אַרַיינְצוּוַוארְפְן אַלֶע פֶּעקְלֶעךְ אִין יַם גְרִינְגֶער צוּ מַאכְן דֶעם שִׁיף אָבֶּער עֶס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן, דִי שִׁיף הָאט גֶעהַאלְטְן בַּיים אַיינְזִינְקֶען.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעוואוּסְט אַז דֶער שְׁטוּרֶעם ווִינְד אִיז צוּלִיבּ אִים, אוּן אַז עֶר הָאט צְוֵויי בְּרֵירוֹת, אָדֶער אַרַיין צוּ וַוארְפְן אִין יַם זַיינֶע הֵיילִיגֶע שְׁרִיפְטְן וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט מִיט זִיךְ, (עֶס אִיז דָא וָואס זָאגְן אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער סֵפֶר תְּהִלִּים גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ דָוִד הַמֶּלֶךְ אַלֵיינְ׳ס, אוּן עֶס אִיז דָא וָואס זָאגְן אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁרִיבֶּענֶע תּוֹרוֹת וָואס דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט בַּאקוּמֶען פוּן אַ בַּאהַאלְטֶענֶעם צַדִיק רֶבִּי אָדָם בַּעַל שֵׁם) אָדֶער דַארְף זַיין טָאכְטֶער אָדְל אַרַיינְפַאלְן אִין יַם.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט עֶנְדֶערְשְׁט גֶעוָואלְט טוּהן דִי צְוֵייטֶע וֶועג, וַוייל עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז זַיין טָאכְטֶער אָדְל דִי צַדֶיקֶת וֶועט זִיכֶער גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן,

און אֶפְשָׁר אַזוֹי וֶועט עֶר קֶענֶען אָנְקוּמֶען קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶער אָדְל הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל עֶנְדֶערְשְׁט אַרַיינְוַוארְפְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס עֶר הָאט מִיט זִיךְ, וַוייל פוּן אִיר וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען אַ קִינְד וָואס וֶועט שְׁרַייבְּן שֶׁענֶערֶע און בֶּעסֶערֶע סְפָרִים פוּן דֶעם, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּהן עֶר הָאט אַרַיינְגֶעוָוארְפְן דִי הֵיילִיגֶע שְׁרִיפְטְן, און דֶער יַם הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטִילְט, דָאס הָאט פַּאסִירְט אִין שְׁבִיעִי שֶׁל פֶּסַח און דֶעמָאלְט'ס זֶענֶען זֵיי גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן אַ זִיכֶערֶע טוֹיט.

דֶער קִינְד פוּן וָואס אָדְל הָאט גֶערֶעדְט, הָאט זִי גֶעמֵיינְט מִיט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וַוייל וִוי בַּאקַאנְט הָאט אָדְל גֶעהַאט צְוֵויי זוּהְן און אֵיין טָאכְטֶער, דִי צְוֵויי זוּהְן דִי צַדִיקִים רֶבִּי בָּרוּךְ פוּן מֶעזֶעבִּיזְשׁ זִי"עַ און רֶבִּי אֶפְרַיִם פוּן סְדִילְקוֹב זִי"עַ דֶער בַּעַל דֶגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם הָאבְּן בֵּיידֶע נִישְׁט אִיבֶּער גֶעלָאזְט צוּפִיל סְפָרִים אָבֶער דִי טָאכְטֶער פֵיגָא הָאט גֶעבּוֹירְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט אִיבֶּער גֶעלָאזְט אַסַאךְ סְפָרִים, וואוּנְדֶערְלִיכֶע סְפָרִים וָואס בִּיז הַיינְט זֶענֶען זִיךְ נָאךְ אַלֶע אִידְן מְחַיֶ' מִיט דֶעם, און דָאס הָאט אָדְל גֶעמֵיינְט, און דֶערְפַאר פִירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בְּרֶסְלַב'ע חֲסִידִים צוּ מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח, וַוייל דֶעמָאלְט'ס אִיז דִי צַדֶקֶת אָדְל גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן און דוּרְךְ דֶעם אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן.

## גֶעפַאנְגֶען בַּיי דִי רוֹיבֶּערְס

דִי שְׁטוּרֶעם וִוינְד הָאט זִיךְ טַאקֶע אָפְּגֶעשְׁטִילְט אָבֶער דִי שִׁיף אִיז פַארְשְׁלֶעפְּט גֶעוָוארְן עֶרְגֶעץ בַּיי אַ בָּארְטְן פוּן אַן אִינְזְל, דָארְט אוֹיפְן אִינְזְל הָאבְּן גֶעוואוֹינְט רוֹיבֶּער'ס וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן פְרֶעסֶער'ס, אַזוֹי וִוי דִי רוֹיבֶּער'ס הָאבְּן גֶעזֶעהְן וִוי אַ שִׁיף אִיז דָארְט אָנְגֶעקוּמֶען, זֶענֶען זֵיי גְלַייךְ אַרוֹיף אוֹיפְן שִׁיף און גֶעכַאפְּט אַלֶע מֶענְטְשְׁן, גֶעבִּינְדֶען הֶענְט און פִיס, און גְלַייךְ גֶענוּמֶען זִיךְ אוֹיסְשַׁארְפְן דִי מֶעסֶער'ס צוּ שֶׁחְטְ'ן דִי מֶענְטְשְׁן און זֵיי אוֹיפְעֶסְן.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעלִיגְן אוֹיפְן פְלָאר גֶעבִּינְדֶען הֶענְט און פִיס נֶעבְן זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי צְבִי דֶער סוֹפֵר וָואס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען גֶעבִּינְדֶען, רֶבִּי צְבִי פְרֶעגְט פוּן זַיין רֶבִּי'ן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב: "רֶבִּי וָואס טוּעֶן מִיר דָא? וִוי אַזוֹי גֵייעֶן מִיר אַרוֹיס פוּן דָא?", דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט, אִיךְ גֶעדֶענְקְט גָארְנִישְׁט, אֶפְשָׁר גֶעדֶענְקְסְטוּ עֶפֶּעס?" רֶבִּי צְבִי הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ גֶעדֶענְק אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, נָאר דִי אַלֶף-בֵּית גֶעדֶענְק אִיךְ", דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גֶעזָאגְט: "זֵייעֶר גוּט, הֵייבּ אָן צוּ זָאגְן דִי א-ב" רֶבִּי צְבִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זָאגְן און דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט נָאכְגֶעזָאגְט יֶעדֶע אוֹת.

וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט דִי א-ב הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב צוּרִיק אַלֶעס דֶערְמַאנְט, און עֶר הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זֵיי אַרוֹיסְרַאטֶעוֶוען, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז מֶען הָאט גֶעהֶערְט הוֹיךְ פַייפְן פוּן שִׁיפְן וָואס קוּמֶען אָן, אָדֶער פַייפְן פוּן רַייטֶער'ס וָואס קוּמֶען צוּ פָארְן, וֶוען דִי מֶענְטְשְׁן פְרֶעסֶער'ס הָאבְּן דָאס גֶעהֶערְט הָאבְּן זֵיי זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן, און אַנְטְלָאפְן פוּן דָארְט, און אַזוֹי זֶענֶען זֵיי דִי צְוֵוייטֶע מָאל גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן טוֹיט.

## דִי סוֹד פוּן דִי אוֹתִיוֹת

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר וִוי אַזוֹי זֵיי זֶענֶען גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי אוֹתִיוֹת, וַוייל אַלֶע וֶוערְטֶער זֶענֶען דָאךְ צוּזַאם גֶעשְׁטֶעלְט פוּן אוֹתִיוֹת, און דָאס אִיז דִי עֵצָה פַאר אַ יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם אַז מֶען זָאל רֶעדְן וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף און אַזוֹי וֶועט מֶען זִיכֶער גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

און אוֹיבּ וֵוייסְט מֶען נִישְׁט וָואס צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען נִיצְן דִי אוֹתִיוֹת דוּרְךְ דֶעם צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען גֵייט לוֹיט דִי א-ב, לְמָשָׁל: א - אוֹיגְן, מֶען זָאל הָאבְּן הֵיילִיגֶע אוֹיגְן, דִי אוֹיגְן זָאל נִישְׁט וֵויי טוּהן, אֱמוּנָה - מֶען זָאל הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוֹרְחִים - מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין אַרַיינְצוּנֶעמֶען אוֹרְחִים, ב' - בָּנִים, מֶען זָאל הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, ג' - גֶעלְט מֶען זָאל הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט גְרִינְגֶערְהֵייט, און אַזוֹי וַוייטֶער בֶּעהט יֶעדֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי זַאכְן וָואס מֶען דַארְף לוֹיט דִי א-ב.

## צוּרִיק אַהֵיים

וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעזֶעהְן וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁעהְן, און עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּרֶעם וִוינְד אִיז נָאר גֶעשֶׁעהְן וֶועגְן אִים, הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר גֵייט צוּרִיק אַהֵיים פָארְן, עֶס זֶעהט אוֹיס אַז עֶס אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעקוּמֶען דִי רִיכְטִיגֶע צַייט, און עֶר דַארְף זִיךְ נִישְׁט עַקְשְׁ'ענֶען יֶעצְט צוּ גֵיין אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֵיי זֶענֶען צוּרִיק אַרוֹיף אוֹיפְן שִׁיף, עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע וִוינְד וָואס הָאט זֵיי גְלַייךְ גֶעטְרָאגְן צוּרִיק אוֹיף טֶערְקַיי און בִּיז עֶטְלִיכֶע שָׁעָה זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען צוּרִיק אִין טֶערְקַיי, פוּן דָארְט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אַהֵיים גֶעפָארְן, און עֶר אִיז מֶער נִישְׁט גֶעפָארְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

## שְׁלוֹם

דֶער גְרוֹיסֶער נֵס אִיז גֶעשֶׁעהְן אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח, און אַלְץ זֵכֶר צוּ דֶעם מַאכְן אַלֶע חֲסִידִישֶׁע אִידְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה אִים אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח און מֶען פְרֵיידְט זִיךְ צוּם גְרוֹיסְן נֵס, און מֶען רוּפְט דִי סְעוּדָה "דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב'ס סְעוּדָה", אַנְדֶערֶע רוּפְן דָאס "מָשִׁיחַ'ס סְעוּדָה", וַוייל דֶער הֵיילִיגֶע בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי א-ב וָואס דָאס נִיצְט מֶען צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט, און דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מָשִׁיחַ וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט דוּרְךְ תְּפִלָּה, אַז עֶר וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר יֶעדְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר וֶוערְט עֶס אָנְגֶערוּפְן מָשִׁיחַ'ס סְעוּדָה, וַוייל דָאס וֶועט מָשִׁיחַ אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, און וִוי וואוֹיל און וִוי גוּט אִיז פַאר דֶעם וָואס טוּט שׁוֹין יֶעצְט דָאס וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען, עֶר רֶעדְט שׁוֹין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִים זִיכֶער גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

~~~

צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון
פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com
~~~

# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**

הדלקת הנרות.......................7:07
מוצש"ק................................8:39
סוף זמן ק"ש.........................9:08

**שיעורים כסדרן**

בבלי.........................עירובין כ"ט
ירושלמי.......................גיטין ט"ז
תוספתא......................נדה פרק ב'


פרשת שמיני, כ"ו ניסן, מברכים חודש אייר, אבות פרק א', שנת תשע"ג לפ"ק — שנה 2, גליון 28 (78)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל אַהֲרֹן הוּא אֲשֶׁר דִּבֶּר ה' לֵאמֹר בִּקְרֹבַי אֶקָּדֵשׁ וְעַל פְּנֵי כָל הָעָם אֶכָּבֵד וַיִּדֹּם אַהֲרֹן**, זָאגְט רַשִׁ"י אַז מֹשֶׁה הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַהֲרֹן: "אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז דִי מִשְׁכָּן וֶועט גֶעהֵיילִיגְט וֶוערְן דוּרְךְ גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז דָאס וֶועט זַיין דוּרְךְ מִיר אָדֶער דִיר, אָבֶּער יֶעצְט זֶעה אִיךְ אַז זֵיי זֶענֶען גְרֶעסֶער פוּן מִיר אוּן דִיר".

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז עֶס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ה) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִילִים ב') **"בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי"**, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט צָרוֹת זָאל עֶר קוּקְן אוּן זֶעהְן אַז אֲפִילוּ אִין דִי צָרָה קֶען עֶר טְרֶעפְן זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים דֶערְמִיט גֶעהָאלְפְן אוֹיךְ מִיט רַחֲמָנוּת, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער "בַּעַל הָרַחֲמִים" אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶר שִׁיקְט אַ צָרָה אִיז עֶס אוֹיךְ מִיט רַחֲמָנוּת.

אָבֶּער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אִין דִי צָרָה אִיז אִים שְׁוֶוער צוּ קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים, אוּן עֶר קֶען חַס וְשָׁלוֹם הָאבְּן קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ מְחַזֵּק זַיין אַ צְוֵוייטְן: **"שְׁטַארְק זִיךְ, וֶוער נִישְׁט צוּפַאלְן, דִי צָרָה וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין, אוּן בִּיז דֶעמָאלְט קוּק אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר יָא גֶעהָאלְפְן".**

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, וֶוען עֶס אִיז גֶעשֶׁעהְן דִי גְרוֹיסֶע צָרָה אוּן אַהֲרֹן'ס צְוֵויי קִינְדֶער נָדָב אוּן אֲבִיהוּ זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן, הָאט אִים מֹשֶׁה רַבֵּינוּ מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט: **"גֶעם אַרוֹיס דִי גוּטֶע חֵלֶק דֶערְפוּן, אוּן זֶעה אַז זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע צַדִיקִים".**

(זֹאת הַתּוֹרָה שְׁמִינִי ז')

***

**כֹּל אֲשֶׁר לוֹ סְנַפִּיר וְקַשְׂקֶשֶׂת בַּמַּיִם בַּיַּמִּים וּבַנְּחָלִים אֹתָם תֹּאכֵלוּ**, מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דָאס קוּמְט אוּנְז מְרַמֵּז זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') אַז וֶוען אַ אִיד וִויל תְּשׁוּבָה טוּהְן, עֶר וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר זַיין **"בָּקִי בְּרָצוֹא וּבָקִי בְּשׁוֹב"**, דָאס מֵיינְט אַז פוּן אֵיין זַייט דַארְף עֶר פְּרוּבִּירְן צוּ טוּהְן וִוי מֶער גוּט'ס, אַרַיינְכַאפְּן וִוי מֶער תּוֹרָה וּמִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט מוּז עֶר זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אַז אֲפִילוּ עֶס גֵייט נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען וִויל, אֲפִילוּ מֶען פַאלְט דוּרְךְ, מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן דֶער יֵצֶר הָרַע קוּמְט גְלַייךְ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, "דוּ בִּיזְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְט, דוּ וֶועסְט שׁוֹין מֶער נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד", טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּן אִים, **"אִיךְ בִּין טַאקֶע דוּרְךְ גֶעפַאלְן, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר נָאךְ אַלְץ לִיבּ, עֶר וַוארְט נָאךְ אוֹיף מִיר, אִיךְ קֶען נָאךְ אַלְץ צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, אִיךְ וֶועל מִיר אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַאר אִים, אִיךְ וֶועל תְּשׁוּבָה טוּהְן, אוּן אִיךְ בִּין שׁוֹין צוּרִיק בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן".**

דָאס קוּמְט אוּנְז דֶער פָּסוּק מְרַמֵּז זַיין, דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶוערְן צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי פִישׁ, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית מח, טז) **"וְיִדְגּוּ לָרֹב בְּקֶרֶב הָאָרֶץ"**, אוּן דִי אִידְן דַארְפְן שְׁווִימֶען אִין וַואסֶער, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף לֶערְנֶען תּוֹרָה, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְ' נה, א) **"הוֹי כָּל צָמֵא לְכוּ לַמַּיִם"**, אוּן אוֹיךְ תְּפִלָּה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן וַואסֶער, וִוי

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט אַ צְוֵוייטְן ~

דִי מִדָּה פוּן זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְקוּמֶען מִיט אַ צְוֵוייטְן דַארְף מֶען שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר גָאר אִינְגֶע קִינְדֶער, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְקוּמֶען מִיט זֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, וַוייל אַ קִינְד וָואס קוּמְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס מִיט זַיינֶע חֲבֵרִים, וֶוען עֶר וֶועט עֶלְטֶער וֶוערְן, וֶועט עֶר זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקוּמֶען מִיט זַיינֶע חֲבֵרִים בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה, אוּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה וֶועט עֶר זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקוּמֶען מִיט זַיין וַוייבּ, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ מִיט דִי שְׁכֵנִים, אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַ בִּיטֶער לֶעבְּן.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען שׁוֹין פוּן יוּנְגְן עֶלְטֶער אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער, מֶען דַארְף מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער אַז אֲפִילוּ אוֹיבּ דֶער חַבֶר אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוי אִים, אוּן אֲפִילוּ וֶוען אַ חַבֶר טוּט זַאכְן וָואס אִים שְׁמֶעקְט נִישְׁט, דַארְף מֶען דָאס אוֹיךְ קֶענֶען דֶערְהֵייבְּן, אוּן מֶען מוּז זִיךְ נִישְׁט אֵייבִּיג קְרִיגְן מִיט אַ צְוֵוייטְן, דִי קוּנְץ אִיז נִישְׁט צוּ וַוייזְן אַז מֶען הַאלְט אַנְדֶערְשׁ, נָאר פַארְקֶערְט, אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶר הַאלְט אַנְדֶערְשׁ פוּן יֶענֶעם אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ יֶענֶער טוּט זַאכְן וָואס מֶען הָאט נִישְׁט לִיבּ, זָאל מֶען דָאס אוֹיךְ קֶענֶען דֶערְהֵייבְּן, אוּן נִישְׁט מַאכְן קַיין מַחְלוֹקֶת אוּן זִיךְ קְרִיגְן וֶועגְן דֶעם.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אֵייבִּיג פַאר דִי בָּחוּרִים אַז אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְלֶערְנֶען יוּנְגֶערְהֵייט זִיךְ אוֹיסְצוּקוּמֶען מִיט חֲבֵרִים, וֶועלְן זֵיי נָאךְ דִי חֲתוּנָה בְּלַייבְּן מִיט דִי זֶעלְבֶּע שְׁוֶוערֶע מִדּוֹת אוּן זֵיי וֶועלְן זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט קֶענֶען אוֹיסְקוּמֶען אִינְדֶערְהֵיים, דִי גַאנְצֶע חוּפָּה נֶעמְט אִינְגַאנְצְן 15 מִינוּט, אוּן פוּן שְׁטֵיין 15

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

דֶער פָּסוּק זָאגְט (אֵיכָה ב, יט) **"שִׁפְכִי כַמַּיִם לִבֵּךְ נֹכַח פְּנֵי ה'"**, קוּמְט אוֹיס אַז אַ אִיד אִיז וִוי אַ פִיש וָואס דַארְף שְׁווִימֶען אִין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה.

אוּן דֶער אִיד דַארְף הָאבְּן **"סְנַפִּיר וְקַשְׂקֶשֶׂת"**, פוּן אֵיין זַייט **"סְנַפִּיר - פְּלוּם פֶּעדֶערְן"** צוּ קֶענֶען גוּט שְׁווִימֶען, צוּ קֶענֶען אַרַייְנְכַאפְּן אַסַאךְ מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אוֹיךְ הָאבְּן, **"קַשְׂקֶשֶׂת - שׁוּפְּן"**, דָאס מֵיינְט אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַ פַּאנְצֶער, זִיךְ נִשְׁט צוּ לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע קֵיינְמָאל נִשְׁט, נִשְׁט קַיין חִילוּק אִין וָואסֶערֶע מַצָּב מֶען גֶעפִינְט זִיךְ.

דִי גְמָרָא זָאגְט (נִדָּה נ"א:) אַז אוֹיבּ מֶען זֶעהט אַז דִי פִישׁ הָאט **"קַשְׂקֶשֶׂת - שׁוּפְּן"**, אִיז זִיכֶער אַז עֶס הָאט אוֹיךְ **"סְנַפִּיר - פְּלוּם פֶּעדֶערְן"**, דָאס אִיז מְרַמֵּז אַז דֶער עִיקָר אִיז דֶער פַּאנְצֶער, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ נָאר זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן נִשְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן אוֹיבּ מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ, וֶועט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן, אַז מֶען וֶועט זִיךְ צוּהֶערְן צוּ דִי צַדִּיקִים, וָואס לֶערְנֶען דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ שְׁווִימֶען אִין "יַם הַחָכְמָה" אוּן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, שְׁמִינִי, תשס"ט לפ"ק)

***

**וַיַּקְרִיבוּ לִפְנֵי ה' אֵשׁ זָרָה אֲשֶׁר לֹא צִוָּה אֹתָם**, נָדָב אוּן אֲבִיהוּ זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן ווַייל זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ פְרֶעמְדֶע פֵייעֶר וָואס עֶר הָאט נִשְׁט גֶעהֵייסְן.

רַשִׁ"י זָאגְט, פַארְוָואס זֶענֶען נָדָב אוּן אֲבִיהוּ גֶעשְׁטָארְבְּן? ווַייל זֵיי הָאבְּן גֶע'פְּסַק'נְט הֲלָכוֹת פַאר זֵייעֶר רֶבִּי משֶׁה רַבֵּינוּ, לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, דֶער פָּסוּק זָאגְט דָאךְ אַ צְוֵוייטֶע טַעַם, פַארְוָואס זָאגְט רַשִׁ"י אַן אַנְדֶערֶע טַעַם פַארְוָואס זֵיי זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן?

מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א), אַז דוּרְךְ אֱמוּנַת חֲכָמִים, אַז מֶען פָאלְגְט אַ צַדִּיק, דוּרְךְ דֶעם וֵוייסְט אַ מֶענְטְשׁ וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ וֶוען אֵיינֶער אִיז וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, עֶר וִויל נָאר טוּהן דֶעם רְצוֹן ה', דַארְף עֶר אָבֶער נָאךְ אַלְץ גֵיין צוּ אַ צַדִּיק וָואס זָאל אִים ווַייזְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווַייל אַלֵיינְ'ס קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר נַארְן, עֶר טוּט ווִילְדֶע זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל בִּכְלַל נִשְׁט הָאבְּן פוּן אִים.

אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי קֹרַח וָואס הָאט נִשְׁט גֶעוָואלְט פָאלְגְן משֶׁה רַבֵּינוּ, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעטוּהן אַ טַלִּית וָואס אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן פוּן תְּכֵלֶת, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז עֶרְלִיכֶער מִיט דֶעם, אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דָאס בִּכְלַל נִשְׁט, אוּן דֶערְפַאר מוּז מֶען הָאבְּן אַ צַדִּיק, וָואס עֶר לֶערְנְט דֶעם מֶענְטְשְׁן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִין לֶעבְּן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיַּקְרִיבוּ לִפְנֵי ה' אֵשׁ זָרָה אֲשֶׁר לֹא צִוָּה אֹתָם**, נָדָב אוּן אֲבִיהוּ הָאבְּן גֶעבְּרֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָבֶער עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פְרֶעמְדֶע פֵייעֶר, אַ פֵייעֶר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי נִשְׁט גֶעהֵייסְן, אָבֶער וִוי אַזוֹי זֶענֶען זֵיי צוּגֶעקוּמֶען דָאס צוּ טוּהן? ווַייל זֵיי הָאבְּן נִשְׁט גֶעפָאלְגְט משֶׁה רַבֵּינוּ, וֶוען זֵיי וָואלְטְן גֶעהַאט אֱמוּנַת חֲכָמִים, אוּן גֶעגַאנְגֶען צוּ משֶׁה רַבֵּינוּ אוּן אִים גֶעפָאלְגְט, וָואלְטְן זֵיי נִשְׁט צוּגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם.

קוּמְט אוֹיס אַז דִי בֵּיידֶע טַעֲמִים זֶענֶען אֵיינְס, נָאר רַשִׁ"י זָאגְט דִי סִיבָּה וָואס הָאט זֵיי צוּגֶעבְּרֶענְגְט צוּ מַאכְן דֶעם פְרֶעמְדְן פֵייעֶר.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, שְׁמִינִי, תשס"ה לפ"ק)

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

מִינוּט אוּנְטֶער דִי חוּפָּה וֶוערְט נָאךְ נִשְׁט גֶעטוֹישְׁט דִי מִדּוֹת צוּם גוּטְן, נָאר מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן אוֹיף זִיךְ אִין דִי אִינְגֶע יָארְן, אַז מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט דִי אַנְדֶערֶע חֲבֵרִים אִין יְשִׁיבָה, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען נָאךְ דִי חֲתוּנָה אוֹיךְ בְּלַייבְּן מִיט דִי גוּטֶע מִדּוֹת.

## גֶעהַאקְט אוֹיפְ'ן סְטֶענְדֶער...

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס הָאט גֶעזוּכְט אַ שִׁידוּךְ פַאר זַיין טָאכְטֶער, עֶר הָאט זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוֹיף דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה, אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן דֶעם בֶּעסְטְן אַ בָּחוּר, אַ בָּחוּר אַ מַתְמִיד עָצוּם, עֶר הָאט גֶעקֶענְט זִיצְן אוּן לֶערְנֶען צְוֶועלְף אָדֶער פֶערְצְן שָׁעָה אַ טָאג אָן אוֹיפְהֶער, מַמָּשׁ אַ בָּחוּר אַ מְצוּיָן וָואס מֶען טְרֶעפְט נִשְׁט.

אָבֶער וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דֶער בָּחוּר אִיז אַ גֶעפֶערְלִיכֶער פֶּרֶא אָדָם, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעקְרִיגְט אִינְדֶערְהֵיים, אוּן אֲפִילוּ גֶענִיצְט מִיט הֶענְט אוֹיךְ, אוּן דֶער טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בְּצַעַר וֶועגְן דֶעם.

אִיז עֶר גֶעלָאפְן צוּם סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן זַ"ל אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט דָאס הַארְץ פַאר אִים, אַז עֶר אִיז דָא אַרַייְנְגֶעפַאלְן אִין אַ בִּיטֶערֶע פְּלָאנְטֶער, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעקְלִיבְן דֶעם בֶּעסְטְן בָּחוּר וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט דִי פְלַייסִיגְסְטֶע אִין יְשִׁיבָה, אוּן דָא אִיז עֶר אַרַייְנְגֶעפַאלְן מִיט אַזַא פֶּרֶא אָדָם וָואס פִירְט זִיךְ נִשְׁט אוֹיף וִוי אַ מֶענְטְשׁ, זוּ תּוֹרָה וְזוּ שְׂכָרָהּ?

הָאט אִים דֶער גָאוֹן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אִיז טַאקֶע זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר, אָבֶער דָאס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶענוּג, מֶען דַארְף אוֹיךְ הָאבְּן גוּטֶע מִדּוֹת, אוּן דָאס הָאט זִיךְ דֶער בָּחוּר נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, עֶר הָאט נִשְׁט גֶעהַאט מִיט קֵיינֶעם נָאר מִיט זַיין סְטֶענְדֶער, אוֹיפְ'ן סְטֶענְדֶער הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט, אוֹיפְ'ן סְטֶענְדֶער הָאט עֶר אוֹיסְגֶעגֶעבְּן זַיינֶע גֶעפִילְן, וֶוען עֶר הָאט נִשְׁט פַארְשְׁטַאנֶען אַ שְׁטִיקְל גְמָרָא הָאט עֶר גֶעהַאקְט אוֹיפְ'ן סְטֶענְדֶער, אוּן וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט הָאט עֶר אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן דֶעם סְטֶענְדֶער, עֶר הָאט זִיךְ נִשְׁט גֶעדַארְפְט אוֹיסְקוּמֶען מִיט קֵיינֶעם נָאר מִיטְן סְטֶענְדֶער, אוּן עֶר הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִשְׁט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט וִוי אַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען מִיט מֶענְטְשְׁן" אוּן דֶער גָאוֹן הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "אִיךְ וָואלְט נִשְׁט גֶערָאטְן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ גֶט'ן נָאר מֶען זָאל טְרֶעפְן אַ קְלוּגְן אִיד וָואס זָאל אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דֶעם אִינְגֶערְמַאן הֲלָכוֹת דֶרֶךְ אֶרֶץ אַז עֶר זָאל ווִיסְן וִוי אַזוֹי אוּמְצוּגֵיין מִיט מֶענְטְשְׁן".

## זֵיי קְלוּג אוּן נִשְׁט גֶערֶעכְט

מֶען זֶעהט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט זִיךְ צוּ דְרֵייוְון אַ קַאר, לֶערְנְט מֶען אִים אוֹיס אַז עֶר זָאל זַיין קְלוּג אוּן נִשְׁט גֶערֶעכְט, דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ וֶוען דוּ פָארְסְט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, אָבֶער אוֹיבּ דוּ זֶעהסְט וִוי אַ צְוֵוייטֶער פָארְט אַרַיין אוֹיף דַיין

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

זַייט, אֲפִילוּ יֶענֶער אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט, דְרֵיי זִיךְ שְׁנֶעל אַוֶועק פוּן יֶענֶעם, וַוייל אוֹיבּ דוּ וֶועסְט פָארְן גְלַייךְ, אֲפִילוּ אוֹיבּ דוּ בִּיזְט טַאקֶע גֶערֶעכְט, וֶועט עֶס זִיךְ נִישְׁט גוּט אוֹיסְלָאזְן.

און דִי זֶעלְבֶּע דַארְף מֶען וִויסְן וֶוען מֶען הַאנְדְלְט מִיט מֶענְטְשְׁן, אֲפִילוּ אוֹיבּ דוּ בִּיזְט זִיכֶער גֶערֶעכְט, אוֹיבּ אָבֶער דוּ וֶועסְט דִיךְ אֵייבִּיג שְׁטֶעלְן אוֹיף דַיין גֶערֶעכְטִיגְקַייט און נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן, וֶועט זִיךְ עֶס נִישְׁט גוּט אוֹיסְלָאזְן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זַיין קְלוּג און נִישְׁט גֶערֶעכְט, און וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען מִיט אַ צְוֵוייטְן.

## דִי גוּף מִיט דִי נְשָׁמָה

אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט זִיךְ אַלֵיין, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן אַ גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע גוּף מִיט אַ רוּחְנִיוּת'דִיגֶע נְשָׁמָה, און מֶען דַארְף זֶעהְן אַז דִי צְוֵויי זָאלְן זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען אִינְאֵיינֶעם, אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן, דִי נְשָׁמָה צִיעט נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דֶער גוּף צוּ גַשְׁמִיוּת, אָבֶער אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט מֵיינְט דָאס אַז זֵיי דַארְפְן זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְקוּמֶען.

דִי נְשָׁמָה דַארְף פַארְשְׁטֵיין אַז דֶער גוּף מוּז עֶסְן און שְׁלָאפְן גֶעהֶערִיג כְּדֵי צוּ קֶענֶען זַיין אַ מֶענְטְשׁ, און אוֹיבּ דֶער גוּף וֶועט נִישְׁט בַּאקוּמֶען זַיינֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן וֶועט דִי נְשָׁמָה אוֹיךְ נִישְׁט קֶענֶען אָנְגֵיין, עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען דַאוֶונֶען און לֶערְנֶען וִוי מֶען דַארְף, אוֹיבּ אָבֶער דֶער גוּף עֶסְט און שְׁלָאפְט נָארְמַאל, דֶעמָאלְט'ס אִיז דֶער מֶענְטְשׁ פְרֵיילִיךְ און רוּהִיג, און עֶר קֶען מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"עַ זָאגְט "וֶוען עֶס וֶוערְט אַ קְלֵיינֶע לָאךְ אִינֶעם גוּף, וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶע לָאךְ אִין דִי נְשָׁמָה", דָאס מֵיינְט אַז אוֹיבּ דֶער גוּף וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, וֶוערְט שׁוֹין דִי נְשָׁמָה נָאךְ מֶער אָפְּגֶעשְׁוַואכְט וַוייל עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען און דַאוֶונֶען און מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוֹת וִוי מֶען דַארְף.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס וֵוייסְט וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט זִיךְ און מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, וֶועט אִים שְׁטֶענְדִיג גוּט זַיין.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י' עֶרֶךְ חַבֵר)

# ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

המשך פון דף ד

געבעטן דעם אייבערשטן און דער אייבערשטער האט זיי געהאלפן.

די הארץ ווערט איבערגענומען ווען מען הערט ווי די תמימות'דיגע קינדער, דערציילן ווי זיי בעטן דעם אייבערשטן בתמימות ופשיטות און ווי דער אייבערשטער העלפט זיי שטענדיג, עטליכע קינדער האבן דערציילט פארן מלמד נאך פסח, אז זיי האבן נישט געוואלט מוטשען זייערע עלטערן צו באקומען א גוטע אפיקומן, אנשטאט דעם מוטשען זיי ענדערשט דעם אייבערשטן, און דער אייבערשטער וועט זיי זיכער העלפן, און ווען דאס ווערט איינגעבאקן אין די יונגע הערצער צו לעבן מיטן אייבערשטן, וועט דאס מיטוואקסן מיט זיי אלע יארן, און זיי וועלן שוין קיינמאל נישט אוועקגיין פונעם אייבערשטן, אין יעדן מצב וואס זיי וועלן נאר זיין וועלן זיי וויסן אז זיי האבן זיך צו וועם צו ווענדן, דער אייבערשטער גייט מיט זיי שטענדיג, און ער וועט זיי קיינמאל נישט פארלאזן.

עס דערמאנט זיך די התחלה פון די תלמוד תורה, ווען די חברי ההנהלה זענען געזיצן ביי מוהרא"ש חול המועד פסח תש"ע איבערצוגיין אלע דעטאלן איבער די תלמוד תורה, האט מוהרא"ש דערציילט דעמאלט'ס וואס עס האט זיך אפגעשפילט אין וויליאמסבורג ווען מען האט געגרינדעט די ערשטע ברסלב'ע בית המדרש אין וויליאמסבורג.

בימים ההם איז ברסלב געווען א נייע זאך וואס ווייניג האט דערפון געהערט, און מען האט זיך זייער געמוטשעט מיט מנין, מאכט זיך אמאל אז דער גבאי פון בית המדרש האט זיך אויסגערעדט פאר מוהרא"ש - וואס איז נאך געווען דעמאלט'ס א יונגע אינגערמאן - אז מען מוטשעט זיך זייער מיט צוזאמשטעלן מנין יעדן שבת אין בית המדרש, האט מוהרא"ש זיך צושמייכלט און זיך אנגערופן, "זארגט נישט, דא אין וויליאמסבורג וועט נאך זיין א ברסלב'ע תלמוד תורה", און ווען עס איז דעמאלט'ס אריבער געפארן דארט באסעס פון פארשידענע תלמוד תורה'ס, האט מוהרא"ש געזאגט, "דו זעהסט די באסעס? אזוי וועלן ארום פארן באסעס וואס וועט שטיין אויף זיי "תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב".

פאר דעם גבאי'ן איז דאס געווען ווי א ווילדער חלום, און ער האט זיך אנגערופן צו מוהרא"ש, "איר חלום'ט בהקי'ץ", יעצט - האט מוהרא"ש אויסגעפירט - זעהט מען אז די חלום איז ברוך ה' מקוים געווארן.

און מיטן אייבערשטנ'ס הילף האט זיך די תלמוד תורה גאר שטארק פארברייטערט און פארבעסערט במשך די לעצטע יארן, צו די צופרידענהייט פון אלע עלטערן.

**להגדיל תורה ולהאדירה!**

# נַחֲלֵי תוֹרָה

**מִפְּנֵי מַה אָמְרוּ מַיִם אַחֲרוֹנִים חוֹבָה?**

**מִפְּנֵי שֶׁמֶּלַח סְדוֹמִית יֵשׁ שֶׁמְּסַמֵּא אֶת הָעֵינַיִם.** (עֵירוּבִין יז:)

מֶען קֶען זָאגְן פְּשַׁט בְּדֶרֶךְ רֶמֶז, אַז מַיִם אַחֲרוֹנִים אִיז מְרַמֵּז אַז מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּוַואשְׁן צוּם סוֹף, דָאס מֵיינְט אַז מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּוַואשְׁן פוּן אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, און אָנְגֵיין וַוייטֶער אִין לֶעבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקַייט, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי דִי וַוייבּ פוּן לוֹט, וֶוען זִי הָאט צוּרִיק גֶעקוּקְט אִיז זִי גֶעוָוארְן אַ שְׁטִיק זַאלְץ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט צוּרִיק אוֹיף זַיינֶע דוּרְכְפֶעלֶער, וֶוערְט עֶר אַ שְׁטִיק זַאלְץ, עֶר וֶוערְט זוֹיעֶר און בִּיטֶער, מֶען דַארְף פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט און אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ.

דָאס אִיז דִי גְמָרָא מְרַמֵּז: מִפְּנֵי מַה אָמְרוּ מַיִם אַחֲרוֹנִים חוֹבָה? פַארְוָואס אִיז אַזוֹי וִויכְטִיג זִיךְ צוּ אָפְּוַואשְׁן און פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען? מִפְּנֵי שֶׁמֶּלַח סְדוֹמִית יֵשׁ שֶׁמְּסַמֵּא אֶת הָעֵינַיִם, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט בַּיי דִי זַאלְץ פוּן סְדוֹם אַז וֶוען זִי הָאט צוּרִיק גֶעקוּקְט אִיז זִי גֶעוָוארְן אַ שְׁטִיק זַאלְץ, און דָאס מַאכְט בְּלִינְד דִי אוֹיגְן, דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז צוּ פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, און אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי.

א.מ.ש.

~~~

מען קען ארייינשיקן חידושים והערות אויף אימעיל: breslevcenter@gmail.com
אדער קען מען לאזן א מעסידזש אויפ'ן קול אמונה טעלעפאן ליין 212-444-9191 #19
~~~

# מִילֵי דְאָבוֹת

**פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת**

~~~

## יֶעדֶער אִיד קֶען אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת

**כָּל יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא**

מֶען פִירְט זִיךְ צוּ זָאגְן דִי מִשְׁנָה פַאְרן לֶערְנֶען פִּרְקֵי אָבוֹת, כָאטְשׁ עֶס קוּמְט נִישְׁט אַהֶער, עֶס אִיז אַ מִשְׁנָה אִין סַנְהֶדְרִין.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, וַוייל פַאר מֶען לֶערְנְט פִּרְקֵי אָבוֹת, וָואס דָארְט שְׁטֵייט דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת צוּ וָואס דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען, וֶועט אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְטְן, "אִיךְ וֶועל זִיכֶער נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת, אִיךְ בִּין דָאךְ אַזוֹי וַוייט פוּן דִי אַלֶע זַאכְן".

דֶערְפַאר זָאגְט מֶען קוֹדֶם "כָּל יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא", יֶעדֶער אִיד הָאט אַ חֵלֶק אִין עוֹלָם הַבָּא, יֶעדֶער אִיד קֶען צוּקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע אוּן גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ וִויפִיל מֶען הָארֶעוֶועט, וִויפִיל מֶען בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען אַ אִיד וֶועט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט עֶר זִיכֶער צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, אוּן זוֹכֶה זַיין לְחַיֵי הָעוֹלָם הַבָּא.

(חַסְדֵי אָבוֹת, פֶּרֶק א')

\*\*\*

## אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**הוּא הָיָה אוֹמֵר**

ווִי אַזוֹי הָאט דֶער צַדִיק זוֹכֶה גֶעוֶועז צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת? "הוּא הָיָה אוֹמֵר" - וַוייל עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן, דָאס מֵיינְט אַז עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אוּן אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶער אִיד וָואס וֶועט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין דֶערְצוּ.

(חַסְדֵי אָבוֹת, פֶּרֶק א' מִשְׁנָה ב')

# ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

## אנשי שלומינו רעכטן אפ א סעודת הודאה פאר די גרויסע ניסים

דעם יום טוב פסח איז געווארן אפגעצייכנט א יאר פון דעם גרויסן נס וואס דער אייבערשטער האט געטוהן מיט אונז, ווען פארגאנגענעם יאר פסח האט מוהרא"ש שליט"א געליטן פון עטליכע שווערע הארץ אטאקעס, און בחסדי ה' איז ער ארויס ממות לחיים מיט אפענע ניסים.

עס ליגט נאך אין די ביינער די פחד און שרעק וואס מיר האבן געהאט פאריאר ווען מיר האבן געהערט די שרעקליכע בשורות איבער דעם שווערן געזונט צושטאנד פון מוהרא"ש, אנשי שלומינו איבער דער גארער וועלט האבן איינגעריסן בתפלה ותחנונים אז מוהרא"ש שליט"א זאל זיך אינגאנצן ערהוילן, און ווי די דאקטורים האבן זיך דעמאלט'ס אויסגעדרוקט האט מען געזעהן ממש אפענע ניסים, פון די גאר שנעלע ערהוילונג למעלה מדרך הטבע.

אידן פון איבעראל וואס זענען זיך מחי' און מחזק מיט די ספרים פון מוהרא"ש האבן אויך איינגעריסן לרפואתו השלימה, און יעצט ווען מען האלט שוין א יאר שפעטער, און מיטן אייבערשטנ'ס הילף האט זיך מוהרא"ש ערהוילט איז די שמחה ביי יעדן גאר גרויס, אין אלע בתי מדרשים "היכל הקודש" איז געווארן אפגעהאלטן סעודות הודאה צו דאנקן און לויבן דעם אייבערשטן אויף זיינע גרויסע חסדים.

גלייכצייטיג דארף מען דערמאנען אז מען זאל ווייטער מתפלל זיין פאר מוהרא"ש "מורינו רבי אליעזר שלמה בן מלכה" אז ער זאל ווייטער זוכה זיין צו לאנגע געזונטע יארן עד ביאת הגואל.

**עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים יהיו!**

\*\*\*

## דריי יאר אפגעצייכנט צו די עפענונג פון "תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב"

אין די יעצטיגע טעג ווערט דריי יאר, פון ווען מיר האבן געעפנט די תלמוד תורה אין וויליאמסבורג, "תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב", אין די לעצטע עטליכע יאר, האט שוין די תלמוד תורה געהאט א ווייט גרייכנדע אפקלאנג, אלץ א פלאץ ווי די קינדער ווערן נתחנך מיט תורה תפלה און יראת שמים, על דרך ישראל סבא, מיט די אלע הייליגע עצות פון הייליגן רבי'ן, אויפ'ן וועג ווי מוהרא"ש לערנט אונז.

הכרת פניהם ענתה בם, ווי עס זאגן עדות אלע עלטערן, אז מען זעהט אויף די קינדער א געוואלדיגע חן, אן אידלקייט און ערליכקייט וואס מען טרעפט נישט, וואס דאס קומט נאר פון די הייליגע תורה וואס די קינדער לערנען פלייסיג וואס די תורה איז אילת אהבים ויעלת חן, ובנוסף וואס די קינדער רעדן צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך, ווי די קינדער זענען שטענדיג פארנומען צו דערציילן "מעשיות פון תפלה", זאכן וואס זיי האבן

המשך בדף ג


### סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **אברהם משה שטראססער** הי"ו

מנהל כללי דמוסדותינו הק'

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער, אמן

### סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

הבחור **פנחס לונגער** נ"י

צו זיין שמחת בר מצוה למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל אייביג זיין פרייליך, און האבן אלעס גוט'ס א גאנץ לעבן מיט סייעתא דשמיא, אמן

### ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

27 Skillman St.

אדער רופט 347-977-7994

### קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**

הדלקת הנרות.....................**7:14**
מוצש"ק.................................**8:46**
סוף זמן ק"ש.........................**9:02**

**שיעורים כסדרן**

בבלי..........................עירובין ל"ו
ירושלמי.......................גיטין כ"ג
תוספתא..................נדה פרק ט'


פרשת תזריע-מצורע, ג' אייר, אבות פרק ב', שנת תשע"ג לפ"ק — שנה 2, גליון 29 (79)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**נֶגַע צָרַעַת כִּי תִהְיֶה בְּאָדָם וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן,** מוֹהַרְא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט מְרַמֵז זַיין, דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ב') אַז דֶער עִיקָר גֶעוֶוער פוּן מָשִׁיחַ אִיז **"תְּפִלָּה - צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן",** מָשִׁיחַ וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט מִיט תְּפִלָּה, דָאס מֵיינְט אַז מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי וֶועלְט, אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט **"כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'".**

**וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? נָאר דוּרְךְ רֶעדְן צוּ אִים, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע גוּט'ס וָואס עֶר הָאט, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וָואס עֶם פֶעלְט אִים נָאךְ, אוּן דָאס וֶועט מָשִׁיחַ אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.**

דֶער אֱמֶת אִיז אַז דָאס קֶען מֶען אוֹיךְ הַיינְט טוּהן, אַ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען שׁוֹין יֶעצְט אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר, אַז וֶוען מֶען טוּט עֲבֵירוֹת, וֶוערְט פַארְשְׁטָאפְּט דִי אוֹיגְן אוּן דִי הַארְץ, אוּן מֶען פִילְט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים, מֶען פִילְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִיק, וָואס עֶר קֶען אוֹיפְהֵייבְּן יֶעדְן מֶענְטְשׁ אוּן אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר לֶערְנְט אוֹיס פַארְן מֶענְטְשׁ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, אוּן מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז אוּנְז דֶער פָּסוּק מְרַמֵז, **נֶגַע צָרַעַת כִּי תִהְיֶה בְּאָדָם,** דִי נְגָעִים גֵייעֶן אַרוֹיף אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט וָואס דָאס מַאכְט אִים בְּלִינְד, נִישְׁט צוּ זֶעהְן אוּן נִישְׁט צוּ פִילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס אִיז דִי עֵצָה? **וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן,** מֶען זָאל אִים בְּרֶענְגֶען צוּם צַדִיק, וָואס עֶר אִיז דֶער כֹּהֵן מְשָׁרֵת בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער צַדִיק וֶועט אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן אִים בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה תַזְרִיעַ א')

***

אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע הַפְטוֹרָה שְׁטֵייט, **וְאַרְבָּעָה אֲנָשִׁים הָיוּ מְצֹרָעִים פֶּתַח הַשָּׁעַר,** דִי גְמָרָא זָאגְט (סוֹטָה מ"ז.) דִי פִיר קְרֶעצִיגֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעוֶוען גֵּחֲזִי מִיט זַיינֶע דְרֵיי קִינְדֶער.

גֵּחֲזִי אִיז גֶעוֶוען דֶער מְשָׁרֵת פוּן אֱלִישָׁע הַנָבִיא, וֶוען נַעֲמָן דֶער גֶענֶערַאל פוּן אֲרָם

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָ"א"שׁ

### ~ דִי סְפִירָה טֶעג ~

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן מִצְרַיִם אוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח, דִי אִידְן זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען דֶעמָאלְט'ס פַארְזִינְקֶען אִין דִי נֵיין אוּן פֶערְצִיג שַׁעֲרֵי טוּמְאָה, אוּן אִין דִי לֶעצְטֶע מִינוּט הָאט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעקֶענְט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, זֵיי הָאבְּן קוֹדֶם גֶעצֵיילְט סְפִירָה זִיבְּן וָואכְן אוּן דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזוּק אוּן וֶועג-וַוייזֶער פַאר יֶעדְן אִיד, וִוי אַזוֹי אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן, יֶעדֶער אִיד וִויל בֶּאֱמֶת זַיין וואוֹיל אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דֶער יֵצֶר הָרַע רֶעדְט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ טוּהן עֲבֵירוֹת, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט דוּרְךְ, קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרַע אוּן עֶר צוּבְּרֶעכְט אִים "דוּ בִּיזְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְט, דוּ וֶועסְט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין", אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן עֶר קוּמְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פְּרוּבִּירְט דֶער יֵצֶר הָרַע נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, בִּיז עֶר אִיז לַיידֶער מַצְלִיחַ אַסַאךְ מָאל צוּ מְיַיאֵשׁ זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶערְפַאר קֶען מֶען נֶעמֶען אַ גְרוֹיסֶע חִיזוּק פוּן דִי סְפִירָה טֶעג, אַז אֲפִילוּ וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען שׁוֹין אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, זֶענֶען זֵיי נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען גְלַייךְ צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, זֵיי הָאבְּן קוֹדֶם גֶעדַארְפְט דוּרְכְגֵיין דִי סְפִירָה טֶעג, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן אִיד, אֲפִילוּ וֶוען עֶר וִויל שׁוֹין אַרוֹיסְגֵיין

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אֱלִישָׁע זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן פוּן זַיין קְרֶעץ, הָאט אֱלִישָׁע נִישְׁט גֶעוָואלְט נֶעמֶען קַיין גֶעלְט פוּן אִים, אָבֶּער גֵּחֲזִי אִיז נָאכְגֶעלָאפְן נַעֲמָן אוּן לִיגְנְט גֶעזָאגְט אַז אֱלִישָׁע הָאט צוּרִיק גֶעצוֹיגְן עֶר וִויל יָא נֶעמֶען גֶעלְט אוּן נַעֲמָן הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַסַאךְ מַתָּנוֹת, וֶוען גֵּחֲזִי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ אֱלִישָׁע הָאט אֱלִישָׁע אִים גֶעשָׁאלְטְן אַז דִי קְרֶעץ פוּן נַעֲמָן זָאל אַרִיבֶּער גֵיין צוּ אִים אוּן צוּ זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען.

זֶעהט מֶען פוּן דֶעם דִי הַארְבְּקַייט פוּן מְזַלְזֵל זַיין אִין אַ צַדִיק, וָואס מֶען בַּאקוּמְט אוֹיף דֶעם אַ הַארְבֶּע שְׁטְרָאף לְדוֹרוֹת, וִוי מֶען זֶעהט אַז גֵּחֲזִי אִיז קְרֶעצִיג גֶעוָוארְן מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמוּזְט זִיצְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי מַחֲנֶה.

אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען מֶען אַרוֹיסְלֶערְנֶען דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, פוּן גְלֵייבְּן אוּן פָאלְגְן דֶעם צַדִיק, אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַלֶעם.

וֶוען נַעֲמָן אִיז קְרֶעצִיג גֶעוָוארְן אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אֱלִישָׁע עֶר זָאל אִים הֵיילְן, הָאט אִים אֱלִישָׁע גֶעהֵייסְן עֶר זָאל זִיךְ גֵיין טוֹבְל'ן זִיבְּן מָאל אִין יַרְדֵּן אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר גֶעהֵיילְט וֶוערְן, פוּן אָנְפַאנְג הָאט נַעֲמָן נִישְׁט גֶעוָואלְט פָאלְגְן, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז אֱלִישָׁע וֶועט מַאכְן אַן אָפֶּענֶעם מוֹפֵת, אוּן אִים אוֹיסְהֵיילְן, אוּן יֶעצְט הֵייסְט עֶר אִים אַזַא גְרִינְגֶע זַאךְ, עֶר זָאל זִיךְ טוֹבְל'ן אִין יַרְדֵּן אוּן עֶר וֶועט זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן, "אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ בֶּעסֶערֶע בֶּעדֶער אִינְדֶערְהֵיים זִיךְ צוּ בָּאדְן דָארְט, פַאר דֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט אַהֶער קוּמֶען?!", בִּיז זַיינֶע קְנֶעכְט הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: "דֶער נָבִיא הָאט דִיר גֶעזָאגְט אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, פָאלְג אִים, וֶועסְטוּ גֶעהֵיילְט וֶוערְן" אוּן עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּהְן, עֶר הָאט זִיךְ גֶע'טוֹבְל'ט אִין יַרְדֵּן זִיבְּן מָאל, אוּן עֶר אִיז גֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן פוּן זַיין קְרֶעץ.

זֶעהט מֶען דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן "אֱמוּנַת חֲכָמִים" פוּן גֵיין צוּ אַ צַדִיק, אוּן פָאלְגְן וָואס עֶר זָאגְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעהט אוֹיס וִוי אַ קְלֵיינֶע פָּשׁוּט'ֶע זַאךְ, וַוייל אַמָאל זָאגְט דֶער צַדִיק צוּ טוּהְן אַ גְרִינְגֶע זַאךְ, אָבֶּער אִין דֶעם וֶוענְדְט זִיךְ דִי גַאנְצֶע הַצְלָחָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט צוּ אַ צַדִיק, אוּן פָאלְגְט וָואס עֶר הֵייסְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין גָאר שְׁטַארְק, בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, מְצוֹרָע, תשע"א לפ"ק)


# מוסדות "היכל הקודש" ברסלב - יבנאל עיר ברסלב

בנשיאות כ"ק מוהרא"ש שליט"א

## פרייליכע מעלדונג!

**פאר די וואס פארן אויף די מקומות הקדושים אין מירון צפת טבריה**

אין די יעצטיגע טעג אין צוגרייטונג צום יומא דהילולא פון התנא האלקי רבן שמעון בר יוחאי, ווי אויך במשך די יאר סיי ווען איר פארט אויף ארץ ישראל, אויב זוכט איר א היימישע פלאץ זיך אפצושטעלן, קומט אריבער אויף יבנאל, בלויז צוועלף מינוט צו פארן פון טבריה - ציון רבי מאיר בעל הנס.

- מנינים שחרים פון ותיקין ביז חצות (אויך עש"ק).
- מנינים מנחה ביז שפעט, מנינים מעריב ביז שפעט ביינאכט.
- מקוואות טהרה.
- עסן בחנם, יעדע נאכט א ברייטע נאכטמאל אין בית התבשיל אהל אברהם.
- טעימה קלה, מזונות קאווע א.ד.ג. א גאנצן טאג.

***

הערליכע ניי געבויעטע דירות אויף די הערליכע רוהיגע יבנאל בערג, צו פארדינגען פאר גאר ביליגע פרייזן עס איז דא א גרויסע אויסוואל פון דירות/צימערן, צו פארדינגען אויף טאג/וואך/שבתים, ארומגענומען מיט די ריינע לופט און די שענסטע פאנאראמע פון די יבנאל בערג

**פאר מער אינפארמאציע, אדער צו דינגען א דירה**

**רופט אין צענטראלן אפיס אויף 011-972-4-6708356**


# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

פוּן זַיין אֵייגֶענֶע מִצְרַיִם, עֶר מַאכְט אָפּ "דָאס אִיז עֶס, פוּן יֶעצְט וֶועל אִיךְ שׁוֹין זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", קוּמְט מֶען נָאכְנִישְׁט גְלַייךְ אָן דֶערְצוּ, עֶס דַארְף קוֹדֶם אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף אִים דִי סְפִירָה טֶעג, אֵיין טָאג "חֶסֶד שֶׁבִּגְבוּרָה", אֵיין טָאג "גְבוּרָה שֶׁבִּגְבוּרָה", דָאס מֵיינְט אַז יֶעדְן טָאג דְרֵייעֶן זִיךְ אַרִיבֶּער אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ אַלֶע מִינֵי מַצָּבִים אוּן שְׁוֶוערִיקַייטְן בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, וִויפִיל מָאל דֶער יֵצֶר הָרַע וַוארְפְט אִים אַרָאפּ, שְׁטַארְקְט עֶר זִיךְ נָאכְאַמָאל אוּן עֶר קוּמְט פוּן פְרִישׁ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּכַאפְּן וִויפִיל תּוֹרָה וּמִצְוֹת עֶר קֶען, וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אָנְקוּמֶען צוּ שָׁבוּעוֹת צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(קוּנְטְרֵס סְפִירַת הָעוֹמֶר)

***

נָאךְ אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ לֶערְנֶען מִיר פוּן דִי סְפִירָה טֶעג, אַז פַאר מֶען גֵייט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, דַארְף מֶען קוֹדֶם צֵיילְן דִי טֶעג, דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז יֶעדֶער טָאג אִיז אַ גֶעצֵיילְטֶער טָאג, אַ וִויכְטִיגֶער טָאג, יֶעדְן טָאג קֶען מֶען גוּט אוֹיסְנִיצְן מִיט גוּטֶע זַאכְן.

דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים ד) "מִקְצַת הַיּוֹם כְּכֻלּוֹ", אַ חֵלֶק פוּנֶעם טָאג אִיז אַזוֹי וִוי אַ גַאנְצֶע טָאג, מְמֵילָא אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען רוֹב טָאג, אוּן מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַ קוּק אָן וִוי אַזוֹי דֶער טָאג אִיז אַרִיבֶּער מִיט גָארְנִישְׁט, טָאר מֶען נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיף דֶעם טָאג אוּן טְרַאכְטְן "דִי הַיינְטִיגֶע טָאג אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, מָארְגְן וֶועל אִיךְ פְּרוּבִּירְן אַרַיין צוּ כַאפְּן גוּטֶע זַאכְן, מָארְגְן וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען, מָארְגְן וֶועל אִיךְ דַאוֶוענֶען", וַוייל אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן נָאר עֶטְלִיכֶע מִינוּט פוּנֶעם טָאג, קֶען מֶען נָאךְ פַארֶעכְטְן דֶעם גַאנְצְן טָאג, אוֹיבּ וֶועסְטוּ אוֹיסְנִיצְן דִי עֶטְלִיכֶע מִינוּט וָואס עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל תּוֹרָה, צוּ טוּהְן עֶפֶּעס מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, וֶועסְטוּ מִיט דֶעם אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם גַאנְצְן טָאג.

דָאס לֶערְנֶען מִיר פוּן דִי סְפִירָה טֶעג, יֶעדֶער טָאג אִיז אַ גֶעצֵיילְטֶער טָאג, אוּן וֶוען מֶען וֶועט אָנְהֵייבְּן פוּן יֶעצְט אוֹיסְצוּנִיצְן יֶעדְן טָאג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וֶועט מֶען קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת.

(קוּנְטְרֵס יְמֵי הַסְּפִירָה)

# מִלֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

~~~

### דוּ דַארְפְסְט וִויסְן דַיינֶע כּוחות!

**דַע מַה לְמַעְלָה מִמְךָ**

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תק"ד) "וָואס טַייטְש אַ מֶענְטְש? אוֹיבּ עֶר טוּט אַזוֹי אַ מַאךְ מִיט דִי הַאנְט, וֶוערְט אַזוֹי אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, אוּן אוֹיבּ גִיבְט עֶר אַזוֹי אַ מַאךְ מִיט דִי הַאנְט, וֶוערְט אַזוֹי אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת", נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תק"ה) וֶוען מֶען זָאל אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אַ מֶענְטְש (צוּ זֶעהן וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִינֶעוֵוייניג), וָואלְט מֶען גֶעזֶעהן, וִוי אוֹיף יֶעדְן אָדֶער'ל הֶענְגֶען טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער עוֹלָמוֹת".

דָאס מֵיינְט אַז אַ אִיד דַארְף וִויסְן אַז יֶעדֶע רִיר וָואס עֶר טוּט, וֶוענְדְט זִיךְ אִין דֶעם צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער וֶועלְטְן, אַז מֶען פִּירְט זִיךְ אוֹיף גוּט אוּן וואוֹיל בְּרֶענְגְט מֶען מִיט דֶעם אַלֶע גוּטֶע זַאכְן פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן פַארְקֶערְט חַס וְשָׁלוֹם וֶוען מֶען פִּירְט נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מַאכְט מֶען חֻרְבָּנוֹת, מֶען בְּרֶענְגְט אַסַאךְ צָרוֹת אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דָאס דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶן דַע מַה לְמַעְלָה מִמְךָ, גֶעדֶענְקְט שְׁטֶענְדִיג אַז עֶס אִיז דָא עֶפֶּעס הֶעכֶער דִיר, עֶס גֶעשֶׁעהט זַאכְן, מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ טוּסְט.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ב' מִשְׁנָה א')

***

### יֶענֶער מֵיינְט נִישְׁט דַיין טוֹבָה...

**שֶׁאֵין מְקָרְבִין לוֹ לְאָדָם אֶלָא לְצוֹרֶךְ עַצְמָן**

דַארְפְסְט גֶעדֶענְקֶען, נִישְׁט צוּ וֶוערְן אַרַיינְגֶענַארְט פוּן מֶענְטְשְׁן, וַוייל יֶעדֶער מֵיינְט נָאר זַיין אֵייגֶענֶע טוֹבָה, וִוילַאנְג עֶר קֶען נָאךְ אַרוֹיס בַּאקוּמֶען עֶפֶּעס אַ טוֹבַת הֲנָאָה פוּן דִיר, אִיז עֶר דַיין חַבֶר, אָבֶער וֶוען עֶר וֶועט נִישְׁט בַּאקוּמֶען עֶפֶּעס פוּן דִיר, אוּן דוּ וֶועסְט זַיין אִין אַ צָרָה, דוּ וֶועסְט הָאבְן אַ פְּרָאבְּלֶעם, דֶעמָאלְט'ס וֶועט עֶר דִיר אִינְגַאנְצְן אָפְּלָאזְן, עֶר וֶועט דִיר שׁוֹין נִישְׁט וֶועלְן קֶענֶען.

דָאס וָוארְנְט אוּנְז דֶער תַּנָא, שֶׁאֵין מְקָרְבִין לוֹ לְאָדָם אֶלָא לְצוֹרֶךְ עַצְמָן, מֶען אִיז דִיר נָאר מְקָרֵב פַאר דִי אֵייגֶענֶע טוֹבָה, נִרְאִין כְּאוֹהֲבִין בְּשְׁעַת הֲנָאָתָן, זֵיי זֶעהן אוֹיס וִוי פְרַיינְד וֶוען זֵיי הָאבְן פוּן דֶעם עֶפֶּעס אַ הֲנָאָה, אָבֶער וְאֵין עוֹמְדִין לוֹ לְאָדָם בְּשְׁעַת דָחְקוֹ, זֵיי וֶועלְן דִיר נִישְׁט שְׁטֵיין צוּ הִילְף וֶוען דוּ וֶועסְט הָאבְן אַ פְּרָאבְּלֶעם.

דֶערְפַאר אִיז דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה, צוּ גֵיין נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען דוּ דַארְפְסְט עֶפֶּעס הָאבְן זָאלְסְטוּ נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף אִים, וֶועסְטוּ זִיכֶער הָאבְן אַלֶעס גוּט'ס, עֶס וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ב' מִשְׁנָה ג')

***

### אָן אַ צַדִיק גֵייט עֶס נִישְׁט.

**וְאַל תַּאֲמִין בְּעַצְמְךָ עַד יוֹם מוֹתְךָ**

זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֵיין אַלֵיינְ'ס, שְׁטֶענְדִיג זֶעה צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִיק, וָואס זָאל דִיר פִירְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, וַוייל אוֹיבּ מֶען גֵייט נִישְׁט צוּ אַ צַדִיק קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט אַלֵיינְ'ס אַן עֵצָה גֶעבְּן, אֲפִילוּ אוֹיבּ אָנְפַאנְג וֶועט נָאךְ זַיין גוּט, קֶען מֶען אָבֶער שְׁפֶּעטֶער אַוֶועק פַאלְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת, אוֹת נְפִילָה, סִימָן א') "עֶס אִיז דָא אַמָאל וָואס אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט פוּן זַיינֶע מַדְרֵגוֹת אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן".

דָאס זָאגְט דֶער תַּנָא אַל תַּאֲמִין, גְלֵייבּ נִישְׁט אִין דִיר, בְּעַצְמְךָ, וֶוען דוּ בִּיזְט אַלֵיין, וֶוען דוּ גֵייסְט נִישְׁט צוּ אַ צַדִיק, עַד יוֹם מוֹתְךָ, בִּיזְן לֶעצְטְן טָאג בִּיזְטוּ נִישְׁט פַארְזִיכֶערְט, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט גֵיין צוּם צַדִיק, וֶועסְטוּ זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אוּן אוֹיבּ נִישְׁט קֶענְסְטוּ אַוֶועק פַאלְן.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ב' מִשְׁנָה ה')

# ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳ ~

המשך פון דף ד

געווען אין גמילת חסדים ווען ער פלעגט שטילערהייט ארויס העלפן אידן מיט גרויס איבערגעגעבנקייט ובפרט פאר עניי ארץ ישראל, אויך איז ער געווען באקאנט מיט זיינע גאלדענע מדות, שטענדיג האט ער געהאט א שמייכל אויפ'ן פנים און אויפגענומען יעדן בסבר פנים יפות און געהאט א גוט ווארט פאר יעדן.

אויך האט ער גאר שטארק עוסק געווען אין פארשפרייטן דעם רבי'נס אור אויף דער וועלט, ער פלעגט מסדר זיין אלע שיעורים פון מוהרא"ש אויף טעיפ'ס, אויך פלעגט ער שרייבן אלע שיעורים פון מוהרא"ש, וואס פון דעם האט מען ארויסגעגעבן די אידישע קונטריסים, מיט וואס יעדער איז זיך מחי'.

עס איז כדאי צו דערמאנען א שיין ווארט וואס דער נפטר האט געזאגט ביי זיין דרשה דעם פארגאנגענעם אחרון של פסח, ווען מען פירט זיך צו דערציילן די מעשה פון בעל שם טוב וואס האט געוואלט פארן אויף ארץ ישראל זיך צו טרעפן מיטן אור החיים הק׳ כדי צו ברענגן אינאיינעם די גאולה, האט ר׳ חיים בנציון געזאגט דאס וואס מוהרא"ש זאגט אייביג אז די עיקר גלות קומט ווייל אידן האלטן זיך נישט אינאיינעם, דער בית המקדש איז חרוב געווארן וועגן שנאת חינם ועדיין מרקד בינן, און די אלע מחלוקות וואס מען טיילט זיך אפ פון א צווייטן ווייל יענער איז נישט געבוירן געווארן אין מיין סביבה, דאס איז מעכב די גאולה, האט ר׳ חיים בנציון אויסגעפירט אז דאס קען זיין פשט, אזוי ווי דער הייליגער בעל שם טוב איז געווען זייער גרויס ביי די אשכנזים און דער אור החיים הק׳ איז געווען זייער גרויס ביי די ספרדים, און ווען מען זאל צוזאמשטעלן די צוויי, אז מען זאל נישט מאכן קיין חילוקים פון ווי מען קומט, נאר אלע אידן זאלן זיך האלטן אינאיינעם, וואלט מען דורך דעם געקענט ברענגן משיח.

זאל דער אייבערשטער העלפן אז די נשמה זאל האבן אן עלי׳, און מען זאל מער נישט הערן אזעלכע ביטערע בשורות.

**תהא נשמתו צרורה בצרור החיים.**

***

## מוהרא"ש שליט"א פארט אויף ארץ ישראל

מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט מוהרא"ש פארן אויף ארץ ישראל פאר דריי וואכן צו מחזק זיין די ארטיגע אידן.

ווי באקאנט פארט מוהרא"ש יעדעס יאר אויף ארץ ישראל אין ל"ג בעומר צייט, די פארגאנגענע יאר איז מוהרא"ש נישט געפארן צוליב זיין שוואכקייט פון די שווערע הארץ אטאקע'ס רח"ל, און בחסדי ה׳ האט זיך מוהרא"ש ערהוילט, און וועט יעצט קענען ווייטער פארן ווי געוועהנטליך.

די קומענדיגע דריי וואכן וועט נישט פארקומען די ליל שישי שיעורים.

**כי מלאכיו יצוה לך!**

***

## שמחה אין ישיבה צו נאך א בחור וואס איז א חתן געווארן

**א פרישע חתן אין רעזולטאט פון מסכת תענית**

די וואך האבן מיר געהאט א פרישע חתן אין ישיבה, נאך איינער וואס האט געענדיגט פערציג מאל מסכת תענית, וואס ווי שוין באקאנט האט מוהרא"ש שליט"א צוגעזאגט אז די בחורים וואס וועלן ענדיגן פערציג מאל מסכת תענית וועלן חתנים ווערן.

דאס מאל איז עס החתן לייבי ראטטענבערג נ"י בן ר׳ יוסף הי"ו וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת מו"ה ליפא סאנדל הי"ו אב"י בעיר קרית יואל.

מיר וואונטשן אים אלע אז עס זאל זיין א בנין עדי עד, ער זאל זוכה זיין אויפצושטעלן א בית נאמן בישראל, דורות ישרים ומבורכים, אמן.

**שמח תשמח רעים האהובים!**
~~~

# נִישְׁט נָאר אָפְּרֶעדְן...

ווִיסְן דַארְפְסְטוּ ווִיסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶס זָאל נִישְׁט אִיבֶּערְגֵיין יֶעדְן טָאג עֶפֶּעס אַ אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ וְכוּ׳ וְכוּ׳, אָבֶער לֵיידֶער רוֹב מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, אַנְשְׁטָאט צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף דִי חֲסָדִים וְרַחֲמִים גְמוּרִים וָואס עֶר טוּט מִיט זֵיי וְכוּ׳, זֵיי זֶענֶען גֶעזוּנְט, אוּן דִי וַוייבּ אוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעזוּנְט, דָאס אִיז מֶער וֶוערְד ווִי אַלְסְדִינְג, אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל וֵויינְט שְׁטֶענְדִיג וְכוּ׳, עֶס פֶעלְט אִיהְם דָאס וְכוּ׳, עֶס פֶּעלְט אִיהְם יֶענְץ וְכוּ׳, עֶר אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט וָואס עֶר הָאט וְכוּ׳, אֱמֶת עֶס קֶען זַיין עֶר הָאט דַחְקוּת אִין פַּרְנָסָה וְכוּ׳, עֶר אִיז פַארְווִיקֶלְט מִיט חוֹבוֹת וְכוּ׳, אָבֶער דַאנְקֶען גָאט בָּרוּךְ הוּא אַז עֶר אִיז גֶעזוּנְט אוּן זַיין וַוייבּ אוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעזוּנְט, דָאס אִיז מֶער וֶוערְד ווִי אַלְסְדִינְג.

וָוארוּם לֵיידֶער אִיז הַיינְט דָא אַזוֹי פִּיל מַחֲלוֹת וְחַלָאִים רָעִים וְכוּ׳, עֶס גֵייט אַרוּם בִּיטֶערֶע קְרֶענְק וְכוּ׳, יוּנְגֶע אוּן אַלְטֶע מִיטְשֶׁען זִיךְ מִיט גֶעזוּנְט וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן זֵיי וָואלְטְן זִיךְ גֶערְן גֶעטוֹישְׁט מִיט עֲנִיוּת וְדַחְקוּת אַבִּי זַיין גֶעזוּנְט, אוּן צוּם סוֹף דִי וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעזוּנְט זֵיי וֵויינֶען אוּן קְלָאגְן אוֹיף זֵייעֶר בִּיטֶערְן מַצָּב וְכוּ׳, אִיז דָאס נִישְׁט קַיין נַארִישְׁקֵייט?

וָוארוּם דֶער עִיקֶר אִיז דָאךְ דָאס גֶעזוּנְט, אוּן בִּכְלַל דַארְף אַ מֶענְטְשׁ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ דַאנְקֶען שְׁטֶענְדִיג דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף דִי חֲסָדִים וְרַחֲמִים גְמוּרִים וָואס עֶר הָאט מִיט אִיהְם גֶעטוּהן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זי״ע הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ב׳) דָאס וֶוען אַ אִיד דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ דָאס אַלֵיין אִיז שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא, מֶען שְׁפִּירְט תַּעֲנוּג עוֹלָם הַבָּא אוֹיף דִי וֶועלְט, אַז וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קֶען שְׁטֶענְדִיג לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס אִין דֶעם זְכוּת אַלֵיין וֶועט עֶר זֶעהן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זי״ע הָאט גֶעזָאגְט, וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ דֶערְמַאנֶען דִי נִסִּים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מִיט אִיהְם שׁוֹין גֶעטוּהן, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר זֶעהן אַז עֶס וֶועט גֶעטוּהן וֶוערְן מִיט אִיהְם נָאךְ נִסִּים.

(אשר בנחל באידיש מכתב שי״ט)

## ~ נייעס אינעראלב מוסדותינו הק׳ ~

## מוהרא״ש שליט״א באשיינט סעודת ראש חודש אין ישיבה

דעם מיטוואך האבן מיר געהאט די זכי׳ אז מוהרא״ש איז געקומען אין ישיבה פאר א סעודת ראש חודש.

עס זענען זיך צוזאמגעקומען אלע בחורים פון ישיבה מיט א גרויסער עולם אנשי שלומינו, מען האט געזינגען אינאיינעם לכבוד היום, און דערנאך האט מען געהערט דברות קודש פון מוהרא״ש וואס האט ארומגערעדט פון די חשיבות פון די ישיבה און די זכי׳ וואס די בחורים האבן צו לערנען דא, ווי זיי ניצן אויס די צייט אריינצוכאפן ווי מער תורה ומצות.

אויך האט מוהרא״ש גערעדט דברי הספד אויף אונזער טייערער חבר מו״ה חיים בנציון גראס ע״ה וואס איז אזוי פלוצלינג אוועקגעריסן געווארן, מוהרא״ש האט געזאגט אז ער איז געווען מנחם אבל זיין די משפחה, און דארט האט אים א ברודער פונעם נפטר געוויזן א משניות׳ל וואס האט באלאנגט פארן נפטר און עס איז געווען אריינגעשריבן דארט אז ער האט שוין געענדיגט 25 מאל משניות, און ווי באקאנט האט דער נפטר געהאט נאך גאר אסאך שיעורים בכל מקצועי התורה, ער איז געזיצן יעדן טאג שעות ארוכות און געלערנט פלייסיג.

און מוהרא״ש האט אויסגעפירט אז דער נפטר האט זיך שוין באזארגט פאר זיך מיט אסאך תורה ומצות, ער האט נישט וואס מורא צו האבן, אבער מיר וואס מיר זענען נאך דא, דארפן מורא האבן אז עס גייט אריבער די צייט מיט גארנישט, און מיר דארפן זיך אויפוועקן און אנהייבן אויסצוניצן די צייט מיט גוטע זאכן, דערנאך האט מוהרא״ש גערעדט פון די גרויסקייט פון די מדת השמחה.

נאכן בענטשן איז זיך דער עולם צוגאנגען מיט פרישע קבלות אויסצוניצן די צייט ווי עס דארף צו זיין, און אריינכאפן ווי מער מצות ומעשים טובים.

**בואו ונחשוב חשבונו של עולם!**

***

## אנשי שלומינו באוויינען די פריצייטיגע פטירה פונעם טייערן אינגערמאן

**המנוח ר׳ חיים בנציון נטע גראס ע״ה**

מיט גרויס צער און ווייטאג איז אויפגענומען געווארן די ביטערע נייעס איבער די פריצייטיגע פטירה פון אונזער טייערער חבר המנוח ר׳ חיים בנציון נטע גראס ע״ה פון קרית יואל, אין יונגן עלטער פון 37 יאר.

ר׳ חיים בנציון ע״ה איז געווען באקאנט מיט זיין געוואלדיגע התמדת התורה, שטענדיג האט מען אים געזעהן מיט א ספר אין די האנט, און ער האט דורכגעלערנט ששה סדרי משנה אן א שיעור מאל און אויך גענדיגט ש״ס שו״ע זהר און נאך און ער פלעגט מחדש זיין שיינע חידושים, אויך האט ער עוסק

המשך בדף ג

### סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

החתן **לייבי ראטטענבערג** נ״י

מתלמידי ישיבתינו הק׳

וואס איז א חתן געווארן למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא, דורות ישרים ומבורכים און א בנין עדי עד, אמן

### סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

החתן **יואל לאנדא** נ״י

צו זיין שמחת תנאים למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא, דורות ישרים ומבורכים און א בנין עדי עד, אמן


### ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ׳ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

27 Skillman St.

אדער רופט 347-977-7994

### קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים פון כ״ק מוהרא״ש שליט״א**

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת אחרי-קדושים, י' אייר, אבות פרק ג', שנת תשע"ג לפ"ק

שנה 2, גליון 30 (80)


**זמנים**

הדלקת הנרות...................7:22
מוצש"ק..............................8:53
סוף זמן ק"ש.......................8:56

**שיעורים כסדרן**

בבלי.........................עירובין מ"ג
ירושלמי.........................גיטין ל'
תוסיפתא............מקואות פרק ז'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**כִּי בֶּעָנָן אֵרָאֶה עַל הַכַּפֹּרֶת**, מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קט"ו) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דֶער מִדַּת הַדִּין מְקַטְרֵג אוֹיף אִים אַז מֶען דַארְף אוּנְטֶער שְׁטֶעלְן פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ מְנִיעוֹת אוּן שְׁוֶועריִקַייטְן, אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט זַיין רַחֲמָנוּת בַּאהַאלְט זִיךְ אִין דִי מְנִיעוֹת אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן אַ בְּחִירָה, אוּן אוֹיב דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל דֶערְשְׁרֶעקְט עֶר זִיךְ פוּן דִי מְנִיעוֹת אוּן עֶר גֶעבְּט אוֹיף, אָבֶער וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל וֵוייסְט אַז דָאס אִיז נָאר אַ נִסָּיוֹן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאהַאלְט זִיךְ אִין דֶעם אוּן עֶר וַוארְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים.

אוּן מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי דֶעם פָּסוּק (שְׁמוֹת כ) **וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל**, דֶער צַדִּיק גֵייט צוּ צוּ דֶעם נֶעפְּל, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז פַארְנֶעפְּלְט, עֶס אִיז פִיל מִיט שְׁוֶועריִקַייטְן אוּן מְנִיעוֹת, אָבֶער **אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאהַאלְט זִיךְ דָארְט אִין דִי מְנִיעוֹת, מְמֵילָא דֶערְשְׁרֶעקְט עֶר זִיךְ נִישְׁט דֶערְפוּן אוּן עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק **וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת אֶל הַקֹּדֶשׁ**, מֶען קֶען נִישְׁט אֵייבִּיג אַזוֹי שְׁנֶעל אַרַיין קוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָּׁה, **כִּי בֶּעָנָן אֵרָאֶה עַל הַכַּפֹּרֶת**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ מִיט וָואלְקֶענֶעם, עֶס זֶעהט אוֹיס פַארְוָואלְקֶענְט, פִיל מִיט מְנִיעוֹת אוּן שְׁוֶועריִקַייטְן, אָבֶער מֶען דַארְף גֶעדֶענְקְן אַז אוּנְטֶער דִי מְנִיעוֹת בַּאהַאלְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

(זֹאת הַתּוֹרָה אַחֲרֵי ב')

***

**בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ**, מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק, לוֹיט וִוי עֶס אִיז בַּאקַאנְט פוּן דִי סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים, אַז דָאס וָוארְט "זֹאת" גֵייט אַרוֹיף אוֹיף "אֱמוּנָה" - צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ה') אַז דֶער עִיקָר פוּן אַ אִיד אִיז אֱמוּנָה, אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אִיבֶּערְקוּקְן וִוי עֶר הַאלְט אִין דִי אֱמוּנָה, צוּ עֶר גְלֵייבְּט טַאקֶע אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת, אוּן מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ דֶער נִסָּיוֹן בְּרֶענְגְט נֶענְטֶער ~

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס וִויל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וִויל זִיךְ מֶער אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ טוּהן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקְן אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גֵיין אַזוֹי גְרִינְג, עֶר וֶועט מוּזְן אַרִיבֶּער גֵיין אַסַאךְ נִסְיוֹנוֹת אוּן שְׁוֶועריִקַייטְן בִּיז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, מֶען שְׁטֶעלְט אִים אוּנְטֶער פוּן הִימְל נִסְיוֹנוֹת צוּ זֶעהן וִוי אַזוֹי עֶר וֶועט זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן דֶערוֹיף.

אָבֶער דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעהט אַז דַוְקָא דֶעמָאלְט'ס וֶוען עֶר וִויל זַיין עֶרְלִיךְ וֶועקְט זִיךְ אוֹיף זַיין יֵצֶר הָרַע אוּן עֶר בַּאקוּמְט נָאךְ מֶער נִסְיוֹנוֹת, וֶוערְט עֶר זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם, אוּן עֶר גֶעבְּט אוֹיף דִי רָצוֹן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶערְפַאר דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן אַז אַזוֹי גֵייט דִי לֶעבְּן, אוּן מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִיךְ צוּ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי נִסְיוֹנוֹת, אוּן וֶוען עֶר וֶועט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף זֵיי וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ נָאךְ שֶׁענֶערֶע אוּן גְרֶעסֶערֶע זַאכְן, אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרוּבִּירְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט אַנְדֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, יֶעדֶער וֶוערְט אוֹיסְפְּרוּבִּירְט מִיט אַנְדֶערֶע מִדּוֹת רָעוֹת, יֶעדֶער לוֹיט זַיין עִנְיָן פַארְוָואס עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן וֶוען עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף דִי נִסְיוֹנוֹת, וֶועט דָאס אִים צוּבְּרֶענְגְן צוּ וִויסְן זַיין נְקוּדָּה פַארְוָואס עֶר אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן דָאס וֶועט אִים בְּרֶענְגְן צוּ זַיין שְׁלֵימוּת.

דִי סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים בְּרֶענְגְן אַ מַעֲשֶׂה

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק בְּזֹאת וִוי אַזוֹי קֶען אַ אִיד אַרַיינְגֵיין אִין דִי קְדוּשָׁה? דוּרְךְ אֱמוּנָה, אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין אֱמוּנָה צוּ גְלֵייבְּן אֱמֶת'דִיג אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה אַחֲרֵי ג)

***

**וְכִי יָגוּר אִתְּךָ גֵּר בְּאַרְצְכֶם לֹא תוֹנוּ אֹתוֹ**, מוֹהֲרַא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵּז זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סי' נ"א) "דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, אַז דִי וֶועלְט זָאל אַייךְ נִישְׁט נַארְן, וַוייל דִי וֶועלְט נַארְט זֵייעֶר", אַ מֶענְטְשׁ נַארְט זִיךְ אַז עֶר וֶועט דָא בְּלַייבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיף אֵייבִּיג, אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז דִי יָארְן לוֹיפְן, אוּן אָט דַארְף מֶען שׁוֹין צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אַרַיינְכַאפְּן אוֹיף דִי וֶועלְט וִוי מֶער מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק **וְכִי יָגוּר אִתְּךָ גֵּר בְּאַרְצְכֶם לֹא תוֹנוּ אֹתוֹ**, דִי נְשָׁמָה אִיז וִוי אַ גֵר דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן דֶער פָּסוּק וָוארְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן נִישְׁט אָפְּנַארְן דִי נְשָׁמָה.

רַשִׁ"י זָאגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זָאגְן פַארְן גֵר, "נֶעכְטְן הָאסְטוּ גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, אוּן הַיינְט קוּמְסְטוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?"

דָאס אִיז אוּנְז מְרַמֵּז אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, וָואס זָאגְט, וִוי אַזוֹי קֶענְסְטוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה וֶוען נֶעכְטְן הָאסְטוּ גֶעטוּהְן גְרוֹיסֶע עֲבֵירוֹת, וַוייל דֶער אֱמֶת אִיז אַז אַ אִיד קֶען שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן בִּיז יֶעצְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה קְדוֹשִׁים ז)


## מוסדות "היכל הקודש" ברסלב - יבנאל עיר ברסלב

בנשיאות כ"ק מוהרא"ש שליט"א

## פרייליכע מעלדונג!

**פאר די וואס פארן אויף די מקומות הקדושים אין מירון צפת טבריה**

אין די יעצטיגע טעג אין צוגרייטונג צום יומא דהילולא פון התנא האלקי רבן שמעון בר יוחאי, ווי אויך במשך די יאר סיי ווען איר פארט אויף ארץ ישראל, אויב זוכט איר א היימישע פלאץ זיך אפצושטעלן, קומט אריבער אויף יבנאל, בלויז צוועלף מינוט צו פארן פון טבריה - ציון רבי מאיר בעל הנס.

- **מנינים שחרים פון וותיקין ביז חצות (אויך עש"ק).**
- **מנינים מנחה ביז שפעט, מנינים מעריב ביז שפעט ביינאכט.**
- **מקואות טהרה.**
- **עסן בחנם, יעדע נאכט א ברייטע נאכטמאל אין בית התבשיל אהל אברהם.**
- **טעימה קלה, מזונות קאווע א.ד.ג. א גאנצן טאג.**

***

הערליכע ניי געבויעטע דירות אויף די הערליכע רוהיגע יבנאל בערג, צו פארדינגען פאר גאר ביליגע פרייזן

עס איז דא א גרויסע אויסוואל פון דירות/צימערן, צו פארדינגען אויף טאג/וואך/שבתים, ארומגענומען מיט די ריינע לופט און די שענסטע פאנאראמע פון די יבנאל בערג

**פאר מער אינפארמאציע, אדער צו דינגען א דירה**

**רופט אין צענטראלן אפיס אויף 011-972-4-6708356**


# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אַז אִין דִי צַייט פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען אַ קֶענִיג וָואס עֶר הָאט גֶעקֶענְט חָכְמַת הַפַּרְצוּף, עֶר הָאט גֶעקֶענְט זֶעהְן אוֹיף דִי שְׁטְרִיכְן פוּן פָּנִים וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אִיז, אוּן עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט אַ מָאלֶער אַז עֶר זָאל גֵיין צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן אַרָאפְּמָאלְן זַיין פָּנִים צוּ קֶענֶען זֶעהְן וָואס דֶער מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעטוּהְן, דֶער מָאלֶער הָאט אַזוֹי גֶעטוּהְן אוּן גֶעבְּרֶענְגְט דִי מָאלֶערַיי צוּם קֶענִיג.

וֶוען דֶער קֶענִיג הָאט עֶס גֶעזֶעהְן הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט, "דָאס אִיז דִי בִּילְד פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ?! דֶער מֶענְטְשׁ פוּן וֶועם דוּ הָאסְט גֶעבְּרֶענְגְט דָאס בִּילְד, זֶעה אִיךְ אַז עֶר אִיז פִיל מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת, דָאס קֶען נִישְׁט זַיין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ!" בִּיז מֶען הָאט אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז טַאקֶע גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט דֶערוֹיף, בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען.

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזוּק, אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ זֶעהְט אַז עֶס אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר אוֹיף אִים אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, מֵיינְט דָאס נָאכְנִישְׁט אַז עֶר אִיז אַ פַארְפַאלֶענֶער, נָאר פַארְקֶערְט, אוֹיבּ עֶר וֶועט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, קֶען עֶר נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אַסַאךְ שֶׁענֶערֶע זַאכְן.

דֶער רֶבִּי אַלֵיינְס הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן) וִוי אַזוֹי אִין זַיינֶע אִינְגֶע יָארְן הָאט עֶר גֶעהַאט אַסַאךְ שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, וִוי לְמָשָׁל כַּעַס, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער כַּעְסָן, אָבֶּער עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעאַרְבֶּעט אוֹיף זִיךְ, אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ צוּבְּרֶעכְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה, בִּיז וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וָואס דֶעמָאלְט'ס הָאט עֶר אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶערִיסְן פוּן זִיךְ דִי מִדָּה פוּן כַּעַס.

אוּן אַזוֹי אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען בַּיי אַלֶע צַדִּיקִים, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן צַדִּיקִים, פוּן אָנְפַאנְג הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט אַסַאךְ שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת אוּן מִדּוֹת, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶעאַרְבֶּעט אוֹיף זִיךְ אוּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף זֵייעֶרֶע נִסְיוֹנוֹת, בִּיז זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען.

אוּן אַזוֹי אִיז אוֹיךְ בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט פַאר יֶעדְן אַזֶעלְכֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס אִיז דַוְקָא פַאר זַיין נְשָׁמָה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף זֵיי אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן דֶערוֹיף, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ וָואס עֶר דַארְף צוּקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ו' עֵרֶךְ נִסְיוֹנוֹת)

# פֶּסַח שֵׁנִי לֶערְנְט אוּנְז

פוּן דִי מִצְוָה פוּן פֶּסַח שֵׁנִי קֶען זִיךְ יֶעדֶער אִיד אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְחַזְקוּת אִין יֶעדְן מַצָב.

עֶס זֶענֶען גֶעוֶועזְן מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען טָמֵא בַּיים עֶרְשְׁטְן קָרְבַּן פֶּסַח, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, נָאר זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם צַדִיק, צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן גֶע׳טַעֲנָה׳ט לָמָה נִגָרַע? - פַארְוָואס זָאלְן מִיר זַיין וֶוינִיגֶער? מִיר וִוילְן אוֹיךְ מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן גֶערֶעכְט אוּן זֵיי וֶועלְן קֶענֶען מַאכְן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח אִין פֶּסַח שֵׁנִי.

אוּן דָאס אִיז אַ מוּסָר הַשְׂכֵּל פַאר יֶעדְן אִיד, אֲפִילוּ וֶוען עֶס לוֹיפְן אַדוּרְךְ טֶעג וָואכְן אוּן חֳדָשִׁים מִיט גָארְנִישְׁט, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶן אַז עֶס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ שְׁפֶּעט, מֶען קֶען אֵייבִּיג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַזוֹי וִוי דִי אִידְן וָואס הָאבְּן פַארְפַּאסְט דֶעם עֶרְשְׁטְן קָרְבַּן פֶּסַח, וָואס דֶעמָאלְט׳ס זֶענֶען דִי אִידְן אַרַיין אִין דִי קְדוּשָׁה, אוּן זֵיי הָאבְּן נָאךְ אַלְץ גֶעהַאט אַ תַּקָנָה, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן אִיד.

דֶער צַדִיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זַ״ל אִיז אַמָאל אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ אַ שׁוּסְטֶער אַבִּיסְל שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, עֶר הָאט זִיךְ אַנְטְשׁוּלְדִיגְט פַארְן קוּמֶען אַזוֹי שְׁפֶּעט, אָבֶּער מַמָשׁ יֶעצְט הָאט זִיךְ זַיין שִׁיךְ צוּרִיסְן, אוּן עֶר ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ דֶער שׁוּסְטֶער קֶען עֶס נָאךְ פַארֶעכְטְן.

הָאט דֶער שׁוּסְטֶער גֶעזָאגְט: ״ווִי לַאנְג דִי לִיכְט בְּרֶענְט נָאךְ, קֶען אִיךְ עֶס נָאךְ פַארֶעכְטְן״.

רֶבִּי יִשְׂרָאֵל זַ״ל אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי וֶוערְטֶער וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט, ״דָאס אִיז דָאךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מוּסָר הַשְׂכֵּל, ווִי לַאנְג דִי לִיכְט, וָואס דָאס אִיז דִי נְשָׁמָה, בְּרֶענְט נָאךְ, קֶען מֶען אַלֶעס פַארֶעכְטְן״, אוּן עֶר פְלֶעגְט דָאס אִיבֶּער׳חַזֶר׳ן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, ״ווִי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט נָאךְ, קֶען עֶר אַלֶעס פַארֶעכְטְן״.

אוּן דָאס אִיז דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ח׳) ״קַיין יִאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאן״, ״אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט פַארְדַארְבְּן, גְלֵייבּ אַז דוּ קֶענְסְט אוֹיךְ פַארֶעכְטְן״ (שָׁם, קי״ב), וַוייל ווִי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט קֶען עֶר אַלֶעס פַארֶעכְטְן.

אָבֶּער אֵיין זַאךְ דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶן אַז דָאס דַארְף גֵיין דוּרְךְ אַ צַדִיק, אַזוֹי ווִי מִיר זֶעהְן אַז דִי אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעוָואלְט מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח הָאבְּן גֶעדַארְפְט גֵיין צוּם צַדִיק מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אִין אַלֶע דוֹרוֹת, וֶוען אַ אִיד כַאפְּט זִיךְ אַז עֶר פַארְבְּרֶענְגְט דִי יָארְן מִיט נַארִישְׁקַייטְן, אוּן עֶר גֵייט צוּם צַדִיק, אוּן עֶר פָאלְגְט וָואס דֶער צַדִיק לֶערְנְט אִים, וֶועט עֶר זִיכֶער אַלֶעס פַארֶעכְטְן אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ חֵלֶק ט״ו עֶרֶךְ פֶּסַח שֵׁנִי)

***

**נָאךְ אַ זַאךְ לֶערְנֶען מִיר פוּן פֶּסַח שֵׁנִי.**

פֶּסַח שֵׁנִי מֶעג מֶען הָאבְּן חָמֵץ אוּן מַצָה צוּזַאמֶען אִינְדֶערְהֵיים, דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז מֶען קֶען הָאבְּן גַשְׁמִיוּת אוּן רוּחְנִיוּת אִינְאֵיינֶעם.

עֶס אִיז דָא אַ טָעוּת בַּיי מֶענְטְשְׁן אַז צוּ זַיין אַ צַדִיק, אַ ״הִימְל מֶענְטְשׁ״, דַארְף מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט, זִיךְ אַיינְשְׁפַּארְן אִינְדֶערְהֵיים אוּן נִישְׁט רֶעדְן מִיט קֵיינֶעם.

אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ד, ז) פַארְוָואס הֵייסְט דִי הִימְל ״שָׁמַיִם״? וַוייל עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן אֵשׁ אוּן מַיִם, פוּן פֵייעֶר אוּן פוּן וַואסֶער, פוּן צְוֵויי קֶעגְנְזַייטִיגֶע זַאכְן, וַואסֶער לֶעשְׁט אוֹיס פֵייעֶר, אוּן פֵייעֶר טְרוּקֶנְט אוֹיס וַואסֶער, אוּן וֶוען דִי בֵּיידֶע זַאכְן שְׁטֶעלְן זִיךְ צוּזַאם וֶוערְט דָאס אַ הִימְל.

דָאס מֵיינְט אַ ״הִימְל מֶענְטְשׁ״, פוּן אֵיין זַייט לֶעבְּט עֶר אוֹיף דִי וֶועלְט מִיט זַיין וַוייבּ אִין קִינְדֶער אוּן עֶר הַאנְדְלְט מִיט מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז עֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר דַאוֶוענְט דְרֵיי מָאל אַ טָאג מִיט מִנְיָן, עֶר כַאפְּט אַרַיין יֶעדְן טָאג עֶטְלִיכֶע פְּסוּקִים חוּמָשׁ אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת אַבִּיסְל גְמָרָא אַבִּיסְל שֻׁלְחָן עָרוּךְ. דָאס אִיז אַ רִיכְטִיגֶע הִימְל מֶענְטְשׁ.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ חֵלֶק י״ד עֶרֶךְ פֶּסַח שֵׁנִי)

# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

## מַעֲשֶׂה ח׳ מֵרַב וּבֵן יָחִיד

### פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר

הָאט אִים דֶער פָאטֶער גֶעזָאגְט: זֶע אִיךְ וֶועל מִיט דִיר פָארְן, וֶועל אִיךְ דִיר וַוייזְן אַז עֶר אִיז גָאר נִישְׁט (כְּלוֹמַר אַז דֶער צַדִיק אִיז נִישְׁט) הָאבְּן זֵיי אַיינְגֶעשְׁפַּאנְט דִי בְּרִיקֶע (פֶערְד אוּן וָואגְן) אוּן זֶענֶען גֶעפָארְן. הָאט דֶער פָאטֶער צוּם זוּן גֶעזָאגְט: דָא וֶועל אִיךְ פְּרוּוון. וֶועט זִיךְ אַנְדֶערְשׁ פִירְן כְּסֵדֶר, אִיז עֶס מִן הַשָׁמַיִם. אוּן אַז נִישְׁט, אִיז נִישְׁט מִן הַשָׁמַיִם אַז מִיר זָאלְן פָארְן, וֶועלְן מִיר זִיךְ אוּמְקֶערְן. זֶענֶען זֵיי גֶעפָארְן. ווִי זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען צוּ אַ קְלֵיין בְּרִיקְל, אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אַ פֶערְד, אוּן דִי בְּרִיקֶע הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעקֶערְט. אוּן זֵיי זֶענֶען שִׁיעֶר דֶערְטְרוּנְקֶען גֶעוָוארְן. הָאט אִים דֶער פָאטֶער גֶעזָאגְט זֶעסְטוּ אַז סֶע פִירְט זִיךְ נִישְׁט כְּסֵדֶר. אוּן דִי נְסִיעָה אִיז נִישְׁט מִן הַשָׁמַיִם. הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט. הָאט זִיךְ ווִידֶער דֶער בֵּן יָחִיד גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען.

\=======================================

## נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן

הָאט אִים דֶער פָאטֶער גֶעזָאגְט: זֶע אִיךְ וֶועל מִיט דִיר פָארְן, וֶועל אִיךְ דִיר וַוייזְן אַז עֶר אִיז גָאר נִישְׁט (כְּלוֹמַר אַז דֶער צַדִיק אִיז נִישְׁט). דָאס אִיז נִישְׁט קַיין אוֹיסְגֶעהַאלְטֶענֶע זַאךְ, וַוייל אוֹיבּ פָארְט עֶר לְכַתְחִילָה נָאר אוֹיפְצִיוַוייזְן אַז דֶער צַדִיק אִיז נִישְׁט אֱמֶת, וֶועט עֶר נִישְׁט זֶעהְן דֶעם אֱמֶת, עֶר וֶועט שׁוֹין טְרֶעפְן אַ פְּלַאץ ווִי זִיךְ טוֹעֶה צוּ זַיין.

הָאט דֶער פָאטֶער צוּם זוּן גֶעזָאגְט: דָא וֶועל אִיךְ פְּרוּוון. וֶועט זִיךְ אַנְדֶערְשׁ פִירְן כְּסֵדֶר, אִיז עֶס מִן הַשָׁמַיִם. אוּן אַז נִישְׁט, אִיז נִישְׁט מִן הַשָׁמַיִם אַז מִיר זָאלְן פָארְן, וֶועלְן מִיר זִיךְ אוּמְקֶערְן. דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת, וַוייל דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען טוּהן אִיז צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִיק וָואס זָאל אִים לֶערְנֶען דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל אִים מְחַזֵק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי ווִי דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע דִי מֶערְסְטֶע אוֹיף דֶעם, אוּן עֶר וֶועט טוּהן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּרִיק צוּ הַאלְטְן אַ מֶענְטְשׁ פוּן גֵיין צוּם צַדִיק, אוּן דֶערְפַאר קֶען מֶען נִישְׁט שְׁטֶעלְן אוֹיף אַ פְּרָאבֶּע דָאס גֵיין צוּם צַדִיק, מֶען דַארְף גֵיין מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אוּן וֶוען מֶען זֶעהְט אַז עֶס פִירְט זִיךְ נִישְׁט כְּסֵדֶר, אִיז דָאס נִישְׁט קַיין סִימָן פוּן הִימְל אַז מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין צוּם צַדִיק נָאר דָאס אִיז אַ שְׁוֶועריַקַייט וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט אוּנְטֶערְגֶעשְׁטֶעלְט צוּ צוּרִיק הַאלְטְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן גֵיין צוּם צַדִיק, וָואס קֶען אִים פִירְן אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג.

הָאט זִיךְ ווִידֶער דֶער בֵּן יָחִיד גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען. דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זַאךְ, אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען גֵייט דוּרְךְ צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריַקַייטְן, אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע פְּלַאץ צוּ אַנְטְלוֹיפְן נָאר צוּ דִי תּוֹרָה, אוּן דִי תּוֹרָה הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְט׳ס.

(פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי״ה)

(נהרי אפרסמון)

# מִילֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

~~~

## קוּק נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים

**כָּל שֶׁרוּחַ הַבְּרִיּוֹת נוֹחָה הֵימֶנּוּ, רוּחַ הַמָּקוֹם נוֹחָה הֵימֶנּוּ, וְכָל שֶׁאֵין רוּחַ הַבְּרִיּוֹת נוֹחָה הֵימֶנּוּ, אֵין רוּחַ הַמָּקוֹם נוֹחָה הֵימֶנּוּ.**

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח') אַז אֲפִילוּ עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ זָאגְן מוּסָר וֶוען מֶען זֶעהט וִוי אַ צְוֵוייטֶער פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי מֶען דַארְף, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ, אָבֶער נִישְׁט יֶעדֶער קֶען דָאס טוּהן, נִישְׁט יֶעדֶער קֶען זָאגְן מוּסָר, אַזוֹי וִוי רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט אִין זַיין דוֹר (עֲרָכִין ט"ז:) אַז עֶר וואוּנְדֶערְט זִיךְ אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אֵיינֶער אִינֶעם דוֹר וָואס קֶען זָאגְן מוּסָר.

וַוייל מוּסָר דַארְף מֶען זָאגְן מִיט שֵׂכֶל, נִישְׁט סְתָּם צוּ זוּכְן חִסְרוֹנוֹת אוּן פֶעלֶער'ס בַּיי אִידְן, וַוייל דָאס הָאט קֵיינֶער נִישְׁט לִיבּ צוּ הֶערְן, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ צוּ הֶערְן וֶוען מֶען זָאגְט אִים זַיינֶע חִסְרוֹנוֹת, אוּן דִי מוּסָר וֶועט גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּהן.

מוּסָר דַארְף מֶען זָאגְן אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט מוּסָר פַאר דִי אִידְן נָאךְ דִי עֵגֶל (שַׁבָּת פ"ח:) "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ נָאךְ אַלְץ לִיבּ", אַנְשְׁטָאט זֵיי אַרָאפּ צוּ קְלַאפְּן אַז זֵיי הָאבְּן גֶעטוּהן אַזַא גֶעפֶערְלִיכֶע עֲבֵירָה אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף זֵיי מֶער נִישְׁט הָאבְּן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ נָאךְ אַלְץ לִיבּ, אוּן עֶר וַוארְט אַז אִיר זָאלְט צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, אוּן דָאס קֶען אַ מֶענְטְשׁ הֶערְן, אוּן אַזַא סָארְט מוּסָר טוּט אַסַאךְ מֶער אוֹיף, גוּטֶע זַאכְן הָאט יֶעדֶער לִיבּ צוּ הֶערְן.

דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער תַּנָּא, כָּל שֶׁרוּחַ הַבְּרִיּוֹת נוֹחָה הֵימֶנּוּ, אוֹיבּ זֶעהט מֶען אַז מֶענְטְשְׁן הָאבְּן לִיבּ צוּ הֶערְן מוּסָר פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז, רוּחַ הַמָּקוֹם נוֹחָה הֵימֶנּוּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זָאגְט מוּסָר אוֹיף אַ וֶועג פוּן חִיזוּק, עֶר אִיז מְחַזֵּק אִידְן אַז זֵיי קֶענֶען נָאךְ צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אָבֶער, וְכָל שֶׁאֵין רוּחַ הַבְּרִיּוֹת נוֹחָה הֵימֶנּוּ, אוֹיבּ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט לִיבּ צוּ הֶערְן מוּסָר פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ זָאגְן מוּסָר, עֶר צוּבְּרֶעכְט מֶענְטְשְׁן אוּן זוּכְט בַּיי יֶעדְן חִסְרוֹנוֹת, אוּן דֶערְפַאר, אֵין רוּחַ הַמָּקוֹם נוֹחָה הֵימֶנּוּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט קַיין הֲנָאָה פוּן דֶעם.

אוּן דֶערְפַאר וֶוער עֶס וִויל מְקַרֵב זַיין אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶס נָאר טוּהן אוֹיף אַ שֵׁיינֶע וֶועג, דוּרְךְ מְחַזֵּק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן, אוּן נִישְׁט פַּארְקֶערְט צוּ זוּכְן נָאר חִסְרוֹנוֹת אוּן שְׁטֶעכְן מֶענְטְשְׁן.

(בְּרִית אָבוֹת פֶּרֶק ג' מִשְׁנָה י"ג)

---

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## בית הדפוס "קרן הדפסה היכל הקודש" אויסגעברייטערט

### נייע גרעסערע מאשינען איינגעקויפט

דער בית הדפוס "קרן הדפסה היכל הקודש" איז שוין לאנג באקאנט אלץ די ערשטע און איינציגסטע דרוקעריי וואס האט זיך געעפנט מיטן בלויז ציהל צו דרוקן דעם הייליגן רבי'נס ספרים און עס צושפרייטן אויף די וועלט, אז אידן בכל מקומות מושבותיהם זאלן אויך קענען שעפן פונעם הייליגן קוואל, פון די דיבורים פון רבי'ן וואס שטארקן און הייבן דעם מענטש אין סיי וואסערע מצב ער געפינט זיך.

עס זענען שוין געדרוקט געווארן הונדערטער טויזנטער ספרים אינעם בית הדפוס, אבער אין הקומץ משביע, עס איז נאך אלץ נישט גענוג, מען קען נישט נאכקומען דעם גרויסן פארלאנג, און דערפאר האט מען יעצט איינגעקויפט נאך צוויי גרויסע נייע מאשינען וואס וועלן קענען מיטן אייבערשטנ'ס הילף דרוקן גאר אסאך ספרים אין א קורצע צייט.

זאל דער אייבערשטער העלפן אז חפץ ה' בידינו יצליח, אז מיר זאלן קענען אריינברענגען דעם רבינ'ס לימודים אין די גאנצע וועלט, אז מען זאל אנהייבן רעדן צום אייבערשטן, און געהאלפן ווערן מיט אלעם גוט'ס.

אויך איז יעצט דא א געלעגנהייט פאר ווער עס וויל האבן א חלק אין די הייליגע ארבעט, צו מנדב זיין די נייע מאשינען אדער א חלק פון זיי, און די געוואלדיגע זכות פון די טויזנטער אידן וואס וועלן האבן א הרהור תשובה פון די ספרים וועט גיין אויפ'ן חשבון פונעם נדבן.

אויב ווילט איר מנדב זיין פאר די ספרים רופט אין אפיס 845-481-3321

**על ידי הפצת ספרי רבינו, נביא את משיח צדקינו!**

---

## ~ פרייליכע נייעס ~

אויב פארט איר קיין ארץ ישראל אויף ל"ג בעומר אדער סיי ווען דורכ'ן יאר, איר דארף זיך מער נישט זארגן, מיר וועלן אייך צושטעלן אלע אייערע געברויכן אויפ'ן שענסטן פארנעם און פאר גאר ביליגע פרייזן

**דירות אין אלע געגענטער / היימישע געשמאקע עסן / סעלפאון רענטל (מיט 718 נומבער) / דרייווער צו אלע מקומות הקדושים און אטראקציע פלעצער / און נאך פיל מער**

**רופט אונז אן און איר זענט באזארגט מיט אלעם וואס איר דארפט, אז אייער נסיעה זאל געקרוינט ווערן מיט סוקסעס**

**ספעציעלע פרייזן פאר גרעסערע משפחות אדער גרופעס**

**347-636-6970**

---

## סימן טוב ומזל טוב

מיר ווּאונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה אליעזר הירשפעלד הי"ו**

**צו די געבורט פון זיין אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד, דורות ישרים ומבורכים, אמן

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו**

מלמד מומחה במוסדותינו הק'

**צו די שמחת פדיון הבן פאר זיין בכור למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד. דורות ישרים ומבורכים. אמז

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה לייבי שלעזינגער הי"ו**

**צו די געבורט פון זיין אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד, דורות ישרים ומבורכים, אמן

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

---

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**

הדלקת הנרות.......................7:29
מוצש"ק..............................9:01
סוף זמן ק"ש.........................8:50

**שיעורים כסדרן**

בבלי.............................עירובין נ'
ירושלמי.........................גיטין ל"ז
תוספתא...............טהרות פרק ו'


פרשת אמור, י"ז אייר, אבות פרק ד', שנת תשע"ג לפ"ק — שנה 2, גליון 31 (81)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם**, רַשִׁ"י זָאגְט, **אֱמֹר וְאָמַרְתָּ, לְהַזְהִיר גְּדוֹלִים עַל הַקְּטַנִּים.**

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"א) אַז אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט פוּן זַיינֶע מַדְרֵגוֹת אִיז עֶס אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אַזוֹי וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ מוּזְן בַּאנַייעֶן, אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶערְפַאר אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט גוּט פַארְן מֶענְטְשׁ, עֶר לֶערְנְט, עֶר דַאוֶוענְט, אוּן עֶר פִילְט אַ גֶעשְׁמַאק אוּן אַ חִיוּת אִין עֲבוֹדַת ה', דַארְף עֶר אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס קֶען קוּמֶען אַ צַייט וָואס עֶר וֶועט גָארְנִישְׁט פִילְן, עֶס וֶועט אִים זַיין אִינְגַאנְצְן טוּנְקְל אוּן אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, עֶר וֶועט נִישְׁט פִילְן קַיין שׁוּם חִיוּת, אָבֶּער עֶר וֶועט זִיךְ מוּזְן שְׁטַארְקְן אוּן דֶערְהַאלְטְן, אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט, **אֱמוֹר וְאָמַרְתָּ, לְהַזְהִיר גְּדוֹלִים עַל הַקְּטַנִּים**, מֶען דַארְף וָוארֶענֶען דִי גְרוֹיסֶע אוֹיף דִי קְלֵיינֶע, דָאס מֵיינְט אַז אִין דִי צַייט וָואס עֶס גֵייט גוּט פַארְן מֶענְטְשׁ עֶר הָאט חִיוּת, זָאל עֶר זִיךְ צוּגְרֵייטְן פַאר דִי שְׁוֶוערֶע טֶעג, צוּ דִי צַייטְן וָואס עֶר וֶועט זַיין פִיל מִיט חֲלִישׁוּת הַדַעַת, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין אִינְגַאנְצְן טוּנְקְל, אַז עֶר זָאל זִיךְ דֶעמָאלְט'ס אוֹיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה אֱמוֹר א')

***

**אִישׁ אִישׁ כִּי יְקַלֵּל אֱלֹקָיו וְנָשָׂא חֶטְאוֹ**, לִכְאוֹרָה אִיז שְׁוֶוער וָואס דֶער פָּסוּק כַאפְּט אָן דִי לָשׁוֹן **"אֱלֹקָיו"** - **"זַיין" בַּאשֶׁעפֶער**, אוּן נִישְׁט דֶער גֶעוֶוענְטְלִיכֶע לָשׁוֹן **"אֱלֹקִים"** - **דֶער בַּאשֶׁעפֶער.**

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ו) אַז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּמְט אַרָאפּ אַ פָּשׁוּט'עֶ לִיכְטִיגְקַייט, וָואס קֶען וֶוערְן אוֹיסְגֶעטַייטְשְׁט צוּם גוּטְנְ'ס, אָדֶער צוּם שְׁלֶעכְטְ'ס.

אַז דֶער מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מֵיינְט שְׁטֶענְדִיג זַיין גוּט'ס, דֶעמָאלְט'ס הָאט עֶר אַ גֶעשְׁמַאקֶע גְלִיקְלִיכֶע לֶעבְּן, אוֹיבּ אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים נִישְׁט לִיבּ, אוּן עֶר ווִיל זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם נוֹקֵם זַיין אִין אִים, דֶעמָאלְט'ס הָאט


המשך בדף ב


## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ לַ"ג בָּעוֹמֶר ~

דֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, עֶס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דִי "יוֹמָא דְהִילוּלָא" פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאִי, דֶער טָאג אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן'ס פֶּערְזֶענְלִיכֶע שִׂמְחָה, אוּן דֶעמָאלְט'ס טֵיילְט עֶר אוֹיס טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי וִוי רַייכֶע מְחוּתָּנִים פִירְן זִיךְ צוּ טֵיילְן בַּיי אַ שִׂמְחָה טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת, אוּן אַזוֹי טֵיילְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוֹיךְ.

אוּן אֲפִילוּ וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ פָארְן אוֹיף מִירוֹן צוּ זַיין בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין דֶעם טָאג פוּן לַ"ג בָּעוֹמֶר, קֶען זִיךְ אָבֶּער בַּאהֶעפְטְן צוּם צַדִּיק פוּן וִוי עֶר אִיז, אוּן דָאס וֶוערְט גֶערֶעכְנְט מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי מֶען אִיז דָארְט, וַוייל וִוי דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט דָארְט אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ.

אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, וָואס מֶען קֶען דֶעמָאלְט'ס פוֹעֵל'ן אַלֶעס גוּט'ס, מֶען זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק אוּן מֶען בֶּעהְט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען וִויל, אִין זְכוּת פוּנֶעם בַּעַל הִילוּלָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאִי.

אוּן סְפֶּעצִיעֶל וֶוען מֶען עֶפְנְט אוֹיף אַ סֵפֶר הַזֹּהַר אוּן מֶען זִיצְט אוֹיפְ'ן סֵפֶר, אוּן מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט דָאס גֶערֶעכְנְט אַזוֹי וִוי מֶען אִיז בַּיים צִיּוּן, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "מְאוֹר עֵינַיִם" (יִשְׂמַח לֵב, מס' שבת) אַז דֶער צַדִּיק אִיז בַּאהַאלְטְן אִין זַיין סֵפֶר, אוּן אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) אַז דֶער פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִּיק לִיגְט אִין זַיין סֵפֶר, אוּן דֶערְפַאר וֶוען מֶען זִיצְט בַּיים סֵפֶר פוּנֶעם צַדִּיק וֶוערְט גֶערֶעכְנְט אַזוֹי וִוי מֶען אִיז בַּיי זַיין צִיּוּן.


המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

דֶער מֶענְטְשׁ אַ שְׁלֶעכְט לֶעבְּן, אוּן אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיינְם.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **אִישׁ אִישׁ כִּי יְקַלֵּל אֱלֹקָיו וְנָשָׂא חֶטְאוֹ**, אַ מֶענְטְשׁ שֶׁעלְט נָאר "זַיין" בַּאשֶׁעפֶער, דָאס מֵיינְט אַז עֶר שֶׁעלְט נָאר וַוייל עֶר רֶעדְט זִיךְ אַיין אַ בַּאשֶׁעפֶער לוֹיט וִוי זַיין מֹחַ הָאט אוֹיסְגֶעטְרַאכְט, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ גוּטֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס וִויל אוּנְז נָאר הֶעלְפְן שְׁטֶענְדִיג.

(תּוֹךְ הַנַּחַל, לֵיל שב"ק, תש"ם)

***

**וְאִישׁ כִּי יִתֵּן מוּם בַּעֲמִיתוֹ כַּאֲשֶׁר עָשָׂה כֵּן יֵעָשֶׂה לוֹ**, מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵז זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קי"ג) אַז פַאר עֶס קוּמְט אַרוֹיס אַ גְזַר דִין אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ חַס וְשָׁלוֹם, פְרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיינְם צוּ עֶר אִיז מַסְכִּים צוּם דֶעם גְזַר דִין וָואס מֶען הָאט אוֹיף אִים גוֹזֵר גֶעוֶוען.

אַוודַאי אוֹיב וֶועט מֶען פְרֶעגְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיינְם וֶועט עֶר נִישְׁט וֶועלְן, אוּן דֶערְפַאר פְרֶעגְט מֶען אוֹיף אַ צְוֵייטְן: "יֶענֶער הָאט גֶעטוּהן אַזוֹי אוּן אַזוֹי, וָואס הַאלְטְסוּ קוּמְט זִיךְ פַאר אִים?" אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ פַּסְקְ'נְט אוֹיפְן צְוֵייטְן, פַּסְקְ'נְט עֶר פַאר זִיךְ אַלֵיינְם.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְאִישׁ כִּי יִתֵּן מוּם בַּעֲמִיתוֹ**, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אוֹיף אַ צְוֵייטְן אַז עֶר הָאט אַ מוּם **כַּאֲשֶׁר עָשָׂה כֵּן יֵעָשֶׂה לוֹ**, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶע'פַּסְקְ'נְט אוֹיפְן צְוֵייטְן אַזוֹי טוּט מֶען פַאר אִים.

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ זַייעֶר אָפְּהִיטְן פוּן אָפְּ'פַּסְקְ'עֶנֶען אַ צְוֵייטְן וַוייל מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט פַּסְקְ'נְט מֶען זִיךְ אַלֵיינְם.

(זֹאת הַתּוֹרָה אֱמוֹר ח')


## מוסדות "היכל הקודש" ברסלב - יבנאל עיר ברסלב

בנשיאות כ"ק מוהרא"ש שליט"א

## פרייליכע מעלדונג!

**פאר די וואס פארן אויף די מקומות הקדושים אין מירון צפת טבריה**

אין די יעצטיגע טעג אין צוגרייטונג צום יומא דהילולא פון התנא האלקי רבן שמעון בר יוחאי, ווי אויך במשך די יאר סיי ווען איר פארט אויף ארץ ישראל, אויב זוכט איר א היימישע פלאץ זיך אפצושטעלן, קומט אריבער אויף יבנאל, בלויז צוועלף מינוט צו פארן פון טבריה - ציון רבי מאיר בעל הנס.

- **מנינים שחרים פון וותיקין ביז חצות (אויך עש"ק).**
- **מנינים מנחה ביז שפעט, מנינים מעריב ביז שפעט ביינאכט.**
- **מקואות טהרה.**
- **עסן בחנם, יעדע נאכט א ברייטע נאכטמאל אין בית התבשיל אהל אברהם.**
- **טעימה קלה, מזונות קאווע א.ד.ג. א גאנצן טאג.**

***

הערליכע ניי געבויעטע דירות אויף די הערליכע רוהיגע יבנאל בערג,
צו פארדינגען פאר גאר ביליגע פרייזן
עס איז דא א גרויסע אויסוואל פון דירות/צימערן, צו פארדינגען אויף טאג/וואך/שבתים,
ארומגענומען מיט די ריינע לופט און די שענסטע פאנאראמע פון די יבנאל בערג

**פאר מער אינפארמאציע, אדער צו דינגען א דירה**
**רופט אין צענטראלן אפיס אויף 011-972-4-6708356**


# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אוּן אַוַדַאי וֶוער עֶס אִיז יָא זוֹכֶה צוּ פָאהְרְן אוֹיף מִירוֹן צוּ זַיין מַמָשׁ בַּיים צִיוּן אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם, אוּן אֲפִילוּ אַ גַאנְץ יָאר אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ גֵיין צוּ קֶבֶר פוּן אַ צַדִיק, אוּן נָאךְ מֶער וֶוען עֶס בְּיוֹמָא דְהִילוּלָא פוּן דֶעם צַדִיק, אוּן נָאכְדֶערְצוּ בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין מִירוֹן לַ"ג בָּעוֹמֶר, קֶען מֶען זִיכֶער פּוֹעֵל'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת אוּן אַלֶעס גוּט'ס.

## אַ רוּהִיג פְּלַאץ אִין וִוינְקְל

אָבֶער אֲפִילוּ דִי וָואס פָארְן קַיין מִירוֹן אוּם לַ"ג בָּעוֹמֶר, דַארְפְן וִויסְן אַז רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט נָאר אִין דִי מְעָרָה, נָאר עֶר אִיז אוֹיךְ אִין גַאנְצֶע גֶעגֶנְט אַרוּם, אִין דִי גַאנְצֶע בַּארְג פוּן מִירוֹן, וַוייל דִי גַאנְצֶע בַּארְג הָאט דִי קְדוּשָׁה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין זִיךְ אַרַיינְצוּשְׁטוּפְּן אִין דִי מְעָרָה, נָאר מֶען טְרֶעפְט זִיךְ אַ רוּהִיג פְּלַאץ אִין אַ וִוינְקֶל, אוּן פוּן דָארְט אִיז מֶען זִיךְ מְקַשֵׁר צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן, אוּן מֶען בֶּעהְט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, אוּן דִי זְכוּת פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן מִיט אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים וָואס לִיגְן דָארְט בַּאהַאלְטְן אִיז זִיכֶער מֵגִין אַז מֶען זָאל שְׁנֶעל גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט וָואס מֶען דַארְף.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ זֶעהְט מֶען בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין מִירוֹן, עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אַלֶע נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס, רַבָּנִים אוּן אַדְמוֹרִי"ם, חֲסִידִים אוּן מִתְנַגְדִים, אַשְׁכְּנַזִים אוּן סְפַרְדִים, אַלֶע קוּמֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוּן גֶעפִינֶען זִיךְ דָאס פְּלַאץ דָארְט, וַוייל דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים הָאבְן אַ שְׁפְּרַאךְ צוּ אַ יֶעדְן אִיד אָן אוֹיסְנַאם.

אִין סֵפֶר בֵּית אַהֲרֹן פוּן דֶעם צַדִיק רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זי"ע שְׁטֵייט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לָשׁוֹן, "אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוֹיךְ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן אֲפִילוּ פַאר נִידְרִיגֶע מֶענְטְשְׁן", זֶעהְט מֶען אַז יֶעדֶער אִיד קֶען הָאבְן חַיוּת פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאִי, אוּן דֶערְפַאר פָארְן אַזוֹיפִיל אִידְן צוּ זַיין צִיוּן, אוּן פּוֹעֵל'ן אוֹיס אַלֶעס גוּט'ס.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ לַ"ג בָּעוֹמֶר)

## שִׁיסְן מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת בָּנִים סִימָן ס"ג) אַז עֶס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער צוּ שִׁיסְן מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן אוּם לַ"ג בָּעוֹמֶר, אוּן דָאס מֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ סְגוּלָה סֵיי צוּ הָאבְן קִינְדֶער, אוּן סֵיי צוּ הָאבְן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן זֵיי אוֹיפְצִיעֶן גְרִינְגֶערְהֵייט.

אוּן אַזוֹי פִירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ מְקַיֵים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, אוּן שִׁיסְן מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן אוּם לַ"ג בָּעוֹמֶר.

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער מֶדְרָשׁ דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ פָּאר-פָאלְק צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאִי אַז זֵיי ווִילְן זִיךְ גֶט'ן וַוייל עֶס אִיז שׁוֹין דוּרְךְ אַ לַאנְגֶע צַייט פוּן זֵייעֶר חֲתוּנָה אוּן זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן קִינְדֶער.

הָאט זֵיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעזָאגְט אַז זֵיי קֶענֶען זִיךְ גֶט'ן אָבֶער אַזוֹי ווִי בַּיי זֵייעֶר חֲתוּנָה הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה, זָאלְן זֵיי יֶעצְט אוֹיךְ מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה בַּיים זִיךְ גֶט'ן.

זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעטוּהן אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים, דֶער מַאן הָאט זִיךְ אָנְגֶעטְרִינְקֶן מִיט וֵויין בַּיי דִי סְעוּדָה, אוּן נָאךְ דִי סְעוּדָה הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ זַיין ווייבּ שִׁיכּוֹר'הֵייט: "וֶוען דוּ גֵייסְט יֶעצְט אַהֵיים צוּ דַיין טַאטֶע'ס הוֹיז קֶענְסְטוּ דִיר אוֹיסְקְלוֹיבְּן סֵיי וֶועלְכֶע גוּטֶע זַאךְ דוּ דַארְפְסְט פוּן דָא אוּן עֶס מִיטְנֶעמֶען מִיט דִיר", אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁלָאפְן שִׁיכּוֹר'הֵייט.

וֶוען דֶער מַאן אִיז שׁוֹין טִיף גֶעשְׁלָאפְן, הָאט דִי פְרוֹי גֶעזָאגְט פַּאר אִירֶע קְנֶעכְט אַז זֵיי זָאלְן אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם מַאן מִיט זַיין בֶּעט אוּן אִים אַרִיבֶּערְטְרָאגְן צוּ אִיר טַאטֶע'ס הוֹיז.

זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעטוּהן, זֵיי הָאבְּן אִים אַרִיבֶּער גֶעטְרָאגְן צוּ אִיר טַאטֶע'ס הוֹיז מִיט זַיין בֶּעט, וֶוען דֶער מַאן הָאט זִיךְ דֶערְוֶועקְט אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהן ווִי עֶר גֶעפִינְט זִיךְ הָאט עֶר אִיר גֶעפְרֶעגְט: "ווִי גֶעפִין אִיךְ זִיךְ דָא?" הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ הָאסְט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ קֶען נֶעמֶען סֵיי וֶועלְכֶע גוּטֶע זַאךְ אִיךְ ווִיל פוּן דַיין הוֹיז, אוּן עֶס אַהֵיים טְרָאגְן צוּ מַיין טַאטֶע'ס הוֹיז, אוּן דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ דִיר גֶענוּמֶען, דָאס אִיז דִי זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט"...

זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוּן אִים דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס זֵיי זָאלְן וַוייטֶער טוּהן, וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ אַזוֹי אַז אִיר הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ, זָאלְט אִיר טַאקֶע בְּלַייבְּן אִינְאֵיינֶעם אוּן אִיךְ וואוּנְטְשׁ אַייךְ אָן אַז אִיר זָאלְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער.

זֶעהט מֶען ווִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאִי הָאט גֶעהָאלְפְן אִידְן צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר וָואס דֶעמָאלְט'ס אִיז זַיין יוֹמָא דְהִילוּלָא, מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ה' עֶרֶךְ לַ"ג בָּעוֹמֶר)

# דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָאָרְשְׁטֶעלְן דֶעם גְרוֹיסְן שִׂמְחָה וָואס דוּ גֶעסְט מִיר מִיט דֶעם וָואס אִיךְ הֶער אַז דוּ לֶערְנְסְט זֵייעֶר זֵייעֶר פְלַייסִיג, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס אִיז לִימוּד הַתּוֹרָה, דִי חַזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד' הֲלָכָה ח') כֵּיוָן שֶׁקִיבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיָּמֵיכֶם; אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט וְכוּ', אָבֶער עֶר נֶעמְט זִיךְ אִין דִי הֶענְט אוּן עֶר הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אִיז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִים מוֹחֵל אַלְסְדִינְג, בִּיז עֶר רֶעכְנְט אִים אַזוֹי ווִי עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

בִּפְרַט וֶוען עֶר לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, וָוארוּם מִשְׁנֶ"ה אִיז אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָ"ה, אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת רֵיינִיגְט עֶס דִי נְשָׁמָה, אוּן עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (בְּרֵאשִׁית מ"ב) מַאן דְקָאַרֵי וְתָנֵי שִׁית סִדְרֵי מִשְׁנָה, דָא הוּא מַאן דְיָדַע לְסִדְרָא וּלְקַשְׁרָא קְשׁוּרָא וְיִחוּדָא דְמָארֵיהּ כִּדְקָא יָאוּת, אִלֵּין אִינוּן דִמְקַדְשִׁין שְׁמָא קַדִישָׁא דְמָארֵיהוֹן בְּכָל יוֹמָא תָּדִיר; [וֶוער עֶס לֶערְנְט אוּן חַזֶר'ט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דֶער וֵוייסְט ווִיאַזוֹי מְסַדֵר זַיין אוּן מְקַשֵׁר זַיין דִי יִיחוּדִים אִין דִי עוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת אִיז מֶען מְקַדֵשׁ דֶעם נָאמֶען פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדְן טָאג] אַז וואוֹיל אִיז דֶעם בָּחוּר וָואס עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אִים נָאנְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶס רֵיינִיגְט אִים פוּן אַלֶדֶעם שְׁלֶעכְטֶס.

אוֹיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט עֶס דִי גְאוּלָה אַזוֹי ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה פַּרְשָׁה ז' סִימָן ג') אֵין כָּל הַגָּלִיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת; אַ בָּחוּר הָאט אַסַאךְ צַייט, דֶערִיבֶּער עֶנְדֶערְשׁ ווִי זִיךְ אַרוּמְצוּדְרֵייעֶן פִּיסְט אוּן לֵיידִיג וְכוּ', אָדֶער סְתָּם רֶעדְן לָשׁוֹן הָרַע מִיט לֵצָנוּת אוֹיף דֶעם אָדֶער אוֹיף יֶענֶעם וְכוּ' וְכוּ', אִיז בֶּעסֶער צוּ זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, אוּן אַ בָּחוּר אַז עֶר נֶעמְט זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין קֶען עֶר עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין גוּזְמָא, "אַז מֶען ווִיל קֶען מֶען" הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי"ע גֶעזָאגְט, "ווִיל וֶועסְטוּ קֶענֶען."

(אשר בנחל באידיש חלק ד' מכתב תע"ג)

***

# אַ פְרֵיילִיכֶע פָּנִים

אִיךְ בֶּעט דִיךְ זָאלְסְט זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, כָאטְשׁ דָאס קוּמְט דִיר אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, וָוארוּם דִי חַזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת סב:) אָמַר רֶבִּי תַּנְחוּם אָמַר רֶבִּי חַנִילָאִי, כָּל אָדָם שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה שָׁרוּי בְּלֹא שִׂמְחָה, בְּלֹא בְרָכָה, בְּלֹא טוֹבָה, וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אוֹיבּ אַ בָּחוּר שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט שִׂמְחָה דָאס אַלֵיין דֶערְנֶענְטֶערְט זַיין יְשׁוּעָה, אַ בָּחוּר וָואס אִיז אַ פְרֵיילִיכֶער וְכוּ', אוּן נֶעמְט יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיף מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אוּן עֶר אִיז אַ גֶעדוּלְדִיגֶער, עֶר הָאט אַן אַנְדֶערֶע סָארְט חֵן אוֹיף זִיךְ, אוּן מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִים לִיבּ, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ אֵיינֶער וָואס עֶר גֵייט אַרוּם מִיט אַ זוֹיעֶר פָּנִים וְכוּ', קֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר בַּאקְלָאגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג וְכוּ', קֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ אֵיינֶער וָואס עֶר הָאט נָאר טַעֲנוֹת אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וְכוּ'.

אִיבֶּערְדֶעם נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן זֶעה צוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ אוּן גֵיי אַרוּם מִיט אַ פְרֵיילִיכְן פָּנִים, מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אוּן נֶעם אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין לַאנְג דָאס דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַ חָתָן אוּן חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן. דִי חַזַ"ל דֶערְצֵיילְן אוּנְז (בְּרָכוֹת יז.) דָאס מֶען זָאגְט אוֹיף רַבָּן יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי שֶׁלֹּא הַקְדִימוֹ אָדָם שָׁלוֹם מֵעוֹלָם וַאֲפִילוּ נָכְרִי בְּשׁוּק.

אַז וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס גֶעוואוֹינְט זִיךְ צִי, צוּ גֵיין אִין דֶעם וֶועג שְׁטֶענְדִיג מַקְדִים זַיין שָׁלוֹם דֶעם צְוֵוייטְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל, דֶער אִיז זוֹכֶה צוּ זֶעהְן דֶעם גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט, וָוארוּם אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ קֶען מֶען זֶעהְן זַיין גַן עֵדֶן אוֹיף זַיין פָּנִים, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק חֵלֶק ב' סִימָן ה') כָּל אָדָם מְצוּיָּיר בְּזִיו פָּנָיו גַּן עֵדֶן שֶׁלוֹ; אוּן דָאס אִיז וֶוען עֶר הָאט אַ פְרֵיילִיךְ פָּנִים שְׁטֶענְדִיג, וָוארוּם בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים שְׁטֵייט (דִבְרֵי הַיָּמִים א' ט"ז) "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ" אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קנ"ג) אַז אַ מֶענְטְשׁ גֵייט מִיט אַ פְרֵיילִיךְ פָּנִים קֶען מֶען זֶעהְן אִין זַיין פָּנִים דֶעם צַדִּיק וָואס עֶר אִיז מְקוּרָב צוּ אִים, אַז וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר גֵייט שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ לֶעכְטִיג פְרֵיילִיךְ פָּנִים, נָאר מִיט קוּקְן אוֹיף אִים מַאכְט עֶר פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע.

(אשר בנחל באידיש חלק ד' מכתב תס"ז)

# מִילֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

~~~

### אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן וֶועל אִיךְ טוּהן...

**אֵיזֶהוּ עָשִׁיר הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ**

עֲשִׁירוּת קֶען מֶען נָאר הָאבְּן וֶוען מֶען אִיז אַ שָׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ, וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט וָואס מֶען הָאט, אוּן וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט וָואס מִיט הָאט? וֶוען מֶען וֵוייסְט אוּן מֶען גֶעדֶענְקְט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, נָאר עֶר גֶעבְּט דִיר אַלֶעס, אוּן עֶר וֵוייסְט וָואס אוּן וִויפִיל דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן, אוּן אוֹיבּ דוּ דַארְפְסְט מֶער קֶענְסְטוּ אִים בֶּעטְן.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "דִי וֶועלְט זָאגְט, 'אוֹיבּ דוּ וֶועסְט טוּהן - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן', אוּן אִיךְ זָאג 'אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן - וֶועל אִיךְ קֶענֶען טוּהן'" וַוייל אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ אַרְבֶּעט טַאקֶע פַאר זַיין גֶעלְט, דַארְף מֶען אָבֶּער גֶעדֶענְקֶן אַז אַלֶעס גֶעבְּט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ד' מִשְׁנָה א')

\*\*\*

### צוּם סוֹף וֶועט זַיין גוּט

**כָּל הַמְקַיֵּים אֶת הַתּוֹרָה מֵעוֹנִי סוֹפוֹ לְקַיְּמָהּ מֵעוֹשֶׁר**

דָאס גֵייט אַרוֹיף זֵיי בְּרוּחֲנִיוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת, סֵיי וֶוען עֶס גֵייט שְׁוֶוער פַארְן מֶענְטְשׁ בְּגַשְׁמִיוּת, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, עֶר אִיז שוּלְדִיג חוֹבוֹת א.ד.ג. אָבֶּער אוֹיךְ בְּרוּחֲנִיוּת וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִּילְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פִּילְט אַז עֶר אִיז מַמָשׁ גָארְנִישְׁט וֶוערְט, אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ אָבֶּער דֶעמָאלְט'ס שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי אַלֶע בִּלְבּוּלִים, נָאר פְּרוּבִּירְן צוּ טוּהן וִוי מֶער מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס עֶר קֶען, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם סוֹף הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ עֲשִׁירוּת סֵיי בְּרוּחֲנִיוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת.

אוּן דֶער אֱמֶת אִיז אַז אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן גֶעהַאט דִי נִסָיוֹן, זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ גֶעפִּיהלְט אַז זֵיי זֶענֶען גָארְנִישְׁט וֶוערְט, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף זֵיי נִישְׁט הָאבְּן, עֶס אִיז זֵיי גֶעוֶוען בִּיטֶערֶער פוּנֶעם טוֹיט, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי נָאכְדֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ גֶעוֶועזְן בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ד' מִשְׁנָה י"א)

\*\*\*

### אַ רָשָׁע בִּין אִיךְ נִישְׁט...

**אֵין בְּיָדֵינוּ לֹא מִשַּׁלְוַת הָרְשָׁעִים, וְאַף לֹא מִיִּסּוּרֵי צַדִיקִים**

פַאר דִי רְשָׁעִים גֵייט גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט, זֵיי בַּאקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט זֵייעֶר שְׂכַר פַאר דִי בִּיסְל גוּטֶע זַאכְן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּהן, כְּדֵי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט זָאלְן זֵיי בַּאקוּמֶען זֵייעֶר פַארְדִינְטֶע שְׁטְרָאף אוֹיף זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת.

מְמֵילָא וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעהט אַז עֶר גֵייט אִים נִישְׁט אַזוֹי גוּט, אִיז דָאס אַ חִיזוּק פַארְן מֶענְטְשׁ אַז אַ רָשָׁע אִיז עֶר נִישְׁט, וַוייל אֵין בְּיָדֵינוּ לֹא מִשַּׁלְוַת הָרְשָׁעִים, עֶס גֵייט דִיר נִישְׁט אַזוֹי גוּט וִוי עֶס דַארְף גֵיין פַאר אַ רָשָׁע, אוּן מִיט דֶעם קֶענְסְטוּ דִיךְ מְחַזֵק זַיין אַז דוּ בִּיזְט אוֹיפְ'ן גוּטְן וֶועג.

אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, וְאַף לֹא מִיִּסּוּרֵי צַדִיקִים, דוּ הַאלְט'ס נָאכְנִישְׁט בַּיי דִי שְׁוֶוערֶע יִסוּרִים וָואס דִי צַדִיקִים הָאבְּן, דוּ הָאסְט נָאךְ אַ שְׁטִיקְל וֶועג אָנְצוּקוּמֶען אַהִין, אָבֶּער אַזוֹיפִיל קֶענְסְטוּ וִויסְן אַז דוּ בִּיזְט אוֹיפְ'ן גוּטְן וֶועג, אוּן סוֹף כָּל סוֹף וֶועסְטוּ אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ד' מִשְׁנָה י"ט)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

### התאחדות אבריכים "היכל הקודש"

**נייע רינגעלע אין די קייט פון מוסדותינו הק'**

אין א פרישע אנוויקלונג אין אונזערע מוסדות האט זיך געעפנט די נייע התאחדות אבריכם היכל הקודש, ווי אינגעלייט תלמידי הישיבה קומען זיך צוזאם און זענען זיך מחזק מיט די הייליגע לימודים פון רבי'ן.

יעדע וואך קומט פאר א שיעור בהלכה והשקפה פאר די אינגעלייט זיך צו שטארקן און זיך מחזק זיין ווי אזוי צו לעבן א געשמאקע לעבן מיט די געוואלדיגע עצות פונעם רבי'ן אזוי ווי מוהרא"ש לערנט אונז.

אין וויליאמסבורג איז שוין געווען עטליכע שיעורים די פארגאנגענע וואכן, און אין קרית יואל איז די וואך פארגעקומען די ערשטע שיעור ווי די אינגעלייט זענען זיך צוזאמגעקומען און געהערט די שיעורים וואס זענען מחי' נפשות.

די נייע אונטערנעמונג איז גאר ווארים באגריסט געווארן דורך יעדן איינעם, זעענדיג אין דעם א געוואלדיגע תועלת צו שטעלן די אינגעלייט אויף די פיס, און ווי עס זאגן עדות די אלע צופרידענע באטייליגטע האבן זיי געהאט א געוואלדיגע קורת רוח דערפון.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דאס זאל ווייטער אנגיין מיט גרויס הצלחה, להגדיל תורה ולהאדירה.

**חזק ונתחזק!**


## ~ פרייליכע נייעס ~

אויב פארט איר קיין ארץ ישראל אויף ל"ג בעומר אדער סיי ווען דורכ'ן יאר, איר דארף זיך מער נישט זארגן, מיר וועלן אייך צושטעלן אלע אייערע געברויכן אויפ'ן שענסטן פארנעם און פאר גאר ביליגע פרייזן

**דירות אין אלע געגענטער / היימישע געשמאקע עסן / סעלפאון רענטל (מיט 718 נומבער) / דרייווער צו אלע מקומות הקדושים און אטראקציע פלעצער / און נאך פיל מער**

רופט אונז אן און איר זענט באזארגט מיט אלעס וואס איר דארפט, אז אייער נסיעה זאל געקרוינט ווערן מיט סוקסעס

**ספעציעלע פרייזן פאר גרעסערע משפחות אדער גרופעס**

**347-636-6970**


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**החתן משה יחיאל פעלדמאן נ"י**

וואס איז א חתן געווארן למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא, דורות ישרים ומבורכים און א בנין עדי עד, אמן

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**החתן מאיר רייניץ נ"י**

וואס איז א חתן געווארן למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא, דורות ישרים ומבורכים און א בנין עדי עד, אמן


## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

**27 Skillman St.**

**אדער רופט 347-977-7994**

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת בהר-בחקותי, מברכים חודש סיון, כ"ד אייר, אבות פרק ה', שנת תשע"ג לפ"ק — שנה 2, גליון 32 (82)

**זמנים**
הדלקת הנרות.................7:36
מוצש"ק...........................9:08
סוף זמן ק"ש.....................8:45

**שיעורים כסדרן**
בבלי...........................עירובין נ"ז
ירושלמי........................גיטין מ"ד
תוספתא...........מכשירין פרק ב'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וְגוֹ' וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם בְּעִתָּם,** מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ע"ו) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט שְׁטֶענְדִיג גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת פַאר'ן מֶענְטְשׁ, נָאר נִישְׁט אֵייבִּיג הָאט דֶער מֶענְטְשׁ דִי כֵּלִים עֶס מְקַבֵּל צוּ זַיין, אוּן דֶערְפַאר קֶען נֶעמֶען אַ לַאנְגֶע צַייט בִּיז עֶס קוּמְט אָן צוּם מֶענְטְשׁ, **אָבֶער אוֹיבּ מֶען הָאט אֱמֶת'דִיג בִּטָחוֹן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן, דֶעמָאלְט'ס קוּמְט דִי הַשְׁפָּעוֹת שְׁנֶעלֶער, מֶען בַּאקוּמְט עֶס אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט וֶוען מֶען דַארְף עֶס.**

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ,** "חֹק" מֵיינְט אַ מִצְוָה וָואס מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, מֶען טוּט עֶס נָאר וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אוּן מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אֱמֶת'דִיג גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט'ס, **וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם "בְּעִתָּם"** וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען דַיין פַּרְנָסָה אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זי"ע בְּרֶענְגְט (נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ, בְּהַר) פוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי זוּשָׁא זי"ע, אוֹיפְ'ן פָּסוּק, **וְכִי תֹאמְרוּ מַה נֹּאכַל בַּשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִת הֵן לֹא נִזְרָע וְלֹא נֶאֱסֹף אֶת תְּבוּאָתֵנוּ, וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי לָכֶם וְגוֹ',** אוֹיבּ וֶועט אִיר פְרֶעגְן וָואס וֶועלְן מִיר עֶסְן אִין דִי שְׁמִיטָה יָאר? מֶען טָאר דָאךְ נִישְׁט אַיינְפְלַאנְצְן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ וֶועל אַרַיינְשִׁיקְן אַ בְּרָכָה אִין דִי זֶעקְסְטֶע יָאר אַז עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין גֶענוּג פַאר דְרֵיי יָאר.

לִכְאוֹרָה אִיז עֶס נִישְׁט דֶער סֵדֶר פוּן פָּסוּק צוּ זָאגְן דִי קֻשְׁיָא, פַארְקֶערְט אַסַאךְ מָאל אִיז דָא אֵיין אִיבְּרִיגֶע אוֹת אִין פָּסוּק וָואס מִיט דֶעם וֶוערְט פַארֶענְטְפֶערְט אַסַאךְ קֻשְׁיוֹת, נִישְׁט פַארְקֶערְט, דִי תּוֹרָה זָאל אַרוֹיס שְׁרַייבְּן דִי קֻשְׁיָא?

נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט שְׁטֶענְדִיג שֶׁפַע פַאר'ן מֶענְטְשׁ אָן קַיין אָפְּשְׁטֶעל, נָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן פְרֶעגְן קֻשְׁיוֹת "פוּן וִוי וֶועל אִיךְ הָאבְּן צוּ עֶסְן?" מִיט דֶעם הַאקְט עֶר אָפּ דִי שֶׁפַע, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז פוּן פְרִישׁ אַרַיין שִׁיקְן דִי שֶׁפַע.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דִי תּוֹרָה וִויל אוֹיסְלֶערְנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט פְרֶעגְן קַיין קֻשְׁיוֹת, נָאר גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן, וַוייל אוֹיבּ דוּ וֶועסְט פְרֶעגְן קֻשְׁיוֹת, **וְכִי תֹאמְרוּ מַה נֹּאכַל בַּשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִת,** וֶועסְטוּ מִיט דֶעם אָפְּהַאקְן דִי שֶׁפַע, **וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי,** דֶעמָאלְט'ס וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְפְן פוּן פְרִישׁ אַרַיין שִׁיקְן דִי הַשְׁפָּעוֹת.

(תּוֹךְ הַנַּחַל, לֵיל שב"ק בְּהַר-בְּחֻקוֹתַי, תשס"ט)

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ הַכְנָסַת אוֹרְחִים ~

דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים אִיז טַאקֶע אַ שְׁוֶוערֶע מִצְוָה, אָבֶער עֶס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וַוייט אַז חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קכ"ז.) גְדוֹלָה הַכְנָסַת אוֹרְחִים יוֹתֵר מֵהַשְׁכָּמַת בֵּית הַמִּדְרָשׁ וּמִקַבָּלַת פְּנֵי הַשְּׁכִינָה, אוּן דָאס לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, וִוי מֶען זֶעהְט אַז אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן רֶעדְן מִיט דִי שְׁכִינָה, אָבֶער וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אוֹרְחִים קוּמֶען הָאט עֶר אַלֶעס אָפְּגֶעלָאזְט, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ וַוארְטְן אוּן עֶר אִיז אַנְטְקֶעגְן גֶעלָאפְן דִי גֶעסְט, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז וֶוען אֵיינֶער הַאלְט אִינְמִיטְן טוּהְן אַנְדֶערֶע זַאכְן, דַארְף עֶר אַלֶעס אָפְלָאזְן אוּן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי גֶעסְט.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז מִיר זֶענֶען אַלֶע אוֹרְחִים דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן וֶוען מֶען טוּט דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים, מֶען נֶעמְט אַרַיין גֶעסְט אוּן מֶען גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט זֵיי, מֶען גֶעבְּט זֵיי צוּ עֶסְן אוּן צוּ טְרִינְקֶען, דֶעמָאלְט'ס וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, אוּנְז אוֹיךְ גֶעבְּן צוּ עֶסְן אוּן צוּ טְרִינְקְן אוּן אַלֶעס וָואס מִיר דַארְפְן, אוּן מִיט דֶעם קֶען מֶען זִיךְ אַיינְשְׁפָּארְן אַסַאךְ צָרוֹת.

דִי טָאכְטֶער פוּנֶעם רֶבִּי'ן דִי צַדֶיקֶת שָׂרָה ע"ה הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן, "וִוי אַזוֹי קֶען מֶען מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים?" הָאט דֶער רֶבִּי אִיר גֶעזָאגְט: "נָאךְ אַ בִּילְקֶע, אוּן נָאךְ אַ שְׁטִיקְל טִישְׁטוּךְ", וַוייל דֶער פַּאקְט אִיז אַז אַסַאךְ מָאל וִוילְן דִי פְרוֹיעֶן טוּהְן דִי מִצְוָה אוֹיפְ'ן בֶּעסְטְן אוֹפָן, זֵיי ווִילְן אַהֶער שְׁטֶעלְן פַאר דִי גֶעסְט דָאס שֶׁענְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע, אָבֶער אַזוֹי וִוי דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טוּהְן, טוּעֶן זֵיי נִישְׁט גָארְנִישְׁט.

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְיָשָׁן מִפְּנֵי חָדָשׁ תּוֹצִיאוּ**, מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵז זַיְין, דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ז') אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט מִיט אַ צְוֵוייטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶר גֶעבְּט אַרוֹיס פַאר זַיְין חָבֵר וָואס עֶר הָאט אִין מוֹחַ, דֶעמָאלְט פִּילְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָן זַיְין מוֹחַ מִיט פְּרִישֶׁע הַשָּׂגוֹת אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, ווייל אַזוֹי ווִי עֶר הָאט אוֹיסְגֶעלֵיידִיגְט זַיְין מוֹחַ פַאר אַ צְוֵוייטְן, בַּאקוּמְט עֶר אַרַיְין פְּרִישֶׁע זַאכְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְיָשָׁן מִפְּנֵי חָדָשׁ תּוֹצִיאוּ**, דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן מִיט חֲבֵרִים אוּן תַּלְמִידִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי אַז דוּ וֶועסְט אוֹיסְלֵיידִיגְן דַיְין מוֹחַ פַאר דַיְינֶע חֲבֵרִים, וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען "**חָדָשׁ**" פְּרִישֶׁע נַיְיעֶ גוּטֶע הַשָּׂגוֹת.

(זֹאת הַתּוֹרָה בְּחֻקוֹתַי א')

***

**וְכָשְׁלוּ אִישׁ בְּאָחִיו כְּמִפְּנֵי חֶרֶב וְרֹדֵף אָיִן, וְלֹא תִהְיֶה לָכֶם תְּקוּמָה לִפְנֵי אֹיְבֵיכֶם**, מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק, לוֹיט ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ד) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים סט, כא) "**חֶרְפָּה שָׁבְרָה לִבִּי**" אַז דִי בּוּשׁוֹת אוּן בִּזְיוֹנוֹת צוּבְּרֶעכְן זַיְיעֶר אַ מֶענְטְשׁ, אוּן דִי עֵצָה אִיז זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיְין צוּ דִי נְקֻדָּה וָואס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ אִים, דָאס מֵיינְט, **אַז דִי עִיקָר בִּזְיוֹנוֹת הָאט אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן "יֶענֶער אִיז בֶּעסֶער פוּן מִיר, יֶענֶער אִיז מֶער מַצְלִיחַ פוּן מִיר", אוּן מֶען הֵייבְּט אָן יֶענֶעם צוּ מְקַנֵּא זַיְין, בִּיז מֶען רֶעדְט זִיךְ שׁוֹין אַיְין אַז יֶענֶער ווִיל מִיר רוֹדֵפְ'ן, אִין דִי צַייט וָואס יֶענֶער טְרַאכְט בִּכְלָל נִישְׁט פוּן דִיר.**

אוּן דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נָאר קוּקְן אוֹיף זַיְין נְקֻדָּה, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ נְקֻדָּה, אַ זַאךְ וָואס נָאר עֶר קֶען אוֹיסְפִירְן, אוּן דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ יֶעדֶער שְׁטַארְקְן נָאר מִיט זַיְין אֵייגֶענֶע נְקֻדָּה, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם, אוּן אַז מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן הָאט מֶען נִישְׁט קַיְין בִּזְיוֹנוֹת.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק "**וְכָשְׁלוּ אִישׁ בְּאָחִיו**" דֶער עִיקָר דוּרְכְפַאל פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז, וֶוען עֶר קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, "**כְּמִפְּנֵי חֶרֶב וְרֹדֵף אָיִן**" כְּאִילוּ יֶענֶער ווִיל דִיר רוֹדֵפְ'ן, אִין דִי צַייט וָואס יֶענֶער קוּקְט אֲפִילוּ נִישְׁט צוּ דַיְין זַייט, "**וְלֹא תִהְיֶה לָכֶם תְּקוּמָה לִפְנֵי אֹיְבֵיכֶם**" דוּ וֶועסְט דִיר נִישְׁט קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, ווייל קִנְאָה עֶסְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף צְוֵוייטְן עֶסְט מֶען זִיךְ מַמָּשׁ אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט, אוּן מֶען וֶוערְט אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן.

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל נָאר קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט, אוּן בִּכְלָל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן וֶועט עֶר זַיְיעֶר מַצְלִיחַ זַיְין.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, בְּהַר-בְּחֻקוֹתַי תשס"ז)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

דֶערְפַאר הָאט אִיר דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף נִישְׁט קַיְין גְרוֹיסֶע זַאכְן, דֶער עִיקָר אִיז נָאךְ אַ שְׁטִיקְל טִישְׁטוּךְ אַז עֶס זָאל זַיְין ווִי צוּ זִיצְן אוּן נָאךְ אַ בִּילְקֶע אִיז שׁוֹין גֶענוּג, אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג קֶען מֶען מֶער מְקַיֵּים זַיְין דִי מִצְוָה.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַן אֵייְנִיקְל וָואס הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי מִיכְלֶ'עְ, עֶר אִיז גֶעוֶוען זַיְיעֶר שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט אִין דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים, עֶר פְלֶעגְט אַלֵיין צוּגְרֵייטְן דִי בֶּעט פַארְן אוֹרֵחַ, אוּן עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אַרוֹיף לֵייגְן דֶערוֹיף צוּ זֶעהְן אוֹיבּ עֶס אִיז גֶענוּג גוּט אוּן גֶעשְׁמַאק צוּ שְׁלָאפְן, אוּן אֲפִילוּ אִין זַיְינֶע לֶעצְטֶע יָארְן וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַלְט אוּן שְׁוַואךְ הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ אַלֶץ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אַלֵיין אָנְצוּגְרֵייטְן דִי בֶּעטְן פַאר דִי אוֹרְחִים, אוּן וֶוען זַיְינֶע קִינְדֶער הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר אִיז זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק מַטְרִיחַ, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ גְרֵייט אָן דֶעם בֶּעט פַאר מִיר נִישְׁט פַארְן אוֹרֵחַ", ווייל מִיט דֶעם גְרֵייט עֶר זִיךְ אָן גוּטֶע זְכוּתִים פַאר זִיךְ אַלֵיין.

### לְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא

אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז עֶס נִישְׁט קַיְין גְרִינְגֶע זַאךְ, אוֹרְחִים קֶענֶען אַמָאל זַיְין שְׁוֶועְרֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַסַאךְ צָרוֹת אִין זַיְיעֶר לֶעבְּן, אוּן מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד צוּ זֵיי, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען אִיז זוֹכֶה בַּייצוּשְׁטֵיין דֶעם נִסָּיוֹן אוּן מֶען נֶעמְט אוֹיף דִי אוֹרְחִים מִיט סַבְלָנוּת, דֶעמָאלְט'ס צָאלְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּרִיק, מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, אוּן עֶר גֶעבְּט אוֹיךְ פַארְן מֶענְטְשׁ אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה אִיבֶּער דֶעם אִיז דָא פוּן דִי עֶלְטֶערְן פוּן דִי צְוֵויי הֵיילִיגֶע בְּרִידֶער דֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ אוּן רֶבִּי רֶבִּי זוּשָׁא זי"עַ, זַיְיעֶרֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעוְואוֹינְט אִין אַ פַארְשְׁטוּפְטֶע דָארְף ווִי זֵיי הָאבְּן דָארְט גֶעהַאט אַ קְרֶעטְשְׁמֶע אוּן זֵיי פְלֶעגְן אַסַאךְ אַרַיְינְנֶעמֶען גֶעסְט, אוּן מְקַיֵּים זַיְין דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים.

אֵיינְמָאל אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זֵיי אַ וָואגְן פִיל מִיט אָרִימֶעלַייט אוּן קַבְּצָנִים, אָנְגֶעטוּהְן צוּרִיסְן אוּן צוּשְׁלִיסְן, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל זֵיי אָנְוַוארִימֶען דִי מֶרְחָץ אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ קֶענֶען וַואשְׁן, אוּן מֶען הָאט דָאס זֵיי צוּגֶעשְׁטֶעלְט, צְווִישְׁן דִי אָרִימֶעלַייט אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען זַיְיעֶר קְרַאנְק אוּן פִיל מִיט קְרֶעץ, אוּן קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט אָפְּגֶעבְּן מִיט אִים, דִי פְרוֹי פוּן דִי קְרֶעטְשְׁמֶע הָאט זַיְיעֶר רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִים אוּן זִי הָאט אִים אָנְגֶעוַוארִימְט הֵייס וַואסֶער, אוּן זִי הָאט גֶערוּפְן

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אִיר מַאן אַז עֶר זָאל אָפְּוַואשְׁן דֶעם אָרִימַאן, אוּן עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּהן, אֲפִילוּ עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער עֶס צוּ טוּהן הָאט עֶר עֶס גֶעטוּהן בְּחֵפֶץ לֵב.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער אָרִימַאן זֵיי גֶעזָאגְט: וַוייל אִיר הָאט זִיךְ אַזוֹי אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט מִיר אוּן מִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן, וואוּנְטְשׁ אִיךְ אַייךְ אַז אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן קִינְדֶער אַזוֹי וִוי מִיר", עֶס הָאט זֵיי בִּכְלַל נִישְׁט גֶעשְׁמֶעקְט צוּ הֶערְן אַזַא בְּרָכָה, אָבֶּער נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט רֶעדְן אִיז עֶר פַארְשְׁוואוּנְדְן גֶעוָוארְן אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי גַאנְצֶע וָואגְן פוּן אָרִימֶעלַייט, אוּן דֶעמָאלְט'ס הָאבְּן זֵיי פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ נִסָיוֹן פוּן הִימְל, אַז זֵיי זָאלְן אִין דֶעם זְכוּת זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַז זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גֶעבּוֹירְן דִי צְוֵויי הֵיילִיגֶע קִינְדֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ מִיט רֶבִּי זוּשָׁא וָואס זֵיי הָאבְּן בַּאלוֹיכְטְן דִי וֶועלְט מִיט זֵייעֶר תּוֹרָה אוּן צִדְקוּת, אַלֶעס אִיז דִי זְכוּת פוּן דִי מְסִירַת נֶפֶשׁ פַאר הַכְנָסַת אוֹרְחִים.

אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אוֹיף אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶועלְכֶע אוֹרְחִים מֶען נֶעמְט אַרַיין, נִישְׁט צוּ נֶעמֶען אוֹרְחִים וָואס פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי מֶען דַארְף, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע אוֹרְחִים, אוּן מֶען זָאל זֵיי אוֹיפְנֶעמֶען מִיט שִׂמְחָה, וַוייל מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן וָואס מֶען וֶועט בַּאקוּמֶען אִין דֶעם זְכוּת, אִין זֹהַר הַקָדוֹשׁ שְׁטֵייט (פַּרְשַׁת וַיֵרָא) וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ מֶענְטְשׁ, שִׁיקְט עֶר אִים אַן אָרִימַאן, אַז עֶר זָאל הָאבְּן דִי זְכוּת פוּן צְדָקָה אוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה מְקַיֵים צוּ זַיין דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּט'ס.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק א' וְחֵלֶק ד' עֶרֶךְ אוֹרְחִים)

# נַחֲלֵי תּוֹרָה

**נְשַׁקְתִּיו עַל רֹאשׁוֹ וְאָמַרְתִּי לוֹ אַשְׁרֵיכֶם יִשְׂרָאֵל שֶׁכּוּלְּכֶם חֲכָמִים גְּדוֹלִים אַתֶּם מִגְּדוֹלְכֶם וְעַד קְטַנְכֶם** (עֵירוּבִין נ"ג:)

דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט אַז רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָא אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג אוּן וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ פְּרָשַׁת דְרָכִים הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט פוּן אַ קִינְד: "אוֹיף וֶועלְכֶע וֶועג דַארְף מֶען גֵיין אָנְצוּקוּמֶען אִין שְׁטָאט?" הָאט דָאס קִינְד גֶעזָאגְט: "דִי וֶועג אִיז קוּרְץ אוּן לַאנְג, אוּן דִי אַנְדֶערֶע וֶועג אִיז לַאנְג אוּן קוּרְץ", אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אִין דִי וֶועג וָואס אִיז קוּרְץ אוּן לַאנְג, וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען נָאנְט צוּם שְׁטָאט הָאט עֶר גֶעזֶעהן אַז עֶס אִיז אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אַסַאךְ פֶעלְדֶער אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרַיינְצוּגֵיין אִין שְׁטָאט, אִיז עֶר צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם קִינְד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דוּ הָאסְט מִיר דָאךְ גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז אַ קוּרְצֶע וֶועג?" הָאט דָאס קִינְד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אָבֶּער אִיךְ הָאבּ דִיר אוֹיךְ גֶעזָאגְט אַז נָאכְדֶעם אִיז עֶס לַאנְג", הָאט אִים רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָה גֶעגֶעבְּן אַ קִישׁ אִין שְׁטֶערְן אוּן גֶעזָאגְט: "וואוֹיל אִיז אַייךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַז אִיר זֶענְט אַלֶע זֵייעֶר קְלוּג, פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין".

לִכְאוֹרָה אִיז שְׁוֶוער פַארְוָואס אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַזוֹי אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי וֶוערְטֶער פוּן דֶעם אִינְגְל?

נָאר דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע יְסוֹד אִין לֶעבְּן, צוּ וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז אַ וֶועג וָואס זֶעהט אוֹיס קוֹדֶם גְרִינְג אוּן קוּרְץ, מֶען פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף עֶרְלִיךְ, מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט פוּן עֲבֵירוֹת, אָבֶּער נָאכְדֶעם אִיז עֶס זֵייעֶר שְׁוֶוער, וַוייל דָאס פַארְבִּיטֶערְט דָאס לֶעבְּן.

אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר הֵייבְּט אָן מִיט דִי שְׁוֶוערֶע וֶועג, עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, עֶר רֶעדְט יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר טוּט אַסַאךְ מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אֲפִילוּ פוּן אָנְפַאנְג אִיז עֶס טַאקֶע שְׁוֶוער, אָבֶּער צוּם סוֹף מַאכְט עֶס דָאס לֶעבְּן זִיס.

**אַשְׁרֶיךָ בְּעוֹלָם הַזֶה וְטוֹב לְךָ לְעוֹלָם הַבָּא!**

צ.ג.

~~~


מען קען ארײנשיקן חידושים והערות אויף אימעיל:

breslevcenter@gmail.com

אדער קען מען לאזן א מעסידזש אויפ'ן קול אמונה טעלעפאן

ליין 19# 212–444–9191


# סימן טוב ומזל טוב

**מיר וואונטשן א הארציגן ברכת מזל טוב פאר**

## מו"ה נתן פריעדמאן הי"ו

מחשובי הנהלת מוסדותינו הק'

**צו די געבורט פון זיין אינגל למזל טוב**

**ר' נתן איז שטענדיג גרייט ארויס צו העלפן אונזערע מוסדות הקדושים מיט וואס מען דארף, דער אייבערשטער זאל העלפן אז די זכות זאל אים ביישטיין אז ער זאל זעהן שטענדיג אסאך אידיש נחת ביי אלע זיינע קינדער, בני ברוכי, חיי אריכי, ומזוני רויחי, וסייעתא דשמיא, אמן.**

# סימן טוב ומזל טוב

**מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר**

## הרה"ג יואל ראטה שליט"א

ראש ישיבתינו הקדושה

**צו די אפשערן פון זיין אינגל נחמן נתן נ"י למזל טוב**

**דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל קענען ווייטער ממשיך מיט זיין עבודת הקודש אריינצוברענגען דעם אייבערשטן אין אידישע קינדער און אין זכות זאל ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט, אמן**
~~~

# מִילֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

~~~

### אִיךְ בִּין צוּדְרוּקְט...

**עוֹמְדִים צְפוּפִים וּמִשְׁתַּחֲוִים רְוָחִים**

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט צַייטְן וָואס עֶר אִיז צוּדְרוּקְט, אַמָאל פוּן זִיךְ אַלֵיינְ׳ס, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים שְׁוֶועריַקַייטְן, אוּן אַמָאל פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וָואס טְשֶׁעפֶּענֶען אוּן רוֹדְפְ׳ן אִים, אוּן דָאס שְׁטֶערְט זֵייעֶר פַארְן מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס קוּמְט פוּן דִי עֲבֵירוֹת וָואס מֶען טוּט, וָואס מִיט דֶעם בַּאשַׁאפְט מֶען קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים, וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרַיין אִין דִי מֶענְטְשְׁן וָואס רוֹדְפְ׳ן אִים.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי״עַ הָאט גֶעזָאגְט: ״וֶוען מֶען טְרַאכְט וָואס מֶען טָאר נִישְׁט - לַיידְט מֶען פוּן דִי קִינְדֶער, וֶוען מֶען רֶעדְט וָואס מֶען טָאר נִישְׁט - לַיידְט מֶען פוּן דִי וַוייבּ, אוּן וֶוען מֶען טוּט וָואס מֶען טָאר נִישְׁט - לַיידְט מֶען פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן״.

אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ בִּיקְן צוּ אִים, זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּ אִים, אַז מֶען זָאל שׁוֹין אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת, וַוייל נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען הֶעלְפְן.

דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער תַּנָא, **עוֹמְדִים צְפוּפִים** - וֶוען מֶען שְׁטֵייט צוּדְרוּקְט, מֶען לַיידְט פוּן זִיךְ אָדֶער מֶען לַיידְט פוּן אַנְדֶערֶע, אִיז דִי עֵצָה, **וּמִשְׁתַּחֲוִים רְוָחִים** - מֶען זָאל זִיךְ בִּיקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אִים, דֶעמָאלְט׳ס וֶועט בְּרֵייט וֶוערְן פַארְן מֶענְטְשׁ, עֶר וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ה׳ מִשְׁנָה ח׳)

\*\*\*

### פְרַייטָאג אִיז אָנְגֶעצוֹיגְן...

**עֲשָׂרָה דְבָרִים נִבְרְאוּ בְּעֶרֶב שַׁבָּת, וְיֵשׁ אוֹמְרִים אַף הַמַּזִּיקִין.**

חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה, פ״ד, ס״ב) אַז דִי שֵׁדִים זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן עֶרֶב שַׁבָּת פַארְן זְמַן.

מֶען זֶעהט אַז אִין יֶעדֶע הוֹיז אִיז דָא קְרִיגֶערַייעֶן עֶרֶב שַׁבָּת, אוּן דָאס קוּמְט פוּן דִי שֵׁדִים אוּן מַזִיקִין וָואס זֶענֶען דֶעמָאלְט׳ס בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (גִיטִין נב.) אַז עֶס גֶעוֶועןְ אַ שְׁטוּבּ וִוי מֶען פְלֶעגְט זִיךְ דָארְט קְרִיגְן יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת, בִּיז רֶבִּי מֵאִיר הָאט זִיךְ דָארְט אַרַיינְגֶעזֶעצְט אוּן אַזוֹי הָאט מֶען זִיךְ מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט קְרִיגְן, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט מֶען גֶעהֶערְט אַ קוֹל וָואס דֶער שָׂטָן הָאט גֶעזָאגְט אַז רֶבִּי מֵאִיר הָאט אִים אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן פוּן דִי הוֹיז.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זַיין שְׁטַארְק גֶעוָוארֶענְט נִישְׁט צוּ רֶעדְן קַיין אִיבְּרִיגֶע וֶוערְטֶער דֶעמָאלְט׳ס, וָואס דָאס קֶען מַאכְן מַחְלוֹקֶת.

דָאס זָאגְט דֶער תַּנָא, **וְיֵשׁ אוֹמְרִים** - דוּרְכְ׳ן רֶעדְן צוּפִיל, **אַף הַמַּזִּיקִין** - צִינְד מֶען אָן דִי צָארְן פוּן דִי מַזִיקִין, אוּן פוּן דֶעם וֶוערְט מַחְלוֹקֶת.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ה׳ מִשְׁנָה ט׳)

\*\*\*

### זָאג כָאטְשׁ אַז דוּ ווִילְסְט נִישְׁט גֶעבְּן...

**לֹא יִתֵּן וְלֹא יִתְּנוּ אֲחֵרִים**

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי״עַ פְרֶעגְט (דֶגֶל מַחֲנֵה אֶפְרַיִם, יִתְרוֹ) אוֹיבּ עֶר גֶעבְּט נִישְׁט אוּן עֶר ווִיל נִישְׁט אַז אַנְדֶערֶע זָאלְן גֶעבְּן, פַארְוָואס רֶעכְנְט מֶען אִים בִּכְלַל אַרַיין אִין דִי ״נוֹתְנֵי צְדָקָה״?

נָאר עֶס זֶענֶען אַמָאל דָא קַארְגֶע עַשִׁירִים וָואס הַאלְטְן נִישְׁט בַּיים גֶעבְּן צְדָקָה, אוּן זֵיי שְׁפִּילְן אַרוּם מִיט דֶעם אָרִימַאן, ״יֶעצְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט, קוּם צוּרִיק מָארְגְן״, אוּן דֶער אָרִימַאן מֵיינְט נֶעבֶּעךְ אַז עֶר גֵייט עֶפֶּעס בַּאקוּמֶען פוּן אִים, אָבֶּער עֶר דְרֵייט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיס פוּן אִים, אוּן דֶער אָרִימַאן וֶוערְט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעשְׁפִּילְט.

ווִידֶער אִיז דָא אַ צְוֵוייטֶער וָואס עֶר ווִיל אוֹיךְ נִישְׁט גֶעבְּן, אָבֶּער עֶר זָאגְט כָאטְשׁ אָפְּן פַארְן אָרִימַאן ״אִיךְ הַאלְט נִישְׁט בַּיים גֶעבְּן״, אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ אַ צְדָקָה, וַוייל אַזוֹי וֵוייסְט כָאטְשׁ דֶער אָרִימַאן אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט אִים נִישְׁט גֶעבְּן, אוּן עֶר וֶועט גֵיין צוּ אַנְדֶערֶע.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער תַּנָא, אַז אוֹיבּ עֶר זָאגְט כָאטְשׁ אַרוֹיס אַז עֶר וֶועט נִישְׁט גֶעבְּן, אִיז דָאס אוֹיךְ אֵיינֶער פוּן דִי ״נוֹתְנֵי צְדָקָה״.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ה׳ מִשְׁנָה ט״ז)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

### דינער השנתי געקרוינט געווארן מיט גרויס הצלחה

דעם פארגאנגענעם מוצאי שב"ק איז פארגעקומען די ערשטע דינער לטובת מוסדותינו הקדושים, אינאיינעם מיט די סעודת ל"ג בעומר לכבוד התנא האלקי רבי שמעון בן יוחאי.

עס זענען זיך צוזאמגעקומען אלע עלטערן און תומכי המוסדות, מען האט זיך צוגעהערט צו די ווארימע דיבורים פונעם ראש הישיבה וואס האט ארויס געברענגט די געוואלדיגע חשיבות פון די תלמוד תורה און די מיידל שולע ווי מען געבט זיך אפ מיט די קינדער מיט גרויס איבערגעגעבנקייט.

א קינד איז נישט בלויז נאך א נומער, נאר מען לייגט אריין אין יעדעס קינד באזונדער א געשמאק און ליבשאפט צו תורה ומצות, מיט געקליבענע מלמדים און מחנכים יראי ה׳ וואס האבן נאר איין ציהל אז די קינדער זאלן אויפוואקסן אמת׳ע ערליכע אידן און זיין נאנט צום אייבערשטן, זיי זאלן שטענדיג וויסן און געדענקן אז דער אייבערשטער איז מיט זיי שטענדיג, אזוי ווי מען זעהט פון די מעשיות פון תפלה וואס יעדער קינד האט, זאכן וואס ער האט געבעטן דעם אייבערשטן און דער אייבערשטער האט געהאלפן, און דאס וועט בלייבן מיט זיי זייער גאנצע לעבן.

נאכן בענטשן האט מען געטאנצן און זיך געפריידט בהילולא דבר יוחאי.

**תורתו מגן לנו הוא מאירת עינינו!**

\*\*\*

### מוהרא"ש שליט"א קערט זיך צוריק פון ארץ ישראל קומענדיגע וואך

נאכן ווייל אין ארץ ישראל פאר דריי וואכן צו מחזק זיין די ארטיגע אידן, וועט זיך מוהרא"ש שליט"א צוריק קערן די קומענדע וואך פון ארץ ישראל.

די קומענדע וואך וועט ווייטער פארגעמען די ליל שישי שיעור אזוי ווי געווענטליך.

מען קען מיטהאלטן די שיעורים און אויך שיעורים פון די פארגאנגענע יארן, אויף דעם קול ברסלב טעלעפאן ליין 212-444-9191

**בזמן שהצדיק בערי הוא הודה הוא זיוה הוא הדרה!**

### סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**החתן מאיר ריינייץ נ"י**

מתלמידי ישבתינו הק׳

צו די שמחת תנאים למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד דורות ישרים ומבורכים, אמן

### קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**
הדלקת הנרות.....................7:43
מוצש"ק..............................9:15
סוף זמן ק"ש.......................8:41

**שיעורים כסדרן**
בבלי.........................עירובין ס"ד
ירושלמי......................גיטין נ"א
תוספתא.......................ידים פרק א'


פרשת במדבר, ב' סיון, אבות פרק ו', שנת תשע"ג לפ"ק — שנה 2, גליון 33 (83)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה בְּמִדְבַּר סִינַי בְּאֹהֶל מוֹעֵד**, רַשִׁ"י זָאגְט: "וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ דִי אִידְן, צֵיילְט עֶר זֵיי צוּ יֶעדֶע צַייט.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ד) אַז יֶעדֶער אִיד הָאט אַ נְקוּדָה, אַ זַאךְ וָואס נָאר עֶר קֶען אוֹיסְפִירְן, און מִיט דֶעם קֶען עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן אֲפִילוּ וֶוען עֶר זֶעהְט אַז אַנְדֶערֶע זֶענֶען מֶער מַצְלִיחַ פוּן אִים, אָבֶּער יֶענֶער הָאט דָאךְ נִישְׁט דִי נְקוּדָה וָואס אִיךְ הָאבּ.

דֶערְפַאר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעצֵיילְט דִי אִידְן יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט, צוּ וַוייזְן אַז יֶעדֶער אִיד אִיז אַ בַּאזוּנדֶערֶע גֶעצֵיילְטֶער אִיד, און יֶעדֶער אִיד אִיז בַּאזוּנְדֶער חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיט דֶעם קֶען מֶען אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין דָאס וָואס עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים תכח, ד') אַז שְׁטֶענְדִיג לֵיינְט מֶען פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר פַאר שָׁבוּעוֹת.

לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן צ"א) אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְּן הַתְמָדָה, צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג, אַז מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן קַיין שְׁלֶעכְטְס אוֹיף קַיין שׁוּם אִיד, וַוייל עֶס זֶענֶען דָא זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט אוֹתִיּוֹת אִין דִי תּוֹרָה, קֶעגְן דִי זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט אִידְן, און אוֹיבּ רֶעדְט מֶען שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַ אִיד, מִיט דֶעם פַּסְל'ט מֶען אֵיין אוֹת פוּן דִי סֵפֶר תּוֹרָה, און אַז עֶס פֶעלְט אֵיין אוֹת פוּן דִי תּוֹרָה אִיז עֶס פָּסוּל, און מֶען הָאט נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען.

דֶערְפַאר לֵיינְט מֶען שְׁטֶענְדִיג פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר פַאר שָׁבוּעוֹת, צוּ וַוייזְן אַז יֶעדֶער אִיד אִיז אַ גֶעצֵיילְטֶע אִיד, יֶעדֶער אִיד אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב, אִין מֶען טָאר קֵיינֶעם נִישְׁט אַוֶועקְמַאכְן, נִישְׁט זִיךְ און נִישְׁט אַ צְוֵוייטְן, און אַזוֹי קֶען מֶען צוּגֵיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה מִיט גְרוֹיס חֵשֶׁק און גֶעשְׁמַאק.
(זֹאת הַתּוֹרָה בַּמִדְבָּר א)

***

**וְחָנוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אִישׁ עַל מַחֲנֵהוּ וְאִישׁ עַל דִּגְלוֹ**, דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (תַּנְחוּמָא בַּמִדְבָּר) אַז וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים בַּארְג סִינַי צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהְן דִי טוֹיזְנְטֶער מַלְאָכִים וָואס זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען, וִוי זֵיי שְׁטֵייעֶן מִיט אַ סֵדֶר מִיט פֶענֶער, הָאבְּן דִי אִידְן גֶעזָאגְט: "הַלְוַאי וָואלְטְן מִיר אוֹיךְ גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע פֶענֶער, און דֶערְפַאר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהֵייסְן אַז דִי אִידְן זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן פֶענֶער.

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ דֶער גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט ~

דֶער גַן עֵדֶן און גֵיהִנוֹם אִיז נִישְׁט נָאר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט נָאכְן שְׁטַארְבְּן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ב) אַז דִי גַן עֵדֶן און דִי גֵיהִנוֹם זֶענֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, און אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קי"ט) אַז עֶס בִּכְלַל נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וִוי עוֹלָם הַזֶה, נָאר אָדֶער אִיז מֶען אִין גַן עֵדֶן אָדֶער אִיז מֶען אִין גֵיהִנוֹם.

וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם? וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט און גֶעדֶענְקְט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, און פוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט צוּ אִים אַנְטְלוֹיפְט עֶר נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט אַ רוּהִיגֶע גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן, וַוייל עֶר וַוארְפְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַרוֹיף אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַארְף גָארְנִישְׁט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט דֶעם גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט, און פַארְקֶערְט וֶוער עֶס טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר רַייסְט זִיךְ אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט אַ בִּיטֶער לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶר הָאט מַמָשׁ דָאס גֵיהִנוֹם אוֹיף דִי וֶועלְט.

און דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ זָאל עֶר נָאר דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד, אַזוֹי וִוי אַ קִינְד רֶעדְט צוּ זַיין טַאטֶע, און אַזוֹי וֶוערְט מֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און מֶען הָאט דֶעם גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט,

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס אִיז דִי גְרוֹיסֶע זַאךְ מִיט דִי פֶּענֶער פוּן דִי מַלְאָכִים, אַז דִי אִידְן הָאבְּן אַזוֹי גֶעגְלוּסְט דֶערְצוּ?

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ה') אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיט זַיְינֶע מִצְוֹת, דוּרְךְ דֶעם גִיבְּט עֶר כֹּחַ פַאר דִי מַלְאָכִים.

דָאס מֵיינְט אַז מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס אַ אִיד טוּט, בַּאשַׁאפְט עֶר אַ מַלְאָךְ, אוּן דִי מַלְאָכִים וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פוּן דִי מִצְוֹת, זֵיי בַּאגְלֵייטְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן הִיטְן אִים אָפּ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אוֹיב מֶען טוּט חַס וְשָׁלוֹם עֲבֵירוֹת, בַּאשַׁאפְט מֶען מִיט דֶעם שְׁלֶעכְטֶע מַלְאָכִים, וָואס זֵיי דֶערְבִּיטֶערְן דִי יָארְן פַארְן מֶענְטְשׁ.

וִוי אַזוֹי גִיבְּט מֶען כֹּחַ פַאר דִי גוּטֶע מַלְאָכִים? דוּרְךְ שִׂמְחָה, אַז מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְוָה וָואס מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טוּהן, מִיט דֶעם בַּאקוּמְט דֶער גוּטֶער מַלְאָךְ נָאךְ מֶער כֹּחַ צוּ הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אִים רַאטֶעוֶועון פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דֶערְפַאר וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים בַּארְג סִינַי, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהן זֵייעֶר גֶעוַואלְדִיגֶע כֹּחַ, אַז מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס זֵיי טוּעֶן בַּאשַׁאפְן זֵיי מַלְאָכִים, הָאבְּן זֵיי גֶעגְלוּסְט דֶערְצוּ, אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ זַיין אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט מִיט פֶּענֶער אַזוֹי וִוי דִי מַלְאָכִים, צוּ דֶערְמַאנֶען דִי כֹּחַ וָואס זֵיי הָאבְּן, אוּן אַזוֹי וֶועלְן זֵיי זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ טוּהן וִוי מֶער מִצְוֹת, אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת, אוּן מִיט דֶעם בַּאקוּמֶען אַסַאךְ מַלְאֲכֵי שְׁמִירָה, צוּ בַּאגְלֵייטְן אוּן אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

אוּן דֶערְפַאר לֵיינְט מֶען שְׁטֶענְדִיג פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר פַאר יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, צוּ וַוייזְן דִי כֹּחַ וָואס אִידְן הָאבְּן מִיטְן מְקַיֵּים זַיין דִי תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת וָואס מֶען גֵייט מְקַבֵּל זַיין אִין שָׁבוּעוֹת.

(תּוֹךְ הַנִּהַל לֵיל שב"ק בְּמִדְבַּר תשס"ח)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אָבֶּער פַארְקֶערְט וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֵיידְט מֶען בְּלוֹיז צָרוֹת צְרוּרוֹת, מַמָּשׁ וִוי אִין גֵיהִנּוֹם.

אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ט"ו:) כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע וּמְדַקְדֵּק בְּאוֹתִיּוֹתֶיהָ מְצַנְּנִין לוֹ גֵיהִנּוֹם, קְרִיאַת שְׁמַע אִיז אֱמוּנָה, וֶוען אַ אִיד לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין אֱמוּנָה וֶוערְט עֶר נִיצוֹל פוּן גֵיהִנּוֹם, ווייל דִי תַּאֲווֹת וָואס בְּרֶענֶען אִינֶעם מֶענְטְשׁ דָאס נֶעמְט אִים אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעמָאלְט'ס פַאלְט מֶען אַרַיין אִין גֵיהִנּוֹם, אָבֶּער וֶוען מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע, מֶען לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין אֱמוּנָה, דֶעמָאלְט'ס וֶוערְט דֶער גֵיהִנּוֹם אָפְּגֶעקִילְט, מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן גֵיהִנּוֹם, אוּן מֶען לֶעבְּט אִין גַן עֵדֶן מִיט רוּהִיגְקַייט אוּן פְרֵיילִיכְקַייט.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') אַז דִי שְׁלֶעכְטְס וָואס קוּמְט אוֹיף אַ רָשָׁע אִיז פוּן אִים אַלֵיין, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים לב, כב) תְּמוֹתֵת רָשָׁע רָעָה, דָאס אִיז ווייל דִי עֲבֵירוֹת וָואס עֶר טוּט, דָאס נֶעמְט אִים אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אַלֵיין וַוארְפְט אִים אַרַיין אִין גֵיהִנּוֹם, אוּן אַזוֹי זֶעהט מֶען אוֹיךְ אִין מִדְרָשׁ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה א, ו') אֵשׁ הַיּוֹצְאוֹת מִגּוּפָן שֶׁל רְשָׁעִים - זֶה הַגֵּיהִנּוֹם, דִי רְשָׁעִים מַאכְן אַלֵיין אַרוּם זִיךְ אַזַא גֵיהִנּוֹם-אַטְמָאסְפֶער.

אוּן דִי עִיקָר אִיז נָאר צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת, אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי גוּט, זָאל מֶען זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף אִים, אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן וֶוען עֶס קוּמְט אוּנְטֶער אַ פְּרָאבְּלֶעם, עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען ווִיל, אוּן דָאס זָאגְט דִי גְמָרָא (נְדָרִים כב.) כָּל הַכּוֹעֵס כָּל מִינֵי גֵיהִנּוֹם שׁוֹלְטִין בּוֹ, ווייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין סַבְלָנוּת, אוּן עֶר רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, ווייל עֶר הָאט פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט'ס אִיז דִי גֵיהִנּוֹם שׁוֹלֵט אוֹיף אִים, אוּן עֶר הָאט אַ בִּיטֶער לֶעבְּן.

אוּן דֶערְפַאר אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ צוּ גֵיין פוּן צַייט צוּ צַייט בַּאזוּכְן קְרַאנְקֶע, אוֹיסֶער דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן בִּיקּוּר חוֹלִים, טוּט עֶס אוֹיף נָאךְ אַ זַאךְ, אַז מֶען זֶעהט אַז עֶס אִיז לַיידֶער דָא אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס לִיגְן נֶעבֶּעךְ אִין שְׁפִּיטָאל מִיט גְרוֹיסֶע יִסּוּרִים, אוּן דֶעמָאלְט'ס בַּארוּהִיגְט מֶען זִיךְ, ווייל קוֹדֶם הָאט מֶען גֶעמֵיינְט אַז מֶען הָאט דִי עֶרְגְסְטֶע לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, אָבֶּער נָאכְן זֶעהן דִי קְרַאנְקֶע, דַאנְקְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען אִיז גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק אוּן מֶען דַארְף נִישְׁט לִיגְן אִין שְׁפִּיטָאל, אוּן מֶען הָאט מֶער נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (נְדָרִים מ.) כָּל הַמְבַקֵּר אֶת הַחוֹלֶה נִצּוֹל מִדִּינָהּ שֶׁל גֵיהִנּוֹם, ווייל בִּיז יֶעצְט הָאט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעמֵיינְט אַז עֶר הָאט מַמָּשׁ דָאס גֵיהִנּוֹם אוֹיף דִי וֶועלְט, אָבֶּער נָאכְן זֶענֶען וָואס דִי קְרַאנְקֶע מַאכְן מִיט ל"ע, בַּארוּהִיגְט מֶען זִיךְ אַז עֶס אִיז נִישְׁט עֶק וֶועלְט, אוּן אַזוֹי וֶוערְט מֶען נִצּוֹל מִדִּינָהּ שֶׁל גֵיהִנּוֹם.

וואויל אִיז דֶעם וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן וֶוערְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, עֶר גֶעבְּט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר הָאבְּן דֶעם גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י' עֶרֶךְ גֵיהִנּוֹם)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

המשך פון דף ד

גרויס הצלחה, די פרויען האבן זייער שטארק הנאה געהאט, און אהיים געגאנגען מיט פרישע כוחות ווייטער אנצוגיין מיט די הייליגע עצות פון רבי׳ן.

און די קומענדיגע וואכן וועלן פארקומען נאך צוזאמקומען פון די פרויען זיך צו שטארקן אינאיינעם.

**איש את רעהו יעזורו!**

***

## מען גרייט זיך בעזהשי״ת צו די ענדע פון די צווייטע סקול-יאר

עס לאזט זיך נישט גלייבן אין די קורצע אפשניט פון צוויי יאר זינט די סקול איז געעפנט געווארן בפקודת מוהרא״ש שליט״א, און עס איז ברוך ה׳ אוועק געשטעלט געווארן אויף אזא שיינעם פארנעם אז יעדער טוט דאס באוואונדערן.

די וואך איז פארגעקומען א פלעי אין סקול דורך די צווייטע קלאס מיידלעך, די מאמע׳ס זענען באגייסטערט געווארן פון די געוואלדיגע כוחות וואס עס ווערט אריינגעלייגט אין די קינדער, און מען קען זעהן בחוש די געוואלדיגע סייעתא דשמיא וואס באגלייט די סקול במשך די גאנצע צייט, און מען קען דערקענען אויף די קינדער זייער אידלקייט און יראת שמים ווי זיי לעבן שטענדיג מיטן אייבערשטן.

**הזורעים בדמעה ברנה יקצורו!**

***

## ספר ״שיחות מוהרא״ש״ ווערט איבערגעדרוקט אויף א הערליכע פארמאט

דער ספר ״שיחות מוהרא״ש״ איז שוין ברייט באקאנט ביי יעדן, דאס איז צוזאם גענומען שמועסן און תורות פון מוהרא״ש שליט״א, איבער אלע נושאים, געשריבן אויף א גרינגע שפראך וואס יעדער זאל עס קענען פארשטיין.

עס האלט שוין היינט ביי פופצען בענדער וואס זענען שוין ארויס געקומען ביז יעצט, אבער עס איז נישטא צו באקומען מער לעצטנ׳ס, און יעדער בעהט אז מען זאל עס פריש איבערדרוקן, צו קענען האבן די רוחניות׳דיגע הנאה.

און דערפאר איז גרויס דער פרייד אויף די נייעס וואס קומט אריין אז עס גייט יעצט ווערן איבערגעדרוקט אין ארץ ישראל, אין א מספר מצומצם לתועלת הציבור.

ווער עס איז אינטערעסירט צו באקומען דעם ספר קען זיך מעלדן אין וויליאמסבורג אין היכל הישיבה און אין קרית יואל אין בית המדרש היכל הקודש, אדער קען מען רופן אויפן נומער

די פרייז פאר די אלע פופצען בענדער איז בלויז 160$, פאראינטערעסירטע זאלן זיך מעלדן ווי פריער.

**יפוצו מעיונתיך חוצה!**

# אוֹיפְגֶעגֶעסְן דֶעם גַאנְצְן קוּגְל

דֶער הֵיילִיגֶער נוֹדַע בִּיְהוּדָה הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס אִיז לַיידֶער אַרָאפּ פוּן אִידִישְׁן וֶועג בִּיז עֶר אִיז ל״ע גֶעוָוארְן אַ גַלַח אוּן דֶערְנָאךְ אַ בִּישׁוֹף, אוּן דֶער נוֹדַע בִּיְהוּדָה הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶוען צוּלִיבּ דֶעם, אַז עֶס הָאט גֶעקֶענְט פַּאסִירְן אַזַא זַאךְ אַז זַיין תַּלְמִיד זָאל אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה.

הָאט דֶער נוֹדַע בִּיְהוּדָה פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיט דֶעם תַּלְמִיד אוּן אִים אַלֵיין׳ס פְּרֶעגְן דִי סִיבּוֹת וָואס הָאבְּן אִים גֶעבְּרֶענְגְט דֶערְצוּ, אוּן עֶר הָאט זִיךְ טַאקֶע גֶעטְרָאפְן מִיט אִים.

הָאט דֶער תַּלְמִיד דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה וִוי אַזוֹי עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן, דָאס אִיז גֶעוֶוען וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אִין דִי יְשִׁיבָה פוּנֶעם נוֹדַע בִּיְהוּדָה, אוּן דֶעמָאלְט׳ס אִיז גֶעוֶוען דִי סֵדֶר אַז דִי בָּחוּרִים הָאבְּן הָאב גֶעגֶעסְן ״טֶעג״, יֶעדְן טָאג הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעסְן בַּיי אַ צְוֵוייטְן בַּעַל הַבַּיִת פוּן שְׁטָאט.

אֵיינְמָאל אִין אַן עֶרֶב פֶּסַח הָאט דֶער בָּחוּר גֶעגֶעסְן בַּיי אַ בַּעַל הַבַּיִת, דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט גֶעמַאכְט אַ קַארְטָאפְל קוּגְל, אָבֶער דֶערְנָאךְ הָאט מֶען גֶעטְרָאפְן אִינֶעם קוּגְל אַ וֵוייצְל, הָאט דֶער בַּעַל הַבַּיִת גֶעשִׁיקְט דֶעם בָּחוּר צוּם נוֹדַע בִּיְהוּדָה צוּ פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען מֶעג עֶסְן דֶעם קוּגְל, דֶער בָּחוּר אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען צוּם נוֹדַע בִּיְהוּדָה מִיט דִי שְׁאֵלָה, דֶער נוֹדַע בִּיְהוּדָה הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מְפַלְפֵּל זַיין אִין דִי הֲלָכָה, ״עֶס זֶענֶען דָא פּוֹסְקִים וָואס זֶענֶען עֶס מַתִּיר, אוּן עֶס אִיז דָא פּוֹסְקִים וָואס אֲסַר׳ן, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה - הָאט דֶער נוֹדַע בִּיְהוּדָה אוֹיסְגֶעפִירְט - הַאלְט אִיךְ אַז עֶס אִיז אָסוּר״ אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט פַארְוָואס עֶר פְּסַק׳נְט אַזוֹי.

דֶער בָּחוּר אִיז אָבֶער גֶעוֶוען זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען עֶרֶב פֶּסַח, אוּן חָמֵץ טָאר מֶען שׁוֹין נִישְׁט עֶסְן, אוּן מַצָה קֶען מֶען נָאכְנִישְׁט עֶסְן, אוּן פוּן גְרוֹיס הוּנְגֶער הָאט זִיךְ דֶער בָּחוּר גֶעמַאכְט דֶעם חֶשְׁבּוֹן אַז דֶער נוֹדַע בִּיְהוּדָה הָאט דָאךְ אוֹיסְגֶערֶעכְנְט עֶטְלִיכֶע שִׁיטוֹת וָואס הַאלְטְן אַז מֶען מֶעג עֶס יָא עֶסְן, גֶעטְרַאכְט אוּן גֶעטוּהן, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעגֶעסְן דֶעם גַאנְצְן קוּגְל, אוּן פַארְן בַּעַל הַבַּיִת הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז דֶער נוֹדַע בִּיְהוּדָה הָאט עֶס גֶע׳אֲסַר׳ט, אוּן אַז עֶר הָאט עֶס שׁוֹין פַארְבְּרֶענְט דֶעם קוּגְל.

אָבֶער גְלַייךְ נָאכְן אוֹיפְעֶסְן דֶעם קוּגְל הָאט דֶער יֵצֶר הָרַע אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרְבֶּעטְן אוֹיף דֶעם בָּחוּר, ״קוּק וִוי אַזוֹי דוּ בִּיזְט אַזוֹי שְׁטַארְק נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אַז דוּ הָאסְט גֶעגֶעסְן חָמֵץ וָואס דָאס אִיז אַזוֹי הַארְבּ, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין אִים אַ שְׁטַארְקֶע מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן יִאוּשׁ אַז עֶר אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ וַוייל עֶר הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף אַזַא הַארְבֶּע אִיסוּר.

בַּיינַאכְט וֶוען דֶער בָּחוּר הָאט גֶעדַארְפְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל הַמִּטָּה, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ ״אִיךְ גֵיי יֶעצְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע? אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעטוּהן הַיינְט אַזַא הַארְבֶּע אִיסוּר״, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע, אִינְדֶערְפְרִי הָאט עֶר שׁוֹין אַוַדַאי זִיךְ נִישְׁט גֶעוַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער, וַוייל עֶר הָאט דָאךְ שׁוֹין עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף אַן אִיסוּר כָּרֵת, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין סֵיי וִוי אָפְּגֶערִיסְן פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן אַזוֹי אִיז עֶס גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער, פוּן אֵיין עֲבֵירָה צוּ נָאךְ אַן עֲבֵירָה, בִּיז עֶר אִיז אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶע׳שְׁמַד׳ט אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גַלַח, אוּן דֶערְנָאךְ אַ בִּישׁוֹף.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער נוֹדַע בִּיְהוּדָה הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים, בִּיז עֶר הָאט אִים מַחְזִיר בִּתְשׁוּבָה גֶעוֶוען, עֶר הָאט אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן אַלֶע זַיינֶע נַארִישְׁקַייטְן, אוּן עֶר הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּהן.

זֶעהט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה דִי וִויכְטִיגְקַייט פוּן דָאס וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס מֶען הָאט, וַוייל אוֹיבּ מֶען וֶועט זִיךְ נִישְׁט שְׁטַארְקְן מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן, נָאר מֶען וֶועט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים וָואס מֶען הָאט קֶען מֶען זִיךְ אַזוֹי וַוייט דֶערְקַייקְלֶען בִּיזְן אַוֶועקְגֵיין אִינְגַאנְצְן פוּן אִידִישְׁקַייט רח״ל.

אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן שְׁטֶענְדִיג, אוּן קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים וָואס מֶען הָאט, אוּן דָאס פוּן דִי הוֹיפְּט יְסוֹדוֹת וָואס אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְן.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַז מָשִׁיחַ וֶועט אַיינֶעמֶען דִי וֶועלְט דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם לִימוּד, אַז מֶען דַארְף זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן אוּן נָאר קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען טוּט אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן אַזוֹי זָאגְן חֲזַ״ל (פְּסִיקְתָּא דְרַבִּי כַּהֲנָא) אַז מָשִׁיחַ וֶועט זַיין אָנְגֶעטוּהן מִיט אַזַא בֶּגֶד וָואס וֶועט הָאבְּן אִין זִיךְ דִי גוּטֶע זַאכְן פוּן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

(שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלַב, מִכְתָּב ב׳ אלפים ק״ה)

# אַ גוּטֶע פַּרְנָסָה

דִּי חַזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ב') יָפָה תַּלְמוּד תּוֹרָה עִם דֶּרֶךְ אֶרֶץ, שֶׁיְּגִיעַת שְׁנֵיהֶם מְשַׁכַּחַת עָוֹן; עֶס אִיז גוּט אַיינְצוּטֵיילְן דֶּעם טָאג הֶעלְפְט לֶערְנֶען אוּן הֶעלְפְט עוֹסֵק זַיין אִין פַּרְנָסָה, עֶס אִיז בַּאוִויסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן הָאבְּן עֶפֶּעס אַ פַּרְנָסָה אִין דִּי הַאנְט, דָאס הֵייסְט עֶפֶּעס אַ פַאךְ, כְּדֵי דֶער מֹחַ זָאל אִים זַיין פְרֵיי צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תק"א); זָאלְסְט וִויסְן אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ גֶעהֶערִיגֶע פַאךְ אִין דֶער הַאנְט, דַארְף עֶר נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ קַיין טוֹבוֹת פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, אוּן עֶס קוּמְט אַרַיין אַ בְּרָכָה אִין זַיינֶע הֶענְט, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף נֶעמֶען אַזַא פַאךְ וָואס עֶס צִיעֶט אִים צוּ דֶעם, אֵיינֶער אִיז אַ סוֹפֵר, אֵיינֶער אִיז אַ מְלַמֵּד, אֵיינֶער אִיז אַ שׁוֹחֵט, אֵיינֶער הָאט אַ סְטָאר וְכוּ' וְכוּ', יֶעדֶער מֶענְטְשׁ צִיעֶט צוּ עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אָבֶּער וִויסְן דַארְף עֶר וִויסְן אַז מֶען מוּז הָאבְּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים'ס הִילְף, וִוי דִּי חַזַ"ל זָאגְן (קִדּוּשִׁין ד') לְעוֹלָם יְלַמֵּד אָדָם אֶת בְּנוֹ אוּמְנוּת נְקִיָּה וְקַלָּה, וְיִתְפַּלֵּל לְמִי שֶׁהָעֹשֶׁר וְהַנְּכָסִים שֶׁלּוֹ, שֶׁאֵין אוּמְנוּת שֶׁאֵין בָּהּ עֲנִיּוּת וַעֲשִׁירוּת, שֶׁלֹּא עֲנִיּוּת מִן הָאוּמְנוּת וְלֹא עֲשִׁירוּת מִן הָאוּמְנוּת, אֶלָּא הַכֹּל לְפִי זְכוּתוֹ; אִיבֶּערְדֶעם וֶועט נִישְׁט צוּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ צוּשִׁיקְן אַ גוּטֶע פַּרְנָסָה, זַיי נִישְׁט צוּפַאלְן בַּיי זִיךְ, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן אַ גוּטְן רָצוֹן דֶעמָאלְטְס הָאט מֶען אַלֶעס, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט דְרֵיי מָאל אַ טָאג (תְּהִילִים קמ"ה) "פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן" וָואס לִכְאוֹרָה וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי 'מָזוֹן', וִוי קוּמְט אַרַיין דָא "רָצוֹן"? נָאר אַז מֶען הָאט אַ רָצוֹן הָאט מֶען אַלֶעס, אוּן דִּי וֶועלְט זָאגְט "אַז מֶען אִיז פוֹיל הָאט מֶען נִישְׁט אִין מוֹיל".

(אשר בנחל באידיש חלק ד' מכתב תט"ו)

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

## מוהרא"ש קומט אין ישיבה פאר א פלוצלינגע באזוך

די וואך דינסטאג האבן מיר געהאט די זכי' אז מוהרא"ש שליט"א איז געקומען אין ישיבה אויף א באזוך, ווי די בחורים האבן געהאט די זכי' צו הערן דברות קודש פון מוהרא"ש שליט"א.

מוהרא"ש האט זיך די וואך צוריק געקערט פון ארץ ישראל, און פון די ערשטע זאכן אויפ'ן סדר היום איז געווען צו באזוכן די הייליגע ישיבה פון וואס ער שעפט אזויפיל נחת.

עס זענען זיך צוזאמגעקומען אלע בחורי הישיבה, מיט א גרויסע עולם אנשי שלומינו מיט צו האלטן די דרשה.

מוהרא"ש האט ארום גערעדט פון די גרויסקייט פון לימוד התורה וואס דאס ברענגט אלע גוטע זאכן פארן מענטש, און דאס זעהט מען ברוך ה' אין ישיבה ווי אלע בחורים אן אויסנאם לערנען יעדן טאג יעדער איינער זיינע שיעורים, יעדער בחור האט שוין זוכה געווען צו ענדיגן כאטש איינמאל ששה סדר משנה, און אנדערע האבן שוין געענדיגט מערערע מאל, איינער צעהן מאל, איינער פופציג מאל און געוויסע האבן שוין געענדיגט הונדערט און איין מאל, און אויך האבן די בחורים שיעורים אין גמרא, א גרויס חלק פון די בחורים האבן שוין געענדיגט הונדערט און איין מאל מסכת תענית, הונדערט און איין מאל מסכת ברכות, א.א.וו. יעדער בחור מיט זיינע לימודים.

מוהרא"ש האט געזאגט: פון אנפאנג האבן אסאך געשריגן אז ווער עס לערנט אין די ישיבה קען פארגעסן פון א חתן ווערן, קיינער וועט אים נישט וועלן נעמען, אבער למעשה זעהט מען ווי עס איז שוין ארויסגעקומען אזויפיל אינגעלייט פון ישיבה, עס האלט שוין היינט ביי פערציג-פופציג אברכים יוצאי ישיבתינו הק', עס איז שוין כמעט נישטא קיין עלטערע בחורים אין ישיבה.

מוהרא"ש האט מחזק געווען די בחורים אז זיי זאלן זיך ווייטער שטארקן צו לערנען די הייליגע תורה ווייל נאר דאס בלייבט פון א מענטש, און דאס ברענגט אלעס גוט'ס פארן מענטש.

דערנאך האט מען געזינגען אינאיינעם, און דער עולם איז זיך צוגאנגען מיט פילע הויפענעס חיזוק ווייטער אנצוגיין, צו לערנען תורה און דינען דעם אייבערשטן מיט שמחה.

**רק חזק ואמץ!**

***

## דרשות התעוררות והתחזקות פארגעקומען פאר די חשובע מאמע'ס פון די מוסדות

עס איז שוין ברייט באקאנט די פעולות פון די פרויען פאראיין שע"י מוסדותינו הק', אין וואס די חשובע פרויען פון אנשי שלומינו העלפן זיך ארויס איינער דעם צווייטן מיט אלעס וואס פעלט זיך אויס.

שוין א לענגערע צייט וואס עס גייט אן די חשובע ארגאניזאציע "עזר ליולדות" וואס פרויען קאכן און שטעלן צו אלע באדערפעניש'ן פאר קימפעטארען'ס אויפ'ן שענסטן אופן, מיט וואס זיי זענען זיך ממש מחי'.

ווי אויך שטעלט מען צו שיעורים פאר די פרויען דורך חשובע פרויען פון אנ"ש וואס געבן שיעורים זיך צו שטארקן און אנגיין לויט די הייליגע לימודים פון רבי'ן אזוי ווי מוהרא"ש לערנט אונז.

די פארגאנגענע וואך מאנטאג איז פארגעקומען א שיעור פאר די פרויען, ווי עס זענען זיך צוזאמגעקומען א גרויסע צאל פרויען מיטצוהאלטן, און ברוך ה' אז עס איז געקרוינט געווארן מיט

המשך בדף ג


### סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
מו"ה **נתן פריעדמאן** הי"ו
מחשובי הנהלת מוסדותינו הק'
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב
דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער. אמן

### סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
החתן **לייבי ראטטענבערג** נ"י
מתלמידי ישיבתינו הק'
צו די שמחת תנאים למזל טוב
דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד דורות ישרים ומבורכים, אמן

### ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב
**27 Skillman St.**
**347-977-7994** אדער רופט

### קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים
פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א
אויך קען מען מיטהאלטן
יעדע וואך דעם שיעור
מיט א לייוו הוק-אפ
**212-444-9191**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון**
**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

יום טוב שבועות, שנת תשע"ג לפ"ק

שנה 2, גליון 34 (84)


**זמנים**

הדלקת הנרות.................7:47
מוצאי יו"ט.....................9:20
סוף זמן ק"ש....................8:39

**שיעורים כסדרן**

בבלי.................עירובין ס"ח
ירושלמי...............גיטין נ"ה
תוספתא............עוקצין פרק א'

## קַבָּלַת הַתּוֹרָה

**וַיֵּרֶד מֹשֶׁה מִן הָהָר אֶל הָעָם וַיְקַדֵּשׁ אֶת הָעָם וַיְכַבְּסוּ שִׂמְלֹתָם**, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען פוּן בַּארְג צוּם פָאלְק, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעהֵייליגְט אוּן גֶעוַואשְׁן דִי קְלֵיידֶער.

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ה) אַז מֶען דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען מֶען אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן, מִיט עֶסְן, טְרִינְקְן אוּן שְׁלָאפְן, וֶוען מֶען טוּט עֶס אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, אִיז דָאס אוֹיךְ "עֲבוֹדַת ה'".

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז דֶער גוּף וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן וִוי אַ קְלֵייד פַאר דִי נְשָׁמָה.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיֵּרֶד מֹשֶׁה מִן הָהָר אֶל הָעָם**, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען צוּ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, **וַיְקַדֵּשׁ אֶת הָעָם**, אוּן עֶר הָאט גֶעהֵייליגְט דָאס פָאלְק, **וַיְכַבְּסוּ שִׂמְלֹתָם**, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט אוֹיסְגֶעוַואשְׁן אוֹיךְ זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, עֶר הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אוֹיךְ מִיטְן גוּף, וָואס אִיז וִוי אַ קְלֵייד פַאר דִי נְשָׁמָה, קֶען מֶען אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה יִתְרוֹ ה)

***

**אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים**, מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') אַז אַ אִיד דַארְף וִויסְן אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, סַיי וֶוען עֶס זֶעהט אוֹיס גוּט, אוּן סַיי וֶוען עֶס זֶעהט אוֹיס שְׁלֶעכְט, אוּן דָאס אִיז עוֹלָם הַבָּא, וַוייל וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט יֶעדֶער וִויסְן אַז אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים נ.) אַז וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען אֲפִילוּ אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, מַאכְן דִי בְּרָכָה "הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב".

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, **אָנֹכִי** - אִיךְ בִּין דֶער זֶעלְבֶּער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, סַיי מִיטְן נָאמֶען - **ה'** וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף וֶוען עֶס גֵייט גוּט, אוּן סַיי מִיטְן

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ שָׁבוּעוֹת ~

עֶס קוּמְט דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, מֶען אִיז מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער אִיד נֶעמְט זִיךְ פָאר אַז פוּן יֶעצְט וֶועט עֶר לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִין אַזַא צַייט דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן אַז דִי תּוֹרָה גֵייט אָן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ אִין יֶעדֶע צַייט אוּן אִין יֶעדֶע מַצָּב, אֲפִילוּ פַאר דֶעם וָואס דַארְף אַרוֹיסְגֵיין אוֹיפְ'ן גַאס בְּרֶענְגְען פַּרְנָסָה.

אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְלָאגְט, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג, הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְן אַ "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד", צוּ זָאגְן אַסַאךְ תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען זָאגְט, אוּן מִיט דֶעם קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער אָן אוֹיסְנַאם זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

וֶוען אַ אִיד הַאלְט שְׁטֶענְדִיג אִין טַאשׁ אַ קְלֵיינֶע חוּמָשׁ, אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנַיוֹת, אַ קְלֵיינֶע תְּהִלִים, הָאט עֶר שְׁטֶענְדִיג מִיט זִיךְ אַ גוּטֶע בַּאגְלֵייטֶער וָואס וֶועט אִים אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְט'ס, וֶוען מֶען הָאט עֶטְלִיכֶע אִיבְּרִיגֶע מִינוּטְן, כַאפְּט מֶען אַרַיין צוּ זָאגְן עֶטְלִיכֶע פְּסוּקִים חוּמָשׁ, אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִים, אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, אוּן דָאס גְלַייכְן.

דָאס קֶען מֶען טוּהן שְׁטֶענְדִיג וִוי מֶען גֶעפִינְט זִיךְ נָאר, עֶס מַאכְט זִיךְ בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר דַארְף וַוארְטְן אַמָאל אִין דִי רַייעֶ אִין בַּאנְק, אִין אַ אָפִיס, אִין אַ גֶעשֶׁעפְט, אָדֶער סַיי וִוי, אוּן אַסַאךְ מָאל אִיז נָאךְ דָארְט פִיל מִיט אַלֶע קְלִיפּוֹת צוּ מַכְשִׁיל זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט שְׁטַארְק מִיט דֶעם צוּ לֶערְנֶען בְּגִירְסָא, צוּ זָאגְן תּוֹרָה, אִיז זֵייעֶר

המשך בדף ב

## קַבָּלַת הַתּוֹרָה

נָאמֶען - **אֱלֹקֶיךָ**, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף וֶוען עֶס גֵייט שְׁוֶוער פַּארְן מֶענְטְשׁ, שְׁטֶענְדִיג אִיז עֶס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס מֵיינְט נָאר דִי טוֹבָה פוּן מֶענְטְשׁ, אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים, אוּן דֶעמָאלְט׳ס וֶועט עֶר הֶעלְפְן, **אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם**, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן דָארְט גֶעאַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער, בִּיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר זֵיי אוֹיסְגֶעלֵייזְט מִיט גְרוֹיסֶע נִיסִים.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְן אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט שְׁוֶוער, קוּמְט עֶס נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר צוּ אִים דַארְף מֶען זִיךְ וֶוענְדְן, אוּן דֶעמָאלְט׳ס וֶועט עֶר הֶעלְפְן אוּן מֶען וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת.

(זֹאת הַתּוֹרָה יִתְרוֹ ט)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ

גְרִינְג עֶר זָאל נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת, מִיט קוּקְן וִוי מֶען טָאר נִישְׁט, אוּן נִשְׁפַּע וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע סְבִיבָה, אָבֶּער וֶוען מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ זָאגְן אַסַאךְ חוּמָשׁ, תְּהִלִּים אוּן מִשְׁנַיּוֹת, הָאט מֶען שְׁטֶענְדִיג אַ גוּטֶע בַּאגְלֵייטֶער, מֶען הַאלְט אִין טַאשׁ אַ קְלֵיינֶע סֵפֶר אוּן סַיי וִוי מֶען גֵייט כַּאפְּט מֶען אַרַיין צוּ זָאגְן אַבִּיסְל תּוֹרָה, אוּן דָאס הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְט׳ס בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

מִיט דֶעם קֶען מֶען מַסְבִּיר זַיין, וָואס דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (פְּסָחִים ס״ח) אַז רֶבִּי יוֹסֵף הָאט גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל אִים צוּגְרֵייטְן גוּטֶע עֶסְן אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת וַוייל ״וֶוען נִישְׁט דֶעם טָאג, וִויפִיל יוֹסֵף׳ס זֶענֶען דָא אוֹיפְ׳ן גַאס״, בְּפַשְׁטוּת מֵיינְט דָאס אַז רֶבִּי יוֹסֵף הָאט גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה, וַוייל אָן דִי תּוֹרָה וָואלְט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעוֶוען מֶער פוּן אַלֶע יוֹסֵף׳ס אוֹיפְ׳ן גַאס, אָבֶּער יֶעצְט מִיט דִי תּוֹרָה הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיינֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת.

אָבֶּער מֶען קֶען אוֹיךְ זָאגְן אַנְדֶערְשׁ פְּשַׁט, ״יוֹסֵף״ גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי קְדוּשָּׁה פוּן יוֹסֵף הַצַּדִּיק, וָואס אִיז דֶער סִימְבָּאל פוּן אָפְּגֶעהִיטֶענְקֵייט אוּן הֵיילִיגְקֵייט, וִוי אַזוֹי הָאט זִיךְ יוֹסֵף הַצַּדִּיק גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן נָאכְדֶעם וָואס זַיינֶע בְּרִידֶער הָאבְּן אִים פַּארְקוֹיפְט צוּ דֶעם טָמֵא׳נֶעם לַאנְד מִצְרַיִם? נָאר וַוייל עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן זַיין טַאטֶע צוּ זַיין צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ דִי תּוֹרָה, אוּן דָאס הָאט אִים אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְט׳ס.

דָאס אִיז גֶעוֶוען יוֹסֵף הַצַּדִּיק, אָבֶּער וָואס זָאלְן מִיר פָּשׁוּט׳עֶ מֶענְטְשְׁן טוּהן, וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶוען מִיר דַארְפְן אַרוֹיסְגֵיין אוֹיף דִי טָמֵא׳נֶע גַאס? וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת פוּן דִי הַיינְטִיגֶע שְׁוֶוערֶע גַאס?

אָבֶּער דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, קֶענֶען מִיר נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶע נִסְיוֹנוֹת, וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, צוּ זָאגְן אַסַאךְ פְּסוּקִים חוּמָשׁ אוּן קַאפִּיטְלַאךְ תְּהִלִּים, דָאס וֶועט אִים רַאטֶעוֶוען פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְט׳ס, דָאס וֶועט אִים הֶעלְפְן זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּנֶעם נֶעץ פוּן יֵצֶר הָרַע.

דָאס אִיז פְּשַׁט ״וֶוען נִישְׁט דֶעם טָאג, וִויפִיל יוֹסֵף׳ס זֶענֶען דָא אוֹיפְ׳ן גַאס״, וֶוען נִישְׁט דֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת וֶוען מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה, וִויפִיל יוֹסֵף הַצַּדִּיק׳ס זֶענֶען דֶען דָא אוֹיפְ׳ן גַאס? וִויפִיל אִידְן קֶענֶען זִיךְ דֶען דֶערְהַאלְטְן אַזוֹי וִוי יוֹסֵף הַצַּדִּיק, אוּן נִישְׁט וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת פוּן דִי גַאס?

אָבֶּער יֶעצְט אַז מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה, אוּן מֶען קֶען זָאגְן מִשְׁנַיּוֹת אוּן תְּהִלִּים אוֹיךְ וֶוען מֶען אִיז אוֹיף דִי גַאס, דוּרְךְ דֶעם קֶען זִיךְ יֶעדֶער בּוֹיעֶן אַ מוֹיעֶר אַרוּם זִיךְ, מִיט דִי פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת אוּן קַאפִּיטְלֶעך תְּהִלִּים, וָואס זֵיי הִיטְן אִים זִיכֶער אָפּ פוּן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְט׳ס.

## אַ נֵייעֶ תּוֹרָה

מוֹהֲרָא״שׁ שְׁלִיטָ״א זָאגְט אַז אַזוֹי וִוי מֶען פְרֵיידְט זִיךְ שִׂמְחַת תּוֹרָה מִיט דִי סֵפֶר תּוֹרָה, מֶען טַאנְצְט אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ אַז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן דִי תּוֹרָה, דִי זֶעלְבֶּע דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיךְ פְרֵייעֶן אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אָנְצוּהֵייבְּן דִי תּוֹרָה, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה פוּן נַיי.

עֶס הָאט אַמָאל פַּאסִירְט בַּיי רֶבִּי נָתָן אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען פְּתִיחָה צוּ אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי סֵפֶר תּוֹרָה פוּן אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ, אִיז רֶבִּי נָתָן אַרַיין אִין אַ גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת אוּן גֶעזָאגְט ״אַ נֵייעֶ תּוֹרָה, אַ נֵייעֶ תּוֹרָה״, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן מִיט דִי סֵפֶר תּוֹרָה אַרוּם דִי בִּימָה, אַזוֹי וִוי שִׂמְחַת תּוֹרָה, אוּן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן, אוּן מִיטְגֶעטַאנְצְן מִיט אִים.

וַוייל שָׁבוּעוֹת אִיז דִי צַייט וָואס יֶעדֶער אִיד קֶען אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ מְקַבֵּל צוּ זַיין דִי תּוֹרָה, אֲפִילוּ וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, קֶען יֶעצְט אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען, זִיךְ מְקַבֵּל זַיין אַז פוּן יֶעצְט וֶועט מֶען אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ חֵלֶק ט״ו, עֶרֶךְ שָׁבוּעוֹת)

## אויךְ אַ שִׂמְחָה בְּגַשְׁמִיוּת

דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים ס"ח) אַז אֲפִילוּ עֶס אִיז אַ מַחְלוֹקֶת צְוִוישְׁן רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר אוּן רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ, וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן יוֹם טוֹב, צוּ מֶען זָאל עֶס צוּטֵיילְן חֶצְיוֹ לַה' וְחֶצְיוֹ לָכֶם, אַ הַאלְבּ יוֹם טוֹב לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן אַ הַאלְבּ יוֹם טוֹב עֶסְן אוּן טְרִינְקְן, צוּ אוֹ כּוּלוֹ לַה' אוֹ כּוּלוֹ לָכֶם, מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְוֶועלְן אָדֶער אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב פַאר זִיךְ, אָבֶער בַּיי יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִיז יֶעדֶער מוֹדֶה אַז מֶען דַארְף אוֹיךְ עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, וַוייל דֶעמָאלְט'ס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה.

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, אוֹיבּ שָׁבוּעוֹת הָאבְּן מִיר בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה, וָואלְט מֶען גֶעדַארְפְט אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב נָאר לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן גָארְנִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁייכוּת מִיט גַשְׁמִיוּת, אוּן פַארְוָואס דַוְקָא בַּיי דֶעם יוֹם טוֹב אִיז יֶעדֶער מוֹדֶה אַז מֶען דַארְף עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען? נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז, אַז דִי תּוֹרָה אִיז אַ וֶועג-וַוייזֶער אֲפִילוּ בְּגַשְׁמִיוּת, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בַּמִדְבָּר רַבָּה יד, ט) פַארְוָואס הֵייסְט דִי תּוֹרָה "אוֹר", וַוייל עֶס מַאכְט לִיכְטִיג פַארְן מֶענְטְשׁ, עֶר זָאל וִויסְן וָואס עֶר הָאט צוּ טוּהְן, דִי תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז וִוי אַזוֹי צוּ עֶסְן טְרִינְקְן שְׁלָאפְן אוּן הַאנְדְלֶען, אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אוֹיךְ אַ שִׂמְחָה בְּגַשְׁמִיוּת, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן אוּן זִיךְ מִתְעַנֵג זַיין לְכָבוֹד יוֹם טוֹב.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה זִיךְ פָארְצוּנֶעמֶען יֶעצְט אִין יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, צוּ לֶערְנֶען שְׁטֶענְדִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִין יֶעדְן פְּלַאץ, אִין יֶעדֶע צַייט, אוּן אִין יֶעדֶע מַצָב, וֶועט אִים דִי תּוֹרָה זִיכֶער הִיטְן, אוּן אִים צוּבְּרֶענְגֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"ש חֵלֶק ט"ו, עֶרֶךְ שָׁבוּעוֹת)

***

## יֶעדֶער אִיד ווִיל לֶערְנֶען

דֶער אֱמֶת אִיז, אַז יֶעדֶער אִיד ווִיל לֶערְנֶען, יֶעדֶער אִיד ווִיל עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס, אוּן גַאנְץ שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן אַלֶע סְפָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, נָאר פַארְוָואס זֶעהט מֶען אַז נִישְׁט יֶעדֶער לֶערְנְט? דָאס קוּמְט נָאר פוּן דֶעם, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ ווִיל לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן בֶּעסְטְן וֶועג, אַז גְלַייךְ וֶוען עֶר הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען, זָאל עֶר שׁוֹין קֶענֶען קְלָאר דִי גְמָרָא, אוּן לְמַעֲשֶׂה זֶעהט עֶר דָאךְ אַז עֶס גֵייט נִישְׁט, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט אַזַא גוּטֶע קָאפּ, אָדֶער וַוייל עֶר הָאט גֶעטוּהן עֲבֵירוֹת וָואס הָאבְּן פַארְשְׁטָאפְּט זַיין קָאפּ, מְמֵילָא וֶוען עֶר זֶעהט אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, הֵייבְּט עֶר אָן צוּ שְׁמוּעֶסְן אוּן צוּ פַארְבְּרֶענְגְן, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט סוֹף טָאג, אוּן עֶר מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, אַז דֶער טָאג אִיז אִים אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען מִיט גָארְנִישְׁט, עֶר הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט אַרַיינְגֶעכַאפְּט אֵיין פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, אָדֶער אֵיין בְּלַאט גְמָרָא, אָדֶער אֵיין סִימָן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, וֶוערְט עֶר צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם, אוּן צוּם סוֹף הֶערְט עֶר אִינְגַאנְצְן אוֹיף צוּ לֶערְנֶען, אוֹיבּ אָבֶער עֶר וֶועט פָאלְגְן אוּן עֶר וֶועט לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם וֶועג וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, צוּ זָאגְן אַסַאךְ תּוֹרָה אִין אַ סֵדֶר, וֶועט עֶר אַרַיינְכַאפְּן זַייעֶר אַסַאךְ, אוּן עֶר וֶועט צוּם סוֹף אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס וָואס עֶר זָאגְט, וַוייל וֶוען אַ אִיד זָאגְט אַסַאךְ תּוֹרָה, עֶפֶענְט זִיךְ אוֹיף זַיין קָאפּ, אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט שׁוֹין אַלֶעס.

אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל אֵייבִּיג לֶערְנֶען, אֲפִילוּ וֶוען עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, אוּן אֲפִילוּ עֶר גֶעדֶענְקְט גָארְנִישְׁט, אוּן אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ שְׁטֵייט, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט, גֵייט יֶעדֶע וָוארְט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵיידְט זִיךְ מִיט יֶעדֶע וָוארְט.

(קוּנְטְרֵס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד)

## תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דָאס זָאגְן "תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת" אִין דִי הֵיילִיגֶע שָׁבוּעוֹת נַאכְט אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע תִּיקוּן, עֶס אִיז אַ תִּיקוּן אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן בִּטוּל תּוֹרָה פוּן אַ גַאנְץ יָאר, אוּן אוֹיךְ אִיז עֶס מְסוּגָל צוּ מְעוֹרֵר זַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ חֵשֶׁק אוּן אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר.

אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט אַז מֶען גִיבְּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַבִּיסְל עֶסְן צוּ פַארְזִיכְן, וַוייל מֶען ווִיל אַז נָאכְן טוֹעֵם זַיין זָאל עֶר שׁוֹין וֶועלְן קוֹיפְן דִי סָארְט עֶסְן, דִי זֶעלְבֶּע גִיבְּט מֶען פַארְן מֶענְטְשׁ הַיינְט נַאכְט אַבִּיסְל פוּן דִי תּוֹרָה צוּ פַארְזִיכְן, אַז דָאס זָאל אִים מְעוֹרֵר זַיין דִי חֵשֶׁק פַאר אַ גַאנְץ יָאר צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

אָבֶער מֶען דַארְף ווִיסְן אַז דֶער עִיקָר תִּיקוּן אִיז צוּ זָאגְן דֶעם עֶרְשְׁטְן אוּן לֶעצְטְן פָּסוּק פוּן יֶעדֶע פַּרְשָׁה אוּן סֵפֶר, אוּן דָאס וָואס מֶען הָאט צוּגֶעלֵייגְט אִין דִי "תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת" נָאךְ אַסַאךְ פַּרְשִׁיוֹת פוּן תּוֹרָה נְבִיאִים וּכְתוּבִים וָואס הָאבְּן שַׁייכוּת צוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אוּן קַבָּלַת הַתּוֹרָה, דָאס אִיז נִישְׁט פוּן דִי עִיקָר פוּנֶעם תִּיקוּן, אוּן דֶערְפַאר אִיז דָא אַמָאל מֶענְטְשְׁן וָואס זָאגְן בִּכְלַל נִישְׁט דֶעם תִּיקוּן וַוייל אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט אַז עֶס זֶענֶען דָא אַזוֹי סַאךְ צוּ זָאגְן, גִיבְּט מֶען אִינְגַאנְצְן אוֹיף אוּן מֶען זָאגְט גָארְנִישְׁט, דֶערְפַאר דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דֶער עִיקָר תִּיקוּן אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן לֶעצְטֶע פָּסוּק, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען עֶס זָאגְן מִיט חֵשֶׁק, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם גְרוֹיסְן תִּיקוּן פוּן אַלֶע עוֹלָמוֹת.

נָאכְן תִּיקוּן אִיז גוּט צוּ זָאגְן דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת, וַוייל מָארְגְן גֵייעֶן מִיר דָאךְ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, וָואס זֶענֶען דִי מִצְוֹת, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ צוּגְרֵייטְן אוּן ווִיסְן וָואס מֶען גֵייט מְקַבֵּל זַיין, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶס זַיין אַן אֱמֶת'עֶ קַבָּלָה.

אוּן דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זַיין גֶעוָוארֶענְט נִישְׁט צוּ פַארְבְּרֶענְגְן דִי הֵיילִיגֶע נַאכְט מִיט דְבָרִים בְּטֵלִים מִיט נַארִישְׁקַייטְן, וַוייל דֶער עִיקָר תִּקוּן אִיז פַאר דִי עֲבֵירָה פוּן בִּיטוּל תּוֹרָה, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶעהן נִישְׁט צוּצוּלֵייגְן נָאךְ בִּטוּל תּוֹרָה, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם תִּקוּן, קֶען מֶען לֶערְנֶען יֶעדֶער וָואס זַיין הַארְץ בַּאגֶערְט, מֶען זָאל טוֹעֵם זַיין אַבִּיסְל פוּן אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס מֶען ווִיל לֶערְנֶען אַ גַאנְץ יָאר וַוייל דִי נַאכְט אִיז זֵייעֶר מְסוּגָל פַאר דֶעם, זִיךְ אָנְצוּגְרֵייטְן שִׁיעוּרֵי תּוֹרָה צוּ לֶערְנֶען אַ גַאנְץ יָאר.

וִוי אוֹיךְ אִיז דִי נַאכְט זֵייעֶר מְסֻגָל צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְט פוּן דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים, אַז אִין דִי נַאכְט פוּן שָׁבוּעוֹת אִיז דָא אַ צַייט וָואס דֶעמָאלְט'ס עֶפֶענֶען זִיךְ אַלֶע טוֹיעֶרְן פוּן הִימְל, אוּן וָואס מֶען בֶּעהְט דֶעמָאלְט'ס וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען זֵייעֶר שְׁנֶעל, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶעהן אוֹיסְצוּנִיצְן דִי נַאכְט מִיט אַסַאךְ תְּפִלוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶעמָאלְט'ס וֶועט מֶען זִיכֶער פּוֹעֵל'ן אַלֶעס גוּט'ס וָואס מֶען דַארְף.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּנִיצְן דִי הֵיילִיגֶע שָׁבוּעוֹת נַאכְט וִוי עֶס בְּרוֹיךְ צוּ זַיין.

***

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי מָרְדְכַי פוּן נֶעשְׁכִיז זִי"עַ אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן אִיז אַמָאל גֶעזִיצְן שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט בַּיי זִיךְ אִין צִימֶער אוּן גֶעזָאגְט "תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת" מִיט גְרוֹיס הִתְעוֹרְרוּת, פְּלוּצְלוּנְג הָאט עֶר גֶעהֶערְט פוּן דִי דֶערְנֶעבְּנְדִיגְן צִימֶער אַז אֵיינֶער דְרֵייט זִיךְ דָארְט אַרוּם, יֶענֶער עֶפְנְט טִירְן אוּן שֶׁענְק אוּן זוּכְט עֶפֶּעס, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז מִן הַסְתָם אִיז דָאס אַ גַנָב וָואס זוּכְט עֶפֶּעס צוּ גַנְב'עֶנֶען.

המשך בדף ד

# תִּיקּוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת

המשך פון דף ג

רֶבִּי מָרְדְּכַי זי״ע הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּהן, פוּן אֵיין זַייט ווִיל עֶר נִישְׁט מַפְסִיק זַיין אִינְמִיטְן זָאגְן ״תִּיקּוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת״, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט ווִיל עֶר דָאךְ נִישְׁט אַז יֶענֶער זָאל אִים אַלֶעס בַּא׳גַנְב׳עֶנֶען, עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטְרַאכְט אַהֶער אוּן אַהִין בִּיז עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶס אִיז אַ גַּנָּב, אוּן עֶר קֶען אִים כַאפְּן בַּיי דִי גְנֵיבָה, אָבֶּער אֶפְשָׁר אִיז עֶס אַ אִיד, אוּן עֶר ווֶעט ווֶערְן פַארְשֶׁעמְט, דֶערְפַאר ווֶעט עֶר נִישְׁט מַפְסִיק זַיין, נָאר וַוייטֶער זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן.

ווֶען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם תִּיקּוּן, אִיז עֶר אַרַיין אִינֶעם דֶערְנֶעבְּנְדִיגְן צִימֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהן אַז עֶס אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַ גַּנָּב, אוּן יֶענֶער הָאט אָפְּגֶעטְרָאגְן מִיט אַלֶע זַיינֶע זַאכְן, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט פוּן דֶעם גְרוֹיס צַעַר, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז נָאךְ יוֹם טוֹב ווֶעט עֶר פָארְן צוּ זַיין רֶבִּי׳ן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פִּנְחָס׳ל קָארִיצֶער זי״ע אוּן מִיט אִים זִיךְ דוּרְךְ רֶעדְן וָואס עֶר דַארְף צוּ טוּהן.

אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּהן, נָאךְ יוֹם טוֹב אִיז עֶר גֶעפָארְן צוּ זַיין רֶבִּי׳ן אוּן דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, הָאט אִים רֶבִּי פִּנְחָס זי״ע גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ עֶר ווֶעט זִיךְ פָארְנֶעמֶען זִיךְ צוּ אָפְּהִיטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק פוּן שֶׁקֶר, פוּן זָאגְן לִיגְנְט, ווֶעט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן אַז עֶר ווֶעט צוּרִיק בַּאקוּמֶען דִי גַאנְצֶע גְנֵיבָה, אוּן עֶס ווֶעט אִים גָארְנִישְׁט פֶעלְן, אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען עֶר הָאט זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען צוּ זַיין זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט צוּ זָאגְן נָאר דֶעם אֱמֶת שְׁטֶענְדִיג, אוּן ווֶען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן בַּיים שְׁוֶועל פוּן זַיין טִיר אַ זַאק פִיל מִיט אַלֶע גֶע׳גַנְב׳טֶע זַאכְן, דֶער גַּנָּב הָאט חֲרָטָה גֶעהַאט אוֹיף וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן אוּן עֶר הָאט אַלֶעס צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט.

זֶעהט מֶען פוּן דֶעם דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן זָאגְן ״תִּיקּוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת״, אַז רֶבִּי מָרְדְּכַי פוּן נֶעשְׁכִּיז זי״ע הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מַפְסִיק זַיין אִינְמִיטְן אֲפִילוּ צוּ כַאפְּן אַ גַּנָּב, אוּן צוּם סוֹף הָאט עֶר לְמַעֲשֶׂה גָארְנִישְׁט פַארְלוֹירְן, וַוייל עֶר הָאט צוּרִיק בַּאקוּמֶען דִי גַאנְצֶע גְנֵיבָה.

עֶס אִיז זִיכֶער אַז דֶער כֹּחַ אוּן זְכוּת פוּן דִי קַבָּלַת הַתּוֹרָה אוּן עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת וָואס דֶער צַדִּיק רֶבִּי מָרְדְּכַי זי״ע הָאט גֶעלֵיינְט, וָואס אֵיינְס פוּן דִי דִּבְּרוֹת דֶערְפוּן אִיז ״לֹא תִּגְנֹב״ הָאט זִיכֶער גֶעהָאלְפְן אַז דֶער גַּנָּב הָאט חֲרָטָה גֶעהַאט פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, אוּן צוּרִיק גֶעגֶעבְּן דִי גְנֵיבָה.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״ש חֵלֶק ט״ו, עֶרֶךְ שָׁבוּעוֹת)

# הדרן עלך
# ששה סדרי תוספתא!

## מען הייבט אן די
## פערצנטע מחזור אין תוספתא

עס איז גרויס די פרייד ביי אלע אנשי שלומינו אז מיטן אייבערשטנ׳ס הילף ענדיגט מען יעצט צום דרייצענטן מאל **ששה סדרי תוספתא**, און דעם שבת פרשת נשא הייבט מען אן די פערצנטע מחזור אין תוספתא.

שוין גאר אסאך יארן וואס עס איז איינגעפירט ביי אנשי שלומינו צו לערנען יעדן טאג א דף גמרא פון תלמוד בבלי און א דף פון תלמוד ירושלמי, אזוי ווי עס איז געדרוקט אין די לוח ברסלב.

אין יאר תשנ״ח לפ״ק אינעם יום טוב שבועות, דער טאג וואס מיר זענען מקבל די תורה פון דאסניי, האט מוהרא״ש שליט״א צוגעלייגט אז מען זאל אויך לערנען יעדן טאג א פרק פון תוספתא, און מיט דעם האט מען א גאנצע בי״ת, ב׳בלי י׳רושלמי ת׳וספתא.

מען זעהט אז בגשמיות זוכט יעדער צו האבן א שיינע געשמאקע גרויסע הויז פאר זיך און פאר די משפחה מיט ישוב הדעת, און אזוי זאגן חז״ל (סוכה נ״ז:) אז א דירה נאה איז איינ׳ס פון די זאכן וואס זענען מרחיבין דעתו של אדם, און אויב אזוי דארף דאך א מענטש זיכער זיכן אז ער זאל האבן א שיינע גוטע הויז אויך אויף יענע וועלט, וואס דאס בלייבט אויף אייביג, און מיט דעם וואס מען לערנט יעדן טאג בבלי ירושלמי און תוספתא, און מען גייט עס איבער איין מאל און נאכאמאל, מיט דעם בויעט מען זיך אויף א שיינע הערליכע געשמאקע הויז אויף יענע וועלט, וואס דאס בלייבט פארן מענטש אויף אייביג.

מען זעהט ליידער מענטשן וואס עס קען זיי דורכגיין די גאנצע זיבעציג יאר און זיי האבן נישט זוכה געווען אפילו איין מאל אדורך צו גיין און ענדיגן בבלי ירושלמי תוספתא, און זיי גייען אוועק פון די וועלט אן גארנישט, און עס איז א גרויס רחמנות אויף זייערע נשמות, און דערפאר דארף מען האבן שכל און זעהן אריינצוכאפן צו לערנען יעדן טאג כאטש איין דף בבלי און איין דף ירושלמי און א פרק תוספתא, און מיט גרייט מען זיך אן גוטע שפעזן מיטצונעמען אויף יענע וועלט.

יעצט ווען מען גייט אנהויבן א פרישע מחזור אין לימוד התוספתא, איז די פאסיגסטע צייט זיך מיטצוכאפן, און אנהויבן מיטן סדר צו לערנען יעדן טאג א פרק תוספתא, און נאכדערצו אז מיר האלטן יעצט ביי קבלת התורה, איז די בעסטע צייט טנצוהייבן א פרישע שיעור אין די הייליגע תורה.

עס ווערט געדרוקט יעדע וואך די פרקים וואס מען לערנט יענע וואך לויטן סדר פונעם לוח ברסלב, באותיות גדולות מאירות עינים מיט נקודות, מיט א פירוש אויף די שווערע ווערטער.

מען קען עס באקומען יעדע וואך אויף אימעיל, אויב זענט איר אינטערעסירט צו באקומען יעדע וואך די קונטרס, שיקט אן אימעיל צו **breslevcenter@gmail.com**, און ער וועט דאס באקומען מיטן אייבערשטנ׳ס הילף יעדע וואך.

**גדול יהיה כבוד הבי״ת הזה!**





## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ״ק מוהרא״ש שליט״א

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ׳ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב און נאך.

**27 Skillman St.**

אדער רופט 347-977-7994

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות.......................7:50
מוצש"ק.............................9:22
סוף זמן ק"ש.......................8:38

**שיעורים כסדרן**
בבלי.........................עירובין ע"א
ירושלמי.....................קדושין ד'

**מתחילין תוספתא מחזור י"ד!**
תוספתא....................ברכות פרק א'

פרשת נשא, ט' סיון, אבות פרק א', שנת תשע"ג לפ"ק — שנה 2, גליון 35 (85)

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן גַּם הֵם לְבֵית אֲבֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם**, מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) אַז **אַזוֹי ווִי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אוֹיךְ גְלֵייבְּן אִין זִיךְ, אַז עֶר אִיז אוֹיךְ חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים הָאבְּן**, ווַייל דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט לִיבּ צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיר נִישְׁט, דוּ בִּיזְט גָארְנִישְׁט ווֶערְט, פוּן דִיר ווֶעט שׁוֹין גָארְנִישְׁט ווֶערְן" דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ אִיד זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן ווִיסְן אַז עֶר אִיז יָא זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיט יֶעדֶע מִצְוָה ווָאס עֶר טוּט, מַאכְט עֶר אַ גֶעווַאלְדִיגֶע נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן סְפֶּעצִיעֶל דִי ווָאס זֶענֶען מְקוּרָב צוּ אַ צַדִיק, זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ב) אַז דִי ווָאס זֶענֶען מְקוּרָב צוּ אַן אֱמֶת'ן צַדִיק פַאלְט אוֹיף זֵיי אַרוֹיף אַ שִׁפְלוּת, זֵיי פִילְן זֵייעֶר גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ, ווַייל כְּדֵי צוּ בַּאקוּמֶען דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן ווָאס מֶען בַּאקוּמְט בַּיים צַדִיק, דַארְף מֶען קוֹדֶם דוּרְךְ גֵיין שְׁווֶערִיקַייטְן, אוּן דֶערְפַאר דַארְפְן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער פָּסוּק פָארִיגֶע ווָאךְ "**נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי קְהָת**" הֵייבּ אוֹיף דִי קֶעפּ פוּן דִי בְּנֵי קְהָת, שְׁטַארְק זֵיי, זֵיי דַארְפְן אַסַאךְ חִיזוּק, ווַייל זֵיי זֶענֶען אַזוֹי נָאנְט צוּ אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ, צוּ דִי הֵיילִיגֶע מִשְׁכָּן, דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, אוּן זֵיי דַארְפְן אַז דוּ זָאלְסְט זֵיי מְחַזֵק זַיין.

אָבֶּער דֶער פָּסוּק זָאגְט אוֹיךְ "**נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן גַּם הֵם**" דִי בְּנֵי גֵרְשׁוֹן זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ נָאנְט צוּם מִשְׁכָּן, אוּן זֵיי דַארְף מֶען אוֹיךְ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן מְחַזֵק זַיין, "**לְבֵית אֲבֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם**", זֵיי זָאלְן ווִיסְן פוּן ווָאסֶערֶע חָשׁוּב'ֶע מִשְׁפָּחָה זֵיי שְׁטַאמֶען, אוּן זֵיי זָאלְן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אוּן נִישְׁט ווֶערְן צוּפַאלְן אוּן צוּבְּרָאכְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע ווָאס ווִיל זֵיי צוּבְּרֶעכְן, נָאר זֵיי זָאלְן גֶעדֶענְקְן אַז זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה, נָשֹׂא, א')

***

**יְבָרֶכְךָ ה' וְיִשְׁמְרֶךָ**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר בֶּענְטְשְׁן אוּן אָפְּהִיטְן, זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ (בַּמִדְבָּר רַבָּה יא, ה) יְבָרֶכְךָ ה', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט ~

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט, אַז רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט, אַז פַאר עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אִיז עֶר אוֹיךְ גֶעווֶען אַ גְרוֹיסֶער מַתְמִיד, עֶר הָאט זֵייעֶר פְלַייסִיג גֶעלֶערְנְט, עֶר הָאט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען לַאנְגֶע שָׁעָה'ן, אָבֶּער ווֶען עֶר אִיז גֶעווֶען פַארְנוּמֶען, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט גֶעהֶערִיג צַייט זִיךְ אַרָאפְּצוּזֶעצְן לֶערְנֶען, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעלֶערְנְט.

אָבֶּער ווֶען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז "אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט", אוֹיבּ קֶען מֶען יֶעצְט נִישְׁט לֶערְנֶען אַסַאךְ, זָאל מֶען לֶערְנֶען כָאטְשׁ אַבִּיסְל, אוּן דָאס הָאט אִים אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט דֶעם לֶעבְּן, ווַייל אוֹיף דֶעם ווֶעג, אֲפִילוּ ווֶען עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין צַייט צוּ לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג, הָאט עֶר כָאטְשׁ גֶעלֶערְנְט אַבִּיסְל, ווִיפִיל עֶר הָאט יָא גֶעקֶענְט.

אוּן דִי עֵצָה קֶען אוֹיךְ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ נִיצְן אִין לֶעבְּן, אוֹיף זֵייעֶר אַסַאךְ ווֶעגְן.

### בַּיים לֶערְנֶען

עֶס אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶערְנֶען אָן דֶעם, ווַייל כִּמְעַט יֶעדְן טָאג מַאכְט זִיךְ בַּיי אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֶערוּנְגֶען אוּן בִּלְבּוּלִים, צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, אָדֶער עֶר אִיז פַארְנוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן, אוּן אוֹיבּ עֶר הָאט נָאר גְרוֹיסֶע שִׁיעוּרִים ווֶעט עֶר עֶס נִישְׁט קֶענֶען לֶערְנֶען.

אָבֶּער ווֶען מֶען ווֵייסְט אַז "אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט", ווֶעט מֶען אָפְּמַאכְן מִיט אַ שְׁטַארְקַייט: "אֲפִילוּ אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען, אוּן אִיךְ קֶען יֶעצְט נִישְׁט לֶערְנֶען, ווֶעל אִיךְ אָבֶּער אַרַיינְכַאפְּן נָאר אֵיין פָּסוּק

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

בֶּענְטְשְׁן מִיט גֶעלְט, (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יב, ג), וְיִשְׁמְרֶךָ, אוּן אָפְּהִיטְן פוּן מַזִּיקִין.

מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ח) אַז בֶּאֱמֶת וָואלְט יֶעדֶער אִיד גֶעדַארְפְט הָאבְּן גֶעלְט, נָאר עֶס אִיז דָא אֵיין שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה וָואס דָאס נֶעמְט אַוֶועק דִי גֶעלְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דִי מִדָּה, אֲפִילוּ וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז דוּרְךְ דֶעם וֶועט מֶען פַארְלִירְן גֶעלְט, קֶען מֶען זִיךְ אָבֶּער נָאךְ אַלְץ נִישְׁט מִתְגַּבֵּר זַיין דֶערוֹיף.

אוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה אִיז "כַּעַס", וַוייל כַּעַס אוּן גֶעלְט קוּמֶען פוּן דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, אוּן וֶוען מֶען וֶוערְט אִין כַּעַס, מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, דוּרְךְ דֶעם פַארְלִירְט מֶען דִי גֶעלְט, **וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע זֶעהט אַז עֶס דַארְף יֶעצְט אַרָאפְּקוּמֶען הַשְׁפָּעוֹת פוּן גֶעלְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, שְׁטֶעלְט עֶר אִים אוּנְטֶער אַ נִסָּיוֹן פוּן כַּעַס, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט אַדוּרְךְ, עֶר וֶוערְט גֶערֶעגְט, פַארְלִירְט עֶר זַיין גֶעלְט.**

וַוייל מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶערֶעגְט בַּאשַׁאפְט עֶר שְׁלֶעכְטֶע מַזִּיקִים, וָואס זֵיי זֶענֶען אִים מְצַעֵר אוּן מַאכְן שָׁאדְן זַיין גֶעלְט.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק "יְבָרֶכְךָ ה' בְּמָמוֹן" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר בֶּענְטְשְׁן מִיט גֶעלְט, אָבֶּער עֶס פֶּעלְט נָאךְ אוֹיס "וְיִשְׁמְרֶךָ מִן הַמַּזִּיקִין" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר אָפְּהִיטְן פוּן דִי מַזִּיקִים וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פוּן כַּעַס, אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה נָשֹׂא ג')

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגּוּם, דָאס קֶען אִיךְ דָאךְ יָא אַרַיינְכַאפְּן", אוּן נָאכְדֶעם אוֹיבּ מֶען קֶען כַאפְּט מֶען אַרַיין נָאךְ אַ פָּסוּק אוּן נָאךְ אַ פָּסוּק, בִּיז מֶען עֶנְדִיגְט אַ גַאנְצֶע פַּרְשָׁה חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגּוּם, אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען בְּלַייבְּט נָאר בַּיי אֵיין פָּסוּק, דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן וַוייל "אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט".

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט מִשְׁנַיוֹת, אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז זֵייעֶר טָרוּד אוּן פַארְנוּמֶען, כַאפְּט מֶען אַרַיין כָאטְשׁ אֵיין מִשְׁנָה, פַארְדֶעם הָאט מֶען דָאךְ יָא צַייט, אוּן רוֹב מָאל וֶועט מֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן בַּיי דֶעם, מֶען וֶועט שׁוֹין אַרַיינְכַאפְּן נָאךְ אַ מִשְׁנָה אוּן נָאךְ אַ מִשְׁנָה, בִּיז אַ גַאנְצֶע פֶּרֶק, אוּן אַמָאל צְוֵויי דְרֵיי פְּרָקִים אוֹיךְ, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי גְּמָרָא אֲפִילוּ נָאר אַפָּאר שׁוּרוֹת אִיז אוֹיךְ חָשׁוּב, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אֲפִילוּ אֵיין סְעִיף אִיז אוֹיךְ חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי בַּיי אַלֶע לִימוּדִים.

### אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי מִדּוֹת

וֶוער עֶס נֶעמְט גוּט אַרַיין אִין קָאפּ אַז "אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט" קֶען זִיךְ אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן זַיינֶע מִדּוֹת אוֹיף אַ גְרִינְגֶע וֶועג, וַוייל דֶער אֱמֶת אִיז אַז יֶעדֶער אִיד וִויל זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, יֶעדֶער וָואלְט גֶעקֶענְט בַּאשְׁטֵיין צוּ הָאבְּן גוּטֶע מִדּוֹת, נָאר אַזוֹי וִוי מֶען הָאט שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַזוֹיפִיל מָאל זִיךְ אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן דִי מִדּוֹת, אוּן מֶען הָאט גֶעזֶעהן אַז עֶס גֵייט נִישְׁט, דֶערְפַאר גִיבְּט מֶען אִינְגַאנְצְן אוֹיף: "אִיךְ וֶועל שׁוֹין קַיין מֶענְטְשׁ נִישְׁט זַיין, אִיךְ זֶעה דָאךְ אַז אִיךְ פְּרוּבִּיר אַזוֹיפִיל מָאל אוּן עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט".

אוֹיבּ וֵוייסְט מֶען אָבֶּער אַז "אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט", אֲפִילוּ מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אִינְגַאנְצְן, טוּט מֶען כָאטְשׁ וִויפִיל מֶען קֶען יָא, אֵיין מִינוּט פְּרוּבִּירְט מֶען צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֵיינְמָאל הַאלְט מֶען זִיךְ צוּרִיק פוּן קוּקְן וִוי מֶען טָאר נִישְׁט, אֵיינְמָאל הַאלְט מֶען זִיךְ צוּרִיק פוּן כַּעַס מֶען רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף, אוּן אַזוֹי בַּיי אַלֶע מִדּוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע גֶעוואוֹינְהַייטְן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען הַאלְט זִיךְ נָאר אֵיינְמָאל צוּרִיק אִיז עֶס אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער עֶס בְּלַייבְּט נִישְׁט בַּיי דֶעם, פוּן אַבִּיסְל וֶוערְט אַסַאךְ, אוּן מִיט דִי צַייט גֶעוואוֹינְט מֶען זִיךְ צוּ, צוּ הָאבְּן גוּטֶע מִדּוֹת, אוּן צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ.

### שִׂמְחָה

בַּיי דִי מִדָּה פוּן שִׂמְחָה קֶען מֶען אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק נִיצְן דִי עֵצָה אַז "אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט", וַוייל וֶוער וִויל דֶען נִישְׁט זַיין אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ? נָאר אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ אַזֶעלְכֶע צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים, אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַז עֶר זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אָבֶּער וֶוען מֶען נִיצְט דִי עֵצָה אַז אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט, "פַאר אֵיין מִינוּט וֶועל אִיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ וֶועל גֶעבְּן אֵיין שְׁמֵייכְל פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, אִיךְ וֶועל זָאגְן אֵיין גוּט וָוארְט פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד", אַזוֹי קוּמְט צוּ נָאךְ אַבִּיסְל אוּן נָאךְ אַבִּיסְל בִּיז מֶען וֶוערְט פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְצְן טָאג.

### צְדָקָה

אוּן סְפֶּעצִיעֶל קֶען מֶען נִיצְן דִי עֵצָה, בַּיי דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה, וֶוען עֶס קוּמְט אַן אָרִימַאן, עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין לֶחֶם לֶאֱכֹל, עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיפְ'ן טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן, אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען עֶר דַארְף חֲתוּנָה מַאכְן, וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וִוי אָנְצוּהֵייבְּן נֶעמֶען עֶפֶּעס גֶעלְט.

יֶעדֶע אִידִישׁ הַארְץ וֶוערְט בַּאנוּמֶען, אוּן אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט צוּ זִיךְ: "פַאר אַזַא חָשׁוּבֶע אָרִימַאן דַארְף אִיךְ גֶעבְּן כָאטְשׁ הוּנְדֶערְט דָאלֶער!" אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה קֶען מֶען דָאךְ נִישְׁט גֶעבְּן אַזוֹי פִיל, מֶען אִיז דָאךְ אַלֵיינְס אוֹיךְ נִישְׁט דֶער גְרֶעסְטֶער עוֹשֶׁר, אוּן דֶערְפַאר שִׁיקְט מֶען אַוֶועק דֶעם אָרִימַאן מִיט גָארְנִישְׁט.

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אָבֶּער דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת, וֶוער זָאגְט אַז דוּ דַארְפְסְט אִים גֶעבְּן אַזוֹיפִיל? גֶעבּ אִים וִויפִיל דוּ קֶענְסְט יָא אֲפִילוּ אַ דָאלֶער, אַ קְוָואדֶער, און אֲפִילוּ אַ פֶּענִי, און עֶס זָאל זַיין בַּיי דִיר חָשׁוּב אַזוֹי וִוי דוּ וָואלְסְט אִים גֶעגֶעבְּן אַ מִילְיָאן דָאלֶער! וַוייל דוּ הָאסְט מְקַיֵים גֶעוֶוען דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה, אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן.

און אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, נִישְׁט אַוֶועקְצוּשִׁיקְן קַיין אֵיין אָרִימַאן מִיט גָארְנִישְׁט, נָאר גֶעבְּן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַבִּיסְל, אֲפִילוּ נָאר גָאר אַ קְלֵיינֶע סְכוּם, וֶועט מֶען זִיךְ צוּבִּיסְלֶעךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה, און גֶעבְּן אַלְץ מֶער און מֶער.

און דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּגַם פוּן קֹרַח, אַזוֹי וִוי דֶער מֶדְרָשׁ בְּרֶענְגְט (עֵי' רַשִׁ"י בַּמִדְבָּר טז, ב) אַז קֹרַח הָאט זִיךְ אָנְגֶעטוּהן אַ טַלִית וָואס אִיז גֶעוֶוען גֶע'פַארְבְּ'ט אִינְגַאנְצְן מִיט תְּכֵלֶת, און עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ: "דֶער טַלִית דַארְף הָאבְּן צִיצִית?", וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז יָא, הָאט עֶר חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן אִים און גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אַ קְלֵיינֶע בֶּענְדֶעלֶע פוּן תְּכֵלֶת פַּטֶר'ט אַ גַאנְצֶע טַלִית, דַארְף אַ טַלִית וָואס אִיז אִינְגַאנְצְן תְּכֵלֶת זִיכֶער זַיין פָּטוּר פוּן צִיצִית", אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ: "אַ הוֹיז וָואס אִיז פִיל מִיט סְפָרִים דַארְף הָאבְּן אַ מְזוּזָה אוֹיפְן טִיר?" און וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט אַז יָא, הָאט עֶר חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ און גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אַ קְלֵיינֶע מְזוּזָה וָואס הָאט נָאר צְוֵויי קְלֵיינֶע פַּרְשִׁיוֹת פַּטֶר'ט אַ גַאנְצֶע הוֹיז, אִיז זִיכֶער אַז וֶוען אַ הוֹיז אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט סְפָרִים אִיז עֶס פָּטוּר פוּן מְזוּזָה!",

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי פְּגַם פוּן קֹרַח, עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וויאַזוֹי אַ קְלֵיינֶע בֶּענְדְל קֶען פַּטֶרְ'ן אַ גַאנְצֶע טַלִית, אָדֶער אַז אַ קְלֵיינֶע מְזוּזָה קֶען פַּטֶר'ן אַ גַאנְצֶע הוֹיז, עֶר הָאט גֶעפִיהלְט אַז נָאר וֶוען עֶר וֶועט טוּהן גְרוֹיסֶע זַאכְן, עֶר וֶועט אָנְפִילְן אַ גַאנְצֶע שְׁטוּבּ מִיט סְפָרִים, אָדֶער עֶר וֶועט מַאכְן אַ טַלִית אִינְגַאנְצְן פוּן תְּכֵלֶת, נָאר דֶעמָאלְס הָאט עֶר עֶפֶּעס אוֹיפְגֶעטוּהן.

אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז דָאךְ זִיכֶער נִישְׁט אַזוֹי, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב יֶעדֶע קְלֵיינֶע מִצְוָה וָואס אַ אִיד טוּט, און מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ טוּהן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אַז מֶען וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט, מֶען וֶועט וויסְן אַז "אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט", וֶועט פוּן אַבִּיסְל וֶוערְן אַסַאךְ, און מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן אֱמֶת'ֶער עֶרְלִיכֶער אִיד.

דָאס אִיז דֶער עִיקָר פְּרָאבְּלֶעם פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל מֶען מֵיינְט אַז מֶען מוּז טוּהן אַלֶעס בִּשְׁלֵימוּת, עֶס זָאל זַיין הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גוּט, און נָאר אַזוֹי וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֲנָאָה הָאבְּן, אוֹיבּ אָבֶּער קֶען מֶען עֶס טוּהן נָאר אַבִּיסְל, וֶועט מֶען עֶס שׁוֹין אִינְגַאנְצְן נִישְׁט טוּהן.

און וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ מֶען זֶעהט בַּיי אַ צְוֵוייטְן אַז יֶענֶער אִיז מֶער מַצְלִיחַ, יֶענֶער קֶען יָא אוֹיסְפִירְן זַאכְן גוּט און פֵיין, און עֶר קֶען עֶס נִישְׁט אוֹיסְפִירְן, דָאס צוּבְּרֶעכְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אַ מֶענְטְשׁ, און דָאס מַאכְט אַז מֶען זָאל מֶער גָארְנִישְׁט ווילְן טוּהן מֶער, אֲפִילוּ דִי בִּיסְל וָואס מֶען קֶען יָא.

און דֶער אֱמֶת אִיז, אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט קַיין מַאשִׁין, עֶר קֶען נָאר טוּהן וִויפִיל זַיינֶע כּוֹחוֹת עֶרְלוֹיבְּן אִים, און דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, נָאר זֶעהן לוֹיט דִי צַייט, לוֹיטְן מַצָב, לוֹיט זַיינֶע מֶעגְלִיכְקֵייטְן, לוֹיט דֶעם זָאל עֶר פְּרוּבִּירְן אֲפִילוּ נָאר אַ קְלֵיינִיקַייט, און עֶס דַארְף בַּיי אִים זַיין זֵייעֶר חָשׁוּב, וַוייל עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טוּהן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן'ס ווילְן, אֲפִילוּ עֶר הָאט עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט טוּהן בִּשְׁלֵימוּת, פוּנְקְטְלִיךְ אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט נִישְׁט אַרַיין אִין קָאפּ דִי יְדִיעָה אַז "אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט", אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וַוייל עֶר פְּרוּבִּירְט מֶער וִויפִיל עֶר קֶען, אִין צוּם סוֹף פַאלְט אַלֶעס צוּזַאם, און עֶר טוּט גָארְנִישְׁט, דֶער עִיקָר אִיז נָאר זִיךְ מְחַי' צוּ זַיין מִיט יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט, מִיט יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט יָא, און נָאר אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶע אִיד.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ ח"ב עֶרֶךְ מְעַט וח"ז עֶרֶךְ צוּמצוּם)

# מִילֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

~~~

## בַּיי דֶעם מֶעג מֶען גַנָב'עֶנֶען

**עֲשֵׂה תּוֹרָתְךָ קֶבַע.**

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין צַייט צוּ לֶערְנֶען, אַז אֲפִילוּ עֶר אִיז אַזוֹי פַארְנוּמֶען זָאל עֶר זֶעהן אַרָאפְּצוּגַנָב'עֶנֶען עֶפֶּעס צַייט יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, און דָאס זָאגְן חֲזַ"ל (שַׁבָּת לא.) אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבְן אִין הִימְל "קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה?" דֶער וָוארְט "קֶבַע" אִיז אוֹיךְ אַ לָשׁוֹן פוּן גְנֵיבָה, דָאס פְרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ: "הָאסְט אַרָאפְּגֶע'גַנָב'עֶט אַבִּיסְל צַייט יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען?" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ד).

דָאס אִיז אוֹיךְ פְּשַׁט דָא אִין דִי מִשְׁנָה, עֲשֵׂה תּוֹרָתְךָ קֶבַע, זָאלְסְט זֶעהן אַרָאפְּצוּגַנָב'עֶנֶען יֶעדְן טָאג צַייט צוּ לֶערְנֶען, וַוייל אוֹיבּ נִישְׁט וֶועסְטוּ יֶעדְן טָאג הָאבְּן פְרִישֶׁע שְׁטֶערוּנְגֶען, פְרִישֶׁע בִּלְבּוּלִים, וָואס וֶועלְן דִיר נִישְׁט לָאזְן לֶערְנֶען, און נָאר אוֹיבּ דוּ וֶועסְט גַנָב'עֶנֶען צַייט וֶועסְטוּ אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען.

(חַסְדֵי אָבוֹת, פֶּרֶק א', מִשְׁנָה ט"ו)

\*\*\*

## אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט

**אֱמוֹר מְעַט וַעֲשֵׂה הַרְבֵּה**

רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט אַז פַאר עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן פְלֶעגְט עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג פָארְנֶעמֶען אַסַאךְ עֲבוֹדוֹת, אַסַאךְ לִמוּדִים, גְרוֹיסֶע שִׁיעוּרִים צוּ לֶערְנֶען, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ אִים שְׁטֶענְדִיג גֶעמַאכְט בִּלְבּוּלִים וָואס הָאבְּן צוּשְׁטֶערְט זַיינֶע פְּלֶענֶער, און נָאכְדֶעם הָאט עֶר שׁוֹין גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען, און דֶער טָאג אִיז אִים אַרִיבֶּער מִיט גָארְנִישְׁט.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, און עֶר הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט פַארְן רֶבִּי'ן, הָאט אִין דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט", וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט, און עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ לֶערְנֶען, און עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט שְׁטֶערוּנְגֶען, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט "אַבִּיסְל אִיז דָאךְ אוֹיךְ גוּט, וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען כָאטְשׁ אַבִּיסְל", און נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט "אֶפְשָׁר נָאךְ אַבִּיסְל?" א.א.וו. און אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען אַסַאךְ צוּ לֶערְנֶען.

דָאס זָאגְט דִי מִשְׁנָה, אֱמוֹר מְעַט וַעֲשֵׂה הַרְבֵּה, נֶעם דִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶער קַיין גְרוֹיסֶע זַאכְן, אֱמוֹר מְעַט, זָאג אַז דוּ גֵייסְט טוּהן נָאר אַבִּיסְל, דוּ גֵייסְט נָאר לֶערְנֶען אֵיין פָּסוּק חוּמָשׁ, נָאר אֵיין מִשְׁנָה, נָאר אֵיין קַאפִּיטְל תְּהִלִים, און דִי בִּיסְל אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער גֶעוֶוענְטְלִיך וֶועט דֶערְנָאךְ זַיין, וַעֲשֵׂה הַרְבֵּה, אַבִּיסְל מִיט אַבִּיסְל וֶוערְט אַסַאךְ, און מֶען אִיז זוֹכֶה אַרַיין צוּ כַאפְּן אַסַאךְ תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה.

(חַסְדֵי אָבוֹת, פֶּרֶק א', מִשְׁנָה ט"ו)
~~~

## הָאבּ גֶעדוּלְד!

אוֹיף דִי וֶועלְט דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען זַיין אַ סַבְלָן, הָאבְּן גֶעדוּלְד, וָוארוּם וֶוער עֶס הָאט מֶער גֶעדוּלְד דֶער אִיז מַצְלִיחַ אִין לֶעבְּן, אָבֶּער כְּדֵי צוּ הָאבְּן גֶעדוּלְד מוּז מֶען זַיין אַ וַותְּרָן, מְוַותֵּר זַיין אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אַוַודַאי קוּמְט עֶס נִישְׁט אָן גְרִינְג, וָוארוּם דֶער טֶבַע פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז, עֶר דַארְף מְנַצֵּחַ זַיין, עֶר דַארְף אוֹיסְפִירְן זַיינְס וְכוּ', דָאס אִיז דֶער טֶבַע פוּן יֶעדְן מֶענְטְשׁ, קֵיינֶער וִויל נִישְׁט אַז מֶען זָאל אִים בֵּייקוּמֶען, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת אִיז צוּ זַיין אַ וַותְּרָן, מְוַותֵּר צוּ זַיין, נָאכְגֶעבְּן, אוּן שְׁוַוייגְן וְכוּ' וְכוּ', דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קֶען דָאס בַּאוַוייזְן אָפְּשְׁוַוייגְן אוּן נִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן, דֶער אִיז דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ, אֱמֶת קֶען זַיין בְּשְׁעַת מַעֲשֶׂה טוּט אִים זֵייעֶר וֵויי, אוּן עֶר הָאט צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ אוֹיף דִי בִּזְיוֹנוֹת וָואס עֶר כַאפְּט אַרַיין וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער נָאכְדֶעם שְׁפִּירְט עֶר זִיךְ דֶער גְלִיקְלֶעכְסְטֶער מֶענְטְשׁ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה סִימָן ל"ה) מִי שֶׁהוּא עָצוּר בְּמִלִּין, לֹא יוּכַל אוֹתוֹ שׁוּם אָדָם; אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הַאלְט זִיךְ אַיין פוּן רֶעדְן, קֶען אִים קֵיינֶער נִישְׁט בֵּייקוּמֶען. בִּכְלַל אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ הִיטְן אוֹיף דִיבּוּר, אַזוֹי וִוי דֶער חָכָם מִכָּל אָדָם זָאגְט (מִשְׁלֵי כ"א) "שֹׁמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ שֹׁמֵר מִצָּרוֹת נַפְשׁוֹ" אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט, הָאט מֶען נִישְׁט חֲרָטָה.

(אשר בנחל באידיש)

---

**מוסדות היכל הקודש ברסלב**

בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**וצדיקים ישמחו ויעלצו לפני אלקים**

מיר וואונטשן א הארציגן ברכת מזל טוב פאר

**כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א**

צו די שמחה פון די חתונה פון אן אייניקל,
א טאכטער פון

**הרב הגאון מו"ה ברוך שטערן שליט"א**
הדב"ן

דער אייבערשטער זאל העלפן אז די שמחה זאל משפיע זיין שמחות ביי אלע אידישע קינדער, בני ברוכי, חיי אריכי, ומזוני רויחי, וסייעתא דשמיא, אמן

**עוד ינובון בשיבה דשינים ורעננים יהיו**

---

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

### יום טוב שבועות בין כותלי הישיבה

א הערליכע יום טוב האבן די בחורים אפגעראכטן אין ישיבה, אינאיינעם כאיש אחד בלב אחד האט מען פון פריש מקבל געווען די תורה.

שבועות ביינאכט זענען זיך אלע בחורים צוזאמגעקומען אינאיינעם צו זאגן תיקון ליל שבועות, קודם האט זיך יעדער געלערנט זיינע שיעורים, אזוי ווי מוהרא"ש זאגט אז שבועות ביינאכט זאל מען לערנען אביסל פון יעדע לימוד וואס מען וויל לערנען במשך די יאר, און דאס איז א סגולה אז מען זאל טאקע זוכה זיין צו לערנען א גאנץ יאר די שיעורים.

דערנאך האט מען אינאיינעם געזאגט הויך די תיקון ליל שבועות מיט גרויס התעוררות און געשמאק, אינצווישן האט מען אויך געזונגען ווארימע ניגונים, זיך אויסבעטענדיג ביים אייבערשטן אין די הייליגע נאכט אז מען זאל זוכה זיין צו מקבל זיין די תורה ווי עס דארף צו זיין, צו זוכה זיין צו לערנען און צו מקיים זיין די תורה.

נאנט צום עלות, נאכן פארענדיגן דעם תיקון, האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א פייערדיגן טאנץ, אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו, אז מיר האבן זוכה געווען צו זיין פונעם אייבערשטנ'ס אויסדערוועלטע פאלק.

נאך די מקוה האט מען זיך געשטעלט דאווענען כותיקין, א שיינע ווארימע דאווענען נאכגעפאלגט מיט די הייליגע פיוט אקדמות און קבלת התורה.

עס האט זיך געפיהלט אין די לופט די דערהויבנקייט פון די הייליגע מאמענטען, ווען מען האט זוכה געווען פון פריש מקבל צו זיין די תורה.

**קבועין כן תהווין בהנהו חבורתא!**

***

### חתונה פון אן אייניקל פון מוהרא"ש שליט"א דעם קומענדיגן זונטאג

דעם קומענדיגן זונטאג וועט פארקומען די חתונה פון אן אייניקל פון מוהרא"ש שליט"א, א טאכטער פון הרה"ג מו"ה ברוך שטערן שליט"א בן הרה"צ ר' מאיר שטערן אבדק"ק מירון יע"א, חדב"ן כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א.

די חתונה וועט זיין זונטאג נאכט אין די זאל פון עטרת חי' שרה אין מאנסי, און אזוי ווי געווענטליך קומען זיך צוזאם אנשי שלומינו צום טאנצן, זיך מיט צו פרייען מיט די שמחה פון מוהרא"ש שליט"א.

יעצט וועט מען זיך אויך צוזאמקומען צום שמחת חתן וכלה, זיך צו פרייען מיט די שמחה.

עס וועט זיין טראנספארטעישאן פון וויליאמסבורג צו די חתונה פונעם בנין הישיבה 27 סקילמאן סטריט.

**קול רנה וישועה באהלי צדיקים!**

---

### סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **שלום יוסף יאקאבאוויטש** הי"ו

מלמד מומחה דמוסדותינו הק'

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער, אמן

### סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **אליעזר הירשפעלד** הי"ו

**צו די שמחת פדיון הבן**
**פון זיין אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער, אמן

### סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **יעקב פיש** הי"ו

מתלמידי ישבתינו הק'

**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד דורות ישרים ומבורכים, אמן

### קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים
פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א
אויך קען מען מיטהאלטן
יעדע וואך דעם שיעור
מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

---

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת בהעלותך, ט"ז סיון, אבות פרק ב', שנת תשע"ג לפ"ק | שנה 2, גליון 36 (86)


**זמנים**

הדלקת הנרות.................7:57
מוצש"ק.........................9:28
סוף זמן ק"ש....................8:36

**שיעורים כסדרן**

בבלי........................עירובין ע"ז
ירושלמי.....................קידושין י"א
תוספתא.....................פאה פרק ב'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיַּעַשׂ כֵּן אַהֲרֹן, זָאגְט רַשִׁ"י לְהַגִּיד שִׁבְחוֹ שֶׁל אַהֲרֹן שֶׁלֹּא שִׁינָּה.**

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ס"ח) אַז אַן אֶמֶת'עֶר צַדִּיק אִיז סֵיי אוּנְטְן אוּן סֵיי אוֹיבְן, דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ עֶר לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז עֶר אוֹיךְ אוּנְטְן, עֶר לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ מֶענְטְשְׁן, עֶר שְׁמוּעֶסְט מִיט זֵיי, עֶר פַארְבְּרֶענְגְט מִיט זֵיי, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר זֵיי אוֹיךְ מְקָרֵב צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, פוּן אֵיין זַייט אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר הֵיילִיג, עֶר אִיז אַרַיין לִפְנַי וְלִפְנִים אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט צוּ מֶענְטְשְׁן, עֶר הָאט גֶעמַאכְט שָׁלוֹם בַּיִת צְווִישְׁן אִידְן, וִוי דִי חַזַ"ל דֶערְצֵיילְן (אָבוֹת דְרַבִּי נָתָן, פֶּרֶק י"ב) אַז וֶוען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעוֶוען צוּקְרִיגְט, אִיז אַהֲרֹן גֶעגַאנְגֶען צוּ אֵיינֶעם אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט אִיךְ קוּם יֶעצְט פוּן דַיין חַבֶר, עֶם רַייסְט אִים דָאס הַארְץ אַז עֶר הָאט דִיר גֶעטְשֶׁעפֶּעט, עֶר זָאגְט: 'וֵויי אִיז מִיר, אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטְשֶׁעפֶּעט מַיין חַבֶר, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן?'" אַזוֹי הָאט אַהֲרֹן גֶערֶעדְט צוּ אֵיינֶעם בִּיז עֶר הָאט טַאקֶע גֶעזֶעהְן אַז זַיין חַבֶר הָאט חֲרָטָה, אוּן ווִיל אִים אֶמֶת'דִיג אִיבֶּערְבֶּעטְן.

דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּם צְוֵוייטְן אוּן גֶעזָאגְט דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, "דוּ וֵוייסְט, דַיין חַבֶר שֶׁעמְט זִיךְ מַמָּשׁ פוּן דִיר, אַז עֶר הָאט דִיר מְצַעֵר גֶעוֶוען, עֶר קֶען זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט מוֹחֵל זַיין אַז עֶר הָאט דִיר וֵויי גֶעטוּהְן, עֶר וִויל דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק אִיבֶּערְבֶּעטְן", אַזוֹי הָאט עֶר גֶערֶעדְט מִיטְן צְוֵוייטְן בִּיז יֶענֶער הָאט זִיךְ אוֹיךְ בַּארוּהִיגְט אוּן מוֹחֵל גֶעוֶוען זַיין חַבֶר.

וֶוען דִי צְוֵויי חֲבֵרִים הָאבְּן זִיךְ נָאכְדֶעם גֶעטְרָאפְן, זֶענֶען זֵיי אַרוֹיפְגֶעפַאלְן אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן אוּן זִיךְ גֶעקוּשְׁט.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲלָה פוּן אַהֲרֹן, **"לְהַגִּיד שִׁבְחוֹ שֶׁל אַהֲרֹן שֶׁלֹּא שִׁינָּה"** אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי הֵיילִיג, אוּן דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר גָארְנִישְׁט מְשַׁנֶּה גֶעוֶוען בַּיי זַיין הַאנְדְלֶען מִיט מֶענְטְשְׁן, פַארְקֶערְט, עֶר הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט צוּ מֶענְטְשְׁן, אוּן זֵיי מְקָרֵב גֶעוֶוען.

(זֹאת הַתּוֹרָה בְּהַעֲלֹתְךָ ב)

***

נָאךְ אַ פְּשַׁט זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קט"ו) אַז עֶר פְלֶעגְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיין סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען, אַז וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אַ וֶועג צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶר אָנְגֶעגַאנְגֶען מִיט דֶעם וֶועג מִיט אַ שְׁטַארְקַייט פַאר אַ שְׁטִיק צַייט, אוּן אִין דִי צַייט הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט פַארְפִירְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אֲפִילוּ עֶם אִיז אִים אַרַיינְגֶעקוּמֶען פְרִישֶׁע מַחְשָׁבוֹת, אַז עֶר דַארְף

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ כָּבוֹד ~

דִי מִדָּה פוּן כָּבוֹד קֶען מֶען - מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל אוּן יִשּׁוּב הַדַּעַת - אוֹיךְ נִיצְן אוֹיף אַ גוּטֶע וֶועג, אַז מְ'זָאל מִיט דֶעם וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מְקָרֵב זַיין נָאךְ אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן הָאבְּן אַן אֶמֶת'עֶ גְלִיקְלֶעךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן ר"ב) "וֶוער עֶס הָאט וֵוייניג שֵׂכֶל דַארְף מֶען אִים גֶעבְּן מֶער כָּבוֹד", וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּבְּרָאכְן הָאט עֶר נִישְׁט דֶעם קָאפּ אוֹיפְן פְּלַאץ, זַיין שֵׂכֶל אִיז נִישְׁט אוֹיפְן פְּלַאץ, אוּן דֶערְפַאר גֶעבְּט דֶער רֶבִּי דִי עֵצָה דֶערְצוּ, אַז מֶען זָאל אִים גֶעבְּן כָּבוֹד, מֶען זָאל אִים מְחַזֵּק זַיין, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר זִיךְ בַּארוּהִיגְן, עֶר וֶועט פִילְן אַז עֶר אִיז יָא עֶפֶּעס וֶוערְד, אוּן עֶר קֶען אוֹיךְ מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר וֶועט קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן אוּן נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן.

דָאס אִיז אַ וִויכְטִיגֶע שְׁלִיסְל אִין לֶעבְּן, אוּן מֶען קֶען עֶס נִיצְן אוֹיף אַ גוּטֶע וֶועג, סֵיי בַּיי זִיךְ אַלֵיין, סֵיי בַּיי שָׁלוֹם בַּיִת, סֵיי מִיט אַ חַבֶר, סֵיי מִיט קִינְדֶער, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט דֶעם שְׁלִיסְל, קֶען עֶר דוּרְךְ דֶעם הָאבְּן אַ גְלִיקְלֶעךְ לֶעבְּן.

### בַּיי זִיךְ אַלֵיין

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִילְט צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט, מְיוּאָשׁ פוּן זַיין לֶעבְּן, עֶר פִילְט אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְט, זָאל עֶר זִיךְ אַלֵיין מְחַזֵּק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן, עֶר זָאל טְרַאכְטְן: "אִיךְ הָאבּ זִיכֶער אוֹיךְ אַסַאךְ מַעֲלוֹת, אִיךְ הָאבּ גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת אִין מִיר, אִיךְ קֶען נָאךְ אוֹיפְטוּהְן גְרוֹיסֶע זַאכְן אִין לֶעבְּן, צוּם סוֹף וֶועלְן מֶענְטְשְׁן נָאךְ הֲנָאָה הָאבְּן פוּן מִיר" אוֹיף אַזַא וֶועג אִיז עֶר זִיךְ אַלֵיינְס מְחַזֵּק.

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

אַנְדֶערְשׁ טוּהן, הָאט עֶר זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט דֶערְצוּ, נָאר עֶר אִיז וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען זַיין וֶועג.

דָאס אִיז פְּשַׁט "**לְהַגִּיד שִׁבְחוֹ שֶׁל אַהֲרֹן שֶׁלֹּא שִׁנָּה**" אַהֲרֹן הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אַ גֶעוִויסֶע וֶועג ווִיאַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי אַזוֹי צוּ צִינְדְן דִי מְנוֹרָה, אוּן מִיט דֶעם אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, אוּן נִישְׁט מְשַׁנֶּה גֶעוֶוען.

דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען, אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ אַזוֹי טוּהן, אוֹיבּ אַ אִיד הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן אַ צַדִּיק אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל עֶר מִיט דֶעם גֵיין מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ בִּיזְן סוֹף, אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַּארְפִירְן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, אוּן אַפִילוּ נִישְׁט פוּן אֵייגֶענֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס זֶענֶען אִים מְבַלְבֵּל, אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין.

(זֹאת הַתּוֹרָה בְּהַעֲלֹתְךָ ג)

***

**כַּמַּרְאֶה אֲשֶׁר הֶרְאָה ה' אֶת מֹשֶׁה כֵּן עָשָׂה אֶת הַמְּנֹרָה**, חַזַ"ל זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה, רֵישׁ פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ) אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶוען וִוי אַזוֹי צוּ מַאכְן דִי מְנוֹרָה, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט: "נֶעם אַ שְׁטִיקְל גָאלְד אוּן וַוארְף עֶס אַרַיין אִין פֵייעֶר, אוּן עֶס וֶועט וֶוערְן אַ מְנוֹרָה".

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, פַארְוָואס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער גֶעוֶוען פַאר מֹשֶׁה צוּ מַאכְן דִי מְנוֹרָה, מֶער פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע כֵּלִים פוּן דִי מִשְׁכָּן?

מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ז) אַז כְּדֵי אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי וֶועלְט זָאלְן דִינֶען נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַוֶועק וַוארְפְן אַלֶע זֵייעֶרֶע זִילְבֶּערְנֶע אוּן גָאלְדֶענֶע עֲבוֹדָה זָרָה'ס, דָאס גֶעשֶׁעהט דוּרְךְ דִי שָׁלוֹם וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, וַוייל וֶוען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם, מֶען קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן, קֶען אֵיינֶער מַסְבִּיר זַיין פַארְן צְוֵוייטְן, אַז עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה אוֹיף דִי וֶועלְט, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַלֶע מַחְלוֹקֶת אוֹיף דִי וֶועלְט הֵייבְּן זִיךְ גֶעוֶוענְטְלִיךְ אָן וֶועגְן גֶעלְט, אֵיינֶער אִיז מְקַנֵּא דֶעם צְוֵוייטְן אַז עֶר אִיז מֶער מַצְלִיחַ פוּן אִים, עֶר הָאט מֶער גֶעלְט פוּן אִים, אָבֶּער וֶוען מֶען זָאל אַוֶועקְוַוארְפְן דִי אַלֶע זִילְבֶּערְנֶע אוּן גָאלְדֶענֶע עֲבוֹדָה זָרוֹת, מֶען זָאל וִויסְן אַז גֶעלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט זַיין שָׁלוֹם אוֹיף דֶער וֶועלְט, וַוייל אַז אֵיינֶער וֶועט דַארְפְן גֶעלְט וֶועט עֶר גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן, "אִיךְ דַארְף נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קַיין מֶענְטְשְׁן", אוּן דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן מֶען וֶועט קֶענֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, הֲלָכָה ז') אַז דִי מְנוֹרָה אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אִידְן, דִי מְנוֹרָה הָאט גֶעהַאט 49 חֲלָקִים אָבֶּער אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען פוּן אֵיין שְׁטִיק, דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי 49 אוֹתִיּוֹת וָואס אִיז דָא אִין דִי נֶעמֶען פוּן דִי צְוֶועלְף שְׁבָטִים, אַז אַלֶע דַארְפְן זַיין פוּן אֵיין שְׁטִיק, צוּ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם בְּשָׁלוֹם.

דָאס אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶוען פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן דִי מְנוֹרָה? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם, אוּן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן? עֶס אִיז דָאךְ דָא אַזוֹיפִיל מַחְלוֹקֶת אוּן חִילוּקֵי דֵעוֹת בַּיי אִידְן.

הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט, נֶעם דֶעם שְׁטִיק גָאלְד אוּן וַוארְף עֶס אַרַיין אִין פֵייעֶר, דָאס מֵיינְט נֶעם דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט אוּן וַוארְף עֶס אַרַיין אִין פֵייעֶר, אַז מֶען זָאל מֶער נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן גֶעלְט, מֶען זָאל וִויסְן אַז גֶעלְט גֶעבְּט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין אַ צְוֵוייטְן וָואס הָאט מֶער גֶעלְט, אוּן אַזוֹי וֶועט זִיךְ אוֹיפְהֶערְן דִי מַחְלוֹקֶת, וַוייל רוֹב מַחְלוֹקֶת קוּמְט נָאר פוּן גֶעלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל, סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, בְּהַעֲלֹתְךָ תשנ"א)

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

אוּן אֲפִילוּ בַּיי אַ צַדִּיק קֶען אוֹיךְ אַמָאל זַיין אַז עֶר אִיז צוּבְּרָאכְן, אוּן עֶר פִּילְט אַז עֶר טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט אַ תַּלְמוּד אוּן בַּאדַאנְקְט זִיךְ פַאר אִים, אַז דֶער רֶבִּי הָאט אִים אַסַאךְ גֶעהָאלְפְן אִין לֶעבְּן, אוּן דֶער רֶבִּי הֶעלְפְט אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט דֶער צַדִּיק מְחוּזָק אוּן עֶר בַּאקוּמְט כּוֹחוֹת וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט זַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן קכ"ו) פוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, אַז וֶוען דִי חַבְרַיָּא הָאבְּן גֶעלוֹיבְּט זֵייעֶר רֶבִּי'ן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי, אוֹיף אַ סוֹד וָואס עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט, הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי זֵיי גֶעזָאגְט נָאךְ חִידוּשֵׁי תּוֹרוֹת, וַוייל מִיט דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן אִים גֶעלוֹיבְּט, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעגֶעבְּן חִיזוּק אַז עֶר זָאל מְגַלֶּה זַיין נָאךְ ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע תּוֹרוֹת.

בַּיים הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אוֹיךְ אַמָאל גֶעוֶוען אַזַא מַעֲשֶׂה, עֶר אִיז אַמָאל גֶעזִיצְן זֵייעֶר פַארְטְרַאכְט, אוּן פְּלוּצְלִינְג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אִים זַיין תַּלְמִיד, אוּן דֶער תַּלְמִיד הָאט זִיךְ בַּאדַאנְקְט פַאר אִים פַאר אַלֶעס וָואס עֶר הָאט אִים גֶעהָאלְפְן, אוּן עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעהוֹיבְּן דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן זַיין רֶבִּי'ן וָואס הָאט מְחַי' גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן דֶער תַּלְמִיד הָאט בַּאמֶערְקְט וִוי עֶר הָאט דֶעמָאלְט'ס מַמָּשׁ מְחַי' גֶעוֶוען זַיין רֶבִּי'ן.

אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גֶעזָאגְט: "זָאלְסְט וִויסְן אַז אִיךְ בִּין גֶעוֶוען יֶעצְט זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס דוּ הָאסְט מִיר מְחַזֵּק גֶעוֶוען, הָאסְטוּ מִיר מַמָּשׁ מְחַי' גֶעוֶוען, אוּן מִיר צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט צוּ מוֹחִין דְגַדְלוּת".

### בַּיי שָׁלוֹם בַּיִת

צְוִוישְׁן אַ מַאן אוּן וַוייבּ אִיז דָאס זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ, דִי גַאנְצֶע שָׁלוֹם בַּיִת וֶוענְדְט זִיךְ אִין דֶעם, רוֹב מַחְלוֹקֶת אוּן קְרִיגֶערַייעֶן אִין אַ אִידִישֶׁע הוֹיז קוּמְט וֶוען מֶען הָאט גֶעטְשֶׁעפֶּעט דִי כָּבוֹד פוּנֶעם מַאן אָדֶער וַוייבּ, אוּן וֶוען בֵּיידֶע וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּנִיצְן דִי מִדָּה פוּן כָּבוֹד אוֹיף אַ גוּטֶע וֶועג, מְכַבֵּד זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן וִוי עֶס פַּאסְט, וָואלְטְן זֵיי גֶעהַאט אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת.

דֶער כְּלַל אִיז "פַאר אַ גוּט וָוארְט בַּאקוּמְט מֶען נִישְׁט קַיין פַּאטְשׁ", מֶען דַארְף אֵייבִּיג הָאבְּן אַ גוּט וָוארְט אוֹיפְן צִינְג, וֶוען דֶער מַאן אִיז צוּבְּרָאכְן עֶר הָאט נִישְׁט דֶעם קָאפּ אוֹיפְן פְּלַאץ, אִיז דִי פְרוֹי אִים מְחַזֵּק, אוּן וֶוען דִי פְרוֹי אִיז צוּבְּרָאכְן זִי פִילְט אַז זִי אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְט אִיז דֶער מַאן אִיר מְחַזֵּק.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין קוּנְץ צוּ זוּכְן פֶעלֶערְן אֵיינֶער בַּיים צְוֵוייטְן, צוּ זוּכְן צוּ קְרִיטִיקִירְן וֶוען דֶער צְוֵוייטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ פֶעלֶער, אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט נִישְׁט לִיבּ וֶוען מֶען קְרִיטִיקִירְט דִיר וֶוען דוּ הָאסְט גֶעהַאט אַ דוּרְכְפַאל, זָאלְסְטוּ אוֹיךְ נִישְׁט קְרִיטִיקִירְן יֶענֶעם וֶוען יֶענֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ פֶעלֶער.

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

פַּארְקֶערְט, אוֹיבּ מֶען זֶעהט אַז דֶער צְוֵוייטֶער אִיז יֶעצְט אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע גוּסְטֶע, עֶר פִּילְט אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְט, דַארְף מֶען אִים נָאר מְחַזֵּק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט נָאךְ הֶעלְפְן, דֶער רֶעדְל וֶועט זִיךְ נָאךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן, עֶס וֶועט נָאךְ קוּמֶען גוּטֶע צַייטְן" אַזוֹי בַּארוּהִיגְט מֶען יֶענֶעם, בִּיז מֶען וֶוערְט פְרֵיילִיךְ, אוּן מֶען קֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן, אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג קֶען מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

## צְוִוישְׁן חֲבֵרִים

צְוִוישְׁן חֲבֵרִים קֶען מֶען דָאס אוֹיךְ נִיצְן, נָאר מְחַזֵּק זַיין אוּן אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם חָבֵר, אַנְשְׁטָאט זָאגְן פַּאר אַ חָבֵר מוּסָר, אִים אוֹיפְוַוייזְן אַז עֶר טוֹיג נִישְׁט, עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְט, דַארְף מֶען אִים עֶנְדֶערְשְׁט אוֹיפְהֵייבְּן, אִים וַוייזְן אַז עֶר הָאט אוֹיךְ אַסַאךְ מַעֲלוֹת, אַז עֶר הָאט גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת אוֹיפְצוּטוּהן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוֹיף אַזַא וֶועג בּוֹיעֶט מֶען אוֹיף זַיין זֶעלְבְּסְזִיכֶערְקֵייט, אוּן עֶר זֶעהט טַאקֶע אַז עֶר הָאט גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת אִין זִיךְ, אוּן עֶר ווִיל עֶס אוֹיסְנִיצְן צוּם גוּטְן.

אוּן מִיט דֶעם וֶועג קֶען מֶען מַכְנִיעַ זַיין אֲפִילוּ דֶעם גְרֶעסְטְן רָשָׁע, וַוייל גֶעוֶוענְטְלִיךְ אַ רָשָׁע ווִיל נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים, אָבֶּער וֶוען מֶען זָאגְט אִים אַ גוּט וָוארְט, מֶען רֶעדְט צוּ אִים שֵׁיין, וֶוערְט צוּבְּרָאכְן זַיין שְׁלֶעכְטְס, אוּן עֶר פָּאלְגְט וָואס מֶען זָאגְט אִים.

דֶער רֶבִּי אַלֵיינְס הָאט אַזוֹי גֶעטוּהן מִיט אַ מָסוּר אִין שְׁטָאט טְבֶרְיָ' (שִׁבְחֵי הר"ן סִימָן י"ט) וָואס הָאט זֵייעֶר גֶע'רוֹדְפְ'ט דִי אִידְן אִין טְבֶרְיָ', אוּן וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט אִים דֶער רֶבִּי זֵייעֶר מְקָרֵב גֶעוֶוען, עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי עֶר הַאלְט אִים פַּאר אַן עֶרְלִיכֶע אִיד, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַּארְן מָסוּר: "אִיךְ הַאלְט אַז עֶס פַּאסְט פַּאר אַזַא עֶרְלִיכֶע אִיד וִוי דוּ, אַז דוּ זָאלְסְט מִתְפַּלֵל זַיין פַּאר אַלֶע אִידְן, דוּ זָאלְסְט זָאגְן תְּהִילִים פַּאר אִידְן, אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג הָאט אִים דֶער רֶבִּי אִינְגַאנְצְן מַכְנִיעַ גֶעוֶוען".

אוּן אֲפִילוּ מִיט אַ גוֹי דַארְף מֶען אוֹיךְ גֵיין אוֹיף אַזַא וֶועג, אִים צוּ הֵייבְּן אוּן גְרוֹיסְן, אוּן אַזוֹי צוּבְּרֶעכְט מֶען זַיין שְׁלֶעכְטְ'ס, אַז אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעוָואלְט עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְ'ס טוּהן, וֶועט עֶר עֶס נִישְׁט טוּהן.

בַּיים הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעוֶוען אַזַא מַעֲשֶׂה, אֵיינְמָאל עֶרֶב פֶּסַח וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים בַּאקְן מַצוֹת, פְּלוּצְלִינְג הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אָפְּגֶעלָאזְט דִי מַצוֹת, אוּן עֶר אִיז גֶעלָאפְן צוּם גַלַח פוּן שְׁטָאט, עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים זֵייעֶר לַאנְג, כִּמְעַט בִּיז בַּיינַאכְט, אִינְצְווִישְׁן הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים גֶעעֶנְדִיגְט בַּאקְן דִי מַצוֹת, גֶעזָאגְט הַלֵל, א.א.וו. צוּם סוֹף אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב צוּרִיק גֶעקוּמֶען, אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעטֵיילְט דִי מַצוֹת פַּאר אַלֶע תַּלְמִידִים.

דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעווָאוּנְדֶערְט, וָואס הָאט דֶער רֶבִּי אַזוֹי לַאנְג גֶערֶעדְט מִיט דֶעם גַלַח? אוּן נָאכְדֶערְצוּ פַּאר אַזַא הֵיילִיגֶע נַאכְט, הָאט זֵיי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב דֶערְצֵיילְט, אַז דֶער גַלַח הָאט דִי נַאכְט גֶעוָואלְט מַאכְן אַ בְּלוּט בִּלְבּוּל אוֹיף דִי אִידְן אִין שְׁטָאט, אוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט אִים, אִיךְ הָאבּ אִים זֵייעֶר גֶעלוֹיבְּט אוּן גֶעגְרוֹיסְט, אִיךְ הָאבּ אִים מְכַבֵּד גֶעוֶוען מִיט דִי פְּרִישֶׁע מֶעד (אַ מִין וַויין) וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט לְכָבוֹד יוֹם טוֹב, דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר גְרוֹיס בַּיי זִיךְ, אוּן עֶר הָאט פַּארְגֶעסְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט טוּהן.

## בַּיי חִינוּךְ

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי חִינוּךְ פוּן קִינְדֶער, אַ קִינְד קֶען נִישְׁט אוֹיפְוַואקְסְן גֶעהֶערִיג, נָאר אוֹיבּ מֶען הֵייבְּט אִים אוּן מֶען גְרוֹיסְט אִים, דִי עֶלְטֶערְן אוּן מְחַנְּכִים פוּנֶעם קִינְד דַארְפְן שְׁטֶענְדִיג גְרוֹיסְן אוּן לוֹיבְּן דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן וֶוען דֶער קִינְד שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ טוּהן עֶפֶּעס, אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְפִירְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דַארְף מֶען עֶס אוֹיךְ אַרוֹיפְקוּקְן אוּן אוֹיסְלוֹיבְּן, אוּן אַזוֹי וֶועלְן זֵיי בַּאקוּמֶען זֶעלְבְּסְזִיכֶערְקֵייט, אוּן זֵיי וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף.

אָבֶּער וֶוען דִי עֶלְטֶערְן אוּן מְחַנְּכִים הָאבְּן נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער, מֶען קוּקְט אַרָאפּ דִי קִינְדֶער, מֶען פַארְשֶׁעמְט זֵיי, מֶען דֶערְנִידֶערְט זֵיי, מֶען גְרוֹיסְט נִישְׁט זֵייעֶרֶע מַעֲלוֹת, דָאס צוּבְּרֶעכְט זֵייעֶר שְׁטַארְק דִי קִינְדֶער, זֵיי פַארְלִירְן זֵייעֶר גַאנְצֶע חֵשֶׁק, אוּן פוּן דֶעם וַואקְסְן אוֹיף פְּרָאבְּלֶעמַאטִישֶׁע קִינְדֶער.

המשך בדף ד

# תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת

דוּ זָאלְסְט ווִיסְן דָאס דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ אִיז דֶער עִיקָר תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת, אַוֶועקְוַוארְפְן דֶעם אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל, אוּן זִיךְ פִירְן ווִי אַ פָּשׁוּטֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן הָרַב הַחָסִיד ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּנְדֶר זַ"ל דָאס עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַסַאךְ מָאל פוּן ר' אַבְרָהָם בֶּן ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ"ל דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער פַּשְׁטְן עֶר פְלֶעגְט זִיצְן מִיט זַיינֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען בַּיים עֶסְן, אוּן אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן זֵיי זָאלְן זִיךְ וַואשְׁן אוּן זֵיי זָאלְן עֶסְן, אוּן הָאט זֵיי דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן זֵיי זָאלְן בֶּענְטְשְׁן, אוּן עֶר פְלֶעגְט זָאגְן דָאס דִי עֲבוֹדָה וָואס עֶר לֵייגְט אַרַיין אִין זַיינֶע קִינְדֶער אִיז בַּיי אִים אַזוֹי חָשׁוּב ווִי עֲבוֹדַת תִּיקוּן חֲצוֹת, (וָואס דָאס אִיז בַּאוִויסְט אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן אֵיינֶע פוּן דִי שְׁוֶוערְסְטֶע עֲבוֹדוֹת, עֶר פְלֶעגְט זִיצְן אוֹיף דֶער עֶרְד בְּעֵת חֲצוֹת, אוּן גִיסְן טַייכְן טְרֶערְן אוֹיף חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ אוּן צָרוֹת יִשְׂרָאֵל אוּן הָעַלָמַת הַצַּדִיק) פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער אִיז בַּיי אִים אַזַא חָשׁוּבֶע עֲבוֹדָה ווִי דִי עֲבוֹדָה פוּן תִּיקוּן חֲצוֹת.

אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר, גֶעבּ זִיךְ אָפּ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, לָאז זִיךְ אַרָאפּ צוּ זֵיי וְכוּ', הָאבּ גֶעדוּלְד צוּ זֵיי, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדּוֹת אוֹת בָּנִים סִימָן ס"ד) צָרִיךְ לְלַמּוֹד אֶת הַתִּינוֹק דֶרֶךְ אֶרֶץ מִנְעוּרָיו; קִינְדֶער דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין, זֵיי וַואקְסְן נִישְׁט אוֹיפְן בּוֹים וְכוּ', שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כ"ב) "חֲנֹךְ לַנַּעַר עַל פִּי דַרְכּוֹ גַּם כִּי יַזְקִין לֹא יָסוּר מִמֶּנָּה" יֶעדֶער קִינְד אִיז אַ מַסֶכֶת פַאר זִיךְ, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶער מִיט גְרוֹיס גֶעדוּלְדִיגְקֵייט, אוּן נִישְׁט נֶערְוֶועז וֶוערְן אוֹיף זֵיי, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִדּוֹת אוֹת בָּנִים סִימָן ק"ז) הַבָּנִים שׁוֹטִים כְּשֶׁאֲבִיהֶם כַּעֲסָן; אַ קִינְד אִיז דֶער שְׁטֵייגֶער עֶר פְרֶעגְט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיז דָאס? עֶר אִיז זֵייעֶר נֵייגֶערִיג אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אוּן עֶר פְרֶעגְט דֶעם טַאטְן עֶר זָאל אִים מַסְבִּיר זַיין וָואס דָאס אִיז, אוּן וֶוען דֶער טַאטֶע אִיז אַן אוֹיפְגֶערֶעגְטֶער, אַ נֶערְוֶועזֶער וְכוּ', אוּן עֶר טְרַייבְּט אַוֶועק דֶעם קִינְד, אוּן עֶר שְׁרֵייט אִים אָן גֵיי פוּן דָא אַוֶועק וְכוּ', פַארְדְרֵיי מִיר נִישְׁט דֶעם קָאפּ וְכוּ', לָאמִיךְ יֶעצְט אָפּ וְכוּ', בְּלַייבְּט דָאס קִינְד אַ שׁוֹטֶה. אוֹיסֶערְדֶעם וָואס דֶער קִינְד וֶוערְט זֵייעֶר צוּמִישְׁט וְכוּ' וְכוּ', אוּן דֶער טַאטֶע כַאפְּט נִישְׁט אַז עֶר מַאכְט יֶעצְט זַיין זוּהְן אַ בַּעַל מוּם אוֹיפְן גַאנְצְן לֶעבְּן, מִיט אַרָאפְּקְלַאפְּן אוּן דֶערְנִידֶערְן אַ קִינְד הַארְגֶעט מֶען אִים אָפּ אוֹיפְן גַאנְצְן לֶעבְּן.

(אשר בנחל באידיש)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת בָּנִים ק"ז) "הַבָּנִים שׁוֹטִים כְּשֶׁאֲבִיהֶן כַּעְסָן - דִי קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹטִים וֶוען דֶער טַאטֶע רֶעגְט זִיךְ" וַוייל וֶוען דֶער טַאטֶע רֶעגְט זִיךְ, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער, זֵיי אוֹיסְצוּהֶערְן אוּן פַארְשְׁטֵיין, זֵיי צוּ לוֹיבְּן אוּן גְרוֹיסְן, גֶעבְּן דִי רִיכְטִיגֶע אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקַייט, אַנְשְׁטָאט דֶעם שְׁטִיפְּט עֶר אַוֶועק דִי קִינְדֶער פוּן זִיךְ, עֶר זָאגְט זֵיי אַז עֶר נִישְׁט קַיין צַייט אוֹיסְצוּהֶערְן זֵייעֶרע מַעֲשִׂיוֹת, אַזוֹי קֶענֶען דִי קִינְדֶער נִישְׁט אוֹיפְוַואקְסְן נָארְמַאל, אוּן זֵיי בְּלַייבְּן נַארִישׁ אוּן צוּרִיקְגֶעבְּלִיבְּן.

וֶוער אִיז נָאךְ גְרֶעסֶער פוּן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט אַמָאל גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו צוּ זַיין טָאכְטֶער שָׂרָה, אוּן עֶר הָאט אִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַסַאךְ גְרוֹיסֶע טִיטְלְן, עֶר הָאט אִיר זֵייעֶר גֶעגְרוֹיסְט אוּן גֶעלוֹיבְּט, אוּן וֶוען זִי הָאט גֶעלֵיינְט דִי בְּרִיוו הָאט זִי זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, אוּן זִי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מַיין טַאטְן אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ קַטְנוּת הַמּוֹחִין, עֶר אִיז צוּקְלַאפְּט אוּן צוּבְּרָאכְן, דַארְף מֶען אִים מְכַבֵּד זַיין אוּן גְרוֹיסְן, מְמֵילָא אוֹיבּ מַיין טַאטֶע לוֹיבְּט מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק, מֵיינְט דָאס אַז אִיךְ בִּין יֶעצְט אִין אַ קַטְנוּת הַמּוֹחִין, אוּן אוֹיף דֶעם וֵויין אִיךְ"...

זֶעהְט מֶען ווִי דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶענוּצְט דִי עֵצָה, וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז זַיין טָאכְטֶער אִיז צוּבְּרָאכְן, הָאט עֶר אִיר גֶעשִׁיקְט אַ בְּרִיוו אוּן אִיר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט אוּן מְחַזֵּק גֶעוֶוען, אַז זִי זָאל וִויסְן אַז זִי אִיז יָא חָשׁוּב, אוּן זִי קֶען יָא מַצְלִיחַ זַיין, אַז זִי זָאל זַיין נִישְׁט אַזוֹי צוּבְּרָאכְן.

אוֹיף אַזַא וֶועג קֶען מֶען מְחַזֵּק זַיין יֶעדְן מֶענְטְשׁ, מֶען בְּרֶענְגְט אַרוֹיס זַיינֶע מַעֲלוֹת, זַיינֶע כִּשְׁרוֹנוֹת, דִי גוּטֶע חֲלָקִים פוּן יֶענֶעם, אוּן אַזוֹי וֶוערְט יֶענֶער גֶעשְׁטַארְקְט וֶוען עֶר זֶעהְט אַז עֶר הָאט אוֹיךְ אַסַאךְ גוּטְס אִין זִיךְ, אוּן דָאס גִיבְּט אִים דֶעם שְׁטוּפּ, דִי חִיזוּק וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ב' עֶרֶךְ כָּבוֹד)

## ישיבה תפארת התורה

בנשיאות כ"ק מוהרא"ש שליט"א

מיר האבן דעם כבוד איינצולאדענען אלע בחורי הישיבה און אברכים יוצאי ישיבתינו און אלע אנשי שלומינו זיך משתתף צו זיין אין די שמחת שבע ברכות וואס מיר שטעלן צו פאר

**החתן יעקב פיש הי"ו**

דעם קומענדיגן מאנטאג פרשת שלח

בהיכל הישיבה

27 Skillman St.

בשעה 7:00

בהשתתפות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד**

הגליון הזה נתנדב ע"י

מו"ה **אשר זעליג וועבער** הי"ו

לע"נ

ר' **אברהם יוסף** בן ר' **שמשון** ז"ל

ת.נ.צ.ב.ה.

## ~ נייעס אינעראהלב מוסדותינו הק' ~

### אנשי שלומינו פרייען זיך ביי די חתונה פון אן אייניקל פון מוהרא"ש שליט"א

דעם פארגאנגענעם זונטאג איז פארגעקומען די חתונה פון אן אייניקל פון מוהרא"ש שליט"א, הכלה בת הרה"ג ר' ברוך שטערן חדב"ן, אין מאנסי.

אנשי שלומינו פון איבעראל זענען זיך צוזאמגעקומען זיך פרייען אינאיינעם מיט די שמחה, מען האט געטאנצען און זיך משמח געווען ביז אין די שפעטע שעה'ן, מען האט געדאנקט און געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר האבן זוכה געווען צו אזא גרויסן רבי'ן וואס באלייכט אונז די וועג צו וויסן את הדרך ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון, און אז מיר זענען זוכה זיך מסתופף צו זיין בצל קדשו פון מוהרא"ש שליט"א וואס ברענגט אין אונז אריין די אלע הייליגע לימודים פון רבי'ן אז מיר זאלן אויך קענען גיין דערמיט.

אין א שפעטע שעה זענען זיך אנשי שלומינו צוגאנגען מיט דערהויבענע געפילן פון די פרייליכע חתונה.

**צדיקים ישמחו ויעלצו לפני אלקים!**

***

### בחורי הישיבה טאנצן ביי די חתונה פון א תלמיד הישיבה

דעם דינסטאג האבן זיך די בחורים מיטגעפריידט מיט די שמחה פון אונזער טייערן חבר החתן יעקב פיש הי"ו וואס איז געגאנגען אונטער די חופה בשעה טובה ומוצלחת.

עס זענען זיך צוזאמגעקומען אלע בחורי הישיבה און אויך די אברכים יוצאי הישיבה זיך מיטצופרייען מיט די שמחה, מוהרא"ש שליט"א האט זיך באטייליגט ביי די חתונה.

דער חתן איז נאך איינער פון פיל אנדערע וואס האבן זוכה געווען צו ענדיגן פערציג מאל מסכת תענית, וואס ווי באקאנט האט מוהרא"ש צוגעזאגט פאר די בחורים אז ווער עס וועט ענדיגן פערציג מאל מסכת תענית וועט א חתן ווערן, און צענדליגע בחורים זענען שוין געהאלפן געווארן א דאנק דעם, און יעצט האבן מיר געטאנצן אויף נאך א חתונה ווי דער חתן איז אויך פון מסכת תענית.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

**27 Skillman St.**

**347-977-7994 אדער רופט**

## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת שלח, כ"ג סיון, מברכים חודש תמוז, אבות פרק ג', שנת תשע"ג לפ"ק
שנה 2, גליון 37 (87)


**זמנים**

הדלקת הנרות......................8:02
מוצש"ק.............................9:33
סוף זמן ק"ש.......................8:34

**שיעורים כסדרן**

בבלי..........................עירובין פ"ה
ירושלמי.......................קידושין י"ח
תוספתא....................דמאי פרק ה'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**לֹא נוּכַל לַעֲלוֹת אֶל הָעָם כִּי חָזָק הוּא מִמֶּנּוּ**, דִי מְרַגְּלִים הָאבְּן גֶעזָאגְט פַּאר דִי אִידְן, מִיר וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען גֵיין אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל דִי גוֹיִם זֶענֶען שְׁטֶערְקֶער, זָאגְט רַשִׁ"י אַז זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט זֵיי, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן נ"ח) אַז עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס מֵיינֶען, אַז אַ צַדִיק וָואס אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ לָאזְן צוּ דִי וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס טוּט זִיךְ דָא אוֹיף דִי גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע וֶועלְט, וַוייל עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן גַשְׁמִיוּת, אָבֶער דֶער אֱמֶת אִיז נִישְׁט אַזוֹי, פַארְקֶערְט, וִוי גְרֶעסֶער דֶער צַדִיק אִיז, אַלְץ מֶער וֵוייסְט עֶר וָואס עֶס טוּט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס עֶר אִיז דָאךְ דֶער גְרֶעסְטֶער וָואס אִיז נָאר שַׁיָיךְ, גְרֶעסֶער אוּן הֶעכֶער פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן פִירְט עֶר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָחָה פְּרָטִית.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּגַם פוּן דִי מְרַגְּלִים, זֵיי הָאבְּן גֶעטְרַאכְט אַז דָא וֶוען מֶען אִיז אִין מִדְבָּר, פִירְט טַאקֶע דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִי אִידְן שֶׁלֹא כְּדֶרֶךְ הַטֶבַע, מֶען גֵייט מִיט וָואלְקֶענֶעם, מֶען עֶסְט מָן פוּן הִימְל, מֶען טְרִינְקְט פוּנֶעם שְׁטֵיין א.א.וו. אָבֶער דָארְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז פִיל מִיט גוֹיִם, אַלֶעם זֶעהט אוֹיס וִוי עֶס פִירְט זִיךְ בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּלָאזְן דָארְט אִין אַזַא מַצָב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז צוּ גְרוֹיס זִיךְ אַרָאפּ צוּ לָאזְן דָארְט.

אָבֶער דָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר טָעוּת, פַּארְקֶערְט **וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, לָאזְט עֶר זִיךְ אַרָאפּ צוּ דִי וֶועלְט, אוּן עֶר פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַ יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט וָואס פַּאסִירְט אוֹיף דִי וֶועלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**, אוּן אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט טַאקֶע אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַז דִי גוֹיִם אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאלְן זַיין פַּארְנוּמֶען צוּ בַּאעֶרְדִיגְן זֵייעֶרֶע טוֹיטֶע, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי מְרַגְּלִים, אָבֶער דִי מְרַגְּלִים הָאבְּן אַלֶעם אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּ שְׁלֶעכְט'ס.

אוּן דָאס הָאבְּן דִי מְרַגְּלִים גֶעזָאגְט, **וְשָׁם רָאִינוּ אֶת הַנְּפִילִים**, זָאגְט רַשִׁ"י אַז דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי קִינְדֶער פוּן דִי מַלְאָכִים וָואס זֶענֶען אַרָאפּ גֶעפַאלְן פוּן הִימְל, וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען מַלְאָכִים וָואס הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ אָנְהוֹיבְּן פוּן נֵיי ~

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נ"א) אַז מֶען טָאר נִישְׁט זַיין אַלְט בַּיי זִיךְ, "אִיךְ בִּין שׁוֹין אַן אַלְטֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, שׁוֹין פוּן לַאנְג צוּרִיק", נָאר מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנַייעֶן, אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ אַזוֹי וִוי עֶס אִיז יֶעצְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס מֶען הֵייבְּט אָן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן בֶּאֱמֶת וֶוענְדְט זִיךְ אִין דֶעם דִי גַאנְצֶע הַצְלָחָה פוּן אַ אִיד אִין עֲבוֹדַת ה', וֶוען מֶען בַּאנַייעֶט זִיךְ יֶעדֶע מָאל פוּן פְרִישׁ, דוּרְךְ דֶעם שְׁטַייגְט מֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער.

יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט אִין עֲבוֹדַת ה' דַארְף זַיין מִיט אַ פְרִישְׁקַייט אַזוֹי וִוי עֶס וָואלְט גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס מֶען טוּט עֶס, מֶען גֵייט דַאוֶוענֶען שַׁחְרִית, "יֶעצְט אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ גֵיי דַאוֶוענֶען שַׁחְרִית", מֶען גֵייט דַאוֶוענֶען מִנְחָה, "יֶעצְט אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ גֵיי דַאוֶוענֶען מִנְחָה", מֶען גֵייט דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב, אֲפִילוּ מֶען אִיז מִיד אוּן אָפְּגֶעמוּטְשֶׁעט פוּן אַ גַאנְצֶע טָאג, פְרִישְׁט מֶען זִיךְ אוֹיף וַוייל מֶען גֵייט יֶעצְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל גֵיין דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב.

מֶען זֶעהט אַז דִי עֶרְשְׁטֶע מַעֲרִיב פוּנֶעם יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּייְנַאכְט, דַאוֶוענְט יֶעדֶער מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה אוּן הִתְעוֹרְרוּת, וַוייל דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע תְּפִלָּה פוּן יָאר דַאוֶוענְט מֶען עֶס מִיט אַ גֶעשְׁמַאק, אָבֶער בֶּאֱמֶת דַארְף מֶען יֶעדֶע מַעֲרִיב דַאוֶוענֶען אַזוֹי, וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן יֶעדֶע מָאל פוּן נֵיי, דֶעמָאלְט'ס אִיז יֶעדֶע תְּפִלָּה דִי עֶרְשְׁטֶע תְּפִלָּה וָואס מֶען דַאוֶוענְט, אוּן מֶען דַאוֶוענְט עֶס מִיט גְרוֹיס גֶעשְׁמַאק.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיים לֶערְנֶען, יֶעדֶע מָאל וָואס מֶען זֶעצְט זִיךְ לֶערְנֶען, צוּ זָאל עֶס זַיין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, אָדֶער מֶדְרָשׁ, זָאל מֶען

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

בַּאשַׁאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ וַוייל עֶר וֶועט זִינְדִיגְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי גֶעזָאגְט, אוּמְזִיסְט וֶוער אִיךְ אָנְגֶערוּפְן רַחוּם וְחַנוּן? אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זִינְדִיגְן וֶועלְן זֵיי תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן אִיךְ וֶועל זֵיי צוּרִיק נֶעמֶען, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרָאפּ גֶעשִׁיקְט דִי מַלְאָכִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, צוּ זֶעהן אוֹיבּ זֵיי וֶוען זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אוּן לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן זֵיי זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן, זֵיי הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט.

דָאס הָאבְּן דִי מְרַגְּלִים גֶעזֶעהן דִי נְפִילִים, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהן אַז אֲפִילוּ דִי מַלְאָכִים הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, וִוי אַזוֹי וֶועלְן זִיךְ דִי אִידְן קֶענֶען דָארְט דֶערְהַאלְטְן אִין אַזַא גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע וֶועלְט, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ גְרֶעסֶערֶע כֹּחַ פוּן אַ מַלְאָךְ, עֶר קֶען זִיךְ יָא דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אוֹיבּ מֶען זִינְדִיגְט קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּהן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער רַחוּם וְחַנוּן, נֶעמְט יֶעדְן אָן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק שְׁלַח תש"ם)

***

**וַיַּהַס כָּלֵב אֶת הָעָם אֶל מֹשֶׁה וַיֹּאמֶר עָלֹה נַעֲלֶה וְיָרַשְׁנוּ אֹתָהּ כִּי יָכוֹל נוּכַל לָהּ**, כָּלֵב הָאט שְׁטִיל גֶעמַאכְט דִי פָאלְק אוּן גֶעזָאגְט, אַז מִיר וֶועלְן יָא אַרַיין גֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן מִיר וֶועלְן בַּייקוּמֶען דִי גוֹיִם, זָאגְט רַשִׁ"י, אַז כָּלֵב הָאט גֶעזָאגְט, אַז אֲפִילוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וֶועט אוּנְז הֵייסְן מַאכְן לֵייטֶער'ס ,אוּן אַרוֹיף גֵיין אִין הִימְל, וֶועלְן מִיר דָאס אוֹיךְ קֶענֶען בַּאוַוייזְן.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נ"א) אַז דֶער עִיקָר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע רָצוֹן, אַ שְׁטַארְקֶע ווִילְן, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אִינְצְווִישְׁן דַאוֶוענְט מֶען אוּן מֶען לֶערְנְט.

אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיינְ'ס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְצוּהַאלְטְן דֶעם רָצוֹן, אָנְצוּהַאלְטְן דֶעם ווִילְן, וַוייל עֶר וֶוערְט צוּבְּרָאכְן וֶוען עֶר זֶעהט אַז עֶר אִיז נִישְׁט מַצְלִיחַ, דֶערְפַאר דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִּיק וָואס זָאל מְעוֹרֵר זַיין אוּן מְחַזֵּק זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר קֶען יָא, אוּן עֶר וֶועט יָא מַצְלִיחַ זַיין, אוֹיבּ עֶר וֶועט נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, אַזוֹי וִוי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ 'אִיךְ קֶען נִישְׁט', עֶס אִיז נָאר דָא 'אִיךְ ווִיל נִישְׁט', אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט - וֶועסְטוּ קֶענֶען", אוּן דָאס טוּט דֶער צַדִּיק אַרַיינְשַׁיינֶען אִינֶעם מֶענְטְשׁ, אַז עֶר זָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ, אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן דִי רָצוֹן.

דֶערְפַאר וֶוען כָּלֵב הָאט גֶעזֶעהן אַז דִי מְרַגְּלִים שְׁרֶעקְן אָן דִי אִידְן אַז זֵיי וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען אַרַיין גֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַז זֵיי וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען בַּייקוּמֶען דִי שְׁטַארְקֶע גוֹיִם, הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז יֶעצְט דַארְף עֶר מְחַזֵּק זַיין דִי אִידְן מִיט "אֱמוּנַת חֲכָמִים", צוּ גֵיין צוּם צַדִּיק, צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וַוייל נָאר דֶער צַדִּיק קֶען מְחַזֵּק זַיין אוּן גֶעבְּן דִי כּוֹחוֹת פַאר אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן דִי רָצוֹן.

דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן, אוֹיבּ מִיר וֶועלְן זִיךְ הַאלְטְן בַּיים צַדִּיק, וֶועלְן מִיר אַלֶעס קֶענֶען דוּרְךְ פִירְן, אֲפִילוּ דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאכְן, אֲפִילוּ עֶר וֶועט אוּנְז הֵייסְן אַרוֹיפְקְרִיכְן אִין הִימְל מִיט לֵייטֶער'ס, וֶועלְן מִיר עֶס אוֹיךְ קֶענֶען בַּאוַוייזְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית שְׁלַח תשס"ז)

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, "אִיךְ גֵיי יֶעצְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל לֶערְנֶען דִי נֵייעֶ לִימוּד", אוּן וֶוען אַ אִיד פִירְט זִיךְ אַזוֹי וֶועט עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין, וַוייל דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּ בַּאנַייעֶן אוּן מַאכְן שְׁטֶענְדִיג אַ פְרִישֶׁע הַתְחָלָה.

רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט אַז בַּיים רֶבִּי'ן הָאט מֶען דָאס אוֹיךְ גֶעזֶעהן וִוי עֶר הָאט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנַייעֶט, נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט מְגַלֶּה זַיין גֶעוַואלְדִיגֶע תּוֹרוֹת אוּן הַשָּׂגוֹת, הָאט מֶען אִים גְלַייךְ נָאכְדֶעם גֶעטְרָאפְן וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן "וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?", וַוייל עֶר פְלֶעגְט אֵייבִּיג אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ מַעֲשֶׂה בַּיי אַ גְרוֹיסֶער קֶענִיג וָואס הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט גָאר אַ שֵׁיינֶעם נִיגוּן פַאר זַיין זִינְגֶער, דֶער נִיגוּן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בַּאלִיבְּט בַּיים קֶענִיג, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעבֶּעטְן דֶעם זִינְגֶער אַז עֶר זָאל אִיבֶּער זִינְגֶען דֶעם נִיגוּן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן דֶער קֶענִיג הָאט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מְחַיֶּ' גֶעוֶוען דֶערְמִיט.

אָבֶּער נָאךְ אַ קוּרְצֶע צַייט הָאט דֶער זִינְגֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֶוערְן נִמְאָס פוּן דֶעם נִיגוּן, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְצוּלָאזְן פוּן דִי פְרִישְׁקַייט וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט פוּן אָנְפַאנְג, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעזוּנְגֶען מִיט דִי זֶעלְבֶּע שְׁטַארְקַייט.

דֶער קֶענִיג הָאט דָאךְ אָבֶּער יָא גֶעוָואלְט הֶערְן דֶעם שֵׁיינֶעם נִיגוּן מִיטְן גַאנְצְן פְּרַאכְט, אִיז דֶער קֶענִיג אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַן עֵצָה, עֶר הָאט יֶעדְן טָאג גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה, אוּן עֶר הָאט אַיינְגֶעלַאדֶענְט יֶעדְן טָאג נֵייעֶ מִינִיסְטָארְן וָואס זָאלְן קוּמֶען צוּ דִי סְעוּדָה, אוּן אַזוֹי וִוי דֶער זִינְגֶער הָאט גֶעזֶעהן פְרִישֶׁע פָּנִים'עֶר, הָאט עֶר נָאכְאַמָאל אִיבֶּער גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן מִיט אַ פְרִישְׁקַייט, אוּן אַזוֹי דִי קוּמֶענְדִיגֶע טָאג הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעזִינְגֶען לְכָבוֹד דִי נֵייעֶ גֶעסְט אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ זֶעהן וָואס עֶר קֶען, אוּן דֶער קֶענִיג הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּ' גֶעוֶוען צוּ הֶערְן דֶעם נִיגוּן.

דֶער קֶענִיג הָאט יֶעדְן טָאג גֶעזוּכְט פְרִישֶׁע גֶעסְט, אַז דֶער זִינְגֶער זָאל זִיךְ יֶעדְן טָאג אוֹיפְפְרִישְׁן מִיטְן נִיגוּן, אָבֶּער מִיט דִי צַייט הָאט דֶער קֶענִיג נִישְׁט גֶעהַאט מֶער וֶועם צוּ רוּפְן, עֶר הָאט שׁוֹין גֶערוּפְן אַלֶע זַיינֶע מִינִיסְטָארְן אוּן אַלֶע זַיינֶע קְרוֹבִים אוּן בַּאקַאנְטֶע, אוּן עֶס הָאט זִיךְ וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט דָאס אַלְטֶע, דֶער זִינְגֶער הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְצוּלָאזְן פוּן זַיין פְרִישְׁקַייט אוּן עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעזִינְגֶען אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר.

וָואס הָאט דֶער קֶענִיג גֶעטוּהן? עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט בְּלִינְד גֶעמַאכְט דֶעם זִינְגֶער, אוּן בַּיי דִי קוּמֶענְדִיגֶע סְעוּדָה הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַארְן זִינְגֶער אַז עֶר הָאט אַרָאפּ גֶעבְּרֶענְגְט גָאר חָשׁוּבֶע

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

נֵייעֶ מִינִיסְטָארְן און עֶר זָאל זֵיי וַוייזְן וָואס עֶר קֶען, און דֶער זִינְגֶער הָאט דָאךְ נִשְׁט גֶעקֶענְט זֶעהן וֶוער עֶס אִיז דָא הָאט עֶר וַוייטֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן זִינְגֶען אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן און זִיךְ בַּאנַייעֶן יֶעדְן טָאג פוּן פְרִישׁ, אָבֶּער וֶוען מֶען וֶוערְט שׁוֹין נִמְאָס, דַארְף מֶען זִיךְ פַארְמַאכְן דִי אוֹיגְן און נִשְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִשְׁט קוּקְן און נִשְׁט גֶעדֶענְקְן גָארְנִישְׁט וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, און מַאכְן אַ פְרִישֶׁע הַתְחָלָה צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

און אֲפִילוּ בְּגַשְׁמִיּוּת אִיז אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פַארְן מֶענְטְשׁ וֶוען מֶען בַּאנַייעֶט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג וַוייל וֶוען מֶען וֶוערְט אַלְט און נָאכְגֶעלָאזְט פַאלְט מֶען אַרַיין אִין אַ מָרָה שְׁחוֹרָה און דִיפְּרֶעסִיֶע, און מֶען פַארְלִירְט דִי אַפֶּעטִיט צוּם לֶעבְּן, מֶען דַארְף זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן און זִיךְ בַּאנַייעֶן, און אַזוֹי הָאט מֶען אַ פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן.

דָאס אִיז אוֹיךְ פְּשַׁט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט "חִידוּשׁ כָּמוֹנִי לֹא הָיָה בָּעוֹלָם", וַוייל דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען דֶער גְרֶעסְטֶער חִידוּשׁ טַאקֶע אִין דֶעם עִנְיָן פוּן הִתְחַדְּשׁוּת - זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דִי זַאךְ אַז וָואס עֶס אִיז נָאר גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט קֶען מֶען זִיךְ אֵייבִּיג בַּאנַייעֶן פוּן פְרִישׁ און אָנְהֵייבְּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

און דִי וִויכְטִיגְסְטֶע דָאס צוּ גֶעדֶענְקְן אִיז וֶוען עֶס קוּמְט אַרַיין מַחְשָׁבוֹת אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַז מֶען אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְט און אַז מֶען וֶועט שׁוֹין נִשְׁט מַצְלִיחַ זַיין, און מֶען וֶוערְט פוּן דֶעם זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, אָבֶּער וֶוען מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין קָאפּ אַז יֶעדֶע מִינוּט אִיז אַ נֵייעֶ וֶועלְט, עֶס אִיז נִשְׁט קַיין חִילוּק וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן בִּיז יֶעצְט, נִשְׁט קַיין חִילוּק וִוי אַזוֹי מֶען זֶעהט אוֹיס, קֶען מֶען זִיךְ אֵייבִּיג בַּאנַייעֶן, אוֹיף דֶעם וֶועג קֶען מֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין, און צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ד' וְחֵלֶק ט' וְחֵלֶק י' עֶרֶךְ הִתְחַדְּשׁוּת)

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

המשך פון דף ד

גראדועישאן פון די קלענערע מיידלעך אין בית פיגא סקול.

עס זענען זיך צוזאמגעקומען א גרויסע צאל פרויען קרובים און משפחה מיטצוהאלטן און שעפן נחת.

בעזר ה' איז די מסיבה געקרוינט געווארן מיט גרויס הצלחה, ווי מען האט געקענט זעהן די איידלקייט און מדות טובות פון די טייערע קינדערלעך.

אין די געלעגנהייט ווילן מיר באדאנקן די אלע לערערנס און די חשובע מנהלת וואס האבן אריינגעלייגט גרויסע כוחות אהערצושטעלן די מסיבה אויפ'ן בעסטן פארנעם, און ספעציעל פאר די חשובע לערערן מרת היילפרין תחי' וואס האט אריינגעלייגט געוואלדיגע כוחות און מיה צו די הצלחה פונעם מעמד.

**זרע ברך ה'!**

***

## מוהרא"ש שליט"א פארט אויף ארץ ישראל

די קומענדיגע וואך וועט מוהרא"ש שליט"א פארן אויף ארץ ישראל פאר א וואך צו מחזק זיין די ארטיגע אידן.

די קומענדיגע וואך וועט נישט פארקומען די ליל שישי שיעור.

מען קען הערן שיעורים פון די פארגאנגענע יארן אויפ'ן קול ברסלב טעלעפאן ליין 212-444-9191

**כי מלאכיו יצוה לך!**

# וְהִתְחַזַּקְתֶּם!

וּמָה הָאָרֶץ הַשְּׁמֵנָה הוּא אִם רָזָה, הֲיֵשׁ בָּהּ עֵץ אִם אַיִן, וְהִתְחַזַּקְתֶּם וּלְקַחְתֶּם מִפְּרִי הָאָרֶץ (בַּמִּדְבָּר יג, כ): מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זֵיי גֶעהֵייסְן זֵיי זָאלְן נֶעמֶען פוּן דִי פֵּירוֹת פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעקוּמֶען, און אֵיין מֶענְטְשׁ הָאט גֶעשְׁלֶעפְּט אַ רִיזִיגְן מִילְגְרוֹים, אֵיינֶער אַ רִיזִיגְן פַייג, און אַכְט מֶענְטְשְׁן אַ גֶעהֶענְגְל טְרוֹיבְּן, אָבֶּער יְהוֹשֻׁעַ און כָּלֵב הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶענוּמֶען. הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן אַ עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ בְּרֶסְלְבֶע'ר חָסִיד, רֶבִּי אֶפְרָיִמ'ל פְּשֶׁעדְבָארְזְשֶׁער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (בְּסִפְרוֹ עוֹנֶג שַׁבָּת, פַּרְשַׁת שְׁלַח): הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: פַארְוָואס הָאבְּן יְהוֹשֻׁעַ און כָּלֵב גָארְנִישְׁט גֶענוּמֶען, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט פַאר יֶעדְן מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען מִפְּרִי הָאָרֶץ? הָאט עֶר גֶעזָאגְט: זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ גֶענוּמֶען, וַוייל מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט: 'וְהִתְחַזַּקְתֶּם' 'וּלְקַחְתֶּם מִפְּרִי הָאָרֶץ'. דִי צֶען מְרַגְּלִים, הָאבְּן טַאקֶע גֶענוּמֶען פוּן דִי פֵּירוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָבֶּער נִשְׁט מְחַזֵּק גֶעוֶוען וֶוען עֶס אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף זֵיי דִי מוֹרָא'דִיגֶער נִסָּיוֹן, אָבֶּער יְהוֹשֻׁעַ און כָּלֵב הָאבְּן גֶענוּמֶען דֶעם 'וְהִתְחַזַּקְתֶּם', דָאס הִתְחַזְּקוּת, און זֵיי הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צַייטְן.

נָאךְ אַ זַאךְ זֶעהְט מֶען, פַאר יְהוֹשֻׁעַ בֶּן נוּן הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ צוּגֶעלֵייגְט אַ י', און מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוֹיף אִים: יָ-הּ יוֹשִׁיעֲךָ מֵעֲצַת מְרַגְּלִים (רַשִׁ"י, בַּמִּדְבָּר יג, טז), און וֶוען כָּלֵב הָאט גֶעזֶעהְן אַז פַאר יְהוֹשֻׁעַ הָאט מֶען אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן און פַאר אִים נִשְׁט, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען בִּיז חֶבְרוֹן בֶּעטְן בַּיי דִי קִבְרֵי צַדִּיקִים: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הָאבּ רַחְמָנוּת בִּזְכוּת אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב, שָׂרָה רִבְקָה לֵאָה אַז אִיךְ זָאל נִיצוֹל וֶוערְן. פְרֶעגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (שְׁלַח, קנח ע"ב): וִוי אַזוֹי הָאט כָּלֵב נִשְׁט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ גֵיין אַלֵיין אִין חֶבְרוֹן, וואוּ עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי אַלֶע זֶעקְס רִיזְן?! זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: וֶוער עֶס אִיז אִין אַ צָרָה קוּקְט נִשְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט; און דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע יְסוֹד אִין לֶעבְּן, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט וֶוער עֶר אִיז, אַז עֶר אִיז דֶער נִידֶערִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נָאר פַארְהַאנֶען, און עֶס אִיז נָאךְ נִשְׁט גֶעוֶוען - פוּן וֶוען דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט נָאר גֶעטְרַאכְט צוּ בַּאשַׁאפְן מֶענְטְשְׁן, בִּיז צוּם סוֹף וֶוען עֶר וֶועט פַארְמַאכְן דִי וֶועלְט - אַזַא נִידְרִיגֶע נְשָׁמָה, דֶעמָאלְטְס קֶען אִים שׁוֹין קֵיינֶער נִשְׁט אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן צַדִּיק, וַוייל אַז מֶען הָאט אִים אַלֶעמָאל גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז

המשך בדף ד

# וְהִתְחַזַּקְתֶּם !

המשך

גָארְנִישְׁט וֶועְרְד, אוּן דָא קוּמְט אַזַא הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן הֵייבְּט אִים אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיף, אוּן גֶעט אִים אַרַיין אַזַא הָאפֶּענוּנְג אוּן חַיוּת, דֶערְשְׁרֶעקְט עֶר זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם, אוּן עֶר קוּקְט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט, אוּן הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק בַּיים צַדִיק.

## גֶעוָוארְן אַ מִילְיָאנֶער...

אַ בָּחוּר הָאט מִיר אַמָאל גֶעזָאגְט: אִיר הָאט מִיר גֶעמַאכְט פַאר אַ מִילְיָאנֶער. וַוייל יֶעדֶער הָאט מִיר שְׁטֶענְדִיג גֶעזָאגְט אַז אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶועְרְד, אוּן אוֹיךְ אִין אַלֶע כִּתּוֹת הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ זִירָא אוֹיף דִי פַּארְהֶער, אוּן אִיר הָאט מִיר נָאר צוּגֶעלֵייגְט דֶעם אֵיינְס נָאךְ דִי אַלֶע זִירָאס בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אַ בִּילְיָאנֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען נִישְׁט צוּ צוּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן אַזוֹי וִוי יְהוֹשֻׁעַ אוּן כָּלֵב הָאבְּן גֶענוּמֶען דֶעם 'וְהִתְחַזַּקְתֶּם' זָאלְן מִיר אוֹיךְ נֶעמֶען דֶעם 'וְהִתְחַזַּקְתֶּם', זִיךְ מְחַזֵּק צוּ זַיין, אוּן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

(קוּנְטְרֵס "לֶעבּ מִיטְן מְצִיאוּת")


## פריילִיכע נייעס

עס גייט בקרוב אנקומען א שיפמענט פון אלע חלקים "שיחות מוהרא"ש" איבערגעדרוקט אין א הערליכע פארמאט.

**אויב ווילט איר האבן די גאנצע סעט פון פופצען בענדער "שיחות מוהרא"ש", קענט איר זיך מעלדן אויפ'ן נומער**

**347-977-7994**

די פרייז איז $160


הגליון הזה נתנדב לזכות

מו"ה **אשר זעליג** בן **אסתר** הי"ו

ויה"ר שיתברך מפי א-ל עליון בבני חיי ומזוני רויחא בשפע ובניקל, ובכל אשר יפנה יצליח, אמן.

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

### שיינע שבע ברכות פאר א תלמיד הישיבה

די וואך מאנטאג איז פארגעקומען אין ישיבה א שיינע שבע ברכות פאר החתן יעקב פיש הי"ו מחשובי תלמידי הישיבה, בהשתתפות כ"ק מוהרא"ש שליט"א.

די שבע ברכות איז פארגעקומען בהיכל הישיבה, עס זענען זיך צוזאמגעקומען אלע תלמידי הישיבה און אנשי שלומינו מיטצוהאלטן די שמחה.

מיר האבן געהאט די זכי' צו הערן דברות קודש פון מוהרא"ש שליט"א וואס האט ארומגערעדט איבער די גרויסקייט פון די ישיבה ווי דער חתן האט געהאט די זכי' צו לערנען, א ישיבה ווי די בחורים ווילן לערנען מיט די אייגענע ווילן אן קיין פרעשור, און ברוך ה' דער חתן האט זיך גוט משלים געווען אין די בחור'ישע יארן.

דערנאך האט מוהרא"ש ארומגערעדט פון שלום בית, ווי אזוי מען דארף זיך אומגיין אינדערהיים כדי צו האבן א גוט לעבן.

נאכן בענטשן האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א טאנץ און משמח געווען דעם חתן ביז אין די שפעטע שעה'ן.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

***

### גרויס פרייד ביי תושבי קרית יואל
### צו די עפענונג פון נאך א בית המדרש "היכל הקודש"

ווי באקאנט גייט שוין אן די בית המדרש "היכל הקודש" אין שטאט קרית יואל פאר אסאך יארן, ווי אידן קומען זיך צוזאם זיך צו שטארקן און זיך מחזק זיין מיט די עצות פון רבי'ן.

אזוי ווי עס איז באקאנט וואס רביה"ק מסאטמאר זצוק"ל שרייבט אין ויואל משה אז דער רבי איז געווען דער צדיק וואס האט פאראויס געזעהן די נסיונות פונעם היינטיגן דור, און דערפאר זעהט מען אין קרית יואל א גרויסע השתוקקות צו די הייליגע דיבורים און עצות פון רבי'ן.

אבער אזוי ווי די שטאט האט זיך ברוך ה' ציוואקסן זייער גרויס, און נישט יעדער קען אנקומען צום בית המדרש וואס געפינט זיך אין צענטער פון שטאט, האט מען לעצטנ'ס געעפענט נאך א בית המדרש היכל הקודש אין די **עצי תמרים געגענט**, אז די אידן פון דארט זאלן זיך אויך קענען מחזק זיין אינאיינעם.

יעצט עפענט זיך די דריטע בית המדרש, אין די **ברך משה געגענט**, וואס דארט האט זיך אויך ציוואקסן מיט גאר אסאך משפחות, און עס איז א ווייטע וועג צו גיין ביזן בית המדרש.

עס איז צום האפן אז דער נייער בית המדרש וועט זיין א גרויסע תועלת פאר די אידן וואס וואוינען דארט אין די אומגעגענט, צו קענען הנאה האבן און זיך שטארקן אינאיינעם מיטן רבי'נס עצות.

**והחוט המשולש לא במהרה ינתק!**

***

### שיינע גראדועישאן פארגעקומען אין סקול "בית פיגא"

צו די שלוסינג פון די יעצטיגע סקול-יאר איז פארגעקומען די וואך די

המשך בדף ג

### סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **מרדכי יונה שיק** הי"ו

צו די שידוך שליסן

פון זיין טאכטער עב"ג למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד דורות ישרים ומבורכים, אמן

### סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **מענדל קאהן** הי"ו

צו די שידוך שליסן

פון זיין בחור עב"ג למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד דורות ישרים ומבורכים, אמן

### סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **מיכאל אלטמאן** הי"ו

צו די געבורט פון א יונגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער, אמן


### קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות.....................8:07
מוצש"ק...............................9:38
סוף זמן ק"ש........................8:34

**שיעורים כסדרן**
בבלי..........................עירובין צ"ב
ירושלמי...................קידושין כ"ה
תוספתא.............תרומות פרק ד'

פרשת קרח, א' דראש חודש תמוז, אבות פרק ד', שנת תשע"ג לפ"ק — שנה 2, גליון 38 (88)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיִּקַּח קֹרַח**, זָאגְט רַשִׁ"י וָואס הָאט קֹרַח גֶעטוּהן? עֶר הָאט צוּזַאם גֶענוּמֶען צְוֵויי הוּנְדֶערְט-פוּפְצִיג הוֹיפְטְן פוּן סַנְהֶדְרִין, אוּן עֶר הָאט זֵיי אָנְגֶעטוּהן טַלֵיתִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן תְּכֵלֶת, אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן מֹשֶׁה: "מֶען דַארְף נָאךְ אַרוֹיף לֵייגְן צִיצִית אוֹיף דִי טַלֵיתִים?" הָאט מֹשֶׁה גֶעזָאגְט: "יָא", הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן חוֹזֶק מַאכְן, "אוֹיב אֵיין קְלֵיינֶע בֶּענְדְל פוּן תְּכֵלֶת פַּטְרְ'ט דֶעם גַאנְצְן טַלִית, דַארְף דָאךְ אַ טַלִית וָואס אִיז נָאר פוּן תְּכֵלֶת זִיכֶער זַיין גוּט?"

אוּן דֶער מֶדְרָשׁ בְּרֶענְגְט אוֹיךְ אַז עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן מֹשֶׁה, "אַ שְׁטוּב וָואס אִיז פִיל מִיט סִפְרֵי תּוֹרוֹת, דַארְף הָאבְּן אַ מְזוּזָה אוֹיפְ'ן טִיר?" הָאט מֹשֶׁה גֶעזָאגְט: "יָא", הָאט עֶר וַוייטֶער חוֹזֶק גֶעמַאכְט, "אוֹיב אַ קְלֵיינֶע מְזוּזָה וָואס הָאט נָאר צְוֵויי פַּרְשִׁיוֹת פוּן דִי תּוֹרָה פַּטְרְ'ט דִי שְׁטוּב, פַארְוָואס זָאל אַ גַאנְצֶע סֵפֶר תּוֹרָה נִישְׁט קֶענֶען פַּטְרְ'ן?"

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י"ט) אַז עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס מֵיינֶען אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז צוּ זַיין קְלוּג, צוּ אַרוֹיס הָאבְּן קְלָאר יֶעדֶע זַאךְ וִוי אַזוֹי דָאס אַרְבֶּעט, אָבֶּער מִיר וֵוייסְן דֶעם אֱמֶת אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז נָאר צוּ טוּהן אַסַאךְ מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, מֶען דַארְף גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטֵיין אוּן אַרוֹיס הָאבְּן.

אוּן אַ רְאַיָ' צוּ דֶעם אִיז, וַוייל אוֹיב דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז נָאר צוּ פַארְשְׁטֵיין מִיט חָכְמָה, דֶעמָאלְטְ'ס קֶען רוֹב וֶועלְט נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּם תַּכְלִית, וַוייל רוֹב וֶועלְט אִיז נִישְׁט אַזוֹי קְלוּג, זֶעהט מֶען פוּן דֶעם אִיז דֶער עִיקָר אִיז נָאר צוּ טוּהן מִצְוֹת פָּשׁוּט'עֶרְהֵייט אָן קַיין חָכְמוֹת, דָאס זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (קֹהֶלֶת יב, יג) סוֹף דָּבָר הַכֹּל נִשְׁמָע, אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְאֶת מִצְוֹתָיו שְׁמוֹר, דֶער עִיקָר תַּכְלִית אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז נָאר צוּ טוּהן מִצְוֹת אוּן מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, כִּי זֶה "כָּל" הָאָדָם, וַוייל דָאס קֶען "יֶעדֶער" מֶענְטְשׁ טוּהן.

דָאס זָאגְט רַשִׁ"י, **וְקֹרַח שֶׁפִּקֵּחַ הָיָה מַה רָאָה לִשְׁטוּת זֶה?** בְּפַּשְׁטוּת אִיז דָאס אַ קַשְׁיָא, "קֹרַח אִיז דָאךְ גֶעוֶוען קְלוּג, וִוי קוּמְט צוּ אִים אַזַא שְׁטוּת?" אָבֶּער מֶען קֶען זָאגְן אַנְדֶערְשׁ אוֹיךְ, טַאקֶע וַוייל קֹרַח אִיז גֶעוֶוען אַ פִּקֵּחַ, אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ, דָאס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט זַיין דוּרְכְפַאל, וַוייל עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט חָכְמוֹת, עֶר הָאט גֶעוָואלְט פַארְשְׁטֵיין אוּן אַרוֹיסְהָאבְּן יֶעדֶע זַאךְ, וִוי אַזוֹי אַרְבֶּעט דִי מִצְוָה פוּן תְּכֵלֶת? וִוי אַזוֹי אַרְבֶּעט דִי מִצְוָה פוּן מְזוּזָה? אוּן נָאכְדֶעם אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁלוּנְגֶען גֶעוָוארְן אִין דֶער עֶרְד.


המשך בדף ב


## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ דֶערְצֵייל עֶם פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן ~

מִיר זֶעהן בַּיי דִי פַּרְשָׁה פוּן קֹרַח, קֹרַח הָאט גֶעקְרִיגְט אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, עֶר הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט (בַּמִּדְבָּר טז, ג) רַב לָכֶם כִּי כָל הָעֵדָה כֻּלָּם קְדֹשִׁים וּבְתוֹכָם ה' וּמַדּוּעַ תִּתְנַשְּׂאוּ עַל קְהַל ה', אַלֶע אִידְן זֶענֶען הֵיילִיג, פַארְוָואס הַאלְט זִיךְ מֹשֶׁה גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע אִידְן? אוּן דִי סוֹף פוּן קֹרַח אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁלוּנְגֶען גֶעוָוארְן אִין דֶער עֶרְד צוּזַאמֶען מִיט זַיין גַאנְצֶע גֶעמֵיינְדֶע, אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פוּן זֵיי.

כִּמְעַט דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער גֶעפִינֶען מִיר בַּיי מִרְיָם אוּן אַהֲרֹן, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט אוֹיף מֹשֶׁה, הֲרַק אַךְ בְּמֹשֶׁה דִּבֶּר ה' הֲלֹא גַּם בָּנוּ דִבֵּר, פַארְוָואס הַאלְט זִיךְ מֹשֶׁה גְרֶעסֶער? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶערֶעדְט מִיט אוּנְז אוֹיךְ, נִישְׁט נָאר צוּ אִים.

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, פַארְוָואס זֶענֶען זֵיי נִישְׁט גֶעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן מִיט דִי הַארְבֶּע שְׁטְרָאף וָואס קֹרַח וַעֲדָתוֹ זֶענֶען גֶעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן, זֵיי הָאבְּן דָאךְ גֶעזָאגְט בְּעֶרֶךְ דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ?

נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז אַז עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וָואס מֶען טוּט נָאכְדֶעם, בַּיי מִרְיָם אוּן אַהֲרֹן גְלַייךְ וֶוען מֶען הָאט זֵיי פָארְגֶעהַאלְטְן אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעטוּהן רִיכְטִיג, הָאבְּן זֵיי גְלַייךְ תְּשׁוּבָה גֶעטוּהן אוּן חֲרָטָה גֶעהַאט, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט, בִּי אֲדֹנִי אַל נָא תָשֵׁת עָלֵינוּ חַטָּאת אֲשֶׁר נוֹאַלְנוּ וַאֲשֶׁר חָטָאנוּ, זֵיי הָאבְּן מוֹדֶה גֶעוֶוען אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט רִיכְטִיג גֶעטוּהן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי מוֹחֵל גֶעוֶוען, אָבֶּער קֹרַח הָאט זִיךְ וַוייטֶער גֶעהַאלְטְן מִיט זַיין עַקְשָׁנוּת בִּיזְן סוֹף, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מוֹדֶה זַיין, אוּן דֶערְפַאר אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַיינְגֶעזוּנְקֶען אִין דֶער עֶרְד, אוּן אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעמֶעקְט גֶעוָוארְן פוּן דִי וֶועלְט.


המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

דֶערְפַאר, וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת אָן קַיין חָכְמוֹת, עֶר טוּט אַלֶע מִצְוֹת וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, וֶועט אִים זִיכֶער גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן וֶוער עֶס גֵייט מִיט חָכְמוֹת, פַאלְט אַוֶועק צוּם סוֹף.

(זֹאת הַתּוֹרָה קֹרַח ב)

***

**וַיִּקָּהֲלוּ עַל מֹשֶׁה וְעַל אַהֲרֹן**, לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס הָאט גֶעפֶעהלְט פַאר קֹרַח אַז עֶר הָאט גֶעקְרִיגְט אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ? עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ לֵוִי, עֶר הָאט גֶעטְרָאגְן דֶעם אָרוֹן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים קי"ט) אַז דְרֵיי הוּנְדֶערְט בְּהֵמוֹת הָאבְּן גֶעדַארְפְט שְׁלֶעפְּן דִי שְׁלִיסְלֶעךְ פוּן דִי אוֹצְרוֹת פוּן קֹרַח, עֶס הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעפֶעהלְט, פַארְוָואס הָאט עֶר גֶעדַארְפְט קְרִיגְן אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ?

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י') אַז דֶער עִיקָר טַעַם פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן זֶענֶען וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת, אוּן פַארְוָואס הָאט מֶען נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת? וַוייל מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, אוּן פַארְוָואס אִיז מֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ? וַוייל מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס מֶען הָאט, דָאס מֵיינְט אַז מֶען פְרֵיידְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּגַם פוּן קֹרַח אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן מִיט וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעדַארְפְט נָאךְ אוּן נָאךְ.

אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן מִיט אֵיין מְזוּזָה אוֹיפְ'ן טִיר, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט הָאבְּן אַ גַאנְצֶע שְׁטוּבּ פִיל מִיט סְפָרִים, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן מִיט אֵיין בֶּענְדְל תְּכֵלֶת אוֹיפְ'ן טַלִית, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט הָאבְּן אַ טַלִית וָואס אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן תְּכֵלֶת, אוּן דִי זֶעלְבֶּע בְּגַשְׁמִיּוּת אִיז עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן מִיט וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעדַארְפְט נָאךְ אוּן נָאךְ, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּ קְרִיגְן אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶעהְן אַסַאךְ צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זַיין אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת זַיין צוּפְרִידְן מִיט וָואס מֶען הָאט, אוּן סַיי בְּרוּחָנִיּוּת, צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה אַרַיין צוּ כַאפְּן צוּ טוּהן דֶעם רָצוֹן ה', אֲפִילוּ עֶס אִיז נָאר אַ קְלֵיינִיקַייט, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל, סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, קֹרַח תשס"ה)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אוּן דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לִימוּד פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, בִּיזְט דוּרְכְגֶעפַאלְן? דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט זִיךְ מִתְגַבֵּר גֶעוֶוען אוֹיף דִיר? לוֹיף נִישְׁט אַוֶועק יֶעצְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר אַדְרַבָּה, גְלַייךְ נָאכְדֶעם דֶערְצֵייל עֶס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַנְטְשׁוּלְדִיגְט דִיךְ פַאר אִים, "בַּאשֶׁעפֶער, וָואס זָאל אִיךְ טוּהן? אִיךְ הָאבּ אַ גְרוֹיסֶע יֵצֶר הָרַע, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט מִתְגַבֵּר זַיין, אוּן אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן, זַיי מִיר מוֹחֵל, אוּן הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל עֶס מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּהן".

דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת י"ב) כָּל הָעוֹשֶׂה עֲבֵירָה וּמִתְבַּיֵּשׁ בָּהּ, מוֹחֲלִין לוֹ עַל כָּל עֲווֹנוֹתָיו, דָאס מֵיינְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט אַן עֲבֵירָה, אָבֶּער עֶר שֶׁעמְט זִיךְ מִיט דֶעם, עֶר שֶׁעמְט זִיךְ אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט טוּהן אַזַא זַאךְ, עֶר דֶערְצֵיילְט עֶס גְלַייךְ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ דָאס אוּן דָאס גֶעטוּהן", דָאס מַאכְט אַז עֶר זָאל זִיךְ שֶׁעמֶען דֶערְמִיט, אוּן עֶר בֶּעהְט גְלַייךְ אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן זָאגְן אַז דָאס אִיז אַזוֹי וִוי אַ קְלֵייד וָואס הָאט בַּאקוּמֶען אַ פְלֶעק, אוֹיבּ וַואשְׁט מֶען גְלַייךְ אָפּ דֶעם פְלֶעק, קוּמְט עֶס אִינְגַאנְצְן אַרָאפּ אוּן עֶס בְּלַייבְּט אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין צֵייכְן אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פְלֶעק, אוֹיבּ אָבֶּער מֶען לָאזְט דִי פְלֶעק פַאר אַ לֶענְגֶערֶע צַייט, אִיז עֶס שׁוֹין אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער אַרָאפְּצוּנֶעמֶען, אוּן אַסַאךְ מָאל, קֶען מֶען עֶס שׁוֹין בִּכְלַל נִישְׁט אַרָאפְּנֶעמֶען נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט, אָבֶּער וֶוען מֶען הָאט שֵׂכֶל אוּן מֶען וַואשְׁט עֶס גְלַייךְ אָפּ, בְּלַייבְּט נִישְׁט קַיין זֵכֶר דֶערְפוּן.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דִי נְשָׁמָה, יֶעדֶע עֲבֵירָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט מַאכְט אַ פְלֶעק אוֹיף זַיין נְשָׁמָה, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל טוּט עֶר גְלַייךְ תְּשׁוּבָה אוּן מִיט דֶעם וֶוערְט אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעוִוישְׁט דִי פְלֶעק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִים גְלַייךְ מוֹחֵל, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען לָאזְט עֶס וַוארְטְן לַאנְג, אִיז שׁוֹין אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער צוּ תְּשׁוּבָה טוּהן.

## נֶעם עֶס אַרוֹיס פוּן דַיינֶע בֵּיינֶער

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט עֲבֵירוֹת וֶוערְט דָאס אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אוּן דָאס צוּבְּרֶעכְט זַיינֶע בֵּיינֶער, אוּן דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּ זַיין, צוּ אַרוֹיסְזָאגְן מִיטְן מוֹיל פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן, אוּן דֶעמָאלְט'ס גֵייעֶן דִי עֲבֵירוֹת אַרוֹיס פוּן דִי בֵּיינֶער, אוּן מֶען וֶוערְט צוּרִיק גֶעזוּנְט.

דָאס מֵיינְט אַז אַלֶע צָרוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט אִיז פָּשׁוּט פוּן זַיינֶע עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן, וָואס דָאס צוּבְּרֶעכְט אִים דִי בֵּיינֶער, עֶס מַאכְט אִים אָן צָרוֹת אוּן לָאזְט אִים נִישְׁט אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן וִוי גֶעהֶערִיג.

מֶען זֶעהְט אַז וֶוען מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן דוּרְךְ צָרוֹת, זוּכְן זֵיי אֵיינֶעם וָואס זָאל זֵיי אוֹיסְהֶערְן, אוּן פַארְשְׁטֵיין זֵייעֶר וֵוייטָאג, מֶען גֵייט צוּ דָאקְטוֹרִים אוּן צוּ פְּסִיכִיאָלָאגְן, אַז זֵיי זָאלְן אוֹיסְהֶערְן אוּן אַרָאפְּנֶעמֶען דִי זַאכְן וָואס דְרוּקְן אוֹיפְן הַאַרְץ, אָבֶּער בֶּאֱמֶת לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט דָא קֶען מֶען דָאס טוּהן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְ'ס, מֶען דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס לִיגְט אוֹיפְ'ן הַאַרְץ, אוּן מֶען בֶּעהְט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אַז מֶען זָאל שׁוֹין אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְט'ס אִין וָואס מֶען אִיז

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

אַרֵיינְגֶעפַאלְן, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס גַאנְצֶע הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נֶעמְט עֶר מִיט דֶעם אַרָאפּ אַלֶע שְׁוֶוערֶע שְׁטֵיינֶער וָואס לִיגְן אוֹיפְ'ן הַארְץ, אוּן מֶען וֶוערְט אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ.

## פַארְוָואס הָאסְטוּ עֶס גֶעטוּהן?

אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג סְתַּם צוּ זָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי עֲבֵירָה וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן, נָאר מֶען דַארְף אוֹיךְ זָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי סִיבָּה וָואס הָאט צוּגֶעבְּרֶענְגְט צוּ טוּהן דִי עֲבֵירָה, אוּן וֶוען מֶען פַארְעֶנְטְפֶערְט זִיךְ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען זָאגְט אִים דִי סִיבּוֹת וָואס הָאבְּן גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז מֶען אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן, מִיט דֶעם נֶעמְט מֶען אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים אוּן אַלֶע קִטְרוּגִים.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס חַזַ"ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ רַבָּה שׁוֹפְטִים, ה) כְּשֶׁיֵּשׁ דִין לְמַטָּה אֵין דִין לְמַעְלָה, דָאס מֵיינְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ אַלֵיינְ'ס דַן, עֶר מִשְׁפָּט זִיךְ אַלֵיינְ'ס, פוּן אֵיין זַייט זָאגְט עֶר אַרוֹיס דִי שְׁלֶעכְטְ'ס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאגְט עֶר אוֹיךְ דִי לִימּוּד זְכוּת אוּן דִי סִיבּוֹת וָואס הָאבְּן אִים צוּגֶעבְּרֶענְגְט דֶערְצוּ, דֶעמָאלְט'ס אִיז מֶען אִים שׁוֹין מֶער נִישְׁט דַן אוֹיבְּן אִין הִימְל, אוּן עֶר וֶוערְט גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶע סָארְט עוֹנְשִׁים אוּן יִסוּרִים.

אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פִּנְחָס, דַף רל"א) שְׁטֵייט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דֶערְצֵיילְט גְלַייךְ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן, אוּן עֶר בֶּעהְט אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער מַלְאָךְ הַמְקַטְרֵג קוּמְט אוּן עֶר וִויל אוֹיסְזָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּהן, זָאגְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "דוּ דַארְפְסְט מִיר גָארְנִישְׁט דֶערְצֵיילְן, דֶער מֶענְטְשׁ הָאט מִיר שׁוֹין אַלֶעס אַלֵיין דֶערְצֵיילְט".

אוּן דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ צוּגֶעוואוֹינֶען אַז וִוי נָאר עֶר טוּט עֶפֶּעס קֶעגְן דֶעם רָצוֹן ה', בְּמַחְשָׁבָה, בְּדִבּוּר, אָדֶער בְּמַעֲשֶׂה, זָאל עֶר גְלַייךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ גְלַייךְ פַארְעֶנְטְפֶערְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בֶּעטְן אוֹיךְ אוֹיף וַוייטֶער אַז עֶר זָאל מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן, אוּן אוֹיף אַזַא וֶועג וֶועט עֶר שְׁטֶענְדִיג זַיין רֵיין פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן מִיט דִי צַייט וֶועט דָאס אִים הֶעלְפְן אוּן אִים אָפְּהִיטְן אַז עֶר זָאל טַאקֶע קֵיינְמָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין אַרוֹיפְצוּקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אִינְגַאנְצְן רֵיין.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ב', ג', ז', י', עֶרֶךְ וִידּוּי)

# מִילֵי דְאָבוֹת

**פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת**

~~~

## נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**שְׁמוּאֵל הַקָּטָן אוֹמֵר, בִּנְפֹל אוֹיִבְךָ אַל תִּשְׂמָח וּבִכָּשְׁלוֹ אַל יָגֵל לִבֶּךָ.**

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן אַז אַלֶעס וָואס עֶס גֶעשֶׁעהט אוֹיף דִי וֶועלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ, אַ בַּעַל בְּחִירָה, טוּט עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְ'ס פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיז עֶס אוֹיךְ נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס צוּגֶעשִׁיקְט כְּדֵי מְעוֹרֵר צוּ זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּהן, אוּן דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט זִיךְ צוּרִיק צוּ קְרִיגְן מִיט דֶעם שְׁטֶעקְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעשִׁיקְט, נָאר דִי עֵצָה אִיז צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּ אִים, אוּן אֶמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה טוּהן, אוּן דֶעמָאלְט'ס וֶועלְן אַלֶע שׂוֹנְאִים מְמֵילָא אַוֶועקְפַאלְן.

דָאס זָאגְט דֶער תַּנָּא, בִּנְפֹל אוֹיִבְךָ אַל תִּשְׂמָח, זָאלְסְט דִיךְ נִישְׁט פְרֵייעֶן וֶוען דַיין שׂוֹנֵא פַאלְט, וַוייל מִיט דֶעם וַוייזְטוּ אַז דוּ מֵיינְסְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּהן דִי שְׁלֶעכְטְ'ס פוּן זִיךְ אַלֵיין אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֶמֶת אִיז אַז דֶער שׂוֹנֵא אִיז נָאר גֶעקוּמֶען וַוייל דוּ הָאסְט גֶעזִינְדִיגְט אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אַז דוּ זָאלְסְט תְּשׁוּבָה טוּהן, אוּן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּהן, וֶועלְן אַלֶע דַיינֶע שׂוֹנְאִים אַוֶועק פַאלְן.

(בְּרִית אָבוֹת, פֶּרֶק ד', מִשְׁנָה כ"ד)

\*\*\*

## וֶועסְט זִיכֶער אַרוֹיסְגֵיין

**רַבִּי חֲנַנְיָא בֶּן עֲקַשְׁיָא אוֹמֵר, רָצָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְזַכּוֹת אֶת יִשְׂרָאֵל, לְפִיכָךְ הִרְבָּה לָהֶם תּוֹרָה וּמִצְוֹת.**

מֶען פִירְט זִיךְ צוּ זָאגְן דִי מִשְׁנָה נָאכְן לֶערְנֶען פִּרְקֵי אָבוֹת, כָאטְשׁ דָאס אִיז אַ מִשְׁנָה אִין מַסֶּכֶת מַכּוֹת, לִכְאוֹרָה וִוי קוּמְט עֶס דָא אַהֶער?

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן י"ט) אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פַארְזִינְקֶען אִין אַלֶע עֲבֵירוֹת, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּהן עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ אָבֶּער עֶר וֶועט זִיךְ מַאכְן אַ חֹק קָבוּעַ אַז יֶעדְן טָאג מוּז עֶר לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל, אוּן עֶר וֶועט דָאס אָנְהַאלְטְן מִיט אַ שְׁטַארְקַייט, וֶועט עֶר זִיכֶער אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

דָאס אִיז פְּשַׁט דָא, נָאכְדֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט אַ פֶּרֶק פוּן אָבוֹת אוּן מֶען זֶעהט וִוי אַזוֹי דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים הָאבְּן גֶעלֶעבְּט מִיט זֵייעֶרֶע מִדּוֹת טוֹבוֹת, קֶען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְן צוּבְרָאכְן, "אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַזַא שְׁוֶוערֶע מְגוּשָּׁם'דִיגֶע גוּף, אוּן אִיךְ בִּין אַזוֹי וַוייט פוּן דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, וִוי אַזוֹי וֶועל אִיךְ נָאךְ אַמָאל קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ דֶעם?

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער תַּנָּא רָצָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְזַכּוֹת אֶת יִשְׂרָאֵל, לְפִיכָךְ הִרְבָּה לָהֶם תּוֹרָה וּמִצְוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוָואלְט מְזַכֶּה זַיין דִי אִידְן אַז יֶעדֶער אִיד זָאל קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, דֶערְפַאר הָאט עֶר זֵיי גֶעגֶעבְּן אַסַאךְ תּוֹרָה, עֶס אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע אוֹיסְוַואל וָואס מֶען קֶען לֶערְנֶען מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ, אוּן נָאךְ אַסַאךְ לִמּוּדִים, אוּן וֶוער עֶס וֶועט זִיךְ מַאכְן אַ שְׁטַארְקֶע שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, וֶועט דִי תּוֹרָה אִים אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְ'ס אוּן אִים צוּבְרֶענְגֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

(בְּרִית אָבוֹת, סוֹף פֶּרֶק ד')
~~~

# אַ סוֹף צוּ מַחְלוֹקֶת

אִין פַּרְשַׁת קֹרַח רֶעדְט דִי תּוֹרָה אַרוּם בְּאַרִיכוּת דִי הַארְבְּקֵייט פוּן מַחְלוֹקֶת אוּן וָואס עֶס אִיז דִי סוֹף פוּן אַלֶע בַּעֲלֵי מַחְלוֹקֶת; אוּן לֵיידֶער הַאלְט דָאס נָאךְ אָן בִּיז דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג. צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעטַייטְשְׁט אוֹיף דֶעם וָואס רַשִׁ״י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (בַּמִּדְבָּר ט״ז א׳): ״פַּרְשָׁה זוֹ יָפָה נִדְרֶשֶׁת״ וְכוּ׳, אַז דִי פַּרְשָׁה וָואס רֶעדְט זִיךְ פוּן דִי מַחְלוֹקֶת פוּן קֹרַח אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ״יָפָה נִדְרֶשֶׁת״, וֶוערְט גוּט גֶע׳דַרְשֶׁ׳נְט אוּן אִיבֶּערְגֶע׳חַזֶר׳ט אִין יֶעדֶע דוֹר. דֶער פָּסוּק זָאגְט (בַּמִּדְבָּר כ״ו יא׳): ״וּבְנֵי קֹרַח לֹא מֵתוּ״, דִי קִינְדֶער פוּן קֹרַח זֶענֶען נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבְּן. טַייטְשְׁן צַדִּיקִים אַז אִין יֶעדְן דוֹר זֶענֶען דָא ׳בְּנֵי קֹרַח׳ וָואס מַאכְן אָן מַחְלוֹקֶת.

עֶס אִיז בַּאווּאוּסְט דִי מַעֲשֶׂה (עַיֵּין סֵפֶר הַגִּלְגּוּלִים פֶּרֶק לה): וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיים אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ; עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיין גְרוֹיסְן תַּלְמִיד רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל זַ״ל אוּן אֵיינֶער אִיז אִים בַּאפַאלְן אוּן זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט, אוּן דֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט צוּטוּהְן גֶעמַאכְט, נָאר עֶר הָאט אָנְגֶעכַאפְּט דִי הַאנְט פוּן רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל זַ״ל אוּן אִים גֶעווּאוּנְקֶען עֶר זָאל זַיין שְׁטִיל אוּן גָארְנִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן, אָבֶער יֶענֶער הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט אִים מְבַזֶה צוּ זַיין, רוּפְט זִיךְ אָן דֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ; ״אִיר זֶענְט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט מוֹדֶה צוּ מִיר״? עֶנְטְפֶערְט עֶר; ״נֵיין בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפָן״, אוּן עֶר אִיז נֶעְלָם גֶעוָוארְן. אוּן וִויבַּאלְד רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל זַ״ל אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ נֵייגֶערִיגֶער תַּלְמִיד אוּן עֶר הָאט נָאכְגֶעקוּקְט אוּן גֶעוָואלְט פַארְשְׁטֵיין יֶעדֶע קְלֵיינִיגְקֵייט אוּן יֶעדֶע רִיר בַּיי זַיין הֵיילִיגְן רֶבִּי דֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט; רֶבִּי וֶוער אִיז דָאס גֶעוֶוען? עֶנְטְפֶערְט אִים זַיין הֵיילִיגֶער רֶבִּי; דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ אַ נִיצוֹץ פוּן קֹרַח, אוּן אִיךְ הָאבּ אַ נִיצוֹץ פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, אוּן עֶר גֶעבְּט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט אוֹיף. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה סִימָן פד): ״אִין יֶעדְן בַּעַל מַחְלוֹקֶת אִיז דָא אַ נִיצוֹץ פוּן [קֹרַח] דָתָן וַאֲבִירָם״. אוּן דָאס זֶעהְט מֶען אַז בַּיי יֶעדֶע מַחְלוֹקֶת אִיז אַלְץ דָא מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁפְּרִינְגֶען אוֹיף אוּן מוּזְן זִיךְ קְרִיגְן.

***

# אָפְּגֶעטֵיילְט פוּנֶעם צִיבּוּר

רַשִׁ״י זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (שָׁם ט״ז א): ׳וַיִּקַּח קֹרַח׳; קֹרַח הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשֵׁיידְט אוּן אָפְּגֶעטֵיילְט פוּנֶעם גַאנְצֶען צִיבּוּר אוֹיף אַן עֶקְסְטֶערֶע זַייט. אוּן דָאס אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶער פְּגַם, וַוייל דֶער שְׁלֵימוּת פוּן אַ אִיד אִיז, עֶר זָאל זִיךְ מְקַשֵׁר זַיין מִיט כְּלַל נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, אוּן אַלֶע מִצְווֹת אוּן תְּפִילּוֹת אוּן אַלֶעס וָואס עֶר לֶערְנְט זָאל גֶעטוּהְן וֶוערְן מִיט הִתְקַשְּׁרוּת אִין צוּגֶעבִּינְדֶענְקֵייט צוּ גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, וַוייל אֶפְשָׁר דוּרְךְ זְכוּת הָרַבִּים וֶועט עֶר אוֹיכֶעט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

מֶען פַארְצֵיילְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן אַפְּטֶער רָב זי״ע דֶער בַּעַל אוֹהֵב יִשְׂרָאֵל, אַז עֶר הָאט זִיךְ אַמָאל בַּארִימְט; דָאס וָואס מַיין סֵפֶר הֵייסְט ׳אוֹהֵב יִשְׂרָאֵל׳ אִיז זֵייעֶר פַּאסִיג, וַוייל אִיךְ הָאבּ אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ אַלֶע אִידְן אַז אֲפִילוּ פוּן דִי שְׂכַר פוּן מַיינֶע מִצְוֹת וָואס אִיךְ טוּה צֶעטֵייל אִיךְ זִיךְ מִיט אַלֶע אִידְן. קוּמְט אוֹיס אַז אַ אִיד דַארְף זַיין שְׁטֶענְדִיג מְחוּבָּר מִיט נָאךְ אִידְן, וָואס אַזוֹי אַרוּם וֶועט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן.

(קוּנְטְרֵס ׳אַ סוֹף צוּ מַחְלוֹקֶת׳)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

~~~

## הערליכע סיום הש״ס פארגעקומען אין תלמוד תורה

די וואך האבן מיר געהאט די זכי׳ מיטצוהאלטן א סיום הש״ס פון א יונגל אין חדר וואס האט זוכה געווען צו ענדיגן ש״ס לכבוד זיין בעפארשטייענדע בר מצוה אין עטליכע וואכן ארום.

ווי אינטערעסאנט עס הערט זיך, איז עס אבער פארט א פאקט, אז א יונגל האט זוכה געווען צו ענדיגן ש״ס.

דער חשובער יונגל איז הילד לייבי אפפעל נ״י בן מו״ה אייזיק הי״ו מחברי הנהלת מוסדותינו הקדושים.

עס איז באקאנט וואס דער רבי האט געזאגט אז ווער עס ענדיגט ש״ס איז זוכה צו ממשיך זיין אויף זיך א צלם אלקים, מוהרא״ש שליט״א האט דאס שוין איינגעפירט מיט א לאנגע צייט צוריק אין די תלמוד תורה אין יבנאל אין ארץ ישראל, וואו די יונגלעך פון תלמוד תורה ענדיגן ש״ס בעפאר זייער בר מצוה, און ווי עס זאגן עדות אלע וואס האבן באזוכט דארט, זעהט מען טאקע אויף די קינדער א זעלטענעם חן וואס מען טרעפט נישט ערגעץ אנדערש, און דאס איז פון די תורה הקדושה וואס זיי לערנען אזוי בהתמדה, חכמת אדם תאיר פניו.

און יעצט האבן מיר זוכה געווען דא אין אמעריקא אויך צו די זכי׳ אז די יונגלעך ענדיגן ש״ס פאר די בר מצוה.

עס איז צוגעשטעלט געווארן א ברייטע סעודה לכבוד הסיום, דער טאטע ר׳ אייזיק האט געזאגט א דרשה וואו ער האט ארויסגעברענגט זיין גרויסע שמחה אז ער האט זוכה געווען אריינצולייגן די קינדער אין אונזערע מוסדות, וואס נאר דורך דעם האט זיין זוהן זוכה געווען צו ענדיגן ש״ס, און ער האט ארויסגעברענגט די גרויסע מעלה פון פאלגן בתמימות וואס דער צדיק הייסט, וואס נאר אזוי האט זיין זוהן זוכה געווען צו מסיים זיין ש״ס.

דערנאך האט דער ראש ישיבה גערעדט עטליכע דיבורים, וואו ער האט ארויסגעברענגט אז יעדער דארף זיך אפלערנען פון דעם יונגל, און דאס אויך נאכמאכן, און ענדיגן ש״ס, און דורך דעם זוכה זיין צו א צלם אלקים.

**עבידנא יומא טבא לרבנן!**

## לעצטע געלעגנהייט

עס גייט בקרוב אנקומען א שיפמענט פון אלע חלקים ״שיחות מוהרא״ש״ איבערגעדרוקט אין א הערליכע פארמאט.

**צו באקומען די גאנצע סעט קען מען זיך מעלדן אויפ׳ן נומער**

**347-977-7994**

פאר די אלע וואס באשטעלן פון פאראויס איז די פרייז איז $160

ווען עס קומט אן אויף אמעריקא וועט די פרייז זיין $200

## הגליון הזה נתנדב לזכות

מו״ה **אשר זעליג** בן **אסתר** הי״ו

**ויה״ר שיתברך מפי א-ל עליון בבני חיי ומזוני רויחא בשפע ובניקל, ובכל אשר יפנה יצליח, אמן.**

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים פון כ״ק מוהרא״ש שליט״א**

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות........................8:10
מוצש"ק..............................9:41
סוף זמן ק"ש.........................8:34

**שיעורים כסדרן**
בבלי....................עירובין צ"ט
ירושלמי..................קידושין ל"ב
תוספתא............שביעית פרק א'

פרשת חקת, אבות פרק ה', שנת תשע"ג לפ"ק
שנה 2, גליון 39 (89)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר, דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ פָרָה אֲדֻמָּה**, דִי מְפוֹרְשִׁים פְרֶעגְן פַארְוָואס זָאגְט דִי תּוֹרָה זֹאת חֻקַּת "הַתּוֹרָה" - דָאס אִיז דִי גֶעזֶעץ פוּן דִי "תּוֹרָה", מֶען רֶעדְט דָאךְ דָא נָאר פוּן אֵיין מִצְוָה, פוּן דִי מִצְוָה פוּן "פָּרָה אֲדוּמָּה"?

נָאךְ אִיז שְׁוֶוער, דִי פָּסוּק הֵייבְּט אָן מִיטְן לָשׁוֹן "לֵאמֹר" וָואס דָאס מֵיינְט אֲמִירָה רַכָּה, אַ וֵוייכֶע שְׁפְּרַאךְ, אוּן דֶער פָּסוּק זָאגְט וַוייטֶער "דַּבֵּר" אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, וָואס דָאס אִיז אַ שְׁטְרֶענְגֶע לָשׁוֹן.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח') אַז אֲפִילוּ עֶס אִיז דָא אַ מִצְוָה פוּן "תּוֹכָחָה", וֶוען מֶען זֶעהט אַ אִיד טוּט אַן עֲבֵירָה דַארְף מֶען אִים זָאגְן מוּסָר, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער קֶען זָאגְן מוּסָר, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי גְמָרָא (עֲרָכִין ט"ז:) אַז רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ וואוּנְדֶער מִיר אוֹיבּ עֶס אִיז דָא הַיינְט אֵיינֶער וָואס קֶען זָאגְן מוּסָר", אוּן אוֹיבּ רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט דָאס גֶעזָאגְט אִין זַיין דוֹר, וָואס זָאלְן מִיר שׁוֹין הַיינְט זָאגְן?, וַוייל וֶוען אֵיינֶער זָאגְט מוּסָר אוֹיף דִי נִישְׁט רִיכְטִיגֶע וֶועג, טוּט עֶר גָארְנִישְׁט אוֹיף, אוּן עֶר מַאכְט נָאךְ עֶרְגֶער, מֶען קֶען נָאר זָאגְן מוּסָר אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט מוּסָר, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (שַׁבָּת פ"ח:) אַז וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט מִיט דִי עֲבֵירָה פוּן דִי עֵגֶל, וָואס דִי אִידְן הָאבְּן דֶעמָאלְט'ס עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי דְרֵיי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת, עֲבוֹדָה זָרָה, גִּילוּי עֲרָיוֹת, אוּן שְׁפִיכַת דָמִים, הָאט זַיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט: **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶנְק נָאךְ אַלְץ לִיבּ!"**, אוּן אַזוֹי הָאבְּן דִי אִידְן תְּשׁוּבָה גֶעטוּהן, אוּן וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואלְט זַיי אָנְגֶעשְׂרִיגְן "וָואס הָאט עֶטְץ גֶעטוּהן?! אִיר וֵוייסְט וָואס אִיר הָאט דָא פַארְדָארְבְּן?!" וָואלְטְן דִי אִידְן גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן מְיוּאָשׁ, אוּן זַיי וָואלְטְן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוּן נִישְׁט תְּשׁוּבָה גֶעטוּהן.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע גֵייט וַוייטֶער אָן אִין יֶעדְן דוֹר, וִוי רַשִׁ"י בְּרֶענְגְט אוֹיפְ'ן פָּסוּק, (שְׁמוֹת לב, לד) **"וּבְיוֹם פָּקְדִי וּפָקַדְתִּי"**, אַז בַּיי יֶעדֶע שְׁטְרָאף וָואס עֶס קוּמְט אוֹיף אִידְן, אִיז דָא אִין דֶעם אַבִּיסְל פוּנֶעם חֵטְא הָעֵגֶל, וַוייל דִי עֲבֵירוֹת פוּן דֶעמָאלְט'ס חַזֶר'ן זִיךְ אִיבֶּער אִין יֶעדְן דוֹר, אוּן וֶוער עֶס וִויל הַיינְט זָאגְן מוּסָר פַאר אִידְן, קֶען עֶס נָאר טוּהן אוֹיף דֶעם וֶועג פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוֹיף אַ גוּטֶע וֶועג, צוּ מְחַזֵק זַיין אִידְן **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶנְק נָאךְ אַלְץ לִיבּ"** אוּן דָאס וֶועט זַיי גֶעבְּן דִי חִיזוּק צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן תְּשׁוּבָה טוּהן.

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ וֶועלְן קֶענְסְטוּ דָאךְ יָא ~

יֶעדֶער וֵוייסְט אַז צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד קוּמְט נִישְׁט אָן אַזוֹי גְרִינְג, עֶס אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶער יֵצֶר הָרַע וָואס שְׁלֶעפְּט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ טוּהן זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר אִים, צוּ טוּהן זַאכְן וָואס אִיז קֶעגְן דֶעם רָצוֹן ה', אוּן אַסַאךְ מָאל פַאלְט מֶען לַיידֶער דוּרְךְ.

אָבֶּער דֶער רָצוֹן, צוּ וֶועלְן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דָאס קֶען מֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּן אַ מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז פַארְזִינְקֶען אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, מֶען פַאלְט דוּרְךְ מִיט שְׁוֶוערֶע עֲבֵירוֹת, טָאר מֶען אָבֶּער נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן דִי רָצוֹן, מֶען דַארְף כָאטְשׁ 'וֶועלְן' זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, מֶען זָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל נִישְׁט טוּהן קַיין עֲבֵירוֹת, אִיךְ וִויל נָאר טוּהן דַיין רָצוֹן", דָאס קֶען מֶען נִישְׁט אַוֶועק נֶעמֶען פוּן אַ מֶענְטְשׁ, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל זַיין שְׁטַארְק מִיט דֶעם, אֲפִילוּ עֶר זֶעהט אוֹיס וִוי אַזוֹי עֶר זֶעהט נָאר אוֹיס, אָבֶּער עֶר גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף דִי רָצוֹן, עֶר וִויל נָאךְ אַלְץ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן נָאכְדֶערְצוּ וֶוען עֶר זָאגְט דָאס אַרוֹיס מִיטְן מוֹיל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט פוּן דֶעם זֵייעֶר גְרוֹיסֶע זַאכְן, אוּן צוּם סוֹף וֶועט עֶר טַאקֶע וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

רָצוֹן אִיז וִויכְטִיג בְּגַשְׁמִיוּת אוֹיךְ, בְּגַשְׁמִיוּת קֶען מֶען אוֹיךְ נָאר מַצְלִיחַ זַיין אוֹיבּ מֶען אִיז שְׁטַארְק מִיטְן רָצוֹן, צוּ וֶועלְן מַצְלִיחַ זַיין, אוּן מֶען זֶעהט בְּחוּשׁ אַז וֶוער עֶס אִיז אַן עַקְשָׁן, עֶר גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט קָאנְקוּרֶענְטְן, מֶענְטְשְׁן וָואס וִוילְן אִים נָאר אוּנְטֶער בְּרֶענְגֶען, אָבֶּער עֶר אִיז שְׁטַארְק מִיט זַיין רָצוֹן, עֶר גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, עֶר אִיז שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אַז עֶר וֶועט זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין, אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז טַאקֶע זֵייעֶר מַצְלִיחַ

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶעהן צוּ גֵיין צוּ אַזַא צַדִיק וָואס אִיז מְחַזֵק אִידְן, אוּן וַוייזְט זֵיי אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי לִיבּ, אוּן זֵיי קֶענֶען שְׁטֶענְדִיג קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דִי פָּרָה אֲדוּמָה אִיז דָאךְ דֶער תִּיקוּן אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן דִי עֶגֶל, זָאגְט דֶער פָּסוּק, **זֹאת חֻקַּת "הַתּוֹרָה"**, דָאס אִיז דִי גֶעזֶעץ פוּן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, וַוייל אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶערֶעדְט צוּ דִי אִידְן נָאךְ דִי חֵטְא הָעֶגֶל, אַזוֹי דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּ אִידְן, נָאר מְחַזֵק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק וַוייטֶער "**לֵאמֹר, דַּבֵּר**" וֶוען מֶען וִויל זָאגְן שְׁטְרֶענְגֶע וֶוערְטֶער פַאר אִידְן, מוּז עֶס זַיין אוֹיךְ אוֹיף אַ וַוייכֶע וֶועג פוּן חִיזוּק.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק חֻקַּת שְׁנַת תשס"ז)

***

**וַיַּךְ אֶת הַסֶּלַע**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶר זָאל רֶעדְן צוּם שְׁטֵיין אַז עֶס זָאל גֶעבְּן וַואסֶער, אָבֶּער מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעשְׁלָאגְן דֶעם שְׁטֵיין.

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ז) אוֹיף דִי מִשְׁנָה (אָבוֹת ב') **אַל תַּעֲשֶׂה תְּפִלָּתְךָ קֶבַע, אֶלָּא רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים לִפְנֵי הַמָּקוֹם**, "קֶבַע" קֶען אוֹיךְ מֵיינֶען "גְנֵיבָה", דָאס מֵיינְט אַז וֶוען אַ אִיד בֶּעהְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ זַאךְ, דַארְף עֶס זַיין בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים, מֶען טָאר נִישְׁט זַיין פַאר'עַקְשְׁ'נְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז דַוְקָא טוּהן וָואס מֶען הָאט גֶעבֶּעטְן, דָאס הֵייסְט אַזוֹי וִוי גְנֵיבָה, נָאר אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל זָאל עֶר מִיר גֶעבְּן, אוּן אוֹיבּ נִישְׁט נִישְׁט.

אַוַדַאי אוֹיף תְּפִלָּה דַארְף מֶען הָאבְּן עַקְשָׁנוּת, בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן אוּן נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ בֶּעטְן, אָבֶּער נָאכְן בֶּעטְן דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אוּן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל טוּהן וִוי אַזוֹי עֶר פַארְשְׁטֵייט, וַוייל עֶר וֵוייסְט דִי בֶּעסְטֶע וָואס עֶס אִיז גוּט פַאר אוּנְז.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ'), אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּגַם פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוָואלְט אַז עֶר זָאל בֶּעטְן מִיט דִי מוֹיל, דָאס מֵיינְט נִישְׁט זִיךְ עַקְשְׁ'עֶנֶען, אָבֶּער מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעשְׁלָאגְן דֶעם שְׁטֵיין, דָאס מֵיינְט אַז עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט עַקְשָׁנוּת, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דַוְקָא טוּהן וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן.

אַוַדַאי בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ דַקּוֹת'דִיגֶע פְּגַם, וָואס מִיר פַארְשְׁטֵייעְן נִישְׁט, אָבֶּער דִי תּוֹרָה שְׁרַייבְּט דָאס אַז מִיר זָאלְן זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען, אַז מֶען זָאל אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף, אָבֶּער נִישְׁט מִיט עַקְשָׁנוּת, נָאכְן בֶּעטְן זָאל מֶען זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית חֻקַּת שְׁנַת תשס"ז)

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"ש

בְּגַשְׁמִיוּת, אוּן דִי זֶעלְבֶּע דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען אוֹיךְ אוֹיף רוּחְנִיוּת, אַז וֶוען מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקֶע רָצוֹן קוּמְט מֶען אָן צוּ אַלֶעס.

אָבֶּער צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ חִיזוּק, וַוייל אַסַאךְ מָאל גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַ קוּק אָן אוּן מֶען זֶעהט וִוי וַוייט מֶען אִיז פוּן דִי אַלֶע זַאכְן צוּ וָואס מֶען וִויל צוּקוּמֶען, אוּן עֶס זֶעהט אוֹיס וִוי מֶען וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען דֶערְצוּ, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן וִויסְן אַז יֶעדֶער אִיד קֶען אָנְקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, אוּן אוֹיבּ וֶועט מֶען נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי רָצוֹן, מֶען וֶועט וֶועלְן אוּן וֶועלְן, אוּן אַרוֹיסְזָאגְן מִיטְן מוֹיל פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי אַלֶע רְצוֹנוֹת וָואס מֶען הָאט, וֶועט מֶען זִיכֶער צוּם סוֹף אָנְקוּמֶען דֶערְצוּ, מֶען דַארְף זִיךְ אַלֵיינְ'ס שְׁטַארְקְן אוּן מְחַזֵק זַיין "יָא, אִיךְ וֶועל נָאךְ מַצְלִיחַ זַיין", יָא, אִיךְ קֶען אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶעס", "יָא, אִיךְ וֶועל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף מַיינֶע נִסְיוֹנוֹת", אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ זֶעלְבְּס-זִיכֶערְקַייט אַז עֶר וֶועט זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין.

## מֶען שְׁפִּילְט בַּאהַאלְטְן...

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי ר' בָּרוּךְ'ל פוּן מֶעזֶעבִּיזְשׁ אִיז אַמָאל גֶעזִיצְן בַּיי זִיךְ אִין צִימֶער אוּן גֶעלֶערְנְט, אִינְמִיטְן לוֹיפְט אַרַיין זַיין קְלֵיינֶער אֵיינִיקְל אוּן עֶר וֵויינְט מִיט יָאמֶערְלִיכֶע טְרֶערְן, "פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ?" פְּרֶעגְט אִים דֶער זֵיידֶע, זָאגְט דֶער יוּנְגְל אַז עֶר שְׁפִּילְט מִיט זַיינֶע חֲבֵרִים 'בַּאהַאלְטְן', אֵיינֶער בַּאהַאלְט זִיךְ אוּן יֶעדֶער דַארְף אִים אוֹיפְזוּכְן, "אוּן יֶעצְט אִיז גֶעקוּמֶען מַיין רַייעֶ זִיךְ צוּ בַּאהַאלְטְן, אוּן אִיךְ וַוארְט אוּן וַוארְט אוּן קֵיינֶער קוּמְט מִיר נִישְׁט אוֹיפְזוּכְן".

וֶוען דֶער צַדִיק הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט צוּ וֵויינֶען, דֶער גַבַּאי הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם צַדִיק פַארְוָואס עֶר וֵויינְט, הָאט אִים דֶער צַדִיק גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֵויין אוֹיף דֶעם וָואס מַיין אֵיינִיקְל זָאגְט מִיר אַז עֶר הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּן קֵיינֶער זוּכְט אִים נִישְׁט, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז דָאךְ אוֹיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בַּאהַאלְט זִיךְ וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט הִנֵּה זֶה עוֹמֵד אַחַר כָּתְלֵנוּ מַשְׁגִּיחַ מִן הַחֲלֹנוֹת מֵצִיץ מִן הַחֲרַכִּים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאהַאלְט זִיךְ אוּן עֶר וַוארְט אַז מֶען זָאל אִים קוּמֶען זוּכְן, אוּן קֵיינֶער קוּמְט אִים נִישְׁט זוּכְן".

דָאס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ אִיד, עֶר דַארְף זוּכְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ מֶען זֶעהט אוֹיס וִוי אַזוֹי מֶען זֶעהט נָאר אוֹיס, דַארְף מֶען כָּאטְשׁ זוּכְן אוּן וֶועלְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אוֹיךְ וִויסְן אַז אֲפִילוּ מֶען וִויל טַאקֶע זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּקוּמֶען צוּ אַלֶעס, דַארְף מֶען אָבֶּער אוֹיךְ הָאבְּן סַבְלָנוּת, אוּן וַוארְטְן מִיט גֶעדוּלְד, עֶס קוּמְט נִישְׁט אַלֶעס אָן אִין אֵיין טָאג, מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעהט אַז עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען, נָאר וַוארְטְן מִיט גֶעדוּלְד אוּן נִישְׁט נָאכְלָאזְן דִי רָצוֹן, וֶועט מֶען סוֹף כָּל סוֹף צוּקוּמֶען צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"ש חֵלֶק ג', ט', י"ב, עֶרֶךְ רָצוֹן)

# זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנֵייעֶן

דֶער עִנְיָן פוּן זִיךְ בַּאנֵייעֶן שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן מִיר מְקַבֵּל גֶעוֶועזְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רמז): 'חִידּוּשׁ כָּמוֹנִי לֹא הָיָה בָּעוֹלָם', אַזַא חִידוּשׁ וִוי אִיךְ בִּין אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּן אֵיינֶע פוּן דִי פְּשָׁטִים אוֹיף דֶעם אִיז, אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דֶער זַאךְ פוּן 'הִתְחַדְּשׁוּת', שְׁטֶענְדִיג זִיךְ אוֹיפְצוּפְרִישְׁן אוּן בַּאנֵייעֶן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שפד): נִישְׁט נָאר אַ תּוֹרָה אִיז בַּיי מִיר נֵייעֶס, נָאר אֲפִילוּ אַ וָוארְט בַּיי מִיר אִיז נֵייעֶס, אוּן נִישְׁט נָאר אַ וָוארְט נָאר אֲפִילוּ אַ אָטֶעם אִיז בַּיי מִיר נֵיי מַמָשׁ. אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל שְׁפִּירְן אַזַא חַיוּת, אַז אַ יֶעדֶע רֶגַע בַּאנֵייט עֶר זִיךְ, וָואלְט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרָאפְּגֶעפַאלְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, בָּשָׂר וְחָלָב, הֲלָכָה ד'): רֶעדְט אַרוּם וִוי וַוייט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מְחַדֵּשׁ זַיין, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אוּן אוֹיף וָואס עֶס גֵייט זַיין, וַוייל יֶעדֶע מִינוּט אוּן יֶעדֶע רֶגַע אִיז אַלֶעס אִינְגַאנְצְן נֵיי, בְּרֶענְגְט עֶר פוּנֶעם אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ (עֵץ חַיִּים, הֵיכַל אָדָם קַדְמוֹן, שַׁעַר א, עָנָף ה, דַּף טו): דִי וואוּנְדֶער פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע טוֹישְׁן זִיךְ אַלֶע וֶועלְטְן!

קוּמְט אוֹיס אַז דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה וָואס מִיר זֶעהְן, וָואס דָאס הֵייסְט 'עוֹלָם הָעֲשִׂיָּה', דִי גַאנְצֶע גְלָאוֹ"ב וָואס בַּאשְׁטֵייט פוּן זִיבְּן בִּילְיָאן מֶענְטְשְׁן, מִיט לֶענְדֶער אָן אַ שִׁיעוּר, מִיט אַלֶע סָארְטְן חַיוֹת, אוּן בִּילְיֵ בִּילְיַארְדְן בֵּיימֶער מִיט בְּלֶעטֶער, וָואס קַיין אֵיין בְּלֶעטְל זֶעהְט נִישְׁט אוֹיס וִוי דֶער צְוֵוייטֶער, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְדֶעם דִי גְרָאזֶעלֶעךְ, פוּן דִי גַאנְצֶע כַּדּוּר הָעוֹלָם, וָואס קַיין אֵיינְס זֶעהְט נִישְׁט אוֹיס וִוי דִי אַנְדֶערֶע, וָואס דָאס אִיז מוֹרָא'דִיגֶע 'נִפְלָאוֹת הַבּוֹרֵא', אוּן וַוייטֶער וָואס מִיר זֶעהְן, דִי זוּן מִיט דִי לְבָנָה, מִיט בִּילְיֵ בִּילְיָאנֶען שְׁטֶערְן, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל הַאלְט חֶשְׁבּוֹן, אוּן גֶעט אַ נָאמֶען פַאר יֶעדְן אֵיינְצִיגְן שְׁטֶערְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים קמז, ד): 'מוֹנֶה מִסְפָּר לַכּוֹכָבִים לְכֻלָּם שֵׁמוֹת יִקְרָא', אוּן דָאס אִיז נָאר וִויפִיל דֶער מֶענְטְשׁ קֶען זֶעהְן, אוּן אֲפִילוּ אִין דֶעם הָאבְּן מִיר נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רכה): אַז אַלֶעס וָואס דִי פָארְשֶׁערְס זֶענֶען פַארְנוּמֶען צוּ פָארְשְׁן אִיז נָאךְ קוּים דִי אָנְפַאנְג פוּן דִי וֶועלְטְן, אוּן אֲפִילוּ בַּיי דֶעם זֶענֶען זֵיי גוּט צוּמִישְׁט, אוּן אִין קַבָּלָה וֶוערְט דָאס אַלֶעס אָנְגֶערוּפְן אִין אֵיין וָוארְט: 'עוֹלָם הָעֲשִׂיָּה'. יֶעצְט שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר וָואס עֶס אִיז דָא אִין 'עוֹלָם הַיְצִירָה', דִי אַלֶע מַלְאָכִים וָואס אִיז נָאר דָא, וָואס מֶען קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם, נָאכְדֶעם דִי הֶעכֶערֶע עוֹלָמוֹת 'עוֹלָם הַבְּרִיאָה' אוּן 'עוֹלָם הָאֲצִילוּת', וָואס דָאס אַלֶעס אִיז נָאר אַ לְבוּשׁ כִּבְיָכוֹל פַארְן אֵין סוֹף.

המשך בדף ד

# מִילֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

---

### מִשְׁנַיוֹת בְּרֶענְגְט אַלֶעס גוּט'ס.

**בֶּן עֶשֶׂר לַמִּשְׁנָה**

עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס מֵיינֶען אַז מִשְׁנַיוֹת אִיז נָאר גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן פַאר עֶלְטֶערֶע אִידְן צוּ לֶערְנֶען, "וֶוען אִיךְ וֶועל זַיין אַן עֶלְטֶערֶער אִיד, וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג עֶטְלִיכֶע מִשְׁנַיוֹת צְוִוישְׁן מִנְחָה מַעֲרִיב", אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז נִישְׁט אַזוֹי, דֶער תַּנָּא זָאגְט **בֶּן עֶשֶׂר לַמִּשְׁנָה** אַ אִינְגְל פוּן צֶעהן יָאר דַארְף מֶען שׁוֹין צוּגֶעוואוֹינֶען עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, אָנְהֵייבְּן פוּן מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת אוּן אַזוֹי לֶערְנֶען מַסֶּכֶת נָאךְ מַסֶּכֶת, בִּיז עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל, אַזוֹי אַ גַאנְץ לֶעבְּן, וַוייל דָאס לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת לַייטֶערְט אוֹיס אַ מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר קוֹיפְּט זִיךְ אֵיין דִי יְסוֹדוֹת פוּן דִי תּוֹרָה.

מִשְׁנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָ"ה, עֶס לַייטֶערְט אוּן הֵיילִיגְט דִי נְשָׁמָה.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (מֶדְרָשׁ תַּלְפִּיּוֹת) אַז אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט בַּיים טִיר פוּן גֵיהִנוֹם, אוּן וֶוער עֶס הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת לָאזְט עֶר נִישְׁט אַרַיין אִין גֵיהִנוֹם.

דֶער הֵיילִיגֶער "בֵּית יוֹסֵף" הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ מַגִּיד פוּן הִימְל, אִין זְכוּת וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת (סֵפֶר מַגִּיד מֵישָׁרִים).

דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁרַייבְּט (זֹהַר, בְּרֵאשִׁית מב.) אַז וֶוער עֶס זָאגְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, בְּרֶענְגְט דָאס אִים צוּ אַלֶע גְרֶעסְטֶע וֶועלְטְן.

דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (וַיִּקְרָא רַבָּה, פ"ז, ס"ג) וֶוער עֶס לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת אִיז וִוי עֶר הָאט מַקְרִיב גֶעוֶוען אַ קָרְבָּן.

נָאךְ זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ (שָׁם) דִי אִידְן וֶועלְן נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין פוּן גָלוּת, נָאר אִין זְכוּת פוּן מִשְׁנַיוֹת, קוּמְט אוֹיס אַז וֶוער עֶס לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אִיז מְקָרֵב דִי גְאוּלָה, אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז דִי סְכוּם פוּן פְּרָקִים וָואס עֶס אִיז דָא אִין גַאנְץ מִשְׁנַיוֹת, אִיז וִוי דִי גִימַטְרִיָּא פוּן "מָשִׁיחַ בֶּן דָּוִד" וַוייל אִין זְכוּת פוּן מִשְׁנַיוֹת וֶועט מָשִׁיחַ קוּמֶען.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס בַּאפְלַייסְט זִיךְ צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וֶועט אִים זַיין גוּט אַ גַאנְץ לֶעבְּן!

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ה' מִשְׁנָה כ"ד)

***

### דְרֵיי עֶס אוֹיף בֵּיידֶע וֶועגְן.

**בֶּן בַּג בַּג אוֹמֵר, הֲפֹךְ בָּהּ וַהֲפֹךְ בָּהּ דְכוּלָּה בָהּ.**

דֶער מֶדְרָשׁ שְׁמוּאֵל זָאגְט אַז בֶּן בַּג בַּג אִיז גֶעוֶוען אַ גֵר, אוּן עֶס קֶען זַיין אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער גֵר וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ הִלֵּל אַז עֶר וויל זִיךְ מְגַיֵּיר זַיין אָבֶּער עֶר גְלֵייבְּט נָאר אִין תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב אוּן נִישְׁט אִין תּוֹרָה שֶׁבַּעַל פֶּה, הָאט אִים הִלֵּל אוֹיסְגֶעלֶערְנְט קוֹדֶם דִי א-ב אִין אַ סֵדֶר, אוּן אוֹיפְצוּמָארְגְנְ'ס הָאט אִים הִלֵּל אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט דִי סֵדֶר פוּן דִי א-ב, אוּן וֶוען דֶער גֵר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט דִי פְּשַׁט דֶערְפוּן, הָאט אִים הִלֵּל גֶעזָאגְט אַזוֹי וִוי דוּ גְלֵייבְּסְט מִיר מִיט דִי א-ב זָאלְסְטוּ מִיר אוֹיךְ גְלֵייבְּן מִיט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה שֶׁבַּעַל פֶּה, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי תּוֹרָה נָאר אוֹיב מֶען הֶערְט אוֹיס וָואס דִי חֲכָמִים זָאגְן, עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג צוּ לֶערְנֶען נָאר דִי תּוֹרָה אַלֵיין.

דָאס זָאגְט בֶּן בַּג בַּג, הֲפֹךְ בָּהּ וַהֲפֹךְ בָּהּ, דְרֵיי אוֹיס דִי אוֹתִיּוֹת אוֹיף בֵּיידֶע וֶועגְן, וֶועסְטוּ זֶעהן אַז מֶען מוּז צוּקוּמֶען צוּ דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אַז זֵיי זָאלְן אוּנְז מַסְבִּיר זַיין וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ה' מִשְׁנָה כ"ה)

***

### אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דֶעם מוֹיל.

**לְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא**

דֶער פָּסוּק זָאגְט הַמָּוֶת וְהַחַיִּים בְּיַד הַלָּשׁוֹן, אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מוֹיל, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נִישְׁט וָואס עֶר רֶעדְט, אוּן עֶר רֶעדְט נַארִישְׁקַייטְן, בְּרֶענְגְט עֶר אוֹיף זִיךְ אַסַאךְ צָרוֹת, אוּן פַארְקֶערְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הִיט זִיךְ דָאס מוֹיל, בְּרֶענְגְט עֶר אוֹיף זִיךְ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

דָאס זָאגְט דֶער תַּנָּא לְפוּם - לוֹיט דִי מוֹיל, צַעֲרָא - קוּמְט צַעַר אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, אָדֶער אַגְרָא - עֶר קֶען בַּאקוּמֶען דוּרְךְ דִי מוֹיל אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

(חַסְדֵי אַבוֹת פֶּרֶק ה' מִשְׁנַה כ"ו)

# זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנֵייעֶן

המשך

פִּירְט דָארְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אוֹיס, אַז פוּן דֶעם קֶען מֶען זִיךְ אַרוֹיס לֶערְנֶען דָאס עִנְיָן פוּן הִתְחַדְּשׁוּת, וִוי וַוייט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מְחַדֵּשׁ זַיין, כָאטְשִׁיג אַ מִינוּט פְרִיעֶר הָאט עֶר גֶעטוּעֶן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּעֶן, אִיז אָבֶער דִי יֶעצְטִיגֶע מִינוּט אוּן סֶעקוּנְדֶע שׁוֹין אִינְגַאנְצְן נֵיי, אוּן אִיךְ בִּין שׁוֹין נִישְׁט דֶער זֶעלְבֶּער מֶענְטְשׁ, אָבֶער דָאס צוּ בַּאוַוייזְן אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט אַז יֶעדֶער גֵייט אַרוּם צוּבְּרָאכְן אוּן צוּשָׁאסְן, אוּן עֶס גֵייט אַזוֹיפִיל אִיבֶער, וָואס דָאס אַלֶעס נֶעמְט זִיךְ וַוייל עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ שׁוֹין אַלְט אִין זַיין מַצָּב.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נ"א): אַלְט טָאר מֶען נִישְׁט זַיין, נִישְׁט קַיין אַלְטֶער חָסִיד, נִישְׁט קַיין אַלְטֶער צַדִיק, נִישְׁט קַיין אַלְטֶער בַּעַל עֲבֵירָה, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַלְט; נָאר שְׁטֶענְדִיג נֵיי אוּן פְרִישׁ. אוּן דָאס אִיז דֶער וֶועג וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט.

דֶער הֵיילִיגֶער מַלְבִּי"ם זי"ע אִיז קוֹדֶם גֶעוֶועזְן רָב אִין שְׁטָאט בּוּקַארֶעסְט, אוּן דָארְטְן הָאבְּן דֶעמָאלְטְס גֶעווּאוֹינְט דִי גְרֶעסְטֶע לֵיצִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים, אִין עֶס פְלֶעגְט דֶעמָאלְטְס אַרוֹיסְקוּמֶען דָארְט צְוֵויי צַייטוּנְגֶען, 'הַבּוֹקֶר' אוּן 'הַשַׁחַר', וָואס הָאבְּן גֶעהֶעצְט אוּן לֵיצָנוּת גֶעמַאכְט פוּן אִידִישְׁקֵייט, אוּן פוּן דִי אֱמוּנָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער מַלְבִּי"ם אִיז גֶעוֶועזְן אַ שְׁטַארְקֶע קֶעמְפֶער קֶעגְן דִי אַלֶע זַאכְן, אוּן הָאט נִישְׁט נָאכְגֶעלָאזְט בְּשׁוּם אוֹפָן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען הָאט אִים גֶע'רוֹדֵפְ'ט, וַוייל אַז אֵיינֶער ווִיל זִיךְ נִישְׁט בֵּייגְן, הָאט מֶען אִים פַיינְט, אוּן מֶען רוֹדֵפְ'ט אִים,

אַמָאל הָאט אַ אִיד גֶעטְרָאפְן דֶעם הֵיילִיגְן מַלְבִּי"ם דֶער דֶעמָאלְטְסְדִיגֶער רָב פוּן שְׁטָאט בּוּקַארֶעסְט, וִוי עֶר קוּמְט אַרָאפּ פַארְטָאגְס פוּן אַ הוֹיכְן גֶעבֵּיידֶע, בִּשְׁעַת זַיין פָּנִים אִיז אִינְגַאנְצְן רוֹיט אוּן פַארְפְלַאמְט, פְרֶעגְט אִים דֶער אִיד: וָואס אִיז גֶעשֶׁעְן? עֶנְטְפֶערְט עֶר אִים: קוּם מָארְגְן מִיט אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה פְרִיעֶר, וֶועסְט אַרוֹיף קוּמֶען מִיט מִיר אוֹיבְן אוֹיף דִי גֶעבֵּיידֶע, וֶועל אִיךְ דִיר זָאגְן. דֶער אִיד וַוארְט אוֹיס אוֹיף מָארְגְן, אוּן פַארְטָאגְס גֵייט עֶר אַרוֹיף אוֹיבְן צוּזַאמֶען מִיטְן רָב, אוּן עֶר זֶעהְט וִוי דֶער רָב שְׁטֵייט פַארְגַאפְט אוּן קוּקְט וִוי אַזוֹי דִי זוּן קוּמְט אַרוֹיס אוּן שַׁיינְט צוּבִּיסְלֶעךְ אוֹיף, אוּן עֶר הֵייבְט אָן צוּ טַאנְצְן אוּן צוּ שְׁפְּרִינְגֶען אוּן עֶר וֶוערְט פַארְפְלַאמְט, פְרֶעגְט אִים דֶער אִיד: רֶבִּי, וָואס אִיז גֶעשֶׁעְן?! זָאגְט עֶר אִים: זֶעהְסְט נִישְׁט דֶעם חֶסֶד פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אַז דִי זוּן שַׁיינְט אוֹיף צוּבִּיסְלֶעךְ?! וַוייל אַז דִי זוּן זָאל אוֹיפְשַׁיינֶען אוֹיף אֵיינְמָאל, וָואלְטְן מִיר אַלֶע בְּלִינְד גֶעוָוארְן חַס וְשָׁלוֹם, אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ בַּיינַאכְט, וֶוען עֶס וֶוערְט וֶוען אִין אֵיין מִינוּט פִינְסְטֶער, וָואלְטְן מִיר אַלֶע בְּלִינְד גֶעוָוארְן. אוּן וִוידֶער קוּק אִיךְ אוֹיף דֶעם חֶסֶד וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאנַייט יֶעדְן טָאג דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה פוּן דָאסְנַיי, אַזוֹיוִוי מִיר זָאגְן בַּיים דַאוֶונֶען: 'וּבְטוּבוֹ מְחַדֵּשׁ בְּכָל יוֹם תָּמִיד מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית'. זָאל אִיךְ נִישְׁט טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן?!

(קוּנְטְרֵס 'וָואס אִיז נֵייעֶס')

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

~~~

### מוהרא"ש שליט"א קערט זיך צוריק פון ארץ ישראל

מיטן אייבערשטנ'ס הילף האט זיך מוהרא"ש צוריק געקערט די וואך פון ארץ ישראל נאכן ווילן דארט פאר א וואך צו מחזק זיין די ארטיגע אידן.

די וואך דאנערטאג איז ווייטער פארגעקומען די וועכנטליכע שיעור ווי געווענטליך.

**בזמן שהצדיק בעיר הוא הודה הוא זיוה הוא הדרה!**

\*\*\*

### הערליכע פארשטעלונג דורך די קינדער פון "בית פיגא"

די וואך איז פארגעקומען א העליכע פארשטעלונג דורך די תלמידות פון "בית פיגא", צו די שליסונג פון די יעצטיגע סקול-יאר.

די פארשטעלונג מיטן נאמען "דיימאנטן" איז געווען פון די באקאנטע משל פון א מענטש וואס איז געגאנגען אונטער די הרי חושך צו נעמען דיימאנטן, אבער אנקומענדיג דארט האט ער פארגעסן די סיבה פארוואס ער איז געקומען, און אזוי ווי דארט איז געווען זייער טייער ליכט האט ער זיך אנגעקויפט אסאך ליכט, און מיט דעם איז ער אהיימגעקומען, וואס דארט איז עס גארנישט ווערט געווען.

די קינדער האבן ארויסגעברענגט די שטארקע מוסר השכל אז מען דארף געדענקן פארוואס מען איז אראפגעקומען דא אויף דער וועלט, נאר אריינצוכאפן ווי מער מצות ומעשים טובים, וואס נאר דאס איז חשוב און נאר דאס וועט באגלייטן דעם מענטש אויף יענע וועלט.

עס זענען זיך צוזאמגעקומען א גרעסערע צאל פרויען מיטצוהאלטן די פארשטעלונג, און האבן אויסגעדרוקט גרויס באגייסטערונג איבער די געוואלדיגע סוקסעס פונעם פארשטעלונג.

**זרע בירך ה'!**

## לעצטע געלעגנהייט

עס גייט בקרוב אנקומען א שיפמענט פון אלע חלקים "שיחות מוהרא"ש" איבערגעדרוקט אין א הערליכע פארמאט.

**צו באקומען די גאנצע סעט קען מען זיך מעלדן אויפ'ן נומער**

**347-977-7994**

פאר די אלע וואס באשטעלן פון פאראויס איז די פרייז איז $160

וועז עס קומט אן אויף אמעריקא וועט די פרייז זיין $200

## הגליון הזה נתנדב לזכות

מו"ה **אשר זעליג** בן **אסתר** הי"ו

ויה"ר שיתברך מפי א-ל עליון בבני חיי ומזוני רויחא בשפע ובניקל, ובכל אשר יפנה יצליח.

ולע"נ

ר' **אברהם יוסף** בן ר' **שמשון** ז"ל

ת.נ.צ.ב.ה.

## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת בלק, אבות פרק ו', שנת תשע"ג לפ"ק

שנה 2, גליון 40 (90)


**זמנים**

הדלקת הנרות.................8:12
מוצש"ק..........................9:43
סוף זמן ק"ש....................8:35

**שיעורים כסדרן**

בבלי.............פסחים ב'
ירושלמי.........קידושין ל"ט
תוספתא..........שביעית פרק ח'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיִּשָּׂא בִלְעָם אֶת עֵינָיו וַיַּרְא אֶת יִשְׂרָאֵל שֹׁכֵן לִשְׁבָטָיו.** זָאגְט רַשִׁ"י אַז בִּלְעָם הָאט גֶעזֶעהְן אַז יֶעדֶער לֶעבְּט פַּאר זִיךְ אוּן קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אַרַיין צוּ יֶענֶעם, דִי טִירְן פוּן זֵייעֶרֶע גֶעצֶעלְטְן זֶענֶען נִישְׁט אֵיינְ'ס קֶעגְן דִי אַנְדֶערֶע.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' בְּהַקְדָמָה): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל ל"ג): אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם, אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי בְּחִינָה פוּן אֶחָד, דָאס מֵיינְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קֵיינֶעם, נָאר אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט גֶעוֶוען אֵיין אֵיינְצִיגֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אוּן דָאס אִיז אַ יְסוֹד פַּאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ, רוֹב מָאל וָואס אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁוואַכְט אִין אִידִישְׁקֵייט אִיז דָאס נָאר וַוייל עֶר קוּקְט אוֹיף אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, וָואס מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זָאגְן וֶועגְן אִים, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק מִיט דֶעם אַז עֶר אִיז נָאר דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶוערְט עֶר נִישְׁט צוּבְּרָאכְן פוּן קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת רְאִיָה, סִימָן ח'): "מִי שֶׁעוֹצֵם עֵינָיו מֵרְאוֹת בְּרָעָה, עַל יְדֵי זֶה נִיצּוֹל מִבִּזְיוֹנוֹת - וֶוער עֶס קוּקְט נִישְׁט וִוי מֶען טָאר נִישְׁט, וֶוערְט גֶערָאטֶעוֶועט פוּן בִּזְיוֹנוֹת". דָאס מֵיינְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִים נִישְׁט צוּ זֶעהְן אוֹיבּ יֶענֶער הָאט גֶעלַאכְט אָדֶער חוֹזֵק גֶעמַאכְט פוּן אִים, דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט עֶר גֶערָאטֶעוֶועט פוּן בִּזְיוֹנוֹת, וַוייל אַ בִּזָּיוֹן אִיז נָאר דָא אוֹיבּ מֶען קוּקְט וִוי אַזוֹי דֶער צְוֵוייטֶער לַאכְט, אוּן אֵיינֶער וָואס קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, קֶען מֶען אִים נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, וֶוען בִּלְעָם הָאט גֶעזֶעהְן אַז דִי אִידְן לֶעבְּן יֶעדֶער פַּאר זִיךְ, קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, הָאט עֶר גֶעוואוּסְט אַז זֵיי וֶועט מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען צוּבְּרֶעכְן אָדֶער שְׁוואַךְ מַאכְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה בָּלָק ב)

***

**לֹא הִבִּיט אָוֶן בְּיַעֲקֹב וְלֹא רָאָה עָמָל בְּיִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקָיו עִמּוֹ וּתְרוּעַת מֶלֶךְ בּוֹ.** דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (בַּמִּדְבָּר רַבָּה כ, כ): דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

~ צְדָקָה ~

דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע מִצְוֹת, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ד') אוֹיפְ'ן פָּסוּק פָּתוֹחַ תִּפְתַּח אֶת יָדְךָ, אַז צְדָקָה מַאכְט אוֹיף אַ טִיר, צְדָקָה עֶפֶענְט דִי וֶועג אַרַיינְצוּקוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָׁה, וֶוען אַ אִיד זֶעהְט אַז עֶס קוּמְט אִים אָן שְׁוֶוער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען עֶר נוּצְן דִי עֵצָה, אוּן גֶעבְּן צְדָקָה, אוּן דָאס וֶועט אִים עֶפֶענֶען דִי טִיר, צוּצוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אָבֶּער מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעבְּן דִי צְדָקָה אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע פְּלֶעצֶער, וַוייל אַמָאל קֶען זַיין אַז מֶען גֶעבְּט צְדָקָה פַּאר אֵיינֶעם, אוּן יֶענֶער אִיז גָאר אַ שְׁוִוינְדְלֶער, אוּן דִי גֶעלְט גֵייט בִּכְלַל נִישְׁט פַּאר צְדָקָה, דֶערְפַאר אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה נָאר צוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל גֶעבְּן דִי צְדָקָה אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן פְּלַאץ.

אוּן דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה אִיז וֶוען מֶען גֶעבְּט פַּאר אָרִימֶעלַייט צוּ עֶסְן, בַּיי דֶעם אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ פָּאפְּן, אוֹיבּ עֶר אִיז הוּנְגֶערִיג וֶועט עֶר עֶסְן אוּן אוֹיבּ נִישְׁט נִישְׁט, אוּן דֶערְפַאר זָאגְן דִי חֲזַ"ל "אֵין בּוֹדְקִין לִמְזוֹנוֹת", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט בֶּעטְן עֶסְן, קוּקְט מֶען אִים נִישְׁט נָאךְ אוֹיבּ עֶר דַארְף עֶס טַאקֶע הָאבְּן אָדֶער נִישְׁט, וַוייל בַּיי אַנְדֶערֶע צְדָקוֹת קֶען זַיין אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ לִיגְנֶער עֶר זָאגְט אַז עֶר דַארְף דִי גֶעלְט פַּאר אַ ווִיכְטִיגֶע צְוֶועק, וֶוען בֶּאֱמֶת גֵייט דָאס סְתָם פַּאר נַארִישְׁקֵייטְן, אָבֶּער בַּיי עֶסְן קֶען מֶען גְלַייךְ זֶעהְן אוֹיבּ עֶר מֵיינְט עֶס אֱמֶת'דִיג, אוֹיבּ עֶר אִיז הוּנְגֶערִיג וֶועט עֶר עֶסְן.

אוּן נָאךְ מֶער וֶוען אֵיינֶער אִיז זוֹכֶה צוּ גֶעבְּן צוּ עֶסְן פַּאר אִידְן אוֹיף שַׁבָּת, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה, פָּשׁוּט צוּ גֶעבְּן צוּ עֶסְן

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

נִישְׁט אוֹיף זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת נָאר אוֹיף זֵייעֶר גַאוּת.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב): אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אַלֵיינְ'ס דַן זַיין לְכַף זְכוּת, עֶר דַארְף קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר טוּט אוּן זִיךְ מְחַיֶה' זַיין מִיט דֶעם אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אַ צְוֵוייטְן אִיד דַארְף מֶען קוּקְן נָאר אוֹיף יֶענֶעמְ'ס גוּטֶע חֲלָקִים, אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעמְ'ס שְׁלֶעכְטְ'ס.

אוּן בֶּאֱמֶת גֵייט דִי בֵּיידֶע זַאכְן צוּזַאמֶען, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט בַּיי זִיךְ נָאר אוֹיף זַיין גוּטְ'ס, דֶעמָאלְט אִיז עֶר פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר קוּקְט בַּיי יֶענֶעם אוֹיךְ נָאר דִי גוּטְ'ס, אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעהְט נָאר דִי שְׁלֶעכְטְ'ס בַּיי זִיךְ וֶוערְט עֶר אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר זֶעהְט נָאר שְׁלֶעכְטְ'ס בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דֶער פָּסוּק גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אִיד, **לֹא הִבִּיט אָוֶן בְּיַעֲקֹב** - מֶען זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְ'ס פוּן דִי פְּשׁוּטֶע אִידְן, **וְלֹא רָאָה עָמָל בְּיִשְׂרָאֵל** - אוּן אוֹיךְ נִישְׁט קוּקְן דִי שְׁלֶעכְטְ'ס אוֹיף צַדִיקִים, אוּן וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם? **ה' אֱלֹקָיו עִמּוֹ** - וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאךְ אַלְץ לִיבּ, אוּן עֶר אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים, אוּן נֶעבְן אִים, אוּן דֶעמָאלְטְ'ס וֶועט עֶר וִויסְן אַז, **וּתְרוּעַת מֶלֶךְ בּוֹ** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן אִיד וִוי אַזוֹי עֶר קוּקְט נָאר אוֹיס.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְ'ס פוּן אִידְן נָאר אוֹיף זֵייעֶר גֵאוּת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט נָאר אוֹיף דֶעם וָואס אַ אִיד הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק מִיט זַיינֶע מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם, אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים וָואס עֶר הָאט, דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זאת הַתּוֹרָה בָּלָק ח')

***

**וַיַּרְא פִּינְחָס בֶּן אֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן וַיָּקָם מִתּוֹךְ הָעֵדָה וַיִּקַּח רֹמַח בְּיָדוֹ.** מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵז זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ו): אַז וֶוען דִי תַּאֲווֹת שְׁטַארְקְן זִיךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ זָאל עֶר לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אוּן מִיט דֶעם וֶועט עֶר אָפְּקִילְן זַיין יֵצֶר הָרַע.

דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת טו.): כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע וּמְדַקְדֵק בְּאוֹתִיּוֹתֶיהָ מְצַנְּנִין לוֹ גֵיהִנּוֹם, דָאס מֵיינְט נִישְׁט נָאר דִי גֵיהִנוֹם פוּן יֶענֶע וֶועלְט, נָאר אוֹיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט קִילְט עֶס אָפּ דִי פַייעֶר פוּן תַּאֲווֹת וָואס בְּרֶענְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, וֶוען פִּנְחָס הָאט גֶעזֶעהְן אַז עֶס אִיז זִיךְ מִתְגַבֵּר דִי תַּאֲווֹת אוֹיף דִי אִידְן, אוּן זֵיי וֶוערְן נִכְשָׁל אִין עֲבֵירוֹת, **וַיִּקַּח "רֹמַח" בְּיָדוֹ**, הָאט עֶר גֶענוּמֶען קְרִיאַת שְׁמַע וָואס הָאט אִין זִיךְ רַמַ"ח וֶוערְטֶער, אוּן מִיט דֶעם מַכְנִיעַ גֶעוֶוען דִי בִּיטֶערֶע תַּאֲווֹת.

(זאת הַתּוֹרָה בָּלָק י')

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

פַאר אַ מִשְׁפָּחָה מִיט הוּנְגֶערִיגֶע קִינְדֶער, הַיינְט אִיז שׁוֹין בָּרוּךְ ה' דָא אִין אַלֶע שְׁטֶעט אַסַאךְ אָרְגֶעֶנִיזַאצִיֶעס וָואס גֶעבְּן פַאר אָרִימֶעלַייט צוּ עֶסְן אוֹיף שַׁבָּת, אוּן וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הָאט אַ חֵלֶק דֶערִין, אוּן גֶעבְּט צְדָקָה אַז אִידְן זָאל הָאבְּן צוּ עֶסְן אוֹיף שַׁבָּת, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם.

## גֵיין נָאךְ צְדָקָה

אוּן נָאךְ מֶער אִיז חָשׁוּב אֵיינֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ גֵיין צוּזַאמְנֶעמֶען צְדָקָה צוּ הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע אִידְן, אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶער תִּיקוּן פַאר אַלֶע עֲבֵירוֹת, וַוייל וֶוען מֶען גֵייט נָאךְ גֶעלְט מוּטְשֶׁעט דָאס אָפּ דֶעם גַאנְצְן מֶענְטְשׁ, אוּן אַקֶעגְן דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּהן עֲבֵירוֹת מִיט זַיין גַאנְצְן גוּף, קֶען מֶען מִיטְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט דָאס פַארֶעכְטְן, וָואס דָאס מוּטְשֶׁעט אָפּ דֶעם גַאנְצְן גוּף מִיט דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן צְדָקָה.

דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זִי"עַ, דֶער הֵיילִיגֶער דִבְרֵי חַיִּים, אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס מִיט דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה, עֶר הָאט פְלֶעגְט שְׁפֵּייזְן אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן זֵייעֶר אַסַאךְ אָרִימֶעלַייט אוּן יְתוֹמִים וְאַלְמָנוֹת, עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ בֶּעטְן פוּן מֶענְטְשׁ גֶעלְט פַאר צְדָקָה, אוּן פְלֶעגְט שִׁיקְן זַיינֶע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן אַרוּם גֵיין אִין דִי הַייזֶער אוּן אִין דִי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים נָאךְ גֶעלְט צוּ הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

פְלֶעגְט עֶר זָאגְן פַאר זַיינֶע קִינְדֶער אַז וֶוען זֵיי גֵייעֶן נָאךְ גֶעלְט זָאלְן זֵיי גוּט גֶעדֶענְקְן צְוֵויי זַאכְן: 1. אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן צְוֵויי טַאשְׁן, אֵיינְס פַאר דִי גֶעלְט אוּן אַ צְוֵוייטֶע פַאר דִי בִּזְיוֹנוֹת וָואס זֵיי וֶועלְן כַאפְּן... 2. אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן קַיין שׂוֹנְאֵי יִשְׂרָאֵל... וַוייל אַסַאךְ מָאל בֶּעהְט מֶען בַּיי מֶענְטְשְׁן צְדָקָה אוּן זֵיי גֶעבְּן נִישְׁט, קֶען מֶען וֶוערְן בְּרוֹגֶז, הָאט עֶר זֵיי אָנְגֶעוָוארֶענְט אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט פַּיינְט הָאבְּן קַיין אִידְן, נָאר דַן זַיין יֶעדְן לְכַף זְכוּת.

אוּן אֲפִילוּ וֶוען מֶען גֵייט נָאךְ גֶעלְט אוּן מֶען אִיז נִישְׁט מַצְלִיחַ טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן צוּפַאלְן פוּן דֶעם, נָאר פְּרוּבִּירְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל בִּיז מֶען וֶועט מַצְלִיחַ זַיין. בַּיים הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ סַאסוֹבֶער זִי"עַ הָאט פַּאסִירְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה אִין דֶעם עִנְיָן.

וִוי בַּאקַאנְט פְלֶעגְט דֶער צַדִיק אַסַאךְ עוֹסֵק זַיין אִין דִי מִצְוָה פוּן פִּדְיוֹן שְׁבוּיִים, עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ אַרוּם פָארְן פוּן לַאנְד צוּ לַאנְד אוּן פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט צוּזַאם צוּ נֶעמֶען גֶעלְט פַאר פִּדְיוֹן שְׁבוּיִים, דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין בַּאלִיבְּטֶע מִצְוָה, אֵיינְמָאל, נָאךְ זַייעֶנְדִיג אַ יוּנְגֶער יוּנְגֶערְמַאן, אִיז עֶר אַרוּם גֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט צוּזַאם נֶעמֶען צְדָקָה פַאר פִּדְיוֹן שְׁבוּיִים, אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט קַיין גֶעלְט, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צוּבְרָאכְן דֶערְפוּן, עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶס אִיז אַ שָׁאד צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען צַייט מִיט גֵיין נָאךְ

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

גֶעלְט, עֶר קֶען דָאךְ אִין דִי צַייט זִיצְן אוּן לֶערְנֶען, עוֹסֵק זַיין בַּתּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּהן, עֶר הָאט אָפְּגֶעלָאזְט דָאס גֵיין נָאךְ צְדָקָה, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶעשְׁפַּארְט בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען.

אִינְמִיטְן לֶערְנֶען הֶערְט עֶר וִוי אִינְדְרוֹיסְן טוּט זִיךְ קוֹלוֹת אוּן גֶעשְׁרֵייעֶן, עֶר אִיז גְלַייךְ גֶעלָאפְן צוּ דִי טִיר צוּ זֶעהן וָואס עֶס גֵייט פָּאר, הָאט עֶר גֶעזֶעהן וִוי מֶען פִּירְט אַ אִיד צוּגֶעבִּינְדֶען מִיט אַייזֶענֶע קֵייטְן, אוּן מֶען שְׁלָאגְט אִים אָן מִיט רְצִיחָה, אוּן מֶען פִּירְט אִים אִין תְּפִיסָה אַרַיין.

רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ סַאסוֹבֶער אִיז גְלַייךְ אַרוֹיס גֶעלָאפְן אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דִי פָּאלִיצֵיי וָואס הָאבְּן גֶעשְׁלֶעפְּט דֶעם אִיד, "וואוּ אַהִין פִּירְט אִיר אִים? וָואס הָאט עֶר גֶעזִינְדִיגְט?" הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז מֶען הָאט גֶעכַאפְּט דֶעם אִיד בַּיי גְנֵיבָה, עֶר הָאט גֶע'גַנָב'ט, אוּן דֶערְפַאר פִּירְט מֶען אִים אִין תְּפִיסָה אַרַיין.

וֶוען דֶער צַדִיק הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר זֵייעֶר רַחֲמָנוּת בַּאקוּמֶען אוֹיף דֶעם אִיד, אוּן עֶר אִיז גֶעלָאפְן אִין גֶערִיכְט אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל דֶעם אִיד צוּרוּה לָאזְן, אוּן עֶר אִיז גְרֵייט צוּ בַּאצָאלְן אַלֶעס וָואס יֶענֶער הָאט גֶע'גַנָב'ט. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער סְכוּם, אָבֶּער דֶער צַדִיק אִיז גְלַייךְ אַרוּם גֶעלָאפְן צוּזַאמְנֶעמֶען גֶעלְט, עֶר הָאט צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט, אוּן עֶר הָאט עֶס גֶעגֶעבְּן פַארְן רִיכְטֶער, אוּן אַזוֹי הָאט מֶען אַרוֹיס גֶעלָאזְט דֶעם אִיד אוֹיף דֶער פְרֵיי.

וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיס פְרֵיי, הָאט דֶער צַדִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן מוּסָר פַאר דֶעם אִיד: "זֶעה אָפְּצוּלָאזְן דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, הָאט זִיךְ דֶען דִיר גֶעלוֹינְט דִי גְנֵיבָה? מֶען הָאט דִיר דָאךְ אָנְגֶעהַאקְט דִי בֵּיינֶער, קוֹים וָואס דוּ בִּיזְט אַרוֹיס לֶעבֶּעדִיג, פַארְוָואס פֶעלְט דִיר אוֹיס דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים?" דֶער אִיד הָאט אָבֶּער צוּרִיק גֶעזָאגְט: "וָואס אִיז שׁוֹין גֶעשֶׁעהן אַז מֶען הָאט מִיר דָאס מָאל גֶעכַאפְּט? דָאס מָאל אִיז מִיר עֶס נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען, וֶועל אִיךְ פְּרוּבִּירְן נָאךְ אַמָאל, וֶועגְן אֵיין מָאל וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען זָאל אִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעבְּן?"...

דֶער צַדִיק רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ זִי"עַ אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי וֶוערְטֶער, "דָאס אִיז דָאךְ מַמָשׁ פוּן הִימְל פַאר מִיר גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן, וַוייל אִיךְ הָאבּ אֵיינְמָאל נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיטְן גֵיין נָאךְ צְדָקָה, זָאל אִיךְ אַלֶעס אָפְּלָאזְן?!" אוּן עֶר הָאט זִיךְ טַאקֶע פוּן פְרִישׁ גֶעשְׁטַארְקְט, אוּן וַוייטֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר פִּדְיוֹן שְׁבוּיִים, עֶר הָאט זִיךְ וַוייטֶער מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען אִידְן פוּן תְּפִיסָה, אוּן דָאס אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן זַיין מִצְוָה אִין וָואס עֶר הָאט עוֹסֵק גֶעוֶוען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

זֶעהט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט אוּן מֶען הָאט נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, זָאל מֶען נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין, אוּן דִי שְׂכַר אוֹיף דֶעם אִיז אָן אַ שִׁיעוּר.

## רוּחְנִיוּת'דִיגֶע צְדָקָה

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ מִיט רוּחְנִיוּת'דִיגֶע צְדָקָה, דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה אִיז וֶוען מֶען אִיז מְחַזֵק אַ אִיד, אַז עֶר זָאל וַוייטֶער אָנְגֵיין אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אַסַאךְ מָאל וֶוען מֶען אִיז מְחַזֵק אִידְן זֶעהט אוֹיס וִוי מֶען אִיז נִישְׁט מַצְלִיחַ, טָאר מֶען אָבֶּער נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר וַוייטֶער מְחַזֵק זַיין אִידְן, וְסוֹף הַכָּבוֹד לָבוֹא.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת צוּ הֶעלְפְן אָרִימֶעלַייט, אוּן סֵיי בְּרוּחֲנִיוּת צוּ מְחַזֵק זַיין אִידְן, וֶועט עֶר זִיכֶער זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס, וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ חֵלֶק ה' עֶרֶךְ צְדָקָה)

# אִיךְ וִויל שׁוֹין זַיין וואוֹיל

עֶס פְלֶעגְט זַיין דֶער סֵדֶר בַּיים הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז פַאר סוּכּוֹת פְלֶעגְט מֶען אִים בְּרֶענְגֶען צְוֵויי קֶעסְטְלֶעךְ פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע אֶתְרוֹגִים עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְקְלוֹיבְּן פַאר זִיךְ, אוּן עֶס זָאל זַיין גֶענוּג אוֹיךְ פַאר זַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב הָאט אָנְגֶעוָוארֶענְט: קֵיינֶער זָאל נִישְׁט אוֹיפְמַאכְן דִי קֶעסְטְלֶעךְ פוּן דִי אֶתְרוֹגִים בִּיז וִוילַאנְג עֶר קְלוֹיבְּט זִיךְ אוֹיס אַן אֶתְרוֹג, נָאכְדֶעם קֶענֶען שׁוֹין דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ אוֹיךְ נֶעמֶען. הָאט זִיךְ אֵיינֶער פוּן דִי אֵיינִיקְלֶעךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן: מִן הַסְתַּם וֶועל אִיךְ זַיין דֶער לֶעצְטֶער צוּ קֶענֶען קְלוֹיבְּן אוּן מֶען וֶועט מִיר אִיבֶּערְלָאזְן דֶעם שְׁוַואכְסְטְן אֶתְרוֹג, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען שְׁטִילֶערְהֵייט אוּן אוֹיפְגֶעמַאכְט אֵיין קֶעסְטְל אוּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ אֶתְרוֹג אוּן דָאס צוּרִיק פַארְמַאכְט. נָאכְדֶעם וֶוען מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט פַארְן הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב דִי אֶתְרוֹגִים, אוּן עֶר הָאט בַּאמֶערְקְט אַז אֵיינֶער הָאט דָאס שׁוֹין אָנְגֶערִירְט, הָאט עֶר זִיךְ גֶערֶעגְט: וֶוער הָאט דָא אָנְגֶערִירְט?! פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב הָאט אַוַודַאי גֶעוואוּסְט וֶועלְכֶער אֵיינִיקְל דָאס אִיז גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן מִיט אִים, אוּן עֶר הָאט אִים מְרַחֵק גֶעוֶוען.

מֶען הַאלְט שׁוֹין עֶרֶב סוּכּוֹת נָאכְמִיטָאג, וָואס וִוי בַּאוְויסְט פְלֶעגְט דֶעמָאלְטְס דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב טֵיילְן אוֹיסְטֶערְלִישׁ אַסַאךְ צְדָקָה, וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעהַאט, אָבֶּער אוֹיף דֶעם אֵיינִיקְל הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּקְן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר הָאט שׁוֹין גוּט חֲרָטָה גֶעהַאט אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעטוּעֶן, אִיז עֶר אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּם זֵיידְן אוּן אוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת: זֵיידֶע! אִיךְ הָאבּ עֶס גֶענוּמֶען, אוּן אִיךְ וִויל שׁוֹין זַיין וואוֹיל. זָאגְט דֶער צַאנְזֶער רָב: אַזוֹי! דוּ וִוילְסְט שׁוֹין זַיין וואוֹיל?! אִיךְ וִויל שׁוֹין אוֹיךְ זַיין וואוֹיל! לָאמִיר בֵּיידֶע זַיין וואוֹיל אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט אוּנְז בֵּיידֶע מוֹחֵל זַיין.

עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה וֶוען אַ אִיד קוּמְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן זָאגְט: **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם!** אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת, אָבֶּער אִיךְ וֶועל שׁוֹין זַיין וואוֹיל, אִיךְ וֶועל דָאס שׁוֹין מֶער נִישְׁט טוּהְן, אוּן אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אַסַאךְ מָאל צוּגֶעזָאגְט, אוּן אִיךְ בִּין לֵיידֶער נָאכְאַמָאל דוּרְכְגֶעפַאלְן, וִויל אִיךְ נָאכְאַמָאל תְּשׁוּבָה טוּהְן וְכוּ'. אִיז אַוַודַאי אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן זַיין תְּשׁוּבָה, אוּן עֶר אִיז אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס; וַוייל דָאס אִיז דֶער עִיקָר מַעֲלָה פוּן אַ אִיד אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַז עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ.

(קוּנְטְרֵס 'עֶס וֶועט דִיר נָאךְ לֶעכְטִיג וֶוערְן')

# מִילֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

### דִי וֶוערְטֶער רֶעדְן אוֹיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**שָׁנוּ חֲכָמִים בִּלְשׁוֹן הַמִּשְׁנָה, בָּרוּךְ שֶׁבָּחַר בָּהֶם וּבְמִשְׁנָתָם**

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ה') אַז וֶוען עֶס אִיז דָא אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזַר דִין, דַארְף מֶען מַלְבִּישׁ זַיין דִי תְּפִלָּה אִין אַ מַאֲמַר, דָאס מֵיינְט אַז דֶער צַדִיק רֶעדְט צוּ מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט הָאט עֶר אִינְזִין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶערְן וָואס עֶר רֶעדְט, אוּן עֶר זָאל אָנֶנעמֶען דִי בַּאהַאלְטֶענֶע תְּפִלָּה.

דָאס זָאגְט דֶער תַּנָא, שָׁנוּ חֲכָמִים בִּלְשׁוֹן הַמִּשְׁנָה, דִי חֲכָמִים רֶעדְן מִיט אַ טָאפְּלְט לָשׁוֹן, פַּאר מֶענְטְשְׁן זֶעהט אוֹיס וִוי עֶר שְׁמוּעֶסְט סְתַּם אַזוֹי זַאכְן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז אִין דִי וֶוערְטֶער בַּאהַאלְטְן אַ תְּפִלָּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(בְּרִית אָבוֹת, פֶּרֶק ו')

***

### רֶעדְן וִוי וֵוייניגֶער

**וְהַתּוֹרָה נִקְנֵית בְּמ"ח דְבָרִים.. הָעוֹשֶׂה סְיָג לִדְבָרָיו.**

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע יְסוֹד בִּכְלַל אִינֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן צוּ רֶעדְן וִוי וֵוייניגֶער, אַלֶעס וָואס אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט קוּמְט נָאר וַוייל עֶר הָאט אַ לוֹיז מוֹיל אוּן עֶר רֶעדְט וָואס עֶר דַארְף נִישְׁט, וָואס דָאס דְרֵייט אִים אַרַיין אִין אַלֶע צָרוֹת, עֶס אִיז דָא אַ מַאֲמַר הֶחָכָם "וִוי לַאנְג דוּ הָאסְט נָאכְנִישְׁט אַרוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם וָוארְט - בִּיזְטוּ בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף דִי וָוארְט, אָבֶּער אֵיינְמָאל דוּ הָאסְט שׁוֹין אַרוֹיס גֶעזָאגְט דִי וָוארְט - אִיז דִי וָוארְט בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף דִיר", אוּן דֶערְפַאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הִיט זִיךְ דָאס מוֹיל, עֶר רֶעדְט וִוי וֵוייניגֶער, שְׁפָּארְט עֶר זִיךְ אֵיין אַסַאךְ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים.

דָאס אִיז בִּכְלַל אַן עֵצָה אִין לֶעבְּן, אָבֶּער נָאךְ אַסַאךְ מֶער קוּמְט דָאס צוּנִיץ בַּיים לֶערְנֶען תּוֹרָה, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעהט אַז עֶס גֵייט אִים אַרִיבֶּער דִי טֶעג אוּן יָארְן מִיט גָארְנִישְׁט, עֶר פַארְבְּרֶענְגְט דִי צַייט אוּן עֶר לֶערְנְט נִישְׁט קַיין תּוֹרָה, בִּיז עֶר הֶערְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן אַז אֲפִילוּ מֶען קֶען לֶערְנֶען אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מֶען גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט, מֶען דַארְף בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה אַז עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג וֶועלְן לֶערְנֶען, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי תּוֹרָה.

אָבֶּער דַאן קוּמְט אָן דֶער יֵצֶר הָרַע, פַארְשְׁטֶעלְט אִין אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, וָואס פַארְגִינְט נִישְׁט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן עֶר הֵייבְּט אָן מְשׁוּגֶע צוּ מַאכְן, "דָאס אִיז נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג פוּן לֶערְנֶען, דָאס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, דוּ קֶענְסְט דָאךְ אִין דִי צַייט עֶנְדֶערְשׁ לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג" א.א.וו. מִיט טַעֲנוֹת וּמַעֲנוֹת, אַלֶעס מִיטְן אֵיינֶעם צִיהל אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל צוּמַאכְן דֶעם סֵפֶר אוּן אוֹיפְהֶערְן צוּ לֶערְנֶען.

דֶערְפַאר זָאגְט אוּנְז דֶער תַּנָא אַז אֵיינְס פוּן דִי קִנְיָנֵי הַתּוֹרָה אִיז וְהָעוֹשֶׂה סְיָג לִדְבָרָיו, נִישְׁט אַרַיין צוּ גֵיין אִין קַיין טַעֲנָה'רַייעֶן מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט, יֶענֶער זָאל זָאגְן וָואס עֶר ווִיל, אָבֶּער דוּ גֶעדֶענְק וִויפִּיל דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט פַארְן דֶרֶךְ הַלִימוּד, אוּן וִויפִיל דוּ בִּיזְט זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען מִיטְן דֶרֶךְ הַלִימוּד, אוּן דָאס זָאל דִיר גֶעבְּן דִי חִיזוּק וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין אוּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן קֵיינֶעם.

(בְּרִית אָבוֹת, פֶּרֶק ו', מִשְׁנָה ו')

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

~~~

### מען פארט ארויס אין "מחנה תפארת התורה"

אזוי ווי אלע יארן וועלן די בחורים דאס יאר אויך ארויספארן אין קעמפ צו ווײלן אויף די זומער וואכן, ווייט אוועק פון די שטאט, ווי זיי וועלן אויסניצן די טעג פון זומער מיט תורה און עבודה, אפגעזונדערט פון די אלע שטאטישע פראבלעמען, און זיך קונה זיין אסאך גוטע זאכן.

די זומער וואכן זענען די בעסטע הכנה צו די הייליגע טעג, מען פארברענגט אין קעמפ נאר מיט די ביימער און הימל און מיטן אייבערשטן, עס איז גארנישט דא פאר די אויגן, נאר זיך קונה צו זיין תורה ויראת שמים, און מיט דעם צוגיין צום ראש השנה, דער יום הדין, מיט די אלע גוטע זאכן וואס מען האט זיך איינגעקויפט אינעם זומער.

נאך זומער וועלן אלע בחורים פארן אינאיינעם מיטן אייבערשטנ'ס הילף אויף ראש השנה אין אומן, אזוי ווי די לעצטיגע יארן וואס אלע בחורים פארן אינאיינעם מיטן ראש הישיבה, און רעכטן אפ דעם יום טוב אין אומן די תפלות און די סעודות בדיבוק חברים.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט דער זומער אויך זיין א גרויסע סוקסעס, אזוי ווי אין די פארגאנגענע יארן, און זיך אנשעפן פילע הויפענעס מיט תורה ויראה.

**ההרים והגבעות יפצחו לפניכם רנה!**

### הגליון הזה נתנדב לזכות

מו"ה **אשר זעליג** בן **אסתר** הי"ו

ויה"ר שיתברך מפי א-ל עליון בבני חיי ומזוני רויחא בשפע ובניקל, ובכל אשר יפנה יצליח.

ולע"נ

ר' **אברהם יוסף** בן ר' **שמשון** ז"ל

ת.נ.צ.ב.ה.

### סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **ישראל קרויס** הי"ו

צו זיין שמחת החתונה למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד דורות ישרים ומבורכים, אמן

### ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

**27 Skillman St.**

**אדער רופט 347-977-7994**

### קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת פנחס, אבות פרק א', שנת תשע"ג לפ"ק
שנה 2, גליון 41 (91)


**זמנים**
הדלקת הנרות..................8:13
מוצש"ק.............................9:43
סוף זמן ק"ש.......................8:37

**שיעורים כסדרן**
בבלי...........................פסחים ט'
ירושלמי.....................קידושין מ"ו
תוספתא...........מעשרות פרק ב'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**לָכֵן אֱמֹר הִנְנִי נֹתֵן לוֹ אֶת בְּרִיתִי שָׁלוֹם,** לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס הָאט פִּנְחָס דַוְקָא בַּאקוּמֶען דֶעם שְׂכַר פוּן שָׁלוֹם?

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן פ') אַז שָׁלוֹם אִיז נָאר דָא וֶוען צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן קֶענֶען זִיךְ צוּזַאם שְׁטֶעלְן, וֶוען מֶען קֶען צוּזַאם שְׁטֶעלְן פַייעֶר מִיט וַואסֶער, אָבֶּער וֶוען צְוֵויי דִי זֶעלְבֶּע זַאכְן שְׁטֶעלְן זִיךְ צוּזַאם הֵייסְט דָאס נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם.

דָא בַּיי פִּנְחָס גֶעפִינֶען מִיר אַז מֶען הָאט אִים פַארְשֶׁעמְט אַז עֶר שְׁטַאמְט פוּן אַ זֵיידֶע וָואס הָאט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דַוְקָא דָאס גֶעוֶוען פַאר אִים דִי גְרֶעסְטֶע חֲשִׁיבוּת, אַז אֲפִילוּ זַיין זֵיידֶע הָאט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען בִּיז דִי פַארְקֶערְטֶע אוּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בֶּאֱמֶת.

אוּן דֶערְפַאר, אַזוֹי וִוי פִּנְחָס הָאט צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט דִי צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן, פוּן אַזַא אָפְּשְׁטַאם וָואס מֶען הָאט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר קוּמְט אִים אַזַא שְׂכַר, צוּ בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכָה פוּן שָׁלוֹם, וָואס דָאס אִיז אוֹיךְ וֶוען עֶס שְׁטֶעלְט זִיךְ צוּזַאם צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה פִּנְחָס ב')

***

**יִפְקֹד ה' אֱלֹקֵי הָרוּחֹת לְכָל בָּשָׂר אִישׁ עַל הָעֵדָה, אֲשֶׁר יֵצֵא לִפְנֵיהֶם וַאֲשֶׁר יָבוֹא לִפְנֵיהֶם.** דֶער בַּעַל הַטּוּרִים בְּרֶענְגְט אַ מְסוֹרָה, "**וַאֲשֶׁר יָבוֹא לִפְנֵיהֶם**", אוּן נָאךְ אַ פָּסוּק "**וַאֲשֶׁר יָבֹא אֶת רֵעֵהוּ בַיַּעַר לַחְטֹב עֵצִים**", דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין דִי שַׁייכוּת פוּן דִי צְוֵויי פְּסוּקִים.

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ס"ח) אַז דֶער שְׁלֵימוּת פוּן אַ צַדִּיק אִיז וֶוען עֶר קֶען וַוייזְן פַארְן גְרֶעסְטְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר קֶען וֶוערְן נָאךְ בֶּעסֶער, אוּן פַארְקֶערְט עֶר קֶען אוֹיךְ וַוייזְן פַארְן נִידֶערִיגְסְטְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז אוֹיךְ נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אוֹיךְ לִיבּ.

דֶער צַדִּיק דַארְף הָאבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁפְּרַאךְ צוּ יֶעדְן מֶענְטְשׁ לוֹיט זַיין מַדְרֵיגָה, אֵיינֶעם דַארְף מֶען מְחַזֵק זַיין אַז עֶר אִיז זֵייעֶר נָאנְט צוּם

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

~ דִי דְרֵיי וָואכְן ~

מֶענְטְשְׁן בַּאטְרַאכְטְן דִי טֶעג פוּן "בֵּין הַמְּצָרִים" - דִי דְרֵיי וָואכְן צְוִוישְׁן שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז אוּן תִּשְׁעָה בְּאָב, אַלְץ טְרוֹיעֶרִיגֶע מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיגֶע טֶעג, עֶס זֶעהְט עֶפֶּעס אוֹיס וִוי גֶעפַאלֶענֶע נִידֶערִיגֶע טֶעג, וָואס מֶען אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען דֶעמָאלְט נִישְׁט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעהֶערִיג.

אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר פוּנְקְט פַארְקֶערְט, דִי טֶעג זֶענֶען גְרוֹיסֶע טֶעג, וָואס זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָל צוּ נָאנְט וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ מֶער אוּן גְרִינְגֶער פוּן אַ גַאנְץ יָאר.

אֵיינְמָאל הָאט מֶען נָאכְגֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, אַז עֶרְלִיכֶע אִידְן פְלֶעגְן זָאגְן אַז אִין דִי טֶעג פוּן בֵּין הַמְּצָרִים פַאלְן זֵיי פוּן זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אַז עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, פַארְקֶערְט, דִי טֶעג קֶען מֶען גְרִינְגֶער שְׁטֵייגְן, אוּן וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט בַּיי אַ קֶענִיג אַז וֶוען עֶר אִיז אִין זַיין פַּאלַאץ אִיז שְׁוֶוער צוּ צוּקוּמֶען צוּ אִים, אָבֶּער וֶוען עֶר אִיז אוֹיפְ'ן וֶועג, אוֹיפְ'ן גַאס, אִיז אַסַאךְ גְרִינְגֶער צוּ קוּמֶען צוּ אִים. דִי זֶעלְבֶּע יֶעצְט "בֵּין הַמְּצָרִים" וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז כִּבְיָכוֹל אִין גָלוּת, אִיז עֶר נָאךְ מֶער נֶענְטֶער צוּ אוּנְז, אוּן מִיר קֶענֶען נָאךְ גְרִינְגֶער אוּן שְׁנֶעלֶער צוּ קוּמֶען צוּ אִים, אוּן צוּ רֶעדְן צוּ אִים.

דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג, דָאס אִיז דִי גִימַטְרִיָּא פוּנֶעם שֵׁם אקי"ה, וָואס דֶער שֵׁם וַוייזְט אַז אֲפִילוּ בִּיז יֶעצְט אִיז מֶען נִישְׁט גֶעוֶוען וואוֹיל, קֶען מֶען "פוּן יֶעצְט" אָנְהֵייבְּן צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') אַז דֶער שֵׁם וַוייזְט "אַנָא זָמִין

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֵיינֶעם דַארְף מֶען מְעוֹרֵר זַיין אַז עֶר קֶען גֵיין נָאךְ הֶעכֶער, אוּן דָאס קֶען נָאר אַ אֱמֶת'עֶר צַדִיק טוּהן, אוּן דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י"ח) אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה צוּ זָאגְן תּוֹרָה, וַוייל מֶען קֶען הַרְגְ'נֶען מֶענְטְשְׁן מִיט דִי תּוֹרָה וָואס מֶען זָאגְט, דָאס מֵיינְט אַז אוֹיב זָאגְט מֶען דִי נִישְׁט רִיכְטִיגֶע זַאךְ פַארְן נִישְׁט רִיכְטִיגְן מֶענְטְשׁ, הָאט מֶען גֶע'הַרְגְ'ט דֶעם מֶענְטְשׁ.

דָאס הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **יִפְקֹד ה' אֱלֹקֵי הָרוּחוֹת לְכָל בָּשָׂר אִישׁ עַל הָעֵדָה**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שְׁטֶעלְן אַזַא מַנְהִיג, **אֲשֶׁר יֵצֵא לִפְנֵיהֶם וַאֲשֶׁר יָבוֹא לִפְנֵיהֶם**, אַמָאל דַארְף עֶר מְחַזֵק זַיין, אַרַיין בְּרֶענְגֶען דִי אִידְן וָואס מֵיינֶען אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אִינְדְרוֹיסְן, אוּן אַמָאל דַארְף מֶען מְעוֹרֵר זַיין אֵיינֶעם אַז עֶר קֶען נָאךְ מֶער טוּהן.

אוּן דָאס שְׁטֶעלְט צוּ דִי מְסוֹרָה דֶעם פָּסוּק, **וַאֲשֶׁר יָבֹא אֶת רֵעֵהוּ בַיַּעַר לַחְטֹב עֵצִים**, וָואס דֶער פָּסוּק רֶעדְט דָארְט פוּן אֵיינֶעם וָואס הַרְגְ'ט בְּשׁוֹגֵג, אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶערְנֶעמֶען אַזַא זַאךְ צוּ זָאגְן מוּסָר פַאר מֶענְטְשְׁן, וַוייל דוּ קֶענְסְט מִיט דֶעם הַרְגְ'נֶען מֶענְטְשְׁן, נָאר אַן אֱמֶת'עֶר צַדִיק קֶען דָאס טוּהן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית פִּנְחָס תשס"ה)

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

לְמֶהֱוֵי" וָואס דָאס מֵיינְט, אֲפִילוּ אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען גוּט בִּיז יֶעצְט, הֵייבּ אִיךְ אָן פוּן יֶעצְט צוּ זַיין גוּט.

נָאר אַזוֹי וִוי וֶוען עֶס אִיז דָא גָאר אַ טֵייעֶרֶע אוֹצָר, נֶעמְט מֶען עֶס אַרוּם אוּן מֶען פַארְזִיגְלְט עֶס מִיט אַסַאךְ שְׁלֶעסֶער, כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם נִישְׁט רִיכְטִיגְן מֶענְטְשׁ, וָואס דַארְף עֶס נִישְׁט בַּאקוּמֶען. דִי זֶעלְבֶּע אִיז יֶעצְט, אַזוֹי וִוי דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען אַזֶעלְכֶע גֶעהוֹיבֶּענֶע טֶעג, אַזֶעלְכֶע טֶעג וָואס פַארְמָאגְן אִין זִיךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע אוֹצָר, אַז מֶען קֶען גְרִינְגֶערְהֵייט וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאט עֶס דֶער יֵצֶר הָרַע אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אַזֶעלְכֶע שְׁלֶעסֶער פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אַז מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען צוּ קוּמֶען דֶערְצוּ, אָבֶּער וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל, לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי אַלֶע דִמְיוֹנוֹת, נָאר עֶר נִיצְט אוֹיס דִי צַייט מִיט אַסַאךְ תְּפִלָּה, עֶר בֶּעהְט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר גְרִינְגֶערְהֵייט צוּקוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע זַאכְן.

דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים בְּרֶענְגֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ (עֲבוֹדַת יִשְׂרָאֵל, מַסְעֵי) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (אֵיכָה א') כָּל רוֹדְפֶיהָ הִשִּׂיגוּהָ בֵּין הַמְּצָרִים, "כָּל רוֹדְפֵי - קָהּ", וֶוער עֶס לוֹיפְט נָאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "הִשִּׂיגוּהָ", קֶען אִים דֶערְגְרֵייכְן, "בֵּין הַמְּצָרִים", דַוְקָא אִין דִי טֶעג פוּן "בֵּין הַמְּצָרִים".

אוּן סְפֶּעצִיעֶל דִי שַׁבָּתִים פוּן דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען גָאר גְרוֹיס, וָואס אִיז נִישְׁטָא זֵייעֶר גְלַייכְן אִיבֶּערְן יָאר, דִי דְרֵיי שַׁבָּתִים זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי דְרֵיי יָמִים טוֹבִים, פַּרְשַׁת פִּנְחָס אִיז קֶעגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, מַטוֹת-מַסְעֵי אִיז קֶעגְן שְׁבוּעוֹת, אוּן דְבָרִים-שַׁבָּת חֲזוֹן, אִיז קֶעגְן סוּכּוֹת, אוּן דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי סְפֶּעצִיעֶל חָשׁוּבֶע שַׁבָּתִים, אוּן שַׁבָּת חֲזוֹן אִיז גָאר דִי גְרֶעסְטֶע שַׁבָּת פוּן יָאר, דֶער נָאמֶען "חֲזוֹן" גֵייט אַרוֹיף אוֹיף נְבוּאָה, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְי' א') "חֲזוֹן יְשַׁעְיָהוּ", צַדִיקִים זֶענֶען זוֹכֶה צוּ זֶעהְן אִין דֶעם שַׁבָּת, דֶעם דְרִיטְן בֵּית הַמִקְדָשׁ, וָואס וֶועט אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט וֶוערְן בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ.

### אַזוֹי וִוי מַאנְדְלֶען

דֶער פָּסוּק זָאגְט (יִרְמְיָה א') אַז יִרְמְיָה הַנָבִיא הָאט נְבִיאוֹת גֶעזָאגְט אוֹיף דִי חוּרְבָּן פוּנֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ "מַקֵּל שָׁקֵד אֲנִי רוֹאֶה", זָאגְט רַשִׁ"י אַז אַזוֹי וִוי דֶער "מַקֵּל שָׁקֵד" - דֶער מַאנְדְל-בּוֹים, פוּן וֶוען עֶס קוּמְט אַרוֹיס דִי בְּלוּם בִּיז עֶס וַואקְסְט אַרוֹיס דִי פְרוּכְט נֶעמְט אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג, אַזוֹי אוֹיךְ פוּן וֶוען דִי גוֹיִם הָאבְּן צוּבְּרָאכְן דִי מוֹיעֶר פוּן שְׁטָאט, בִּיז וֶוען זֵיי הָאבְּן חָרוּב גֶעמַאכְט דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ הָאט גֶענוּמֶען אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג.

אָבֶּער מֶען דַארְף וִויסְן אַז דֶער מַאנְדְל הָאט אוֹיךְ אַן אַנְדֶערֶע אֵייגְנְשַׁאפְט, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (מַעַשְׂרוֹת פֶּרֶק א') אַז דֶער מַאנְדְל אִיז קוֹדֶם בִּיטֶער אוּן דֶערְנָאךְ וֶוערְט עֶס זִיס, אוּן דֶערְפַאר, אַזוֹי וִוי דִי דְרֵיי וָואכְן זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְן צוּ מַאנְדְלֶען, אִיז יֶעצְט דִי צַייט וָואס מֶען קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן, אוּן מַאכְן פוּן בִּיטֶער זָאל וֶוערְן זִיס. וָואס דָאס אִיז בֶּאֱמֶת דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, אַזוֹי וִוי דֶער זֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָּמַת בְּרֵאשִׁית ד.) "וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן, אוּן מַאכְן פוּן טוּנְקְל זָאל וֶוערְן לִיכְטִיג, אוּן פוּן בִּיטֶער זָאל וֶוערְן זִיס?"

דָאס מֵיינְט, אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים אוּן שְׁוֶוערִיקַייטְן, עֶס אִיז אִים זֵייעֶר בִּיטֶער דָאס לֶעבְּן, עֶס אִיז אִים מַמָשׁ טוּנְקְל פַאר דִי אוֹיגְן, אָבֶּער וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט גֶעשֶׁעהְן פוּן זִיךְ אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס גֶעמַאכְט מִיטְן צִיהל אוֹיפְצִיוֶועקְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, דֶעמָאלְט הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוּן גֶעמַאכְט פוּן בִּיטֶער זִיס, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן, אוּן עֶר וֶועט אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן צָרוֹת.

### נִישְׁט מִיט עַצְבוּת

אוּן אֲפִילוּ דִי אַלֶע הֲלָכוֹת אוּן דִינִים וָואס מִיר הָאבְּן, זִיךְ צוּ פִירְן מִיט אֲבֵילוּת אִין דִי טֶעג פוּן בֵּין הַמְּצָרִים, מֵיינְט דָאס נִישְׁט אַז מֶען דַארְף זַיין טְרוֹיעֶרִיג, בְּעַצְבוּת אוּן צוּקְלַאפְּט. נָאר מֶען דַארְף עֶס טוּהן מִיט אַן הִשְׁתּוֹקְקוּת אִין הַארְץ, אַז מִיר בֶּענְקֶען שׁוֹין אוּן מִיר זֶענֶען מִשְׁתּוֹקֵק אַז מֶען זָאל אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּן מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן דֶערְפוּן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי וֶועג וָואס אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט, פוּן אֵיין זַייט הָאבְּן זֵיי אִין הַארְצְן גֶעטְרוֹיעֶרְט אִין הַארְץ אוֹיף דִי חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, אָבֶּער אוֹיפְן פָּנִים הָאבְּן זֵיי אֵייבִּיג גֶעהַאט אַ שְׁמֵייכְל, אוּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען יֶעדְן מֶענְטְשׁ בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי מְקָרֵב גֶעוֶוען יֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי"ע הָאט גֶעוָואלְט נָאכְקוּקְן אוּן זֶעהן וָואס דֶער דֶּרֶךְ הַחֲסִידוּת אִיז, הָאט עֶר גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע קֻשְׁיָא אוֹיף זֵיי, "פַארְוָואס זֶענֶען דִי חֲסִידִים אֵייבִּיג פְרֵיילִיךְ? עֶס אִיז דָאךְ אַ קְלָארֶע הֲלָכָה אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַז אַ יְרֵא שָׁמַיִם דַארְף טְרוֹיעֶרְן אוּן זִיךְ מְצַעֵר זַיין אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָּשׁ, מְמֵילָא וִוי אַזוֹי קֶענֶען דִי חֲסִידִים זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ?"

וֶוען דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי"ע אִיז גֶעפָארְן צוּ זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה זי"ע הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְן וֶועג, "בַּאשֶׁעפֶער, דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז אִיךְ וִויל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת, מְמֵילָא הֶעלְף אַז וֶוען אִיךְ קוּם צוּם צַדִּיק זָאל מִיר פַארֶענְטְפֶערְט וֶוערְן אַלֶע מַיינֶע קֻשְׁיוֹת, וַוייל דִי חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ (יוֹמָא ל"ח:) 'הַבָּא לִטָּהֵר מְסַיְּעִין אוֹתוֹ', וֶוען אֵיינֶער וִויל זִיךְ הֵיילִיגְן, הֶעלְפְט מֶען אִים פוּן הִימְל, אָבֶּער עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אַ לָשׁוֹן יָחִיד 'מְסַיֵּעַ אוֹתוֹ', וָואס דֶעמָאלְט וָואלְט עֶס גֶעמֵיינְט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ 'מְסַיְּעִין אוֹתוֹ' אַ לָשׁוֹן רַבִּים, אוּן דָאס מֵיינְט אַז דִי צַדִּיקִים הֶעלְפְן אוֹיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ. אוּן דֶערְפַאר - הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער - אַז דֶער צַדִּיק זָאל מִיר הֶעלְפְן אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע מַיינֶע קֻשְׁיוֹת".

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה זי"ע, וִוי נָאר עֶר הָאט אַרַיין גֶעטְרֶעטְן אִין צִימֶער, הָאט אִים דֶער צַדִּיק גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס זֶעהסְטוּ אוֹיס אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג הַיינְט? עֶס שְׁטֵייט טַאקֶע אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַז אַ יְרֵא שָׁמַיִם דַארְף טְרוֹיעֶרְן אוּן זִיךְ מְצַעֵר זַיין אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָּשׁ, אָבֶּער דָאס מֵיינְט נָאר אִין הָאֶרֶץ, אוֹיפְן פָּנִים דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן אַ שְׁמֵייכְל", אוּן דֶער צַדִּיק הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען, "גְלֵייבּ מִיר, אַז מִיר זָאגְן אוֹיךְ יֶעדֶע נַאכְט תִּיקוּן חֲצוֹת אוּן מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָּשׁ, אָבֶּער פוּן דֶעסְט וֶועגְן זֶענֶען מִיר נָאךְ אַלְץ פְרֵיילִיךְ".

דֶער צַדִּיק הָאט אִים דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען מִיט אַ מָשָׁל פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי שְׁמֶעלְקֶע נִיקָלְשְׁבּוּרְגֶער זי"עַ, אַזוֹי וִוי אַ קֶענִיג וָואס אִיז פַארְכַאפְּט גֶעוָוארְן אִין אַ וַוייטֶע לַאנְד, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט זִיךְ אָפְּרוּעֶן דָארְט בַּיי זַיינְס אַ פְרַיינְד, וֶוען דֶער פְרַיינְד הָאט גֶעזֶעהן אַז דֶער קֶענִיג אִיז דָארְט אִין גֶעפֶענְגֶענִישׁ, הָאט עֶר זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן זִיךְ מְצַעֵר גֶעוֶוען, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר אוֹיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז דֶער קֶענִיג שְׁטֵייט אֵיין בַּיי אִים. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ יֶעצְט, אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען טַאקֶע אִין גָלוּת, דֶער בֵּית הַמִקְדָּשׁ אִיז טַאקֶע חָרוּב, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ מִיט אוּנְז, אוּן מִיר זֶענֶען זֵייעֶר נָאנְט צוּ אִים, אוּן מִיט דֶעם קֶענֶען מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

אוּן דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט, "בֶּאֱמֶת וָואלְט אִיךְ דִיר דָאס נִישְׁט גֶעדַארְפְט אוֹיסְזָאגְן, אָבֶּער אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ 'הַבָּא לִטָּהֵר מְסַיְּעִין אוֹתוֹ, מִיט אַ לָשׁוֹן רַבִּים, מֵיינְט דָאס אַז דִי צַדִּיקִים דַארְפְן אוֹיךְ אַרוֹיס הֶעלְפְן אוּן מְקָרֵב זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ דִיר דָאס גֶעזָאגְט"...

דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה אִיז נִבְהָל וְנִשְׁתּוֹמֵם גֶעוָוארְן פוּן דִי קְלָארֶע רוּחַ הַקוֹדֶשׁ פוּנֶעם הֵיילִיגְן חוֹזֶה וָואס הָאט גֶעזֶעהן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט, אוּן פוּן דֶעמָאלְט אִיז עֶר נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּ אִים, אוּן גֶעוָוארְן פוּן זַיינֶע גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים.

זֶעהט מֶען פוּן דֶעם אַז דִי עִיקָר אֲבֵילוּת דַארְף מֶען הָאבְּן אִין הָאֶרֶץ, אָבֶּער פוּן אִינְדְרוֹיסְן דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף דוּרְךְ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, זָאל עֶר נָאר צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ, אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּנִיצְן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ בֵּין הַמְצָרִים)

# סִיּוּם מַסֶּכֶת מוֹעֵד קָטָן

אַלְץ זֶענֶען גֶעוֶוען אִידְן וָואס הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע אוּן בִּיטֶערְסְטֶע מַצָּבִים, אוּן נִישְׁט פַארְלוֹירְן דִי אֱמוּנָה, אוּן עֶס אִיז נָאךְ הַיינְט דָא צְווִישְׁן אוּנְז אִידְן וָואס זֶענֶען דוּרְךְ דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה, וָואס רַחֲמָנָא לִצְלָן זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן גֶעפַּיינִיגְט אוֹיף דִי עֶרְגְסְטֶע אוֹפַנִּים וָואס אִיז נָאר שַׁיָּיךְ, וָואס מֶען קֶען זִיךְ דָאס נִיטְאַמָאל פָארְשְׁטֶעלְן מִיטְן מֶענְטְשְׁלִיכְן שֵׂכֶל, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן בַּיי דִי אֱמוּנָה.

וִוי בַּאוואוּסְט אִיז אִין דִי יָארְן פוּן תש"י גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע מַצָּב, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וָואס צוּ עֶסְן. וַיְהִי הַיּוֹם, הָאט אַ אִיד אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען אַ צֶעטְל אִין דִי שׁוּלְן, אַז מָארְגְן אִין דִי צַייט וֶועט זַיין אַ סִיּוּם מַסֶּכְתָּא, אוּן עֶר שְׁטֶעלְט צוּ אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה פוּן פִישׁ אוּן פְלֵיישׁ לְכָבוֹד דֶעם סִיּוּם, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס הָאט נִישְׁט גֶעפֶעלְט קַיין מֶענְטְשְׁן, וַוייל קֵיינֶער הָאט דֶעמָאלְטְס נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פְלֵיישׁ, אִין אַ צַייט פוּן אַזַא מוֹרָא'דִיגֶע הוּנְגֶער, אָבֶּער דֶער אִיד הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפָּארְט אַ פְּרוּטָה נָאךְ אַ פְּרוּטָה, אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה, בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ סִיּוּם אוֹיף מַסֶּכֶת מוֹעֵד קָטָן, אוּן דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעווּאוּנְדֶערְט דֶערוֹיף, אוֹיף אַזַא סִיּוּם [מוֹעֵד קָטָן] גֶעבְּסְטוּ אוֹיס אַזוֹי פִיל גֶעלְט?! הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעטוּהְן.

וִוי בַּאוואוּסְט הָאט מֶען גֶעמוּזְט אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער בַּיי דִי לַאגֶערְן, אִיז גֶעוֶוען צְווִישְׁן דִי אִידְן אֵיין אִיד וָואס עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּ זִיךְ, אוּן עֶר הָאט מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶערֶעדְט, [כָאטְשִׁיג וָואס נָאךְ אַ גַאנְצֶע טָאג שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, וֶוען מֶען אִיז גֶעקוּמֶען בַּיינַאכְט שְׁלָאפְן אוֹיף דִי בְּרֶעטֶער, אִיז וִוי פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ, אַז מֶען רֶעדְט אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן, אָבֶּער לֵיידֶער אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, וָואס זֶענֶען מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן אוּן אַרָאפּ פוּן זִינֶען פוּן דִי פִיל צָרוֹת וְכוּ', אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּ זִיךְ אַלֵיין, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען וָואס זֶענֶען לֵיידֶער צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עֶלֶעקְטֶערִישְׁן דְרָאט אוּן זִיךְ עֶלֶעקְטֶערֶעזִירְט רַחֲמָנָא לִצְלָן, וַוייל וִויפִיל קֶען דֶען אַ מֶענְטְשׁ אוֹיסְהַאלְטְן?!] הָאט מֶען גֶעמֵיינְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אוֹיךְ מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן רַחֲמָנָא לִצְלָן פוּן אַזוֹיפִיל בִּיטֶערֶע צָרוֹת, אוּן וֶועגְן דֶעם הַאלְט עֶר אִין אֵיין זָאגְן עֶפֶּעס.

אֵיין נַאכְט קוּמְט עֶר צוּ אִים צוּ, עֶר וֶועקְט אִים אוֹיף, אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ בֶּעט עֶר אִים אִיבֶּער, אוּן זָאגְט אִים: זַיי מִיר מוֹחֵל וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט, אִיךְ מוּז אַייךְ אָבֶּער זֵייעֶר וִויכְטִיג עֶפֶּעס זָאגְן: אִיךְ הָאבּ אַלֶע יָארְן גֶעלֶערְנְט שַׁ"ס, יֶעצְט בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען בִּיז מוֹעֵד קָטָן דַף ח', אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז דִי נְשָׁמָה גֵייט מִיר שׁוֹין אוֹיסְגֵיין, דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ אַייךְ אֵיין זַאךְ: אִיר זָאלְט מִיר צוּ זָאגְן

המשך בדף ד

# סִיּוּם מַסֶּכֶת מוֹעֵד קָטָן

המשך

אַז וֶוען אִיר וֶועט אִיבֶּערְלֶעבְּן דִי מִלְחָמָה, וֶועט אִיר מַאכְן אַ סִיּוּם אוֹיף מַסֶּכְתָּא מוֹעֵד קָטָן וָואס אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט פוּן שַׁ"ס, אוּן מִיר אִינְזִין הָאבְּן, אוּן אִיךְ וֶועל אַייךְ אִינְזִינֶען הָאבְּן דֶערְפַאר, אוּן וִויסְן זָאלְט אִיר אַז אִיךְ בִּין יֶעצְט בַּיי דִי מַדְרֵיגָה פוּן דֶער תַּנָא 'רֶבִּי עֲקִיבָא', וַוייל מֶען הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעפַּיינִיגְט, אוּן מִיר גֵייעֶן אַלֶע אוּמְקוּמֶען אוֹיף קִידוּשׁ הַשֵּׁם, נָאר אִיר וֶועט דָאס אִיבֶּערְלֶעבְּן, אוּן עֶר לֵייגְט אִים צוּ: דָאס וָואס אִיר הָאט גֶעזֶעהְן אַז אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין זָאגְן, אוּן מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ בִּין מְשׁוּגָע, זָאלְט אִיר וִויסְן אַז אִיךְ הָאבּ שְׁטֶענְדִיג גֶע'חַזֶר'ט גְמָרָא, יֶעצְט בֶּעהְט אִיךְ אַייךְ אִיר זָאלְט מִיר צוּ זָאגְן אוּן מִיר גֶעבְּן אַ 'תְּקִיעַת כַּף', אַז אִיר וֶועט מַאכְן אַ סִיּוּם אוֹיף מַסֶּכֶת מוֹעֵד קָטָן. בְּלֵית בְּרֵירָה הָאט עֶר אִים צוּגֶעזָאגְט, וִוי אוֹיךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן: עֶר גֶעט דָאךְ מִיר אַזַא גְרוֹיסֶע בְּרָכָה אֶפְשָׁר וֶועט דָאס טַאקֶע מְקוּיָם וֶוערְן.

וְכַךְ הַוָה, דֶער אִיד הָאט גְלַייךְ אוֹיסְגֶעהוֹיכְט זַיין נְשָׁמָה, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז לֵיידֶער קֵיינֶער פוּן דֶעם לַאגֶער נִישְׁט אַרוֹיס לֶעבֶּעדִיג נָאר עֶר אַלֵיין, אִין דֶעם זְכוּת וָואס עֶר הָאט דֶעם אִיד צוּגֶעזָאגְט צוּ מַאכְן דֶעם סִיּוּם, אוּן עֶר הָאט אִים דֶערְפַאר אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן דוּרְכְצוּלֶעבְּן דִי קְרִיג. אוּן יֶעצְט אַז עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט דִי מִלְחָמָה מִיט נִיסֵי נִיסִים, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן גֶעקוּמֶען אַבִּיסְל צוּ זִיךְ פוּן דֶעם בִּיטֶערְן חוּרְבָּן וְכוּ', הָאט עֶר דָאס מְקַיֵּים גֶעוֶוען אוּן יֶעצְט מַאכְט עֶר דֶעם גְרוֹיסְן סִיּוּם, אוּן דָאס אִיז דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ב): דֶער 'גֵיהִנוֹם' אוּן דֶער 'גַן עֵדֶן' אִיז אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קי"ט): עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי 'עוֹלָם הַזֶה', מֶענְטְשְׁן רֶעדְן זִיךְ נָאר אַיין אַז עֶס אִיז דָא 'עוֹלָם הַזֶה', אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָא אָדֶער 'גֵיהִנוֹם' אָדֶער 'גַן עֵדֶן', אוּן לוֹיט דִי צָרוֹת אוּן יְסוּרִים וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן מִיט אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז דָא דֶער 'גֵיהִנוֹם' אַלֵיין. אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ קְלֶעבְּט זִיךְ צוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר וֵוייסְט אַז עֶס אִיז נָאר דָא דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן צוּ אִים רֶעדְט עֶר, דֶעמָאלְטְס אִיז עֶר מַמְשִׁיךְ דֶעם 'עוֹלָם הַבָּא' דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר לֶעבְּט אַ גוּט לֶעבְּן. אוּן דָאס שְׁפִּירְט אַ מֶענְטְשׁ שַׁבָּת, אוּן דִי פְרֵיילִיכְקֵייט אִין לֶעכְטִיגְקֵייט דַארְף מֶען מִיטְנֶעמֶען אוֹיף אוֹיף אַ גַאנְצֶע וָואךְ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ב).

(קוּנְטְרֵס 'אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת')

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

~~~

## "מחנה תפארת התורה" אין פולן שוואונג

מיטן אייבערשטנ'ס הילף האט מען אנגעהויבן די זומער אין קעמפ מיט גרויס הצלחה, די בחורים האבן זיך איינגעארדענט אין קעמפ, און דער קול תורה ותפלה הילכט שוין אפ בין כותלי בית המדרש מיט א שטארקייט.

ווי אויך האבן די בחורים די זכי' צו הערן יעדן טאג די אינהאלטסרייכע שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א, פארמיטאג לערנט מען גמרא רש"י תוספות בעיון, ביז להלכה למעשה אין שלחן ערוך ונושאי כלים, און נאכמיטאג איז דא דער צווייטער שיעור אין רבינ'ס ספרים געפלאכטן מיט דברי חיזוק והתעוררות, מיט וואס די בחורים זענען זיך מחי'.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף אנטשפרעכט דער זוממער צו זיין א גרויסע סוקסעס, ווי די בחורים ווען אהיים פארן מלא וגדוש מיט תורה ויראת שמים.

**ההרים והגבעות יפצחו לפניכם רנה!**

# מִילֵי דְאָבוֹת

### פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

## אַ רֶבִּי פוּן אַמָאל

**הֱוֵי מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַהֲרֹן, אוֹהֵב שָׁלוֹם וְרוֹדֵף שָׁלוֹם.**

פוּן דָא זֶעהְט מֶען אַז אוֹיבּ אַ אִיד פִירְט זִיךְ מִיט דִי מִדוֹת פוּן אַ צַדִיק, וֶוערְט עֶר אָנְגֶערוּפְן זַיין תַּלְמִיד, אֲפִילוּ וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען פַאר אַסַאךְ יָארְן צוּרִיק, אַזוֹי וִוי מִיר זֶעהְן דָא אַז וֶוען אַ אִיד גֵייט אִין דִי וֶועגְן פוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, וֶוערְט עֶר אָנְגֶערוּפְן מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַהֲרֹן, אֲפִילוּ אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הָאט שׁוֹין גֶעלֶעבְּט פַאר 3000 יָאר צוּרִיק.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען אַ אִיד גֵייט אִין דִי וֶועגְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר נֶעמְט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן אוּן עֶר אִיז זֵיי מְקַיֵּים, אִיז עֶר אַ תַּלְמִיד פוּנֶעם רֶבִּי'ן, אוּן עֶר וֶועט זִיכֶער זוֹכֶה זַיין צוּ דָאס מֶערְסְטֶע וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) אַז דֶער פָּנִים, שֵׂכֶל, אוּן דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק לִיגְט אִין זַיין סֵפֶר, אוּן דֶערְפַאר וֶוער עֶס לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּנֶעם צַדִיק, אִיז מַמָשׁ וִוי עֶר זֶעהט זַיין פָּנִים, אוּן דֶער צַדִיק וֶועט אִים פִירְן אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג.

(בְּרִית אָבוֹת, פֶּרֶק א', מִשְׁנָה י"ב)

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**הבחור החשוב לייבי אפפעל נ"י**

צו זיין שמחת הבר מצוה למזל טוב

און א באזונדערע מזל טוב פארן זיין טאטע

**מו"ה אייזיק אפפעל הי"ו**

דער זכות פון ארויס העלפן די הייליגע מוסדות זאל אים בײשטיין צו זעהן אסאך אידיש נחת פון אלע זיינע קינדער, בני ברוכי, חיי ארוכי, ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא, אמן

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה מאיר רייניץ הי"ו**

צו זיין שמחת החתונה למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד דורות ישרים ומבורכים, אמן

## הגליון הזה נתנדב לזכות

**מו"ה אשר זעליג**

**בן אסתר הי"ו**

ויה"ר שיתברך מפי א-ל עליון בבני חיי ומזוני רויחא בשפע ובניקל, ובכל אשר יפנה יצליח.

## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

**זמנים**
הדלקת הנרות.................8:12
מוצש"ק.............................9:42
סוף זמן ק"ש.....................8:40
**שיעורים כסדרן**
בבלי..................פסחים ט"ז
ירושלמי..................בבא קמא ה'
תוספתא..............חלה פרק א'

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת מטות-מסעי, מברכים חודש אב, אבות פרק ב', שנת תשע"ג לפ"ק
שנה 2, גליון 42 (92)

## פָּרָשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**הֵן הֵנָּה הָיוּ לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל בִּדְבַר בִּלְעָם לִמְסָר מַעַל בַּה',** דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן מ"ג) אַז דִי רֵייד פוּן אַ רָשָׁע אַ בַּר דַּעַת מַאכְט אַז דֶער וָואס הֶערְט עֶס זָאל טוּהן עֲבֵירוֹת, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּהִיטְן נִישְׁט צוּ הֶערְן ווִי אַ רָשָׁע רֶעדְט, וַוייל דָאס שַׁאדְט זֵייעֶר פַאר דֶעם וָואס הֶערְט עֶס.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, **הֵן הֵנָּה הָיוּ לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל "בִּדְבַר" בִּלְעָם,** דִי רֵייד וָואס בִּלְעָם הָאט גֶערֶעדְט הָאט גֶעשַׁאדְט פַאר דִי אִידְן.

וָואס מֵיינְט אַ רָשָׁע אַ בַּר דַּעַת?

נָאר מִיר גֶעפִינֶען אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א סִימָן רפ"ב) אַז מֶען דַארְף יֶעדְן מֶענְטְשׁ דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אֲפִילוּ אַ רָשָׁע גָמוּר דַארְף מֶען אוֹיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת, ווִידֶער זָאגְט אָבֶּער דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה סִימָן פ"ח) "אֵין מְלַמְּדִין זְכוּת עַל הַמֵּסִית", אַ מֵסִית, אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט אָפּ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם אייבֶּערְשְׁטְן, אִים טָאר מֶען נִישְׁט דַן זַיין לְכַף זְכוּת.

זֶעהְט מֶען אַז עֶס אִיז דָא צְווֵיי מִינֵי רְשָׁעִים, ווֶען עֶר אִיז אַלֵיין דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, קֶען מֶען מְלַמֵּד זְכוּת זַיין אַז עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטַארְקְן אוֹיף זַיין יֵצֶר הָרַע, אָבֶּער ווֶען עֶר רֶעדְט אוֹיךְ צוּ אַ צְווייטְן צוּ טוּהן עֲבֵירוֹת, עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין לִימוּד זְכוּת, אוּן פוּן אִים דַארְף מֶען שְׁטֵיין ווַייט.

דֶערְפַאר אוֹיף דִי ווֶערְטֶער "הֵן הֵנָּה" זֶענֶען דָא דִי טְרָאפְּן **"אַזְלָא גֵּרֵשׁ",** אַז דִי רֵייד פוּן דֶעם רָשָׁע וָואס ווִיל דִיר צוּרֶעדְן אַז דוּ זָאלְסְט אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אייבֶּערְשְׁטְן אָדֶער פוּנֶעם צַדִּיק, דָאס ווֶעט מַשְׁפִּיעַ זַיין אוֹיף דִיר, אַז **"אַזְלָא גֵּרֵשׁ"** אַז דוּ זָאלְסְט אַוֶועקְגֵיין אוּן מֶען זָאל דִיר פַארְטְרַייבְּן פוּן דִי קְדוּשָׁה, אוּן דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן אִים, אוּן זִיכֶער זִיךְ נִישְׁט צוּהֶערְן צוּ אִים.

(זֹאת הַתּוֹרָה מַטּוֹת ג)

***

**וְיָאִיר בֶּן מְנַשֶּׁה הָלַךְ,** מוֹהֲרַא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן צ"ז) אַז פַאר אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דַאווֶענֶען דַארְף עֶר הָאבְּן דִי בְּחִינָה פוּן **"מְנַשֶּׁה"**, וָואס דָא מֵיינְט **"פַארְגֶעסְן"**, אַז עֶר זָאל פַארְגֶעסְן אַלֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן בִּיז יֶעצְט, עֶר הֵייבְּט יֶעצְט אָן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל צוּ דִינֶען דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ זָאגְט

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

~ **חוֹדֶשׁ אָב** ~

מִיר גֵייעֶן יֶעצְט אַרַיין אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אָב, אַ חוֹדֶשׁ אִין וָואס מֶען טְרוֹיעֶרְט אוֹיפְן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן, אוּן מֶען בֶּעהְט דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל עֶס שׁוֹין צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן.

דֶער טְרוֹיעֶר אִיז נִישְׁט נָאר אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן, נָאר מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיךְ אוֹיף אוּנְזֶער אֵייגֶענֶעם חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דֶער מֹחַ פוּן אַ אִיד דַארְף זַיין אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, עֶס דַארְף טְרַאכְטְן שְׁטֶענְדִיג פוּנֶעם אייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶעבְּן מִיטְן אייבֶּערְשְׁטְן, אוּן ווֶען מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע חוּרְבָּן, אוּן אוֹיף דֶעם טְרוֹיעֶרְן מִיר אוּן מִיר בֶּעטְן דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּנְזֶער אֵייגֶענֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, צוּ טְרַאכְטְן שְׁטֶענְדִיג פוּנֶעם אייבֶּערְשְׁטְן, צוּ רֶעדְן צוּם אייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ לֶעבְּן מִיטְן אייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז אוּנְזֶער אַרְבֶּעט יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אָב, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אייבֶּערְשְׁטְן, אוּן ווִי אַזוֹי קוּמְט מֶען צוּרִיק צוּם אייבֶּערְשְׁטְן? דָאס אִיז דוּרְךְ דִי תּוֹרָה, ווֶען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, ווֶעט עֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן זַיין שְׁטֶענְדִיג דָבוּק צוּם אייבֶּערְשְׁטְן.

### דֶער צֵירוּף פוּן דֶעם חוֹדֶשׁ

דֶער נָאמֶען פוּנֶעם אייבֶּערְשְׁטְן - דֶער שֵׁם הוי"ה, קֶען מֶען אוֹיסְשְׁטֶעלְן אוֹיף צְווֶעלְף ווֶעגְן, אוּן דָאס זֶענֶען קֶעגְן דִי צְווֶעלְף חֲדָשִׁים, יֶעדֶע חוֹדֶשׁ שַׁייְנְט אַן אַנְדֶערֶע צֵירוּף פוּנֶעם שֵׁם; אִין חוֹדֶשׁ אָב שַׁייְנְט דֶער צֵירוּף אוֹיף דִי ווֶעג – "הוי"ה", וָואס דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים כז ט)

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"ו) **"בַּיי דִי וֶועלְט אִיז "פַארְגֶעסְן" אַ פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז עֶס גָאר אַ גְרוֹיסֶע מַעְלָה, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן, אוֹיבּ עֶר פַארְגֶעסְט נִישְׁט שְׁטֶענְדִיג אַלֶעם וָואס עֶס אִיז גֶעוֶועןְ"**.

דָאס אִיז אוּנְז דֶער פָּסוּק מְרַמֵז **"וְיָאִיר"** אַז דוּ ווִילְסְט עֶס זָאל דִיר שְׁטֶענְדִיג לַייכְטְן אוּן שַׁיינֶען, **"בֶּן מְנַשֶּׁה"** זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג אַלֶעם פַארְגֶעסְן, שְׁטֶענְדִיג פַארְגֶעסְן דִי גַאנְצֶע "עָבַר", אַלֶעם וָואס עֶס אִיז אוֹיף דִיר אַרִיבֶּער, נָאר שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן נַיי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה מַטּוֹת ד)

***

**וַיִּסְעוּ מִמִּדְבַּר סִינָי וַיַּחֲנוּ בְּקִבְרוֹת הַתַּאֲוָה,** מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א') אַז דֶער יֵצֶר הָרַע ווִיל מְשׁוּגָע מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל טוּהן עֲבֵירוֹת, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה קֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרַע, אִיז נָאר צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וָואס נָאר דָאס הַרְגֶ'ט דֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס בְּרֶענְגְט אִין אַ מֶענְטְשׁ.

נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן י"ט) אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לִיגְט אִין עֲבֵירוֹת, עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּהן עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ בַּאשְׁטִימְטֶע שִׁיעוּר, חֹק וְלֹא יַעֲבֹר, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל, וֶועט אִים דִי תּוֹרָה זִיכֶער אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן זַיינֶע עֲבֵירוֹת אוּן עֶר וֶועט זִיכֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק **וַיִּסְעוּ מִמִּדְבַּר סִינָי**, וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן מִדְבַּר סִינַי, דִי פְּלַאץ ווִי מֶען הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה, דָאס מֵיינְט אַז גְלַייךְ וֶוען מֶען הֶערְט אוֹיף צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, **וַיַּחֲנוּ בְּקִבְרוֹת הַתַּאֲוָה**, קוּמְט מֶען אָן צוּ דִי תַּאֲווֹת וָואס בַּאגְרָאבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט, וַוייל נָאר דִי תּוֹרָה הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְ'ס.

(זֹאת הַתּוֹרָה מַסְעֵי ה)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

הַ'סְכֵּת וּ'שְׁמַע יִ'שְׂרָאֵל הַ'יּוֹם הַזֶּה נִהְיֵיתָ לְעָם לַה' אֱלֹקֶיךָ – אִידִישֶׁע קִינְדֶער הֶערְטְס צוּ, דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג זֶענְט אִיר גֶעוָוארְן אַ פָאלְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דַארְף אָבֶּער פַארְשְׁטֵיין. פַארְוָואס פוּנְקְט דֶער שֵׁם, פוּן דֶעם פָּסוּק, שַׁיינְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אָב?

אוּן מֶען זֶעהט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, עֶס אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אִידְן אַז וֶוען מֶען ווִיל זָאגְן דֶעם שֵׁם – דֶער נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער מֶען טָאר דָאךְ נִישְׁט אַרוֹיס זָאגְן דֶעם שֵׁם, זָאגְט מֶען עֶס אוֹיף דִי וֶועג ווִי אַזוֹי עֶס שַׁיינְט אִין חוֹדֶשׁ אָב: "דֶעם שֵׁם הוי"ה". פַארְוָואס פוּנְקְט אוֹיף דֶעם וֶועג?

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט ווִי דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ס"ג:) אַז פוּן דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן פָּסוּק, הַ'סְכֵּת וּ'שְׁמַע יִ'שְׂרָאֵל הַ'יּוֹם הַזֶּה נִהְיֵיתָ לְעָם לַה' אֱלֹקֶיךָ, לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס פִיר זַאכְן, אוּן דִי פִיר זַאכְן זֶענֶען דִי יְסוֹדוֹת ווִי אַזוֹי אַ אִיד קֶען זִיךְ גְרִינְגֶערְהֵייט צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר אִיז עֶס טַאקֶע פַּאסִיג פַאר יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אָב וֶוען יֶעדֶער ווִיל צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן זַיין אֵייגֶענֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן אוֹיךְ אִיז עֶס ווִיכְטִיג פַאר יֶעדְן אִיד אִין יֶעדְן מַצָּב, אוּן דֶערְפַאר אִיז מֶען צוּגֶעוואוֹינְט צוּ זָאגְן דֶעם שֵׁם אוֹיף דֶעם וֶועג.

## יֶעדְן טָאג פוּן נַיי

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ לֶערְנְט דִי גְמָרָא אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, "הַיּוֹם הַזֶּה" נִהְיֵיתָ לְעָם לַה' אֱלֹקֶיךָ, אַז יֶעדְן טָאג דַארְף אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְטְן אַז הַיינְט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל.

דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד דַארְף ווִיסְן וֶוען עֶר ווִיל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען טָאר נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהן בִּיז יֶעצְט, מֶען קֶען יֶעדְן טָאג צוּרִיק קוּמֶען אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן נַיי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואלְט הַיינְט גֶעגֶעבְּן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן.

אוּן אַזוֹי אוֹיךְ טָאר מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס עֶס וֶועט זַיין מָארְגְן, "אִיךְ וֶועל הַיינְט אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָבֶּער וֶוער זָאגְט אַז מָארְגְן וֶועט עֶס נָאךְ אָנְהַאלְטְן?" עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶס גֵייט זַיין מָארְגְן, יֶעדְן טָאג דַארְף אַ אִיד פְּרוּבִּירְן אַרַיינְצוּכַאפְּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן דִי תּוֹרָה וֶועט הֵיילִיגְן אוּן רֵיינִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אַן אַנְדֶערֶע כִּתָּה

אָבֶּער וֶוען אַ אִיד ווִיל אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען, קוּמְט אִים גְלַייךְ אַרַיין אִין קָאפּ "וֶוער בִּין אִיךְ צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה? עֶס אִיז טַאקֶע דָא גְרוֹיסֶע לוֹמְדִים, אִידְן וָואס גֶעבְּן זִיךְ אַוֶועק זֵייעֶר לֶעבְּן אוּן זִיצְן אוּן הָארֶעוֶוען אוּן זֶענֶען מַצְלִיחַ אִין דִי תּוֹרָה, אִיךְ קוּם דָאךְ אָבֶּער נִישְׁט צוּ צוּ זֵייעֶר שְׁפִּיץ פִינְגֶער, ווִי קֶען אִיךְ זִיךְ פַארְגְלַייכְן צוּ זֵיי? ווִי קֶען אִיךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען?"

אוֹיף דֶעם קוּמְט דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ וָואס דִי גְמָרָא לֶערְנְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל הַיּוֹם וְכוּ' - עֲשׂוּ כִּתּוֹת כִּתּוֹת וְעִסְקוּ בַּתּוֹרָה, בַּיים לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז דָא אַסַאךְ כִּתּוֹת, עֶס אִיז טַאקֶע דָא אִידְן וָואס קֶענֶען זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין תּוֹרָה, אוּן לֶערְנֶען מִיט אַ גְרוֹיסֶע עִיּוּן אוּן מִיט פִּלְפּוּלִים, אָבֶּער אוֹיבּ בִּיזְטוּ פוּן אַן אַנְדֶערֶע כִּתָּה, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט לֶערְנֶען אַזוֹי בְּעִיּוּן, דַארְפְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם, וַוייל יֶענֶער גֵייט אִין אַן אַנְדֶערֶע כִּתָּה, דוּ זָאלְסְט גֶעדֶענְקְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט בִּכְלַל וָואס מֶען זָאגְט, אוּן אֲפִילוּ מֶען גֶעדֶענְקְט גָארְנִישְׁט, בְּלוֹיז מִיטְן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אִיז מֶען מְקַיֵּים דִי מִצְוָה פוּן לִימוּד הַתּוֹרָה, אוּן דָאס רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן בְּרֶענְגְט אִים צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## בִּיזְט צוּבְּרָאכְן?

אוּן אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט זָאגְן, "אִיךְ ווִיל טַאקֶע לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָבֶּער אִיךְ בִּין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן אוּן צוּהַאקְט פוּן דִי צָרוֹת אוּן

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָ"א"ש

יִסוּרִים וָואס אִיךְ גֵיי דוּרְךְ, אַז אִיךְ קֶען זִיךְ פָּשׁוּט נִישְׁט צוּזַאם נֶעמֶען און לֶערְנֶען תּוֹרָה".

אוֹיף דֶעם קוּמְט דִי דְרִיטֶע זַאךְ וָואס דִי חַזַ"ל לֶערְנֶען אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל - כַּתְּתוּ עַצְמְכֶם עַל דִבְרֵי תּוֹרָה, שֶׁאֵין דִבְרֵי תּוֹרָה מִתְקַיְּמִין אֶלָּא בְּמִי שֶׁמֵּמִית עַצְמוֹ עָלֶיהָ, דִי תּוֹרָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט וֶוען עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער, וֶוען עֶר אִיז גֶעדְרוּקְט, דָאס הַאלְט זִיךְ בַּיים מֶענְטְשׁ, און דֶערְפַאר דַוְקָא דֶעמָאלְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט צָרוֹת אִיז זַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה, אַזוֹי שְׁטֵייט אִין תַּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ (פֶּרֶק ו') אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעהט אַז עֶס קוּמְט אוֹיף אִים צָרוֹת און יִסוּרִים, זָאל עֶר לוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה, און דֶעמָאלְט וֶועלְן אַלֶע יִסוּרִים אַוֶועק גֵיין פוּן אִים.

## דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט קַיין וָוארְט

און אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין אוֹת אַחַת וָואס עֶר לֶערְנְט, עֶר צוּבְרֶעכְט זִיךְ דִי צֵיין קוֹים צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אוֹיף דֶעם קוּמְט דִי פֶערְטֶע זַאךְ וָואס מֶען לֶערְנְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק, הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל - הַס וְאַחַר כַּךְ כַּתֵּת, דְּאָמַר רָבָא לְעוֹלָם יִלְמַד אָדָם תּוֹרָה וְאַחַר כַּךְ יֶהְגֶּה. אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף קוֹדֶם זָאגְן אַסַאךְ תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט, און וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט זֵייעֶר אַסַאךְ תּוֹרָה, וֶועט זִיךְ זַיין מֹחַ צוּם סוֹף עֶפֶענֶען, און עֶר וֶועט פַארְשְׁטֵיין און קֶענֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט.

קוּמְט אוֹיס אַז פוּן דֶעם פָּסוּק הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל הַיּוֹם, וָואס פוּן דָא קוּמְט אַרוֹיס דֶער שֵׁם וָואס שַׁיינְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אָב, פוּן דֶעם פָּסוּק קוּמְט אַרוֹיס אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזוּק פַאר יֶעדְן אִיד, אַז מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנַייעֶן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה און אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען, און אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט צָרוֹת אִיז אוֹיךְ נָאר דִי אֵיינְצִיגֶע עֵצָה צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה.

דִי אַלֶע לִמוּדִים אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ גֶעדֶענְקְן יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אָב, וַוייל דוּרְךְ דִי תּוֹרָה בַּאקוּמְט אַ מֶענְטְשׁ שֵׂכֶל און עֶר וֶוערְט צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און מִיט דֶעם פַארֶעכְט עֶר זַיין אֵייגֶענֶע חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, עֶר בּוֹיעֶט אוֹיף אִין זַיין מֹחַ דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ, דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר בּוּנְד צוּ זַיין מֹחַ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ דִי תּוֹרָה.

און דֶערְפַאר אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אִידְן צוּ זָאגְן דֶעם שֵׁם אוֹיף דִי וֶועג "שֵׁם הוי"ה", וַוייל דִי חִיזוּק וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק קֶען צוּנִיץ קוּמֶען פַאר יֶעדְן אִיד שְׁטֶענְדִיג.

## מִילְכִיג'ס אִין דִי נֵיין טֶעג

אִין דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט טַעֲמִים פַארְוָואס אִידְן פִירְן זִיךְ צוּ עֶסְן מִילְכִיג'ס אִין דִי נֵיין טֶעג פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אָב בִּיז תִּשְׁעָה בְּאָב (עַיֵין ספה"ק זֶרַע קוֹדֶשׁ פ' בָּלָק וּפ' דְבָרִים), אָבֶּער לוֹיט דֶעם וָואס מִיר הָאבְּן אוֹיבְן גֶעזָאגְט קֶען מֶען דָאס זֵייעֶר גוּט פַארֶענְטְפֶערְן, וַוייל יֶעצְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ נֶעמֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה, קוּמְט אוֹיס אַז דִי טֶעג זֶענֶען מַמָשׁ אַזוֹי וִוי דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת וָואס דֶעמָאלְט עֶסְט מֶען אוֹיךְ מִילְכִיג'ס.

וֶוען אַ אִיד וֶועט אוֹיסְנוּצְן דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אָב צוּ מַאכְן אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, און אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט אִים אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, זָאל עֶר כָאטְשׁ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז דִי תּוֹרָה וֶועט שׁוֹין בְּלַייבְּן אִין אִים אוֹיךְ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי כֹּחַ און חֵשֶׁק וַוייטֶער צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אַ גַאנְץ יָאר.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּנוּצְן דִי טֶעג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין!

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם-אָב)

# דֶער בֶּעט שְׁטֶעכְט

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי יוֹסֵף פוּן אוּסְטִילָא זִי"עַ (אַ זוּהן פוּנֶעם צַדִיק רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע נֶעשְׁכִיזֶער זִי"עַ) הָאט אֵיינְמָאל גֶעהֶערְט אַז דֶער חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זִי"עַ גֵייט דוּרְכְפָארְן זַיין שְׁטָאט, און עֶר גֵייט מִן הַסְתָּם זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן אִין שְׁטָאט זִיךְ אָפְּרוּעֶן, און עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס חֵשֶׁק אַז דֶער צַדִיק זָאל אַיינְשְׁטֵיין בַּיי אִים אִינְדֶערְהֵיים.

עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער חוֹזֶה וֶועט זִיךְ וֶועלְן אַרָאפְּלֵייגְן בַּיי אִים זִיךְ אָפְּרוּעֶן פוּנֶעם וֶועג, און עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּאוואוּסְט אַז עֶס הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט מַאכְן אַז וֶוען דֶער חוֹזֶה הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוֹיף אַ בֶּעט וִוי עֶס אִיז גֶעלִיגְן דֶערוֹיף בֶּעפָאר אֵיינֶער וָואס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען עֶרְלִיךְ, הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן "עֶס שְׁטֶעכְט מִיר, דֶער בֶּעט שְׁטֶעכְט מִיר" און עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט שְׁלָאפְן אוֹיף דֶעם בֶּעט.

און דֶערְפַאר הָאט רֶבִּי יוֹסֵף גֶעוָואלְט אָנְגְרֵייטְן פַארְן חוֹזֶה אַ נֵייעֶ בֶּעט וָואס קֵיינֶער אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעלִיגְן דֶערוֹיף, אַזוֹי אַז דֶער חוֹזֶה זָאל זִיךְ רוּהִיג קֶענֶען אוֹיסְרוּעֶן אוֹיף דֶעם בֶּעט.

עֶר הָאט אַרִיבֶּער גֶערוּפְן אַ חָשׁוּבֶער אִיד וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ סְטָאלֶער, און עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע זַאךְ אַז עֶר מוּז הָאבְּן אַ גוּטֶע נֵייעֶ בֶּעט פַארְן חוֹזֶה, און עֶר וִויל אַז עֶר זָאל אִים בּוֹיעֶן אַ גוּטֶע בֶּעט, און עֶר זָאל גֵיין אִין מִקְוֶה פַאר עֶר בּוֹיעֶט עֶס, און עֶר זָאל עֶס בּוֹיעֶן מִיט עֶרְלִיכֶע רֵיינֶע כַּוָונוֹת, אַז דֶער חוֹזֶה זָאל וֶועלְן שְׁלָאפְן אוֹיף אַזַא בֶּעט.

דֶער סְטָאלֶער הָאט אַבִּיסְל מוֹרָא גֶעהַאט, וַוייל עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט וָואס וֶועט עֶר טוּהן אוֹיב דֶער בֶּעט וֶועט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעפֶעלְן פַארְן חוֹזֶה, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אָפְּזָאגְן רֶבִּי יוֹסֵף, און עֶר הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ מַאכְן דֶעם בֶּעט.

יֶעדֶע מָאל וָואס עֶר הָאט גֶעאַרְבֶּעט אוֹיף דֶעם בֶּעט אִיז עֶר קוֹדֶם גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה, און עֶר הָאט גֶעמַאכְט דִי בֶּעט מִיט גְרוֹיס שִׁפְלוּת און צוּבְרָאכְנְקַייט, וִויסֶענְדִיג וָואסֶערֶע צַדִיק גֵייט לִיגְן אוֹיף דֶעם בֶּעט. וֶוען עֶר הָאט פַארֶענְדִיגְט דֶעם בֶּעט הָאט עֶר עֶס אַרִיבֶּער גֶעבְּרֶענְגְט צוּ רֶבִּי יוֹסֵף אִינְדֶערְהֵיים, עֶר הָאט עֶס אִיבֶּער גֶענוּמֶען און אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אַ סְפֶּעצִיעֶלְן שְׁטוּבּ, עֶר הָאט אִיבֶּער גֶעצוֹיגְן דֶעם בֶּעט, און עֶר הָאט צוּגֶעשְׁפַּארְט דִי טִיר, אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט נוּצְן דִי בֶּעט פַאר דֶער חוֹזֶה וֶועט אָנְקוּמֶען.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטָאט אוּסְטִילָא, אִיז רֶבִּי יוֹסֵף אַנְטְקֶעגְן גֶעגַאנְגֶען דֶעם צַדִיק און אִים פַארְבֶּעטְן אַרַיינְצוּקוּמֶען צוּ אִים אִינְדֶערְהֵיים זִיךְ אָפְּצוּרוּעֶן, דֶער חוֹזֶה הָאט אָנְגֶענוּמֶען דֶעם פַארְלַאנְג, און

המשך בדף ג

# דֶער בֶּעט שְׁטֶעכְט

המשך

רֶבִּי יוֹסֵף הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אוּן אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם צַדִּיק אוּן אִים אָנְגֶעוִויזְן אוֹיף דֶעם נֵייֶעם בֶּעט זָאגֶענְדִיג אַז דֶער בֶּעט הָאט גֶעמַאכְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד מִיט גוּטֶע כַּוָּונוֹת, אוּן דֶער צַדִּיק קֶען זִיךְ אַוַדַאי אָפְּרוּעֶן אוֹיף דֶעם בֶּעט.

אָבֶּער וֶוען דֶער חוֹזֶה הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוֹיפְן בֶּעט הָאט עֶר גְלַייךְ גֶעשְׁרִיגְן "גֶעוַואלְד! עֶס שְׁטֶעכְט מִיר!", רֶבִּי יוֹסֵף הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, דָאס אִיז דָאךְ אַ נֵייעֶ בֶּעט וָואס אַן עֶרְלִיכֶער אִיד הָאט גֶעמַאכְט, פַּארְוָואס וִויל דֶער חוֹזֶה נִישְׁט לִיגְן דֶערוֹיף? עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּהן, עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ גֶעבְּן זַיין אֵייגְן בֶּעט פַּארְן חוֹזֶה, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין בְּרֵירָה, דֶער צַדִּיק מוּז זִיךְ דָאךְ אָפְּרוּעֶן, הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן פַּארְן צַדִּיק זַיין אֵייגְן בֶּעט.

וֶוען דֶער חוֹזֶה הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוֹיף זַיין בֶּעט, הָאט זִיךְ דֶער חוֹזֶה אָנְגֶערוּפְן "דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע בֶּעט! עֶס אִיז מִיר מַמָּשׁ מְחַי' צוּ לִיגְן דָא!" דֶער צַדִּיק הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּנֶעם בֶּעט.

רֶבִּי יוֹסֵף הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט מְהַנֶּה זַיין דֶעם צַדִּיק מִיט זַיין בֶּעט, אָבֶּער עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט פַּארְוָואס דֶער חוֹזֶה הָאט נִישְׁט לִיבּ גֶעהַאט דִי נֵייעֶ בֶּעט, שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט פוּנֶעם חוֹזֶה אַלֵיין, "דָאס אִיז דָאךְ אַ נֵייעֶ בֶּעט וָואס אַן עֶרְלִיכֶער אִיד הָאט גֶעמַאכְט מִיט גוּטֶע כַּוָּונוֹת סְפֶּעצִיעֶל פַּארְן צַדִּיק, פַּארְוָואס אִיז דֶער צַדִּיק נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן פוּנֶעם בֶּעט?"

הָאט אִים דֶער חוֹזֶה גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אֱמֶת טַאקֶע אַז דָאס בֶּעט הָאט גֶעמַאכְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן דָאס אִיז אַ הֵיילִיגֶע בֶּעט, אָבֶּער עֶס שְׁלָאגְט פוּן אִיר אַרוֹיס אַ מָרָה שְׁחוֹרָה", ווַייל דֶער אִיד הָאט גֶעמַאכְט דֶעם בֶּעט אִין דִי נַיין טֶעג, אוּן עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אָבֶּער עֶס אִיז גֶעוֶוען אוֹיף אַ וֶועג פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִינֶעם בֶּעט אַ מָרָה שְׁחוֹרָה, וָואס דָאס הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט דֶעם הֵיילִיגְן חוֹזֶה לִיגְן דֶערוֹיף.

ווַייל דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז צוּ טְרוֹיעֶרְן מִיט אַ הָאפֶענוּנְג אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז זִיכֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן, נָאר עֶר וֶועט אוּנְז שׁוֹין בְּקָרוֹב אוֹיסְלֵייזְן אוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בב"א.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַאַ"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ בֵּין הַמְּצָרִים)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

~~~

## פרישע ספרים ארויס פון דרוק אינעם בית הדפוס "קרן הדפסה היכל הקודש"

שוין א לענגערע צייט וואס עס שטייט שוין דער בית הדפוס אין וויליאמסבורג, די איינציגסטע דרוקעריי אין די וועלט וואס איז אויפגעשטעלט געווארן בלויז צו דרוקן דעם רבינ'ס ספרים און עס צושפרייטן איבער די וועלט פאר אלע אידן וואס זענען דורשטעריג אויף דעם רבינ'ס תורות און עצות.

עס זענען שוין געדרוקט געווארן שווערע הונדערטער טויזנטער ספרים און קונטריסים וואס זענען צוטיילט געווארן פאר אידן בכל מקומות מושבותיהם, וואס זענען זיך מחי' מיט די הייליגע עצות פון רבי'ן וואס פירן דעם מענטש אויפן ריכטיגן וועג צום אייבערשטן.

אין די סעריע פון ספרי שו"ת אשר בנחל איז יעצט ארויס געקומען מיטן אייבערשטנ'ס הילף די הונדערט און דרייצנטע באנד! חלק קי"ג איז יעצט ארויס פון דרוק, נאך א באנד פון בריוון פון מוהרא"ש שליט"א וואס זענען מחי' און מחזק יעדן איד אין יעדן מצב, און ברענגט אראפ דעם רבינ'ס עצות אויף א גרינגע פשוטע שפראך וואס יעדער קען פארשטיין.




ווי אויך איז יעצט ארויס געקומען א נייע באנד אין די סעריע פון אשר בנחל באידיש, דאס זענען בריוון וואס מוהרא"ש שליט"א האט געשריבן אויף אידיש, ווי געזאגט איז דאס פיל מיט פראקטישע עצות אין לעבן, ווי אזוי יעדער מענטש קען זיין נאנט צום אייבערשטן.




אין די סעריע פון די קונטריסים אין אידיש, וואס קומט לעצטנ'ס ארויס, דאס זענען די שיעורים וואס מוהרא"ש שליט"א געבט יעדן ליל שישי, אפגעשריבן אויף א לייכטע שפראך, אז יעדער זאל קענען נהנה זיין פונעם רבינ'ס ליכטיגקייט, איז אויך ארויס געקומען עטליכע נייע קונטריסים.




די אלע ספרים און נאך אסאך אנדערע קען מען באקומען אינעם בית הדפוס אויף 27 Skillman St.
אדער אויפן נומער 347-977-7994

**על ידי הפצת ספרי רבינו, נביא את משיח צדקינו!**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
הבחור החשוב **יואל זיאת** נ"י
צו זיין שמחת הבר מצוה למזל טוב
דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט האבן א פרייליך גליקליך לעבן, שטענדיג זיין דבוק צום אייבערשטן און צו צדיקים, אמן

## הגליון הזה נתנדב לזכות

מו"ה **אשר זעליג** בן **אסתר** הי"ו
ויה"ר שיתברך מפי א-ל עליון בבני חיי ומזוני רויחא בשפע ובניקל, ובכל אשר יפנה יצליח.

ולע"נ
ר' **אברהם יוסף** בן ר' **שמשון** ז"ל
ת.נ.צ.ב.ה.

## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב
**27 Skillman St.**
**347-977-7994 אדער רופט**

## קול ברסלב

**מען קען הערן שיעורים**
**פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א**
אויך קען מען מיטהאלטן
יעדע וואך דעם שיעור
מיט א לייוו הוק-אפ
**212-444-9191**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**
**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות....................8:09
מוצש"ק..............................9:39
סוף זמן ק"ש......................8:43

**שיעורים כסדרן**
בבלי.........................פסחים כ"ג
ירושלמי..................בבא קמא י"ב
תוספתא...................שבת פרק ג'

פרשת דברים, שבת חזון, אבות פרק ג', שנת תשע"ג לפ"ק — שנה 2, גליון 43 (93)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן בָּעֲרָבָה מוֹל סוּף**, זָאגְט רַשִׁ"י: מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אוֹיסְגֶערֶעכֶנְט אַלֶע פְּלֶעצֶער וִוי דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט אַקֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער עֶר הָאט עֶס נָאר דֶערְמַאנְט בְּרֶמֶז, וֶועגְן דִי כָּבוֹד פוּן דִי אִידְן.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז עֶס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן א') אַז מֶען קֶען נִישְׁט דַן זַיין קַיין שׁוּם אִיד, וִוי דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת ב, ד) **אַל תָּדִין אֶת חֲבֵרְךָ עַד שֶׁתַּגִּיעַ לִמְקוֹמוֹ**, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט דַן זַיין קֵיינֶעם וִוי לַאנְג דוּ בִּיזְט נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעם'ס פְּלַאץ, אוּן וֶוער קֶען דֶען זַיין אוֹיף אַ צְוֵוייטְנְ'ס פְּלַאץ? נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וָואס יֶעדֶער הָאט אַ פְּלַאץ בַּיי אִים, אוּן עֶר אִיז זִיכֶער מְקַיֵּים דֶעם הֱוֵי דָן אֶת כָּל אָדָם לְכַף זְכוּת (אָבוֹת א, ו).

מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן צוּ דִי פְּלַאץ אוּן דִי סִיבּוֹת אַרוּם דֶעם מֶענְטְשׁ הָאבְּן אִים גֶעמַאכְט טוּהן שְׁלֶעכְטְ'ס, אוּן דֶערְפַאר קֶען מֶען קֵיינֶעם נִישְׁט דַן זַיין, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְ'ס וָואס עֶר וֵוייסְט אַלֶע סִיבּוֹת אַרוּם יֶעדֶע זַאךְ.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעוָואלְט אוֹיסְרֶעכֶענֶען דִי עֲבֵירוֹת פוּן דִי אִידְן הָאט עֶר דֶערְמַאנְט דִי פְּלֶעצֶער, צוּ וַוייזְן אַז דִי פְּלֶעצֶער הָאבְּן גֶעמַאכְט דִי אִידְן זָאלְן זִינְדִיגְן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער וואויל אוּן ווִילְן נִישְׁט טוּהן קַיין שְׁלֶעכְטְ'ס.

(זֹאת הַתּוֹרָה דְּבָרִים ג)

***

**אֵיכָה אֶשָּׂא לְבַדִּי טָרְחֲכֶם וּמַשַּׂאֲכֶם וְרִיבְכֶם**, זָאגְט רַשִׁ"י אַז דִי אִידְן הָאבְּן מַטְרִיחַ גֶעוֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן גֶערֶעדְט אוֹיף אִים שְׁלֶעכְטְ'ס.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"א) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרָאפּ פוּן זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת, עֶס הֵייבְּט אִים אָן צוּ גֵיין שְׁוֶוער אוּן עֶר פַאלְט דוּרְךְ, דַארְף עֶר וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס אַלֵיין גֶעמַאכְט, אַז עֶר זָאל דוּרְכְפַאלְן, כְּדֵי דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נָאכְאַמָאל דַארְפְן בַּאנַייעֶן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶערְפַאר טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן וֶוען מֶען פַאלְט אַרָאפּ, נָאר מֶען זָאל זִיךְ פוּן פְרִישׁ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אַזוֹי וִוי מֶען אִיז

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ שַׁבָּת חֲזוֹן ~ תִּשְׁעָה בְּאָב ~

אִין סֵפֶר שַׁעַר הַמֶּלֶךְ וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז "חֲזוֹן" אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת חַ'צִי זַ'עַם וְ'חַצִי נֶ'חָמָה. דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ פוּן אֵיין זַייט אִיז עֶס טַאקֶע אַ טְרוֹיעֶרִיגֶע צַייט, מֶען טְרוֹיעֶרְט אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז אוֹיךְ דָא אַ נֶחָמָה, אַ טְרֵייסְט, אַז דִי טֶעג וֶועלְן נָאךְ וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ פְרֵיילִיכֶע טֶעג, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בְּקָרוֹב וֶועלְן דִי טֶעג וֶוערְן אַ יוֹם טוֹב.

דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (מַכּוֹת כ"ד) אַז וֶוען דִי חֲכָמִים הָאבְּן גֶעזֶעהן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע חוּרְבָּן אוֹיפְן הַר הַבַּיִת הָאבְּן זֵיי גֶעוֵויינְט אוּן גֶעקְלָאגְט, אָבֶּער רֶבִּי עֲקִיבָא - וָואס אִיז אוֹיךְ דָארְט גֶעוֶוען - הָאט גֶעלַאכְט. הָאבְּן אִים דִי חֲכָמִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס לַאכְסְטוּ?", הָאט רֶבִּי עֲקִיבָא גֶעזָאגְט: "אַזוֹי וִוי אִיךְ זֶעה אַז דִי עֶרְשְׁטֶע חֵלֶק פוּן דִי נְבוּאָה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק מְקוּיָּם גֶעוָוארְן, אַז דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן, גְלֵייבּ אִיךְ אַז דִי צְוֵוייטֶע הֶעלְפְט נְבוּאָה וֶועט אוֹיךְ מְקוּיָּם וֶוערְן, אַז מִיר וֶועלְן נָאךְ אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן גָלוּת, אוּן דִי אִידְן וֶועלְן נָאךְ אוֹיפְגֶערָאכְטְן וֶוערְן".

וַוייל דִי צַדִּיקִים קוּקְן אוֹיף דִי פְּנִימִיּוּת פוּן יֶעדֶע זַאךְ, אֲפִילוּ יֶעצְט זֶעהט אַלֶעס אוֹיס אַזוֹי שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער, אָבֶּער צוּם סוֹף וֶועלְן דִי טֶעג אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן צוּ יָמִים טוֹבִים, אוּן מִיר וֶועלְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן.

אוּן דֶערְפַאר וֶוערְט גֶע'פְּסַק'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תקנ"ב) אַז מֶען זָאגְט נִישְׁט קַיין תַּחֲנוּן תִּשְׁעָה בְּאָב וַוייל תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "מוֹעֵד" - אַ יוֹם טוֹב. שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ פְרַאגֶע, אִיז עֶס דֶען אַ יוֹם

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

יֶעצְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, אוּן מֶען הֵייבְּט יֶעצְט אָן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל.

אָבֶּער כְּדֵי דָאס צוּ קֶענֶען אוֹיסְפִירְן מוּז מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִיק וָואס זָאל שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵק זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיין וֶוערְט זֵייעֶר שְׁנֶעל צוּבְּרָאכְן, מֶען מוּז שְׁטֶענְדִיג הֶערְן חִיזוּק פוּן אַ צַדִיק, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען אָנְגֵיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט, **אֵיכָה אֶשָּׂא לְבַדִּי טָרְחֲכֶם וּמַשַּׂאֲכֶם וְרִיבְכֶם**, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַייךְ הֶעלְפְן, אוֹיבּ אִיר רֶעדְט אוֹיף מִיר שְׁלֶעכְט'ס? אַייעֶר גַאנְצֶע הָאפֶענוּנְג אִיז נָאר וֶוען אִיר וֶועט אוֹיסְהֶערְן דֶעם צַדִיק אוּן אִים פָּאלְגְן, אָבֶּער אוֹיבּ אִיר מַאכְט חוֹזֶק פוּנֶעם צַדִיק, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַייךְ הֶעלְפְן?

(זֹאת הַתּוֹרָה דְבָרִים ו')

***

**אַתָּה עֹבֵר הַיּוֹם אֶת גְּבוּל מוֹאָב אֶת עָר**; מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רע"ב) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים צה, ז) **הַיּוֹם אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ**, אַ גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל מַצְלִיחַ סֵיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת, אַז מֶען זָאל נָאר קוּקְן אוֹיפְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג, "וָואס קֶען אִיךְ טוּהן הַיינְט, צוּ מַאכְן פַּרְנָסָה, אָדֶער אַרַיינְצוּכַאפְּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים", וַוייל אוֹיבּ מֶען טְרַאכְט אִיבֶּער וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר, וֶוערְט מֶען צוּבְּרָאכְן "אִיךְ בִּין דָאךְ גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט אֵיין שְׁטִיק דוּרְכְפַאל, אוּן אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, וֶועל אִיךְ וַוייטֶער אוֹיךְ נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין" אוּן וֶוען מֶען טְרַאכְט אוֹיף וַוייטֶער, "וֶוער וֵוייסְט אוֹיבּ אִיךְ וֶועל קֶענֶען אָנְהַאלְטְן אוּן מַצְלִיחַ זַיין?" אָבֶּער וֶוען מֶען טְרַאכְט נָאר אוֹיף דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אוֹיף דִי יֶעצְטִיגֶע מִינוּט, דֶעמָאלְט'ס אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **אַתָּה עֹבֵר "הַיּוֹם" אֶת גְּבוּל מוֹאָב אֶת עָר**, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט אַרִיבֶּער שְׁפְּרִינְגֶען דִי גְּבוּל פוּן מוֹאָב וָואס דָאס זֶענֶען דִי אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן שְׁלֶעכְטְס וָואס ווִילְן אַוֶועק נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דִי עֵצָה **"הַיּוֹם - הַיינְט"** זָאלְסְט טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

(זֹאת הַתּוֹרָה דְבָרִים ז)

## שִׂיחוֹת מוֹהַרְאַ"שׁ

טוֹב? פוּנְקְט פַארְקֶערְט, מֶען טְרוֹיעֶרְט דָאךְ אִין תִּשְׁעָה בְּאָב, מֶען טוּט אַלֶע הֲלָכוֹת פוּן אֲבֵילוּת אִין תִּשְׁעָה בְּאָב, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען עֶס אָנְרוּפְן אַ יוֹם טוֹב?

נָאר דֶער אֱמֶת אִיז אַז בִּפְנִימִיּוּת זֶענֶען דִי טֶעג פְרֵיילִיכֶע טֶעג, אוּן וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען לֵיינֶען דִי מְגִילַת אֵיכָה פְרֵיילִיכֶערְהֵייט מִיט אַ נִיגוּן, אַזוֹי וִוי מֶען לֵיינְט פּוּרִים דִי מְגִילַת אֶסְתֵּר פְרֵיילִיכֶערְהֵייט. אוּן אֲפִילוּ יֶעצְט זֶענֶען מִיר נָאךְ אִין גָלוּת, אוּן מֶען דַארְף טְרוֹיעֶרְן אוּן זִיךְ פִירְן מִיט אֲבֵילוּת, טָאר מֶען אָבֶּער נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת זַיין פוּן דִי גְאוּלָה עֲתִידָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז נָאךְ אוֹיסְלֵייזְן בְּקָרוֹב.

בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִּירְט מֶען זִיךְ צוּ לֵיינֶען דִי מְגִילַת אֵיכָה אוֹיךְ בַּייטָאג. וַוייל וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען דָאךְ לֵיינֶען דִי מְגִילַת אֵיכָה מִיט אַ פְרֵיילִיכְן נִיגוּן מִיט אַ "שֶׁהֶחֱיָינוּ" אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אִין אַזַא שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע גָלוּת, אוּן מֶען וֶועט עֶס אַוַדַאי לֵיינֶען סֵיי בַּיינַאכְט אוּן סֵיי בַּייטָאג אַזוֹי וִוי דִי מְגִילַת אֶסְתֵּר, דֶערְפַאר לֵיינְט מֶען עֶס אוֹיךְ הַיינְט סֵיי בַּיינַאכְט אוּן סֵיי בַּייטָאג.

עֶס גֵייט אַזוֹי וַוייט, אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צַדִיקִים אוּן יְחִידֵי סְגוּלָה וָואס אִין מוֹצָאֵי שַׁבָּת חֲזוֹן הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעזָאגְט "וְאַתָּה קָדוֹשׁ", אַזוֹי וִוי מֶען פִּירְט זִיךְ אַז וֶוען עֶס גֶעפַאלְט אַ יוֹם טוֹב אִינְמִיטְן דִי וָואךְ זָאגְט מֶען נִישְׁט "וְאַתָּה קָדוֹשׁ". וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז זִיכֶער אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט דָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב זַיין אַ יוֹם טוֹב. אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען תִּשְׁעָה בְּאָב בַּיינַאכְט אוּן מֶען הָאט גֶעזֶעהן אַז מִיר זֶענֶען לַיידֶער נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן, הָאבְּן זֵיי דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט "וְאַתָּה קָדוֹשׁ", צוּ מַשְׁלִים זַיין דָאס וָואס מֶען הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט מוֹצָאֵי שַׁבָּת.

### אוֹיף זִיךְ אַלֵיין

וֶוען מֶען זָאגְט מְגִילַת אֵיכָה דַארְף מֶען אוֹיסְטַייטְשְׁן דִי פְּסוּקִים אוֹיף זִיךְ אַלֵיין. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק"א) אַז וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים, תְּחִינוֹת, אָדֶער תִּיקוּן חֲצוֹת זָאל מֶען אוֹיסְטַייטְשְׁן אַלֶע פְּסוּקִים אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, דִי אַלֶע מִלְחָמוֹת וָואס שְׁטֵייט אִין תְּהִלִּים, דִי אַלֶע שׂוֹנְאִים וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ רֶעדְט זִיךְ אָפּ וֶועגְן זֵיי אִין תְּהִלִּים, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע מִלְחָמוֹת וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט מִיט זַיין יֵצֶר הָרַע, וָואס עֶר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער פַיינְט פוּן אַ מֶענְטְשׁ, עֶר ווִיל נָאר הַרְגֶ'ענֶען דֶעם מֶענְטְשׁ בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוּן אוֹיף דֶעם בֶּעט מֶען אִין תְּהִלִּים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז רַאטֶעוֶוען פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט מְגִילַת אֵיכָה. מֶען דַארְף בְּעִיקָר טְרוֹיעֶרְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע חוּרְבָּן אַז מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וָואס דוּרְךְ דֶעם הַאלְט מֶען צוּרִיק דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ פוּן וֶוערְן אוֹיפְגֶעבּוֹיעְט אוּן יֶעדֶער אִיד דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז פוּן זַיין זַייט זָאל עֶר נִישְׁט שְׁטֶערְן דָאס אוֹיפְבּוֹי פוּנֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אַז זַיינֶע מַעֲשִׂים זָאלְן נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן דִי גְאוּלָה אוּן דֶעם בִּנְיָן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה.

### קִידּוּשׁ לְבָנָה

מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב פִּירְט מֶען זִיךְ אַז מֶען אִיז מְקַדֵּשׁ דִי לְבָנָה. דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ שְׁרַייבְּט אוֹיף דֶעם (פְּרִי עֵץ חַיִּים, אַחַר סוֹד כַּוָּנַת

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

ת"ב) אַז דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ מְקַדֵּשׁ זַיין דִי לְבָנָה מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב.

אוּן דֶער עִנְיָן דֶערְפוּן אִיז אַז אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט בַּיי דִי לְבָנָה, אַז דַוְקָא וֶוען זִי וֶוערְט שׁוֹין זֵייעֶר קְלֵיין בִּיז מֶען זֶעהט עֶס שׁוֹין אִינְגַאנְצְן נִישְׁט, דַוְקָא דֶעמָאלְט טוּט זִי זִיךְ בַּאנַייעֶן, אוּן הֵייבְּט אָן צוּ וֶוערְן צוּרִיק גְרֶעסֶער.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ יֶעצְט, אַז דַוְקָא נָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוען מֶען הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעטְרוֹיעֶרְט אוֹיפְן חוּרְבָּן, דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְצוּהֵייבְּן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ. אוּן דֶערְפַאר אִיז מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב דִי פַּאסִיגְסְטֶע צַייט צוּ מְחַדֵּשׁ זַיין דִי לְבָנָה.

אוּן דִי פּוֹסְקִים וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט, אַז פַאר מֶען אִיז מְחַדֵּשׁ דִי לְבָנָה זָאל מֶען קוֹדֶם אוֹיסְפַאסְטְן, עֶסְן עֶפֶּעס, אוּן אָנְטוּהן צוּרִיק דִי שִׁיךְ, אוּן וֶוער עֶס קֶען גֵייט אוֹיךְ אִין מִקְוֶה, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז מֶען מְחַדֵּשׁ דִי לְבָנָה פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, אוּן מֶען בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן וָואס דֶעמָאלְט וֶועט זַיין וְהָיָה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה, דִי לְבָנָה וֶועט שַׁיינֶען אַזוֹי וִוי דִי זוּן, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק א' וְחֵלֶק י' עֶרֶךְ תִּשְׁעָה בְּאָב, וְחֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ בֵּין הַמְּצָרִים)


## מוסדות היכל הקודש ברסלב

**בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א**

**27 Skillman St.**

## ראש השנה שלי עולה על הכל

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מען קען ביי אונז באקומען אלע געברויכן צו זיין ביים הייליגן רבינ'ס ציון אין אומן אויף ראש השנה הבעל"ט אויפן שענסטן און בעסטן אופן.

***

**מיר האבן צוגעשטעלט דאס יאר הערליכע דירות אין "קרית ברסלב", אינאיינעם מיט אנשי שלומינו. אלע סעודות שבת ויום טוב ווערט צוגעשטעלט אויפן בעסטן אופן, אויף אן אמעריקאנעם שטייגער.**

**פאר די דירות פאר אינגעלייט קענט איר רופן**

מו"ה יחזקאל סאמעט הי"ו און מו"ה שאול גאנץ הי"ו

**347-452-0412**

**פאר די דירות פאר בחורים קענט איר רופן**

הבחור שבתי מארקוס נ"י

**347-666-2803**

***

**אויך קען מען באקומען גאר ביליגע עירליין טיקעטס**

הבחור מרדכי הערצאג נ"י

**718-344-8504**

***

**פאר סעלפאנס מיט א 718 נומבער, בלעקבערי רענטלס, ווי אויך טרעוועל אינשורענס, און אלע אייערע טרעוועל געברויכן.**

**718-506-4341**

***

**פאר א זיץ אין בית המדרש הגדול היכל הקודש אין אומן**

מו"ה יואל טייטלבוים הי"ו

**845-467-5299**


# מִילֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

---

## אַ מֶענְטְשׁ קֶען פַארְגֶעסְן

**אֵינוֹ מִתְחַיֵּיב בְּנַפְשׁוֹ עַד שֶׁיֵּשֵׁב וִיסִירֵם מִלִּבּוֹ**

מֶען בַּאשׁוּלְדִיגְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ וָואס פַארְגֶעסְט זַיין לֶערְנֶען, נָאר וֶוען עֶר לֶערְנְט נִישְׁט אוּן עֶר פַארְבְּרֶענְגְט דִי צַייט, אוֹיבּ אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אוּן עֶר פַארְגֶעסְט, וַוייל עֶר הָאט אַ שְׁוַואכֶע קָאפּ, וַוייל בַּטֶּבַע פַארְגֶעסְט עֶר שְׁנֶעל, אִיז דֶער מֶענְטְשׁ גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג, אוּן עֶר זָאל נִישְׁט וֶועגְן דֶעם אוֹיפְהֶערְן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"ו) אַז לְעָתִיד לָבֹא וֶועט מֶען דֶערְמַאנֶען פַארְן מֶענְטְשׁ אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אֲפִילוּ עֶר הָאט עֶס פַארְגֶעסְן, אוּן אַזוֹי וֶוערְט אוֹיךְ גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "לִיקוּטֵי תוֹרָה" פוּן אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ (פַּרְשַׁת עֵקֶב) אַז עֶס זֶענֶען דָא נְשָׁמוֹת וָואס קוּמֶען פוּן "עַלְמָא דְנוּקְבָא" אוּן זֵיי פַארְגֶעסְן דָאס לֶערְנֶען זֵייעֶר שְׁנֶעל, אָבֶּער לְעָתִיד וֶועט מֶען זֵיי אַלֶעס דֶערְמַאנֶען.

דֶער מֶדְרָשׁ בְּרֶענְגְט (קֹהֶלֶת רַבָּה א, יג) "אַזוֹי אִיז דִי וֶועג פוּן תּוֹרָה, מֶען לֶערְנְט אוּן מֶען פַארְגֶעסְט, וַוייל אַזוֹי אִיז דִי תּוֹרָה בַּאלִיבְּט אוֹיפְן מֶענְטְשׁ יֶעדֶעס מָאל וָואס עֶר לֶערְנְט עֶס, אַזוֹי וִוי דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל. וַוייל אַזוֹי וִוי עֶר הָאט דָאס שׁוֹין פַארְגֶעסְן לֶערְנְט עֶר עֶס דִי צְוֵוייטֶע מָאל אוֹיךְ מִיט אַ פְרִישֶׁע חֵשֶׁק".

אוּן דֶערְפַאר אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס זֶעהט אַז עֶר פַארְגֶעסְט וָואס עֶר לֶערְנְט, זָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם, וַוייל אוֹיבּ לֶערְנְט עֶר פְלַייסִיג, וֶועט עֶר נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין שׁוּם עוֹנֶשׁ אֲפִילוּ וֶוען עֶר פַארְגֶעסְט, פַארְקֶערְט עֶר זָאל זֶעהן אַרֵיינְצוּכַאפְּן וִוי מֶער תּוֹרָה, וַוייל יֶעדֶע פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, יֶעדֶע בְּלַאט גְמָרָא, יֶעדֶע סִימָן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרֵיינְצוּכַאפְּן דָאס אִיז זַיין חֵלֶק לְנֵצַח נְצָחִים נָאר דָאס בְּלַייבְּט פוּן אִים אוֹיף אֵייבִּיג.

חֲזַ"ל בְּרֶענְגֶן (אָבוֹת דְרַבִּי נָתָן, פֶּרֶק כז) אַ מָשָׁל צוּ אֵיינֶעם וָואס הָאט גֶעדוּנְגֶען אַרְבֶּעטֶער'ס אַז זֵיי זָאלְן אִים אָנְפִילְן פֶּעסֶער, אָבֶּער דִי פֶּעסֶער זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעלֶעכֶערְט, אוּן וָואס מֶען הָאט אַרֵיינְגֶעגָאסְן דֶערִין אִיז אַרוֹיס גֶערוּנֶען, דִי נַעֲרָנִים הָאבְּן גֶעזָאגְט: "וָואס הָאבְּן מִיר פוּן דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט? וָואס מִיר גִיסְן אַרַיין וֶוערְט מְמֵילָא אוֹיסְגֶעגָאסְן" אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶעהֶערְט אַרְבֶּעטְן, אָבֶּער דִי קְלוּגֶע הָאבְּן וַוייטֶער גֶעאַרְבֶּעט זָאגֶענְדִיג: "וָואס אִיז אוּנְז אַ חִילוּק צוּ עֶס גִיסְט זִיךְ אוֹיס אָדֶער נִישְׁט? מִיר בַּאקוּמֶען סֵיי וִוי בַּאצָאלְט אוֹיפְ'ן טָאג, אוּן מִיר וֶועלְן בַּאקוּמֶען בַּאצָאלְט אֲפִילוּ וֶוען עֶס גִיסְט זִיךְ אוֹיס".

דִי זֶעלְבֶּע וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה, וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען שְׂכַר פַאר יֶעדֶע וָוארְט וָואס עֶר לֶערְנְט, אֲפִילוּ וֶוער פַארְגֶעסְט, אוּן דֶערְפַאר טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוֹיבּ מֶען פַארְגֶעסְט, נָאר וַוייטֶער אַרַיין כַאפְּן וִוי מֶער תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ג' מִשְׁנָה י')

***

המשך בדף ד

# מִילֵי דְאָבוֹת

## פֶּערְל וֶוערְטֶער אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת

### יֶעדֶער וֶוערְט פַּארְשְׁוַוארְצְט...

**הֱוֵי קַל לְרֹאשׁ, וְנוֹחַ לְתִשְׁחֹרֶת, וֶהֱוֵי מְקַבֵּל אֶת כָּל הָאָדָם בְּשִׂמְחָה**

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ע"ז) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אֲפִילוּ אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, מוּז הָאבְּן עֶפֶּעס אַ צַעַר יֶעדְן טָאג.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט גֵייט דוּרְךְ אַסַאךְ שְׁוֶועריַקַייטְן יֶעדְן טָאג, וָואס פוּן דֶעם וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן פַּארְשְׁוַוארְצְט, אוּן מֶען קֶען זִיךְ פוּן דֶעם נִישְׁט אַרוֹיסְדְרֵייעֶן, נָאר אוֹיבּ מֶען וֵוייסְט פוּן פָּארְאוֹיס אַז אַזוֹי קוּמְט עֶס, דֶעמָאלְט קֶען מֶען אַלֶעס אָנְנֶעמֶען גְרִינְגֶערְהֵייט.

אוּן אַזוֹי אוֹיךְ גֶעוֶוענְלִיך וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער צָרוֹת, קֶען עֶר נִישְׁט לַיידְן קַיין אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן אַוַודַאי קֶען עֶר נִישְׁט פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַ צְוֵוייטְן.

דָאס זָאגְט דֶער תַּנָּא, הֱוֵי קַל לְרֹאשׁ, נֶעם אַלֶעס אָן גְרִינְג, וַוייל דוּ דַארְפְסְט וִויסְן אַז אַזוֹי קוּמְט עֶס, וְנוֹחַ לְתִשְׁחֹרֶת, אַזוֹי וֶועסְטוּ גְרִינְגֶער פַּארְשְׁוַוארְצְט וֶוערְן, דוּ וֶועסְט נִישְׁט נֶעמֶען אַלֶעס אַזוֹי שְׁטַארְק צוּם הַארְצְן, וֶהֱוֵי מְקַבֵּל אֶת כָּל הָאָדָם בְּשִׂמְחָה, אוּן דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ קֶענֶען יֶעדְן אוֹיפְנֶעמֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אוּן נָאךְ מֶער, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען יֶענֶעם אוֹיפְצוּנֶעמֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל, וֶועסְטוּ אַלֵיין אוֹיךְ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ, אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת.

(חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק ג׳ מִשְׁנֶה ט"ז)

# מוסדות היכל הקודש ברסלב

**בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א**

**27 Skillman St.**

## ניחום אבילים

To Our Dear

## R' Shmuel Perl נ"י

We were deeply saddened when we learned about the loss of your mother; May she rest in peace and may her נשמה have an עליה from all that you do and did countless times for our מוסד to help continue to build תורה and אידישקייט. Thank you for your generous time and effort and all the good deeds you do for us; we can't thank you enough.

**הנהלת המוסדות**

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

~~~

## א תענוג רוחני יעדן טאג אין "מחנה תפארת התורה" ליבערטי נ.י.

עס איז ממש אן עונג רוחני יעדן טאג אין קעמפ, ווי די בחורים זענען עוסק בתורה ותפלה פון אינדערפרי ביז ביינאכט, און פילן זיך אן מיט די הייליגע תורה און מיט מצות ומעשים טובים, וואס דאס וועט זיי באגלייטן אויף שטענדיג.

פון אין די פריע שעה'ן פארן דאווענען זיצן שוין די בחורים און זענען עוסק בתורה יעדער אין זיינע שיעורים, זיך צוצוגרייטן צום דאווענען, נאכן דאווענען און פרישטאג קומט פאר די פארמיטאג שיעור, וואס ווערט פארגעלערנט דורכ'ן ראש ישיבה, גמרא רש"י תוספות בטוב טעם ודעת, מיט וואס די בחורים זענען זיך מחי׳.

נאכמיטאג לערנען די בחורים ווייטער יעדער זיינע שיעורים, און ביינאכט נאך נאכטמאל קומט פאר די נאכט שיעור, א שיעור התחזקות והתעוררות אין רבינ'ס ספרים.

ווי אויך גייען די בחורים שווימען יעדן טאג, זיך אויסצולופטערן און זיך אויפפרישן לעבודת הבורא. אין די ערשטע וואכן פון קעמפ איז די סווימינג פול נאכנישט געווען גרייט צום באניץ, זענען די בחורים יעדן טאג אריבער געגאנגען שווימען אין די דערנעבענדיגע קאנטרי "מחנה מראה יחזקאל - קארלסבורג" וועלכע האבן ארייגענומען די בחורים מיט ברייטע ארעמעס, אפשאצנדיג די געוואלדיגע זכי׳ צו קענען ארויסהעלפן אזא הייליגע ישיבה מיט די טייערע בחורים וואס לעבן מיטן אייבערשטן.

א באזונדערע תענוג זענען די שבתים אין קעמפ, ממש מעין עולם הבא, יעדן שבת קומען צו פארן אסאך געסט אנשי שלומינו און בחורים וואס ווילן מיטהאלטן א געהויבענע שבת בין כותלי הישיבה צוזאמען מיט די בחורי הישיבה.

די הויכפונקט פונעם שבת איז פרייטאג צו נאכטס ווען מען קומט זיך צוזאם אין בית המדרש ווי עס ווערט אפגעראכטן די באטע, דער גאנצער עולם זינגט אינאיינעם די זמירות שבת און אזוי אויך זינגט מען ווארעמע ניגונים וואס דערנענטערן די הארץ צום אייבערשטן, דערנאך הערט מען דברות קודש פונעם ראש ישיבה אויף די וואכעדיגע פרשה געפלאכטן מיטן רבינ'ס דיבורים וואס בלאזן אריין אן האפענונג אין יעדן איינעם אז אין וועלכע מצב מען איז קען מען שטענדיג צוריק קומען צום אייבערשטן, און יעדער קען מצליח זיין אין לעבן, דערנאך זינגט מען ווייטער הארציגע ניגונים ביז אין די גאר שפעטע שעה'ן.

מוצאי שבת קומט פאר יעדע וואך א גרויסארטיגע מלוה מלכה, ווי עס קומען צו פארן אנשי שלומינו פון איבער די קעטסקילס און פון קרית יואל, וואס האבן נישט געקענט קומען אויף שבת, און זיי ווילן אויך זיך שטארקן מיטן הייליגן רבינ'ס עצות.

**הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד!**

## הגליון הזה נתנדב לזכות

מו"ה **אשר זעליג** בן **אסתר** הי"ו

ויה"ר שיתברך מפי א-ל עליון בבני חיי ומזוני רויחא בשפע ובניקל, ובכל אשר יפנה יצליח.

ולע"נ

ר׳ **אברהם יוסף** בן ר׳ **שמשון** ז"ל

ת.נ.צ.ב.ה.

## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת ואתחנן, שבת נחמו, אבות פרק ד', שנת תשע"ג לפ"ק — שנה 2, גליון 44 (94)


**זמנים**

הדלקת הנרות.....................8:06
מוצש"ק..................................9:35
סוף זמן ק"ש.........................8:46

**שיעורים כסדרן**

בבלי...............................פסחים ל'
ירושלמי.................בבא קמא י"ח
תוספתא.....................שבת פרק י'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**לֹא תוֹסִיפוּ עַל הַדָּבָר אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם וְלֹא תִגְרְעוּ מִמֶּנּוּ, לִשְׁמוֹר אֶת מִצְוֹת ה' אֱלֹקֵיכֶם אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם.** לִכְאוֹרָה זָאגְט דֶער פָּסוּק אִיבֶּער דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ עֶטְלִיכֶע מָאל, עֶס וָואלְט גֶעקֶענְט שְׁטֵיין בְּלוֹיז "**לֹא תוֹסִיפוּ עַל הַדָּבָר וְלֹא תִגְרְעוּ מִמֶּנּוּ לִשְׁמוֹר אֶת מִצְוֹת ה' אֱלֹקֵיכֶם**", דִי וֶוערְטֶער "**אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם**" זֶעהְט אוֹיס וִוי עֶס אִיז צְוֵויי מָאל אִיבְּרִיג.

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) אוֹיפְן פָּסוּק (דְבָרִים יז) **לֹא תָסוּר מִן הַדָּבָר אֲשֶׁר יַגִּידוּ לְךָ יָמִין וּשְׂמֹאל**, אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ אִיד הָאט אֱמוּנַת חֲכָמִים, עֶר גֵייט צוּ אַ צַדִּיק אוּן עֶר פָאלְגְט וָואס דֶער צַדִּיק זָאגְט, דוּרְךְ דֶעם גֵייט עֶר שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע מִיטְל-וֶועג, אוּן עֶר גֵייט נִישְׁט צוּ רֶעכְטְס אָדֶער צוּ לִינְקְס.

דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (הִלְכוֹת דֵעוֹת פֶּרֶק א' הֲלָכָה ד') אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אֵייבִּיג גֵיין אוֹיפְן מִיטְל וֶועג, מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין אוֹיף אַן עֶקְסְטְרֶעמֶע וֶועג נִישְׁט צוּ גוּט אוּן נִישְׁט צוּ שְׁלֶעכְט.

אָבֶּער פַאר אַ מֶענְטְשׁ אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ מְקַיֵּים זַיין, צוּ גֵיין שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דִי מִיטְל וֶועג, אָדֶער בְּרֶענְט עֶר גָאר שְׁטַארְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וַוייט אַז עֶס גֵייט אוֹיף אֵיין עֶקְסְטְרֶעם, עֶר וִויל אָפְּלָאזְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן גָארְנִישְׁט הָאבְּן מִיט קֵיינֶעם, נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דָאס אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גוּט, וַוייל דָאס קֶען נִישְׁט אָנְהַאלְטְן, אָדֶער וִויל עֶר גֵיין אוֹיף דִי פּוּנְקְט פַארְקֶערְטֶע וֶועג, עֶר אִיז זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְיַיאֵשׁ אַז עֶר וֶועט נָאךְ אַמָאל קֶענֶען זַיין וואוּיל, אוּן עֶר הֶערְט אִינְגַאנְצְן אוֹיף צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן בֵּיידֶע פוּן דִי וֶועגְן זֶענֶען נִישְׁט גוּט.

אוּן דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִּיק אוּן פָאלְגְן וָואס עֶר זָאגְט, וַוייל דֶער צַדִּיק קֶען גֶעבְּן פַארְן מֶענְטְשׁ דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר זָאל זִיךְ פִירְן, וִוי אַזוֹי עֶר זָאל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז מְחַזֵּק דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר נִישְׁט נָאכְלָאזְן אוּן זִיךְ מְיַיאֵשׁ זַיין, אוּן עֶר פִירְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג אַז עֶר זָאל נִישְׁט בְּרֶענֶען מֶער וִויפִיל מֶען דַארְף.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אָן פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, לֹא תוֹסִיפוּ עַל הַדָּבָר וְלֹא תִגְרְעוּ מִמֶּנּוּ, לֵייגְט נִישְׁט צוּ צוּ דִי מִצְוֹת אוּן נֶעם נִישְׁט אַרָאפּ, נִישְׁט אַז דוּ זָאלְסְט בְּרֶענֶען צוּ שְׁטַארְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּלֵייגְן צוּ דִי תּוֹרָה, אוּן נִישְׁט אַז דוּ זָאלְסְט אִינְגַאנְצְן נָאכְלָאזְן אוּן אַרָאפּ נֶעמֶען פוּן דִי תּוֹרָה, דוּ דַארְפְסְט גֵיין נָאר אוֹיפְן מִיטְל וֶועג, אוּן טוּהן נָאר וָואס דִי תּוֹרָה הֵייסְט. אוֹיף דֶעם הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט צְוֵויי מָאל "אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם", צוּ צוּקוּמֶען צוּ דֶעם צוּ קֶענֶען גֵיין אוֹיפְן מִיטְל וֶועג, צוּ דֶעם דַארְפְט אִיר אוֹיסְהֶערְן דָאס וָואס אִיךְ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ דֶער צַדִּיק זָאגְט, וַוייל נָאר אַ צַדִּיק

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

~ זֵיי נִישְׁט גֶעפַאלְן ~

יֶעדֶער אִיד הָאט צַייטְן וָואס עֶס כַאפְּט אִים אָן אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִיהל צוּ זַיין וואוּיל, אוּן עֶר וִויל בֶּאֱמֶת צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָפְּלָאזְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אוּן טוּהן נָאר דֶעם רָצוֹן ה'.

אָבֶּער גְלַייךְ וֶוען עֶר נֶעמְט זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, עֶר הֵייבְּט אָן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרַע אוּן עֶר אִיז מַכְשִׁיל דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט אַן עֲבֵירָה, אוּן דַאן וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט דֶערְפוּן, "וָואס הֵייסְט? אִיךְ הָאבּ דָאךְ מַמָּשׁ יֶעצְט אָפְּגֶעמַאכְט צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, אוּן שׁוֹין בִּין אִיךְ דוּרְכְגֶעפַאלְן?!" אוּן דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אִינְגַאנְצְן אָפְּלָאזְן דִי חֵשֶׁק אוּן דִי רָצוֹן, "אִיךְ וֶועל שׁוֹין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד נִישְׁט זַיין".

אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נָאר דִי עֵצָה פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע צוּ צוּבְּרֶעכְן אַ מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט נָאכְלָאזְן פוּן דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טוּהן, אֲפִילוּ וֶוען פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט פַאלְט מֶען לַיידֶער דוּרְךְ מִיט עֲבֵירוֹת, טָאר דָאס אָבֶּער נִישְׁט אַוֶועק נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי בִּיסְל גוּטְס וָואס עֶר הָאט, מֶען דַארְף וַוייטֶער אָנְגֵיין צוּ טוּהן כָאטְשׁ וָואסֶערֶע גוּטֶע זַאכְן מֶען קֶען יָא טוּהן, אוּן מִיט דִי צַייט וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז מֶען וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד בִּשְׁלֵימוּת.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז אַזוֹי וִוי מֶען

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

קֶען פִירְן דֶעם מֶענְטְש אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג.

(זֹאת הַתּוֹרָה וָאֶתְחַנַּן ד')

***

**וְנָס אֶל אַחַת מִן הֶעָרִים הָאֵל וָחָי.** דִי מִצְוָה פוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן עָרֵי מִקְלָט, דִי שְׁטֶעט וְוִי אַ מֶענְטְש קֶען אַנְטְלוֹיפְן וֶוען עֶר הָאט גֶע'הַרְגֶ'ט בְּשׁוֹגֵג, דָאס שְׁטֵייט דָא אִין דִי תּוֹרָה צְוִוישְׁן דִי תּוֹכָחָה וָואס שְׁטֵייט קוֹדֶם, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶע'מוּסָר'ט דִי אִידְן **"כִּי תוֹלִיד בָּנִים וְכוּ'"**, אוּן צְוִוישְׁן דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת וָואס שְׁטֵייט נָאכְדֶעם אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אַרָאפּ גֶעבְּרֶענְגְט פַאר דִי אִידְן דִי צְוֵוייטֶע לוּחוֹת. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין דִי הֶמְשֵׁךְ, פַארְוָואס שְׁטֵייעֶן דִי דְרֵיי זַאכְן אֵיינֶם נֶעבְּן דִי אַנְדֶערֶע?

מוֹהַרְאַ"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וְוִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח') אַז כָאטְשׁ עֶס אִיז טַאקֶע אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זָאגְן מוּסָר פַאר אִידְן, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז טַאקֶע רָאוּי צוּ דֶעם צוּ זָאגְן מוּסָר, אַזוֹי וְוִי מִיר גֶעפִינֶען שׁוֹין אִין דִי גְמָרָא (עֲרָכִין ט"ז:) אַז רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעזָאגְט "אִיךְ ווּאוּנְדֶער מִיךְ, אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אֵיינֶער אִין דֶעם דוֹר וָואס קֶען זָאגְן מוּסָר", אוּן אוֹיבּ רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט דָאס שׁוֹין גֶעזָאגְט אִין זַיין דוֹר, אִיז עֶס זִיכֶער אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא וֶוער עֶס קֶען זָאגְן מוּסָר.

וֶוען אַ מֶענְטְש זָאגְט מוּסָר אוֹיף דִי נִישְׁט רִיכְטִיגֶע וֶועג, עֶר פַארְשֶׁעמְט אוּן טְשֶׁעפֶּעט מֶענְטְשְׁן פַארְוָואס זֵיי זֶענֶען נִישְׁט וואוּיל אוּן עֶרְלִיךְ, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּהן דֶערְמִיט, פַארְקֶערְט עֶר וֶועט נָאךְ מֶער דֶערְוַוייטֶערְן מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דִי מֶענְטְשְׁן וֶועלְן טְרַאכְטְן אַז אוֹיבּ זֵיי הָאבְּן גֶעטוּהן אַזֶעלְכֶע גֶעפֶערְלִיכֶע עֲבֵירוֹת, דַארְף זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שׁוֹין מֶער נִישְׁט הָאבְּן אוּן זֵיי הָאבְּן מֶער נִישְׁט קַיין תַּקָּנָה צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג פוּן זָאגְן מוּסָר אִיז דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען אִיז מְחַזֵּק אִידְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי נָאךְ אַלְץ לִיבּ, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילּוּק וָואס מֶען הָאט אַלְץ אָפְּגֶעטוּהן, קֶען מֶען אֵייבִּיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וְוִי מִיר זֶעעֶן (שַׁבָּת פ"ח:) אַז נָאכְדֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעטוּהן דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן דִי עֵגֶל, וָואס אִין דֶעם אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען דִי דְרֵיי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת, עֲבוֹדָה זָרָה, גִלּוּי עֲרָיוֹת, אוּן שְׁפִיכַת דָמִים, הָאט זֵיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ נָאךְ אַלְץ לִיבּ", עֶר הָאט זֵיי נָאר מְקָרֵב גֶעוֶוען, אַז זֵיי קֶענֶען נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט פוּן דִי הֶמְשֵׁךְ פוּן דִי פַּרְשִׁיוֹת, נָאכְדֶעם וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט מוּסָר פַאר דִי אִידְן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט דִי פַּרְשָׁה פוּן עָרֵי מִקְלָט, וָואס דָארְט זֶעהְט דִי רַחֲמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּהן אַזַא הַארְבֶּע זַאךְ אַז עֶר הָאט גֶע'הַרְגֶ'ט אַ צְוֵוייטְן בְּשׁוֹגֵג, הָאט עֶר נָאךְ אַלְץ אַ תַּקָּנָה צוּ לוֹיפְן צוּ דִי עָרֵי מִקְלָט.

אוּן דֶערְנָאךְ שְׁטֵייט דִי פַּרְשָׁה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי אִידְן דִי צְוֵוייטֶע לוּחוֹת, עֶר הָאט נָאכְאַמָאל גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן, צוּ וַוייזְן אַז אֲפִילוּ דִי אִידְן הָאבְּן גֶעטוּהן אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע עֲבֵירוֹת בַּיים עֵגֶל, אוּן מֶען הָאט צוּבְּרָאכְן דִי לוּחוֹת, הָאט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאכְדֶעם גֶעגֶעבְּן נָאכְאַמָאל דִי תּוֹרָה פוּן פְּרִישׁ.

וַוייל קֵיינְמָאל טָאר אַ אִיד נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, נִישְׁט קַיין חִילּוּק וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן בִּיז יֶעצְט, נִישְׁט קַיין חִילּוּק אִין וָואסֶערֶע עֲבֵירוֹת אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן, קֶען עֶר אֵייבִּיג אָנְהֵייבְּן פוּן נַיי, אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(זֹאת הַתּוֹרָה וָאֶתְחַנַּן ה')

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

זֶעהט בְּגַשְׁמִיוּת, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין אַ בְּלָאטֶע, וֶועט עֶר נִישְׁט בְּלַייבְּן דָארְט לִיגְן, נָאר עֶר וֶועט פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת זִיךְ אַרוֹיס צוּ זֶעהן פוּן דִי בְּלָאטֶע, אוּן אַזוֹי וְוִי דֶער סֵדֶר אִיז וֶוען אֵיינֶער אִיז פַארְזִינְקֶען אִין בְּלָאטֶע, אַז וֶוען מֶען שְׁלֶעפְּט שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ אֵיין פוּס פוּן דִי בְּלָאטֶע, פַאלְט אַרַיין דִי אַנְדֶערֶע פוּס, אוּן וֶוען עֶר שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דִי צְוֵוייטֶע פוּס פַאלְט צוּרִיק אַרַיין דִי עֶרְשְׁטֶע, אָבֶּער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ לָאזְט נִישְׁט נָאךְ, עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ טַאקֶע אַ שְׁטִיק צַייט, אָבֶּער סוֹף כָּל סוֹף זֶעהט עֶר זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי בְּלָאטֶע.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּיי רוּחְנִיוּת, מֶען שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס אֵיין פוּס פוּן בְּלָאטֶע, מֶען פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין וואוּיל אוּן נִישְׁט טוּהן קַיין שְׁלֶעכְטְס, אָבֶּער דִי אַנְדֶערֶע פוּס פַאלְט אַרַיין, מֶען פַאלְט דוּרְךְ מִיט אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, גֶעבְּט עֶר אוֹיף, "דָאס אִיז נִישְׁט פַאר מִיר, אִיךְ זֶעה דָאךְ אַז אִיךְ פַאל סֵיי וְוִי דוּרְךְ, פַארְוָואס טוֹיג מִיר זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען?" אָבֶּער וֶוען מֶען הָאט אַבִּיסְל שֵׂכֶל וֵוייסְט מֶען אַז אַזוֹי קוּמְט עֶס, מֶען דַארְף פְּרוּבִּירְן צוּ טוּהן וָואס מֶען קֶען גוּטֶע זַאכְן, תּוֹרָה וּמִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן אוֹיבּ פַאלְט מֶען דוּרְךְ, מֶען פַאלְט אַרַיין אִין בְּלָאטֶע, שְׁלֶעפְּט מֶען אַרוֹיס דִי פוּס, אוּן וֶוען דִי צְוֵוייטֶע פוּס פַאלְט אַרַיין, שְׁלֶעפְּט מֶען יֶענְץ אַרוֹיס, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק מִיט דֶעם אַז נִישְׁט קַיין חִילּוּק וָואס עֶר וֶועט דוּרְכְפַאלְן, וֶועט עֶר אֵייבִּיג פְּרוּבִּירְן צוּ טוּהן גוּטְס וָואס עֶר קֶען, וֶועט עֶר צוּם סוֹף אִינְגַאנְצְן אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דִי בְּלָאטֶע, אוּן זַיין בֶּאֱמֶת דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אַלֵיינְס, עֶר וֵוייסְט וְוִי עֶר הַאלְט אוֹיף דִי וֶועלְט, וֶועט עֶר נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל וֶוערְן גֶעפַאלְן אוּן צוּבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ, וַוייל עֶר וֵוייסְט דָאךְ דֶעם אֱמֶת וְוִי עֶר הַאלְט, אַז עֶר אִיז נָאךְ זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע גוּטֶע נְקֻדָּה וָואס עֶר אִיז יָא זוֹכֶה אַרַיינְצוּכַאפְּן, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט צוּפַאלְן וֶוערְן אוּן מְיוּאָשׁ וֶוערְן וֶוען עֶר פַאלְט דוּרְךְ, וַוייל עֶר וֵוייסְט דָאךְ מְמֵילָא וֶוער עֶר אִיז.

אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיף אַ הוֹיכֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה, אִיז עֶר אִין אַ גְרֶעסֶערֶע סַכָּנָה צוּ וֶוערְן צוּפַאלְן, וַוייל עֶר טְרַאכְט בַּיי זִיךְ "אַזַא חָשׁוּבֶע מֶענְטְשׁ וְוִי אִיךְ זָאל קֶענֶען דוּרְכְפַאלְן?", אוּן דָאס צוּבְּרֶעכְט אִים אוּן מַאכְט אַז עֶר זָאל אוֹיפְגֶעבְּן זַיין רָצוֹן.

אוּן נָאךְ מֶער אִיז דִי סַכָּנָה, וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן וָואס אִיז מֶער מַצְלִיחַ, דָאס צוּבְּרֶעכְט זֵייעֶר שְׁטַארְק דִי מוּט פוּן אַ מֶענְטְשׁ, אָבֶּער וֶוען אַ

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, עֶר וֵוייסְט וִוי עֶר הַאלְט אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיט יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס עֶר טוּט, אַזַא מֶענְטְשׁ וֶועט זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין, אוּן גָארְנִישְׁט וֶועט אִים קֶענֶען צוּבְּרֶעכְן.

דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי כד, טז) כִּי שֶׁבַע יִפּוֹל צַדִיק וְקָם, דָאס מוּז אַזוֹי זַיין אַז מֶען זָאל פַּאלְן זִיבְּן מָאל, דָאס זֶענֶען דִי זִיבְּן וַואסֶערְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת וָואס גֵייט דוּרְךְ זַיינֶע שְׁוֶועריקַייטְן אִין לֶעבְּן, אָבֶּער דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אַ צַדִיק אִיז דֶער "וְקָם", אַז אֲפִילוּ עֶר הַאלְט אִין אֵיין פַּאלְן, וֶוערְט עֶר נִישְׁט צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם, נָאר עֶר קוּמְט שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן אִין דֶעם מֶעסְט זִיךְ דִי גְרוֹיסְקַייט אוּן חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אִיד, נִישְׁט אִין וִויפִיל מָאל עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן, נָאר אִין וִויפִיל מָאל עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן, כָאטְשׁ דִי אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט. אַ אִיד וָואס אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוּן צוּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, עֶר אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ה' וְחֵלֶק ט' עֶרֶךְ נְפִילָה)


# מוסדות היכל הקודש ברסלב

**בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א**

**27 Skillman St.**

# ראש השנה שלי עולה על הכל

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מען קען ביי אונז באקומען אלע געברויכן צו זיין ביים הייליגן רבינ'ס ציון אין אומן אויף ראש השנה הבעל"ט אויפן שענסטן און בעסטן אופן.

***

**מיר האבן צוגעשטעלט דאס יאר הערליכע דירות אין "קרית ברסלב", אינאיינעם מיט אנשי שלומינו. אלע סעודות שבת ויום טוב ווערט צוגעשטעלט אויפן בעסטן אופן, אויף אן אמעריקאנעם שטייגער.**

**פאר די דירות פאר אינגעלייט קענט איר רופן**

מו"ה יחזקאל סאמעט הי"ו און מו"ה שאול גאנץ הי"ו

**347-452-0412**

**פאר די דירות פאר בחורים קענט איר רופן**

הבחור שבתי מארקוס נ"י

**347-666-2803**

***

**אויך קען מען באקומען גאר ביליגע עירליין טיקעטס**

הבחור מרדכי הערצאג נ"י

**718-344-8504**

***

**פאר סעלפאנס מיט א 718 נומבער, ווי אויך טרעוועל אינשורענס, און פאר אלע אייערע טרעוועל געברויכן.**

**1888-Rent-A-Cell**

***

**פאר א זיץ אין בית המדרש הגדול היכל הקודש אין אומן**

מו"ה יואל טייטלבוים הי"ו

**845-467-5299**


# מֶען דַארְף אַ גְרוֹיסְן אַדְוָואקַאט

דַיין בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן עֶס הָאט מִיךְ זֵייעֶר דֶערְפְרֵייט אַז דוּ וֶועסְט אוֹיךְ פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, ווארוּם אִיז דִיר אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ת"ה) דָאס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָׁנָה, וָוארוּם רֹאשׁ הַשָׁנָה אִיז דֶער יוֹם הַדִין, דֶעמָאלְטְס מִשְׁפָּט מֶען יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס וֶועט זַיין מִיט אִים אַ גַאנְץ יָאר, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בֵּיצָה ט"ז) כָּל מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִין לוֹ מֵרֹאשׁ הַשָׁנָה; רֹאשׁ הַשָׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ דֶעם בּוּדְזְשֶׁעט אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר.

רֹאשׁ הַשָׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ וָואס וֶועט פַּאסִירְן מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ אַ גַאנְץ יָאר, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט אִין דִי תְּפִלָּה פוּן "וּנְתַנֶה תּוֹקֶף" בְּרֹאשׁ הַשָׁנָה יִכָּתֵבוּן, וּבְיוֹם צוֹם כִּפּוּר יֵחָתֵמוּן. כַּמָה יַעַבְרוּן וְכַמָה יִבָּרֵאוּן, מִי יִחְיֶה, וּמִי יָמוּת, מִי בְקִצוֹ, וּמִי לֹא בְקִצוֹ, מִי בַמַיִם, וּמִי בָאֵשׁ, מִי בַחֶרֶב, וּמִי בַחַיָה, מִי בָרָעָב, וּמִי בַצָמָא, מִי בָרַעַשׁ, וּמִי בַמַגֵפָה, מִי בַחֲנִיקָה וּמִי בַסְקִילָה, מִי יָנוּחַ, וּמִי יָנוּעַ, מִי יִשָׁקֵט וּמִי יִטָרֵף, מִי יִשָׁלֵו, וּמִי יִתְיַסָר, מִי יֵעָנִי, וּמִי יֵעָשֵׁר, מִי יִשָׁפֵל, וּמִי יָרוּם.

אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תס"ו) וִויפִיל צָרוֹת אוּן גְזֵירוֹת וָואס עֶס וֶוערְט נִגְזָר אוֹיף דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיסֶער דִי אַלֶע גְזֵירוֹת וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיסְגֶערֶעכְנְט, וִוי דֶער נוּסַח גֵייט, אַז דֶער חַזָן זִינְגְט וּמִי וּמִי וְכוּ', אָן וֶוערְטֶער, אוּן דָארְטְן אִיז מְרוּמָז נֶעבֶּעךְ אַלֶע גְזֵירוֹת וָואס עֶס אִיז אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אִיבֶּער דֶעם דַארְף מֶען פָארְן צוּם צַדִיק אוֹיף רֹאשׁ הַשָׁנָה וָואס עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער אַדְוָואקַאט, אוּן עֶר אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, וּבִפְרַט פַאר דִי אַלֶע וָואס זֵיי קוּמֶען צוּ אִים.

אוּן מֶען זֶעט בִּמְצִיאוּת וֶוען ס'אִיז נִגְזָר גֶעוָוארְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ עֶפֶּעס אַ גְזֵירָה וְכוּ', בִּפְרַט גְזֵירַת מָוֶות, לֹא עָלֵינוּ, זוּכְט עֶר דֶעם גְרֶעסְטְן אַדְוָואקַאט אוֹיף דֶער וֶועלְט עֶר זָאל אִים פַארְטֵיידִיגְן, אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט, עֶר פַארְקוֹיפְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט, אַבִּי דֶער גְרוֹיסֶער אַדְוָואקַאט זָאל אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי בִּיטֶערֶע גְזֵירָה, וְכוּ'.

פַארְוָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט הָאבְּן קַיין שֵׂכֶל, אוּן עֶר זָאל זִיךְ גוּט בַּאטְרַאכְטְן אַז רֹאשׁ הַשָׁנָה אִיז דֶער יוֹם הַדִין, דֶעמָאלְטְס אִיז מֶען דַן יֶעדְן מֶענְטְשׁ, פַארְוָואס זָאל עֶר נִישְׁט גֵיין צוּ אַ גְרוֹיסְן אַדְוָואקַאט וָואס זָאל אִים פַארְטֵיידִיגְן? וָואס דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן ת"ג) מֵיין רֹאשׁ הַשָׁנָה אִיז הֶעכֶער וִוי אַלְסְדִינְג, אוּן עֶס אִיז בַּיי מִיר אַ וואוּנְדֶער מַיינֶע מֶענְטְשְׁן גְלֵייבְּן דָאךְ אִין מִיר, פַארְוָואס זָאלְן זֵיי

המשך בדף ד

# מֶען דַארְף אַ גְרוֹיסְן אַדְוָואקַאט

המשך

נִישְׁט נִזְהָר זַיין צוּ קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? קֵיינֶער זָאל נִישְׁט פֶּעלְן, וַוייל מַיין גַאנְצֶע עִנְיָן אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מֶעג זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, דֶערְפַאר פְּרֵיי אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ הָאסְט בַּאשְׁלָאסְן אַז דוּ וֶועסְט פָאְרן הֵיי יָאר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן.

דֶער צַדִיק אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן רַייסְט אַיין וֶועלְטְן פַאר כְּלַל נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר אִיז מְבַטֵל אַלֶע גְזֵירוֹת רָעוֹת אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע אוּן שְׁוֶוערֶע דִינִים, אִיבֶּער דֶעם ווָאוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קוּמְט צוּם צַדִיק אוּן בַּאוַוייזְט זִיךְ צוּ אִים אוּן טוּט דָארְטְן תְּשׁוּבָה, אוּן גִיסְט טַייכְן טְרֶערְן, אוּן זָאגְט "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אַהֶער צוּ דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב זי"ע וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אָט בִּין אִיךְ דָא בַּיי אִים, אִיךְ הָאבּ צֶעבְּרָאכְן אַלֶע שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת אוּן צוּרִיקְהַאלְטוּנְגֶען וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף גָארְנִישְׁט אוּן אִיךְ בִּין דָא, דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, אוּן שְׁרַייבּ מִיר אָן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אִיךְ זָאל הָאבְּן גֶעזוּנְט אוּן פַּרְנָסָה אוּן נַחַת, אוּן בַּאהִיט זָאל אִיךְ וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְן, וְכוּ', וְכוּ'.

נָאר אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין קַיין שׁוּם וִויכּוּחִים מִיט קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ מֶען וֶועט שְׁפֶּעטְן פוּן דִיר, אָדֶער מֶען וֶועט רֶעדְן אוֹיף דִיר, מַאךְ זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג, הָאבּ אִינְזִינֶען דִי טוֹבָה פוּן דַיין נְשָׁמָה, אוּן פוּן דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר דֶערְפְרֵייעֶן אוּן זָאלְסְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶעם גוּטְן וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן.

נָאר זֵיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּ אִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, וָוארוּם יֶעדֶעס וָוארְט וָואס אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת אוּן עֶס מַאכְט אַ רַעשׁ, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעוואוּסְט וָואס וֶוערְט אִין הִימְל בְּשָׁעַת עֶר שְׁטֵייט אוּן בֶּעט פַאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואלְט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט מִתְפַּלֵל זַיין.

(אשר בנחל באידיש חלק א' מכתב כ')

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

~~~

## מען גרייט זיך צו פארן אויף אומן

אנשי שלומינו בכל אתר ואתר גרייטן זיך צו פארן אויף ראש השנה צו אומן, אזוי ווי דער רבי האט אנגעזאגט אז יעדער זאל קומען צו אים ראש השנה, קיינער טאר נישט פעלן.

וועמענס הארץ ציטערט נישט פונעם פארכטיגן יום הדין, ווען דער אייבערשטער שרייבט אן פאר יעדן איינעם אלעס וואס עס וועט געשעהן צו אים במשך די גאנצע יאר, און דא זאגט דער רבי אז ווער עס קומט צו אים אויף ראש השנה וועט ער אים פארטיידיגן און זעהן דערצו אז מען זאל אים אנשרייבן א גוט געבענטשט יאר, איז דאך זיכער אז יעדער וויל האבן די זכי' צו זיין אין אומן אויף ראש השנה, און זוכה זיין צו א גוט געבענטשט יאר.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז געלונגען דאס יאר צוזאמצושטעלן א פליגער, ווי אלע אנשי שלומינו מיט די בחורי הישיבה וועלן פארן אינאיינעם מיט מוהרא"ש שליט"א אויף אומן.

כאיש אחד בלב אחד וועט מען אינאיינעם פארן, און זיכער אויס'פועל'ן ישועות און רפואות און א זיס לעכטיג יאר.

פאר אלע אינפארמאציע איבער טיקעטס און אלע אנדערע געברויכן פאר די געהויבענע נסיעה, זעהט דעם באזונדערן קעסטל אינעם גליון.

**איש בל יעדר!**

\*\*\*

## מוהרא"ש שליט"א פארט אויף ארץ ישראל פאר צוויי וואכן

מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט מוהרא"ש שליט"א פארן אויף ארץ נאך שבת, ווי ער וועט זיך אויפהאלטן פאר צוויי וואך צו מחזק זיין די ארטיגע אידן.

די קומענדיגע צוויי וואכן וועט נישט פארקומען די וועכנטליכע ליל שישי שיעורים.

מען קען הערן שיעורים פון די פארגאנגענע יארן, אויך קען מען הערן אלע אינפארמאציע וועגן די שיעורים אויפן "קול ברסלב" טעלעפאן ליין **212-444-9191**.

**כי מלאכיו יצוה לך!**


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **משה ארי' שניטצלער** הי"ו

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער, אמן.

## הגליון הזה נתנדב לזכות

מו"ה **אשר זעליג בן אסתר** הי"ו

ויה"ר שיתברך מפי א-ל עליון בבני חיי ומזוני רויחא בשפע ובניקל, ובכל אשר יפנה יצליח.

ולע"נ

ר' **אברהם יוסף** בן ר' **שמשון** ז"ל

ת.נ.צ.ב.ה.

## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

**27 Skillman St.**

**אדער רופט 347-977-7994**

## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדווערטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

פרשת עקב, אבות פרק ה', שנת תשע"ג לפ"ק
שנה 2, גליון 45 (95)


**זמנים**

הדלקת הנרות.................7:59
מוצש"ק...........................9:29
סוף זמן ק"ש....................8:49

**שיעורים כסדרן**

בבלי..........................פסחים ל"ז
ירושלמי...............בבא קמא כ"ה
תוספתא...............שבת פרק י"ז

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן אֵת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה וְגוֹ' וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ** וְגוֹ', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: אוֹיבּ דִי אִידְן וֶועלְן זַיין וואוֹיל, וֶועט עֶר זֵיי גֶעבְּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

רַשִׁ"י זָאגְט, **אִם הַמִּצְוֹת קַלּוֹת שֶׁאָדָם דָּשׁ בַּעֲקֵבָיו תִּשְׁמְעוּן**, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט פָּאלְגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי גְרִינְגֶע מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן טְרֶעטְן עֶם מִיט דִי פִּיס, דֶעמָאלְט וֶועל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר גֶעבְּן דִי גוּטֶע זַאכְן. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס זֶענֶען דִי גְרִינְגֶע מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן צוּטְרֶעטְן מִיט דִי פִּיס?

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער בַּעַל הַטּוּרִים זָאגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק, וָואס זָאגְט דְרֵיי לְשׁוֹנוֹת, **תִּשְׁמְעוּן, וּשְׁמַרְתֶּם, וַעֲשִׂיתֶם**, אַז דָאס אִיז קֶעגְן **מִקְרָא, מִשְׁנָה, און גְמָרָא**, דִי דְרֵיי הוֹיפְּט לִמּוּדִים, וָואס אַ אִיד דַארְף לֶערְנֶען.

און בֶּאֱמֶת לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד" (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה אוֹיף אַ גְרִינְגֶע וֶועג, מֶען מַאכְט זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין יֶעדֶע סֵפֶר, און מֶען לֶערְנְט עֶס אִין אַ סֵדֶר, און אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט עֶס אִיז זִיכֶער גוּט, און אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, זָאגְט מֶען בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, און וֶוען מֶען זָאגְט אַסַאךְ תּוֹרָה וֶועט מֶען עֶס צוּם סוֹף פַארְשְׁטֵיין.

קוּמְט אוֹיס אַז עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת, אַבִּיסְל גְמָרָא, אָבֶּער מֶענְטְשְׁן מַאכְן דָאס אַוֶועק "דָאס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, לֶערְנֶען הֵייסְט נָאר וֶוען מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ אוֹיף אַמָאל, מִיטְן גְרֶעסְטְן עִיּוּן, צוּ פַארְשְׁטֵיין קְלָאר דִי זַאךְ", און דֶעמָאלְט קוּמְט אוֹיס אַז זֵייעֶר אַסַאךְ צַייטְן לֶערְנְט מֶען בִּכְלַל נִישְׁט, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט אֵייבִּיג לֶערְנֶען בְּעִיּוּן, אָבֶּער וֶוען מֶען פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן און מֶען לֶערְנְט אֲפִילוּ נָאר אַבִּיסְל אוֹיף אַמָאל, און אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, דֶעמָאלְט קוּמְט מֶען אָן זֵייעֶר אַסַאךְ.

דָאס זָאגְט רַשִׁ"י, **אִם הַמִּצְוֹת קַלּוֹת שֶׁאָדָם דָּשׁ בַּעֲקֵבָיו תִּשְׁמְעוּן**, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט פָּאלְגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי גְרִינְגֶע מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן טְרֶעטְן עֶם מִיט דִי פִּיס, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד" עֶס אִיז אַ גְרִינְגֶע גֶעשְׁמַאקֶע וֶועג צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען, און עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אָבֶּער מֶענְטְשְׁן טְרֶעטְן עֶם מִיט דִי פִּיס, מֶען מַאכְט עֶס אַוֶועק, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען וֶועט עֶס יָא אַיינְהַאלְטְן, און דוּרְךְ דֶעם וֶועט מֶען אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ וִוי אִיז דִי טִיר? ~

יֶעדֶער אִיד וִויל בֶּאֱמֶת זַיין וואוֹיל, יֶעדֶער אִיד וִויל בֶּאֱמֶת זַיין עֶרְלִיךְ, יֶעדֶער אִיד וִויל בֶּאֱמֶת זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וִויל פִיהלְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זַיין טַאטֶע און עֶר אִיז נָאנְט צוּ אִים, עֶר וִויל פִיהלְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין הָאֶרֶץ, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה זֶעהט מֶען אַז מֶען אִיז אַזוֹי וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְוָואס אִיז דָאס אַזוֹי?

דִי סִיבָּה אִיז, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעשֶׁעהן אִין שְׁטָאט סְדוֹם, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית יט, יא) וְאֶת הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר פֶּתַח הַבַּיִת הִכּוּ בַּסַּנְוֵרִים מִקָּטֹן וְעַד גָּדוֹל, וַיִּלְאוּ לִמְצֹא אֶת הַפָּתַח, דִי מֶענְטְשְׁן דָארְט זֶענֶען בְּלִינְד גֶעוָוארְן, און זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן דִי טִיר אַרַיין, דָאס אִיז וָואס עֶס גֶעשֶׁעהט בַּיי מֶענְטְשְׁן, אַוַדַאי וִויל יֶעדֶער זַיין גוּט, אָבֶּער קֵיינֶער זֶעהט נִישְׁט דִי טִיר, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט דִי וֶועג וִוי מֶען דַארְף גֵיין אָנְצוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

און סְפֶּעצִיעֶל וֶוען מֶען לֵיינְט סִפּוּרֵי צַדִּיקִים, מֶען הֶערְט מַעֲשִׂיּוֹת וִוי אַזוֹי עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים וָואס זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת, און עֶס כַאפְּט אָן פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַן הִשְׁתּוֹקְקוּת, אַ רָצוֹן, "אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", און דֶער אֱמֶת אִיז טַאקֶע אַז יֶעדֶער אִיד קֶען זַיין דֶער גְרֶעסְטֶער צַדִּיק, דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט אַז יֶעדֶער אִיד קֶען זַיין אַזוֹי גְרוֹיס וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, מֶען קֶען צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

אָבֶּער מֶען וֵוייסְט נִישְׁט דִי וֶועג וִוי אַזוֹי אָנְצוּקוּמֶען אַהִין, מֶען לוֹיפְט פוּן אֵיין רֶבִּי'ן

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

אַסאַך תּוֹרָה, דֶעמָאלְט וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן אַלֶע גוּטֶע זאַכְן.
(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק פָּרָשַׁת עֵקֶב תשס"ח לפ"ק)

***

נָאךְ אַ פְּשָׁט זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א, וָואס זֶענֶען דִי מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן טְרֶעטְן זֵיי מִיט דִי פִּיס?

לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קס"ט), **וְהָיָה** אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן שִׂמְחָה (בְּמִדְבַּר רַבָּה פ"ג ס"ה) **וְהָיָה - אוֹיבּ דוּ וֶועסְט** זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ, אַז, **עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן** - אֲפִילוּ דִי פִּיס וֶועלְן הֶערְן, דָאס מֵיינְט אַז מֶען וֶועט זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז דִי פִּיס וֶועלְן טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה, **וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית** - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין זֶעהְן אַז דוּ זָאלְסְט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן מִיט שְׁמִירַת הַבְּרִית, ווַייל דִי עֲבֵירוֹת קוּמֶען נָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז טְרוֹיעֶרִיג, אָבֶער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ וֶוערְט עֶר נִיצּוֹל פוּן עֲבֵירוֹת.

אוּן דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) **"מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד"**, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וָואס דָאס הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁלֶעכְטְס.

דָאס זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דוּ זָאלְסְט זֶעהְן צוּ אָפְּהִיטְן דִי מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשׁ צוּטְרֶעטְן מִיט דִי פִּיס, דָאס אִיז דִי מִצְוָה פוּן שִׂמְחָה, פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ, וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן עֶס אַוֶועק, אוֹיבּ אָבֶער וֶועסְטוּ דִיךְ יָא שְׁטַארְקְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועסְטוּ הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס.
(זֹאת הַתּוֹרָה עֵקֶב א')

***

**וְנָשַׁל ה' אֱלוֹקֶיךָ אֶת הַגּוֹיִם הָאֵל מִפָּנֶיךָ מְעַט מְעָט**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַוֶועקְנֶעמֶען דִי גוֹיִם פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, צוּבִּיסְלֶעךְ צוּבִּיסְלֶעךְ, אוּן נִישְׁט אוֹיף אֵיין מָאל.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵּז זַיין אַ גֶעוואלְדִיגֶע חִיזּוּק. רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת גְּזֵלָה, ה"ה או"ז) אַז אַלֶע צָרוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ לֵיידְט סַיי בְּרוּחֲנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת, קוּמֶען נָאר ווַייל מֶען ווִיל שְׁלֵימוּת, אַ מֶענְטְשׁ ווִיל גְלַייךְ זַיין אַ גֶעהָאלְפֶענֶער אִין אֵיין מִינוּט, אוּן אַזוֹי וִוי דָאס קֶען נִישְׁט גֶעשֶׁעהְן, יֶעדֶע זַאךְ נֶעמְט צַייט, דֶערְפַאר וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ צוּבְּרָאכְן אוּן עֶר גֶעבְּט אוֹיף.

וָואס אַ מֶענְטְשׁ ווִיל בַּאקוּמֶען, דַארְף עֶר הָאבְּן צוּ דֶעם אַסאַךְ גֶעדוּלְד, אַסאַךְ סַבְלָנוּת, אַסאַךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי וֶוערְט מֶען גֶעהָאלְפְן, אוּן אֲפִילוּ בְּרוּחֲנִיּוּת נֶעמְט אוֹיךְ צַייט בִּיז מֶען וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, אָבֶער אוֹיבּ אַ אִיד בֶּעהְט אַסאַךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, וֶועט עֶר צוּם סוֹף זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דָאס אִיז פְּשָׁט אִין פָּסוּק, **וְנָשַׁל ה' אֱלוֹקֶיךָ אֶת הַגּוֹיִם הָאֵל מִפָּנֶיךָ**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַוֶועק נֶעמֶען דִי גוֹיִם, וָואס דָאס מֵיינְט דִי תַּאֲווֹת אוּן מִדּוֹת רָעוֹת וָואס דִי גוֹיִם בְּרֶענְגֶען אַרַיין, **מְעַט מְעָט**, צוּבִּיסְלֶעךְ צוּבִּיסְלֶעךְ, עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, אָבֶער אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף וֶועט מֶען זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין.
(זֹאת הַתּוֹרָה עֵקֶב ה')

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

צוּם צְווֵייטְן, מֶען פְּרוּבִּירְט אֵיין ווֶעג נָאכְן צְווֵייטְן, אֶפְשָׁר דָא וֶועט מֶען טְרֶעפְן דִי יְשׁוּעָה, אוּן אֶפְשָׁר דַארְט וֶועט מֶען טְרֶעפְן דִי יְשׁוּעָה אָבֶער וֶוען מֶען זֶעהט אַז עֶס גֵייט נִישְׁט, בְּלַייבְּט מֶען בְּלִינְד, אַזוֹי וִוי דִי מֶענְטְשְׁן פוּן סְדוֹם, אוּן וָואס גֶעשֶׁעהט וֶוען מֶען אִיז בְּלִינְד? שְׁלָאגְט מֶען זִיךְ אַרוּם אֵיינֶער מִיטְן צְווֵייטְן, קְרִיגְט מֶען זִיךְ אֵיינֶער מִיטְן צְווֵייטְן, אוּן דָאס אַלֶעס אִיז ווַייל מֶען ווֵייסְט נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע ווֶעג, מֶען ווֵייסְט נִישְׁט וואו דִי טִיר אִיז צוּ צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ד) אַז דִי טִיר אִיז דִי מוֹיל, מִיט דִי מוֹיל קֶען יֶעדֶער מֶענְטְשׁ צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף נָאר עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער אֵיינֶער אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ, מֶען דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען גֵייט אַדוּרךְ שְׁווֶערִיקַייטְן, סַיי בְּרוּחֲנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט דָאס, עֶפֶענְט זִיךְ אִים אוֹיף דִי טִיר, אוּן עֶר וֶוערְט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אָבֶער פוּן אָנְפַאנְג אִיז עֶס זֵייעֶר שְׁוֶוער, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פִיהְלְט עֶר קוֹדֶם אַזוֹי וִוי עֶר רֶעדְט צוּ דִי וַואנְט עֶס זֶעהט אִים אוֹיס וִוי קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אוּן דָאס צוּבְּרֶעכְט אִים, אוּן עֶר פִיהְלְט נִישְׁט קֵיין שׁוּם טַעַם, אוּן עֶר הֶערְט אוֹיף צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אָבֶער מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען וָואס מֶען הָאט אַלֶץ אָפְּגֶעטוּהן בִּיז מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִיפִיל עֲבֵירוֹת מֶען הָאט שׁוֹין אָפְּגֶעטוּהן בִּיז דַאן, וָואס דִי עֲבֵירוֹת פַארְשְׁטָאפְּן דִי הַארְץ אוּן דִי מֹחַ, אוּן עֶס מַאכְט פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס מַאכְט אַז מֶען זָאל פִיהְלְן אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט דָא, מִמֵּילָא וֶוען עֶס קוּמְט אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס אִיז בִּיז יֶעצְט גֶעוֶוען אַזוֹי ווַייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הֵייבְּט פְּלוּצְלִינְג אָן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זִיכֶער נִישְׁט פִיהְלְן גָארְנִישְׁט קֵיין גֶעשְׁמַאק אִין דֶעם פוּן אָנְפַאנְג.

אָבֶער וֶוען מֶען הָאט גֶעדוּלְד אוּן מֶען רֶעדְט אַסאַךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט מֶען צוּבִּיסְלֶעךְ אָפְּגֶערֵיינִיגְט פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן צוּ פִיהְלְן דִי גֶעשְׁמַאק פוּן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הֵייבְּט אָן צוּ פִיהְלְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט אוּנְז אוּן נֶעבְּן אוּנְז, עֶר הָאט אוּנְז לִיבּ, אוּן עֶר ווִיל אוּנְז שְׁטֶענְדִיג הֶעלְפְן.

דָאס זָאגְט דָוִד הַמֶּלֶךְ אִין תְּהִלִּים (לד, ט) טַעֲמוּ

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

וּרְאוּ כִּי טוֹב ה' - דִי צַדִיקִים וָואס זֶענֶען שׁוֹין צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְן פַאר אוּנְז: פְּרוּבִּירְט אוֹיס וֶועט אִיר זֶעהן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַ גוּטֶער, עֶר וִויל נָאר אוּנְזֶער גוּטְס, עֶר וַוארְט אוֹיף יֶעדְן אִיד, אוּן עֶר וִויל אִים נָאר אַרוֹיס הֶעלְפְן. אִין זֹהַר הַקָדוֹשׁ שְׁטֵייט (שְׁמוֹת ה:) אַז וֶוען אִידְן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וִוי שְׁטַארְק דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן אִידִישׁ קִינְד, וָואלְטְן זֵיי גֶעלָאפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אַ הֶערְשׁ, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים מב, ב) כְּאַיָּל תַּעֲרֹג עַל אֲפִיקֵי מָיִם כֵּן נַפְשִׁי תַעֲרֹג אֵלֶיךָ אֱלֹקִים - אַזוֹי וִוי דֶער הֶערְשׁ לֶעכְצְט נָאךְ וַואסֶער צוּ שְׁטִילְן זַיין דוּרְשְׁט, אַזוֹי לֶעכְצְט יֶעדֶער אִיד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל דֶערְפִילְן זַיין דוּרְשְׁט. אוּן דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל פוּן אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, אוּן עֶר וֶועט אוּנְז גֶעבְּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועלְן מִיר אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּנֶעם שְׁוֶוערְן גָלוּת, אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן אוּן אַזוֹי זָאגְט דֶער רַמְבַּ"ם אַז וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט יֶעדֶער צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער וֶועט לֶערְנֶען תּוֹרָה, יֶעדֶער וֶועט מְקַיֵּם זַיין דִי מִצְוֹת, אוּן מֶען וֶועט לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם מִיט לִיבְּשַׁאפְט, מֶען וֶועט פִיהלְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אוּן מֶען וֶועט לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶענְדִיג, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק י"ב עֶרֶךְ תְּשׁוּבָה)


# מוסדות היכל הקודש ברסלב

**בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א**

**27 Skillman St.**

## ראש השנה שלי עולה על הכל

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מען קען ביי אונז באקומען אלע געברויכן צו זיין ביים הייליגן רבינ'ס ציון אין אומן אויף ראש השנה הבעל"ט אויפן שענסטן און בעסטן אופן.

***

**מיר האבן צוגעשטעלט דאס יאר הערליכע דירות אין "קרית ברסלב", אינאיינעם מיט אנשי שלומינו. אלע סעודות שבת ויום טוב ווערט צוגעשטעלט אויפן בעסטן אופן, אויף אן אמעריקאנעם שטייגער.**

**פאר די דירות פאר אינגעלייט קענט איר רופן**

מו"ה יחזקאל סאמעט הי"ו און מו"ה שאול גאנץ הי"ו

**347-452-0412**

**פאר די דירות פאר בחורים קענט איר רופן**

הבחור שבתי מארקוס נ"י

**347-666-2803**

***

**אויך קען מען באקומען גאר ביליגע עירליין טיקעטס**

הבחור מרדכי הערצאג נ"י

**718-344-8504**

***

**פאר סעלפאנס מיט א 718 נומבער, ווי אויך טרעוועל אינשורענס, און פאר אלע אייערע טרעוועל געברויכן.**

**1888-Rent-A-Cell**

***

**פאר א זיץ אין בית המדרש הגדול היכל הקודש אין אומן**

מו"ה יואל טייטלבוים הי"ו

**845-467-5299**


# אַלֶעס אִיז נִגְזָר גֶעוָוארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה

**שָׁלוֹם רַב אֶל ... תְּחִי'**

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס וואוּנְדֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק פַארְוָואס דוּ דַארְפְסְט אַזוֹי רוֹדֶפְ'ן דַיין מַאן וָואס אִיז דִיר אַזוֹי גֶעטְרֵיי אַ גַאנְץ יָאר, אוּן עֶר אִיז גֶעטְרֵיי פַאר דִי קִינְדֶער, נָאר יֶעצְט וִויל עֶר פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוֹן אִין אוּמַאן, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט עֶר פוּעלְן אַלְסְדִינְג וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן וְכוּ', אוּן דַוְקָא יֶעצְט מַאכְסְטוּ אִים אַלֶע מְנִיעוֹת עֶר זָאל נִישְׁט פָארְן? אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, מֶען זֶעט אַזוֹי פִיל גְזֵירוֹת רָעוֹת, בִּיטֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע אוּמְגְלִיקְן וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט אַ גַאנְץ יָאר, אוּן דָאס אַלֶעס אִיז שׁוֹין בַּאשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָוארוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה דֶעמָאלְטְס אִיז דֶער יוֹם הַדִין אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, מֶען מִשְׁפָּט יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס מִיט אִים וֶועט פַּאסִירְן לֶעבְּן אָדֶער טוֹיט רַחְמָנָא לִיצְלָן, אָרִים אָדֶער רַייךְ, אַלֶעס וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶערְפַאר גֵייט מֶען צוּ אַ גְרוֹיסְן צַדִיק וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער סְ'וֶועט קוּמֶען בַּיי אִים גַארַאנְטִירְט עֶר אַ שָׁנָה טוֹבָה וּמְתוּקָה, אַ זִיס גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

לֵיידֶער דֶעם יָאר הָאט פַּאסִירְט אַזוֹיפִיל אוּמְגְלִיקְן, יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, מֶען זָאל שׁוֹין נִישְׁט וִויסְן פוּן קַיין שְׁלֶעכְטְס, אוּן בְּוַודַאי אִיז דָאס אַלֶעס נִגְזָר גֶעוָוארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מֶען זֶעט אוֹיבּ סְ'אִיז נִגְזָר גֶעוָוארְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ טוֹיט שְׁטְרָאף וְכוּ', וָואס טוּט עֶר נִישְׁט אַז מֶען זָאל אִים פְרֵיי לָאזְן? עֶר זוּכְט דֶעם בֶּעסְטְן לוֹיעֶר, עֶר גֵייט צוּם גְרֶעסְטְן שׁוֹפֵט, אַבִּי מֶען זָאל אִים שֶׁענְקֶען דֶעם לֶעבְּן, אוּן דָא קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס אַזַא גְרוֹיסֶע לֶעכְטִיגֶער צַדִיק הָאט צוּגֶעזָאגְט 'גָאר מֵיין זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה', 'אוּן אִיךְ וִויל אַז אַלֶע זָאלְט עֶטְץ זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה' אוּן 'אִיךְ וֶועל זִיךְ לֵייגְן אִין דִי לֶענְג אוּן אִין דִי בְּרֵייט עֶנְק אַ טוֹבָה צוּ טוּן', אוּן דַוְקָא צוּ אַזַא צַדִיק שְׁטֶערְסְטוּ דַיין מַאן פוּן צוּ פָארְן, אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין! אִיבֶּער דֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, מַאכְטְס שָׁלוֹם אוּן הֶעלְף אַרוֹיס דַיין מַאן עֶר זָאל קֶענֶען פָארְן גֶעזוּנְטֶערְהֵייט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן עֶר וֶועט פוּעלְן פַאר דִיר אוּן פַאר דִי קִינְדֶערְלֶעךְ אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אַ יָאר פוּן פַּרְנָסָה אוּן פוּן שֶׁפַע אוּן פוּן גֶעזוּנְט אוּן נַחַת אוּן סְ'וֶועט עֶנְק גָארְנִישְׁט פֶעלְן. דַארְפְסְט אַ הוֹיז? וֶועט מֶען בֶּעטְן בַּיי דֶעם צַדִיק; דַארְפְסְט נָאךְ זַאכְן? וֶועסְטוּ בֶּעטְן בַּיי דֶעם צַדִיק. אִיבֶּערְדֶעם פַּאק אַיין אַ שֵׁיין פֶּעקְל פַאר דַיין מַאן, אוּן שִׁיק אִים צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּין אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, וֶועט עֶטְץ בֵּיידֶע גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר אוּן מִיט אַ גְלִיקְלִיךְ יָאר אוּן דוּ וֶועסְט זֶען אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן.

סְ'אִיז אַזַא שָׁאד, אַ גַאנְץ יָאר לֶעבְּט עֶטְץ בֵּיידֶע וִוי

המשך בדף ד

# אַלֶעס אִיז נִגְזָר
# גֶעוָוארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה

המשך

צְוֵויי טוֹיבְן בְּלִי עַיִן הָרָע, יֶעצְט פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה וַוייל דַיין מַאן וָואס אִיז דִיר אַזוֹי גֶעטְרֵיי אַ גַאנְץ יָאר וִויל פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּין, שְׁטֶעלְסְטוּ אִים אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען וְכוּ׳? אוּן פַארְוָואס? וַוייל דֶער חַבֶרְטָארִין הָאט דִיךְ אַזוֹי גֶעזָאגְט וְכוּ׳, אוּן דֶער חַבֶרְטָארִין הָאט דִיךְ אַהִין גֶעזָאגְט וְכוּ׳? פְרֶעג אִיךְ דִיר: וֶוער אִיז וִויכְטִיגֶער, דַיינֶע חַבֶרְטָארִינְס אָדֶער דַיין גֶעטְרַייעֶר מַאן? וֶועגְן דֶעם בֶּעט אִיךְ דִיךְ מַאךְ שָׁלוֹם מִיט דַיין מַאן, אוּן שִׁיק אִים אוּן טְרַייבּ אִים צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּין, וֶועסְטוּ נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק שֶׁענְקֶען אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, מִיט אַלֶעס גוּטְס.**

# ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳ ~

~~~

## ברית פארגעקומען די וואך אין קעמפ

דעם מיטוואך איז פארגעקומען א ברית אין קעמפ, הילד בן מו"ה משה ארי׳ שניטצלער הי"ו.

עס איז געווען א גרויסע פרייד ביי די בחורים צו האבן די גרויסע זכי׳ צו האבן א ברית אין קעמפ, ווען אליהו הנביא קומט און ברענגט זיכער מיט זיך אלע גוטע השפעות ברוחניות ובגשמיות.

בשעת׳ן ברית האבן די בחורים אויסגענוצט די געהויבענע עת רצון, און זיך אויסגעבעטן ביים אייבערשטן יעדער איינער זיינע געברויכן, און האבן זיכער גע׳פועל׳ט אלע גוטע ישועות.

דערנאך איז פארגעקומען די סעודת ברית, ווי מען האט געהערט שיינע דיבורים פונעם אבי הבן, וואס האט ארויס געברענגט די געוואלדיגע זכי׳ וואס מיר האבן צו זיין אין אזא קעמפ ווי מען לעבט מיטן אייבערשטן, ווי מען לעבט מיט די הייליגע לימודים און עצות פון רבי׳ן, און מען איז דאס מפרסם פאר די גאנצע וועלט.

דערנאך האט מען געהערט דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס האט ארויסגעברענגט די געוואלדיגע מעלה פון תמימות. ווען א איד גייט בתמימות מיטן אייבערשטן, אן קיין חכמות, דעמאלט איז ער זייער מצליח, און מיט דעם האט ער געטייטשט: "כשם שנכנס לברית" - אזוי ווי דאס קינד איז צוגעגאנגען צום ברית אן קיין שום חכמות, ער פארשטייט דאך סיי ווי גארנישט, "כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים" - אזוי זאל דאס קינד ווייטער אנגיין זיין גאנצע לעבן, מיט תמימות זאל ער דינען דעם אייבערשטן.

און דאס דארפן מיר זיך אויך אפלערנען צו לעבן מיטן אייבערשטן, און אים פאלגן בתמימות, און דעמאלט וועלן מיר מצליח זיין.

**זה הכסא של אליהו הנביא זכור לטוב!**

\*\*\*

## די זיצן אין בית המדרש הגדול
## "היכל הקודש" אין אומן ווערן אויספארקויפט

אזוי ווי אלע יארן וועט מען דאס יאר אויך דאווענען אינעם גיגאנטישן קלויז אין אומן, אין בית המדרש הגדול "היכל הקודש" אין אומן, אינאיינעם מיט מוהרא"ש שליט"א, סמוך ונראה צום רבינ׳ס ציון.

אין די לעצטערע יארן קומען זיך צוזאם א גרויסע עולם מיטהאלטן די תפלות ראש השנה, זוכענדיג א געשמאקע היימישע מנין, צו דאווענען די געהויבענע תפלות מיט השתפכות הנפש, אינאיינעם מיט מוהרא"ש שליט"א.




דאס יאר וועט דער ראש ישיבה שליט"א ווייטער דאווענען פארן עמוד ראש השנה, צוזאמען מיט א קאפעליע משוררים בחורי ישיבתינו הק׳.

מען קען קויפן א זיץ אין בית המדרש פאר די טעג פון ראש השנה, די פרייז פון יעדע זיץ איז בלויז **$50**, מען קויפן זיצן אויף נומער **845-467-5299**.

א גרויס חלק פון די זיצן זענען שוין אויספארקויפט, וכל הקודם זכה.

**ראש השנה ביי מיר, איז גרעסער פון אלעס!**


### סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **ישראל מאיר גפן** הי"ו

תלמיד ישיבתינו הק׳

צו זיין שמחת החתונה למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים, אמן.

### הגליון הזה נתנדב לזכות

מו"ה **אשר זעליג בן אסתר** הי"ו

ויה"ר שיתברך מפי א-ל עליון בבני חיי ומזוני רויחא בשפע ובניקל, ובכל אשר יפנה יצליח.

ולע"נ

ר׳ **אברהם יוסף** בן ר׳ **שמשון** ז"ל

ת.נ.צ.ב.ה.

### ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ׳ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

**27 Skillman St.**

אדער רופט 347-977-7994

### קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות..................7:52
מוצש"ק..........................9:21
סוף זמן ק"ש......................8:52

**שיעורים כסדרן**
בבלי.........................פסחים מ"ד
ירושלמי...............בבא קמא ל"ב
תוספתא............עירובין פרק ו'

פרשת ראה, מברכים חודש אלול, אבות פרק ו', שנת תשע"ג לפ"ק — שנה 2, גליון 46 (96)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**רְאֵה אָנֹכִי נוֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה,** מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רע"ב), אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים צה, ז) **"'הַיּוֹם' אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ"** אַז עֶס אַ גְרוֹיסֶע כְּלַל אִין אַ מֶענְטְשׁ'ס לֶעבְּן, אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג נָאר טְרַאכְטְן פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, סַיי בַּיי גֶעלְט זַאכְן, דוּ הָאסְט אוֹיף 'הַיינְט' צוּ עֶסְן? דוּ הָאסְט אוֹיף 'הַיינְט' וָואס דוּ דַארְפְסְט? אוּן דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן וִוי דוּ וֶועסְט הָאבְּן מָארְגְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר הַיינְט גֶעהָאלְפְן וֶועט עֶר דִיר מָארְגְן אוֹיךְ הֶעלְפְן.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיים דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען נָאר טְרַאכְטְן פוּן 'הַיינְט', פוּן 'יֶעצְט', וָואס קֶענְסְטוּ יֶעצְט טוּהן אַ נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן? אוּן דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט טְרַאכְטְן: "וָואס הָאבּ אִיךְ נֶעכְטְן גֶעטוּהן? וָואס גֵיי אִיךְ מָארְגְן טוּהן?" עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אוּן וָואס עֶס וֶועט זַיין, דֶער עִיקָר אִיז 'יֶעצְט', פְּרוּבִּיר צוּ טוּהן יֶעצְט וָואס דוּ קֶענְסְט קֶען. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִּירְט זִיךְ אַזוֹי אִיז עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ בְּרוּחָנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **רְאֵה אָנֹכִי נוֹתֵן לִפְנֵיכֶם 'הַיּוֹם'**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אִיךְ גֶעבּ דִיר אַ מַתָּנָה דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אוֹיבּ דוּ הָאסְט שֵׂכֶל דוּ קוּקְסְט נִישְׁט אוֹיף נֶעכְטְן אוּן אוֹיף מָארְגְן, דוּ פְּרוּבִּירְסְט אוֹיסְצוּנִיצְן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג וִוי עֶס בְּרוֹיךְ צוּ זַיין, וֶועט עֶס זַיין, **בְּרָכָה**, אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶער טָאג, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיבּ דוּ וֶועסְט עֶס אָפְּשְׁטוּפְּן אוֹיף מָארְגְן, 'הַיינְט אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, מָארְגְן וֶועל אִיךְ אָנְהֵייבְּן עֶפֶּעס טוּהן", דֶעמָאלְט'ס, **וּקְלָלָה**, וֶועט עֶס זַיין אַ פַארְשָׁאלְטֶענֶער טָאג.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס נִיצְט אוֹיס דִי טֶעג, אוּן פִילְט עֶס אָן מִיט גוּטֶע זַאכְן, דָאס וֶועט אִים בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג, עֶס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה רְאֵה א')

***

**אֶת כָּל הַדָּבָר אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם, אֹתוֹ תִשְׁמְרוּ לַעֲשׂוֹת, לֹא תֹסֵף עָלָיו וְלֹא תִגְרַע מִמֶּנּוּ,** מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') אַז וֶוען אַ אִיד וִויל תְּשׁוּבָה טוּהן, עֶר וִויל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר זִיךְ אוֹיסְקֶענֶען מִיט צְוֵויי וֶועגְן.

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

### ~ חוֹדֶשׁ אֱלוּל ~

וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ אוֹיפְצִיוֶועקְן פוּן דֶעם טִיפְן שְׁלָאף וָואס מֶען אִיז גֶעשְׁלָאפְן אַ גַאנְץ יָאר, אוּן זִיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ בַּארֶעכֶענֶען וואוּ מֶען הַאלְט אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דֶערְצֵיילְט פוּן צַדִיקִים אַז וֶוען מֶען הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, וֶוען דֶער חַזָן הָאט גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער "רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל יִהְיֶה בְּיוֹם.." הָאט זֵיי שׁוֹין גֶעכַאפְּט אַזַא צִיטֶער, בְּלוֹיז דָאס דֶערְמַאנֶען אַז עֶס קוּמְט שׁוֹין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר בֶּעסְטֶע מוּסָר סֵפֶר זִיךְ אוֹיפְצִיוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, אוּן זִיךְ אָנְהֵייבְּן גְרֵייטְן צוּם נֵייעֶם יָאר וָואס קוּמְט.

דֶער צַדִיק רֶבִּי מֹשֶׁה קַאבְּרִינֶער זִי"עַ פְּלֶעגְט דֶערְצֵיילְן אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד פוּן זֶעקְס יָאר, הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט אֵיינְמָאל מִיט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, אִינְמִיטְן אִיז זַיין גְרוֹיסֶע שְׁוֶועסְטֶער גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט: "מֹשֶׁה'לֶע, מֶען הָאט שׁוֹין גֶעבֶּענְטְשְׁט דֶעם חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן אֲפִילוּ דִי פִישׁ אִין וַואסֶער צִיטֶערְן, אוּן דוּ שְׁפִּילְסְט זִיךְ נָאךְ?!" וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צִיטֶערְן, אַז בִּיז הַיינְט שְׁפִּירְט עֶר נָאךְ דֶעם צִיטֶער, וַוייל זַיין שְׁוֶועסְטֶער אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת אוּן זִי הָאט עֶס גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס תְּמִימוּת אַז עֶס אִיז אִים אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דַארְף גֶעדֶענְקְן אַז עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס דֶעמָאלְט אִיז דֶער יוֹם הַדִין,

המשך בדף ב

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

עֶר דַארְף ווִיסְן סַיי ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט, וֶוען עֶר לֶערְנְט אוּן דַאוֶוענְט אוּן דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן סַיי ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, וֶוען עֶר פַאלְט דוּרְךְ אִין עֲבֵירוֹת. וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט דַארְף עֶר ווִיסְן, אַז עֶר זָאל נִישְׁט גֵיין אִיבֶּער דִי מָאס, עֶר זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ טוּהן זַאכְן וָואס דִי תּוֹרָה הָאט נִישְׁט גֶעהֵייסְן, ווַייל אוֹיבּ עֶר וֶועט אַרוֹיף לֵייגְן אוֹיף זִיךְ מֶער ווִיפִיל דִי תּוֹרָה ווִיל, וֶועט עֶר זַיין מֶער פוּן זַיינֶע כּוֹחוֹת אוּן עֶס וֶועט פְּלַאצְן.

ווִי רַשִׁ"י זָאגְט: **לֹא תֹסֵף עָלָיו, כְּגוֹן חָמֵשׁ טוֹטָפוֹת בִּתְפִלִּין, חֲמִשָּׁה מִינִים בְּלוּלָב וְכוּ'**, אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט צוּלֵייגְן מֶער ווִיפִיל דִי תּוֹרָה הָאט גֶעהֵייסְן.

אוּן ווִידֶער פַארְקֶערְט אוֹיךְ, וֶוען עֶר פַאלְט אַרָאפּ, עֶר פַאלְט דוּרְךְ, דַארְף מֶען אוֹיךְ ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוּן אוֹיפְגֶעבְּן אִינְגַאנְצְן, נָאר שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, פוּן אֵיין זַייט, **לֹא תֹסֵף עָלָיו**, לֵייג נִישְׁט צוּ מֶער ווִיפִיל דִי תּוֹרָה הֵייסְט, ווַייל אוֹיבּ יָא וֶועסְטוּ נָאכְדֶעם גָארְנִישְׁט טוּהן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, **וְלֹא תִגְרַע מִמֶּנוּ**, נֶעם נִישְׁט אַרָאפּ, אֲפִילוּ וֶוען דוּ זֶעהְסְט אַז עֶס גֵייט דִיר שְׁוֶוער, דוּ בִּיזְט דוּרְךְ גֶעפַאלְן, זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶועגְן דֶעם אַלֶעם אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְס'ט גֵייסְטוּ אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, וָואס וֶועט דִיר פִירְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זַיין אַן אֶמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

(זאת הַתּוֹרָה רְאֵה ז')

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

מֶען גֵייט אָנְשְׁרַייבְּן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס עֶס גֵייט פַּאסִירְן מִיט אִים דִי גַאנְצֶע יָאר, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ צוּגְרֵייטְן מִיט תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן זְכוּתִים, אַז מֶען זָאל וֶוערְן פַארְשְׁרִיבְּן בְּסֵפֶר הַחַיִּים, מֶען זָאל הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

### מֶען בְּרֶענְט אוּן מֶען בְּרֶענְט

אָבֶּער מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז מֶען זָאל נִישְׁט זַיין פוּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן וֶועם רֶבִּי נָתָן הָאט גֶערֶעדְט. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל, מֶען בְּרֶענְט אוּן מֶען בְּרֶענְט אוּן מֶען טוּט גָארְנִישְׁט" אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "עֶס קוּמְט דִי אֱלוּל טֶעג, מֶען וֶוערְט פְרוּם פְרוּם, נִישְׁט מֶען לֶערְנְט אוּן נִישְׁט מֶען דַאוֶוענְט". דָאס מֵיינְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז מֶען רֶעדְט פוּן אֱלוּל, מֶען רֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אֱלוּל, נָאר מֶען דַארְף זֶעהן צוּ טוּהן צוּ דִי זַאךְ, מֶען דַארְף זֶעהן צוּ אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט עֶס גֶעזֶעהן אִין מִירוֹן, מֶענְטְשְׁן לָאזְן אִיבֶּער זֵייעֶר מִשְׁפָּחָה פַאר גַאנְץ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן זֵיי זֶעצְן זִיךְ אַרַיין אִין מִירוֹן אוֹיסְצוּנִיצְן דֶעם הֵיילִיגְן חוֹדֶשׁ.

הָאט עֶר דָארְט גֶעזֶעהן מַמָּשׁ דִי שִׂיחָה פוּן רֶבִּי נָתָן, מֶען זֶעצְט זִיךְ אַרָאפּ אוּן מֶען זָאגְט עֶטְלִיכֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, אוּן אִינְצְווִישְׁן קוּמֶען אָן מֶענְטְשְׁן, לָאזְט מֶען גְלַייךְ אָפּ דֶעם תְּהִלִּים, אוּן מֶען לוֹיפְט זֶעהן וֶוער דִי פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען, אוּן מֶען בֶּעהְט שׁוֹין אַבִּיסְל שָׁלִיחַ-מִצְוָה גֶעלְט פוּן זֵיי, אוּן דֶערְנָאךְ גֵייט מֶען צוּרִיק צוּם תְּהִלִּים, פְּלוּצְלִינְג וֶוערְט מֶען הוּנְגֶערִיג אוּן מֶען גֵייט זוּכְן עֶפֶּעס צוּ עֶסְן, דֶערְנָאךְ וֶוערְט מֶען מִיד אוּן מֶען לֵייגְט זִיךְ צוּ אַבִּיסְל שְׁלָאפְן, אוּן אַזוֹי גֵייט אַרִיבֶּער דֶער טָאג מִיט גָארְנִישְׁט. אוֹיסֶער עֶטְלִיכֶע יְחִידֵי סְגוּלָה וָואס הָאבְּן טַאקֶע אוֹיסְגֶענוּצְט דִי צַייט, אוּן זֵייעֶר מוֹיל הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ גֵיין מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ אַז דִי פֶערְצִיג טֶעג פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל בִּיז נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר, אִיז דָא דֶעמָאלְט אַזַא גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן אִין הִימְל, אַזוֹי ווִי וֶוען מֶען עֶפֶענְט אוֹיף דֶעם אָרוֹן קוֹדֶשׁ, וָואס דֶעמָאלְט אִיז בַּאקַאנְט אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן וָואס מֶען קֶען אַלֶעס אוֹיס'פּוֹעֵל'ן בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, דִי זֶעלְבֶּע עֵת רָצוֹן אִיז אוֹיךְ דָא אִין דִי גַאנְצֶע פֶערְצִיג טֶעג.

דֶערְפַאר וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל נוּצְט אוֹיס דִי טֶעג מִיט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זִיכֶער פּוֹעֵל'ן גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

### עֶס אִיז נִישְׁט דָא גֶענוּג צַייט

אוּן דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוער עֶס אִיז בֶּאֱמֶת מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן אוּן עֶר הָאט אַבִּיסְל יִשּׁוּב הַדַּעַת, אִיז אִים נִישְׁט גֶענוּג דִי גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ אֱלוּל צוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן דִי פִילֶע שִׁיעוּרִים וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְּלֶעגְן הָאבְּן אִין דֶעם חוֹדֶשׁ, וֶוער עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּכַאפְּן אִין דֶעם חוֹדֶשׁ צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ תַּנַ"ךְ, אַלֶע רֶבִּי'נְס סְפָרִים, תִּיקוּנֵי זֹהַר, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַלֶע הֲלָכוֹת פוּן דִי יָמִים נוֹרָאִים, אוּן נָאךְ אוּן נָאךְ, אוּן דָאס אִיז שׁוֹין אוֹיסֶער דִי אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס מֶען הָאט שׁוֹין פוּן אַ גַאנְץ יָאר, אִיז ווִי בְּלַייבְּט נָאךְ אִיבֶּער עֶפֶּעס צַייט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דֶעם חוֹדֶשׁ?

אוּן דֶערְפַאר זֶעהְט מֶען אַז אֲפִילוּ אִין דִי פְלֶעצֶער וואו עֶס אִיז נִישְׁט אַיינְגֶעפִירְט צוּ זָאגְן "יוֹם כִּיפּוּר קָטָן" יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, זָאגְט מֶען עֶס אָבֶּער אִיבֶּערָאל עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, ווַייל וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל בַּאקוּמְט יֶעדֶער אִיד אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, יֶעדֶער ווִיל תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים

אֵיינְמָאל הָאט מֶען נָאכְגֶעזָאגְט פַאר מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אַ טַייטְשׁ וָואס אֵיינֶער הָאט גֶעטַייטְשְׁט "אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים" אַז מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל, הָאט מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אַז מֶען טָאר דָאס נִישְׁט זָאגְן, אַזַא טֵייעֶרֶע חוֹדֶשׁ וָואס אִיז אֵייבִּיג גֶעוֶוען אָנְגֶענוּמֶען בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַלְץ אַ צַייט פוּן תְּשׁוּבָה אוּן זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן דִי

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

מַעֲשִׂים, קֶען מֶען עֶס נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן מִיט אַ ווערְטְל.

אַנְדֶערֶע הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דֶער טַייטְשׁ גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דֶעם וָואס גֶעווִיסֶע ווִילְן אַיינְפִירְן אַ נֵייעֶ מִנְהָג אַז מֶען מַאכְט נִישְׁט חֲתוּנָה אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל. אוֹיף דֶעם הָאט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט אַז דָאס קֶען שׁוֹין יָא זַיין אֱמֶת, דֶער מִנְהָג שְׁטֵייט נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ, עֶס אִיז קֶעגְן דִי הֲלָכָה אוּן קֶעגְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, עֶס וֶוערְט נִישְׁט דֶערְמַאנְט אִין קַיין שׁוּם פּוֹסֵק אַז מֶען זָאל נִישְׁט חֲתוּנָה מַאכְן חוֹדֶשׁ אֱלוּל, נָאר פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט, דֶער חוֹדֶשׁ אִיז מְסוּגָּל פַּאר אַלֶעס, אוּן אוֹיךְ פַּאר חֲתוּנָה מַאכְן.

אוּן דֶערְפַאר ווָאוֹיל אִיז פַּאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס נוּצְט אוֹיס דֶעם חוֹדֶשׁ ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מִיט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט אַסַאךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן אַוַודַאי דַארְף מֶען הִתְחַזְּקוּת אוֹיף דֶעם אוֹיךְ, וַוייל אַסַאךְ מָאל נֶעמְט מֶען זִיךְ אוּנְטֶער צוּ עֶנְדִיגְן אַסַאךְ שִׁיעוּרִים אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן דֶערְנָאךְ קוּמְט מֶען נִישְׁט אָן עֶס צוּ עֶנְדִיגְן אִינְגַאנְצְן, דַארְף מֶען ווִיסְן אַז אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל קֶען מֶען עֶס נָאךְ מַשְׁלִים זַיין בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה קֶען מֶען נָאךְ מַשְׁלִים זַיין בִּיז זֹאת חֲנוּכָּה (וָואס אִיז נָאךְ אַ הֶמְשֵׁךְ פוּן דִי יָמִים נוֹרָאִים, אַזוֹי ווִי דִי סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים שְׁרַייבְּן) אָבֶּער מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן אוֹיסְצוּנִיצְן דִי טֶעג, אוּן נִישְׁט אָנְבְּרֶענְגֶען דִי טַייעֶרֶע צַייט, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַ גוּטֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גוּט וֶועט קוּמֶען אַ גוּטֶע גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר פִּיל מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן בְּגַשְׁמִיוּת וּבְרוּחְנִיוּת.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ב' וְחֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ אֱלוּל)


## מוסדות היכל הקודש ברסלב

בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

27 Skillman St.

## ראש השנה שלי עולה על הכל

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מען קען ביי אונז באקומען אלע געברויכן צו זיין ביים הייליגן רבינ'ס ציון אין אומן אויף ראש השנה הבעל"ט אויפן שענסטן און בעסטן אופן.

***

מיר האבן צוגעשטעלט דאס יאר הערליכע דירות אין "קרית ברסלב", אינאיינעם מיט אנשי שלומינו. אלע סעודות שבת ויום טוב ווערט צוגעשטעלט אויפן בעסטן אופן, אויף אן אמעריקאנעם שטייגער.

פאר די דירות פאר אינגעלייט קענט איר רופן

מו"ה יחזקאל סאמעט הי"ו און מו"ה שאול גאנץ הי"ו

347-452-0412

פאר די דירות פאר בחורים קענט איר רופן

הבחור שבתי מארקוס נ"י

347-666-2803

***

אויך קען מען באקומען גאר ביליגע עירליין טיקעטס

הבחור מרדכי הערצאג נ"י

718-344-8504

***

פאר סעלפאנס מיט א 718 נומבער, ווי אויך טרעוועל אינשורענס, און פאר אלע אייערע טרעוועל געברויכן.

1888-Rent-A-Cell

***

פאר א זיץ אין בית המדרש הגדול היכל הקודש אין אומן

מו"ה יואל טייטלבוים הי"ו 845-467-5299


# מֶען קוּמְט זִיךְ הֵיילְן

עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג צוּ ווִיסְן אַז מֶען קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דַארְף מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין שׁוּם בְּרִיָּה אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָוארוּם אַזוֹי ווִי אַ קְרַאנְקֶער גֵייט אַרַיין אִין אַ שְׁפִּיטָאל זֶעט עֶר דָארְטְן אַלֶע סָארְטְן קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ', וֶועט עֶר דֶען צוּרִיק הַאלְטְן זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְצוּגֵיין? עֶר וֵוייסְט אַז עֶר אִיז קְרַאנְק, אוּן עֶר דַארְף אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע קְרַאנְקֶע וְכוּ'.

אַזוֹי ווִי סְ'אִיז בְּגַשְׁמִיּוּת אַזוֹי אִיז אוֹיךְ בְּרוּחְנִיּוּת, אִין אוּמַאן קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְטֶער מֶענְטְשְׁן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיין פְּרָאבְּלֶעם וְכוּ', אוּן מִיט זַיין צָרָה וְכוּ', אוּן עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּנוֹיף פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי מֶענְטְשְׁן וְכוּ', דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דֶער צַדִּיק הָאט אַ תִּיקוּן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן קֵיינֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן מִיט אַנְדֶערֶע, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַ פְּלַאץ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אַוֶועקְטְרַייבְּן אַן אַנְדֶערְן, אוּן דֶער וָואס עֶר טוּט דָאס אִיז אַלֵיין אַ חוֹטֵא וּפוֹשֵׁעַ, וְכוּ', וְכוּ', דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי קֶען פַארְרֶעכְטְן יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס קוּמְט צוּ אִים, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַ תִּיקוּן, זָאל עֶר זַיין ווִי אַזוֹי עֶר זָאל זַיין וְכוּ'.

מֶען גֶעפִינְט, עֶס שְׁטֵייט בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ (שְׁמוּאֵל א', כ"ב ב') "וַיִּתְקַבְּצוּ אֵלָיו כָּל אִישׁ מָצוֹק וְכָל אִישׁ אֲשֶׁר לוֹ נֹשֶׁא וְ'כָל אִ'ישׁ מַ'ר נֶ'פֶשׁ וַיְהִי עֲלֵיהֶם לְשָׂר וַיִּהְיוּ עִמּוֹ כְּאַרְבַּע מֵאוֹת אִישׁ" וָוארוּם בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאבְּן זִיךְ צַאמְגֶעקְלִיבְּן אַלֶע פַארְבִּיטֶערְטֶע אוּן אַלֶע צֶעבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן ווָאוּנְדֶער נָאךְ ווָאוּנְדֶער אַז וְ'כָל אִ'ישׁ מַ'ר נֶ'פֶשׁ אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אוּמַ"ן, אִיבֶּער דֶעם טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, מֶען דַארְף ווִיסְן אַז אִיךְ קוּם צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַז יֶעדֶער זָאל קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר פַארְרֶעכְט יֶעדְן אֵיינֶעם, אִיבֶּערְדֶעם טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן קַיין שׁוּם בְּרִיאָה אוֹיף דֶער וֶועלְט.

אֱמֶת עֶס דְרֵייט זִיךְ אַרוּם מְשׁוּגָּעִים וְכוּ' וָואס זִינְגֶען נַ' נַח' וְכוּ', וָואס דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן ווִי סְ'אִיז בַּאוואוּסְט בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט אַז אַ אִיד מִיטְן נָאמֶען ר' יוֹאֵל אַשְׁכְּנַזִי זַ"ל וָואס הָאט גֶעווָאוֹינְט אִין טְבֶרְיָה הָאט דָאס אַרַיינְגֶעלֵייגְט בַּיי יֶענֶעם אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אוּן עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ גֶעמֵיינְט אַז עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּן הִימְל אַ צֶעטְל... אוּן פוּן דֶעם אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן דָאס מְשׁוּגַּעַת, וְכוּ', אָבֶּער סְ'הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שַׁייכוּת מִיט בְּרֶסְלֶבֶער חֲסִידוּת, נָאר אַזוֹי ווִי דֶער סַמֶ"ךְ מֵ"ם לָאקֶערְט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס עֶס וֶוערְט מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן שְׁטֶעלְט אִים מְנִיעוֹת אוֹיפְן וֶועג וְכוּ', אִיז דָאס אוֹיכֶעט אַ גְרוֹיסֶער מְנִיעָה, וָוארוּם טַאטֶעס הָאבְּן אַ טַעֲנָה צוּ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וְכוּ', קוּק עֶס דְרֵייט זִיךְ דָארְטְן אַרוּם מְשׁוּגָּעִים, וְכוּ', טַאנְצְן אוֹיף דִי גַאסְן וְכוּ', אִיךְ ווִיל נִישְׁט אַז דוּ זָאלְסְט גֵיין צְווִישְׁן זֵיי וְכוּ', אוּן דֶער טַאטֶע אִיז גֶערֶעכְט, וַוייל קַיין פָּאטֶער ווִיל נִישְׁט אַז זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ דְרֵייעֶן צְווִישְׁן מְשׁוּגָּעִים, וְכוּ', אָבֶּער דֶער טַאטֶע וֵוייסְט נִישְׁט אַז דָאס זֶענֶען נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבֶער חֲסִידִים, דָאס אִיז מְשׁוּגָּעִים וָואס הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעטְשֶׁעפֶּעט וְכוּ'.

זָאל דֶער טַאטֶע בַּאזוּכְן בְּרֶסְלֶבֶער חֲסִידִים וָואס זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן דוּרְךְ "הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ" וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בּוֹיעֶט (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ט) וֶועט עֶר זֶען אַן אַנְדֶערֶע וֶועלְט פַאר זִיךְ, בָּחוּרִים אוּן יוּנְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען מַתְמִידִים אִין תּוֹרָה, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיט אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן דַפִּין גְמָרָא, אוּן סִימָנִים שׁוּלְחָן עָרוּךְ וְכוּ', וְכוּ', מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה, מַמָּשׁ נִישְׁט צוּ בַּאשְׁרַייבְּן וָואס אַ בְּרֶסְלֶבֶער חָסִיד אַ תַּלְמִיד פוּן "הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ" לֶערְנְט צַאם יֶעדְן טָאג, אוּן זַיין הַנְהָגָה מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר אַן אַנְדֶערְן אִיז גָאר אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ, זַיין דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט אַ חַיּוּת מִיט אַ בְּרֶען, זַיין שִׂמְחָה, אִיז קַיין גְלַייכְן נִישְׁטָא, וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן? הָאֱמֶת עֵד לְעַצְמוֹ.

אַוַודַאי פֶעלְט נִישְׁט קַיין לֵיצָנִים אִין יֶעדְן דוֹר, אָבֶּער שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט (מִשְׁלֵי ט') "אִם חָכַמְתָּ חָכַמְתָּ לָּךְ וְלַצְתָּ לְבַדְּךָ תִשָּׂא", אוֹיבּ דוּ בִּיסְט קְלוּג בִּיסְטוּ קְלוּג פַאר דִיר אוּן אוֹיבּ דוּ מַאכְסְט לֵיצָנוּת מַאכְסְטוּ לֵיצָנוּת פוּן דִיר אַלֵיין, דָאס לֶעבְּן אִיז אַזוֹי קוּרְץ ווִי סְ'שְׁטֵייט (תְּהִלִּים צ') "יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה וְאִם בִּגְבוּרוֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה", אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ס"א) דָאס דִי זִיבֶּעצִיג יָאר פְלִיעֶט אַרִיבֶּער פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ אַזוֹי ווִי פוּפְצְן מִינוּט, (אַ יוּנְגֶער מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵייט דָאס

המשך בדף ד

# מֶען קוּמְט זִיךְ הֵיילְן

המשך

נִישְׁט) דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה צ"ו סִימָן ב׳) כְּצֵל יָמֵינוּ עַל הָאָרֶץ וְאֵין מִקְוֶה, וְהַלְוַאי כְּצִלּוֹ שֶׁל כּוֹתֶל אוֹ כְּצִלּוֹ שֶׁל אִילָן אֶלָּא כְּצִלּוֹ שֶׁל עוֹף בְּשָׁעָה שֶׁהוּא עָף דִכְתִיב (תְּהִלִּים קד) כְּצֵל עוֹבֵר, וְאֵין מִקְוֶה, וְאֵין מִי שֶׁיִּקְוֶה שֶׁלֹּא יָמוּת הַכֹּל יוֹדְעִים וְאוֹמְרִין בְּפִיהֶם שֶׁהֵן מֵתִים; אִיז וָואס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ מַאכְן לֵיצָנוּת? נֶעבֶּעךְ אַלֶע צָרוֹת קוּמְט פַארְן מֶענְטְשׁ נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת פֶּרֶק ב׳ הֲלָכָה ח׳) קָשֶׁה הִיא הַלֵּיצָנוּת שֶׁתְּחִילָתוֹ יְסוּרִין וְסוֹפוֹ כְּלָיָה.

אוּן וֶוען מֶען זֶעט אַ לֵץ דַארְף מֶען וִויסְן אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל עֲבֵירָה, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (דֶּרֶךְ אֶרֶץ זוּטָא פֶּרֶק ד׳) תְּחִילַּת עֲבֵירָה הִרְהוּר הַלֵּב, וּשְׁנִיָּה לָהּ לֵיצָנוּת; אֵיידֶער אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן מִיטְן בִּיטֶערְן חֵטְא פוּן פְּגַם הַבְּרִית אִיז עֶר פוּל מִיט הִרְהוּרִים רָעִים שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, בִּיז עֶר קוּמְט צוּ גְרָאבֶּע חֲטָאִים וְכוּ׳, אוּן אֵיינְמָאל עֶר זִינְקְט שׁוֹין אִין גֶעמֵיינֶע גְרָאבֶּע חֲטָאִים דֶעמָאלְטְס מַאכְט עֶר לֵיצָנוּת פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים נ"ה) "שָׁלַח יָדָיו בִּשְׁלוֹמָיו חִילֵּל בְּרִיתוֹ" אֵיינֶער טְשֶׁעפֶּעט עֶרְלִיכֶע אִידְן אִיז אַ סִימָן עֶר אִיז פָּגוּם בִּבְּרִית, מִיר גֶעפוּנֶען אָבוֹת הָעוֹלָם הָאבְּן גֶעהַאט רְשָׁעִים וָואס זֵיי הָאבְּן פוּן זֵיי גֶעמַאכְט לֵיצָנוּת אוּן אַלֶע עֶרְלֵיי גֶעלֶעכְטֶער, בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ שְׁטֵייט (מֶדְרָשׁ אַגָּדָה בְּרֵאשִׁית) לְפִי שֶׁהָיוּ לֵיצָנֵי הַדּוֹר אוֹמְרִים מֵאֲבִימֶלֶךְ נִתְעַבְּרָה שָׂרָה; אַזֶעלְכֶע גֶעמֵיינֶע לֵצִים אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט. בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (שְׁמוֹת רַבָּה פַּרְשָׁה נ"ב סִימָן ב׳) הָיָה מֹשֶׁה עוֹשֶׂה בַּמִּשְׁכָּן וְהָיוּ לֵיצָנֵי יִשְׂרָאֵל אוֹמְרִים אֶפְשָׁר שֶׁהַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה עַל יְדֵי בֶּן עַמְרָם; דִי רְשָׁעִים לֵיצָנִים הָאבְּן אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְמַאנֶען דֶעם הֵיילִיגְן נָאמֶען פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, נָאר מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן מִיט גֶעשְׁפֶּעט אוֹיפְן פַאמִילְיֶע נָאמֶען, ׳בֶּן עַמְרָם׳, אוּן בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (יְרוּשַׁלְמִי שְׁקָלִים פֶּרֶק ב׳ הֲלָכָה ה׳) אֵין דּוֹר שֶׁאֵין בּוֹ לֵיצָנִין כְּדוֹרוֹ שֶׁל דָוִד; עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְטְס נִידֶערְטְרֶעכְטִיגֶע לֵיצָנִים וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אוּנְטֶערְן פֶּענְסְטֶער פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ אוּן גֶעמַאכְט פוּן אִים אַלֶע גֶעשְׁפֶּעט וְכוּ׳, עַיֵּין שָׁם.

אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי אַלֶע לֵיצָנֵי הַדּוֹר, וִוי סְ׳אִיז דָא אַן עֶרְלִיכֶע אִיד וָואס אִיז דָבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר אִיז מְקָרֵב אִידְן צוּ דִי קְדוּשָׁה, שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף אַקֶעגְן אִים בִּיטֶערֶע מִתְנַגְּדִים לֵיצָנֵי הַדּוֹר וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי זִיךְ, נָאר זוּכְן אַ חֲבוּרָה וָואס זֵיי רֶעדְן נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וְכוּ׳, אוּן זֵיי רֶעדְן נָאר דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, אוּן זֶענֶען עוֹסֵק שְׁטֶענְדִיג אִין לֶערְנֶען, מִשְׁנַיּוֹת, גְמָרָא, שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וְכוּ׳, צְוִוישְׁן אַלֶע בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידִים קֶען מֶען דֶערְקֶענֶען זֵייעֶר גְרִינְג אַ תַּלְמִיד פוּן "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ", קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, קוּם צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן, אוּן בֶּעט דִיךְ אוֹיס אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, גֶעזוּנְט, פַּרְנָסָה, נַחַת, אוּן אַרוֹיסְגֵיין שׁוֹין פוּן אַלֶע צָרוֹת, אוּן עֶס זָאל שׁוֹין אִינְטֶערְגֵיין דִי מַלְכוּת הַמִּינוּת, וָואס אַלֶע צָרוֹת נֶעמְט זִיךְ פוּן זֵיי, אוּן עֶס זָאל נִתְגַלֶּה וֶוערְן דָאס מַלְכוּת דִקְדוּשָׁה, אוּן עֶס זָאל מְקוּיָּים וֶוערְן "וְיֵדַע כָּל פָּעוּל כִּי אַתָּה פְּעַלְתּוֹ וְיָבִין כָּל יְצוּר כִּי אַתָּה יְצַרְתּוֹ וְיֹאמַר כֹּל אֲשֶׁר נְשָׁמָה בְּאַפּוֹ הַוַיָ"ה אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל מֶלֶךְ וּמַלְכוּתוֹ בַּכֹּל מָשָׁלָה".

(אשר בנחל באידיש חלק א׳ מכתב ל"א)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

~~~

## מוהרא"ש שליט"א וועט קומען באזוכן אין קעמפ ראש חודש אלול

גרויס פרייד הערשט ביי די בחורים אין ישיבה צו די בשורה טובה אז מוהרא"ש שליט"א וועט קומען אפשטאטן א באזוך אין קעמפ און רעדן צו די בחורים.

נאך שבת וועט זיך מוהרא"ש צוריק קערן פון ארץ ישראל, און דינסטאג, א׳ דר"ח אלול, וועט מוהרא"ש שליט"א קומען אין קעמפ צו א סעודת ראש חודש מיט די בחורים, אום 4:00 נאכמיטאג, און מען וועט זוכה זיין צו הערן דברות קודש.

דעם קומענדיגע דאנערשטאג וועט ווייטער פארקומען די ליל שישי שיעור ווי געווענליך.

**בזמן שהצדיק בעיר הוא הודה הוא זיוה הוא הדרה!**

\*\*\*

## שיינע חתונה פון תלמיד הישיבה

דעם מאנטאג איז פארגעקומען א שיינע חתונה פון החתן מו"ה ישראל מאיר גפן הי"ו אינעם זאל פון קרית יואל פאראדייס.

אלע בחורים זענען געקומען צו פארן פון קעמפ זיך מיטצופרייען מיט די שמחה פון זייער חבר, די בחורים האבן געטאנצען און משמח געווען ביז אין די שפעטע שעה׳ן.

דערנאך זענען די בחורים צוריק געפארן אין קעמפ, ווייטער אנצוגיין מיט די עבודת הקודש.

דעם מוצאי שבת וועט פארקומען א גרויסארטיגע שבע ברכות לכבוד דעם חתן אין קעמפ, צוגעשטעלט דורך די ישיבה.

**שמח תשמח רעים האהובים.**

\*\*\*

*גייענדיג צום דרוק*

## בחורים פארן ארויס צום ציון הקדוש פון רביה"ק מסאטמאר זצוק"ל לרגל יומא דהילולא

יעצט דאנערשטאג פארנאכט פארן די בחורים ארויס צום ציון הקדוש אין קרית יואל זיך אויסבעטן אלעס גוטס צו די יארצייט וואס געפאלט מארגן פרייטאג כ"ו אב.

ביינאכט וועט פארקומען די סעודת הילולא אין בית המדרש היכל הקודש אין קרית יואל צוגעשטעלט דורך די קהלה, וואו מען וועט איבער׳חזר׳ן די לימודים פונעם בעל הילולא.

**תורתו מגן לנו, הוא מאירת עינינו!**


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה ישראל מאיר גפן הי"ו**

תלמיד ישיבתינו הק׳

צו זיין שמחת החתונה למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים, אמן.

## הגליון הזה נתנדב לזכות

מו"ה **אשר זעליג בן אסתר** הי"ו

ויה"ר שיתברך מפי א-ל עליון בבני חיי ומזוני רויחא בשפע ובניקל, ובכל אשר יפנה יצליח.

ולע"נ

ר׳ **אברהם יוסף** בן ר׳ **שמשון** ז"ל

ת.נ.צ.ב.ה.

## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ׳ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

**27 Skillman St.**

אדער רופט 347-977-7994

## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות.................7:43
מוצש"ק..........................9:13
סוף זמן ק"ש....................8:54

**שיעורים כסדרן**
בבלי.........................פסחים מ"ד
ירושלמי................בבא קמא ל"ב
תוספתא............עירובין פרק ו'

פרשת שופטים, אבות פרק א', שנת תשע"ג לפ"ק — שנה 2, גליון 47 (97)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**שׁוֹפְטִים וְשׁוֹטְרִים תִּתֶּן לְךָ בְּכָל שְׁעָרֶיךָ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נוֹתֵן לְךָ,** מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"א) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אוֹיף זַיין פָּנִים אַ מְנוֹרָה פוּן זִיבְּן לִיכְט, וָואס דָאס זֶענֶען דִי זִיבְּן לֶעכֶער פוּנֶעם קָאפּ, דִי צְוֵויי אוֹיגְן, דִי צְוֵויי אוֹיעֶרְן, דִי נָאז לֶעכֶער, אוּן דִי מוֹיל, אוּן דָאס זֶענֶען צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם מֹחַ, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ הֵיילִיגְן דִי זִיבְּן לִיכְט, וֶוערְט זַיין מֹחַ רֵיין אוּן הֵיילִיג אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

אִין סֵפֶר יְצִירָה (פֶּרֶק ד' מִשְׁנָה י"ב) וֶוערְן דִי זִיבְּן לִיכְט אָנְגֶערוּפְן "דִי זִיבְּן טוֹיעֶרְן".

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, **שׁוֹפְטִים וְשׁוֹטְרִים תִּתֶּן לְךָ בְּכָל שְׁעָרֶיךָ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נוֹתֵן לְךָ,** דוּ דַארְפְסְט שְׁטֶעלְן שׁוֹפְטִים אוֹיף דִי אַלֶע טוֹיעֶרְן פוּן דַיין קָאפּ, דָאס מֵיינְט אַז דוּ דַארְפְט זִיךְ אַלֵיין מִשְׁפָּט'ן יֶעדְן טָאג, זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "זֶענֶען מַיינֶע אוֹיגְן אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אִיךְ קוּק נָאר וִוי מֶען מֶעג? זֶענֶען מַיינֶע אוֹיעֶרְן אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אִיךְ הֶער נָאר וָואס מֶען מֶעג? אִיז מַיין נָאז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי מִדָּה פוּן כַּעַס, רֶעג אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אוֹיף? אִיז מַיין מוֹיל אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אִיךְ רֶעד נָאר וָואס מֶען מֶעג?

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁמוּעֶסְט דָאס אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵייט שׁוֹין אַרָאפּ פוּן אִים אַלֶע קִטְרוּגִים, אוּן עֶס קֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט גֶעשֶׁעהְן קַיין שְׁלֶעכְטְס, אַזוֹי וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (סִפְרֵי שׁוֹפְטִים) "כְּשֶׁיֵּשׁ דִין לְמַטָּה אֵין דִין לְמַעְלָה" - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מִשְׁפָּט זִיךְ אַלֵיינְ'ס דָא אוּנְטְן, קֶען מֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט מִשְׁפָּט'ן אוֹיבְן.

וואוֹיל אִיז פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט!

(זֹאת הַתּוֹרָה שׁוֹפְטִים א')

***

**מִקֶּרֶב אַחֶיךָ תָּשִׂים עָלֶיךָ מֶלֶךְ, לֹא תוּכַל לָתֵת עָלֶיךָ אִישׁ נָכְרִי אֲשֶׁר לֹא אָחִיךָ הוּא,** מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ אַלֶעם פִּירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ~

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ב' סִימָן י"ז) אַז בֶּאֱמֶת קֶען מֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי חִילוּק פוּן "טֶבַע" אוּן "הַשְׁגָּחָה", אַלֶעס פִּירְט דָאךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס גֶעשֶׁעהט אוֹיף דִי וֶועלְט קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ דִי זַאכְן וָואס זֶעהְן אוֹיס וִוי אַ טֶבַע, עֶס אִיז אִין דִי טֶבַע פוּן דִי וֶועלְט אַז עֶס זָאל זִיךְ אַזוֹי פִירְן, אָבֶער בֶּאֱמֶת קוּמְט דָאס אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי וֶועלְט אַז עֶס זָאל זִיךְ אַזוֹי פִירְן.

דָאס דַארְף זִיךְ אַ אִיד אַרַיין נֶעמֶען אִין קָאפּ, אוּן שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְן אַז אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט פִּירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן דֶערְפַאר וָואס מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן דַארְף מֶען זִיךְ נָאר וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט מֶען גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶעס גוּטְס.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן גֵייט עֶר אַרוֹיס פוּן דִי טֶבַע אוּן עֶר לֶעבְּט נָאר מִיט הַשְׁגָּחָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ר"נ) אַז אֲפִילוּ דִי טֶבַע אִיז אַז עֶס זָאל עֶפֶּעס גֶעשֶׁעהְן, אָבֶער מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען עֶס טוֹישְׁן, אוּן דֶערְפַאר וֶוער עֶס בֶּעהְט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען זֶעהְן מַמָּשׁ אָפֶענֶע נִיסִים, עֶר זֶעהט אַסַאךְ מָאל וֶוען עֶר בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וֶוערְט גֶעהָאלְפְן מִיט גָאר גְרוֹיסֶע נִיסִים לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע, אוּן דָאס בְּלָאזְט אַרַיין אַ הָאפֶענוּנְג אִינֶעם מֶענְטְשׁ, אַז עֶר זָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן זַיינֶע שְׁוֶועריקַייטְן אִין לֶעבְּן, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז אַלֶעס פִּירְט

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן א' סִימָן נ"ו) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ אַ שְׁטִיקְל מַלְכוּת, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ שְׁטִיקְל קֶענִיג, אֵיינֶער מֶער אוּן אֵיינֶער וֶוייניגֶער. אֵיינֶער אִיז אַ קֶענִיג בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים אוֹיף זַיין מִשְׁפָּחָה, אֵיינֶער אִיז אַ קֶענִיג אוֹיף זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַרוּם זִיךְ, אֵיינֶער אִיז אַ קֶענִיג אוֹיף מֶער מֶענְטְשְׁן, דָאס מֵיינְט אַז עֶר אִיז בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף זֵיי, זֵיי דַארְפְן אִים פָאלְגְן.

אוּן מֶען דַארְף זֶעהְן צוּ נִיצְן דִי קֶענִיגְרַייךְ נָאר אוֹיף גוּטֶע צְוֶועקְן, נִישְׁט צוּ גֶעוֶועלְטִיגְן סְתָּם אַזוֹי אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן, נָאר זֵיי צוּ מְחַזֵק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן, אוּן זֵיי בְּרֶענְגְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **שׂוֹם תָּשִׂים עָלֶיךָ מֶלֶךְ**, דוּ זָאלְסְט נִיצְן דִי מַלְכוּת נָאר, **אֲשֶׁר יִבְחַר ה' אֱלֹקֶיךָ בּוֹ**, אַז דוּ זָאלְסְט אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג גֵיין צוּ אִים. אוּן דֶער עִיקָר אִיז, **מִקֶּרֶב אַחֶיךָ תָּשִׂים עָלֶיךָ מֶלֶךְ**, דוּ דַארְפְסְט זַיין אַ קֶענִיג מִיט בְּרוּדֶערְשַׁאפְט, מִיט אַ לִיבְּלִיכְקַייט, צוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוּן שְׁטַארְקְן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַרוּם דִיר, **לֹא תוּכַל לָתֵת עָלֶיךָ אִישׁ נָכְרִי אֲשֶׁר לֹא אָחִיךָ הוּא**, מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַ קֶענִיג, אוֹיבּ מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף וִוי אַ פְרֶעמְדֶער, אָן רַחֲמָנוּת.

וואוּיל אִיז פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס נִיצְט אוֹיס זַיין מַלְכוּת צוּ מְחַזֵק זַיין אִידְן אוּן זֵיי דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה שׁוֹפְטִים ה')

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

זִיךְ פוּן זִיךְ אַלֵיין בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע, וֶועט עֶר צוּבְּרָאכְן וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, אָבֶּער וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה, הָאט מֶען אַ פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן.

**וֶוער גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קְלֵיידֶער?**

אִין דִי שְׁטָאט בַּארְדִיטְשׁוּב הָאבְּן גֶעוואוֹינְט אַסַאךְ בְּרֶסְלַבּ'עֶ חֲסִידִים, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זי"עַ, עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ דָארְט קוּמֶען אוּן מְחַזֵק זַיין דִי אִידְן אִין עֲבוֹדַת ה', אוּן צְוִוישְׁן דִי חֲבוּרָה אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען גָאר פָּשׁוּטֶע אִידְן, שְׁנַיידֶערְס אוּן שׁוּסְטֶערְס, אָבֶּער עֶר הָאט זֵיי אַזוֹי גֶעשְׁטַארְקְט אוּן מְחַזֵק גֶעוֶוען, אַז זֵיי הָאבְּן גֶעלֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק, אַז זֵיי הָאבְּן מַמָשׁ גֶעזֶעהְן אוֹתוֹת וּמוֹפְתִים, מַמָשׁ נִיסִים לְמַעְלָה מִדֶרֶךְ הַטֶבַע.

אֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי יַעֲקֹב, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן רֶבִּי יַעֲקֹב בַּארְדִיטְשׁוּבֶער, אָדֶער רֶבִּי יַעֲקֹב שְׁנַיידֶער, צוּלִיבּ זַיין פַאךְ וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁנַיידֶער, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, אָבֶּער וֶוען עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעלֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִין זַיינֶע עֶלְטֶערֶע יָארְן הָאט עֶר זִיךְ אַרִיבֶּער גֶעצוֹיגְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דָארְט אוֹיסְצוּלֶעבְּן זַיינֶע יָארְן, פוּן אָנְפַאנְג הָאט עֶר גֶעוואוֹינְט אִין שְׁטָאט יָפוֹ וָואס דָארְט קוּמֶען אָן דִי שִׁיפְן צוּם פָּארְט, אוּן עֶר פְלֶעגְט זִיךְ טוֹבְלְ'ן אִין יַם יֶעדְן פַארְטָאגְס, אָבֶּער דָארְט פְלֶעגְן זִיךְ דְרֵייעֶן אַסַאךְ אַרַאבֶּערְס גְרוֹיסֶע גַנָבִים, זֵיי פְלֶעגְן גַנְבְ'עֶנֶען וָואס עֶס אִיז זֵיי גֶעקוּמֶען אוּנְטֶער דִי הַאנְט, אוּן זֵיי פְלֶעגְן אוֹיךְ אַסַאךְ גַנְבְ'עֶנֶען דִי וֶועשׁ פוּן דִי וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעבָּאדְן אִין יַם.

אָבֶּער אַזוֹי וִוי רֶבִּי יַעֲקֹב הָאט גֶעוָואלְט זִיךְ טוֹבְלְ'ן פַּארְטָאגְס אִין יַם, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל גַנְבְ'עֶנֶען זַיינֶע קְלֵיידֶער, הָאט עֶר יֶעדֶעס מָאל גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען זַיינֶע וֶועשׁ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז עֶס אִיז יֶעדְן טָאג גֶעקוּמֶען אַ הוּנְט וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בַּיי זַיינֶע וֶועשׁ אוּן אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אַז קֵיינֶער זָאל עֶס נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען אִים גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שְׁלֶעכְטְס, וַוייל עֶר בֶּעהְט אַלֶעס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי תְּפִלוֹת דְרֵייעֶן אִיבֶּער דִי טֶבַע אַז עֶס זָאל אִים גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן.

**זֵיי פָארְן צוּ דִי אַרְבֶּעט...**

דִי חֲבוּרָה פוּן דִי בְּרֶסְלַבּ'עֶ חֲסִידִים אִין בַּארְדִיטְשׁוּב זֶענֶען גֶעוֶוען בַּאקַאנְט מִיט זֵייעֶר גְרוֹיס תְּמִימוּת אוּן עֶרְלִיכְקַייט, אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען פָּשׁוּטֶע אִידְן, הָאבְּן זֵיי אָבֶּער גֶעלֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהְן מַמָשׁ אוֹתוֹת וּמוֹפְתִים.

עֶס הָאט דֶערְצֵיילְט אַ בְּרֶסְלַבּ'עֶר אִיד וָואס אִיז גֶעוֶוען חוֹדֶשׁ אֱלוּל דָארְט אִין שְׁטָאט בַּארְדִיטְשׁוּב, אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט מְעוֹרֵר זַיין דִי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן דָארְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן אִין אוּמַן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַז זֵיי זָאלְן מִיטְקוּמֶען מִיט אִים צוּ פָארְן מִיט דִי בַּאן פוּן בַּארְדִיטְשׁוּב קַיין אוּמַן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער אַזוֹי וִוי דִי אָרִימְקַייט אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס דָארְט, הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט צוּ צָאלְן פַאר דִי בַּאן צוּ פָארְן אוֹיף אוּמַן.

הָאבְּן מֶען גֶעשְׁמוּעֶסְט דָארְט בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן פָארְן צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעטְרַאכְט עֵצוֹת וִוי אַזוֹי זֵיי קֶענֶען פָארְן אוֹיף אוּמַן, אִיז זֵיי בַּייגֶעפַאלְן אַז אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט דִי גֶעזֶעץ אַז וֶוען אַן אַרְבֶּעטֶער פָארְט צוּ דִי אַרְבֶּעט דַארְף עֶר צָאהלְן נָאר הַאלְבּ דִי פְּרֵייז פַאר דִי בַּאן, וֶועלְן זֵיי גֵיין צוּ דֶעם בַּאאַמְטֶער וָואס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי בַּאנֶען אוּן זֵיי וֶועלְן אִים זָאגְן אַז אִין אוּמַן אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶער אוּנְטֶערְנֶעמֶער וָואס בּוֹיעֶט גְרוֹיסֶע בִּנְיָנִים אוּן זֵיי פָארְן אַרְבֶּעטְן פַאר יֶענֶעם, אוּן אַזוֹי וֶועלְן זֵיי קֶענֶען פָארְן פַאר הַאלְבּ פְּרֵייז.

וֶוער אִיז דֶער וָואס בּוֹיעֶט דִי גְרוֹיסֶע בִּנְיָנִים אִין אוּמַן? דָאס אִיז דֶער רֶבִּי, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רצ"ג)

המשך בדף ג

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

"וָואס הָאט אִיר צוּ טְרַאכְטְן? אִיר דַארְפְט נָאר גֶעבְּן דִי שְׁטֵיינֶער אוּן לֵיים, אוּן אִיךְ וֶועל בּוֹיעֶן פוּן דֶעם הֶערְלִיכֶע שֵׁיינֶע בִּנְיָנִים", קוּמְט אוֹיס אַז זֵיי אַרְבֶּעטְן פַארְן רֶבִּי'ן, אוּן דֶערְפַאר קֶענֶען זֵיי בַּאקוּמֶען אַ טִיקֶעט אוֹיפְן בַּאן פַאר הַאלְבּ פְּרֵייז.

אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעטוּהן, גְלַייךְ נָאךְ שַׁבָּת זֶענֶען זֵיי צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם בַּאאַמְטֶער פוּן דִי בַּאן, אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז זֵיי דַארְפְן פָארְן בּוֹיעֶן גְרוֹיסֶע בִּנְיָנִים אִין אוּמַן, אוּן יֶענֶער הָאט זֵיי תֵּיכֶּף גֶעגֶעבְן דִי טִיקֶעטס פַאר הַאלְבּ פְּרֵייז...

הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט נָאכְדֶעם, אַז וֶוען עֶר זָאל דָאס נִישְׁט זֶעהן מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן וָואלְט עֶר עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט גְלֵייבְּן, אַז מִיט זֵייעֶר גְרוֹיס תְּמִימוּת הָאבְּן זֵיי אָפְּגֶעמַאכְט בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת אַז אַזוֹי וִוי זֵיי אַרְבֶּעטְן פַארְן רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי בּוֹיעֶט פוּן דֶעם גְרוֹיסֶע בִּנְיָנִים, דַארְפְן זֵיי בַּאקוּמֶען דִי טִיקֶעטס פַאר הַאלְבּ פְּרֵייז, אוּן זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין אַנְדֶערְשׁ...

אוּן טַאקֶע וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אִין זִיךְ תְּמִימוּת אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעלֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאבְּן זֵיי טַאקֶע גֶעזֶעהן נִיסִים חוּץ לַדֶּרֶךְ הַטֶּבַע.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן דִי טֶבַע אִיז אוֹיךְ אוּנְטֶער גֶעוָוארְפְן אוּנְטֶערְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט עֶר זֶעהן מִיט דִי אוֹיגְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים שְׁטֶענְדִיג הֶעלְפְן לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י' עֶרֶךְ טֶבַע)


# מוסדות היכל הקודש ברסלב

**בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א**

**27 Skillman St.**

## ראש השנה שלי עולה על הכל

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מען קען ביי אונז באקומען אלע געברויכן צו זיין ביים הייליגן רבינ'ס ציון אין אומן אויף ראש השנה הבעל"ט אויפן שענסטן און בעסטן אופן.

***

**מיר האבן צוגעשטעלט דאס יאר הערליכע דירות אין "קרית ברסלב", אינאיינעם מיט אנשי שלומינו. אלע סעודות שבת ויום טוב ווערט צוגעשטעלט אויפן בעסטן אופן, אויף אן אמעריקאנעם שטייגער.**

**פאר די דירות פאר אינגעלייט קענט איר רופן**

מו"ה יחזקאל סאמעט הי"ו און מו"ה שאול גאנץ הי"ו

**347-452-0412**

**פאר די דירות פאר בחורים קענט איר רופן**

הבחור שבתי מארקוס נ"י

**347-666-2803**

***

**אויך קען מען באקומען גאר ביליגע עירליין טיקעטס**

הבחור מרדכי הערצאג נ"י

**718-344-8504**

***

**פאר סעלפאנס מיט א 718 נומבער, ווי אויך טרעוועל אינשורענס, און פאר אלע אייערע טרעוועל געברויכן.**

**1888-Rent-A-Cell**

***

**פאר א זיץ אין בית המדרש הגדול היכל הקודש אין אומן - 845-467-5299**


# מֶען לָאזְט אִיבֶּער דִי פְּרוֹיעֶן?

אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט שָׁלוֹם מַאכְן מִיט דַיין וַוייבּ, זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם, וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וִויל דִיךְ אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכְן, אוּן דִי רְשָׁעִים וָואס זֵיי רֶעדְן אַיין דִי פְּרוֹיעֶן אַז בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים הָאבְּן נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, זֶענֶען פְּשׁוּטֶע רְשָׁעִים אוּן רֶעדְן לָשׁוֹן הָרָע, וַוייל אַן אֶמֶת'ער בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד וָואס פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, אִיז זֵייעֶר מְכַבֵּד דָאס וַוייבּ, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת סב.) הָאוֹהֵב אֶת אִשְׁתּוֹ כְּגוּפוֹ וְהַמְכַבְּדָהּ יוֹתֵר מִגּוּפוֹ עָלָיו הַכָּתוּב אוֹמֵר "וְיָדַעְתָּ כִּי שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ"; אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד וָואס פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אִיז זֵייעֶר מְכַבֵּד דָאס וַוייבּ, אוּן הֶעלְפְט אִיר אַרוֹיס מִיט אַלֶעם, אוּן עֶס אִיז פַארְהַאנֶען שְׁלֶעכְטֶע פְרוֹיעֶן וָואס זֶענֶען מְקַנֵּא דִי חַבֶרְטֶ'עס וָואס זֵיי הָאבְּן מֶענֶער בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים אוּן זַיין לֶעבְּן צֶעזַאמֶען מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט אוּן הֶעלְפְן אַרוֹיס אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן וְכוּ', אוּן זֵיי הָאבְּן עֶס נִישְׁט, אִיבֶּערְדֶעם רֶעדְן זֵיי אָן דִי פְּרוֹיעֶן אַקֶעגְן בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים, אוּן דָאס אִיז אַ פַּאקְט וָואס מֶען קֶען זֶען, אַ יוּנְגֶערְמַאן וָואס הִיט אָפּ זַיין שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אַן אֶמֶת'ער בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד.

וָואס אִיז גֶעשֶׁען? אֵיינְמָאל אַ יָאר פָּארְט עֶר אַוֶועק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן! וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען מַאכְן אַזַא אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ? עֶס אִיז דָא חֲסִידִים וָואס זֵיי פָארְן עֶטְלִיכֶע מָאל אִין יָאר צוּ זֵייעֶרע רֶבִּי'ס אוּן לָאזְן אִיבֶּער זֵייעֶרע פְרוֹיעֶן, אוּן עֶס קֶערְט זִיךְ נִישְׁט אִיבֶּער דִי וֶועלְט. נָאר אַז אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד פָּארְט אֵיינְמָאל אִין יָאר אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיז קוּמְט בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים מַחְלוֹקֶת קְרִיגֶערֵייעֶן וְכוּ' וְכוּ'? בִּשְׁעַת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעבֶּעטְן אַז יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס עֶס גְלֵייבְּט אִין אִים אוּן לֶערְנְט זַיין תּוֹרוֹת, זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר וֶועט אִים אַ טוֹבָה טוּן. אִיז דֶען גֶעוֶוען אַמָאל אַ צַדִּיק וָואס הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעבֶּעטְן זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן חֲסִידִים אַז זֵיי זָאלְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? אוּן דָא הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּפֵירוּשׁ גֶעבֶּעטְן בַּיי דִי תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט עֶר זֵיי אַ טוֹבָה טוּן אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר.

גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן! דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בֵּיצָה ט"ז.) רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ פַארְן מֶענְטְשׁ זַיין בּוּדְזְשֶׁעט אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, וִויפִיל פַּרְנָסָה עֶר וֶועט הָאבְּן. וִוידֶער זָאגְן דִי חֲזַ"ל (רֹאשׁ הַשָּׁנָה טז:) רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דַן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר וָואס מִיט אִים וֶועט פַּאסִירְן וְכוּ' וְכוּ', אוּן לֵיידֶער זֶעעֶן מִיר וָואסְפַארַא אוּמְגְלִיקְן פַּאסִירְט יֶעדְן טָאג לֹא עָלֵינוּ, וִויפִיל יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן וֶוערְן פַארְכַאפְּט אָפְּגֶעהִיטְן זָאל מֶען וֶוערְן, וִויפִיל קִינְדֶער גֵייעֶן אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט? וִויפִיל עֶקְסִידֶענְטְן פַּאסִירְן? וִויפִיל פֵייעֶרְן וֶוערְן אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אוּן פַארְבְּרֶענֶען אַלֶעס? וִויפִיל מֶענְטְשְׁן וֶוערְן אָן דָאס גֶעלְט אִין אֵיין נַאכְט אוּן וֶוערְן אָרִים, וְכוּ', וְכוּ'? אוּן וִויפִיל צָרוֹת אִיז דָא, וְכוּ', וְכוּ'!? אוּן דָא שְׁטֵייט אַ רֶבִּי אוּן שְׁרַייט פַאר זַיינֶע חֲסִידִים אוּן תַּלְמִידִים אוּן פַאר יֶעדְן אִיד: "קוּם צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט אַייךְ גוּט זַיין אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר!", אִיז אַנְשְׁטָאט מֶען זָאל פְרֵייעֶן זִיךְ אַז דֶער מַאן פָּארְט צוּ אַזַא הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַזַא הֵיילִיגֶע הַבְטָחָה, אוּן בֶּעט זִיךְ אוֹיס אַ גוּט יָאר פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי וַוייבּ אוּן פַאר דִי קִינְדֶער וְכוּ', קוּמְט

המשך בדף ד

# מֶען לָאזְט
# אִיבֶּער דִי פְּרוֹיעֶן?

המשך

אִים אוֹיף דֶעם פַארְשְׁטֵיינֶערְן? קוּמְט אִים אוֹיף דֶעם מֶען זָאל אִים מְבַזֶה זַיין אוּן שֶׁעלְטְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען וְכוּ'? קוּמְט וֶועגְן דֶעם צֶעבְּרֶעכְן אַ שְׁטוּבּ? דָאס וַוייבּ דַארְף דָאךְ טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז אִיר מַאן אִיז גֶעפָארְן צוּ אַזַא הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מְקַיֵּים זַיין דֶעם רָצוֹן פוּן צַדִיק!

מֶען זֶעט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ צָרָה גֶע'מִשְׁפָּט צוּ וֶוערְן פַאר אַ גְרוֹיסְן שׁוֹפֵט, דֶעמָאלְטְס נֶעמְט עֶר דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט, וָוארוּם מֶען גֵייט אִים פַארְמִשְׁפָּטְן אוֹיף טוֹיט חַס וְשָׁלוֹם, דֶעמָאלְטְס פַארְקוֹיפְט דִי וַוייבּ אַלֶעס וָואס זִי הָאט, אַבִּי אַז אִיר גֶעטְרֵייעֶ מַאן זָאל הָאבְּן גֶעלְט פַאר אַ גְרוֹיסְן לוֹיעֶר וָואס זָאל אִים קֶענֶען פַארְטֵיידִיגְן. אָדֶער וֶוען אַ דָאקְטֶער הָאט עֶרְפִינְדְן דֶעם בִּיטֶערֶע מַחְלָה בַּיי אֵיינֶעם לֹא עָלֵינוּ, וָואס טוּט עֶר נִישְׁט צוּ גֵיין צוּם גְרֶעסְטְן פְּרָאפֶעסֶער אִין דֶער וֶועלְט עֶר זָאל אִים קֶענֶען הֵיילְן? עֶר קַארְגְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, דָאס גֶעטְרֵייעֶ וַוייבּ טְרַייבְּט אִים: "פָּאר צוּם גְרֶעסְטְן פְּרָאפֶעסֶער, אוּן קוּק נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט, אַבִּי דִי זָאלְסְט הָאבְּן אַ רְפוּאָה מַיין גֶעטְרֵייעֶ מַאן!"

אוּן דָא אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס מֶען אִיז דַן יֶעדְן אֵיינְצִיגְן מַאן, וַוייבּ, קִינְדֶער; אוּן דֶער מַאן הָאט בַּאשְׁלָאסְן עֶר פָארְט צוּ אַזַא גְרוֹיסְן אוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער לוֹיעֶר, פַארְטֵיידִיגְט יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס עֶר קוּמְט צוּ אִים עֶר זָאל הָאבְּן אֲרִיכוּת יָמִים, עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער וָואס עֶר הֵיילְט יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן עֶר פוּעֶלְ'ט בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דִי אַלֶע וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶועזְן בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאלְן הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אוּן עֶס זָאל אִים גָארְנִישְׁט פֶּעלְן אַ גַאנְץ יָאר, אִיבֶּערְדֶעם קוּמְט דֶעם מַאן אַזוֹי צוּ רוֹדֶפְ'ן? - דָאס פְרֶעג אִיךְ יֶעדֶע פְרוֹי וָואס זִי רוֹדֶפְ'ט דֶעם מַאן וָואס אִיז גֶעוֶועזְן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, צִי דַארְפְסְטוּ דֶען צוּהֶערְן דַיין חַבֶרְ'טֶע וָואס אִיז דִיר מְקַנֵא אַז דוּ הָאסְט אַזַא גֶעטְרֵייעֶ מַאן וָואס הֶעלְפְט דִיר אַרוֹיס אַ גַאנְץ יָאר, אוּן עֶטְץ הָאטְץ אַזַא לֶעכְטִיגְן שָׁלוֹם בַּיִת?

(אשר בנחל באידיש חלק א' מכתב מ"ה)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

~~~

## מוהרא"ש שליט"א ערשיינט אין קעמפ פאר א סעודת ראש חודש

גאר גרויס איז געווען די שמחה ביי די בחורים אין ישיבה און ביי אלע תושבי המחנה צו האבן די געוואלדיגע זכי' צו מקבל פנים זיין כ"ק מוהרא"ש שליט"א וואס האט אפגעשטאט א באזוך אין קעמפ פאר א סעודת ראש חודש.

שוין פארגאנגענע וואך האט זיך אנגעהויבן די הכנות צום מעמד, ווען מען האט אויסגעברייטערט דעם בית המדרש אין קעמפ אז עס זאל קענען אקאמעדירן דעם ריזן ציבור וואס איז ווי ערווארטעט געקומען צו פארן פון איבעראל מיטהאלטן די סעודה און הערן דברות קודש פון מוהרא"ש שליט"א.

די צוגעבויעטע פליגל האט געגעבן פארן בית המדרש א נייעם אויסזעהן, און מען האט שוין אויך אין דעם געלעגנהייט איבער געפארבט די שוהל, אז עס זאל זיין הערליך פריש, לרגל די גרויסע געלעגנהייט.

די סעודה איז געווען פאררופן אויף דינסטאג נאכמיטאג. נאך אינמיטן טאג האט מען אנגעהויבן מיט די הכנות צום גרויסן קבלת פנים פאר מוהרא"ש שליט"א, די בחורים האבן זיך אויסגעשטעלט אויף א מייסטערהאפטיגן אופן, צו מקבל פנים זיין מוהרא"ש, אין א באזונדערע ווינקל זענען געשטאנען די טייערע קינדערלעך די תשב"ר אנגעטוהן מיט ווייסע העמדער אינאיינעם מיט זייערע מלמדים צו אויפנעמען דעם גרויסן גאסט.

מוהרא"ש שליט"א איז אנגעקומען בערך אום פינף אזייגער נאכמיטאג, מען האט געדאווענט מנחה, און דערנאך האט מען זיך געוואשן צו א סעודת ראש חודש, במשך די סעודה האט מען געזינגען אינאיינעם ווארימע התרגשות'דיגע ניגונים, און דערנאך האט מען געהאט די זכי' צו הערן דברות קודש פון מוהרא"ש שליט"א.

מוהרא"ש האט ארום גערעדט פון די גרויסקייט פון די יעצטיגע טעג, און ווי א בחור קען אויסנוצן די גרויסע טעג צו שטייגן גאר שטארק, און זיך אויסבעטן ביים אייבערשטן אלעס וואס ער וויל אין די טעג ווען עס איז דא אזא שטארקע עת רצון, ובפרט לויט ווי דער רבי זאגט אז חודש אלול איז מסוגל פאר שידוכים, איז יעצט די צייט וואס יעדער בחור קען פועל'ן א שידוך.

דערנאך האט מוהרא"ש גערעדט פון די גרויסקייט פון פארן אויף אומן צום הייליגן רבי'ן, וואו מען קען זיך אויס'פועל'ן א גוט געבענטשט יאר.

צום סוף האט מוהרא"ש שליט"א גע'חזר'ט מיט די בחורים די נוסח פון ראש השנה, אזוי ווי די לעצטע יארן דאווענט דער ראש ישיבה שליט"א פארן עמוד ביי מוהרא"ש אין בית המדרש אין אומן, אינאיינעם מיט א גרופע משוררים, בחורים פון ישיבה.

נאכן בענטשן זענען אלע בחורים דורך געגאנגען צו געבן שלום פאר מוהרא"ש, און מוהרא"ש האט זיך אינטערעסירט אויף יעדן בחור וואו ער האלט, און מחזק געווען די בחורים אז זיי וועלן אלע געהאלפן ווערן מיט וואס זיי דארפן.

דערנאך האט מען געדאווענט מעריב, און מען האט ארויס באגלייט מוהרא"ש שליט"א, וואס האט זיך אומגעקערט למעון קדשו.

די געהויבענע התרגשות'דיגע געפיהלן פון דעם מעמד וועלן נאך בלייבן איינגעקריצט ביי יעדן פאר א לאנגע צייט.

**עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים יהיו!**

---

### סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
**החתן יחזקאל ראזענבערג הי"ו**
תלמיד ישיבתינו הק'
וואס איז א חתן געווארן למזל טוב
דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל
זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד,
דורות ישרים ומבורכים, אמן.

### הגליון הזה נתנדב לזכות

מו"ה **אשר זעליג בן אסתר** הי"ו
ויה"ר שיתברך מפי א-ל עליון בבני חיי ומזוני
רויחא בשפע ובניקל, ובכל אשר יפנה יצליח.

ולע"נ
ר' **אברהם יוסף** בן ר' **שמשון** ז"ל
ת.נ.צ.ב.ה.

### ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן
אז מיטן אייבערשטנ'ס
הילף איז דא צו באקומען
ביי אונז אלע ספרי ברסלב
**27 Skillman St.**
אדער רופט 347-977-7994

### קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים
פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א
אויך קען מען מיטהאלטן
יעדע וואך דעם שיעור
מיט א לייוו הוק-אפ
**212-444-9191**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**
**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות.....................7:34
מוצש"ק..............................9:03
סוף זמן ק"ש.......................8:58

**שיעורים כסדרן**
בבלי.........................פסחים נ"ח
ירושלמי..............בבא מציעא ב'
תוספתא..............תענית פרק ב'

פרשת כי תצא, אבות פרק ב', שנת תשע"ג לפ"ק
שנה 2, גליון 48 (98)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶךָ וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ,** מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק"י) אַז אֵיינֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "וִוי אַזוֹי אַרְבֶּעט דִי בְּחִירָה?" הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "עֶס אַרְבֶּעט זֵייעֶר פָּשׁוּט, אַז דוּ ווִילְסְט טוּסְטוּ, אוּן אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט נִישְׁט טוּסְטוּ נִישְׁט" זָאגְט רֶבִּי נָתָן אַז דָאס אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ צוּ ווִיסְן, וַוייל עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעווָאוֹינְט צוּ זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אוּן שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אַז זֵיי רֶעדְן זִיךְ אַיין אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט קַיין בְּחִירָה אוֹיף דֶעם, זֵיי קֶענֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ הָאט שְׁטֶענְדִיג אַ בְּחִירָה, אַז עֶר וִויל טוּט עֶר, אוּן אַז עֶר וִויל נִישְׁט טוּט עֶר נִישְׁט.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **כִּי תֵצֵא**, גְלַייךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיס אוֹיף דֶער וֶועלְט, **לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶךָ**, דַארְף עֶר שׁוֹין פִירְן אַ מִלְחָמָה מִיט זַיין פַיינְט וָואס דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרַע, וָואס וִויל אִים מַאכְן טוּהן עֲבֵירוֹת, אָבֶּער מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶן אַז, **וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אִין דַיינֶע הֶענְט, אַז אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט קֶענְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקֶן אוֹיף אִים אוּן אִים נִישְׁט פָאלְגֶן, אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר **וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ**, דוּ קֶענְסְט נָאךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען נָאךְ מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זֵיי אַרוֹיס רַייסְן פוּן דִי הֶענְט פוּן יֵצֶר הָרַע.

ווארויל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס בֶּעהְט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקֶן אוֹיף זַיין יֵצֶר הָרַע, וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה תֵּצֵא ב)

***

**כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶךָ וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ,** מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קט"ז) אַז וֶוער עֶס גֶעבְּט צְדָקָה וֶועט נִישְׁט טוּהן קַיין עֲבֵירוֹת, וַוייל דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת קנ"א:) "וֶוער עֶס הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן הָאט מֶען רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים אִין הִימְל", אוּן נָאךְ זָאגְט דִי גְמָרָא (בְּרָכוֹת ל"ג.) "אוֹיף אַ שׁוֹטֶה טָאר מֶען נִישְׁט רַחֲמָנוּת הָאבְּן", קוּמְט אוֹיס אַז

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן ~

יֶעדֶער אִיד קֶען זוֹכֶה זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, יֶעדֶער אִיד קֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶענְדִיג. אָבֶּער וֶוען מֶען קוּקְט זִיךְ אַרוּם זֶעהְט מֶען אַז רוֹב מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן נִישְׁט אַז זֵיי וֶועלְן נָאךְ אַמָאל זַיין אַ צַדִיק, רוֹב מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן נִישְׁט אַז זֵיי קֶענֶען נָאךְ אִינְגַאנְצְן אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן זַייעֶר שְׁלֶעכְטְס אִין וָואס זֵיי לִיגְן. דָאס קוּמְט פוּן יִאוּשׁ, רוֹב מֶענְטְשְׁן הָאבְּן שׁוֹין אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, אוּן זֵיי טְרַאכְטְן שׁוֹין נִישְׁט אַז זֵיי וֶועלְן נָאךְ קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין אוּן זַיין אֱמֶת'עֶ עֶרְלִיכֶע אִידְן.

אֲפִילוּ פוּן דְרוֹיסְן זֶעהְט אוֹיס אַזוֹי וִוי אַלֶעס גֵייט אָן גֶעהֶערִיג, מֶענְטְשְׁן קוּמֶען, מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פַארְנוּמֶען יֶעדֶער מִיט זַיין זַאךְ, עֶס זֶעהְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיס וִוי עֶס פֶעלְט זֵיי עֶפֶּעס. אָבֶּער וֶוען מֶען קוּקְט גוּט זֶעהְט מֶען אַז רוֹב מֶענְטְשְׁן חָלוֹמְ'עֶן אֲפִילוּ נִישְׁט אַז זֵיי קֶענֶען נָאךְ אַמָאל זַיין אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, אַז זֵיי קֶענֶען נָאךְ אַמָאל זַיין אִינְגַאנְצְן דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן לֶעבְּן שְׁטֶענְדִיג מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז דָאס אִיז נָאר אַ זַאךְ וָואס אִיז גֶעוֶוען אַמָאלִיגֶע צַייטְן, אַמָאל זֶענֶען גֶעוֶוען צַדִיקִים, אַמָאל זֶענֶען גֶעוֶוען תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אוּן גְאוֹנִים, אַמָאל זֶענֶען גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעלֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער הַיינְט אִיז דָאךְ אַזַא שְׁוַואכֶע דוֹר, אוּן עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא הַיינְט דִי אַלֶע זַאכְן.

דָאס אִיז דִי טַייטְשׁ פוּן יִאוּשׁ, דָאס מֵיינְט אַז מֶען הָאט שׁוֹין אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, מֶען הָאט שׁוֹין אָפְּגֶעמַאכְט אַז הַיינְט קֶען מֶען

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעבְּט צְדָקָה מוּז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן שֵׂכֶל וַוייל נָאר אַזוֹי קֶען מֶען רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים פוּן הִימְל, אוּן אַז עֶר הָאט שׁוֹין שֵׂכֶל וֶועט עֶר נִישְׁט טוּהן עֲבֵירוֹת, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ טוּט נָאר אַן עֲבֵירָה וֶוען עֶר וֶוערְט מְשׁוּגָע (סוֹטָה ג').

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **כִּי תֵצֵא**, גְלַייךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיס אוֹיף דֶער וֶועלְט, **לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶךָ**, דַארְף עֶר שׁוֹין פִירְן אַ מִלְחָמָה מִיט זַיין פַּיינְט וָואס דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרַע, וָואס וִויל אִים מַאכְן טוּהן עֲבֵירוֹת, **וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ**, אוּן אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִיר אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף אִים, **בְּיָדֶךָ**, זָאלְסְטוּ גֶעבְּן צְדָקָה מִיט דִי הַאנְט, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועסְטוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אִים, אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט טוּהן קַיין עֲבֵירוֹת, אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר **וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ**, דוּ קֶענְסְט נָאךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען נָאךְ מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זֵיי אַרוֹיס רַייסְן פוּן דִי הֶענְט פוּן יֵצֶר הָרַע.

וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס גֶעבְּט צְדָקָה, וֶועט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם שְׁלֶעכְטְן יֵצֶר הָרַע.

(זֹאת הַתּוֹרָה תֵּצֵא ב)

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

שׁוֹין נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד. אָבֶּער דָאס אִיז זִיכֶער נִישְׁט אֱמֶת. דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז "אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלַל" - עֶס אִיז נִישְׁט פַארְהַאן אַזַא זַאךְ וִוי יֵאוּשׁ, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אֵיין שְׁטִיק בַּאשֶׁעפֶער, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט זִיךְ דָאס גוּט אַרַיין אִין קָאפּ, קֶען עֶר שְׁטֶענְדִיג מַאכְן אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה, עֶר קֶען שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן דָאסְנַיי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ רֶעדְן אוּן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ צַדִּיק אוּן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר קֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ לַמְדָן אוּן אַ גָאוֹן. אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ נָאר וִויפִיל אַ מֶענְטְשׁ אִיז גְרֵייט צוּ אִינְוֶועסְטִירְן אוּן צוּ הָארֶעוֶוען אוּן צוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוּן נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ בֶּעטְן, קֶען עֶר צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט.

## מִסְתָּמֶא הָאט עֶר נִישְׁט גֶענוּג גֶעהָארֶעוֶועט

רֶבִּי נָתָן אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דַאן גֶערֶעדְט אִיבֶּער דֶעם אַז יֶעדֶער קֶען צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, מֶען דַארְף נָאר הָארֶעוֶוען אוּן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן. הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, "אוּן וָואס אִיז מִיט יֶענֶעם? עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעהָארֶעוֶועט אוּן עֶר אִיז נִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען אַסַאךְ?" רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעמֵיינְט אַז דֶער רֶבִּי וֶועט אִים זִיכֶער עֶנְטְפֶערְן אַז דָאס הָאט צוּ טוּהן מִיט דִי נְשָׁמוֹת א.ד.ג. אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מִסְתָּמֶא הָאט עֶר נִישְׁט גֶענוּג גֶעהָארֶעוֶועט"... וַוייל דָאס אִיז קְלָאר אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף דִי רָצוֹן, עֶר אִיז זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, אוּן עֶר הָארֶעוֶועט אוּן בֶּעהְט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זִיכֶער צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

## אַ הוֹיכֶע נְשָׁמָה?

אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַנְדֶערֶע תַּכְלִית אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן דָאס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת, הָאבְּן זִיךְ עֶטְלִיכֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אָנְגֶערוּפְן צוּם רֶבִּי'ן: "וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר זִיךְ פַארְגְלַייכְן צוּם רֶבִּי'ן? דֶער רֶבִּי הָאט זִיכֶער אַ הֶעכֶערֶע נְשָׁמָה, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז אַן אֵיינִיקְל פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אָבֶּער מִיר זֶענֶען דָאךְ פְּשׁוּטֶע מֶענְטְשְׁן", וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעבֵּייזֶערְט אוּן גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז אֵייעֶר טָעוּת! אִיר מֵיינְט אַז אִיךְ בִּין צוּגֶעקוּמֶען צוּ מַיינֶע מַדְרֵיגוֹת וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע נְשָׁמָה, אָדֶער וַוייל אִיךְ בִּין אַן אֵיינִיקְל פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב. אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת. אֲפִילוּ אִיךְ וָואלְט גֶעוֶוען דֶער פָּשׁוּט'סְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן אִיךְ וָואלְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בַּיי אַ גָאר פָּשׁוּטֶער אִיד, וָואלְט אִיךְ אוֹיךְ צוּגֶעקוּמֶען צוּ דִי זֶעלְבֶּע זַאכְן, וַוייל אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִין וִויפִיל מֶען הָארֶעוֶועט, אִין וִויפִיל מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִין וִויפִיל מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף".

דָאס אַלֵיין אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, עֶר וֵוייסְט אַז עֶר הָאט נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג אַז עֶר קֶען נָאךְ אַמָאל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דָאס אִיז שׁוֹין אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה, וַוייל לֵיידֶער זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ וָואס הָאבְּן שׁוֹין אוֹיפְגֶעגֶעבְּן.

אוּן דָאס זֶעהְט מֶען בְּגַשְׁמִיּוּת אוֹיךְ, אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז מַצְלִיחַ בְּגַשְׁמִיּוּת אִיז דָאס נָאר וַוייל עֶר גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, עֶר פְּרוּבִּירְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל מִיט עַקְשָׁנוּת. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ עֶפֶענְט אַ בִּיזְנֶעס, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן אוּן אוֹיפְגֶעבְּן צוּלִיבּ יֶעדֶע דוּרְכְּפַאל וָואס עֶר וֶועט הָאבְּן וֶועט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין, אָבֶּער אֵיינֶער וָואס אִיז שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ, אוּן נִישְׁט קַיין חִילוּק וִויפִיל שְׁוֶועריִקַייטְן עֶר הָאט, וִויפִיל דוּרְכְפֶעלֶער עֶר הָאט, אוּן אֲפִילוּ עֶר בַּאקוּמְט אַסַאךְ קָאנְקוּרֶענְטְן, אוֹיבּ עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן עֶר גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף אִיז עֶר צוּם סוֹף מַצְלִיחַ.

דָאס אִיז בְּגַשְׁמִיּוּת, אוּן זִיכֶער אַזוֹי בַּיי רוּחְנִיּוּת, אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט אוֹיף צוּלִיבּ דֶעם וָואס מֶען הָאט שׁוֹין גֶעהַאט אַסַאךְ דוּרְכְפֶעלֶער וֶועט מֶען זִיכֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ, אוּן עֶר וֵוייסְט אוּן גֶעדֶענְקְט אַז יֶעדֶע וָוארְט וָואס עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, אוּן עֶר בֶּעהְט אוּן בֶּעהְט אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין.

נָאר אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַלְאָכִים וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן מִיט זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אוּן דָאס פַארְדְרֵייט דִי קָאפּ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט זֶעהְן וָואס עֶר טוּט אוֹיף, אוּן דֶערְפַאר גֶעבְּט עֶר אוֹיף.

אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ, אוּן מִיט זַיינֶע אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער, רֶעדְט עֶר וַוייטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט צוּבִּיסְלֶעךְ וֶוערְן אָפְּגֶעוַואשְׁן פוּן אִים זַיין שְׁלֶעכְטְס, אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י' עֶרֶךְ יֵאוּשׁ)




# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

המשך

דערנאך האט מען געזינגען אינאיינעם, און נאכן בענטשן איז זיך דער עולם צוגאנגען מיט געהויבענע געפיהלן.

**ובהם נהגה יומם ולילה!**

***

## מען גרייט זיך שוין אהיים צו פארן פון קעמפ

נאך צוויי לעכטיגע חדשים וואס די בחורים האבן זוכה געווען צו זיין אין קעמפ, און זיך אנפילן מיט תורה און יראת שמים מיט התחזקות, גרייט מען זיך יעצט צוריק צו פארן אין שטאט, און מיטנעמען אלעס וואס מען האט זיך איינגעזאפט אין די זוממער צווישן די בערג צו די שטאט, צו ממשיך זיין ביתר שאת וביתר עז מיט די אלע הייליגע לימודים וואס מען האט אריינגעכאפט אין קעמפ.

די קומענדיגע סוף וואך וועלן די בחורים אהיים פארן, און גלייך נאך שבת וועט מען שוין צוריק אנהייבן די סדר הלימודים אין ישיבה אין וויליאמסבורג.

א וואך שפעטער וועט מען מיטן אייבערשטנס הילף פארן אינאיינעם אויף אומן וואו מען וועט זוכה זיין צו זיין אויף ראש השנה, און באקומען די אלע גוטע הבטחות וואס דער הייליגער רבי האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס קומען צו אים אויף ראש השנה.

**אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינו!**

# לָאמִיר מַאכְן דֶעם חֶשְׁבּוֹן

קוֹדֶם, קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דֶעם גְרוֹיסְן זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט אַז דוּ הָאסְט אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף אִידִישׁ דֶעם קוּנְטְרֵס "רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי צַדִיקִים", וָוארוּם דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער זְכוּת הָרַבִּים, וְוִי בַּאוְוִיסְט אַז קַיין שׁוּם צַדִיק הָאט נִישְׁט אַזוֹי מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל זַיין בַּיי אִים דַיְיקָא רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַזוֹי וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אוּן עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין בַּיי אִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אֲפִילוּ נָאךְ זַיין הִסְתַּלְקוּת, אוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר פּוֹעֵלְ'ן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס אַ גַאנְץ יָאר אִיז שְׁוֶוער צוּ פּוֹעֵלְ'ן.

נָאר דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם לֵיידֶער פַארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אוּן אִיז מוֹנֵעַ מֶענְטְשְׁן פוּן קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וֵוייסְט גַאנְץ גוּט וָואס עֶס וֶוערְט פוּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיבֶּערְדֶעם טוּט עֶר אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם צוּ שְׁטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט אַלֶע עֶרְלֵיי תַּחְבּוּלוֹת, קוֹדֶם אִיז דָאס וַוייבּ אַ גְרוֹיסֶע מְנִיעָה, זִי שְׁטֶערְט דִי מַאן פוּן קוּמֶען מִיט אַלֶע מִינֵי אוֹיסְרֵייד וְכוּ' וְכוּ', אוּן נָאכְדֶעם אִיז דֶער מְנִיעָה וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט מְנִיעַת הַמוֹחַ, וָוארוּם עֶס קוּמֶען דָארְטְן צוּזַאם מֶענְטְשְׁן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַלֶע עֶרְלֵיי פַארְשִׁידֶענֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ', אוּן עֶס פַאלְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ חַלִישׁוּת הַדַעַת וְכוּ', הַזֹאת נָעֳמִי? אַזוֹי דַארְף מֶען אוֹיסְזֶעהְן? וָוארוּם עֶס אִיז פַארְהַאנֶען אַסַאךְ קַשְׁיוֹת וְכוּ' וְכוּ'.

אָבֶּער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ מַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט אַן אַנְדֶערְן? מַיין הֵיילִיגֶע רֶבִּי הָאט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ת"ג) גָאר מַיין זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶס אִיז אַ פֶּלֶא בַּיי מִיר אַז דִי אַלֶע וָואס זֵיי גְלֵייבְּן אִין מִיר פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט פֶעלְן, אוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם אַ גַאנְץ יָאר, וְוידֶערְאוּם הָאט עֶר גֶעזָאגְט (שָׁם סִימָן ת"ה) מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ דָאס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דָאס מִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה, לֹא מִיבָּעִיא עֶטְץ אַלֶע דַארְפְט עֶטְץ זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט דַארְף

המשך בדף ד

# מוסדות היכל הקודש ברסלב

בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

27 Skillman St.

---

## ראש השנה שלי עולה על הכל

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מען קען ביי אונז באקומען אלע געברויכן צו זיין ביים הייליגן רבינ'ס ציון אין אומן אויף ראש השנה הבעל"ט אויפן שענסטן און בעסטן אופן.

**מיר האבן צוגעשטעלט דאס יאר הערליכע דירות אין "קרית ברסלב", אינאיינעם מיט אנשי שלומינו. אלע סעודות שבת ויום טוב ווערט צוגעשטעלט אויפן בעסטן אופן, אויף אן אמעריקאנעם שטייגער.**

**פאר די דירות פאר אינגעלייט קענט איר רופן**

**מו"ה יחזקאל סאמעט הי"ו און מו"ה שאול גאנץ הי"ו - 347-452-0412**

**פאר די דירות פאר בחורים קענט איר רופן**

**הבחור שבתי מארקוס נ"י - 347-666-2803**

***

**אויך קען מען באקומען גאר ביליגע עירליין טיקעטס**

**הבחור מרדכי הערצאג נ"י - 718-344-8504**

***

**פאר סעלפאנס מיט א 718 נומבער, ווי אויך טרעוועל אינשורענס,**

**און פאר אלע אייערע טרעוועל געברויכן.- 1888-Rent-A-Cell**

***

**פאר א זיץ אין בית המדרש הגדול היכל הקודש אין אומן - 845-467-5299**

# לָאמִיר מַאכְן דֶעם חֶשְׁבּוֹן

המשך

זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיבֶּערְדֶעם וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ מַאכְט דֶעם חֶשְׁבּוֹן, קוּקְט עֶר אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, אוּן עֶר קוּמְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר אִיז זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, אֲפִילוּ דָארְטְן אִיז דָא פַארְשִׁידֶענֶע סָארְטְן מֶענְטְשְׁן וְכוּ׳, וָואס גֵייט מִיךְ אָן, אִיךְ דַארְף הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה וְכוּ׳, אִיךְ דַארְף הָאבְּן אַ רְפוּאָה וְכוּ׳, קוּקְט עֶר נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט.

אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף חָלִילָה גֵיין אִין שְׁפִּיטָאל אוּן עֶר זֶעהְט דָארְטְן אַלֶע סָארְטְן קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ׳ וֶועגְן דֶעם וֶועט עֶר זִיךְ נִישְׁט מוֹנֵעַ זַיין פוּן גֵיין דָארְטְן, וָוארוּם עֶר גֵייט אַרַיין זִיךְ הֵיילְן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְטֶער מֶענְטְשְׁן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיין צָרָה מִיט זַיין פְּרָאבְּלֶעם וְכוּ׳ וְכוּ׳, אִיז בְּמֵילָא דַארְף עֶר נִישְׁט קוּקֶען אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, נָאר פָארְן זִיךְ צוּ הֵיילְן, אוּן עֶס הַארְט נִישְׁט וָואסֶערֶע מִנְיָן עֶר דַאוֶונְט, אַבִּי עֶר זָאל זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן.

אִיבֶּערְדֶעם אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ גֶענוּמֶען דֶעם קוּנְטְרֵס "רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי צַדִּיקִים" וָואס דֶער עִיקָר קוּנְטְרֵס אִיז פַאר דִי פְּרוֹיעֶן וְכוּ׳, וָוארוּם וֶוען אַ אַנְדֶערֶער אִיז מוֹנֵעַ אוּן שְׁטֶערְט פָארְן אִיז וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט דִיר? אָבֶער אַ וַוייבּ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת כד.) אִשְׁתּוֹ כְּגוּפוֹ; מִיט אִיר דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען וָוארוּם מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ בְּשָׁלוֹם, אוּן אוֹיף דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מוֹרָא׳דִיג מַקְפִּיד גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ג) אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טוּט אַלֶע פְּעוּלוֹת צוּשְׁטֶערְן דֶעם שָׁלוֹם בַּיִת פוּן אַ יוּנְג פָּארְפָאלְק, אוּן אַזוֹי וִוי נִישְׁט יֶעדֶע פְרוֹי וֵוייסְט דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה וְכוּ׳, אָדֶער אַ חַבֶר׳טָארְן הָאט אִיר אָנְגֶערֶעדְט אַקֶעגְן וְכוּ׳, אִיז פַאר אִיר גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן דֶער קוּנְטְרֵס אוֹיפְצוּקְלֶערְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ פְרוֹי וָואס לָאזְט פָארְן דֶעם מַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט דָאס דַיין וַוייבּ דַארְף דֶעמָאלְט הָאבְּן אַ קִינְד וָואס זָאלְסְטוּ טוּהְן זָאלְסְטוּ פָארְן אָדֶער נִישְׁט? אִיז קוֹדֶם נָאךְ דָא גַאנְצֶע זִיבְּן וָואכְן, בִּיז דֶעמָאלְט קֶען זִי נָאךְ הָאבְּן דָאס קִינְד בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמוּצְלַחַת, אוּן דוּ וֶועסְט קֶענֶען פָארְן, אָבֶער אוֹיבּ זִי וֶועט נִישְׁט הָאבְּן בִּיז דֶעמָאלְט דָאס קִינְד, מִיזְטוּ בְּלַייבְּן מִיט אִיר, וָוארוּם וֶוען אַ פְרוֹי גֵייט צוּם קִינְד שְׁרֶעקְט זִי זִיךְ זֵייעֶר, אוּן זִי דַארְף הָאבְּן דֶעם מַאן לֶעבְּן זִיךְ, אִיבֶּערְדֶעם טָאר מֶען נִישְׁט טוּהְן קַיין ווִילְדֶע זַאכְן, נָאר בְּלַייבְּן מִיט דִי וַוייבּ אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן אַז מֶען דַארְף מַאכְן אַ בְּרִית טָאר מֶען נִישְׁט טוּהְן קַיין הֶפְקֵירוּת אוּן אִיבֶּערְלָאזְן דָאס וַוייבּ מִיטְן קִינְד אַלֵיין.

(אַשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ג׳ מִכְתָּב ש"ה)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

~~~

## הערליכע "סיום הש"ס" פארגעקומען אין קעמפ

דעם זונטאג איז פארגעקומען אין קעמפ א גרויסע שמחה, מיט די "סיום הש"ס" פון הבחור החתן נחום ברילל נ"י וואס האט זוכה געווען צו ענדיגן גאנץ ש"ס.

עס איז צוגעשטעלט געווארן א רייכע סעודה, און עס זענען זיך צוזאם געקומען א גרעסערע עולם פון קרובים און בני המפחה וואס שענען געקומען צו פארן, צו מיטהאלטן און זיך מיטפרייען פון די נאנט מיט די גרויסע שמחה.

ביי די סעודה האט מען געהערט עטליכע ווערטער פונעם בעל שמחה וואס האט מסיים געווען, ער האט געדאנקט דעם אייבערשטן ברבים אז ער האט זוכה געווען אריינצוקומען לערנען אין די הייליגע ישיבה און דורך דעם זוכה געווען צו ענדיגן גאנץ ש"ס, און גלייכצייטיג האט ער זיך באדאנקט פאר זיין טאטע - וואס איז אויך ארויס געקומען צו די שמחה - אז ער האט אים דא אריינגעלייגט און דורך דעם האט ער זוכה געווען צו וואס ער האט זוכה געווען.

דערנאך האט מען געהערט עטליכע דיבורים פון מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו וואס האט ארויסגעברענגט ווי וויכטיג עס איז צו האבן א מנהיג און מורה דרך וואס זאל פירן דעם מענטש אויפן ריכטיגן וועג, ער האט נאכגעזאגט פון רבי אביגדור מיללער ז"ל וואס שרייבט אז ווען מען זוכט א שידוך, דארף מען זוכן נאר אזא בחור וואס האט א רבי און א מורה דרך, און נאר אזוי ווייסט מען אז ער וועט גיין אויפן ריכטיגן וועג, און אויב וועט ער פארפארן וועט אים זיין רבי צוריק שטעלן אויפן פלאץ, אבער איינער וואס האט נישט קיין רבי איז א הפקר-יונג, און עס איז ממש א סכנה צו חתונה האבן מיט אים.

און ער האט אויסגעפירט אז דאס אז דער חתן האט זוכה געווען צו ענדיגן ש"ס איז נאר ווייל ער פאלגט די אלע הייליגע לימודים פון רבי'ן וואס דער ראש ישיבה ברענגט אריין אין די בחורים, און די בלעטער גמרא וועלן אים זיכער באגלייטן צום גוטן זיין גאנץ לעבן.

דערנאך האט מען געהערט דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט ארויסגעברענגט די גרויסע מעלה פון דעם חתן וואס האט מסיים געווען ש"ס, און וואס דער רבי האט געזאגט אז ווער עס ענדיגט ש"ס איז ממשיך אויף זיך א צלם אלקים, און ער האט מעורר געווען די אנדערע בחורים אז עס זאל זיין קנאת סופרים תרבה חכמה, אז די אנדערע בחורים זאלן זיך אויף אפלערנען, און די בחורים וואס האבן נאכנישט געענדיגט ש"ס זאלן זיך צואיילן צו ענדיגן גאנץ ש"ס.

המשך בדף ג

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה מנשה איצקאוויטש הי"ו**

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער, אמן.


## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים
פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א
אויך קען מען מיטהאלטן
יעדע וואך דעם שיעור
מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**
~~~

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

**זמנים**
הדלקת הנרות..................7:24
מוצש"ק..............................8:53
סוף זמן ק"ש.......................9:00

**שיעורים כסדרן**
בבלי........................פסחים ס"ה
ירושלמי..............בבא מציעא ט'
תוספתא.......ראש השנה פרק ב'

פרשת כי תבא, אבות פרק ג'-ד', שנת תשע"ג לפ"ק
שנה 2, גליון 49 (99)

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְהָיָה כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ נַחֲלָה וִירִשְׁתָּהּ וְיָשַׁבְתָּ בָּהּ**, דֶער הֵיילִיגֶער "אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ" טַייטְשׁ דֶעם פָּסוּק, **וְהָיָה**, אִיז אַ לָשׁוֹן שִׂמְחָה, וֶוען קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ? **כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ**, וֶוען דוּ וֶועסְט קוּמֶען אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים קכו) **אָז יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ**.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ז') אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז מְרַמֵּז אוֹיף אֱמוּנָה, אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פִּילְט מֶען מֶער דִי הַשְׁגָּחָה אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט **תָּמִיד עֵינֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בָּהּ מֵרֵשִׁית הַשָּׁנָה וְעַד אַחֲרִית שָׁנָה**.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קנ"ה) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה קֶען עֶר דוּרְךְ מַאכְן אַלֶע שְׁוֶועריַקייטְן, וַוייל עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעם נָאר צוּם גוּטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אַז דוּרְךְ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז מְרַמֵּז אוֹיף אֱמוּנָה, אוּן נָאר וֶוען מֶען הָאט אֱמוּנָה קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל דִי אֱמוּנָה הֶעלְפְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ קֶענֶען אִיבֶּער קוּמֶען אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריַקייטְן.

אוּן עֶר בְּרֶענְגְט דֶעם פָּסוּק **"אָז" יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ**, וַוייל נָאר **"אָז"** - **"דֶעמָאלְט'ס"** וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין דִי רִיכְטִיגֶע שִׂמְחָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל לַיידֶער הָאבְּן דִי רְשָׁעִים דִי עֶרֶב רַב הַיינְט מְטַמֵּא גֶעוֶוען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, אוּן זֵיי זֶענֶען מַכְשִׁיל דִי אִידְן מִיט אַלֶע מִינֵי עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) אַז וואוּ אִידְן וואוֹיְנֶען אוּן פִירְן זִיךְ דָארְט אוֹיף עֶרְלִיךְ הֵיילִיגְן זֵיי דָאס פְּלַאץ אוּן עֶס בַּאקוּמְט דִי קְדוּשָּׁה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, קוּמְט אוֹיס אַז הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין דִי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים אוּן יְשִׁיבוֹת אוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס, וִוי מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ, דָארְט אִיז דִי אֱמֶת'עֶ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה, אִיז דָאס בְּרֶענְגְט דִי רִיכְטִיגֶע שִׂמְחָה צוּ קֶענֶען זַיין בֶּאֱמֶת פְרֵיילִיךְ ווִיסֶענְדִיג אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג אוּן עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן וֶוער עֶס

המשך בדף ב

## שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

### ~ עוֹלָם הַתּוֹהוּ ~

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט וֵוייסְט עֶר נָאכְנִישְׁט אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, אוּן מֶען טוּט אַ טוֹבָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, וֶוען מֶען זָאגְט אִים אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן.

דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "עוֹלָם הַתּוֹהוּ". אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן מֵיינְט אַז עֶר לֶעבְּט נָאךְ, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם אִיז אַז מֶען זָאל זַיין בַּיי אִים דְרַיי צַייטְן אִין יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן שְׁבוּעוֹת, אוּן אוֹיךְ זָאל מֶען שְׁוֶוערְן אַז גְלַייךְ נָאכְן שְׁטַארְבְּן וֶועט מֶען גֵיין צוּם רֶבִּי'ן, אוּן אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט דָאס טוּהן וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ רָב וָואס אִיז גֶעוֶוען זַייעֶר גוּט מִיט אַ אִיד פוּן זַיין שְׁטָאט, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט אַז וֶוער פוּן זֵיי עֶס וֶועט שְׁטַארְבְּן פְרִיעֶר וֶועט קוּמֶען דֶערְצֵיילְן פַארְן צְוֵוייטְן אִין חָלוֹם וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען מִיט אִים אוֹיבְן. לְמַעֲשֶׂה אִיז דֶער רָב גֶעשְׁטָארְבְּן קוֹדֶם, אוּן דֶער אִיד הָאט גֶעוַוארְט אַז דֶער רָב זָאל קוּמֶען צוּ אִים אִין חָלוֹם אָבֶּער דֶער רָב אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען.

עֶס אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען צֶעהן יָאר אוּן דֶער אִיד הָאט שׁוֹין גֶעדַארְפְט שְׁטַארְבְּן הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פַאר זַיין זוּהְן, אָבֶּער דֶער רָב אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּם זוּהְן, נָאכְדֶעם אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען נָאךְ צֶעהן יָאר, אוּן דֶער זוּהְן הָאט שׁוֹין אוֹיךְ גֶעדַארְפְט שְׁטַארְבְּן הָאט

המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

בֶּעהְט אִים.

(זאת הַתּוֹרָה תָּבֹא א')

***

**וְלָקַח הַכֹּהֵן הַטֶּנֶא מִיָּדֶךָ וְהִנִּיחוֹ לִפְנֵי מִזְבַּח ה' אֱלֹקֶיךָ וְגוֹ' וַיָּרֵעוּ אֹתָנוּ הַמִּצְרִים וַיְעַנּוּנוּ וְגוֹ', וַנִּצְעַק אֶל ה' וְגוֹ' וַיּוֹצִאֵנוּ ה' מִמִּצְרַיִם וְגוֹ'**

מוֹהַרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק, אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז דָא לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף גֵיין צוּ אַ צַדִיק, אוּן וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען וִויסְן צוּ עֶר גֵייט טַאקֶע צוּ אַן אֱמֶת'ן צַדִיק.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל') אַז אַ צַדִיק אִיז אַזוֹי וִוי אַ דָאקְטֶער, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר אִיז וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר גֵיין צוּם דָאקְטֶער צוּם צַדִיק אַז עֶר זָאל אִים מְחַזֵק זַיין אוּן אִים אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּ אַ צַדִיק דַארְף עֶר שְׁטֶענְדִיג מַאכְן דֶעם חֶשְׁבּוֹן: "בַּאקוּם אִיךְ עֶפֶּעס פוּן דֶעם צַדִיק? לֶערְנְט עֶר מִיר אוֹיס צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? "אוֹיבּ דֶער עֶנְטְפֶער אִיז "יָא", דַאן אִיז מֶען אוֹיף אַ גוּטֶע פְּלַאץ, אוֹיבּ אָבֶּער דֶער צַדִיק לֶערְנְט מִיר גָארְנִישְׁט אוֹיס, אִיךְ בַּאקוּם גָארְנִישְׁט פוּן אִים נָאר פַארְקֶערְט, עֶר בַּאקוּמְט נָאר גֶעלְט פוּן מִיר, דַאן דַארְף מֶען גֵיין זוּכְן אַ צְוֵוייטְן רֶבִּי'ן וָואס קֶען מִיר יָא עֶפֶּעס גֶעבְּן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְלָקַח הַכֹּהֵן הַטֶּנֶא מִיָּדֶךָ וְהִנִּיחוֹ לִפְנֵי מִזְבַּח ה' אֱלֹקֶיךָ**, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְפְסְטוּ זֶעהְן אוֹיבּ דֶער צַדִיק נֶעמְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַאר זִיךְ גָארְנִישְׁט, עֶר דַארְף נִישְׁט דַיין גֶעלְט, עֶר ווִיל דִיר נָאר צוּבְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְנָאךְ זֶעהְסְטוּ אַז, **וַיָּרֵעוּ אֹתָנוּ הַמִּצְרִים וַיְעַנּוּנוּ וְגוֹ' וַנִּצְעַק אֶל ה' וְגוֹ' וַיּוֹצִאֵנוּ ה' מִמִּצְרַיִם וְגוֹ'**, אַז קוֹדֶם בִּיזְטוּ גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם, פִיל מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת אוּן מִדּוֹת רָעוֹת, אוּן דֶער צַדִיק הָאט דִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי הֶעלְפְט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּן דַיין מִצְרַיִם, דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּן דַיין שְׁלֶעכְטְ'ס, דֶעמָאלְט וֵוייסְטוּ אַז דוּ בִּיזְט אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן פְּלַאץ, בַּיים רִיכְטִיגְן צַדִיק, אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

(זאת הַתּוֹרָה תָּבֹא ג')

# שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ

עֶר דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר זַיין זוּהְן, אוּן אַכְט יָאר שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶער רָב גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם אֵיינִיקְל צוּ דֶערְצֵיילְן וָואס מִיט אִים אִיז גֶעשֶׁעהְן.

עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן מֶען הָאט אִים בַּאגְרָאבְּן אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין קֵבֶר, הָאט עֶר גֶעמֵיינְט אַז עֶר לֶעבְּט נָאךְ אוּן עֶר אִיז נָאךְ גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, הָאט עֶר זִיךְ גֶערֶעגְט פַארְוָואס מֶען נֶעמְט אַ גֶעזוּנְטֶען מֶענְטְשׁ אוּן מֶען לֵייגְט אִים אַרַיין אִין קֵבֶר, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר גֵייט פְּרוּבִּירְן אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן קֵבֶר, אוּן עֶס הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז עֶר קְרִיכְט אַרוֹיס פוּן קֵבֶר, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט אַרַיינְצוּגֵיין אִין שְׁטָאט וַוייל עֶר הָאט אָנְגֶעהַאט "תַּכְרִיכִים", הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט וַוארְטְן בִּיז בַּיינַאכְט אוּן דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר אַרַיינְגֵיין אִין שְׁטָאט, עֶר הָאט דֶערְקֶענְט פוּן דֶערְוַוייטְנְס זַיין שְׁטָאט מִיט דִי הַייזֶער אוּן אוֹיךְ זַיין הוֹיז, אָבֶּער עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז זַיין מִשְׁפָּחָה וֶועט זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן וֶוען זֵיי וֶועלְן אִים זֶעהְן.

אִינְצְוִוישְׁן הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט וִוי עֶר זֶעהְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס פַארְקוֹיפְט וֶועשׁ אוּן יֶענֶער הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט רֶבִּי'שֶׁע וֶועשׁ, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר יֶענֶעם אַז עֶר זָאל זִיךְ טוֹישְׁן מִיט אִים עֶר וֶועט אִים גֶעבְּן זַיינֶע תַּכְרִיכִים אוּן יֶענֶער זָאל אִים גֶעבְּן פַאר דֶעם גֶעהֶערִיגֶע וֶועשׁ, אוּן יֶענֶער הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן אִים גֶעגֶעבְּן גוּטֶע וֶועשׁ אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַרַיין אִין שְׁטָאט, אָבֶּער עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט זַיין שְׁטָאט, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּלָאנְטְשֶׁעט אִין אַן אַנְדֶערֶע שְׁטָאט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַרוּם גֶעדְרֵייט אִין שְׁטָאט.

וֶוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן נַאכְט אוּן אִין אַלֶע הַייזֶער אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן טוּנְקְל, הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אַז אֵיין הוֹיז אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן לִיכְטִיג, אִיז עֶר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין יֶענֶעם הוֹיז הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אַז מֶען קֶען דָארְט עֶסְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען זַייעֶר הוּנְגֶערִיג, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט צוּ מֶען קֶען אִים גֶעבְּן צוּ עֶסְן, הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז נָאר אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעלְט וֶועט מֶען אִים גֶעבְּן צוּ עֶסְן, מֶען דַארְף בַּאצָאלְן פַארְן עֶסְן, אָבֶּער עֶר הָאט דָאךְ נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין גֶעלְט אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען הוּנְגֶערִיג.

אִינְצְוִוישְׁן אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן טָאג, וַוייל דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען דִי קוּרְצֶע זוּמֶער נֶעכְט, הָאט עֶר גֶעזֶעהְן וִוי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַ רָב אוּן עֶר קֶען זַיין מַאכְן אַ דִין תּוֹרָה אָדֶער אַ פְּשָׁרָה, הָאבְּן זֵיי מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶע'פַּסְקְ'נְט אַן אֱמֶתְ'ן דִין תּוֹרָה, אוּן אֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט אִים בַּאצָאלְט צְוֵויי גִילְדְן, אִיז עֶר צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען צוּ קוֹיפְן עֶסְן אוּן מֶען הָאט אִים צוּגֶעגְרֵייט אַ גְלֶעזְל בְּרוֹינְפְן.

אָבֶּער נָאךְ פַאר עֶר הָאט גֶעטְרִינְקֶען זֶענֶען גֶעקוּמֶען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן צוּ אִים אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז זֵיי קוּמֶען פוּן בֵּית דִין אַז עֶר מוּז שׁוֹין קוּמֶען מִיט זֵיי צוּם בֵּית דִין, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר ווִיל קוֹדֶם עֶפֶּעס עֶסְן וַוייל עֶר אִיז זַייעֶר הוּנְגֶערִיג, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין צַייט אוּן עֶר מוּז שׁוֹין קוּמֶען מִיט זֵיי אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט גֵיין מִיט זֵיי.

המשך בדף ד

בעזהשי"ת

יעצט קען מען רעדן!

פארט איר קיין אומן?

CELLPHONE RENTAL
TRAVEL INSURANCE

Get the right options, make the right choice
while helping you in every move.
We will be in uman to asist you.

SERVING YOU
Around the globe >>>>> Around the year >>>>>

עס וועט אייך גוט צונוץ קומען!
נעמט מיט אונזער
"יעצט קען מען רעדן!"
איבער-טייטשער צעטל
אידיש - לשה"ק - רוסיש
צו באקומען דורך אי-מעיל
שיקט אייער אי-מעיל אדרעס צו:
umaneasier@gmail.com

דרך צליחה

1888-RENT A CELL
1 8 8 8 - 7 3 6 8 - 2 - 2 3
1888rentacell@gmail.com


# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם בֵּית דִין, הָאבְּן זֵיי זִיךְ זַייעֶר גֶערֶעגְט אוֹיף אִים פַּארְוָואס עֶר - וָואס אִיז אַ פְּרֶעמְדֶער מֶענְטְשׁ - אִיז אַהֶער גֶעקוּמֶען אוּן עֶר פַּסְקְ'נְט דִין תּוֹרוֹת, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: "אוּנְז וַוארְטְן שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אוּנְז אַז אוּנְז זָאלְן פַּסְקְ'נֶען אַן אֱמֶת'ע דִין תּוֹרָה אוּן יֶעצְט בִּיזְטוּ גֶעקוּמֶען דָא פַּסְקְ'נֶען אַן אֱמֶת'ע דִין תּוֹרָה?!".

הָאט דֶער בֵּית דִין גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל זוּכְן בַּיי אִים אוֹיבּ עֶר הָאט גֶענוּמֶען שׁוֹחַד, הָאט מֶען גֶעזוּכְט אוּן מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן דִי צְוֵויי דָאלֶער, הָאט דֶער בֵּית דִין גֶע'פַּסְקְ'נְט אַז מֶען זָאל אִים אוֹיס טוּהן זַיינֶע וֶועשׁ אוּן אִים אַרוֹיס שְׁטוּפְּן פוּן דָארְט אוּן מֶען הָאט אַזוֹי גֶעטוּהן, אוּן דֶער רָב אִיז אַרוֹיס זַייעֶר בְּרוֹגֶז אוּן פַארְשֶׁעמְט, אוּן עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶס וָואלְט זִיךְ שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ גֶעלוֹינְט פַאר אִים צוּרִיקְצוּגֵיין אִין קֶבֶר אָבֶּער עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין תַּכְרִיכִים.

אִינְצְוִוישְׁן הָאבְּן דִי מַלְאָכִים וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן מִיט זַיינֶע מִצְוֹת אָנְגֶעהוֹיבְּן טַעֲנֶה'עָן אַז מֶען זָאל אִים שׁוֹין אָפְּלָאזְן אוּן מֶען הָאט אִים טַאקֶע גֶעוָואלְט אָפְּלָאזְן אָבֶּער עֶר הָאט קוֹדֶם גֶעדַארְפְט אוֹיסְפִירְן וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט צוּ קוּמֶען אִין חָלוֹם צוּ דֶעם אִיד אוּן אִים דֶערְצֵיילְן וָואס מִיט אִים אִיז גֶעוֶוען, אוּן דֶערְפַאר אִיז עֶר גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן פַאר דֶעם אֵיינִיקְל פוּן דֶעם אִיד דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג יָאר שְׁפֶּעטֶער.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אָבֶּער וֶוער עֶס וֶועט זַיין בַּיי מִיר דִי דְרֵיי צַייטְן אִין יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה, אוּן שְׁבוּעוֹת, וֶועט נִישְׁט דַארְפְן בַּאקוּמֶען דִי עוֹנֶשׁ פוּן "עוֹלָם הַתּוֹהוּ".

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז הַיינְט מֵיינְט דָאס אַז מֶען זָאל פָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיף אוּמָן צוּם רֶבִּי'ן אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעהֵייסְן, אוּן שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן שְׁבוּעוֹת זָאל מֶען דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען מִיט בְּרֶסְלַבֶ'ע חֲסִידִים אוּן מִיט דֶעם וֶועט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן "עוֹלָם הַתּוֹהוּ".

מוֹהֲרָא"ש אִיז מַסְבִּיר פַארְוָואס מֶען דַארְף גֵיין צוּם רֶבִּי'ן דַוְקָא דִי צַייטְן, וַוייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועקְט דֶער רֶבִּי אוֹיף פוּן שְׁלָאף אַז מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן שְׁבוּעוֹת בַּאקוּמְט מֶען פוּן רֶבִּי'ן דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן חֲנוּכָּה לֶערְנְט דֶער רֶבִּי אוֹיס צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר גֶעבְּט אוּנְז.

אוּן דֶערְפַאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט הָאבְּן דִי זַאכְן, עֶר וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דֶעמָאלְט וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי לֶעצְטֶע טָאג וֶועט עֶר לַאכְן פוּן יֶעדְן אוּן אַלֶע טִירְן וֶועלְן פַאר אִים זַיין אָפֶען, אוּן עֶר וֶועט גְלַייךְ אַרַיינְגֵיין אִין גַן עֵדֶן.

## שמח תשמח רעים האהובים

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

### מו"ה שמחה לעווי הי"ו

צו די שידוך שליסן פון זיין זוהן עב"ג למזל טוב

רבי שמחה נ"י איז גאר שטארק איבערגעגעבן פאר כ"ק מוהרא"ש שליט"א, שטענדיג גרייט ארויסצוהעלפן ווען עס פעלט זיך אויס.
זאל דער אייבערשטער העלפן אז די גרויסע זכות זאל איםביישטיין, אזוי ווי דער רבי זאגט "ביי וועם איך נעם געב איך", זאל ער זוכה זיין צו זעהן אסאך אידיש נחת ביי אלע קינדער, מיט פרנסה בכבוד ובניקל, בני ברוכי וחיי ארוכי ומזוני רויחי מיט סייעתא דשמיא. אמן.

## ענבי הגפן בענבי הגפן

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

### מו"ה יצחק אייזיק אפפעל הי"ו

מחשובי הנהלת מוסדותינו הק'

און פאר זיין חשובע בני בית

### מרת אפפעל תחי'

צו די שידוך שליסן פון זייער טאכטער עב"ג למזל טוב

רבי אייזיק וב"ב זענען ווי באקאנט גאר שטארק איבערגעגעבן פאר אונזערע מוסדות, סיי פאר די ישיבה, און סיי פאר די תלמוד תורה און מיידל סקול, שטענדיג זענען זיי גרייט צו העלפן מיט אלעס וואס עס פעלט אויס.
זאל דער אייבערשטער העלפן אז די גרויסע זכות זאל זיי ביישטיין, אזוי ווי דער רבי זאגט "ביי וועם איך נעם געב איך", זאלן זיי זוכה זיין צו זעהן אסאך אידיש נחת ביי אלע קינדער, מיט פרנסה בכבוד ובניקל, בני ברוכי וחיי ארוכי ומזוני רויחי מיט סייעתא דשמיא. אמן.

## נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם!

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ הָאסְט צוּרִיק בַּאקוּמֶען דֶעם פַּאסְפָּארְט, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט אָנְקוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם.

לֵיידֶער זֶענֶען רוֹב מֶענְטְשְׁן נִישְׁט בַּאקַאנְט וָואס דָאס מֵיינְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, דֶער נָבִיא זָאגְט (יוֹנָה ג') "מִי יוֹדֵעַ יָשׁוּב וְנִחַם הָאֱלֹהִים וְשָׁב מֵחֲרוֹן אַפּוֹ וְלֹא נֹאבֵד" זָאגְט רַשִׁ"י מִי יוֹדֵעַ - עֲבֵירוֹת שֶׁבְּיָדוֹ יָשׁוּב; אוֹיבּ אַ אִיד טוּט תְּשׁוּבָה, אִיז אִים דֶער בּוֹרֵא עַל עוֹלָמִים מוֹחֵל, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ת"ג) וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מֶעג זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, וָוארוּם עֶר הָאט אַוַודַאי גֶעפּוֹעֶלְט וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט פּוֹעֶלְ'ן, אוּן קוּק וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער דָאס וְ'שָׁב מֵ'חֲרוֹן אַ'פּוֹ וְ'לֹא נֹ'אבֵד אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אוּ'מַ'ן, דָארְטְן אִיז דָאס פְּלַאץ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט נִתְעוֹרֵר מִיט אַזַא מִין הִתְעוֹרְרוּת וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, עֶס קוּמֶען מֶענְטְשְׁן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט פוּן אַלֶע עֶרְלֵיי עֵדוֹת, פוּן אַלֶע עֶרְלֵיי חֲסִידוּתְ'ן וְכוּ' וְכוּ', עֶס וֶוערְט מְקוּיָים דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם נָבִיא (יְשַׁעְיָה ס') "שְׂאִי סָבִיב עֵינַיִךְ וּרְאִי כֻּלָּם נִקְבְּצוּ בָאוּ לָךְ בָּנַיִךְ מֵרָחוֹק יָבֹאוּ וּבְנֹתַיִךְ עַל צַד תֵּאָמַנָה" אַלֶע קוּמֶען אוֹיף אוּמַאן.

וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער אִיךְ פָּאר שׁוֹין אִיבֶּער פֶּערְצִיג יָאר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, פוּן יָאר תשכ"ו, אוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעדְרִיקְט דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר "פְּעוּלַּת הַצַדִיק" אִין יָאר תשל"ח, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט דָאס לֶעצְטֶע שְׁטִיקְל אַז עֶס וֶועט נָאךְ זַיין אַ צַייט וָואס מֶען וֶועט עֶפֶענֶען דִי גְרֶענִיצְן אוּן אַלֶע אִידְן וֶועלְן קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, הָאבְּן אַלֶע גֶעשְׁפֶּעט פוּן מִיר, דִי זְקֵנִים אוּן דִי נְעָרִים... אוּן וֶוען עֶס הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּינְ'ס צִיוּן אִין שְׁנַת תש"נ זֶענֶען אַלֶע גֶעוֶוען פַארְגַאפְט וְכוּ', אוּן בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ יֶעדֶעס יָאר קוּמֶען צוּ נֵייעֶ פְרִישֶׁע טוֹיזֶענְטֶער אִידְן כֵּן יִרְבּוּ, אִיבֶּערְדֶעם אַז דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין אַ פַּאסְפָּארְט אוּן דוּ וֶועסְט פָארְן אוֹיפְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאסְטוּ מִיר מוֹרָא'דִיג מְחַיֶּה גֶעוֶוען.

זֶע שְׁטַארְק מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ, אוּן זָאג אִיר צוּ, אַז דוּ וֶועסְט בְּרֶענְגֶען אַהֵיים רְפוּאוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת, אוּן פַּרְנָסָה בְּרֵיוַח.

(אשר בנחל באידיש חלק א' מכתב ל')

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

### גרויס שמחה הערשט אין ישיבה צו די צוויי פרישע חתנים

גרויס פרייד הערשט ביי די בחורים אין ישיבה, וואס פרייען זיך מיט די שמחה פון נאך צוויי חברים וואס זענען די וואך חתנים געווארן למזל טוב.

דער ערשטער איז החתן מרדכי ב"ר יוחנן הערצאג וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג א טאכטער פון ר' אייזיק אפפעל נ"י מחשובי הנהלת מוסדותינו.

און דער צווייטער איז החתן יואל ב"ר משה אהרן מאשקאוויטש וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת ר' אברהם יצחק פלאהר נ"י אב"י בעיר קרית יואל.

דער חתן האט זוכה געווען צו ענדיגן הונדערט און איין מאל מסכת תענית, וואס ווי באקאנט האט מורהא"ש צוגעזאגט פאר די בחורים אז ווער עס וועט ענדיגן פערציג מאל מסכת תענית וועט א חתן ווערן, און צענדליגע בחורים זענען שוין חתנים געווארן אין דעם זכות, און יעצט זענען נאך צוויי בחורים חתנים געווארן דורך דעם.

זאל דער אייבערשטער העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא, און זיי זאלן האבן א גליקליך און פרייליך לעבן.

**שמח תשמח רעים האהובים!**


## מוסדות היכל הקודש ברסלב

בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

27 Skillman St.

## ראש השנה שלי עולה על הכל

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מען קען ביי אונז באקומען אלע געברויכן צו זיין ביים הייליגן רבינ'ס ציון אין אומן אויף ראש השנה הבעל"ט אויפן שענסטן און בעסטן אופן.

**מיר האבן צוגעשטעלט דאס יאר הערליכע דירות אין "קרית ברסלב", אינאיינעם מיט אנשי שלומינו. אלע סעודות שבת ויום טוב ווערט צוגעשטעלט אויפן בעסטן אופן, אויף אן אמעריקאנעם שטייגער.**

**פאר די דירות פאר אינגעלייט קענט איר רופן**

מו"ה יחזקאל סאמעט הי"ו און מו"ה שאול גאנץ הי"ו - **347-452-0412**

**פאר די דירות פאר בחורים קענט איר רופן**

הבחור שבתי מארקוס נ"י - **347-666-2803**

***

**אויך קען מען באקומען גאר ביליגע עירליין טיקעטס**

הבחור החתן מרדכי הערצאג נ"י - **718-344-8504**

***

**פאר סעלפאנס מיט א 718 נומבער, ווי אויך טרעוועל אינשורענס,**

**און פאר אלע אייערע טרעוועל געברויכן. - 1888-Rent-A-Cell**

***

**פאר א זיץ אין בית המדרש הגדול היכל הקודש אין אומן - 845-467-5299**


### סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

החתן **מרדכי הערצאג** נ"י

תלמיד ישיבתינו הק'

וואס איז א חתן געווארן למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים, אמן.

### סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

החתן **יואל מאשקאוויטש** נ"י

תלמיד ישיבתינו הק'

וואס איז א חתן געווארן למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים, אמן.

### סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

החתן **יחזקאל לעווי** נ"י

וואס איז א חתן געווארן למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים, אמן.


### קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**


**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון**

**פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א


**זמנים**
הדלקת הנרות......................7:13
מוצש"ק................................8:42
סוף זמן ק"ש..........................9:03

**שיעורים כסדרן**
בבלי.........................פסחים ע"ב
ירושלמי.............בבא מציעא ט"ז
תוספתא...............סוכה פרק ג'


פרשת נצבים-וילך, אבות פרק ה'-ו', שנת תשע"ג לפ"ק
שנה 2, גליון 50 (100)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם וְכוּ'.** עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (וָאֵרָא ל"ב:): אַז אִיבֶּעראָל ווִי עֶס שְׁטֵייט דִי וָוארְט "הַיּוֹם", גֵייט עֶס אַרוֹיף אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. לוֹיט דֶעם קוּמְט אוֹיס אַז דֶער פָּסוּק דָא רֶעדְט זִיךְ אוֹיךְ פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דֶערְפַאר קוּמְט אֵייבִּיג אוֹיס אַז מֶען לֵיינְט פַּרְשַׁת נִצָּבִים פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים, סִימָן תכ"ח סְעִיף ד').

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם, רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם זִקְנֵיכֶם וְשֹׁטְרֵיכֶם כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל**, אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער שְׁטֵייעֶן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דֶעם טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶע'מִשְׁפָּט אִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה ווִי אַזוֹי זַיין יָאר וֶועט דוּרְכְגֵיין, ווִי אַזוֹי זַיין פַּרְנָסָה וֶועט זַיין דִי גַאנְצֶע יָאר, אוֹיבּ עֶס וֶועט אִים גוּט גֵיין אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם פַארְקֶערְט.

אוּן דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי אַזוֹי גֶעוָוארֶענְט אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ת"ג): אַז צוּ זַיין בַּיי אִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעם. ווַייל אַזוֹי ווִי בַּיי אַ גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע מִשְׁפָּט וֶועט אַ מֶענְטְשׁ נֶעמֶען דֶעם גְרֶעסְטְן אַדְוָואקַאט וָואס זָאל אִים פַארְטֵיידִיגְן אִין גֶערִיכְט, אַז עֶר זָאל אַרוֹיס גֵיין זַכַּאי בַּדִּין, אוּן ווִי גְרֶעסֶער אוּן עֶרְנְסְטֶער דֶער גֶערִיכְט אִיז, אַלְץ אַ גְרֶעסֶערֶע אַדְוָואקַאט וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמֶען. דִי זֶעלְבֶּע, אוּן נָאךְ אַסַאךְ מֶער, וֶוען מֶען מִשְׁפָּט דֶעם מֶענְטְשׁ רֹאשׁ הַשָּׁנָה ווִי אַזוֹי זַיין גַאנְצֶע יָאר וֶועט אַדוּרְכְגֵיין, דַארְף מֶען זִיךְ זִיכֶער אַיינְשַׁאפְן דֶעם בֶּעסְטְן אַדְוָואקַאט וָואס זָאל פַארְטֵיידִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אַז מֶען זָאל אִים אָנְשְׁרַייבְּן אַ גוּט


המשך בדף ב


## אַ וָוארְט צוּם הוּנְדֶערְט'סְטְן גִלְיוֹן

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף הַאלְטְן מִיר שׁוֹין יֶעצְט בַּיים הוּנְדֶערְט'סְטְן גִלְיוֹן, עֶס גְלֵייבְּט זִיךְ שְׁוֶוער אָבֶּער פָּארְט אַ פַאקְט אַז מִיר הָאבְּן שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן הוּנְדֶערְט גִלְיוֹנוֹת אָנְגֶעפִילְט מִיט דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה טְהוֹרָה, מִיט פִילֶע עֵצוֹת אִין לֶעבְּן, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז.

עֶס אִיז דָא אִין דִי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים יֶעדֶע וָואךְ אַ שֶׁפַע פוּן גִלְיוֹנוֹת, יֶעדֶער גִלְיוֹן מִיט זַיין אֵייגְנְאַרְטִיגְקֵייט, יֶעדֶער פְּרוּבִּירְט אַרוֹיס צוּ הֶעלְפְן אוּן בְּרֶענְגְן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע יְדִיעוֹת אוֹיף דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ אוּן נָאךְ, שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ פְּרַאגֶע, מִיט וָואס אִיז אוּנְזֶער/אֵייעֶר גִלְיוֹן אַנְדֶערְשׁ פוּן דִי אַנְדֶערֶע גִלְיוֹנוֹת, אוּן פַארְוָואס פֶעלְט אוֹיס נָאךְ אַ גִלְיוֹן?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מָשָׁל. עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ קֶענִיג וָואס הָאט גֶעהַאט אַן אֵיינְצִיג קִינְד, אוּן ווִי פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ הָאט עֶר אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט. אֵיין טָאג אִיז דֶער זוּהן נֶעבֶּעךְ מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעטוּהן זַיינֶע קְלֵיידֶער אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט אוּנְטֶערְן טִישׁ אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן עֶסְן בֵּיינֶער אוּן בְּרֶעקְלֶעךְ פוּן דֶער עֶרְד. וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶס גֵייט פָּאר, הָאט דֶער קִינְד גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז נִישְׁט קַיין מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז אַ טְשִׁיקֶען (הָאן), אוּן עֶר דַארְף נִישְׁט הָאבְּן קַיין קְלֵיידֶער, עֶר דַארְף קְרִיכְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן עֶסְן דִי אַרָאפְּגֶעפַאלֶענֶע בְּרֶעקְלֶעךְ אַזוֹי ווִי אַלֶע טְשִׁיקֶענְס.

עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע צַעַר אִינֶעם קֶענִיגְלִיכְן פַּאלַאץ, דֶער קֶענִיג הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּארוּהִיגְן פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז זַיין זוּהן אִיז נֶעבֶּעךְ מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן, עֶר רֶעדְט זִיךְ אֵיין אַז עֶר אִיז אַ טְשִׁיקֶען אוּן מֶען קֶען גָארְנִישְׁט טוּהן. מֶען הָאט גֶערוּפְן אַלֶע דָאקְטוֹרִים אוּן פְּסִיכִיאָלָאגְן, זֵיי הָאבְּן פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן צוּם קִינְד אוּן אִים מַסְבִּיר זַיין אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין עֵסֶק, מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִיהְרְן ווִי אַ נָארְמַאלֶע מֶענְטְשׁ, מֶען דַארְף זִיךְ אָנְטוּהן נָארְמַאל אוּן עֶסְן נָארְמַאל בַּיים טִישׁ. אָבֶּער דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט אוּן מִיה אִיז גֶעוֶוען אַ שָׁאד, דָאס קִינְד הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלַאכְט, אוּן וַוייטֶער גֶע'טַעֲנָה'ט אַז עֶר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין מֶענְטְשׁ, נָאר בְּלוֹיז אַ טְשִׁיקֶען, אוּן דֶערְפַאר דַארְף עֶר זִיךְ אוֹיפְפִירְן אַזוֹי ווִי אַלֶע טְשִׁיקֶענְס אוֹיפְן גַאס.

בִּיז עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אֵיין חָכָם אוּן גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל אַוֶועק שִׁיקְן אַלֶע דָאקְטוֹרִים אוּן עֵצָה גֶעבֶּער'ס אוּן עֶר וֶועט


המשך בדף ב

# פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

און דֶערְפַאר, וואוּיל אִיז פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס דֶער צַדִיק אִיז דֶער בֶּעסְטֶער אַדְוָואקַאט וָואס וֶועט זֶעהְן דֶערְצוּ אַז מֶען זָאל אָנְשְׁרַייבְּן פַארְן מֶענְטְשׁ אַ גוּט יָאר, און דֶעמָאלְט וֶועט עֶר זִיכֶער פַארְשְׁרִיבְּן וֶוערְן פַאר אַ זִיסֶע גוּטֶע לִיכְטִיגֶע יָאר.

(זֹאת הַתּוֹרָה נִצָּבִים א׳)

***

**לֹא בַשָּׁמַיִם הוּא לֵאמֹר מִי יַעֲלֶה לָּנוּ הַשָּׁמַיְמָה וְיִקָּחֶהָ לָּנוּ וְיַשְׁמִעֵנוּ אֹתָהּ וְנַעֲשֶׂנָּה.** דִי חַזַ"ל (עֵירוּבִין נ"ה.) דַרְשֶׁ'עֶנְען דֶעם פָּסוּק, **לֹא בַשָּׁמַיִם הוּא** - דִי תוֹרָה גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט בַּיי דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הַאלְטְן זִיךְ גְרוֹיס בִּיזְן הִימְל.

מוֹהַרְאָ"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן פ"ב): אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס גֵייט אִים אַלֶעם שֶׁלֹא כְּסֵדֶר, נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, און וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ קְלֵיין, דֶעמָאלְט גֵייט אִים אַלֶעם כְּסֵדֶר.

מֶען זֶעהְט אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס וֵוייסְט וִוי עֶר הַאלְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר זֶעהְט אַז עֶס גֵייט אִים אַרִיבֶּער דִי טֶעג און יָארְן אָן לֶערְנֶען תּוֹרָה, עֶס קֶען דוּרְכְגֵיין גַאנְצֶע טֶעג וָואס עֶר עֶפֶענְט נִישְׁט אוֹיף קַיין סֵפֶר, אַזַא מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ צוּכַאפְּן צוּ דִי דֶרֶךְ הַלִּימוּד וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו): אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען זָאגְט, און אֲפִילוּ מֶען גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, און אוֹיף אַזַא וֶועג קֶען יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זַייעֶר אַסַאךְ תּוֹרָה, און דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה, און סוֹף כָּל סוֹף וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה.

אָבֶּער אֵיינֶער וָואס אִיז אַ בַּעַל גַאֲוָה, עֶר הַאלְט זִיךְ פַאר אַ לַמְדָן, עֶר וֶועט אַוֶועק מַאכְן דֶעם דֶרֶךְ הַלִּימוּד, עֶס פַּאסְט דָאךְ נִישְׁט פַאר אִים פָּשׁוּט צוּ זָאגְן תּוֹרָה, אָבֶּער עֶר וֶועט נִישְׁט זוֹכֶה זַיין קֵיינְמָאל דוּרְכְצוּלֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, וַוייל דָאס קֶען מֶען נָאר טוּהְן מִיטְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, און אֵיין טָאג וֶועט עֶר פַארְלָאזְן דִי וֶועלְט, און עֶר וֶועט גָארְנִישְׁט מִיטְנֶעמֶען מִיט זִיךְ.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, **לֹא בַשָּׁמַיִם הוּא**, דִי תּוֹרָה גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט בַּיי דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הַאלְטְן זִיךְ גְרוֹיס בִּיזְן הִימְל, וַוייל זֵיי קֶענֶען נִישְׁט פּוֹעֶלְ'ן בַּיי זִיךְ צוּ לֶערְנֶען און דוּרְכְגֵיין דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה מִיטְן דֶרֶךְ הַלִּימוּד, אָבֶּער וֶוער עֶס בֵּייגְט זִיךְ אַרָאפּ דֶעם קָאפּ, און עֶר פָאלְגְט דֶעם דֶרֶךְ הַלִּימוּד, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ דוּרְךְ לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, און דָאס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה נִצָּבִים ד׳)



## אַ וָוארְט צוּם הוּנְדֶערְט'סְטְן גִלְיוֹן

אוֹיסְהֵיילְן דָאס קִינְד. דֶער קֶענִיג הָאט אַזוֹי גֶעטוּהְן, עֶר הָאט אַוֶועק גֶעשִׁיקְט יֶעדְן אֵיינֶעם און אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן דִי אַרְבֶּעט פַאר דֶעם חָכָם אַז עֶר זָאל אוֹיסְהֵיילְן דָאס קִינְד.

דֶער חָכָם אִיז גֶעגַאנְגֶען און עֶר הָאט זִיךְ אוֹיךְ אוֹיסְגֶעטוּהְן דִי קְלֵיידֶער און עֶר הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט אוּנְטֶערְן טִישׁ צוּזַאמֶען מִיטְן קִינְד. דֶער קִינְד פְרֶעגְט אִים: "וֶוער בִּיזְטוּ? און וָואס זוּכְסְטוּ דָא?" זָאגְט דֶער חָכָם: "אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַ טְשִׁיקֶען אַזוֹי וִוי דִיר", אַזוֹי הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען אִינְאֵיינֶעם אוּנְטֶערְן טִישׁ, נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט וֶוען זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען הֵיימִישׁ, הָאט דֶער חָכָם גֶעוואוּנְקֶען אַז מֶען זָאל אִים דֶערְלַאנְגֶען צְוֵויי הֶעמְדֶער, וֶוען מֶען הָאט אִים דָאס דֶערְלַאנְגְט הָאט זִיךְ דֶער חָכָם אָנְגֶעטוּהְן אֵיין הֶעמְד, און גֶעגֶעבְּן דִי אַנְדֶערֶע פַארְן קִינְד אַז עֶר זָאל דָאס אוֹיךְ אָנְטוּהְן, דֶער קִינְד הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט זָאגֶענְדִיג: "אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין מֶענְטְשׁ, אִיךְ בִּין אַ טְשִׁיקֶען, און אִיךְ דַארְף נִישְׁט אָנְטוּהְן קַיין הֶעמְד", אָבֶּער דֶער חָכָם הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַ טְשִׁיקֶען אַזוֹי וִוי דוּ, און אִיךְ טוּה זִיךְ אוֹיךְ אָן אַ הֶעמְד. וֶוער זָאגְט אַז אַ טְשִׁיקֶען טָאר נִישְׁט אָנְטוּהְן קַיין הֶעמְד? מֶען קֶען בְּלַייבְּן אַ טְשִׁיקֶען אֲפִילוּ וֶוען מֶען טוּט אָן אַ הֶעמְד אוֹיךְ". דָאס הָאט שׁוֹין גֶעכַאפְּט דֶעם קִינְד און עֶר הָאט זִיךְ אוֹיךְ אָנְגֶעטוּהְן אַ הֶעמְד. נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט הָאט דֶער חָכָם גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל זֵיי דֶערְלַאנְגֶען צְוֵויי פָּאר הוֹיזְן, און נָאכְמָאל הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט דִי זֶעלְבֶּע, דֶער חָכָם הָאט זִיךְ אָנְגֶעטוּהְן אֵיין הוֹיזְן און גֶעגֶעבְּן דִי צְוֵוייטֶע פַארְן קִינְד זִיךְ אָנְצוּטוּהְן, קוֹדֶם הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט, אָבֶּער וֶוען דֶער חָכָם הָאט אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז עֶר קֶען וַוייטֶער בְּלַייבְּן אַ טְשִׁיקֶען אֲפִילוּ וֶוען עֶר וֶועט זִיךְ אָנְטוּהְן אַ הוֹיזְן, הָאט עֶר זִיךְ עֶס אָנְגֶעטוּהְן, און אַזוֹי אִיז עֶר וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען מִיט אִים צוּבִּיסְלֶעךְ און אִים מֶער און מֶער אוֹיסְגֶעמֶענְטְשְׁלְט.

אֵיין טָאג זָאגְט דֶער חָכָם צוּם קִינְד: "אֶפְשָׁר לָאמִיר זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן פוּן דֶער עֶרְד און זִיךְ זֶעצְן בַּיים טִישׁ און עֶסְן נָארְמַאל?", דֶער קִינְד הָאט אָבֶּער גֶע'טַעֲנָה'ט אַז עֶר אִיז אַ טְשִׁיקֶען און עֶר דַארְף זִיצְן אוֹיף דֶער עֶרְד, דֶער חָכָם הָאט אִים וַוייטֶער גֶעזָאגְט אַז עֶר קֶען רוּהִיג וַוייטֶער בְּלַייבְּן אַ טְשִׁיקֶען, אֲפִילוּ וֶוען עֶר זִיצְט נָארְמַאל בַּיים טִישׁ, און אַזוֹי וִוי אֵייבִּיג הָאט עֶס דָאס מָאל אוֹיךְ גֶעאַרְבֶּעט פֵיין און דָאס קִינְד הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט צוּם טִישׁ וִוי אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ, און דֶער קֶענִיג אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ און בַּאלוֹינְט דֶעם חָכָם פַאר זַיין גֶעלוּנְגֶענֶעם

המשך בדף ב

# אַ וָוארְט צוּם הוּנְדֶערְט'סְטְן גִלְיוֹן

אַרְבֶּעט.

אָט דֶער מָשָׁל אִיז מַמָשׁ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טוּט מִיט אוּנְז, אַנְשְׁטָאט צוּ הַאקְן אוּן שְׁרַייעֶן אַז מֶען אִיז נִישְׁט גוּט אוּן מֶען אִיז נִישְׁט וואוּיל, מֶען דַארְף זִיךְ פַּארְבֶּעסֶערְן, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין תַּכְלִית אַזוֹי, מֶען דַארְף זַיין אַ נָארְמַאלֶע מֶענְטְשׁ. דִי שְׁפְּרַאךְ רֶעדְט נִישְׁט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, וַוייל לַיידֶער זֶענֶען דָא וָואס זֶענֶען אַזוֹי גֶעפַאלְן אַז זֵיי זֶענֶען אֲפִילוּ נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט צוּ זַיין וואוּיל. אָבֶער דֶער רֶבִּי לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן רֶעדְט צוּ יֶעדְן מִיט אַ פָּשׁוּטֶע שְׁפְּרַאךְ, אוּן וַוייזְט פַּאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַז נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין וָואסֶערֶע מַצָב עֶר אִיז, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי גֶעפַאלְן מֶען אִיז, קֶען מֶען פוּן דָארְט וואוּ מֶען אִיז אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף גָארְנִישְׁט טוֹישְׁן, מֶען קֶען וַוייטֶער זַיין פְּרֵיילִיךְ אוּן אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן, נָאר מֶען זָאל אַרַיינֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעם לֶעבְּן, מֶען זָאל זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט "אַ חִידוּשׁ וִוי מִיר אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען", מוֹהַרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר אַז כָאטְשׁ עֶס אִיז גֶעוֶוען גֶענוּג אוּן נָאךְ צַדִיקִים אִין אַלֶע דוֹרוֹת, אָבֶער דִי חִידוּשׁ פוּן רֶבִּי'ן אִיז אַז עֶר לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ יֶעדְן מֶענְטְשׁ אִין וָואסֶערֶע נִידְרִיגֶע דַרְגָה עֶר אִיז, אוּן עֶר רֶעדְט ~~~ אִים זַיין שְׁפְּרַאךְ אוּן בְּרֶענְגְט אִים אוֹיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דָאס אִיז דִי מַעְלָה פוּן אוּנְזֶער גִלְיוֹן, וָואס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דֶעם צוּ אַרָאפּ שְׁרַייבְּן אוּן בְּרֶענְגְן פַארְן צִיבּוּר דִי הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים פוּנֶעם רֶבִּי'ן וָואס זֶענֶען מְחַי' נְפָשׁוֹת.

מִיר בַּאקוּמֶען צוּרִיק גָאר אַסַאךְ גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף דֶעם גִלְיוֹן, אַנְדֶערְשׁ וִוי אַנְדֶערֶע גִלְיוֹנוֹת זֶענֶען מִיר נִישְׁט גֶעשְׁטֶעלְט בְּלוֹיז צוּ בְּרֶענְגֶען אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע טַייטְשְׁן אוֹיף דִי סֶדְרָה אָדֶער קוֹרוֹת הַדוֹרוֹת א.ד.ג. נָאר עֶנְדֶערְשׁ צוּ גֶעבְּן פַּאר אַ מֶענְטְשׁ אַ מַהֲלַךְ הַחַיִים לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, צוּ אַרָאפּ בְּרֶענְגְן אוֹיף אַ פָּשׁוּטֶע שְׁפְּרַאךְ אוּן גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אִידִישׁ אַז יֶעדֶער אָן אוֹיסְנַאם זָאל דָאס קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין אוּן לֶעבְּן מִיט דֶעם, אוּן וִוי עֶס זָאגְן עֵדוּת פִילֶע אִידְן הָאט דָאס זֵיי גֶעטוֹישְׁט זֵייעֶר לֶעבְּן גָאר שְׁטַארְק צוּם גוּטְן, זֵיי וַוארְטְן שׁוֹין אַרוֹיס יֶעדְן וָואךְ אוֹיפְן גִלְיוֹן צוּ קֶענֶען דָאס פָארְלֶערְנֶען בַּיים שַׁבָּת טִישׁ, וַוייל דִי פָּשׁוּטֶע דִיבּוּרִים וָואס בְּרֶענְגְן אַרַיין דִי פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין אַלֶע מַצָבִים וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אוּנְז, דָאס גֶעבְּט זֵיי דִי חַיוּת וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְט בְּרִיוְול אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם פָּאסְט קֶעסְטְל פוּן דִי מַעֲרֶכֶת וָואס מִיר וֶועלְן דָא מִיטְטֵיילְן מִיטְן צִיבּוּר כִּכְתָבוֹ וְכִלְשׁוֹנוֹ.

*לכבוד עורכי הגליון הנפלא "גליון היכל הקודש" שיחיו.*

*איך האָב זיך גענומען די מיה צו שרייבן די עטליכע ווערטער אַרויס צו ברענגען מיינע דאַנק געפילן אויף דעם הערליכע גליון וואָס איך ליין שוין יעדע וואָך זייט עס קומט אַרויס.*

*איך מוז אייך זאָגן אַז דער גליון האָט ממש געטוישט מיין לעבן. א געוויסע וואָך בין איך פאַרנומען על המחי' ועל הכלכלה, איך אַרבעט שווער אַ"ה צו ברענגען פרנסה אין שטוב, און עס קומט מיר נישט אויס במשך די וואָך צו האָבן צופיל שייכות מיט מיינע קינדער, די איינציגסטע צייט אין די וואָך וואָס איך פאַרברענג מיט זיי איז שבת קודש, ווען מען זיצט צוזאַמען ביים שבת טיש און מען פאַרברענגט אינאיינעם.*

*אָבער אַזוי ווי איך האָב נישט די צייט זיך פאַרצוקוקן וואָס צו רעדן און נאָכזאָגן ביים טיש, פלעג איך אייביג נעמען די גליונות וואָס דרייען זיך אין די שולן און פרובירט נאָכצוזאָגן שיינע תורות אויף די וואָכעדיגע פרשה, אָבער אפילו דאָס איז טאַקע געווען זייער שיין האָב איך געפילט אַז דאָס איז נישט גענוג, דאָס רעדט נישט צום האַרץ, וואָס האָב איך פון דעם אַז דער פסוק איז גוט אויסגעטייטשט אויב איך בלייב ווייטער מיט מיינע צרות און עגמת נפש? אָבער זייט עס איז אַרויסגעקומען אייער גליון בין איך זיך ממש מחי' יעדע וואָך, עס איז דאָ דאָרט געשמאַקע זאַכן איבערצוזאָגן אינדערהיים, נישט נאָר דער פסוק ווערט גוט פאַרענטפערט, נאָר דאָס גאַנצע לעבן ווערט גוט פאַרענטפערט, מען ווערט געוואויר וואָס מען דאַרף צו טוהן אויף די וועלט, און ווי אַזוי מען קען לעבן אויף די וועלט פרייליכערהייט, מיט אַלע צרות און פראָבלעמען, ווייל מען ווייסט אַז עס איז דאָ אַ באַשעפער אויף די וועלט, און מען לעבט מיט דעם.*

*דער באַשעפער זאָל אייך באַצאָלן מיט אַלעס גוטס פאַרן אַריינברענגען דעם באַשעפער ביי מיר אין שטוב.* (-)

דָאס אִיז אֵיינְס פוּן דִי צֶענְדְלִיגֶע דַאנְק בְּרִיוְון וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען, וואוּ יֶעדֶער דְרוּקְט אוֹיס גָאר שְׁטַארְק צוּפְרִידֶענְהֵייט פוּנֶעם גִלְיוֹן. זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן וַוייטֶער קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ מְחַי' זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן בִּיז מִיר וֶועלְן שׁוֹין בְּקָרוֹב זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין פְּנֵי מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ ב.ב.א.


בעזהשי"ת

יעצט קען מען רעדן!

פארט איר קיין אומן?

CELLPHONE RENTAL
TRAVEL INSURANCE

SERVING YOU · Around the globe · Around the year

Get the right options, make the right choice while helping you in every move.

We will be in uman to asist you.

עס וועט אייך גיט צונוץ קומען!
נעמט מיט אונזער
"יעצט קען מען רעדן!"
איבער-טייטשער צעטל
אידיש - לשה"ק - רוסיש
צו באקומען דורך אי-מעיל
שיקט אייער אי-מעיל אדרעס צו:
umaneasier@gmail.com

דרך צליחה

1888-RENT A CELL
1888-7368-2-23
1888rentacell@gmail.com



## מוסדות היכל הקודש ברסלב

בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א
27 Skillman St.

## במוצאי מנוחה קדמנוך תחילה

## אמירת סליחות
## אצל כ"ק מוהרא"ש שליט"א
## מוצש"ק נצבים-וילך, א' סליחות
## כחצות הלילה

בשעה 1:00

כתיבה וחתימה טובה
הגבאים

# נִישְׁט מַאכְן קַיין עִיקָר פוּנֶעם טָפֵל

ווִיסְן זָאלְסְטוּ ווִיסְן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה פָּארְט מֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, ווִי עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אִין אוּמַאן, אָבֶּער מֶען טָאר נִישְׁט מַאכְן קַיין עִיקָר פוּן דֶעם אָדֶער פוּן יֶענֶעם וְכוּ', עֶס אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם דָא אַסַאךְ עֶרְלֵיי מִנְיָנִים, יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל גֵיין דַאוֶונֶען וואוּ עֶס גְלִיסְט אִים, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט זָאגְן אַז דַיין מִנְיָן אִיז הֶעכֶער ווִי דֶער צְוֵוייטֶער וְכוּ', ס'אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וְכוּ', מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן מֶען דַארְף אוֹיסְנִיצְן דָארְטְן דִי הֵיילִיגֶע צַייט, אוּן זִיצְן אַסַאךְ בַּיים צִיּוּן, אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר וְכוּ', אוּן אַלֶעס ווָאס מֶען דַארְף הָאבְן, נִישְׁט מַאכְן קַיין עִיקָר פוּן דֶעם גְרוּפֶּע וְכוּ' אָדֶער פוּן יֶענֶע גְרוּפֶּע וְכוּ', ווָאס דָאס אַלֶעס נֶעמְט זִיךְ פוּן מוֹחִין דְקַטְנוּת, אַ מֶענְטְשׁ ווָאס הָאט אַ מֹחַ ווִי אַ קְלֵיין נִיסֶעלֶע וְכוּ' דֶער רֶעדְט אַזוֹי, בַּיי אוּנְז אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ וְכוּ', מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן מֶען דַארְף זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען, אוּן נִישְׁט בַּייסְן זִיךְ אוּן קְרִיגְן זִיךְ אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן.

אִיךְ דַאנְק דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ זֶעהְן ווָאס אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט נָאךְ פַאר צְוָואנְצִיג יָאר שְׁנַת תש"ן, ווֶוען מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פָּארְן אַ גְרוֹיסֶער קִיבּוּץ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַז סְ'וֶועט נָאךְ זַיין מִנְיָנִים פוּן אַלֶע עֶרְלֵיי חֲסִידוּתֶ'ער, אוּן פוּן אַלֶע עֶרְלֵיי לִיטְווִישֶׁע וְכוּ', אוּן פוּן אַלֶע עֶרְלֵיי סְפַרְדִישֶׁע וְכוּ', אוּן דֶעמָאלְט הָאט מֶען גֶעלַאכְט פוּן מִיר וְכוּ', אַזוֹי ווִי מֶען הָאט גֶעלַאכְט ווֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעדְרִיקְט דֶעם ווָאוּנְדֶערְלִיכְן סֵפֶר "פְּעוּלַת הַצַּדִיק" ווָאס אִיז גֶעדְרִיקְט גֶעווָארְן שְׁנַת תשל"ח, אוּן עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ דֶער סֵפֶר אַז עֶס ווֶועט קוּמֶען אַ צַייט ווָאס דֶער צִיּוּן ווֶועט זַיין אָפֶען פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, הָאבְּן דִי לֵצִים גֶעמַאכְט פוּן דֶעם לֵיצָנוּת וְכוּ', אוּן פְלֶעגְן מִיר שְׁטֶענְדִיג שְׁטֶעכְן וְכוּ', וואוּ אִיז אָפֶען? וְכוּ', ווֶוען אִיז אָפֶען? וְכוּ', סְתַּם צוּ רֶעדְן? אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם הַיינְט זֶעהְט מֶען דֶעם אֱמֶת.

אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען מַאכְן אַ גֶעוַואלְדִיגֶער הִתְעוֹרְרוּת אַז אַ יֶעדֶער זָאל קֶענֶען פָּארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, נִישְׁט קַיין חִילוּק ווָאסֶערֶע חָסִיד עֶר אִיז, אוּן פוּן וואוּ עֶר בַּאלַאנְגְט וְכוּ' וְכוּ', ווָארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַ נְשָׁמָה כְּלָלִיוּת, אוּן עֶר אִיז שַׁיָּיךְ פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) דָאס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ שֵׂכֶל פְּרָטִי, אוּן דֶער צַדִיק הָאֱמֶת אִיז אַ שֵׂכֶל כְּלָלִי, אוּן אַלֶע שִׂכְלִיוּת פְּרָטִיִּים דַארְפְן זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם שֵׂכֶל הַכּוֹלֵל, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, בְּסוֹד (מִשְׁלֵי י"ג) "אוֹר צַדִיקִים יִשְׂמַח", ווֶוען אַלֶע נְפָשׁוֹת קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם בַּיים צַדִיק, דֶעמָאלְט ווֶוערְט אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, אַז וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ ווָאס עֶר קֶען מְזַכֶּה זַיין נָאךְ אִידְן זָאלְן קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, ווָאס מִיט דֶעם אַיילְט עֶר צֵי דִי גְאוּלָה.

(אשר בנחל באידיש חלק א' מכתב של"ב)

## ~ נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק' ~

~ ~ ~

### שיינע שמחת תנאים פארגעקומען אין ישיבה

**בהשתתפות כ"ק מוהרא"ש שליט"א**

די וואך דינסטאג איז פארגעקומען א הערליכע שמחת תנאים בהיכל הישיבה פון די טאכטער פון מו"ה יצחק אייזיק אפפעל הי"ו א חשובער הנהלה מיטגליד, עב"ג החתן מרדכי הערצאג נ"י תלמיד ישיבתינו הק'.

מוהרא"ש שליט"א האט זיך באטייליגט און געליינט די תנאים.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

***

### סדר הלימודים אנגעהויבן פון פריש אין די תלמוד תורה

די וואך האט מען צוריק באנייעט די סדר הלימודים דא אין שטאט, נאכן זוממער וואס די חדר איז געווען פארמאכט אין שטאט.

די איבערגעגעבענע שטאב פון מלמדים און מחנכים האבן שוין אנגעהויבן די הייליגע ארבעט ארייצנולייגן אין די קינדער אמונה, תורה ויראת שמים.

**כי הם חיינו ואורך ימינו!**

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

בנשיאות כ"ק מרן מוהרא"ש שליט"א

27 Skillman St.

### ראש השנה שלי עולה על הכל

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מען קען ביי אונז באקומען אלע געברויכן צו זיין ביים הייליגן רבינ'ס ציון אין אומן אויף ראש השנה הבעל"ט אויפן שענסטן און בעסטן אופן.

**מיר האבן צוגעשטעלט דאס יאר הערליכע דירות אין "קרית ברסלב", אינאיינעם מיט אנשי שלומינו. אלע סעודות שבת ויום טוב ווערט צוגעשטעלט אויפן בעסטן אופן, אויף אן אמעריקאנעם שטייגער.**

**פאר די דירות פאר אינגעלייט קענט איר רופן**

מו"ה יחזקאל סאמעט הי"ו און מו"ה שאול גאנץ הי"ו - **347-452-0412**

**פאר די דירות פאר בחורים קענט איר רופן**

הבחור שבתי מארקוס נ"י - **347-666-2803**

***

**אויך קען מען באקומען גאר ביליגע עירליין טיקעטס**

הבחור החתן מרדכי הערצאג נ"י - **718-344-8504**

***

**פאר סעלפאנס מיט א 718 נומבער, ווי אויך טרעוועל אינשורענס, און פאר אלע אייערע טרעוועל געברויכן. - 1888-Rent-A-Cell**

***

**פאר א זיץ אין בית המדרש הגדול היכל הקודש אין אומן - 845-467-5299**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

החתן **מרדכי הערצאג** נ"י

תלמיד ישיבתינו הק'

צו זיין שמחת תנאים למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד. דורות ישרים ומבורכים. אמן.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

החתן **יואל מאשקאוויטש** נ"י

תלמיד ישיבתינו הק'

צו זיין שמחת תנאים למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים, אמן.

## ספרי ברסלב

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צו באקומען ביי אונז אלע ספרי ברסלב

**27 Skillman St.**

**אדער רופט 347-770-1565**

## קול ברסלב

מען קען הערן שיעורים פון כ"ק מוהרא"ש שליט"א

אויך קען מען מיטהאלטן יעדע וואך דעם שיעור מיט א לייוו הוק-אפ

**212-444-9191**

**צו באקומען דעם גליון יעדע וואך אויף אימעיל, ווי אויך צו אדוועטייזן אינעם גליון פארבינט אייך צו: Breslevcenter@gmail.com**